STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09189

DER BEKER FUN KOLOMEYE

Hirsh Polyanker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערשל פּאָליאַנקער

דער בעקער פֿון קאָלאָמיִע

ראָמאַן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע. 1971

С(Евр)2
П 54

דער באוווסטער הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּראָזאיִקער הערשל פּאָליאנקער איז דער אוטאָר פון העכער צען ביכער — ראָמאנען, דערציילונגען, פארצייכענונגען, וועלכע זײַנען אויך איבערגע־זעצט אף רוסיש און אוקראַיִניש.

פּאָליאנקערס נײַער ראָמאן „דער בעקער פון קאָלאָמייע“ איז געווידמעט דעם אנטיפאשיסטישן קאמף פון די אייראָפּעיִשע פעל־קער אין די יאָרן ערעוו און בײַם דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דער הויפּט־העלד פון ראָמאן מאקס קרײַסלער האָט דורכגעמאכט א גרויסן לעבנס־וועג: דער געוועזענער בעקער פון קאָלאָמייע איז געוואָרן א וועלט־באַרימטער אקטיאָר, א לײַדנשאפטלעכער קעמ־פער קעגן פאשיזם און רעאקציע.

7-3-3
206-71

א פּאָר ווערטער פונעם אוטאָר

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַמאָל געזאָגט:
„צוליב וואָס ראָמאַנען, אַז דאָס לעבן אַליין איז אַ ראָמאַן...״

די דאָזיקע ווערטער זײַנען מיר געקומען אויפֿן זינען, ווען איך האָב גע־טראַכט וועגן דעם הויפּט־העלד פֿון מײַן בוך.

אינדערעמעסן, עס זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וועמעס לעבן דערמאָנט אין אַ לעבעדיקער לעגענדע. אָפֿט גייסטו באַנאַנד מיט אַזעלכע און שטעלסט זיך אַפֿילו ניט פֿאָר, וויפֿל צאָרעס און אומגליקן איז אויסגעפֿאַלן אויף זייער גורל, סאַראַ שווערן, ביטערן און דאָרנדיקן וועג זײַנען זיי דורכגעגאַנגען איבער אונדזער אומרויִקער ערד, וויפֿל קאָרבאָנעס איז זיי אויסגעקומען ברענגען, קעדיי דערגרייכן זייער ציל אין לעבן...

דו גייסט באַנאַנד מיט אַזעלכע מענטשן, און פּלוצעם, אומדערוואַרט עפֿנט זיך פֿאַר דיר אַ לעבנס־געשיכטע, וואָס איז פֿול מיט דראַמאַטישע, טראַגישע און אָפֿט זייער פֿריילעכע געשעענישן און פּאַסירונגען. אייניקע עפּיזאָדן אַפֿילו קאָנען זיך אויסדוכטן צוערשט ווי אויסגעטראַכטע, פֿאַנטאַסטישע, ניט וואָר־האַפֿטע, און אויף אַ ווײַלע זאָל מען ווערן ענלעך אויף יענעם פֿאַרשויך, וואָס איז אַמאָל אַרײַנגעקומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, דערזען אַ זשיראַפֿע און פֿון אומדערוואַרטקײַט אויסגעשריגן, ווי ניט מיט זײַן קאָל:

— עס קאָן נישט זײַן!

אָבער, ווי עס ווײַזט אויס, קאָן עס זײַן! ס'איז דאָ! אָט שטייט עס פֿאַר דײַנע אויגן און דו מוזט גלייבן!

קורץ גערעדט, אָט דאָ וועט דערציילט ווערן אַ ניט־אויסגעטראַכטע לעבנס־געשיכטע פֿון איינעם פֿון אונדזערע כאַשעווע מיטצײַטלער.

נאָר וויבאַלד מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ראָמאַן און ניט מיט אַ גע־ווײנלעכער לעבנס־באַשרײַבונג, האָט זיך דער אוטאָר, גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, דערלויבט ענדערן דעם נאָמען פֿון דעם הויפּט־העלד, עפּעס־וואָס צוגעבן פֿון דער שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע...

אייניקע פּערסאָנאַזשן אין דעם בוך גיט אָפּ דער אווטאָר מער אָרט, מער קאָוועד, אַנדערע — ווייניקער. אייניקע לאַכט ער אויס, אַנדערע מאָלט ער מיט סימפּאַטיע. דאָ ווערט גייך א רייד וועגן גליקלעכע און אומגליקלעכע, פאַרליבטע און אַנטוישטע, שיינע און מיִעסע. אייניקע העלדן זײַנען צוגעפּוצט, אַנדערע צוגעזאַלצן. דערבײַ האָט דער אווטאָר זיך געסטאַרעט געבן יעדן אייגנציקן מיט זײַן כאַראַקטער, מיט זײַנע כאַלאַסן, געוווינהײַטן, מעשוגאַסן, מידעס. און אויך אין דעם פאַל איז אויסגעקומען ענדערן די עמעסע נעמען, ווײַל די אָנטיילנעמער פון דער האַנדלונג קאָנען זיך, כאָלילע, צעבייזערן און אָפּשפּילן דעם אווטאָר די עמעסע כאַסענע!

און וויבאַלד מיר האָבן אײַך שוין אויסגעזאָגט אייניקע סוידעס, ווערט אויסקומען צוגעבן: די ערשטע טיילן פון בוך זײַנען געשריבן אין א הומאָריסטישן נוסעך. און זאָלן די כאָשעווע לייענער מויכל זײַן, אויב ווײַטער ווערט ערטערווײַז אונדז אויסקומען זיך א ביסל אָפּווענדן פון אָט דעם גאַנג, ווײַל ווער, אַשטייגער, ווייסט עס ניט, אַז ניט שטענדיק איז פריילעך אפן האַרצן, אַז באַנאַנד מיט פרייד שפּאַנט זיך זייער אָפט דער טרויער? פרייד מיט טרויער זײַנען, ווי מע זאָגט, געקניפּט און געבונדן. גליק און אומגליק איז אָפט ווי א שטוב מיט אַן אַלקער, געלעכטער און טרערן זײַנען ווי א ברודער מיט א שוועסטער.

אָפטלעך בלאָזן אַזוינע בייזע ווינטן און די העלדן אונדזערע פאַלן ארײַן אין אַזעלכע אומשטענדן, אַז עס ווערט זיי גאַנץ ביטער אף דער נעשאָמע און עס לאַכט זיך ניט...

נאָר, דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען עטוואָס אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און זיך א ביסל אָפּגעווענדט פונעם איקער. וואָס זשע ווילן מיר לאַנג ברײַען, וואָס ווילן מיר זיך ארײַנלאָזן אין כקירעס, ווען עס וואַרט אף אונדז א פריילעכע און טרויעריקע געשיכטע וועגן דעם באַרימטן בעקער פון קאָלאָמייע, זײַנע פרײַנט און סאָנים!..

ערשטער טייל

אין
דער
ברייטער
וועלט
ארײַן

דער גרויסער שאָדן

עהערט א מיַיסע, אינמיטן העלן טאָג איז נעלעם געוואָרן יאָסל דעם סטעלמאכס טאכשיט, דער קליינער מאקס. גאנצע טעג פלעגט דער מאמזער זיַינער ארומלויפן, ווי א דולער, איבער די גאסן און געסלעך פון קאָוואליוקע מיט א גאנצער כאליאסטרע ציגיַינערלעך פונעם נאָענטן טאבאָר, געטריבן הינט, זיך נאָכגעיאָגט נאָך קעץ, געשלעפּט פאר די הערנער אומשולדיקע ציגן און צאפּעס, געקלעטערט איבער דעכער, זיך געפּאשעט אין פרעמדע סעדלעך און גערטנער, געקערט וועלטן, און פּלוצעם אין איינעם א הארבסטיקן פרימאָרגן ניט געסטיַיעט, ווי אין וואַסער אריַין!

געוועזן באם אָרעמען סטעלמאך יאָסל קרייסלער, אָדער, ווי מע האָט אים דאָ אין שטעטל גערופן „יאָסיע דער ניכטערער“, א שווארצכיינעוודיק זשוואווע באָכערל א כוואט מיט צוויי שווארצע ברענענדיקע אויגן און מיט א קוטשעראווע קאָפּ האָר, א פעסטער און פלינקער, ווי א בארגהירש, א מעכיַיע געוועזן אף אים צו קוקן, און מיטאמאָל, ווי אויסגערונען געוואָרן. נישטאָ!

נאָר טאָמער מיינט איר, כאָלילע, אז אין שטוב איז געוואָרן א טומל, א ראַש, א יעלאָלע, האָט איר בעפּיירעש א גרויסן טאָעס. קיינער האָט ניט פארגאָסן קיין טרערן און ניט איַינגעלייגט קיין וועלטן, ניט געריסן קריִע, זיך ניט גענומען דאָס לעבן. די געשעעניש איז דורך קימאט ווי אומבאמערקט.

אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דער שאָדן האָט זיך פּאָרט ניט אָפּגעזוכט, איז אין קאָוואַליוּוקע געוואָרן אַ גאַנצער גערודער. די היגע כאַכאָמים און לעצאָנעס־טרייבער האָבן געהאַט אַן אַרבעט. זיי זיינען זיך מאַמעש מעכייע געווען. עפּעס אַ קלייניקייט — אַזאַ געשעעניש אין שטעטל! עס וועט שוין זיין באַ וואָס אַ שאַרף טאָן די ציינער. הערט נאָר אַ געשיכטע! אַזוינס האָט אין קאָוואַליוּוקע נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט, עס זאָל פאַרפאַלן ווערן אַ באָכער, אַנטלויפן פון דער שטוב. גאָר עפּעס אַנדערש, ווען עס ווערט אַנטרונען אַ מיידל. עס טרעפט, אַז עס קומט אַהער אַראָפּ אַ שוואַרציאָר, אַן אויסגעפּוצט אָפיצערל, אַ קאָמערסאַנטל פון ווין אָדער לעמבערג, פאַרדרייט דעם מויעך אַ קאָוואַליוּוקער קאַלע־מויד, זאָגט איר צו גאָלדענע בערג, און מע באַוויזט זיך ניט אַרומקוקן, ווי די מויד איז שוין קיין היגע און גיי זוך דעם ווינט אין פעלד — אַרויסגעפלויגן דאָס פייגעלע פון שטייגעלע און אַ גוטן טאָג, נישטאָ, און פאַרטיק! נאָר אַ באָכער זאָל אַנטלויפן — אַזוינס האָט מען דערוויילע נאָך אין קאָוואַליוּוקע ניט געזען און ניט געהערט!

נאָר וויבאַלד אַזוינס איז זיך שוין יאָ פאַרלאָפן, איז דאָ געוואָרן גאָר פריילעך. פאַראַן פון וואָס אַ שפּאַס טאָן, פון וועמען טרייבן לעצאָנעס. אָבער ניט אויף לאַנג. די צייט איז גראַדע געווען אַ האַרבע, אַ ביטערע. מיט אַרבעט און פּאַרנאָסע האָט געהאַלטן שמאָל. דער פּאַכעד איז געווען גרויס. פאַר אַן אומשולדיקן וויץ, אַ כאָכמע האָט מען געקאָנט מיעס אָפּשניידן, אַריינפאַלן אין די הענט פון פּילסודסקיס פּאָליציי; פאַר אַן איבעריק וואָרט, וואָס האָט ניט געשמעקט די רעגירער, האָט מען אָנגעטאָן שטאָלענע בראַסלעטן אויף די הענט. וואָס זשע איז דער כידעש, וואָס דער אוילעם האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעוווינט לאַכן? ניט יעדערער וועט איינשטעלן דאָס לעבן אַ שפּאַס טאָן איבער דעם דיקטאַטאָר. ווער אָבער וועט אייך פאַרווערן לאַכן פון אַן אַלטן סטעלמאַך? לאַכט אייך געזונטערהייט! לאַכט, און זאָל אייך ווויל באַקומען! קיין איין זשאַנדאַרם וועט אייך דערפאַר קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגן. אַפילע „יאָסיע דער ניכטערער" אַליין — אַ גוטמוטיקער באַריידעוודיקער און פריילעכער קאַפּצן, וועט אַפילע ניט טראַכטן זיך באַליידיקן אויף אייך!

און עס איז אַוועק אַ גאַנג!

אומעטום, אויף יעדן טריט און שריט האָט איר געקאָנט הערן איינס:

— נו, טאַקע פאַרפאַלן געוואָרן יאָסלס יורעשע, זיך נאָך ניט אָפּגעזוכט דער שאָדן?..

— טשיקאַווע וויסן, וועמען וועט עס יאָסל איבערלאָזן זיין יערושע — די זעג מיט דער סטאַמעסקע?

— שיקט זיך, אַז די ציגיינער זאָלן אים האָבן מיט זיך מיטגענומען, דעם קליינעם מאַזיק?

— און וואָס זאָגט עפּעס דערויף דער באַלמעכוטן אַליין, רעב יאָסיע? ער ווייסט כאָטש, וואָס פאַר אַ העזעק ער האָט?

— עט, וואָס ווילט איר פון דעם אַלטן? לאָזט זיך אים פריִער אויסניכטערן. פונוואַנען זאָל ער וויסן, וואָס באַ אים אין שטוב טוט זיך, אַז דער קאָפּ שטעקט אים נאָך אַלץ אין שענק. ליגט פאַר אים, פאַר יאָסיען, אַוועק

אינמיטן וועג א בײַטל מיט געלט, וועט ער דורכגיין און אים אפילו ניט באמערקן, נאָר שטעלט אים אוועק אין אויסרײַסעניש א פלעשל מאשקע, וועט ער עס גלײַך דערזען...

— נישקאָשע, ווען יאָסל וועט זיך דערוויסן וועגן זײַן שאָדן, מיין איך, וועט ער זיך אויך ניט שטארק נעמען צום הארצן. ער וועט זיך פון צאָרעס ווידער נעמען צום גלעזל.

— עך, מענטשן, מענטשן! געפונען פון וואָס צו שפאסן! באם סטעלמאך איז א קינד פארפאלן געגאן, און איר לאכט? וואָס זשע, ער האָט מאקסן, כאָלילע, אונטער א פלויט געפונען?..

— שא, וואָס באוויינט איר דעם אלטן? ער איז, דאכט זיך, ניט פון יענע, וואָס פאלן בא זיך אראָפּ צוליב אזא זאך.

— ניט קיין גרויסער אומגליק. וואָס מאכט איר אזא וואיצאקו? אייסעך, נו וועט זיך זעצן באם טיש ווייניקער מיט איין פיקער. וועט גיין צו דער שיסל ווייניקער מיט א לעפל!

דאָ האָט זיך ארײַנגעמישט דער אלטער שנײַדער יאקוב, וועלכער פלעגט ארײַנכאפּן אין קאָלנער ארײַן בא אלע רעגירונגען פאר זײַן שארפער צונג אָן ביינער. דאָס איז געווען יענער זעלבער יאקוב, וועלכער איז בארימט געוואָרן נאָך דעמלט, ווען אין די היגע קאנטן האָט געוועלטיקט דער אלטער גרייזער אימפּעראטאָר פראנץ־יאָסיף.

מענטשן דערציילן:

מע האָט אמאָל צום אימפּעראטאָר אראָפּגעבראכט יאקובן, ער זאָל אופּ־נייען פאר פראנץ־יאָסיפן א נײַעם מונדיר. יאקוב איז פון דעם געווען אזוי איבעראשט, אז ער האָט זיך, נעבעך, אינגאנצן פארלוירן און ניט געוווּסט, אף וועלכער וועלט ער איז. הענט און פיס האָבן אים געציטערט. א ווער־טעלע אויסצורעדן — נייען פארן אימפּעראטאָר א נײַעם מונדיר!

און אופגעגנייט! נאָר אָנשטאָט א יאָמטעוודיקן מונדיר, וואָס וואָלט גע־פאסט פאר א לײַטישן אימפּעראטאָר, האָט זיך בא יאקובן באקומען עפּעס אַן אָנצוג, וואָס וואָלט בעסער געפאסט פאר א פורימשפּילער.

דער קאָוואליוזקער שנײַדער האָט דערפאר ארײַנגעכאפּט דעם שיינעם פּסאק. מע האָט אים נאָך, צו אלע צאָרעס, אָפּגעגעבן פאר א סאָלדאט און גלײַך אָפּגעשיקט אפן פראָנט. אין די ערשטע שלאכטן איז יאקוב קאָנטו־זיעט געוואָרן און האָט זיך אומגעקערט אהיים א טויבער, א צעטומלטער. און כאָטש עס איז שוין לאנג נישטאָ ניט דער אימפּעראטאָר, ניט זײַן אימ־פּעריע און עס געוועלטיקט שוין דאָס וויפלטע יאָר פאן פּילסודסקי, נאָר יאקובן האָט זיך אלץ נאָך געדאכט, אז אפן טראָן זיצט נאָך פראנץ־יאָסיף און אלץ איז פארבליבן, ווי געווען.

דערוווּסט זיך וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן זײַן אלטן פרײַנט, יאָסל דעם סטעלמאך, האָט יאקוב, קוקנדיק אף דער וועלט דורך זײַנע אלטע געפלאצטע ברילן, צוגעלייגט די האָריקע האנט צום טויבן אויער און גע־פרעגט:

— וואָ, האָ? א שאָדן, זאָגט איר? וועלכער פון יאָסלס יאָרשים איז עס פארפאלן געוואָרן? אָט יענער שווארצער מאזיק, וואָס דראפּעט זיך שטענדיק אָף מײַן דאך, און שמירט מײַן ראבע טעלעצע מיט גרינעם טינט? טאקע יענער זוילע־וועסויוועניק? נו, איז דאנקען דעם אייבערשטן! וועט זײַן אין קאָוואליוקע ווייניקער מיט איין שעד! און וואָס איז שײַעך דעם אימפּעראטאָר פראנץ־יאָסיף, איז נישקאָשע, די כאָליערע וועט אים ניט נעמען, טאָמער וועט אים אונדזער יאָסיע געבן מיט איין סאָלדאט ווייניקער! מיר דאכט זיך, אז רעב יאָסיע האָט זיך שוין לאנג צעכעזשבנט מיט דער אימפּעריע, איר געגעבן קימאט א האלבע ראָטע סאָלדאטן. מיר שײַנט, אז פראנץ־יאָסיף וועט נאָר זײַן צופרידן פונעם העזעק. איר זײַנט א מיוון, וויפל צאָרעס לײַדט זיך אָן די אינטענדאנטסטווע, ביז זי באשטאט דעם סטעלמאכס נאָוואָבראנצעס מיט אָנטאָן און עסן? זיי קומען, די יונגען, צו דער דינסט אזוינע אויסגעהונגערטע, אז ס'איז מאמעש אומעגלעך זיי אָנהאָדעווען. הײַנט זײַנען יאָסלס כעוורע געבענטשט מיט הענט און פיס, אז מע דארף זײַן מיט אכצן קעפּ, מע זאָל פאר זיי צוקלײַבן די נייטיקע שיך און אָבמונדיראָווקע. בא די קאפּטיענארמוסן קריכן שיך ניט ארויס די אויגן, ביז מע טוט זיי אָן אין די בגאָדים. הײַנט האָבן זיי אן אפּעטיט, קיין אײַנהאָרע, אז זיי קאָנען אופּעסן א גאנצע מעדינע. איך האָב מוירע, טאָמער הערט יאָסיע ניט אוף צושטעלן אין מיליטער זײַנע סאָלדאטן, קען דער אימפּעראטאָר מיט זײַן גאנצער אימפּעריע בעדיל־האדאל ווערן, ארויספליִען דורכן קוימען...

און דאָך, ניט געקוקט דערוף, וואָס מע האָט זיך געוויצלט א סאך, געכאָכמעט, האָט מאקס' נעלעם ווערן ארויסגערופן באם אוילעם א סאך קאשעס.

עמעס, די געשעעניש האָט ניט געמאכט קיין גאָר גרויסן רוישעם אין דער וועלט — עפּעס האָט מען ניט געהערט, די בלעטער זאָלן וועגן דעם שרײַבן, מע זאָל וועגן דעם איניען טומלען אין דער ראדיאָ. די פּאָליציי, די פײַערלעשער זײַנען, ווי פריִער, רויִק געשלאָפן. ס'האָט קיינער ניט געלאָזט אף די פרישע שפּורן קיין פּאָליציייִשע שפּיר־הינט, מע האָט ניט ארויסגעלאָזט דאָס וואסער פון די טײַכן, ניט אויסגעשעפּט די ברינעמער — קיינער פון די גדוילים האָט ניט געזוכט, קיינעם איז דאָס ניט געקראָכן אין קאָפּ ארײַן, גלײַך ווי סע וואָלט גאָר אף דער וועלט ניט געווען קיין מאקס קרייסלער, קיין קאָוואליוקע, וואָס האָט זיך פארקליבן אין די טיפענישן פון די קארפּאטער בערג, צווישן ווילדע מאָכיקע פעלדזן און שלאנקע, גרינע דעמבן און אָנגעכמורעטע פיכטעס.

בעקיצער, די גרויסע וועלט איז פארבײַגעגאנגען די דאָזיקע געשעעניש און געבליבן צו איר טויב און שטום.

ווער ס'וואָלט יאָ געקאָנט נעמען דאָס אלץ נאָענט צום הארצן, איז, פארשטייט זיך, מאקס' מוטער, שיפרע. איז זי גראָד דעמלט געלעגן אין שפּיטאָל, אין נאָענטן שטעטל, זיך געגרייט באגליקן די וועלט מיט א שפּאָגל־נײַ גראגערל — דאָס פערצנטע לויטן כעזשבן, און די היגע לעצאָנים האָבן געקנייטשט מיט די אקסל, מאמזעריש אונטערגעשמייכלט, ניט געקאָנט פאר־

שטייק, ווו נעמט זיך צו דער דאַרינקער, אויסגעמוטשעטער ייִדענע אַזויפיל קויעך און כיישעק אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק קינדלעך!

ניט בלויז די שכיינים, די לייצים, שיפרע אַליין וואָלט אויך ניט געקאָנט ענטפערן אויף דער קאַשע. זי איז געלעגן אין געהאַקטע ווונדן און געשאָלטן שטילערהייט איר שיינעם ברויטגעבער, וואָס טראַכט ניט וועגן קיין טאַכלעס פאַר זײַנע יאָרשים, וועלכע וואַקסן, ווי קראָפּעווע בא די ווענט.

„זאָלסט, אומגליק מײַנער, — האָט זי געשעפּטשעט, — כאָטש איין מאָל געווען געלעגן אין קימפּעט, וואָלסטו געוווסט, ווי שווער עס קומט מיר אָן דאָס לעבן...“

אָבער די קלאָלעס אין שיפרעס מויל קלינגען גאָרניט אַזוי גרויזאַם, ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן. ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, וועט זי געוויס נאָך דעם, ווי זי וועט בעשאָלעם געבוירן דאָס קינד, מויכל זײַן דעם מאַן אירן אַלע זײַנע כאַטאָיִם. ווי נאָר זי וועט דערהערן דאָס קאָל פון דעם נײַגעבאָרענעם, וועט זיך אויף איר גוטמוטיק, כיינעוודיק בלאַס פּאָנעם צעגיסן אַ גוט שמייכעלע און זי וועט וואַרטן מיט אומגעדולד אויף איר יאָסיען...

דאָס מאָל איז אָבער שיפרען געווען באַזונדערס שווער און זי האָט מער, ווי געווײַנלעך, געשאָלטן איר מאַן, געבעטן גאָט, ער זאָל איר צושיקן אַ גיכע אויסלייזונג. אָבער אירע קלאָלעס און איר געבעט זײַנען דערווײַל ניט דערגאַנגען ניט צום ריבוינעשעלוילעם, וואָס איז געזעסן אין זײַנע הויכע הימלען, און, זעט אויס, געווען פאַרטראָגן מיט וויכטיקערע געשעפטן. וואָס איז שייַעך דעם הויפּט־שולדיקן פון אירע אַלע צאָרעס און ווייטעקן, איר יאָסיען, זײַנען צו אים שיפרעס קלאָלעס אינגאַנצן ניט דערגאַנגען. אין דער זעלבער צײַט, ווען שיפרע האָט זיך געגרייט ברענגען דער וועלט אַ נײַע מאַטאָנע, נאָך איין יוירעש, איז יאָסיע געווען פאַרטאָן אין גאָר אַנדערע זאַכן — ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קרעטשמע, אין די געדיכטעטענישן פון די קאַרפּאַטן, פאַרשיקערט דעם לעצטן מאַנטל, די שיך, דעם קאַרטוז, און געלעגן, ווי אַ קייסער, ווי אַ פּאָרעץ, אונטערן טיש און געזונגען אויף וואָס די וועלט שטייט: „אויפן פּריפּעטשיקל ברענט אַ פײַערל און אין שטוב איז הייס!..“

דאָ וועט אויסקומען צוגעבן, אַז די עלטערע זין זײַנען געווען אויף מיליטער־דינסט, די קלענערע זײַנען זיך צעקראָכן איבער די אַרומיקע דערפער פאַשען פי, פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, אין שטוב איז פאַרבליבן בלויז קליינוואַרג. ווער זשע, פרעגט זיך, האָט זיך געקאָנט דאָ אָנשטויסן, וואָס ס'איז געשען? ווער האָט געקאָנט אופהייבן אַ טומל, אַ געפילדער, לויפן זוכן דעם פאַרשווונדענעם מאַזיק? די שכיינים? די קרויווים? יענע האָבן געהאַט זייערע צאָרעס גאַנץ גענוג.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, ווען די געווינערן האָט זיך בעשאָלעם אומגעקערט אַהיים מיט אַ שפּאָגל־נײַ גראַגערל, און מע האָט זיך געזעצט צום טיש נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, האָט שיפרע דערזען, אַז איין לעפל איז געבליבן ליגן, ווי פאַריאָסעמט.

אַן איבעריקער לעפל אויפן טיש!

סטײַטש, ווו קומט אהער אַן איבעריקער לעפל? די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז באַ יאָסל דעם סטעלמאַך זײַנען נישטאָ אין שטוב קיין איבעריקע לעפל! יעדער לעפל האָט זיך דאָ, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, זײַן פּיקער. יעדער לעפל ווייסט זיך זײַן באַלעבאָס, זײַן עסער, וועלכער היט אים אָפּ, דעם לעפל, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

נו, אוואַדע איז עס מאַקס' לעפל, וועלכן מע קאָן דערקענען אַפילו בלינד־דערהייט: אַן אויסגעשטשערבעטער הילצערנער לעפל, אַן אַרומגעהריזעטער פון אַלע זײַטן, ווי אַ קאַרעטע, אַ זשאַלעב אין אַ גוטער שטאַל...

לויט דעם אַליין שוין, איז געוועזן צו זען, אַז דער באַלעבאָס פונעם לעפל האָט ניט שטענדיק געגעסן צו זעט און דערצו נאָך פאַרמאָגט אַ גוטן אַפּעטיט...

יאָ, ווו זשע איז ער אַהינגעקומען, דער מאַמזער? פאַרוואָס איז ער אין אַזאַ שאָ נישטאָ באַם טיש? וואָס זשע, ער וויל אַפילו ניט כאַפּן קיין קוק אויף זײַן גײַ ברודערל?

דאָ האָט עמעצער פונעם קליינוואַרג געזאָגט, אַז שוין אַ פּאָר טעג, ווי מע זעט ניט און מע הערט ניט מאַקסן...

אָט דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן!

מע האָט גענומען אַרומלויפן, פרעגן, שרײַען, טומלען, זוכן אין אַלע לעכער. נאָר אַ נעכטיקער טאָג! נישטאָ!

שיפרע איז געוועזן אויסער־זיך. וואָס הייסט עס? שוין עטלעכע טעג, זאָגט מען, אַז דער מאַמזער איז נישטאָ אין שטוב, און קיינעם גייט עס ניט אָן? דער אייגענער טאַטע ווייסט ניט, וווהין איז אַהינגעקומען זײַן זון, און עס אַרט אים, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי? איבערקערן גאַנץ קאַוואַליוקע, און אים ברענגען אַהיים! גוט אים אָנברעכן די ביינער, אויספּאַטשן, ער זאָל וויסן, דער מאַזיק, ווי צו פּראַווען אַזעלכע מיעסע שטיק — מעוויַעש זײַן אַ גאַנצע מישפּאָכע...

נאָר עפּעס אַ קליינִיקײַט — לויפן זוכן! ווער איז דאָ דער זוכער, אַז דער טאַטע ווייסט נאָך ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, עס דרייט זיך נאָך דער קאָפּ, און ער האַלט זיך קוים אויף די פיס נאָך דער קרעטשמע, זעט אַלץ נאָך אויס, ווי פריטשמעליעט און ווייסט ניט, וואָס מע רעדט צו אים. דערצו נאָך, ווען ער וויל שוין אַפילו יאָ לויפן זוכן דעם בענאָק זײַנעם, וואָלט ער אַלציינס ניט געקאָנט, ווײַל ער האָט ניט אין וואָס אַרויסגיין פון יענער זײַט שוועל, ווײַל ער האָט ניט מיט וואָס צודעקן דעם ביזאָיען...

פּיפּקענדיק מיטן צוגעבערענטן ציבעק — אַ נעדיזנע פון דער דינסט אינעם כאַיל פונעם גרויסן פּראַנץ־יאָסיפן, אַ ציבעק, וועלכן דער סטעלמאַך לאָזט זעלטן אַרויס פון די ציין, האָט ער זיך אָנגערופן ניט אײַלנדיק מיט זײַן הייזעריקער שטים:

— מיילע, נו... דאָס לעבן וועט מען זיך דערווײַל ניט נעמען. דער מאַזיק וועט זיך אויסהונגערן, וועט ער, מירצעשעם, אַליין קומען צו דער קאַרעטע. עלע ניט, וועט זײַן לעפל באַרעכהאַשעם ניט ווערן פאַרשעמט. גאָט האָט אונדז שוין צוגעשיקט אויף מאַקס' לעפל אַ שפּאָגל־נײַעם פּיקער. מיט פּאַר־

נאָסע באַלעוועט ער מיך ניט, דער איבערשטער, נאָר, וואָס איז שײַעך יאָרשים, שיקט ער זיי מיר צו מיט דער ברייטער האַנט, ניט צו פאַרזינדיקן...

ווער איז יאָ געווען אויסער־זיך, דערהערנדיק יאָסלס ווערטער, דאָס איז דער פעטער זכריה, דער שמיד, אַ מענטש שוין אין די זיבעציקער, נאָר אַ גוואַר, פאַר וועלכן אַלע בויאַנעס פון קאָוואַליוקע און פון די אַרומיקע דערפלעך האָבן געהאַט גרויס דרעכערעץ און אַלץ צוליב זײַן גוורה. אַזוי איז ער גראָד געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער, נאָר אַ האַנט האָט ער געהאַט — מע זאָל נאָר באַהיט ווערן! איבערקערן מיטן אַקסל אַ וואָגן טווועצי געהילץ איז בײַ אים געווען גרינגער, ווי בײַ אַ צווייטן אויסרייכערן אַ ציגאַר טוטין. בײַ אים אויסבייגן אין איין אויגנבליק אַ פּאָדקאָווע מיט די הענט איז געווען גרינגער, ווי בײַ אַן אַנדערן געבן אַ גענעץ. מענטשן האָבן געטײַנעט, אַז מאַקס האָט געיאַרשנט בײַם פעטער זכריה די גוורה זײַנע. מעגלעך, אַז דאָ שטעקט טאַקע די סיבה, וואָס דער פעטער זכריה האָט ליב געהאַט מאַקסן בעסער, ווי אַלע פלעמעניקעס.

דערפאַר טאַקע איז ער געוואָרן מאָלע־רעציכע, דער פעטער זכריה, ווען ער האָט אויסגעהערט אַזעלכע גלײַכגילטיקע דיבורים פונעם שוואָגער.

— וואָס הייסט דאָס, יאָסל, ס'איז שוין וואָס, העפקער אַ וועלט? כּײַעס איז מען געוואָרן, צי מע האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם סאָוועסט? אַ קינד פון שטוב איז פאַרפאַלן געוואָרן, מאַקס. די קאַפּאָטע פאַרזעצן, אויסגיין די גאַנצע מעדינע, נאָר געפינען דעם טאַכשיט, געפינען און קאַטעווען אים, אַוועקזעצן אויף אַ קייט, ווי די ציגײַנער זעצן אַוועק זייערע בערן, די ביינער צעברעכן, ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן אָפּטאָן אַזעלכע שפיצלעך!

שאַבעס, נאָכן אָנבײַסן, האָט דער פעטער זכריה אָנגעטאָן דעם יאָמטעוודיקן מאַנטל, וואָס איז אים געבליבן נאָך פון דער כאַסענע, אַרופגעזעצט אויפן גרויסן הוילן קאָפּ, וואָס וואָלט גיכער געפּאַסט פאַר אַ מיניסטער, ווי פאַר אַ פּאָשעטן שמיד, דעם אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן קאַפּעליוש מיטן גרינעם פעדער, וואָס בלויז הוצולן פאַרגינען זיך עס טראָגן אין גרויסע יאָמטויוויום, און זיך פּאַוואָלינקע געלאָזט גיין זוכן דעם פלעמעניק זײַנעם. צום ערשטן האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף דער גרינער לאָנקע, ווו עס שטייען די ציגײַנערשע טאַבאָרן. געזוכט דעם שאָדן אין אַלע געצעלטן און קוריניעס, אין אַלע ווינקעלעך, אין די בוידן, נאָר אַ נעכטיקער טאָג! נישטאָ! אַלע ציגײַנער האָבן געשווירן, אַז די לעצטע טעג איז מאַקס נאָענט צו די געצעלטן ניט צוגעקומען און אַז מע האָט אים אין די אויגן ניט געזען. דער פעטער זכריה האָט קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט און געמוזט פאַרקערעווען דעם דישל, זיך אַוועקלאָזן קיין קאָלאָמייע — גוטע עטלעכע צענדליק ווערסט פונדאַנען. ער איז געגאַנגען, געקנאָטן מיט די פיס די בלאָטע אַ גאַנצן טאָג און אַ האַלבע נאַכט, אויסגעווייקט געוואָרן אונטערן רעגן, זיך אויסגעהונגערט, ווי אַ וואָלף, נאָר זיך דערקליבן קיין קאָלאָמייע.

דעם גאַנצן טאָג ביז אין דער שפעטער נאַכט אַרײַן האָט זיך דער פעטער זכריה אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן און געסלעך פון שטאָט, געגאַנגען פון מוניען צו שמוניען, אויסגעווען, ווו עפּעס אַ לאָך, ווו אַ קעלער, זיך

אומעטום נאָכגעפרעגט, צי האָט מען ניט באגעגנט קיין באָכערל פון קאָוואַליוקע, יאָסל דעם סטעלמאכס טאכשיט, און מענטשן האָבן געקנייטשט מיט די אַקסלען:

ניין, ניט געזען און ניט געהערט. זאָל מען אזוי ניט וויסן פון קיין בייזער וועטשערע!

דערזען, אַז אומזיסט האָט ער געבראָכן פיס, אומנישט איז געווען זײַן טירכע, האָט ער שוין א פארצווייפלטער, אַן אויסגעווייקטער (און דאָ, אין די קארפאטן, אַז ס׳הייבן אָן אין דער צײַט גיסן רעגנס, קאָן מען דערטרונקען ווערן) זיך שוין געהאט געקליבן גיין אהיים, נאָר דאָ האָט ער פּלוצעם ווי דערהערט די שטים פונעם מאָגן, וואָס האָט צו אים ווי אָנגעהויבן ריידן מיט א מענטשלעכן לאָשן:

„זאָג נאָר, טײַערינקער רעב זכאריע, דו האָסט נאָך גאָט אין הארצן? האָסטו טאקע פארגעסן, וואָס הייסט אזוינס יוישער? וואָס זשע, איך בין מעכויעו געשוואָלן ווערן פון הונגער, און נאָר צוליב דעם, דו זאָלסט זיך קאָנען אויספּײַנען פאר קאָוואליוקע און פאר דײַן שוואָגער „יאָסיע דער ניכטערער“?“

דער פעטער זכאריע האָט אליין פארשטאנען, אַז ס׳איז אַן אוולע און א גזיירע אזוי זיך באגיין מיט זײַן אלטן פרײַנט — דעם מאָגן, וואָס דינט אים אזוי ערלעך און געטרײַ. עס וואָלט אוואדע געווען יוישערדיק זיך ארײַנכאפּן אין א טראקטירל און נעמען א מויל בראנפן מיט א שטיק געפילטע פיש צום פארבײַסן. נאָר גיי זײַ א בעריע, אַז אין קעשענע טאָגט שוין! ווי זאָגט דאָס ווערטל: „אַז ס׳זײַנען קיין פינגער נישטאָ, וועסטו קיין פײַג ניט ארויסשטעלן“.

יאָ, וואָס זשע טוט מען פאָרט? ביפראט, אַז עס שטייט אים, דעם פעטער זכאריע, נאָך פאָר א ווײַטער און שווערער וועג צוריק. מע קען דאָך קיין כאזער ניט זײַן, מע דארף מיט עפּעס פאָרט אָפּנארן די קישקע.

איז דער אלטער געפאלן אַף א געדאנק — זיך ארײַנכאַפּן צו דער פּאני זשיכלינסקא אין בעקערײַ, עפּשער וועלן די בעקער־יונגען זיך דערבארעמען איבער אים און מעכאבעד זײַן מיט א בולקעלע, א פּאָר בייגל. ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר קיין הונגעריקער וועט ער פון דאָרט ניט ארויס. פּאני זשיכלינסקא טאָרטשעט דאָך ניט טאָג ווי נאכט אין בעקערײַ, וועלן אים די כעוורע מעכאבעד זײַן!

ניט לאנג געטראכט, האָט דער פעטער זכאריע זיך ארײַנגעלאָזט אין קעלער מיט די גליטשיקע, נאסע טרעפּלעך, און עס איז אים גלײַך פינצטער געוואָרן אין די אויגן, מלאָסנע געוואָרן אפן הארצן — אָט־אָט שטארבט ער!

הערט נאָר א מײַסע, אָט איז ער דאָך, דער מאזיק! ער שטייט מיט א לאנגער לאָפּעטע באם אָנגעגליטן אויוון, א פארשוויצטער, א פארמורזעטער פון קאָפּ ביז פיס — דער אייגענער טאטע וואָלט אים, דאכט זיך, ניט דערקענט!

ניט אויסריידנדיק קיין איין וואָרט, האָט דער פעטער זכאריע זיך א לאָז געטאָן צו זײַן באליבטן פּלעמעניקל און, ניט לאנג געטראכט, א פּליאסקע

געטאָן אים אין באַק איין מאָל און א צווייט מאָל, אז יענער האָט זיך איבער־געקערט.

מאַקס איז אָבער גלײַך געקומען צו־זיך, אופגעשפּרונגען, ווי א קאַץ, און דערלאַנגט דעם ליבן פעטער אזא אויסגאָב, אז פונקען זײַנען אַרויסגעפלויגן פון זײַנע אויגן. די בעקער־יונגען זײַנען אויך ניט געשטאַנען מיט צונויפ־געלייגטע הענט. זיי האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אַפן אומגעבעטענעם גאַסט און אים אָפּגעשפּילט אזא כאַסענע, אז וויפל דער פעטער זכאַריע וועט לעבן, וועט ער עס, דאַכט זיך, געדענקען. ער האָט שוין פאַרזאָגט קינדסקינדער ניט אָנרירן מאַקסן מיט קיין פינגער.

וואָס דאַרף מען גאָר א סאַך ברײַען, דער פעטער זכאַריע האָט אַרײַנגע־כאַפּט אין בעקערײַ אזא פּאַרציע, אז ער האָט פאַרגעסן, צוליב וואָס איז ער אַהער אַראָפּגעקומען. ער האָט זיך קוים אַרויסגעדראַפּעט אַף אַלע פיר פונעם קעלער. אָנשטאָט בולקעלעך און בייגל מיט מאָן האָט ער געקראָגן אזעלכע לאַמטערנס אונטער די אויגן, אז ס'איז געווען אים א ביזע־ביזאָיען זיך באַווײַזן פאַר מענטשן. און ער האָט זיך טאַקע ניט פאַרגעשטעלט, דער פע־טער זכאַריע, ווי קומט מען מיט אזא אויסזען צוריק קיין קאָוואַליוקע!

דאָך האָט ער פאַרלאָזט די בעקערײַ מיט א גרינג האַרץ. אַרויס פון דאָרטן א צופרידענער און אופגעלייגטער. ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר פון קאָ־לאָמייע וועט ער זיך אומקערן מיט דער שיינער בסורע: מאַזלטאָוו! ס'האָט זיך אויסגעפונען דער שאָדן!

ערשט נאָך דעם, ווי דער פעטער זכאַריע האָט זיך אומגעקערט מיט דער גוטער בסורע, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמעסער גערודער בא „יאָסיע דעם ניכטערן" אין שטוב. עס האָט זיך געטאָן אַף טיש און אַף בענק. ווײַל ווען פרייט זיך א קאַפּצן? א קאַפּצן פרייט זיך, פאַרשטייט מען, ווען ער פאַרלירט און געפינט!..

אצינד האָבן זיך אַלע געכאַפּט: סאַראַ טײַערער באָכער מאַקס איז, א גאָלדענע נעשאָמע! אים איז געווויס באַשערט אויסוואַקסן א שטיקל מענטש. ער איז, כאָלילע, ניט אַנטלאָפן מיט קיין כאַליאַסטרע פערד־גאַנאָווים, מיט פּוסטע יונגען, ווי עס טרעפט. וואָס זשע — ער איז אַוועק קיין קאָלאָמייע זיך אויסלערנען א מעלאָכע, זיך פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, ווערן א מענטש מיט מענטשן גלײַך — טאָ זאָל זײַן אין א גוטער, אין א מאַזלדיקער שאָ!

א בעקער? נו, מיילע, זאָל זײַן א בעקער!

אזוי, אָן ערעך, האָבן דאָ אַלע געטראַכט. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אז דאָס נעמלעכע האָט געטראַכט די מוטער פון דעם אַנטלאָפענעם, שיפרע. זאָל גאָט היטן! זי האָט דערפון אפילע ניט געוואָלט הערן. מישטיינסגעזאָגט, וויפל איז איר נאָך געבליבן לעבן, ווײַל זי טאַקע, אז מאַקס זאָל זײַן לעבן איר. קיין אײַנהאָרע שוין אַלט געוואָרן דער מאַזיק פופצן יאָר, דאָס זעכצנטע, וועט ער עפּשער קענען ברענגען נוץ אין שטוב, העלפן בא דער באַלעבאַ־טישקײַט... ביז זי פירט אַרויס אירע קינדער אַף א וועג, קריכן איר שיר ניט אַרויס די אויגן פון קאָפּ. וויפל האָט זי זיך אָנגעמוטשעט מיט מאַקסן, ביז זי האָט פון אים געמאַכט א לײַט, דאַרף ער זיך ערגעץ וואַלגערן אין

אויסרײַסעניש? דרײַ זין אירע זײַנען אוועקגעגאנגען אף דער מילכאָמע און זיך ניט אומגעקערט אהיים, ווער ווייסט, ווו איז ערגעץ זייער געבייך. טאָ זאָל כאָטש מאקס זײַן לעבן איר!..

אויסגעהערט מיט קאָפּ דאָס ווײַב, האָט יאָסיע מיט איר געוווינטן טײַנען:

— נארעלע, וואָס דארפסטו זיך אזוי ערגערן? וואָס דארפסטו זיך אזוי נעמען צום הארצן? דאָס, וואָס אונדזער יוירעש איז אוועק פון אונדז, איז א גאָט־זאך. אויב דער מאמזער האָט זיך דאָרטן, אין קאָלאָמייע, צוגעשלאָגן צו א ברעג, ער האָט שוין געפונען א דאך איבערן קאָפּ, א מאָקעם־מענוכע, און פארדינט זיך ערלעך דאָס שטיקל ברויט, טאָ זאָל עס אים וווּיל באקומען! זאָל זײַן אין א מאזלדיקער שאָ! דו געדענקסט, דאכט זיך, גוט, אז אונדזער טאכשיט האָט שוין פון לאנג א גוסט צו געבעקס. ער איז געבוירן געוואָרן א בעקער, ווי דו זעסט מיך לעבן! דערמאָן זיך נאָר, טײַערינקע מײַנע, יענע צײַט, ווען ס'איז מיר געקומען א מעשוגאס אין קאָפּ און איך האָב געוואָלט עפענען בא זיך אין שטוב א בעקערײַ. נאָר דו ווייסט דאך גוט, וואָלט איך אָנגעהויבן נייען טאכריכים, וואָלטן געוויס מענטשן אופגעהערט שטארבן... דו געדענקסט, וויאזוי אונדזער מאקס האָט זיך דעמלט אויסגעפײַנט? צוליב אים טאקע זײַנען מיר מיט אונדזער בעקערײַ שיין ארויסגעפלויגן דורכן קוימען. געדענקסט?..

צי זי געדענקט? אוואדע געדענקט זי! ווי זשע קאָן זי פארגעסן, וויאזוי איר שלימאזל, יאָסל, האָט געהאלטן באם עפענען אן אייגענע בעקערײַ אין קאָוואליוקע? די גאנצע שטאָט איז דעמלט געגאנגען כאָדאָראָם!

געווען איז עס מיט עטלעכע יאָר צוריק. קיין שטאָך ארבעט איז ניט געווען צו געפינען, כאָטש לייג זיך און שטארב! קיינעם איז נישט אָנגעגאנגען קיין סטעלמאכערײַ! האָט יאָסיע זיך ארײַנגענומען א מאנקאָליע אין קאָפּ, אז ער דארף נאשפיץ עפענען בא זיך אין שטוב א שטיקל בעקערײַ. בייסמײַסע האָט ער זיך נאָך געכאָכמעט: אזויווי מע ליגט אלציינס אין דער ערד און מע באקט בייגל, וועט ער בעסער זײַן אף דער ערד און באקן בייגל בא זיך אין שטוב. אנדערע בעקער דארפן דינגען מענטשן, וואָס זאָלן צוהעלפן, און בא אים זײַנען פאראן געהילפן אייגענע און אומזיסטע איבערגענוג. אלע וועלן אונטערשטעלן א פלייצע, וועט אוועק א גאנג!

ניט לאנג געטראכט, האָט דער סטעלמאך פארזעצט פון שטוב אלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, ארײַנגעקראָכן אין כויוועס, אז די האָר זײַנען געווען ניט זײַנע, ארײַנגעבראכט אין שטוב א פאָר זעקלעך ווײַס מעל, צוקער, מאָן, זאלץ און אנדערע געשמאקע זאכן, איבערגעוואָרפן דעם אויוון, אויסגעטעסעט נײַע טישן, ווי עס פאסט פאר א לײַטישער בעקערײַ, און מע האָט זיך געשטעלט צו דער ארבעט. אלע האָבן זיך דאָ אָנגעהאָרעוועט, ווי א פויק אף א כאסענע, און גאָט האָט געהאָלפן, מע האָט אויסגעבאקן דעם ערשטן אויוון געבעקס — בולקעלעך און קיכעלעך. נאָר אלץ הייסט בולקעלעך! מע וואָלט זיי געקענט שטעלן פארן קייסער! זיי האָבן געשײַנט אין דעם בעקן, ווי דער מאָרגנשטערן. א קאפּאָרע אלע בעקערס און קאָנדיטערס פון ווין, לעמבערג, קאָלאָמייע, דראָהאָביטש. ווען יענע בעקערס שטעלן זיך אוועק מיטן קאָפּ

אראָפּ, מיט די פּיס אַרויף, די הולטײַעס, די הויט־שינדער, וואָלטן זיי דען אויסגעבאקן אזעלכע בולקעלעך? — האָט יאָסיע זיך געטראכט.

דער סטעלמאך איז געווען אפן זיבעטן הימל. ער האָט מאמעש אָנגע־קוועלט, שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון פארגעניגן. אים איז שווער געווען דערקענען, ווי מע זאָל אים האָבן פארביטן.

אנטליִען בא זכאריען די שאבעסדיקע קאפּאָטע, בא א שאָכן דעם נײַעם קאפּעליוש, ער, יאָסיע, זאָל האָבן א פּאָנעם פון א מענטשן, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין דער רעסטאָראציע, אין קאפע־הויז און צו די קרעמער, זיי זאָלן לויפן אָנקוקן דאָס געבעקס און וואָס גיכער צונעמען די סכוירע...

די אונטערהאנדלונגען האָבן זיך אָבער א ביסל פארצויגן — מע האָט אָנ־געקוקט יאָסיען, ווי א מעשוגענעם: וואָס פאר א מעכוטן איז דער סטעלמאך מיט געבעקס? וואָס פאר א בעקערײַ? וואָס שטאמלט ער? אויב ער איז שיקער, טאָ זאָל ער זיך גיין אויסשלאָפן...

נאָר געזיגט האָט טאקע ער, יאָסל. ער האָט אוועקגעפירט צו זיך א גאנצע כאָפּטע באלעבאטים, באשטעלער פון געבעקס.

מענטשן דערציילן, אז אין יענער שאָ איז שווער געווען דערקענען דעם סטעלמאך. ער איז געגאן מיט גאדלעס און געפירט דאָס הײַפל באלעבאטים, ווי א רעכטער פאָלקנפירער פירט אין שלאכט זײַנע זעלנער. ווער איז איצט געווען גלײַך צו אים! באלד וועט ער אלעמען באווײַזן, אף וואָס ס'איז פייִק א פראָסטער סטעלמאך.

איר וואָלט אָבער א קוק געטאָן אף יאָסלס פּאָנעם שפּעטער, ווען ער איז מיט זײַנע גרויסארטיקע קוינים ארײַנגעקומען אין שטוב און דערזען, ווי מאקס מיט זײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך, דערצו נאָך מיט א גאנצער כאָפּטע קינדער פון דער גאס, ציגײַנערלעך פונעם טאבאָר זײַנען געשטאנען בא די בעקנס און מע האָט געריבן אף בײדע באקן דאָס געבעקס!

זיי האָבן זיך שוין גאנץ פײַן ספּראַוועט מיט אלע בולקעלעך און קיכעלעך, און איצט געשטאנען און צונויפגעקליבן פון די בעקנס אלע ברעקלעך. קיין זייכער ניט איבערגעלאָזט פונעם געבעקס.

יאָסיע איז געבליבן שטיין, ווי דאָס לאָשן וואָלט בא אים אָפּגענומען. און וואָס איז געווען מיט זײַנע קוינים, קאָנט איר זיך שוין אליין פאָרשטעלן.

דרײַ טעג נאָכאנאנד איז גאנץ קאָוואליוקע געגאנגען כאָדאָראָם.

וויפל ביזיוינעס יאָסל דער סטעלמאך איז אויסגעשטאנען, איז נישט צו דערציילן און ניט צו באשרײַבן. זײַן פירמע האָט גלײַך געפּלאצט. אינגיכן האָבן זיך אף אים ארופגעוואָרפן די קרעדיטאָרן און גענומען טרייבערן די נעשאָמע. מע האָט פון אים געשונדן די הויט, געריסן שטיקער פלייש, אף עטלעכע טעג ארײַנגעזעצט אין שאנדע־גרוב פאר אָנזעצן. ער האָט דערנאָך פארזאָגט קינדסקינדער זיך מער ניט פארנעמען מיט מיסכער, ניט זוכן קיין נײַע פּארנאָסעס.

קענט איר דאָך פרעגן, ווו איז אין דעם טאָג געווען שיפרע, פארוואָס האָט זי ניט אכטונג געגעבן, אירע שיידים זאָלן ניט אופרעסן דאָס געבעקס?

איז דער ענטפער א פּאַשעטער:
גראַד אין יענע טעג האָט זיך שיפּרען פאַרגלוסט ווערן א קימפּעטאָרן. וועסט דאָך ניט זאָגן דעם מיזינעק ער זאָל צוווארטן, ביז יאָסיע וועט מאכן א טאכלעס מיט זײַן געבעקס...

אָט די טרויעריקע און פרייִלעכע געשיכטע איז פארלאָפן אין שיפּרעס אָפּ־וועזנהײַט, און מע האָט זיך אין איר, אין דער געשיכטע, דערמאָנט, ווען דער פעטער זכאריע איז געקומען און געבראכט די שיינע בסורע, אז דער פאר־פאלענער, דער שאָדן, הייסט עס, האָט זיך אָפּגעזוכט, אז ער לעבט בע־שאָלעם אין קאָלאָמייע און ארבעט אין דער בעקערײַ בא דער פאני זשיכלינסקא.

גאנץ פארשטענדלעך, אז קיין אנדערע אייִנצלהײַטן פון זײַן נעסיִע — ווי מע האָט אים אופגענומען, וויפל ער האָט ארײַנגעכאפּט אין קאָלנער, — האָט דער פעטער זכאריע קיינעם ניט דערציילט, ווי ער האָט אויך ניט געענטפערט אף די קאשעס, לעמײַ איז דאָס פּאָנעם אזוי איבערגעבונדן מיט א פאטשיילע, און פארוואָס איז די נאָז אזוי צעדראָפּעט...

ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן א שפּאָגל־נײַע סעדרע — שיפרע האָט ניט געלאָזט רויִק לעבן דעם מאן אירן. זי האָט אים געטריבן, ער זאָל וואָס גיכער פאָרן קיין קאָלאָמייע ברענגען אהיים דעם מאזיק, אים איינמאָל פאר אלעמאָל אָנלערנען, ער זאָל וויסן, וויאזוי מע אנטלויפט פון טאטנס שטובו!

דער סטעלמאך האָט אופמערקזאם אויסגעהערט דאָס ווײַב און, ווי שטענ־דיק, געטאָן קאפּויר. ער וועט, פארשטייט זיך, פאָרן קיין קאָלאָמייע, נאָר וואָס איז אזוי די אײַלעניש? עס ברענט, כאָלילע? וואָס איז אזוי דער טומל? זאָל איבערגיין א שטיקל צײַט. זאָל דער באָכער דערוויַל פארדינען דאָרט עטלעכע זלאָטעס, וועט זײַן פאר וואָס נעמען אן אָקע שנאפּס. פון קאָוואַ־ליוקע ביז קאָלאָמייע איז פּאָלג מיך א גאנגו און דורכמאכן אזא וועג און דערבײַ נאָך אינמיטן הארבסט, ווען די רעגנס און ווינטן בושעווען מויי־רעדיק אין די קארפּאטן, און דערצו נאָך אפּריִער וויסן, אז עס וועט ניט זײַן פארוואָס נעמען א קווארט בראנפן אף באנעצן דעם גאָרגל, איז א פלאן נאָר פאר א מעשוגענעם. און ער, יאָסל דער סטעלמאך, האלט נאָך דערבײַ ניט! ער איז נאָך, גאָט צו דאנקען, באם זינען. און כוץ דעם, ווער ווייסט דען ניט, אז אפילע דאָס ערגסטע פערדל לויפט שנעלער, ווען עס דערפילט, אז אין שטאלווארט אף דעם א גוטע טאָרבע האָבער...

דאכט זיך, אז נאָר ווײַבער קאָנען דאָס ניט פארשטיין, האָט געטראכט „יאָסיע דער ניכטערער", טאָ זאָלן זיי ניט דולן א ספּאָדעק!

פאני זשיכלינסקא — די קיניגן פון קעץ

עס איז, זאָגט מען, גרינגער געווען ווערן א מיניסטער באם פּאן פּיל־סודסקי, איידער א שיק־ייִנגל בא פאני זשיכלינסקאו

עפּעס א קלייניקײַט אויסצוריידן — פאני זשיכלינסקא פון קאָלאָמייעו דאָס איז שוין איינמאָל א פאני. א פאני מיט א שעם!

ס׳א סוואָרע, אז נאָך דעם זאָקן, דעם אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף און נאָך דעם אָנגעבלאָזענעם דיקטאַטאָר יוזעף פּילסודסקי האָט זי לויט איר שעם געקאָנט פאַרנעמען דאָס דריטע אָרט אין מעדינע.

געשעמט האָט זי ניט, כאָלילע, מיט העלדנטאַטן אפן שלאַכטפעלד, ניט מיט די טיפע דראַשעס אינעם סיים, ניט מיט איר שיינקייט און ניט אפילע מיט איר געבעקס, נאָר מיט די לאַדענישן און פּראָצעסן, וואָס זי האָט גע־פירט מיט אירע געוועזענע מענער, און נאָך מער איז זי געווען באַרימט מיט אירע קעץ...

מע האָט געקאָנט אויספאָרן די גאַנצע מעדינע, אין דער לענג און אין דער ברייט, און ניט באַגעגענען נאָך אַזאַ קיניגרייך פון קעץ, ווי עס האָט פאַרמאָגט די פּאַני זשיכלינסקאַ.

וואָלט זי, כאָלילע, אַזוי ליב געהאַט מענטשן, ווי קעץ, וואָלט מען איר געוויס אוועקגעשטעלט נאָך באַם לעבן אַ גאָלדענעם מאָנומענט אפן שענסטן פּלאַץ אין קאָלאָמייע.

נאָר אין דעם שטעקט דאָך דער אומגליק אירער, וואָס זי האָט זיך זייער פרי אַנטוישט אין מענטשן, זיי פּײַנט באַקומען, און געווידמעט דאָס גאַנצע לעבן אירס די פּירפּיסלדיקע באַשעפענישן — די קעץ מיט די קעצעלעך אירע!

אַלע בלעטער, זאָגט מען, האָבן אַמאָל געקלונגען מיט דער פּאַני זשיכ־לינסקאַ און מיט אירע קעץ. און אויב שוין זײַן פּינקטלעך, וועלן מיר דאָ צוגעבן, אַז דער טומל איז געשטאַנען אומעטום ניט אַזוי אַרום פּאַני זשיכ־לינסקאַס קעץ, ווי אַרום איר צוואָע, וואָס זי האָט באַם לעבן אָנגעשריבן פאַר יעדער קעצעלע באַזונדער: ווו און וויאַזוי מע זאָל עס מעקאַבער זײַן. זי האָט אפילע אָפּגעקויפט באַ אַ פּאָרעץ אַ שטיקל פעלד אונטער דער שטאָט, אַרומגעצוימט עס מיט אַ פּלויטל — אַ שטיקל בעסוילעם פאַר אירע ליבלינגען. עס האָט אפילע געהאַלטן דערבײַ, אַז זי האָט זיך געקליבן באַשטעלן אין בודאַפּעשט באַ אַ באַרימטן סקולפּטאָר אַ דענקמאָל פאַר אירע קעץ.

עמעצער פון די לייענער קאָן מיינען, אַז די פּאַני זשיכלינסקאַ איז געווען, כאָלילע, אַ פאַרזעסענע מויד? איז זאָל גאָט אָפּהיטן! זי האָט פאַראַכ־טעט מענער? דאָס אויך ניט! פּונקט פאַרקערט! זי האָט גראָדע ליב גע־האַט מאַנצבלען, נאָר זיי האָט עס צו איר ניט געצויגן, כאָטש זי האָט געהאַט גענוג פאַרמעגן, אַ סאַך זלאָטעס...

פון די דרײַ מענער, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, האָט איינער אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע אין אַ וואָך אַרום נאָך דער כאַסענע. צוויי האָבן ניט אויס־געהאַלטן איר כאַראַקטער און זײַנען פון איר גיך אַנטלאָפן, ווי מע אַנטלויפט פון אַ מאַגייפע. עפּעס נאָך איינער האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט צו כאַ־סענע האָבן פאַר איר, נאָר אויך געמאַכט די פּלייטע. זיי האָבן אָבער פון דער פּאַני זשיכלינסקאַ געהאַט דערנאָך צו זינגען און צו זאָגן. זי האָט אף יעדן איינעם פון אירע באַשערטע דערלאַנגט אין געריכט, פאַרפירט מיט זיי

לאָדענישן, וואָס האָבן זיך געצויגן יאָרן. אף אדוואָקאטן בלויז האָט זי גע־פאטערט דעם גרעסטן טייל פון איר פארמעגן. ס׳איז דערגאנגען דערצו, אז זי האָט, נעבעך, געמוזט זיך צעשיידן מיט איר גרויסארטיקער בעקערײַ, וואָס איז געשטאנען אף דער שענסטער גאס פון קאָלאָמייע, און זיך איבער־פעקלען אין א האלב־פינצטערן קעלער. זי האָט געמוזט אָפזאָגן די בעסטע בעקער און קאָנדיטערס און איבערלאָזן יענע, וואָס האָבן גענומען וואָלוול פאר זייער ארבעט.

זיך ארײַנגעלאָזט אין די לאָדענישן, האָט זי אליין ניט באמערקט, ווי זי האָט געלאָזט אף גאָטס באראָט די געשעפטן אין איר בעקערײַ. אפילע אירע קעצעלעך האָבן דאָס אויך דערפילט, זיך אָנגעהויבן בייזערן, מיאוקען און קוקן אף דער באלעבאָסטע מיט גאזלאָנישע אויגן, לעמײַ טיילט זי אָפ אירע געוועזענע מענער מער אכט, ווי זיי, די קעצלעך...

די פאני זשיכלינסקא איז אמאָל, דערציילט מען, געווען א פרוי אין דער וואָג — א פולע, ווי א דייזשע, מיט דרײַ גוידערס. אין די לאָקאלן פון געריכט, ווו מע האָט געמישפעט אירע געוועזענע מענער, האָבן די ריכ־טער געמוזט אונטערוקן דער פילגעשעצטער פאני זשיכלינסקא צוויי בענקלעך, נאָר אין א צײַט ארום האָבן זי די לאָדענישן אזוי אויסגעטריקנט, אז איר איז שוין געווען איבערגענוג איין בענקל. פון אירע גוידערס איז קיין סימען ניט געבליבן. זי איז אראָפ פון פאָנעם, געוואָרן אויסגעדארט — א שענערע לייגט מען אין קייווער. אפילע די גרויסע גרינע אויגן אירע האָבן אָנגעוואָרן דעם גלאנץ, אָפגעבליאקעוועט געוואָרן. קיין שמייכל איז ניט געווען צו באמערקן אף איר לענגלעך, בלאַס, צעקנייטשט געזיכט.

באנאנד מיט דער באלעבאָסטע האָט אויך איר פירמע אָנגעווירן דאָס פאָנעם, אָפגעבליאקעוועט געוואָרן.

אזוי צוביסלעך איז די בעקערײַ, וואָס האָט געהאט א שעם ניט נאָר אין קאָלאָמייע, נאָר אויך אין די ארומיקע שטעטלעך און דערפער, געוואָרן צונישט, און די פאני זשיכלינסקא איז געוואָרן אָרעם, ווי דער טויט, נאָר ניט פארלאָרן איר האָנאָר, זיך ניט אונטערגעגעבן און ניט אופגעהערט שלעפן אירע געוועזענע מענער איבער די געריכטן. זי האָט זיך געוואָלט אין יעדן איינעם נויקעם זײַן, פארטרײַבן אין קייווער, פארצאפן בלוט, נאָר עס האָט איר ניט אָפגעגליקט. זי האָט זיך געכאפט, נאָר עס איז שוין געווען שפעט. פאני זשיכלינסקא איז שוין געווען האלב מענטש. אָן לײַב, אָן לעבן, אָן נערוון, אָן א הארץ.

ווי זי האָט זיך נאָכדעם שוין ניט געפוצט, זיך ניט געפארבט, האָט עס איר געהאָלפן, ווי א טויטן באנקעס. ניט שענער האָט עס בא איר געהאלטן מיט דער בעקערײַ. זי איז געגאנגען צו גרונט און ניט געוווסט, וואָס טוט מען.

סײַדן זיך נעמען דאָס לעבן!

נאָר ווי זשע האָט זי דאָס געקאָנט טאָן, אז עס גייען נאָך ארום איבער דער ערד אירע געוועזענע מענער און לעבן א גוטן טאָג! אזא פארדראָס! איז דאָך פאראן, זאָגט מען, א גרויסער גאָט אין הימל, טוט ער א נעס!

מיט דער פּאַני זשיכלינסקאַ איז זיך אומדערוואַרט פאַרלאָפן אַ געשיכטע, וואָס האָט איר, דער פּאַני, אומגעקערט דעם גלויבן אין גליק, אין יוישער, אַ געשיכטע, וואָס האָט איבערגעקערט איר לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

אין איינעם אַ שיינעם פאַרנאַכט האָט פּלוצעם אָנגעקלאַפּט אין איר טיר אַ שטאַלטנער מאַנצביל אין די יאָרן, אויסגעפּוצט אין אַ סמאָקינג, אין אַ פּאָר געלע שטיבליעטן, אין אַ גרינעם קאַפּעליוש. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ פראַנצויז, וואָס איז אָקאָרשט געקומען אַהער פון פּאַריז, ווו ער פאַרמאָגט אַן אווטאָמאָביל־געשעפט. אַ גליקלעכער צופאַל האָט אים, זאָגט ער, געבראַכט אַהער, קיין קאַלאָמייע. ער האָט אַ סאַך געהערט, זאָגט ער, וועגן דער פּאַני זשיכלינסקאַ, געגנוג געהערט וועגן איר גוטהאַרציקייט און ליבשאַפט, מיט וועלכער זי באַציט זיך צו קעץ, ווי זשע האָט ער געקאָנט, זייענדיק אין קאַלאָמייע, ניט באַזוכן אַזאַ וויכטיקע פּאַני? אַגעוו, אויב עס איז שוין יאָ געקומען צו רייד, לעמיי זאָל ער פון איר באַהאַלטן, אַז ער איז דאָרטן, באַ זיך אין פּאַריז, אויך ניט גלייכגילטיק צו קעץ? כוץ דעם, וואָס ער האַלט באַ זיך אין שטוב דריי צענדליק קעץ, האָט ער נאָך די ערע זיין דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פון קעץ־ליבהאָבער אין פּאַריז, ווי אויך דער פּרעזידענט פון „געזעלשאַפט פאַרטיידיקער פון באַלעכייִים“, דעריקער — קעץ. היינט פרעגט זיך טאַקע, ווי האָט ער געקאָנט אויסמיידן די פּאַני זשיכלינסקאַ, די קאַלעגע זיינע?

דערנאָך, ווען די פּאַני זשיכלינסקאַ האָט געשטעלט צום טיש ווייַן און פאַרבייסעכץ, האָט דער מאַנצביל דערציילט, אַז פאַראַיאָרן איז באַ אים געשטאָרבן דאָס ווייַב און ער איז געבליבן עלנט, ווי אַ שטיין, נישטאָ וועמען עס זאָל אַרומגיין אַרום זיינע קעץ, אַרום זיין גרויס באַלעבאַטישקייט. גאַנצע טעג און נעכט איז ער פאַרטאָן אין ביוראָ, פירט גרויס געשעפט מיט אַלע לענדער, ווו מע קויפט אווטאָמאָבילן, דערצו נאָך האָט ער אַ פינפשטאָקיק הויז ניט ווייט פונעם אייפעל־טורעם אין פּאַריז, דערצו נאָך איז באַ אים פאַראַן אַ וווּנדערלעכע ווילע באַם יאַם, אַ דאַטשע אין וואַלד, אַ יאַכטע אפן טייַך. און ער שטעלט זיך ניט פאָר, ווי וועט ער זיך ספּראַווען מיט דעם אַלעמען איינער אַליין? און מע איז נאָך אַ לעבעדיקער מענטש אויך, וויאַזוי לעבט מען אָן אַ פרוי, אָן אַ נאָענטן לעבנס־פריינט. צום סאָף האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וואָלט איצט אַ באַלן געווען עפּענען אין פּאַריז אַ גרויסע בעקערייַ און ווען ער האָט לעבן זיך אַזאַ פרוי, ווי פּאַני זשיכלינסקאַ, וואָלט ער געווען גליקלעך.

זי האָט געהערט זיינע רייד און שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון פאַרגעניגן. פונעם ערשטן קוק האָט דער אויסגעפּוצטער פראַנצויז געמאַכט אַף דער פּאַני זשיכלינסקאַ אַ גרויסן איינדרוק, ניט אַנדערש, ווי דער גורל אַליין האָט זיך דערבאַרעמט איבער איר, און פאַר אַלע אירע ליידן און צאָרעס, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, האָט ער איר צוגעשיקט אָט דעם פאַרשוין.

היינט אַז ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער זוכט זיך ניט קיין יונגע, קיין

שיינע, וועלכע קאָנען בלויז פארשאפן אזעלכע מאנצבלען, ווי אים, שמערץ, פאראטן, און אז זי, פאני זשיכלינסקא, איז אים צום הארצן, איז זי גאָר געווען אפן זיבעטן הימל, געשיינט.

זיצנדיק באם טיש, האָט ער צונויפגעשטעלט א פלאן, אז אינגיכן וועט ער זיך אראָפכאפן אף עטלעכע טעג קיין לאָנדאָן, דערנאָך קיין אמעריקע צו זיין קאָלעגע פאָרדן, וועגן איינציקע וויכטיקע האנדלס־איניאָנים, און גלייך קערט ער זיך אום קיין קאָלאָמייע, צו איר, פאני זשיכלינסקא, און ביידע וועלן אף א פאָר מאָנאטן זיך באזעצן אין דער שווייץ, אין די בערג, אף די פראכטפולע קוראציעס, מע וועט זיך נעענטער באקענען, און ווייטער וועט מען זען. מעגלעך, אז זיי זיינען גאָר געבוירן איינס פארן צווייטן...

דאָס זיינען בא פאני זשיכלינסקא געווען גליקלעכע טעג. זי האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, זי זאָל אויסנעמען אין די אויגן פון איר נייעם באשערטן. צו אלעמען איז זי געווען גוט, כאָטש לייג זי צו צו א מאקע. די פאני זשיכלינסקא האָט שוין ניט געשליידערט פון אלע טרעפ די בעטלער, וועלכע זיינען צו איר געקומען, נאָר געשענקט זיי נעדאָ־וועס פון דער ברייטער האנט. אלע בעקער־יונגען אירע האָט זי געהעכערט דעם לוין. די גרויסע מאכנע קעץ האָט זי אָנגעהויבן האָדעווען מיט סמע־טענע און בעסטן קאלבן־פלייש. זי איז ארומגעגאנגען איבער דער שטאָט א שיינענדיקע, אונטערטאנצנדיק: הייסט עס, איר שטערן איז נאָך ניט פאר־גאנגען! זי קאָן נאָך, הייסט עס, פאנגען א מאנצבל אין די מיטעלע יאָרן, א מאנצבל מיט א פארנעם, מיט א פארמעגן, מיט אן אָרט אין דער הויכער געזעלשאפט!

מיט אומגעדולד און הארץ־ציטערניש האָט זי געוואַרט אף יענער מינוט, ווען איר באשערטער וועט איר זאָגן דאָס געגארטע וואָרט, זיך אוועקלאָזן מיט איר אין דער שווייץ, אף צעפיקעניש אלע אירע געוועזענע מענער און קאוואליערן, אף צולאָכעס אלע אירע סאָנים און ניטפארגינער!

דער באשערטער האָט זיך געפילט בא איר אין שטוב, ווי אן עכטער באלעבאָס. זי האָט ארום אים געטאנצט, געהאָדעוועט, אף אים קיין שטויבעלע ניט געלאָזט פאלן, געהאָדעוועט מיטן בעסטן און שענסטן, געפּאָיעט מיט די טייערסטע געטראנקען, אריינגעקוקט אין מויל, מאמעש געציטערט איבער אים.

אין די דאָזיקע טעג האָט זיך פאני זשיכלינסקא ארויסגעוויזן פאר דער סאמע ברייטהארציקער פרוי אין דער וועלט, זי האָט איר באשערטן גאָרניט ניט געזשאלעוועט, זיך געלאָזט קאָסטן. דער פראנצויז האָט ניט געיילט אוועקפאָרן פון קאָלאָמייע. ער האָט איר געזאָגט, אז ער וואַרט, מע זאָל אים פון פאריז צושיקן זיין טשעק־ביכל, וואָס ער האָט דאָרטן אין איילעניש פארגעסן, דעמלט וועט ער איר קויפן גוטע מאטאָנעס, באשטעלן נייע קליי־דער און אלץ, וואָס איר איז נייטיק צו דער רייזע.

פאני זשיכלינסקא האָט זיך שיר ניט געריִרט פון די געדאנקען פאר גליק. א קאלע־מויד מיט אלע פישטשעווקעס!

איר האָט אָבער געדאַרפט אַ קוק טאָן אויף איר אין יענער מינוט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון דער בעקערײַ אַהיים, ניט נאָר פון דער בעקערײַ, נאָר אויך פון דער שערערײַ, מיט אַ נײַער פריזור, מיט מאַניקיור, געפאַרבט און געפּוצט אויפן פראַנצויזישן מאַניר, און דערזען פאַר זיך די אויסגעליידיקטע שאַפעס, די אופגעבראָכענע שלעסער פון די קאָמאָדן, וואָס זײַנען געווען פּוסט, דעריקער דאָס צעטעלע אויף איר טואַלעט־טישל — דער באַשערטער אירער האָט געײַצעט, זי זאָל אויף ווײַטער זיך באַמיִען זײַן פאַרזיכטיקער מיט מאַנצבלען...

און זי איז געווען פאָרזיכטיק מיט מאַנצבלען.

אין קאָלאָמייע איז ווידער געוואָרן פריילעך! די געשיכטע מיט פּאַני זשיכלינסקאַס נײַער ליבע האָט אופגעטרייסלט די גאַנצע שטאָט. ביז אונטערן הימל איז געשטאַנען דער געלעכטער. עטלעכע טעג האָט פּאַני זשיכלינסקא ניט געקאָנט אַרויסגיין פון יענער זײַט שוועל.

פינקטלעך איבערגעבן, וואָס עס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן, דאַרף מען זײַן שטאַרקער פון אײַזן. ווען מיר דאָס טאַקע דורכלאָזן און גיין ווײַטער.

איין זאַך דאַרף מען זאָגן: פון דעם טאָג אָן, ווען דער כאָסנבאָכער פון פּאַריזש האָט מיט איר אָפּגעשפּילט אַזאַ כאַסענע, האָט פּאַני זשיכלינסקא אויף אייביק פײַנט באַקומען אַלע מאַנצבלען, ביז איינעם! אַז זי האָט פאַר זיך דערזען אַ מאַנצבל, אַ מענטש אין הויזן, האָט זיך אין איר מאַמעש אָנגעצונדן די רעציכע.

אַרײַנקומענדיק אין בעקערײַ, פלעגט זי זיך אָפּקערן פון די בעקער־יונגען, פּונקט ווי זיי זאָלן זײַן די גאַנצע שולדיקע אין איר אומגליק. אַז איר איז אויסגעקומען ריידן מיט עמעצן פון די מאַנצבלען וועגן געשעפט־זאַכן, האָט זי געקוקט אין דער זײַט. דער האַס האָט אין איר געזאָטן.

פון איר נײַער פריזור, פונעם מאַניקיור, פון דער פאַרב איז קיין סימען ניט געבליבן. די פּאַני זשיכלינסקא איז געוואָרן נאָך מער דאַר און אײַנגעשרומפּן, אַ ראַכמאָנעס געווען אויף איר צו קוקן.

איצט האָט זי געהאַט מער צײַט און אָנגעהויבן אָפטער אַרײַנקומען צו זיך אין בעקערײַ, דערגאַן די בעקער־יונגען די יאָר, זיך געזידלט מיט אַלעמען, אַלץ געשליידערט, פאַרקירצט יעדן איינעם די סכירעס, געדראָעט אַלעמען אַרויסטרײַבן פון דער אַרבעט...

פּאַני זשיכלינסקא האָט זיך אויך געבראָכן דעם קאָפּ און גאָרניט געקאָנט צוטראַכטן, וואָס טוט מען, ווי פאַרבעסערט מען אירע געשעפטן נאָך דעם גרויסן קלאַפּ, וואָס זי האָט געכאַפּט, נאָך דעם, ווי זי איז צוליב דעם כאָסנבאָכער אירן אַרײַנגעקראָכן אין אַזעלכע כויוועס!

מיילע, פון ליבע איז זי שוין פּאָטער, דאַרף מען זען מאַכן פון דער בעקערײַ אַ לײַט. זי געדענקט נאָך גוט, פּאַני זשיכלינסקא, ווען איר בעקערײַ און איר געבעקס האָבן אומעטום געשעמט. זי האָט אָפטער ליב באַקומען דערמאָנען יענע גליקלעכע צײַט, באַזונדערס די געשיכטע מיטן אַלטן אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף, וועלכער איז אַמאָל אַראָפּגעקומען קיין קאָלאָמייע און פאַרקראָכן צו איר אין בעקערײַ, צו פּאַני זשיכלינסקא. ער האָט געוואָלט

פארזוכן אירע בולקעלעך. דער אימפעראטאָר, זאָגט מען, האָט פארשטאנען א טאָלק אין פרישינקע בולקעלעך, פארשטאנען, דאכט זיך, עטוואָס מער, ווי אין מעלוכישע און מיליטערישע איניאָנים. דאָרט בא זיך אין דער הויפּט־שטאָט האָט ער געהאט א בעקערײַ, וווהין ער פלעגט אלע טאָג, דער אלטער, קומען פארזוכן א פריש בולקעלע, — עס האָט געמעגט אין דרויסן דונערן און בליצן!

פארזוכט פאני זשיכלינסקאס געבעקס, האָט דער אלטער אָנגעקוועלט. אים איז עס געפעלן געוואָרן, און ער האָט די באלעבאָסטע געלויבט און געדאנקט. ער, זאָגט מען, איז געווען אזוי באגײַסטערט, אז ווען ער האָט פארלאָזט די בעקערײַ, האָט ער די באלעבאָסטע א קלאַפּ געטאָן גוטברודע־ריש מיט דער גאנצער דלאָניע עטוואָס נידעריקער פון דער פּלייצע. און גאָר ניט, ווי קיין אימפעראטאָר...

נאָך ביז איצט היט זי אָפּ, די פאני זשיכלינסקא, דעם גראָבן ציבעק, וואָס פראנץ־יאָסיף האָט פון איבעראשונג פארגעסן אפן טישל אין דער בע־קערײַ.

שוין לאנג נישטאָ דער אימפעראטאָר, די אמאָליקע מאנצבלען. די בע־קערײַ איז שוין אויך ניט אזא ווי געווען, און זי גופע, דאָס הייסט די פאני זשיכלינסקא, איז אוואדע ניט יענע, וואָס אמאָל, און דאָך איז אָנקומען צו איר אין בעקערײַ אף ארבעט גאָר ניט פון די גרינגע זאכן, באזונדערס פאר מאנצבלען...

דארפט איר אליין שוין פארשטיין, וואָס פאר א רוישעם עס האָט געמאכט אף אירע בעקער דאָס, וואָס זי האָט פּלוצעם אראָפּגעבראכט צו זיי אן אָפּ־געריסן, אָפּגעשליסן יינגל מיט א פּאָר ברענענדיקע אויגן, א צעפּאטלטער געדיכטער טשופּרינע, און געמאלדן, אז ער וועט דאָ ארבעטן, און טאָמער וועט עמעצער זיך דערוועגן אים אָנרירן מיט א פינגער, זאָל יענער דערנאָך קיין כאראָטע ניט האָבן.

מיט וואָס האָט דאָס שווארצכיינעוודיקע יינגל אזוי אויסגענומען אין אירע אויגן, איז געווען א סאָד פאר אלעמען. ניט אנדערש, א בער איז געפּייגערט אין וואלד.

אין וואָס איז טאקע באשטאנען דער סאָד, וואָס דאָס מאזל האָט מאקסן אזוי אונטערגעשפּילט?

אויב איר מיינט, אז דאָס איז אים גרינג אָנגעקומען, האָט איר א גרויסן טאָעס!

אף זײַן מאזל האָבן זיך אין יענע טעג, ווען ער איז געקומען קיין קאָלאָ־מייע, צעבושעוועט אין די קארפּאטן די ווינטן, אָנגעטראָגן א קאלטן שלאקס־רעגן, און איבערגעמישטן מיט שניי. א וועטער, אז קיין לײַטישער באלעבאָס וועט קיין הונט ניט ארויסלאָזן אף יענער זײַט שוועל, און ער, מאקס קרייס־לער, איז ארומגעגאנגען איבער דער שטאָט, ציטערנדיק פון קעלט און פון הונגער. ער האָט געזוכט א ווינקל, ווו אָנצוווארעמען זיך.

ער האָט לאנג געבלאָנקעט איבער די גאסן, ביז ער האָט פארבלאָנדזשעט אין עק שטאָט, ווו ער האָט נאָך פונווײַטן דערפילט דעם געשמאקן און רייצנ־

דיקן רייעך פון געבעקס. דער דאָזיקער רייעך האָט אים געבראַכט צו א פאַרפּאַראָשעט מיט מעל האַלב־אויסגעזעצט פענצטערל פון א קעלער, וואָס איז געווען גוט אײַנגעזונקען אין דער ערד. מאַקס האָט זיך אײַנגעבויגן און געקוקט מיט הונגעריקע אויגן, ווי עס פלאַמען די אויוונס, און, דעריי־קער, אף די קיכלעך, וואָס האָבן מאַמעש געשמייכלט צו אים פון די בעקנס. געקוקט און געשלונגען די סלינע, זיי געגעסן מיט די אויגן. ער איז מעסוקן מעקאַנע געווען די פעסטע, פאַרפאַליעטע האַלב־נאַקעטע בעקער־יונגען, וועלכע זײַנען געשטאַנען בא די אויוונס, לעבן אזא גוטס, מעקאַנע געווען די פלינקע מוידן, וועלכע זײַנען אַרומגעלאָפן איבער דער בעקערײַ און אונטערגעטראָגן צו די אויוונס נײַע בעקנס.

מיטאַמאָל האָט מאַקס דערפילט, ווי א בייזע האַנט האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער, געגומען טרייסלען, און א סקריפּענדיקע שטים האָט אויס־געפּאַליעט:

— אַך, דו אויסוואורף, פסיא קרעווו! וואָס טאָרטשעסטו דאָ בא מיר אונ־טער די פענצטער? דו קערסט וואַרטן, מע זאָל אַרויסטראָגן די קוישן און דו זאָלסט אַראָפּכאַפּן עטלעכע בייגל? איך וועל דיר באַלד אזוי דערלאַנגען, אז דו וועסט פאַרגעסן ווי דו הייסט!

מאַקס האָט זיך דערשראָקן אָפּגעקערט און דערזען פאַר זיך א לאַנגע, דאַרע פרױצע מיט א פאָר בייזע אַרומלױפנדיקע קאַלטע אויגן און א מאָדנעם קאַפּעליוש אַפן קאָפּ. די פרוי האָט זיך שוין געהאַט פאַרמאָסטן אף אים מיט איר שירעם, נאָר דערזען נעענטער דעם כיינעוודיקן באָכער, דאָס גוטמור־טיקע, עטוואָס פאַרמורזעטע פּאָנעם, זײַן פאַרלוירן שמייכעלע, איז זי גע־וואָרן עטוואָס מילדער און שוין ניט אזוי בייז צוגעגעבן:

— פאַרנעם זיך פונדאַנען מיט גוטן, שלעפּער!..

— מומינקע! — האָט זיך אָנגערופן דאָס יינגל. — איך בין ניט קיין שלעפּער. איך גיי אַרום און זוך אַרבעט... — און נאָך א מינוט שווײַגן ניט דרייסט צוגעגעבן, קוים באַהאַלטנדיק דאָס גוטמוטיקע שמייכעלע, — איך קאָן אויך זײַן א בעקער. איך בין שוין אַמאָל געשטאַנען באַם אויוון...

— אזוי גאָר? — האָט זי אים אָנגעקוקט. — א שיינער בעקער מיט צעריסענע הויזן און צעפּאַרענע שקראַבעס!.. אזעלכע בעקער דאַרף איך ניט האָבן!.. גיי דיר צום טײַוול, אַנדערש וועל איך גלײַך רופן פּאָליציי...

כאַפּנדיק אזא אומדערוואַרטן פּסאַק, האָט מאַקס זיך פאַמעלעך געלאָזט גיין, פילנדיק אף זיך דעם דורכדרינגעוודיקן בליק פון דער בייזער פרוי.

— היי, דו כלאָפּ, קום נאָר אהער! — האָט זי אים א רוף געטאָן. ווידער גענומען מעסטן מיטן בייזן בליק פון קאָפּ ביז פיס. — דו זוכסט טאַקע אַר־בעט?

— געוויס, פּאַני! איך וועל אײַך זײַן שטאַרק דאַנקבאַר, אויב איר וועט מיר געבן אַרבעט... — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אף זײַנע צעפּליקטע, פּיטש־נאַסע שיך, וועלכע זײַנען געווען איבערגעבונדן מיט שטריקלעך, קעדיי די פּאָדעשוועס זאָלן ניט אַראָפּפאַלן.

— ארבעטן ווילסטו? — האָט ער ווידער דערהערט איר גרילצנדיקע שטים

זי האָט אים נאָך א לאנגע ווײַלע באטראכט:

— זאָגסטו, אז דו ביסט ניט קיין שנאָרער? נו, און לויפן גוט קאָנסטו?

ער האָט אָף איר בייז א קוק געטאָן, מיינענדיק, אז דאָס איזדיעקעוועט זי זיך שוין איבער אים, און געוואָלט ארײַנזאָגן, נאָר זיך אײַנגעהאלטן, שטילערהייט געענטפערט:

— געוויס יאָ, נאָר אקעגן וואָס פרעגט איר, פאני?

— אקעגן וואָס! — האָט זי אים איבערגעקרימט. — אקעגן דעם, זאָלסט פרעגן! נו, און קעץ האָסטו ליב?

— וואָס, קעץ? — האָט ער זי א רעגע אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענע. ווי קען מען ליב האָבן קעץ? אזעלכע מיִעסע באשעפענישן! דער רעבע האָט אמאָל געזאָגט, אז יינגלעך טאָרן זיך ניט שפילן מיט קעץ. ווער עס האָט צו טאָן מיט קעץ, וועט האָבן א פארשטאָפּטן קאָפּ. ער האָט עס שיר ניט געזאָגט דער צעדרייטער פריצע, נאָר אומגעריכט האָט זיך בא אים ארויס־געכאפּט:

— יאָ, פאני, איך האָב ליב קעץ! איך קאָן אָן זיי פּאָשעט ניט לעבן!

און די עטלעכע ווערטער האָבן גלײַך געלייזט זײַן גורל. ער האָט דער־זען אָף איר אויסגעצויגענעם פּאָנעם א סימען פון א שמייכעלע און פאר־שטאנען, אז ער האָט איר צוגעטראָפן.

ווײַטער איז שוין אלץ געגאנגען, ווי אין א כאָלעם.

די מאָדנע פריצע האָט ארויסגעשלעפּט פון איר געפלאָכטענעם קויש א בלעכענע קיילע און דערלאנגט מאקסן צוזאמען מיט עטלעכע מאטבייעס:

— נעם און באוויַיז, ווי דו קאָנסט לויפן און ווי דו האָסט ליב קעץ. ברענג מיר פון מארק א קרוג מילך פאר מײַנע קעץ. א פוס דאָ, א פוס דאָרט. ועסטו שנעל זיך אומקערן, נעם איך דיך ארבעטן בא מיר אין בעקערײַ... פארשטאנען?

— פארשטאנען, פאני! — האָט ער אויסגעפּאליעט און זיך געלאָזט לויפן צום מארק.

מיט איין וואָרט — מאקס קרייסלער האָט גלענצנד אויסגעהאלטן דעם ערשטן עקזאמען. און דאָס האָט אים געעפנט די טיר פון פאני זשיכלינסקאס בעקערײַ. אים, לאָזט זיך אויס, האָבן געראטעוועט די קעץ, פונקט ווי די גענדז האָבן אמאָל געראטעוועט די בארימטע שטאָט רוים...

פון דעם טאָג אָן האָט מאקס זיך געקאָנט רעכענען פאר א גליקלעכן באָכער.

און נאָך גליקלעכער וואָלט ער געוועזן, ווען עס פייגערן בא איר אוועק די קעץ!

ווו האָבן זיי זיך גענומען אף זײַן קאָפּ! צוליב די קעץ איז ער שיר ניט אומגעקומען. אין דרויסן האָט געמעגט דונערן און בליצן, גיסן א שלאַקס־רעגן, דרייען א מוירעדיקע זאווערוכע, האָט ער געמוזט לויפן אין מארק ארײַן אײַנקויפן מילך און פּאָטראָכעס פאר פאני זשיכלינסקאס ליבלינגען.

זי האָט אים אַראָפּגעשלעפּט אינמיטן דער נאַכט פון די זעק, ווו ער איז געשלאָפן, און געטריבן זוכן א קעצעלע, וואָס האָט ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט. און מאַקס האָט זיך ביז טאָג אַרומגעדרייט איבער פרעמדע הייפלעך זוכן. אַן אַנדער ברירה האָט ער געהאַט?

אין קאָלאָמייע האָט מען זי גערופן ניט אַנדערש, די פאַני זשיכלינסקאַ, ווי „די קיניגן פון קעץ". מע האָט מיטגעפילט דעם יינגל, וואָס האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט צו אַזאַ באַלעבאָסטע.

נאָר ווי עס זאָל דאָרט ניט זייַן, איז מאַקס דאָך געווען צופרידן מיט זייַן גורל. ער וואָלט שיין אויסגעזעצן, ווען ער טרעפט ניט אָן אויף דער „קיניגן פון קעץ". ער האָט זיך דאָך צוגעשלאָגן צו א שטיקל ברעג!

אים זייַנען מער פון אַלץ געווען צום האַרצן די בעקער־יונגען, וואָס האָבן אים געלערנט שטעלן די ערשטע טריט אין בעקערייַ — פאַרקנייטן א דייזשע טייג, האַלטן א לאָפּעטע אין די הענט, שטיין באַם צעגליטן אויוון, אַרויסשלעפן די בעקנס פונעם אויוון. ער וועט זיך אויסלערנען די מעלאָכע און ווערן אַזא, ווי זיי אַלע.

קיין בעסער אָרט, ווי דאָ, האָט זיך אים ניט געכאָלעמט אפילע. קיין שענערן גורל האָט ער ניט געדאַרפט. סאַראַ פאַרגעניגן נאָך דעם, ווי ער לויפט זיך אָן, ווי א קעלעוו, איבערן מאַרק אייַנקויפן מילך און פּאָטראָכעס פאַר דער באַלעבאָסטע, זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער, דערוואַרעמען די נעשאָמע, כאַפּן א פרישן בולקעלע, קיינער זאָל ניט זען, און זיך מעכייַע זייַן מיט דעם! און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעהאָרעוועט, ווי אַן אייזל באַ דער דייזשע, ווי גוט איז אַרופקריכן העט אויף די זעק און זיך אויסציִען אין דער גאַנצער לענג, שלאָפן, ווי א קייסער, זיך דערפילן, ווי באַם טאַטן אין ווייַנ־גאָרטן!

קוקנדיק, ווי ער עסט די פרישע בייגל, האָבן בעקער־יונגען געשפּאַסט:

— מאַקס, זעט אויס, אַז באַם טאַטן דייַנעם האָסטו זעלטן געגעסן צו זעט?

— געוויס האָט מען אים דאָרט, אין קאָוואַליוקע, מיט אכילע ניט געבאַ־לעוועט.

— דער באָכער פאַרשטייט א טאָלק אין געבעקס...

אָבער נאָך שטאַרקער האָבן די כעווּרע געשפּאַסט און געלאַכט, צוקוקנ־דיק, ווי מאַקס קרימט זיך נאָך דער באַלעבאָסטע, באַווייַזט, ווי זי גייט, ווי זי בייזערט זיך, ווי זי דרייט מיט די קליבעס, פאַרבט די ליפּן. און אַז ער הייבט אָן נאָכמאַכן דער פאַני, ווי זי נעמט מיט צוויי פינגער דאָס לאַנגע קלייד אירס און לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ אין בעקערייַ, פּלאַצט מען שיר ניט פון געלעכטער.

— נו, א שעד! מיט אָט דעם מאַזיק וועסטו פון אומעט ניט שטאַרבן.

— מיט אונדזער מאַקסן איז פריילעך. מע באַמערקט ניט, ווי די נאַכט לויפט איבער!

— אָבער ניט שטענדיק איז אַזעלכע כעוורע פריילעך צו לעבן אויף דער וועלט. אָפט שנייַדן זיי אָפּ זייער שלעכטס...

— היי, בײַס זיך בעסער אָפּ די צונג! צו מאַקסן קער זיך דאָס ניט אָן...
יאָ, זינט ס׳איז אהער, אין בעקערײַ, געקומען דער באָכער פון קאָוואַ־ליוועק, איז דאָ געוואָרן א סאַך פרייליכער.

מע האָט זיך צו אים זייער גיך צוגעוווינט און אָן אים האָט מען זיך שוין ניט געקאָנט באַגיין.

* * *

איצט פאַרשטייט ער שוין אליין, מאַקס קרייסלער, דעם טײַטש פון זײַן טאַטנס גלײַכווערטל: „מע ליגט אין דער ערד און מע באַקט בייגל...״

פאַרשטאַנען האָט ער עס פון די ביכלעך, וואָס דער בעקער אילקאָ זאַגול האָט אים אָפּטלעך אונטערגערוקט. און מאַקס האָט די ביכלעך מאַמעש געשלונגען מיט די אויגן. ווי נאָר א פרײַע מינוט, האָט זיך מאַקס גלײַך פאַרוקט אין א ווינקל צווישן די זעק מעל און געלייענט, ביז די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען אין די שכײנישע הייפלעך.

ערשט איצט האָט מאַקס דערפילט דעם עמעסן טאַם אין די ביכלעך. דאָס האָט ער צו דאַנקען בלויז אילקאָ זאַגולן. אַזעלכע ביכלעך, ווי דער גיט אים, מאַקסן, האָט ער ביז איצט ניט אָנגעקוקט אין די אויגן!

עמעס, אילקאָ האָט אים אַלעמאָל געזאָגט אָפּן אויער, מאַקס זאָל זיך היטן, קיינעם ניט באַווײַזן די ביכלעך. זיי בײַסן זיך...

הערט נאָר, ביכלעך בײַסן זיך? ווי קאָן דאָס זײַן?

מאַקס האָט דאָס פאַרשטאַנען, ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין בע־קערײַ א פּאָליציאַנט און אילקאָ זאַגול האָט פלינק אַרויסגעכאַפּט פון דער פאַזוכע צוויי ביכעלעך און פלינק, דער טײַוול, דער ניט־געבעטענער גאַסט, זאָל ניט באַמערקן, אַרײַנגעשלײַדערט זיי אינעם פלאַקערנדיקן אויוון.

פונעם ערשטן טאָג, ווי נאָר מאַקס איז געקומען אהער, האָט ער זיך באַמיט זײַן נעענטער צו אָט דעם וווקסיקן, עטוואָס סטולן יונגנמאַן מיט די לאַנגע בלאָנדע האָר און פאַרזאָרגטן ליכטיקן פּאָנעם. די גרויסע בלאָוולעכע אויגן, וואָס האָבן זיך געלויכטן פון הינטער די ברילן, וואָלטן גיכער גע־פּאַסט פאַר א מיידל. אילקאָ זאַגול איז געווען אויסערלעך שטאַרק ענלעך אַף א לערער אָדער סעמינאַריסט. ער איז געווען באַשיידן און ניט־באַריי־דעוודיק. אַפן ערשטן בליק האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון א שטי־לינקן, סטאַטעטשנעם מענטשן, „טשעפּע מיך ניט, און איך וועל דיך ניט טשעפּען...״ נאָר אייניקע האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט אַזא שטילינ־קער, ווי עס קאָן זיך אויסווײַזן. דאָס איז געווען אַן אומרויִקע, בונטאַרישע נאַטור. ער האָט זיך פאַר גאָרניט ניט געשראָקן און פאַרן עמעס געקאָנט גיין ביזן בלוט אַרײַן.

אילקאָ זאַגול האָט שוין, אייגנטלעך, פאַרדינט דערפאַר געַנוג. פאַר־זוכט קאַלטס און וואַרעמס. עטלעכע מאָל געזעסן אין טורמע, שיינע קלעפּ אַרײַנגעכאַפּט פאַר זײַן צונג, פאַר זײַן כאַראַקטער.

נאָך ביז איצט פארגעסט אין אים ניט די פּאָליציי. צוויי מאָל א כוידעש כאפן זיך אהער אראָפּ די שלעק, טרייסלען אויס זײַן זעקל, דעם מאטראץ, ווו ער שלאָפט, נישטערן אין אלע ווינקעלעך און פרעגן זיך נאָך בא די בעקער־יונגען, צי פירט ער זיך, דער אילקאָ, לײַטיש, צי פארנעמט ער זיך דאָ ניט מיט קראמאָלע, אגיטירט ער ניט קעגן דער אָרדענונג?

אָפטלעך, ווען אילקאָ גייט איבער די גאסן, וואקסט אויס לעבן אים א שאָטן — אן אגענט פון דער דעפענזיווע. ער גייט אים נאָך, קוקט זיך צו, ווּהין פארקערעוועט ער.

שוין א שטיק צײַט, אז דער הוצול אילקאָ זאגול איז אפן שווארצן צעטל און די קאָלאָמייער פּאָליציי זאָרגט פארן בעקער — לאָזט פון אים קיין אויג ניט אראָפּ!

מיט וואָס האָט דער בעקער אזוי פארדינט די ערע בא די שאָמרים פון דער אָרדענונג, מע זאָל זיך אזוי אינטערעסירן מיט אים, איז א טעמע פאר זיך, נאָר עטוואָס איז קעדײַ דערציילן.

אילקאָ זאגול האָט צוויי יאָר געלערנט אין ווארשעווער אוניווערסיטעט, דערלערנט פילאָסאָפיע און רעכט. ער איז אָבער אזוי טיף ארײַנגעדרונגען אין דער פילאָסאָפיע, זיך אזוי געגריבלט אין פראגן פון רעכט, געזעצן, אז עמעצן האָט דאָס אָנגעהויבן ניט שמעקן. צו טיף איז אילקאָ פארקראָכן. אף די לעקציעס האָט ער פארגעבן די לערער אזעלכע פראגן, וואָס האָבן אופ־געהויבן א שרעקלעכן טומל בא אלע סטודענטן. אָפטלעך האָט מען פאנאנ־דערגעוואָרפן פלוגבלעטלעך, וואָס האָבן גערופן אראָפּוווארפן די רעגירונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן סטודענטישע אומרועו.

אינגיכן האָט מען זיך געכאפּט, אז דער סטודענט פון די קארפאטן, אילקאָ זאגול, פארנעמט זיך דאָ ניט בלויז מיט פילאָסאָפיע. ער, לאָזט זיך אויס, איז דאָ איינער פון די אָרגאניזאטאָרס פון די אומרועו. מע האָט אים געכאפּט באם פאנאנדערשפּרייטן פלוגבלעטלעך.

אילקאָ זאגולן האָט מען גלײַך ארויסגעשלײַדערט פונעם אוניווערסיטעט, ארײַנגעוואָרפן אין טורמע און מיט אים אָפּגעלערנט א פארשע פילאָסאָפיע און רעכט, דערבײַ האָט מען אים צעבראָכן צוויי ריפּן, שיר ניט אָפּגעשלאָגן די לונגען, ארויסגעוואָרפן אין א צײַט ארום פון טורמע, פארווערט ווינען אין ווארשע.

א קראנקער, א צעבראָכענער האָט ער זיך אומגעקערט אהיים, אין זײַן בוקאָווינער דערפל ערגעץ טיף אין די בערג, ווּ עס האָט געוווינט זײַן אלטיטשקע, קראנקע מוטער.

אזויפיל האָפענונגען האָט זי געלייגט אף איר זון! זי האָט געמיינט, אז פון איר אילקאָן וועט אויסוואקסן א מענטש, און אומגעקערט האָט ער זיך אהיים אן ארעסטאנט, א געשטעמפּלטער!

מיט זײַן אומקערן זיך אהיים האָט אילקאָ זאגול אנטוישט ניט בלויז זײַן מאמע, נאָר דאָס גאנצע דערפל, אלע הוצולן. אין גוירל פון דעם פייזיקן, פלײַסיקן באָכער האָבן זיך באטייליקט אלע אײַנוווינער פון דאָרף. די גאנ־צע הראָמאדע האָט געזאמלט געלט און געשיקט אילקאָן קיין ווארשע זיך

לערנען, מיינענדיק דערביי, אז פון דעם באַכער וועט אויסוואַקסן א פעלד־שער, א דאָקטער, וואָס וועט זיך מיט דער צייט אומקערן אין דאָרף און היילן דעם אוילעם, וואָס מאַטערט זיך אזוי פון די קרענק אָן א דאָקטער. לאָזט זיך אויס, אז דאָרטן, אין וואַרשע, איז אילקאַ אוועק אף גאָר אַן אנדער וועג! עס האָט אים דאָרטן גאָר א צי געטאָן צו פּאָליטיק, צו קראַמאָלע...

איצט, אז ער איז געווען אין שוואַרצן צעטל, האָבן זיך א סאַך מענטשן אָפּגעקערט פון אים, מוירע געהאַט אויסריידן א וואָרט.

א שטיק צייט איז אילקאַ זאַגול אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף, ניט גע־ווּסט, צו וואָס צולייגן די הענט. עס האָט אים געצויגן אין דער וועלט אַריין. ער האָט ניט געוואָלט לעבן שטיל און רויק און זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאָלאָ־מייע. לאַנג ניט געקאָנט געפינען קיין אַרבעט. עס זיינען ניט געווען קיין סאַך באַלאָנים אַריינעמען צו זיך א געוועזענעם סטודענט, וואָס איז געווען צעקריגט מיט דער רעגירונג פונעם פאַן פּילסודסקי.

בלויז די פּאַני זשיכלינסקאַ האָט זיך דערבאַרעמט איבער אים און גענו־מען אים צו זיך אין בעקעריי. די ערשטע צייט האָט ער געמוזט דורכגיין בא איר די שול, וואָס עס גייט איצט דורך מאַקס קרייסלער, דאָס הייסט אכ־טונג געבן און האָדעווען אירע קעץ.

בלויז דאַן, ווען ער איז דורכגעגאַן די דאָזיקע שול, האָט פּאַני זשיכלינ־סקאַ אים צוגעלאָזט צו די אויוונס.

אָבער ניט בלויז אין דעם איז באַשטאַנען דער סאָד, וואָס זי האָט אים גענומען אין בעקעריי. פּאַני זשיכלינסקאַ האָט געצאָלט דעם קראַמאָלניק גראָשנס פאַר זיין אַרבעט, און ער האָט קיין אנדער ברירע ניט געהאַט, געמוזט איינגיין אף דעם.

מיט דער צייט האָט זיך אילקאַ אזוי באַפריינדעט מיט זיין יונגן כאַוער און שילער, אז עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן — זיי זיינען שוין צוזאַמען ווער ווייסט וויפל יאָר. אזוי האָבן זיי געלעבט דאָ אין קעלער, זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. אילקאַ זאַגול האָט פאַרטרויט מאַקסן זיינע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען און טרוימען.

מאַקס איז געווען נאָך מער גליקלעך, וואָס ער האָט געפונען אזא גוטן מענטשן, זיך אויסריידן דאָס האַרץ פאַר אילקאַן איז פאַרן באַכער געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. ער איז געווען באַצויבערט פון אילקאָס דערציילונגען וועגן אַלע שווערע ניסיוינעס זיינע, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין טורמע, אין אוניווערסיטעט. ביז די דריטע העגער פלעגט מאַקס לייענען באַם קליינעם לעמפּעלע ביכלעך, בלעטלעך, וואָס אילקאַ האָט אים פאַרטרויט. דער אַטעם האָט אזש פאַרכאַפּט. ער האָט זיך דערוווּסט אזוינס, וואָס אים האָט זיך קיינמאָל אפילע ניט געכאָלעמט.

אַלץ וואָלט שוין געווען גוט, האָט אים אָבער גאָט צוגעשיקט א באַלע־באָסטע — א ווייסטע מאַפּאָלע אף איר!

ווי נאָר זי באַמערקט, אז אילקאַ זיצט מיט מאַקסן און רעדט מיט אים, אזוי ווערט זי אופגעזאָטן:

— היי, לײדיקגייער, ארעסטאנטן! אנו הערט דאָרט אויף צו פּלאַפּלען, נעמט זיך גיכער צו דער ארבעט! און דו, מאקס, נעם דאָס קוישל און לויף אין מארק ארײַן נאָך פּאָטראָכעס... מײַנע קעצעלעך זיצן דאָרט הונגעריק — און די שלעק זיצן און טוען גאָרניט!

— גלײַך לויף איך, פּאני!

און מאקס לאָזט זיך אין וועג, פארשעלטנדיק שטילערהייט די באַלעבאָסטע מיט אירע קעץ.

אויך דאָס וואָלט געווען צו דערלײַדן, ווען ער האָט וואָס אָנצוטאָן אף זיך. ווי אף צולאָכעס האָבן זיך זייער פּרי אײַנגעשטעלט די גרויסע קעלטן און פרעסט. עס האָט אויסגעשאָטן א טיפער שניי איבער די קני. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן אזוינע הורבעס, אז ס'איז ניט ארויסצו־גיין פון שטוב. דער פראָסט שנײַדט מאמעש שטיקער, טשיפּעט בא דער נאָז, כאפּט פאר די אויערן, און פרווו, זײַ א בעריע, לויף איבערן מארק מיט דײַן צעריסענעם רעקל, אין די צעפּליקטע שיך! פון דער היים איז ער דאָך אנט־לאָפן, אין וואָס ער איז געגאן, און אפילע ניט פארכאפּט מיט זיך דאָס אָפּגע־ריבענע מאנטעלע.

און אנטלאָפן איז ער פון דער שטוב ניט בלויז דערפאר, וואָס ער האָט געוואָלט זען די גרויסע וועלט, זיך צושלאָגן צו א ברעג. אויך ניט צוליב דעם, אז אין שטוב זאָל בלײַבן ווייניקער מיט אן עסער, דעם טאטן זאָל ווערן גרינגער אָנהאָדעווען די כעוורײַע...

אויב עס איז שוין געקומען צו רייד, וועלן מיר אײַך באלד דערציילן וועגן נאָך איין זייער וויכטיקער סיבע, פארוואָס מאקס האָט אזוי אומדערוואַרט פאר־לאָזט זײַן היים און זיך געלאָזט אין דער ברייטער וועלט ארײַן.

נאָר דאָס קאָן דערציילט ווערן בעסאָד־סוידעס, מיט איין טנײַ — קיינעם קיין וואָרט וועגן דעם! טאקע קיינעם! קיין פויגל טאָר זיך וועגן דער געשיכטע ניט דערוויסן.

אויב איר גייט אײַן אף דעם, איז נעמט זיך אָן מיט געדולד און הערט. דאכט זיך, אז איר וועט קיין כאראָטע ניט האָבן.

די ערשטע ליבע

צי ווייסט איר, וואָס איז אזוינס ליבע? די ערשטע ליבע?

צי האָט מיט אײַך אמאָל פּאסירט, איר זאָלט באגעגענען א מיידל, ניט גאָר קיין שיינס, נאָר אזא, וואָס פארמאָגט טויזנט כיינעך, און אין איין אויגנ־בליק זאָל זי אײַך ווערן אײַנגעבאקן אין הארצן און איר זאָלט פארלירן די רו?

איז אײַך אמאָל אויסגעקומען שטיין אונטער א בוים און מיט הארץ־צאפּל וואַרטן אף דער ערשטער באגעגעניש מיט דער ליבער? איר גייט ארום, ווי א פארטשאדעטער, און ווו איר זאָלט זיך ניט א קער טאָן, וועגן וואָס איר זאָלט ניט טראכטן, שטייט זי אלץ פאר אײַערע אויגן, איר זעט זי אין כאָלעם, טראכט בלויז וועגן איר...

אָט זיצט איר אין שול אפן לימעד, דער לערער פרעגט אײַך עפּעס, נאָר איר שטאמלט, ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן, פארשטייט ניט, וואָס מע וויל פון אײַך, איר זעט פאר זיך בלויז זי, מער קיינעם, און ניט דער לערער, ניט זי, קיינער ניט, אכוץ אײַך, ווייסט ניט פון דעם דאָזיקן סאָד...

וואָס איר זאָלט ניט טאָן, צו וואָס איר זאָלט זיך ניט נעמען, אַלץ פאלט אײַך פון די הענט. די ארומיקע קוקן אף אײַך, ווי אף א מעשוגענעם, לאכן, כאָכמענען זיך, נאָר אײַך גייט עס ניט אָן, אײַך ארט עס, ווי דער פאראיאָרי־קער שניי.

מע רופט אײַך אויס צום טאָוול אין שול, און איר גייט, ווי א שיקערער. איר זעט ניט פאר זיך ניט דעם טאָוול, ניט דעם לערער, ניט די קינדער, דאָס שטיקל קרײַד פאלט פון די הענט און דער גאנצער קלאס לאכט, די קינדער פּלאצן שיר ניט פון געלעכטער. איר הייבט אָן לייזן אן אופגאבע, נאָר עס באקומט זיך בא אײַך דער רועך ווייסט וואָס. עמעצער זאָגט אײַך אונטער, מאכט צו אײַך מיט די הענט, ווײַזט עפּעס אף די פינגער, נאָר — צו דער וואנט! איר זײַנט בלינד. איר זעט פאר זיך בלויז זי, אײַער באשערטע. צו אײַערע אויערן דערטראָגט זיך בלויז איר שטים.

איר אליין באמערקט שוין ניט, ווי איר האָט זיך מיטאמאָל געענדערט, געוואָרן איידעלער, אײַנגעצוימטער, ווייכער, קיין זידלוואָרט קומט מער ניט אף אײַערע ליפּן, איר ווערט שעמעוודיקער, פארלירט אפילע דעם געשמאק צום עסן, ווערט אָן דעם שלאָף. איר גייט ארום און פילט זיך גליקלעך, קיינער איז צו אײַך נישט גלײַך, איר דערפילט אין זיך אזא מין קראפט, אזא מין קויעך, אז איר קאָנט, דאכט זיך, איבערקערן בערג...

מיט אײַך איז אזוינס קיינמאָל ניט געשען? און מיט מאקס קרייסלערן — יאָ!

געשען איז דאָס אין א שיינעם סאָפּזומער־פארנאכט, ווען די זון איז שוין אראָפּ ערגעץ אין די בערג און איבערגעלאָזט אפן הימל א גרענעצלאָזן רויטן טוך.

מאקס האָט זיך מיט א קוישל פארקליבן אין די טיפענישן פון די קארפּאטן־בערג, געקלעטערט איבער די מאָכיקע פעלדזן, צווישן די מאלינע־ און יעזשעוויקע־קוסטעס און געקליבן צײַטיקע יאגעדעס.

פארפּוצט אין זײַן נײַעם העמדל, וואָס די מאמע האָט אים געקויפט אף יאָמטעוו, האָט ער פאָרזיכטיק געקלעטערט איבער די בערג און זיך אונטערגעזונגען פריילעכע קאָלאָמייקעס.

א ביסל העכער האָט גערוישט דער געדיכטער וואלד, און עס האָבן געסקריפּעט די שלאנקע פיכטעס, פאמעלעך און פארדײַגעט האָבן זיך באוועגט די גרוילעכע קרוינען פון די יעלן, ווי זיי וואָלטן אָנגעזאָגט עפּעס א סאָד די בערג און די רויטע וואָלקנס, וואָס לויפן פארבײַ...

ערגעץ ווײַט האָט אונטערגעברומט א בארג־טײַכל, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין די שטיינערנע ברעגן. און ארום — קיין לעבעדיקע באשעפעניש, אויב ניט רעכענען די וואכע פויגלען און דעם אָדלער, וואָס טשאטעוועט א קאָרבן...

דו קאָנסט דאָ ארומגיין פראנק־און־פריַי, זינגען, טאנצן, שפּרינגען און זיך פאר קיינעם ניט שעמען!

איר האָט אמאָל געזען די קארפּאטן, ווען די זון איז אָקאָרשט פארגאנגען, איבערגעלאָזט א רויטן שטיק הימל, באגילדעט די בערג, די ליַיכטע וואָלקנס, וואָס קלעטערן איבער זיי?..

מאקס האָט באטראכט דעם ווונדערלעכן ארום און געשיַינט פון פארגעניגן.

ער האָט געקלעטערט אַלץ העכער און העכער, אריַינגעקוקט אין די פוסטע נעסטן, זיך איַינגעהערט צו דעם סיטש, וואָס האָט ערגעץ געהוקעט.

דאָס קוישל איז שוין געווען פול מיט יאגעדעס און עס איז ציַיט געווען זיך לאָזן אהיים, נאָר קיין כיישעק פארלאָזן די בערג איז ניט געווען. עס האָט אים געצויגן נאָך העכער.

אָט האָט ער זיך שוין פארקליבן אף א בארג, וואָס ליגט בישכיינעס מיט די וואָלקנס. שטארקער האָבן זיך צערוישט די סמערעקעס, ווי זיי זאָלן זיך האלטן אן אייצע מיט די בערג, מיט די מאָכיקע פעלדזן. ערגעץ וויַיט אף די פאָלאָנינעס, ווו די פאסטעכער פאשען די טשערעדעס, האָט זיך באוויזן א שיַיטער, עמעצער האָט געשפּילט אף א סאָפּילקע, עס האָט זיך אריַינגעמישט די באסאָווע שטים פון א טרעמביטע. די פארויטלטע וואָלקנס האָבן זיך ארָאפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער אין די בארג־שפּאלטן.

נאָר ווי עס איז ניט געווען גוט דאָ, האָט מען זיך געמוזט אומקערן אהיים, און מאקס האָט זיך אָנגעהויבן פּאָרזיכטיק אראָפּלאָזן פון דער גרינער פּאָלאָנינע צום וועג, וואָס פירט אין שטעטל אריַין.

דאָס מעכטיַידיקע ווינטל האָט געבלאָזן אין פּאָנעם. די שארפע רייכעס פון די ביימער און הויכע גראָזן האָבן מאמעש פארשיקערט. מאקס האָט זיך א ביסל איַינגעהערט אין די באקענטע און אומבאקענטע וואלדישע גערוישן. ער האָט דערפילט א שטארקע מידקיַיט און זיך אראָפּגעלאָזט אף א שטיין, איבערגעכאפּט דעם אָטעם און זיך געלאָזט וויַיטער.

גוט איז געווען אפן הארצן. פארכליַנענדיק זיך פון פרייד, האָט דער באָכער געשפּאנט מיט דער געדרייטער סטעזשקע. ער איז געשפּרונגען ליַיכט פון איין פעלדז אפן צווייטן, ווי א יונגער הירש, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל אָפּגעריסן פון זיַין סטאדע און דערפילט די פולע פריַיהיַיט...

ער האָט זיך שטארקער צעזונגען און מיט זיַין געזאנג געשראָקן די פייגל, וואָס האָבן אף דעם באָכער מאָדנע געקוקט, געצוויטשעט, געפלאפלט, ווי זיי וואָלטן צו אים געטיַינעט:

„היי, דו פארשיַיטער באָכער, וואָס ביסטו פארקראָכן אזוי טיף אין די בערג און וואָס שלעפּסטו זיך ארום אין אזא שפּעטער ציַיט? אָט ועסטו זיך באגעגענען מיט א ווילדער כיַיע, וועסטו אָנהייבן זינגען גאָר אן אנדער לידל!“

מאקס האָט פארגיכערט דעם טראָט. מיטן קוישל אין די הענט האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט צום געדרייטן שטארק צעהארגעטן שליאך, וואָס פירט פון די בערג, ווו מע וואלגערט ביימער.

דאָ האָט מאַקס זיך שוין דערפילט פרײַער. ער איז געגאַנגען מיט א ברייטן טראָט, אָפּשטעלנדיק זיך פון מאָל צו מאָל, אַפן הויכן ברעג, זיך פאַר־קוקט אַפן שוימענדיקן בארג־שטראָם, וואָס האָט געיאָגט מיט ווילדן געברום פון די בערג. פלוצלינג האָט ער דערהערט א קלינגעוודיקן מיידלשן גע־לעכטער און זיך דערשראָקן.

מאַקס האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען אין דער זײַט פון וועג, אַף א קרומען שטיין, צוגעשפּארט צו אַן אַלטן טרוקענעם דעמב, א שלאַנק מיידל מיט צוויי קורצע צעפּלעך און א פאַריסן נעזל.

— דאָס האָסטו אזוי שיין געזונגען, מאַקס? — האָט זי אויסגעשריגן.

ער האָט אַף איר געקוקט צעשטרייט, זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, ווער זי איז און פונוואַנען ווייסט זי, ווי מע רופט אים.

— אז עס געפעלט ניט, הערט מען ניט! — האָט ער בארויגעז געענט־פערט, אָפּווענדנדיק פון איר דעם בליק. ער איז געווען אין קאַס, וואָס זי לאַכט פון אים.

— מיר געפעלט זייער, ווי דו זינגסט! — האָט זי נאָכגעשריגן. — איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז דו האָסט אזא שיינע שטים... און ניט געוווּסט, אז דו ביסט אזא בייזער... — זי האָט ניט אופגעהערט לאַכן און, באמערקט, ווי ער פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט, פאַרגעזעצט: — דו האָסט גאָר ניט מוירע ארומגיין איינער אליין אין די בערג? מע זאָגט, אז דאָרטן זײַנען פאַראַן וועלף, שיידים...

און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט.

איר געלעכטער האָט אים ארויסגעבראַכט פון געדולד, געוואָלט איר זאָגן, אז דאָס איז ניט איר אייסעק, אז ס׳איז ניט גוט, וואָס אזא מיידל מיט צעפּלעך שפּאַצירט דאָ ארום אזוי שפּעט, נאָר אָפּגעמאָסטן זי נאָכאַמאָל מיטן אומצופרידענעם בליק, האָט ער דערפילט, ווי עס האָט אים א טיאָכקע געטאָן אין הארצן. ער האָט זי דערקענט, די שטיפערקע, אוואדע, דאָס איז דאָך דעם פעלדשער פּאַוולאָווסקיס טעכטערל, מאַרטע, זעט אויס, דאָס איז זי געקומען אַף קאַניקולן...

מאַקס איז געבליבן שטיין עטוואָס צעטומלט, קוים אײַנגעהאַלטן דאָס שמייכעלע. נאָך גוט, וואָס ער האָט איר ניט ארײַנגעזאָגט, לעמײַ זי לאַכט פון אים. ער האָט אליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס ער האָט זיך אומגעקערט, צוגעגאַנגען נעענטער צו איר, זיך בעסער אײַנגעקוקט אַף איר כיינעוודיקן פּאָנעם, וואָס איז באַשאָטן גאַנץ געדיכט מיט קלײַען, אַף איר אַקשאָנעסדיק־פאַריסענעם נעזל. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט איר לײַכט קליידל און אנטבלויזט אַף א ווײַלע די פאַרברוינטע געטאָקטע פיס אירע. מאַקס האָט דערפילט, ווי ער האָט זיך פאַרויטלט, און זיך אָפּגעקערט.

מאַרטע האָט אויסגעזען כיינעוודיק און מילד, שטייענדיק אַף דעם שטיין אונטערן ווינט מיט די צעוואָרפענע קורצע צעפּלעך, און ער האָט א טראַכט געטאָן: „עפּשער ווערן עטוואָס שענער און שלאַנקער אלע מיידלעך, וועלכע פאָרן אוועק אַף א לענגערער צײַט פון קאָוואַליוקע אין דער גרויסער שטאָט?“.

ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס האָט זיך בא אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן שלאָגן שטאַרקער. ער האָט געזען דאָס מיידל צוריק מיט א פּאָר יאָר און וועגן איר אפילע ניט א טראַכט געטאָן, ניט אָפּגעשטעלט אָף איר דעם בליק. און איצט... איצט איז זי אים גלייך געפֿעלן געוואָרן, אָט די שטיפּערקע, וואָס לאַכט אַזוי שיין; זי האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן אפילע שענער פֿון אַלע מיידלעך אין קאָוואַליוּקע, כאָטש אַנדערע מיידלעך מיט אַזעלכע צעפּלעך, ווי בא איר, האָט ער ניט געקאָנט אָנקוקן. דאָס זיינען, מערסטנס, צעפּעסטעטע מיידעלעך, וואָס הייבן אויף אין שול א מוירעדיקן געפּילדער, טאָמער טוסטו זיי א צי פֿאַר די באַנטן, פֿאַר די צעפּלעך. באַלד לויפֿט מען זיך קלאָגן אָף דיר צו דעם לערער!

ער איז געשטאַנען א פֿאַרלוירענער מיטן קוישל אין דער האַנט און ניט געוווּסט, וואָס ער דאַרף טאָן — שטיין אָדער זיך לאָזן גיין אַהיים? ער האָט איצט אין אירע אויגן געוויס געדאַרפֿט אויסזען גאַנץ לעפּיש, ווייל זי לאַכט נאָך אַלץ. עפּשער וואָלט ער איר עפּעס געדאַרפֿט איצט זאָגן, נאָר וואָס? יאָ, נאָר וואָס טוט זי דאָ, מאַרטע, איינע אַליין? זי האָט גאָר ניט מוירע? פֿאַר א מיידל, ווי זי, איז דאָ גאַנץ געפֿערלעך. און ביזן שטעטל איז פֿאָלג מיך א גאַנג! צי האָט זי ניט פֿאַרבלאָנדזשעט און וואַרט, אַז ער, מאַקס, זאָל זי באַגלייטן, ווייזן, וויאַזוי מע גייט אַרויס פֿון דעם וואַלד? ער ווייסט דאָך דאָ יעדער סטעזשקעלע, יעדער שטעגעלע.

ער האָט איר שוין געוואָלט זאָגן וועגן דעם, נאָר דערזען אפֿן וועג א לאַנגן דאַרן באָכער מיט א שמאָלער, געהויקערטער פּלייצע, מיט א סטודענטיש קליין היטעלע אפֿן קאָפּ. דער לאַנגער, אומגעלומפּערטער פֿאַרשוין האָט א קוק געטאָן אָף מאַקסן מיט זיינע קורצזיכטיקע ליכטיקע אויגן און זיך אָנגערופֿן צום מיידל:

— מאַרטעטשקע, וואָס וויל דער כאַם? עפּשער האָט ער זיך געטשעפּעט צו דיר, וועל איך אים באַלד געבן אין קאָלנער אריין...

מאַקסן האָבן די ווערטער ווי מיט א מעסער א שניט געטאָן. ווען ניט דאָס מיידל, וואָלט ער אָט דעם לאַנגן דראָנג באַוויזן. עס וואָלט אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. פֿונדאַנען וואָלט דער לאַנגער שוין ניט געגאַנגען, נאָר געקראָכן אָף אַלע פֿיר. נאָר מאַקס האָט זיך קוים באַהערשט און א זאָג געטאָן:

— היי, פּעטערל, פֿאַרזיכטיקער... מיינט ניט, אַז איך בין אַן איבערגעשראָקענער...

— מאַריץ! — האָט זיך אַריינגעמישט דאָס מיידל. — ווי שעמסטו זיך ניט? וואָרום באַליידיקסטו א יינגל? ער האָט זיך צו מיר ניט געטשעפּעט. פֿאַרקערט. אונדזער סטעלמאַכס זון. ער האָט זייער א שיינע שטים. זינגט אויסערגעוויינלעך. האָסט ניט געהערט?

— ניט געהערט... — האָט דער לאַנגער דראָנג אומצופֿרידן א בורטשע געטאָן. — און איך האָב געמיינט, אַז ער איז צו דיר צוגעשטאַנען, און אים שוין געוואָלט אָנלערנען.

דער לאַנגער סטודענט האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאָר ברילן, זיי אַ שטעק געטאָן אויף דער לאַנגער דינער נאָז און מיט כּוצפּע אָפּגעמאָסטן מאַקסן פון קאָפּ ביז פיס.

— שוין שפּעט, מאַרטע, מע דאַרף גיין...

נאָר דאָס מיידל האָט ניט געאײַלט. אַ באַשײַנטע פונעם רויטן שטיק הימל, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ גרויסער פויגל, וואָס וועט זיך אָט־אָט אָפּ־רײַסן פונעם שטיין און ערגעץ אוועקפליען. און דאָ האָט זיך נאָך פאַר־שטאַרקט דאָס ווינטל, גענומען צײלן די פאַלדן פון איר קלייד, שויבערן אירע האָר.

מאַקס איז געווען אויפגערעגט, מאַלע־רעציכע אויפן דראַנג אין די ברילן. ער האָט אים צעשטערט די גאַנצע כאַסענע. ער וואָלט נאָך געשטאַנען און געקוקט אויף מאַרטען, האָט דער טײַוול אָנגעטראָגן אָט דעם שעד. וואָס זשע, איז אָט דער־אָ לעץ איר באַגלייטער? מיט אַזאַ טויגעניכץ גייט מאַרטע אין די בערג שפּאַצירן און עס איז איר ניט קיין כאַרפּע?

אַ שטאַרקער פאַרדראָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס ייִנגל. ער האָט צו מאַרטען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך געלאָזט גיין.

נאָר עפּעס אַ מאָדנער קויעך האָט ניט געלאָזט גיין שנעלער. עפּשער איר בליק, וואָס האָט אים נאָכגעשפּירט, און עפּשער גאָר דער קאַס אויפן דראָנג, וואָס האָט מאַקסן באַטראַכט מיט שפּאָט?

ווי מאַקס האָט זיך ניט באַמיט ניט אומקוקן זיך, דאָך האָט ער זיך ניט געקאָנט באַהערשן און זיך אומגעקוקט, דערזען, ווי דער לאַנגער נעמט אַראָפּ מאַרטען פון דעם שטיין און לאָזט זיך מיט איר גיין אַרויף, אין די בערג.

פאַרוואָס האָט זי דערלויבט, ער זאָל זי אַרומנעמען בא דער טאַליע און אַראָפּנעמען פונעם שטיין? עס איז איר ניט קיין כאַרפּע? זי לאַכט נאָך? עפּ־שער לאַכט זי גאָר פון אים, פון מאַקסן? און עפּשער לאַכט זי דערפון, וואָס איר איז אָנגענעם גיין מיט דעם לאַנגן סטודענט שפּאַצירן? מאַקסן האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקע אַנטוישונג. ניין, מאַרטע איז גאָר ניט אַזוי שיין, ווי אים האָט זיך אָקאָרשט אויסגעוויזן. דאָס איז פּונקט אַזאַ געפּעסטעט באַלעבאַטיש מיידעלע מיט צעפּלעך, ווי אַלע. און ער דאַרף וועגן איר ניט טראַכטן. זי איז דאָס ניט ווערט. נאָר אַ שאָד, — האָט מאַקס זיך געפּײַניקט פון פאַרדראָס, — וואָס ער האָט ניט אָנגעלערנט דעם דאָזיקן גרויסהאַלטער. מאַקס וואָלט פון אים געקאָנט מאַכן אַ האַנטשערקע, ווען ער נעמט זיך.

נאָר איצט איז שוין געווען שפּעט טראַכטן וועגן דעם. צו זײַנע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער געלעכטער. דאָס האָט נאָך אַלץ געלאַכט מאַרטע, דערוויַיטערנדיק זיך מיט דעם לאַנגן לעץ פון דעם שטיין.

מאַקס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום באַרג־שטראָם. די לויטערע וואַסערן, וואָס האָבן געוואַשן די אָפּגעשליפענע שטיינדלעך, האָבן אַ ביסל באַרויִקט. אָבער ניט זייער. אין די בערג האָט נאָך געלאַכט מאַרטע, און צו איר גע־לעכטער האָט זיך פאַרייניקט דער געלעכטער פון איר באַגלייטער. און דאָס האָט דעם באָכער געמאַטערט און מיט יעדער מינוט שטאַרקער אַרײַנגע־

בראַכט אין גרימצאָרן. פון אים, פון מאַקסן, לאַכן זיי? מאַקס האָט ניט געקאָנט פאַרלײַדן, ווען עמעצער האָט אים אויסגעלאַכט. דאָס האָבן גוט געוווּסט אַלע כעוורע פון גאַס. דעם טאַם פון זײַנע פויסטן האָבן פאַרזוכט ניט ווייניק באַלאָנים זיך א ווערטל טאָן איבער אים, און קיינער האָט דאָ ניט געוואַגט אים פאַרטשעפּען מיט א שלעכט וואָרט.

וויפל צײַט איז מאַקס געשטאַנען אף די נאַסע שטיינער באַם ברעג, האָט ער ניט געוווּסט. ער האָט נאָר באַמערקט, ווי דער הימל איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן און עס איז געוואָרן טונקל. שוין שפּעט. גענוג זיך געשפּיגלט אינעם טײַך. מאַקס איז אַרופגעלאָפן אפן אויסגעקרימטן שליאַך, געמאַכט עטלעכע שפּאַן, און פּלוצעם דערהערט א מוירעדיק געשריי. מאַרטעס קאָל? וואָס זשע איז דאָס? א שפּיל אזאַ? נאָר ניין. מאַקס האָט דערהערט א קוויטשערײַ. די קוילעס זײַנען געקומען פון יענער זײַט, וווּהין עס האָט פאַרקערעוועט מאַרטע מיט איר באַגלייטער. וואָס זשע איז געשען?

די קוילעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט, און אין דער רעגע האָט מאַקס גלײַך פאַרגעסן אין דער באַליידיקונג, אינעם געלעכטער און שנעל זיך געלאָזט לויפן אין יענער ריכטונג.

פאַרקערעוועט צו דער ברייטער סטעזשקע, וואָס לויפט אַוועק אין די בערג, צו די מאָכיקע שטיינער, האָט מאַקס דערהערט שנעלע טריט. אַנטקעגן האָט זיך געטראָגן, ווי אַכצן רוכעס וואָלטן אים נאָכגעיאָגט, דער לאַנגער דראָנג. ער איז געווען טויט־דערשראָקן און גאָרניט געזען פאַר זײַנע אויגן, ניט באַמערקט מאַקסן, וואָס האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן, נאָר ניט געקענט. יענער איז ערגעץ ווי אויסגערונען געוואָרן.

מאַקס האָט זיך געדראַפּעט אַרוף, אַהין, פונוואַנען עס האָבן זיך אַלץ געהערט מאַרטעס קוילעס, און ענדלעך דערזען מאַרטען, וואָס האָט זיך ניט געקענט אַרויסרײַסן פון די הענט בא א דיקן שיקערן מאַנצבל, וואָס האָט זיך באַמיט אַרומנעמען דאָס מיידל.

מאַקס איז דערשטוינט געבליבן שטיין, דערקענענדיק דעם פּריקאַזשטשיק פון די געהילץ־באַאַרבעטונגען פאַן סלאַוועק. א שיקערער, א פאַרסאָפּעטער, מיט א נאַריש שמייכעלע אפן קײַלעכיקן רויטן פּאָנעם, האָט ער זיך געראַנגלט מיט מאַרטען, וועלכע האָט ווי ניט מיט איר קאָל געשריגן און זיך ניט געקענט באַפרײַען פון זײַן בערישער האַנט.

אַנטקעגן דעם ברייטפּלייציקן, געפּאַקטן פּריקאַזשטשיק מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס און פאַרפּינעטע ליפּן, האָט מאַקס אויסגעזען קליין און אָנמעכטיק, נאָר אים האָט דאָס ניט אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך געוואָרפן אף יענעם מיט די פויסטן:

— טשעפּעט זי ניט, איך וועל אײַך באַלד דעם קאָפּ פּלעטן! — האָט מאַקס אויסגעשריגן.

דער פּריקאַזשטשיק האָט א קוק געטאָן אפן יינגל מיט ביטל און האַס. זײַן שיקערע צורע האָט זיך פאַרקרימט פון רעציכע. ער האָט אַרויסגעשיפּעט:

— ווער האָט דיך אהער גערופן, שנעקל! אויב דאָס לעבן איז דיר טײַער, טראָג זיך אָפּ פונדאנען! — ער האָט פעסטער גענומען דאָס מיידל פאַר דער האַנט, יענע זאָל זיך ניט ארויסרײַסן. א טופּע געטאָן מיטן פוס. — אוועק, דו, הענדל, באַלד וועל איך דיר אזוי געבן, אז דו וועסט דערזען דײַן באָבען...

מאַקס האָט עפּעס א זוך געטאָן ארום זיך מיט די אויגן, אופגעהויבן א שטיין און זיך געלאָזט נעענטער צום שיקערן:

— איך זאָג נאָכאמאָל, טשעפּעט זי ניט! אויסוואורף!..

דערזען דעם באָכער מיטן שטיין, איז פאַן סלאַוועק געבליבן אָן לאָשן. ער האָט גלײַך אָפּגעלאָזט מאַרטעס האַנט און געמאַכט א פאַר טריט צום יינגל.

— גייט ניט צו, איך וועל אײַך דערהאַרגענען! — האָט מאַקס אויס־געשריגן נאָך שטאַרקער. ער האָט זיך איצט געפילט, ווי אַן עכטער גוואַר, קוקנדיק אָף מאַרטען, וואָס האָט געוואָלט אים, מאַקסן, באַרויִקן. ער האָט געקאָנט ווײַזן וווּנדער, זאָל נאָר מאַרטע קוקן אָף אים.

דערווײַל אָבער האָט מאַקס ניט באַמערקט, ווי סלאַוועק איז צוגעשפּרונ־גען צו אים, א קלאַפּ געטאָן איבער דער האַנט, און דער שטיין איז ארויס־געפאַלן, זיך אָפּגעקײַקלט אראָפּ־באַרג.

סלאַוועק האָט אָנגעכאַפּט מאַקסן פאַרן העמדל, און אין א ווײַלע ארום האָבן זיך ביידע געקײַקלט איבער דער ערד. מאַקס האָט זיך פלינק אופגע־כאַפּט, גענומען א שטעקן און יענעם דערלאַנגט איבערן קאָפּ.

דער פריקאַזשטשיק האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט פון ווייטעק, אָנגעהויבן ווישן מיטן אַרבל דאָס בלוט פונעם פּאָנעם און שטאַמלען:

— טשעפּע ניט... איך האָב דאָך מיט איר נאָר א שפּאַס געטאָן. איך האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט, גלייב מיר... טשעפּע מיך ניט...

— אײַך ניט טשעפּען? און איר מעגט באַליידיקן א מיידל?

— איך האָב זי ניט באַליידיקט, בלויז געוואָלט אָנשרעקן איר קאַוואַלער. ער איז אַנטלאָפן. מיר איז געווען אזוי קאָמיש... איך האָב געשפּאַסט...

— איר האָט געשפּאַסט? איך וועל מיט אײַך אזא שפּאַס טאָן, אז איר וועט פאַרגעסן, ווי איר הייסט... — האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן דאָס יינגל, — איר האָט זיך אָנגעזשליאָקעט, טאָ גייט שלאָפן...

מאַרטע איז צוגעגאַנגען, גענומען מאַקסן פאַר דער האַנט און שטילער־הייט זיך אָנגערופן, שווער אָטעמענדיק פון שרעק:

— לאָמיר אוועקגיין פון אים. איך האָב מוירע. ער איז שיקער. זעסט ניט, וואָס דאָס איז פאַר א כײַע? ער וויל נעמען א שטיין...

— זאָל ער פּרווון! — האָט מאַקס גענומען אין דער צווייטער האַנט דעם שטעקן און מיט ווייטעק א קוק געטאָן אָף דעם צעריסענעם העמדל, אָף די פאַרבלוטיקטע הענט. — אזא טײַוול וואָלט מען געדאַרפט גוט אָנלערנען, ער זאָל וויסן.

— לאָמיר אַנטלויפן, מאַקס... — האָט מאַרטע זיך צו אים ווידער גע־ווענדט. — דאָ איז זייער שרעקלעך...

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, און ער האָט דערפילט, ווי זי ציטערט פון פאַכעד.

— האָב ניט מוירע. זאָל ער נאָר פּרוּוון... — ער האָט אָפּגעשליידערט פון זיך דעם שטעקן, גענומען דאָס קוישל, און מע האָט זיך געלאָזט אַראָפּ, צום שליאַך.

א צעבלוטיקטער, מיט א צעשויבערטן קאָפּ האָר, נאָר א שטאָלצער, וואָס ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר דעם שיקערן פאַרשויק, איז מאַקס געגאַנגען באַנאַנד מיטן מיידל, אומקוקנדיק זיך אַלעמאָל צום פּריקאַזשטשיק, צי לויפט ער זיי ניט נאָך. נאָר יענער איז אַלץ געלעגן אויף דער ערד, געבורטשעט, ניט געקענט זיך שטעלן אויף די פיס און זיך געזידלט מיט די מיִעסטע ווערטער.

מאַרטע איז געגאַנגען עטוואָס פאַרויס, נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו־זיך נאָכן איבערשרעק און זיך אײַנגעקוקט אין די נאָענטע קוסטעס, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט.

מאַקס האָט א שמייכל געטאָן, פאַרשטייענדיק, אַז דאָס זוכט זי איר באַגלייטער.

— איר זוכט אים, דעם לאַנגן העלד אײַערן? איך האָב אים געזען לויפן, ער איז געלאָפן אַזוי, אַז ער האָט שיִער די לאַנגע פיס ניט צעבראָכן... און אײַך איבערגעלאָזט... זייער שיין פון זײַן זײַט... א כוואַט א באָכער...

מאַרטע האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— לאָמיר וועגן אים ניט ריידן... — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן, — איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז מאַריץ איז אַזאַ פּאַכדן... דיר בין איך זייער דאַנקבאַר.

— צוליב וואָס דאַנקען? ווען עס טרעפט אַזאַ אומגליק מיט עמעצן און איר זעט עס, וואָלט איר זיך דען ניט אײַנגעשטעלט?

— איך ווייס ניט... איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז דאָס האַרץ האָט זיך שיִער ניט אָפּגעריסן... — זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און מיט די ליפּן זיך צוגעטוליעט צום באַכערס אויפגעפלאַקערטער באַק.

מאַקס האָט זיך שטאַרק פאַרויטלט, זיך פאַרשעמט און פאַרלאָרן דאָס לאָשן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט אים א מיידל א קוש געטאָן! און ווער? מאַרטע!

— איך האָב ניט געוווּסט, מאַקס, אַז באַ דיר איז אַזאַ גוט האַרץ. דערצו נאָך ביסטו אַזאַ דרייסטער! איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך האָב זייער ליב דרייסטע מענטשן. איך פאַרגייג פאַר זיי דעם קאָפּ...

און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין שנעלער.

מאַקס' אויגן האָבן געשײַנט פון גליק. ווען ווען רעדט זי אַזוי, מאַרטע? וועגן אים? א מאָדנע וואַרעמקײַט האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לײַב. ווען ניט דאָס קוישל, וואָלט ער זי, דאַכט זיך, אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך. נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ געשעמט פאַר דעם מיידל מיט די קורצע צעפּלעך.

מע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום שוימיקן באַרג־שטראָם. מאַקס האָט אוועק־געשטעלט דאָס קוישל און זיך אָנגעהויבן אַרומוואַשן. ער וועט דאָך ניט קומען אין שטעטל אַזאַ פאַרבלאָטיקטער און קויטיקער.

מאַרטע איז אַריבערגעשפּרונגען אויפן פּלאַטשיקן גליטשיקן שטיין, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען מאַקס און זיך געפּליוסקעט אין דער וואַסער. זי האָט אים געהאָלפן זיך וואַשן, געשמייכלט, ניט אַראָפּגענומען פון אים דעם פאַרליבטן בליק.

קוקנדיק אויף דער לויטערער וואַסער, האָט מאַקס דערזען ווי אין אַ שפּיגל מאַרטעס פיגור, אירע צעפלעך, אירע שלאַנקע פיס, און אַ ציטער איז אים באַפאַלן אַזאַ, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט. אים האָט זיך געגלוסט זי אַרומנעמען און שטאַרק צודריקן צו זיך, זי אפילו אַ קוש טאָן אין די פולבלעכע ליפּן, נאָר פונעם געדאַנק, אַז מאַרטע קאָן זיך אָנ־שטויסן, וועגן וואָס ער טראַכט אין דער מינוט, האָט ער זיך פאַרלוירן און זיך שטאַרקער פאַרויטלט.

— ווייסטו וואָס, מאַקס, — האָט מאַרטע געזאָגט, באַטראַכטנדיק זײַן צע־פלִיקט העמדל, — קום צו אונדז אַהיים, און איך וועל עס פאַרנייען. ווילסטו, קאָן איך דיר געבן אַ נײַ העמדל. באַם טאַטן זײַנען דאָ אַ סאַך העמדלעך...

— ניין, אַ דאַנק! באַ מיר איז פאַראַן נאָך אַ נײַ העמדל. די מאַמע האָט מיר געקויפט אויף יאָמטעוו... — האָט ער איבערגעשלאָגן און זיך שטאַרקער פאַרויטלט, דערבײַ אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט פון דער מאַמען אַרײַנ־כאַפּן אַ גוטן פּסאַק, ווען זי וועט אים דערזען אין אַזאַ הוילעך. דאָס איז דאָך דאָס איינציקע העמדל זײַנס!

מאַרטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן גליטשיקן מאָכיקן שטיין, אײַנ־קוקנדיק זיך אין דער זויבערער וואַסער, געוואָלט אַריבערשפּרינגען אויפן ברעג, נאָר זיך אויסגעגליטשט און אָנגעשעפּט פולע טופליעס זאַמד און וואַסער.

זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט. געפּרוווט אַראָפּשלעפּן די טופליעס, אויס־גיסן די וואַסער, נאָר ניט געקענט. מאַקס איז צו איר צוגעשפּרונגען, אונ־טערגעשטעלט זײַן אַקסל, מאַרטע זאָל זיך אָן אים אָנשפּאַרן. זיי זײַנען גע־שטאַנען אַזוי נאָענט, אַז מאַקס האָט געפילט דעם ריידעך פון אירע האָר, וואָס האָבן געשמעקט מיט וואַלד. ער האָט דײַטלעך געהערט, ווי האַסטיק עס שלאָגט זיך איר האַרץ. ער האָט זיך געפילט דערהויבן: צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט זיך אָן זײַן אַקסל אָנגעשפּאַרט אַ מיידל! זי האָט זיך ניט געשעמט, דערלויבט איר אָנטאָן די טופליעס, געשמייכלט, געשויבערט זײַנע נאַסע האָר.

מאַקס האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר עס האָט זיך גאָרניט באַקו־מען. די צונג איז ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום גומען, און ער האָט ניט גע־קאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט.

אים האָט זיך געוואָלט אַ נעם טאָן דאָס מיידל אויף די הענט, ווי מע נעמט אַ קליין קינד, און זי אַריבערטראָגן צו דער סטעזשקע, ווו עס איז געווען

טרוקן, נאָר ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם פאַרשײַטן געדאַנק. ער קאָן פאַר דעם אַרײַנכאַפּן פון איר אַזאַ פּסק, ער זאָל פאַרגעסן דעם וועג אַהיים...

און אָט שפּאַנען זיי שוין מיטן געדרייטן, שטאַרק צעפּאָרענעם וועג לענגאויס דעם האַסטיקן באַרג־שטראָם, וואָס ווערט מיט יעדער מינוט טונקעלער, שוואַרצער. מע הערט זיך אײַן אינעם געררויש פונעם וואַסער, אינעם פלאַפּלערײַ פון די פייגלען, וואָס רופן צונויף זייערע קינדער שלאָפן. ניט מאַקס, ניט מאַרטע האָבן ניט באַמערקט, ווי ערגעץ אין הימל האָבן זיך אָנגעצונדן די ערשטע שטערן, אומגעהייער ליטערע, גרויסע שטערן, ווי זיי וואָלטן זיך אָקאָרשט אויסגעבאָדן אין די זויבערע וואַסערן פונעם טײַך.

מע איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ניט געאײַלט, ווי מע וואָלט געוואָלט, דער וועג זאָל זיך ציִען אָן א סאָף. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט און שעמעוודיק זיך אָפּגעקערט אָן אַ זײַט. פון אונטער די שלאַנקע פּיכטעס איז אַרויסגעשוווּמען אַ שטיק זילבערנע לעוואָנע און זיך געבומען שפּיגלען אין די וואַסערן, באַלויכטן דעם וועג, די קוסטעס, די ביימער.

דאָס, וואָס די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז מאַקסן גראַדע געווען צום האַרצן. איצט וועט כאָטש קיינער ניט זען זײַן הוילעך, די צעדראַפּעטע הענט. די כעוורע פון גאַס, אויב ער וועט זיי באַגעגענען, וועלן ניט דערקענען דאָס מיידל, מיט וועמען ער גייט, זיך ניט טשעפּען צו אים, ניט קוקן מיט אַ שמייכל. טאַקע נאָר דאָס גייט אים אָפּ, מע זאָל אים נאָך זען גיין מיט אַ מיידל! ער וואָלט שוין מאָרגן אין שול ניט געמעגט קומען!

נאָר ווי ס׳זאָל דאָרט ניט זײַן, איז ער געווען צופרידן, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס קומט מיט אים פאָר, פאַרוואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ מעכײַעדיקער אומרו, פאַרוואָס שלאָגט זיך אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ? עפּשער איז דאָס ליבע? ער האָט זיך ביז איצט ניט פאָרגעשטעלט, אַז די ליבע קומט אַזוי אומדערוואַרט!

מאַרטע האָט צעבויטעט זײַנע געדאַנקען. זי האָט אים פּלוצעם אָנגעריִרט באַם עלנבויגן, אַרײַנגעקוקט אין די אויגן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און געזאָגט:

— פאַרוואָס שווײַגסטו די גאַנצע צײַט? זאָגסט מיר גאָרניט...

ער האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרלוירן און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס... און פאַרוואָס שווײַגט איר, מאַרטע? זי האָט ניט געענטפערט.

— איר ווייסט, — האָט ער זיך אָנגערופן נאָך אַ לאַנגער ווײַלע שווײַגן, — דאָ איז אַזוי שיין! איך וואָלט אַזוי געגאַנגען ביז טאָג...

— איינער אַליין, צי מיט נאָך עמעצן?

— איינעם אַליין וואָלט געווען זייער סומנע... — האָט ער זיך אָנגערופן ניט דרייסט, — מיט אַ גוטן כאַווער איז דאָך היימלעכער...

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט כשאַד און זיך אָפּגערוקט ווײַטער.

— און איך האָב געמיינט, מאַקס, אַז מיט מיר איז גוט שפּאַצירן...

— געוויס... נאָר וואָס וועט זאָגן יענער, אײַער באַגלייטער, ווי הייסט ער?.. ער האָט ניט געקאָנט ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין וואַלד?
מאַרטע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:
— ער איז ניט ווערט, מע זאָל אים דערמאָנען... איך אַ נויט דערקענט מען אַ מענטשן...
— געוויס. דאָס איז עמעס, מאַרטע.

אומבאַמערקט זײַנען זיי געקומען אין שטעטל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אויסלעשן די פענצטער און אַרײַנעמען די נאַכט. די גאַסן זײַנען שוין געווען פּוסט. דאָ און דאָרט האָבן געזײַלט מענטשן, פאַרלעך זײַנען געזעסן אויף די פּריזבעס, זיך אײַנגעקוקט אויף מאַקסן און מאַרטען, זיך געשעפּטשעט, אונטערגעשמייכלט.

מאַקס האָט פאַרזיכטיק אָנגענומען מאַרטעס האַנט, נאָר זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: מע טאָר ניט! און ער איז אָפּגעגאַן פונעם מיידל אויף אַ פּאָר טריט.

פונדערווײַטנס, אויפן גרינעם בערגל, האָט זיך באַוויזן אין דער געדיכטעניש פון אַ גרויסן סאָד מאַרטעס הויז. מאַקס האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט, ווען ער האָט דערזען דעם הויכן פּלויט, וואָס האָט אַרומגענומען דעם סאָד. אין האַרצן באַם באָכער האָט עפּעס אַ טיאָכקע געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט פאַראיאָרן אין אַזאַ מין שיינעם אָפּדערנאַכט איז ער אַריבערגעקראָכן איבער אָט דעם פּאַרקן, אָנגעריסן אַ בוזעם עפּל, נאָר מאַרטעס זיידע האָט באַמערקט, אָנגעהויבן שרײַען, אָפּגעלאָזט פון דער קייט דעם הונט. נאָך אַ גליק, וואָס מאַקס האָט באַוויזן זיך אַרופכאַפּן אויפן פּלויט, אַנדערש וואָלט דער הונט אים צעריסן אויף שטיקער, און אַזוי איז ער, מאַקס, אָפּגעקומען בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פונעם סאָד מיט צעריסענע הויזן.

מאַרטע ווייסט פון דער געשיכטע? זעט אויס, ניט. און דאָס האָט אַ ביסל באַרויִקט דעם באָכער, וואָס האָט זיך געפילט שטאַרק פאַרשעמט.
— נו, און אָט בין איך בײַ מײַן שטוב... — האָט זיך אָפּגעשטעלט מאַרטע ניט ווײַט פון דער פּירטקע. — אַ גוטע נאַכט. אַ גרויסן דאַנק דיר, מאַקס...
זי האָט אָפּגעשטעלט אויף זײַן שמייכלענדיק פּאָנעם דעם בליק, צאַרט אַ שויבער געטאָן זײַן טשופּרינע און, ווי זי וואָלט אים אײַנגערוימט אַ גרויסן סאָד, צוגעגעבן:

— מיט דיר איז געווען זייער גוט, מאַקס. איך האָב ניט געמיינט, אַז דו ביסט אַזאַ שיינער, אַזוי אויסגעוואַקסן פאַר דער צײַט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען אין קאָוואַליוקע...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט זיי ניט, זיך צוגעטוליעט צו אים, אַרומגענומען, צוגעדריקט צו דער שטײַפער ברוסט, אַ קוש געטאָן אין די ליפּן, אָפּגעשפּרונגען פון אים, כיינעוודיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרײַנגעלאָפן אין הויף.

מאקס האָט דערפילט, ווי דער קאָפּ האָט זיך אים פארדרייט, ער האָט געוואָלט א געשריי טאָן, אָפּשטעלן מארטען, נאָר צו אים האָבן זיך דער־טראָגן אירע שנעלע טריט, וואָס האָבן זיך דערווײַטערט און מיטאמאָל שטיל געוואָרן.

ער איז געשטאנען מיט א צעעפנט מויל, א שײַנענדיקער, א צעפּאטלטער.

פארוואָס איז זי אזוי שנעל אוועק? זי האָט אים גאָרניט געזאָגט. עפּשער וועט זי זיך באלד אומקערן? זי וועט זיך אָנטאָן אין אן אנדער קלייד און ארויסגיין צו אים אהער? איר קער זײַן קאלט. זי וועט נעמען אָף זיך א ווארעם קאָפּטיכל און ארויסגיין אהער. ער וועט איר זאָגן אלץ, וואָס איז איצט בא אים אפן הארצן. ער וועט זאָגן, אז ער האָט זי ליב, און זיך ניט שעמען. ער איז געווען אזוי גליקלעך, ווי קיינמאָל אין לעבן. אלץ וועט ער איר זאָגן, גאָרנישט לייקענען פון איר, ניט אויסבאהאלטן קיין זאך. אפילע וועגן זײַנע נײַע טויבן, וואָס ער האָט יענע וואָך געקויפט, וועט ער איר דער־ציילן. ער וועט איר אוועקשענקען דעם ליבלינג זײַנעם, דעם ראָזן טורמאן, אָף וועלכן אלע ייִנגלעך פון דער גאס זײַנען אים מעקאנע... ער וועט מאר־טען גאָרניט זשאלעווען.

מאקס האָט זיך צוגעשארט צו דער אלטער אקאציע, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט צו דער קאליטקע, און מיט א צאפּלדיק הארץ זיך צוגעהערט, צי גייט ניט אהער מארטע. מע האָט דאָך ניט באוויזן זאָגן איינס דעם צווייטן דאָס סאמע וויכטיקסטע, דאָס סאמע פארטײַעטסטע!..

די צײַט האָט זיך געצויגן מעשוגענערווײַז לאנג, און מארטע האָט זיך נאָך אלץ ניט באוויזן. און דאָך האָט ער געוואָרט. עס קאָן דאָך ניט זײַן, זי זאָל באלד ניט ארויסגיין צו אים! דאָס הארץ האָט אים ווי אונטערגעזאָגט, אז נאָך עטלעכע מינוט, און ער וועט זי דערזען בא דער אקאציע. ס׳איז גאָר־נישט, וואָס מארטע איז פון א רײַכער מישפּאָכע, וואָס זי לערנט ערגעץ אין שטאָט, און ער, מאקס, איז אָרעם. מארטע איז, דאכט זיך, אן אנדערע, גאָר אן אנדערע. זי קער זיך אָנשטויסן, אז דאָס גאנצע לעבן וועט ער זי ליב האָבן און קיינמאָל אין א נויט זי ניט פארלאָזן, ווי אָט יענער לאנגער מאָריץ מיטן סטודענטישן היטעלע. ער, מאקס, וועט אלץ טאָן, זי זאָל שטענדיק זײַן גליקלעך! יאָ, נאָר פארוואָס גייט זי ניט? פארוואָס פארהאלט זי זיך אין שטוב אזוי לאנג?

עס איז שוין געווען גאנץ שפּעט, און מאקס איז אלץ נאָך געשטאנען אָנגעשפּארט אין דער אלטער אקאציע. בא מארטען אין שטוב האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן אלע פײַערן. גאנץ קאָוואליוקע איז שוין אײַנגעהילט אין טיפן שלאָף.

נישטאָ מארטע!

א גרויסער פארדראָס האָט אָנגעהויבן טאָטשען זײַן נעשאָמע, נאָר ער האָט זיך באמיט טראכטן וועגן דעם מיידל בלויז גוטס. מאלע וואָס ס׳קאָן אמאָל געשען. זעט אויס, זי קאָן איצט צו אים ניט ארויסגיין. איר איז ניט באקוועם פארן טאטן, פארן זיידן. נישקאָשע, א צווייט מאָל וועלן זיי זיך באגעגענען. א שאָד און א ווייטעק געווען אוועקגיין פון איר קאליטקע מיט

גאָרניט. נאָר וואָס קאָנסטו מאכן? אזוי באשערט... וויכטיקער פון אלץ, וואָס אים איז היינט געווען אזוי גוט מיט איר. ער האָט נאָך געפילט דעם טאַם פון אירע אָרעמס, פון אירע צאַרטע ליפּן.

אָן איבערגעפולטער מיט ליטערע טרוימען און האָפענונגען, אונטער־באַמקענדיק זיך א גאָר ניט פריילעכן ניגן, האָט מאַקס זיך געלאָזט גיין איבערן פוסטן געסל.

די שטאָט איז שוין לאַנג געשלאָפן, און ער האָט געאיילט אהיים.

* * *

פון די הויכע גרינע קאַרפּאַטן האָבן זיך אָנגערוקט אפן שטעטל געדיכ־טע אָנגעכמורעטע וואָלקנס און איינגעשלונגען די געסלעך און הייזלעך. די לעוואָנע, די פינקלענדיקע שטערן זיינען נעלעם געוואָרן. די טיפע נאכט האָט איינגעשלעפּערט קאָוואַליוקע, ווי א גוטע מאַמע. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען דורכלויפן פאַרשפּעטיקטע פאַרביי־גייער. מאַקס האָט זיך געטוליעט צו די פּלויטלעך, געוואָלט, קיינער זאָל אים ניט זען. מע וועט אים דערקענען, אָפּשטעלן, און ער וויל איצט קיינעם נישט זען. ער איז פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען. ער דערמאָנט זיך, וואָס איז מיט אים היינט געשען אין די בערג, מיט וועמען האָט ער זיך באַגעגנט, מיט וועמען האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע גליקלעכע שעה. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער האָט ערגעץ אין די בערג איבערגעלאָזט זיין קוישל מיט די צייטיקע יאַגעדעס, וואָס ער האָט מיט אזא ליבע און איינגעאַקשנטקייט צו־נויפגעקליבן. אָבער קיין פאַרדראָס דערפון האָט ער ניט געהאַט. וואָס איז זיין פאַרלוסט אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס ער האָט געפונען!

ער האָט געשפּאַנט, און אים האָט זיך געדאַכט, אז קיין גליקלעכערער מענטש פון אים איז נישטאָ אף דער גאָרער וועלט. דאָרטן, אין הויז באַם אַלטיטשקן פעלדשער, שלאָפט יענע, אין וועלכער ער איז פאַרליבט. נאָר צי שלאָפט זי איצט? וועט זי דען קאָנען איינשלאָפן נאָך זייער באַגעגעניש? ער פילט עס לויט זיך: ער וועט זיך אוועקלייגן אף זיין געלעגער, נאָר ביז טאָג ניט קאָנען צומאַכן מיט אן אויג — ער וועט טראַכטן וועגן איר, מאָר־גן, וועגן דעם, וואָס ער וועט איר זאָגן מאָרגן, ווען זיי וועלן זיך ווידער באַגעגענען. און אין זייער נאָענטער באַגעגעניש האָט דער באָכער ניט גע־צווייפלט.

באַ אים אין קאָפּ האָבן זיך געדרייט פאַרשידענע פּלענער און טרוימען. איין זאַך איז שוין פאַר אים געווען קלאָר, ווי דער טאָג — מאָרגן וועט זיך אינגאַנצן ענדערן זיין לעבן. ער וועט זיך פּלייסיקער נעמען צו דער לערע אין שול, ער וועט זיך מער ניט אַרומדרייען פוסט און פּאַס איבער די גאַסן, ניט לויפן מער צו די ציגיינער אין טאַבאָר, זיך מיט קיינעם ניט שלאָגן...

אף די שפּיץ פינגער האָט ער זיך אריינגעגאַנוועט אין שטוב און ניט אויסטועענדיק זיך, קעדיי ניט אופהייבן קיין טומל און ניט אופוועקן די שטו־

ביקע, זיך פאַרזיכטיק אויסגעצויגן אפן טאַפּטשאַן, זיך צוגעדעקט מיט דער רעדנע און געקוקט אין דעם צוגעמאַכטן פענצטער. קיין שלאָף האָט אים ניט גענומען. אים האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער איז מיט איר, מיט מאַרטען, אין די בערג. ער האָט נאָך געפילט דעם צויבער פון אירע ליפּן, דעם גערוך פון אירע פייַכטע האָר. זי איז געשטאַנען פאַר זייַנע אויגן אין איר לייַכטן קלייד, אַ בייגעוודיקע, אַ רייצנדיקע, אַ מילדע, און צעבויטעט זייַנע יינגלשע טרוימען.

דעם גאַנצן אינדערפרי איז מאַקס אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרטשאַדעטער, ניט פאַרשטאַנען, וואָס מע רעדט צו אים, וואָס מע וויל פון אים האָבן. די שטוביקע האָבן אים אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן, ניט געוווסט, וואָס מיט דעם באָכער איז געשען. ער האָט גאַרניט ניט געקאָנט ענטפערן דער מאַמען אף איר פראַגע, פאַרוואָס איז ער אַזוי צעדראַפּעט און ווער האָט אים אַזוי צעפּליקט זייַן העמדל...

מע זאָל אים האַקן און בראָקן, וועט ער גאָרניט דערציילן, מע זאָל פון אים אַפילע שינדן די הויט, שנייַדן שטיקער, וועט ער דעם סאָד זייַנעם ניט אַרויסגעבן!

די לערער אין שול האָבן אים דעם פרימאָרגן אויך ניט דערקענט, זיך געוווּנדערט — וואָס איז געוואָרן מיט יאָסיע דעם סטעלמאַכס זינדל, גלייַך ווי מע וואָלט אים פאַרביטן!

* * *

אָוונט נאָך אָוונט, ווי נאָר ס׳פלעגט אָנהייבן טונקלען, האָט מאַקס געיילט צו דער באַקאַנטער קאַליטקע. שאָענווייַז איז ער דאָרט אָפּגעשטאַנען, גע־וואַרט, און מאַרטע האָט זיך ניט באַוויזן.

וואָס איז געשען? ווו איז אַהינגעקומען מאַרטע? עפּשער איז זי קראַנק געוואָרן, ליגט צו בעט און קאָן צו אים ניט אַרויסגיין? עפּשער בייטיקט זי זיך אין זייַן הילף, און ער שטייט דאָ, ווי אַ בעטלער אונטער דער טיר? ווי אף צולאָכעס גייט אַהער קיינער ניט אַרויס און עס איז ניטאָ בא וועמען פרעגן.

עפּשער דאַרף ער זיך אָנעמען מיט מוט און אַרייַנגיין צו איר אין שטוב? נאָר וואָס וועט זייַן, אַז ס׳וועט אים דערזען איר זיידע? דער אַלטער שעד קער אים גוט געדענקען נאָך פון יענעם מאָל, ווען ער האָט אף אים געלאָזט דעם הונט. ער וועט עס דערציילן מאַרטען, וועט מאַקסן זייַן אַ ביזאָיען זיך באַווייַזן פאַר אירע אויגן.

ער וועט וואַרטן דאָ, בא דער קאַליטקע. עס קאָן ניט זייַן, יענע זאָל צו אים ניט אַרויסגיין, זי זאָל אים אַזוי גיך פאַרגעסן...

אין איינעם פון די האַרבסטיקע פאַרנאַכטן, ווען עס האָט מאַראַקעט אַן אייַנגעאַקשנט רעגנדל און דער ווינט האָט שטאַרק געשמיסן אין פּאָנעם אַרייַן, איז מאַקס געקומען צו דער קאַליטקע.

דאָס מאָל האָט ער באַשטימט, אַז ער וועט אַרייַנגיין צו מאַרטען אין

שטוב. ער האָט שוין מער ניט געקאָנט וואַרטן. ער האָט אָנגעקלאַפּט, און עס איז אַרויסגעגאַנגען צו אים דער גראָוער זיידע אירער. באַטראַכט דעם אומגעבעטענעם גאַסט מיט זײַן בייזן קוק, האָט ער אים דערקענט און זיך אָנגערופֿן:

— ווידער ביסטו אַהער געקומען גאַנווענען עפּל?.. פֿאַרנעם זיך פֿונדאַנען!

בא מאַקסן האָט זיך פֿון בושע שיר ניט אָפּגעריסן דאָס האַרץ.

— זיידעניו, וואָס רעדט איר?! איך בין געקומען... איך האָב געוואָלט זען אײַער מאַרטען... — האָט מאַקס מיט שרעק אַרויסגעבראַכט, — איך מוז איר עפּעס זאָגן, אײַער מאַרטען...

דער זאָקן האָט אָנגעכמורעט די גרײַזע ברעמען און אַ בורטשע געטאָן:

— פֿאַרנעם זיך גיכער! נישטאָ מאַרטע... שוין אַ וואָך, אַז זי איז אוועקגעפֿאָרן... זי איז ניט אַזאַ לײַדאַק, ווי דו!..

— וואָס? מאַרטע איז אוועקגעפֿאָרן? וווהין?..

— וווהין, וווהין! — האָט ער איבערגעקרימט מאַקסן. — ניט דײַן באָבעס דײַגע. זאָלסט מער ניט קומען אַהער דולן אַ קאָפּ!..

ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרהוסט און פֿאַרהאַקט די פֿירטקע.

מאַקס איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער:

— אוועקגעפֿאָרן?.. וווהין? פֿאַרוואָס האָט זי גאָרניט געזאָגט?

זײַנע פֿראַגן האָט אונטערגעכאַפּט דער ווינט.

אַ צעבראָכענער, אַ דערשיטערטער איז מאַקס אוועקגעגאַנגען פֿון מאַרטעס שוועל. ער האָט געפֿילט, ווי דאָס האַרץ וויינט בא אים. אַז מאַרטע זאָל אים אַזוינס אָפּטאָן, האָט מאַקס ניט געגלייבט. נאָר איינס האָט ער פֿאַרשטאַנען: דער זיידע האָט ניט אָפּגענאַרט. מאַרטע איז אוועקגעפֿאָרן...

די גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג און געטראַכט, געטראַכט, וואָס דאַרף ער טאָן. נאָר וווהין איז מאַרטע אוועקגעפֿאָרן — קיין לעמבערג, דראָהאָביטש, סטאַניסלאַוו, קאָלאָמייע? אַז די וועלט איז אַזוי ברייט, און ער איז נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעפֿאָרן ווײַטער פֿון קאָוואַליוווקע. ער האָט נאָך נאָענט קיין צוג ניט געזען. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. מענטשן פֿאָרן דאָך, וואָס זשע איז ער ערגער?

אין דער נאַכט האָט ער פּעסט בא זיך באַשטימט, אַז מער וועט ער דאָ ניט פֿאַרבלײַבן. ער וועט גיין זוכן די שטאָט, וווּ עס לערנט זיך מאַרטע. מעגלעך, ער וועט דאָרטן געפֿונען אַרבעט, זיך צושלאָגן צו אַ ברעג און ווען־ניט־איז זיך זען מיטן מיידל. מאַקס האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז דערפֿון טאָר זיך קיינער ניט דערוויסן, קיינער טאָר זיך ניט אָנשטויסן, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט. טאַקע קיינער, אַפֿילו קיין פֿויגל. ער וועט זיך אַרויסגאַנווענען פֿון דער שטוב שטיל און פֿאַרזיכטיק. מע דאַרף נאָר אויסקלײַבן אַ גינסטיקן מאָמענט. אָן טומל, אָן גערויש.

און ער האָט געוואַרט אויף דעם טאָג.

און, דאַכט זיך, מאַקס האָט דערויף אויסגעקליבן די סאַמע גינסטיקע שאָ.

ווען מע האָט אוועקגעפירט די מוטער אין שפּיטאָל, אין שכייניש שטעטעלע, און דער טאטע האָט פון גרויס פרייד אָדער פון גרויסע צאָרעס זיך אוועקגעלאָזט אין טראקטיר נעמען א קויסע, האָט מאקס זיך ארויסגעכאפט פון דער שטוב, פאָרזיכטיק, ווי א קאץ, און מיט זײַטיקע גערטנער און געסלעך זיך גענומען שפּאנען אין דער ברייטער וועלט אריַין.

צופוס און, ווו עס האָט זיך געלאָזט, אף א צופעליקער פור, דערנאָך אף די טרעפּלעך פון א צוג, ביז די קאָנדוקטאָרס האָבן אים ניט באמערקט און אראָפּגעטריבן, האָט מאקס מיט גרויס מאטערניש, א הונגעריקער, א פארמורזעטער, א פארפרוירענער, זיך דערקליבן קיין קאָלאָמייע.

נאָך קאָוואליוקע, וואָס האָט זיך פארלוירן אינעם שויס פון די גרינע קארפּאטן, האָט אים קאָלאָמייע אויסגעוויזן, ווי די סאמע גרעסטע און רוישיקע שטאָט אין דער וועלט. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויאַזוי וועט ער אין דעם מישמאש, אין דעם גערודער געפינען מארטען. ער האָט אויך ניט געוווסט, ווער דארף אים דאָ האָבן און ווהין וועט ער זיך אהינטאָן. טויזנטער פארשיידענע פראגעס האָבן אים דאָ געמאטערט, און ער האָט אף קיין איינער ניט געקאָנט זיך געבן קיין ענטפער.

עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט ער געבלאָנקעט איבער די אומבאקאנטע גאסן און געסלעך פון דער שטאָט. דער הארבסטיקער רעגן האָט אים אומראכמאָנעסדיק געשמיסן, ווי מיט בײַטשן, די ווינטן האָבן אים דורכגענומען, דער הונגער האָט שרעקלעך געמוטשעט. ניט אזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די שטאָט און אירע מענטשן, וואָס זײַנען געווען פארהאוועט, פארטאָן, פארכאָלעמט און אים ניט באמערקט אפילע, ניט געפרעגט, צי האָט ער שוין עפּעס געהאט אין מויל, צי האָט ער ווו איבערשלאָפן די נאכט...

א פארצווייפלטער האָט ער געטראכט, ווי וועט ער זיך אין דעם הוילעך באגעגענען מיט מארטען. זי וועט זיך שעמען מיט אים די גאס דורכגיין.

דאָס האָט מאקסן געמאטערט מוירעדיק. ער האָט געטראכט, אז ער מוז צום אלעם ערשטן געפינען א שטיקל דאך איבערן קאָפּ און עפּעס אן ארבעט צו פארדינען אפן שטיקל ברויט. ס'איז ניט קיין טאכלעס ארומשלעפּן זיך אזוי איבער די גאסן אָן ארבעט און באנאכט זיך פארקלײַבן ערגעץ אין א פינצטערער לאָך. לאָזט זיך אויס, ער האָט נאָך א שטיקל גליק!

נאָך עטלעכע טעג הונגער און קעלט האָט דער לויפער פון קאָוואליוקע אָנגעטראָפן אף דער פאני זשיכלינסקא און אופגעריכט געוואָרן.

מע קאָן ניט זאָגן, אז ער איז אריַינגעפאלן אין א גאניידן, נאָר ער האָט געדאנקט דעם גוירל דערפאר. ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אף פריילעכע, לעבנסלוסטיקע בעקער־יונגען, וואָס האָבן אים גערן אריַינגענומען אין זייער מישפּאָכע, ווי אן אייגענעם און נאָענטן. שפּעטער, — האָט ער געטראכט, — ווען ער וועט א ביסל קומען צו־זיך, וועט ער זיך נעמען זוכן מארטען. ער האָט געגלייבט, אז דאָ, אין קאָלאָמייע, וועט ער זי געפינען און ס'וועלן פארווירקלעכט ווערן זײַנע יינגלשע טרוימען.

ניט געקוקט אף אלע צאָרעס און מאטערנישן, איז דאָך די וועלט גוט!

* * *

אלץ וואָלט אָבער געווען שיין און פֿײַן, ווען מע זאָל אים לאָזן שטיין בײַ די אויוונס, אין בעקערײַ, און ניט טרײַבן אים גאַנצע טעג און נעכט ארומגיין ארום פּאַני זשיכלינסקאַס נימעסע קעץ. אַלעמאָל שיקט זי אים אין מאַרק אַרײַן נאָך מילך און פֿלייש פֿאַר אירע ליבלינגען. און די קעלט איז גרויס, די רעגנס מאַטערן מוירעדיק, און דערצו איז ער באָרוועס און נאַקעט.

דערוווּסט זיך פון זכאַריען וועגן דעם זונס הוילעך, האָט יאָסיע צונויפֿ־געקליבן מאַקס' ביסל אָרעמקייט — אַן אָפּגעריבן פּעלצעלע, אַ רעקל, אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס, אַ פּאָרל גרעט, און זיך פּאַוואָליע אַוועקגעלאָזט קיין קאַלאַמייע.

איז, דאַכט זיך, גוט?

דאַרף אָבער דער איבערשטער בויען זײַן וועלטל אַזוי, עס זאָל זיך אינמיטן וועג אַוועקשטעלן, ווי אַ בעלמע אָפּן אויג, אַ קרעטשמע, וווהין מע קאָן אַרײַנגיין מאַכן אַ קויסע און רעכט פֿאַרבײַסן.

אויסמײַדן אַזאַ טײַערע קרעטשמע דאַרף מען זײַן אַ מאַלעך. און „יאָסיע דער ניכטערער" געהערט נאָך דערווײַל ניט צו די מאַלאָכים! „זאָלן אונדזערע סאָנים, — זאָגט יאָסיע, — טרינקען סאַם, און מיר, לײַטישע באַלמעלאָכעס, וועלן נעמען אַ קאָפּ בראַנפֿן!"...

און וויבאַלד אַזוי, דאַרפֿט איר אַליין פֿאַרשטיין, אַז דער סטעלמאַך האָט ניט געקאָנט גיוווער זײַן דעם יעיצערהאָרע. די פּיס אַליין האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין קעלער אַרײַן.

אַרײַנגעקומען מיטן קלומעקל אין דער פֿריילעכער און רוישיקער קרעטשמע, האָט יאָסיע גלײַך פֿאַרגעסן, אַף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער געפֿינט זיך. און אַזויווי די מומע ריווקע גייט ניט אַף באַרג, כאָטש צי זיך אויס פֿאַר איר אַף דער פּאַדלאָגע, האָט יאָסיע צום ערשטן אויסגעליידיקט די קעשענעס, דערנאָך געלאָזט אין גאַנג דעם בענאַקס פֿאַרמעגן...

וואָס איז פֿאַראַן דאָ אַ סאַך צו ברײַען? אָפּן דריטן טאָג, ווען ער איז געקומען עטוואָס צו־זיך, האָט יאָסיע זיך אומגעקערט אַהיים מיטן בײַטשל. ניט פֿאַרהיקענדיק זיך, האָט ער גלײַך איבערגעגעבן דעם ווײַב אַ האַרציקן גרוס פֿונעם זון, דערציילט איר, וויאַזוי ער האָט זיך אין קאַלאַמייע באַ־געגנט מיט מאַקסן, אַז יענער פֿילט זיך דאָרטן, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, דערציילט, וויאַזוי דער בענאַק האָט זיך דערפֿרייט מיטן אָנטאָן, וואָס ער, יאָסיע, האָט אים געבראַכט צו פֿירן. וואָס איז שײַעך טאַכלעס, איז מאַקס שוין, קען מען זאָגן, אָפּן פֿערדל. זאָרגן זיך וועגן אים איז שוין, דאַנקען גאָט, ניטאָ וואָס. דער טאַכשיט אירער איז שוין אַף אַ דערעך!

אויסגעהערט דאָס אַלץ מיט קאָפּ, האָט די מאַמע געלאָזט אַ טרער, אויסגעווישט מיטן ברעג קאָפּטיכל די אויגן און זיך אָנגערופֿן:

— זאָגסטו, יאָסל, אַז ס'איז אים דאָרטן גוט? און ער איז געזונט? און ער וועט ווערן אַ מענטש? ער האָט זיך זײַן ערלעך שטיקל ברויט? זאָל

זײַן אין א גוטער שאָ! דאנקען גאָט... איך האָב געוווסט, אז צווישן מענטשן ווערט מען ניט פארפאלן...

דערווײַל האָט מאקס דאָרטן געכאַפּט דעם עמעסן ציטער, ארומלויפנדיק נאַקעט און באָרוועס אויספילן די שליכעס פון זײַן באַלעבאָסטע. מיט דער צײַט האָט ער זיך אפילע צוגעוווינט צו דער קעלט און זי שוין ניט געפילט אזוי שטארק, ווי די ערשטע צײַט.

גאָר מיר זײַנען, דאכט זיך, פארפאָרן אין א זײַט, אָנגעהויבן דערציילן א געשיכטע וועגן ליבע, וועגן דער ערשטער ליבע, און פארבלאָנדזשעט גאָר אין קרעטשמע...

בא וואָס זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט?

צי ווייסט איר, וואָס איז אזוינס ליבע? די ערשטע ליבע?

צי איז אײַך קיינמאָל ניט אויסגעקומען פילן די זיסקײַט און ביטערניש פון דער ערשטער, צאַפּלדיקער ליבע?

און מאקס האָט דאָס אַלץ פארזוכט! אין די גרעסטע פרעסט און זאווע־רוכעס, אונטער עסעריקע רעגנס און ווינטן האָט זי אים געוואָרעמט, ווי א געטרײַע מאמע, זײַן ערשטע, אומפארגעסלעכע ליבע!

צווישן גוטע מענטשן

איר זאָלט אפילע אויספאָרן די גאנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט, וועט איר, דאכט זיך, קיין בעסערע מעלאָכע, ווי א בעקער, ניט געפינען, — האָט געטראכט מאקס קרייסלער. — וואָס קען זײַן בעסער, ווי שטיין באם אויוון און באקן בולקעלעך און בייגל? אפּאָנעם, די געשיכטע ווייסט נאָך דערווײַל ניט פון קיין פאל, אז א בעקער זאָל שטארבן פון הונגער אָדער אומקומען פון קעלט...

עמעס, ניט בא דער פּאַני זשיכלינסקא וועט איר זיך אָנעסן צו זאט, אָדער זיך א ביסל אויסרוען, אָנוואָרעמען די נעשאָמע. ווען איר כאַפּט ארויס דאָס געבעקס פונעם אויוון, וואָלט איר געקענט עפּעס כאַפּן אין מויל ארײַן, שטייט זי אָבער איבער אײַך, ווי א מאַלעכהאַמאָוועס, און איר פארגעסט שוין וועגן עסן. שטענדיק וועט זי פאר אײַך צוזוכן א שעליכעס, איר זאָלט קיין צײַט ניט האָבן אפילע אויסווישן די נאָז, קיין איבעריקע מינוט ניט לאָזן זיצן רויק. פאַרט, ווי זי זאָל אײַך ניט היטן, גאָר בעשאַס איר שטייט באם פלאַקערנדיקן אויוון, וועט איר שוין ווי־ניט־איז קיין הונגעריקער ניט זײַן.

א זײַטיקער מענטש, וועלכער וועט זיך אהער, אין בעקערײַ, אראָפּלאָזן, אין דעם נאַסן קעלער, וואָס קוקט ארויס אַף דער ליכטיקער שײַן מיט א פּאָר קליינינקע, פארפּאָראָשעטע מיט מעל־שטויב פענצטערלעך, וועלכע דערמאָנען די שויבן פון אן אלטער טורמע, קאָן בא זיך א טראכט טאָן, אז דאָ הערשט שטענדיק נאָר אומעט, טרויער, מאָרעשכוירע, אז די כעוורע

בעקער לאכן זעלטן, זינגען ניט, טרײַבן ניט קיין קאַטאָוועס. ווען מיר פאָרויס וואָרענען, אז אזא מענטש וועט האָבן א גרויסן טאָעס!

דאָ איז אלעמאָל לעבעדיק און פריילעך!

בלויז דעמלט, ווען עס לאָזט זיך אראָפּ אהער די פּאַני זשיכלינסקא, ווערן אלע אף א צײַט סטאַטעטשנע, שטיל, רויִק, ווי די טײַבעלעך, גלײַך ווי די כעוורע וואָלטן אָנגענומען פולע מײַלער מיט וואסער, מע ווערט שטארק ערנסט, אָנגעשטרענגט — גאָרניט, הייסט עס, כוץ דער ארבעט, גייט זיי ניט אָן, דערבײַ שטיקט מען זיך פון געלעכטער. זיי קוקן גנײַוויש ארויס פון אונטער די ברעמען, צי קלײַבט זיך נאָך ניט אוועקגיין די קליפּע.

קוים נאָר נעמט זי אָן דעם שלייף פון איר לאנגן, אלטמאָדישן קלייד און הייבט זיך אוף מיט די גליטשיקע טרעפּלעך פונעם קעלער צום ארויסגאנג, אזוי ווערט צוריק פריילעך. מאקס שטעקט ארײַן אין זײַן ווײַסן בעקער־טשיפּעק דאָס בינטל פּעדערן, מיט וועלכן ער שמירט די בעקנס, בינדט אונטער דעם פארטעך ווי א קליידל, קריכט ארוף אף א טאבורעטקע און הייבט אָן איבערקרימען די באלעבאָסטע.

די ארומיקע קײַכן פון געלעכטער:

— אָט א מאזיק! ווי ער מאכט עס איר נאָך. אַן עמעסער צירקאטש!

— ווי א נאטורעלער ארטיסט, אף מײַן ערן וואָרט!

אָבער ניט שטענדיק ענדיקן זיך בעשאָלעם אזוינע פאָרשטעלונגען. אָפט טרעפט — די בעקער פארקוקן זיך אזוי אף מאקסן, אז זיי פארגעסן וועגן די אויוונס, און אין דער צײַט, ווען מע האלט זיך פאר די זײַטן פון געלעכטער, ווערן די בולקעלעך פארוואנדלט אין קויל.

אין אזעלכע פאלן הייבט זיך אָן בייזערן דער עלטסטער בעקער — דער פּאַני זשיכלינסקאס רעכטע האנט אין בעקערײַ — פּאַן סטאַסיק פשעפּיצקי. נאָר לאנג זיך בייזערן אף די כעוורע איז ניט אין זײַן טעווע. ער מאכט בלויז דעם אָנשטעל, אז ער איז אין קאס. אין עטלעכע מינוט ארום קאטשעט ער זיך אויך פון געלעכטער באגלײַך מיט אלעמען.

פּאַן פשעפּיצקי — דאָס איז א געפּאקטער, דיקער מענטש פון א יאָר פופציק, מיט א פעט פּאָנעם, מיט א הוילן קאָפּ און א פּאָר געלע, געדיכטע וואָנצעס, וואָס גיבן אים צו שטרענגקײַט, כאָטש אלע ווייסן, אז קיין שטרענגער איז ער קיינמאָל ניט געוועזן. ער פארמאָגט א פּאָר גוטמוטיקע אויגן, נאָר עס איז שווער פעסטשטעלן, פון וואָס פאר א קאָליר זײַנען זיי. אָפט שמייכלט ער, דער פּאַן פשעפּיצקי, און זײַנע אויגן באהאלטן זיך גלײַך אין די שפּעלטעלעך־נעסטן, און גיי ווייס, פון וואָס פאר א קאָליר זיי זײַנען!

ער איז ניט שטארק בארייִדעוודיק, נאָר דערפאר שטענדיק צופרידן מיטן לעבן. ער מישט זיך קיינמאָל ניט אין פּאָליטיק, לייענט ניט קיין בלעטער און קיין ביכער, ווײַל ער וויל ניט ארײַנכאַפּן פון דער מאכט דאָס, וואָס זײַן גוטערברודער און ליבלינג אילקאָ זאגול, דער געוועזענער סטודענט, האָט שוין ארײַנגעכאַפּט.

„ברענען זאָל די פּאָליטיק מיט די בלעטער אינײנעם! — טײַנעט סטאַ־סיק פּשעפּיצקי. — בעסער איבערשלאָפן מיט דרײַ פאַניענקעס, אײדער זיך באַגעגענען מיט אײן זשאַנדאַרם! גלײַכער זיצן א גאַנצע נאַכט אין דער רעסטאָראַציע און טרינקען װײַן, אײדער זיצן אײן שאָ אין טורמע!..״

דערװײַל שמײכלט ער, און דאָס פעטע פּאָנעם גלאַנצט, די אױגן פאַר־קריכן אין זײערע נעסטן און ער זעט שױן גאָרניט.

ער האָט ניט ליב, אז מע קריגט זיך. מע דאַרף לעבן צװישן זיך רויִק און שטיל, ניט ארױסברענגען אײנער דעם אנדערן פון די קײלים. אז פּאַני זשיכלינסקא בײזערט זיך אף א בעקער־יונג, פּירט ער זי אָפּ אין א זײַט און נעמט זי באַרויִקן:

— טײַערינקע, איר האָט דאָך אײן שטיקל האַרץ, װאָס דאַרפט איר עס פאַטערן, עס װעט אײַך נאָך צוניץ קומען!..

און ער טראָגט איר פלינק און גראַציִעז אונטער א קװערטל װאַסער:

— טרינקט, פאַני זשיכלינסקא, װאַסער לעשט אפילע א סרײפע...

מיט באַזונדערער אכטונג און אָפּשײַ באַציט זיך פאַן סטאַסיק צו אילקאָ זאַגולן, כאָטש אים שרעקט שטאַרק דאָס, װאָס אילקאָ טראָגט אַרײַן אין בעקערײַ בלעטלעך, װאָס ער באַהאַלט זײער שטאַרק, נעמט אָפּט צונױף אין א װינקל די בעקער, דערצײלט זײ עפּעס און מע זינגט שטילערהײט די „מאַרסעליעזע״ און „װאַרשאַװיאַנקע״.

כאָטש פאַן סטאַסיק האָט מורע פאַר אַזעלכע זאַכן, נאָר ער מאַכט דעם אָנשטעל, אז ער זעט גאָרניט און הערט גאָרניט. ניט זײַן דײַגע!

אין אַזעלכע פאַלן, אז עמעצער לאָזט זיך אראָפּ אהער אין קעלער, הײבט ער אָן קלאָמפּערשט זיך בײזערן און שרײַען אף די בעקער, מע זאָל זיך פלײַסיקער נעמען צו דער ארבעט. ער האָט ניט געװאָלט, אז עמעצער פון זײ זאָל האָבן א דורכפאַל און די פּאָליצײ זאָל זיך צו אים אָנהײבן טשעפּען.

„איצט איז א שװערע צײַט, — האָט געטײַנעט דער עלטסטער בעקער, — און מע מוז לעבן פּאָרזיכטיק״.

כאָטש, װי געזאָגט, איז פאַן פּשעפּיצקי א מענטש אין די יאָרן, נאָר אַלע רופן אים דאָ ניט אנדערש, װי פאַן סטאַסיק, בײס אים װאָלט, פאַר־שטײט זיך, בעסער געפּאַסט, מע זאָל אים רופן „פאַן סטאַניסלאַװ״. נאָר דאָס האָט אים אויך ניט געקימערט. ער איז שױן צו דעם געװױנט צוגעװױנט, װי אַרײַנכאַפּן אײן מאָל אין א װאָך א פּעטשאַטעק פון דער פּאַני זשיכלינסקא.

ביכלאַל איז ניט צו געפינען נאָך אַזא גוטמוטיקן מענטשן, װי סטאַסיק פּשעפּיצקי — דאָס איז א מענטש אָן א גאַל. זײַן ברײטהאַרציקײַט און גוטסקײַט איז פון אַלע צײַטן געװען באַװוּסט אין קאָלאָמײע און אין דער אומגעגנט. א טײל פון זײַנע פאַרדינסטן האָט ער אָפּגעגעבן פאַר די קראַנקע פון היגן שפּיטאָל. ער האָט אויך שטאַרק געהאַט ראַכמאָנעס אף די אַרעסטאַנטן, װאָס זײַנען געזעסן אין טורמע. אַלע זונטיק גאַנצפרי, װען ער פלעגט זיך אומקערן פונעם קאָסטיאָל, האָט ער פאַרקערעװעט אין מאַרק, אײַנגעקױפט א קױש פּרוכטן, עסנװאַרג און זיך אװעקגעלאָזט צו

דער טורמע, עס איבערגעגעבן פאַר די אַרעסטאַנטן, וועלכע, דערזעענדיק אים דורך די גראַטעס, האָבן פריינטלעך געפּאַכט צו אים מיט די הענט, מיט די היטלען און פאַטשיילעס.

— אַ ראַכמאָנעס אף אומגליקלעכע מענטשן, וואָס מע האָט אוועקגע־זעצט אין שטייג, — האָט ער געטיינעט פאַר די טורמע־אופזעער, — זיי זעען ניט די שיין פאַר זיך, טאָ זאָלן זיי זיך מעכייע זיין מיטן ביסן...

אָפּט האָט ער דערפאַר אַרייַנגעכאַפּט אַ גוטן פּסאַק. מע האָט אים אפילע אַ פּאָר מאָל געדראָעט, אַז פאַר מיטפילן און העלפן מעלוכישע פאַרברעכער קאָן ער שלעכט אָפּשניידן. נאָר דאָס האָט אים ניט אָפּגעשראָקן.

— פאַן סטאַסיק, צי זייט איר צופעליק אמאָל אליין ניט געזעסן הינטער די גראַטעס? — האָט מען זיך בא אים נאָכגעפרעגט. און ער האָט געענטפערט:

— גאָט באַהיט! מאַטקאַ באָזסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ האָט מיך דערוויַל פון טורמע פּאַרהיט, נאָר ווער ווייסט, וואָס מיט אַ מענטשן קאָן געשען אין לעבן? ווייניק אומשולדיקע שמאַכטן דאָרט? בא אונדזערע פּאַראַנדקעס קאָן מען מיך אויך אהין פאַרשפּאַרן, וועט מיר עפּעס אַ גוטע נעשאָמע אויך ברענגען עפּעס קייַען. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „פון דער טורמע און פון דער טאָרבע איז קיינער ניט באַוואָרנט".

אַז פאַן סטאַסיק איז נאָענט, פילן זיך די בעקער ווי בא זיך אין שטוב. קיינער וועט זיי ניט באַליידיקן, קיינער וועט זיי מיט קיין פינגער ניט פאַרטשעפּען.

אָבער מער דייַגעס, ווי מיט אַלעמען, האָט דער פאַן סטאַסיק מיט אילקאָן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק קומען אַראָפּ אין בעקעריַ די פּאָ־ליציאַנטן און אַנדערע רוכעס, זוכן, נישטערן אין אַלע ווינקעלעך, מע קערט איבער די בעקעריַ. מע האַלט אין איין זוכן! און וועמען מיינען זיי? פאַר־שטייט זיך, אילקאָ זאַגולן! עס איז גענוג, אַז אַ מענטש זאָל איין מאָל זיצן אין טורמע, אַרייַנפאַלן אין שוואַרצן צעטל, איז ער שוין באַוואָרנט, אַז מע וועט פון אים דאָס אויג ניט אַראָפּלאָזן, דער מענטש זאָל פאַרגעדענקען, אַז ער איז אַן אַרעסטאַנט אפן גאַנצן לעבן, כאָטש ער נעכטיקט בא זיך אין שטוב און שפּאַצירט אַרום איבער דער גאַס.

ניט איין מאָל האָט שוין געהאַלטן דערבייַ, מע זאָל אים פאַרנעמען אין פּאָליציי־באַצירק „אף אַ געשפּרעך", נאָר אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן מישט זיך אַרייַן פאַן סטאַסיק. ער שטעלט זיך אוועק פאַר די ניט־געבעטענע געסט און הייבט אָן מיט זיי אייַנטייַנען, אַז אילקאָ פאַרנעמט זיך שוין לאַנג ניט מיט קראַמאָלע, מיט פּאָליטיק, לייענט אַלע טאָג בלויז די ביבל, רעדט דאָ מיט קיינעם ניט, ווי ער זאָל זיין אַ שטומער. מאַלע וואָס ער האָט זיך אַמאָל דאָרטן אין אוניווערסיטעט פאַרנומען מיט נאַרישקייַטן... איצט האָט ער דאָס אַלץ פאַרגעסן. ער אַרבעט געטרייַ און פאַרדינט זיך ערלעך זיין שטיקל ברויט. אין דער היים האָט ער איבערגעלאָזט אַ קראַנקע מוטער, וועלכער ער דאַרף העלפן, קריכט אים דעריבער גאָרניט אין קאָפּ אַרייַן...

פאַן סטאַסיק, אַז ער זעט, זיינע רייד העלפן אים ניט, רופט ער אָפּ די שיידים אין אַ ווינקל, באַזעצט זיי בא אַ טישל, נעמט אַרויס פון אַ באַ־

העלטעניש א פלאש שנאפס, פארבײַסנס, און עס ענדיקט זיך דערמיט, וואָס אף א שטיקל צײַט לאָזט מען צורו דעם באָכער.

וויפל קומט אויס דעם פאן סטאסיק אויסשטיין פאר דעם פארשײַטן בעקער, דעם אקשן, וועלכן ער, סטאסיק, קאָן ניט אײַנריידן, אז איצט איז אזא צײַט, ווען מע דארף האלטן די צונג אף א שלאָס, לעבן שטיל, רויִק, זײַן די גאנצע צײַט אף דער וואך און ניט פארשארפן די באציִונגען מיטן פאן פילסודסקי און זײַן רעגירונג!..

מע קען, פארשטייט זיך, ניט זאָגן, אז די באלעבאָסטע פאני זשיכלינסקא איז געווען שטארק באגײַסטערט דערפון, וואָס צו איר אין בעקערײַ קומען אזוי אָפט די ריטער פון געזעץ און גערעכטיקײַט מיט זייערע אונטערזור־כונגען און קערן איבער די בעקערײַ מיט די פיס ארוף, מיטן קאָפּ אראָפּ. זי איז אוואדע ניט צופרידן, וואָס בא איר ארבעט דער הוצול, דער געווע־זענער ארעסטאנט. נאָר וואָס קאָן זי טאָן, אז דער פאן פשעפיצקי שטייט פאר אים, ווי א פעלדז, און לאָזט אים ניט א ריר טאָן מיט קיין פינגער. און סטאסיקס א וואָרט איז פאר איר געווען ווי א געזעץ.

פארוואָס, וועט איר פרעגן? צוליב דעם, מע זאָל ענטפערן אף דער פראגע, וועט אויסקומען זיך עטוואָס אָפּווענדן אָן א זײַט און דערציילן, וואָס האָט געבראכט דערצו, אז די פאני זשיכלינסקא זאָל האָבן דערעכערעץ פארן פאן סטאסיק און אויספילן אלע זײַנע באגערן און מעשוגאסן.

ווי איר שטויסט זיך אָן אליין, איז עס פארבונדן מיט א ליבע־דראמע.

יאָ, געווען א צײַט, ווען די פאני זשיכלינסקא איז געווען פארליבט אינעם פאן סטאסיק פשעפיצקי איבער די אויערן, ווי א זעכצניאָריקע גימנאזיסטקע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם, וואָס זי איז אנומלטן ארײַנגעקומען צו איר באקאנטן פאן זיגמונד אין בעקערײַ און דערזען שטיין באם אויוון דעם פאן סטאסיק. עס איז מאמעש א פארגעניגן געווען קוקן, ווי דער מענטש ארבעט — גאָלדענע הענט! אף זײַן געבעקס איז געווען א פרייד צו קוקן! דערצו נאָך האָט די פאני זשיכלינסקא זיך דערוווסט, אז דער פארשוין איז אָן עלנטער, האָט ניט קיין פרוי, קיין קינדער און איז פרײַ, ווי א פויגל! איז זי גלײַך צוגעזאָטן געוואָרן צו אים. זי האָט געטראכט אזוי: דער בעקער האָט ניט קיין שטוב, קיין באלעבאטישקײַט, און בא איר איז דאָס אלץ דאָ. פארוואָס זשע זאָל ער ניט אריבערגיין צו איר אין בעקערײַ? דערנאָך וועט מען אָפּשפילן א כאסענע אף צעפיקעניש אלע סאָנים אירע און פארשאָלטענע מענער. דער פאן מאכט אף איר אן אײַנדרוק פון א גוטן, א סטאטעטשנעם פארשוין. זײַן געבעקס האָט אין שטאָט א גוטן שעם. ער אליין איז, דאכט זיך, ניט ענלעך אף יענע עלטערע מאנצבלען, וועלכע, קוים נאָר זיי דערזעען א יונגע פאניענקע, א שיין פענעמל, א פאָר נאקעטע פיס, א קליידל, אזוי נעמען זיי שיר ניט אײַן א מיסע־מעשונע. די פאני זשיכלינסקא האָט דערפילט, אז ער, דאכט זיך, האָט אף איר א קוק געטאָן מיט גרויס אינטערעס און סימפאטיע.

פון זײַן קוק האָט עס בא איר אָפּגענומען די רו.

און די פאַני זשיכלינסקא האָט באַשטימט דאָס לעצטע מאָל א פּרווו טאָן דאָס מאַזל.

צום אַלעם ערשטן האָט זי אים אריבערגענאַרט צו זיך אין בעקערײַ, כאָטש דער פאָן זיגמונד האָט זיך אף איר דערפאַר באַליידיקט. זי האָט דעם פאָן סטאַסיק געמאַכט פאַר אַן עלטסטן בעקער — איר רעכטע האַנט, אים אָפּגעהיט, ווי א בעניאָכיד, קיין שטויבעלע ניט געלאָזט אף אים פאַלן. אַזוי, ווי מיט סטאַסיקן, איז זי זיך ניט באַגאַנגען מיט קיין איין מאַנצבל אפילע אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען זי איז נאָך געווען יונג און געקענט פאַנגען און באַצויבערן א יונגנמאַן.

אין א צײַט אַרום, ווען זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, ארײַנגעפירט סטאַסיקן צו זיך אין שטוב און פאַרפירט א רייד וועגן טאַכלעס, וועגן א כאַסענע, האָט ער זי אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענע. ער האָט איר גלײַך געגעבן אָנצוהערן, אַז וועגן אַזאַ זאַך האָט זי זיך ניט וואָס צו פאַרהיקען, זי זאָל נעמען א שײַט האָלץ און זיך דאָס ארויסשלאָגן פון קאָפּ. פון כאַסענע האָבן קאָן גאָר קיין רייד ניט גיין. ער איז געווען א פרײַער פויגל און וויל פאַרבלײַבן א פרײַער פויגל!

אויסגעהערט אַזעלכע דיבורים, איז פאַני זשיכלינסקא געפאַלן כאַלאָ־שעס, שיר־שיר ניט אָפּגעגעבן גאָט די זינדיקע נעשאָמע. דער פאָן סטאַסיק האָט זי קוים אָפּגעמינטערט, כאָטש אינגיכן האָט ער דערפאַר, וואָס ער האָט זי אָפּגעראַטעוועט, זייער כאַראָטע געהאַט...

קומענדיק צו־זיך, איז די פאַני זשיכלינסקא אים באַפאַלן, גענומען טײַנען, אַז ער קוילעט זי אָפּ אָן א מעסער, די גאַנצע גאַס ווייסט שוין, אַז ער קלײַבט זיך כאַסענע האָבן פאַר איר, און וואָס וועט זי איצט זאָגן? האַקיצער, אויב ער וועט זי ניט נעמען פאַר א ווײַב, וועט זי זיך הענגען, אײַנעמען סאַם, זיך וואַרפן אין טײַך ארײַן. זי וועט פאַרן נעמען זיך דאָס לעבן איבערלאָזן א בריוו, אַז נאָר ער, פאָן פשעפּיצקי, איז שולדיק אין איר פריצײַטיקן טויט. ער האָט זי דערצו דערפירט און וועט טראָגן פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן געזעץ. ווער־ווער, נאָר זי ווייסט גוט די פּוי־לישע געזעצן, זי ווייסט, ווו א טיר עפנט זיך אין געריכט. נאָר אף פאָן סטאַסיקן האָבן די דראָונגען ניט געווירקט. ער איז פון אַלע צײַטן געווען א רויִקער מענטש און זיך פאַר קיין זאַך ניט געשראָקן.

פאָן סטאַסיק האָט לאַנג געוואַרט, מע זאָל צו אים קומען און אָנזאָגן די שיינע בסורע, אַז די פאַני זשיכלינסקא האָט זיך גענומען דאָס לעבן. נאָר א נעכטיקער טאָג — זיך ניט דערוואַרט.

און, דאַנקען גאָט, זי האָט זיך אַדהײַעם דאָס לעבן ניט גענומען און לעבט, דערגייט אַנדערע די יאָר.

אין יענע גליקלעכע טעג און וואָכן, ווען פאַני זשיכלינסקא האָט געמיינט, אַז ס'האַלט שוין בא כאַסענע האָבן, זײַנען די בעקער געווען אפן זיבעטן הימל. זייער מײַסטער האָט מאַמעש ארײַנגעהויכט דער באַלעבאָסטע א שפּאָגל־נײַע נעשאָמע. קיין גראָב וואָרט האָט מען פון איר ניט געהערט. צו אַלעמען איז זי געווען צוגעלאָזן, מיט יעדן איינעם זיך ליבלעך געגריסט, נאָר דערנאָך,

ווען פון דער גאנצער ליבע אירער האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם, איז געווען — הימל עפן זיך. זי איז געוואָרן נאָך בייזער, ווי געווען ביז דער פרײַנטשאפט מיט פאן סטאסיקן. ווי א גאזלענטע איז זי ארומגעגאנגען איבער דער בעקערײַ, גרייט געווען יעדן איינעם דוירעס זײַן. אלע האָבן זיך געסטארעט האלטן זיך אָן א זײַט, זיך ניט ווארפן דער פאני זשיכלינסקא אין די אויגן.

דערפאר אָבער האָבן די בעקער־יונגען ניט געלאָזט רוען זייער מײַסטער, געטײַנעט צו אים האלב אין שפאס:

— זעט איר, פאן פשעפיצקי, ווען איר וואָלט אָבער פאר איר כאסענע געהאט, וואָלט אונדז אלעמען געווען גוט און פײַן. אזוי האָט איר אונדז אלעמען אָנגעטאָן א גרויסן אומגליק. זי איז געוואָרן בייז, ווי א כײַע, אן עמעסע טיגערטע!

באהאלטנדיק אין די וואָנצעס דאָס גוטמוטיקע שמייכעלע, האָט יענער געענטפערט:

— שיינע פרײַנט, ניטאָ וואָס צו זאָגן! צוליב אײַער רו און ווילטיק זײַנט איר גרייט מיך ברענגען פאר א קאָרבן? שוין גלײַכער כאסענע האָבן פאר א טיגערטע, איידער פאר אונדזער הארציקער באלעבאָסטע...

און א טראכט געטאָן א ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן:

— נישקאָשע, טאָמער וועט זי זיך צו אײַך טשעפען, זאָלט איר מיר גלײַך דערציילן. איצט וויים איך שוין אלע אירע מעשוגאסן און שוואכקײַטן.

און ס'איז ווירקלעך געווען אזוי. כאָטש די פאני זשיכלינסקא האָט נאָך דער דאָזיקער געשיכטע ניט געקאָנט אָנקוקן דעם עלטערן בעקער, נאָר אין זײַן אָנוועזנהײַט איז זי געווען אײַנגעהאלטן, פון זײַן קוק האָט זי זיך פארלוירן. די סיבע דערפון, זעט אויס, איז דאָס, וואָס זי האָט נאָך געוויס געפילט א שטיקל ליבע צו אים. איר האָט זיך נאָך אלץ געדוכט, אז ער וועט זיך דערבארעמען איבער איר און אליין איר פאָרלייגן די האנט מיט דער נעשאָמע. כויץ אלעמען, האָט זי ניט געוואָלט פארלירן אזא גאָלדענעם בעקער. בלויז אף אים האָט זיך איצט געהאלטן איר פירמע. ווען ער גייט אוועק, וואָלט זי מיט איר געשעפט געהאט א שיין פאָנעם! איר וואָלט אויס־געקומען פארמאכן די בעקערײַ, נעמען א טאָרבע און זיך לאָזן איבער די הײַזער.

נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אזוי אָפגענארט מיט דעם פאן סטאסיקן און דער שידעך איז געוואָרן אויס שידעך, איז זי ארומגעגאנגען א דערשלאָגענע, קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. אף איר געקנייטשט פאָנעם האָט זיך אויסגעשפרייט א שרעקלעכע מאָרעשכוירע, זי איז נאָך מער אויסגעטריקנט געוואָרן, א שענערע, דאכט זיך, לייגט מען אין קייווער. ניט קיין מענטש, נאָר א שאָטן האָט זיך ארומגעדרייט איבער דער בעקערײַ און אָנגעוואָרפן א מעהומע אף אלעמען.

מאקס האָט ליב געהאט הערן, ווי פאן סטאסיק דערציילט יעדעס מאָל מיט מער פריילעכע איינצלהײַטן די געשיכטע פון זײַן ליבע מיט פאני

זשיכלינסקא. אים איז געפעלן געווען ביז גאָר דער גוטמוטיקער, צוגע־לאָזטער מענטש מיטן עטוואָס כיטרע שמייכעלע אפן פולן פּאָנעם, דער מײַסטער, וואָס האָט זיך באַצויגן צו אים, ווי צו זײַנעם א זון, און ניט געלאָזט, מע זאָל אים טאָן שלעכטס, באַוולען.

מער אָבער פון אַלץ האָט מאקס געשעצט זײַן פרײַנטשאַפט מיט אילקאָ זאגולן, אין וועמען ער איז מאמעש געווען פארליבט און זיך געסטארעט נאָכטאָן אַלץ, וואָס יענער האָט געטאָן, זײַן אף אים כאָטש א ביסעלע ענלעך. אילקאָס וואָרט איז פאר מאקסן געווען הייליק. אילקאָ האָט אָפט געפירט מיט אים אזעלכע שמועסן, געגעבן לייענען אזעלכע ביכלעך, וואָס טאָמער פאקן דאָס די פּאָליציאַנטן, זייערע באדינער, וואָלט סײַ אילקאָ, סײַ מאקס זיך געמעגט געזעגענען מיט דער בעקערײַ, נעמען א טאָרבע סוכארעס און זיך גלײַך איבערפּעקלען אין הויכן הויז מיט די גראַטעס אף די פענצטער־לעך...

דערפאר, וואָס אילקאָ זאגול האָט אים אזוי פארטרויט אַלץ, איז מאקס גרייט געווען גיין פאר אים אין פײַער און אין וואסער. און ער איז טאקע געגאנגען און ניט געפילט דערבײַ קיין שרעק, קיין שום פּאַכעד, ווײַל ער האָט געוווּסט, מאקס, אז ער גייט פארן עמעס!

פּאַן פּשעפּיצקי האָט שוין לאַנג באמערקט, ווי עס ווערט שטארקער מיט יעדן טאָג די פרײַנטשאַפט צווישן דעם אומרויִקן בונטאר, דעם הוצול, מיטן באָכערל פון קאָוואַליוּוקע. אים האָט אָבער שטארק באומרויִקט, וואָס מע פירט צווישן זיך אזעלכע געשפּרעכן און גאָר אָפט, אין די נעכט, ווערט מען דער רועך ווייסט ווו פארפאלן. צי גייען זיי ניט אין די בערג אף די ארבעטער־סכאָדקעס? דאָס קאָן זיך שלעכט ענדיקן. פאר אזוינע זאכן גלעט ניט די רעגירונג איבערן קעפּעלע! דאָס האָט פּאַן סטאסיקן זייער באומ־רויִקט, און נאָך מער האָט אים געשראָקן דאָס, וואָס מאקס איז געוואָרן א צו גרויסער ליבהאָבער פון ביכלעך — ניט קיין געוויינלעכע ביכלעך, נאָר יענע, וואָס מע דארף האַלטן אונטער זעקס שלעסער.

— זע, מאקס, — האָט אים פּאַן סטאסיק געוואָרנט, — פארגעס ניט, אז מיר לעבן ניט אין קיין גאניידן. זײַ פאָרזיכטיק. פאר אזעלכע ביכעלעך קאָנסטו גאנץ טײַער באצאָלן. אילקאָ האָט שוין פאר די ביכלעך ארײַנגע־כאַפּט. קיין סאך נאכעס האָבן די ביכלעך אים ניט פארשאַפט. קיין מאזל אויך ניט געבראכט. ווער־ווער, נאָר איך ווייס גוט, ווי שווער עס איז א פּראָסטן הוצול אָנקומען אין ווארשעווער אוניווערסיטעט. מיט גוואַלד האָט מען אים אהין ארײַנגעפּערעט. עס וואָלט שוין פון אים איצט געווען א מענטש, פארגלוסט זיך אים פּאָליטיק! און פּאָליטיק האָט אים געבראכט אהער, אין קעלער. דערבײַ לאָזט די פּאָליציי אים רויִק ניט לעבן. מיט פּאָליטיק זאָלן זיך פארנעמען מיניסטאָרן אָדער פערד — בא זיי זײַנען גרויסע קעפּ. דו מאכסט די ערשטע טריט אין לעבן, דארפסטו זײַן פאָר־זיכטיק. פארגעס ניט, אין וואָס פאר א ביטערער צײַט מיר לעבן. פאר אונדזער אילקאָן זײַנען פארהאַקט אַלע טירן, כוץ איין טיר — פון דער טורמע. טאָ זע, זאָלסט ניט האָבן זײַן גורל...

דעם מײַסטערס װערטער האָבן נאָך מער דערהױבן אילקאָ זאַגולן אין מאַקס' אױגן. יאָ, ער האָט אַלײן געװוסט, אַז אילקאָס גורל איז ניט קײן לײַכטער, זײַן װעג איז פֿול מיט געפֿאַרן, און דאָך איז מאַקס אים מעקאַנע געװען, געטרױמט גײן מיט יענעמס װעגן און שטעגן. „איך װיל אױך לעבן צוליב דעם, כ'זאָל ברענגען מענטשן נוץ, אַפֿילו אײַנשטעלן פֿאַר זײ דאָס לעבן, שטעלן טראָגן דעם עמעס, און פֿאַר קײנעם, פֿאַר גאָרניט ניט מוירע האָבן. און אױב מײַן גורל װעט זײַן אַזאַ, װי בײַ אילקאָן, װעל איך זײַן דעמלט גליקלעך", — אַזױ האָט געטראַכט מאַקס קרײסלער, אױס־הערנדיק פֿון סטאַסיקס האַרציקע רײד.

* * *

דאָס יאָר זײַנען די פֿרעסט און װינטן באַזונדערס מעשוגע געװאָרן, דערקוטשעט מער, װי אַלעמאָל. דאָרטן, אין קאָװאַליװקע, האָט ער זײ ניט אַזױ שטאַרק געפֿילט. און עפּשער זײַנען די פֿרעסט און װינטן אין די בערג לינדער, לײַטישער, ניט אַזױ אַכזאָריעסדיק, װי דאָ?

אַז דאָרטן, אין שטעטל, האָבן זיך אָנגעהױבן גרױסע פֿרעסט, פֿלעגט מען אַלע קינדער פֿאַרשליסן אין שטוב און ניט אַרױסלאָזן זײ פֿון יענער זײַט טיר.

יאָ, נאָר דאָרטן האָט ער דאָך ניט געהאַט אױף זיך די פּאַני זשיכלינסקאַ מיט די קעץ. דאָרטן האָט אים קײנער ניט געטריבן אין מאַרק אַרײַן, ניט געצװונגען טראָגן שװערע קױשן בולקעלעך איבער די קראָמען פֿון שטאָט... האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ גרױסער פֿראָסט, האָט די מאַמע אַלעמען פֿאַרטריבן אױפֿן אױװן. װאָס האָט מען געקאָנט טאָן, אַז אין שטוב איז געװען אַ שאָק מיט קינדער און אײן אָפּגעריבן פּעלצעלע, אײן פּאָר שקראַבעס מיט אַלטע לעכער. װער פֿון די קינדער האָט זײ פֿריִער אױסגעכאַפּט, דער האָט געקאָנט אַרױסגײן אין דרױסן, יענער האָט געקאָנט לױפֿן אין שול.

און ניט שטענדיק האָט זיך געגלוסט זײַן אַ פֿלינקער...

דאָ האָט מאַקס אױך ניט געהאַט װאָס אָנצוטאָן. נאָר אילקאָ האָט אים ניט געלאָזט פֿרירן. אַז די באַלעבאָסטע האָט צוגעטראַכט פֿאַרן באָכער פֿון קאָװאַליװקע אַ געגנל, האָט אילקאָ אים געגעבן זײַן אָפּגעריבן רעקל מיט די צעפֿאָרענע שטיװל.

אים איז נימעס געװאָרן זײַן אַ שיק־ייִנגל, און ער האָט זיך געלערנט בײַ פֿאַן סטאַסיקן, בײַ אילקאָ זאַגולן די סודעס פֿון בעקערײַ. און דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן גאָר פֿײַן. ער האָט זיך שױן געפֿילט בײַ די אױװנס, װי אַ פֿיש אין װאַסער, און די אַרומיקע האָבן אים געלױבט פֿאַר זײַן אײַנגעװאַקסנטקײַט, דערפֿאַר, װאָס ער האָט אַזױ גוט באַהערשט די שװערע מע־לאָכע פֿון אַ בעקער!

די פּאַני זשיכלינסקאַ האָט, צוקוקנדיק, װי דער באָכער אַרבעט, אים אָנגעהױבן װײניקער אַרומטרײַבן, און דאָס איז אים גראָדע געפֿעלן געװאָרן.

אין איינעם פון די טעג, ווען פאַן סטאַסיק איז געשטאַנען בא דער זײַט און געשפּירט, ווי מאַקס אַרבעט פלינק און גענײט מיט דער לאָפּעטע באַם אויוון, האָט ער זיך אָנגערופן, אַלע בעקער זאָלן הערן:

— נו, מאַקס, איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דו ביסט אַ געבוירע־נער בעקער. איצט קאָנען מיר דיך אַרײַנעמען אין אונדזער בעקער־מיש־פּאָכע אַף שטענדיק. פריִער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דו ביסט אַ דורכפליִענדיקער פויגל — ווײַסט זיך אָפּרוען אַף אונדזער דאַך, זיך אָנעסן און פליִען ווײַטער. אויב דו האָסט זיך אַזוי גענומען צו דער לערע, ווײַסטו שוין בלײַבן אונדזערער. איז אין אַ גוטער שאָ! הײַנט וועל איך זאָגן דער באַלעבאָסטע, זי זאָל דיך מער ניט אַרומטרײַבן. מער ווײַסטו שוין ניט זײַן בא איר קיין שיק־ייִנגל. שוין צײַט, זי זאָל דיר אָנהייבן צאָלן געהאַלט, ווי אַלעמען. ווײַסט אָנהייבן באַקומען בא איר זלאָטעס און זיך קענען אָנטאָן, נעמען אַ קעלישעקל בראַנפן, אַרומשפּאַצירן מיט אַ פּאַניענקע, ווי אַן עכטער בעקער־יונג...

— נו, און די קעץ, פּאַן סטאַסיק?

— די קעץ? זאָל זי געליימט ווערן מיט אירע קעץ איניינעם! גענוג פונדײַנעטוועגן! זאָל זי זוכן אַן אַנדער שיק־ייִנגל. קאַלעס פּאַרקוקן זיך שוין אַף דיר, און דיר פּאַסט שוין ניט האָבן צו טאָן מיט קעץ, אַרומלויפן איבער דער שטאָט מיט די קוישן...

— אַ דאַנק אײַך, פּעטער סטאַסיק.

— ניטאָ פאַר וואָס. זיך דאַרפסטו דאַנקען! דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, גוטע הענט און אַ כיישעק צו דער אַרבעט. אַזעלכע יאַטן האָב איך ליב.

* * *

אַפּאָנעם, אַז סטאַסיק פּשעפּיצקי האָט אים געגעבן אַ גוט־אויג!

מאַקס איז טאַקע גלײַך פּאָטער געוואָרן פון די נימעסע קעץ, פון די קוישן, פון די טעפּ און אָנגעהויבן באַקומען געהאַלט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּײַנעם בעקער־יונג. נאָר שוין אַ צײַט, אַז עס האָט אים אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ.

אין אַ שיינעם זונטיק פאַרנאַכט, ווען מאַקס האָט פון דער באַלעבאָסטעס ציטערנדיקע הענט באַקומען די ערשטע סכירעס, האָט ער באַשטימט מע־כאַבעד זײַן דעם טרײַען לערער זײַנעם, סטאַסיק פּשעפּיצקי, ווי דאָס האָבן יעדן מאָל געטאָן אַנדערע בעקער־יונגען.

איצט קאָן ער זיך פאַרגינען!

דעם זעלבן אָפּדערנאַכט זײַנען זיי זאַלבעצווייט שוין געזעסן אינעם אָנגערייכערטן, פאָלגעפּאַקטן טראַקטיר, וווּ אַלץ איז פאַר מאַקסן געווען נײַ און אומגעוויינלעך. מאַקס איז נאָך אַף זײַן לעבן ניט געווען אין אַזעלכע מעקוימעס. זיך צוגעקוקט, וואָס טוען אַנדערע, און אויך באַשטימט אַ הוליע טאָן אַזוי, ווי יענע.

צעפּאָליעטע, טומלדיקע מענטשן זײַנען געזעסן ארום די טישלעך, באַשטעלטע מיט פלעשער, גלעזער, געטרונקען, געגוואַלדעוועט, געזונגען אף וואָס די וועלט שטייט.

ער האָט צוגערופן דעם פארשוויצטן, פארהאַוועטן קעלנער, געהייסן ברענגען געטראַנקען און פאַרבײַסנס, ניט זשאַלעווען. ער, מאַקס, צאָלט!

דער קעלנער האָט א קוק געטאָן אף דעם „גרינעם" באָכער מיט א כיטרע שמייכעלע, אונטערגעוווּנקען, ווי ער וואָלט געזאָגט דערמיט: „דאָס ערשטע מאָל קומסטו אהער? נישקאָשע, דו וועסט זיך שנעל אויסלערנען נעמען א שנעפּסל", און געבראַכט עטלעכע פלעשער, טעלער, צוגעוווּנטשן א פרייַלעכן אָוונט.

לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז ניט קיין שווערע האַלאָכע. מאַקס האָט געוואָלט באַווײַזן, אז ער וועט ניט אָפּשטיין פון די ארומיקע פרייַלעכע שכיינים. ער קאָן אויך הוליען, ווי זיי אַלע! ער איז שוין ניט קיין שיקייִנגל בא פּאַני זשיכלינסקא, נאָר אן עכטער בעקער...

ער האָט זיך נעבעך געמוטשעט, ווי אפן טויט, ביז ער האָט אויסגעטרונקען די ערשטע גלאָז בראַנפן, דעם עקלדיקן געטראַנק, וואָס האָט געהאַט דעם טאַם פון סאַם, זיך א פּאָר מאָל פארכלינעט, נאָר געטרונקען, — ניט אָפּשטיין פונעם פּאַן סטאַסיק.

נאָך דער ערשטער גלאָז האָט ער אויסגעטרונקען די צווייטע, פון וועלכער אים האָט זיך געוואָלט ברעכן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, טראַכטנדיק מיט פּאַכעד, וויאַזוי ווערט ניט נימעס דעם טאַטן טרינקען אַלע טאָג אזא ביטערן געטראַנק...

די צײַט האָט זיך געצויגן פּאַמעלעך, און מאַקס האָט געפילט, ווי דער קאָפּ הייבט זיך אָן דרייען. ער האָט שוין אויך אָנגעהויבן אונטערבאָמקען די לִיד, וואָס פּאַן סטאַסיק און די שכיינים באַם טישל האָבן אָנגעהויבן זינגען.

דער זשוואַווער קעלנער האָט אונטערגעטראָגן נײַע פלעשער, אָנגעגאָסן אין די גלעזער, און מאַקס האָט ווידער געטרונקען.

איצט האָט זיך פאר זײַנע אויגן געדרייט ניט נאָר דער פּאַן סטאַסיק, נאָר דער גאַנצער טראַקטיר, אַלע מענטשן. ער האָט אָנגעהויבן זינגען זײַנע קאָלאָמייקעס, און דעם ארומיקן עוילעם איז גאָר געפעלן געוואָרן זײַן שטים, מע האָט אים אונטערגערוקט בראַנפן, ווײַן, געטרונקען פאר זײַן געזונט, און ער האָט ניט געקאָנט אָפּשטיין.

עפּעס האָט דער פּאַן סטאַסיק אים דערציילט, נאָר מאַקס האָט שוין ניט פארשטאַנען, וואָס יענער רעדט צו אים. דער קאָפּ האָט זיך אַלץ שטאַרקער גענומען דרייען. עס האָט זיך פארגלוסט שלאָפן, און ער האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אפן טישל. נאָר עמעצער פון די שכיינים האָט אים א טאָרע געטאָן: נאָך פרי שלאָפן. און ער האָט ווידער עפּעס אויסגעטרונקען, עפּעס געגעסן. דערזען, ווי די שכיינים האָבן זיך געשטעלט טאַנצן, שרײַען, איז ער אויך אוועק אין קרײַז.

פרייַלעך איז געווען דעם באָכער פון קאָוואַליוווקע! ער האָט געהוליעט!

מאקס האָט דערפילט, ווי די צונג איז געוואָרן ווי א שטיק האָלץ. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן סטאסיקן, נאָר ניט געקאָנט. די פּיס האָבן אים אופגעהערט פאָלגן.

פאַן סטאסיק, וואָס איז שוין אויך געווען רעכט אונטערן גלעזל, האָט געקוקט מיט זיַין גוטמוטיקן שמייכעלע אפן טאַלמיד, געטריבן מיט אים קאַטאָוועס און לעסאָף אָנגענומען פאר דער האנט און א ווונק געטאָן: געגוג געהוליעט. ציַיט גיין אהיים. שוין זייער שפּעט.

זיי זיַינען ארויסגעגאנגען פונעם שענק און זיך געלאָזט שפּאנען גע־אָרעמט איבער דער פּוסטער, פארשנייטער גאַס. עס האָט געדרייט א זאַ־ווערוכע, געבלאָזן דער עסעריקער ווינט, נאָר ניט פאַן סטאסיק, ניט מאקס האָבן די קעלט ניט געפילט. עס איז געווען פריילעך אפן הארצן. ווער איז דען איצט געווען גלײַך צו זיי! אײַ, מע האלט זיך קוים אף די פּיס, מאכט ניט אויס! איין מאָל לעבט מען אף דער וועלט!

מע איז געגאנגען, אונטערבאָמקענדיק אונטער דער נאָז א פריילעכן ניגן, געלאכט, געבעבעט ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, און צופעליקע, פאר־שפּעטיקטע דורכגייער האָבן זיך פונעם פריילעכן פּאָרל מיט שרעק אָפּ־געטראָגן אָן א זיַיט.

מאקס האָט געפילט, ווי מיט יעדן שפּאן הערן אים וויניקער די פּיס. א פּאָר מאָל איז ער געפאלן אף די הורבעס שניי. אופגעשטאנען און גע־שפּאנט וויַיטער.

מיט א צעכראסטעטן קאָלנער, א פארפּאליעטער, דאָס היטל אף א זיַיט, האָט ער זיך געשלעפּט אנטקעגן דעם ווינט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט זיַין פארשנייטן קאָפּ האָר, געשמיסן אין פּאָנעם אריַין.

אים האָט זיך איצט געוואָלט בלויז איינס — זיך דערקלײַבן צו דער בעקערײַ, אראָפּלאָזן זיך אינעם הייס־אָנגעהייצטן קעלער און זיך אויסציִען אף די זעק אין זיַין ווינקל.

פאַן סטאסיק איז אויך געווען גאנץ פײַן בעגילופן, נאָר ער האָט זיך געהאלטן שטארקער פון זיַין טאַלמיד, און פארשטאנען, אז מע דארף יענעם וואָס גיכער צופירן צו דער בעקערײַ, ער זאָל זיך קענען ביז טאָג אויס־שלאָפן, אנדערש וועט ער ניט קענען האלטן די לאָפּעטע אין די הענט און ארײַנכאפּן א שיינעם פּסאק פון דער באלעבאָסטע.

צוגעקומען צום קעלער, האָט מען זיך גאנץ פײַן ארומגענומען קושן, און דער פאַן סטאסיק האָט פארקערעוועט צו זיך אהיים.

מאקס איז נאָך לאנג געשטאנען צווישן די שניי־הורבעס, זיך ארומגע־קוקט אין אלע זיַיטן, געטראכט, ווו געפינט ער זיך, נאָר אָנשטאָט זיך אראָפּלאָזן אין קעלער האָט ער זיך געגומען גיין צוריק אין שטאָט ארײַן, ניט ווינסנדיק וווהין און נאָך וואָס.

דער ווינט און די זאווערוכע האָבן אים פארטראָגן ערגעץ אף דער צענטראלער גאַס, ווו ארום די איינציקע לאמטערנס האָבן זיך געדרייט אין א פריילעכן קאראהאָד גאנצע כאליאסטרעס שנייעלעך, ווי די שמעטערלינ־גען. דאָ און דאָרט האָבן געשײַנט אין די קראָמען וויטרינעס. מיט א

פריילעכן טראסק האָבן זיך פארבײַגעטראָגן שליטנס מיט פארשײַטע פור־מאַנעס, רוישיקע מענטשן. פארפרוירענע מענטשן האָבן ערגעץ געײַלט.
מאַקס האָט זיי נאָכגעקוקט, געפּרוווט עמעצן אָפּשטעלן, עפּעס א פרעג טאָן, נאָר אין אזא קעלט האָט זיך קיינער ניט געוואָלט אָפּשטעלן מיט אים, געמאַכט מיט די הענט און געלאָפן ווײַטער.

ער האָט פאַרגעזעצט שפּאַנען איבערן גליטשיקן טראָטואַר, ווי א מאַט־ראָס איבערן אויבערדעק פון א שיף בעשאַס א שטורעם.

פּלוצעם האָט זיך צו מאַקס' אויער דערטראָגן א געריוש פון אן אָר־קעסטער, פריילעכע אויסגעשרייען, א געלעכטער. מאַקס איז געבליבן שטיין, זיך ארומגעקוקט, וואָס איז דאָרט? ווי דורך א נעפּל האָט ער געזען אין גרויסן רעסטאָראַן ארום געגרייטע טישן מענטשן, פּרויען און מאַנצבלען. מע טרינקט, מע הוליעט. מיט וואָס זשע איז ער ערגער פון יענע? זײַן האַרץ איז פון קלאָטשע? וווהין איז אָבער אנטרונען פאַן סטאַסיק? מע קאָן דאָך אויך אהער ארײַנקומען עפּעס אויסטרינקען, זינגען, טאַנצן?

ער האָט אָנגעטאַפּט אין קעשענע די עטלעכע פאַרבליבענע זלאָטעס און זיך געלאָזט צום ארײַנגאַנג אין רעסטאָראַן. פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין, ווי צוגעקאָוועט צום אָרט. עס איז צוגעפאָרן א שליטן, און פון דאָרט איז אראָפּגעשפּרונגען א לאַנגער, דארער פארשוין אין א סטודענטיש היטעלע, מיט א פּאָר גרויסע ברילן אף דער נאָז, און א פלינק לאַכנדיק מיידל אין א פוטער. זיך צעצאָלט מיט דעם פורמאַן, האָט דער דראַנג גענומען אונטער דער האַנט דאָס מיידל און זיך מיט איר געלאָזט צום ארײַנגאַנג.

מאַקס איז דערשטוינט געבליבן: מאַרטע! יאָ, געוויס, ער האָט זי דער־קענט, איר געלעכטער, איר גענגל, דאָס פּאַריסענע נעזל, די צעפּלעך, וואָס קוקן ארויס פון אונטער איר פוטערן היטעלע. יאָ, געוויס, מאַרטע!

זי איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים, שיר ניט פאַרטשעפּעט מיטן עלנבויגן און אף אים אפילו ניט אויפגעהויבן די אויגן.

און אָט דער לאַנגער מיטן היטעלע, מיט די ברילן און שמאָלער סטור־לער פּלייצע איז יענער סטודענט!

אין דער רגע איז מאַקס, דאַכט זיך, גלײַך ניכטער געוואָרן. געוויס, זי! ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. מאַרטע? זי, געוויס! נאָר פאַרוואָס גייט זי מיט יענעם שלאָק? זי האָט דאָך וועגן אים געזאָגט, אז זי פאַראַכטעט פּאַכ־דאָנים, אז וועגן אים איז ניט קעדײַ צו ריידן. ווי גייט זי מיט א מענטשן, וואָס האָט זי פאַרלאָזט אין א געפאַר?

דער אַלטער שווייצאַר מיט דער לאַנגער באָרד האָט פאַר זיי ברייט צעעפנט די טיר, זיך נידעריק פארנייגט און ארײַנגעלאָזט אין רעסטאָראַן, כּניפעדיק צו זיי געשמייכלט, ווי צו אַלטע באַקאַנטע, געהאָלפן זיי אויסטאָן די מאַנטלען.

מאַקס איז צוגעזאָטן געוואָרן צום עטוואָס פאַרהויכטן פענצטער, דערזען מאַרטען א פריילעכע, א פאַרפּוצטע, א שײַנענדיקע, מיט אן אנטבלויזטן האַלדז. דאָס שמייכלענדיקע פּאָנעם האָט בא איר געפלאַמט פונעם פראָסט. אָט האָט דער לאַנגער טײַוול זי ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און זי

אוועקגעפירט צו א פרײַ טישל. אָט זיצן זיי שוין באַם טישל, און א פּראַנט, א קעלנער, האָוועט שוין אַרום זיי. מע טראָגט זיי אונטער ווײַן, באָקאַלן, טעלער. מאַרטע לאַכט, ווערט שיר ניט צעשמאָלצן פון פאַרגעניגן. דער לאַנגער רוימט איר עפּעס אײַן אפן אויער, קושט זי, און זאָל דאָס זי אָנ־הייבן אַרן! פאַרקערט, זי איז נאָך צופרידן!

אָט גיסט ער איר אָן ווײַן און נעמט אַליין א באָקאַל, טרינקט, טרינקען זאָל ער שוין סאַם!

מאַקס איז געווען אזוי אופגערעגט, ער וואָלט אים דערשטיקט, דעם מיִעסן פּאַכדן. מיט מאַרטען אײַנײַנעם.

אינגיכן האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן. מענטשן האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער, געגאַן טאַנצן. אָט זעט מאַקס, ווי מאַרטע כאַפּט זיך אוף פונעם בענקל, ווינקט צום דראַנג, יענער נעמט זי אַרום, דריקט זי צו זיך, און אָט דרייען זיי זיך שוין אין קרײַז. מאַרטע טוליעט זיך צו אים...

מאַקס האָט געפילט, ווי עס פּלאַצט אין אים דער געדולד. טאָמער נעמט דער לאַנגער זי נאָך איין מאָל אזוי אַרום, וועט ער, מאַקס, זיך אַרײַנרײַסן אין רעסטאָראַן און מאַכן פון דעם מאָריצן א האַנטשערקע. ער וועט אים באַלד דערשטיקן.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט מאַקס דערפילט אין זיך אזוי שטאַרק דעם טאַם פון אײפער. ער האָט זיך אַפילו ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָס האַרץ קאָן זיך אזוי אומרויִק שלאָגן, אז דער פאַרדראָס און דער ווייטעק קאָנען אזוי שטאַרק ברענען.

ווען מאַקס איז געקומען אַהער, קיין קאָלאָמייע, האָט ער לאַנג אַרומגע־זוכט מאַרטען, נאָר זי ניט געפונען. ער איז געווען זיכער, אז זי לערנט ער־געץ אין אן אַנדער שטאָט. ווי נאָר ער וועט אָנהייבן פאַרדינען, ווי נאָר ער וועט אָפּשטופּן דעם האַרבסט מיטן ווינטער, — האָט ער געטראַכט, — וועט ער פאָרן זי זוכן. ער האָט געגלייבט, אז ער וועט זי באַגעגענען, ער וועט איר פאַרטרויען זײַן פאַרבאָרגענעם סאָד, אז בלויז צוליב איר האָט ער פאַרלאָזט די היים און זיך געלאָזט אין דער ברייטער וועלט אַרײַן...

און אָט ווו ער האָט זי באַגעגנט, מאַרטען! זי איז אינגאַנצן עטלעכע טריט פון אים, נאָר ניט זײַנע, א פרעמדע. א פריילעכע באַגעגעניש! פאַרברענט און פאַרסאַרפעט זאָל עס ווערן!

אָט זיצט זי שוין ווידער באַם טישל, א פאַרפוצטע, א פאַרפּאַליעטע, א גליקלעכע און זאַטע. זי טרינקט, עסט, שמייכלט צו דעם שײנעם באַגלייטער אירן. ס׳איז איר גוט מיט אים, פריילעך...

אָט איז זי, זײַן ערשטע ליבע, זײַן טרוים!

מאַקס האָט דערפילט, ווי טרערן האָבן אים אָנגעהויבן שטיקן. מיט וואָס פאַר א פאַרגעניגן וואָלט ער איצט אַרײַנגעשפּרונגען אין רעסטאָראַן, איבערגעקערט דאָס טישל, אויסגעפּאַטשט דעם לאַנגן סטודענט, אויסגעלאָזט אף אים דאָס ביטערע האַרץ! און זי, מאַרטען, וואָלט ער אויך ניט געשאָ־נעוועט. ער וואָלט איר געזאָגט אַלץ!

עטלעכע מינוט איז מאקס געשטאנען באם פענצטער אין פארלעגנהײַט, געטראכט, וואָס ער דאַרף טאָן, וויאַזוי שטילן זײַן קאס און זײַן וויטעק, און מיטאמאָל זיך א ריס געטאָן צו דער טיר.

אף דער שוועל האָט אים אָפּגעשטעלט דער שווייצאר מיט דער לאנגער באָרד, א רעגע באטראכט זײַן אָפּגעריבן פעלצל, די צעריסענע שקראבעס, דאָס צעקנייטשטע היטל און בייז א בורטשע געטאָן:

— אנו, פארנעם זיך פונדאנען! עמעצער ווארט דאָ אף אזא פּאָרעץ?.. און פארהאקט פאר זײַן נאָז די טיר.

מאקס איז געבליבן שטיין א צעטומלטער פאר דער פארמאכטער טיר. דער פארדראָס האָט אים נאָך שטארקער אופגערודערט. ער האָט גענומען קלאפּן מיטן פויסט אין דער טיר.

ווידער האָט זיך אף דער שוועל באוויזן דער מיט דער באָרד און אָפּ־געשטויסן מאקסן:

— דו ווילסט, איך זאָל רופן פּאָליציי? אוועק פון דער טיר! דײַן פּארצעף זאָל איך מער ניט זען!..

מאקס איז אָפּגעטראָטן אָן א זײַט. ניט געווארט אף אזא ביטערן פסאק, זיך פאמעלעך געלאָזט גיין לענגויס דעם רוישיקן רעסטאָראן. דערזען לעבן א קליין פענצטערל, פון וועלכן עס האָט געזעצט א געדיכטער דאמף און א באטאמטער רייעך פון קאָלערליי מײַכאָלים, א פארשנייטן קאסטן, האָט מאקס זיך אף אים אראָפּגעלאָזט.

נישקאָשע, אָט דאָ וועט ער ווארטן אף מארטען. ער וועט פונדאנען ניט אוועקגיין. ער וועט צוגיין צו איר און ארײַנזאָגן אזוינס, וואָס זי וועט אף שטענדיק געדענקען. זי זיצט נאָך מיסטאמע ארומגענומען מיט יענעם שעד, איר געליבטן, טאנצט מיט אים, שיקערע מאנצבלען ווארפן דאָרט אף איר פרעכע בליקן, און איר ארט עס ניט? ניין, ניט אזא, האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט, וועט זײַן מארטע. זי איז עקלדיק, פרעך... ער וועט איר דאָס אלץ זאָגן פאר אלעמען אין די אויגן. זאָל זי נאָר ארויסגיין פונעם רעסטאָראן. ער וועט איר אויך זאָגן, אז ער האָט זי ארויסגעריסן פון זײַן נעשאָמע און וועט מער ניט טראכטן וועגן איר. און מיט איר באגלייטער וועט ער זיך אויך דורכריידן, אים גוט ארײַנלייגן אין קאָלנער, אויספּאטשן, זיך נויקעם זײַן אין אים...

די זאווערוכע האָט זיך געשטארקט. מאקס האָט געפילט, ווי דער פראָסט נעמט אים אין זײַנע קלעמען. ער האָט זיך צונויפגעדרייט אין א קנויל, אופּ־געשטעלט דעם קאָלנער, אָנגערוקט דעם קארטוז איבער די פארפרוירענע אויערן, זיך בעסער צוגעטוליעט צום פענצטערל, פון וועלכן עס האָט געזעצט א ווארעמער דאמף און א באטאמטער רייעך פון געשמאקע מײַכאָלים. אלע־מאָל האָט ער געוואָרפן בליקן אף דער טיר — צי גייט נאָך ניט מארטע מיט איר באגלייטער? צו זײַנע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער טומל פונעם אָרקעסטער, הילכיקער געלעכטער, שיקערע קוילעס.

נישקאָשע, ער וועט דאָ זיצן און ווארטן, מאקס!

דער קאָפּ איז מיט יעדער מינוט געוואָרן שווערער און שווערער. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. אים האָט זיך שרעקלעך געוואָלט שלאָפֿן, נאָר ער האָט זיך געשטארקט. ער מוז זיך דאָך דערוואַרטן!

ווידער האָט ער זיך דערמאָנט אין דער ווײַטער קאָוואַליוּקע, אין די בערג, יענעם אומפּאַרגעסלעכן פאַרנאַכט מיט מאַרטען.

קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן זײַן סאָד. ער האָט אים קיינעם ניט גע־קאָנט פאַרטרויען. בלויז אילקאַ זאַגולן האָט ער איינמאָל דערציילט וועגן מאַרטען. יענער האָט אים אויסגעהערט, סקעפּטיש א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— געוויס איז א גרויס גליק, ווען מע געפינט אַן עכטן פרײַנט און מע פאַרליבט זיך. נאָר דאָס איז ניט קיין גרינגע זאַך. שווער איז די אַנטוישונג. אויב דײַן טרוים, לאָזט זיך אויס, איז א ווינט אין פעלד, א מיראַזש, בלײַבט אפֿן גאַנצן לעבן א וווּנד אין האַרצן... דו ביסט נאָך זייער יונג, מײַן פרײַנט, דאַרפסט גוט, גוט א טראַכט טאָן, צי איז מאַרטע דער מענטש, צו וועמען דו דאַרפסט שטרעבן. האָסט דאָך זי בלויז איין מאָל געזען, איין מאָל גערעדט מיט איר. איך האָב אויך ליב געהאַט און וואַרשע א מיידל און זיך אַנטוישט אין איר... ביז איצט קאָן איך ניט קומען צו־זיך...

אילקאַ האָט אים דעמלט צעבויטעט די געדאַנקען. איצט זעט ער, מאַקס, אַז יענער איז געווען גערעכט.

נאָר ער וועט זיך דאָך אָפּ איר דאָ דערוואַרטן. ער וועט איר זאָגן אַלץ, מאַרטען. און מיט איר באַגלייטער וועט ער זיך גוט דורכריידן. און דערנאָך...

דער פראָסט האָט אים אַלץ מער דערקוטשעט, און מאַקס האָט זיך נאָך נעענטער צוגעשפּאַרט צום פענצטערל, פונוואַנען עס האָט אָפּ אים געווײַעט מיט וואַרעמקײַט.

פונעם רעסטאָראַן האָבן זיך שוין גענומען פאַנאַנדערגיין מענטשן, נאָר מאַרטע האָט זיך נאָך, זעט אויס, ניט געקליבן גיין. איר איז געווען דאָרט גאָר פריילעך. אָבער, נישקאָשע, אפילו ביז טאָג וועט מאַקס דאָ זיצן און וואַרטן. ער מוז זי הײַנט זען!

און ער האָט אקשאָנעסדיק געוואַרט, ניט פילנדיק, ווי ער שלאָפט פאַ־מעלעך אײַן דאָ, אפֿן פאַרשנייטן קאַסטן.

ער האָט ניט געוווּסט, וויפל ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן, זיך אופגעכאַפּט, ווי אַן אָפּגעבריטער, ווען ער האָט דערפילט א שטאַרקן זעץ אין דער פלייצע.

— היי, הוליאַקע, קיין בעסער אָרט, ווי דאָ, קיין שענערן האָטעל האָסטו שוין ניט געפונען? איך זאָל דיך מער ניט זען, שלעפער! פּסיא קרעוו!..

מאַקס האָט דערזען פאַר זיך אַן אָנגעפעלצטן זשאַנדאַרם, וואָס האָט אָפּ אים פאַרהויבן דעם פויסט.

— שנעלער ריר זיך! — האָט יענער אים אונטערגעטריבן. — געפונען זיך א געלעגער! פריער זשליאָקעט מען זיך אָן, ווי די כאַזיירים, און דערנאָך כראָפּעט מען אָפּ די גאַסן.

מאַקס האָט זיך ארומגעקוקט, געגענעצט, ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס וויל פון אים האָבן דער בייזער פאַרשוין, וויאַזוי איז ער געקומען אַהער.

ווי אין א נעפּל, האָט ער זיך דערמאָנט, וויאַזוי ער, מאקס, איז אהער פאַרקראָכן און אַף וועמען ער וואַרט. ער האָט דערזען, אַז דער רעסטאָראַן איז שוין פאַרשלאָסן, די פענצטער אויסגעלאָשן, און קיין לעבעדיקן נעפעש זעט מען ניט אַף דער גאַס.

ניט זאָגנדיק דעם זשאַנדאַרם קיין וואָרט, האָט מאקס זיך געלאָזט גיין, באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם פונעם בײַסיקן ווינט.

ער האָט שוין ניט אַזוי געפילט דעם פראָסט, ווי דעם ווייטעק, וואָס ער איז געבליבן צום נאַר. ער האָט אַזוי געוואַרט, און אַלץ פאַרשלאָפן! עפּשער איז זי מיט איר מאָריצן פאַרבײַגעגאַנגען דעם קאַסטן און געזען, ווי ער, מאקס, שלאָפט? מעגלעך, אַז זיי זײַנען געשטאַנען, באַטראַכט אים, מאקסן, און געלאַכט, זיך איזדיעקעוועט איבער אים, און ער האָט גאָרניט געהערט און ניט געזען?

ער האָט זיך געפילט אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אים אָפּגעשמיסן, אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם. פילנדיק אַף זיך דעם זשאַנדאַרמס בייזן, דורכדרינגעוודיקן בליק, האָט ער זיך געלאָזט גיין שנעלער.

אַן אופגערעגטער און פאַרשעמטער, מאָלע־רעציכע אַף זיך, אַפּן זשאַנדאַרם, אַף מאַרטען און אַף דער גאַנצער וועלט, איז מאקס געגאַנגען, וואַקלענדיק זיך. ער איז שוין אָבער, דאַכט זיך, אינגאַנצן געווען ניכטער. זיך דערמאָנט, וואָס איז הײַנט מיט אים געשען און וועמען האָט ער אומדערוואַרט באַגעגנט, וויאַזוי ער האָט זיך באַנאַרישט. ער איז געווען ווי קיינמאָל דערשלאָגן און דערנידעריקט. ווי מיעס ס׳האָט זיך באַקומען! עקלדיק, ניי־דערטרעכטיק! און עפּשער, — האָט ער געקלערט, — איז דאָס צום גוטן? עפּשער איז גלײַכער, וואָס ער האָט זיך מיט איר ניט געזען פּאָנעם־על־פּאָנעם? ווי וואָלט ער אויסגעזען אין אירע אויגן, ווען ער רײַסט זיך אַרײַן אין רעסטאָראַן און וואַרפט זיך אַף איר באַגלייטער? און וואָס וואָלט ער איר געזאָגט? מענטשן וואָלטן אים אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם, און דער שווייצאַר מיט דער באָרד וואָלט אים אַרויסגעשלײַדערט פון יענער זײַט טיר. א שיין פּאָנעם וואָלט דאָס געהאַט! יאָ, בעסער וואָלט אינגאַנצן ניט פאָרגעקומען די הײַנטיקע באַגעגעניש מיט מאַרטען, וואָלט זי אין זײַן האַרצן, אין זײַן זיקאָרן פאַרבליבן אַף שטענדיק, ווי די פאַרקערפּערונג פון מיידלשער ריינקײַט און ערלעכקײַט, טרײַשאַפט און איבערגעגעבנקײַט, וואָס האָט אים געוואַרעמט אין די גרעסטע קעלטן, וואָס האָט אים באַגלייט אין זײַן שווערן און ביטערן וועג אין דער פרעמד. בעסער וואָלט ער זי גאָר קיינמאָל אין לעבן ניט באַגעגנט, וואָלט אים כאָטש פאַרבליבן זײַן ליכטיקער טרוים. און אַזוי...

דער בײַסיקער ווינט האָט אים פאַרשלאָגן דעם אָטעם. עס איז שווערער געוואָרן שפּאַנען איבערן טיפן שניי, נאָר ער איז געגאַנגען, זיך באַמיט פאַרגיכערן דעם טראָט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך אַלץ, וואָס ער האָט הײַנט איבערגעלעבט.

מאקס האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פאַרשנייטע און לאַנג־אײַנגעשלאָפענע הײַזער. אַלץ איז געווען פאַרגליווערט, אַרומגעפּעלצט מיט שניי. אונטער

איינעם א פארקאָוועטן מיט פראָסט דאך, ערגעץ דאָ, אין שטאָט, לעבט מאר־טע. זי קער שוין געוויס געשמאַק שלאָפן נאָך אָט דער שטורמיש־פארבראכ־טער נאכט. און עפשער איז זי ניט אליין, נאָר מיט יענעם דראָנג?

מאקס האָט זיך באמיט אָפטרײַבן פון זיך די שווערע מאכשאָוועס, נאָר ווי אף צולאָכעס זײַנען זיי געקראָכן אין קאָפּ און ניט געלאָזט רוען. וואָס קומט עס מיט אים פּאָר? ער מוז זיך נעמען אין די הענט, ער מוז מארטען אף שטענדיק ארויסרײַסן פון זײַן נעשאָמע, אויסמעקן פון זײַן זיקאָרן. נאָר וואָס מער ער האָט זיך געפּרווט אײַנריידן, אז אזוי, ווי ס'איז הײַנט געשען, אזוי טאקע האָט געדארפט זײַן, ניט אנדערש, אז דאָס אלץ איז נאָר צום גוטן, אלץ שטארקער האָט אים געדריקט עפּעס א מאָדנע שווערקײַט, ניט געלאָזט פארגעסן, אז ער האָט אָנגעוווירן אזוינס, וואָס וועט, זעט אויס, שוין קיינמאָל צו אים מער זיך ניט אומקערן. קיינמאָל!..

„מיילע, זאָל זײַן אזוי... — איז ער געגאנגען און געטראכט, — זאָל זײַן, אז איך האָב הײַנט געכאפּט א שרעקלעכן קלאָפּ, מאָרגן אָבער, צי אין א כוידעש, אין א יאָר ארום, ווען איך וועל זי באגעגענען, מארטען, וועל איך אין זיך געפינען קויעך און מוט פארבײַגיין און אף איר אפילע ניט אופהייבן דעם בליק. סאָפּקאָלסאָף, וואָס גייט זי מיר אָן? איך האָב זיך צוגעשלאָגן צו א שטיקל ברעג, איך לעב צווישן גוטע מענטשן, אופריכטיקע, מוטיקע. בא זיי וועל איך זיך לערנען לעבן. נאָר בא זיי! זיי וועלן מיך ניט לאָזן אָפּקע־רעווען פונעם ריכטיקן וועג. די דאָזיקע מענטשן זײַנען אָפטמאָל אפילע גראָבלעכע, שעמען זיך ניט פאר א קויטיק וואָרט, אָבער אופריכטיקע און טרײַע פרײַנט זײַנען זיי מיר! זיי קאָנען זיך אמאָל צעבייזערן אף מיר, אפילע אויסזידלען, נאָר גלײַך וועלן זיי דערוף כאראָטע האָבן און בעטן, זאָלסט זיי מויכל זײַן. מיט אזעלכע איז טויזנט מאָל בעסער, גרינגער, ווי מיט יענע, וואָס מאכן דעם אָנשטעל, אז זיי זײַנען פון דיר באגײַסטערט, לויבן דיך, שווערן, אז זיי האלטן פון דיר און ביזן קייווער געטרײַ...“

אומגעריכט איז מאקסן געקומען א נײַער געדאנק — עפשער איז נאָך אזא שווערער אנטוישונג גאָר קעדײַ זיך אומקערן אהיים, קיין קאָוואליוקע? נאָר גלײַך איז ער געוואָרן אין קאס אף זיך. ניין! אזא נארישקײַט וועט ער ניט טאָן! ניט צוליב דעם האָט ער פארלאָזט די היים, ניט צוליב דעם האָט ער זיך אזוי אָנגעבידעוועט, ער זאָל זיך אונטערגעבן, ווי נאָר ס'וועט זיך באווײַזן א וואָלקן און דאָס לעבן וועט אים דערלאנגען דעם ערשטן פּאטש אין פּאָנעם. ער וועט זיך געוויס אמאָל אומקערן קיין קאָוואליוקע, צו טאטע־מאמע, אָבער שוין בלויז ווי א גאסט, און נאָר דעמלט, ווען ער וועט עפּעס דערגרייכן אין לעבן, ווערן א מענטש, ווי עס זאָגט דער עלטערער בעקער, מיט וועלכן ער האָט הײַנט אזוי פײַן א הוליע געטאָן, — פּאַן סטאסיק פשעפּיצקי.

די געדאנקען האָבן אים עטוואָס אופגעמונטערט, מאקסן, און ער האָט דערפילט, ווי עס ווערט גרינגער צו אָטעמען.

ער האָט א קוק געטאָן אפן פארנעפּלטן הימל, אף די פארשנייטע דע־כער און זיך שנעלער געלאָזט גיין צו דער בעקערײַ.

דער ערשטער אַרויספֿאָר

פֿאַר די פֿאָר ווינטערס, וואָס מאַקס קרייסלער האָט אָפּגעשטופּט אין קאַלאָמייע, איז ער אויסגעוואַקסן ווי אויף הייוון.

מענטשן האָבן באַוווּנדערט דעם פֿעסטן באָכער מיט די גרויסע ציגײַנערשע אויגן און מיט דער געדיכטער געקרײַזלטער טשופּרינע. אַ יאַט זאָל זיך אַזוי ענדערן! ער איז געוואָרן ברייטער אין די פּלייצעס, מענלעכער, ערנסטער און סאָלידער, און שוין ווייניק־וואָס געווען ענלעך אויף יענעם פּראָווינציעלן, איבערגעשראָקענעם יינגל, וואָס איז געקומען אַהער דעם ערשטן טאָג...

די שווערע האָרעוואַניע בא דער פּאַני זשיכלינסקא אין בעקערײַ, דאָס שלעפּן אויף די פּלייצעס זעק מיט מעל, קוישן מיט בולקעלעך און בייגל, די גרויסע קעלטן און רעגנס האָבן אים ניט אײַנגעבראָכן, ניט געמאַכט פֿאַר קיין מאָרעשכוירעניק. ער האָט זעלטן זיך צעשיידט מיטן שמייכעלע, מיטן פֿריילעכן וויץ, כאָטש ניט שטענדיק איז אים גוט געווען אויפֿן האַרצן...

ער האָט ליב באַקומען זײַן שווערע מלאָכע, און עפּשער ניט אַזוי זי, די אַרבעט זײַנע, ווי די מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. מיט אילקאָ זאַגולען איז ער מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער באַפֿרײַנדעט, און אַ זײַטיקן מענטשן האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זיי זײַנען שוין באַקאַנט אַ שאָק מיט יאָרן.

פֿון די אָפֿטע געשפּרעכן מיט זאַגולען אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָט מאַקס זיך דערוווּסט מער, ווי פֿאַר אַלע יאָרן קנעלן אין דער קאָוואַליוּקער שול, פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס ער האָט געלערנט אין כיידער. די ביכלעך און פֿלוגבלעטלעך, וועלכע ער האָט איבערגעלייענט, ווי אויך די אַרבעטערסכאָדקעס אין די בערג, וווּהין אילקאָ האָט אים אָפֿט געפֿירט, האָבן אים, מאַקסן, אויף אַ סאַך, אַ סאַך זאַכן געעפֿנט די אויגן, און ער האָט אַנדערש שוין געקוקט אויפֿן לעבן און אויפֿן אַרום.

דער הײַנטיקער ווינטער האָט זיך אויסגעגעבן אַ באַזונדערס שווערער, קיינער געדענקט דאָ ניט נאָך אַזעלכע בייזע ווידגעס און פֿרעסט, אַזעלכע זאַווערוכעס און שנייען. דאָ, אין די קאַרפּאַטן, קאָנען דורכגיין עטלעכע יאָר, מע זאָל דעם ווינטער רעכט ניט דערפֿילן, גלײַך ווי ער זאָל פֿאַרבײַגיין אָן אַ זײַט די דאָזיקע קאַנטן. עס זיפּט זיך פֿונעם הימל אַ בײַסיקער רעגן, אויסגעמישט מיט שניי, וואָס דערלעבט ניט דערגיין צו דער ערד, און אַז ער דערגייט שוין — ווערט ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין בלאָטיקער דזשעגעכץ. נאָר עס טרעפֿט, אַז עס צעשפּילט זיך פֿלוצעם דער ווינטער אַזוי, איר זאָלט מיינען, אַז איר געפֿינט זיך ערגעץ אין די סיבירער פֿעלדער, אין דער ווײַטער און קאַלטער טונדרע.

און ווען פֿליט אָן אַהער אַזאַ בייזער ווינטער? פֿאַרשטייט זיך, דעמלט, ווען איר גרייט זיך ניט צו אים, ווען איר זײַט נאַקעט און באָרוועס און דאָס ביסל מינץ, וואָס איר האָט געהאַט, האָט איר אַוועקגעשיקט אַהיים, די עלטערן, אָדער גאָר איבערגעגעבן פֿאַר די אַרבעטלאָזע כאַווײרים אין שטאָט,

פאר די מישפּאָכעס פון די ארעסטירטע ארבעטער, מיט איין וואָרט — ווען אין קעשענע פייפט דער ווינט!

פונקט אין אזא צייט האָט זיך פּלוצעם גענומען טשעפּען צו מאַקסן די פּאַני זשיכלינסקאַ. זי איז אים מאַמעש דערגאַנגען די יאָר, געשריגן אַף אים, געדראָעט, אַז זי וועט אים ארויסוואַרפן פון דער בעקערײַ אַף דרײַ שפּענער.

וואָס האָט זי פון אים געוואָלט, האָט ער ניט געקאָנט פארשטיין, און זי אוואַדע און אוואַדע ניט.

און ווי אַף צולאָכעס, האָבן די לעצטע צייט אָפּטער אָנגעהויבן אראָפּ־קומען אהער די שיינע לײַט פון דער פּאָליציי, זיך גריבלען אין אילקאָס רענצלעך, און איינמאָל טאַקע געפונען באַ אים אַ פּאָר ביכלעך, פון וועלכע די אומגעבעטענע געסט האָבן זיך שטאַרק פארקרימט.

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז מע האָט געוואָלט אילקאָן אוועק־שלעפּן אין פּאָליציי־באַצירק און אים געבן עטלעכע יאָר אָפּרו אונטער די גראַטעס, נאָר דאָ האָט זיך, דאָס ווילטע מאָל, ווידער ארײַנגעמישט פאַן סטאַסיק. איצט האָט שוין קיין בראַנפן ניט געהאָלפן, קיין גוטע ווערטער — אוואַדע ניט, און דעם מײַסטער איז אויסגעקומען אופבינדן זײַן קניפּל און ארײַנרוקן די פּאָליצמענעס אַ רעכטע פּויטעקע אין דער יאַד ארײַן.

און דער ווינטער האָט זיך געטאָן זײַנס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שניי וועט אײַנגאַנצן פארוואַלגערן קאַלאָמייע און קיינער וועט זיך פון דער שטאָט ניט ארויסקלײַבן.

נאָר ווי דער מעשוגענער ווינטער האָט זיך ניט געמאָרדעוועט, איז צו אים אויך געקומען אַ סאָף. און עס איז ארײַנגעפאָרן דער לאַנג־געגאַרטער פרילינג.

און געקומען איז ער, דער פרילינג, פּלוצעם און מיטאַמאָל.

ער איז ארײַנגעפלויגן, דער פרילינג, מיט אַ ווילדן געברויז פון די באַרג־טײַכלעך, וואָס האָבן געשלעפּט פון די בערג און געטראָגן, ווי דער רועך דעם מעשומעד, ביימער, ארויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, סלופּעס, ברעטער, פּלויטן, דייזשעס, קאָרעטעס און אַנדערע זאַכן, וואָס געראָטענע באַלעבאָסטעס האָבן ניט באַוויזן באַוואָרענען, איידער עס איז אונטערגעקומען דער פרילינגדיקער געוויסער.

נאָר אַז מע שטופּט אָפּ אַזאַ בייזן ווינטער, איז מען שוין בעמיילע מויכל דעם פארשײַטן פרילינג זײַנע ווילדע שטיק, און מע איז צופרידן, וואָס ער איז שוין געקומען.

דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ פרילינג! שוין לאַנג אַזאַ ניט געווען אין די קאַרפּאַטן!

מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן האָבן זיך צעשפּילט און צעכיינדלט די בערג. די אייביק־גרינע בוקעס און אָנגעדראָלענע, זילבערנע יעלן האָבן אראָפּגעוואָרפן פון די לאָפּעטע־צווײַגן דעם שניי, אַלץ איבעריקס, געוואָרן יאָמטעוודיקער, יינגער און פריילעכער.

די זון האָט זיך האַסטיק דאָ צעשײַנט, און די גאַנצפריִען און פארנאַכטן האָבן זיך שטאַרק געררויטלט, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עמעצן שטאַרק פאַר־

שעמט... איר זאָלט אפילו זײַן פון שטיין, וועט איר אין די שיינע לעוואָנע־אָוונטן ניט קאָנען אײַנזיצן אין שטוב און וועט ארויסגיין אף דער גאס שפּאצירן.

אין איינעם אזא פרילינג־אָוונט איז מאקס קרייסלער ארויסגעשפּרונגען פון קעלער, ווי ער שטייט און גייט, און זיך געלאָזט איבער די געסלעך מיט א ניגנדל אף די ליפּן. ער ווייסט אליין ניט, פון וואָס איז אים אזוי גוט געווען אפן הארצן. מעגלעך, אז די לויטערע לעוואָנע האָט אים געפירט. ערשט איצט האָט ער דערזען די וועלט אין איר גאנצער פּראכט. זעלטן ווען ער איז אמאָל ארומגעגאנגען אזוי רויִק איבער די גאסן, ווי איצט. טאָמיד האָט ער זיך געאײַלט, מוירע האָבנדיק, די קליפּע, די באלעבאָסטע, זאָל אים ניט באגעגענען, נאָר איצט האָט ער זי געהערט פאר א דרײַער. ער האָט געענ־דיקט די ארבעט און קאָן טאָן, וואָס ער וויל. האָט ער זיך טאקע אין דער מינוט געפילט, ווי באם טאטן אין ווײַנגאָרטן. אזוי, ניט געאײַלט, איז ער פארגאנגען אין א זײַטיק געסל און דערזען א גרויסע געבײַדע, לעבן וועלכער עס האָט זיך צונויפגעזאמלט א גרויסער עולעם. מע האָט זיך געשטויסן באם ברייטן ארײַנגאנג, מע האָט געטומלט, געשריגן, און מאקס איז צוגעגאנגען א קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרטן.

נאָר אינווייניק האָט מען ניט אלעמען ארײַנגעלאָזט. דאָרטן האָט מען געראַנג, זיך געשטויסן אף דערשטיקט צו ווערן. אף אזא כאסענע איז מאקס ניט קיין מעכוטן. און ער האָט זיך אָנגעהויבן ארויסרוקן פון דער ענגשאפט, קעדיי פאָרזעצן דעם שפּאציר איבער די פרילינגדיקע געסלעך. נאָר פּלוצעם האָט אים עמעצער אָנגעכאפּט פאר דער האנט און א שלעפּ געטאָן צוריק.

אף מאקסן האָבן געקוקט א פּאָר גרויסע ליכטיקע, בעטנדיקע אויגן. דער מענטש, וואָס האָט אים שטאַרק געהאלטן, האָט געהאט א צוגעפּלעטשטע נאָז, און דערפאר, ווײַזט אויס, האָט ער שטארק געפּאָנפעט, און עס איז שווער געווען פאנאנדערקלײַבן זײַנע ווערטער. מאקס האָט טאקע גלײַך ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס דער פארשוין וויל פון אים.

— היי, באלטאכלעס, וואָס דרייסטו זיך דאָ ארום, ווי א שטאָט־באַ־לעבאָס? וואָס שטייסטו דאָ, ווי אן אויסגעמעלקטע בעהיימע, ווי א ניט־געבעטענער גאסט אף א פרעמדער כאסענע? וואָס קוקסטו, ווי א פּיפּער־נאָטער אין א מאגישקע? איך זע, מאמזערוק, אז דו האָסט ניט קיין לעבע־דיקן גראָשן אף א בילעט, און עס גלוסט זיך דיר ארײַנקומען צו אונדז אין זאל, דאָס כײַעס גייט דיר מאמעש אויס. איך האָב געטראָפן, האַ? טאָ וואָס זשע שטייסטו דאָ באַ דער טיר און כאפּסט פליגן? שפּאַן זיך אײַן. טאָ העלף מיר, ברודער־לעבן, ארײַנטראָגן דעם לייטער, וועסטו באַ מיר ארײַנגיין אָן א בילעט און שטיין באַ דער וואנט, ווי א קייסער. נאָר גיכער, טראכט ניט! זאָלן פערד טראכטן, זיי האָבן גרויסע קעפּ... איך דארף פאריכטן די שײַן. זעסט ניט, וואָס דאָ טוט זיך הײַנט? דו קענסט ניט דאָס היגע פּובליקום? מע וועט אונדז צעטראָגן די ביינער. טאָמער הייבסטו אָן די פרעמיערע מיט א האלבער שאָ שפּעטער, קערט זיך די וועלט! מע צעטראָגט דעם זאל. די קאָלאָמייער לייצים ווילן, מיר זאָלן פאר זייערע גראָשנס דערלאנגען זיי די

שטערן פונעם הימל... קום שוין גיכער, שטעל פיס! פליִיצעס, זע איך, האָסטו נישקאָשעדיקע, הענט — אויך. אף מײַנע בעסטע פרײַנט געזאָגט געוואָרן... קום, קום, שעם זיך ניט! וועסט זיך שעמען, וועסטו ניט כאַסענע האָבן... העלף מיר אַרײַנטראָגן דעם לייטער, קומסטו אַרײַן אָן א בילעט. וועסט בא מיר זיצן אָדער שטיין אין אויבנאָן, ווי, נעפּריטשקעם, שלוימע־האַמעלעך איז געזעסן אין זײַן געטלעכן פּאַלאַץ...

דער באַיאָרטער, שטאַרק באַוועגלעכער און זייער באַריידעוודיקער מענטש האָט געשלעפּט מאַקסן נאָך זיך און געשאָטן, ווי פון א זאַק.

יענער מיט דער צוגעפּלעטשטער נאָז און ברייטלעך, שטאַרק פאַרוואַק־סענעם פּאָנעם האָט געבראַכט מאַקסן אין א זײַטיק הייפל, געכאַפּט פאַר איין עק א גרויסן לייטער און א ווונק געטאָן צום פאַרלוירענעם יאַט:

— זע נאָר, וואָס זשע שטייסטו, ווי א ליימענער גוילעם? וואָס האָסטו אויסגעשטעלט אף מיר דײַנע קוקערס? איך זע דען ניט, אַז גאָט האָט דיך געבענטשט מיט א פּאָר שיינע אויגן? אף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן אַזעלכע אייגעלעך. גיב אונדז ביידע, גאָט, אַזאַ מאַזל!.. מיידלעך וואָלטן פאַר אַזעלכע אויגאַנעס אַוועקגעגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, זיי וואָלטן באַצאָלט א טאָרבע זלאָטעס, ווי דו זעסט מיך א לעבעדיקן... נו, הײַדאַ, געגאַנגען, שטעל פיס...

מאַקס האָט ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. יענער האָט אים אונטער־געטריבן:

— וואָס קוקסטו אף מיר? שטעל אונטער א פּלייצע, וועסטו פרײַטיק, מירצעשעם, עסן לאַטקעס. נעם גיכער, דו זעסט ניט, דאָס פּובליקום קערט דאָרט וועלטן, און מיר קאָנען ניט עפענען דעם פאָרהאַנג, עפּעס האָט זיך דאָרט פאַרהאַקט, געליימט זאָלן ווערן אונדזערע סאָנים און מיר מיט דיר זאָלן טראָגן דעם לייטער. נו, א שטאָט קאַלאָמייע! פאַרברענט זאָל זי ניט ווערן!..

מאַקס האָט שוין געטראָגן דעם לייטער און זיך בעסער צוגעקוקט צום מענטשן: א דאַרער, אַן אויסגעהאָרעוועטער, אָרעם אָנגעטאָן, מיט א ברייט־לעך טרוקן פּאָנעם, און ניט געקוקט אף זײַן צוגעפּלעטשטער נאָז, איז ער דאָך געווען כיינעוודיק, גוטמוטיק, און זײַנע אויגן האָבן געשײַנט מיט גוטס־קײַט און אומרו. דער מענטש איז נאָך דערצו געווען פלינק, ענערגיש און באַוועגעוודיק. מאַקס האָט קוים באַוויזן אים נאָכיאָגן, האַלטנדיק דעם צווייטן עק פונעם שווערן לייטער.

זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורכן געדיכטן רוישיקן אוילעם, אַרײַנגע־קומען אין פולגעפּאַקטן זאַל, צוגעשטעלט דעם לייטער צו דער וואַנט, און יענער מיט דער צוגעפּלעטשטער נאָז האָט זיך פלינק אַרופגעדראַפּעט אַרויף, צו די דראָטן.

— שאַ, שטילער, קינדערלעך! — האָט ער געפּרוווט באַרויִקן די מענטשן. — באַלד וועט זײַן בא אונדז שײַן און מע וועט אָנהייבן שפּילן. נאָר טומלט ניט! האָט גאָט אין האַרצן! אַלץ איז אין אונדזערע הענט. גלײַך הייבט מען אָן!

מאקס האָט מיט בײדע הענט צוגעהאַלטן דעם לײטער, װי יענער האָט אים באַפֿױלן, געקוקט אַרױף, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך אָנגעצונדן דאָ און דאָרט עטלעכע בלאַסע לעמפּעלעך.

דער אױלעם האָט זיך נאָך שטאַרקער צעטומלט. פֿאַרבײַ דעם געפֿילדער האָבן זיך געלאָזט הערן פֿלײטן, פֿידלען, אַ באַס. מאַקס האָט זיך אַרומגעקוקט און ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, װוּהין האָט דאָס אים פֿאַרטראָגן.

אַ צופֿרידענער איז דער מענטש אַראָפּגעקראָכן פֿונעם לײטער, אױסגעװישט מיטן אַרבל דעם געדיכטן שװײס פֿונעם פּאָנעם און זיגעריש זיך אָנגערופֿן צו זײַן צופֿעליקן געהילף:

— נו, באַלטאַכלעס, פֿון דיר איז כאָטש אײן האָרעלע פֿון קאָפּ אַראָפּגעפֿאַלן? האָסט אָנגעװאָרן דעם טאַטנס ירושה, װאָס דו האָסט מיר געהאָלפֿן אַרײַנטראָגן דעם לײטער? דו ביסט, זע איך, אַ פֿײַנער באָכער, טאָ רוק זיך צו, זײַ אַזױ גוט, צו יענער װאַנט אין װינקל און שטײ שאַ־שטיל, קײן פּיפּס זאָל מען פֿון דיר ניט הערן! און דרײ זיך ניט אַרום פֿאַר די אױגן באַם פּובליקום, װי אַ באַדכן אױף אַ חתונה. באַלד װעסטו זען אַ שטיק — פּרימאַ! האָסט עפּעס דערלײגט צום געשעפֿט? נײן? נו, דאַנקען גאָט!

און דער פֿאַרשױן איז װי אױסגערונען געװאָרן, ניט געשטײַעט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז מאַקס שױן געשטאַנען צוגעשפּאַרט אין אַ װינקל פֿון האַלב־טונקעלן זאַל און נאָכגעקוקט, װי עס הײבט זיך אױף אַ צעקנײטשטער גרױסער לײַלעך. די קנאַפּע שײַן האָט זיך אױסגעלאָשן, און די געבײַדע איז פֿול געװאָרן מיט קלאַנגען פֿון אַ פֿידל. און אומגעריכט האָט אַ קלינגעװדיקע מײדלשע שטים זיך פֿאַרײניקט צו אים. אױף דער בינע האָט אָנגעהױבן ליכטיק װערן, און מאַקס האָט אין דער פּאַסמע שײַן, װאָס האָט דורכגעשניטן די בינע, דערזען אַ שײן, שלאַנק מײדל. די לאַנגע, שװאַרצע צעפּ אירע האָבן דערגרײכט קימאַט ביז די פּיאַטעס. זי האָט געזונגען אַ טרױעריקע ליד, װאָס האָט געקאָנט רירן אַ שטײן. ניט אומזיסט איז דער גאַנצער אױלעם געזעסן אַ באַצױבערטער. מע װאָלט געקאָנט הערן, װען אַ פֿליג פֿליט דורך. מענטשן זײַנען געזעסן מיט אָפֿענע מײַלער, װי פֿאַרגאַפֿטע, מיט שײַנענדיקע אױגן, מױרע האָבנדיק דורכלאָזן כאָטש אײן װאָרט.

מאַקס איז געשטאַנען אין זײַן װינקל מיט אַן אױסגעצױגענעם האַלדז, זיך אײַנגעהערט אינעם געזאַנג און דערבײַ נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַװעגונג פֿונעם שלאַנקן מײדל. אין דער מינוט האָט זי אין זײַנע אױגן אױסגעזען שענער פֿון אַלע מײדלעך אױף דער װעלט.

פֿון דער ליד, װאָס זי האָט געזונגען, דאָס מײדל, האָט ער זיך דערװוּסט װעגן אַ שרעקלעכער געשיכטע: דעם מײדלס פֿאָטער איז געשטאָרבן, און די מוטער האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַ נײַעם מאַן, אַ דער־רוצח־װײסט־װאָס, אַ שיקאָרניק, אַ מענוװל, װאָס מוטשעט דאָס מײדל, װיל זי פֿאַרטרײַבן פֿון איר פֿאָטערס הױז, סאַמע אַרױסװאַרפֿן אױף דער גאַס, ער טראַכט אױס אױף דער ערלעכער נעשאָמע װילדע בילבולים... אַזאַ טײַער מײדל, און אַזױ אומגליקלעך!

„אָט האָסטו דיר דעם מענטשנס וויסטער גורל! — האָט געקלערט מאקס. — דו קוקסט אַף דער צאַרטער יעסוימע, אַף דער שיינהײַט און מיינסט, אַז זי איז די גליקלעכסטע אַף דער וועלט, לאָזט זיך אויס גאָר פּונקט פאַרקערט! עך, אַ וועלט, אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך! אַלץ איז געבויט קאַפּויר. אויב אַזאַ מיידל קאָן זײַן אַזוי אומגליקלעך, איז די וועלט קיין וועלט ניט!"

מאקס האָט אין דער מינוט אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך. דער אומגליק פון דעם באַשיידענעם מיידל איז געוואָרן זײַן פּערזענלעכער אומגליק, זײַן צאַר, זײַן ווייטעק, און עס האָט זיך פאַרגאַנוועט צו אים אַ מאַכשאָווע: וויאַזוי העלפט מען איר? ער האָט מיט דער גאַנצער נעשאָמע זײַנער מיטגעפילט דעם מיידל און געטראַכט, ווי לייזט מען זי אויס פון איר שטיפפאָטער? ווען ער קאָן אים דערשטיקן, וואָלט ער עס געטאָן און זיך אפילע ניט פאַרטראַכט.

מאקס האָט דערפילט, ווי טרערן הייבן אים אָן שטיקן. איר געזאַנג און דאָס פידעלע האָבן אים מאַמעש פאַרקישעפט, און ער איז געווען איצט גרייט גיין פאַר דעם מיידל אין פײַער און אין וואַסער. ער האָט זיך דערמאָנט אין די דרייסטע כעוורע, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אין די ביכלעך. זיי האָבן ניט געשאַנעוועט דאָס לעבן, ווען עס איז אויסגעקומען זיך אײַנשטעלן פאַר יענעם, ראַטעווען גערוידעפטע און אונטערדריקטע. ער, מאַקס, וואָלט אויך געוועזן בעקויעך העלפן אומגליקלעכע, פּונקט ווי יענע. זאָל דאָס מיידל אים זאָגן איין וואָרט, וועט ער זיך אײַנשטעלן פאַר איר!

און גראָד אין דער מינוט האָט זיך דערטראָגן צו אים פון ערגעץ אַ געדיכטע, בייזע שטים, און לעבן דעם מיידל, באַ וועלכן עס האָבן זיך געקײַקלט טרערן איבער די באַקן, איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרשוין מיט אַ קורץ בערדל, אין אַ צוגעפלעטשטן קאַפּעליוש און מיט אַ ציבעק אין די ציין — זעט אויס, דער שטיפפאָטער אירער. ער האָט געקוקט אַף איר מיט איבערגעקערטע ראָצכישע אויגן און גענומען שרײַען אַף איר:

— וואָס, דו ביסט נאָך אַלץ באַ מיר אין שטוב, מאַכעשייפע נימעסע? ארויס פונדאַנען, דײַן לעבן איז באַ מיר קיין גראָשן ניט ווערט! פאַרנעם זיך מיט גוטן, קאַלזמאַן איך האָב דיך ניט דערהאַרגעט!

דאָס מיידל איז דערציטערט געוואָרן, דערהערנדיק די רייד פונעם גאַזלען. זי האָט קוים באַוויזן זאָגן עטלעכע ווערטער, אַז דאָס איז ניט זײַן שטוב, נאָר איר טאַטנס הויז, אַז זי קאָן אין אַזאַ פראָסט אַף דער גאַס ניט גיין, זי איז באָרוועס און נאַקעט, ווי דער אויסוווּרף האָט זיך מיט רעציכע אַ לאָז געטאָן צו איר און זי גענומען שטיקן.

אַזוינס האָט שוין מאקס ניט געקאָנט איבערטראָגן. ער איז געוואָרן אויסער־זיך. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן זאַל, אין איין אויגנבליק אַרופגעשפּרונגען אַף די ברעטער, ווו דער רויצייעך האָט געשטיקט זײַן קאָרבן, זיך אַרופגעוואָרפן אַפן פאַרשוין מיטן קורצן בערדל און אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז...

— דו אויסוואורף! — האָט מאקס געשריגן ווי ניט מיט זײַן קאָל. — באלד וועל איך דיר באווײַזן, ווי מוטשען אן אומשולדיק קינד!..

עס האָט זיך אופגעהויבן אין זאַל א מוירעדיקער טומל, א געשריי, א געלעכטער. אף דער בינע איז געוואָרן א לויפעניש. עמעצער האָט געכאפט דעם באָכער, געוואָלט אראָפשטויסן, נאָר ער האָט נאָך אלץ געשטיקט דעם מיידלס פאָטער.

יענער האָט זיך קוים ארויסגעריסן פון דעם באָכערס שטײַפע הענט, אָפּגעגאנגען אין א זײַט א בלאסער און איבערגעשראָקענער, ניט פארשטאנען, פונוואנען האָט זיך אהער גענומען דער יונג:

— זעט נאָר, וואָס איז דאָס פאר א מעשוגענער? ווער האָט אים אהער ארײַנגעלאָזט? טרײַבט אים ארויס!

דער געלעכטער איז זאַל האָט זיך פארשטארקט, און ווען מאקס האָט א קוק געטאָן אף דעם מיידל, וואָס האָט געשמייכלט, ווי עס וואָלט מיט איר גאָרניט געשען, האָט ער פארשטאנען, אז דאָ איז פאָרגעקומען גאָרניט קיין שיינע זאך, אז ער האָט זיך באנארישט. ער איז געשטאנען א פארשעמטער, א פארלוירענער און ניט געוווּסט, וואָס ער דארף איצט טאָן, ווו טוט מען זיך אהין פאר בושע. באהאלטנדיק דאָס פאָנעם, איז ער אראָפּגעשפּרונגען פון דער בינע, און ניט פילנדיק די ערד אונטער זיך, געלאָזט זיך צו דער טיר.

צו זײַנע אויערן האָבן זיך דערטראָגן אויסגעשרייען, מע האָט אף אים געטײַטלט מיט די פינגער:

— פון וואָס פאר א מעשוגאָים־הויז איז ער אנטלאָפן?

— שיר ניט דערוואָרגן אָסקאר שאפיראָן...

— ער האָט זיך גערירט פון זינען, דער לעץ!

— איך קאָן שווערן, אז דאָס איז פאני זשיכלינסקאס א בעקער־יונג...

— זיך אָנגעזשליאָקעט, ווי א רועך, און געקומען אין טעאטער...

נאָר מאקס האָט שוין די אויסגעשרייען און דעם געלעכטער ניט געהערט. דאָס פאָנעם האָט אים געברענט פון כארפע. אראָפּגעלאָזט די אויגן צום דיל, האָט ער זיך דורכגעשלאָגן א וועג צום ארויסגאנג און ארויסגעפלויגן פון דער געבײַדע, שיר ניט צעבראָכן הענט און פיס.

דער פאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט, און בא דער ראמפּע האָט זיך באוויזן פארן אוילעם א קליינוווקסיק מענטשל, אָנגעטאָן אין א פראק, מיט א שווארץ צאפּן־בערדל, ווי א קאָמעץ, מיט א פּאָר באגילדעטע פענסנע אף דער לענגלעכער שארפער נאָז. דער פארשוין האָט זיך אונטערגעהויבן אף די שפּיץ פינגער, ער זאָל אויסזען העכער און סאָלידער, קוים אײַנגעשטילט דעם רוישיקן אוילעם און מיט זײַן דינעם קעלעכל זיך אָנגערופן, סטארענדיק זיך איבערשרײַען אלעמען:

— לײדיס... פארדאָן, דאָס הייסט דאמען און דזשענטעלמענס! מײַנע פילגעשעצטע געסט און צושויער! איך פארלאנג אייך ווײַלע אופמערקזאמקײַט פון אײַער זײַט. א פּאָר ווערטער בלויז, ניט מער. דערנאָך שרײַט אײַך

און לאַכט אײַך געזונטערהייט אפילע ביז טאָג. פאַר געלעכטער נעמען מיר קיין געלט ניט!..

ער האָט צונויפגעלייגט די הענט אַף זײַן אײַנגעפאַלענער ברוסט, זיך גרויסאַרטיק דורכגעגאַן איבער דער בינע, באַטראַכטנדיק מיט זײַן דורכדרינגעוודיקן עטוואָס כוצפּעדיקן בליק דאָס פּובליקום.

— רייִשיס־כאָכמע, מײַנע טײַערע דאַמען און דזשענטלמענס, דערלויבט מיר זיך פאָרשטעלן. פאַר אײַך שטייט דער אימפּרעסאַריאָ פון דיזן טעאַטער לייזער, פאַרדאַן, לעאָפּאָלד זגורסקי. צי קאָן איך אײַך זאָגן א פּאָר ווערטער אין שײַן דערפון, וואָס דאָ איז נאָרוואָס בא אונדז געשען, און איר זאָלט מיך אויסהערן מיט קאָפּ? יאָ, זאָגט איר, איך מעג? זייער פײַן פון אײַער זײַט! א דאַנק. מערסי. באָנזשור! איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אז די ליידיס און דזשענטלמענס פון קאַלאָמייע וועלן מיר דערלויבן זאָגן עטלעכע ווערטער... דאָ, אין זאַל, איז אָקאָרשט פאָרגעקומען א קלײנינקע מיספאַרשטייעניש, א סקאַנדאַל הייסט עס. א קאַטאַסטראָפע, נאָר, דאַנקען דעם אייבערשטן, אָן קאָרבאָנעס. אַלץ האָט זיך געענדיקט שיין און פײַן. איך מוז אײַך זאָגן, אז אַלץ טרעפט בא לייזערן, אָ, פאַרדאַן, בא לעאָפּאָלד זגורסקין אין טעאַטער! עס זײַנען בא אונדז פאַרצייכנט עטלעכע פאַלן, ווען בעשאַס די פאָרשטעלונגען בא מיר אין טעאַטער האָבן זיך עטלעכע צושויער פון גרויסע איבערלעבונגען געררירט פון די געדאַנקען, און דער טעאַטער האָט זיי געמוזט אוועקלייגן אין מעשוגאָים־הויז אַף זײַן אייגענעם כעזשבן. הײַנט וויפל ווײַבער זײַנען בא אונדז געפאַלן כאַלאַשעס, רעד איך שוין ניט. אַלעמען האָט מען אָפּן אָרט אָפּגעראַטעוועט. איך געדענק א פאַל, ווען פיר פײַנע באַלעבאַטים האָבן אַזוי געלאַכט, קוקנדיק בא אונדז „צוויי קונילעמלעך״, אז זיי האָבן פון געלעכטער אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמעס, ניט פאַר אײַך געדאַכט, ניט פאַר אונדז געדאַכט, און מיר איז אויסגעקומען אַף אונדזער אייגענעם כעזשבן זיי פּראַווען די גרויסאַרטיקע לעווײַעס, ווי מע זאָגט — פּאָ פּערוואָי קאַטעגאָריע, קעדאַס מוישע, הייסט עס. בא מיר אין טעאַטער האָט וויפל מאָל שוין פּאַסירט, אז באָכערים און מיידלעך האָבן זיך דאָ באַקענט, זיך אײַנגעליבט איבער די אויערן און גלײַך פון טעאַטער געגאַנגען צו דער כופּע. און מיר האָבן געדאַרפט פּראַווען כאַסענעס, עמעס אַף זייער כעזשבן. אויך, פאַרשטייט זיך, פּאָ פּערוואָי קאַטעגאָריע, קעדאַס מוישע... שטילער, לאַכט ניט, לאָזט אויסריידן א וואָרט! יאָ, דערפון איז געדרונגען, אז מײַן טעאַטער, דער טעאַטער פון לייזער, פאַרדאַן, לעאָפּאָלד זגורסקי, איז דער בעסטער טעאַטער אין דער וועלט! נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. טײַערע מײַנע ליידיס און דזשענטלמענס! פאַר אײַערע אויגן איז נאָרוואָס דורכגעגאַנגען א געשיכטע, וואָס בא אונדז טרעפט דאָס ערשטע מאָל. זינט איך בין אימפּרעסאַריאָ, האָב איך נאָך אַזוינס ניט געזען, ווי איר זעט מיך אינעם פּראַק א לעבעדיקן! עפּעס ענלעכס, געדענק איך, איז אַמאָל פאָרגעקומען אין פּאַריזשער טעאַטער „סיציליאַ״, ווען דאָרטן האָט געשפּילט דער באַרימטער טראַגיקער דזשעק שאַרלסטאָן; אין מילאַנער אָפּערע, ווען דאָרטן האָט געזונגען טאָפּאָזיני־טאָפּאַליני, אײַך צו לענגערע יאָר... איז ווייל איך אײַך

זאָגן, מײַנע ליבע ליידיס און דזשענטלמענס, קעדיי דאָ זאָלן מער ניט פֿאָרקומען אַזעלכע דיווערטיסמענטן, ווי איר האָט געזען אָקאָרשט. עפּעס אַ צעדרייטער באָכער, אַ לעץ אין מײַטקעס, אַ פֿאַנאַטיקער, איז אַרופֿגעשפּרונגען אויף דער בינע און שיר ניט דערשטיקט מײַן בעסטן אַקטיאָר אָסקאַר שאַפּיראָן...

לייזער, אָדער, ווי ער האָט זיך גערופֿן, לעאָפּאָלד זגורסקי, האָט זיך געשמאַק אויסגעהוסט, פֿאַריכט אויף דער שאַרפֿער נאָז די פּענסנע, אַ גלעט געטאָן דאָס קאָמעץ־בערדל און, אונטערהייבנדיק זיך ווידער אויף די שפּיץ פֿינגער, ער זאָל אויסזען העכער און סאָלידער, פֿאָרגעזעצט:

— אונדזער באַרימטע פּרימאַדאָנע עסטערקע שאַפּיראָ, דאַרף איך אײַך מעלדן, איז ניט אַזוי אומגליקלעך, כאָלילע, ווי דאָס ווערט באַוויזן אויף דער בינע. קיין שטיפֿפֿאָטער האָט זי ניט און זי דאַרף אים האָבן אויף קאַפּאָרעס! עסטערקע שאַפּיראָ — די צירונג פֿון מײַן טעאַטער — האָט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַן אייגענעם טאַטן, וועלכן איר קענט זייער גוט און זעט אים אָפֿט אויף דער בינע — דאָס איז אונדזער באַרימטער שוישפּילער אָסקאַר שאַפּיראָ. עסטערקע פֿאַרמאָגט ניט אירע פּאַלאַצן, נאָר אַ שטוב האָט זי. און קיינער טרײַבט זי ניט אַרויס, כאָלילע. נאָר וואָס קאָן זי מאַכן, אַז זי האָט צו טאָן מיט טעאַטער, מיט דער בינע, מיט קונסט?.. די קונסט פֿאָדערט, אַז גראַדע הײַנט זאָל עסטערקע זײַן אַן אומגליקלעכע יעסוימע און איר שטיפֿפֿאָטער זאָל זי אַרויסטרײַבן פֿון שטוב אויפֿן פֿראָסט, — איז זי אַ יעסוימע, און דער שטיפֿפֿאָטער טרײַבט זי פֿון דער שטוב. די קונסט פֿאָדערט, זי זאָל שיין זינגען, עסטערקע, זינגט זי שיין. מאָרגן, לעמאָשל, וועט די קונסט פֿאָדערן, עסטערקע זאָל ווערן אַ פּרינצעסן, טאַנצן און שפּרינגען ביז אונטער דער סטעליע, וועט זי ווערן אַ פּרינצעסן, טאַנצן און שפּרינגען. און אַז די קונסט וועט פֿון איר פֿאַרלאַנגען, פֿון עסטערקען, זי זאָל זיך פֿאַרליבן אין אַ בינדיוזשניק, אין אַ פֿאַבריקאַנט, אין אַ בלינדן, אין אַ קרומען, צי אין אַן אַנדער שלימאַזל, וועט זי זיך אָפּזאָגן? דאָס איז דאָך איר באַרוף, איר מעלאָכע, איר שטיקל ברויט! זי איז אַ שוישפּילערן און טוט ניט וואָס זי וויל, נאָר וואָס די קונסט הייסט איר. די ראָליע אירע פֿאָדערט עס פֿון איר. איר פֿאַרשטייט מיך, צי איר פֿאַרשטייט מיך ניט? איצט שטעלט זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם וואָלט איך געהאַט, ווי וואָלט אויסגעזען מײַן טרופּע, ווען אַלע פֿאַרנאַכט וואָלט אַן אַנדער מעשוגענער געקומען אַהער דערשטיקן בײַ מיר אַן אַקטיאָר אויף דער בינע? איר וואָלט דאָך מיך אומגליקלעך געמאַכט! איז פֿאַרגעדענקט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, מיר טרײַבן ניט אַרויס קיין מענטשן אויפֿן פֿראָסט, מיר שיסן און הארגענען ניט אָפּדערעמעסן, נאָר מיר שפּילן טעאַטער! ווו איז ער ערגעץ, דער פּיפּערנאָטער אין הויזן, ער פֿאַרשטייט, צי ער פֿאַרשטייט עס ניט, און איר, מײַנע טײַערע, פֿאַרשטייט עס? וואָס, איר פֿאַרשטייט? נו, דאַנקען גאָט, וואָס איר פֿאַרשטייט! ווײַבאַלד אַזוי, האָב איך צו אײַך אַ באַקאָשע, איך בעט זיך בײַ אײַך, ווי מע בעט זיך בײַ די גאַזלאָנים, זיצט רויִק אויף אײַערע ערטער און וואַרפֿט זיך ניט אויף מײַנע אַקטיאָרן, לאָזט אונדז שפּילן. איך מוז אײַך מודיִע זײַן, מײַנע

טײַערע און ליבע, אז ווײַטער וועט גיין נאָך שרעקלעכער, ווי ביז איצט. באלד וועט ארויסקומען אף דער בינע אָסקאר שאפּיראָ, עסטערקעס עמעסער פּאָטער. ער וועט ארויסקומען אין א מאסקע, מיט א שפּײַער — א רעוואָל־ווער, הייסט עס, און וועט שיסן זײַן געליבטע. דערנאָך וועט אופּטרעטן די מאדאם זילבערקראנץ און רײַסן אף זיך די האָר. שרעקט זיך ניט, דעם פּאריק, ניט די האָר וועט זי רײַסן. זי וועט שלאָגן טאפּליעס, גוואלדעווען, וויינען, קוויטשען... עס וועט זיך נאָך טאָן אף טיש און אף בענק. וואָס זשע קאָנען מיר דאָ העלפן, אז די קונסט פאָדערט עס? דער פּארפּאָסער פון דיזער דראמע, דאָס הייסט דער שריפטשטעלער, וויל אזוי, און מיר זײַנען ניט מער, ווי זײַנע טרײַע קנעכט...

אליזאָ, ליידיס און דזשענטלמענס, נעמט זיך אָן מיט געדולד און לאָזט אונדז דערפירן די טעאטער־שטיק ביזן סאָף. זיצט ספּאָקאָינע אף די ערטער, קיין פּיפּס זאָל איך פון אײַך ניט הערן! שטיקט ניט מײַנע אקטיאָרן, — איך וועל זיי אליין דערשטיקן, אז מע וועט דארפן. איך גאראנטיר אײַך, אז אלץ וועט זיך ענדיקן פײַן און לײַטיש. אלע וועלן בלײַבן לעבן. נאָר — געדולד! מאעסטראָ, קלעזמער, א רועך אין אײַער טאטן, דערלאנגט לאָשן! שפּילט!

לעאָפּאָלד זגורסקי, דער אימפּרעסאריאָ, האָט גאלאנט א הייב געטאָן צוויי פינגער, זיך פארנייגט פארן פּובליקום און פארשוונדן אונטערן פאָר־האנג.

נאָר דער אוילעם האָט נאָך אלץ געקײַכט פון געלעכטער, געזוכט דעם באָכער, וואָס האָט אָפּגעטאָן אזא שפּיצל. נאָר יענער איז שוין ניט געווען. ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכן אין זאל דער געלעכטער און ער האָט פארשטאנען, אז ס׳איז מיט אים געשען עפּעס שרעקלעכס, איז ער ווי א וויכער ארויסגעשפּרונגען פון דער געבײַדע און זיך געלאָזט לויפן, ווי הונדערט רוכעס וואָלטן אים נאָכגעיאָגט. דאָס פּאָנעם האָט בא אים גע־ברענט פון בושע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז איצט וועט ער זיך שוין ניט טאָרן באווײַזן אף דער גאס. הײַנט וואָס וועט זיך טאָן אין בעקערײַ, אויב דאָרטן וועט מען זיך דערוויסן וועגן דער געשיכטע!

יאָ, האט ער געקלערט, איצט וועט שוין קאָלאָמייע האָבן אן ארבעט. מער דארף ער ניט, ווי ארײַנפאלן אין די מײַלער פון די קאָלאָמייער לייצים, כאכאָמים. זיך ארײַנכאפּן צו זיי אין די מײַלער איז גלײַכער ניט געבוירן ווערן! איצט וועט דאָ שוין זײַן פרייליך — כאָטש נעם די פיס אף די פּלייצעס און געזעגן זיך אָפּ מיט דער שטאָט!

באנאכט, ווען עס שלאָפט זיך ניט

מאקס האָט בא זיך פעסט באשטימט, אז מער וועט זײַן פוס ניט ארי־בערטרעטן די שוועל פונעם טעאטער.

קוים דערמאָנט ער זיך אין יענעם פארנאכט, אזוי פאלט אף אים אָן אן איימע. יענעם פארנאכט וועט ער קיינמאָל ניט פארגעסן. ער איז געווען דער

סאמע שרעקלעכער אין זײַן לעבן. אזוי זיך באנארישן פאר אזא גרויסן אוילעם!

גענוג אָבער טראכטן וועגן דעם. נאָר גיי זײַ א כאָכעם און טראכט ניט, אז זי שטייט דיר די גאנצע צײַט פאר די אויגן, עסטערקע, דאָס שלאנקע, שיינע מיידל מיט דער וווּנדערלעכער שטים! זי האָט געקוקט אף אים מיט אירע גרויסע טונקעלע, עטוואָס פארטרוימטע אויגן פון די אפישן אף דער גאס. ווי א שאָטן האָט דער דורכדרינגעוודיקער בליק אירער אים באגלייט, ווו ער האָט זיך נאָר א קער געטאָן, אים מאמעש ניט געלאָזט רוען.

ווי פריִער, איז מאקס געשטאנען בא די אויוונס, געהאָרעוועט גאנצע נעכט און גאנצפרי געשלעפט אף זיך די שווערע קוישן און געלאָפן פא־נאנדערטראָגן דאָס געבעקס איבער דער שטאָט. ווי ער האָט זיך ניט באמיט אויסמײַדן יענע מענטשן, וואָס זײַנען געווען איידעס פון זײַן מיִעסן דורכפאל אין טעאטער, האָט זיך דאָס אים ניט אײַנגעגעבן. ווי אף צולאָכעס האָט מען אים גלײַך דערקענט אין גאס און מיט בײַסיקע שמייכלעך נאָכגע־שריגן:

— היי, מאקס, ווען וועסטו ווידער קומען שפילן טעאטער?

— דו ביסט א כוואט! שיין האָסטו דעמלט אָפּגעראטעוועט די יעסוימע!..

— זאָג לעאָפאָלד זגורסקין, ער זאָל דיך ארײַננעמען אין דער טרופּע. דו וועסט מאכן לאכנדיק דעם אוילעם שענער, ווי אלע זײַנע לייצים!

און מאקסן וואָלט גרינגער געווען אײַנעמען א מיסע־מעשונע, איידער אויסהערן אזעלכע וויצן. אָפּט האָט מען אים דערמיט שיר ניט דערפירט ביז טרערן און ער איז גרייט געווען לאָזן אין גאנג די פויסטן. נאָר גיי פארקריג זיך מיט א גאנצער שטאָט. כוץ דעם, דארפט איר וויסן, אז די קאָלאָמייער זײַנען ניט קיין פארשלאָפענע מעלאמדים. פאר איין קלאָפּ קאָנסטו אָפּלייזן בא זיי דרײַ אויסגאָב. האָט ער נעבעך געמוזט דערשטיקן אין זיך דעם פארדראָס און אים אראָפּשלינגען.

ער האָט זיך געסטארעט טאָמיד גיין מיט זײַטיקע געסלעך, ווייניקער זיך ווארפן די מענטשן אין די אויגן, מע זאָל איבער אים ניט שפּאסן.

כאָטש מאקס האָט זיך געגעבן א ניידער, אז מער וועט זײַן פוס ניט זײַן אין טעאטער, האָט אים אָבער שטארק געצויגן אהין. אים האָט זיך זייער געוואָלט א קוק טאָן נאָכאמאָל אף יענעם מיידל, אף די ארטיסטן. נאָר וויִאזוי קומט מען צו זיי, ווי ווערט מען גיוועער דעם ביזאָיען, די כארפּע?

נאָר אָט איז צו אים דערגאנגען א קלאנג, אז דער וואנדער־טעאטער קלײַבט זיך אין וועג ארײַן. דאָ האָט ער שוין ניט געקאָנט בײַקומען אין זיך דעם יעיצערהאָרע, און אין א שטילן אָוונט, נאָך דער ארבעט, האָט ער ארופגעכאפט אף די אקסלען דאָס נײַע רעקעלע, צוגעקעמט די האָר, געגנו־מען אין קעשענע עטלעכע בולקעלעך און בייגל פארן פארשוין מיט דער צוגעפלעטשטער נאָז און זיך אוועקגעלאָזט מיט די הינטערגעסלעך צום טעאטער. מאקס איז אָפּגעשטאנען א היפש ביסל צײַט בא דער הינטערשטער טיר, ביז דער פאָנפאטש האָט זיך באוויזן. ווען דער פארשוין האָט דערזען דעם באָכער, האָט די נאָז בא אים נאָך מער זיך צעשפרייט איבערן פּאָנעם.

אָט־אָט וועט ער אויסשיסן אַ געלעכטער. מאַקס האָט געמיינט, אַז יענער וועט אים באַלד דורכטרײַבן. נאָר פּאַרקערט! ער האָט זיך דערפרייט איבער אים און באַגעגנט מיט אַ ברייטן באָרעכהאַבע. צוגעגאַנגען צו מאַקסן, האָט ער אים גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— מאַזלטאָוו! דער באַלראַכמים האָט זיך געיאַוועט! ווו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? מיר האָבן זיך שוין פֿאַרבענקט נאָך דיר, ווי אַ פֿור נאָך דער פֿינפֿטער ראָד...

מאַקס׳ געשמאַקע בולקעלעך מיט די בייגל האָבן געמאַכט דעם מענטשן נאָך מער באַריידעוודיק, נאָך ווייכער. רײַבנדיק אַף ביידע באַקן, האָט ער פֿאָרגעזעצט:

— נו, נישקאָשע, נעם זיך ניט צום האַרצן. עס טרעפֿט אַמאָל, עס טרעפֿט. איך וועל דיר דײַן אַלטן כעט ניט דערמאָנען כאָלילע. ווי שטייט דאָרטן געשריבן אין דער טוירע: ווער עס דערמאָנט יענעם זײַנע אַלטע כאַטאָיִם, דעם זאָל זיך זעצן אַ בלאָטער אַף דער צונג... און, דאַכט מיר, נאָך איין זאַך ווערט דאָרט געזאָגט: ווער עס דערמאָנט אַן אַלטע וווּנד, דעם זאָלן זיך זעצן צוועלף נײַע מאַקעס אַף דער פּלייצע. ניט פֿאַר אונדז געדאַכט. איז הער מיט קאָפּ... דאָס האָסטו אָפּגעבאַקן די דאָזיקע בייגל? און קאָנסט יעדן מאָל עפּעס כאַפּן אין מויל? ביסטו דאָך אַ גליקלעכער באָכער!.. יאָ, נאָר הער מיך מיט קאָפּ. באַלד וועל איך דיך ארײַנלאָזן אין טעאַטער דורך דער הינטערשטער טיר, נאָר זע, מאַמזערוק, זאָלסט מער ניט שפּרינגען אַף דער בינע און ניט שטיקן אונדזערע לייצים. זיי זײַנען גאָרניט אַזוינע ראָצכים, ווי דיר האָט זיך דעמלט אויסגעוויזן. הונגעריקע, נאַקעטע און באָרוועסע זײַנען זיי — דאָס גאַראַנטיר איך דיר. נאָר גאַזלאָנים? זאָל גאָט היטן! דאָס זײַנען ערלעכע מענטשן, און פֿרעג מיך בעכיירעם, פֿאַר וועלכע זינד זײַנען זיי געשטראָפֿט פֿון דעם אייבערשטן. זיי מוטשען זיך נעבעך, ווי אַפֿן טויט, פֿוכנען אַפֿן פּיסק, זיצן אָן ברויט, וועגן אַזעלכע בייגל כאַלעמען זיי ניט אַפֿילע, נאָר אַז זיי שפּילן אָפּ אַ ראָל און נעמען אויס באַם פּובליקום, זײַנען זיי גליקלעך! אָרעמע און פֿריילעכע, אַ מעכײַע מיט זיי צו ריידן. וועסט זיך מיט אונדזער בראַנזשע באַקענען נעענטער, וועסטו זען. מיט זיי וועסטו פֿון אומעט ניט שטאַרבן. גאָט באַהיט! ווען דו שיטסט מיר אָן אַ זאַק מיט בולקעלעך, אַ טאָרבע מיט גאָלד, וואָלט איך פֿון אונדזערע לייצים ניט אַוועקגעגאַנגען, ווי דו קוקסט מיך אָן! דאָס זאָג איך דיר דעם ריינעם עמעס! בעסער דאָ מיט מײַן כעווריײַע הריזען אַ טרוקן שטיקל ברויט, זויגן דעם קולעק, ווי אַ בער די לאַפּע, איידער ערגעץ אַנדערש, מיט די פּריצים אָדער ריסטאָקראַטן, עסן געבראָטענע גענדזעלעך... יאָ, נאָר פֿאַרוואָס זאָגסטו מיר ניט, ווי דו הייסט? אַז דו ביסט אַ בעקער־יונג, דאָס פֿאַרשטיי איך שוין לויט דײַנע בולקעלעך; אַז דו ביסט אַ טײַערער יאַט, דאָס פֿאַרשטיי איך אויך. נאָר ווי זשע איז דײַן נאָמען? מאַ־שמייכאָ? מאַקס? מאַקס קרייסלער? זייער פֿײַן! אויסערגעוויינלעך! נאָר, ווי איך פֿאַרשטיי, קערסטו זיך ניט אָן קיין אייגן פּלעמעניקל דעם באַרימטן קרייסלער, וואָס קאָטאָרע מאַכט אווטאָמאָבילן אין אַמעריקע, מאַכן זאָל ער מיט

די זײַטן! ביסט, הייסט עס, ניט זײַן יורשׁ? נו, דאנקען גאָט! און איך האָב זיך שוין געוואָלט דערשרעקן. ווײַבאַלד אזוי, לאָמיר זיך באַקענען. מיך קאָנסטו רופן שימען. נו, אז דו ווילסט, איז פּאַסעט שימשן. טאָמער וועסטו מער ניט קאָנען צולאַכענען בא דײַן שיינער באַלעבאָסטע קיין בולקעלעך, מעגסטו צו מיר קומען אזוי מיט די ליידיקע הענט, און איך וועל דיך צונעמען בעקאָוועד־גאָדל. וועסט שטענדיק זײַן בא מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אָן שום בילעטן וועל איך דיך אַרײַנלאָזן אין טעאַטער. זע נאָר, אז אונדזער זגורסקי דער דריטער, זאָלן אים ארויסקריכן די אויגן, זאָל דיך ניט באַמערקן. פאַרשטייסט?

שימשן האָט אַרײַנגעשטויסן דעם באָכער דורך דער עטוואָס צעעפנטער הינטערטיר, דראָענדיק מיטן פינגער: „פיר זיך דאָרט אויף, ווי א מענטש, שטיק ניט אונדזערע אַקטיאָרן מיט דײַנע לאַפּעס!"

ווען מאַקס איז אַרײַן אין זאַל, איז שוין די פאָרשטעלונג געווען אין רעכטן ברען. דאָ האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט. דער אוילעם איז געזעסן מיט א פאַרטײַעטן אָטעם, מיט אויסגעצויגענע העלדזער און נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע. און אויף דער בינע האָט זיך געטאָן אזוינס, וואָס האָט קיינעם ניט געלאָזט בלײַבן גלײַכגילטיק. דאָרטן איז אַרומגעלאָפן, ווי א פאַרסאַמטער, א נעגער מיט א פּאָר צערייצטע גאַזלאָנישע אויגן, ווי א וואָלף איבער דער גרויסער שטײַג, געשריגן אויף יענעם זעלבן מיידל, וואָס מאַקס האָט שוין אַמאָל געוואָלט ראַטעווען און וואָס האָט שוין ניט געהייסן, ווי דעמלט, מירעלע, נאָר גאָר דעזדעמאָנע. און געווען איז זי אויך שיין, ווי די וועלט, נאָר אומגליקלעך, ווי יענע, מירעלע. וואָס איז? דער נעגער האָט אויף איר, אויף דער דעזדעמאָנען, געשריגן, אז זי האָט אים פאַראַטן. זי האָט זיך בא אים געבעטן, ווי מע בעט זיך בא א גאַזלען, געשוואָרן זיך בא גאָט און בא לײַט, אז זי איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, זי האָט אים קיינמאָל ניט פאַראַטן, איז אים איבערגעגעבן און טרײַ, נאָר דער מאַוור האָט ניט געוואָלט איר גלייבן, כאָטש גיב אים אכצן קרענק. ער האָט געווילדעוועט, געקריצט מיט די ציין, געקערט וועלטן, גרייט געווען דוירעס זײַן אזא גאָלדענע נעשאָמע, דעזדעמאָנען, וואָס איז טאַקע, דאַכט זיך, ניט געווען שולדיק!

און עס האָט טאַקע ניט געהאָלפן, ניט איר געבעט, ניט אירע טרערן, ניט אירע שוועס, דער רעציייעך איז צוגעשפּרונגען צו איר, ווי א בייזע כײַע, און זי טאַקע דערשטיקט אויף טויט...

מאַקס איז געשטאַנען אין זײַן ווינקל א דערשטוינטער און ניט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך. אזא אוולע! אזא אומגערעכטיקײַט פון א מאַן צו זײַן אומשולדיקער פרוי! אין יענער מינוט, ווען דער מאַוור האָט גענומען שטיקן עסטערקען, האָט מאַקס ווידער אויף א רעגע פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך, און עס איז אָפּגעגאַן א רעגע, ער זאָל זיך ווידער לאָזן צו דער בינע ראַטעווען דאָס אומגליקלעכע מיידל. איין גליק, וואָס דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אז עסטערקע וועט בלײַבן לעבן, און יענער מאַוור איז איר אייגענער פאָטער, אָסקאַר שאַפּיראָ, וואָס וועט גיכער זיך נעמען דאָס לעבן,

איידער אָנרירן זײַן געליבטע טאָכטער, די באַסיעכידקע, מיט אַ פינגער.

מאַקס איז אַן אויפגערודערטער געשטאַנען און געקוקט, ווי דער נעגער פאַלט אַף די קני פאַר זײַן אומשולדיקן קאָרבן, שלאָגט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ, רײַסט אַף זיך די האָר, פאַרגיסט ביטערע טרערן און זאָגט צום מיידל:

אָ, מיידעלע מיט אומגליקלעכן שטערן!
דו ביסט געוואָרן בלייכער פונעם לײַוונט.
און ווען־ניט־איז, ווען צו דעם מישפּעט מ׳וועט אונדז פירן,
דײַן בליק, דײַן איינציקער וועט מיך אַ שלײַדער טאָן פון הימל
אין רויך און פײַער.
ביסט קאַלט געוואָרן, קאַלט, ווי אײַז,
ווי די זויבערקײַט אליין. אָ, מערדער ניד׳ריקער!
מיט ריטער טרײַבט מיך, שיידים, אָפּ פון איר —
פון אָט דער הימל־ריינער זעונג!
נעמט באָדט מיך אויס אין אָפּגרונטן פון פײַער פליסיקן.
אָ, אומגליק! דעזדעמאָנע! דעזדעמאָנע!
טויט! אָ! אָ! אָ!

אין זאַל איז נאָך אַלץ געשטאַנען די שטילקײַט, וואָס איז פון מאָל צו מאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך שווערע זיפצן און כליפּערײַ פון ווײַבער.

ענדלעך האָט דער אָפּגענאַרטער מאַוור איבערגעריסן זײַן ווידע און דער גאַנצער זאַל איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און געשרייען „בראַוואָ, ביס!“

דער מאַוור און עסטערקע, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן פון דיל אַ לעבעדיקע און מידע, האָבן זיך גענומען פאַר די הענט, צוגע־גאַנגען נאָענט צו דער ראַמפּע און זיך אָנגעהויבן פאַרנייגן פאַרן שײַנענ־דיקן עולם.

מאַקס האָט אַזוי געפּאַטשט אין די דלאָניעס, אַזש די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ווײ טאָן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער זעט עסטערקען אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע, אַ שײַנענדיקע, כאָטש אַ פאַרמאַטערטע און בלאַסע.

מאַקס איז געווען בא זיך שטאָלץ, וואָס ער איז הײַנט געקומען אַהער און געזען אַזא רירנדיק בילד. און נאָך מער איז ער געווען צופרידן דער־פון, וואָס עס האָט מיט אים זיך ניט איבערגעכאַזערט יענע געשיכטע, וואָס האָט מיט אים ד״אָ פּאַסירט דאָס ערשטע מאָל.

איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס הייסט טעאַטער. און אויב ער וועט האָבן צײַט, וועט ער שוין ניט דורכלאָזן קיין איין פאָרשטעלונג, ווו עס וועט שפּילן עסטערקע שאַפּיראָ מיט איר פאָטער...

אין זאַל איז שוין געווען פּוסט און טונקל, נאָר מאַקס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין זײַן ווינקל און געקוקט אַף דער בינע, וואַרטנדיק, עפּשער וועט עסטערקע ווידער אַרויסלויפן און זיך פאַרנייגן, אָפּדאַנקען די מענטשן,

וואָס האָבן זי היינט מיט אזא ליבשאפט אופגענומען. נאָר דאָס מיידל האָט זיך שוין ניט באוויזן. אָנשטאָט איר האָט ער דאָרטן דערזען שימשענען און נאָך א פּאָר עלטערע מענטשן, וואָס האָבן זיך פלייסיק גענומען צוקלייבן די בינע, אוועקטראָגן אין א זייט די דעקאָראציעס. מע האָט געטאָן די ארבעט שנעל און געניט.

אוי, ווי ער איז איצט מעקאנע געווען די דאָזיקע מענטשן! אלע טאָג קאָנען זיי פראנק־און־פריי ארייַנקומען אהער און אָן שום בילעטן! זיי קאָנען אלעמאָל זען די אקטיאָרן,ריידן מיט זיי, זיך ווערטלען, לאכן. עס־טערקען זעען זיי שטענדיק, ווען זיי ווילן. צי שאצן זיי דאָס? ס׳איז דאָך אזא פרייד זען אָפט אָט דאָס מיידל, הערן איר געטלעכע שטים, איר גע־לעכטער!

ווען מע לאָזט אים איצט צוגיין צו איר, עפּעס זאָגן! ער וואָלט געווען גליקלעך מאמעש! נאָר דאָס איז, זעט אויס, ניט אזוי פּראָסט. דאָס איז דאָך ניט קיין געוויינלעך מיידל, וואָס דו באגעגנסט אין שטאָט אלע טאָג. דערצו נאָך דארף מען וויסן, וואָס מע וויל איר זאָגן. אים דאכט זיך, ווען ער באגעגנט זי, וואָלט ער זיך פארשעמט פאר איר און געשטאנען, ווי א ליימענער גוילעם, קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען. און ווי וואָלט ער אויסגעזען אין אירע אויגן — זי קער נאָך געוויס געדענקען יענעם אָוונט, ווען ער איז געלאָפן זי ראטעווען. די צונג וואָלט זיך בא אים אָפּגענומען, און זי וואָלט אים אויסגעלאכט. און ווער ווייסט, עפּשער האָט זי שוין פארגעסן יענע געשיכטע? ווייניק אנדערע דייגעס האָט זי?

טראכטנדיק וועגן דעם, האָט מאקס ניט באמערקט, ווי די שיין האָט זיך איינגאנצן אויסגעלאָשן און שימשן מיט זיינע געהילפן איז פארשוווּנדן גע־וואָרן.

מאקס האָט זיך שנעל געלאָזט צום ארויסגאנג, נאָר אף דער שוועל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אפן אלטיטשקן וועכטער, וואָס האָט אף מאקסן בייז געקוקט:

— וואָס דרייסטו זיך דאָ ארום, ווי דער שווארציאָר! — האָט יענער אומצופרידן אָנגעקוקט דעם באָכער. — איך וואָלט דיך דאָ פארשלאָסן, וואָלסטו געמוזט נעכטיקן צוזאמען מיט די מייַז... ווידער ביסטו געקומען אהער?.. וואָס זשע, עפּשער האָסטו ווידער געוואָלט שפּרינגען אף דער בינע ראטעווען עסטערקען?.. וואָס פאר א שעד לאָזט אריַין אהער אזעלכע טאמעוואטע, ווי דו? אלע שלאָפן שוין, נאָר דיך טראָגט עס ארום... גיי שוין, גיי שוין שלאָפן, פּיפּערנאָטער!..

מאקס איז דערציטערט געוואָרן: „הער נאָר, און דער קען מיך אויך!״ ניט ארויסברענגענדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך געלאָזט גיין.

אין דרויסן איז שוין געווען פּוסט — קיין לעבעדיקע באשעפעניש האָט מען שוין ניט געזען, בלויז דאָרטן, אפן ראָג, באס צענטראלן אריַינגאנג אין טעאטער, זייַנען געשטאנען עטלעכע דראָזשקעס. די פורמאנעס האָבן געדרעמלט אף די קעלניעס, אנדערע האָבן געררייכערט. די אייַנגעשטאנענע

פערד האָבן אײַנגעניורעט די מאָרדעס אין די טאָרבעס, וועלכע זײַנען גע־האנגען אף זייערע העלדזער, און געשמאק געריבן דעם האָבער.

אף וועמען וואַרטן עס דאָרטן די פורמאַנעס? דער אוילעם פון טעאַטער איז זיך שוין לאַנג פאַנאַנדערגעגאַנגען. עפשער קוקן זיי ארויס אף די אקטיאָרן, וואָס טוען זיך איבער, וואַשן זיך ארום?

געוויס, אף די ארטיסטן וואַרט מען!

מאַקס האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַן אלטן קליאָן, געוואַרט, די אקטיאָרן זאָלן ארויסגיין, עפשער וועט ער כאָטש פונוויַטנס דערזען דאָס מיידל. ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. עטלעכע באָכערים מיט רענצלעך און וואַליזקעס אין די הענט זײַנען ארויס מיט א טומל פון טעאַטער. די פורמאַנעס זײַנען גלײַך לעבעדיק געוואָרן. זיי האָבן ארויסגעשלעפּט פון אונטער די פערדישע מאָרדעס די טאָרבעס און זיך צעשריגן יעדער אף זײַן אויפן:

— היי, כעוורע, זעצט זיך אהער! איך וועל אונטערפירן אין גאָסטינעץ ניט טײַער! הײַדאַ!

— צו אים זעצט זיך ניט! זײַן שקאַפּע טויג נאָר אף פירן מייסים צום בעסוילעם...

— זײַן פיאַקער וועט אינמיטן וועג צעשאָטן ווערן!

— און מיט אים וועט איר ביז טאָג ניט דערפאָרן צום האָטעל...

די כעוורע אקטיאָרן האָבן געלאַכט, קוקנדיק אף די אופגעלעבטע פור־מאַנעס, און זיך געסטאַרעט גיכער אָפּטראָגן פונדאַנען.

— היי, וווהין זשע אנטלויפט איר?

— אַן אנדערשמאָל! דערווײַל וועלן מיר זיך דורכגיין צופוס, כאַפּן פרישע לופט...

די פורמאַנעס האָבן נאָכגעקוקט מיט פאָרוואָרף די אקטיאָרן און זיך געזידלט:

— נו, אוואַדע, קיין קאַלאָמייע וועט קומען עפּעס רעכטס? א באָרוועסע קאַפּעליע קאָמעדיאַנטשטשיקעס... מע שפילט טעאַטער און מע פעכגעט אפּן פּיסק...

— פון אזעלכע לייצים קאָנסטו האָבן פּאַרנאָסע...

די אנטוישטע פורמאַנעס האָבן זיך געלאָזט פאָרן באַרויגעזע איבער די אײַנגעשלאָפענע געסלעך. דאָ איז געבליבן בלויז איינער מיט זײַן דראָזשקע, אַן אקשן, וואָס האָט נאָך אלץ געהאָפט, אז ער וועט עמעצן פאַקן און פאַר־דינען.

דעם עמעס געזאָגט, איז מאַקס געווען אנטוישט ניט ווייניקער פון די פורמאַנעס. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז ארטיסטן זאָלן ניט האָבן א פּאָר זלאָטעס אף נעמען א דראָזשקע. דערפאַר איז ער אָבער געווען זיכער, אז דער געבליבענער פורמאַן וואַרט אף איר, אף עסטערקען. ער וועט צוואַרטן, ביז זי וועט ארויסגיין פון טעאַטער. ער וויל נאָר א קוק טאָן אף איר פון דער נאָענט, זאָגן איר געציילטע צוויי ווערטער, מער

דארף ער גאָרניט. ער וועט איר זאָגן א דאנק פארן פארגעניגן, וואָס זי האָט אים היינט פארשאפט מיט איר שפּילן, און אנטלויפן.

נאָר פארוואָס זעט מען ניט עסטערקען? פארוואָס פארהאַלט זי זיך?

ענדלעך האָט זיך די טיר אָן עפן געטאָן, און פון די פּאָר אויסגעקרימטע טרעפּלעך איז אראָפּגעשפּרונגען יענע, אף וועלכער מאקס האָט אזוי אומגעדולדיק געווארט.

זי איז געווען פּאָשעט אָנגעטאָן, אין א העלן אלטן רעגנמאנטל. אין דער האנט א טשעמאָדאן, אויך ניט קיין שפּאָגל־נייער. א קליין קאפּעליושל האָט קוים צוגעדעקט אירע פּרעכטיקע האָר. זי איז געווען גאָר ניט אזוי הויך, ווי זי האָט אויסגעזען אף דער בינע, און ניט אזוי עלעגאנט, ווי דאָרטן. אָבער מאָלע־כיין! נאָך עסטערקען איז געגאנגען א הויכער פּארשוין מיט קורץ אונטערגעשוירענע וואָנצעס, מיט א צעקנייטשטן קאפּעליוש, א קורץ מענטעלע. אף זיין מיד פּאָנעם האָבן זיך נאָך געזען סימאָנים פון גרים, די אויגן זיינען געווען אונטערגעשמירט מיט טונקעלער פארב.

מאקס האָט גלייך דערקענט אין דעם מענטשן יענעם גרויזאמען מאוור, דעם רויצייעד, און דערשטוינט געוואָרן. זע נאָר, ווי א מענטש קאָן זיך שנעל ענדערן! אף דער בינע האָט ער אויסגעזען א סאך העכער, ברייטפּלייציקער, שטרענגער, און דאָ האָט מאקס פאר זיך דערזען א געוויינלעכן מענטשן, אזא, וואָס דו קאָנסט באגעגענען אלעמאָל אף דער גאס.

דער באָכער איז פון דעם געווען עטוואָס אנטוישט. דאכט זיך, אז אין דער מינוט האָט עסטערקע און איר פּאָטער עפּעס אָנגעווירן אין זיינע אויגן. דאָך האָט ער געקוקט אף זיי, ווי א פארגאפטער.

זיי זיינען אָפּגעגאנגען עטלעכע טראָט, און אָסקאר האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— דו הערסט, עסטערל טאָכטער, גיי גיכער אהיים, און איך וועל קומען...

זי האָט א קוק געטאָן אפן פּאָטער מיט בעטנדיקע אויגן: וווּהין טראָגט עס אים? עס איז שוין אזוי שפּעט, און ער איז פארמאטערט, מיד. דערביי איז ער ניט געזונט...

און דאָך האָט זי אים ניט געקענט אָפּריידן.

ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פונעס ווייִנקעלער, פונוואנען עס האָבן זיך אהער דערטראָגן שיי־קערע קולעס מיט א געזאנג.

זי האָט אים באגלייט מיט טרויעריקע אויגן. זי האָט שוין גוט געוווּסט, אז וויבאלד ער לאָזט זיך אראָפּ אין ווייִנקעלער, קאָן ער דאָרטן אָפּזיצן ביז טאָג.

עסטער האָט אופגעהויבן דעם שווערן טשעמאָדאן און זיך געלאָזט גיין.

דער פורמאן האָט א קנאק געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופט, אונטערגעפאָרן און, באהאלטנדיק א מאמזעריש שמייכעלע אין דער געדיכ־טער באָרד, זיך אָנגערופן:

— איי, פּאניענקע, זעצט זיך, וועל איך אונטערפירן!..

— א דאנק. מיר וועלן שוין פֿאָרן מיט אײַך א צווייט מאָל. איצט איז קיין געלט נישטאָ...

— מיט קיין דאנק וועסטו ניט אָפּקומען, — האָט ער נאָכגעשריגן, — וואָס הייסט קיין געלט ניטאָ? אזא קראסאוויצע זאָל קיין געלט ניט האָבן? געוויס קלײַבסטו נאדן?

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר!

— ניט שיין אזוי. ווער־ווער, נאָר אזא פּאניענקע וואָלט געדארפט שאַנעווען די פּיסעלעך... אזוינע געטאָקטע פּיסעלעך, ווי בא דיר, שאצן זיך איצט גאנץ טײַער. אס?

— אומזיסט פֿאָרט איר נאָך מיר, פּעטער. גייט זוכט זיך אנדערע גליקן. איך האָב אײַך געזאָגט, אז איך האָב קיין געלט ניט!

ער האָט אָנגעצויגן די לייצעס, נאָך אלץ ניט געוואָלט אָפּשטיין פון איר.

— און איך האָב געמיינט, אז בא אזעלכע מיידלעך איז פאראן א סאך געלט. קיין נאדן דארפסטו ניט קלײַבן. יינגלעך וועלן דיר נאָך צוצאָלן...

זי האָט אופגעהויבן אף אים א פארניכטנדיקן בליק און אריבערגעגאנגען אף דער אנדערער זײַט.

— נו, בייזער זיך ניט אף מיר. זעץ זיך ארײַן, וועל איך דיך אָפּפירן אומזיסט, — האָט ער געלאכט, אונטערטרײַבנדיק דאָס פערדל, — עס פּאסט דען, אז אזא מארמעלאדקע זאָל גיין באנאכט צופוס? קיין גראָשן וועל איך בא אזא שייניגקער ניט נעמען, אייַן קוש אין בעקעלע, איין פּיסקעלע, מער דארף איך גאָרניט... אייַן קוש אין בעקעלע, אין פּיסקעלע, און מיר זײַנען קוויט. אס?

זי האָט אים א דראָע געטאָן מיטן פויסט און ארויס פון די קיילים:

— איך וועל אײַך, אַלטער טערעך, באלד אזא קוש טאָן, אז איר וועט די ציינער אײַערע ניט צונויפנעמען. באלד רוף איך פּאָליציי!.. אויסוווּרף!..

מאקס, וואָס איז נאָכגעגאנגען, באהאלטנדיק זיך אונטער די געדיכטעביימער, איז געוואָרן מאָלע־רעציכע, דערהערנדיק די פרעכע רייד פונעם פורמאן. ער איז אונטערגעלאָפן, א כאפּ געטאָן אים פאר דער פּאָלע, שיר ניט אראָפּגעשלעפּט פון דער קעלניע און א זאָג געטאָן:

— דו, אַלטער טײַוול, וואָס טשעפּעסטו זיך צו א מענטשן, באלד וועל איך...

דער פורמאן האָט דערזען דעם באָכער, און עס האָט בא אים אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער האָט אָנגעהויבן שטאמלען:

— איך טשעפּע זי דען? איך שפּאס...

— באלד וועל איך מיט דיר א שפּאס טאָן! דו ווייסט כאָטש, ווער זי איז? דו ביסט ניט ווערט איר נאָגל...

דער אַלטער האָט אײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אקסלען, א שמײַס געטאָן דאָס פערדל און פארקערעוועט שנעל אין א זײַטיק געסל.

עסטערקע האָט מיט דאנקבארקײַט א קוק געטאָן אפן באָכער, איבערגענומען דעם טשעמאָדאן אין דער צווייטער האנט און פארגיכערט דעם טראָט.

מאקס האָט זי אָנגעיאָגט און, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, זיך אָנגערופֿן:

— אזא טײַוול טשעפּעט זיך... איך האָב אים געוואָלט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ. איך בין הײַנט געווען אין טעאַטער און געזען, ווי איר שפּילט... איך זע, אז אײַך איז שווער טראָגן דעם טשעמאָדאַן, דערלויבט, וועל איך אײַך העלפֿן...

— א גרויסן דאנק אײַך... — האָט זי ניט מיטאמאָל געענטפֿערט, — מיר איז ניט שווער... און כוץ דעם, איז מײַן דירע דאָ ניט ווײַט...

ער האָט זיך שטארק פֿארוויטלט, נאָר איבערכאַפּנדיק אָף זיך איר גוטמו־טיקן בליק, פֿאַרזיכטיק גענומען דעם טשעמאָדאַן פֿון אירע הענט:

— איר זײַנט געוויס מיד, און בא מיר איז אזא טשעמאָדאַנדל, ווי א פּעדער... פֿאַר א בעקער איז א זאק מעל אויך ניט שווער...

— וואָס זשע, איר זײַנט דען א בעקער? — האָט זי מיט א מילד שמײַ־כעלע אופגעהויבן אַף אים איר בליק, פֿון וועלכן מאקס האָט זיך פֿארלוירן. מאקס האָט זיך געבייזערט אָף זיך אליין, לעמײַ האָט ער איר גלײַך גע־דארפֿט אויסזאָגן, אז ער איז א בעקער. זי וועט אים דערקענען, און ער וועט דארפֿן אנטלויפֿן. געוויס וועט זי אים גלײַך דערקענען, זיך אויסלאכן פֿון אים. ער איז געגאנגען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און ווי ער וואָלט זיך וועלן פֿארענטפֿערן, האָט ער געזאָגט:

— איר דארפֿט אָף מיר קיין פֿאריבל נישט האָבן פֿאַר יענעם אפּדער־נאכט.

— פֿאַר וועלכן? — האָט זי דערשראָקן געפֿרעגט.

— נו, פֿאַר יענעם אפּדערנאכט, ווען איך בין ארופֿגעלאָפֿן אָף דער בינע אײַך ראַטעווען...

— דאָס זײַנט איר געווען, איר?

— נו, געוויס...

עסטערקע האָט זיך הילכיק פֿאנאנדערגעלאכט.

ער האָט זיך נאָך שטארקער צעבייזערט אָף זיך. לאָזט זיך אויס, אז זי האָט אים ניט דערקענט, און ער האָט איר געעפֿנט דעם סאָד. אזא נארוף!

נאָר מאקס האָט זיך גענומען אין די הענט און פֿאַרגעזעצט, קוקנדיק אין א זײַט:

— דאָס בין איך דעמלט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געקומען אין טעאַטער. איר האָט אזוי שיין געשפּילט, אז איך האָב פֿארגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט. איך האָב אָף אײַך אזא ראכמאָנעס געהאט, אז איך וואָלט יענעם געקענט דערשטיקן. בא אונדז אין קאָוואליוקע איז קיינמאָל ניט געווען קיין טעאַטער, און איך האָב ניט געוווּסט מיט וואָס מע עסט עס...

— איך פֿארשטיי... — האָט זיך עסטערקע אָנגערופֿן און גלײַך געוואָרן ערנסט.

זיי זײַנען געגאנגען מיטן טראָטואַר שווײַגנדיקע. זייערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער באנאכטיקער שטילקײַט. עסטערקע האָט פֿון מאָל צו מאָל געוואָרפֿן איר בליק אָף דעם באשיידענעם באָכער. זי האָט אים נאָך

עפּעס געוואָלט פרעגן וועגן יענעם אָוונט, ווען ער איז געלאָפן זי ראַטעווען פון איר טאַטן, נאָר מוירע געהאַט, אז זי וועט אים דערמיט באַליידיקן. איר איז געווען איצט אזוי אָנגענעם צו גיין באַנאַנד מיט אים! די שטאָט איז געווען פוסט, נאָענט האָט מען קיינעם ניט געזען, און איר וואָלט געווען זייער שרעקלעך זיך שלעפּן איבער דער פינצטערער גאַס מיטן טשעמאָדאַן. דערצו נאָך האָט זי געפילט א שטאַרקע מידקייט, און עס וואָלט געווען זייער שווער זיך דערשלעפּן מיט אים אהיים.

ער איז געגאַנגען, סטאַרענדיק זיך ניט אָפּשטיין פון דעם באַוועגעוודיקן, פלינקן און כיינעוודיקן מיידל. אים איז שווער געווען, און ניט דערפון, וואָס ער האָט געטראָגן איר טשעמאָדאַן, נאָר גאָר דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן. און גיין אזוי, ווי א באָק, איז עפּעס געווען ניט גוט.

א סאַך זאַכן האָט ער געוואָלט פרעגן בא איר, נאָר זיך געשעמט. נאָר אָט האָט זיך בא אים אַרויסגעכאַפּט:

— איר האָט ניט מוירע גיין אַלע טאָג אזוי שפּעט איינע אַליין?

— געוויס האָב איך מוירע, — האָט זי נאָך א לאַנגער פּאַוזע געענטפערט, — נאָר שטענדיק גיי איך מיטן טאַטן. הייַנט האָט ער מיך ניט געוואָלט פאָלגן און פאַרקערעוועט אין שענק אויסטרינקען א גלאָז וויַין...

איר איז געוואָרן א ביזאָיען פאַרן פאָטער, און זי האָט אים גענומען פאַרענטפערן. ביכלאַל איז ער זייער א גוטער און א האַרציקער, איר פאָטער, נאָר עס טרעפט בא אים, אז ער פאַרבלאָנדזעט אין שענק און זי קאָן אים ניט אָפּהאַלטן דערפון... ער לעבט שטאַרק איבער. די מוטער אירע איז געשטאָרבן, ווען זי, עסטערקע, איז געווען נאָך גאָר א קליין מיידעלע. די מוטער איז אויך געווען אַן אַקטריסע, זייער א באַרימטע, און דער פאָטער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זי, עסטערקע, מיט איר פאָטער, אָסקאַר שאַפּיראָ, בלאָנקען אַלע יאָרן אַרום איבער דער גאַנצער וועלט, איבער שטעט און שטעטלעך, ווי די ציגייַנער, הייַנט דאָ, מאָרגן דאָרט. זיי האָבן נישט קיין אייגענע נעסט. ווו מע טאָגט, דאָרטן נעכטיקט מען ניט. נאָר קיינער קלאָגט זיך ניט. מע איז צופרידן מיט אזא לעבן, וויַיל דער טעאַטער איז פאַר זיי — אַלץ! ווען מע זאָגט זיי צו די שענסטע פּאַלאַצן, וואָלטן זיי עס אַלציינס ניט פאַרביטן אפן אָרעמען וואַנדער־טעאַטער...

מאַקס האָט נייַגעריק זיך צוגעהערט צו אירע האַרציקע ווערטער און זיך געכידעשט, וואָס זי דערציילט אים אַלץ אזוי, ווי זיי זייַנען באַקאַנט ווער ווייסט וויפל צייַט. און ס'האָט אים שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום האָטעל. באַלד וועט זי געוויס פאַרשווינדן אין דער העל־באַלויכטענער געבייַדע, און ווער ווייסט, צי וועט ער זי נאָכאַמאָל באַגעגענען, צי וועט זי מיט אים נאָכאַמאָל אזוי האַרציק און צאַרט ריידן.

באַם אַרייַנגאַנג אין האָטעל האָט מאַקס ניט ווילנדיק זיך אָפּגעשטעלט:

— א שאָד, וואָס מיר זייַנען אזוי שנעל געקומען...

— אנטשולדיקט, איַך איז געווים שווער... — האָט זי געוואָלט נעמען דעם טשעמאָדאַן פון זײַנע הענט, — מיר האָבן זיך אזוי פארעדט, און איך האָב גאָר פארגעסן, אז בא איַך איז דער טשעמאָדאַן... אנטשולדיקט.

זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מיר זײַנען נאָך ניט געקומען. איך ווױן ניט דאָ...

— אזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אז דאָ... דאָס איז זייער גוט!

— דאָ ווױנען קאָסט צו טײַער... און מיר זײַנען דאָך וואנדער־אקטיאָרן...

עסטערקע האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אין דער ריכטונג פון א קרום געסל, וואָס האָט זיך געשלענגלט אראָפּ צום טײַך:

— דאָרטן ווױן איך... שוין ניט גאָר ווײַט פונדאנען... איך וועל שוין אליין אהין טרעפן. א גרויסן דאנק איַך. מיט איַך איז געווען היימלעכער...

זי האָט אף אים אופגעהויבן אירע גרויסע, גוטע אויגן, און פון איר קוק איז אים געוואָרן ווארעמער אפן הארצן.

— איר האָט מיר ניט געזאָגט, ווי רופט מען איַך... — האָט זי פלוצעם א זאָג געטאָן. און פון דער פראגע איז אים נאָך ווארעמער געוואָרן.

— מאקס קרייסלער...

— מאקס קרייסלער? זייער א שיינער נאָמען. אפילע א זעלטענער... נו, א דאנק, מאקס קרייסלער... — האָט זי אים דערלאנגט די האנט.

— איך וועל איַך באגלייטן ביז דער שטוב!

— צוליב וואָס? ס'איז שוין אזוי שפעט, און איר וועט מוירע האָבן גיין איינער אליין... איך ווױן דאָ ניט ווײַט...

— ווער וועט מוירע האָבן, איך? וואָס רעדט איר! — האָט ער פארלוירן א זאָג געטאָן. — איך האָב פאר קיינעם און פאר גאָרניט ניט מוירע.

ער האָט איבערגענומען דעם טשעמאָדאַן אין דער אנדערער האנט און זיך געלאָזט גיין צום קרומען געסל.

— פאר קיינעם האָב איך ניט מוירע! — האָט ער דרייסטער פאָרגע־זעצט. — איר ווייסט, איך פלעג זיך פארקלײַבן בא אונדז אין די קארפּאטן אף אזעלכע בערג, ווו קיין מענטשישער פוס איז נאָך קיינמאָל ניט געטראָטן, און אויך ניט מוירע געהאט. ניט איין מאָל האָב איך דאָרטן באגעגנט ווילדע ציגן און זיך ניט דערשראָקן. איך געדענק אפילע, ווען איך האָב זיך מיט א דרוק געוואָרפן אף א ווילדן כאזער... עמעס, ער האָט מיך שיר ניט צעריסן אף שטיקער. מײַן גליק, וואָס איך האָב זיך שנעל ארופגעדראפּעט אף א גרויסן דעמב... איר זײַנט קיינמאָל נישט געגאנגען אין די בערג? דאָרטן איז זייער שיין...

ער האָט איבערגעכאפּט דעם אָטעם און דערזען, אז דאָס מיידל הערט אים מיט אזא אינטערעס, פאָרגעזעצט:

— און איך בין שוין עטלעכע מאָל געגאנגען אין די ארומיקע בערג אויך.

— וואָס זשע, איר זײַנט עפּשער א יעגער?

— ניין, ווען איך האָב א ביקס, וואָלט איך, מעגלעך, געוואָרן א יעגער. נאָר בא אונדז אין בעקערײַ ארבעט מיט מיר זייער א גוטער מענטש. פון

די בוקאָווינער בערג שטאַמט ער... דאָס איז אַזאַ מענטש, וואָס פאַרן עמעס שטעלט ער אײַן דאָס לעבן... ער איז שוין עטלעכע מאָל געזעסן אין טורמע פאַר קראַמאָלע, פאַרן עמעס. איר ווייסט, אין ערגעץ האָט מען איצט ניט ליב דעם עמעס, און ער קעמפט, ווי אַ לייב, און שרעקט זיך פאַר גאָרניט. מיר זײַנען עטלעכע מאָל געגאַנגען מיט אים אין די בערג אויף אַרבעטער־מאַסאָווקעס, אויף מיטינגען... צוויי מאָל זײַנען מיר געלאָפן פון דער פּאָליציי... מע האָט אונדז ניט געקאָנט דערלאַנגען. און — גאָרניט. מיר האָבן ניט מוירע...

מאַקס האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. אַ פאַרלוירן שמייכעלע האָט באַ־לויכטן זײַן פּאָנעם. ער האָט אַ קלער געטאָן: „נאַרישער באָכער, וואָס האָסטו צעלאָזט די צונג? מע מעג דען אַזוינס דערציילן? ווען אילקאַ הערט דאָס, וואָלט ער דיך גוט אויסגעפּאַטשט... צום ערשטן מאָל באַגעגנט אַ מיידל, און איר אַלץ גענומען אויספּלאַפּלען!"

נאָר מאַקס האָט זיך גלײַך גענומען באַרויִקן. נישקאָשע, אַזאַ מיידל מעג מען אַלץ פאַרטרויען. אַזאַ וועט דיך קיינמאָל ניט פאַראַטן. אַלציינס, מע טאָר קיינעם ניט אויסזאָגן, אַז מע איז געגאַן אויף די סכאָדקעס אין די בערג, אַפּילע דעם אייגענעם טאַטן. ער, מאַקס, האָט דאָך געשווירן אילקאַ זאָגולן, אַז וואָס עס זאָל מיט אים ניט געשען, וועט ער ניט דערציילן, וווּהין מע איז געגאַנגען און נאָך וואָס. אילקאַ מעג זײַן זיכער, אַז ער, מאַקס, וועט בלײַבן היייליק און טרײַ זײַן שוווּע. אויב מאַקס וועט זיך ווען־ניט־איז אַפּילע אַרײַנכאַפּן צו די זשאַנדאַרמען אין די לאַפּעס, וועט ער קיין וואָרט זיי ניט זאָגן. זאָלן זיי אים אַפּילע קאַטעווען, שנײַדן פון אים שטיקער פלייש, וועט ער קיינעם ניט פאַראַטן.

מאַקס האָט עטלעכע מינוט געשוויגן און צוגעגעבן:

— איך האָב צו אײַך אַ גרויסע באַקאָשע. אַלץ, וואָס איך האָב אײַך נאָרוואָס געזאָגט, מוז בלײַבן אַ סאָד. איר דאַרפט דאָס גלײַך פאַרגעסן. איר פאַרשטייט, וויִאַזוי דאָס איז געפערלעך?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— געוויס פאַרשטיי איך, מאַקס. איין זאַך אָבער פאַרשטיי איך ניט — פאַרוואָס דערציילט איר אַזעלכע זאַכן? איר קענט מיך דען אַזוי גוט? אַזוי טויג ניט!

— איך ווייס... — האָט ער אַ פאַרלוירענער געענטפערט. — איך וועל מער ניט... דאָס איז פּאָשעט... עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט... מיר דאַכט זיך, אַז אײַך מעג מען אַלץ פאַרטרויען...

— בעשום־אויפן ניט! — האָט זי זיך צעלאַכט. — איר זײַנט אַזאַ קאָ־מישער. מיט אײַך איז אַזוי פריילעך. איך האָב אַפּילע ניט באַמערקט, ווי מיר זײַנען געקומען צו מיר אַהיים.

עסטערקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליין שטיבל מיט אַן אויסגעע־קרימט גאַנעקל אויף הינערשע פּיסלעך און זיך אָנגערופן:

— נו, אָט בין איך שוין געקומען. אַ גרויסן דאַנק אײַך...

גענומען פון זײַנע הענט דעם טשעמאָדאַן, האָט זי מאַקסן אָפּגעמאָסטן

מיט איר מילדן, ווייכן בליק און ניט געײַלט זיך אופגעהויבן אף די פּאָר סקריפּענדיקע הילצערנע טרעפּלעך.

— איר גייט שוין טאקע אוועק? — האָט ער מיט א געפאלענער שטים געפרעגט.

— געוויס! ס׳איז דאָך שוין אזוי שפּעט... אגעוו, אויב איר וועט האָבן פרײַע צײַט, קומט ארײַן אין טעאטער. א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט... — האָט מאקס ארויסגעבראכט און געבליבן שטיין, ווי א צוגעשמידטער צום אָרט. אים האָט זיך אזוי ניט געוואָלט אוועקגיין. ס׳האָט זיך געדאכט, אז דאָס איז געווען א גוטער כאָלעם. צי דען איז ער געגאנגען באנאנד מיט עסטערקען אזא לאנגן וועג? און זי האָט אים פארבעטן, ער זאָל נאָך קומען אין טעאטער. זי איז געווען אזוי העפלעך, צארט.

עסטערקע איז נאָך א רעגע געשטאנען אפן גאנעקל און פארשוווּנדן געוואָרן. אינעם נידעריקן פענצטערל האָט זיך אָנגעצונדן די שײַן. מאקסן האָט א טיאָכקע געטאָן אין הארצן. דאָס האָט זי אָנגעצונדן א ליכט? מאקס איז צוגעגאנגען פאָרזיכטיק נעענטער, דערזען, ווי עסטערקע האָט אראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם מאנטל, זיך אָפּגעשטעלט באם שפּיגל, פאריכט מיט דער האנט די צעשויבערטע האָר. דערנאָך איז זי צוגעגאנגען צום טישל, גענומען א שטיקל ברויט, זיך צוגעזעצט א מידע אפן אײַזערנעם בעטל, וואָס איז געשטאנען בא דער וואנט, און גענומען עסן.

מאקס איז אָפּגעגאנגען עטוואָס אָן א זײַט, זי זאָל אים, כאָלילע, ניט באמערקן. עס האָט אים פארקלעמט דאָס הארץ — זיך אומגעקערט אהיים אזא וווּנדערלעכע אקטריסע, — האָט ער מיט פארביטערונג געטראכט, — זי האָט פארשאפט מענטשן אזויפיל פרייד און פארגעניגן, און עסט א טרוקן שטיקל ברויט, וועט זיך לייגן שלאָפן אף דעם אײַזערנעם בעטל. ארעסטאנטן, דאכט זיך, שלאָפן אף בעסערע געלעגערס... און אָט די נאכלע איז פאר אזא טײַער מיידל?

מאקס איז געווען דערשיטערט דערפון, וואָס ער האָט איצט געזען. נאָר מיט וואָס האָט ער איר געקאָנט העלפן? און זי איז, לאָזט זיך אויס, צופרידן מיט אזא לעבן! זי האָט אים געזאָגט, אז זי וואָלט ניט פארביטן דעם טעאטער, אזא לעבן אף די שענסטע פאלאצן!

איבער קאָלאָמייע איז געהאנגען אן אויסגעשטערנטער הימל. איבערן קאָפּ האָבן גערוישט די פאטלאטע קרוינען פון די אלטע ביימער. ערגעץ ווײַט האָבן זיך איבערגערופן הייזעריקע הינט. דאָס קרומע געסל איז געווען באלויכטן פון דער פולער לעוואָנע. סארא וווּנדערלעכע נאכט הײַנט! און עפּשער איז די נאכט אים אזוי געפעלן, ווײַל ער האָט געטראכט וועגן עסטערקען? זי האָט הײַנט אופגערודערט זײַן נעשאָמע און אָפּגענומען בא אים די רו.

יאָ, נאָר וואָס שטייט ער דאָ? דאָרטן, אין בעקערײַ, קער שוין אילקאָ אים גוט זידלען, מאקס דארף אים דאָך פארבײַטן בא די אויוונס!

א טראַכט געטאָן וועגן דער בעקערײַ, האָט מאַקס זיך געכאַפּט, אַז ער וואָלט עפּשער געדאַרפט ברענגען עסטערקען עטלעכע גוטע בולקעלעך און בייגל, זי זאָל ניט דאַרפן עסן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט. איז עפּשער צולויפן אַהין, אין בעקערײַ, און ברענגען דעם מיידל אַ מאַטאָנע? זי איז געווים שטאַרק הונגעריק און וועט זיך אַ הונגעריקע דאַרפן לייגן שלאָפן. נאָר ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק: זי קאָן זיך אָף אים דער־פאַר באַליידיקן און אים דורכטרײַבן איינינעם מיט זײַנע בייגל. מיט אַזאַ מיידל טאָר מען קיין קאַטאָוועס ניט טרײַבן!

מאַקס האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויס פונעם קרומען געסל, ווי ער האָט באַמערקט אָף דער באַליכטענער פון דער לעוואָנע סטעזשקע אַ מענטשן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אָף די פיס. ער איז געגאַנגען און זיך אונטער־געזונגען אַ פרייליכן ניגן, עמעצן געדופן.

דער בעקער־יונג האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו אַ פּלויטל און זיך אײַנגעקוקט אין יענעם פאַרשוין.

ווען יענער איז צוגעקומען נעענטער, איז מאַקס דערשטוינט געוואָרן: דאָס גייט דאָך עסטערקעס פאָטער, אָסקאַר שאַפּיראָ, דער באַרימטער אַק־טיאָר, וואָס האָט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר שאָ אַזוי באַצויבערט דעם אוילעם מיט זײַן שפּילן אָף דער בינע! צי דען איז אָט אָ־דער מענטש געווען דער מאַוור, וועלכער האָט מיט זײַן טאַלאַנט הײַנט געצוווּנגען אַזויפיל מענטשן אופגעבראַכט ווערן, ליב און פײַנט האָבן, איבערלעבן, וויינען, שרײַען „בראַוואָ!"? טאַקע דאָס איז ער, אָסקאַר שאַפּיראָ, וואָס גייט מיטן פּוסטן קרומען געסל, אָנהאַלטנדיק זיך האַרט באַ די ווענט, באַ די ביימער, סלופּעס, פּלויטלעך? דאָס האָט ער איצט אַזוי מיט זײַן געזאַנג און טומל אופגעוועקט פון שלאָף די הינט אין די הייפלעך, און זיי באַגלייטן אים מיט אַזאַ רעציכעץ!..

מאַקסן האָט זיך געגלוסט צוגיין צו אים, צו אָסקאַרן, און זאָגן, אַז דאָס פּאַסט ניט פאַר אַזאַ מענטשן, ווי ער, נאָר זיך פאַרכאַפּט. ער ווייסט שוין גוט, מאַקס, אַז מענטשן טרינקען ניט דערפאַר אָפּט, ווײַל ס'איז זיי גוט אָפן האַרצן, גרינג לעבן. פון גרויסע צאָרעס נעמט מען אַ קויסע. אייניקע ווילן אין זיך דערשטיקן דעם ווייטעק מיט ווײַן...

אָסקאַר שאַפּיראָ האָט אַלץ געבאָמקעט זײַן ניגן און פון מאָל צו מאָל אָפּגעטריבן מיטן פּוס די צעבייזערטע הינט, וועלכע זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון זייערע לעכער און געוואָלט דעם פאַרשפּעטיקטן הוליאַקע אָנכאַפּן פאַר די הויזן. מאַקס האָט זיך געלאָזט צו אים, געוואָלט אַרײַנפירן אין שטוב, נאָר אָפן גאַנעקל האָט זיך באַוויזן עסטערקע. אָף אירע אַקסלען איז געהאַנ־גען אַ גרויס קאָפּטיכל. ציטערנדיק פון דער באַנאַכטיקער פרישקײַט, האָט זי מיט פאָרוואורף געקוקט אָפן פאָטער, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום שטיבל.

זי איז צוגעלאָפן צו אים, אָנגעכאַפּט אונטער דער האַנט און מיט האַרץ אַ זאָג געטאָן:

— ווידער דאָס זעלבע, טאטע?! איך האָב געוווסט, אז דערמיט וועט זיך עס ענדיקן! ווי שעמסטו זיך ניט? אויב דו שעמסט זיך ניט פאר מיר, טאָ פאר גאָט שעם זיך! האָסט מיר דאָך צוגעזאָגט, אז דו וועסט מער ניט...
ער האָט זי ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און גענומען שטאמלען:
— עסטערל, טײַערינקע מײַנע! אי־י־איך האָב דע־ע־ען געטרונקען? בלויז א קא־א־אפעלע. איך בי־י־ין דען שיק־קער? א בי־י־לבל! איך ב־ין, ב־בי־י־ין ניכטער, ווי־י־י א מא־א־לעך!
עסטערקע האָט אים אָפגעשטויסן פון זיך:
— שטילער, טאטע, וועסט אופוועקן די שכיינים! מע וועט אונדז ארויס־טרײַבן פון דער נאכלע, און אונדז וועט אויסקומען נעכטיקן אף דער גאס!
— שפײַ זיך אויס א־אף די־י־י שכיינים. אונדז איז שוין גא־אָ־אָרניט שרעקלעך... ביי־יי־ייזע צינגער. אי־יך בין ניכטער, ווי א מא־אלעך!
— א כארפע און א בושע! — האָט זי געפרווט אים בארויִקן, נאָר ניט געקענט.
— א כארפ־פע? א מע־מענטש נעמט א גלע־עזעלע מאשקע, איז דאָס א כארפע? שלוימע־האמעלעך האָט גע־גע־געטרונקען... קייסאָרים און די־דיקטאטאָרס, איי־אייזלען און גו־גובערנאטאָרס — אלע ט־ט־טרינקען!..
— אייזלען און גובערנאטאָרס זײַנען געזונט, ווי די דעמבעס, און דו ביסט קראנק. פאטערסט אוועק דאָס לעצטע ביסל געזונט...
— ני־ני־נישקאָשע! גוט צו לע־עבן א־אף דער וועלט־וועלט!
מאקס איז געשטאנען צוגעשפארט צו א פלויט און מוירע געהאט, עס־טערקע זאָל אים ניט באמערקן. ער האָט ניט געוווסט, וואָס ער דארף טאָן — צוגיין העלפן איר ארײַנשלעפן דעם שיקערן פאָטער אין שטוב ארײַן, אָדער אומבאמערקט אוועקגיין?
אים האָט שוין באנק געטאָן, וואָס ער האָט זיך דאָ פארהאלטן. ווען ער גייט אוועק פון איר שטיבל פריִער מיט עטלעכע מינוט, וואָלט ער דאָס ניט געזען. און דאָך איז ער געווען דערהויבן, צופרידן מיטן הײַנטיקן אפדער־נאכט. ער האָט זיך באקענט מיט עסטערקע שאפירא, זי האָט מיט אים אזוי גוט גערעדט, געקוקט אף אים מיט אזעלכע צארטע אויגן, פארבעטן קומען אין טעאטער. ער האָט זי געוואָלט פארגלײַכן מיט מארטען, וועלכע איז אים אמאָל אויך געווען ליב. נאָר ווי קאָן ער פארגלײַכן יענע לײַכטזיניקע פלאפלערן מיט אָט דער יונגער, ווונדערלעכער עסטערקע! ווי א פאלש שטיינדל אין פארגלײַך מיט אן עכטן דימענט!
מאקס האָט שנעל געשפאנט איבער דער פוסטער שטאָט, און אים איז געווען גוט, מעכײַעדיק אפן הארצן, ווי אלע גליקלעכע אף דער ערד.
בלויז איין זאך האָט אים איצט געקימערט: וואָס וועט ער זאָגן אילקאָ זאגולן, אויב יענער וועט פרעגן, ווו איז ער אזוי שפעט געווען?
נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט איצט פאטערן די גוטע שטימונג. אילקאָ וועט אים אלץ מויכל זײַן. פאר מאקס׳ אויגן איז נאָך אלץ געשטאנען עס־טערקע, און אין זײַנע אויערן האָט געקלונגען איר געטלעכע שטים. ווי א לעבעדיקער איז פאר זײַנע אויגן אויך אופגעשווומען דער מאוור, און מאקס

האָט געפּרוּווט איבערכאַזערן אַף א קאָל זײַנע ווערטער, וועלכע האָבן אַזוי שיין געקלונגען פון דער בינע און זיך אײַנגעקריצט אין זיקאָרן:

...זאָל פלאַצן מײַן האַרץ, אויב מײַן גרויסע ליבע
איז ניט פאַר דיר! און זאָל דער גרעסטער אומגליק
מיט מיר טרעפן, אויב איך וועל דיך אופהערן ליבן...

מאַקס וואָלט אַזוי זאַרגלאָז געשפּאַנט, געשפּאַנט איבער די פּוסטע גאַסן און געלייענט ביז טאָג. דאַרפן זיך אָבער אופכאַפּן פון שלאָף די נאַכט־ווערכטער, וואָס האָבן אָקאָרשט נאָך אַזוי געשמאַק געכראָפּעט בא די קראָמען. מע האָט דעם בעקער גלײַך דערקענט און זיך געלאָזט צו אים:

— היי, מאַקס, וואָס שלעפּסטו זיך אַרום אַזוי שפּעט?!

— ער האָט שוין געכאַפּט הײַנט א גוטע קויסע. שיקער, ווי א רועך!

— צו פרי, ברודערקע, האָסטו זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן. לויף גיכער אין בעקערײַ! דו קאָנסט דאָך איבערלאָזן די גאַנצע שטאָט אָן בייגל!

מאַקס האָט אַף די אויסגעשרייען ניט געלייגט קיין אַכט. ער האָט געלאַכט און געגאַנגען שנעלער: נישקאָשע, פּעטערלעך, פאַר מיר זאָרגט זיך ניט. איך וועל מיר מײַן שטעטל באַשטיין. ווען איר ווייסט, מיט וועמען איך בין הײַנט געגאַנגען, ווו איך בין איצט געווען, וואָלט איר, דאַכט זיך, אַלע געפּלאַצט פון קינע!

דער פריילעכער פרימאָרגן

ניט אומזיסט אָבער טײַנעט די וועלט, אַז גליקלעכע קוקן ניט אַפן זייגער. און ווירקלעך, אונדזער פאַרליבטער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו ער האַלט אין דער וועלט. ער האָט ניט באַמערקט, ווי זי איז דורכגעפלויגן, די צײַט!

ער האָט נאָך לאַנג אַזוי געבלאָנקעט איבער די שטילע געסלעך פון קאָלאָמייע און שיר אינגאַנצן ניט פאַרגעסן, וווּהין ער מוז איצט גיין. דאָרטן, אין קעלער, וואַרטן שוין אַף אים אַזוי לאַנג די דייזשעס טייג, דער פלאַקערנ־דיקער אויוון.

ער האָט וועגן דעם ניט געוואָלט טראַכטן, נאָר די לאָפּעטע מיטן אויוון, דעריקער אילקאָ זאַגול, וועלכן מאַקס האָט שוין לאַנג געדאַרפט פאַרבײַטן, האָבן געטראַכט וועגן דעם...

אַלעמאָל אין דער צײַט שטייט ער שוין לאַנג באַם אויוון א צעפּאַליע־טער, אָפּגייענדיק מיט שוויס, און הײַנט האָט ער שיר־שיר ניט פאַרגעסן, אַז ער איז א בעקער בא פּאַני זשיכלינסקאַ אין בעקערײַ...

דאָרטן, אין קעלער, האָבן די כעוורע זיך שוין אָנגעהויבן שטאַרק באַומ־רויִקן, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס איז געשען מיטן באָכער. קיינמאָל פאַרהאַלט ער זיך ניט אין שטאָט אַזוי שפּעט. קוים ער ווייסט — מע דאַרף זיך שטעלן צו דער אַרבעט, — וועט ער ניט פאַרשפּעטיקן אַף קיין מינוט, ער מעג אַפי־לע זײַן אין אויסרײַסעניש, וועט ער קומען אין בעקערײַ פּינקטלעך. מע האָט

שוין געוואָלט לויפן אים זוכן, נאָר קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וווהין האָט דער רועך אים געקאָנט פאַרטראָגן אַזוי שפּעט.

מער פון אַלע איז געווען דערמיט פאַרזאָרגט אילקאָ זאגול. צוריק מיט עטלעכע טעג זײַנען זיי ביידע געגאַנגען אין די בערג אַף אַן אַרבעטער־מאַסאָווקע, און עס איז אויסגעקומען אַנטלויפן פון דאָרטן, ווײַל די פּאָליציי איז אָנגעפאַלן אַף זייער שפּור. צי האָט מען אים ניט דערקענט און ניט אוועקגעשלעפּט אין באַצירק?..

דאָס וואָלט געווען שרעקלעך. ער איז נאָך אַזאַ גרינער, אַזאַ נאַיִווער, מאַקס. אילקאָ האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי־אַזוי וואָלט דער באָכער זיך דאָרט געפירט, ווען ער כאַפּט זיך אַרײַן אין די לאַפּעס פון די פּאָליציִאַנטן. נאָר איינס האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שטאַרקער און ערלעכער יאַט — יענעם ווּעסטו אַזוי גרינג ניט אײַנברעכן. זײַן וואָרט, זײַן שווּע וועט ער קיינ־מאָל ניט ברעכן.

אַ שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן, ווען אילקאָ זאגול האָט דערהערט אַ באַקאַנטן ניגון, וואָס האָט זיך דערטראָגן אַהער פון דער פּוסטער גאַס. ער האָט דערקענט מאַקס׳ שטים און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. ניט געפרעגט, וואָס און ווען, האָט מען זיך אַראָפּגעקײַקלט אין קעלער אַרײַן, און דאָ איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט, באַטראַכט פון אַלע זײַטן, ווי מע זאָל אים זען צום ערשטן מאָל. מע האָט אים גענומען פאַרשיטן מיט פראַגן, נאָר ער איז געווען טויב און שטום, נאָר אונטערגעג־שמייכלט, מאַמעש געקוועלט!

אַרופגעזעצט אַפן שפּיץ קאָפּ דעם קאָלפּאַק, זיך אונטערגעבונדן מיטן פאַרטעך, האָט ער זיך גלײַך געלאָזט צום אויוון, מע זאָל זיך גיכער אָפּ־טשעפּען פון אים און ניט קוקן מיט אַזעלכע שטיפערישע אויגן.

אילקאָ איז געווען טויט־מיד און קוים זיך שוין געהאַלטן אַף די פיס. בלויז אים וואָלט איצט מאַקס דערציילט, ווו ער איז געווען און פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן אין שטאָט. נאָר גיי דערצייל, אַז פון אַלע זײַטן וואַרפט מען אַף דיר אַזויפיל שמייכלענדיקע, נײַגעריקע און שטיפע־רישע אויגן! פּרווו נאָר אויסרעדן איצט אַ וואָרט ניט אַזוי, וועט מען דיך שוין ניט לאָזן צורו ביז טאָג!

האָט ער געשוויגן, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט גאָרניט און הערט ניט, וואָס מע שרײַט צו אים.

אילקאָ זאגול האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט און מיט זײַן דורכדרינגעווו־דיקן בליק אַ מינוט באַטראַכט דעם באָכער, זײַן געהילף. ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז ניט איצט איז די צײַט אים מאַכן אַן אויסרייד, אויספרעגן, וואָס און ווען. אויסגעווישט מיטן טיכל די גלעזלעך פון די ברילן, האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרטעך. אַ צופרידענער דערפון, וואָס ער זעט שוין פאַר זיך מאַקסן, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין צווייטן עק קעלער, צו זײַן ווינקל, ווו עס האָט אים אַף אים געוואַרט זײַן שטרויענער מאַטראַץ, זיך אויס־געצויגן אין דער גאַנצער לענג, דערפילט דעם וווּנדערלעכן טאַם פון אָפּרו נאָך דער שווערער אַרבעט, און גיך אַנשלאָפן געוואָרן.

די ארבעט בא מאקסן האָט מאמעש געברענט אונטער די הענט, א פּאר־פּאַליעטער איז ער געשטאנען באם איווון און זיך אונטערגעזונגען א פריי־לעך ניגנדל. ער האָט אלייך ניט באמערקט, ווי מיט יעדער מינוט האָט ער אָנגעהויבן זינגען שטארקער, אף א קאָל, גלײַך, ווי כוץ אים, וואָלט דאָ, אין בעקערײַ, קיינער ניט געווען.

די בעקער האָבן זיך איבערגעוווּנקען: וואָס איז עס הײַנט אף אים אָנ־געפאַלן אזא גדולע?

— אָהאָ, ווי דאָס פייגעלע אונדזערס האָט זיך צעזונגען אפן ניכטערן הארצן, עס זאָל כאָטש ניט ארײַנפאלן אין שטײַגעלע...— האָט זיך הילכיק צעלאכט פריסקע, א פולבלעכע מויד מיט א ברייטלעך פּאָנעם, וואָס האָט דאָ קיינמאָל ניט געשוויגן, דאָס מויל האָט זיך זעלטן פארמאכט. זי האָט ניט ארויפגענומען אירע גרויסע ליכטיקע אויגן פונעם כיינעוודיקן באָכער, צו וועלכן זי איז ניט געווען גלײַכגילטיק.

— פארמאך שוין אמאָל דאָס מויל, פריסקע! — האָט זיך א בייזער גע־טאָן סטעפּאַן גוציוק, א באיאָרטער, טרוקענער מענטש, וואָס איז שטענדיק מיט עפּעס פארדײַגעט. — טשעפּע זיך אָפּ פון אים. וואָס ארט עס דיך, אז ער זינגט? זאָל ער זינגען! ער האָט א שיינע שטים, און פון איר ווערט גרינגער אפן הארצן. עס ארט דיך עפּשער, וואָס ער האָט הײַנט א ביסל אונטערגעהוליעט? דאָס מאכט ניט אויס. ער איז נאָך יונג. זאָל ער זיך אויס־לערנען שפּאצירן מיט מיידלעך, דעמלט וועלן מיר אים פאר דיר עפּשער פארקנאסן...

— גיי דיר צום טײַוול, סטעפּאַן! — איז דאָס מיידל געוואָרן אויסער־זיך. — ווארטן, ביז דו וועסט מיך פארקנאסן, וועל איך בלײַבן זיצן אן אלטע מויד... בעסער וואָלסטו זיך פריִער פארקנאסט, אלטער סיטש. ביסט געוויס א קארגער און האָסט מוירע, טאָמער וועט דיר אויסקומען געבן א ווײַב מיט קינדער דאָס שטיקל ברויט.

סטעפּאַן האָט אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער און שטיל געבליבן. ער ווייסט, אז פארטשעפּען מיט א וואָרט פריסקען איז גאנץ געפערלעך. זי קען אים אזוי אָפּבאָדן, ער זאָל פארגעסן, ווי ער הייסט.

מאקס האָט זיך א ביסל פארקרימט, דערהערנדיק סטעפּאַנס ווערטער. ער האָט אויך ניט איבעריקס ליב, מע זאָל טרײַבן קאטאָוועס איבער אים מיט דער פולברוסטיקער מויד, נאָר גראָדע הײַנט האָט דאָס אים ניט געאַרט. ער האָט זיך איצט אף קיינעם ניט געקאָנט בייזערן. ארײַנגערוקט אין איווון אלע בעקנס, וואָס דאָס מיידל האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער אויסגעע־ווישט מיטן פארטעך דאָס פארשוויצטע פּאָנעם, א גלאנץ געטאָן מיט די אויגן, ווי עס האָט געטאָן אף דער בינע דער נעגער, צונויפגעקלייגט אף דער ברוסט די הענט און געגומען באווײַזן, פונקט ווי אין טעאטער, וויאזוי דער מאוור האָט געשריגן אף דעזדעמאָנען. גלײַך איז מאקס ארופגעשפּרונ־גען אף א גרויסער טאבורעטקע און אָנגעהויבן דעקלאמירן אלץ, וואָס ער האָט פארגעדענקט.

אַלע האָבן געוואָרפן די אַרבעט, צוגעגאַנגען נעענטער, אַרומגערינגלט דעם באָכער, אײַנגעהערנדיק זיך, ווי ער לייענט. די ערשטע מינוט האָט מען אונטערגעשמייכלט, נאָר ווען ער האָט באַוויזן, וויאַזוי דער מאַוור האָט דערשטיקט זײַן ליבע פּרוי, און אַלץ געגומען איבערגעבן מיט אַלע איינצלהײַטן, איז דער אוילעם געוואָרן אַלץ ערנסטער, אָנגעשטרענג־טער.

אויך פריִער, ווי נאָר עס האָט זיך געמאַכט אַ פרײַע מינוט, האָט דאָ מאַקס באַוויזן פאַרשיידענע שטיק, עמעצן איבערגעקרימט, דערציילט פריי־לעכע געשיכטעס, פון וועלכע אַלע האָבן זיך געהאַלטן באַ די זײַטן פון געלעכטער. מע איז שוין דערצו געווען צוגעוווינט, נאָר אַזוי, ווי ער האָט עס הײַנט געמאַכט, געדענקען ניט די בעקער. עפּעס הײַנט האָט זיך עס באַ אים באַקומען באַזונדערס גוט און רירנדיק. די געשיכטע פונעם מאַוור און זײַן פרוי האָט דאָ אַלעמען פאַרכאַפּט און קיינעם ניט געלאָזט בלײַבן גלײַכ־גילטיק. מע האָט געהערט מיט פאַרטײַעטן אָטעם, און ווען פריסקע האָט געפּרוווט אַרײַנשטעלן אַ וואָרט, האָט מען זי שיר ניט דערהאַרגעט.

דערזען, וויאַזוי מע הערט אים, האָט מאַקס נאָך מיט מער פלײַס גענו־מען דערציילן און באַווײַזן אַלץ, וואָס ער האָט הײַנט געזען אין טעאַטער. פּונקט ווי דער נעגער, האָט ער געבושעוועט, געפּאַטשט מיט די קולעקעס, זיך געמאָרדעוועט, געיאָמערט און געקלאָגט. דער באָכער האָט זיך אַזוי אַרײַנ־געלאָזט אין דער שפּיל, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין לאַנג צײַט אַרויסכאַפּן די בעקנס פונעם אויוון.

נאָר ניט בלויז ער איינער האָט אין דעם פאַרגעסן — אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום אים. קיינער האָט שוין ניט געוווּסט, אַף וואָס פאַר אַ וועלט מע געפינט זיך.

פריסקע האָט ניט באַמערקט, ווי אין דער גרויסער קאָרעטע איז אופּ־געגאַנגען דאָס טייג, אַריבערגעפליצט איבער די ברעגן און אַ שווים געטאָן איבערן גאַנצן דיל. אין די אויוונס האָט שוין גאַנץ פײַן געברענט דאָס גע־בעקס. דאָס פײַער האָט דערגרייכט צו די ראָגאָזשעס און זעק, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ניט ווײַט פון די אויוונס, און אָנגעהויבן ברענען. נאָר קיי־נער האָט דאָס ניט באַמערקט. מע איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון מאַקסן, אַז ווען אין דער מינוט וואָלטן אָנגעהויבן ערגעץ נאָענט שיסן האַרמאַטן, וואָלט מען דאָס אויך ניט געהערט. נאָך עפּעס אַ גליק, וואָס דער טשאַד האָט זיך געלאָזט שטאַרקער און שטאַרקער פילן. עמעצער האָט זיך געכאַפּט, באַ־מערקט, ווי עס ברענט, און אופגעהויבן אַ געשריי. מע האָט זיך געלאָזט צו די אויוונס, צום טייג, נאָר ס׳איז שוין געווען שפּעט.

פריסקע האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם קאָפּ, ווען זי האָט דערזען, ווי עס ברענט דאָ און דאָרט. איר האָט זיך שוין אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע בעקערײַ איז אין פלאַמען. ניט טויט, ניט לעבעדיק איז זי אַרויסגעלאָפן פו־נעם קעלער און ניט מיט איר קאָל אָנגעהויבן גוואַלדעווען:

— מענטשן, גיכער לויפט לעשן! די פּאַני זשיכלינסקאַ ברענט! ראַטע־וועט!

דערהערט אינמיטן דער נאַכט אזעלכע קולעס, זײַנען די שכנים פון די ארומיקע הײַזער ארויסגעלאָפן אויף דער גאַס אינעם אונטערשטן וועש. דערזען, ווי אַ געדיכטער רויך זעצט פון די קעלער־פענצטערלעך, האָט מען נאָך שטאַרקער גענומען שרײַען:

— גיכער לויפן נאָך די פײַערלעשער!

— די גאַנצע גאַס וועט אוועק מיטן פײַער!

— ראַטעוועט, מענטשן, קאַלאַמייע ברענט! וואַ־אַ־אַסער! אַ סריי־ייפע!

— אַ וויסטע און פינצטערע קרענק אויף דער פאַני זשיכלינסקאַ! ווידער ברענט זי? וואָס זשע, זי וויל באַקומען סטראַכאָווקע פאַר איר קיוועך?

— וואָס פּלאַפּלט איר, שכנים, לויפט רופן די פײַערלעשער!

עס איז זיך צונויפגעלאָפן אַ גרויסער עולם. אַהער איז געקומען פון די ארומיקע געסלעך קינד־און־קייט. מע איז געשטאַנען און געשאָקלט מיט די קעפּ, ניט געקאָנט פינקטלעך פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס איז געשען, ווו ברענט? ווער?

דער גערודער האָט זיך מיט יעדער מינוט געשטאַרקט, די פּאַניק איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און ס'איז שוין שווער געווען וויסן, ווער און וואָס עס ברענט.

עמעצער האָט געבראַכט וואַסער, נאָר אין דער מעהומע זיך פאַרלוירן, ניט געוווּסט, וואָס טאָן, האָט ער געכאַפּט די עמער און אויסגעגאָסן פאַר דער שוועל פונעם קעלער, עמעצן אָפּגעשפּריצט, עמעצער איז געפאַלן, אויסגליטשנדיק זיך, און דער טומל איז געוואָרן נאָך גרעסער.

פּריסקע איז שוין ווידער אראָפּגעשפּרונגען אין קעלער, נאָר דאָ, אויף דער גאַס, האָבן מענטשן געקוויטשעט, געטומלט.

מענטשן האָבן געקוקט אין יענער ריכטונג, פונוואַנען עס האָט געדאַרפט קומען די באַרימטע פײַערלעשער־קאָמאַנדע פון קאַלאַמייע, נאָר עפּעס האָבן די רומפּולע קעמפער מיט די סריפּעס ניט געאײַלט אַהער.

— נו, מע זעט נאָך ניט פאָרן די געראָטענע פּאָזשאַרניקעס?

— וואָס זשע, זיי האָבן ניט קיין צײַט? מע קער דאָרטן כראָפּען, ווי די ניט־דערשניטענע...

— זיי קומען שטענדיק נאָך דעם, ווי אַלץ איז שוין פאַרברענט געוואָרן...

— אויף יענע לײַדאַקעס קאָן מען זיך שיין פאַרלאָזן...

— וואָס בעבעט איר, לויפט ברענגט וואַסער! זעט, סאַראַ רויך עס זעצט פון דער בעקערײַ, ארויסזעצן זאָל מען דער פאַני זשיכלינסקאַ די געדערים!

— וואָס זשע, מירן טראָגן וואַסער, און די פײַערלעשער, אַ בראַנד אין זיי, וועלן באַקומען אומזיסט געלט?

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז די געשרייען, דער טומל, די קריגע־רײַען און קלאָלעס האָבן אינגאַנצן ניט געהאָלפן. פאַרקערט! זיי זײַנען דאָך דערגאַנגען צו די אויערן פון די קאַלאַמייער פײַערלעשער, וועלכע האָבן זיך מאַטריעך געווען און געקומען אַהער מיטן גאַנצן קנאַק, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס מיט זייערע פּעסער, לייטערס, קיילים.

פארשוואָלענע פונעם שלאָף, מיט פארקיסנעטע אויגן, בייזע, ווי די לייבן, זייַנען זיי אראָפגעקראָכן פון די פעסער, זיך ארומגעקוקט, אויסגעהערט א שיין ביסל וויצן, קלאָלעס, געכאפט די לאָמען און זיך גענומען צו זייער שווע־רער און געפערלעכער אווידע, דאָס הייסט אָנגעהויבן די גרויסע און מע־סירעסנעפעשדיקע שלאכט מיט דער סרייפע.

דערזען דעם רויך, וואָס האָט נאָך אלץ געזעצט פון די פענצטערלעך, פון דער טיר, האָט מען גלייַך אויסגעזעצט מיט די אייַזנס און העק די פענצטער און טיר פון דעם קעלער, ווי אויך פון די פּאָר שכיינישע שטיבלעך — וואָס האָט מען געהאט צו זיי, האָט קיינער ניט געקאָנט פארשטיין. א לאַנ־גער פאָזשארניק האָט געכאפּט א קישקע, ארייַנגעשטעקט איין עק אין א פאס וואסער און גענומען שפּריצן, ווו עס האָט זיך געלאָזט. צוויי כעוורע האָבן זיך ארופגעדראפּעט אפן דאך און פון אים גענומען רייַסן שטיקער פלייש. עס איז געוואָרן פריילעך!

מע האָט צעוואלגערט דעם קוימען, צעבראָכן די רינוועס, געשלייַדערט פון דאך שטיקער בלעך.

נאָר א מאָדנע זאך — אָפּגעטאָן אזא שטיקל ארבעט, און ניט געזען קיין פייַער! האָבן זיך עטלעכע פייַערלעשער אראָפּגעלאָזט אין קעלער און דערזען די טליִענדיקע זעק מיט די ראָגאָזשעס און געבליבן געפּלעפט. וואָס איז דאָס? ווו איז די סרייפע? וואָס האָט מען אופגעהויבן אזא שטארקן טומל? וואָס האָט מען מאטריִעך געווען א גאנצע בראנזשע פייַערלעשער?

מע איז געשטאנען און ניט געוווסט, וווהין אהינטאָן די אויגן פון בושע. נאָר וויבאלד מע איז שוין אהער געקומען, דארף מען לעשן! און עמעצער פון די פייַערלעשער האָט אראָפּגעשלעפט אהער, אין קעלער, די קישקע און גענומען פלייַסיק שפריצן אף די טשאדענדיקע זעק און בולקעלעך.

מאקס קרייסלער איז געשטאנען אין דער זייַט א פארלוירענער, א בלאַ־סער. ער האָט נעבעך פארשטאנען, אז ער איז דער גאנצער שולדיקער אין דעם טומל. ער האָט זיך שוין פּאָרגעשטעלט, וואָס וועט ער ארייַנכאפּן פון דער פּאני זשיכלינסקא, ווען זי וועט דערזען דעם פּאָגראָם. ער האָט זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט. דער רועך האָט אים געשטויסן אָנהייבן איינ־מיטן דער נאכט שפּילן טעאטער און ארייַנפאלן אין אזא אומגליק!

נאָר וואָס האָט ער נאָך געקאָנט טאָן, כוץ שטיין און ווארטן אף דעם אורטייל, וואָס מע וועט אים ארויסטראָגן?

אילקאָ זאגול, פּריסקע, סטעפּאן גוציוק און אלע האָבן געהאוועט, גע־וואָלט ווי־ניט־איז אופראמען, אייַנשטעלן א שטיקל אָרדענונג אין דער בעקערייַ, נאָר דער טומל איז געווען אזוי גרויס, אז מע האָט ניט געוווסט, ווו מע טוט זיך אהין. נאָר מאקס איז געשטאנען א פארטשאדעטער בא דער זייַט און ניט געקאָנט באגרייַפן, וואָס דולט אים א ספּאָדעק דער דיקער, שטארק צעטומלטער און באוועגעוודיקער בראנדמייסטער, וואָס איז יאָמ־טעוודיק פארפוצט אין זייַן מונדיר מיטן הויכן מעשענעם העלם, וואָס גלאנצט, ווי די זון.

אין דעם גערודער איז דער אַלטער מיט דער גראָבער פּאַפּקע אונטער דער האַנט, מיט די לאַנגע פאַרדרייטע העלע וואָנצעס און לויפנדיקע בייזע אויגן, געווען גאַנץ קאָמיש, און מאַקסן האָט זיך געוואָלט לאַכן, ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן.

— היי, דו, פּסיא־קרעוו! — האָט דער אַלטיטשקער געשריגן אַף מאַקסן. — וואָס שווייגסטו, אַז איך רעד צו דיר? דערצייל, וויאַזוי איז דאָס אַלץ געשען? ווער האָט אונטערגעצונדן די בעקעריי? איך מוז אַלץ פאַר־שרייבן אין בוך!..

דעם בראַנדמייסטערס וואָנצעס זיינען אַלעמאָל אונטערגעשפּרונגען פון רעציכע, זיך מאָדנע באַוועגט, ווי בא א גוטן קאָטער, ווען ער גרייט זיך אַף עמעצן ווארפן.

און פאַרוואָס טאַקע זאָל דער בראַנדמייסטער זיך ניט בייזערן? הערט א מייסע, אופוועקן אינמיטן דער נאַכט א גאַנצע גאַס, אופהייבן אַזא טומל, ברענגען די גאַנצע פייערלעשער־קאָמאַנדע אהער — און עס לאָזט זיך אויס, אַז דאָ ברענען גאָר בעסאַכאַקל עטלעכע ראָגאָזשעס, בולקעלעך און בייגל, זעק, וואָס זיינען ניט ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן! אומזיסט און אומנישט איז אים אויסגעקומען אָפּגעבן זיינע כעוורע א באַפעל ברעכן טירן, דעכער, קוימענס!

דעם אַלטן איז געווען א מוירעדיקער פאַרדראָס. עפּעס גייט עס אים ניט די לעצטע צייט, כאָטש לייג זיך אַוועק און שטאַרב. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פירט זיין כאַיל קעמפן מיט אַן עמעסער סרייפע, ווו ער וועט קענען באַווייזן אַרבעט, די שטאָט זאָל זען, אַז די פייערלעשער זיינע עסן ניט אומ־זיסט דאָס שטיקל ברויט, און דאָ האָט זיך פון דער גאַנצער סרייפע אויס־געלאָזט א בוידעם! שוין אַזא צייט קוקט ער אַרויס אַף א גוטער סרייפע, קעדיי באַווייזן די שטאָט־באַלעבאַטים, אַף וואָס איז ער מיט זיין קאָמאַנדע פייִיק, נאָר, ווי אַף צולאָכעס, ברענט ניט קאַלאָמייע! זיינע בראַווע כעוורע זיינען שוין געשוואָלן געוואָרן פון פאַפּן גאַנצע טעג און נעכט, מע קוקט אַראָפּ פון דער קאַלאַנטשאַ, מע שפּירט נאָך די רויכן, וואָס וויקלען זיך איבער די קוימענס, נאָר קיין פייער זעט מען ניט, און צו אים, צום בראַנד־מייסטער, האָט מען טיינעס, לעמיי האַלט ער בא זיך אַזויפיל לײדאַקעס, וואָס טוען גאָרניט און נעמען געלט...

דאָס האָט אַריינגעבראַכט דעם אַלטיטשקן אין גרימצאָרן מער פאַר אַלץ, און דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ, דעם גאַנצן קאַס האָט ער אויסגעלאָזט אַף מאַקסן. דראָענדיק דעם באָכער מיטן פויסט, האָט דער אַלטער געטײנעט, אַז ער וועט אים פאַרשפּאַרן אונטער די גראַטעס. ער וועט און וועט! נאָר מאַקס האָט געשוויגן, ניט געהערט. ער איז אין דער מינוט געווען פאַרנו־מען מיט גאָר אַנדערע זאַכן. עסטערקע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן.

גאַנץ מעגלעך, ווען מאַקס ענטפערט אים עפּעס, וואָלט דער צערייצטער שעף פון די פייערלעשער געוואָרן שטילער, זיך באַרויִקט א ביסל, אופגע־הערט אַזוי צו גראַגערן. נאָר מאַקסן איז די גאַנצע געשיכטע ניט אָנגעגאַנ־גען. ער האָט ניט געלייגט קיין אַכט אַף יענעמס דראָונגען און געשרייען.

ווי נאָר דער באָכער האָט אַף דעם אַלטן אופגעהויבן די אויגן און דערזען, ווי זײַנע וואָנצעס טאַנצן אַ קאַדריל, אַזוי האָט אים אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער און ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן.

דאָס האָט יענעם נאָך שטאַרקער אַרויסגעפירט פון די קיילים, און ער האָט מיטן אַרבל אָפּגעשאַרט דאָס טייג פון טיש, אַרויסגעכאַפּט פון דער פּאַפּקע אַ פּאַפּיר, אַ בלײַער און גענומען שרײַבן דעם פּראָטאָקאָל. דער בראַנדמייסטער האָט פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אַף דעם באָכער אַ פאַרניכטנדיקן בליק, דערבײַ געוואָרנט, אַז דאָס שרײַבט ער אַף אים, דעם הויפּט־שולדיקן פון דעם גאַנצן טומל, און זאָל ער ניט לאַכן, ניט שמייכלען, זאָל ער זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם — ער וועט אָפּלייזן אַ גוטן פּסאַק! אים, מאַקס קרייסלערן, וועט עס ניט גלאַט אָפּגיין! עס איז דאָ אַ געזעץ, עס איז דאָ אַ געריכט. אַלץ איז דאָ!

און דאָרטן, אַרום דער בעקערײַ, האָט זיך נאָך געטאָן כוישעך! דער עולעם האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן, געטומלט, געשריגן, זיך אַרופגעוואָרפן אַף די פײַערלעשער, לעמײַ האָבן זיי, די רוכעס, קאַליע געמאַכט דעם דאַך און אויסגעזעצט די טאַפּליעס, צעשעדיקט די קוימענס? ווער וועט צאָלן? ווער וועט דעקן דעם העזעק? אַלע האָבן געוואַרט, עס זאָל אַרויסקריכן פונעם קעלער דער עלטסטער, דער בראַנדמייסטער מיט דעם מעשענעם העלם אַפן קאָפּ, וועט מען אים ערשט אײַנטיילן זײַן כיילעק. פאַרוואָס האָט ער דערלאָזט, מע זאָל דאָ מאַכן אַזאַ איבערקערעניש, ער איז מעשוגע, צי כאָסערדייע?

דער אַלטער האָט ניט באַוויזן דערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל, ריכטיקער גערעדט, די לעצטע שורעס, ווי ס'האָט זיך פון אויבן דערטראָגן אַ קווי־טשערײַ מיט אַ יעלאָלע. דאָס איז געקומען צו לויפן אָן אַ נעשאָמע די פּאַני זשיכלינסקאַ. שפּעטער פון אַלעמען האָט זיך די באַלעבאָסטע דערוווּסט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן.

ווען, אַשטייגער, מע קומט ניט צו איר און מע זאָגט ניט, אַז איר בעקערײַ ברענט, וואָלט זי אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב אַזאַ צעפּאַטלטע, ווי אַ מאַ־כעשייפע?

און אויב שוין דערציילן אַלץ וועגן איר הוילעך, איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז פּאַני זשיכלינסקאַ איז אַהער געקומען צו לויפן אַפילע אָן אַ קלייד, בלויז באַוויזן כאַפּן אַף זיך דעם מאַנטל און ווי־ניט־איז צודעקן דעם ביזאָיען.

דערזען די באַלעבאָסטע אַזאַ צעפּאַטלטע, אין אַזאַ הוילעך, האָט מאַקס זיך קוים אײַנגעהאַלטן, ער זאָל ניט אויסשיסן קיין געלעכטער. נאָר ער האָט זיך אין דער לעצטער רעגע פאַרכאַפּט און זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל, קעדיי זיך ניט וואַרפן אין די אויגן.

ווען די פּאַני זשיכלינסקאַ איז נאָר אַהער אַראָפּגעקומען, ריכטיקער געזאָגט, זיך אַראָפּגעגליטשט אַראָפּ פון די נאַסע טרעפּ און דערזען דאָס פאַרברענטע געבעקס מיט די פאַרסאַרפּעטע ראָגאָזשעס און זעק, דאָס צעפּלאָ־סענע איבערן גאַנצן דיל טייג, האָט זי פאַרגלאָצט די אויגן, זיך אָנגעכאַפּט באַם האַרצן און אַרויסגעלאָזט אַזאַ גוואַלד, אַז אַלע האָבן געמיינט — אָט־אָט

גיט זי אָפּ גאָט די זינדיקע נעשאָמע. נאָך א גליק, וואָס פּריסקע האָט דאָס באַצײַטנס באמערקט, אונטערגעכאַפּט די פאַלנדיקע פּריצע אונטער די פּאכ־וועס און פאַרזיכטיק זי באַזעצט, ווי מע באַזעצט א קאַלע־מויד, אַף דער נאסער טאַבורעטקע, אַף וועלכער עס איז צוריק מיט א שאָ געשטאַנען מאַקס קרייסלער די הענט פאַרלייגט אַף דער ברוסט און געזאָגט אַף אויסווייניק די באַרימטע ווידע־מאָנאָלאָגן פונעם ווענעציאַנער מאוור.

דערזען, ווי די פּאני זשיכלינסקא איז געפאַלן כאַלאָשעס, האָט זיך דער בראַנדמייסטער ניט אַף קאַטאָוועסן איבערגעשראָקן. ער האָט זיך גלײַך געפּרוווט ארויסרוקן פון דער בעקערײַ, קעדיי ניט זײַן דער לעבעדיקער איידעס פון פּאני זשיכלינסקאַס טויט. געדענקענדיק אָבער, אַז ער איז דאָ דער איינציקער איידעלער פּארשוין, דער דזשענטלמען, און זײַן כויוו איז העלפן מיט אַלע קויכעס אַן אומגליקלעכער פרוי, האָט ער געכאַפּט אַן עמער וואַסער, אין וועלכן פּריסקע האָט געוואַשן די הענט באַם פאַרקנעטן די דייזשע טייג, א פּליוכע געטאָן אַף דער געכאַלעשטער פּאני און דערמיט זי גלײַך אָפּגעמינטערט.

פּאני זשיכלינסקא איז גלײַך אופגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטע, אָנגע־כאַפּט דעם בראַנדמייסטער פאַר די וואָנצעס און זיי שיר ניט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. זי האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן מיט די קולעקעס, דראַפּען מיט די נעגל דאָס פּאָנעם, דערצו נאָך אראָפּגעריסן פון זײַן קאָפּ דעם מע־שענעם קיווער, דעם העלם, הייסט עס, אים א זעץ געטאָן מיט אַלע קויכעס אַפן שטיינערנעם דיל, געקומען טרעטן מיט די פיס.

דער אַלטער איז געבליבן שטיין, כאָטש מעלק אים אויס. עס איז מאַמעש א ראַכמאָנעס געווען אַף אים צו קוקן. מיילע, האָט ער זיך געטראַכט, כאַפּט דער רועך די וואָנצעס, נאָר וואָס טוט מען מיטן קיווער, דאָס הייסט אָן דעם קיווער? זעט נאָר, מענטשן, וואָס זי האָט מיט דעם געמאַכט, די גאַזלענטע! דאָס איז דאָך ניט זײַן אייגענער העלם, נאָר מעלוכיש פאַרמעגן! מע קאָן אים דערפאַר דעם קאָפּ אראָפּנעמען! זי האָט אים דאָך אומגליקלעך געמאַכט, די מאַכעשייפע! וואָס פאַר א פּאָנעם האָט א בראַנדמייסטער אָן א העלם? ווי א קאַץ אָן א וויידל!

נאָר זי, פּאני זשיכלינסקא, האָט אין דער רעגע ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם. זי האָט ניט געוווסט, וואָס מיט איר טוט זיך. פאַרוואָס איז זי אַזוי אומראַכמאָנעסדיק אָנגעפאַלן אַף דעם מענטשן מיט דעם מעשענעם העלם, וואָלט זי ניט געקאָנט ענטפערן. איר איז, אייגנטלעך, געווען אַלצײנס, אַף וועמען אויסגיסן איר ביטער הארץ. זי האָט זיך געריסן פון פּריסקעס הענט, זיך ווידער געוואָלט ווארפן אַף אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט.

אין קעלער האָט זיך אופגעהויבן נאָך א שטאַרקערער געפּילדער. איצט האָט געשריגן ניט בלויז דער אומגליקלעכער בראַנדמייסטער, נאָר אויך זײַנע העלדישע פײַערלעשער און אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט און צוגע־זען די שרעקלעכע עקזעקוציע איבער דעם מעשענעם העלם און איבער דעם בראַנדמייסטערס וואָנצן.

— וואָס שטייט איר? — האָט ער ניט מיט זײַן קאָל געשריגן, דער אַלטער. — איר זעט דען ניט, אַז פּאַני זשיכלינסקאַ האָט זיך גערירט פון די געדאַנקען? זי איז מעשוגע געוואָרן! און לויפט רופן אַ דאָקטער, די פּאָליציי... זי איז אָף מיר אָנגעפאַלן, בעשאַס כ׳האָב אויסגעפילט מײַנע מעלוכישע פליכטן! מע דאַרף שרײַבן אַ פּראָטאָקאָל, און איר אַלע זײַנט איידעס!

— דערלאַנגט אַ שטריק, מע דאַרף זי בינדן, זי וואַרפט זיך אָף מענטשן!

— לויפט רופן אַ דאָקטער!

— ווו איז ערגעץ די פּאָליציי?

וואָס איז שײַעך דער פּאָליציי, האָט קיינער ניט געטראַכט זי ברענגען, נאָר אויב עס גייט אין געזונט פון אַן אומגליקלעכער פריצע, — דאָס, זעט איר, איז שוין עפּעס אַנדערש. מע וועט ניט דערלאָזן אין קאָלאָמייע, אַז די פּאַני זשיכלינסקאַ זאָל אָוועקגיין אין קיִווער דערפאַר, וואָס עס איז ניט געקומען צו דער צײַט אַ דאָקטער און זי ניט אָפּגעראַטעוועט.

האָבן זיך עטלעכע מענטשן געלאָזט לויפן נאָך אַ דאָקטער.

און דאָ, אין קעלער, האָט זיך ניט אײַנגעשטילט דער טומל מיטן ראַש.

די באַלעבאָסטע האָט געבראָכן די הענט, געקערט וועלטן.

אילקאָ זאַגול איז פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגערירט באַם עלנבויגן און מיט אַ שולדיקער מינע אָפּן פּאָנעם זי גענומען באַרויִקן:

— פּאַני זשיכלינסקאַ, אָ, פּאַני זשיכלינסקאַ, פאָלגט מיך, נעמט זיך אין די הענט, פאַרגעסט ניט, אַז איר האָט אַ קראַנק האַרץ. וואָס קאָן מען מאַכן, אַז עס האָט געטראָפן אַן אומגליק? קיינער איז דאָ ניט שולדיק... עס טרעפט... נעמט זיך אין די הענט און באַרויִקט זיך...

זי האָט אָף אים אַ קוק געטאָן, און דאָס פּאָנעם אירס האָט זיך אינגאַנצן איבערגעקרימט. זי האָט זיך פּאַוואָליע אופגעהויבן פון דער טאַבורעטקע און זיך צעשריגן:

— פאַרנעם זיך פונדאַנען, אַרעסטאַנט נימעסער! איך האָב געמיינט, אַז בא מיר אַרבעטן מענטשן... איך האָב דיך גענומען אַהער אַרבעטן, געמיינט, אַז דו וועסט ווערן אַ מענטש, נאָר אַלע זײַנט איר ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אײַך! און דו — דער ערשטער! איך וועל אַלעמען, ביז איינעם, איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. איר ווילט מיך פאַרטרײַבן פון דער וועלט, איז פאַרגעדענקט — פריִער וועל איך אײַך אומברענגען. איר וועט בא מיר אַלע פאַרפוילט ווערן אין די טורמעס...

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך ווידער געכאַפּט באַם האַרץ און זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער טאַבורעטקע. געקומען אין אַ פּאָר מינוט צו־זיך, האָט זי אַ זוך געטאָן מיט די אויגן דעם פּאַן סטאַסיק:

— און ווו איז אַהינגעקומען פּשעפּיצקי? ווּהין קוקט ער? ער האָט אײַך צעבאַלעוועט, אַרעסטאַנטן. ברענגט אים מיר אַהער!...

פריסקע איז צוגעגאַנגען צו איר, ווישנדיק די הענט פונעם טייג, וואָס זי האָט צונויפגענומען פון דעם דיל, און שולדיק געזאָגט:

— דער פּאַן סטאַסיק איז אָוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צו זײַן קוזינע. מאָרגן וועט ער זיך אומקערן...

— צו קוזינעס פּאַרט מען, און דאָ צינדט מען אונטער די בעקערײַ! —
האָט די פאַני איבערגעשלאָגן און גענומען שילטן סטאָסיקן מיט די לעצטע
ווערטער.

ווער ווייסט, וויפל וואָלט זי נאָך געבושעוועט, די פאַני זשיכלינסקאַ,
ווען עס זאָל ניט געווען אָנקומען דער פעלדשער טשאָפּעק־גוראַלסקי, אַ
דאַר, זשוואַווע מענטשל, אַ גענעץ די גרייס, מיט אַ שמאָל שאַרף פּענעמל,
וואָס דערמאָנט אָן אַ פויגל. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, דאָס
האַרץ איז אים שיר ניט אַרויסגעפלויגן, אַזוי, הייסט עס, איז ער געלאָפן
אַהער.

ער האָט זיך שטאַרק פאַרקרימט פונעם טשאַד און פונעם טומל, וואָס דאָ
האָט געהערשט, און מיט זײַן דינינק קינדערש קעלעכל אויסגעשריגן:

— שאַ, וואָס איז דאָ, אַ יאַריד? ווו איז ער, דער כוילע?..

ער האָט מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן זיך אײַנגעקוקט אָפן קרײַזל
מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די באַלעבאָסטע. מע האָט אים גלײַך
געמאַכט אַ וועג צו דער פאַני זשיכלינסקאַ, וועלכע איז געזעסן אָף דער
טאַבורעטקע און געפּאַכט מיט אַ טיכעלע.

אַ מאָדנע געשיכטע! אים, דעם פּאַן־טשאָפּעק־גוראַלסקי, ווען מע האָט
אַראָפּגעשלעפּט פונעם וואַרעמען געלעגער, האָט מען דאָך געזאָגט, אַז פאַני
זשיכלינסקאַ גויסעסט, שטאַרבט אַוועק, און ער איז געלאָפן, ווי אָף אַ סרייי־
פע, לאָזט זיך אויס, אַז זי זיצט גאַנץ פעסט אָפן בענקל און שילט אירע בע־
קער און אַלעמען, ווער עס רינגלט זי אַרום, ס'איז מאַמעש אַ פּאַכעד צוגיין
צו איר.

טשאָפּעק־גוראַלסקי האָט אַ קוק געטאָן אָף איר און גלײַך פאַרשטאַנען,
אַז ער האָט געמעגט גיין פּאַמעלעך, ניט אַרויסיאָגן פון זיך די נעשאָמע. און
נאָך האָט ער באַמערקט, אַז זי קאָן זיך זייער שיין באַגיין אָן אים, אָן דער
מעדיצין, און, אייגנטלעך, וואָלט ער גלײַך געקאָנט פאַרקערעווען דעם
דישל און גיין שלאָפן. נאָר דער פעלדשער טשאָפּעק־גוראַלסקי געהערט ניט
צו יענע פאַרשטייער פון דער מעדיצינישער וועלט, וואָס לויפן אינמיטן
דער נאַכט ראַטעווען אַ קראַנקן גלאַט אַזוי, אויס ליבע צו זײַן פּראָפעסיע.
ניין! וויבאַלד ער איז געקומען — וועט ער ראַטעווען, ער וועט היילן, דער
כוילע מעג אפילע זײַן געזונט ווי אַ פערד.

אָנגעטאָן די אַלטמאָדישע ברילן אָף דער ברייטלעכער נאָז, איז דער
פּאַן טשאָפּעק־גוראַלסקי מיט זײַן נערוועז ענערגיש געגנל צוגעגאַנגען צו
דער פאַני און זי מיט קויעך אָפּגערוקט נעענטער צום לאָמפּ, אַרויסגענומען
פון זײַן לעדערנעם רענצל אַ פלעשעלע מיט נאַשאַטירנע ספּירט און איר
עס אונטערגעטראָגן אונטער דער נאָז, זי זאָל אַ טיפן שמעק טאָן. פון דעם
שאַרפן גערוך, וואָס האָט געקאָנט, דאַכט זיך, אופהייבן אַ מעס פון קיווער,
איז זי שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון דער טאַבורעטקע. אַז זי האָט נאָך דער־
זען, ווי דער פעלדשער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שפּריץ מיט אַ לאַנגער נאָדל
און דערבײַ אַ ווונק געטאָן צו די אַרומיקע מאַנצבלען, זיי זאָלן זיך אָפּקערן,
ניט קוקן, געפּרווט איר פאַרהייבן דאָס קלייד, קעדיי מאַכן אַן אוקאָל, איז

איר גאָר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ניט לאַנג געטראַכט, האָט זי א זעץ געטאָן דעם פעלדשער מיטן פוס אין בויך אַריַין, אזוי אז ער האָט זיך דריַי מאָל איבערגעקערט.

טשאַפּעק־גוראַלסקי איז געלעגן אפן קויטיקן דיל און זיך געקאָרטשעט פון ווייטעק, געמיינט, אז דאָס איז אַלץ — ער וועט זיך שוין ניט אופהייבן. ער האָט זיך געהאַלטן, נעבעך, באַם בויך און געשטאַמלט, געקרעכצט:

— אוי, מענטשן, די פאַני איז אינגאַנצן מעשוגע... זי האָט מיך דער־הארגעט... איך בין פאַרפאַלן... זי איז ניט בא די געדאַנקען...

פאַני זשיכלינסקא האָט זיך דערשראָקן אף טויט. וואָס וועט זיַין, אויב דאָס וויזעלע וועט בא איר אין בעקעריַי מאַכן א שטארב, אויסציִען די פיס, וועט מען זי אַריַינזעצן אין טורמע. נאָר דאָס גייט איר אָפּ!

זי האָט זיך אופגעהויבן, צוגעגאַנגען א דערשראָקענע צו אים, זיך אַראָפּ־געלאָזט לעבן אים אף א קני און אָנגעהויבן אים מינטערן, בעטן:

— פּאַן טשאַפּעק־גוראַלסקי, באַרויִקט זיך. נעמט זיך אין די הענט. האָט אף מיר ראַכמאָנעס... הייבט זיך אוף. איך וועל אײַך באַצאָלן פאַר א וויזיט. איך בין געווירט, וואָס איר זיַינט געקומען. איך וועל באַצאָלן, וויפל איר וועט זאָגן. נו, זיַיט א דזשענטלמען, זיַיט א מאַנצבל, שטייט אוף!

נאָר דער פעלדשער האָט שוין איצט ניט געקאָנט זיַין ניט קיין מאַנצבל, ניט קיין דזשענטלמען, וויַיל ער איז געלעגן און געזען דעם מאַלעכהאַמאָוועס פאַר די אויגן, ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. די קויכעס האָבן זיך אים אויס־געלאָזט, און ער האָט שוין געמיינט, אז אָט־אָט שטארבט ער.

דער בראַנדמייסטער איז געשטאַנען מיט זיַין צעמאַזיקטער קאַסקע אף די אייבערשטע טרעפּלעך און מוירע געהאַט זיך אהער אַראָפּלאָזן אונטער־שריַיבן דעם פּראָטאָקאָל. ער האָט געטראַכט מיט ווייטעק, וואָס וועט ער זאָגן זיַינע באַלעבאַטים וועגן דער סרייפע און, דעריקער, וועגן דעם קיווער, וואָס די מעשוגענע פאַני זשיכלינסקא האָט אזוי אכזאָריעסדיק צעבראָכן. און דאָך, דערהערנדיק דעם פעלדשערס קוילעס, איז ער אַראָפּגעלאָפן — ווער־ווער, נאָר דעם בראַנדמייסטער איז גוט באַקאַנט דער סאָד, ווי מע ראַ־טעוועט. האָט ער א קוק געטאָן, ווי טשאַפּעק־גוראַלסקי קרעכצט, מאַטערט זיך, גענומען דעם עמער און א שפּריץ געטאָן אף אים קאַלטע וואַסער.

— וואָס האָט איר זיך אויסגעשטעלט? א מענטש קומט אום... — האָט ער דערבײַ א זאָג געטאָן און מיט א פאַרניכטנדיקן בליק אָפּגעמאָסטן די פאַני זשיכלינסקא.

די וואַסער האָט געהאָלפן דעם פעלדשער בעסער, ווי א גוטע רעפּוע, ער האָט זיך פּאַמעלעך אופגעהויבן פונעם דיל, קוים אויסגעגליַיכט די ביי־נער און, זוכנדיק מיט זיַינע קורצזיכטיקע אויגן די ברילן אפן דיל, ארויס־געקוועטשט פון זיך:

— ניט קיין בעקעריַי, נאָר עפּעס א מעשוגאָיִם־הויז... זשיכלינסקא איז אינגאַנצן אויוועקבאָטל געוואָרן!..

דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך ניט באַליידיקט פאַר אזעלכע ווערטער — פאַרקערט, זי איז געווען צופרידן, וואָס יענער האָט זיך אופגעהויבן און וועט

שוין, אפּאָנעם, בלײַבן לעבן, און איר וועט ניט אויסקומען זיך זעצן אין טורמע.

זי איז צוגעגאַנגען ווידער צו אים, געגומען בא דער האַנט און פאַר־זיכטיק, מוירע האָבנדיק, ער זאָל זיך ניט צעשיטן, אים אוועקגעזעצט אַף דער טאַבורעטקע.

נאָר דאָ האָט זי מיטאַמאָל באַמערקט מאַקסן, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין ווינקל. און זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. דאָס דאַרף זײַן דעם באָכערס שולד. ער איז געשטאַנען בא די אויוונס, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די סרייפע, דאָס איז זײַן אַרבעט! נישקאָשע, זי וועט אים באַווײַזן!

צוגעלאָפן צו אים, האָט זי דעם באָכער אַרויסגעשלעפּט פונעם ווינקל און אָנגעהויבן זידלען, שרײַען:

— אַך דו, אויסוואורף! פּסיא־קרעוו! דאָס האָסטו מיך אומגליקלעך גע־מאַכט! איך דערקען דײַן אַרבעט! פאַרנעם זיך פונדאַנען, איך זאָל מער דײַן מיִעס פּאָנעם ניט זען! וואָס, דו לאַכסט נאָך? דו לאַכסט? איך האָב געמיינט, אַז פון דיר וועל איך מאַכן אַ מענטש, נאָר פון קיין כאַם וועט קיין פּאַן קיינמאָל ניט זײַן! מאַלפּע, אַרויס פון דער בעקערײַ! איך האָב פאַרגעסן, אַז פון קיין מאַלפּע קאָן מען קיין מענטשן ניט מאַכן! ווו איז דײַן קלומעקל? פאַרנעם זיך מיט דײַנע שמאַטעס!

אילקאָ זאַגול איז צוגעגאַנגען צו איר, געפּרוווט זי באַרויִקן, נאָר זי האָט אים מיט אַלע קויכעס אָפּגעשטופּט פון זיך:

— און דו, טײַוול, דו, אַרעסטאַנט, שטעלסט זיך נאָך אײַן פאַר אים? ביידע וועל איך אײַך אַרויסטרײַבן. אים, דעם לעץ, נאָך הײַנט, און דו, אילקאָ, וועסט בא מיר אויך אַרויספליִען, זאָל זיך נאָר אומקערן דער פּאַן פּשעפּיצקי!

און אומקערנדיק זיך צו מאַקסן, געוואָרפן אין פּאָנעם אַרײַן:

— וואָן פון דער בעקערײַ! דו וועסט מיר אָפּצאָלן פאַרן העזעק ביז אַ זלאָטע! איך וועל אין געריכט דערלאַנגען, אין טורמע וועסטו בא מיר פאַרפוילט ווערן.

מאַקס האָט אָפּגעמאָסטן די פּאַני זשיכלינסקאַ מיט אַ גלײַכגילטיקן בליק. ער האָט אויסגעטאָן דעם פאַרטעך, דעם קאָלפּאַק און עס אַ שלײַדער גע־טאָן צו אירע פיס. ער האָט אָנגעטאָן אַף זיך דאָס אַלטע רעקל, דעם קאַרטוז, געגומען אונטער דער האַנט זײַן רענצל, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די אַרומיקע, געוווּנטשן אַ גוטע נאַכט און גליק. און, אונטערזינגענדיק זיך אַ ניגנדל, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, זיך געלאָזט צו די טרעפּ.

— איר הערט, ער זינגט זיך נאָך אונטער, דער גאַנעפּעץ! — האָט אויסגעשריגן פּאַני זשיכלינסקאַ.

מאַקס האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— און איר, פּאַני זשיכלינסקאַ, וואָס מיינט, איך וועל זיך פאַר אײַך שטעלן וויינען? ווען איך הייב אָן וויינען פון אַלע אײַערע נאַרישקײַטן, פון אַלע אײַערע מיִעסע שטיק, וואָלט בא מיר קיין טרערן פאַר דעם ניט גע־סטײַעט! וועל איך שוין גלײַכער זינגען...

די ארומיקע האָבן אויסגעשאָסן א געלעכטער, און פאַני זשיכלינסקא איז געבליבן אָן לאָשן, צעעפנט דאָס מויל פון אומדערוואַרטקייט.

מאַקס האָט זיך א קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע, פאַריכט דאָס רעקל, וואָס האָט זיך אראָפּגערוקט פון די פּלייצעס, און, אונטערזינגענדיק זיין ניגנדל, זיך געלאָזט גיין.

— א מאַזיק, — האָט עמעצער געזאָגט, — אים איז נאָך פריילעך...

— אַרויסגעטריבן אזא באָכער... — האָט טרויעריק צוגעגעבן פּריסקע, נאָכשפּירנדיק אים מיט פאַרנעפּלטע אויגן, — אָן אים וועט דאָ זיין אומעטיק, ווי אף א צווינטער.

— א שאָד אזא יאַט, — האָט אונטערגעהאַלטן סטעפאַן גוציוק, — נאָר ער גייט ניט אוועק פון א גאַניידן... ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. ווי זאָגט אונדזער אילקאָ, דער פּראָלעטאַריער קאָן פאַרלירן בלויז זיינע קייטן, מער גאָרניט...

מע איז געבליבן שטיל, באַדויערט מאַקסן.

אין יענער צייט, ווו טשאָפּעק־גוראַלסקי איז געשטאַנען, האָט זיך צוגערוקט דער בראַנדמייסטער מיט די צעשויבערטע וואָנצעס. ער האָט געהאַלטן אין די הענט זיין מעשענעם העלם און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל אים באַוויינען. ער האָט זיך אָנגערופן מיט א געפאַלענער שטים צו דער באַלעבאָסטע:

— פאַני זשיכלינסקאָ, א, פאַני זשיכלינסקא, זאָגט מיר, וואָס וועלן מיר טאָן? וויאַזוי קאָן איך זיך אומקערן אין קאַזאַרמע מיט אזא קאַסקע? מע וועט דאָך מיך אראָפּנעמען פון מיין פּאָסטן, און איך האָב א ווייב מיט קינדער. שרייבט מיר אונטער דעם פּראָטאָקאָל, אַז איר האָט געמאַכט אזא טאָלק פון דעם העלם...

— זע נאָר, און ער איז נאָך דאָ? — האָט זי מיט רעציכע אף אים א קוק געטאָן. — איך וועל אייך אָנשרייבן, וועט אייך פינצטער ווערן אין די אויגן. זעט, וואָס איר האָט געמאַכט פון מיין בעקערייַ! ווער וועט מיר באַצאָלן פאַרן שאָדן? אָט יענער באָרוועסער באָכער, וואָס זינגט? פאַרנעמט זיך פונדאַנען, טייוול!

— איר האָט ניט קיין רעכט, פאַני זשיכלינסקאָ! איך פיל אויס מיינע פליכטן. אין געריכט וועל איך אף אייך דערלאַנגען... איך וועל דערגיין ביז דעם סיים!

זי האָט א טופּע געטאָן מיטן פוס:

— גייט אייך צו אלע רוכעס! איך האָב שוין געזען אייער געריכט! מיר האָט ער א סאַך געהאָלפן? אזוי וועט ער אייך העלפן, און פאַרלאָזט די געביידע!

— איר באַליידיקט דעם געריכט? נו, פאַרגעדענקט, אויב אזוי. איך האָב איידעס. עס איז דאָ א געזעץ...

דער בראַנדמייסטער, מוירע האָבנדיק פאַר א נייעם פּסאַק, האָט זיך גענומען רוקן צום אַרויסגאַנג.

— פאַן בראַנדמייסטער! — האָט מיט אַ געפּאַלענער שטים זיך געבעטן דער פאַן טשאַפּעק־גוראַלסקי און, אונטערהינקענדיק, זיך געלאָזט נאָך אים. — אַף וועמען לאָזט איר מיך דאָ איבער, אַף דער צעדרייטער? זי וואַרפט זיך דאָך אַף אומשולדיקע מענטשן... פירט מיך כאָטש איר אָפּ אַהיים...

דער בראַנדמייסטער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. נאָר מאַקס קרייס־לער, וועלכער איז שוין געשטאַנען אַפן לעצטן טרעפּל, אויבן, איז אַראָפּגע־לאָפן, אָנגענומען דעם פעלדשער אונטער דער האַנט.

— אַ דאַנק, יונגערמאַן, אַ גרויסן דאַנק אײַך! — האָט קוים אויסגע־שטאַמלט טשאַפּעק־גוראַלסקי. — מע דאַרף גיכער פאַרלאָזן דעם גענעם. מיט דער פאַני זשיכלינסקאַ זאָלן האָבן צו טאָן שיידים, אַזעלכע ווי זי!..

דאָס פּאָרל האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם פאַרטשאַדעטן קעלער און זיך געלאָזט גיין איבער די אופגערודערטע געסלעך פון קאָלאָמייע.

שימשון־האַגיבער

עס איז נאָך אַ גליק, וואָס עס לעבט אַף דער וועלט שימשון־האַגיבער, אַנדערש ווער ווייסט, וואָס וואָלט פון מאַקסן געוואָרן און וווהין וואָלט ער זיך אַהינגעטאָן.

שימשון־האַגיבער...

אויב איר מיינט, אַז דאָ וועט גיין אַ רייד וועגן יענעם באַרימטן גיבער פון די אַלטע לעגענדעס, מוזן מיר אײַך גלײַך זאָגן, אַז איר לעבט אין טאָעס. מיר וועלן באַלד דערציילן אײַך אַ געשיכטע וועגן גאָר אַן אַנדער גיבער, וואָס איז אַף שימשענען, יענעם ביבלישן, לאַכלוטן ניט ענלעך. דער שימשון איז מיט גאָרניט באַרימט, און אויב שוין ריידן פינקטלעכער, איז ער זייער ווײַט פון אַ גיבער; וואָס שײַך דער שיינער דלילע, האָט ער זי קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. ווער עס האָט געגלייבט אין גאָט, דער האָט זיך מיט אים געקאָנט שאַפן; ווער עס האָט געוואָלט, האָט אים געקאָנט באַליידיקן, זיך וואַרפן אַף אים. הײַנט פאַרשטייט איר שוין, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ גיבער.

און דאָך האָט מען אים אין וואַנדער־טעאַטער געקרוינט מיטן גרויסאַר־טיקן צונעמעניש — שימשון־האַגיבער.

אָ, ווען אָט דער איז כאָטש אַ קאַפּעטשקע ענלעך אַפן עמעסן גיבער, וואָלט ער זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע, ניט אָפּגעשוויגן, ווען מע באַאוולט אים און מע מאַכט פון אים כויזעק, ער וואָלט אויך ניט גע־האַט צו טאָן מיטן נימעסן רעוומאַטיזם, מיט קיין זאַדישקע, מיט קיין שטעכעניש אין די זײַטן, מיט קיין ברעכעניש אין די קריזשעס, מיט קיין צייג־ווייטעק און אַ טויז אַנדערע קרענק. דערצו וואָלט ער אויך געהאַט אַ שע־נערע קוטשמע האָר, און די כעוורע אַקטיאָרשטשיקעס וואָלטן ניט געטריבן קאַטאָוועס איבער אים..

פאַרוואָס זשע, וועט איר פֿרעגן, האָט מען אים אין טעאַטער געקרוינט מיט דעם גרויסאַרטיקן צונעמעניש? איז קעדיי אײַך ניט לאַנג מאַטערן, וועלן מיר גלײַך אויסזאָגן, אַז דער שימשון, וועגן וועמען עס גייט אַ רייד, איז ניט עמעצער אַנדערש, ווי אונדזער גוטער באַקאַנטער מיט דער צוגעפּלעטשטער נאָז, וועלכער בלאָנקעט אַרום צוזאַמען מיט דער בראַנזשע אַקטיאָרן פֿונעם וואַנדער־טעאַטער איבער שטעט און שטעטלעך פֿון גאַליציע, רומעניע, פּוילן, יענער זעלבער שטענדיק הונגעריקער און פֿאַרדײַגעטער פֿאַרשוין, וואָס האָט צוריק מיט אַ צײַט אַזוי גרויסאַרטיק באַגעגנט מאַקסן, ברייט צעעפֿנט פֿאַר אים די הינטערטיר פֿונעם טעאַטער און דערמיט אים צעבויטעט די געדאַנקען און אַראָפּגעפּירט פֿון גלײַכן וועג...

נאָר מאַקס האָט אָף אים דערפֿאַר קיין פֿאַריבל ניט געהאַט, פֿאַרקערט!

ווען ניט שימשון, ווער ווייסט, צי וואָלט מאַקס באַגעגנט עסטערקען, געוווּסט, וואָס איז אַזוינס טעאַטער, געווען דער גאַנצער שולדיקער אין דער סרייפֿע אין בעקערײַ און אַרויסגעטריבן געוואָרן אָף דער גאַס אינמיטן דער נאַכט... ווער ווייסט, צי וואָלט ער פּלוצעם געוואָרן אַ פֿרײַער פֿויגל, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַרבעט...

נאָר דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער געשיכטע, צו וועלכער מיר וועלן זיך נאָך אומקערן. דערווײַל זײַנען מיר פֿאַרנומען מיט שימשון־האַגי־בער.

זײַן עמעסער נאָמען, ווי מע דערציילט, איז שימען. שימען שקאָלניק. הײַנט שטעלט זיך פֿאָר, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען פֿאַלט אַרײַן צווישן ייִדישע אַקטיאָרן פֿון אַ וואַנדער־טעאַטער, וואָס ליגן זיך שלאָפֿן מיט צאָ־רעס און שטייען אוף מיט ווייטעקן, שטופּן אָפּ דעם טאָג מיט אַ כאָכמע, נאַרן אָפּ דעם מאָגן מיט אַ וויץ, מיט אַ לידל, פֿאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אָן קיין צונעמעניש וועט ער שוין פֿון זייערע מײַלער ניט אַרויס.

האָט מען אים טאַקע דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר ער איז צו זיי אַרײַנגע־פֿאַלן, געקרוינט מיטן טיטל: שימשון־האַגיבער!

וואָס קווּעלט מען אַזוי אָן, אַז מע רופֿט אים אַזוי? דאָ איז דאָ אַ סיבע.

ער איז אַ מיטלוווּקסיקער, נאָר אַ דאַרער, מאַמעש הויט־און־ביין, מיט גאָר שיטערע האָר, אַ שטאַרק באַוועגלעכער, ווי קוועקזילבער, ווייסט קיינ־מאָל ניט פֿון קיין רו, שטענדיק פֿאַרהאַוועט. דערצו מוז מען נאָך צוגעבן, אַז דאָס איז אַ מענטש אָן אַ גאַל. אַזאַ מענטשן באַליידיקן דאַרף מען זײַן אַ רוציייעך. פֿאַר אים איז גאָרניט ניטאָ קיין שווערע זאַך. איר מעגט אים שיקן אין די גרעסטע פֿרעסט און זאַווערוכעס אין אויסרײַסעניש, וועט ער גיין, אויב דאָס איז נייטיק פֿאַרן טעאַטער. אין טעאַטער איז ער פֿאַרליבט איבער די אויערן, ווי אַ באָכער אין אַ קאַלע אַ שיינהײַט. ער זאָל ניט געווען האָבן קיין צעפּלעטשטע נאָז, וואָלט ער געוויס אויך געשפּילט אָף דער בינע און ניט ערגער פֿון אַ סאַך אַנדערע גוטע אַקטיאָרן. ביז די נאָז זײַנע איז געווען אַ נאָז, דאָס הייסט ניט אַזוי צעמאַזיקט, האָבן מיידלעך געכאַלעשט נאָך זײַנע טריט. איצט, עמעס, איז ער אויך געבענטשט מיט אַ פּאָר גרויסע, גוט־מוטיקע שיינע אויגן — אַ סאַך קאַלע־מיידלעך וואָלטן זיך געמעגט פֿאַרגי־

נען האָבן אזעלכע אויגן, ווי ער, און אויך אזא כאראקטער. לאנג זיך בייזערן אף א מענטשן — דאָס איז ניט אין זײַן טעווע. עמעצן שלעכטס טאָן — קיינמאָל! פארקערט, אז ער לעבט אָפּ דעם טאָג און האָט קיינעם קיין טויווע ניט געטאָן, קאָן ער די נאכט ניט שלאָפן.

אזא מענטש איז ער, שימשן־האגיבער!

אין דער וואנדער־טרופּע איז שימשן־האגיבער דאָס אייבערשטע פון שטייסל. אָן אים הייבט זיך דאָ גאָרניט ניט אָן און אָן אים לאָזט זיך גאָרניט ניט אויס. דאָ, אין טעאטער, לעבן די דעקאָראציעס און קעסטלעך מיטן ביסל פארמעגן טאָגט ער און נעכטיקט. ווען שלאָפט ער, ווען רוט ער, ווען עסט ער — דאָס איז פאר אלעמען געווען א סאָד. קיין זאך איז פאר אים ניט שווער. אז מע דארף, שטעלט ער זיך אוועק מאָלן דעקאָראציעס. ווערט קראנק דער רעזשיסער אָדער ער זשליאָקעט זיך אָן ווי א באלעגאָלע און קאָן זיך ניט האלטן אף די פיס, פארבײַט אים שימשן־האגיבער. דארף מען אופנייען פאר די אקטיאָרן רעקלעך, קאפּאָטעס, לאפּסערדאקן, קיטלען, יאר־מלקעס, שיך און דער־רועך־ווייסט־וואָס, פוילט ער זיך אויך ניט, זעצט זיך אוועק און נייט! דארף מען גרימירן די אקטיאָרן — גרימירט ער, בא דעם פאַרהאנג — אויך ער; אן אופראמער, א סטאַראָזש — איז ווידער ער. קורץ גערעדט, שימשן־האגיבער איז אין וואנדער־טעאטער אן עמעסער פארמעגן, א געפינס, א דימענט — אָן אים וואָלט דער טעאטער שוין לאנג אָפּגע־ברענט געוואָרן און ארויסגעפלויגן דורכן קוימען.

מיר האָבן דאָ נאָך פארגעסן צוגעבן, אז ער איז אָפּטלעך אין טעאטער אויך א שטיקל סופליאָר. דאָס הייסט, ער האָט פארביטן דעם אלטיטשקן סופליאָר, וואָס האָט געקרענקט אף דער שיינער קרענק — טשאכאָטקע, און זיך מער געוואלגערט אין די שפּיטאָלן, אין העקדעשן, איידער געקראָכן אין בודקע. דעמלט פלעגט קריכן אין סופליאָר־בודקע שימשן־האגיבער. אָבער וואָס עמעס, איז עמעס, איבער זײַן סופלירן איז געווען ניט ווייניק צאָרעס. ניט איין אקטיאָר האָט ער אראָפּגעפירט פון וועג, געשטעלט אין א קאָמישער און אפילע טראגישער לאגע, ווײַל איר דארפט אליין פארשטיין, אז אויב אָטעלאָ באקומט זיך בא אים „אלעאָ", „דעזדעמאָנע — „עזדעאָע" און אָפּט נאָך ערגער, איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס דער אקטיאָר, אז ער דערהערט פון דער בודקע אזא מין לאָשן, בלײַבט ער שטיין אף דער בינע ווי א גוילעם. עס טרעפט אפילע, אז דער אקטיאָר שיסט אויס א געלעכטער גראָד אין יענעם מאָמענט, ווען ער דארף זיך צעוויינען, און, פארקערט, לאָזט ארויס א גויאָמער גראָד, ווען ער דארף זיך האלטן פאר די זײַטן לאכנדיק. צו די אלע צאָרעס האָט מען זיך שוין דאָ צוגעוווינט, און מע פארשטייט אים שוין אפן ווונק, לויטן זשעסט, לויט דער באוועגונג פון זײַנע ליפּן.

עס טרעפט אמאָל, אז עס פעלט אויס אן אקטיאָר. ער איז קראנק געוואָרן אָדער געכאפּט אן איבעריקע קויסע און קאָן מיט דער צונג ניט פלאָנ־טערן, — שלעפּט מען דעמלט ארויס שימשענען פון דער בודקע, מע טוט אף אים אָן א פּאריק, מע קלעפּט אים צו א שטיקל קיט צו דער נאָז, מע זאל

אים, כאָלילע, ניט דערקענען, מע שלעפּט אַף אים ארוף עטלעכע רעקלעך, הויזן, שיך אַף הויכע אָפּצאסן, ער זאָל אויסזען מער מענטש, און מע שטופּט אים ארויס אַף דער בינע. און ער שפּילט! און נאָך וויִאזוי! עמעס, ריידן רעדט ער קימאט ניט. אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן, זאָגט ער ארויס מיט די הענט.

ניט איבערצוציילן, וויפל אקטיאָרן זײַנען שוין דורכגעגאנגען דורך אָט דעם וואנדער־טעאטער. געקומען, דערשמעקט, אז קיין האָניק וועט מען דאָ ניט לעקן, קיין גליקן וועט מען ניט מאכן, האָט מען גלײַך פארקערעוועט די דישלען, און — הײַדא! מע פאָרט ווײַטער.

ער אָבער, שימשן־האגיבער, האלט זיך דאָ שטאָל־און־אײַזן, ווי מע וואָלט אים צוגעקאָוועט. וואָס עס זאָל ניט פּאסירן, וועלכע צאָרעס און אומגליקן זאָלן אים דאָ ניט אויסקומען איבערטראָגן, גייט ער פון דעם טעאטער ניט אוועק.

און מע דארף, כוץ אַלעמען, זײַן א גיבער אויסצוהאלטן פונעם אימפּרעסאריִאָ לעאָפּאָלד זגורסקי דעם דריטן, וועגן וועלכן מע וואָלט נאָך עפּעס געדארפט צוגעבן צו דעם, וואָס מיר האָבן שוין פריִער געזאָגט. וועלן מיר עס טאקע באלד טאָן.

לעאָפּאָלד, דאָס הייסט זגורסקי דער דריטער, אָט דאָס בייז, אויסגעטריקנט, קליינוווקסיק מענטשל אַף הויכע אָפּצאסן, מיטן פראק און צילינדער, איז נאָך צו אַלע צאָרעס געשטראָפט מיט א שלעכטן זיקאָרן. ער פארגעסט גלײַך דאָס, וואָס ער האָט אײַך צוגעזאָגט פריִער מיט דרײַ מינוט. דערפאר איז ער אָבער געבענטשט מיט א צינגל אַף שרײַפלעך — ער רעדט, ווי מע שטעפּט פון א קוילנוואַרפער. ניט יעדער וואָרט קאָנט איר דערבײַ כאַפּן. ביכלאַל פּארהיקעט ער זיך עטוואָס, נאָר א ליגן האקט ער ארײַן, ניט פּארהיקענדיק זיך. ער געהערט צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס דאָ נעמען זיי, דאָרטן גיבן זיי ניט אָפּ, דאָ זאָגט מען צו, דאָרטן זעצט מען אָן. אָפּט כאַפּט מען דערפאר גאנץ שיין אין קאָלנער, נאָר גיך פארגעסט מען, מע מאכט זיך ניט ווויסנדיק און מע הייבט אַלץ אָן פון אָנהייב. אָפּט פירט ער צונויף א וואנט מיט א וואנט, פארקאָכט אזא קאשע, אז ער אליין קאָן זי ניט נעמען אין מויל ארײַן, נאָר ער פאלט בא זיך קיינמאָל ניט אראָפּ. דער שטעל איז א שטעל, די פירמע א פירמע, און די גײַווע איז א גײַווע!

אַלץ ווערט בא זגורסקי דעם דריטן געטאָן בעכיפּאָזן, גייענדיק. אזוי גייענדיק שליסט ער קאָנטראקטן, גייענדיק נעמט ער א גלעזל בראנפן, גייענדיק כאפּט ער א גמילעסכעסעד, וועלכן ער פארגעסט אומקערן, גייענדיק כאפּט ער ארײַן א פּאטש פון די קרעדיטאָרן, גייענדיק הערט ער אויס וויסטע קלאָלעס, זאָגט צו גאָלדענע בערג, באקענט זיך מיט א ווײַבל, רעדט זיך גלײַך צונויף מיקויעד א שפּאציר, מיקויעד א כאסענע...

אזוי לעבט ער, זגורסקי דער דריטער, דער אימפּרעסאריִאָ פונעם טעאטער, און ווייסט ניט פון קיין צאָרעס.

בא אים מאכט גאָר ניט אויס זיך ארײַנכאַפּן צו אן אָרטיקן גוויר, א קאָמערסאנט, באקומען א שיינע האלוואָע, געלט אַף פּראָצענט, א קרעדיטל, און

דעם צווייטן טאָג אנטרינען, מע זאָל ניט וויסן אפילע, וווהין ער איז פאַר־פאלן געוואָרן... אָפּטלעך קומט אים אויס זיצן אין גריבער פאַר אָנזעצן, נאָר צו אזעלכע זאכן איז ער שוין פון לאַנג געוווינט.

אָבער דאָס אַלץ טוט ער, זגורסקי דער דריטער, ווי ער זאָגט, ניט, כאָלילע, צוליב זיך, נאָר צוליב דער הייליקער קונסט...

קלעפּ, סקאנדאַלן, טורמע — אַלץ צוליב דער קונסט!

אזא, זאָגט מען, איז געווען זיין זיידע, זגורסקי דער ערשטער, וועלכער האָט אמאָל אין גאַליציע צי אין דער בוקאָווינע געשאַפן א וואַנדער־טעאַ־טער און איז געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען, ווי א ליכט, אויף דער בינע, בעשאַסן שפּילן, געשטאָרבן אין אָרעמקייט און אין דאַקעס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א סאַך כויוועס און מע האָט אים נאָכן טויט פאַרשאָלטן די ביינער. אזא איז אויך געווען דער טאַטע זיינער — זגורסקי דער צווייטער, און אזא איז ער, זגורסקי דער דריטער, וועלכער וועט דערפירן, זאָגט ער, דעם וואַנדער־טעאַטער ביז מאָשיעכס צייטן, האַלטנדיק הויך און שטאַלץ די פאָן פון זיינע אָוועס.

פונעם דאָזיקן דרייַלינג האָט דער דריטער זגורסקי אַלעמען איבער־געשטיגן. דאָס איז גאָר א נייַער מין אימפּרעסאַריאָ. דער איז לאַכלוטן ניט ענלעך ניט אויף זיין זיידן, ניט אויף זיין טאַטן. דאָס איז א פאַרשוין פון גאָר אַן אַנדער פאַרנעם און פון גאָר אַן אַנדער שניט. זיינע פאָרגייער האָבן געהונגערט, אָפּט געפּעכגעט אַפּן פּיסק, זיך געמאַטערט באַגלייַך מיט זייערע בראַנזשעס אַקטיאָרן, געגאַנגען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, געוווינט אין קע־לערס, אויף בוידעמער, ווו עס האָט זיך געמאַכט. אז מע האָט אָפּגעשטופּט דעם טאָג, איז מען געווען גליקלעך. ווי שווער ס'איז זיי ניט געווען, האָט אָבער ניט געטראָפן, זיי זאָלן נעמען פון דער קאַסע אַן איבעריקן גראָשן.

לעאָפּאָלד זגורסקי האָט שוין געלעבט גאָר אַנדערש! קומט ער אויף א נייַ אָרט, שטעלט ער זיך אָפּ אין דעם שענסטן און בעסטן האָטעל, עסט אין די טייַערסטע רעסטאָראַנען, טוט זיך שטענדיק אָן, ווי אַן עכטער דזשענטלמען, אין א צילינדער, אין א פראַק מיט א ווייַסער מאַנישקע, ציט אַרויף אויף די הענט לייַקענע הענטשקעס — דאָס נעמט ער אַלץ בא שימשן־האַגיבער פונעם טעאַטער־רעקוויזיט. אויסגעפּוצט אין די דאָזיקע בגאָדים, באַווייַזט ער זיך פאַר די שטאָט־באַלעבאַטים, און יענע עפּענען גלייַך פאַר אים זייערע הערצער און טייַסטערס.

הייַנט פאַרמאָגט ער א שפּראַך, א לאָשן, און מיט אַלעמען רעדט ער ניט אַנדערש, ווי דייַטש, ענגליש, כאָטש ער קען ניט ביידע שפּראַכן.

ריידנדיק מיט אים, קאָן זיך אויסדאַכטן, אז מע האָט צו טאָן ניט מיט קיין אימפּרעסאַריאָ פון אַן אָרעמען יידישן וואַנדער־טעאַטער, וואָס ברענגט אַלע מאָגנטיק און דאָנערשטיק, נאָר מיט א באַלעבאָס פון אַן אימפּעראַטאָרי־שער אָפּערע.

דאָס אַרייַנהאַקן ווערטער אויף דייַטש, ענגליש, וועלכע ער אַליין פאַר־שטייט ניט, העלפט אים גאָר שטאַרק אין זיינע געשעפטן, דעריקער אין באַ־

קומען האַלוואָעס באַ קליינשטעטלדיקע גווירים און ווי־ניט־איז אונטערהאַלטן באַ דער נעשאָמע זײַן אָרעמע כאַליאַסטרע אַקטיאָרן.

אויב מיר האָבן שוין אָנגעהויבן ריידן וועגן די מײַלעס און כעסרוינעס פֿון זגורסקי דעם דריטן, וועלן מיר שוין וועגן אים דערציילן אַלץ.

איר וועט, דאַכט זיך, ניט געפֿינען אין דער בוקאָווינע אָדער אין די קאַרפּאַטן קיין שטעטל, וווּ זגורסקי דער דריטער זאָל נישט האָבן קיין ווײַב אָדער קיין קאַלע, קיין אָרט, וווּ ער זאָל ניט האָבן געשפּילט אַ כאַסענע. עס איז געננוג, די בראַנזשע אַקטיאָרן זאָל זיך אָפּשטעלן אין אַ שטעטל אויף אַ וואָך צײַט, אַז זייער אימפּרעסאַריאָ זאָל אָפּזוכן אַ מיידל, אַ ווײַבל, איר פֿאַרדולן דעם קאָפּ, זי פֿאַרדרייען און אָפּשפּילן אַ כאַסענע, אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל גיין כאָדאָראָם. מוזיק, טענץ, דרײַ טעג טרינקט מען, מע הוליעט, נאָר אויפֿן פֿערטן ווערט דער כאָסנבאָכער אויסגערונען, סטײַעט ניט, און גיי זוך דעם ווינט אין פֿעלד! ניטאָ דער יונגערמאַן, ניטאָ דער נאַדן, און פּאָטער!

דער שעד ווייסט אים, וווּ זוכט ער זיי אויס, די קאַלעס? וואָס פֿאַר אַ מאַגניט ציט זיי צו צו דעם לעך? וואָס ווערן זיי אַזוי צוגעזאָטן צו אים?

אייניקע האַלטן, אַז זײַנע פּענסנע פֿריטשמעליען גלײַך די קאַלעס פֿונעם ערשטן בליק; אַנדערע מיינען, אַז שולדיק איז דער פֿראַק, דער סטעק אין דער האַנט, די הענטשקעס; עמעצער האַלט גאָר, אַז גיכער פֿון אַלץ העלפֿט אין דעם צו דאָס שאַרפֿע ציינגעלע זײַנס, — הייבט ער אָן ריידן מיט אַ מיידל, מיט אַ ווײַבל, איז שיט זיך פֿון זײַן מויל פּערל. באַזונדערס שאַדכנט ער זיך צו פֿאַרזעסענע מיידלעך, וואָס האָבן נאַדן. ער האַלט זיך פֿאַר זיי גרויס, קוקט זיך ניט צופֿיל צו, גריבלט זיך ניט אין די טיפֿענישן פֿון זייערע נעשאָמעס, פֿרעגט ניט, וויפֿל זײַנען זיי אַלט. זיך באַקענט, געכאַפּט אַ שפּאַציר, אַ שמועס, און — פֿאַרטיק! מע פּראַוועט אַ כאַסענע! די גליקלעכע באַווײַזט זיך נאָך ניט אַרומקוקן, דער טשאַד פֿון דער רוישיקער כאַסענע איז נאָך ניט אַנטרונען, קומט פּלוצעם אָן אַ טעלעגראַמע, אַ בריוול, אַז ער, דער אימפּרעסאַריאָ, מוז גלײַך אַלץ וואַרפֿן און די מינוט אַרויספֿאָרן וועגן וויכטיקע איניאָנים, קאָנטראַקטן, גאַסטראָלן, און — ניטאָ זגורסקי דער דריטער. ער איז אין וועג!

דער אײַנציקער מענטש אין טרופּע, וואָס ער עס ווייסט, ווּהין איז פּלוצעם אויסגערונגען געוואָרן זגורסקי דער דריטער, איז, פֿאַרשטענדלעך, שימשןהאַגיבער. איר זאָלט אים האַקן און בראָקן, וועט ער אײַך דעם סאָד ניט אַרויסגעבן, קאָלזמאַן מע קומט ניט אָן אויף אַ נײַ אָרט. גאָט זאָל היטן! זגורסקיס אַ וואָרט איז פֿאַר שימשענען ווי אַ געזעץ!

עמעס, איר האָט ניט וואָס מעקאַנע צו זײַן זגורסקי דעם דריטן אויף זײַנע כאַסענעס, שידוכים. ער האָט אויף זײַן לעבן אַרײַנגעכאַפּט פֿאַר אַזעלכע שטיק ניט ווייניק פּעטש. ניט איין ווײַבל האָט אים צעדראַפּעט דאָס פּאָנעם, ניט איין מיידל האָט אים אויסגעזעצט די ציין — דאָס אַרט אים ניט, ווײַל ציין טראָגט ער סײַווי פֿרעמדע. ער שטעלט זיך גלײַך אַרײַן נײַע ציין...

אַזױװי ער האָט, װי מיר האָבן שױן געזאָגט, אַ שװאַכן זיקאָרן, איז גײט אָװעק אַ קורץ שטיקל צײַט, און זגורסקי דער דריטער טראַכט שױן װידער מיקױעך אַ כאַסענע! קאַלעס, דאַנקען דעם אײבערשטן, זאָגט ער, װאַרטן אַף אים אומעטום, װוּהין ער קומט ניט. װאָס קאָנט איר מיט אים טאָן — אַזאַ כאַלאַס! אײַ ער האָט שױן גענוג געליטן דערפֿון — כוץ די קלעפּ, געמוזט עטלעכע מאָל אױסטאָן פֿון זיך דאָס לעצטע העמד, קעדײ זיך אָפּקױפֿן פֿון אַן אַגונע, אַן אומגליק, אַ צוטשעפּעניש, נו, איז װאָס? סײַװי האַלט עס אים ניט אָפּ. אַ מעשוגאַס אַזאַ! קאָרטן שפּילן, שיקערן איז דען בעסער? אײן מאָל, זאָגט ער, לעבט אַ מענטש אַף דער װעלט! דער זײדע זײַנער האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעמוטשעט מיט אײן װײַב, דער טאַטע אױך דאָס זעלבע, און ער, זגורסקי דער דריטער, האָט זיך זײַן גאַנג אין לעבן. זאָלן, ברײַעט ער, זײַנע סאָנים פֿאַרמאָגן אײן העמד און אײן װײַב!

דערפֿון איז געדרונגען, אַז דער אימפּרעסאַריאָ האָט נאָך אַנדערע דײַגעס, כוץ טעאַטער. מוז ער טאַקע האָבן אַזאַ מענטש, װעמען ער זאָל קאָנען פֿאַרטרױען זײַנע איניאָנים.

און דער מענטש איז שימשן־האַגיבער!

שימשענען קומט אָפּט אױס טאָן אַזױנס, װאָס די בעסטע אַדװאָקאַטן װאָלטן ניט געקאָנט טאָן. עס טרעפֿט, לעמאָשל, אַז דער טעאַטער פֿאַרקלײַבט זיך אין אַזעלכע שטעטלעך, װוּ זגורסקי דעם דריטנס פּוס טאָר ניט אַריבערטרעטן, — ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַן אָװעקגעװאָרפֿן װײַב. װאָס זשע טוט מען? באַזעצט זיך דער אימפּרעסאַריאָ אין אַ שכײניש שטעטל און קאָמאַנדעװעט פֿון דאָרטן מיט זײַן טרופּע. װיאַזױ? דאָס איז שױן זײַן און שימשנס סאָד. פֿראַנץ־יאָסיף, זאָגט מען, האָט בײס דער ערשטער װעלט־מילכאָמע אױך אָנגעפֿירט מיט זײַן כאַיל פֿונדערװײַטנס... דער כילעק צװישן זגורסקין און דעם אימפּעראַטאָר באַשטײט אין דעם, װאָס דער אַלטער האָט פֿאַרשפּילט די מילכאָמע מיט זײַן אימפּעריע, און זגורסקי דער דריטער האַלט זיך נאָך באַם טעאַטער גאַנץ פֿעסט!

נאָר װאָס גײען אָן שימשענען אימפּעראַטאָרס, אַז ער האָט זיך זײַן פּעקל צאָרעס. כוץ דעם, האָט ער ביכלאַל ניט ליב דערמאָנען דעם אַלטן אימפּעראַטאָר. ער האָט זיך איבער אים גענוג אָנגעבידעװעט. פֿאַרװאָס? װעט איר טאַקע באַלד הערן.

קנאַפּע צװײ יאָר האָט שימשן־האַגיבער געפֿױלט אין די אָקאָפּעס אינעם כאַיל פֿון פֿראַנץ־יאָסיפֿן, אױסגעריסן געװאָרן, שיר ניט פֿאַרלױרן דאָס שטיקל לעבן, בלוט פֿאַרגאָסן, ניט װױסנדיק פֿאַר װעלכע זינד! פֿאַר דער צײַט איז ער אַ פּאָר מאָל געלעגן אין די האָספּיטאַלן און דאָקטױרים האָבן פֿון זײַן לײַב געשניטן שטיקער פֿלײש און װידער עס צונױפֿגענײט, װי־ניט־איז געשטעלט אַף די פֿיס, און — הײַדאַ, װידער אַפֿן פֿראָנט! ביז הײַנטיקן טאָג שטעקן נאָך באַ אים אין לײַב דרײַ שפּליטערס, פֿאַרשאַפֿנדיק אים אָפּט גרױסע װײטעקן. זײ שטעקן, די שפּליטערס, אין זײַן לײַב, װי די גוטע באַראָמעטערס, און זאָגן אַלע מאָל אָן, אַז די פּאָגאָדע ענדערט זיך... אַ סאָלדאַט איז ער געװען אַ טרײַער, אַן ערלעכער און שרעקלאָזער. פֿאַר דער

דינסט האָט ער באַקומען צוויי קרייצן, דרײַ מעדאַלן. נאָר וואָס האָט ער פון זיי געהאַט, כּוץ צאָרעס?

די צעפּלעטשטע נאָז איז אויך אַ מאַטאָנע פון דער שיינער מילכאָמע. די דאָזיקע מאַטאָנע האָט אים אָפּ שטענדיק אָפּגעשניטן דעם וועג צו דער בינע. ביז דער מילכאָמע האָט שימשן־האַגיבער געשפּילט טעאַטער, געווען אַ יונ־גער אַקטיאָר אין אַ וואַנדער־טעאַטער, און מע דערציילט, געהאַט גרויס דערפאָלג. עס וואָלט פון אים געוויס אויסגעוואַקסן גאָר אַ גרויסער אַק־טיאָר, ווען ניט די מילכאָמע, ווען ניט די שווערע ווונדן, וואָס ער האָט פון דאָרטן געבראַכט מיט זיך.

וויבאַלד מיר זײַנען שוין אַרײַנגעפאָרן אַזוי ווײַט, וועלן מיר שוין דער־ציילן שימשנס געשיכטע ביזן סאָף.

אַלפּי־סייכל און אַלפּי־יוישער וואָלטן די שפּליטערס, די ווונדן, די צע־פּלעטשטע נאָז געווען געדאַרפט געהערן זגורסקי דעם דריטן. פאַרוואָס, וועט איר פרעגן?

איז הערט ווײַטער און שלאָגט ניט איבער.

שימשן־האַגיבער האָט זיך צוגעשלאָגן צו דעם אימפּרעסאַריאָ ערעוו דער מילכאָמע. ער האָט זיך דאָ, ווי מע זאָגט, ניט באַוויזן אָנוואַרעמען. לויטן אימפּעראַטאָרס הויכן אוקאַז, האָט מען אים, שימשענען, ניט געטאָרט נעמען אין מיליטער־דינסט, ווײַל ער איז געווען אַ בעניאָכיד, דער איינציקער קאָרמאַטש בא אַן אַלטיטשקער, קראַנקער מוטער. ווי זשע איז געשען, אַז ער, שימשן, איז דאָך אַוועק אָפן פראָנט, דאָס ווייסט נאָר גאָט אין הימל און זגורסקי דער דריטער אָפּ דער זינדיקער ערד.

אָפן פראָנט האָט געדאַרפט גיין טאַקע זגורסקי. אַז ער האָט באַקומען דאָס שיינע קוויטל, אַז מע רופט אים אָפּ דער מילכאָמע, איז ער געקומען צו לויפן צו שימשענען, וואָס איז נאָך דעמלט געווען אַ געזונטער שיינער באָכער, ווי גאָלד, און געזאָגט, יענער זאָל אים ראַטעווען פון אומגליק. און ניט אַזוי אים, דעם אימפּרעסאַריאָ, ווי די קונסט, דעם טעאַטער. ער האָט געמאַכט שימשענען אַזאַ כעזשבן, אַז אָן אים, אָן זגורסקין, וועט די טרופּע ליגן טיף אין דער אַדאָמע, די אַרטיסטן וועלן אומקומען, און די קונסט וועט דערפון מוירעדיק לײַדן. שימשן מוז דערווײַזן, אַז ער איז טרײַ דער קונסט, און גיין דינען אָנשטאָט אים, זגורסקי דעם דריטן. דערפאַר אָבער, ווען שימשן וועט זיך, מיט גאָטס הילף, אומקערן פון דער מילכאָמע, וועט ער בא אים שפּילן אין טעאַטער די בעסטע ראָלן.

אָפּ וועלכע קאָרבאָנעס גייט דען ניט אַ יונגער אַקטיאָר, וואָס איז פאַר־ליבט אין דער בינע, צוליב גרויסע ראָלן?

ווען פון די קליינשטעטלדיקע האַרציקע באָכערים וואָלט ניט געקאָנט אײַנרעדן זגורסקי דער דריטער אַ קינד אין בויך? ווען וואָלט דער אימ־פּרעסאַריאָ ניט געקאָנט מאַכן ווייך, ווי טייג?

ניט לאַנג געטראַכט, איז שימשן־האַגיבער אַוועק אָפן פראָנט אָנשטאָט זײַן באַלעבאָס, זגורסקי דעם דריטן.

שימשן איז געווען אַן עכטער, טרײַער סאָלדאַט און פאַר זײַן העלדיש־

קײַט געקראָגן קרייצן און מעדאַלן, װעלכע האָבן אים געבראַכט קאָװעד בא נאַטשאַלסטװע און צאַרעס אין די האָספּיטאַלן. נאָך די שװערע װונדן, װאָס ער האָט אָף די פּאָזיציעס באַקומען, האָט מען אים געדאַרפט אָפּשיקן אַהיים, האָט מען אָבער דערזען זײַנע קרייצן און מעדאַלן. און דער אימפּעראַטאָר האָט געדאַרפט גוטע סאָלדאַטן, האָט מען שימשענען װי־ניט־איז אויסגע־היילט און װידער געשיקט אָפן פראָנט. אַזוי עטלעכע מאָל.

די לעצטע װונד — בעשאַס אַן אַטאַקע האָט אים דער קעגנער, א סאָל־דאַט, דערלאַנגט מיט דער קאָלבע און צעפּלעטשט די נאָז — האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פונעם זאָטל. אַלע האָבן געמיינט, אַז איצט װעט מען שוין שימשענען באַפרײַען פון מיליטער־דינסט, נאָר א נעכטיקער טאָג! װידער געשיקט אין די אָקאָפּעס!

איר שטעלט זיך פאָר, װאָס איז דאָס שוין געװען פאַר א זעלנער, אַז קיין איין אָפיצער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, װאָס ער, שימשן, רעדט! אַז ער האָט, שטייענדיק אין „סטראָי", איבערגעכאַזערט דעם באַפעל פון זײַן עלטסטן אָדער אָפּגעגעבן א ראַפּאָרט פאַר נאַטשאַלסטװע, האָבן אַלע געפּלאַצט פון געלעכטער.

א מוירעדיקער טומל איז געשטאַנען, װען שימשן האָט אָפּגעגעבן די פײַערלעכע שװוע טרײַ דינען דעם אימפּעראַטאָר און דער אימפּעריע. (דאָס איז געװען די דריטע שװוע, װײַל אַלעמאָל האָט מען אים געשיקט נאָכן האָספּיטאַל אין אַן אַנדער פּאָלק, און אַלע האָבן אָפּגעגעבן די שװוע, האָט מען שימשענען אויך געפּירט.)

אין דעם טאָג זײַנען אַראָפּגעקומען אַהער עטלעכע גענעראַלן, הויכע טשינעס. עס האָט אָפן פּלאַץ געשפּילט אַן אָרקעסטער. אַלע און אַלץ איז געװען יאָמטעװודיק אויסגעפּוצט. א קלײניקײַט, סאָלדאַטן גיבן א שװוע פאַר דער פאָן!

עס האָט געשלאָגן די שאָ, מע האָט זיך אויסגעשטעלט אָפן פּלאַץ. א גענעראַל האָט זיך אופגעהויבן אָף דער טריבונע, אַלע זאָלן אים זען, און דײַטלעך, אָף א קאָל, אַרויסגעבראַכט יעדעס װאָרט פון דער פײַערלעכער שװוע, און די סאָלדאַטן האָבן איבערגעכאַזערט װאָרט בא װאָרט.

איר האָט געדאַרפט הערן, װאָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אָפן פּלאַץ, װען אָנשטאָט זאָגן „טרײַ דינען אונדזער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף", האָט זיך פון שימשנס מויל א שאָט געטאָן „װאַנץ־יאָסיף", אָנשטאָט „אימפּעריע" — „װאַמפּעריע"...

דער גענעראַל, אַז ער האָט דערהערט אַזאַ לאָשן, איז ער געבליבן שטיין רויט, װי א צוויק, און נערװעז גענומען ציפּן די װאָנצעס: װאָס הייסט דאָס? עמעצער מאַכט כויזעק?

איבערן פּלאַץ האָט, אָנשטאָט א פײַערלעכער שטימונג, געהערשט א געלעכטער אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער מינוט!

װען אַזוינס טרעפט, כאָלילע, אין דער פרידלעכער צײַט, װאָלטן קעפּ געפלויגן פון די אַקסלען, און שימשן װאָלט שיין אַרײַנגעכאַפּט. װער האָט

עס געשיקט אף מיליטער־דינסט אזא סאָלדאט? ווו זײַנען געווען די באַ־טשאַלניקעס?

נאָר די צײַט איז געווען א ביטערע, די אימפּעריע האָט געפּלאצט פון אלע עקן, ווען זשע איז געקראָכן אין קאָפּ אויספאָרשן, ווער האָט גע־שיקט אין ארמיי א מענטש מיט אזא כיסאָרן?

אייגנטלעך, האָט מען בלויז אין די ערשטע טעג געלאכט און געשפּאסט איבער שימען שקאָלניקן אין דער נײַער טייל. ווען דער פּאָלק איז ארײַנגע־טראָטן אין שלאכט און אלע האָבן פאר זיך דערזען א געניטן זעלנער און א שרעקלאָזן שלאכטמאַן, האָט מען אף אים אָנגעהויבן קוקן מיט גאָר אנדערע אויגן. קיינער האָט שוין ניט באמערקט זײַן כיסאָרן. פאר יונגע זעלנער איז ער געווען אַן עכטער לערער און אייצעגעבער. ער האָט זיך ניט געבייגט פאר יעדער קויל, וואָס איז דורכגעפּלויגן איבער זײַן קאָפּ. דערצו האָבן געמאכט אף אלעמען אַן אײַנדרוק די קרייצן און מעדאלן, וואָס האָבן באַ־שיינט זײַן ברוסט.

דאָס אלץ האָט ארויסגערופן צו אים א באזונדערע אכטונג און אָפּשײַ.

ניט אזוי גרינג איז געווען שימשענען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע. דאָ זײַנען די קרייצן און מעדאלן זײַנע מיט די מיליטע־רישע פארדינסטן ניט ווערט געווען קיין הארטן זעך אין דר׳ערד, קיין צע־בראָכענעם גראָשן, ווײַל פון דער גאנצער אימפּעריע האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם; יענע, וואָס האָבן צוגעטשעפּעט שימשענען די קרייצן מיט די מעדאלן, זײַנען זיך צעלאָפן. דאָ, אין דעם קאנט, זײַנען שוין געווען שפּאָגל־נײַע באלעבאטים, די פּוילישע לעגיאָנערן, ווען עס איז ווייניק וואָס אָנגעגאנגען א צעמאזיקטער זעלנער פון דער עסטרײַכישער ארמיי, אַן אקטיאָר פון זגורסקי דעם דריטנס וואנדער־טעאטער.

כאָטש אים איז געווען שווער טראכטן איצט וועגן דער בינע, וויסנדיק, אז קיין אקטיאָר וועט שוין פון אים ניט זײַן, דאָך האָט ער זיך געלאָזט זוכן זײַן באלעבאָס מיט דער בראנזשע, און אין איינעם א פּוילישן שטעטל האָט ער אף זיי אָנגעטראָפן.

זגורסקי דער דריטער האָט אף אים א קוק געטאָן, גלײַך ווי ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. ווען שימשן־האגיבער האָט אים דערמאָנט אין דער געשיכטע, וויאזוי ער איז געגאנגען אפן פראָנט אָנשטאָט אים, האָט יענער זיך פארקרימט — ער געדענקט ניט. און ביכלאל האָט ער ניט ליב דערמאָנען, וואָס אמאָל איז געווען. כוץ דעם, קאָן ער אים אין טעאטער ניט נעמען. צי דען פארשטייט ער אליין ניט, אז מיט אזא כיסאָרן האָט ניט שימשן וואָס צו טאָן אין זײַן טרופּע?

ערשט שפּעטער מיט א שטיקל צײַט האָט זגורסקי דער דריטער פאר־שטאנען, וואָס פאר א כאָכעם ער איז געווען, ווען ער האָט דאָך גענומען שימשענען אין טעאטער! וואָס וואָלט ער געטאָן אָן אָט דעם באשיידענעם, גוטמוטיקן און געטרײַען מענטשן, וואָס איז ווי געבוירן געוואָרן פאר דער קונסט?

נאָר, דאכט זיך, מיר האָבן א ביסל פארצויגן די געשיכטע מיט שימ־שענען, ווען מיר זיך טאקע גלײַך אומקערן צו מאקס קרייסלערן.

* * *

נאָך דער שײנער סריפע אין דער בעקערײַ, ווען די פאני זשיכלינסקא האָט געוויזן דעם באָכער אף דער טיר, פארזאָגט, אז זײַן פוס זאָל בא איר אין קעלער ניט זײַן, ביז ער וועט ניט באצאָלן ביז א גראָשן פארן העזעק, איז מאקס געבליבן שטעקן צווישן הימל און ערד.

ער איז אָבער בא זיך ניט אראָפּגעפאלן. די ערשטע צײַט האָט ער אפן וואָקזאָל אויסגעלאָדן וואגאָנעס, געטראָגן אף די פלייצעס זעק און פעק און ווי־ניט־איז פארדינט דאָס שטיקל ברויט, נאָר די ארבעט האָט זיך גיך געענדיקט — ארבעטלאָזע זײַנען דאָ געווען געבוג אָן אים.

איינמאָל, ארומדרייענדיק זיך א הונגעריקער און דערשלאָגענער איבער די גאסן פון קאָלאָמייע, האָט ער פארקערעוועט צו זײַן אלטן באקאנטן, צו שימשענען.

ער האָט געוווּסט, אז יענער איז א גוטער און קלוגער מענטש, עפשער וועט יענער אים געבן אן אייצע, וואָס מע טוט און וווהין מע קערט זיך, וויאזוי לעבט מען אף דער וועלט, אז מע איז אזוי אומגליקלעך, אָן מאזל, אָן א דאך איבערן קאָפּ...

אָבער אָט דער קלוגער, גוטער מענטש, דער פײַערדיקער טעאטראַל, האָט הײַנט באגעגנט מאקסן גאנץ קאלט.

באזעצט דעם אומדערווארטן גאסט אף א קאסטן הינטער די קוליסן און מעכאבעד געווען מיט א שטיקל טרוקענעם, פארזשאווערטן הערינג און מיט א פארשימלטן סעכער, האָט ער זיך גענומען אויספרעגן בא אים, וואָס איז ער אזוי דערצאָרנט, פונוואנען שטאמט ער, ווי קומט ער קיין קאָלאָמייע און וואָס פאר א רועך האָט אים געבראכט הײַנט אהער אין טעאטער? ער האָט פארשאָטן דעם באָכער מיט פראגן, פון וועלכע עס האָט מאקסן ארומ־געכאפט א פאכעד.

אויסגעהערט די באקאָשע פונעם באָכער — אים ארײַנעמען אין טעאטער, האָט שימשן־האגיבער אים אָפּגעמאָסטן מיט א סקעפּטישן בליק, א מאך געטאָן מיט דער האנט און זיך אָנגערופן:

— פוסטע כאלוימעס! נעם, ברודערקע, א שײַט האָלץ און שלאָג זיך עס ארויס פון קאָפּ! ניין, קיין ארטיסט וועט פון דיר ניט ארויסקומען, אפילע קיין שטיקל סופליאָר, גאָרניט וועט פון דיר בא אונדז ניט זײַן! פארשטייסט מיך?

— ניין, איך פארשטיי ניט, פעטער שימשן.

— וואָס הייסט, דו פארשטייסט ניט? נו, אוואדע, איך האָב דיר דאָך גלײַך געזאָגט, אז דו האָסט א פארשטאָפּטן קאָפּ...

— פארוואָס, פעטער שימשן?

— פארוואָס! פארוואָס! — האָט ער זיך אין גוטן מוט א בייזער געטאָן און צוגערוקט דעם גאסט א קעסטעלע מיט זאלץ, אָנשטאָט צוקער, אָנגע־

גאָסן אין א קאָנסערוון פּעדעלע אָקרעפּ, און שוין עטוואָס איידעלער פּאַר־געזעצט. — אָט האָסטו מיר אנומלטן, באַלטאַכלעס, אליין דערציילט, אז דו ביסט געווען א בעקער בא פּאני זשיכלינסקא, געבאַקן געשמאַקע בייגעלעך מיט מאָן. דאָס איז עמעס?

— עמעס... איז וואָס, פּעטער שימשן?

— איז וואָס! איז וואָס!.. הער מיט קאָפּ, וואָס מע רעדט צו דיר, און שלאָג ניט איבער! טרינק געזונטערהייט דאָס ביסל אָקרעפּ און הער זיך איין, וואָס איך רעד צו דיר! דו זאָלסט אָף מיר ניט האָבן קיין פּאַריבל, וואָס איך בין דיך מעכאַבעד מיט אָקרעפּ, מיט זאַלץ און ניט מיט וויסאָצקיס טיי און ניט מיט בראָדסקיס צוקער... אזעלכע זאכן זיינען בא מיר נישטאָ. דאנקען גאָט! און זאָג א דאנק דערפאר... יאָ, איז, הייסט עס, האָסטו מיר אנומלטן דערציילט, אז דו האָסט געבאַקן די פּעכקע בולקעלעך בא דער פּאני זשיכלינסקא מיט די פיינע בייגעלעך מיט מאָן... אזוי האָב איך דיך פארשטאנען?

— יאָ, אזוי האָט איר מיך פארשטאנען. איז וואָס?

— ווידעראַמאָל איז וואָס און וואָס! פּאטש ניט איבער! האָב געדולד! כאַפּ ניט די פיש פאר די לאָקשן. לאָז אויסריידן א וואָרט. זיץ שטיל און הער מיך אויס, טרינק דעם אָקרעפּ און ברי זיך ניט אָפּ די צונג... יאָ, זאָג איך דיר טאקע, אז בא אונדז אין טעאַטער האָסטו ניט וואָס צו טאָן. מיר קאָנען ניט ווערן מיט דיר קיין מעכוטאָנים! פּאַרוואָס, וועסטו פרעגן? וועל איך עס דיר באַלד דערקלערן. דו ביסט געוווינט בא דיין פריצע אריינכאַפּן אלע טאָג א פריש־צאַפּלדיק בולקעלע, א פּאָר בייגל מיט מאָן, א קוילעטשל, און בא אונדז וועסטו עסן קאַדאָכעס אין א קליין טעפּעלע! בא אונדז אין טעאַטער וועסטו אלע טאָג באַקומען א שטעכעניש, הריזען שטיינער, זויגן א לאַפּע, ווי א בער זויגט א לאַפּע דעם גאנצן ווינטער בא זיך אין דער נעסט. בא אונדז אין טעאַטער, אז דו וועסט דעם דריטן טאָג האָבן א שקאָרינקע, א טרוקן שטיקל ברויט און א פּאַרזשאַווערטן עק הערינג, ווי דו האָסט נאָר־וואָס בא מיר געגעסן, וועסטו דאַרפן זאָגן א דאנק! פארשטייסט מיך?

— כ׳פארשטיי, פּעטער שימשן...

— ווידער דאָס זעלבע! שאַ, לאָז אויסריידן א וואָרט, מעשומעד! וואָס קוקסטו אָף מיר, ווי ריאַבטשיק אָפּן טאטן? לאָך ניט! דו זעסט אָט דאָס שטיקל הערינג, דאָס קווערטל אָקרעפּ מיט זאַלץ? איז דאָס בא אונדז א גאנ־צער יאָמטעוו! סכירעס, זאָגסטו? א מאַקע! א קרענק וועסטו באַקומען בא אונדזער זגורסקי דעם דריטן, ניט קיין סכירעס. דו פארשטייסט, וואָס איך רעד צו דיר, צי דו פארשטייסט ניט?

— כ׳פארשטיי, פּעטער שימשן, וואָס זשע, איך פארשטיי ניט? — האָט מאַקס א זיפץ געטאָן.

— נו, דאנקען גאָט, וואָס דו פארשטייסט כאָטש! ביסטו בא מיר, הייסט עס, א באָכער מיט פארשטאנד, א כאָכעם! שלוימע־האַמעלעך, נעפּריטשקעם! נאָר הער ווייטער. עס טרעפט בא אונדז, און גאָר אָפט, אז אין קאַסע איז פּוסט, ווי בא א קעמל אין בויך, ווען עס גייט איבער דעם מידבער, —

דעמלט איז בא אונדז גאָר פריילעך! מיר גייען אויס פון הונגער דרײַ מאָל א טאָג, כוץ וועטשערע. ברויט צו זעט עסן בא אונדז בלויז עטלעכע געציילטע ארטיסטן, און אויך ניט אלעמאָל. יענע ארטיסטן, פאר וועלכע אונדזער אימפּרעסאַריאָ ציטערט, ווי א לולעוו. דאָס איז עסטערקעס טאַטע, אָסקאר שאַפּיראָ, דו קענסט אים שוין, זי, עסטערקע, אונדזער פרימאַדאָנע, און נאָך א פּאָר גליקלעכע, אף וועלכע עס האלט זיך אונדזער טעאַטער. וואָלטן ניט געווען בא אונדז אָט די עטלעכע שטערן, וואָלטן מיר שיין אויסגעזען, מע וואָלט קיין מעשוגענעם הונט ניט געקאָנט פארטרײַבן אין טעאַטער. אף אלע איבעריקע ארטיסטן, און אף מיר בעסוּיכעם, שפּײַט זיך זגורסקי דער דרײַטער גאַנץ שיין אויס. נאָר מיר מוזן זיך פאר אים האלטן, ווי די פליי פארן פעלץ. און מיר קומען נעבעך אָפּ. א לעבן — אף אלע מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן. פרעג איך דיך, מײַן טײַער שפּילפּייגעלע, וואָס זשע גייט דיר אָן אונדזער טעאַטער? דאָס לעבן איז דיר, כאָלילע, נימעס? ברענט ער דיר, דער טעאַטער, אפּן פײַער! אָן דיר! גיי דיר געזונטערהייט און באַק בייגל. דו פארשטייסט מיך, ברודער־לעבן?

— איך פארשטיי, פעטער שימשן. איך פארשטיי...

— אָט, ביסטו דאָך ווידעראַמאָל א כאָכעם! נאָר הער ווײַטער. און איצט לאָמיר א קוק טאָן אף איין ווײַלע אף א בעקער. מע קאָן, פארשטייט זיך, ניט זאָגן, אז א בעקער לעבט, ווי א באַראָן, א גראַף, א מיניסטער — כאָלילע! ער ליגט, דאנקען גאָט, אויך גאַנץ שיין אין דער אדאָמע נײַן איילן און באַקט, ווי מע זאָגט עס, בייגל. ער לעקט אויך ניט קיין האָניק. אָבער מירן זאָגן, אז דײַן שיינער באַלעבאָסטע קריכן אף א מינוט ארויס די אויגן, זי פארקוקט זיך, קאָנסטו ארײַנכאַפּן דעם ביסן? עמעס, דער ביסן קאָן זיך דיר שטעלן אין האלדז, נאָר דאָך ווערסטו אים יאַקאָס אראָפּשלינגען און אָנשטאָפּן די קישקע. און וויבאלד דו ביסט זאַט, שפּײַסטו זיך אויס אף דער באַלעבאָסטע און אף אלע דײַנע סאָנים. דו שפּײַסט אף דער וועלט און פּאָרסט אף דער קאָנקע! פרעג איך דיך, ברודער־לעבן, ווידעראַמאָל, צוליב וואָס זשע גייט דיר אָן אונדזער טעאַטער מיטן גאַנצן טראַסק? גיי דיר צוריק אין בעקערײַ, צום אויוון, און א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! און האָב ניט צו טאָן מיט דער קונסט. קיין גרויסע גליקן וועט זי דיר ניט ברענגען. קונסט איז אזוי ווי א שיינע רויז. נאָר גייסטו צו נעענטער און ווילסט עס נעמען אין די הענט, שטויסטו זיך אָן אין אזעלכע נאָדלען, אין אזוינע שטעכלקעס, מע זאָל באַהיט ווערן! איך האָב דאָס שוין פארזוכט. פאָלג מיך, זוך זיך שענערע גליקן! אָט זאָג מיר, דו האָסט שוין אמאָל געהערט, אז א בעקער זאָל שטאַרבן פון הונגער? וואָס? ניט געהערט! און ארטיסטן שטאַרבן גאַנץ אָפט אין אָרעמקײַט, אין דאַכקעס און מע גייט ארום איבער די הײַזער צונויפנעמען עטלעכע זלאָטעס אף טאַכריכים, מע זאָל זיי קענען לײַטיש ברענגען צו קווורע... פרעג איך דיך, איז דאָ א כילעק צווישן א בעקער מיט אן ארטיסט? פאַראַן! נו, דאנקען גאָט, וואָס דײַן קאָפּ באַנעמט עס! אויב מיר וועלן דיך ארײַנעמען אין אונדזער בראַנזשע, גלייב מיר, אז אין א וואָך ארום ווערסטו זיך פארשעלטן די יונגע יאָר, וואָס דו ביסט געבוירן געוואָרן. און

אונדז בעסויכעם וועסטו פארשעלטן די ביינער! א גאָרמאלער יונגערמאַן, אזא שיינער, אזא שטאלטנער, אזא געזונטער, דארף זיך האלטן ווייטער פון דער בינע! פארשטייסטו, וואָס איך רעד צו דיר?

אזויפיל מיט אים איינגעטיינעט, און דער אקשן וויל דאָס ניט פארשטיין, כאָטש האק אים און בראָק אים! אים געפעלט טעאטער און גאָרניט שרעקט אים ניט אָפּ! ער טיינעט, אז קיין זאך וועט דאָ פאר אים ניט זיין שווער. ער גייט איין אף אליין! ער איז גרייט ליידן הונגער און קעלט, גאָר זיין אין טעאטער אפילע אן אופראמער, א שיק־ייִנגל.

א מעשוגענער באָכער, ניט אנדערש! מיסטאמע פעלט אים א קלעפקע אין קאָפּ!

אויסגעהערט דעם שטאלטנעם, כיינעוודיקן באָכער, האָט שימשן־האַ־גיבער פארשטאנען, אז פון אזא קאָן אמאָל ארויסקומען א לייט. אן אקשן און א טרוימער. און דאָס איז פאר דער קונסט ניט ווייניק! אויב דעם באָכער איז דאָס, וואָס ער האָט אים געזאָגט, ליב, איז אים, שימשענען, ניכע! א יונג וויל פארזוכן דאָס ביטערע שטיקל ברויט פון א וואנדערנדיקן אקטיאָר, ער וויל זיך אייסעקן דערוויילן בא די דעקאָראציעס, האָבן צו טאָן מיטן פאָרהאנג, שלעפן אף זיך קעסטלעך מיטן רעקוויזיט — מעכעטייסע! זאָל ער פארזוכן דעם טאם! אים וועט גיך נימעס ווערן און ער וועט אנטלויפן, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט!

און שימשן־האגיבער האָט פאָרגעזעצט:

— איך זע, כעוורעמאַן, אז דו ביסט אזוי איינגעאקשנט, אז אן אייזל קעגן דיר איז א גאָרניט! וואָס קאָן איך מיט דיר מאכן? וויבאלד אזוי, טאָ ווארף אראָפּ פון זיך דאָס רעקל, דאָס הייסט דיין פראַק, לייג אוועק דאָס קלומעקל מיט דיין האָב־און־גוטס אָט דאָרטן אין ווינקל, און איך וועל דיך נעמען לערנען די טוירע, וויאזוי מע קלאפט צונויף די דעקאָראציעס, און ווי מע פאָרעט זיך בא דעם פאָרהאנג. און וויאזוי מע האלט א בעזעם אין האנט, מיין איך, דארף מען דיך ניט לערנען? דו זעסט יענץ ווינקל, ווו עס ליגט די ראָגאָזשע מיטן קישעלע? אָט דאָרטן איז מיין געצעלט, מיין געלע־גער. איז הער מיט קאָפּ. היינט איז גראדע געווען א גרויסער יאריד. דאָרטן זיינען געשטאנען פערד און בעהיימעס, אלפּי־סייכל, האָבן זיי ניט אופגעפרעסן דאָס גאנצע היי מיט דער שטרוי. עטוואָס האָבן זיי איבערגעלאָזט פאר דיר. טאָ שפּרינג אהין אוועק און שאר צונויף א ביסל שטרוי, וועסטו האָבן א קייזערלעכן געלעגער און ליגן ביין איילן אין דער ערד טאקע דאָרטן אין ווינקל, לעבן מיר. קיין בעסערן האָטעל פארמאָגן מיר ניט. דירע־געלט וועסטו ניט דארפן צאָלן. פארשטאנען?

— אוודע פארשטאנען! — האָט מאקס פריילעך אויסגעשריגן און זיך צעשיינט, ווי דער מאָרגנשטערן. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער ארומ־געכאפּט קושן דעם מענטשן, ער וואָלט געטאנצט און געשפּרונגען פון פרייד. ער איז גרייט נעמען אף זיך די שווערסטע ארבעט. ער איז גליקלעך. עפּעס א קלייניקייט, מע האָט אים ארייַנגענומען אין טעאטער צו זגורסקי דעם דריטן! אלע טאָג וועט ער קאָנען זען די פאָרשטעלונגען, דעריקער עסטער־

קען, ער וועט קאָנען הערן שפּילן די קלעזמער. נאָך מער, ער וועט האָבן זײַן אייגן שטיקל געלעגער, זײַן אָרעם שטיקל ברויט!

מאַקס קרייסלער איז געווען אפן זיבעטן הימל! וועגן קיין גרעסערן גליק האָט ער איצט ניט געטרוימט. סאַראַ פרייד, וואָס דאָס מאָל האָט אים גע־בראַכט צו אָט דעם עטוואָס שטרענגן אפן ערשטן בליק, נאָר טײַערן מענטשן! אין מאַקס׳ אויגן האָט שימשן־האַגיבער איצט אויסגעזען שענער פון אַלע מענטשן אף דער ערד.

נאָך אילקאָ זאַגולן האָט דער גורל אים צונויפגעפירט מיט נאָך איין וווּנדערלעכן פרײַנט און לערער!

נישקאָשע, דער הימל איז נאָך ניט בא דער ערד. דעריקער — מע דאַרף קיינמאָל ניט אראָפּפאַלן בא זיך, וואָס עס זאָל ניט געשען. ער וועט זיך אונטערגאַרטלען, זיך אָנעמען מיט קויכעס און גיין ווײַטער!

דאַרף דען דער מענטש א סאַך?

ווי זאָגט עס דאָרט, דאָס אַלטע ווערטל: א וואָרעם קריכט ארײַן אין כריין און מיינט, אז קיין זיסערס דערפון איז נישטאָ.

פונעם ערשטן טאָג האָט זיך דאָ מאַקס דערפילט, ווי אין א גאַניידן. עמעס, ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך דער בעקערײַ, און ניט אזוי נאָך דער בעקערײַ, ווי נאָך זײַנע פרײַנט און כאַווײרים. אים איז געווען עטוואָס אומעטיק אָן פאַן סטאַסיקן, וואָס האָט שטענדיק אונטערגעשמייכלט און ליב געהאַט קוקן, וויאַזוי ער, מאַקס, „שפּילט טעאַטער". אים האָט אויך אויס־געפעלט דער פאַרדײַגעטער און האַרציקער, כאָטש שטרענגער, סטעפּאַן גור־ציוק, די פרײלעכע און באַריידעווודיקע פריסקע מיט איר שאַרף צינגל. ער האָט אפילע צײַטנווײַז געבענקט נאָך דער קאָמישער באַלעבאָסטע, דער פּאַני זשיכלינסקאַ. אָבער מער פון אַלץ האָט אים דאָ אויסגעפעלט זײַן ער־שטער לערער און וועגווײַזער אילקאָ זאַגול, יענער האָט אים געקענט ענטפערן אף אַלע זײַנע קאַשעס, וואָס זײַנען אַלעמאָל אופגעשווומען בא אים אין מויעך.

אף זײַן נײַער שטעלע האָט זיך מאַקס געפילט גאָר ניט שלעכט, כאָטש שימשן־האַגיבער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אז מע וועט זען דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט, און אן עק פון א פאַרזשאַווערטן הערינג וועט זײַן א גרויסער יאָמטעוו...

צו דעם האָט ער זיך צוגעווויינט, און אף מאַקס׳ פּאָנעם האָט מען קיינ־מאָל ניט געזען קיין מאָרעשכוירע. ער איז מיט אַלץ געווען צופרידן. ס׳איז אים געווען צום האַרצן די פרײלעכע און אָרעמע בראַנזשע אַקטיאָרן פונעם וואַנדער־טעאַטער, ער האָט געהאַט פאַרגעניגן פונעם ארומלויפן איבער די גאַסן און געסלעך פון קאָלאָמײע קלעפּן אפישעס אף די ווענט און פּלויטן. ער פלעגט גערן אופהענגען אף זיך א גרויסן פּלאַקאַט, ארומגיין און שרײַען: „קומט אין טעאַטער זען „אוריעל אַקאָסטאַ!". עס שפּילט דער באַרימטער טראַגיקער אָסקאַר שאַפּיראָ און זײַן טעכטערל עסטערקע!", „אײַלט זיך זען

די טראַגעדיע „דער קיניג ליר!“, „אויב איר ווילט זיך אָנוויינען און אָנלאַכן צו זעט, — קויפט בילעטן און קוקט „די קישעפמאכערן“!“, „מאָרגן קאָנט איר זען „טעוויע דער מילכיקער“, „באר־קאָכבא“, „כאַסיע די יעסוימע“! לויפט זען די לעצטע גאַסטראָלן פון זגורסקיס טעאַטער, וואָס פאָרט אינגיכן אוועק פון קאָלאָמייע קיין פאַריזש, ניו־יאָרק, דראָהאָביטש, באָריסלאַוו, קאָוואַליוּוקע! קויפט בילעטן!“.

שימשן איז געווען שטאַרק צופרידן מיטן באָכער, וואָס האָט אויסגעפילט אַליץ, וואָס ער האָט אים געהייסן. מאַקס האָט אים פאַרשטאַנען אַפן וווּנק. דעריקער איז ער געווען באַגײַסטערט דערפון, וואָס דער באָכער האָט אים געפּאָלגט און אָנגעטאָן אַפן קאַרק א פּלאַקאַט, געלאָפן איבער די גאַסן פאַרופן דעם עולעם אין טעאַטער. שימשן־האַגיבער האָט זיך אַמאָל וועגן דעם פאַרהיקעט פאַר די אַקטיאָרן, האָבן זיי אים אָנגעקוקט ווי א מעשוגע־נעם — נאָר דאָס גייט זיי אָפּ! אויב ער וויל שטאַרק, האָבן זיי אים גע־זאָגט, זאָל ער אַליין דאָס טאָן. שימשן האָט שוין אַליין געוואָלט אויספילן די דאָזיקע שליכעס, האָבן די כעוורע אים אויסגעלאַכט:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן! ביסט, שימשן־האַגיבער, מעשוגע צי כאַ־סערדייע? וואָס הייסט, דו וועסט גיין איבער די גאַסן מיט א פּלאַקאַט און שרײַען? וועסט מאַכן דעם טעאַטער אומגליקלעך. דער צושויער וועט דערהערן דײַן לאַשן, וועט מען מיינען, אַז אַלע זײַנען מיר אַזעלכע, ווי דו, און קיינער וועט אונדזער שוועל ניט וועלן אריבערטרעטן...

מאַקס אָבער האָט א פײַנע שטים און איז דערצו נאָך א שיינער באָכער, מיידלעך פאַרקוקן זיך אַף אים און עסן אים מאַמעש מיט די אויגן. און טאַקע, נאָך דעם, ווי ער איז עטלעכע טעג ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן מיטן פּלאַקאַט, האָט מען פאַרפולט דעם טעאַטער, קיין בילעטן ניט געקאָנט קריגן!

עס איז אוועק א שטיקל צײַט, און ווידער האָט זיך אָנגערוקט א כמאַרע איבער דעם טעאַטער. שימשנס צוויי געהילפן, וועלכע האָבן דאָ צונויפגע־קלאַפּט די דעקאָראַציעס, האָבן זיך צעבונטעוועט, לעמײַ מע צאָלט זיי ניט, און געוואָרפן די אַרבעט. שימשן איז ארומגעגאַנגען אָן א קאָפּ. וואָס טוט מען? נאָר מאַקס האָט אים באַרויִקט:

— ערגערט זיך ניט, פעטער שימשן. מיר וועלן זיך שיין באַגיין אָן זיי. ווי זאָגט דאָס ווערטל: ווייניקער עולעם, איז גרעסער די סימכע!

— אוי, מײַן טײַער שפּילפייגעלע, — האָט זיך שימשן־האַגיבער דער־פרייט, — ביסטו דאָך א כאָכעם!

זיי האָבן ביידע געהאָרעוועט טאָג ווי נאַכט. שימשן איז געווען גליקלעך, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַזא מענטשן. אין טעאַטער האָט מען זיך צו שימשענען ווייניק וואָס צוגעהערט, כאָטש ער איז געווען זגורסקיס רעכטע האַנט, און נאָך ווייניקער האָט מען אים געפּאָלגט. איצט האָט ער זיך דער־פילט, ווי אַן עכטער באַלעבאָס אין טעאַטער. דער יונגער געהילף זײַנער איז אים פאַרלאָפן אַלע וועגן, בליצשנעל אויסגעפילט אַליץ, וואָס ער האָט אים באַפוילן.

שימשן־האַגיבער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט באַפֿוילן זײַן געהילף, אַז ער האָט אַפּילע אָנגעהויבן אַף אים שרײַען, דערמיט געוואָלט באַווײַזן די אַרטיסטן, אַז ער, שימשן־האַגיבער, קאָן אויך אופֿהייבן אַ קאָל. מאַקס האָט איין מאָל אָפּגעשוויגן, אַ צווייט מאָל זיך ניט געמאַכט וויסנדיק, נאָר דאָס דריטע מאָל איז עס אים נימעס געוואָרן, און ווען יענער איז אַף אים אָנגעפֿאַלן, גענומען שרײַען פֿאַר עפּעס אַ קלייניקײַט, זיך טשעפּען צו אים, האָט מאַקס זיך אָוועקגעשטעלט, אים באַרויִקט און זיך אָנגערופֿן:

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, פּעטער שימשן? איך האָב אײַך גאָר פֿאַרגעסן זאָגן, אַז איך האָב זייער ניט ליב, ווען מע שרײַט אַף מיר, ווען מע טשעפּעט זיך אומזיסט. איך געדענק, אָט ווען איך האָב אויסגעלאָדן אַף דער סטאַנציע וואַגאָנעס, איז געקומען איינער אַ כאָכעם און אָנגעהויבן שרײַען אַף מיר, גוואַלדעווען, זיך טשעפּען. האָב איך איין מאָל אָפּגעשוויגן, אַ צווייט מאָל, און אַפֿן דריטן מאָל, ווען ער איז אָנגעפֿאַלן און גענומען באַליידיקן, האָב איך אים, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, דערלאַנגט אין דער זײַט און אים צעבראָכן אַ ריפּ... צוויי וואָכן איז ער געלעגן אין שפּיטאָל, און מער האָט ער אַף מיר ניט געשריגן...

דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער, איז שימשן־האַגיבער געבליבן געפּלעפֿט. אַ פּאָר טעג נאָך דעם האָט ער ניט גערעדט מיט מאַקסן, נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט דעם באָכער איז געפֿערלעך שפּאַסן, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— נאַרעלע, האָסט זיך ניט וואָס צו באַליידיקן אַף מיר. האָסט ניט ליב, אַז מע שרײַט אַף דיר, מיילע, וועל איך ניט שרײַען. דו ווייסט דאָך, אַז דאָס האָב איך געשריגן אַף דיר אין גוטן מוט. אַזאַ יאָר אַף מיר, וואָס פֿאַר אַ יאַט דו ביסט! אויב אַזוי, וועלן מיר שוין לעבן בעשאָלעם... איך האָב דאָך מיט דיר געטריבן קאַטאָוועס. נו, גענוג, בלאָז זיך ניט, ווי אַן אינדעק. עס טרעפֿט אַמאָל, עס כאַפּט זיך אַרויס אַן איבעריק וואָרט. אַ קאַץ איז איבערגעלאָפֿן, טאָ לאָמיר זי נעמען פֿאַרן עק און אַרויסמאָרדעווען צו אַלע רוכעס!.. דו האָסט מיך פֿאַרשטאַנען, מאַקס?

— איך האָב אײַך פֿאַרשטאַנען, פּעטער שימשן... — האָט רויִק געענטפֿערט מאַקס, און ס'איז צווישן זיי געוואָרן שאָלעם. מע האָט זיך נאָך שטאַרקער באַפֿרײַנדעט.

יאָ, נאָר מיר האָבן, דאַכט זיך, זיך ווידער אָפּגעווענדט אין אַ זײַט און פֿאַרגעסן אינעם טעאַטער.

איז וואָס איז אַזוינס טעאַטער?

אויב איר מיינט, כאָלילע, אַז טעאַטער איז דאָס, וואָס ווערט געשפּילט אַף דער בינע, האָט איר אַ גרויסן טאָעס! טעאַטער איז גאָר עפּעס אַנדערש. טעאַטער זעט איר אַף יעדן טריט און שריט. קאָלאָמייע אַליין, אויב איר ווילט, איז פֿאַר מאַקסן געווען טעאַטער. גייט אַף טשיקאַוועס אַרײַן אין אַ באַקאַליינע קלייטל און כאַפּט אַ קוק, וויִאַזוי אַ באַלעבאָסטע דינגט בײַ אַ קרעמער אַ הערינג; אויב איר האָט עס געזען, דאַרפֿט איר שוין ניט קיין טעאַטער. איר קאָנט פּלאַצן פֿון געלעכטער, קוקנדיק, ווי אַ ציגײַנער אַפֿן

יאריד פארקויפט א פויער זײַן שקאפּע, וועלכע ער האָט פריִער אָנגעבלאָזן, ווי א פּויק, זי זאָל האָבן א פּאָנעם פון א שטיקל שקאפּע. איז דאָס דען ניט טעאַטער? נו, און ווען איר זעט, ווי צוויי אַלט־פארזעסענע מוידן פּאַטשן זיך און שלעפּן איינע די צווייטע בא די צעפּ אינמיטן דער גאס, שלאָגן זיך פאר א כאָסן? הײַנט בײַזײַן, ווען צוויי פורמאנעס טײַנען זיך אויס אף זייער לאָשן מיט א קארגן פארשוין...

נייק, קיין שענערן טעאַטער דארף מען ניט!

מאקס האָט ליב געהאַט זיך צוקוקן צו אזעלכע בילדער און, קומענדיק צו שימשענען, זיך אוועקשטעלן און נאָכמאכן יעדן איינעם מיט אַלע פּיש־טשעוקעס.

שימשן־האַגיבער האָט געקוקט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געלאכט און איינמאָל געהאַט געזאָגט:

— איך זע, ברודערקע, אז דו האָסט אַן אויג. בא דיר איז א גוטער אויער... איך זע, אז עפּעס בורעט זיך בא דיר אין דער נעשאָמע. עפּעס הייב איך אָן פארשטיין, אז דו ביסט א מאמזער! ניט אומזיסט ציט עס דיך אזוי צו טעאַטער! דאכט מיר, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אז בא דיר טליִעט גאָטס פונק. ע, ווען דו האָסט נאָך א קאַפּעלע מאזל! מיט אַלץ האָט דיך דער אייבערשטער געבענטשט; ווען ער זאָל דיר נאָך געבן כאָטש פאר דרײַ גראָשן מאזל!..

גיי זײַ א כאָכעם און שטויס זיך אָן, אז ניט בלויז דער טעאַטער, די קונסט, האָט, ווי מיט א מאגניט, צוגעצויגן צו זיך דעם באָכער פון קאָ־וואַליוקע, נאָר גאָר זי, עסטערקע שאַפּיראָ!

שימשן־האַגיבער האָט דאָס שוין לאַנג באמערקט, נאָר אים האָט זיך גע־דאכט, אז דאָס ווײַזט זיך אים בלויז אויס. דו הער נאָר, וואָס א בעקער־יונג קאָן זיך פארגינען! זע, אף וואָס ער קאָן זיך פארמעסטן! ניט קיין נאַר! צו הויך אָבער פליסטו, מײַן טײַער שפּילפּייגעלע! זע, זאָלסט, כאָלילע, ניט צעברעכן די פליגעלעך! דאָס ניסעלע איז ניט פאר דײַנע ציינדעלעך...

אזוי האָט זיך געקלערט שימשן־האַגיבער, נאָר וועגן דעם ניט געזאָגט מאקסן. ער האָט ניט געוואָלט אנטוישן זײַן יונגן געהילף. וואָס אַרט עס אים, שימשענען? זאָל דער באָכער טראכטן, טרוימען. עס קאָסט אים, שימשענען, טײַער אין קלייט אַרײַן? דערצו נאָך, אז א מענטש האָט א טרוים, איז אים שטענדיק גרינגער לעבן אף דער וועלט, ער ווערט לײַטישער, איי־דעלער, בעסער...

איז ווו זשע האַלטן מיר? ווו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? וואָס זשע איז אזוינס טעאַטער?..

פאר מאקסן און שימשענען הייבט זיך אָן טעאַטער ערשט דעמלט, ווען עס לאָזט זיך אראָפּ דער פאָרהאַנג און עס הילכן אָפּ אין זאַל די אַפּלאָדי־סמענטן; ווען דער אוילעם גייט זיך פאנאנדער און די געבײַדע ווערט פּוסט. די אַרטיסטן, מידע און פארמאַטערטע, שלעפּן אראָפּ די קאַפּאָטעס פון זיך, די פּראַקן, די פּאַריקן, וואשן זיך אראָם און אנטלויפן זיך אָפּרוען.

דאָ, אין טעאטער, אַף דער בינע, בלײַבן זיי זאַלבעצווייט — שימשן־האגיבער און מאקס קרייסלער. אַט דעמלט ערשט הייבט זיך אָן דער עמע־סער טעאטער!

צוגעקליבן די בינע, צונויפגענומען דאָס ביסל אָרעמקייט, פאַרקלײַבן זיי זיך אין זייער ווינקל, כאפּן איבער מיט וואָס סע מאכט זיך, מע שווענקט דורך די קישקעס מיט א קווערטל אָקרעפּ, און — הוליע, קאפּצן! מע ווערט פרייליך. שימשן־האגיבער רוקט צו נענטער צו זיך דאָס קראָסין־לעמפּל, נעמט ארויס פון זײַן קאסטן, וואָס איז פארשלאָסן אַף דרײַ שלעסער, א פּיעסע, וואָס נאָר ער איינער קאָן זיך פאנאנדערקלײַבן, וואָס איז דאָרט אָנ־געשריבן, און הייבט אָן דעקלאמירן אַף א קאָל פארשיידענע מאָנאָלאָגן.

די ערשטע צײַט, ווען שימשן־האגיבער פלעגט, ווי אָסקאר שאפּיראָ, זיך אוועקשטעלן, פארלייגן די הענט אַף דער ברוסט, שטאָלץ פארהייבן דעם קאָפּ און אָנהייבן לייענען אַף א קאָל א מאָנאָלאָג פון „אָטעלאָ", „שיילאָק", „אקאָסטא", „טעוויע", „באר־קאָכבא", האָט מאקס קוים זיך אײַנגעהאלטן, ער זאָל זיך ניט צעלאכן, אָבער אינגיכן האָט ער אופגעהערט באמערקן שימשנס כיסאָרן — ריידן אונטער דער נאָז, — און ער האָט אים געהערט מיט פארטײַעטן אָטעם. מאקס האָט דערבײַ ניט איין מאָל געטראכט, ווי אכזאָריעסדיק עס איז דאָס לעבן. וואָלט שימשן ניט געהאט אזא כיסאָרן, וואָלט ער געווויס געווען א בארימטער אקטיאָר, געשפּילט, מעגלעך, ניט ערגער, ווי אָסקאר שאפּיראָ.

שימשן־האגיבער האָט באגײַסטערט געקוקט אַף זײַן געהילף און געווען שטארק צופרידן, ווײַל ווער נאָך וואָלט געווען א באלן זיצן אזוי און הערן, וויאַזוי ער דעקלאמירט? מאקס האָט געקאָנט שאָענוויײַז הערן, ווי שימשן דעקלאמירט, לייענט, דערציילט.

פארענדיקט לייענען, פלעגט שימשן אקוראט צונויפלייגן די צעוואָר־פענע בלעטלעך פון די פּיעסן און זיי זאָרגזאם באהאלטן צוריק אין קאסטן, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט צעשיידט, ווי מיט דעם טײַערסטן אין לעבן. די שליסל פון קאסטן האָט שימשן ניט פארטרויט אפילע מאקסן.

— האָב אַף מיר ניט קיין פאריבל, טײַערער, ווײַל ניט פון דיר באַ־האלט איך עס. קיינעם לאָז איך ניט צו צו אָט דעם קאסטן. דעם אייגענעם טאטן וואָלט איך ניט פארטרויט די שליסל. אין דעם קאסטן, דארפסטו פאר־שטיין, ליגט דער גרעסטער אויצער פון דער וועלט. פארשטייסט? ניט, כאָ־לילע, קיין גאָלד און ניט קיין בריליאנטן. די צאצקעס האָב איך טיף אין דער ערד, ווײַל זיי ברענגען מענטשן גרויסע צאָרעס און אומגליקן. דאָ, בא מיר אין קאסטן, דארפסטו וויסן זײַן, געפינט זיך די כאָכמע פון דער וועלט, דאָ ליגט דאָס געוויין, דער טרויער, די ליבע, דער האס, דער אייפער, די גוטסקײַט און נישטיקײַט, דער עמעס און די פאלשקײַט, די גרויסקײַט, צווייפענעמדיקײַט פונעם מענטשן, דאָ ליגט די פאכדאָנעס און העלדישקײַט, דער יוישער, די קריוודע... נו, פרעג איך דיך, אָט דאָס איז טײַערער פון גאָלד און בריליאנטן, צי ניט? דו פארשטייסט, וואָס איך רעד צו דיר, צי דו פארשטייסט ניט? פארשטייסט, מאקס? זייער גוט! הײַנט זעסטו שוין,

וואָס דאָס איז פאַר אַ קעסטל און פאַרוואָס איך היט עס, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג? דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס די גרעסטע שריפטשטעלער האָבן פאַרפאַסט, געפינט זיך בײַ מיר אונטער אָט די דרײַ שלעסער... מענטשן פרעגן בײַ מיר, וויאַזוי טראָג איך איבער אַלע צרות, פאַרוואָס מוטשע איך זיך דאָ, אין טעאַטער? גיי דערצייל זיי, אַז אָט דאָס קעסטל האַלט מיך אונטער בײַם לעבן! ווי עס זאָל מיר ניט זײַן שווער און ביטער, נאָר ווען איך עפן אויף מײַן קעסטל, דאָס הייסט מײַן אוצר, און זעץ זיך אַוועק לייענען, פאַרגעס איך אין עסן, אין טרינקען, אין אַלע נאַרישקײַטן, נישטיקײַטן. איך דערפיל, אַז איך בין אַ מענטש! און אַן עכטער מענטש! עס ווערט מיר דעמלט ליכטיקער אין די אויגן, גרינג אויף דער נשמה. וואָס מיר צרות, ווען מיר ווייטעקן, ווער הונגער, וואָס הונגער — איך בין אַ מענטש! פאַרשטייסט, מאַקס?

— אַוואַדע פאַרשטיי איך, פעטער שימשן...

— אויב אַזוי, האָב איך דיך ליב. אײַך גאָט האָט דיך צוגעשיקט צו מיר. נו, און אויב, ברודערקע, דו פאַרשטייסט אַלץ און דו ביסט מיט מיר מאַסקים, דאַרף מען זיך צולייגן שלאָפן, ווײַל, ווי דו זעסט, נעמט שוין טאָגן, אונדזער אימפּרעסאַריאָ וועט זיך מיסטאָמע באַלד אומקערן פון זײַנע ליבעשפּאַצירן און אַרײַנשמעקן אַהער. טאָמער דערזעט ער, אַז מיר זיצן בײַ אַ לעמפּל, וועט ער אונדז אויסזידלען מיט די מיִעסטע ווערטער, לעמײַ מיר שלאָפן זיך ניט אויס און גייען אַרום אַ גאַנצן טאָג, ווי פאַרכאַלעמטע, ברעגען בײַ דער אַרבעט, ווי נאָס האַלץ. איז שלאָף, ברודער־לעבן. אַ גוטע נאַכט. מאָרגן, אַז מירן לעבן, וועלן מיר נאָך עפּעס לייענען. אַבי דו וועסט האָבן כּיישעק הערן. ווי דו זעסט, האָב איך אַ גאַנצן קאַסטן מיט פּערל, דימענטן און בריליאַנטן.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום, ווען מע האָט זיך גוט־גוט באַפרײַנדעט, האָט שימשן־האַגיבער אָנגעהויבן פאַרטרויען מאַקסן די שליסל פונעם קאַסטן מיטן אוצר, און דער באָכער האָט שוין אַליין געמעגט נעמען דאָרט, וואָס ער וויל, און לייענען. ווי נאָר שימשן פלעגט אָנהייבן כראָפּען אויף זײַן קייזערלעכן געלעגער, פלעגט מאַקס זיך צוכאַפּן צום אוצר און זיך זעצן בײַם לעמפּל לייענען ביזן גרויען פרימאָרגן.

פאַר מאַקסן האָבן זיך געעפנט נײַע וועלטן. יאָ, האָט ער געקלערט, עס איז קעדײַ לײַדן צוליב דעם הונגער און קעלט, גיין אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, איבערטראָגן צרות און ווייטעקן. ער האָט איצט געקוקט אויפן אַרום מיט גאָר אַנדערע אויגן, טיפער, ברייטער. ס'אַ גליק, וואָס דער גורל האָט אים צונויפגעפירט מיט אָט דעם אָרעמען, איינזאַמען מענטשן, איבער וועלכן די אַרומיקע טרײַבן אָפּט קאַטאָוועס. שימשן־האַגיבער שטייט העכער פון זיי אַלעמען אויף צען קעפּ. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ ריינער נשמה. פאַר מאַקס קרייסלערן איז שימשן געווען דער שענסטער און בעסטער אויף דער וועלט, און ער איז געווען גליקלעך, וואָס אַזאַ מענטש האָט זיך אים באַגעגנט אויף זײַן שווערן און נעפּלדיקן וועג.

אין דער גרויסער וועלט אַרײַן

דער פֿרילינג און דער זומער האָבן קיין גרויסע גליקן דעם טעאַטער נים געבראַכט, קיין פֿרייד — אוואַדע ניט, אויב, פֿאַרשטייט זיך, ניט רע־כענען דאָס, וואָס זגורסקי דער דריטער האָט מיט מאָל אָפּגעשפּילט אַ שפּאָגל־נײַע כאַסענע.

דאָס מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, זגורסקין, אַז ס'איז גאָר אַ פֿײַנער שידעך, געמאַכט גאָר אַ פֿײַן געשעפֿט, און דאָס וועט שוין טאַקע זײַן די לעצטע כאַסענע, ווי זאָגט מען עס, דאָס וועט זײַן זײַן שוואַנען־ליד. וויפֿל איז טאַקע דער שיר זיך מאַכן נאַריש, הולען? ווי דו זאָלסט ניט דרייען, נאָר דו ווערסט אַלט און שוואַך, די יאָרן נעמען זיך זייערס. און ווי זאָגט יענער כאָכעם — קיין זאַך עלטערט אַזוי ניט דעם מענטשן, ווי די יאָרן...

יאָ, דאָס מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, זגורסקין, אַז ער האָט אויס־געקליבן דאָס, וואָס מע דאַרף. גענומען האָט ער אַן אַלמאָנע. ניט קיין גאָר שיינע, ניט קיין גאָר יונגע, ניט זייער קיין כיינעוודיקע, נאָר דערפֿאַר רײַך, ווי קורעך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דעם נאַדן, וואָס ער וועט באַקומען, וועט ער קאָנען פֿאַרנוצן לעטויוועס דעם טעאַטער, אויך די אַקטיאָרן וועלן עפּעס וואָס קריגן און קאָנען פֿרײַער אָפּאָטעמען, זיך אָנטאָן, אַרויסקריכן פֿונעם אייביקן דאַלעס, פֿון דער גרויסער נויט, זיך פֿאַנאַנדערצאָלן מיט די מיִעסע פּראָצענטניקעס, דעקן אַ טייל כויוועס...

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געהוליעט אַף דער כאַסענע. געווען איז דאָס שוין איינמאָל אַ כאַסענע — מיט קלעזמער! אָבער גיי זײַ אַ בעריע און ווייס, אַז די גאַנצע כאַסענע איז גאָר קיין כאַסענע ניט. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז פֿון אַלע אירע צוזאָגעכצן, פֿונעם נאַדן און פֿון אירע רײַכטימער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. דאָס צווייטשטאָקיקע הויז אין צענטער שטאָט, וווּ די קאַלע האָט אופֿגענומען דעם כאָסן, האָט זיך אויסגעלאָזט ניט אירס — זי האָט עס געדונגען אַף אַ קורץ שטיקל צײַט, דער כאָסן זאָל מיינען, אַז זי איז רײַך... די רײַכע קליידער מיטן צירונג האָט זי אַנטליִען בײַ אירע קרויווים. די כאַסענע־וועטשערע האָט זי באַשטעלט אַף דעם אימפּרעסאַריִאָס כעזשבן. די קלעזמער האָט זי אײַנגערעדט, אַז זגורסקי וועט באַצאָלן.

דעם צווייטן טאָג נאָך דער רוישיקער כאַסענע האָבן זיך צו זגורסקין אַ לאָז געטאָן די קרעדיטאָרן, בײַ וועמען די קאַלע האָט גענומען געלט אַף דעם מאַנס כעזשבן. און ווען זגורסקי פֿאַרקויפֿט דעם טעאַטער מיט די אַקטיאָרן אינאיינעם, וואָלט ער זיך ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערצאָלן פֿאַר דעם ווײַבס כויוועס.

קורץ גערעדט, זגורסקי דער דריטער האָט געמוזט אַנטלויפֿן אינמיטן דער נאַכט. ער איז נעלעם געוואָרן — קיין פֿויגל האָט אפֿילע ניט געזען ווען און וואָס.

דאָס ערשטע מאָל האָט אים אַזוי מיִעס אָפּגענאַרט אַ קליפּע. נאָך דעם דורכפֿאַל האָט זגורסקי דער דריטער געפֿויעלט בײַ זיך, אַז ער בלײַבט אַף

אייביק א באָכער, וועגן קיין ווײַבער וועט ער שוין קיינמאָל אפילע ניט טראכטן, ניט קוקן אין זייער זײַט.

דער כאָסנבאָכער האָט פארן אנטלויפן געזאָגט שימשענען בעסאָד־סוי־דעס, קיין האָן זאָל אפילע ניט קרייען, ווהין ער פאָרט, און געהייסן, ער זאָל ווארטן אף א טעלעגראמע, ער, זגורסקי, וועט אים צו וויסן געבן, ווען און וווהין די טרופּע זאָל ארויספאָרן.

ווי א טרײַער קנעכט, פארשטייט זיך, האָט שימשן־האגיבער בעשטיקע געגומען גרייטן דעם אוילעם אין וועג ארײַן.

נאָר גרינג אויסצורײדן — פאָרן! וויאזוי לאָזט מען זיך אין וועג ארײַן מיט אזא כאליאסטרע, אז אין קאסע איז נישטאָ קיין צעבראָכענער גראָשן? כוץ אלעמען, איז מען מיט דער כאסענע אזוי ארײַנגעקראָכן אין כויוועס, אז מע זאָל האָבן אן אייגענע באנק, וואָלט מען זיך אויך ניט געקאָנט צע־צאָלן. הײַנט האָט ער געהאט, שימשן, צו זינגען און צו זאָגן פון זגורסקיס בײַ־צאפּלדיק ווײַבל, וואָס האָט אײַנגעלייגט וועלטן.

אפן הארצן איז געווען גאָר ביטער. שימשן־האגיבער האָט באקומען די יעדיע, אז מע זאָל זיך לאָזן אין וועג. דער כאָסנבאָכער האָט צוגעשיקט די שיינע טעלעגראמע. נו, און ווו נעמט מען אף הויצאָעס? צי עפשער גיין צופוס און שלעפן אף די פּלייצעס דאָס פארמעגן?

א מאפּאָלע אף דעם זגורסקין, טאָמיד שטעלט ער אים, שימשענען, אין אזא מיִעסער לאַגע — כאָטש לייג זיך אוועק און שטארב!

עס איז גוט צו פאָרן, אז עס פאָרט זיך. וויאזוי פּעקלט מען כאָטש ארי־בער די דעקאָראציעס מיטן רעקוויזיט? און וואָס טוט מען מיט די מענטשן?

שימשן האָט אראָפּגעלאָזט די הענט, ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס מע טוט. איין זאך איז קלאָר, אז דער טעאטער וועט פּלאצן. די ארטיסטן וועלן זיך צעלויפן.

א גאנצע נאכט איז ער אָפּגעזעסן מיט אָסקאר שאפּיראָן איבער א ביי־געלע פּאפּיר, און מע האָט געכעזשבנט. זיי האָבן געדרייט אהין, געדרייט אהער, נאָר ווי מע האָט זיך ניט געבראָכן די קעפּ, זיך ניט געשניטן די פינ־גער, האָבן זיי קוים מיט צאָרעס צונויפגעשלעפּט א ביסל זלאָטעס אף אָפּשיקן א טייל דעקאָראציעס, די קעסטלעך רעקוויזיט און אף קויפן בי־לעטן פאר עטלעכע אקטיאָרן.

און וואָס טוט מען מיט די איבעריקע?

די איבעריקע דארפן זיצן אף אן אָרט און ווארטן, ביז זגורסקי דער דרײַ־טער וועט שליסן ערגעץ א קאָנטראקט, כאפּן א גמילעסכעסעד און ארויס־שיקן געלט פאר די איבעריקע מענטשן. וואָס נאָך קאָן מען צוטראכטן? דער אימפּרעסאריאָ זאָגט דאָך שטענדיק, אז ס׳זײַנען נישטאָ קיין פינגער, קען מען קײַן פײַג ניט שטעלן...

אז מע האָט צונויפגענומען די מענטשן און שימשן־האגיבער האָט דער־ציילט, וואָס פאר א פּלאן ער מיט אָסקארן האָבן צוגעטראכט, איז געוואָרן א טומל מיט א געוויין. געיאָמערט האָבן יענע, וואָס האָבן געדארפט איבער־בלײַבן און ווארטן, ביז זגורסקי דער דריטער וועט זיך איבער זיי דער־

בארעמען און ארויסשיקן געלט אף הויצאָעס — מע קאָן אזוי ווארטן, ביז מאָשיִעך וועט קומען. דער טײַוול קאָן זיך דאָרט אָפּזוכן אנדערע אקטיאָרן. אזעלכע, ווי אָסקאר, עסטערקע, וועט ער ניט קריגן. נאָר אנדערע — וויפל זײַן הארץ גלוסט!

דערווײַל איז מען ארײַנגעפאָרן אין טיפן אָסיען. עס האָבן גענומען גיסן די שיינע רעגנס, יענע, וואָס אז זיי הייבן אָן גיסן, פארגעסן זיי אופהערן. אפן הארצן בא יעדן איז געווען גוט אָנגעזאָלעט.

אין איינער א פינצטערער, כווישעכדיקער נאכט, ווען דער רעגן האָט מוירעדיק געגאָסן און עס האָט זיך געדאכט, אז עס הייבט זיך אָן דער צווייטער מאבל, האָט מען זיך געלאָזט אין וועג.

מע האָט געשלעפּט אף זיך דאָס ביסל פארמעגן און וואָס עס האָט זיך געלאָזט. די עטלעכע גליקלעכע, וואָס האָבן געהאט בילעטן אפן צוג, האָט מען ארופגעזעצט אף צוויי דראָזשקעס, און מע האָט זיי ארויסבאגלייט מיט געיאָמער, ווי אף א לעווײַע.

מער פון אלעמען האָט איבערגעלעבט שימשן־האגיבער. און ניט דער־פאר, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אלעמען מיטנעמען, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט דאָ געמוזט איבערלאָזן זײַן יונגן פרײַנט מאקס קרייסלערן. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס וועט ער טאָן אפן נײַעם אָרט אָן אָט דעם געטרײַען, איבערגעגעבענעם באָכער. וויפל ער האָט ניט אײַנגעטײַנעט, שימשן־האגיבער, מיט אָסקארן, אז דעם געהילף זײַנעם מוז מען מיטנעמען, האָט יענער אזוי אויסגעדרייט, אז פאר יענעם איז ניט געבליבן קיין בילעט אפן צוג.

שימשן־האגיבער איז ארומגעגאן א שווארצער, ווי די ערד, און זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אָבער נאָך מער דערשלאָגן און דערנידעריקט איז געווען מאקס. ער האָט זיך אפילע ניט געקאָנט געזעגענען מיט עסטער־קען, ניט געקאָנט איר זאָגן עטלעכע ווערטער. דער טאטע איז איר נאָכגע־גאנגען פוסטריט, ווי א שאָטן, און פון איר דאָס אויג ניט אראָפּגענומען. אָסקאר האָט שוין פון א לענגערער צײַט באמערקט, אז זײַן טאָכטער איז ניט גלײַכגילטיק צו דעם באָכער, און ער האָט אלץ געטאָן, זיי זאָלן זיך ניט באגעגענען. ווי מאקס האָט זיך ניט באמיט בלײַבן מיט איר זאלבעצווייט אף עטלעכע מינוט כאָטש, האָט זיך אים עס ניט אײַנגעגעבן, און ער איז ארומגעגאנגען, ווי אן אָפּגעשמיסענער.

— דו, ווילדע בריִע, — האָט אים פאָרן פארן געטרייסט שימשן־האגי־בער, — האָב איך דיר דען פון אָנפאנג ניט געזאָגט, אז דו וועסט דאָ האָבן גרויסע צאָרעס? דו מיינסט נאָך אלץ, אז טעאטער איז דאָס זעלבע, וואָס באקן בייגל? דו געדענקסט מײַנע ווערטער? ווען דאָס פובליקום זיצט אין זאל און לאכט, ווייסט עס ניט און וויל ניט וויסן, וואָס עס טוט זיך בא דיר אין טעלער, אפן הארצן... אָסקאר שאפּיראָ איז א גוטער אקטיאָר, נאָר בע־כאראקטער א טרוקענער, א שווערער מענטש. ער האָט ליב פארײַסן די נאָז, קוקט אף אונדז, פראָסטע מענטשן, פון אויבן־אראָפּ. נעכטן איז ער אף מיר געווען אין קאס און מיך ניט געקאָנט אָנקוקן, הײַנט איז ער אף דיר אָנ־

8—157

געדרודלט... נאָר עס וועט בא אים דורכגיין דאָס מעשוגאַס. צווישן אונדז גערעדט, ליגט ער בא אונדז אויך גוט אין דער אדאָמע. וואָס מיינסטו, אז בא אים איז א גוט לעבן? ער האָט זיך אויך געגוג אָנגעבידעוועט... דו ווייסט, דאכט זיך, אז דאָס ווײַב איז בא אים געשטאָרבן, אָלעווהאשאָלעם, ווען עסטערקע איז געווען א ברעקל קינד. און א ווײַב האָט ער געהאט — א ברילּיאַנט. ראָכעלע שאפּיראָ. א גאָלדענע אקטריסע געווען. אַף דער בינע איז זי געשטאָרבן. זי האָט געהאט א שוואך האַרץ. און דעם צווייטן טאָג נאָך איר טויט האָט שוין אָסקאר געמוזט שפּילן פריילעכע ראָלן. אָט דאָס איז דאָס לעבן פון אן אקטיאָר.... ער פלעגט קומען מיטן קינד אַף די הענט אין טעאטער, עס אוועקלייגן אַף א בענקל הינטער די קוליסן און אליין גיין שפּילן. דאָס קינד ווערט דאָרט צעריסן פון געוויין. בייס דעם אנטראקט האָדעוועט ער ווי־ניט־איז אָן דאָס קינד, פּאָיעט עס אָן, באלייגט עס ווידער שלאָפן אפן בענקל און לויפט אַף דער בינע מאכן לאכנדיק דעם עולעם... אזוי האָט ער זיך געמוטשעט מיט עסטערקען, ביז ער האָט זי געשטעלט אַף די פיס... דאָס איז זײַן גאנץ לעבן — עסטערקע. איז ער מעשוגע, אז ער דערזעט, ווי א באָכער טוט אַף איר א קוק. א מעשוגאס בא אים, וואָס וועסטו טאָן? ער ציטערט איבער איר. די מאמע, ראָכעלע שאפּיראָ, איז געווען א צירונג פונעם טעאטער, און איצט איז זי, עסטערקע. ווען ער ציטערט ניט אזוי איבער איר, ווער ווייסט, ווו זי וואָלט שוין געשפּילט! וואָס דארפסטו מער, אנומלטן איז געקומען צו אונדז אין טעאטער איינער א וועלט־בארימטער אקטיאָר, וואָס האָט זײַן טעאטער אין בערלין, — זיגפריד לײַנארד, עפּשער האָסטו געהערט? איז אָט דער גרויסער שוישפּילער און רעזשיסער געקומען צו אונדז אין טעאטער און געזען שפּילן עסטערקען. וואָס זאָל איך דיר א סאך ברײַען? ער האָט געבעטן, מע זאָל זי אָפּלאָזן צו אים אין טעאטער. אין בערלין, האָט ער געזאָגט, זיגפריד לײַנארד, וועט זי שפּילן די שענסטע ראָלן. מיינסטו, אז אָסקאר האָט זי אָפּגעלאָזט פון זיך? א נעכטיקער טאָג! אזא מענטש איז ער... עסטערקע האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון איר גליק. זיגפריד האָט אָסקארן אויך געוואָלט צונעמען צו זיך אין טעאטער, נאָר יענער האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט הערן דערפון... מע בידעוועט דאָ, מע מוטשעט זיך...

שימשן־האגיבער האָט א זיפץ געטאָן און ארומגענומען מאקסן:

— און דו, זע איך, האָסט גלײַך אראָפּגעלאָזט די נאָז... ניט גוט אזוי. דו ביסט דאָך א יאט מיט ביינער. זײַ זיכער, אז איך וועל דיך פון זיך ניט אָפּלאָזן. איך וועל קומען אפן אָרט, וועל איך דאָס ערשטע געלט, וואָס וועט ארײַנפאלן אין קאסע, דיר צושיקן, און וועסט קומען צו אונדז...

— זאָגט מיר, פעטער שימשן, — האָט מאקס אופגעהויבן אַף אים זײַנע טרויעריקע אויגן, — ווו איז ער, דער זיגפריד לײַנארד?..

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט — ער האָט אין בערלין זײַן טעאטער. ער איז בארימט אין דער גאָרער וועלט. זײַן שפּילן! אזעלכע אקטיאָרן זײַנען דאָ געציילטע אַף דער וועלט. אזעלכע רעזשיסערן — אויך! זײַן טעאטער איז שוין געווען ווו די וועלט האָט אן עק — אין פּאריזש, לאָנדאָן, מאדריד,

פעטראָגראַד און ווו נאָר ניט? אָנקומען צו דעם זיגפרידן אין טעאַטער, דאַרף איך דיר זאָגן, איז פונקט אַזוי שווער, ווי אַרופקריכן אויפן הימל אָן אַ לייטער. איך האָב אים נאָך פאַר דער מילכאָמע געזען שפּילן, דעם לייַנאַרדן, איז עס וווּנדער. זייַן שפּילן האָב איך פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט ניט ליב קיין קונצן, קיין פּוילע שטיק אויף דער בינע. ער שפּילט אַזוי, ווי עס איז אין דער נאַטור. ער האָט גראַדע געשפּילט לוקאַ אין גאָרקיס „אויפן דעק", דו האָסט עס געלייענט. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? טאָם־גאַניידן! הייַנט שפּילט ער „אַקאָסטאַ" — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דער קאָפּ קערט זיך! די וועלט איז פון דעם אַקטיאָר אַנציקט. הערסט, ברודערקע, די לעצטע קאַפּאָטע פאַרזעצן, נאָר פאָרן אָנקוקן לייַנאַרדן... דו ווילסט דאָך וויסן, מיסטאַמע, זייַן ייִכעס? איז שטעל זיך פאָר, אַז קימאַט אַזאַ ייִכעס, ווי בײַ דיר! דייַן טאַטע איז אַ סטעלמאַך, און זייַן טאַטע איז געווען אַ סטאָליער אין האַמבורג. דו ביסט געווען אַ בעקער, און זיגפריד — אַ סטאָליער לעבן זייַן טאַטן. דו ליגסט נייַן איילן אין דער ערד און האָסט ניט אויף אַ בילעט, און ער איז אַ באַרימטער אַקטיאָר און לעבט אַ מעשוגענעם טאָג. אַזוי פירט זיך די וועלט! נאָר אים בין איך אַלץ מויכל. דאָס איז אַ טאַלאַנט, און אַזעלכע מעג מען באַגילדן. זיי זייַנען דאָס ווערט. און דיר קער זיך דאַכטן, מאַקס, אַז יענער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ באַרימטער מענטש? אַ נעכטיקער טאָג! ער האָט אויך גענוג געבידעוועט, ווי מיר. זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ דייַטשישן וואַנדער־טעאַטער, פּונקט ווי מיר. צום ערשטן צונויפגעשלאָגן די דעקאָראַציעס, געשטאַנען בײַם פאָרהאַנג, געשלעפּט אויף די פּלייצעס די קאָסטיומס, אַזוי ווי דו. גענוג זיך אָנגעבידעוועט. איצט איז ער אויפן פערדל און אַלע נעמען פאַר אים אַראָפּ דאָס היטל... וואָס נאָך ווייס איך וועגן דעם לייַנאַרדן? איך ווייס, אַז יענער פלעגט קיינמאָל ניט אַראָפּלאָזן די נאָז, ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך, ווי דו הייַנט... נאָר אַקעגן וואָס דערצייל איך דיר עס? גאָר פאַרגעסן... אַז דער קאָפּ איז אַזוי פאַרדרייט... יאָ, איז וואָס זשע וויל איך דיר זאָגן? עס וועט ניט אָוועקגיין קיין וואָך צייַט, שיק איך דיר אַרויס אויף דער הויצאָע. איך בין דיר ניט זגורסקי דער דריטער. מיר מעגסטו גלייבן. מייַן וואָרט, ווייסן מענטשן, איז אַ וואָרט, ניט דער ווינט אין פעלד!..

* * *

דאָס, וואָס שימשון־האַגיבער האָט הייַנט, שטייענדיק אויף די פיס, דערציילט מאַקסן, האָט אים אויפגעטרייסלט. אַזוי טאַקע? פון אַ געוויינלעכן האַמבורגער סטאָליער איז לייַנאַרד געוואָרן אַזאַ גרויסער אַקטיאָר? און ער, שימשון־האַגיבער, האָט אים געזען שפּילן אויף דער בינע? אַזאַ גליק! שימשון איז גלייַך אויסגעוואַקסן אין זייַנע אויגן. ער איז אים מעקאַנע געווען, מאַקס. ווען עס וואָלט געווען פרייַע צייַט, וואָלט ער שימשענען געצווונגען דערציילן נאָך וועגן דעם זיגפריד לייַנאַרדן, נאָר יענער האָט געייַלט.

הייסט עס, קען אַ געוויינלעכער מענטש ווערן אַ באַרימטער אַקטיאָר? נאָר צו דעם דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער מאַזל. ווו זשע נעמט מען עס? אָט מאַטערט ער זיך, מאַקס, בײַ זגורסקי דעם דריטן אין טעאַטער, און דאָך הענגט

ער אף א האָר. מע פאָרט אוועק, און אים לאָזט מען דאָ איבער. טאָמער שיקט מען אים ניט ארויס אף קיין בילעט, הייסט עס, אז מע דארף אים דאָרט ניט האָבן. און ווען ער איז אן אופראמער אפילע בא יענעם לײַנארדן, וואָלט ער זיך מיט אים אזוי באגאנגען, ווי דער, אָסקאר שאפּיראָ...

מאָדנע געדאנקען זײַנען געקראָכן אין קאָפּ ארײַן. נאָר שטארקער פאר אלץ האָט אים געמאטערט די צעשיידונג מיט עסטערקען. ווער ווייסט, ווען קאָן ער זי באגעגענען. געוויס דארף דאָס זײַן איר פאָטערס ארבעט. ער וויל זיי צעשיידן, בלויז ער. איצט פארשטייט שוין מאקס אלץ. ער איז געווען אזוי אין קאס אף אָסקארן, אז ער איז גרייט געווען אים צערײַסן.

ער האָט צוזאמען מיט שימשענען געבראכט צו פירן אף א טאראטײַקע דאָס ביסל דעקאָראציעס, די קאסטנס מיטן רעקוויזיט אפן פוסטן פעראָן, ווו עס האָט שוין געווארט דער צוג. דער רעגן האָט ניט אופגעהערט גיסן, און מע איז געווען נאס, ווי די קעצלעך.ביידע האָבן זיי געשלעפּט אין טונקעלן באגאזש-וואגאָן דאָס פארמעגן, און דער בייזער קאָנדוקטאָר, וואָס איז געשטאנען בא דער טיר אויך א נאסער, אן אויסגעווייקטער, האָט זיך געזידלט מיט די לעצטע ווערטער, אונטערגעטריבן, מע זאָל עס מאכן פלינקער, ער דארף דאָך פארשליסן די טיר אף א שלאָס. באלד וועט מען געבן דעם דריטן קלונג, און דער צוג וועט אוועקגיין. און די צוויי מידע פארשוינען דארפן נאָך באווײַזן צולויפן צום אנדערן עק פון צוג, ווו זייער וואגאָן שטייט. מע זאָל כאָטש באווײַזן...

די לעצטע קאסטנס האָט מען ארײַנגעוואָרפן אין באגאזש-וואגאָן. שימשון-האגיבער האָט זיך אויסגעקערט, געוואָלט זיך געזעגענען מיטן געהילף, אים נאָכאמאָל בארויִקן, בעטן, ער זאָל זיך ניט זאָרגן, ווארטן, און אלץ וועט זײַן רעכט, נאָר מאקס איז ווי אויסגערונען געוואָרן. ניטאָ! וואָס איז דאָס, קישעף? אָט אָקאָרשט איז ער געשטאנען באנאנד מיט אים, געשלײַדערט אין וואגאָן ארײַן די קעסטלעך מיטן גארדעראָב, און ניפטער געוואָרן! ער האָט אָנגעהויבן שרײַען, שימשון-האגיבער, רופן, נאָר דער רעגן האָט געשמיסן, ווי מיט בײַטשן, און דער בייזער קאָנדוקטאָר האָט שוין פארהאקט דעם באגאזש-וואגאָן און אנטרונען.

ווו זשע איז אהינגעקומען דער מאזיק? זיך אפילע ניט געזעגנט מיט אים, ניט געזאָגט, וווהין ער וועט אים ארויסשיקן דאָס געלט אף דער הויצאָע...

דער גלאָק האָט געקלונגען, און שימשון-האגיבער האָט זיך מיט אלע קויכעס גענומען יאָגן צום עקסטן וואגאָן, ווו עס זײַנען שוין געזעסן און געווארט אף אים זײַניקע.

סארא ווילדע בריִע! זעט אויס, בארויגעז געוואָרן און אנטלאָפן, — האָט זיך ניט געקאָנט בארויִקן שימשון-האגיבער, לויפנדיק צו זײַן וואגאָן.

ער האָט זיך ארופגעכאפּט אפן טרעפּל, ווען דער צוג האָט שוין גערירט פון אָרט. קוים געכאפּט דעם אָטעם. נאָך עפּעס א גליק, וואָס ער איז ניט אָפּגעשטאנען פונעם צוג. עס וואָלט געווען זייער שיין, ווען ער בלײַבט אפן פּעראָן און די ארטיסטן פאָרן אוועק. זיי ווייסן דאָך אפילע ניט, ווו מע וועט ארויספקריכן. אָן אים זײַנען זיי דאָך ווי א בלינדע טשערעדע שאָף. יאָ, נאָר

ווו איז פאַרפאַלן געוואָרן דער מאַמזער, מאַקס? ניט אַנדערש, ווי די ערד האָט אים אײַנגעשלונגען. גוט, וואָס ער האָט אים געהאָלפן אַרופשלעפן אין באַגאַזש־וואַגאָן די דעקאָראַציעס מיטן ביסל טעאַטער־פאַרמעגן. קיינער פון די אַקטיאָרן, אַ רועך אין זייער באָבעס באָבען אַרײַן, איז ניט אַרויסגעלאָפן העלפן. ער וואָלט זיי אַלעמען דאָ איבערגעלאָזט און גענומען מיט זיך איין מאַקסן, וואָלט געווען אַ סאַך גלײַכער. נאָר איצט איז שוין געווען שפּעט וועגן דעם טראַכטן. ער איז געווען מוירעדיק אופגעבראַכט אָף אָסקאַרן, וואָס האָט אָפּגעטאָן מאַקסן אַזאַ שפּיצל: זיך טאַקע דערשלאָגן זײַנס!

מיטן שווערן קאַסטן, מיט זײַן אויצער, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט זיך שימשן־האַגיבער דערשלעפּט צו דער באַנק, וואָס לעבן פענצטער, און זיך צוגעשפּאַרט צום ווענטל. כאָטש ער האָט זיך אָנגעהאָרעוועט, ווי אַן אייזל, און איז געווען דורכגענעצט פונעם רעגן און פון שוויס, שווער געאָטעמט, דאָך האָט ער זיך דאָ, אינעם ענגן וואַגאָן, דערפילט, ווי אין אַ גאַניידן. אַרומגעקוקט זיך, האָט ער דערזען אין צווייטן עק אָסקאַרן. ער האָט געררייכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן און געקוקט צום דיל. ניט ווײַט פון אים איז געזעסן אַ דערשלאָגענע, אַ פאַרוויינטע עסטערקע און געוואָרפן פון מאָל צו מאָל אירע בליקן אָף שימשענען. ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי קוקט אָף אים אַזוי. אירע אויגן האָבן געפרעגט: „ווו זשע איז אונדזער מאַקס? פאַרוואָס האָסטו אים ניט מיטגענומען?“. און וואָס האָט ער איר געקאָנט דערוף ענטפערן? זאָל זי פרעגן איר טאַטן. ער האָט דאָך קאָמאַנדעוועט — וועמען מיטנעמען און וועמען איבערלאָזן. שימשן איז אַ קליינער באַלעבאָס אין טעאַטער. אַז מע דאַרף שלעפּן אָף זיך אַ שווערע מאַסע, געפינט מען אים, נאָר וואָס שײַעך מער אײדעלע זאַכן, איז דאָ אָסקאַר שאַפּיראָ...

דער צוג איז געלאָפן אַלץ שנעלער, און די אומרויִקע געדאַנקען באַ שימשענען האָבן זיך געוויקלט, ווי אַ גרויסער קנויל. אין צווייטן עק איז געזעסן עסטערקע און ניט אַראָפּגענומען פון אים דעם בליק. קיין שלאָף האָט זי ניט גענומען. זי האָט געפילט אַ שרעקלעכע פוסטקײַט, געוועז דערשלאָגן און געפאַלן באַ זיך. שימשן האָט גוט געוווסט די סיבע דערפון. זי טראַכט וועגן דעם בעקער־יונג. זי איז, זעט אויס, אין אים שטאַרק פאַרקאָכט. ער האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז עסטערקע זאָל זײַן אַזוי איבערגעגעבן דעם אָרעמען שלימאַזל פון קאָוואַליוקע, ער זאָל איר זײַן אַזוי טײַער! און שימשן־האַגיבער האָט זיך אין דער מינוט דערמאָנט, אַז, דאַכט זיך, שלוימעהאַמעלעך האָט אַמאָל געפרעגט באַ דער וועלט אַ קאַשע: ווער קאָן דערגיין דעם סייכל פונעם פויגל־פלוג אין הימל, דעם גאַנג פון דער שיף איבערן יאַם און דעם וועג צו דער נעשאָמע פון אַ פרוי...

געוויס, דער רײַכסטער, דער שענסטער כאָסן אין דער וועלט וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען עסטערקע שטרעקט צו אים אויס די האַנט, די בעסטע און רײַכסטע יונגען וואָלטן דאָס מיידל באַגילדט, ווען זי וויל ווערן אַ קאַלע; לאָזט זיך אויס, אַז עס ציט זי צו אַן אָרעמען יונג פון קאָלאָמייע! זי האָט געקערט פאַרגעסן, עסטערקע, אַז כויץ ליבע, דאַרף מען נאָך האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ שטיקל ברויט... עך, יוגנט, יוגנט!..

אים, שימשענען, איז ניט באַשערט געווען וויסן פון עכטער ליבע. ערעוו דעם, ווי ער איז אוועק אויף דער מילכאָמע, האָט ער ליב געהאַט אַ מיידל, געטראַכט, אויב ער וועט זיך אומקערן אַ לעבעדיקער, וועט ער זי נעמען פאַר אַ ווײַב. זי האָט זיך געשוואָרן, אַז זי וועט אויף אים וואַרטן. וואָס עס זאָל מיט אים ניט געשען — צי וועט ער ווערן אַ קאַליקע, אַ בלינדער, אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס, — אַלצאיינס וועט זי פאַר אים כאַסענע האָבן! נאָר ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט זי אויף אים ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אַפילע.

טאַקע דעמאָלט האָט ער זיך געגעבן אַ ביידער, אַז ער וועט קיינמאָל ניט כאַסענע האָבן. ער דאַרף ניט, עמעצער זאָל פאַר אים כאַסענע האָבן אויס ראַכמאָנעס. איז ער טאַקע געבליבן איינער אַליין, ווי אַ סיטש. אָפּגעשטופּט דאָס ביסל יאָרן אָן ליבע, אָן אַ נאָענטן פרײַנט, אָן אַ פרוי, אָן קינדער. דער טעאַטער האָט אים אַלץ און אַלעמען פאַרביטן. און ער איז מעקאַנע געווען ביז גאָר עסטערקען און מאַקסן פאַר זייער זויבערער און ציכטיקער ליבע. פאַרטאָן אין זײַנע אומרויִקע מאַכשאָוועס, איז שימשן־האַגיבער געזעסן אין זײַן ווינקל און זיך אײַנגעקוקט אינעם וואַגאָן־פענצטערל, וואָס איז געווען אויסגעשמיסן פונעם רעגן און איבערן גלאָז זײַנען געלאָפן, ניט אָפּשטעלנ־דיק זיך, גרויסע טראָפּנס.

שימשן האָט דערפילט, ווי עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן אַקסל אַ ווייכע האַנט, און פון אומדערוואַרטקײַט אונטערגעשפּרונגען. לעבן אים איז געשטאַנען עסטערקע. זי האָט זיך דערוואַרט, ביז דער פאָטער איז אײַנ־געשלאָפן געוואָרן, און צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צו שימשענען. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק באַנאַנד מיט אים און שטילערהייט זיך אָנגערופן:

— האָט איר אים, פעטער שימשן, טאַקע איבערגעלאָזט, מאַקסן? און איר שעמט זיך ניט? איך האָב ניט געמיינט, אַז איר זײַנט אַזאַ, ווי אַלע...

ער האָט אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— עט, שיט כאָטש ניט קיין זאַלץ אויף די ווונדן, עסטערל... און וואָס פרעגסטו בא מיר? פרעג בא דײַן טאַטן... — און וועלנדיק דאָס מיידל באַ־רויִקן, צוגעגעבן: — גאָט וועט העלפן, און מאַקס וועט קומען...

— יאָ, ער וועט קומען!.. — האָט זי איבערגעשלאָגן מיט דער זעלבער שטילער שטים. — איר ווייסט דען ניט, סאַראַ שטאָלצער ער איז? אים טאָר מען ניט באַליידיקן... ער וועט ניט קומען.

— איך בעט דיך, טעכטערל, צעיאַטרע ניט מײַנע ווונדן. אויב ער וועט ניט קומען, בין איך אויסגעשטעלט. די קויכעס זאָגן זיך אָפּ דינען. און אָן מאַקסן בין איך פאַרפאַלן. פאַר אונדזער טעאַטער איז מאַקס אַן אויצער. און איצט זע איך, ניט נאָר פאַרן טעאַטער — נאָך פאַר עמעצן...

עסטערקע האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

שימשנס פּאָנעם האָט זיך פּלוצעם צעשײַנט, ווען ער האָט איצט אַ קוק געטאָן אויפן מיידל. זי איז אין דער מינוט געווען באַזונדערס כיינעוודיק און צאַרט, רירנדיק און מילד. שימשן האָט אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט עפּעס אָפּגעשניטן:

— דו הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן — זאָל איך שטארבן, אויב ער קומט ניט! מיר דאכט זיך, אז דער באָכער איז דאָ אין עמעצן פארליבט... און ליבע ברעכט אלע צוימען, עסטערל.

— רעדט ניט קיין נארישקייטן, פעטער שימשן! שעמען מעגט איר זיך...

אין אירע אויגן זיינען געשטאנען טרערן, און זי האָט זיך אָפגעקערט.

— שא... האָב איך גאָרניט געזאָגט! מיר האָט זיך אזוי אויסגעוויזן, נאָר דו ווייסט מער פון מיר...

ניט אויסרעדנדיק מער קיין וואָרט, האָט דאָס מיידל זיך א הייב געטאָן פון דער באנק און אָף די שפּיץ פינגער אוועקגעלאָפן אָף איר אָרט.

ער איז, ווי קיינמאָל, אין דער מינוט געווען מעקאנע מאקסן, — יענער, זעט אויס, איז געווען קליגער פון שלוימע־האמעלעך, וועלכער האָט ניט געקאָנט באגרייפן, ווו איז דער וועג צו דער נעשאָמע פון א פרוי, כאָטש ער האָט פארמאָגט טויזנט פרויען און געליבטע... דער בעקער־יונג פון קאָלאָ־מייע האָט, דאכט זיך, שוין לאנג געפונען דעם וועג, דאָס שליסעלע צו עסטערקעס הארצן...

פון יענער זייט פענצטער האָט נאָך אלץ אָן אופהער געשמיסן דער הארבסטיקער רעגן און אָנגעוואָרפן אָן אומעט. דער צוג איז געגאנגען שנעל, ווי ער זאָל געדענקען, אז דער וועג איז נאָך א ווייטער. עס האָט זיך געדוכט, אז דאָס וויל ער אנטלויפן פונעם רעגן.

אין דעם ענגן און שטארק אָנגערייכערטן וואגאָן זיינען שוין אלע, ווי עס האָט זיך געמאכט, אין פארשיידענע פּאָזעס, געשמאק געשלאָפן, געכראָ־פּעט יעדער אָף זיין אויפן. און כאָטש שימשן איז געווען מיד, פארמאטערט, נאָר ניט געקאָנט איינדרעמלען, פארטאָן אין זיינע אומרויקע און גאָר ניט פריילעכע מאכשאָוועס. ער האָט זיך ניט אופגעהערט ערגערן: „דער רוען זאָל מיך געווען נעמען. ווו זיינען געווען מיינע אויגן? ווען איך ווייס, אז מע איז איינס אין אנדערן אזוי פארקאָכט, אז דאָס מיידל הערט ניט אוף צו טראכטן וועגן אים, וואָלט איך מאקסן געגעבן דאָס אָנצוהערן, און דער מאזיק וואָלט, דאכט זיך, געלאָפן צופוס נאָכן צוג!״

עס איז דורכגעגאנגען די שלאָפלאָזע נאכט, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי די אייביקייט. אויך דער טאָג האָט קיינעם ניט געבראכט קיין איבעריקע פרייד. אין וואגאָן איז געוואָרן נאָך ענגער, רוישיקער, טומלדיקער. אָף יעדער סטאנציע, ווו דער צוג האָט זיך אָפגעשטעלט, זיינען צוגעקומען פאסאזשירן מיט זעק און פעק, און דאָ איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

דער איינגעקוועטשטער רעגן האָט זיך אלץ נאָכגעיאָגט נאָכן צוג און ניט געוואָלט פון אים אָפשטיין, כאָטש ער איז געוואָרן שטילער און לייטישער א ביסל.

אומבאמערקט איז דורכגעלאָפן דער הארבסטיקער טאָג און עס איז צוגעפאלן די נאכט. מע האָט זיך שוין גענומען איינמאָסטען כאפן א שלאָף, נאָר שימשן האָט זיי אָנגעזאָגט די שיינע בסורע, מע זאָל וועגן שלאָף ניט טראכטן, ווייל עס איז שוין ניט געבליבן קיין סאך פאָרן. מע דארף זיך ביסלעכווייז אָנהייבן גרייטן אין וועג.

און ווירקלעך, אין א פּאָר שאָ ארום האָט זיך דער אויסגעווייקטער פּונעם רעגן צוג אָפּגעשטעלט אף א פּוסטער סטאַנציע און אין וואַגאָן איז געוואָרן א גרויסער גערודער.

געכאַפּט דאָס ביסל אָרעמקייט, האָבן זיך די אַקטיאָרן געלאָזט נאָך שימ־שענען צום ארויסגאַנג. שימשן האָט זיך קוים געשלעפּט מיט זײַן קאַסטן אף די פּלייצעס, מיט זײַן אויצער.

אָפּגעשטעלט זיך בא דער צעעפנטער טיר, האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דער קוים באַלויכטענער סטאַנציע, זוכנדיק מיטן בליק דעם אימפּרעסאַריאָ, וואָס האָט זיי, אַלפּי־סייכל, געדאַרפט באַגעגענען. נאָר א נעכטיקער טאָג! נישטאָ! אפשר פריער איז ניט געווען צו זען קיין לעבעדיקע באַשעפעניש, אויב ניט רעכענען דעם אײַנגעקוקטעטן אין א רעגנמאַנטל דעזשורנע פון סטאַנציע און א פאַרשלאָפענעם זשאַנדאַרם. דער ווינט איז ארומגעגאַנגען איבערן פּעראָן, אַזוי געהודעט, אז עס האָט ארומגעכאַפּט א פאַכעד אראָפּקריכן פון די טרעפּלעך.

דער רעגן האָט אַלץ געשמיסן, און די אַקטיאָרן האָבן זיך צונויפגעשטויסן אין א קרײַזל, קוקנדיק אף שימשענען, ווי אף זייער אויסלייזער. מיט די אויגן האָבן זיי אים געפרעגט: „נו, ווו זשע איז דער שיינער באַלעבאָס?"

וואָס האָט שימשן זיי געקאָנט ענטפערן? ער איז אַליין געווען בייז און אופגעבראַכט אף זגורסקי דעם דריטן. נישטאָ דער ברויטגעבער. נישטאָ דער כאָסנבאָכער, א רועך אין זײַן טאַטנס טאַטן אריַין!

— נו, טאַקע נישטאָ דער אימפּרעסאַריאָ? — האָט זיך דערהערט א פאַר־שלאָפענע שטים. — ניט געקומען?

— וואָס זשע, ער איז מעשוגע געוואָרן, דער פּאַרעך, קומען אין אַזא רעגן?

— און עפשער האָט שימשן־האַגיבער פאַרפּלאָנטערט די יאָצרעס, און מיר זײַנען אראָפּגעקראָכן ניט אף דער סטאַנציע, ווו דער באַלעבאָס וואַרט אף אונדז?

— א גוט־שאַבעס דער באָבע דײַנער! וואָס הייסט, ניט אף דער סטאַנ־ציע? — האָט זיך שימשן א בייזער געטאָן. — אָט איז דאָך די טעלעגראַמע. שוואַרץ אף ווײַס געשריבן געוואָרן...

שעלטנדיק דעם בייזן ווינט, דעם רעגן, דעם באַלעבאָס, האָט שימשן גע־הייסן דעם אוילעם זיך מאַטריַעך זײַן ארײַנגייין אין וואָקזאַל, און געבעטן א פּאָר מענטשן, מע זאָל אים העלפן, זיך אָוועקגעלאָזט מיט זיי אין צווייטן עק צוג, צו דעם באַגאַזש־וואַגאָן ארויסכאַפּן פון דאָרטן דאָס האָב־און־גוטס פון טעאַטער, ווײַל אויב עס וועט אָוועקגיין ווײַטער, וועט מען זײַן אויסגע־שטעלט.

ארײַנגעטראָגן אין געבײַדע זײַן קאַסטן מיטן אויצער און געבעטן עסטער־קען, זי זאָל אים גוט היטן, מע זאָל אים נישט צולאַקכענען, כאָלילע, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין דער נאַכט ארײַן, דעריאָגן די כעוורע געהילפן.

דער אָנגעכמורעטער, בייזער קאָנדוקטאָר האָט אָן איבעריקן כיישעק אופ־געשלאָסן די שווערע טיר פון דעם גרויסן באַגאַזש־וואַגאָן, שימשן־האַגיבער

האָט זיך ארופגעדראפּעט, א קוק געטאָן אף זײַנע אומצופרידענע געהילפן און זיך אָנגערופן צו זיי:

— אנו, קינדערלעך, פרײלעכער! שטעלט אונטער די פּלייצעס! אויב איר וועט זיך ניט פוילן און גוט ארבעטן, וועט איר, מירצעשעם, פרײַטיק מעגן עסן הערטשענע לאַטקעס מיט געגדזענע גריוון... ווי זאָגט דאָרט אונדזער אימפּרעסאריאָ, אז די קונסט פאָדערט, איז דאָך ניט שײַעך! קנייטשט זיך ניט, ציטערט ניט אזוי פארן רעגן, איר זיינט דאָך ניט פון צוקער, איר וועט ניט צענעצט ווערן...

מע האָט זיך גענומען פלײַסיק אויסלאָדן דעם באגאזש. שימשן האָט איבערגעגעבן די קעסטלעך, די דעקאָראציעס, און די כעוורע האָבן פלינק אונטערגעכאפּט זיי.

פּלוצעם איז שימשן א טויט־דערשראָקענער אָפּגעשפּרונגען אין דער זײַט, דערזעענדיק, ווי דאָרטן, אין ווײַטן ווינקל פון באגאזש־וואגאָן, האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן באוועגן. עמעצער האָט א שטארקן גענעץ געטאָן. וואָס איז דאָס? עס האָט זיך אים ניט אויסגעוויזן? ניין, עמעצער הייבט זיך אוף צווישן די קעסטלעך, גענעצט נאָך שטארקער. א רועך? דער מאלעכהאמאָוועס? וואָס איז דאָרט? ווער?

שימשן האָט שוין געוואָלט אראָפּשפּרינגען פון וואגאָן, אופהייבן א גוואלד, רופן הילף, נאָר אין דער קנאפּער שײַן פונעם קליינעם לעמפּעלע האָט ער דערזען א קענטלעכע פיגור, און א מאכשאָווע איז דורכגעלאָפן אין מויעך: דאכט זיך ער, דער בעקער־יונג!

— גאָטעניו זיסער! — האָט מיט פארטײַעטן אָטעם ארויסגעבראכט שימשן. — זאָל איך שטארבן, אויב דאָס איז ניט אונדזער מאזיק! קינדער, ער איז דאָ! מאקס, א געזונט אין דײַנעביינער! א מיסע־מעשונע אף אלע אונדזערע סאָנים, זיך געפונען דער שאָדן! געלעגן צווישן די קעסטלעך, ווי א קייסער, און בעפּיירעש אָן א בילעט! הערט נאָר, אף וואָס ס׳איז פײַיק א קאָוואליוקער מאמזער! אז עסטערקע וועט דיך דערזען, באלטאכלעס מײַנער, וועט זי טאנצן פון פריידן!

— שטילער, פּעטער שימשן... — איז מאקס פאָרזיכטיק אריבערגעקראָכן איבער די קאסטנס און א ווונק געטאָן אף דער טיר. — דער מאלעכהאמאָוועס קער דאָרטן שטיין, דער קאָנדוקטאָר. שטילער. ער וועט מיך דערזען, וועט זײַן יאָמטעוו! עפּשער האָט איר א סעכער, איך בין שיר ניט געשטאָרבן פון הונגער. מיר זײַנען שוין געקומען אף אן אָרט?

— אוודע, ברודערל, באלד וועל איך דיר געבן א שטיק ברויט, וועסטו זיך מעכײַע זײַן, נאָר העלף גיכער ארויסשלעפּן דעם רעקוויזיט. דער צוג וועט שוין באלד א פײַף טאָן, זײַנען מיר פארפאלן!..

שימשן איז צוגעגאנגען צו דער צעעפנטער טיר, א קוק געטאָן, צי שטייט ניט דערבײַ דער קאָנדוקטאָר, און זיך אָנגערופן צו זײַנע געהילפן:

— קינדערלעך, לויפט זיך גיכער ווארעמען אין וואָקזאל. איך דארף אײַך שוין האָבן אף קאפּאָרעס. מיר וועלן זיך שוין זאלבעצווייט ספּראווען, מיט מאקסן...

— מיט וועלכן מאקסן? ווּ איז ער דען?

— פרעגט ניט! נעמט אײַן שטומעניש. ער איז דאָ, א געזונט אין זײַנע ביינער. גייט אײַך, גייט...

און ער האָט זיך מיט מאקסן גענומען צו דער ארבעט.

אין עטלעכע מינוט ארום נאָך דעם איז געקומען צו לויפן אָן א נעשאָמע עסטערקע. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דער צעעפנטער טיר, דערזען דעם באָכער, האָט זי זיך פארויטלט, בעסער אײַנגעגיורעט זיך אינעם גרויסן קאָפּטוך, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דערפילט, ווי טרערן הייבן זי אָן שטיקן, און אנטלאָפן צוריק אין וואקזאַל.

יאָ, מע האָט זי נישט אָפּגענארט! זי האָט זיך איבערצײַגט, אז דאָס איז עמעס, מאקס איז דאָ. מער האָט זי גאָרניט ניט געדארפט.

מאקס איז א רעגע געשטאנען צוגעשפּארט צו דער טיר און נאָכגע־שפּירט דעם מיידל, וואָס האָט זיך דערוויַיטערט פון אים. א גרויסע פרייד איז אים באפאלן, און ער האָט ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן מיט זיך. זי איז געלאָפן איבער די קאַליוזשעס, און פון מאָל צו מאָל זיך אומגעקוקט צו אים. בא דער טיר פון וואקזאַל האָט זי זיך אף א ווײַלע פארהאַלטן און צו אים א פאָכע געטאָן מיטן טיכל, פארשווונדן געוואָרן.

— עסטערקע... — האָט ער שטילערהייט ארויסגעבראכט, זיך צעשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן, איז צוגעשפּרונגען צו שימשענען און ארומגעכאפּט אים קושן אין דער פארוואקסענער מיט שטעכלקעס באק.

— מעשוגענער, וואָס טוסטו? — האָט שימשן זיך געפּרוּווט באפרײַען פון יענעמס אָרעמס. — לאָז אָפּ, הער אוף, מאַמזער! דו האָסט פארפלאָנ־טערט די יאָצרעס. דאָס בין איך דאָך, שימשן, און ניט עסטערקע... די מאַזי־קעס קער זײַן, גלייב איך, טויזנט מאָל געשמאקער!..

דער באָכער האָט אָפּגעשטויסן לײַכט שימשענען און זיך גענומען צו דער ארבעט אזוי פלײַסיק, ווי ער האָט נאָך, דאכט זיך, קיינמאָל ניט געארבעט. ער איז איצט געווען גליקלעכער פון אַלעמען אף דער וועלט. ער איז איצט געווען בעקויעך איבערקערן דעם לאנגן, אויסגעשמיסענעם פונעם רעגן, צוג.

„דער קיניג ליר"

ווער־ווער, נאָר שימשן־האגיבער האָט ארײַנגעכאפּט פונעם אוילעם א שיינעם כיילעק!

ווער פון די אקטיאָרן ס'האָט געהאט גאָט אין הארצן, דער איז אף אים אָנגעפאלן און גענומען מוסער זאָגן, אז נאָר איבער אים וואלגערט מען זיך שוין דעם דריטן מעסלעס אף דער קויטיקער סטאנציע און מע קומט אָפּ, ניט וויסנדיק פאר וועלכע זינד. ניט אנדערש, ווי ער, שימשן, איז דער גאנ־צער שולדיקער אין זייערע מאטערנישן, אין אַלע זייערע צאָרעס. געוויס, דאָס האָט ער, שימשן־האגיבער, פארפלאָנטערט די יאָצרעס, פארפירט אף א פרעמדער סטאנציע, און מע איז געבליבן ווי אפן וואסער. געוויס ווארט

אף זיי זגורסקי דער דריטער אין אן אנדער שטאָט און גייט שיר ניט אראָפּ פון זינען, ווייסט ניט, ווו איז אהינגעקומען זײַן טרופּע...

וויפל שימשן האָט זיך ניט געשוואָרן, אז ער האָט גאָרניט פאר־פלאָנטערט, האָט עס אים געהאָלפן, ווי א טויטן באַנקעס.

שפּעטער האָט ער זיך שוין אליין געגומען באומרויקן און צווייפלען — עפּשער זײַנען יענע גערעכט? עפּשער האָט דער טעלעגראף עפּעס איבער־געפּלאָנטערט?

אייניקע אָפּטימיסטן האָבן זיך געפרווט אײַנריידן, אז זגורסקי האָט זיך פארהאלטן געוויס דערפאר, וואָס ער האָט געפּאקט שוין א נײַע קאלע, נאָכן קלאפ, וואָס ער האָט ערשט ניט לאנג געכאפּט.

אין דעם סאמע קריטישן מאָמענט, ווען די ארטיסטן האָבן שוין ניט גע־ווּסט, וועלכע זידלווערטער זאָל מען נאָך צוטראכטן פאר דעם אומגליק־לעכן שימשענען, וואָס נאָך זאָל מען ארײַנזאָגן דעם קאפּאָרע־הינדל, האָט זיך גאנץ אומדערוואַרט, פּלוצעם געיאווועט דער כאָסנבאָכער! ער האָט זיך אָנגעהויבן פארענטפערן, געבעטן, מע זאָל אים מוחל זײַן, ווײַל ער האָט די גאנצע צײַט געזאָרגט וועגן דער טרופּע זײַנער.

דער אימפּרעסאריאָ איז געווען פארפּוצט אין א שפּאָגל־נײַעם קאָפּעליוש לויט דער לעצטער מאָדע, אין א געלן מאַנטל מיט גרויסע קנעפּ. די רויטע קאמאשן האָבן געגלאנצט, ווי א שפּיגל. אין דער האנט האָט ער געהאלטן א גרויסן צעפּראלטן שירעם און אים פלינק געדרייט.

— רויקער, מײַנע ליבע קאָלעגן, היצט זיך ניט! שטילער, מײַנע טײַערע הערן! נעמט זיך ניט צום הארצן, אלץ וועט זײַן אָלרײַט! באַנזשור! פּרעכ־טיק!

נאָר דער אולעם איז געווען אויסער־זיך, און אף זײַן, זגורסקיס, קאָפּ זײַנען געפאלן ווערטער, וועלכע עס וואָלט ניט געווען גאָר באקוועם ארויס־ברענגען אף פּאפּיר...

דער אימפּרעסאריאָ האָט גאנץ פײַן אָפּגעלייזט פון אָסקאר שאפּיראָן און פון אנדערע אקטיאָרן. אפילע שימשן־האגיבער, וואָס האלט שטענדיק פונעם פּאָסעק „זאָל בעסער מײַנס איבערגיין" און וועלכער האָט דאָ געשעמט פאר א מענטשן אָן א גאל און לאנג זיך בייזערן אף א מענטשן האָט ער ניט גע־קענט, איז אויך ניט געבליבן הינטערשטעליק און ארײַנגעשאָטן דעם אימ־פּרעסאריאָ א שיינע פּאַרציע!

דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט ניט געהאט קיין טײַנעס צו זגור־סקי דעם דריטן, איז געווען מאקס קרייסלער. עס וואָלט אים אפילע ניט געקימערט, מאקסן, ווען יענער קומט ניט נאָך א פּאָר וואָכן צײַט.

אזויווי עס איז ניט געווען ווו זיך אהינטאָן מיט די דעקאָראַציעס און מיט די קעסטלעך רעקוויזיט, האָט מאקס דאָס אלץ צונויפגעטראָגן אין א ווינקל, איבערגעדעקט עס מיט א צעריסענעם און צעפּיצלטן ברעזענט, וואָס ער האָט געפונען, טאקע דאָ לעבן דעם ביסל פארמעגן פון טעאטער זיך געמאכט עפּעס א נאָרע, און אזויווי דאָ, ניט ווײַט, האָט געברענט א שטיקל לאמטערן און באשײַנט א שטיקל פון זײַן נאָרע, האָט מאקס גאנצע טעג און

נעכט געלייענט די פּיעסן, וועלכע ער האָט גענומען פֿון שימשנס אויצער. דערצו נאָך האָט דעם באָכער אָפּגעגליקט. ניט ווײַט פֿונדאַנען איז געווען אַ מאַרק פֿון אַלטוואַרג, און דאָרטן האָט ער אָנגעטראָפֿן אַף אַן אַלטיטשקער גוטמוטיקער פֿריצע, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט ביכער. מאַקס איז איר געפֿעלן געוואָרן, און זי האָט אים דערלויבט נעמען און לייענען, וועלכע ביכער ער האָט געוואָלט.

אַרײַנגעטאָן אינעם לייענען, האָט מאַקס פֿאַרגעסן אין עסן, אין שלאָפֿן. ער האָט ניט געפֿילט דעם שטאַרקן ווינט, דעם רעגן, ניט געהערט דעם רויש פֿון די אָנקומענדיקע און אָפּגייענדיקע צוגן און אַפֿילע ניט באַמערקט, ווי די צײַט לויפֿט.

נאָר מיינט ניט, אַז אין דער צײַט איז דער אימפּרעסאַריאָ געזעסן מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. כאָלילע! נאָך דעם, ווי ער האָט אַרײַנגעכאַפּט אַזאַ פּסאַק פֿונעם הונגעריקן, פֿאַרמאַטערטן אַקטיאָרן־אוילעם, האָט ער זיך ווי אַ לייב געוואָרפֿן אַף די היגע באַלעבאַטים, פּראָצענטניקעס. מיט זײַן, הערכסט לויט דער לעצטער פּאַריזשער מאָדע, אָנטאָן האָט ער געמאַכט אַן איבעראַשנדיקן אײַנדרוק אַף די היגע רעדלפֿירער און געפּאַקט עטלעכע קרעדיט־לעך, געדונגען ווינקלעך פֿאַר די אַקטיאָרן, אַ געבײַדע פֿאַרן טעאַטער, צונויפֿגעקלאַפּט אַ בינע, אָפּגעדרוקט אין דרוקערײַ נײַע אַפֿישן, און עס איז אַוועק אַ גאַנג!

אַלע פֿאַרטאָג, ווען די שטאָט, וואָס האָט זיך מיט איין עק צוגעטוליעט צו די גרינע קאַרפּאַטן־בערג, איז נאָך געווען אײַנגעהילט אין געשמאַקן שלאָף, און די נאַכט־וועכטער האָבן נאָך געשמאַק געכראָפּעט אַף זייערע פּאָסטנס, בא די פֿאַרשלאָסענע קראָמען, איז מאַקס שוין אַרומגעלאָפֿן איבער די גאַסן פֿאַנאַנדערקלעפּן די אַפֿישן, פֿון וועלכע עס האָבן געקוקט אַף דער וועלט עסטערקעס גרויסע פֿאַרטרוימטע אויגן. ער האָט געקאָנט אין אָט די אויגן קוקן שאָענווײַז, און אַלעמאָל זײַנען זיי אים געוואָרן נעענטער און ליבער. נאָר אַ מאָדנע זאַך, אַז ער באַגעגנט זיך מיט עסטערקען, פֿאַרלירט ער זיך גלײַך און ווייסט ניט וווהין זיך אַהינטאָן.

די פֿאָרשטעלונגען זײַנען אין דער שטאָט געגאַנגען מיט באַזונדערס גרויסן דערפֿאָלג. אַלע אָפּדערנאַכט איז דער גרויסער זאַל געווען איבער־פֿולט מיט צושויער און עס איז שווער געווען קריגן בילעטן. פֿון די היל־כיקע טראַסקערײַען, מיט וועלכע דער אוילעם האָט באַגעגנט די אַקטיאָרן, באַזונדערס עסטערקען און איר פֿאָטער, האָבן די ווענט געציטערט! אין דער דאָזיקער שטאָט איז דער טעאַטער מיטאַמאָל ווי אויפֿגעריכט געוואָרן. ווען ניט די כוואַועס, וואָס דער אימפּרעסאַריאָ האָט געמאַכט, וואָלטן די אַרטיסטן זיך געקאָנט צו זאַט אָנעסן, וווינען אין נישקאָשעדיקע צימערלעך, זיך שטעלן אַף די פֿיס. איז מען אָבער געלעגן טיף אין דר׳ערד און געדאַרפֿט זײַן זאַט מיט זגורסקיס צוזאָגעכצן.

אַלע זײַנען געווען פֿאַרטאָן, פֿאַרהאַוועט, ניט געווען ווען איבערכאַפּן דעם אָטעם.

אַ באַגײַסטערטער פֿון דעם הייסן אויפֿנאַם, האָט אָסקאַר שאַפּיראָ באַ־

שטימט א גלאנץ טאָן אין זײַן באַליבטער ראָל פונעם קיניג ליר, און ער האָט אָנגעהויבן פלײַסיק גרייטן די באַנײַטע פאָרשטעלונג.

נאָך די ספּעקטאַקלען, ביז טאָג, האָט מען רעפּעטירט. דער אוילעם איז שוין געפאלן פון די פיס, נאָר אָסקאר האָט דערוף ניט געלייגט קיין אכט. ער האָט אליין געהאָרעוועט און געפאָדערט האָרעוואניע פון דער טאָכטער, פון אַלעמען. דאָ, האָט ער געטראכט, וועט מען נישט אָפּקומען מיטן ווערטל: „מוישע וועט אלץ אופּעסן, וואָס מע וועט אים אונטערטראָגן”. די צושויער האָבן זיך פארדינט זען עפּעס גאָר רעכטס אין טעאטער.

אפילע זגורסקי דער דריטער האָט אף א צײַט געוואָרפן אַלע זײַנע זײַטיקע געשעפטן און באַגלײַך מיט אַלעמען געטאָגט און גענעכטיקט אין טעאטער. דער אימפּרעסאריאָ האָט פארשטאנען, אז אָט די פאָרשטעלונג וועט אים און זײַן טעאטער פעסט שטעלן אף די פיס, און ער האָט גאָרניט געזשאלעוועט, די פאָרשטעלונג זאָל זײַן פרעכטיקער און רײַכער, ער זאָל זיך מיט זײַן בראנזשע קאָנען ארויסרײַסן אין די גרויסע שטעט, ווו מע קאָן ניט אָפּקומען מיט שיִע־פּיִע.

זגורסקי דער דריטער האָט זיך שוין גענייט א גרויסן בײַטל און אונטערגעײַלט אָסקארן, מע זאָל וואָס גיכער ארויסלאָזן דעם ספּעקטאַקל.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער פארנאכט פון דער פּרעמיערע.

פון אַלע עקן שטאָט האָט דער יאָמטעוודיק פארפּוצטער אוילעם געײַלט פארנעמען די ערטער. דער פּלאַץ ארום דער געבײַדע איז געווען ענג פון אוילעם, וואָס האָט זיך באמיט ערגעץ קריגן בילעטן און זיך דורכרײַסן אינווייניק, אין זאַל, זיך כאָטש ערגעץ אונטער דער וואנט צושפּארן. האָט מען דען געקאָנט דורכלאָזן אזא מאָמענט — ניט זען דעם בארימטן טראגיקער אָסקאר שאפּיראָ אין דער ראָל פון דעם קיניג ליר, און זײַן טאָכטערקע עסטערקען — קאָרדעליע!

הינטער די קוליסן האָבן די אקטיאָרן שטארק נערווירט, גרימירנדיק זיך, ווי מע זאָל זיך גרייטן אָפּגעבן א גרויסן עקזאמען. פון דעם הײַנטיקן אָוונט איז געווען א סאַך אָפּהענגיק. אוודאי, געוויס, זאָל די פאָרשטעלונג גוט דורכגיין, וועט מען זיך קאָנען באווײַזן אין גרויסע שטעט, אף די גרויסע בינעס. וויפל זשע איז דער שיר זיך ארומשלעפּן איבער קלענערע שטעט און שטעטלעך?! ניט אף אייביק איז מען דאָך פארמישפּעט לעבן אין נויט און אין דאכקעס! דאָ זײַנען פאראן אזעלכע אקטיאָרן, וואָס וואָלטן ניט פארשעמט די גרעסטע טרופּעס פון די גרויסע שטעט, ניט אייביק וועט מען שפּילן אין די שטאַלן און באַלאגאנען, אָפּקומען אין נאסע קעלערס, פינצטערע שטיבלעך.

אין זאַל איז שוין געווען פול. אַלע ערטער פארנומען. בא די ווענט, אין אַלע ווינקלען זײַנען געשטאנען נײַגעריקע צושויער און מיט אומגעדולד געווארט, מע זאָל אָנהייבן שפּילן. עס איז געווען טומלדיק און רוישיק. נאָר שטארקער פונעם זאַל האָט מען נערווירט הינטער די קוליסן. אַלע אקטיאָרן זײַנען שוין געווען פארפּוצט איז זייערע בגאָדים, פארגרימירט. נאָר ווו איז אהינגעקומען דער קיניג ליר — אָסקאר שאפּיראָ? וואָס איז מיט אים?

שוין צײַט אופהייבן דעם פאָרהאַנג, און דער הויפּט־מעכוטן איז נאָך ניט געקומען אַף דער כאַסענע!

אייניקע אַרטיסטן האָבן נאָך אינדערפרי באַמערקט, אַז אָסקאַר שאַפּיראָ איז געווען שטאַרק צעטראָגן, אין אַ געדריקטער שטימונג, צעשטרייט. אָבער ניט אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין דעם דאָזיקן טאָג איז בא אים יאָרצײַט נאָך דעם ווײַב. אין אַזעלכע טעג איז ער שטענדיק דערשלאָגן, גייט אַרום און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, אין אַזעלכע טעג גייט ער זעלטן אַרויס אַף דער בינע. נאָר הײַנט מוז ער דאָך שפּילן! ווו זשע איז ער?

מע האָט אַף אָסקאַר שאַפּיראָן אַרויסגעקוקט, ווי אַף מאָשיעכן.

שימשן־האַגיבער איז זיך שוין דורכגעגאַנגען איבער אַלע באַקענטע קאַ־פּע־הײַזער און שענקלעך, נאָר נישטאָ, ווי אין וואַסער אַרײַן!

זגורסקי דער דריטער איז אַרומגעלאָפן הינטער די קוליסן און זיך גע־בראָכן די הענט. וואָס הייסט עס! ער קוילעט אים דאָך אָפּ אָן אַ מעסער! וואָס זשע, אָסקאַר איז מעשוגע געוואָרן? אין אַזאַ אָוונט ניט קומען, פאַרגעסן? דאָס האָט ער דאָך אַליין פאַרקאָכט די קאַשע מיטן „קיניג ליר", דאָס האָט ער אים דאָך אַרײַנגעטריבן אין אַזעלכע כויוועס, וואָס זשע הייסט דאָס? מע קען דאָך פּלאַצן פון פאַרדראָס און ווייטעק! הערט נאָר, וואָס אין זאָל טוט זיך! מענטשן — קעפּ אַף קעפּ, נישטאָ ווו אַ נאָדל זאָל פאַלן, און דער גאַנ־צער איז ניטאָ! מע וועט צעטראָגן דעם זאַל, אויב מע הייבט באַלד ניט אָן.

דער אימפּרעסאַריאָ האָט ווידער אוועקגעשיקט שימשענען און נאָך עמעצן אין שטאָט, מע זאָל פון אונטער דער ערד אַרויסשלעפּן אָסקאַרן און אים ברענגען אַהער, און אַליין האָט ער פאַריכט די מאַנישקע, דעם פראַק, צוגעגלעט די שיטערע האָר און אַרויסגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער, פאַרן פאָרהאַנג מיט אַ געמאַכט שמייכעלע אַף די גראָבע ליפּן. זיך אונטער־געהויבן אַף די שפּיץ פינגער, האָט ער אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט און מיט זײַן דין קעלעכל זיך אָנגערופן:

— מײַנע טײַערע הערן, ליידיס און דזשענטלמענס! איך בעט אַ פּאָר ווײַלעס רו! צי קען אײַך דער אימפּרעסאַריאָ פון דיזן טעאַטער זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער? וואָס זאָגט איר, יאָ? אויסערגעוויינלעך, מערסי, אַ דאַנק, באָנזשור! איך בעט נעמען די נערוון אין די הענט, עס זאָל ווערן שאַ־שטיל! זאָגט נאָר, מײַנע ליבע הערן, אײַערע פרויען פאַרשפּעטיקן קיינמאָל מיט דער וועטשערע? געוויס פאַרשפּעטיקן זיי. עס טרעפט, ס׳זאָל אַזוי ניט טרעפן... נו, בא אונדז אין טעאַטער טרעפט אויך אַמאָל, אַז מיר פאַרשפּעטיקן מיטן אופהייבן דעם פאָרהאַנג... אין עטלעכע מינוט אַרום, שפּעטסטנס, אין אַ פערטל שאָ אַרום וועט איר האָבן דאָס גליק זען און הערן דאָס באַרימטע שטיק, פאַרדאָן, די טראַגעדיע „דער קיניג ליר"! מיר וועלן אײַך ניט באַ־ווײַזן קיין וואָלוועלן וואָדעוויל, וואָס מע קאָן אָפּטאַנצן אַף איין פוס, נאָר עכטע קונסט. דאָס פאָדערט, ליידיס און דזשענטלמענס, אַכטונג און גע־דולד פון אײַער זײַט. נערווירן, איבערלעבן, שפּרינגען פון די ערטער, אָפּ־לאָדירן און אַזוי ווײַטער און דעסגלײַכן וועט איר באַוויזן, ווען עס וועלן זיך פאַר אײַך באַווײַזן אַף דער בינע דער באַרימטער טראַגיקער אָסקאַר

שאַפּיראָ, זאָל אים גאָט געבן געזונט, ווי אויך זײַן טאָכטערקע עסטער שאַפּיראָ, אַזאַ יאָר אויף מיר מיט אײַך אינײַנעם, סאַראַ גאָלדן קינד דאָס איז! דאָס פּאַרל, מוז איך אײַך זאָגן, האָט שוין ניט איין מאָל פֿאַרצויבערט דאָס פּובליקום פֿון פּאַריז, לאָנדאָן, דראָהאָביטש, באָריסלאַוו, סאַן־פֿראַנציסקאָ און קאָלאָמייע! נעמט זיך אָן מיט געדולד, אינגיכן הייבן מיר אָן די פֿאָרשטעלונג...

זגורסקי דער דריטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן הינטערן עטוואָס צעעפֿנטן פֿאָרהאַנג, אַ פֿרעג געטאָן מיט די אויגן, צי איז נאָך אָסקאַר ניט געקומען, און, דערהערנדיק דעם שײַנעם ענטפֿער, אַז מע האָט אים נאָך ניט געפֿונען, געבליבן בלאַס, ווי די וואַנט, ווידער אַרויסגערופֿן אויף דעם פּאָנעם דאָס געמאַכטע שמייכעלע, און, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, פֿאָרגעזעצט:

— אַלזאָ, אָט וועלן מיר גלײַך אָנהייבן... נאָך עטלעכע מינוט... די בינע וועט מען גלײַך ענדיקן צוגרייטן... איר פֿאַרשטייט דאָך, מײַנע טײַערע דאַמען און דזשענטלמענס, אַז דאָס איז ניט די פּאַריזשער בינע „דע־מאַרשע" אָדער „דע־מאַרלע", ניט אַפֿילע די לאָנדאָנער בינע „טשאַרלסטאָן־סיטי", ניט די מאַדרידער בינע „לאַ־פּאַרשע"... איר דאַרפֿט זיך בייזערן ניט אויף אונדז, נאָר אויף אײַערע שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס זיי בויען ניט אַזעלכע טעאַטערן מיט אַזעלכע בינעס, ווי אין ניו־יאָרק, בוקאַרעשט, בעלגראַד, בודאַפּעשט... אַלזאָ, מײַנע טײַערע הערן, נעמט זיך אָן מיט געדולד, און איר וועט באַלד זען אַ גראַנדיִעזע פֿאָרשטעלונג!.. איך בעט בלויז עטלעכע מינוט געדולד!

ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער דעם פֿאָרהאַנג און דערפֿילט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ. ער האָט שוין ניט געקאָנט מער ריידן, פֿאַרהאַלטן דאָס פּובליקום. ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפֿן בענקל און געבעטן מיט די אויגן, מע זאָל אויף אים גיסן וואַסער, ער כאַלעשט.

ווו איז אָסקאַר שאַפּיראָ? נישטאָ, כאָטש שרײַ גוואַלד!

— קינדערלעך, — האָט מיט די לעצטע קויכעס אַרויסגעבראַכט זגורסקי דער דריטער, — ער, אָסקאַר שאַפּיראָ, וועט זײַן דער שולדיקער אין מײַן טויט. ער איז אַ גאַזלען, ער קוילעט אונדז אָן אַ מעסער...

די „עטלעכע מינוט געדולד" זײַנען שוין לאַנג אַדורך, און די „טײַערע הערן" און די „לײדיס און דזשענטלמענס" האָבן שיר ניט צעטראָגן דעם טעאַטער מיט זייערע גוואַלדן און טומל. עס האָט געשמעקט מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל. ווידער האָט זיך אומגעקערט שימשן־האַגיבער פֿון דער יאַגד מיט גאָרניט. אַ נעכטיקער טאָג. ביטאָ!

זגורסקי איז אַ ביסל געקומען צו־זיך, נאָר ער איז געווען אַזוי בלאַס, אַזוי אומגליקלעך, נאָך ערגער, ווי יענעם פֿאַרנאַכט נאָך דער כאַסענע, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס לעצטע ווײַבל זײַנס האָט אים ביטער אָפּגענאַרט. וואָס טוט מען און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? אַרויסגיין ווידער צו די לײדיס און דזשענטלמענס און זאָגן, אַז דער ספּעקטאַקל ווערט אָפּגעלייגט, וועט ער האָבן אַ שיין פּאָנעם, נאָך דעם, ווי ער האָט בײַ זיי געבעטן

עטלעכע מינוט געדולד און מע וועט אָנהייבן.... כּוץ אַלעמען, וועלן זיי זיך אַלע א לאָז טאָן, מע זאָל אומקערן דאָס געלט פאַר די בילעטן. און ווו האָט ער געלט?! צאָרעס האָט ער, האַרץ־שמערץ, ניט קיין געלט! דאָס העמד אפן לייב איז ניט זײַנס!

אָבער עפּעס מוז ער דאָך זאָגן דעם עולם! סײַדן ארויסגיין און דער־ציילן א האַרצרײַסנדיקע געשיכטע, אַז אָקאָרשט האָט מיט אָסקאַר שאַפּי־ראָן געטראָפן אַן אומגליק, עס איז אים געוואָרן שלעכט, און מע לייגט אָפּ דעם ספּעקטאַקל אַף מאָרגן... נאָר דאָס איז אויך געפערלעך. דאָ האָט זיך צונויפגענומען אַזא צושויער, וואָס וועט לויפן אַף דער בינע א קוק טאָן אפן קראַנקן. ווידער ביטער!

פּלוצעם האָט זיך צו זגורסקי דעם דריטן דערטראָגן א באַקאַנט קאָל, אַף דער שוועל איז געשטאַנען, קוים האַלטנדיק זיך אַף די פיס, אָסקאַר. ער איז געווען צעשויבערט, צעכראַסטעט, נאַריש אונטערגעשמייכלט. זגור־סקי האָט אים געכאַפּט פאַרן אַרבל, אַרײַנגעשלעפּט:

— וואָס האָסטו געטאָן, גאַזלען?! האָסט מיך דאָך אומגליקלעך געמאַכט! ווו האָסטו זיך אַזוי אָנגעזשליאָקעט?

עסטערקע איז א פאַרוויינטע צוגעלאָפן, פאַריכט אפן טאַטן דאָס צעצ־קנייטשטע, אויסגעשמירטע אין ליים רעקל און קוים ארויסגעזאָגט:

— ווי שעמסטו זיך ניט? זייער שיין! דו הערסט כאָטש, וואָס דאַרטן, אין זאַל, טוט זיך?..

זי האָט אים אוועקגעזעצט אַף א בענקל, געקוקט אַף אים מיט פאַרנעפּלטע אויגן. אַלע אַרטיסטן זײַנען געשטאַנען אַרום אים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, געשוויגן. עס האָט אין אַלעמען געברענט דער קאַס, די רעציכע.

— נו, וואָס וועלן מיר טאָן מיט דיר? — האָט זגורסקי געפרעגט.

דאָס שמייכעלע איז אין איין רגע פאַרשוווּנדן פון אָסקאַרס פּאָנעם. ער האָט שווער געאָטעמט, ווי אים וואָלט ניט געסטײַעט דאָ קיין לופט. באַ־טראַכטנדיק אַלעמען מיט א פאַרווונדערטן בליק, האָט ער זיך אָנגערופן:

— וואָס... וואָס האָט איר זיך דאָ אוועקגעשטעלט, ווי אַף א כאַסענע? דערלאַנגט מיר גיכער דאָס אָנטאָן, דעם פּאַריק און הייבט אוף דעם פּאָר־האַנג... ווו איז ערגעץ שימשן־האַגיבער? זאָל ער קריכן אין בודקע סופלירן...

— ביסט באַ די געדאַנקען, טאַטע? גייט זאָגט דעם עולעם, אַז דער ספּעק־טאַקל ווערט אָפּגעלייגט! — האָט עסטערקע אָנגעכאַפּט זגורסקין פאַרן אַרבל.

ער האָט א קוק געטאָן אפן מיידל מיט א פאַרניכטנדיקן בליק, זי אָפּגע־שטויסן אין דער זײַט:

— וואָס רעדסטו? ווי קאָן איך אָפּלייגן די פאָרשטעלונג? דערלאַנגט מיר גיכער אָן עמער וואַסער! ער וועט באַ מיר שפּילן, אָסקאַר. באַ מיר רײַסט מען ניט אַראָפּ קיין פּרעמיערע. איך בין דאָך דערוויײַל ניט ראָטשילד, וואָס קאָן אומקערן דעם פּובליקום דאָס געלט פאַר די בילעטן... דערלאַנגט וואַ־סער, זאָג איך!

— באַלעבאָס, איר זײַנט עפּשער אויך שיקער? — האָט אַרײַנגעשטעלט

שימשון־האגיבער. — איר זעט ניט, אין וואָס פאר א צושטאנד דער מענטש איז? איר וועט אים ארויסלאָזן אף דער בינע אף כויזעק? איר ווילט עפשער מאכן פון א טראגעדיע א קאָמעדיע?..

— שטיל זאָל זײַן! דערווײַל בין איך באלעבאָס, ניט דו! מירן שפּילן!.. — געכאפּט דעם עמער וואסער, וואָס עמעצער האָט אונטערגעטראָגן, האָט ער גענומען גיסן אף אָסקארן. — נישקאָשע, באלד וועט ער בא מיר ווערן ניכטער, באלד וועט ער קומען צו־זיך! ברעגגט נאָר אהער א געזײַערטע אוגערקע, א לימענע! גיכער, רירט זיך! דאָס אָנטאָן, דעם פּאריק, די באָרד דערלאנגט מיר!

זגורסקי האָט געגאָסן וואסער אף אָסקארס קאָפּ און אים געמינטערט:

— איך בעט דיך, אדויני קיניג, נעם זיך אין די הענט, ווער ניכטער! דו הערסט כאָטש, וואָס ס'טוט זיך אין זאל? מע וועט דאָך אונדז אלעמען באלד צעטראָגן די ביינער, אויב מיר וועלן ניט ארויסגיין שפּילן... דעם גרים, דעם קיניגס מונדיר! שימשון האגיבער ווערהאנוירא, וואָס שטייסטו, ווי א יאָלד, קריך גיכער אין קיוועך, מיין איך, אין בודקע, און סופלער! ניט קיין ווערטער, נאָר פּערל זאָל זיך שיטן פון דײַן מײַלעכל! דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר?

אלע האָבן געהאָוועט ארום אָסקארן, געגאָסן וואסער אפן קאָפּ, געטיטשעט זויערע אוגערקעס אין מויל ארײַן, געריבן די שלייפן, געמינטערט...

עמעצער האָט געבראכט א האנטעך, גענומען ארומווישן אָסקארן, ווי מע ווישט דאָס פּאָנעם בא א באָקסיאָר אפן רינג נאָכן דריטן ראונד.

זגורסקי דער דריטער האָט אים אונטערגעהויבן, גענומען מיט אים ארומגיין איבער דער בינע, א ווונק געטאָן, מע זאָל יענעם פּארפּוצן אינעם פּאריק, צוטשעפּען די באָרד, ארופשלעפּן אף אים דאָס אָנטאָן.

אין א פּערטל שאָ ארום האָט זגורסקי א קלאפּ געטאָן שאפּיראָן איבערן אקסל און א זאָג געטאָן:

— נו, קינדערלעך, צעגייט זיך, ווי זאלץ אין וואסער, אף אײַערע ערטער. מיר וועלן באלד אָנהייבן!..

— וואָס וועט איר אָנהייבן? — איז א טויט־דערשראָקענע צוגעלאָפן עסטערקע. — איר הערט כאָטש, וואָס איר רעדט? וויאזוי קאָן ער שפּילן?

— איך הער, איך הער... — האָט זגורסקי געזאָגט, אָפּשטויסנדיק עסטערקען פונעם פּאָטער. — ער איז שוין ניכטער. אין דער פולער פאָרמע. בא מיר, קאלזמאן דער שוישפּילער אָטעמט נאָך, וועט ער שפּילן. דער רועך וועט אים ניט נעמען!

— נאָר מע וועט דאָך פון אונדז לאכן, פּעטער זגורסקי... מענטשן, וואָס דערלאָזט איר עס, וואָס שווײַגט איר? מע וועט פון אונדז לאכן...

— נישקאָשע, זאָל מען לאכן! — האָט דער אימפּרעסאריאָ איבערגעשלאָגן. — אז דאָס פּובליקום לאכט, איז גוט! דערצו גייט מען אין טעאטער, מע זאָל לאכן. זעט נאָר, דער אדויני קיניג גייט נאָך באָרוועס! דערלאנגט אים גיכער די פּאנטאָפל! און וואָס שווײַגן די קלעזמער, א רועך אין זייער טאטן! הייסט שפּילן!

מאקס קרייסלער איז געשטאנען באַם פאָרהאַנג און מיט ווייטעק אין די אויגן באַטראַכט אָסקאַרן, זגורסקין און די אַרומיקע. ער איז געווען דער־שיטערט. אויף די רעפּעטיציעס איז מאַקס געווען באַצויבערט פון אָסקאַרס שפּילן, נאָר איצט איז דער מענטש אים געווען דערווידער.

אָסקאַר שאַפּיראָ האָט אויסגעגלײַכט זיך, אָפּגעשטויסן פון זיך די אַרו־מיקע, צוגעגאַנגען צום גרויסן שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אין דער זײַט, פאַריכט דעם גרים, דעם פּאַריק, די באָרד, און גלײַך ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, זיך דורכגעגאַנגען איבער דער בינע. ער איז געבליבן שטיין, אײַנ־הערנדיק זיך אַ ווײַלע אינעם טומל, וואָס האָט זיך אַהער דערטראָגן פונעם זאַל, צוגעגאַן צום פאָרהאַנג, אַ קוק געטאָן דורך אַ שפּאַרונע אָפּן געפּאַקטן זאַל, און זײַן גאַנץ לײַב האָט אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער רגע איז ער אײַנגאַנצן ניכטער געוואָרן. ער האָט זיך מיט אַ פעסטן טראַט געלאָזט צו די קוליסן, סטאַרענדיק זיך קיינעם פון די אַרומיקע ניט זען, און אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט, מע זאָל אופהייבן דעם פאָרהאַנג.

— אַ געזונט אין דײַנע ביינער! — איז כניפּעדיק אונטערגעלאָפן צו אים זגורסקי דער דריטער. — נעם זיך אין די הענט, פאַרשעם אונדז ניט...

אָסקאַר שאַפּיראָ האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שווערן בליק און איבער־געכאַזערט דעם זשעסט, מע זאָל אָנהייבן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך פּאַמעלעך אופגעהויבן, און די קלאַנגען פון מוזיק האָבן פאַרפולט דעם אײַנגעשטילטן, טונקעלן זאַל.

זגורסקי דער דריטער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל ניט טויט, ניט לעב־עדיק. שימשון־האַגיבער איז געזעסן אין געהאַקטע ווונדן באַ זיך אין דער סופליאָר־בודקע און זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס וועט באַלד זײַן. ער האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז, דערזעענדיק, ווי דער קיניג מיט זײַנע טעכטער איז אַרויס אויף דער בינע, און אָנשטאָט סופלירן האָט ער געבעטן גאָט, אָס־קאַר זאָל ניט דורכפאַלן, עס זאָל ניט זײַן קיין שאַנדע.

אָן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט האָט באַהערשט דעם זאַל. וואָס איז דאָס מיט דעם קיניג, מיט אָסקאַרן? עפּעס איז ער גאָרניט ענלעך אויף יענעם, וועלכן אַלע האָבן פריִער מיט אַ פּערטל שאָ געמינטערט, אָנגעטאָן! זײַן שטים האָט אַ קלונג געטאָן אַזוי, ווי מיט אים, מיט אָסקאַרן, וואָלט הײַנט גאָרניט פּאַסירט. די ווערטער האָבן זיך געגאָסן פלײַסיק, אויסדריקלעך, פעסט, און הונדערטער נײַגעריקע אויגן האָבן מיט פאַרכאַפּונג געשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג פונעם קיניג.

שימשון־האַגיבער האָט דערפילט, ווי אַ שטיין איז באַ אים אַראָפּ פון זײַן האַרצן, זײַן פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט. ער איז געווען גליקלעך, וואָס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ס'איז ערשט ניט לאַנג פאָרגעקומען אויף דער בינע, האָט אָסקאַר שאַפּיראָ ווידער אַ גלאַנץ געטאָן מיט זײַן ווונדערלעכן טאַלאַנט.

דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיקט, און דער זאַל האָט געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן. מאַקס איז מיד געוואָרן אופהייבן און אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג. מע האָט ניט אָפּגעלאָזט דעם קיניג, און ער איז נאָכאַמאָל און

ווידעראַמאָל אַרויסגעגאַנגען, האַלטנדיק פאַר דער האַנט זײַן טרײַ טעכטערל, קאָרדעליע, מע האָט זיך געזעגנט פאַרן באַגײַסטערטן עולם.

ווען עס האָט זיך דאָס לעצטע מאָל אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג, איז זגורסקי דער דריטער צוגעלאָפן צו אָסקאַרן, אים אַרומגעכאַפּט, אָנגעהויבן קושן:

— גאַזלען, דער גוטיאַר זאָל דיך קענען! האָסט מיך הײַנט איבערגעשראָקן אויף טויט. איך בין שיר ניט געבליבן אָן אַ האַרץ. שיס מיך אַ טויטן, אויב איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט אַזוי וווּנדערלעך שפּילן!.. נו, גיי שוין גיכער, רו זיך אָפּ אַ ביסל. דו דאַרפסט נאָך הײַנט האָרעווען, ווי אַ קאַטאָרזשאַן. ביסט אַ מיליאָן, וויאַזוי דער עולם האָט דיך אויפגענומען? אַ געזונט אין דײַנע ביינער, גאַזלען מײַנער! האָסט דאָך געשפּילט, דוכט מיר, בעסער, ווי דו האָסט געשפּילט אַ ניכטערער...

מאַקס קרייסלער איז געשטאַנען באַם פאָרהאַנג, און אין די אויערן האָבן אים נאָך געקלונגען דעם קיניגס ווערטער, וועלכע ער האָט איצט שטילערהייט, קיינער זאָל ניט הערן, איבערגעכאַזערט:

זאָל זײַן אַזוי. זאָל אָט דער עמעס דיר אַלס נאַדן דינען,
אָט דאָ, איך שווער באַ דער הייליקער שײַן פון זון, באַ דער
פינצטערניש פון דער נאַכט, באַ דער באַוועגונג פון די ספערן,
וואָס גיבן לעבן אָדער טויט, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון פאָטערלעכע זאָרגן...

ערשט צוריק מיט אַ שאָ האָט מאַקסן זיך געדוכט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען אָנקוקן אָסקאַר שאַפּיראָ, נאָך דעם ווי ער האָט געזען, ווי ער איז געקומען אין טעאַטער און וויאַזוי מע האָט אים אַרויסגעשטויסן אויף דער בינע. איצט איז ער ווידער אַלץ מויכל געווען. ווײַזט אויס, אַז דאָס, וואָס אַנדערע איז שטרענג פאַרבאָטן, קאָן אַמאָל שאַפּיראָן ווערן דערלויבט...

* * *

שפּעטער ווי געוויינלעך האָט זיך געענדיקט די פאָרשטעלונג, קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט דורכגיין מיט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז שאַפּיראָ וועט הײַנט אַזוי שפּילן!

די בינע איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בלומען. לאַנג האָט דער עולם זיך ניט געוואָלט פאַנאַנדערגיין, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט מען גערופן דעם קיניג צו דער ראַמפּע, און ער, פאַלנדיק פון די פיס, איז מיט די לעצטע קויכעס געגאַנגען זיך בוקן פאַרן עולם.

און אָט האָט זיך אַלץ געענדיקט. דער אַלטער, גראָוער, צעבראָכענער קיניג, שווער אָטעמענדיק, האָט זיך געלאָזט צו זײַן ווינקל הינטער די קוליסן. ווער האָט דען געוווּסט, וויפל קויכעס, וויפל געזונט האָט אים אָפּגעקאָסט דער הײַנטיקער אָוונט!

די קאָלעגן האָבן אויף אים געקוקט מיט אָפענער קינע, אָבער וואַרעם אים באַגריסט מיטן גרויסן דערפאָלג.

אָסקאר שאפּיראָ האָט ניט געענטפֿערט אָף די באַגריסונגען. אים איז געווען שטארק ניט באַקוועם, ער האָט ניט געקאָנט קוקן זײַנע כאַווײרים אין די אויגן, נאָך דעם וואָס מיט אים איז פּארן ספּעקטאקל געשען. דערצו נאָך איז אים איצט גאָרניט ניט אָנגעגאנגען, גאָרניט געווען ליב. דאָס האַרץ האָט מוירעדיק גענאָגט און ווײ געטאָן, ווי עמעצער זאָל דאָס געווען אַרײַנעמען אין קלעם. אים איז מיט יעדער שפּאַן נאָך ערגער געוואָרן, און ער האָט שוין גיכער געוואָלט זיך דערקלײַבן צו זײַן ווינקל.

ער איז אָפּגעגאנגען נאָך עטלעכע טריט, זיך אָפּגעשטעלט, צושפּאַרנדיק זיך מיט דער פּלײצע צו דער וואַנט. אים האָט ניט געקלעקט קיין לופט, און ער האָט מיט די אויגן געבעטן, מע זאָל צעפּראַלן דאָס פענצטער. פאַר די אויגן האָבן זיך געדרייט אין ווילדן קאַראַהאָד שוואַרצע קרײַזן. ער האָט געפילט — אָט פאַלט ער, נאָר ער האָט זיך פּאָרט אָנגענומען מיט די לעצטע קויכעס, עפּשער וועט ער זיך דערשלעפּן צו דער באַנק.

אין דער זעלבער רעגע איז צו אים צוגעלאָפן א בײזע, אַן אויפגערודערטע עסטערקע און, ניט שעמענדיק זיך פאַר די אַרומיקע, אויסגעשריגן:

— אומזיסט, טאַטע, גראַטולירט מען דיך! דו האָסט עס ניט פאַרדינט... ביז איצט פלאַקערט נאָך אָף מיר דאָס פּאָנעם פון בושע. יענע מענטשן, וועלכע האָבן דיר הײַנט אַפּלאָדירט, ווען זײ זעען, ווי מע האָט אָף דיר געגאָסן וואַסער, וואָלטן זײ דיר ניט אַפּלאָדירט... און דו, קיניג ליר, ווילסט לערנען מענטשן עטיק, מענטשלעכקײַט, יוישער, אויפריכטיקײַט!..

זי האָט זיך אָנגעהויבן שטיקן פון טרערן.

— טשעפּע מיך איצט ניט, טאָכטער... — האָט קוים אַרויסגעבראַכט אָסקאר און זיך אָפּגעקערט פון איר, דאָס פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטעק.

— איך קאָן עס מער ניט איבערטראָגן, טאַטע...

— שווײַג, זאָג איך דיר, שווײַג. איך האָב פון דיר אַזוינע ווערטער ניט פאַרדינט... — האָט ער צוגעגעבן מיט די לעצטע קויכעס. — שפּעט מיך לערנען...

מאַקס האָט פאַרבײַגײענדיק אַרײַנגעשטעלט:

— זי איז דאָך גערעכט...

דערזעען דעם באָכער פון קאָלאָמײע, איז אָסקאר דערציטערט געוואָרן:

— און דו ווילסט מיך אויך לערנען? דאָס האָסטו געזאָגט, מאַקס?

— איך. וואָס זשע, איך טאָר שוין קײן וואָרט ניט זאָגן?

זײערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און אָסקאר האָט ניט אויסגעהאַלטן זײַן בליק, זיך אָפּגעקערט.

— ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט מיט מיר אַזוי צו ריידן? ווער? איך בין אָסקאר שאַפּיראָ, און ווער ביסטו? אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, האָט דיך עמעצער אונדז אונטערגעוואָרפן... א ניטגעבעטענער גאַסט אָף א פרעמדער כאַסענע... די פינפטע ראָד אין וואָגן. א בעקער פון קאָלאָמײע, קוילע מיר די גענדז אָפּן בוידעם!.. איז עפּשער וועסטו זיך פאַרנעמען, איך זאָל דיך דאָ מער ניט זען?..

— טאטע, ווי האָסטו זיך דערלויבט אזוי רעדן מיט מאקסן? שעמען מעגסטו זיך! — האָט איבערגעשלאָגן עסטערקע. — און אז א בעקער, איז וואָס? ניט אזא מענטש, ווי דו, ווי איך, ווי אלע? אזעלכע בעקערס האָבן דיר הײַנט אפּלאָדירט. פאר זיי שפּילן מיר... ביסט נאָך עפּשער שיקער? דו דארפסט זיך אנטשולדיקן פאר מאקסן... מיר האָבן אים אלע ליב...

— ווי וואגסטו אזוי רעדן וועגן טאטן, וואָס האָט דיר דאָס לעבן זײַנס אָפּגעגעבן, דיך אויסגעניאנטשעט, אף די פּיס געשטעלט... דו האָסט אים ליב?.. דער בעקער איז דיר טײַערער פונעם פאָטער? טאָ נעם אים דיר, דעם יונג, און גיי מיט אים צו אלע רוכעס!.. א דאנק דיר פאר דײַן לימעד, פאר דײַן לערע, עסטערל, קאָנסט מאכן דעם אויסוואל. אָט שטייט ער, דער בעקער, און אָט — דײַן אָפּגענארטער פאָטער. קלײַב אויס, ווער איז דיר טײַערער.

— צווינג מיך ניט מאכן קיין אויסוואל! — האָט עסטערקע מיט הארץ איבערגעשלאָגן. — ביידע זײַנט איר מיר טײַער...

— אָ, דאָס ניט! קיין הארץ קאָן מען ניט טיילן. עס טיילט זיך ניט קיין הארץ. איצט פיל איך עס שטארקער, ווי שטענדיק.

דערהערט, ווי עס טומלט זיך, איז צוגעלאָפן זגורסקי דער דריטער, צעשטויסן אלעמען און א פריילעכער אויסגעשריגן:

— קינדער, וואָס טומלט איר אזוי? אלע בילעטן אף דער גאנצער וואָך זײַנען אויספארקויפט. כײַ־געלעבט! טוט זיך גיכער איבער, וואשט זיך ארום, קומט אלע אין רעסטאָראן, איר האָט בא מיר פארדינט א גוטע וועטשערע, א גרויסן לעכאים. איך צאָל! אָסקאר, וואָס שטייסטו? טו זיך איבער. איך וועל הײַנט מיט דיר מאכן א קויסע... דו האָסט עס ערלעך פארדינט!

— א דאנק... — האָט שאפּיראָ שטיל אויסגעשעפּטשעט, אראָפּשלעפּנ־דיק פון קאָפּ דעם פּאריק. — איך האָב איבער זיך מער קיין דייע ניט. מײַן טעכטערל וועט מיך לערנען, ווי לעבן אף דער וועלט, און אויך אָט דער בעקער...

— איך האָב דיך געבעטן ניט באליידיקן אונדזער מאקסן, טאטע! שעמען דארפסטו זיך. אנטשולדיק זיך פאר אים...

אָסקאר האָט אראָפּגעלאָזט די הענט אָנמעכטיק:

— מײַן גאָט, צו וואָס איך האָב זיך דערלעבט...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דאָס הארץ האָט זיך נאָך שטאר־קער פארקלעמט און, געכאפּט זיך מיט ביידע הענט פאר דער ברוסט, קאָר־טשענדיק זיך פון ווייטעק, האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אפן דיל.

עסטערקע האָט זיך דערשראָקן. אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. זי האָט זיך א לאָז געטאָן צום פאָטער, צוגעפאלן צו אים אף די קני, אונטער־געהויבן דעם קאָפּ, גענומען קושן, דריקן צו זיך, נאָר ער האָט זי מיט דער אָפּגעשוואכטער האנט אָפּגעשטויסן:

— גיי אוועק פון מיר... אָט זײַנען מיר שוין, דאכט זיך, קוויט. איצט וועסטו שוין ניט לײַדן קיין ביזיוינעס פון דײַן טאטן. דער בעקער וועט דיר פארבײַטן א טאטן... גיי. לאָז מיך רויק שטארבן...

— אָסקאַר, טײַערינקער, וואָס איז מיט דיר? — האָט זיך אָנגעבויגן דער אימפּרעסאַריאָ, א טאַפּ געטאָן דעם דויפּעק און אויסגעשריגן דערשראָקן: — וואָס שטייט איר אַלע, ווי די יאָר־איידעס? איר זעט ניט, דער מענטש שטאַרבט! א דאָקטער! שנעלער, א דאָקטער!

שימשון־האַגיבער האָט געכאַפּט א פלעשעלע נאַשאַטיר און געגעבן דעם קראַנקן א שמעק טאָן, מיטן זשעסט געבעטן די אַרומיקע אָפּטרעטן און שטי־לערהייט געזאָגט:

— וואָס דאַרפסטו זיך אַזוי ערגערן, אָסקאַר? נעם זיך אין די הענט. גאָט וועט העלפן. נעם זיך נאָר ניט צום האַרצן. דאָס האַרץ איז אַן איידעלער אינסטרומענט... ווער זאָגט דיר דען, אַז דײַן עסטערקע איז בענעגייע דיר געערעכט? זאָל זיך דעם זעצן א בלאָטער אַף דער צונג. לייג ניט קיין אכט. פאַרט נאָך א יונגע ציג... אַלע זײַנען זיי אין די יאָרן ווילד. עס וועט אין איר איבערברויזן. זי איז ניט גערעכט. אָבער טאָמער מיינסטו, אַז דו ביסט אינ־גאַנצן גערעכט, האָסטו אויך א טאָעס...

— שימשון... איך בעט אַף זיך דעם טויט... — האָט אָסקאַר איבערגע־שלאָגן.

— וואָס? דעם טויט? — האָט שימשון ווידער אים געגעבן א שמעק טאָן פונעם פלעשעלע. — נאַרישער מענטש, דו האָסט אים ניט וואָס צו בעטן. ער וועט אַליין קומען, ווען ס'וועט, כאַלילע, שלאָגן די שאָ. קיינער לעבט ניט אייביק. יעדער איינער האָט זיך זײַן פאַרציע יאָרן. אָבער נאָר א מעשוּ־געגנער קאָן בעטן דעם טויט, ער זאָל קומען פריִער. ווי האָסטו דען צײַט שטאַרבן, אַז דו האָסט נאָך אַזויפיל אַרבעט אין טעאַטער! ריישיס, האָט מען אויסגעקויפט אַלע בילעטן אַפן „קיניג ליר". מוזטו שפּילן? צי עפּשער וועל איך פאַר דיר שפּילן דעם קיניג? כוץ דעם, האָסטו געזען, וואָס ס'טוט זיך בא מיר אין קעסטל, וויפל פּיעסן עס ליגן דאָרט און וועלכע דו דאַרפסט שפּילן! שטאַרבן... א שיינע מײַסע! איך האָב נאָך ניט באַגעגנט קיין איין מענטשן, וואָס זאָל זיך אומקערן פון יענער־וועלט און זאָגן, אַז דאָרט איז בעסער... אַף אונדזער זינדיקער וועלט איז טאַקע ניט קיין גאַניידן, נאָר פאָרט בעסער, ווי דאָרט. וואָס זשע דאַרפסטו טראַכטן וועגן טויט? טראַכט ניט וועגן אים, וועט ער אין דיר אויך פאַרגעסן...

דער רועך זאָל אים נעמען, דעם שימשענען! אינדערעמעסן, מיט זײַנע רייד האָט ער, דאַכט זיך, געהאָלפן אָסקאַרן מער ווי מיט זײַן פלעשעלע נאַשאַטיר.

אַף אָסקאַרס בלאַסן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א שמייכעלע. ער האָט אָנגעהויבן עטוואָס גרינגער אָטעמען. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן דעם גיבער, נאָר עס איז געקומען דער דאָקטער — א הויכער פאַרשוין אין אַן אַלטמאָדישן קאַפּעליוש, א לאַנגן מאַנטל מיט א שמאָל פאַרוואָקסן פּאָנעם און א פּאָר גלײַכגילטיקע גרויע אויגן.

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, ניט געײַלט, דעם בעגעד מיטן קאַפּעליוש, א הוכקע געטאָן מיט די גראָבע ליפּן אַף די דלאָניעס, האָט ער געכאַפּט דעם

פולס באם קראנקן, זיך אראָפּגעלאָזט לעבן אים אף א סקריפּענדיק בענקל און גלאַט זיך א זאָג געטאָן:

— נו־ס, זיך דערשפּילט, הייסט עס? ווי, זאָגט איר, הייסט ער, אָסקאר שאַפּיראָ? געהערט אזא נאָמען... ער שפּילט, זאָגט מען, גאנץ פּערפעקט? גוט. ער האָט היינט געשפּילט דעם קיניג ליר? וואָס זשע איז געשען מיטן קיניג אייערן? גאָר רעדט ניט אלע מיטאמאָל! זאָל איינער דערציילן...

ער האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער ברוסט פונעם קראַנקן, עטלעכע רעגעס זיך צוגעהערט און צוגעגעבן:

— וואָס זשע, אזעלכע קאָנצערטן טרעפן בא אים אָפט? וואָס, ניט אָפט?..

עסטערקע האָט א טויט־דערשראָקענע געקוקט אפן באריידעוודיקן דאָקטער און מיט פּאכעד געוואַרט אף זיין אורטייל. זי האָט זיך געפיייניקט, לעמיי זי האָט זיך היינט אזוי ארופגעוואָרפן אפן פאָטער. מעגלעך, אז ווען זי איז ניט אזוי אכזאָריעסדיק צו אים, וואָלט עפּשער אזוינס ניט געשען. פארוואָס זשע שווייגט דער דאָקטער?

יענער האָט נאָך לאַנג באטראַכט דעם כוילע, זיך אופגעהויבן פונעם בענקל, דורכגעגאנגען זיך הין און צוריק, פארלייגט די הענט צוריק, און מיט זיין גליייכגילטיקער, צעצויגענער שטים געזאָגט:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? צוערשט האָב איך געמיינט, אז ער איז עטוואָס שיקערלעך. עס פּילט זיך דער גערוך פון ווייַן... אייער ברודער, ווי באוווסט, האָט עס ליב. נאָר בא אים איז גאָר ניט גוט מיטן הארצן. דאָס הייסט, זייער שלעכט. די גאנצע האָפענונג איז אף... — ער האָט פארגלאָצט די אויגן, — גאָט, פארשטייט זיך. קיין קישעפמאכער בין איך ניט, און קיין ניי הארץ קאָן איך אייער קיניג ניט ארייַנשטעלן, אָבער פּראָשקעס וועל איך אים אויסשרייבן. דריי מאָל א טאָג... נאָר דעריקער — פולקאָמע רו. דער קראַנקער טאָר זיך ניט באוועגן, טאָר זיך ניט באומרויקן. דאָס קאָן זיך אויס־לאָזן טראַגיש. פארזיכטיק טראָגט אים אָפּ אהיים. ניט אף קיין דראָזשקע. מע טאָר אים ניט טרייסלען... וויאזוי, זאָגט איר, הייסט ער? שאַפּיראָ? זייער גוט... דאָס הייסט, זייער ניט גוט. צוויי־דריי כאָדאָשים מוז ער ליגן צו בעט. זיך ניט באוועגן. קלאָר?

— דאָקטער! איר הערט כאָטש, וואָס איר רעדט? — איז צוגעלאָפן זגור־סקי דער דריטער. — איר זייַנט בא די געדאַנקען? מיר האָבן שוין אויס־פארקויפט אף דער גאנצער וואָך די בילעטן. טוט, וואָס איר ווילט, נאָר ער זאָל מאָרגן שפּילן... וואָס הייסט... איך וועל אייַך באצאָלן, וויפל איר וועט זאָגן...

דער דאָקטער האָט אָפּגעמאָסטן דעם מענטשן מיט א סקעפּטישן בליק:

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייַך זאָגן? דער אַלטער ראָטשילד, וואָס איז פאראיאָרן געשטאָרבן, האָט פארן טויט צונויפגערופן אלע בעסטע דאָק־טוירים פון דער וועלט און באפוילן, אז ער גיט זיי אוועק דאָס גאנצע פארמעגן, מע זאָל אים שטעלן אף די פיס. נאָר ער האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע... און, דאכט זיך, פונקט נאָך אזא הארץ־אטאַקע, ווי בא אייער קי־ניג... איר זייַנט ניט ראָטשילד, און איך בין א געוויינלעכער דאָקטער...

— נאָר טוט עפּעס, איך בעט אײַך, — האָט זיך בא אים געבעטן זגורסקי דער דריטער, — זאָל ער כאָטש די וואָך אָפּשפּילן, דערנאָך וועלן מיר זען. שטעלט אים ווי־ניט־איז אף די פיס, און זאָל ער שפּילן!

דער דאָקטער האָט אָנגעכמורעט צום ערשטן מאָל די געדיכטע ברעמען און איבערגעשלאָגן:

— הערט נאָר, איך ווייס ניט, ווי מע קרוינט אײַך, נאָר איך האָב אײַך שוין איינמאָל געזאָגט, אז איך בין ניט קיין קישעפמאכער. איך וואָלט אײַך געייצעט שאנעווען און אָפּהיטן אײַערע מענטשן, זאָרגן וועגן זייער הארץ ניט דאן, ווען זיי זשיפּען קוים, נאָר עטוואָס פריִער. איך מעלדע אײַך אבסאָליוט קאטעגאָריש, אז דער מענטש איז געפערלעך קראנק און וועט ניט קאָנען שפּילן ניט מאָרגן, ניט איבערמאָרגן, ניט אין א כוידעש, אין צוויי כאדאָשים ארום... אין א כאדאָשים דרײַ ארום, אז אלץ וועט גיין בא אים גוט, וועט ער עפּשער מעגן שפּילן ניט קיין קיניג, ניט קיין גאזלען, נאָר די ערשטע צײַט פּיצעלעך ראָלן. רוִקע ראָלן... איר פארשטייט?

— וואָס דאבערט ער? בא אונדז זײַנען נישטאָ קיין רוִקע ראָלן! — האָט מיט געוויין אויסגעשריגן זגורסקי דער דריטער. — איר מאכט אונדז אומגליקלעך, דאָקטער. מירן מוזן פארמאכן דעם טעאטער... אָן אָסקארן האָבן מיר ניט וואָס צו טאָן.

— איך קאָן אײַך מיט גאָרניט העלפן... — האָט דער דאָקטער צעפירט מיט די הענט און, געכאפּט דעם קאפּעליוש, דעם מאנטל, זיך געלאָזט צו דער טיר.

עסטערקע איז געשטאַנען ווי א פארשטיינערטע. זי האָט זיך געגעסן לעבעדיקערהייט. ניט אנדערש, ווי דאָס האָט זי גענומען אף דער נעשאָמע אזא כעט, דאָס איז זי שולדיק אין אלץ, און זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי קויפט מען אויס די זינד. נאָר אין וואָס באשטייט איר זינד? זי האָט געזאָגט אים דעם עמעס אין די אויגן, געזאָגט אלץ, וואָס זי טראכט? וואָלט דען בעסער געווען, ווען זי ליגט, ווען זי זעט אן אוולע אפילע פונעם אייגענעם טאטן און שווײַגט? ניין, דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן! זי וועט ניט דולדן קיין אומרעכט, כניפע, פאלשקײַט, ניט ליגן, ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו אוולעס. דער געוויסן אירער וועט שטענדיק בלײַבן ריין, זויבער.

שימשן־האגיבער און מאקס זײַנען דערשלאָגענע געשטאַנען אין דער זײַט און מיט צאר באטראכט עסטערקען. אף מאקסן איז א ראכמאָנעס געווען צו קוקן, אזוי איז ער געווען צעבראָכן. שווערע מאכשאָוועס האָבן אים געמאטערט. עפּשער איז ער גאָר שולדיק אין דער גאנצער געשיכטע? צוליב וואָס האָט ער זיך געדארפט ארײַנמישן און אופרודערן אזוי איר פאָטער, דערפירן צו אזא לאגע? וואָס פאר א רעכט האָט ער, מאקס, געהאט זיך אײַנשטעלן פאר עסטערקען — זי האָט אים דען געבעטן? געוויס, יענער האָט אים פײַנט און קאָן אים ניט זען, איז עפּשער גלײַכער אלץ ווארפן און אוועק אין דער וועלט ארײַן? הײַנט דארף מען זיך געזעגענען מיט עסטערקען. ער וויל ניט זײַן דער שולדיקער אין זייער סיכסעך. הײַנט נאָך דארף מען דעם מיידל זאָגן וועגן דעם!

נאָר גלײַך איז אים געקומען אַן אַנדער געדאַנק: ווי קאָן ער זיי איצט פאַרלאָזן? זיי וועלן זיך געוויס נייטיקן אין זײַן הילף. איצט איז ניט קיין צײַט פון פירן כעזשבוינעס מיט איר פאָטער, מיט אַ מענטשן, וואָס ליגט אַזוי מאַכטלאָז, ביפראַט נאָך ווען דער מענטש איז עסטערקעס אייגענער פאָטער.

אַפּגיך צונויפגעשלאָגן אַ טראָגבעטל, האָט שימשן מיט מאַקסן פאַרזיכ־טיק באַלייגט אויף דעם כוילע און אים אָפּגעטראָגן אַהיים.

עטלעכע רעגעס זײַנען זיי געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ לעבן זײַן געלעגער, ניט ווי̇סנדיק, וואָס מע דאַרף זאָגן, און זיך אַרויסגערוקט פון דער שטוב.

מע האָט זיך צוגעזעצט אויף די שטיינער, באַם גאַנעקל, פאַרייכערט און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן בליקן אויף דער טיר.

מאַקס האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: וואָס טראַכט מען צו, קעדיי זיי העלפן? דערווײַל וועט ער דאָ זיצן, עפּשער וועט עסטערקע עפּעס דאַרפן. אָפּגעשיקט דעם פאַרמאַטערטן שימשענען שלאָפן, איז ער דאָ געבליבן זיצן איינער אַליין מיט דער קאַלטער נאַכט.

איבער דער שטאָט זײַנען געהאַנגען שווערע וואָלקנס, און פון מאָל צו מאָל האָט זיך פאַרבײַ זייערע שפּאַלטן דורכגעשלאָגן אַ שטיק רויטע לע־וואָנע. מאַקס האָט אַ טראַכט געטאָן מיט אוימרו: אַז די לעוואָנע איז אַזוי צונ־טער־רויט, איז ניט קיין גוטער סימען.

אין פענצטער האָט זיך אויסגעלאָשן די שײַן. זעט אויס, דער כוילע איז אײַנגעשלאָפן. מאַקס האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעקל עסטערקע, זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעשטעלט אַ דערשראָקענעם בליק אויף אים:

— זע נאָר, דו ביסט נאָך דאָ? פאַרוואָס גייסטו ניט אַהיים, ביסט דאָך אַזוי פאַרמאַטערט...

— און דו?

— איך? וואָס פרעגסטו? ער איז אַזוי קראַנק, דער טאַטע...

— כ׳ווייס. אין ערגעץ וועל איך ניט אוועקגיין, טאָמער וועסטו עפּעס דאַרפן...

— אַ דאַנק, מאַקס, — האָט זי אַראָפּגעלאָזט די האַנט אויף זײַן אַקסל, — איך ווייס, אַז בײַ דיר איז אַ גוט האַרץ... האָב ניט קיין פאַריבל אויפן טאַטן, וואָס ער האָט דיך באַליידיקט. איך בין צו אים אויך געווען זייער גרויזאַם, ניט גערעכט. הײַנט איז געווען יאַרצײַט נאָך דער מאַמען. אין אַזאַ טאָג קען ער זיך קיין אָרט ניט געפינען. און דאָ האָב איך זיך אויף אים אַזוי אַרופגע־וואָרפן. איך וועל זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן.

אירע ווערטער האָבן אים גערירט ביז טרערן. ער האָט געפּרוּווט דער־שטיקן אין זיך דעם פאַרדראָס, וואָס ער האָט געטראָגן אויף איר פאָטער, נאָר ניט געקענט. אין אויער האָבן נאָך אַלץ געקלונגען יענעמס ווערטער: „איך בין אָסקאַר שאַפּיראָ, און ווער ביסטו? אַ בעקער...“

מאקס האָט זיך באַגעגנט מיט עסטערקעס בליק און זיך אָפּגעקערט. וואָס האָט ער איר געקענט איצט זאָגן? דאָרט, אין צימערל, ליגט אויפן טויטן בעט איר פאָטער, וועלכער בייטיקט זיך איצט, ווי אין לופט, אין זײַן, מאַקס׳, הילף. עסטערקע וועט אומקומען איינע אַליין. וועט ער אַף א צײַט פאַרבייגן זײַן פאַרדראָס, זײַן ווייטעק און פאַרבלײַבן דאָ.

ער האָט אַף זיך גענומען א שווערן אָל און וועט אים טראָגן, ווי שווער ער זאָל ניט זײַן!

* * *

די פּרעמיערע פון „קיניג ליר” האָט אופגערודערט די גאנצע שטאָט. אַף יעדן טריט און שריט האָט מען געהערט ריידן וועגן אָסקאר שאפּיראָן. עס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אז עפּעס אַן אומבאוווּסטער וואנדער־טעאַטער וועט באווײַזן אזא ווונדערלעכן ספּעקטאַקל. ווו האָבן זיי גענומען אזא קיניג, קאָרדעליע? ניט אנדערש, ווי מע האָט זיי אײַנגעלאַדן פון א באַרימטער, גרויסשטאָטישער טרופּע. מע מוז גיכער לויפן א קוק טאָן דעם טעאַטער.

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן הונדערטער מענטשן באַלאַגערט די געבײַדע, נאָר איבערלייענענדיק די מודעה אַף דער טיר, אז די פאָר־שטעלונגען ווערן אָפּגעלייגט אין צוזאמענהאנג מיט דער פּלוצעמדיקער קרענק פון אָסקאר שאפּיראָן, איז מען אנטוישטע אוועקגעגאנגען.

זגורסקי דער דירעקטאָר האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. ער האָט ארײַנגעלייגט א גאנצן מאַיאָנטעק אין דער נײַער פאָרשטעלונג, זיך אָנגעבאָרגט און אָנגעליגן בא ווועמען און ווו עס האָט זיך געלאָזט. נעכטן האָט זיך אים שוין געדאַכט, אז ער איז אַפּן פערדל, אז דאָס מאזל איז אזוי נאָענט, איז אָט האָסטו דיר! כאָטש לייג זיך אוועק און שטאַרב! וואָלט ער דעם היגן אוילעם ניט געוויזן נעכטן אזא געשמאַק לעקעכל, וואָלט מען געשפּילט אנדערע פּיעסן אָן אָסקארן. נאָר וואָס פאַר א טאַם האָט זײַן טעאַטער אָן עסטערקען און אָן אָסקארן? אזוי ווי א מויד אָן אַם!

יאָ, א שיין שפּיצל האָט אים אָפּגעטאָן אָסקאר שאפּיראָ!

דער טעאַטער האָט אָנגעהויבן שפּילן, נאָר דער זאַל איז געווען פּוסט.

זגורסקיס טעאַטער איז אויסגעגאַן שטילערהייט, ווי א ליכט. עס איז ניט געווען מיט וואָס באצאָלן פאַר דער געבײַדע, האָט דער באַלעבאָס אופגע־האנגען אַף דער טיר א שלאָס. מע האָט די אַרטיסטן ארויסגעטריבן פון זייערע צימערלעך, ווײַל וועמען האָט זיך געגלוסט האַלטן בא זיך אומזיסטע שכיינים? עס האָבן זיך ארופגעוואָרפן די קרעדיטאָרן און גענומען טרייבערן די נעשאָמע פון זגורסקי דעם דירעקטאָר. די אַקטיאָרן זײַנען זיך צעקראָכן איבער די שטעט און שטעטלעך פון בוקאָווינע, מײַרעוו־אוקראַינע, פּוילן, רומעניע. איבערגעבליבן זײַנען נאָר שימשן־האַגיבער און מאַקס קרייסלער. זיי האָבן געגלייבט, אז אָסקאר וועט זיך שטעלן אַף די פיס און דער טעאַ־טער וועט ווידער אופגעריכט ווערן.

אַלע קאַיאָר איז מאַקס געגאַנגען אַפּן וואָקזאַל אויסלאָדן און אָנלאָדן וואַגאָנעס און סאָף טאָג זיך אומגעקערט א מידער, אויסגעמאַטערטער, דערפאַר האָט ער אָבער געבראַכט עטלעכע זלאָטעס, עפּעס עסן און רעפּועס פאַרן קראַנקן. מאַקס האָט געפּויעלט בא שימשענען און עסטערקען, אַז זיי וועלן ניט אויסזאָגן דעם קראַנקן, ווו זיי נעמען אַף דער הויצאָע. מאַקס האָט געזען אָסקאַרן בלויז דורכן פענצטער. באַוויַזן זיך אים פאַר די אויגן האָט ער ניט געוואַגט. דער באָכער איז געווען צופרידן דערפון, וואָס יענעם ווערט מיט יעדן טאָג לײַכטער און די געפאַר איז אַדורך. עס איז געווען א האָפענונג, אַז דער קראַנקער וועט זיך אין א צײַט אַרום שטעלן אַף די פיס.

דאָ, אין דער פרעמד, אָן פרײַנט, קרויווים, אָן אייגענע, האָבן דרײַ מענטשן טאָג־אײַן, טאָג־אויס אײַנגעלייגט וועלטן, אַלץ געטאָן, קעדיי ראַטעווען, שטעלן אַף די פיס, אומקערן אַף דער בינע אָסקאַר שאַפּיראָן.

ערשט אָנהייב פרילינג, נאָך א מוירעדיק שווערן ווינטער, האָט אָסקאַר זיך אופגעהויבן פון קראַנקן־בעט און אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אַרומגיין. צו דער צײַט האָט זיך אומגעקערט פון זײַנע וואַנדערנישן דער אימפּרעסאַריאָ לייזער, דאָס הייסט לעאָפּאָלד, זגורסקי דער דריטער. ער האָט געהאַט טויזנט נײַע פּלענער, וואָס מע וועט איצט טאָן. דערפרייט זיך שטאַרק, וואָס אָסקאַר איז שוין געוואָרן א שטיקל מענטש, האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט אין אַלע עקן בריוולעך און דעפּעשן, אָנגעהויבן צונויפרופן זײַן בראַנזשע.

די פייגעלעך האָבן זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און זײַנען זיך צונויפגעפלויגן צו זגורסקיס שטײַגעלע. מע איז געווען גליקלעך, וואָס מע וועט ווידער קענען שפּילן טעאַטער, נאָך וועלכן מע האָט זיך פאַר דער לאַנגער צײַט אַזוי אויסגעהונגערט. מע האָט זגורסקין מויכל געווען א סאַך פון זײַנע כאַטאָים.

אים איז דאָ אָבער אויסגעקומען גאַנץ ביטער. מע האָט אים שוין געקענט, דעם אָנזעצער, און אומעטום פאַרהאַקט פאַר זײַן נאָז די טיר. ניט קיין געבײַדע, ניט קיין דירעס — גאָרניט!

נאָר נישקאָשע, זגורסקי דער דריטער איז ניט דער פאַרשוין, וואָס פאַלט בא זיך אַראָפּ! צוליב עטלעכע באַלעבאַטים פּאַסקודניאַקעס, וואָס ווילן ניט געבן קיין קרעדיטן, שטעלט זיך ניט אָפּ די קונסט! זי וועט זיי אַלעמען איבערלעבן. עס זײַנען נאָך פאַראַן אַף דער וועלט לײַטישע שטעט און שטעטלעך, ווו אַן אָרעמער און פריילעכער טעאַטער איז א געוווּנטשענער גאַסט. דעריקער ניט אַראָפּפאַלן בא זיך! די קונסט שטאַרבט ניט!

ווידער האָט מען זיך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן, ווידער האָט מען זיך געלאָזט מיט האַק־און־פּאַק צו א שפּאָגל־נײַעם ברעג.

און אין איינער א שיינער שטאָט פון יענער זײַט קאַרפּאַטן האָט מען אײַנגיכן גרויסאַרטיק באַגעגנט די אײביקע אָרעמע וואַנדערער.

דאָס גליק איז שוין געווען אזוי נאָענט!

דורך די נעכט האָבן מאקסן געמאטערט קאָשמארן.

בייזע כאַלוימעס האָבן אים ניט געלאָזט שלאָפן. אָט איז אים געקומען צו כאָלעם די פּאני זשיכלינסקא, געפּאלן כאַלאָשעס, קוקנדיק, ווי עס ברענט די בעקערײַ; אָט זעט ער פאר זיך דעם פאן סטאסיק, וואָס באטראכט אים מיט זײַנע שמייכלענדיקע אויגן און פרעגט אים, ווי גייט עס אים, דעם „ארטיסט"; אָפט זעט ער אין כאָלעם דעם פעטער זכאריע, דעם שמיד, וואָס קאָן נאָך בא זיבעציק יאָר אויסבייגן מיט די הענט א פּאָדקאָווע; ער זעט גאָר אָפט די אַלטיטשקע, גוטע מאמע, די שטענדיק פארדײַגעטע, אויסגע־האָרעוועטע, אויסגעמוטשעטע; ער זעט דעם טאטן, און ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסזען, — א ניכטערן! נאָר, ווי אָף צולאָכעס, קיין איין מאָל ניט געזען אילקאָ זאגולן, זײַן ערשטן טרײַען לערער!

ווו קען ער איצט זײַן און וווהין האָט אים פארטראָגן זײַן שווערער גורל? מיט אילקאָן זײַנען דאָך פארבונדן די שענסטע יאָרן פון זײַן לעבן. יענער האָט אים געלערנט קוקן מיט גאָר אנדערע אויגן אָף דער וועלט, וואָס איז פול מיט פאלשקײַט...

אָבער וואָלט ער, אילקאָ, געווען נאָך אין קאָלאָמייע, וואָלט ער זיך געוויס אָפּגערופן. נאָר יענער האָט דאָך די גאנצע צײַט געלעבט, ווי אָף א קעלער מיט פולווער, איבער דעם יונג איז שטענדיק געהאנגען די האק.

מאקסן האָט זיך אויסגעוויזן, אז א גאנצע אייביקײַט איז אדורך פון יענער צײַט, זינט מע האָט זיך צעשיידט. וויפל וואָלט ער געגעבן, ער זאָל זיך ווידער טרעפן מיט אילקאָן! א יאם מיט פראגן האָבן זיך אָנגעזאמלט, און יענער וואָלט געקענט ענטפערן אָף אלע. וויאזוי דארף מען לעבן, עס זאָל דערנאָך ניט זײַן קיין ביזאיִען פאר די דורכגעלעבטע יאָרן, מע זאָל קע־נען קוקן מענטשן גלײַך אין די אויגן? אין וואָס איז דער זין פון לעבן?.. עפשער זיך דורכריידן מיט שימשענען? יענער ווייסט אלץ, און, צווישן אונדז גערעדט, טאָמער ווייסט ער עפּעס ניט, וועט ער מאכן דעם אָנשטעל, אז ער ווייסט. ער וועט עפּעס צוטראכטן, איר זאָלט ניט מיינען, אז ער איז א גראָבער־יונג, ווײַל וואָס, אשטייגער, פאר א פּאָנעם וואָלט ער געהאט, שימשן־האגיבער, בא זײַן געהילף, ווען יענער פרעגט אים עפּעס און שימשן קאָן אים ניט ענטפערן?

געוויס, אלץ ווייסט ער, אונדזער שימשן־האגיבער!

— וואָס זאָגסטו, ווילסט טאקע ויסן, וואָס האָט געקאָנט געשען מיט דײַן אילקאָן, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסקומען מיטן פאן פּילסודסקי און זײַן רעגירונג? קלאָר, ווי דער טאָג! דער פארשוין קער זײַן ווײַט־ווײַט, דאָרטן, ווו אלע, וואָס זוכן דעם עמעס. ער מוז זײַן הינטער אזעלכע גראָבע ווענט, אז ער קאָן דיר ניט קומען אפילע צו כאָלעם! אָף דעם האלטן זיך דיקטאַ־טאָרס, קייסאָרים, רעגירער. אָן גראָבע ווענט מיט גראטעס איז זיי אומעטיק צו לעבן. דאָס איז אָן אייביקע זאך. הײַנט פארשפּארט מען הינטער די גראַ־

טעס די, מאָרגן — יענע, און ס'איז פריילעך אף גאָטס וועלטל! עס דרייט זיך!..

אָבער מאקסן האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אז מיט אילקאַן איז געשען אן אומגליק. ער איז פּאָשעט פארהאוועט און לאָזט זיך ניט הערן. און כאָטש ער האָט ניט ליב געהאַט שרײַבן בריוולעך — אפילע די עלטערן האָט ער געשריבן זעלטן, נאָר געשיקט עטלעכע זלאָטעס, ווען עס האָט זיך געלאָזט, — האָט ער זיך צוגעזעצט און אָנגעשריבן קיין קאָלאָמייע א בריוול.

אָפּגעשיקט דעם בריוו מיט עטלעכע זלאָטעס פאר דער פּאני זשיכליג־סקא — פארן שאָדן, — האָט ער אומגעדולדיק געוואַרט אף ענטפער. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אז אילקאָ זאגול זאָל ניט ענטפערן!

מאקסן איז לאנג אויסגעקומען ווארטן, און ווען ער האָט שוין פארלאָרן אלע האָפענונגען, איז אָנגעקומען א בריוו פון קאָלאָמייע, א בריוו, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע בולקעלעך און צימרינג. געענטפערט האָט אָבער ניט אילקאָ, נאָר דער פּאַן סטאסיק פּשעפּיצקי.

„גוטמאָרגן, טײַערער און ליבער פּאַן מאקס, — האָט ער געשריבן מיט זײַן קינדערשן קסאַוו, מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס, — גוטמאָרגן. ערשטנס, מוז איך דיר שרײַבן, אז איך דאנק דיר דערפאר, וואָס דו האָסט אין דײַן בריוו צו זאגולן מיר איבערגעגעבן א גרוס, וואָס דו דערמאָנסט מיט א גוט וואָרט מײַן לערע, מײַן הילף און מײַן גוטע באַציִונג צו דיר. צווייטנס, קאָן איך דיר מודיִע זײַן, אז נאָך ביז הײַנטיקן טאָג דערמאָנען מיר דיך צו גוטן, סײַ איך, סײַ די פלאָפּלערן פּריסקע, וואָס לאָזט דיר הארציקע גרוסן, סײַ סטעפּאַן גוציוק און אויך אלע בעקער, א רועך אין זייער באָבען, ווי זיי זײַנען מיר שוין נימעס! וואָס איז שײַעך דײַן אילקאָן, טאָ מוז איך דיר שרײַבן, אז מיט אים איז ניט גוט. אים האָט געטראָפן א גרויסער אומגליק. צוליב אים זײַנען מיר אויך שיר ניט ארײַנגעקראָכן אין אַן אומגליק. פאראיאָרן זומער האָט זיך צו אונדז ארײַנגעריסן א גאנצע כאָפּטע יונגען פון דער דעפענזיווע, איבערגעקערט די בעקערײַ מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף, געכאַפּט אילקאַן, אים אָנגעטאָן אף די הענט שטאָלענע בראסלעטן און אוועקגעשלעפּט אין טורמע. פארוואָס, וועסטו פרעגן? ווייסט זיי די ערד, די קלאָוויִם! א פּאָר כאַדאָשים האָט מען אים געמוטשעט, געפּאָדערט, ער זאָל ארויסגעבן זײַנע כאַווייִרים קאָמוניסטן, מיט וועלכע ער איז געגאנגען אין די בערג און געדרוקט פלוגבלעטלעך, נאָר ער האָט זיך געהאלטן שטאָל און אײַזן. געשוויגן. קיינעם ניט ארויסגעגעבן.

אף גאנצע צען יאָר האָבן זיי אים פארמישפּעט. ער האָט געוואָלט אראָפּ־ווארפן די רעגירונג, באַפרײַען מײַרעוו־אוקראַינע, ס'זאָל אַלץ זײַן, ווי בא די סאָוועטן פון יענער זײַט זברוטש.

דאָס מאָל האָב איך אילקאַן מיט גאָרניט ניט געקאָנט העלפן, ווײַל ער איז צו ווײַט אוועק. איך האָב זיך גראדע געלאָזט קאָסטן, געוואָלט אויסטאָן פון זיך דאָס העמד, אבי ארויסשלעפן פון טורמע אילקאַן, וואָס כ'האָב זייער ליב געהאַט, נאָר עס האָט גאָרניט געהאָלפן. ווען איך בין געקומען צו דער טורמע איבערגעבן אים א פּאָרל גרעט, עפּעס עסן, א רעקל, האָבן די

אופזעער זיך אַף מיר ארופגעוואָרפן, פארשלֿעפּט אין קאָנטאָר פון טורמע און גוט אָנגעבראָכן די ביינער, געדראָעט, טאָמער וועלֿ איך נאָכאמאָלֿ קו־מען, עפּעס ברענגען דעם בונטאר, וועלֿ איך זיצן גלייַך מיט אים...

וואָס זאָלֿ איך דיר, פּאן מאקס, א סאך ברייַען, צו אים לֿאָזט מען קיינעם ניט צו, מע האלט אים דאָרטן אוף זייער שטרענג, ווי א געפערלֿעכן מעלֿו־כע־פארברעכער. מע האָט אים שוין איבערגעפירט אין „ברעזע‟, און דאָרט, ווי דו ווייסט אלֿיין, לֿעקט מען ניט קיין האָניק. זאָלֿ אים גאָט העלֿפן, ער זאָלֿ קאָנען איבערטראָגן אלֿע רעדיפעס און קלֿעפּ, וואָס מע גיט אים דאָרטן. אהין, אין „ברעזע‟, איז גרינג אריַינפאלֿן, נאָר שווער ארויסגיין. איַינקו־מען אהין — זיַינען די טירן ברייט צעעפנט, פּראָשע פּאנע! אָבער זיך ארויסריַיסן — לֿאָזט מען אין דער טיר אפּילֿע קיין שפּעלֿטעלֿע ניט איבער. אָט אזוי, פּאן מאקס!

איצט ווילֿסטו, געוויס, וויסן, וואָס טוט זי, די פּאני זשיכלֿינסקא? זי זאָלֿ שוין, מאטקא באָזסקא טשענסטאכאָווסקא, אָנלֿייגן מיטן קאָפּ. זי לֿעבט נאָך, און גאָט ווילֿ זי ניט צונעמען צו זיך. ער ווילֿ זיך מיט דער מאכעשייפע ניט מוטשען, אפּילֿע אַף יענער־וועלֿט. טיַיערע און ערלֿעכע מענטשן פוילֿן אין די טורמעס, מאטערן זיך, און אזעלֿכע, ווי זי, גייען ארום אַף דער פריַי און סאמען אָפּ די לֿופט.

און נאָך קאָן איך דיר שריַיבן, טיַיערער מאקס, אז די עטלֿעכע זלֿאָטעס, וואָס דו האָסט צוגעשיקט, האָב איך איר אָפּגעגעבן גלֿייַך אין די הענט. און זי האָט זיך שטארק געוווּנדערט, וואָס דו האָסט זיך דערמאָנט אין דער סרייפע און אומגעקערט די פּאָר זלֿאָטעס אפן כעזשבן פון דעם העזעק, וואָס זי האָט געהאט, די פּאני זשיכלֿינסקא. זי האָט געבעטן דיר איבער־געבן, אז טאָמער ביסטו שוין ניט אזא אויסוואורף, ווי געוועזן, קאָן זי דיך צוריק נעמען אין בעקערײַ, אָבער נאָענט צו די אויוונס וועט זי דיך ניט צולֿאָזן, זי קאָן דיר, זאָגט זי, בלֿויז פארטרויען דעם בעזעם. דיַינע זלֿאָטעס האָט זי גענומען און קיין דאנק אפּילֿע ניט געזאָגט...

א שאָד, וואָס דו ביסט איצט ניט אין קאָלֿאָמייע, וואָלֿסט געהאט פון וואָס צו לֿאכן. איצט איז בא אונדז אן עמעסער צירק. שוין א פּאָר וואָכן, ווי עס גייט דער געריכט. דער פעלֿדשער טשאָפּעק־גוראלסקי האָט דערלֿאנגט אַף פּאני זשיכלֿינסקא אין געריכט, און דער בראנדמייסטער אויך. פאר זיַין צעבראָכענעם העלֿם, אויב דו געדענקסט. שוין אזא צײַט אוועק. אלֿע האָבן שוין לֿאנג פארגעסן אין דער סרייפע, און ערשט איצט האָט זיך דער געריכט דערמאָנט, און מע מישפּעט די פּאני זשיכלֿינסקא. די גאנצע שטאָט גייט כאָדאָראָם...

אָט אזוי, פּאן מאקס, לֿעבן מיר. מע לֿאכט און מע וויינט. שריַיב אָן א בריוולֿ, אויב דו וועסט וועלֿן. דערווײַלֿ גריסן דיר און פארנייגן זיך פאר דיר פּריסקע, סטעפּאן גוציוק און אלֿע דיַינע באקאנטע, וואָס ווינטשן דיר גוטס. יאָ, שיר ניט פארגעסן! אונדזער פּריסקע איז געוואָרן דיקער, זי רעדט נאָך מער, ווי זי האָט פריִער גערעדט, לֿאכט הילֿכיקער, ווי פריִער, און בעט זאָגן,

אז זי קושט דיך הונדערט מאָל, און עס טוט איר באנק, וואָס זי האָט עס ניט געטאָן דעמלט, ווען דו ביסט געווען נעענטער.

פארבלײַב געזונט און גליקלעך, דײַן פאן סטאסיק".

מאקס קרייסלער האָט געלייענט און געווען דערשיטערט פון דער נײַס וועגן אילקאַ זאגולן. ווען ער איז צוגעקומען צו דער געשיכטע וועגן גע־ריכט, וועגן דעם בראנדמייסטער, האָט ער געקײַכט פון געלעכטער. פאר די אויגן איז ווידער אופגעשטאנען קאָלאָמייע, דער קעלער, די בעקער־יונגען, די היים.

אוי, די היים, די היים! די אלטיטשקע גוטע מאמע, קאָוואליוקע, וואָס ליגט אין דער געדיכטעניש פון די קארפאטן, באם אייביק וואכן בארג־שטראָם, וואָס ווערט ניט אנשוויגן, ווי ער זאָל פירן אן אייביקן סיכסעך מיט דער גרויסער וועלט... דעריקער — די מאמע! די אלטע מאמע מיטן צע־קארבטן גוטמוטיקן געזיכט, מיט די גראָווע פאסמעס האָר, וואָס פאלן פון אונטער איר פאטשיילע צו אירע גרוילעכע אויסגעוויינטע אויגן, אף וועלכע עס שפיגלט זיך אָפּ דער גרויל, דער ווייטעק פון א דורכגעלעבט שווער לעבן. אָט קוקט זי אף אים, שאָקלט פארדײַגעט מיטן קאָפּ און טײַנעט: וווהין, מאזיק, האָט דיך פארטראָגן דײַן ווײַטער גוירל? בעסער וואָלסטו געזעסן באנאנד מיטן טאטן צווישן די פרישע סטרוזשקעס, געארבעט, וואָלט דיר קיינער ניט אויסגעוואָרפן דײַן יִכעס, קיינער וואָלט דיר ניט געזאָגט: „איך בין אָסקאר שאפּירא, און ווער ביסטו? א בעקער פון קאָלאָמייע!"...

עך, ווי גוט וואָלט איצט געווען זיך דורכפאָרן אהיים, צו טאטע־מאמע! נאָך אזויפיל יאָר זיך ארומשלעפן איבער דער וועלט מיטן וואנדער־טעא־טער, לײַדן הונגער, קעלט, באליידיקונגען — נאָך דעם אלעמען, — ווי גוט עס וואָלט זיך געווען אויסרוען די ביינער אונטער דער מאמעס פלי־געלע! נאָר מאקס האָט זיך געכאפט, אז ס'איז נאָך ניט געקומען די צײַט. אהין וועט ער ניט פאָרן, קאָלזמאן ער וועט עפּעס ניט דערגרייכן אין לעבן, זיך ניט צושלאָגן צו א ברעג. צו וועלכן ברעג? עפשער ווערן אן אקטיאָר? נאָר אויב שוין יאָ, איז בלויז אזא, ווי שאפּירא, עסטערקע, ניט קיין סטא־טיסט, וואָס שטייט ווי א דעמב אף דער בינע און רעדט ניט אויס קיין וואָרט. ווערן אן אקטיאָר... מאקס האָט זיך פארשעמט פאר דעם געדאנק, וואָס איז אים געקומען פלוצעם. ניט יעדער קאָן ווערן אן אקטיאָר. שימשן־האגיבער האָט געזאָגט, אז דערצו דארף מען האָבן טאלאנט, גאָטס פונק. און דאָס וועסטו פאר קיין שום געלט ניט קויפן. דעם פונק דארף מען אײַנזויגן מיט דער מוטערס מילך. נאָר אָט איז דאָך זיגפריד לײַנארד, ווי שימשן האָט ניט איין מאָל דערציילט, געווען א פּאָשעטער סטאָליער אין האמבורג און געוואָרן אזא בארימטער אקטיאָר און רעזשיסער!..

הײַנט האָט מאקס קרייסלער ווידער א פרעג געטאָן שימשענען וועגן דעם זיגפרידן.

— זע נאָר, — האָט יענער געזאָגט, — וואָס פרעגסטו זיך אזוי נאָך אף דעם לײַנארדן, ווי ער זאָל דיר אָנקערן אן אייגענער פעטער, בא וועלכן דו ווילסט באקומען ירושע... און עפשער ווילסטו אים גאָר באגליקן, אָנ־

קומען צו אים אין טעאַטער, ווערן בא אים אַן אַקטיאָר? אָט זעסטו, דאָס קער ער דאָרט זיצן, דער זיגפריד, און שטאַרק אַרויסקוקן אַף דיר. אָן מאַקס קרייסלערן קאָן ער זיך מאַמעש ניט באַדרייען! מיר דאַכט זיך, ברודערלעבן, ער וואָלט דיר אַפילע ניט פאַרטרויט דעם בעזעם צוראַמען די בינע זײַנע. צו די דעקאָראַציעס וואָלט ער דיך ניט צוגעלאָזט נעענטער, ווי אַף אַ מײַל.

דערזעען, ווי מאַקס האָט זיך אָנגעבלאָזן אַף אים, האָט שימשן־האַגיבער אַ שמייכל געטאָן, זיך צוגעזעצט מיט מאַקסן אין אַ ווינקל און שוין גאָר מיט אַן אַנדער טאָן פאָרגעזעצט:

— דו האָסט ניט וואָס זיך באַליידיקן אַף מיר. אָט וועל איך דיר באַלד דערציילן די געשיכטע וועגן איינעם אַן אַקטיאָר אונדזערן, אַ לעץ, וואָס האָט זיך אַמאָל גענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, אַז ער מוז ווערן אַן אַקטיאָר בא זיגפריד לײַנאַרדן אין טעאַטער. דו קענסט זיך שוין פאָרשטעלן, ברודערקע, וויאַזוי אונדזערע לייצים האָבן אים גענומען אַפּן צימבל און אויסגעלאַכט. דאָס איז געווען אַ פאַרשווינדל, וואָס האָט געשפּילט אַף דער בינע, נאָר קיין שטערן פון הימל האָט ער, כאָלילע, ניט געכאַפּט. נו, קוים־קוים אַן אַקטיאָר. האַקיצער, ער האָט זיך אויסגעלערנט שפּרעכן דײַטש, צונויפגעשלאָגן עטלעכע זלאָטעס, זיי אויסגעביטן אַף מאַרק, זיך אופגענייט אַ נײַעם גאַרניטער, אָנגעטאָן אַ קאַפּעליוש, וואָס איז אים געגאַן, ווי אַ כאַזער אַ שטרײַמל, און ער פאָרט קיין בערלין! מיילע, וויפל מיר האָבן זיך דאָ איבער דעם ניכבעניק אָנגעלאַכט, וועל איך דיר ניט ברײַען. אַוועקגעפאָרן! פּאָטער. מיט גרויסע אַנגסטן האָט ער זיך דערשלאָגן צו דעם לײַנאַרדן. דו דאַרפסט וויסן זײַן, אַז דאָס איז ניט קיין פּראָסט שטיקל אַרבעט. צו אים איז, זאָגט מען, שווערער צוקומען, ווי צו אַ פּרעזידענט! נאָר אונדזער באָכער איז געווען אַ גרויסער אַזעספּאָנעם און זיך צו אים אַרײַנגעריסן, צו לײַנאַרדן. דער האָט דערהערט, וואָס דער לעץ וויל פון אים, האָט ער אַף אים אַ קוק געטאָן, אַז בא דעם באָכער איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז עס האָט בא אים אָפּגענומען די צונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרהיקען. „לייענט עפּעס איבער“, — זאָגט אים לײַנאַרד. דער שלימאַזל האָט ענדלעך אָנגעהויבן געבן לאָשן, און זיגפריד האָט ניט געוווּסט, ווו מע טוט זיך אַהין. ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן, ער זאָל אים ניט אַרויסטרײַבן, נאָר אַזוי־ווי ער איז אַ העפלעכער מענטש, אַן איידעלער, האָט ער אויסגעהערט ביזן סאָף און אים געזאָגט: „איר פאַרשטייט, יונגערמאַן, מײַן פילגעשעצטער קאָלעגע, מיט גרויס פאַרגעניגן וואָלט איך אײַך אַרײַנגענומען צו זיך אין טעאַטער, נאָר דער גאַנצער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס אין מײַנע פאָרשטעלונגען טרעפן זייער זעלטן ראָלן פון זאַיקעס...“ און ער האָט דעם לעץ גאַנץ איידל אַרויסבאַגלייט. דער סאָף איז געוואָרן, אַז פון אונדזער ברעג איז ער אָפּגעשווומען און צו אַ צווייטן ניט צוגעשטאַנען. ס'איז, דאַכט זיך, גרינגער ווערן אַ קאַנצלער אין דײַטשלאַנד, ווי אַן אַקטיאָר בא לײַנאַרדן אין טעאַטער. דו פאַרשטייסט, וואָס איך זאָג דיר?

— איך פאַרשטיי, וואָס איר זאָגט מיר... — האָט מיט א געפאַלענער שטים אַרויסגעבראַכט מאַקס.

— אויב דו פאַרשטייסט, איז גוט. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז דו ביסט א באָכער מיט פאַרשטאַנד! יענער מענטש האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגן, איך האָב אים בעפּיירעש געזאָגט: „זיץ, און רוק ניט א פוס אין טשאָלנט”, האָט ער מיך ניט געוואָלט פאָלגן. טאָ ברעכט ער זיך זײַן קאָפּ! דער לעץ האָט פון גרויסע צאָרעס כאַסענע געהאַט פאַר א מיִעסער מויד, וואָס האָט פאַרמאָגט א געשעפט פון פעדערן. נו, נו, האָבן שוין אונדזערע כעווירע געהאַט פון וואָס צו לאַכן. מע האָט געזאָגט: „דער באָכער איז אַרײַן אין די פעדערן”. נו, עפּשער ווילסטו אויך אַרײַן אין די פעדערן? וואָס, דו ווילסט ניט? זייער גוט!

* * *

דער וואַנדער־טעאַטער איז ווידער אופגעריכט געוואָרן. דער אוילעם האָט אָפּגעשלאָגן די טירן, ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אַז עס שפּילט אָסקאַר שאַפּיראָ, דער באַרימטער טראַגיקער. ער האָט ווידער באַגײַסטערט דעם צושויער און מע האָט אים שטורמיש אופגענומען.

דאַכט זיך, מער פון אַלע איז מעקאַנע געווען אַף יענעמס שפּילן מאַקס. מעקאַנע געווען, נאָר, ווי שטענדיק, ניט געקאָנט מויכל זײַן די באַליידיקונגען.

ניט איין מאָל, פילנדיק אַף זיך יענעמס פײַנטלעכן בליק, איז מאַקס גרייט געווען לויפן אין דער וועלט אַרײַן, נאָר אַלעמאָל האָט אים אָפּגעהאַלטן דער געדאַנק, אַז ער וועט פאַרלירן עסטערקען.

זגורסקי דער דריטער האָט שוין פון לאַנג באַמערקט, וואָס האַלט דאָ צו מאַקסן, שימשנס טרײַער געהילף. און נאָך איין זאַך האָט שוין לאַנג באַמערקט דער אימפּרעסאַריאָ: מאַקס איז פאַרליבט ניט בלויז אין עסטערקען, נאָר אויך אין דער בינע, כאָטש ער האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזן.

— נאַרישער יונגאַטש! — האָט אים זגורסקי ניט איין מאָל געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, ווען ער האָט אים אײַנגערעדט ווערן א סטאַטיסט. — וואָס שעמסטו זיך? וועסט זיך שעמען, וועסטו ניט כאַסענע האָבן. ביסט א שיינער באָכער, ווי גאָלד, דער רועך האָט דיך ניט גענומען, א טשופּרינע, א פּאָר אויגן, אַזא יאָר אַף מיר, די מוידן ווערן פאַר דיר די קאַפּאָרע, אַז זיי דערזען דיך... דיר דאַכט זיך, אַז אונדזער אָסקאַר איז פאַר איין טאָג געוואָרן אַזא באַרימטער אַקטיאָר? א מאַקע! ער האָט ניט ווייניק האָלץ געהאַקט, ביז ער איז געוואָרן אָסקאַר שאַפּיראָ. אי ער, אי עסטערקע זײַנען בא מײַן טאַטן, אָלעוו־האַשאָלעם, געווען פּאָשעטע סטאַטיסטן, דערנאָך האָבן זיי זיך שוין אַרופגעכאַפּט אַפן פערדל! פאַרגעס ניט, אַז בא מיר, ווי בא מײַנע אָוועס, איז א גרינגע האַנט. בא מיר גייט מען אַרויס אָדער גאַרנישטן, טויגעניכצן, אָדער גרויסע שוישפּילער. פאַרגעס דאָס ניט. איך, אַז איך וויל, קאָן איך צווינגען א העלפאַנד שפּילן אַף דער בינע גרויסע ראָלן. וועסט זיך בא מיר אַרומדרייען נאָך א פּאָר יאָר, דערשלאָג מיך ניט א דונער, וועל איך דיך אויך

ארויסטרײַבן אַף דער בינע, און דו וועסט בא מיר שפּילן, ווי א מיזמער! זע נאָר, סאַרא קראַסאַוועץ דו ביסט געוואָרן אַף מײַנע קעסט! און א שטימעלע האָסטו אויך, א דיקציע, מע זאָל דיר כאָלילע קיין גוט-אויג ניט געבן!.. סטאַרע זיך, טײַערער, עפּעס וועט פון דיר בא מיר ארויסקומען. ווער ווייסט דען ניט: אז א שאַמעס שטייט אַפ עטלעכע יאָר הינטער דער טיר באַם רעבן, לערנט ער זיך אויך אויס פּאַסקענען שײַלעס...

מאַקס האָט זיך צוגעהערט צעשטריִיט, פון יויצע-וועגן, אונטערגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר געטראַכט האָט ער אַלץ וועגן עסטערקען. ער האָט שוין ניט געקאָנט באַהאַלטן זײַנע געפילן צו איר. נאָר אָפּט האָט אים ארומגע-כאַפּט א שרעק, מיינענדיק, אז זי באַציט זיך צו אים גוט, בלויז דערפאַר, וואָס זי איז שוין צוגעוווינט צו אים, בלויז דערפאַר, וואָס אין א שווערער שאָ, ווען זי מיט איר פאָטער האָבן זיך גענייטיקט, איז ער געקומען צוהילף, און דאָס איז שווער צו פאַרגעסן. אָבער עפשער טראַכט זי אויך אזוי, ווי איר פאָטער, אז ער איז איר ניט קיין פּאָר, אז זי דאַרף א רײַכן, א באַרימטן כאָסן, א גוטן אַקטיאָר, און ניט קיין אָפּגעריסענעם און אָפּגעשליסענעם באָ-כער, וואָס פאָרעט זיך אין טעאַטער בא די דעקאָראַציעס און באַם פאָרהאַנג?

אז ער איז געשטאַנען אזוי פאַרטראַכט, איז אונטערגעלאָפן צו אים עסטערקע, צעשויבערט אים די האָר, געשטיפט, צעבויטעט זײַנע מאַכשאָ-וועס.

וואָס זשע קומט דאָ פאָר? וואָס זשע טראַכט זי וועגן אים אינדערעמעסן?

* * *

ווען דער ספּעקטאַקל האָט זיך הײַנט געענדיקט און מע האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערגיין אַהיים, האָט מאַקס זיך פאַרקלײבן אין זײַן ווינקל הינטער די קוליסן, זיך צוגעשפּאַרט צום קאַסטן און גענומען שרײַבן עסטערקען א בריוו. ער האָט איר געוואָלט אויסלייגן אַלץ, וואָס מאַטערט אים אזוי די לעצטע צײַט, ער האָט איר געוואָלט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער קאָן ניט ארויסברענגען פאַר איר בייס זייערע קורצע, צופעליקע באַגעגענישן און געשפּרעכן, ווען מע באַהאַלט זיך פון א זײַטיק אויג, גלײַך ווי מע גאַנוועט עפּעס בא עמעצן.

מאַקס האָט לאַנג אונטערגעקליבן פאַר עסטערקען די נייטיקע ווערטער. זיי האָבן זיך אַזעלכע צאַרטע און וואַרעמע געלייגט אַפן בייגעלע פאַפּיר! און דאָס האָט אים געפרייט. ער האָט זיך אזוי פאַרטיפט אין שרײַבן, אז ער האָט ניט געזען, וואָס ארום אים טוט זיך. ער האָט אפילע ניט באַמערקט, ווי עסטערקעס פאָטער האָט זיך אונטערגעגאַנוועט צו אים אַף די שפּיץ פינגער, זיך אָנגעבויגן איבער אים און איבערגעלייענט, וואָס מאַקס שרײַבט זײַן עסטערקען. און אָסקאַר שאַפּיראָ איז אופגעזאָטן געוואָרן, ער איז געווען מאָלע-רעציכע. ער האָט ארופגעלייגט אַף מאַקס' אַקסל די האַנט, און יענער איז פון אומדערוואַרטקײַט אונטערגעשפּרונגען, זיך פאַרויטלט און אַראָפּ-געלאָזט פון בושע דעם קאָפּ.

— הער נאָר אויס, באָכערקע, — האָט ער, קוים איַינגעהאַלטן דעם קאַס, זיך אָנגערופן, — איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז צו אַלע דיַינע טאַלאַנטן ביסטו נאָך אַ דיכטער. זע נאָר, טאַקע — אַ סאַך מעלאָכעס און ווייניק בראָכעס! וויבאַלד אַזוי, וועל איך דיר געבן אַן אייצע: שלאָג זיך ארויס פון קאָפּ דיַין מעשוגאַאַס. מיַין עסטערקע איז ניט פאַר דיר, און דו ביסט ניט פאַר איר. איך האָב דיר שוין געזאָגט. הער נאָר אַן איַינפאַל פון אַ יונגאַטש! וואָס קערסטו זיך אָן מיט מיַין עסטערלען? זי איז באַרימט, טאַלאַנטירט, שיין, מיט אַלע מיַילעס. איר שטייט פאָר אַ גלענצנדע צוקונפט. זי פאַרדינט גליק, און דו וועסט עס איר קיינמאָל ניט קענען געבן. יאָ, איצט פאַרשטיי איך שוין, ווער עס דרייט איר דעם קאָפּ, פאַרוואָס זי וויל ניט הערן, אַז מע רעדט איר אַ שידעך. וועער ביסטו? ווי קאָנסטו וועגן אַזאַ מיידל אַפילע טראַכטן? וואָלסטו כאָטש געווען אַ שטיקל אַקטיאָר, נאָר דו ביסט דאָך דער־רועד־וויסט־וואָס. ווי קאָנסטו שריַיבן אַזוינס?

אָסקאר שאַפּיראָ האָט אַ ווונק געטאָן אַפן בריוו, אים אַ כאַפּ געטאָן און צעריסן אַף פּיצלעך, אַ שמיץ געטאָן עס מאַקסן צו די פיס.

דאָס בלוט האָט זיך אין מאַקסן צעקאָכט, ער האָט זיך קוים איַינגעהאַלטן, ער זאָל זיך ניט וואַרפן אַף אָסקארן. באַ אים איז געווען אַזאַ געפיל, ווי מע וואָלט אים אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם, צעטאָפּטשעט מיט די פיס זיַינע סאַמע פאַרבאָרגענע טרוימען. טרערן האָבן אים געגומען שטיקן. ניט אָפּגעענטפערט, האָט מאַקס זיך אויסגעקערט און ארויסגעלאָפן אין דרויסן.

ביז טאָג האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבער דער איַינגעשלאָפענער שטאָט. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, פאַר וועלכע זינד מוז ער ליַידן אַזעלכע באַליידיקונגען. ווי נידעריק עס איז געפאַלן דער באַרימטער טראַגיקער, וואָס דערלויבט זיך אַזוינס? איבערגעלייענט, ווי אַ קליינלעכער גאַנעוו, דאָס, וואָס מאַקס האָט פאַרטרויט בלויז דעם בייגעלע פּאַפּיר און עסטערקען. זעט אויס, אַז דער מענטש, וועמען מע באַגעגנט אין טעאַטער, אַף דער בינע, מיט אַזאַ קאָוועד, פאַרמאָגט ניט קיין מענטשנווירדע. כוץ זיך, האָט ער קיינעם ניט ליב, אַפילע זיַין איינציקע טאָכטער. סאַראַ נישטיקער מענטש ער איז אין לעבן, אָסקאר שאַפּיראָ. ווי קען אַזאַ פאַרשוין שפּילן אַזוי אופריכטיק און איבערציַיגעוודיק דעם קיניג ליר, טעוויען, ער האָט דאָך ניט קיין שטריכעלע זייערס!

ער איז ארומגעגאַנגען און זיך געפּילט, ווי קיינמאָל, איינזאַם, נישטיק, איבעריק אַף דער ערד. אַזויפיל ציַיט, זינט ער האָט פאַרלאָזט די היים, און זיך צו גאָרניט ניט דערשלאָגן. ער איז געגאַנגען, אַליין ניט געוווּסט, וווהין און נאָך וואָס גייט ער, מעקאַנע געווען די ביימער, וואָס רוישן באַ די וועגן, די פּוסטע בענק אין בולוואַר, דעם שיקערן נאַכט־וועכטער, וואָס ווערטלט זיך דורך מיט דער אָנגעפאַרבטער גאַסן־מויד, וועלכע זוכט עמעצן, קעדיי מיט אים פאַרברענגען די רעשט נאַכט. אַפילע דעם היימלאָזן הונט, וואָס איז געשטאַנען אַפן ראָג און געוואָיעט אַף דער לעוואָנע, איז מאַקס איצט געווען מעקאַנע. ערשט ניט לאַנג, ווען ער איז געזעסן און געשריבן עסטערקען דעם בריוו, איז אים געווען אַזוי גוט אַפן האַרצן. ער האָט זיך

געפילט אפן זיבעטן הימל, כאָטש ער האָט ניט געוווּסט, וואָס ווערט אים עסטערקע ענטפערן אף זײַן בריוו, דארף דער רועך אַנטראָגן אָסקארן, און די שטימונג איז צעשטערט געוואָרן.

מאקס האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערזען פון יענער זײַט טײַך די הויכע בערג, וואָס זײַנען געווען באַשײַנט פון דער זילבערנער לעוואָנע, דערזען דעם אויסגעשטערנטן הימל, די ארומיקע שיינע וועלט, און דאָס האָט אים עטוואָס אָפּגעוועגדט פון זײַנע שווערע מאכשאָוועס. ער האָט געוואָלט אָפּ־טרײַבן פון זיך די דערמאָנונג וועגן דער הײַנטיקער באגעגעניש מיט עסטער־קעס פאָטער, פארגעסן די ווערטער, וועלכע ער האָט אים געוואָרפן אין פּאָנעם ארײַן און ארויסגערופן אין זײַן נעשאָמע אזויפיל שלעכטע געפילן, אָבער אזעלכע ווערטער פארגעסן זיך ניט, זיי קריצן זיך אײַן אין זיקאָרן, און פרווו זיי ארויסרײַסן!

ווי שווער עס איז אים געווען נאָך די פרעכע ווערטער פון איר פאָטער, איז פאַרט פאר מאקס׳ אויגן געשטאנען די גאנצע צײַט זי, עסטערקע, און געוועקט אין אים די לויטערסטע געפילן און טרוימען. אין איר האָט ער געגלייבט, ווי אין זײַן גורל. ער וועט ווארטן, וואָס וועט זי אים זאָגן, און וואָס עסטערקע וועט באַשטימען, אזוי וועט עס זײַן.

ניין, זי איז ניט ענלעך אפן פאָטער! דאכט זיך, ניט שטענדיק זײַנען גערעכט יענע, וואָס זאָגן, אז דאָס עפּעלע פאלט ניט ווײַט פונעם בוים.

ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, האָט זיך אים געדוכט, אז עס ווערט אים ליכטיקער אין די אויגן און גרינגער אפן הארצן. עס האָט זיך אומגע־קערט זײַן גלײַכגעוויכט, וואָס ער האָט הײַנט אָנגעווירן. נישקאָשע, אזעלכע, ווי אָסקאר, זײַנען נישטאָ קיין סאך, — האָט מאקס געטראכט, — ער האָט באַ־געגנט אף זײַן וועג א סאך הארציקע, אופריכטיקע און גוטע מענטשן. גוטע — איז די מערהײַט. דערצו נאָך איז אזוי שיין די ארומיקע וועלט! דאָס האָט מאקסן צוגעגעבן מוט, פרישע קויכעס, ניט געלאָזט ארײַנפאלן באַ זיך, ניט אָנווערן זײַן ווירדע און שטאָלץ.

„נישקאָשע, — האָט ער געקלערט, — איך וועל אויסהאלטן דעם נײַעם אומדערוואַרטן קלאַפּ, וואָס מיך האָט הײַנט אזוי אכזאָריעסדיק געטראָפן. אָסקאר שאפּירא האָט מיר געזאָגט: ווען איך בין כאָטש א שטיקל אקטיאָר, וואָלט ער מיר מויכל געווען... ניין, רעב שאפּירא, קיין שטיקל אקטיאָר וועל איך קיינמאָל ניט זײַן! איך וועל זיך קיינמאָל ניט באנוגענען מיט א „שטיקל“. איך האלט פון גאָר אַן אנדער קלאַל: אָדער גאָר, אָדער גאָרניט...“

די לעצטע באגעגעניש

פון יענעם אומפארגעסלעכן און שווערן מעסלעס איז אוועק א שטיקל צײַט, וואָס האָט געבראכט אים ווייניק נאכעס. מאקס האָט נאָך אלץ ניט גע־קענט קומען צו־זיך. עפּעס מיטאמאָל האָט ער זיך שטארק געענדערט, אראָפּ פון פּאָנעם, געוואָרן אומעטיקער, שווײַגעוודיקער, ניט געלאכט, ווי פריִער,

פונקט ווי מע האָט אים פאַרביטן. דאָס איז ניט געווען יענער שטענדיק פרייל𝆺עכער, צופרידענער באָכער מיט די באַגײַסטערטע אויגן, וואָס איז אלעמען פאַרלאָפן דעם וועג און קיין ארבעט איז בא אים ניט געווען שווער.

אפילע זײַן נאָענטסטער פרײַנט און לערער שימשן־האַגיבער האָט שוין ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס איז מיט דעם באָכער געשען, וואָס פאַר א קאַץ איז אים איבערגעלאָפן דעם וועג.

וועגן דעם לעצטן געשפּרעך מיט אָסקאַרן האָט מאַקס קיינעם ניט דער־ציילט, אפילע עסטערקען. מיט קיין וואָרט האָט ער זיך פאַר איר ניט ארויס־געכאַפּט וועגן דעם, ווי ער האָט איר געשריבן א בריוו און וואָס דערפון האָט זיך באַקומען.

עסטערקע האָט באַמערקט, אז מיטן פאָטער איז אויך עפּעס אומפאַר־שטענדלעכס פאָרגעקומען. ער האָט זיך איר געקליבן די גאַנצע צײַט עפּעס זאָגן, נאָר אלץ אָפּגעלייגט, געוואַרט, עפּשער וועט זי אים פאַרטשעפּען מיט א וואָרט וועגן מאַקסן.

נאָר זי האָט געשוויגן, און ער האָט אויך באַשטימט צוּוואַרטן, וואָס וועט ארויסקומען פון איר פרײַנטשאַפט מיט דעם בעקער־יונג.

הײַנט האָט זיך אויסגעגעבן א וואַרעמער הארבסטיקער אָוונט, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אין ערעוו פרילינג. די נײַע פאָרשטעלונג „שולאַמיס" איז דורכגעגאַנגען אין טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג. דאָ האָט שוין א גלאַנץ געטאָן מיט איר גאַנצן כיין און טאַלאַנט עסטערקע שאַפּירא. די שטימונג איז בא איר שוין לאַנג ניט געווען אזא געהויבענע, ווי הײַנט.

זגורסקי דער דריטער, ווי געוויינלעך נאָך א פּרעמיערע, האָט פאַרופן אלע אקטיאָרן אין רעסטאָראַן מאַכן א קויסע. גאָט אליין האָט געהייסן!

עסטערקע האָט אָפּגעדאַנקט דעם באַלעבאָס פאַר דער אײַנלאַדונג, נאָר געזאָגט, אז זי וועט גיין אהיים זיך אָפּרוען, ווײַל זי איז שטאַרק פאַרמאַ־טערט.

זי איז אָבער נאָך דער פאָרשטעלונג אוועקגעלאָפן הינטער די קוליסן, ווו מאַקס האָט זיך געייסעקט מיט די דעקאָראַציעס, און אים אײַנגערוימט אפן אויער, אז זי וואַרט אף אים באַם ראָג, זי מוז אים זאָגן גאָר א וויכ־טיקע זאַך, און ער זאָל גלײַך ארויסגיין צו איר.

מאַקס האָט זיך דערשראָקן: וואָס איז געשען? וואָס וויל זי אים זאָגן? און די שטימונג איז בא איר אזא, וואָס האָט ארויסגערופן בא אים פאַרוווּנ־דערונג. ווי־ניט־איז פאַרענדיקט די ארבעט, האָט זיך מאַקס ארויסגעגאַנ־וועט, שימשן־האַגיבער זאָל אים ניט באַמערקן, פון דער געבײַדע און זיך געלאָזט צום ראָג.

עסטערקע האָט אים באַגעגנט א פריילעכע, א יאָמטעוודיק פאַרפּוצטע, א באַגײַסטערטע:

— דו ווייסט, מאַקס, וואָס איך האָב דיך גערופן? גלאַט אזוי. מירן הײַנט א ביסל שפּאַצירן. גוט? זע, סאַרא וווּנדערלעכער אָוונט, און מיר גלוסט זיך ניט גיין אהיים. זיי האָבן דיך ניט גערופן אין רעסטאָראַן, וועל איך אויך צו זיי ניט גיין... און דו האָסט מיר געזאָגט, אז די ווילסט גיין אין די בערג.

מאקס האָט זיך פארלוירן, א קוק געטאָן אַף זײַן הוילעך, אַף די פאר־שטויבטע, אויסגעקרימטע שיך און געענטפערט:

— שפאצירן... ניט באקוועם אזוי. איך וועל לויפן זיך איבערטאָן...

— נארישקײַטן! צוליב וואָס פּאַטערן צײַט? — האָט זי איבערגע־שלאָגן. — דו ביסט מיר אזוי אויך געפעלן...

זי האָט אים גענומען פאר דער האנט און א צי געטאָן נאָך זיך, און מע האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט ארײַן.

— מאקס, נאָר וואָס ביסטו אזוי אָנגעבלאָזן? עפשער ווילסטו מיט מיר ניט גיין? מיר ווילט זיך, דו זאָלסט הײַנט זײַן פריילעך, ניט שווײַגן...

— נישטאָ פון וואָס זײַן איבעריקס פריילעך... — האָט ער שטיל ארויס־געזאָגט, און זי האָט אים פארוווּנדערט אָנגעקוקט.

— פארוואָס? און דאָס, וואָס איך האָב הײַנט געשפילט שולאמיס און דעם אוילעם איז געפעלן געוואָרן, פרייט דיך ניט? האָסט דאָך צען מאָל געמוזט אופהייבן דעם פאָרהאנג...

— דאָס פרייט מיך זייער, עסטערל, און איך באגריס דיך...

— אזוי באגריסט מען דען?

— מאָרגן וועל איך דיר אונטערטראָגן בלומען...

— בלומען איז ווייניק, — האָט זי אים אָנגענומען אונטער דער האנט, און מע האָט זיך געלאָזט מיט דער שטילער, גרינער פוסטער גאס. — איך וואָלט דיך א קוש געטאָן, ווען דו האָסט אזא גרויסן דערפאָלג...

מאקס האָט זיך פארויטלט, פארשעמט, געוואָלט זי ארומנעמען, א קוש טאָן, נאָר זי האָט זיך אויסגעדרייט און אָפגעלאָפן אין דער זײַט:

— א כאָכעם ביסטו! אז איך האָב דיר דערמאָנט... אליין זיך ניט געקענט דערטראכטן!

ער האָט זיך נאָך מער פארלוירן און אראָפגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דו ווייסט, מאקס, — האָט זי זיך אָנגערופן צו אים נאָך א לאנגער פאוזע, — עפעס האָב איך מוירע פאר זיך. פון שטענדיק איז אזוי: אויב בא מיר איז אזא שטימונג, ווי הײַנט, און מיר ווילט זיך טאנצן, פרייען, שפאצירן, איז דאָס א שלעכטער סימען. דו גלייבסט?

עסטערקע האָט אופגעהויבן אַף אים אירע גרויסע, שײַנענדיקע אויגן. ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין. מיר דאכט זיך, פונקט פארקערט. אז ס'איז גוט אפן הארצן, טרעפט זעלטן שלעכטס...

— מע דארף מיך ניט בארויקן. עפעס זאָגט מיר אונטער דאָס הארץ... נאָר לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן. לאָמיר אָפּטרײַבן די נארישע מאכשאָוועס, איך וויל, עס זאָל אונדז הײַנט זײַן פריילעך, גוט, יאָמטעוודיק. און דו? וואָס שווײַגסטו? נו, דערצייל מיר, פארוואָס ביסטו די לעצטע צײַט אזא אומעטיקער, אזא אָנגעדראָדלטער... קיינער האָט דיר נאָך ניט געזאָגט, אז דיר פאסט בעסער זײַן פריילעך. ווען דו לאכסט, ביסטו דעמלט מילדער, שענער, ווי איצט, ווען דו ביסט אָנגעכמורעט, ווי דער הארבסטיקער הימל...

— שטענדיק שמייכלט און לאכט נאָר א נאר... — האָט ער געזאָגט מיט א געפאלענער שטים.

— ניט עמעס! איך וויל, דו זאָלסט שמייכלען, לאכן, און ביכלאל זאָל די שטימונג בא דיר טאָמיד זײַן א גוטע.

— דאָס איז אָבער ניט בלויז פון מיר געווענדט.

— פון וועמען זשע דען?

— איך ווייס ניט. עפשער אין דיר?

זיי האָבן פארקערעוועט צום ברעג פונעם רוישיקן בארג־טײַך און זיך געלאָזט גיין לענגויס, אײַנקוקנדיק זיך אף די באלויכטענע שוימיקע וואַ־סערן, אין וועלכע עס האָבן זיך געבאָדן די שטערן און א שטיק לעוואָנע.

אזא ווונדערלעך ווינקל, נאָר מאקס איז געגאנגען א פארדײַגעטער און ניט געזען די שיינקײַט.

זיי זײַנען ארופגעלאָפן אפן גרינעם בערגל, זיך אײַנגעקוקט אינעם רוישיקן פלאץ, ווו עס האָבן שפאצירט מענטשן, פונוואנען עס האָבן זיך דערטראָגן רוישיקע קלאנגען פון א דזשאז־אָרקעסטער. מיט צענדליקער פילפארביקע לעמפ האָבן זיך געשפיגלט די גלעזערנע פענצטער פון דער גרויסער קאפע. עסטערקע האָט זיך א ווײַלע אײַנגעקוקט אהין און געזאָגט:

— קום, מירן ארײַנגיין אהין. איך וויל הײַנט טאנצן, טרינקען ווײַן...

— וואָס רעדסטו, טײַערינקע? אין אזא הוילעך גיין צווישן מענטשן?

— איז וואָס? דו גייסט דאָך מיט מיר! — האָט זי אים גענומען בא דער האנט און זיך געלאָזט צו דער רוישיקער קאפע. — מאָרגן איז מײַן גע־בורטסטאָג, וועלן מיר הײַנט טרינקען ווײַן... און טאנצן. אזוי וויל איך. מיר ווילט זיך הײַנט זײַן אפילע עטוואָס שיקער. דאָס דארף זײַן זייער קאָ־מיש. האָסט אמאָל געפרווט זײַן שיקער, מאקס?

— געפרווט... — האָט ער ווייטעקלעך געענטפערט, — דאָס איז ניט שטארק קאָמיש. ווי אמאָל... עפשער ניט הײַנט? איך בין ניט אָנגעטאָן... ניט שיין...

זי האָט אים גענומען פעסט אונטער דער האנט, דער גאנצער וועלט אף צולאָכעס, און זיך אופגעהויבן אף די ברייטע טרעפ פון קאפע.

דער שווייצאר האָט געעפנט די טיר, זיך פארנייגט מיט זײַן געמאכטן שמייכל צו דעם פארפוצטן שיינעם מיידל, נאָר דערזען באנאנד מיט איר דעם צעשויבערטן באָכער אין אזא הוילעך, האָט ער זיך עטוואָס פארקרימט, נאָר געשוויגן.

זי איז שוין געגאנגען צווישן די טישלעך, זוכנדיק א פרײַ אָרט. מע האָט עסטערקען גלײַך דאָ דערקענט, און פון אלע זײַטן האָט מען אף איר געקוקט מיט נײַגער, מיט פרייד, זיך גענייגט צו איר. די מוזיקאנטן האָבן זיך אופגעהויבן און לעקאָוועד איר אָנגעהויבן שפילן.

מאקס האָט זיך אינגאנצן פארלוירן, כאפנדיק אף זיך אזויפיל פאר־ווונדערטע בליקן, בײַסיקע שמייכעלעך, און ער האָט זיך געלאָזט צוריק צו דער טיר. מע האָט אף אים געקוקט מיט פאָרוווּרף, לעמײַ איז ער אזא

געקומען. און מע האָט אויך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס גייט די באַרימטע אַקטריסע מיט אַזאַ באַגלייטער?

עסטערקע האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז זי גייט איינע אַליין, מאַקס איז ווי אויסגערונען געוואָרן. זי האָט זיך פאַרשעמט אַרומגעקוקט און דערזען, ווי ער אײַלט צו דער טיר, זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים:

— ווי שעמסטו זיך ניט? מיך איבערגעלאָזט איינע אַליין און אַנטלאָפן! — האָט זי שמייכלענדיק זיך געבייזערט שטילערהייט אויף אים. — ביסט אַזאַ ווילדער.

זי האָט אים פעסטער אָנגענומען אונטער דער האַנט און, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זי באַמערקט ניט קיין שמייכלעך, קיין פאַרוווּנדערטע בליקן, זיך ווידער געלאָזט צו יענעם ווינקל, וווּ דער גאַסטפרײַנטלעכער קעלנער האָט צוגעגרייט פאַר איר אַ טישל, פאַר איר — דעם געהויבענעם גאַסט.

— איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ ווילדער... — האָט זי אַ זאָג געטאָן, באַטראַכטנדיק צעשטרייט דעם טומלדיקן אוילעם, — ווי שעמסטו זיך ניט מיך איבערלאָזן אינמיטן זאַל און אַנטלויפן? פאַר וועמען האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, פאַר אָט די לײַדיקגייער? לייג ניט קיין אַכט אויף קיינעם. ביסט מיט מיר...

און צום קעלנער, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר און געוואַרט, האָט זי אַ וואָרף געטאָן:

— ביטע, ווײַן, שאַמפּאַניער און עפּעס געשמאַקס פאַרבײַסן...

זי האָט ווידער איבערגעפירט דעם בליק אויף דעם פאַרלוירענעם באַגלייטער, און איר שמייכלענדיקער, גוטמוטיקער קוק האָט געמיינט באַטײַטן: „זע, טו מער ניט אַזאַ נאַרישקײַט. זײַ אַ דזשענטלמען, מענטשן קוקן אויף אונדז. דעריקער, פיל זיך היימישער, שעם זיך ניט!...״

נאָר אים האָט עס וויייניק וואָס געהאָלפן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך און געזעסן, ווי אויף נאָדלען, זיך געערגערט: צוליב וואָס האָט זי אים אַהער פאַרשלעפּט? עס וואָלט זיי דאָך אַ סאַך בעסער געווען גיין אין די בערג, שפּאַצירן.

אָבער ערגער פון אַלץ איז אים געווען, ווען ער האָט געזען, מיט וואָסערע אויגן ס׳האָבן אויף עסטערקען געקוקט די יונגעלײַט, וואָס זײַנען געזעסן ניט ווײַט. אייניקע זײַנען אַפילע צוגעגאַנגען, זיך פאַרנייגט פאַר איר, ווי די קעלנער, אײַנגעלאַדן טאַנצן, נאָר עסטערקע האָט זיי אַלעמען איידל אָפּגעזאָגט.

מאַקס איז געווען אויסער־זיך, דערזעענדיק, ווי מע גייט צו אײַנלאַדן עסטערקען טאַנצן. ער וואָלט זיי געוויזן, ווי צושטיין צו אַן אומבאַקאַנט מיידל, נאָר זי האָט אים געוויזן מיט די אויגן, ער זאָל זיך ניט בייזערן, דאָס איז ניט שרעקלעך, אויב זי וועט גיין מיט עמעצן טאַנצן, אַזוי פירט זיך דאָ. נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן.

נייִן, מאַקסן איז דאָס אַלץ געווען ניט געפעלן, דערוויידער, כאָטש ער איז אין אַזאַ אַרומרינגלונג הײַנט געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

עסטערקע האָט אָנגעגאָסן אין די באָקאַלן ווײַן און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— נו, מאקס, עפשער וועסטו היינט זיין עטוואָס פריילעכער? איך וויל אויסטרינקען פאַר דיר, פאַר דיין גליק... זאָלסט קיינמאָל ניט זיין קיין ביי־זער. פאַר דיין צוקונפט!..

— פאַר מיין גליק, פאַר מיין צוקונפט? — האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, און קוקנדיק, ווי עסטערקע טרינקט, קרימט זיך, פאַרכלינעט זיך פונעם שטאַרקן וויין, האָט ער זיך צעלאַכט און אויך אויסגעטרונקען.

— אַהאַ! באַ דיר, מאַקס, באַקומט זיך עס בעסער... — האָט זי אַ שעפּ־טשע געטאָן. — נאָר אַלציינס, איך וויל היינט זיין עטוואָס שיקערלעך, זאָלסט נאָר ניט לאַכן פון מיר.

נאָכן דריטן קאָס האָט זיך מאַקס דערפילט בעסער אין דער אַרומרינג־לונג פון אַזויפיל טומלדיקע, פריילעכע, שיקערלעכע מענטשן. פילנדיק אַף זיך עסטערקעס פאַרליבטע אויגן, איז ער באַ זיך געוואָרן שטאָלצער, עס איז אים געוואָרן לייכטער אַף דער נשמה. ער האָט שוין מער ניט געלייגט קיין אַכט אַף די יונגעלייט, וואָס האָבן געקוקט מיט כוצפּעדיקע אויגן אַף עסטערקען. ווער איז איצט געווען גלייך צו אים, ווען לעבן אים איז געזעסן יענע, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט מיטן גאַנצן האַרצן, יענע, וואָס איז אים געווען טייערער פונעם לעבן. זי האָט זיך ניט געשעמט גיין מיט אים אַהער, זי וויל אַף קיינעם ניט קוקן, נאָר אַף אים, און פון דעם געדאַנק אַליין האָט ער זיך דערפילט גליקלעכער פון אַלע, וואָס זיינען גע־זעסן אין אָט דעם גרויסן, העל־באַלויכטענעם זאַל.

פונעם אויסגעטרונקענעם וויין האָט זיך עסטערקען לייכט געדרייט דער קאָפּ. זי האָט אופגעכאַפּט אַף זיך מאַקס׳ פאַרוווּנדערטן בליק און זיך נאָך שטאַרקער פאַרויטלט:

— קוק ניט אַזוי אַף מיר... איך האָב דיר דאָך גלייך געזאָגט, אַז היינט וועל איך זיין אַ ביסעלע שיקער, פריילעך...

ווען דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן, זיינען צו עסטערקען צו־געלאָפן עטלעכע יונגעלייט זי איינלאַדן טאַנצן, נאָר זי האָט אַף זיי ניט גע־קוקט, זיך אופגעהויבן און אָנגעכאַפּט מאַקסן אונטער דער האַנט:

— קום טאַנצן...

— דו לאַכסט פון מיר, איך קען דאָך ניט... — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— נאַרישקייטן... און יענע העלפאַנדן, מיינסטו, קענען טאַנצן? — האָט זי מיט די אויגן געוויזן אַף די מענטשן, וואָס האָבן זיך שיקערע געדרייט אין קרייז. — איך וועל דיך פירן. דרייסטער. איין באַקאָשע — סטאַרע זיך ניט טרעטן אַף די פיס.

זיי האָבן לייכט געשוועבט צווישן די טישלעך, און קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי דער באָכער פּלאָנטערט מיט די פיס, קאָן ניט כאַפּן דעם טאַקט. עסטערקע האָט אים שטילערהייט איינגערוימט אפן אויער, וויאַזוי ער, מאַקס, דאַרף זיך דרייען, און עס איז געגאַן גאַנץ פיין.

עסטערקע האָט אים צוגעדריקט צו זיך, און ער האָט איינגעזאַפּט דעם רייעך פון אירע עטוואָס צעשויבערטע האָר, פון וועלכע ער איז, דאַכט זיך, מער שיקער געוואָרן, ווי פונעם וויין, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען.

זי האָט איבערגעכאַפּט זײַן באַגײַסטערטן בליק:

— דו זעסט, אַקשן. עס באַקומט זיך בא דיר גאַנץ גוט. דו ביסט, זע איך, אַ גוטער שילער. דו פּילסט דעם ריטם, די מוזיק. נאָר האָב אַף מיר ראַכמאָנעס, קוק ניט אַף מיר מיט אַזעלכע אויגן... און, דאַכט מיר, עס איז שוין באַלד צײַט גיין אַהיים...

— שוין אַהיים? אַזוי שנעל?

עסטערקע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— איך זע, ס׳איז דיר דאָ געפעלן. פאַרוואָס זשע האָסטו פריִער געוואָלט אַנטלויפן און מיך איבערלאָזן? אוי, טרעט ניט אַף די פיס! נעכטן ערשט געקויפט נײַע טופליעס...

צעהיצטע, פאַרפּאַליעטע זײַנען זיי אַוועקגעלאָפן צו זייער טישל, ווידער אויסגעטרונקען, פאַרביסן, און ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי דער אָרקעס־טער האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם ניגן פון דער ליד, וואָס עסטערקע האָט צוריק מיט עטלעכע טעג געזונגען אַף דער בינע.

אַ גערודערונג איז דאָ געוואָרן, מענטשן האָבן גענומען אַפּלאָדירן דעם מיידל, בעטן זינגען, נאָר זי האָט זיך פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

עמעצער פון די קלעזמער איז צוגעלאָפן אַהער מיטן פידל, געשפּילט און מיט די אויגן געבעטן עסטערקען גיין צו דער עסטראַדע. דער עולם האָט נאָך שטאַרקער זיך צעטומלט, אַפּלאָדירט, געבעטן זינגען, און זי, עסטערקע, איז ניט געווען בעקויעך אָפּזאָגן און אַוועקגעלאָפן צו דעם אָר־קעסטער.

עס האָבן גלײַך אופגעהערט קלינגען די באָקאַלן, אַלע אויגן זײַנען גע־ווען געווענדט אַף עסטערקען, ס׳איז געוואָרן שטיל, ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען אין אָט דעם גרויסן זאַל.

עס האָט אַ קלונג געטאָן עסטערקעס שטאַרקע, האַרציקע שטים. זי האָט געזונגען באַגײַסטערט, און די פידלען האָבן אונטערגעהאַלטן. אין אַ מינוט אַרום האָבן אַלע נאָך איר אונטערגעכאַפּט די ליד, און זי האָט זיך געגאָסן איבערן ברייטן זאַל, זיך געריסן אַף דעם פּלאַץ, און מענטשן האָבן זיך אָפּ־געשטעלט בא די ברייטע טירן, אײַנהערנדיק זיך אין דער וווּנדערלעכער ליד.

מיט אַן אָוואַציע האָט מען עסטערקען באַגלייט פון דער עסטראַדע. זי איז צוגעלאָפן צו איר טישל, זיך צוגעזעצט אַ מידע, נאָר שײַנענדיקע, אויס־געטרונקען נאָך אַ ביסל ווײַן. מע האָט אָנגעהויבן בעטן, זי זאָל נאָך זינגען, נאָר דאָס האָט זי שוין ניט געקאָנט פאַרלײַדן, אַ קוק געטאָן אַפּן גרויסן וואַנטזייגער, געוויזן, אַז ס׳איז שוין שפּעט, איבערגעלאָזט אַפּן טישל פּאַרן קעלנער עטלעכע מאַטבייעס און, גענומען מאַקסן בא דער האַנט, זיך געלאָזט מיט אים צום אַרויסגאַנג.

זי האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, ווען מע האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם ראַשיקן זאַל. סאַראַ פאַרגעניגן עס איז געווען אַף דער פרישער לופט זאַל־בעצווייט מיט אָט דעם עטוואָס אָנגעכמורעטן, שעמעוודיקן און נאַיִוון באָכער!

א לײַכט ווינטל האָט אָפּגעפּרישט דאָס פאַרפּאַליעטע פּאָנעם, צעשויבערט אירע האָר. די גאַס, דער פּלאַץ איז שוין געווען פּוסט. זיי האָבן געשפּאַנט און אַליין ניט באַמערקט, ווי אָנשטאָט פאַרקערעווען אַהיים זײַנען זיי אַוועק צו דער שמאָלער, לײַכטער בריק, וואָס איז געהאַנגען אויף גראָבע קייטן איבער דעם שוימיקן טײַך, וואָס האָט אונטן געבושעוועט צווישן די שטיינערנע ברעגן.

די אַלייען זײַנען שוין געווען געדיכט באַשאָטן מיט טרוקענע בלעטער. די ביימער האָבן שטאַרק גערוישט, און פּלוצעם האָט זיך פון יענער זײַט בריק, ווו עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרינע הויכע בערג, צעשריגן אַן איינזאַמער נאַכט־פויגל.

עסטערקע איז געגאַנגען, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. צוקומענדיק נעענטער צו דער בריק, האָט זי זיך געלאָזט לויפן איבער איר. די בריק האָט זיך שטאַרק געהוידעט איבער דעם טהאָם, און עסטערקען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. די בריק האָט איצט אויסגעזען, ווי א הוידלקע. עסטערקע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער קאַלטער אײַזערנער פּאַרענטשע, אַראָפּגעקוקט: סאַראַ הייך, סאַראַ טיף! איר איז געוואָרן א ביסל שרעקלעך. א קעלט איז דורכגעלאָפן איבערן גאַנצן לײַב.

מאַקס איז אונטערגעלאָפן, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיידל, זיך פאַרקוקט אין דער ווײַט.

— פאַרוואָס שווײַגסטו, מאַקס? דו ווילסט מיר גאָרניט זאָגן? עפּשער איז דיר ניט גוט מיט מיר? עס געפעלט דיר דאָ ניט?

— וואָס רעדסטו! דאָ איז ווונדערלעך! און מיט דיר... איך וואָלט דאָ געקאָנט שטיין מיט דיר ביז טאָג...

— און אַזוי־אָ שווײַגן, ווי א באָק? — האָט זי א שמייכל געטאָן. — נו, גוט, איידער איך וועל אַוועקגיין אַהיים, דאַרפסטו מיר זאָגן. ווייסט וואָס? צי האָסטו מיך ליב?..

— זייער, עסטערל! ווי דאָס לעבן! איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, כ'האָב אָבער ניט געוואַגט, ניט געוווּסט... — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען. — דו פילסט דען ניט, טײַערינקע, ווי איך האָב דיך ליב?

זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין:

— דיר דוכט זיך בלויז, אַז דו האָסט מיך ליב, מאַקס... — און מיט אַן אומעטיקן טאָן צוגעגעבן, — האָסט מיך נאָך קיינמאָל ניט געקושט...

— וואָס רעדסטו, עסטערקע! — האָבן זיך זײַנע אויגן צעשײַנט, און ער האָט זיך צו איר א ריס געטאָן, זי געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך. — וואָס רעדסטו, עסטערל? איך האָב מוירע געהאַט פאַר דיר, ניט געוווּסט, צי איך מעג צוגיין צו דיר אפילע...

זי האָט זיך געלאָזט גיין ווײַטער איבער דער לײַכטער בריק, וואָס האָט זיך נאָך שטאַרקער געהוידעט אויף די קייטן, און פאַרקערעוועט אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט אַרויף, אין די בערג.

מאַקס איז געשטאַנען, ווי א צוגעשמידטער צו דער פּאַרענטשע פון דער בריק, און זיך געבייזערט אויף זיך. ער איז געווען צעטומלט: הער נאָר, גיי

ווייס, אַז ער האָט רעכט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן! אים האָט זיך די גאַנצע צײַט געדאַכט, אַז ווען ער פּרוּווט זיך נאָר דאָס טאָן, וואָלט זי אים געגעבן אַזאַ פּסק, אַז ער וואָלט פֿאַרגעסן אַ צווייט מאָל דעם וועג צו איר. אָנגענומען זיך מיט מוט, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן נאָך איר, זי דעריאָגט אין די בערג, זי אַרײַנגענומען אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס, געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר עסטערקע האָט זיך פֿלינק אויסגעריסן פֿון זײַנע הענט און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין דער באַק.

— מאַקס, — האָט זי שטרענג געזאָגט צו אים, — פֿיר זיך גוט. דו וועסט באַ מיר אָפּלייזן. איך קאָן זיך אויף דיר צעבייזערן, אויב דו וועסט זיך אַזוי פֿירן. האָסט געדאַרפֿט מיך אַ קוש טאָן פֿריִער, ניט דעמלט, ווען איך האָב דיר דערמאָנט...

עסטערקע האָט זיך שנעל גענומען דראַפּען אַרויף, אויף די קרומע בערג, אָנהאַלטנדיק זיך אין די שטאַמען פֿון די ביימער, אין די קאָרטשעס און קוסטעס.

מאַקס' באַק האָט געפֿלאַקערט, נאָר אים איז געווען אָנגענעם, וואָס זי האָט אים געגעבן אַזאַ פּסק. ער האָט ניט געוווּסט, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער געפֿינט זיך. אָ, מיט איר איז ניט אַזוי גרינג, ניט אַזוי פּאָשעט! דאָס איז אַ דורכגעטריבענע, אַ כאַכאָמע, און דו דאַרפֿסט זײַן די גאַנצע צײַט אויף דער וואַך, ניט זאָגן קיין איבעריק וואָרט, ניט דערלאָזן קיין נאַרישן טאַט.

און ער האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן, ניט וויסנדיק, וואָס ער דאַרף איר הײַנט זאָגן.

— עסטערקע, יאָג ניט אַזוי, דאָ איז שטאַרק געפֿערלעך... — האָט ער שטיל געזאָגט, ווען ער איז שוין געווען באַנאַנד מיט איר, אויפֿן באַרג.

— נישקאָשע, מיר איז דאָ ניט שרעקלעך. דו ביסט דאָך באַ דער זײַט, און דו ביסט געוווינט, האָסטו מיר אַמאָל געזאָגט, קלעטערן איבער בערג...

— יאָ, געוויס, פֿאַרשטייט זיך, נאָר מע דאַרף דאָ זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. דאָ איז גליטשיק, און זעסט ניט, וואָס פֿאַר אַ טהאָם אונטער אונדז, סאַראַ קרוטשע! אײן ניט געלונגענער טראָט, און מיר פֿליִען אַראָפּ.

זי האָט ניט געענטפֿערט און געקלעטערט נאָך העכער אין די בערג.

— עסטערל, בייזער זיך ניט אויף מיר. דו פֿאַרשטייסט, איך בין הײַנט אַזוי צעטומלט. דאָס ערשטע מאָל זײַנען מיר זאַלבעצווייט און האָבן פֿאַר קיינעם קיין מוירע, מיר דאַרפֿן זיך פֿאַר קיינעם ניט באַהאַלטן, — האָט מאַקס גערעדט, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, — דו מיינסט טאַקע, אַז איך האָב דיך ניט ליב? ווייסטו דען ניט, אַז בלויז צוליב דעם, איך זאָל דיך קאָנען זען, מאַטער איך זיך לעבן שימשענען, לײַד באַליידיקונגען, ביזיוינעס? צי דען באַמערקסטו ניט, ווי גליקלעך איך בין, ווען איך באַגעגן דיך, ווען איך הער דײַן שטים?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט נאָך העכער קלעטערן.

דאָס האָט מאַקסן נאָך שטאַרקער אויפֿגערעגט. ער האָט זי דעריאָגט, איר איבערגעשניטן דעם וועג, ניט געלאָזט קלעטערן העכער.

— דו ווייסט, עסטערל, איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן... נו, ווייסטו וואָס, באַפֿעל מיר אריבערשפּרינגען איבער אָט דעם שווארצן טהאָם, ארופקלעטערן אפן שפּיץ פון דעם דעמב, דערלאַנגען דיר דעם שטערן פונעם הימל, וועל איך זיך ניט פארטראכטן. אָבער ווער בין איך? דײַן טאַטע האָט מיר שוין אויסגעוואָרפן. וואָס האָב איך דערגרייכט אין לעבן פאר די יאָרן, זינט איך בין אנטלאָפן פון קאָוואליוקע? און דו, דײַן נאָמען, עסטערל, איז אזוי בארימט, עס כאַפּט מיך אזש אָן א פּאַכעד, ווען איך טראַכט וועגן דיר. דיך ווארט אָפּ א גרויסע צוקונפט. דו ביסט ניט קיין געוויינלעכע, ניט אזא, ווי אַלע מיידלעך. האָסט געזען, וואָס עס האָט זיך געטאָן, ווען דו ביסט ארײַנגעקומען אין קאַפע? און אַף מיר האָט מען געקוקט מיט שפּאָט, געלעכטער... דו ביסט ווערט אזויפיל גליק, און ווער ווייסט, צי וועל איך עס דיר קאָנען ברענגען.

עסטערקע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט איר פלאַמענדיקן בליק און זיך שטיל אָנגערופן:

— וואָס, דו ווייסט ניט, צי וועסטו מיר קאָנען ברענגען גליק? און ווער ווייסט, וואָס איז אזוינס גליק? ווער האָט עס אין די הענט געהאַלטן? ווער האָט עס פארזוכט? און מיר האָט זיך ביז איצט געדאכט, מאַקס, אז ווען א מענטש האָט ליב, ווען מע האָט אים ליב, דארף מען שוין ניט קיין אנדער גליק... און דו טראַכסט עפּשער אנדערש?

— איך טראַכט אויך אזוי... — האָט ער ניט זיכער געענטפערט, שפּירנדיק, ווי זי הייבט אָן קלעטערן נאָך העכער. דאָס קלאַפּן פון אירע אָפּצאַסן האָט זיך מיט ווייטעק אָפּגערופן אין זײַן אופגערודערטן הארצן.

די גרויע יעלן בא דער געשלענגלטער סטעזשקע, וואָס איז געלאָפן ארוף, צו דער גרינער פּאָלאָנינע, האָבן ברייט צעוואָרפן די פארנייגטע צווײַגן און געוויגט זייערע שאָטנס אף דער סטעזשקע, אַף די קוסטעס, באַלויכטענע פון דער לעוואָנע, וואָס איז געהאנגען אזוי נידעריק איבערן קאָפּ, אז עס האָט זיך געדאכט — שטרעק בלויז אויס די האַנט, וועסטו זי אָנכאַפּן... עס האָבן איינטאָניק, זקייניש געקרעכצט און געסקריפּעט די שלאַנקע פיכטעס, וואָס איין גאַט אין הימל ווייסט, וויאזוי האָבן זיי זיך ארופגעדראפּעט אהער און האַלטן אויס פון די גרויזאמע ווינטן און זאַווייעס...

פון דעם בארג האָט די שטאָט, וואָס האָט זיך ברייט, געראַם פאַנאַנדערגעלייגט אף דעם ברעג טײַך, אויסגעזען, ווי א שפּילעכל. זי איז שוין געווען אײַנגעהילט אין געשמאַקן שלאָף, די שטאָט, און בלויז ערטערווײַז האָבן נאָך געצאַנקט בלאַסע פײַערן.

עסטערקע האָט זיך פּלוצעם אויסגעקערט צו מאַקסן, ארײַנגעקוקט אין די אויגן, טיף־טיף, און אים ארומגענומען, זיך צוגעטוליעט צו אים.

מאַקס האָט פארמאַכט די אויגן, ניט געאָטעמט, געוואָלט, אָט די מינוט זאָל זיך ציִען אָן א שיר. א וווּנדערלעכע ווארעמקײַט האָט אים ארומגעכאַפּט, און ער האָט זיך דערפילט, ווי אין א גאַניידן.

— דו ווייסט, עסטערל, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— איך ווייס ניט און וויל איצט ניט וויסן... — האָט זי אַרויסגעשעפּט־שעט. — בעסער שווײַג...

— פאַרוואָס שווײַגן?

— ווײַל דו קענסט איצט אַנרעדן נאַרישקײַטן... — האָט זי צוגעגעבן, — בעסער לאָמיר שווײַגן... דו קאָנסט נאָך אופוועקן די אײַנגעשלאָפענע בערג. איך האָב זייער ליב שטילקײַט...

— שטילקײַט האָסטו ליב? — האָט מאַקס פאַרוואונדערט געפרעגט מיט א ציטערנדיקער שטים, מוירע האָבנדיק, זי זאָל אים ניט אָפּשטויסן פון זיך, — און איך האָב ליב א שטורעם, ווען אַלץ אַרום בושעוועט, ווען עס דונערט און בליצט... דיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען בלאָנקען אין די בערג בעשאַס אַן עמעסן שטורעם? א שאָד. דיר וואָלט עס געפעלן געוועזן. איך האָב א סאך מאָל באַגעגנט דעם שטורעם אין די קאַרפּאַטן. איך האָב דעמאָלט געפּאַשעט שאָף, א גאַנצע טשערעדע שאָף. אַרום און אַרום האָבן זיך צעבושעוועט די באַרג־טײַכלעך, ביימער זײַנען געפאַלן, ווי אונטערגעשניטענע, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט גייט אונטער די וועלט. איך האָב זיך מיט די שאָף באַהאַלטן צווישן די פעלדזן, אַנדערש וואָלט דער שטורעם אונדז אַראָפּגע־טראָגן אין באַרג־שפּאַלט און מיר אַלע וואָלטן אומגעקומען. דו ווייסט, עס־טערל, ווי שיין דאָס איז, ווען די ביימער הייבן פּלוצעם אויף א בונט קעגן דער אַרומיקער שטילקײַט, קעגן דער טויטער רו, ווען דער ווינט נעמט רײַסן שטיקער פון די יעלן, דעמבעס, און עס שיטן זיך צווײַגן, שישקעס, קאַשטאַ־נען, און איבערן קאָפּ טראָגן זיך בייזע, שווערע כמאַרעס, יאָגן ערגעץ, דער רועד ווייסט וווהין און נאָך וואָס. און אַרום הייבט אָן דונערן און בליצן. און אָט גיט א פּלייץ דער גוסרעגן. מיט רעציכע שמײַסט ער אויס די בערג, די פעלדזן, די ביימער. עס פילן זיך אָן די אויסגעטריקנטע פאַרן זומער באַרג־שטראָמען, שפּרינגען אַרויס פון זייערע ברעגן און לאָזן זיך האַסטיק לויפן אַראָפּ צו די טאָלן, צו די לאָנקעס, צו די טיפע באַרג־שפּאַלטן. סאַראַ שיינקײַט עס איז א שטורעם אין די בערג!

עסטערקע האָט געהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט, און שטילערהייט אַרײַנגעשטעלט:

— איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו ביסט א פּאָעט... א דיכטער...

מאַקס האָט דערפילט, ווי פון די ווערטער האָט זיך עפּעס אין האַרצן אָפּ־געריסן. אַזוי האָט דאָך אויך געזאָגט אים איר פאָטער, ווען ער האָט צעריסן דעם בריוו. און זי האָט אים געפּאַטערט די שטימונג, עסטערקע. נאָר דאָס האָט זי אויף זײַן פּאָנעם ניט באַמערקט און פאָרגעזעצט:

— זעסט, מאַקס, סאַראַ פאַרשידענע מיר זײַנען מיט דיר. איך האָב ליב שטילקײַט, און דו — שטורעם. אונדזערע געשמאַקן, הייסט עס, גייען זיך פאַנאַנדער. אַזוי קאָנען זיך פאַנאַנדערגיין אונדזערע וועגן...

זי האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן פונעם שטאָם, פאַריכט דאָס קאָפּטל, די צעשויבערטע האָר און, ניט וואַרטנדיק אויף זײַן ענטפער, זיך געלאָזט אַראָפּ מיט דער סטעזשקע.

— ניין, עסטערקע, וואָס רעדסטו? — האָט ער נאָכגעשריגן. — אונדזערע וועגן וועלן זיך ניט פאנאנדערגיין... דאָס וואָלט געווען שרעקלעך!

ער האָט זי דעריאָגט, א כאפ געטאָן אף די הענט און אָנגעהויבן קושן אירע ליפּן, אירע באקן, אירע אויגן.

— ביסט אראָפּ פון זינען! וואָס טוסטו, מאקס, ווי שעמסטו זיך ניט? — האָט זי זיך געפּרוווט ארויסרײַסן פון זײַנע שטארקע אָרעמס. — איך וועל מער קיינמאָל מיט דיר ניט גיין... ביסט אזא ווילדער. מיט דיר איז שרעקלעך... ועסט מיך דאָך דערשטיקן.

זי האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט, אָפּגעגאנגען עטלעכע שפּאַן, פאריכט דאָס צעקנייטשטע קליידל, דאָס קאָפּטל, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט אף אים מיט דערשראָקענע אויגן, שווער געאָטעמט:

— סארא פארשײַטער דו ביסט! מע מעג דען אזוי שטארק קושן? און דו האָסט זיך ניט אָפּגעגאָלט, צעדראפּעט מיר דאָס פּאָנעם. זעסט, ווי עס פלאָ־קערט? וויאזוי וועל איך זיך פארן טאטן באווײַזן אזא?

מאקס האָט געקוקט אף איר מיט זײַנע גרויסע שווארצע אויגן, וואָס האָבן געשײַנט פון גליק. א לאנגע רעגע ניט געוווסט וואָס ענטפערן און דערנאָך געענטפערט:

— ווייסטו וואָס, מע דארף ניט גיין אהיים. דאָ אין די בערג איז הײַנט אזוי גוט. אויב דו ווילסט, עסטער, וועל איך גלײַך אויסבויען א קורין, אָנ־צינדן א שײַטער... דו ווייסט, ווי גוט איז זיצן בא א שײַטער?

— מער האָסטו גאָרניט צוגעטראכט? — האָט זיך דאָס מיידל צעלאכט. — און עפּשער ועסטו נאָך אויסגראָבן א הייל? איך האָב דאָך געזאָגט, אז דו ביסט א ווילדער... שוין שפּעט, מע דארף אײַלן.

און זי האָט זיך שנעלער געלאָזט אראָפּ־בארג.

— שטיי ניט אָפּ פון מיר. מער וועלן מיר זיך ניט פארהאלטן קיין רע־גע, — האָט זי אונטערגעײַלט מאקסן, — ס׳איז שוין באלד טאָג. דער טאַ־טע וועט זיך בייזערן. דו קענסט אים ניט? ער איז קראנק, און מע טאָר אים ניט באומרויִקן. פארשטייסט?..

— איך פארשטיי... — האָט ער ארויסגעקוועטשט פון זיך.

ווען זיי זײַנען שוין געווען בא דער בריק, האָט זיך מאקס אומגעקוקט צו די בערג און זיך אָנגערופן:

— דו זעסט, עסטערל טײַערינקע, ווו מיר זײַנען אָקאָרשט געווען? אונטער די סאמע שטערן...

— איך זע, — האָט זי זיך א וואָרף געטאָן און געגאנגען נאָך שנעלער.

ווידער האָט זיך ערגעץ טיף אין די בערג צעשריגן, ווי ער וואָלט געוויינט, א נאכט־פויגל, און עסטערקע איז געבליבן שטיין דערשראָקן.

— ווידער שרײַט ער! ווען דו ווייסט, ווי איך האָב ניט ליב זײַן געוויין! — האָט עסטערקע א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אין יענער ריכטונג, פונוואנען עס האָט זיך צו איר דערטראָגן דאָס געשריי פונעם נאכט־פויגל.

— פארוואָס? זאָל ער שרײַען אפילע ביז טאָג, ארט עס מיך ניט.

— רעד ניט אזוי, מאקס. א שלעכטער סימען. ניט צום גוטן. אלטע לײַט זאָגן, אז סע וואָיעט א סיטש, וועט עפּעס שלעכטס געשען.

— מאלע וואָס אלטע לײַט זאָגן!..

— ניין, ניין! זיי וויסן אַפּט, וואָס זיי זאָגן. קום שוין גיכער, אקשן, באלד וועלן שוין די דריטע העגער קרייען...

— איך וויים, ווען די דריטע העגער קרייען. ווען איך האָב געארבעט אין בעקערײַ בא דער פּאני זשיכלינסקא, האָבן זיי מיר ניט וויניק בלוט קאליע געמאכט, די העגער... — האָט געזאָגט מאקס און אָנגעהויבן באַווײַזן, וויאזוי זי איז געגאנגען, די פּריצע, וויאזוי זי האָט זיך געקריגט. און עס־טערקע האָט הילכיק געלאכט.

— דו ווייסט, מאקס, מיר דאכט זיך, אז דו ביסט ניט בלויז א פּאָעט אין הארצן, נאָר דו וואָלסט אויך געקאָנט שפּילן אָף דער בינע, — האָט זי פּלוצעם געזאָגט, — דער רועך ווייסט עס, פארוואָס האָט ניט געקאָנט אזוי געשען, דו זאָלסט זײַן אן אקטיאָר. דו האָסט ניט געטראכט, מאקס, וועגן דעם, אז דו האָסט נאָך ניט געפונען דײַן שטעגעלע אין לעבן און מאטערסט זיך באַם פּאַרהאנג. דו ביסט א פייַקער...

מאקס איז דערשטוינט געוואָרן, הערנדיק די ווערטער. וואָס האָט זי אים נאָרוואָס געזאָגט? ניט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געהערט פון איר פּאָטער? שטייט איר אויך ניט אָן, וואָס ער פּאָרעט זיך בא די דעקאָראציעס און באַם פּאַרהאנג? זי האָט נאָך פארגעסן צוגעבן, אז ער איז געווען א טרעגער, געלאָדן וואגאָנעס אפּן וואָקזאל, קעדיי ראטעווען איר קראנקן פּאָטער, ברענגען פאר אים רעפּועס, ברויט, מילך... וואָס איז זי אויסן געווען מיט אירע ווערטער? זי האָט נאָר ניט צוגעגעבן, אז ער איז ניט איר גלײַכן, איר פּאָר, אז דאָס ניסעלע איז ניט פאר זײַנע ציינער, ווי איר פּאָטער האָט געמאָלדן. ער קאָן איר ברענגען בלויז פּײַן און הונגער, ניט קיין גליק... נאָר מיט וואָס זשע דערקלערט זיך, וואָס זי איז מיט אים הײַנט געגאנגען אין קאפּע, אין די בערג? עפּשער האָט זי אים געוואָלט פארשאפן עטלעכע גוטע מינוט, באווײַזן איר גוטהארציקײַט צו א פּראָסטן, אָרעמען באָכער פון קאָוואליוקע... זי האָט, הייסט עס, פּאָשעט ראכמאָנעס געהאט אָף אים? זאָל א בעקער־יונג פארגעדענקען, אז ער איז אמאָל געגאנגען אין די בערג, פּארבראכט אן אָוונט מיט א באַרימטער אקטריסע?..

מאקס האָט געפילט, אז עס זידט אין אים אלץ, און עס האָט זיך גע־וואָלט אנטלויפן פון איר און מער זיך ניט באגעגענען.

עסטערקע האָט זיך דערשראָקן, דערזען זײַן אופגעבראכטקײַט.

— וואָס איז מיט דיר, מאקס? — האָט זי אים אָנגעכאפּט בא דער האנט. — דו ביסט בלייך געוואָרן...

— ניין, עס ווײַזט זיך דיר אויס, עסטערל, — האָט ער ניט גערן גע־זאָגט, — גלאַט אזוי. איך האָב ניט געפונען מײַן סטעזשקעלע אין לעבן... איך בין ניט קיין אקטיאָר, און דו ביסט באַרימט... איך שטיי בא דעם פּאַר־האנג, און דו ביסט ווערט, זאָלסט זײַן גליקלעך... א גרויסע צוקונפט שטייט דיר פאָר...

— איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט, מאַקס! — האָט זיך עסטערקע א בייזער געטאָן. — איך האָב ניט ליב קיין רעטענישן. וואָס ווילסטו דער־מיט זאָגן?

מאַקס האָט געשוויגן. אים האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן מוטשען דאָס, וואָס אירע ווערטער זײַנען געווען זייער ענלעך אַף די ווערטער פֿון איר פֿאָטער. הייסט עס, איז צווישן זיי געווען א געשפּרעך? זי טראַכט אויך אזוי, ווי איר טאַטע? פֿאַרוואָס זשע איז זי הײַנט געווען צו אים אזוי צוגעלאָזט, אפֿילו מויכל געווען, זיך ניט שטאַרק געבייזערט, ווען ער האָט זי געקושט, געטראָגן אַף די הענט? וואָס זשע הייסט עס? זי לאַכט אָפּ פֿון אים?

מאַקסן האָט שוין באַנק געטאָן, וואָס ער האָט זיך איר מודיע געווען, אַז ער האָט זי ליב. אויב זי וועט עמעצן דערציילן דערפֿון, וועט אים אויס־קומען אַנטלויפֿן אין דער וועלט אַרײַן!

זיי זײַנען געגאַנגען עטלעכע מינוט שווײַגנדיקע, און דאָס האָט עסטער־קען געפּײַניקט. זי האָט פֿאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט און געפֿרעגט:

— נו, וועסט מיר זאָגן, וואָס איז מיט דיר? האָסט זיך עפּשער אַף מיר באַליידיקט, מאַקס?

— ניין, ווען איך וויל זיך אַף דיר באַליידיקן, וואָלט איך ניט געקאָנט. איך בין דיר פֿאַשעט דאַנקבאַר, וואָס איך האָב זיך הײַנט דערוווּסט דעם עמעס, דו האָסט געזאָגט, וואָס דו טראַכסט וועגן מיר. איך האָב ניט געוווּסט, אַז איך לעב אין טאָעס...

— ווידער א רעטעניש?

— ניין. דאָס, וואָס דו האָסט הײַנט געזאָגט, איז זייער ענלעך אַף דעם, וואָס איינער א מענטש האָט מיר געזאָגט: „א שאַמעס, אַז ער שטייט אָפּ עטלעכע יאָר באַם רעבנס טיר, לערנט ער זיך אויס פּאַסקענען שײַלעס“. און איך, הייסט עס, האָב זיך גאָרניט אויסגעלערנט...

אומבאַמערקט זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו עסטערקעס שטוב. עסטערקען האָט זיך אזוי ניט געוואָלט, אַז דער הײַנטיקער שפּאַציר מיט מאַקסן זאָל זיך ענדיקן אזוי אומגעלומפּערט, ער זאָל פֿון איר אוועקגיין אזא צעטראָגענער און געפּלעפּעטער, נאָר זי האָט ניט געקענט באַנעמען, וואָס איז מיט אים געשען, פֿאַרוואָס איז ער אזא אומעטיקער, אזוי געפֿאַלן בא זיך? זיי איז דאָך אזוי גוט געווען אין די בערג! אזא אומפֿאַרגעסלעכער אָוונט, אזא שיינע נאַכט. מיט דעם פֿאַרשײַטן און פּראַסטן באָכער האָט זי זיך געפֿילט אזוי גוט, און ער... וואָס פֿאַרא נאַרישקײַטן האָט ער איר נאָרוואָס אָנגע־פּלאַפּלט? נאָר עפּשער איז ער פֿאַשעט מיד און דאַרף זיך גיין אָפּרוען? עפּ־שער איז ער נאָך שיקערלעך? בא איר דרייט זיך אויך עטוואָס דער קאָפּ פֿונעם ווײַן. און עפּשער פֿון זײַנע קושן?.. נישקאָשע, האָט זי געקלערט, מאָרגן וועלן זיי זיך ווידער באַגעגענען, און זי וועט אים צווינגען, ער זאָל איר דערקלערן, פֿאַרוואָס איז ער מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן.

זי האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט בא איר גאַנעקל. לאַנג געקוקט אַף אים מיט אירע גוטע, פֿאַרליבטע אויגן און, אַרומקוקנדיק זיך, צי זעט קיי־נער ניט, אים אַרומגענומען, זיך צוגעדריקט מיטן גאַנצן האַרצן צו זײַן

ברוסט, אונטערגעהויבן זיך אף די שפּיץ פינגער, זיך אופגעהאנגען אף זײַן האלדז און א קוש געטאָן.

זי האָט אים גלײַך אָפּגעשטויסן פון זיך, דערלאַנגט די האנט און ארויס־געשעפּטשעט:

— א גוטע נאכט, מאקס... צי עפּשער איז שוין טאָג? דו הערסט, די הענער קרייען שוין. א גוטינקע נאכט. דו ביסט א ביסעלע ווילד, א ביסעלע נאריש, נאָר איין באקאָשע האָב איך צו דיר — בייזער זיך ניט. בלאָז זיך ניט. ביסט מיר ליבער, ווען דו לאכסט, ווען דו שמייכלסט, ווען דו רעדסט ניט מיט רעטענישן...

זי איז ארופגעלאָפן מיט די טרעפּלעך אפן גאנעקל, זיך אומגעקוקט צו אים, א מאך געטאָן מיט דער האנט, ער זאָל אוועקגיין, ס'איז שוין שפּעט, און פארשוווּנדן געוואָרן אין פינצטערן קאָרידאָרל.

עסטערקע איז א רעגע געשטאנען פאר איר טיר און א טראכט געטאָן, אז אומזיסט האָט זי זיך געערגערט, ווען זי האָט אין די בערג דערהערט דאָס וואָיענדיקע געוויין פונעם נאכט־פויגל און געזאָגט מאקסן, אז דאָס איז א שלעכטער סימען, אז עס וועט געשען אן אומגליק. פוסטע מײַסעס! אלץ האָט זיך הײַנט געענדיקט אזוי שיין, אזוי גוט, וואָס בעסער האָט זי זיך ניט פאָרגעשטעלט. א ווונדערלעכער שפּאציר איז הײַנט געווען. זי וועט אים פארגעדענקען אפן גאנצן לעבן און מיט אומגעדולד ווארטן אף נײַע באגע־גענישן מיט דעם פארשײַטן, ליבן באָכער.

* * *

מאקס איז געשטאנען עטלעכע מינוט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, און געקוקט אף דער טיר, וואָס האָט אָפּגעצוימט פון אים עסטערקען. עס האָט זיך ניט געוואָלט אוועקגיין פונדאנען. ער האָט נאָך געפילט די צארטקײַט פון אירע הענט, דעם טאם פון אירע ליפּן. דער קאָפּ האָט זיך נאָך געדרייט. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, זיך געוואָלט דערמאָנען אין אלץ, וואָס זי האָט אים געזאָגט, ער האָט זיך געוואָלט פאנאנדערקלײַבן אין זײַנע פארנעפּלטע געדאנקען און געפילן.

וואָס פאר א ווונדערלעכע נאכט האָט ער הײַנט איבערגעלעבט? וועט זי זיך נאָכאַמאָל איבערכאזערן ווען־ניט־איז? נאָר פארוואָס נאָגט אים אזוי דאָס הארץ?

ער איז געווען גליקלעך און מיד, פאמעלעך זיך געלאָזט גיין אהיים. ער וועט זיך שטילערהייט פארקלײַבן אין זײַן ווינקל, זיך צולייגן אָפּשלאָפן די פּאָר שאָ, וואָס איז געבליבן ביז טאָג, נאָר לעמאנהאשעם ניט אופוועקן שימשענען. אויב יענער וועט זיך אופכאפּן און אים דערזען, וועט ער זיכער צושטיין, אז ער, מאקס, זאָל אים דערציילן, ווו איז ער פארפאלן געוואָרן אף א גאנצער נאכט. מאקס וועט דאָך ניט אויסזאָגן, וויאזוי ער איז הײַנט געגאנגען אין די בערג מיט עסטערקען, אז ער איז געווען גליקלעך און, איינציײַטיק, אומגליקלעך. אפילע קיין וואָרט טאָר ער וועגן דעם קיינעם

ניט זאָגן. דאָס איז זייערביידנס סאָד — זײַנער און עסטערקעס! כוץ זיי, וועט זיך וועגן דעם קיינמאָל אפילו קיין פויגל ניט דערוויסן!

מאקס האָט ניט באוויזן צוגיין ביזן ראָג פונעם געסל, ווי ער האָט דער־הערט שנעלע טריט און זיך אומגעקוקט. ס'האָט זיך צו אים דערנעענטערט א מאנצבל אין א לאנגן מאנטל מיט א קאפעליוש, אַנגערוקט אף די אויגן.

— איין ווײַלע!.. אנטשולדיק, מאקס... — האָט ער דערהערט א קענט־לעכע שטים און דערפילט, ווי דאָס הארץ האָט א צאפל געטאָן. ס'איז ער? עסטערקעס פאָטער? ווו האָט ער זיך גענומען? וואָס וויל ער?

יענער איז צוגעגאנגען הארט צו אים, ארײַנגעקוקט אין די אויגן, ווי ער זאָל אין זיי וועלן עפעס איבערלייענען, און, קוים איבערכאפנדיק דעם אָטעם, יעכידנע זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר נאָר, זונעניו, פונוואנען גייסטו עס אזוי שפעט?

מאקס האָט זיך באגעגנט מיט זײַן שארפן בליק און זיך אָפגעקערט.

— וואָס זשע שווײַגסטו? דו קאָנסט מיר ניט קוקן אין פּאָנעם ארײַן? גוט. דו דארפסט מיר גאָרניט זאָגן. איך האָב אלץ געזען מיט מײַנע אויגן. פארשפאָרסט מיר לײַגן. דו האָסט הײַנט בא מיר אָפגענומען דאָס לעצטע ביסל געזונט. נאָר דו וועסט זײַן שולדיק אין מײַן טויט. נאָר דו!..

מאקס האָט אף אים ניט געקוקט, און דאָס האָט אָסקארן נאָך מער צע־רייצט. נאָך א לאנגער פאוזע האָט מאקס זיך דאָך אָנגערופן:

— איך פארשטיי ניט, וואָס איר ווילט פון מיר האָבן? איך טאָר שוין די גאס ניט דורכגיין? איך פארשטיי ניט...

— וואָס, דו פארשטייסט, נעבעך, ניט? וואָס מאכסטו זיך געפייגערט? — אָסקאר האָט איבערגעכאפּט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט שוין עטוואָס רוי־קער. — איך ווייס, מאקס, אז דו ביסט אן ערלעכער באָכער, אז דו האָסט א גוט הארץ. איך האָב זיך לאנג געבראָכן דעם קאָפּ און ניט געקאָנט פאר־שטיין, פארוואָס מאטערסטו זיך אזוי בא אונדז אין טעאטער? פריִער האָב איך געקלערט, אז דו ברענגסט זיך א קאָרבן פאר דער קונסט, פארן ביד־נעם יידישן טעאטער. איצט איז מיר שוין אלץ קלאָר געוואָרן. צוליב מײַן עסטערקען?! וואָלסטו זיך ניט ארײַנגענומען אזא מעשוגאס אין קאָפּ, וואָלסטו שוין לאנג געווען א שטיקל מענטש. דו הונגערסט, גייסט אָפּגעריסן, אָפּ־געשליסן, און אלץ צוליב איר? עמעס?

מאקס איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געקוקט אף זײַנע צעפליקטע שיך, אײַנגעאקשנט געשוויגן.

— וואָס זשע שווײַגסטו, ווען איך רעד צו דיר? זאָג, עפשער בין איך אומגערעכט? זאָג זשע מיר, דו גלייבסט, אז דו וועסט קענען ברענגען מײַן טאָכטער גליק, מאזל?.. גוט. מעגסט מיר דערוף ניט ענטפערן. איך פאר־שטיי אליין, אז דו ביסט איר ניט קיין סוינע, כאָלילע. וויבאלד אזוי, דארפסטו טאָן איין זאך: לאָזן מײַן עסטערקען צורו. נאָך הײַנט דארפסטו פארשווינדן. טאקע באלד! צי דען פארשטייסטו ניט, אז זי לאכט זיך אויס פון דיר? זי שפילט זיך מיט דיר, ווי א קעצל מיט א מײַזל. זי דארף ניט האָבן אזא, ווי דו. מיט דיר וועט זי קיינמאָל ניט וויסן פון קיין גוטן טאָג, בלויז אומגליק

קאָנסטו איר ברענגען, דו פאַרשטייסט, וואָס איך רעד צו דיר? עסטערל איז מײַן איינציקע טרייסט אין לעבן, און איך וועל קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז עפּעס אַ רועד זאָל זי אַראָפּפירן פון גלײַכן וועג. דער גוירל האָט זי ניט געבאַלעוועט. פון קינדווײַז געוואַקסן אָן אַ מוטער, מיט אָט די הענט האָב איך זי אויסגעכאָוועט, אויסגעניאַנטשעט. ווילסטו, איך זאָל דערלאָזן, דו זאָלסט זי מאַכן אומגליקלעך?

מאַקס האָט דערזען, ווי איבער אָסקאַרס אײַנגעפאַלענע, פאַרוואַקסענע מיט גרויע שטעכלקעס באַקן זײַנען געלאָפן טרערן, און דאָס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן. דאָס האָט פאַר אים געוויינט דער באַרימטער טראַגיקער אָסקאַר שאַפּיראָ, וועלכער האָט נאָר געקאָנט וויינען אַף דער בינע.

— איך בין גרייט פאַלן פאַר דײַנע פיס. דו דאַרפסט זיך אַף מיר ניט בייזערן. איך בין איר פאָטער און וויל, אַז פאַר מײַן טויט זאָל איך זען, אַז זי האָט געפונען איר פּאָר, וועט מיר גרינגער זײַן שטאַרבן. דאָס רעדט פון מיר מײַן ווייטעק, מײַן צאַר, מײַן קראַנק האַרץ. עסטערקע איז נאָך יונג, און איר איז ניט שווער פאַרדרייען דעם קאָפּ. זי איז טאַלאַנטירט, און אַ גרויסע צוקונפט וואַרט אַף איר. דו דאַרפסט גלײַך פאַרשווינדן פון איר וועג. וואָלסטו כאָטש געווען אַ שטיקל מענטש, אַ שטיקל אַקטיאָר, נאָר אַזוי...

מאַקס האָט ניט געקאָנט צוזען יענעמס טרערן און אַלץ געשוויגן.

— נו, פאַרוואָס זשע שווײַגסטו, אַקשן? — האָט אַ געשריי געטאָן אָסקאַר. — דו ביסט אַ מענטש, צי אַ שטיין? די וועלט איז ברייט, טאָ גיי דיר דײַן וועג. גיי! אויב דו וועסט עפּעס דערגרייכן, דעמלט קער זיך אום, וועלן מיר דיך אופנעמען מיט גרויס פרייד. איצט האָסטו ניט וואָס צו טאָן בײַ אונדז. ניט שיין, אַז אַ מענטש וויל בויען זײַן גליק אַף יענעמס אומגליק... דו האָסט געוויס ניט אַף קיין בילעט...

אָסקאַר האָט נערוועז גענומען נישטערן אין די קעשענעס, אַרויסגעשלעפּט עטלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך און זיי אַרײַנגערוקט מאַקסן.

— נעם אַף הויצאָעס. שרײַב מיר אָן, וועל איך דיר נאָך אַרויסשיקן, איך וועל דיר ניט אָפּזאָגן... איך האָב זיך נאָך פאַר קיינעם ניט דערנידעריקט אַזוי, ווי פאַר דיר... אוי, סאַראַ מיִעסע וועלט געוואָרן...

— וואָס זאָגט איר, רעב שאַפּיראָ? — איז אופגעזאָטן געוואָרן מאַקס. — וואָס? אַ מיִעסע וועלט? איר זאָגט ניט עמעס! די וועלט איז וווּנדער־שיין. און זי וואָלט געווען נאָך שענער, ווען ניט אַזעלכע מענטשן, ווי איר, וואָס טראַכטן בלויז וועגן זייער ווילטיק, וועגן זייער קליינינק וועלטעלע, וועלכע האַלטן, אַז געווויסן קויפט מען און מע פאַרקויפט, אַז אַ האַרץ קאָן מען פאַרוואַנדלען אין אַ האַנטשערקע! איר, הער אָסקאַר שאַפּיראָ, זײַנט אַמאָל געווען אין מײַנע אויגן אַ גרויסער מענטש, אַ גאָען. איך האָב אַף אײַך געקוקט...

מאַקס האָט זיך פאַרכאַפּט. ער האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגן פאַר דעם פאַרוויינטן, אײַנגעהויקערטן מענטשן אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן אים, ער איז פאַרט עסטערקעס פאָטער. אַ קוק געטאָן אַף די עטלעכע פּאַפּירלעך, האָט מאַקס זיי אַ שמיץ געטאָן צו אָסקאַרס פיס:

— נעמט זיי צו, אײַערע פּאַפּירלעך, אײַך וועט עס צוניץ קומען זיך אַרײַנכאַפּן אין ווינקעלער... איך דאַרף ניט אײַער כעסעד. איך האָב געמיינט, אַז אין לעבן זײַנט איר אַזאַ, ווי אַף דער בינע, נאָר אַ גרויסן טאָעס געהאַט. איך האָב זיך אין אײַך אָפּגענאַרט. הערט אויף גיסן טרערן פאַר אַ פּראָסטן בעקער־יונג, וועלכער שטייט אײַך ניט אָן. און ציטערט ניט אַזוי — איך וועל ניט בויען מײַן גליק אַף אײַער אומגליק. אײַך וועט מער ניט אויסקו־מען קליינלעך, מיִעס נאָכשפּירן נאָך אָן אַרעמען באָכער, וואָס האָט געזאָרגט, איר זאָלט זיך וואָס גיכער שטעלן אַף די פיס!..

מאַקס האָט זיך האַסטיק אויסגעקערעוועט, געוואָרפן אַף יענעם אַ פאַר־ניכטנדיקן בליק און זיך שנעל געלאָזט גיין.

ער איז ניט געגאַנגען, מאַקס, — עפּעס אָן אומפאַרשטענדלעכער קויעך האָט אים געטראָגן, דער האַס האָט אין אים געזאָטן. פאַרשיידענע געדאַנ־קען — שרעקלעכע, בייזע — זײַנען אים געקראָכן אין קאָפּ אַרײַן, נאָר איינס איז פאַר אים געווען קלאָר — ער וועט מיטן ערשטן צוג אוועקפאָרן פונדאַנען ווײַט־ווײַט, אין אויסרײַסעניש, נאָר מער ניט זען פאַר זיך אָט דעם מענטשן, זײַנע טרערן, זײַנע אויגן. ער וועט קומען אַף אַ נײַ אָרט, וועט ער עסטערקען אַלץ אָנשרײַבן, אַלץ דערקלערן, וואָס מיט אים איז געשען, און זאָל זי זאָגן דאָס לעצטע וואָרט. אַף אַ צײַט וועט ער זיך מיט איר צעשיידן, זיך צושלאָגן צו אַ ברעג, און דעמאָלט וועלן זיי זיך ווידער באַגעגענען, קעדיי זיך שוין קיינמאָל אין לעבן ניט צעשיידן...

מאַקס האָט זיך אויפגעהויבן אַף אַ גרין בערגל. אַפן האָריזאָנט האָט געגנור־מען שאַריִען. אָרום און אָרום האָבן זיך פון די ביימער געשאָטן די האַרבס־טיקע בלעטער, צוגעדעקט די סטעזשקעס, טראָטוואַרן.

ערגעץ פון אונטער די בערג האָט אַ שפּראָץ געטאָן דער ערשטער שטראַל פון דער אויפגייענדיקער זון און אײַנגעלאַדן דעם פרימאָרגן, אַ לויטערן, אַ שיינעם. אַף די הויכע שטאָקן האָבן זיך פון די שטראַלן אָנגעצונדן עטלעכע פענצטער, ווי עמעצער וואָלט זיי אָקאָרשט אויסגעפּאַרבט מיט גינגאָלד. די אָנגעכמורעטע קאַרפּאַטן האָבן אָן כיישעק געגומען זיך אויסטאָן פון דער נאַכט. פון דער ווײַטער פּאַלאַניִנע, ווו מע האָט געפּאַשעט די טשערעדעס שאָף און רינדער, האָבן זיך אַהער דערטראָגן די קלאַנגען פון סאָפּילקעס, און אַ באַסאָווע שטים פון דער טרעמביטע האָט באַגעגנט דעם פרימאָרגן.

מאַקסן האָט ניט געפרייט דער שיינער פרימאָרגן, די וווּנדערלעכע בערג, דער זון־אויפגאַנג. עס איז מוירעדיק שווער געווען אַפן האַרצן. זעט אויס, ניט אַלעמען איז באַשערט זיך פרייען מיט דער שיינער וועלט...

אַ שווערער פאַרדראָס האָט אים ניט אויפגעהערט מאַטערן. ער איז אוועק־געגאַנגען אין טעאַטער, אַרײַנגעלאָפן און געכאַפּט זײַן קלומעקל. שימשן־האַגיבער האָט זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן פון שלאָף. מאַקס האָט אים געזאָגט, אַז ער פאָרט אוועק, דערציילט וועגן געשפּרעך מיט אָסקאַרן, זיך אָפּגיך אָפּגעזעגנט און אַנטלאָפן. ער האָט ניט געוואָרט פאַרשפּעטיקן צום ערשטן צוג. עס האָט אַף מאַקסן געוואַרט אַ ווײַטער און אומבאַוווסטער וועג...

צווייטער טייל

וואָס
זשע
איז
אונדז
גלייך?

וואָס זשע איז אזוינס גליק?

ײַ א בעריע און טרעף, וואָס איז דאָס אזוינס גליק און ווו זוכט מען עס! גיי ווייס, ווו וועסטו דײַן גליק געפינען און ווו פארלירן!

ערשט ניט לאנג האָט עסטערקע שאפּיראָ זיך אפילע ניט פאָרגעשטעלט, אז איר גליק איז אזוי נאָענט, מאמעש מיט דער האנט צו דערלאנגען.

די נאכט, וואָס זי האָט פארבראכט מיט מאקסן אין די בערג, האָט עפּעס ווי איבערגעקערט אין איר נעשאָמע, צעבויטעט און אופגערודערט אלע אירע מיידלשע מאכשאָוועס, טרוימען, באגערן. זי האָט ניט געקאָנט פארשטיין, מיט וואָס איז אָט דער פּאָשעטער יונג איר אזוי טײַער און נאָענט, און מיט וואָס האָט ער זי געפאנגען.

עסטערקען האָט זיך אפילע ניט געכאָלעמט, אז דער עטוואָס נאיווער און קליינשטעטלדיקער באָכער וועט פארנעמען אזא גרויס אָרט אין איר נעשאָמע. איצט האָט זי זיך שוין ניט פאָרגעשטעלט, ווי וועט זי קאָנען רויִק לעבן, אויב זי וועט אים ניט זען.

עסטערקע האָט זיך פריִער אויך ווייניק פאָרגעשטעלט, אז מיט אים וועט איר זײַן אזוי גרינג און גוט. געוויס, ווען ער גיט זי איצט א רוף, וואָלט זי, דוכט זיך, נאָך אים געגאנגען אין אויסרײַסעניש און זיך אפילע ניט פארטראכט. וויפל יונגעלײַט קלאפּן זיך אין איר טיר, פארשיטן זי מיט ליבע־בריוולעך, נאָר קיין איינער פון זיי האָט זי אזוי ניט באצויבערט, ווי אָט דער פּראָסטער, מילדער בעקער־יונג.

נאָך דעם הײַנטיקן שפּאַציר אין די בערג האָט זי ענדגילטיק פאַרשטאַנען, אַז זי וועט שוין טאָמיד מיט אומגעדולד וואַרטן אויף זייערע נײַע באַגעגענישן. זי האָט געוווּסט, אַז דער פּאָטער וועט זיך קעגנשטעלן, דערווײַדערן קעגן איר פֿרײַנטשאַפֿט מיט מאַקסן, נאָר זי וועט דעם טאַטן מעלדן, אַז זי איז שוין ניט קיין קליין מיידעלע און קאָן אַליין באַשטימען איר גורל, זי איז אַליין שוין פֿײַיק לייזן, וועמען ס'איז איר ליב און וועמען ניט.

ווען זי האָט זיך באַגיגנען צעשיידט מיט מאַקסן, איז זי נאָך לאַנג געשטאַנען אינעם פֿינצטערן קאָרידאָרל, בײַ דער טיר פֿון איר צימער, ניט וויסנדיק, צי איז שוין אײַנגעשלאָפֿן דער פּאָטער, צי וואַרט ער אויף איר און שלאָפֿט ניט. זי וואָלט געוואָלט צופֿרידן, ווען ער שלאָפֿט. זי טאָר אים ניט וועקן. ער טאָר ניט זען, אַז זי האָט זיך אומגעקערט פֿונעם שפּאַציר אַזוי שפּעט. דאָס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל, ווען זי קערט זיך אום פֿון אַ שפּאַציר באַגינען... ער וועט זיך זייער בייזערן, אויב ער וועט זי זען. זי וועט זיך שטילערהייט, אויף די שפּיץ פֿינגער אַרײַנגאַנווענען, שנעל אַרונטער אונטער דער קאָלדרע, ער זאָל ניט באַמערקן, ניט הערן, און ליגן מיט אָפֿענע אויגן, ליגן און טראַכטן וועגן מאַקסן, וועגן זייער הײַנטיקער באַגעגעניש, דעם אומפֿאַרגעסלעכן שפּאַציר אין די בערג. יאָ, נאָר וואָס וועט זײַן, אויב דער טאַטע שלאָפֿט ניט? וואָס וועט זי אים זאָגן פֿאַרט? טאָמער וועט ער זי פֿרעגן, ווו און מיט וועמען איז זי געווען אַזוי שפּעט, וואָס וועט זי צוטראַכטן?

עסטערקע האָט מיט האַרץ־צאַפּל אופֿגעעפֿנט די טיר און דערזען, אַז דער פּאָטער איז נאָך ניטאָ. צום ערשטן האָט זי זיך אַפֿילו דערפֿרייט: איר וועט ניט אויסקומען לײַגן, זיך רויטלען, וואָס איז איר טאָמיד געווען דערווידער. אײנצײַטיק האָט זי באַדויערט — ניט געווען געדאַרפֿט זיך אַזוי גיך צעשיידן מיט מאַקסן, זיי וואָלטן נאָך געקאָנט שטיין באַם גאַנעקל.

דער באָכער איז איר הײַנט געפֿעלן געוואָרן מער, ווי שטענדיק. איר איז, עמעס, געווען עטוואָס קאָמיש זען, ווי ער איז געזעסן אין קאָפּע, באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם, וויאַזוי ער האָט, ווי אַ בער, געטאַנצט און איר געטראָגן אויף די פּיס, און שפּעטער, ווי אומגעלומפּערט ער האָט זיך שפּעטער, אין די בערג, איר דערקלערט אין ליבע, לעפּיש זי אַרומגענומען, געקושט. נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט זי געפֿילט, אַז זי האָט אים ליב אַזאַ, ווי ער איז, אַזאַ, ווי ער שטייט און גייט, און די הײַנטיקע באַגעגעניש זייערע וועט פֿאַרבלײַבן אין זיכּאָרן אַפֿן גאַנצן לעבן!

יאָ, הײַנט האָט זי געמאַכט דעם אויסוואַל! הײַנט האָט זי אַלץ באַשטימט!

אין ענגן צימערל איז געווען דושנע און שטאַרק אָנגערייכערט. ניט אַנדערש, אַז דער טאַטע איז דאָ געזעסן, גערייכערט און ערשט ניט לאַנג ערגעץ אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אָנגעטאָן זײַן מאַנטל, זײַן קאַפּעליוש. עפּשער איז ער זי געלאָפֿן זוכן? שוין אַ צײַט, אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ טעווע זי זוכן, ווען זי פֿאַרהאַלט זיך ערגעץ אַן איבעריק פֿערטל שעה.

עסטערקע האָט אופֿגעעפֿנט די פֿירטקע און אַ קוק געטאָן, עפּשער שטייט

דאָ נאָך ערגעץ נאָענט מאַקס? נאָר נײַן, פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט מען קיינעם ניט געזען.

כאָטש עסטערקע האָט געפֿילט א שטאַרקע מידקײַט, דאָך האָט זי ניט געהאַט קיין כיישעק זיך לייגן שלאָפֿן. זי וואָלט נאָך געקאָנט שפּאַצירן, שטיין לעבן גאַנעקל, ווען מאַקס וואָלט דאָ נאָך געווען. עפּשער אַרויסלויפֿן אים דעריאָגן? ער קער זײַן ניט ווײַט. נאָר זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר איר ווילדן געדאַנק. מעג זי דען אַזוי פֿאַרלירן דעם קאָפּ? מאַקס וועט גרויס ווערן בא זיך, פֿאַרײַסן די נאָז. און כוץ דעם, וואָס וואָלט ער געטראַכט וועגן איר?

עסטערקע האָט זיך שנעל אויסגעטאָן, זיך אַרומגעוואַשן מיט קאַלטער וואַסער און אַרונטערגעקראָכן אונטער דער קאָלדרע. זי איז לאַנג אַזוי געלעגן, נאָר קיין שלאָף האָט זי ניט גענומען.

זי ווייסט ניט, וויפֿל צײַט איז אַוועק, וויפֿל זי איז אַזוי געלעגן א פֿאַרטראַכטע, נאָר מיטאַמאָל דערהערט פֿון יענער זײַט פֿענצטער טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט.

ווער קאָן עס גיין אַהער? און עפּשער ניט אַהער? עפּשער איז דאָס מאַקס? ער איז דאָך ווילד. עפּשער האָט ער איר עפּעס פֿאַרגעסן זאָגן און גייט צו איר פֿענצטער? זי האָט זיך דערשראָקן. עס קאָן ניט זײַן!

עסטערקע איז אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט, געכאַפּט דעם שאַל, אַרופֿגעוואָרפֿן אַף די נאַקעטע פּלייצעס, צוגעגאַנגען שטילערהייט צום פֿענצטער, א קוק געטאָן און דערזען דעם פֿאָטער. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, א מידער, אָנגערוקט דעם קאַפּעליוש אַף די אויגן. דאַכט זיך, ער איז שיקער. נאָר נײַן. ער וואָלט אונטערגעבאָמקעט א לידל. ניכטער. און זי האָט א טראַכט געטאָן: בעסער וואָלט ער געווען שיקער, וואָלט ער ניט אָנגעשטויסן זיך, אַז זי איז שפּעט געקומען. אָבער זי ווייסט, אַז נאָך יענעם שרעקלעכן צופֿאַל טרינקט ער זעלטן...

פֿאַרוואָס זשע גייט ער אַזוי? זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז מיט עפּעס ניט צופֿרידן. עפּשער האָט ער זיך מיט עמעצן פֿון די אַקטיאָרן אין רעסטאָראַן צעקריגט? עפּשער מיט זגורסקי דעם דריטן? הײַנט איז דאָך בא זיי געווען א וועטשערע נאָך דער פּרעמיערע. זי, עסטערקע, האָט געשפּילט „שולאַמיס“, און יענע האָבן פֿאַרטרונקען איר דערפֿאָלג...

זי האָט א שלײַדער געטאָן אַפֿן בענקל דעם שאַל און צוריק אַרונטערגעקראָכן אונטער דער קאָלדרע, זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ און זיך געמאַכט שלאָפֿנדיק.

עפּשער וואָלט זי אים געדאַרפֿט אויסריידן, לעמײַ איז ער געקומען אַזוי שפּעט?

נאָר זי האָט ניט געוואָלט פֿאַרפֿירן קיין געשפּרעך מיטן פֿאָטער. פֿאַר אירע אויגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען מאַקס, און אַלע אירע מאַכשאָוועס זײַנען געווען וועגן אים.

דערהערט א סקריפּ פֿון דער טיר, האָט עסטערקע אַרויסגעקוקט פֿון אונטער דער קאָלדרע. דערזען נאָענט דעם טאַטן, האָט זי זיך דערשראָקן.

וואָס איז מיט אים? פאַרוואָס איז ער אַזוי צעבראָכן? וואָס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער מיטן ציגאַר אין מויל און זעט פאַר זיך גאָרניט? פאַרוואָס לייגט ער זיך ניט שלאָפן, עס איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, ווען וועט ער זיך אויסרוען? ניין, ניין, ער איז ניט שיקער. פאַרוואָס זשע איז ער אַזוי דערצאָרנט? דאַכט זיך, אַז ער איז פאַרווייַנט?!

דאָס האַרץ אירס איז פאַרקלעמט געוואָרן. וואָס איז מיט אים געשען? זיך אופהייבן, פרעגן? אין טעאַטער גייען איצט די געשעפטן בעסער, ווי שטענדיק. אַלע טאָג איז דער טעאַטער איבערפולט מיט אוילעם, מע נעמט אויף דעם פּאָטער גלענצנד, מיט אויסערגעווייַנלעכער באַגײַסטערונג, מע טראָגט אים מאַמעש אויף די הענט. זי קאָן זיך אויך ניט קלאָגן אויף די צושויער. דאָס געזונט האָט זיך בײַ אים אויך פאַרבעסערט, און ער פילט זיך ניט שלעכט. וואָס זשע איז זיך פאַרלאָפן, וואָס איז מיט אים געשען?

דער שלאָף האָט זי גענומען, און עסטערקע איז אײַנגעשלאָפן.

זי האָט זיך אופגעכאַפּט, ווען די האַרבסטיקע זון איז שוין געווען גאַנץ הויך איבערן קאָפּ.

דער פּאָטער איז שוין ניט געווען אין צימער. זעט אויס, שוין לאַנג אַוועק אין טעאַטער. נאָר פאַרוואָס האָט ער זי ניט אופגעוועקט? זי האָט דאָך אויך געמוזט פרי זײַן אין טעאַטער. און עפּשער ניט אַזוי צוליב דער רעפּעטיציע, ווי צוליב דעם, זי זאָל זיך זען מיט מאַקסן. ער איז, דאַכט זיך, אַוועקגעגאַנגען פון איר אַ באַרויגעזער, און מע דאַרף פרעגן, וואָס איז געשען.

אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעטל, זיך אַרומגעוואַשן און צוגעקעמט די האָר, האָט זי זיך פאַרפּוצט אין איר שענסטן קלייד. אַרויסגענומען פון דער ליימענער וואַזע אַ ווײַסע אַסטרע, האָט זי אַרײַנגערוקט זי אין די האָר, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל. איר האָט זיך געוואָלט הײַנט זײַן יאָמטעוודיק, כּיינעוודיק, שיין, ווי קיינמאָל. עמעצער אין טעאַטער וועט זיך געוויס פאַרקרימען, לעמײַ האָט זי זיך אין אַ געווייַנלעכן טאָג אַזוי פאַרפּוצט. וואָס פאַר אַ יאָמטעוו אויף איר? נישקאָשע, זאָל מען זאָגן, וואָס מע וויל, זי וועט פאַר קיינעם ניט מוירע האָבן מער. אַפילע פאַרן טאַטן. זי וועט צוגיין צו מאַקסן און אים זאָגן, אַז נאָכן ספּעקטאַקל וויל זי נאָכאַמאָל גיין מיט אים אין קאַפע. און אויב דער וועטער וועט זײַן אַ גוטער, וועלן זיי גיין אין די בערג. מע וועט שפּאַצירן...

עסטערקען איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גוט און פריילעך אויפן האַרצן. זי האָט געשפּאַנט איבער דער גאַס אַ לײַכטע, אַ שײַנענדיקע. מיידלעך און פרויען האָבן זי באַגלייט מיט קינע־בליקן, איר נאָכגעשפּירט, ביז מע האָט זי ניט פאַרלוירן אין דער מענטשן־געדיכטעניש.

פאַרבײַגייער האָבן זיך איר העפלעך געגריסט, און זי האָט גערן געענטפערט מיט איר מילדן שמייכעלע. ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי געזונגען, געטאַנצט. זי האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז אויף איר הײַנט אָנגעפאַלן אַזאַ פרייד, אַזאַ געדולע.

ענדלעך איז זי אַרײַנגעלאָפן אין דער האַלב־טונקעלער געבײַדע פונעם טעאַטער, אַ קוק געטאָן אויף דער בינע, אַ זוך געטאָן מיט די אויגן מאַקסן,

נאַר אים ניט געזען. בא די דעקאָראַציעס האָט זיך געפּאָרעט בלויז שימשן־האגיבער. געוויינלעך, ווען שימשן האָט זיך געייסעקט בא די דעקאָראַציעס, האָט ער שטענדיק אונטערגעזונגען א לידל פון „שולאמיס“. דערזעענדיק עס־טערקען, האָט ער זי נאָך פונוויַיטנס הארציק באגריסט, געשפּאַסט מיט איר, נאָר דאָ האָט ער זי באגעגנט, ווי א פרעמדע. זיך אָפּגעקערט פון איר.

וואָס הייסט דאָס?

עסטערקע איז צוגעגאנגען נעענטער צו שימשענען, געמיינט, אז דאָס שפּאַסט ער אזוי מיט איר. נאָר ניין. ער קוקט ניט אין איר זיַיט!

זי איז ארופגעלאָפן אף דער בינע, פארקערעוועט צו די קוליסן, געזוכט מיט די אויגן מאקסן, נאָר אין ערגעץ איז ער ניט געווען. עפּשער איז מיט אים עפּעס באגינען געשען? ער איז געגאנגען איינער אליין אזוי שפּעט!

דאָס מיידל האָט זיך אלץ שטארקער אָנגעהויבן באומרויִקן. זי איז ארויס־געלאָפן אין הייפל, ווו מאקס פארבט אָפּט די דעקאָראַציעס, נאָר דאָרטן איז איצט געשטאנען איר פּאָטער און געשמירט מיט דער בארשט. וואָס זשע איז דאָס? ער האָט שוין ניט וואָס צו טאָן? זי האָט אים געוואָלט א פרעג טאָן, נאָר ער האָט אף איר געקוקט צעשטרייט און אוועק אין געביַידע.

זי האָט אלץ געזוכט, געזען אקטיאָרן, נאָר אלע האָבן אף איר געקוקט מיט פאָרוורף, ניט געענטפערט אף אירע באגריסונגען.

וואָס איז געשען? ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט. אלע האָבן זיך אָפּגע־קערט פון איר, מע וויל ניט ריידן. ערשט נעכטן, נאָך דעם ספּעקטאקל, ווען זי האָט אָפּגעשפּילט „שולאמיס“, האָבן זי אלע באגריסט, געקושט, געדאנקט. און איצט?

עסטערקע איז צוגעלאָפן צו שימשענען, אָנגעכאַפּט פאר דער האנט, אריַינגעקוקט דערשראָקן אין די אויגן און מיט געבעט זיך געווענדט צו אים:

— פּעטער שימשן, וואָס איז געשען? פארוואָס זע איך ניט מאקסן?

ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון איר און אן אופגערעגטער א בורטשע געטאָן מיט פּיַינטשאפּט:

— וואָס פרעגסטו מיך? דעם טאטן דיַינעם פרעג. ער איז דאָך קליגער און אָרנטלעכער פון אונדז אלעמען, פון דער גאנצער וועלט... דעם טאטן פרעג, ניט מיך. איך בין דאָ א קנעכט. איך בין דאָ — גאָרנישט... מיר זיַינען זיַינע דינער...

עסטערקע האָט געמיינט, אז שימשן שפּאַסט. אלע שפּאסן מיט איר. נאָר פארוואָס גלאנצן טרערן אין זיַינע אויגן? וואָס איז ער אזוי צעבראָכן, שימשן־האגיבער?

זי האָט אים אָנגעהויבן טאָרען, בעטן, פאָדערן:

— נו, זאָגט מיר דעם עמעס, נעמט ניט ארויס די נעשאָמע, פּעטער שימשן! ווו איז מאקס? זאָגט מיר דעם ריינעם עמעס!

— דעם עמעס? מער ווילסטו גאָרניט? און ווו וועסטו איצט געפינען דעם עמעס? אונטער צען שלעסער איז ער פארשלאָסן, דער עמעס, און פּרווו, דערקליַיב זיך צו אים! — האָט א דערשלאָגענער ארויסגעזאָגט שימשן און א ווונק געטאָן אין יענער ריכטונג, ווו עס איז געשטאנען אָנגעשפּארט אין

דער וואנט איר פאָטער און גערייכערט, — ניט אנדערש, ווי מאקס איז אים געשטאנען, ווי א ביין אין האלדז. אפאָנעם, דער באָכער איז אים געווען גרויס אין די אויגן. דײַן טאטע האָט, זעט אויס, מוירע געהאַט, מאקס זאָל דיר, כאָלילע, ניט געבן קיין גוט־אויג, דיך ניט אָפּבײַסן...

שימשן האָט האסטיק ארײַנגעקלאַפּט עטלעכע טשוועקעס אין א ווענטל. און נאָך א שווערער ווײַלע פאַרגעזעצט:

— מיר האָבן, טאָכטערקע, פארלוירן א גאָלדענעם באָכער. א דימענט. א בריליאנט. דער טאטע האָט אים פארטריבן פונעם טעאטער. ער האָט אים אזוי פרעך אויסגעזידלט, באליידיקט. מער האָט מאקס פון אים ניט געקאָנט אויס־האלטן און פארטאָג אוועקגעפאָרן פון אונדז. אף א ווײַלע האָט ער זיך ארײַנגעכאפּט צו מיר זיך געזעגענען, געכאפּט זײַן קלומעקל מיטן פארמעגן, און אויס... אוועק מאקס.

— דאָס קאָן ניט זײַן! איר נארט מיך אָפּ! — האָט זי אף א קאָל אויסגע־שריגן.

עסטערקע האָט דערפילט, ווי עס לעשט זיך אויס די שײַן אין אירע אויגן. דער קאָפּ האָט זיך פארדרייט, זי האָט דערפילט, ווי טרערן נעמען זי שטיקן.

— איר זאָגט ניט דעם עמעס, שימשן! ער האָט ניט געקאָנט אוועקפאָרן — ניט עמעס!

שימשן־האגיבער האָט אויסגעווישט מיטן קויטיקן ארבל די טרערן פון די אויגן און מיט א געפאלענער שטים ארויסגעקוועטשט פון זיך:

— נו, אויב דו ווייסט בעסער, וואָס זשע דארפסטו מיך פרעגן? האלעווײַ וואָלט איך געזאָגט ליגן! — און מיט אופרעגונג האָט ער צוגעגעבן, — פאר־געס ניט, אז שימשן־האגיבער האָט נאָך קיינמאָל אף זײַן לעבן ניט געלײַגט. קיינמאָל! מײַן געוויסן איז נאָך דערווײַל ריין. אין דער יוגנט האָב איך ניט גע־זאָגט קיין ליגן, וועל איך ווערן א ליגנער אף דער עלטער?

ער האָט א שפּײַ געטאָן אף די הענט, געכאפּט די האק און אָנגעהויבן טע־סען א ברעט.

— דער פאָטער דײַנער קלערט, אז אים איז אלץ דערלויבט. פאר אים זײַנען קיין געזעצן ניט געשריבן געוואָרן. א גרויסער פאָרעץ! א באַרימטער אקטיאָר! דאָס פובליקום פאטשט אים „בראוואָ!". ער מיינט, דער טאטע דײַ־נער, אז מיר זײַנען ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אונדז. מיר זײַנען טאקע קליינע מענטשעלעך, מיר אייסעקן זיך טאָג ווי נאכט, און דער צושויער זעט אונדז ניט, ער אפּלאָדירט אונדז ניט, באגלייט אונדז אפילע ניט, ווען מע טראָגט אונדז אפּן בעסוילעם. נאָר איך וואָלט א באלן געווען א קוק טאָן, וואָס פאר א פּאָנעם וואָלט דײַן טאטע געהאַט, ווען אָט די קליינע מענטשעלעך גייען אוועק פון טעאטער און לאָזן איבער איינעם אליין דײַן טאטן. זעסט, אָט האָט ער געגנומען פארבן א פאניער, און עס איז אים שוין נימעס געוואָרן. און אונדז ווערט ניט נימעס די ארבעט די שווארצע. ער האָט שוין פארגעסן, דײַן טאטע, יענעם אָסיען, ווען ער האָט געכאפּט א הארץ־אטאקע און קיינער האָט שוין ניט געגלייבט, אז ער וועט זיך שטעלן אף די פיס. און דער גראָ־בער־יונג האָט געלאָדן וואגאָנעס און געקויפט אים רעפועס און דאָס פלעשל

מילך... דער באָכער האָט אים קיינמאָל וועגן דעם ניט דערמאָנט, און דײַן טאַטע ווייסט ביז הײַנט ניט, ווער עס האָט אים אָפּגעראַטעוועט... ער האָט אים דורכגעטריבן. מוירע געהאַט, טאָמער וועט יענער זיך אין דיר, כאָלילע, פארליבן. באַהיט גאָט! עפּעס א בעקער־יונג, אַן ארבעטער פון דער בינע, וועט זיך אײַנליבן אין אָסקאַר שאַפּיראָס טעכטערל? וועסט מיר גלייבן, אָט דאָ באַ־גינען איז ער ארײַנגעלאָפן צו מיר, מאַקס. דאָס הארץ האָט זיך מיר אָפּגע־ריסן, ווען איך האָב אף אים א קוק געטאָן. בלאַס, ווי די וואַנט, ווי דער טויט אליין. הײַנט די אויגן! גאָטעניו, טײַערער, ווען דו טוסט א קוק אף זײַנע אויגן! מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין זיי האָט מען געקאָנט דערזען דעם טרויער, דעם צאַר, דעם ווייטעק פון דער גאַנצער וועלט. פאַר איין שאָ זאָל זיך א מענטש אַזוי ענדערן. איך האָב אים געפּרוווט אָפּריידן, געבעטן, ער זאָל זיך פריער גוט באַטראַכטן, ניט פליִען, מאַלע וואָס א גײַוועניק טרײַבט אים, — האָט עס ניט געהאָלפן. לאָזט זיך אויס, דײַן טאַטע האָט נאָך אײַך נאָכגע־שפּירט, ווען איר זײַנט געגאַנגען שפּאַצירן. דײַן טאַטע, עסטערקע, האָט פאַר אים געוויינט, געבעטן גלײַך אוועקפאָרן, און ער, קענסט דאָך אים, מאַקסן, א גאָלדענע נעשאָמע. ער האָט ניט געקענט צוזען די טרערן — און אויס! ניטאָ מאַקס! אוועקגעפאָרן...

— וווּהין?

שימשן האָט אין אָנמאַכט צעפּירט מיט די הענט:

— ער האָט ניט געזאָגט. וויפל איך האָב ניט געבעטן, ער זאָל זאָגן, וווּהין ער פאָרט, און כאָטש טעסע ברעטער אף אים — ניט געזאָגט. עפּשער וועט ער דיר נאָך אָנשרײַבן. ווער ווייסט...

עסטערקע איז געשטאַנען, ניט געקענט דאָס מויל עפענען. דער קאָפּ האָט זיך שרעקלעך געדרייט, זי האָט געמיינט, אַז אָט פּלאַצט ער. קוים אײַנהאַלטנ־דיק דעם פאַרדראָס, דעם ווייטעק, איז עסטערקע צוגעגאַנגען צום פאָטער:

— איז דאָס עמעס, טאַטע? — האָט זי אים געעגבערט מיט די פאַרוויינטע אויגן.

— איך האָב אַזוי געמוזט האַנדלען... געהאַט אין זינען דײַן גליק, טעכ־טערל.

— מײַן אומגליק! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן. — דו האָסט געטאָן פרעך, אומענטשלעך, נידערטרעכטיק...

— שאַ, באַרויִק זיך. איך וועל דיר אַלץ דערקלערן...

— דו האָסט מיר שוין אַלץ דערקלערט, — האָט זי פון אופרעגונג ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, — זאָג, וווּהין איז ער אוועק? איך וועל גיין נאָך אים... איך וועל אים אומקערן, און דו וועסט בא אים בעטן, ער זאָל דיר מויכל זײַן...

— שאַ, שרײַ ניט! וואָס איז, דו ביסט ניט בא די געדאַנקען? דאַרף מען זיך דען פײַניקן צוליב א דער־רועד־ווייסט־וואָס, אַן אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסע־נעם בעקער־יונג, א שנאָרער...

— ווי דערלויבסטו זיך אַזוי רעדן וועגן א מענטשן, וואָס האָט דיך געראַ־טעוועט? וווּ איז דײַן געוויסן?

— שטיל זאָל זײַן! איך פאַרווער דיר אַזוי ריידן מיט מיר! איך האָב ניט געקאָנט דערלאָזן, ער זאָל דיר דעם קאָפּ פאַרדרייען... איך האָב אײַך געזען שטיין...

— דו האָסט אונדז נאָכגעשפּירט? — איז זי געוואָרן אויסער־זיך. — און דיר איז ניט קיין כאַרפּע? נו, און וואָס האָסטו אַזוינס געזען? ער האָט מיך אַ קוש געטאָן, אָדער איך האָב אים אַרומגענומען? איז דאָס אַ פאַרברעכן? איך האָב אים ליב. און קיינעם וועט ניט העלפן!

— דו הערסט כאָטש, וואָס דו רעדסט? דיר איז ניט קיין ביזאָיען פאַר מענטשן? איז הער מיך אויס. אַלץ, וואָס דו ווילסט מיר אויסוואַרפן, וועסטו מיר זאָגן, ווען מיר וועלן קומען אַהיים און קיינער וועט ניט הערן...

— און איך וויל, אַז אַלע זאָלן הערן, זאָל מען כאָטש וויסן, ווער איז אָסקאַר שאַפּיראָ... איך וועל דיר קיינמאָל דאָס ניט מוחל זײַן!

— נאַרישע מײַנע, נעם זיך אין די הענט. ווער איז ער דיר, דער בעקער?

— ווער איז ער מיר? ער איז מיר טײַערער פון מײַן לעבן!

— דו רעדסט פון היץ! ער איז ניט ווערט דײַנע טרערן. דו ביסט באַרימט, דו האָסט אַ גלענצנדע צוקונפט. אַלע טירן זײַנען פאַר דיר אָפן. און ווער איז ער? וואָס וואַרט אויף אים? אַ טאָרבע אויף גיין איבער די הײַזער?

— שווײַג, בעט איך דיך! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן. — די שאַנדע וועסטו פון זיך קיינמאָל ניט אָפּווישן.

זי איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, ניט בעקויעך אײַנהאַלטן דאָס געוויין, און זיך געלאָזט לויפן צום וואָקזאַל, עפּשער וועט זי נאָך טרעפן דאָרטן מאַקסן.

אַ דערשיטערטע איז זי געבליבן שטיין אויף דער פּוסטער פּלאַטפאָרמע, ווו קיין לעבעדיקע באַשעפעניש איז שוין ניט געווען. דער לעצטער צוג איז שוין לאַנג אָפּגעגאַנגען...

עסטערקע איז געגאַנגען מיט די זײַטיקע געסלעך, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון, און ניט געזען די וועלט פאַר זיך. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין דער זעלבער צײַט, ווען זי גייט אַזאַ דערשלאָגענע, טראָגט דער צוג מאַקסן ערגעץ אין אויסרײַסעניש. צי דען וועט ער אויף שטענדיק פאַרשווינדן און זי וועט זיך מיט אים שוין קיינמאָל ניט באַגעגענען? צי דען וועלן זיך אַזוי אומגעלומפּערט, אַכזאָריעסדיק פאַנאַנדערגיין זייערע וועגן? ניין, — האָט זי געטראַכט, — דאָס קאָן ניט זײַן! דאָס וואָלט פאַר איר געווען זייער שרעקלעך! ער וועט ניט קאָנען לאַנג בלאָנדזשען אין דער פרעמד, זיך ניט אומקערן. און זי וועט אים אויך זוכן, זי וועט וואַרטן אויף אים דאָס גאַנצע לעבן, און זיי וועלן זיך אומבאַדינגט באַגעגענען! שימשן האָט איר אײַנגערוימט אָפן אויער, ווען זי איז געשטאַנען לעבן אים, אַז מאַקס האָט געזאָגט — ער וועט איר, עסטערקען, גאָר אינגיכן, ווען ער וועט קומען אויף אַן אָרט, אָנשרײַבן אַ בריוול. וועט זי טאַקע מיט אומגעדולד וואַרטן.

דאָס איז געוואָרן איר אייניציקע טרייסט. אַ בריוול פון מאַקסן! נאָר ווו נעמט מען קויכעס, געדולד דערלעבן צו יענער שאָ? אַ מוירעדיקער אומעט האָט זי אַרומגעכאַפּט. דער קאָפּ האָט שרעקלעך ווי געטאָן, דאָס האַרץ האָט

געגאָגט, און זי האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער קומען אהיים, זיך אויסציִען אַף איר בעטל און זיך אָפּרוען, קומען צו־זיך, באַטראַכטן, וואָס זי האָט צו טאָן, וויִאזוי איבערלעבן דעם שווערן קלאַפּ, וואָס זי האָט אזוי אומדערוואַרט געקראָגן.

* * *

דער טאָג האָט זיך געצויגן אומגעהייער אומעטיק און לאַנג, ווי מע זאָל פאָרן אַף א סקריפּעֶנדיקן וואָגן מיט אָקסן.

עסטערקע האָט זיך געדרייט איבער די באַקענטע, קרומע געסלעך ארום איר הויז, נאָר אהיים ניט געקאָנט טרעפן. זי וועט ניט גיין אין יענעם אָנגע־רייכערטן צימערל, ווו זי קאָן טרעפן דעם פאָטער. ער וועט איר געוויס וועלן איַינריידן, וואָס פאַר א קלוגע זאַך ער האָט געטאָן, וויִאזוי ער האָט זי אָפּגע־ראַטעוועט פון אַן אומגליק, וויִאזוי ער איז איר טריַי און איבערגעגעבן. ניין, זי ווייסט שוין גוט, וואָס ער וועט איר זאָגן!

זי האָט ארומגעבלאָנקעט אזוי איבער דער שטאָט, א הונגעריקע, א דערשלאָגענע און זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זי איז געקומען צו דער בריק, וואָס איז געהאנגען איבער דעם שוימיקן טיַיך, זיך אָנגעשפּארט אין דער פּאָרענטשע, ווו זי איז באַנאַכט געשטאַנען מיט מאַקסן, און שרעקלעכע געדאַנקען האָבן זיך געיאָוועט. דאָס לעבן איז איר געווען דערווידער. זי האָט זיך געלאָזט וויַיטער, צו די גרינע בערג, צו דער באַקאַנטער סטעזשקע. אַלץ איז געווען פול מיט מאַקסן, נאָר ער איז מיט איר, מיט עסטערקען, ניט געווען, און זי האָט זיך אומגעקערט פון האַלב וועג.

עסטערקע האָט געשפּאַנט איבער דער רוישיקער גאַס, אַנטקעגן זיַינען אָנגעקומען מענטשן, וואָס האָבן געלאַכט, געשמייכלט צו איר, עפּעס גע־פרעגט, נאָכגעשריגן, נאָר זי האָט גאָרניט ניט געהערט. אַלץ איז געוואָרן נימעס. אַלץ איז געווען מיִעס, עקלדיק, פאַלש.

ערשט דעמלט, ווען די זון האָט זיך גענומען אראָפּלאָזן הינטער די גרינע בערג, האָט זיך עסטערקע דערמאָנט, אז זי דאַרף שוין לויפן אין טעאַטער, זיך איבערטאָן, גרימירן, ארויסגיין פאַרן עולם, זינגען, טאַנצן, זיך פרייען. דאָרטן קער מען שוין אַף איר וואַרטן, און דער טריַיער טאַטע קער זיך געוויס באַאומרויִקן פאַר זיַין קינד, זיך ערגערן, וואָס ער האָט זי דעם גאַנצן טאָג ניט געזען און ווייסט ניט, וווּהין זי איז אַנטרונען. יאָ, וואָס דאַרף זי היַינט שפּילן, עסטערקע? „שולאַמיס"? ניין, קאָרדעליע אין „קיניג ליר". זי וועט שפּילן א טריַיע, איבערגעגעבענע איר אומגליקלעכן פאָטער טאָכטער! ווי שווער עס וועט איר זיַין שפּילן, זען פאַר זיך די גאַנצע ציַיט איר פאָטער, אים זאָגן די סאַמע צאַרטסטע ווערטער. ווי פאַלש דאָס וועט היַינט אויסזען!

ווען עסטערקע איז ארויסגעגאַנגען אַף דער בינע, האָט מען זי ניט דער־קענט. איר שטים איז ניט געווען אזוי צאַרט און האַרציק, ווי טאָמיד. די פאַר־נעפּלטע אויגן אירע האָבן אינגאַנצן אָנגעוואָרן זייער גלאַנץ, זי האָט ניט באַנעמען די ווערטער, וועלכע זי אַליין האָט ארויסגעבראַכט, ניט דערקענט די אַרטיסטן, וואָס זיַינען געשטאַנען ארום איר, ניט געקענט קוקן אַף איר

פֿאָטער — דעם קיניג ליר. דאָס האַרץ האָט אין איר געוויינט. זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן, דאָס אַלץ זאָל זיך אַמאָל ענדיקן, און אַנטלויפֿן פֿון דער בינע, זיך פֿאַרקלײַבן אין אַ ווינקל און זיך גוט אויסוויינען — עפּשער וועט איר ווערן עטוואָס גרינגער.

ווען שימשן־האַגיבער האָט צום לעצטן מאָל אַראָפּגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג און אין זאַל זײַנען שטיל געוואָרן די אַפּלאָדיסמענטן, די באַגײַסטערטע אויס־געשרייען „בראַוואָ!“, האָט עסטערקע פֿרײַ אָפּגעאָטעמט. ערשט איצט האָט זי ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווו האָבן זיך צו איר גענומען קויכעס שפּילן? וויאַזוי האָט זי געקאָנט זיך נעמען פֿאַר די הענט מיטן פֿאָטער און אַרויסגיין עטלעכע מאָל מיט אים זיך פֿאַרנייגן פֿאַרן צושויער?

ענדלעך האָט זי זיך דערשלעפּט צו איר טישל, צום שפּיגל, אָף זיך אַ קוק געטאָן, און אַ פּאַכעד האָט זי אַרומגעכאַפּט — זי האָט זיך ניט דערקענט! ווי־ניט־איז אַראָפּגענומען דעם גרים, זיך איבערגעטאָן, און, ניט וואַרטנדיק אָף קיינעם, אַוועקגעלאָפֿן אַהיים.

עסטערקען האָט זיך געדוכט, אַז אָף דער פֿרישער לופֿט וועט איר ווערן גרינגער צו אָטעמען, דער קאָפּ וועט אַזוי ניט ווי טאָן, דאָס האַרץ וועט אופֿהערן נאָגן — דאָס האַרץ, וואָס האָט געשמאַרצט, ווי אַ פֿרישע ווונד. וואָס קומט עס מיט איר פֿאַר? אַזאַ ווייטעק האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געפֿילט, ניט געליטן!

עסטערקע האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. אינעם אָנטאָן האָט זי זיך אויסגעצויגן אָף איר בעטל, נאָר די שמערצן האָבן זי אַלץ ניט אָפּגעלאָזט, זיי זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר. כאָטש זי האָט צעפּראַלט דאָס פֿענצטער, נאָר ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

אין דרויסן האָט געבושעוועט דער האַרבסטיקער ווינט און געריסן שטי־קער פֿונעם דעכל, ווילד אַרײַנגעוואָיעט אין קוימען. דאָס שלעכט־צוגעבונ־דענע פֿענצטער האָט געהאַלטן אין איין טראַכקען, און די שויבן האָבן גע־קלונגען. די אַלטע בעריאָזע בא דעם גאַנעקל האָט זיך מוירעדיק געמאָרדע־וועט, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון איר בונטער קרוין די לעצטע בלעטער. דאָס פֿענצ־טער האָט זיך פֿאַרמאַכט, און עסטערקען איז ניט געבליבן אין צימערל מיט וואָס צו אָטעמען. זי האָט זיך קוים אופֿגעהויבן פֿון געלעגער, צוגעשלעפּט זיך עפֿענען דאָס פֿענצטער, נאָר אומגעפֿאַלן אָפּן דיל. שוואַרצע קרײַזן האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען פֿאַר די אויגן, נאָר זיי האָבן שוין גאָרניט געקאָנט זען. זי האָט זיך געפּרוווט אופֿהייבן, נאָר געווען אָנמעכטיק. דער קאָפּ האָט זיך מוירעדיק געדרייט.

די גאַנצע נאַכט האָט זי עמעצער געמינטערט, נאָר אומזיסט.

גאַנצפֿרי האָט מען זי אין אַ שווערן צושטאַנד אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל.

אָף דער טיר פֿון טעאַטער האָט שימשן־האַגיבער צוגעקלאַפּט אַ מוידאָע, אַז צוליב ניט פֿאָרגעזעענע סיבעס ווערן אָפּגעלייגט די ספּעקטאַקלען אָף אַן אומבאַשטימטער צײַט.

און זגורסקי דער דריטער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ — דער טעאַטער האָט פּאַמעלעך גענומען אויסגיין, ווי אַ ליכט.

ווידער אין דער גרויסער וועלט אריין

„די וועלט איז אזוי גרויס, פארוואָס זשע איז פאראן אזוי ווייניק גליק? — האָט מיט גרויסן ווייטעק געקלערט מאקס קרייסלער, לאָזנדיק זיך אין זיין נייער, ווייטער און אומבאקאנטער נסיעה. — עס וואָלט בעפיירעש יושרדיקער געווען, ס'זאָל זיין פונקט פארקערט, די וועלט זאָל זיין א ביסעלע קלענער, נאָר דאָס מאזל, גליק זאָל אין איר זיין מערער...״

און ווירקלעך, ווען, אשטייגער, וואָלט עס געאַרט?

אינדערעמעסן, דאָס גליק איז געווען פון אים אזוי נאָענט, מיט דער האנט צו דערלאנגען, האָט זיך מיטאמאָל אלץ איבערגעקערט, און גיי טו עפּעס!

מאקס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי דערהארגעט און פארלוירן, ווי אצינד.

אף קיין רעגע האָט ער ניט געקאָנט פארגעסן, וואָס איז זיך מיט אים אָקאָרשט פארלאָפן. ווער האָט זיך דען געקאָנט פאָרשטעלן, אז אזוי אומגעריכט וועט זיך אלץ בא אים איבערדרייען? וואָס־וואָס, נאָר אזוינס האָט ער פון א בארימטן אקטיאָר ניט דערוואַרט! ער וועט עס אָסקאר שאפּיראָן קיינמאָל ניט מוחל זיין. ניט אומזיסט אָבער זאָגט דאָס ווערטל: „לויט דער באָרד — אוורהם, לויט דעם גאנג — א כאָם!״

וואָס האָט יענער אים ניט אָנגערעדט! „ווער ביסטו? א שנאָרער!״, „וואָס רוקסטו זיך מיט א פוס אין טשאָלנט?״, „דאָס ניסעלע איז ניט פאר דיינע ציינדעלעך״, „ווען דו ביסט כאָטש א שטיקל אקטיאָר״, „מיין עסטערקע שפּילט זיך מיט דיר, ווי א קעצל מיט א מייזל״, „דו ביסט ניט איר זיווג״.

וואָס זשע הייסט דאָס? צי דען האָט ער אים אָפן ארויסגעזאָגט דאָס, וואָס עסטערקע האָט אים, מאקסן, ניט דערזאָגט? פארוואָס זשע איז זי צו אים געווען אזוי מילד און צארט? פארוואָס איז זי מיט אים געגאנגען אין די בערג, געקוקט אף אים מיט אזעלכע פארליבטע אויגן?...

ניין, זאָל מען אים שניידן אף שטיקער, וועט ער ניט גלייבן, אז עסטערקע האָט געפעלשט. זי איז ניט געווען צו אים גלייכגילטיק. איז עפשער מאקס געווען קליינמוטיק, עפשער האָט ער זיך באנארישט, וואָס ער איז נאשפּיץ אוועקגעפאָרן און אפילע ניט אריינגעלאָפן צו עסטערקען זיך געזעגענען, זאָגן צוויי ווערטער? עפשער האָט ער געהאנדלט ווי א נישטיקייט, ווען ער האָט גלייך אויסגעפּילט איר פאָטערס ווילדן קאַפּריז?

די געדאנקען האָבן זיך בא אים אין קאָפּ געפּלאָנטערט און אף קיין איין פראגע זיינער ניט געפינען בא זיך קיין ענטפער.

פאָרט האָט ער געוואָלט געדארפט זיך זען מיט עסטערקען און איר אלץ דערציילן, וואָלט אים איצט ניט געווען אזוי שווער די צעשיידונג מיט איר.

מאקס האָט אָבער אנדערש ניט געקאָנט האנדלען. נאָר אזוי! ווען ער באַגעגנט זיך מיט עסטערקען פארן וועג, איז איין וואָרט אירס, און ער וואָלט געבליבן הי, און דערנאָך ווידער געדארפט אויסהערן שרעקלעכע פאָרווורפן

פון איר פּאָטער, אויסשטייען נייע און נייע באַליידיקונגען. און דאָס איז ער שוין מער ניט געווען בעקויעד.

און פּלוצעם האָט אים אַ שניט געטאָן אַ שפּאָגל־נייער, אומדערוואַרטער געדאַנק:

„וואָלט דען ניט געווען בעסער זיך אומקערן אַהיים, קיין קאָוואַליוקע? דער טאַטע האָט צוריק מיט אַ צייט דאָך געשריבן: „אויב עס וועט דיר זײַן שווער, זונעלע, אויב עס וועלן זיך דיר שטעלן אין וועג מיִעסע פאַרשווינד־לעך, פּאַסקודניאַקעס, פאָלג מיך, שעם זיך ניט, פּרעסירע, שפּײַ זיך אויס אָף אַלע דײַנע שיינע גרויסשטאָטישע גליקן און קער זיך אום אַהיים, צום טאַטנס קאַרעטע, צו דײַן לעפּל, וואָס וואַרט שטענדיק אָף דיר. אַ האַק מיט אַ סטאַ־מעסקע האָב איך דיר, באַרעכהאַשעם, יאַקאָס צוגעגרייט, אונדזערע פּיקערס זײַנען, געלויבט דעם אייבערשטן, אויסגעוואַקסן, ווי אָף הייוון, און זיך צע־פלויגן אין אַלע עקן וועלט, און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. גאָט ווייסט, ווען זיי וועלן זיך אַהער צוריק צונויפלייען. זײַנען מיר געבליבן מיט דער מאַ־מען אינצווייען, — דיד דאַ באַבאַ, — און די קויכעס זײַנען שוין ניט יענע, וואָס געווען — אַפילע צום קעלישעקל איז מיר שוין שווער זיך דערציִען, די אויגן האָבן זיך עפּעס צעבונטעוועט און ווילן ניט זען, וואָס אָף דער וועלט טוט זיך. די מאַמע דײַנע איז שוין אויך גוט אָף צאַרעס... אַ גרויסן דאַנק דיר, וואָס דו פאַרגעסט ניט אָן אונדז און שיקסט אַרײַן אַמאָל די עטלעכע זלאָטעס, אַנדערש ווייס איך ניט, וואָס מיר וואָלטן דאָ מיט דער מאַמען געטאָן. פאָלג מיך, טאַכשיט מײַנער, פּרעסירע אַלץ, און קום צו פאָרן, וועסטו האָבן אַ מיצווע אין זיך און אין אונדז! עס וואַרטן אָף דיר דאָ גאָלדענע קאַלעס. מירן דיך כאַסענע מאַכן, וועסט האָבן אַ ווײַב מיט קינדער. איך וועל זיי אויסלער־נען די טוירע פון מאַכן וועגענער, און — כײַ־געלעבט! וואָס דאַרפסטו זיך מוטשען אין דער פרעמד?!“

יאָ, גאַנץ מעגלעך, אַז דער טאַטע איז טויזנט מאָל גערעכט. עס וואָלט מאַקסן אַ סאַך גרינגער געווען אין קאָוואַליוקע. נאָר אַ שיין פּאָנעם וואָלט ער געהאַט בא דער וועלט, ווען ער קערט זיך אום מיטן בײַטשל אַהיים! מע וואָלט אים דאָרטן גענומען אָפּן צימבל, וואָלט ער ניט געוווּסט, וווּהין זיך אַהינטאָן. הײַנט וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דער פעטער זכאַריע? יענער וואָלט געוויס אָנגעכמורעט די געדיכטע גראָווע ברעמען, וואָס זײַנען שוין אײַנגאַנצן אין זילבער, און אַרויסגעקוועטשט פון זיך: „נו יאָ, אַוואַדע, גוט האָסטו, באַלטאַכלעס, אוספּייעט. טאַקע קעדײַ געווען זיך אָפּמוטשען אַזאַ צײַט אין דער פרעמד, קעדיי זיך צוריק אומקערן אָפּן טאַטנס קעסט... געהאָדעוועט דעם בענאַק ביז די וואָנצעס, איצט קאָרמעווע אים ביז דער באָרד“... און דער טאַטע אַליין וואָלט געוויס אויך ניט געשוויגן. ציפּענדיק זיך דאָס קורצע גראָווע בערדל און כיטרע אונטערשמייכלענדיק, וואָלט ער געזאָגט: „עט! עס האָט זיך באַקומען פונקט אַזוי, ווי איך האָב אויסגעלייגט. האָב איך דען גלײַך ניט געזאָגט, אַז עס וועט זיך אַזוי באַקומען בא מאַקסן? געוויס! אַ פערד פּאַרט אויס די גאַנצע וועלט, און קערט זיך אום אַ פערד!“

מאקס איז געזעסן אין ווינקל פון דעם ענגן וואגאָן און געקוקט אפן אָנגעכמורעטן הימל.

פון יענער זײַט פענצטער האָבן זיך וויכערדיק געטראָגן אנטקעגן שיטערע וועלדלעך, טעלעגראַף־סלופּעס און פאָלוסטאַנקעס. מאקס האָט מיט באַדויער־רונג געטראַכט, אז מיט יעדער מינוט דערווײַטערט ער זיך פון דער שטאָט, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט זײַן האַרץ, זײַן טרוים און א שטיק פון זײַן לעבן.

די שווערע מאכשאָוועס האָבן אים ניט געלאָזט רוען. וואָס דערוואַרט אים דאָרטן, אין דער פרעמדער? וועט ער דאָרט געפינען א דאך איבערן קאָפּ? ווו וועט ער זוכן ארבעט? וועלכע מענטשן וועט ער באַגעגענען? וועט ער זיך נאָך אמאָל טרעפן מיט עסטערקען, מיט שימשענען? האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט געפאָלגט שאַפּיראָן און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרײַן? צי איז ער ניט באַגאַן קיין שרעקלעכן פעלער און עסטערקע וועט מיינען, אז ער, מאקס, איז ניט מער ווי א קליינמוטיקער פּאַכדן? צי וועט זי אים ניט ארויסרײַסן פון איר זיקאָרן, פארגעסן?

ניין, אלץ יאָ, נאָר דאָס ניט! אזוינס קאָן ניט זײַן!

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר ער האָט זיך שוין אָפּגעריסן פון זײַן דאך. ער פליט שוין. ער איז שוין אין וועג. מאקס האָט פארשטאַנען, אז די אלע געדאַנקען און מאַכשאָוועס זײַנען וועלן אים איצט סײַוויסײַ ניט העלפן. שוין שפּעט! ער פאָרט אין דער גרויסער און אומבאַוווּסטער וועלט אַרײַן. פון דעם, ווי די גרויסע וועלט וועט אים איצט באַגעגענען, וויאַזוי זי וועט אים אופנעמען, איז אָפּהענגיק זײַן גורל, זײַן ווײַטערדיק לעבן. עך, ווען עס טרעפט עפּעס א נעס, און ער באַגעגנט דאָ ערגעץ זײַן ערשטן לערער און וועגווײַזער אילקאָ זאַגולן! יענער וואָלט אים געוויס פארענטפערט א סאך זאַכן! נאָר ווו געפינט מען אים? ער קער נאָך שמאַכטן אין דער „בערעזע“. קיין לײַטישע, קלוגע מענטשן האלט מען ניט לאַנג אף דער פרײַ.

* * *

כאָטש אינעם ענגן, אָנגערייכערטן וואגאָן פון דריטן קלאַס איז געווען א דערשטיקעניש, דאָך האָט זיך מאקס אײַנגעאָרדנט באַם פענצטער, ווי א פּאַרעץ. ווען ניט די טומלדיקע פּאַסאַזשירן מיט די זעק־און־פּעק, ווען מע טרעט אים ניט אזוי אומראַכמאָנעסדיק אף די פיס, וואָלט שוין אינגאַנצן געווען גוט. א דיקע פריצע מיט א גרויסן קויש און עטלעכע קלומקעס האָט זיך אַרײַנגערוקט אהער, פארטשעפּעט מיטן עלנבויגן און שיר אים ניט אויסגעשלאָגן אן אויג, האָט אים גוט אויסגעזידלט, לעמײַ האָט ער זיך דאָ צעלייגט, ווי באַם טאַטן אין דער פּאַסעסיע, און פארשטעלט איר דעם וועג. זי האָט זיך ווי־ניט־איז אײַנגעאָרדנט ניט ווײַט פון אים און אלץ ניט אופגעהערט צו בורטשען.

מאַקס איז אַף איר געווען מאָלע־רעציכע, ניט דערפאַר, וואָס זי האָט אים אויסגעזידלט, נאָר גאָר דערפאַר, וואָס זי האָט אים איבערגעשלאָגן אַזאַ שיינעם כאָלעם! אָט נאָרוואָס איז ער געזעסן מיט עסטערקען אין די בערג, אַפן שטאַם פון אַן איבערגעקערטן בוים, און עס איז געווען וווּנדער־גוט!

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, און די פּריצע איז צו אים געוואָרן מילדער. אוועקגעשטעלט אַפן טישל איר קויש, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ באַרג עסנוואַרג, און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַכילע, אַז עס איז געווען אַ פּאַכעד צו קוקן! גלײַך ווי זי וואָלט אַ גאַנצע וואָך געהונגערט.

מאַקס האָט געוואָרפן בליקן אַף דער אַכילע און געשלונגען די סלינע.

די אַלטע האָט אויפגעכאַפּט אַף זיך דעם הונגעריקן בליק פון איר שאָכן און, שטיקנדיק זיך מיטן ביסן, אַ ווונק געטאָן — ער זאָל זיך אויך מאַטריעד זײַן צורוקן נעענטער און נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן. נישקאָשע, דאָ וועט סטײַען פאַר אַ גאַנצער ראָטע סאָלדאַטן, ניט בלויז פאַר זיי ביידן. דאָס, וואָס זי האָט אים פריער אַזוי מיעס אויסגעזידלט, מאַכט ניט אויס, עס טרעפט אין וואַגאָן, ווען מע פאָרט, באַזונדערס, אַז מע איז הונגעריק. זאָל דער יונגער און שיינער פּאַן זיך ניט שעמען און עסן, וויפל זײַן האַרץ גלוסט. זי פאָרט ניט ווײַט, דאָס איז זי געווען צוגאַסט בא אַ קוזינע, און יענע האָט איר אָנגעגעבן אַפן וועג עסן, אַז עס וועט סטײַען און סטײַען! אַהיים וועט זי עס אַלציינס ניט פירן, טאָ זאָל דער יונגער פּאַן ווייניקער רייכערן און מער עסן, וועט פאַר אים זײַן געזינטער. איר מאַן וולאַדעק האָט אַ סאַך געריי־כערט, איז ער פרי געגאַן פון דער וועלט, ליגט אין קייווער... אײן זאַך פאַרשטייט זי ניט, די פּריצע, פאַרוואָס איז אַזאַ גוטער פּאַן אַזוי טרויעריק? עפּשער פילט ער זיך ניט גוט, קאָן זי אים געבן פּראָשקעס. זייער גוטע פּראָשקעס. זי נעמט זיי אײַן אַלע טאָג, און דערפון נעמט זיך, וואָס זי האָט אַזאַ גוטן אַפּעטיט צום עסן. וווּנדערלעכע פּראָשקעס. אָן זיי פאָרט זי ניט אַרויס פון יענער זײַט וואַרשע. אַ גוטער דאָקטער האָט זיי איר צוגעשריבן... נאָר צי דען פאַרשטייט ער ניט, דער יונגער און שיינער פּאַן, אַז אַ גוט שטיקל געבראָטן פלייש, אַ האַלב צענדליק אייער מיט אַ קוילעטש איז טויזנט מאָל בעסער פון אַלע פּראָשקעס?

מאַקס האָט שיין אָפּגעדאַנקט דער ביידעוודיקער און גאַסטפרײַנטלע־כער פּאַני און זיך אָפּגעקערט צום פענצטער. כאָטש ער איז געווען הונ־געריק, ווי אַ וואָלף, נאָר ניט געקאָנט טראַכטן וועגן עסן. זײַנע מאַכשאָוועס זײַנען געווען פאַרנומען מיט גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט געטראַכט, וואָס וועט ער אָנשרײַבן עסטערן, ווען ער וועט נאָר קומען אַפן נײַעם אָרט? אין זײַן ערשטן בריוו וועט ער איר אַלץ דערקלערן, אַלץ דערציילן, ניט באַהאַלטן זײַנע סאַמע פאַרטײַעטע געדאַנקען און טרוימען. און אויב זי וועט געפינען אין זיך קויעד און מוט זיך באַפרײַען פון דעם פאָטערס ווירקונג, וועלן זיך גאָר גיך צונויפגיין זייערע וועגן... נישקאָשע, ער וועט נאָך דער־ווײַזן, אַף וואָס איז פייִק אַ פּראָסטער בעקער־יונג. ווער־ווער, נאָר עס־טערקע ווייסט עס גוט, אַז אַפילע איר פאָטער איז ניט פון די ראָטשילדס,

נאָר פון אָרעמע מענטשן, און האָט מיט די אייגענע קויכעס זיך ארופגע־שלאָגן אף א וועג. און ווער איז געווען דער בארימטער זיגפריד לײַנארד, דאָס אייניקל פונעם רוימישן פויפסט? יענער איז דאָך אויך געווען א פּראָס־טער מענטש, א סטאָליער, ווי זײַן טאַטע. נו, און דער בארימטער שריפט־שטעלער מאקסים גאָרקי ווער איז געווען? אויך א פּראָסטער מענטש, פּונקט ווי ער, מאקס קרייסלער, א בעקער, געליטן ניט ווייניק הונגער, נויט, דאַכ־קעס און באליידיקונגען, געוואלגערט זיך אין נאסע קעלערס און אף בוי־דעמער, — האָט עס אים דען געשטערט ווערן א גרויסער שרײַבער? זײַן נאָמען קלינגט איצט אין דער גאָרער וועלט!

געוויס קאָן ניט יעדער בעקער ווערן אזא, ווי מאקסים גאָרקי, ווי זיג־פריד לײַנארד, נאָר ווער ווייסט, בא וועמען טליִעט גאָטס פונק? ווער קאָן זאָגן, וועמען עס וואַרט אָפּ גליק, מאזל אין קונסט, און ווער איז פאַרמיש־פּעט פאַרבלײַבן אן אייביקער שלימאזל?! וועמען איז באוווסט, אף וואָס איז פייִק אן אײַנגעאקשנטער מענטש, וועלכער איז פול מיט שטרעבונג צו געפינען זײַן אָרט אונטער דער זון, א מענטש, וועמען ס׳קאָן ניט אָפּ־שטעלן ניט קיין הונגער, ניט קיין קעלט, א מענטש, וואָס איז געווינט בי־דעווען, שווער האָרעווען?

אָט די אַלע געדאנקען, וואָס האָבן זיך ארײַנגעגאנוועט צו מאקסן אין מויעך, האָבן אים אופגעמונטערט, און עס איז אים דערפון גרינגער געוואָרן אפּן הארצן. ער איז בא זיך געוואָרן שטאָלץ. די פאנטאזיע זײַנע האָט זיך צעשפּילט: „איך וואָלט א באלן געווען זען, וואָס פאר א פאָנעם וואָלט גע־האַט אָסקאַר, ווען איך לערן זיך אויס שפּילן אף דער בינע און איך וואנדער ארום מיט עסטערקען איבער דער גאנצער וועלט!“

דאָ אָבער האָט מאקס דערפילט, אז פון די אַלע טרוימען און געדאנקען האָט זיך אים גאָר פארגלוסט שטארק עסן. ער וואָלט, דאכט זיך, איצט אײַנגעשלונגען א גאנצע טעלעצע. זיך ארומגעקוקט און דערזען, ווי די שכיינע זײַנע, די גראָבע פריצע, רײַבט אףביידע באקן און אָט־אָט וועט איר קויש בלײַבן פוסט, האָט מאקס זיך צוגערוקט נעענטער, זיך העפלעך אָנגערופן:

— אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, פּראָשע פּאנע, האָט איר מיר פאָרגע־לייגט עפּעס איבערבײַסן? וואָלט איך עס איצט געטאָן מיט גרויס פאַרגעניגן. איך האָב מיט זיך ניט פארכאפּט, אין גרויס אײַלעניש, קיין שטיקל ברויט...

זי האָט צוגערוקט צו אים דעם קויש, און מאקס האָט זיך גענומען צו דער אכילע.

ער האָט זיך פאר קיינעם ניט געשעמט. דער הונגער איז אים אָקאָרשט דערגאנגען די יאָר, און ער האָט באשטימט, אז ס׳וועט ניט זײַן קיין גרויסער פאַרברעכן, אויב ער וועט א ביסל בארויבן די פריצע. פארקערט, דאכט זיך, אז ער וועט זי אָפּראַטעווען. אויב זי וועט נאָך עפּעס ארײַנרוקן אין מויל ארײַן, קאָן זי פּלאצן, און דעמלט וועט אויסקומען אָפּשטעלן דעם צוג און עס וועט ווערן א גאנצע איבערקערעניש!

מאקס האָט שוין לאַנג אַזוי ניט האַנאָע געהאַט פון דעם ביסן, ווי איצט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער טאָר זיך ניט אָפּלאָזן און מוז זיך אָנעמען מיט נײַע קויכעס. ווער ווייסט, וווהין ער פאָרט און נאָך וואָס? ווען וועט אים עמער נאָך אַזוי מעכאַבעד זײַן, ווי אָט די זאַטע שכיינע?

ער האָט געשמאַק געגעסן אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, און בייסמײַסע געטראַכט, וועלכע ווערטער דאַרף ער אונטערקלײַבן פאַר עסטערקען, וואָס וועט ער שרײַבן אין דעם ערשטן בריוו. דאָס איז זייער ערנסט. דאָ וועט ער מיט קיין וויץ, מיט קיין כאָכמע ניט אָפּקומען. ער דאַרף איר זייער אַ סאַך זאָגן. ער מוז איר וואָס גיכער דערקלערן די סיבע פון זײַן פּלוצעמדיקן אָפּפאָרן. ער דאַרף אַזוי אָנשרײַבן, זי זאָל אויף אים ניט האָבן קיין פאַריבל, ער האָט ניט געטראַכט פאַרשאַפן איר אַגמעסנעפעש, פאַרקערט, ער האָט געוואָלט טאָן וואָס בעסער. צוליב איר רו, צוליב איר, עסטערקען, האָט ער זיך געלאָזט אויף דעם וועג!

* * *

יאָ, מאָדנע איז אויסגעבויט די וועלט!

בא אַנדערע מענטשן זײַנען פאַראַן אין די גרויסע שטעט קרויווים, נאָענטע, באַקאַנטע, און כאָטש כאַכאָמים זאָגן: „אין געסט איז גוט, נאָר אין דער היים איז טויזנט מאָל בעסער", דאָך קאָנען יענע אַמאָל אַרײַנפאָרן צו אַ קאָרעוו, איבערשלאָפן בא אים אַ נאַכט, איבערכאַפּן דעם הונגער, זיך האַלטן אָן אים אייצע. בא אים אָבער, בא מאַקס קרײַסלערן, איז אין די גרויסע שטעט קיינער נישטאָ. איר זאָלט אַפילע געבן אַ רענדל פאַר אַ קאָרעוו!

אַלע זײַנע פעטערס און מומעס, ברידער און שוועסטער האָבן זיך ווי צונויפגערעדט, זיך פאַרקליבן ערגעץ אין דער געדיכטעניש פון די קאַרפּאַטן, ווײַט פון די רוישיקע שטעט. מע זיצט דאָרטן אין געהאַקטע ווונדן און מע טראַכט אַפילע ניט אַרויסקריכן פון זייערע לעכער.

וועגן די גרויסע שטעט האָט זיך מאַקס אָנגעהערט גאָר ניט קיין פריילעכע זאַכן. ער האָט דערפאַר פון די שטעט ניט שטאַרק געהאַלטן, און דאָך האָט ער איצט באַשטימט, אַז ס'איז גוט, וואָס עס זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט גרויסע שטעט!

פּרוּווט זיך אײַנאָרדענען אויף נאַכטלעגער אויף אַ קלײנינקער סטאַנציע אין אַ שטעטל, וואָס איז גרויס, ווי אַ גענעץ, וועט איר שיין אויסזען! מע וועט אײַך דאָרט גלײַך אַ כאַפּ טאָן פאַרן קאָלנער און אַרויסשלײַדערן אויף דרײַ שפּענער. נאָר אויף אַ גרויסן וואָקזאַל קאָנט איר זיך שלאָפן, ווי אַ קייסער! איר קאָנט זיך פאַרוקן אין אַזאַ ווינקל, מע זאָל אײַך קיינמאָל ניט געפינען! אַ באַנק, וווּ זיך צושפּאַרן און אָפּשטופּן די נאַכט, וועט איר דאָ שטענדיק קריגן! פאָרט אַ גרויסע שטאָט!

איר האָט זיך דאָ ניט וואָס צו זאָרגן — אויף אַ גרויסער סטאַנציע וועט איר גיך געפינען אַ מאָקעם־מענוכע. און וויבאַלד אַזוי, מעגט איר זײַן באַוואָרנט, אַז איר וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. פאַר קיין רעגן און פראָסט האָט איר ניט וואָס מוירע צו האָבן.

דערצו נאָך, זאָגט מען, איז אין די גרויסע שטעט פאַראַן אַ שיין ביסל גוטע, האַרציקע מענטשן, וואָס ווילן אײַך ניט לאָזן פאַלן. ווי פאַרדינען אין אַ גויט אַ פּאָר זלאָטעס, איז אויך דאָ: אויף דער סטאַנציע קומען אָן און גייען אָפּ צוגן. איר קאָנט זיך שטעלן אויסלאָדן אַ וואַגאָן געהילץ, קוילן. מע העלפט די פּאַסאַזשירן טראָגן די טשעמאָדאַנעס. מע שטעלט דאָ און דאָרט אונטער אַ פּלייצע, און מע פאַרדינט זיך אַפּן בידנעם שטיקל ברויט.

שפּעט באַנאַכט האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסער, רוישי־קער סטאַנציע, און די פּאַסאַזשירן פון וואַגאָן מיט האַק־און־פּאַק האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, זיך געשטויסן, געיײַלט, ווי אויף אַ סרייפע.

מאַקסן איז געווען גוט. ער האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו אײַלן. קיינער האָט דאָ אויף אים ניט אַרויסגעקוקט, קיינער האָט אים ניט געדאַרפט האָבן, און קיינער האָט אים ניט באַגעגנט.

ערשט, אַז אין וואַגאָן איז שוין געוואָרן גאָר פּוסט, האָט ער גענומען דאָס קלומעקל אויף די פּלייצעס, און, אונטערפּײַפנדיק זיך אַ פריילעך ניגנדל, אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן אויף דער פּלאַטפאָרמע און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיך צונויפגעמישט מיטן געדיכטן, טומלדיקן עולם.

דער גאַסט איז לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע, שיינע זאַלן, זיך אַרומגעקוקט. אַ שמעק געטאָן אין גרויסן פּרעכטיקן רעסטאָראַן, ווו מענטשן האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג — געגעסן, געטרונקען, געטאַנצט. עס האָט גע־שפּילט אַ גאָר פײַנער אָרקעסטער. מאַקס וואָלט מיט פאַרגעניגן אַהער אַרײַנ־געגאַנגען, נאָר דאָס אָרט, — האָט ער גלײַך פאַרשטאַנען, — איז ניט פאַר אים און אַזעלכע, ווי ער.

מילא. דאָס האָט אים ניט שטאַרק געקימערט. ער איז געקומען אַהער ניט, כאָליעראַ, הוליען, טרינקען, פאַרברענגען. ער וועט זאָגן אַ דאַנק, אויב ער וועט דאָ האָבן ווי אָפּשלאָפן די עטלעכע שעה ביז טאָג. און דערנאָך וועט מען זען!

דורכגעגאַנגען זיך איבער דער גערעמער געבײַדע, צוקוקנדיק זיך צו די מענטשן, האָט מאַקס גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו רוקן אַהין, ווו עס זיצן און ס'דרייען זיך אַרום רײַכע, אָנגעפּרעסענע, פאַרפּוצטע פּאַנעס, נאָר גראָדע ווו עס וואַלגערן זיך צווישן זעק און פּעק אָרעמע, אָפּ־געריסענע, פאַרדײַגעטע לײַט, וואָס האָבן זיך ניט, פּונקט ווי ער, וווהין אַהינטאָן די נאַכט.

אין אַ ווײַט ווינקל, וואָס איז קוים געווען באַלויכטן מיט אַ צאַנקענדיק לעמפּל, האָט ער געפונען אַ פרײַ שטיקל אָרט אויף אַ באַנק, אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ דאָס קלומעקל, און כאָטש עס איז געווען גאַנץ האַרט אויף דער הילצערנער ברעט, דאָך איז ער געשמאַק אָפּגעשלאָפן ביז באַגינען, ריכטיקער געזאָגט, ביז יענער מינוט, ווען דער אופראַמער האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ מיטן בעזעם און געבעטן דעם פילגעשעצטן פּאַן, ער זאָל זיך מאַטריען זײַן אָפּטראָגן פונדאַנען צו אַלע רוחעס די ביינער, קאָלזמאַן ער האָט נאָך ניט אַרויסגערופן דעם פּאַן פּאָליציאַנט, וואָס קאָן אים ווײַזן, ווי זיך אַרומ־שלעפּן איבער די וואָקזאַלן און כראָפּען דאָ!

מאקס וואָלט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעענטפערט דעם אופּראַמער פאַר זײַן כוצפּע, נאָר ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם דאָזיקן פאַרשוין וועט אים נאָך ניט איין מאָל אויסקומען האָבן צו טאָן. איז גלײַכער לעבן מיט אים בעשאָ־לעם. און מאַקס האָט ניט געײַלט, מיט שטאָלץ און ווירדע פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל און זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן.

צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער געקאָנט רויִק שפּאַנען איבער דער גאַס, ניט געדאַרפט, דאַנקען דעם אייבערשטן, לויפן אַפן מאַרק אײַנקויפן ביינער און מילך פאַר פאַני זשיכלינסקאַס קעץ, פּאַנאַנ־דערטראָגן איבער קאָלאָמייער קראָמען און קאַפע־הײַזער די בולקעלעך און בייגל, זיך אַרומשלעפּן, ווי א דולער, מיט די אַפּישן און פאַרופן דאָס פּובלי־קום אין טעאַטער, זען דעם באַרימטן טראַגיקער אָסקאַר שאַפּיראָ...

דאָס, וואָס ער איז פון דעם פּאָטער געוואָרן, איז אוואַדע א גליק, אָבער ווי טוט מען זיך פּאָרט אהין אין אָט דער גרויסער רוישיקער שטאָט מיט די ברייטע גאַסן, גרויסאַרטיקע פּאַרקן און סקווערן, צווישן אָנגעפּרעסענע, אָנגעזויפּטע, פאַרפּוצטע פּאַנעס און פּאַניס? ווו זוכט מען דאָ אָפּ אַרבעט, א שטיקל דאַך איבערן קאָפּ?

דורכגעמאָסטן די לאַנגע מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, די אַלט־שטאָט מיט די רײַכע וויטרינעס, האָט ער פאַרקערעוועט אין א שמאָל געסל און דאָרט דער־פילט מיטאַמאָל דעם גערוך פון פריש ברויט. ניט אַנדערש, אַז דאָ ערגעץ נאָענט מוז זײַן א בעקערײַ.

ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג. דער כוש זײַנער האָט אים פאַרפירט צו א הויכן טויער, וואָס איז געווען גאַנץ געדיכט באַדעקט מיט מעל־שטויב. מאַקס איז געשטאַנען, געוואַרט, עמעצער זאָל זיך באַווײַזן, עפּשער וועט ער זאָגן, צי נייטיקט מען זיך דאָ ניט אין א בעקער. לאַנג איז אים אויסגעקומען שטיין, ווי א בעטלער אונטער א פרעמדער טיר, דערנאָך איז דאָס אים נימעס געוואָרן און ער האָט אָנגעקלאַפּט.

עס האָט א ביסל געדויערט, און אין טויער האָט זיך געעפנט א קליין פאַרשטויבט פענצטערל, און מאַקס האָט דערזען פאַר זיך א שטיק פּאָנעם מיט וואָנצעס און זייער בייזע רויטלעכע אויגן.

נאָך דעם, ווי מאַקס האָט דערקלערט די וואָנצעס, וואָס איז ער אהער געקומען און וואָס איז ער אויסן מיטן קלאַפּן, האָט יענער זיך געדיכט אויס־געהוסט און א בורטשע געטאָן גאַנץ ניט העפלעך:

— נו, יאָ, אָט דאָס זיצט מען און מע קוקט אַרויס אַף דיר! ערשט נעכטן האָבן די באַלעבאַטים אָפּגעזאָגט צען גוטע בעקער. גיי אַף דער אַרבעט־ביר־זשע, וועסטו זען, וואָס דאָרטן טוט זיך. א סאַך אַרבעטלאָזע אין שטאָט...

און דאָס פענצטערל האָט זיך פאַרמאַכט. די וואָנצעס זײַנען נעלעם גע־וואָרן.

— א פײַנער אָנהייב... — האָט מאַקס ניט פרייליך א שמייכל געטאָן און זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

דעם גאַנצן טאָג האָט מאַקס זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און געס־לעך, געקלאַפּט אין א סאַך טירן און פענצטער, נאָר אומעטום האָט מען אים

אַנגעקוקט מיט אזעלכע אויגן, אז ער האָט ניט געוואַרט אַף קיין ענטפער און זיך געשפּאַנט ווײַטער.

וואָס זשע, ער מיינט טאַקע, דער פּאַן, אז דאָ איז אזוי גרינג קריגן ארבעט?

אייניקע האָבן אים באַגלייט מיט פאַרוווּנדערונג, אַנדערע מיט מיטלײַד, נאָר דערפון איז אים ניט געווען ניט קאַלט, ניט וואַרעם. צו קיין עסן קומט עס ניט. צו קיין ארבעט, א דאַך — קומט עס אוואַדע ניט.

ווי ער האָט זיך היינט ניט געמאַרדעוועט, דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון ווײַסל, ווי די קעלט האָט ניט דורכגענומען די ביינער, דאָך איז סאָף טאָג געוואָרן עטוואָס וואַרעמער, און דאָס האָט מאַקסן דערפרייט.

דערפאַר אָבער האָט אים גענומען דערגייין די יאָר דער הונגער. פאַר די לעצטע פּאָר זלאָטעס האָט ער אין די ביכער־קראָמען געקויפט עטלעכע ביכלעך, זיי אַרײַנגערוקט אין קלומעקל, א העמדל, און דער קאַפּיטאַל זײַנער איז זיך צעשוווּמען. גיי ווייס, אז דאָס קאָסט דאָ אזוי טײַער! ער וואָלט דאָס ניט געקויפט, נאָר ער האָט נאָך ניט געפּרוווט א פרעג טאָן, וויפל קאָסטן די דאָזיקע ביכלעך, דאָס העמדל, ווי די פּיפּיקע פאַרקויפער האָבן שוין אײַנגע־וויקלט און צונויפגעבונדן די סכוירע און אים אַרײַנגערוקט אונטער דער האַנט, ער האָט זיך אפילע ניט באַוויזן אַרומקוקן.

דאָ האָט ער זיך שוין אינגאַנצן פאַרלוירן, געבליבן מיט פּוסטע קעשע־נעס. ער האָט געוואָלט אַרײַנגיין אין א געוועלב עפּעס קויפן עסן, נאָר כאָטש עס די ביכלעך מיט דעם העמדל!

און, ווי אַף צולאָכעס, ווו ער האָט זיך ניט א קער געטאָן, זײַנען פאַר זײַנע אויגן געשטאַנען רײַכע וויטרינעס, זיי האָבן זיך מאַמעש געבראָכן פון קעז, וווּרשט, פיש, מאַראַנצן און וואָס א מויל רעדט אויס! זיי האָבן אים מוירעדיק גערייצט, די וויטרינעס מיטן עסן.

מיילע, — האָט מאַקס געקלערט, — וואָלט כאָטש געווען ווו צושפּאָרן דעם קאָפּ, איז כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, וואָלט ער געזעסן און געלייענט די ביכלעך. נאָר ווו טוט מען זיך אהין? ווידער גיין אַפן וואָקזאַל?

אָפּגעבלאָנקעט, ביז עס איז געוואָרן פינצטער און אַף די גאַסן האָבן זיך אָנגעצונדן די לאַמטערנס, האָט מאַקס פאַרקערעוועט אהין דעם דישל.

ער האָט געמיינט, אז ביזן וואָקזאַל איז ניט אזוי ווײַט, נאָר אז ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען, האָט זיך אים געדאַכט, אז דער וועג וועט זיך קיינמאָל ניט אויסלאָזן.

פאַרבײַגייער האָבן אים גראָדע איידל געייצעט זיך זעצן אַפן טראַמווײַ, נאָר ערשטנס, האָט ער ניט געוווּסט, וויאַזוי מע פאָרט אַף אים, צווייטנס, האָט מען דאָרט געדאַרפט נעמען א בילעט. און זײַנע שיינע פאַרדינסטן און די הײַנטיקע מעציִעס זײַנע האָבן ניט געטראָגן.

צום וואָקזאַל האָט ער זיך דערקליבן גאַנץ שפּעט, דערצו נאָך האָט ער די פיס ניט געפילט און געגאַנגען, ווי אַף שטאָלצן. וויאַזוי האָט ער זיך דערקליבן צו זײַן ווינקל, וויאַזוי האָט ער זיך אָפּגעמאַטערט אין דער ענג־שאַפט, אָפּגעשטופּט די נאַכט, האָט ער ניט געוווּסט. גאַנצפרי, איידער דער אופראַמער האָט זיך באַוויזן מיט זײַן בעזעם, איז מאַקס אַרויסגעגאַנגען אַף

דער פרישער לופט און זיך געלאָזט גיין לענגויס דעם וואָקזאַל, צו די שפּײַכ־לערס און סקלאַדן, ווו עס האָבן זיך געהערט הילכיקע געשרייען און א זידלערײַ.

זיך דערקליבן אהין, האָט ער דערזען, ווי מע לאָדט אויס וואַגאָנעס מיט געהילץ.

מאַקס איז לאַנג געשטאַנען בא דער זײַט און נאָכגעשפּירט, ווי מע שלײַ־דערט קלעצער פון די וואַגאָנעס. דער ארום האָט געשמעקט מיט פרישער סאָסנע און סמאָלע. מאַקסן האָט עס דערמאָנט די היים, די וואַלד־באַאַר־בעטונגען, די וואַלד־העקער אין די קאַרפּאַטן. די הענט האָבן זיך אים אָנגע־הויבן בײַסן — מיט וואָס פאַר א פאַרגעניגן וואָלט ער זיך געשטעלט צו דער אַרבעט!

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און מיט קינע געקוקט אף די טרעגער, נאָכגעשפּירט, ווי פלינק און שיין זיי אַרבעטן. אזוי קאָן נאָכשפּירן נאָר א מענטש, וואָס איז געוווינט צו שווערער האַרעוואַניע און פאַרשטייט אין איר א טאַלק.

פאַרענדיקט אויסלאָדן א פּאָר וואַגאָנעס, האָבן די טרעגער זיך צוגעזעצט אף די סלופּעס איבערכאַפּן. מע האָט צעבונדן די טאָרבעלעך און זיך גענו־מען צו דער אכילע.

מאַקס איז געשטאַנען עטלעכע מינוט, געקוקט און זיך אָנגערופן:

— היי, פעטערלעך, איר האָט ניט פאַררייכערן? עס גלוסט זיך א ציגאַר, די ליפּן קלעפּן זיך אזש צונויף...

— רייכערן? וואָס זשע שטייסטו דאָרט? קום צו נעענטער, זעץ זיך צו! — האָט זיך אָנגערופן א בלאָנדער, פעסטער באָכער, דערלאַנגענדיק מאַקסן דאָס טאָרבעלע מיט טוטין.

— וואָס גיסטו אים רויך? — האָט זיך א בייזער געטאָן א באַיאָרטער טרעגער מיט א לענגלעך, אָנגעשטרענגט פּאָנעם און גרויסע בלויע אויגן. — זעסט ניט, דער יונג איז הונגעריק. זאָל ער פריִער עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן!

מאַקס האָט זיך א ביסל געקווענקלט, געשעמט, נאָר דער הונגער האָט אים געמאַטערט, איז צוגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט אף א קלאָץ און גענומען א שטיק ברויט מיט הערינג.

— וואָס — א דאַנק? פריִער דאַרף מען אָפּעסן, דערנאָך שוין דאַנקען, — האָט צוגעגעבן דער באַיאָרטער טרעגער, אונטעררוקנדיק מאַקסן דאָס טאָר־בעלע עסן, — דאָ האָסטו בולבעס, ציבעלע, הערינג... ווי דו זעסט, עסן מיר, ווי די פּאַנעס. שעם זיך ניט, עס. טאָמער ביסטו צו אזא גראָב עסעכץ ניט צוגעוווינט, זײַנען מיר ניט שולדיק...

— פאַרוואָס? אָפט טרעפט, אז אזא עסעכץ זע איך ניט גאַנצע וואָכן... — האָט א שמייכל געטאָן מאַקס. — וואָס קאָן זײַן בעסער פון בולבעס מיט הערינג?.. א גרויסן דאַנק!..

ער האָט געגעסן, קוקנדיק אף די אַרומיקע, דערנאָך פאַררייכערט א ציגאַר.

— ביסט ניט קיין היגער? — האָט אים דער יונגער באָכער א פרעג געטאָן.
— ניין, פון קאָוואַליעווקע. עפשער האָט איר געהערט — פון קאַלאָמייע...
— אזוי גאָר? זײַנען מיר דאָך מיט דיר שכינים! — האָט זיך דערפרייט דער באַיאָרטער טרעגער. — איך בין פון קאָסאָוו... ווי זשע קומסטו אהער?
— געקומען זוכן ארבעט... און קאָן ניט געפינען... — האָט מאקס, ארויס־לאָזנדיק פונעם מויל א וואָלקן געדיכטן רויך, געענטפערט.
— איצט, שאָכן, איז ניט גרינג געפינען ארבעט... — האָט יענער ניט מיטאמאָל צוגעגעבן, — נאָר אויב דו ווילסט, שטעל זיך לעבן אונדז, וועסטו עטלעכע זלאָטעס פאַרדינען. דו קענסט אויסלאָדן געהילץ?
— געוויס! אַלץ קאָן איך! — האָט מאקס זיך דערפרייט.
— נו, גוט, באַלד וועלן מיר זען, זאָלן די כלאָפּעס ענדיקן עסן.
— וואָס איז דאָס פאר אן עסעכץ? — האָט עמעצער אריינגעשטעלט. — אז קיין גלעזל בראנפן איז ניטאָ. און בולבעס מיט הערינג האָבן ליב, מע זאָל זיי באַנעצן. עס זאָל זײַן גליטשיק...
— האָסט נאָך ניט פאַרדינט הײַנט אַף א שנעפּסל. מע וועט ענדיקן די ארבעט, וועט מען זען. דער באַלעבאָס האָט צוגעזאָגט נאָך דער ארבעט שטעלן מאהאריטש.
מאקסן איז געוואָרן הימלעכער צווישן די מענטשן, געלאכט צוזאמען מיט זיי, זיך געווערטלט און אפילע דערציילט, ווי די פריצע האָט אים גע־האַדעוועט.
אין א פערטל שאָ ארום, ווען מע האָט איבערגעכאפּט דעם הונגער און אויסגערייכערט ווער ציגארן און ווער ציבעקעס, איז מען ארופגעקראָכן אַף די וואַגאָנעס און זיך גענומען צו דער ארבעט. צוזאמען מיט אַלע איז גע־שטאנען מיט פארקאטשעטע ארבל מאקס קרייסלער און געשלײַדערט שווערע קלעצער. ער האָט געארבעט פלײַסיק, פילנדיק אַף זיך נײַגעריקע בליקן פון די טרעגער, ער האָט פארשטאנען, אז מע קוקט זיך צו צו אים, אז דאָס גיט ער אָפּ דעם ערשטן עקזאמען אין אָט דער גרויסער און רוישיקער שטאָט.
יאָ, אין א קורצער צײַט ארום האָט ער געזען, אז דעם עקזאמען האָט ער אָפּגעגעבן, אַלעמען איז געפעלן געוואָרן די ארבעט פון דעם קרעפטיקן, שיינעם באָכער. און איניגיכן האָט זיך שוין געדאכט, אז ער ארבעט צוזאמען מיט די מענטשן ווער ווייסט וויפל צײַט!
ער האָט זיך באמיט ניט אָפּשטיין פון די ארומיקע. און דער באַיאָרטער טרעגער, פאַריכטנדיק די וואָנצעס, האָט אים א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:
— ביסט א מענטש, כלאָפּאק! מע זעט גלײַך, אז דו ביסט פון אונדזע־ריקע, פון די קאַלאָמייער־קאָסאָווער! א געבוירענער טרעגער!
מאקס איז געשטאנען ברייט־צעשטעלט די פיס, אויסגעווישט דאָס פאַר־שוויצטע פּאָנעם מיטן ארבל, געשלײַדערט די סלופּעס, ווי א געניטער טרע־גער. ער האָט מיט גרויס אָפּשײַ געקוקט אַף די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געארבעט פלײַסיק, און געטראכט: ניט אומזיסט זאָגט מען, אז די וועלט איז איבערפולט מיט גוטהארציקע, טײַערע מענטשן!

די נאכט איז שוין געהאט צוגעפאלן, ווען מע האָט געענדיקט די ארבעט. מאקס האָט צוזאמען מיט די ארומיקע באקומען די ערשטע עטלעכע זלאָטעס און זיך דערפרייט, ווי ער זאָל געפינען א גאנצן אויצער. עס איז אים ליכ־טיקער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך צווישן די אויסגעהאָרעוועטע, פאר־שוויצטע ארבעטער־מענטשן אויך דערפילט, ווי א מענטש גלײַך מיט אלע.

זיך אָפגעזעגנט מיט די כעוורע, ווי מיט אלטע גוטעברידער, האָט מאקס גענומען זײַן קלומעקל און זיך געלאָזט גיין מיט אזא אויסזען, גלײַך ווי ער האָט זיך ניט געלאָזט אפן וואָקזאל צו זײַן באנק, נאָר ווי ער וואָלט געגאנ־גען צו זיך אין פאלאץ...

עמעצער פון די טרעגער האָט אים נאָכגעשריגן:

— היי, כלאָפאק, טאָמער וועסטו קיין בעסערע ארבעט ניט קריגן, קום אהער, וועלן מיר דיך נעמען צו זיך!

— יאָ, שאָכן, קום! קיין גרויסע גליקן זאָגן מיר דיר ניט צו, נאָר שטארבן פון הונגער וועלן מיר דיך ניט לאָזן!

— מעלדע זיך אף דער ארבעט־בירזשע. בא אונדז איז הײַנט דאָ וואָס טאָן. מאָרגן זײַנען נישטאָ קיין וואגאָנעס, מעגסטו פארווארפן די ציין אף דער פאָלקע.

— א דאנק! — האָט אויסגעשריגן מאקס און פארגיכערט דעם טראָט.

א מידער און פארשוויצטער אויסצודרייען, האָט מאקס זיך געלאָזט צום ליכטיקן און רוישיקן וואָקזאל, געקלערט, אז ער וועט זיך קאָנען ארײַנכאפן אין קאפע און עפעס אָפעסן, אויסטרינקען א גלאָז קאווע, דערווארעמען די נעשאָמע, נאָר ער האָט שוין קוים געפלאָנטערט מיט די פיס, פארקערעוועט צו זײַן ווינקל. עס זײַנען אָבער צוגעקומען מענטשן און דאָ איז געוואָרן ענ־גער, ווי נעכטן. זײַן באנק איז געווען פארנומען. דרײַ אלטע פויערים האָבן געשמאק געכראָפעט. קיין אנדער ברייטע איז בא אים ניט געווען, בא מאקסן, ער איז ארונטערגעקראָכן אונטער דער ברייטער באנק, אָפגעשטויסן א פאָר זעק, וואָס זײַנען דאָ געשטאנען, אונטערגעלייגט אונטערן קאָפ זײַן קלומעקל און אין עטלעכע מינוט ארום אײַנגעשלאָפן, ווי א טויטער.

מאקס איז שוין לאנג ניט געשלאָפן מיט אזא געשמאקן שלאָף. א מידער, האָט ער אָנגעהויבן כראָפען, און די ארומיקע האָבן אים אלעמאָל געטאָרעט מיט די פיס: „היי, פאן, שטילער! דו ביסט דאָ ניט איינער אליין און ניט בא דער שוויגער אין געסט!"

* * *

מאקס קרייסלער וואָלט אזוי אָפגעשלאָפן א גאנצן מעסלעס, ווען ער דער־פילט ניט, אז עמעצער שלעפט אים פאר א פוס. אָן כיישעק איז דער באָכער ארויסגעקראָכן פון זײַן גרויסארטיקן געלעגער, און מיינענדיק, אז דאָס האָט אים געשלעפט פארן פוס דער באקענטער אופראמער, האָט מאקס פארהויבן דעם פויסט און געוואָלט יענעם דערלאנגען אין די ציין ארײַן, נאָר דערזען

פאַר זיך אַ פּאַליציאַנט מיט אַ פּאָר אויסגעסטאַרטשעטע אויגאַנעס, וואָס זײַנען פון קאַס שיִר ניט אַרויסגעקראָכן אַפן שטערן.

— פּסיאַ־קרעוו! — האָט ער אים געגומען בענטשן, און זײַנע פּאַר־דרייטע אַף אַרויף טונקעלע וואָנצעס האָבן אַ דריגע געטאָן. — וואָס? אַף אַ פאַרשטייער פון דער מעלוכע פּאַרהייבסטו אַ פויסט? דו וועסט בא מיר אין טורמע פאַרפוילט ווערן! איך וועל דיר, פּסיאַ־קרעוו, באַווײַזן! כאַם! אָט וועל איך דיר געבן אַ זעץ, וועסטו דײַנע ביינער ניט צונויפנעמען!

ער האָט געעגבערט מאַקסן מיט זײַנע שטעכיקע אויגן, גרייט געווען אים דוירעס זײַן. נאָר מאַקס איז געשטאַנען רויִק, טראַכטנדיק, ווי דרייט מען זיך אַרויס.

געענדיקט האָט זיך די געשיכטע דערמיט, וואָס מאַקס איז אין טורמע ניט פאַרפוילט געוואָרן און יענער האָט אים אויפגעהערט דראָען. געראַטע־וועט האָבן דעם באַכער די פּאָר זלאָטעס, וואָס ער האָט יענעם אַרײַנגערוקט. מאַקס האָט געגומען דאָס קלומעקל און זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן.

זאָגן, אַז די דאָזיקע פּאַסירונג האָט מאַקסן באַגײַסטערט, קאָן מען ניט, ווײַל אויב דאָס וועט זיך אַלע טאָג איבערכאַזערן, וועט אים קיין שום קאַ־פּיטאַלן ניט סטײַען דערויף. ער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם וואָקזאַל און זיך אָפּגעשטעלט אַף די ברייטע טרעפּ, זיך אַרומגעקוקט. די קעלט האָט דורכ־גענומען, און ער האָט געכאַפּט אַ פײַנעם ציטער.

דער גרויסער פּלאַץ איז נאָך געווען פּוסט, און נאָר עטלעכע אופראַמער האָבן דאָ און דאָרט געפּאָכט מיט די בעזעמער, צונויפגעשאַרט די פאַר־טריקנטע בלעטער. די שטאָט איז געשמאַק געשלאָפן, און אין די פענצטער האָט מען נאָך ניט געזען קיין פײַערל. זעט אויס, די פּאַנעס מיט די פּאַנענ־קעס קערן זיך ערשט אויס אַף דער צווייטער זײַט אין זייערע ווייכע און וואַרעמע געלעגערס, און מאַקס איז זיי עמעס מעקאַנע געווען. ער האָט פאַר־שאָלטן די ביינער יענעם מיִעסן פּאַליציאַנט, וואָס האָט אים אופגעטאָרעט פון אַזאַ געשמאַקן שלאָף, ניט געלאָזט זיך אויסרוען די ביינער, און איצט האָט ער ניט געוווּסט, וואָס טוט מען און וווּהין קערט מען זיך.

נאָך גוט, וואָס ער האָט ניט אַוועקגעגעבן דעם בייזן קעלעוו זײַן גאַנץ פאַרמעגן און איבערגעלאָזט זיך עטלעכע מאַטבייעס אַף אַ גלעזל קאַווע און אַף עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר מיט מאַרקעס. ער דאַרף דאָך הײַנט אָנשרײַבן עסטערקען אַ בריוו. נאָר ביז די פּאָטשט וועט זיך עפענען, איז נאָך געבליבן עטלעכע שאָ און ער האָט ניט געוווּסט, ווו מע גייט דערווײַל. אַפן וואָקזאַל זיך אַרומדרייען, — האָט מען שוין אַף אים געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק, ניט אַנדערש, אַז זײַן הוילעך איז ניט געפעלן. זיך לאָזן אַזוי פרײַ איבער די גאַסן, ווו מע זעט נאָך ניט קיין לעבעדיקע באַשעפעניש, איז אויך געפער־לעך. צוגעוואַרט, ביז דאָ און דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן מענטשן — אַרבעטער, וואָס האָבן געײַלט צו דער אַרווידע, — האָט זיך מאַקס אויך געלאָזט איבער די גאַסן, ווי ער זאָל אויך ערגעץ אײַלן.

אַף דער פּאָטשט איז ער געקומען, ווען מע האָט נאָר צעעפנט די טירן

און די פּיפּיקע, צוגעפּאַרבטע און פֿאַרשלאָפֿענע מיידלעך האָבן זיך געזעצט צו זייערע טישלעך.

מאַקס האָט באַטראַכט דעם פּראַכטפֿולן געראמען זאַל פֿון דער פּאָטשט, די פּילצאָליקע פֿענצטערלעך, די גלאַנצנדיקע שײנע טישן, וואָס זײַנען געשטאַנען אינמיטן זאַל, און זיך צוגעזעצט שרײַבן אַ בריוו.

נאָר אַ קלייניקײַט אויסצוריידן — אָנשרײַבן עסטערקען אַ בריוו! פֿון וואָס דאַרף ער אָנהייבן? וועלכע ווערטער זאָל ער פֿאַר איר צוקלײַבן? דאָס איז דאָך ניט דאָס זעלבע, וואָס אָנשרײַבן דער מאַמען אַ בריוול — אַ שרײַב געטאָן אַ פּאָר צענדליק ווערטער, אַ גרוס דעם, אַ גרוס יענעם, אַרײַנגעלייגט אין קאָנווערט אַ פּאָר זלאָטעס, און אָפּגעקומען! אויב עסטערקען וועט זײַן בריוו ניט געפֿעלן, איז ער דאָך אויסגעשטעלט, וועט ער האָבן בײַ עסטערקען אַ שיין פּנים. זי קאָן אים אַזוי אַ שטאָך טאָן, ער זאָל ניט וויסן וווּהין זיך אַהינטאָן. וועסט אָנשרײַבן עפּעס ניט אַזוי, אַרײַנהאַקן אַ נאַרישקײַט, קאָן זי זיך באַליידיקן, און דו וועסט אַ צווייט מאָל שוין פֿאַרשפּאָרן שרײַבן... פֿון וואָס הייבט מען אָן? עפּשער דערפֿון, ווי ער איז געפֿאָרן אין צוג, ווי די אַלטע פּריצע האָט אים מעכאַבעד געווען, צי עפּשער דערפֿון, אין וואָס פֿאַר אַ האָטעל ער איז איבערגעשלאָפֿן די נאַכט, און וויאַזוי האָט אים באַגעגנט דער פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט? צי עפּשער גאָר, ווי ער האָט נעכטן געאַרבעט אויף די וואַגאָנעס? אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן אויף זיך אַליין. צוליב וואָס דאַרף זי דאָס וויסן? מע דאַרף, פֿאַרשטייט זיך, אין דעם ערשטן בריוו איר דערקלערן, פֿאַרוואָס איז ער אַוועקגעפֿאָרן אָן אַ זײַ־געזונט, וואָס קלערט ער איצט טאָן, וויאַזוי און ווען וועלן זיי זיך קאָנען באַגעגענען...

מאַקס איז געזעסן בײַם לאַנגן טיש און געשריבן, געשריבן. אַלץ איז, דאַכט זיך, געגאַנגען גלאַט, נאָר איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע, איז ער געוואָרן אויף זיך אין כּעס און צעריסן דאָס פּאַפּיר. אים האָט זיך געדוכט, אַז עס באַקומט זיך בײַ אים ניט אַזוי, ווי מע דאַרף.

אַרום אים אויפֿן טיש איז שוין אויסגעוואַקסן אַ היפּש בערגל צעריסענע זײַטלעך פּאַפּיר, די צופֿעליקע פֿאַרבײַגייער האָבן געקוקט און אונטערגעשמייכלט. און עפּשער ניט אַזוי פֿון דעם, וואָס דער באָכער האָט אַלעמאָל געריסן די בריוולעך, געשלײַדערט אויפֿן טיש, ווי פֿון דעם, וואָס דאָס פּנים, די אויערן, דער שטערן, די הענט זײַנען שוין געווען אויסגעשמירט מיט טינט? די האָר — צעפּאַטלט, ניט צוגעקעמט, דאָס רעקל — צעשפּיליעט, צעקנייטשט, די אויגן — צעשטרייט. דער גאַנצער אויסזען זײַנער האָט דערמאָנט אין אַ געראָטענעם טאַלמיד, וואָס מאַטערט זיך שרעקלעך בײַם לייזן אַן אויפֿגאַבע.

מע האָט געקוקט אויף אים פֿאַרוווּנדערט, געלאַכט, נאָר אים איז דאָס גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען — ער האָט געדאַרפֿט צוקלײַבן פֿאַר עסטערקען די סאַמע בעסטע, די סאַמע האַרציקסטע און פּאַסיקסטע ווערטער.

אַלעמאָל איז ער געלאָפֿן צום קליינעם פֿענצטערל אײַנקויפֿן נײַע בייגעלעך פּאַפּיר. אָן אַנדער ברײַרע האָט ער געהאַט, אַז בײַ אים האָט זיך דער-

ווײַל אַלץ באַקומען ניט אַזוי, ווי מע דאַרף. און אָנשרײַבן אַ בריוו דאַרף מען דאָך!

„גאָט מײַנער, — האָט דערבײַ מאַקס געטראַכט, — אויב מיר וועלן זײַן מיט עסטערקען לאַנג צעשיידט, וועלן ניט סטײַען באַ מיר די פאַרדינסטן אַף פּאַפּיר. עס וואָלט מיר גרינגער געווען אויסלאָדן דרײַ וואַגאָנעס געהילץ, איידער אָנשרײַבן איין רעכטן בריוו עסטערקען! עס וואָלט גרינגער געווען שטיין אַ גאַנצן מעסלעס באַם אויוון, איידער צוקלײַבן פאַר איר עטלעכע קלוגע ווערטער...‟

ביכלאַל גערעדט, זײַנען באַ אים געווען פאַר איר אָן אַ שיר גוטע, האַרציקע ווערטער, אָבער נאָר ביז ער האָט זיך גענומען פאַר דער פּען. האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן, זײַנען אַלע גוטע ווערטער, גערדאַנקען צעפלאָסן געוואָרן, ווי דער גרינער טינט אונטערן קלעק־פּאַפּיר. און כאָטש שרײַ גוואַלד, באַקומט זיך גאָרניט!

און דאָך האָט געזיגט זײַן אײַזערנע אַקשאָנעס. ער האָט איר אָנגעשריבן אַ גרויסן, אַ וואַרעמען בריוו, וווּהין מאַקס האָט אַרײַנגעלייגט די גאַנצע נעשאָמע. אַקוראַט פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, האָט ער אים מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּגעלאָזט אין בלאָוון קעסטל. ער האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, אויסגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן, זיך צעשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן. געווען צופרידן. איצט איז אים געבליבן איינס: וואַרטן אַף ענטפער. פון דעם איז אָפּהענגיק זײַן גורל, זײַן ווײַטערדיק לעבן. ער האָט געוווסט, אַז עסטערקע וועט אים ניט לאָזן לאַנג זיך מאַטערן, איבערטראַכטן און גלײַך אָנשרײַבן. זי דאַרף דאָך פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד ער וועט וואַרטן אַף איר בריוו!

ער האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי דער טאָג איז אַדורך, און מאַקס האָט זיך געכאַפּט באַם קאָפּ. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזויפיל צײַט וועט אָפּנעמען באַ אים אָנשרײַבן איין בריוו! און דאָך האָט ער זיך געפילט גוט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן הײַנט דאָס וויכטיקסטע שטיקל אַרבעט. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך הײַנט אין מויל גאָרניט ניט געהאַט, און זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ קלייניקער קאַפע, ווו עס זײַנען געשטאַנען צוויי מירמלנע טישעלעך. אויסגעטרונקען אַ גלעזל קאַווע און עפּעס איבערגעביסן, זיך צעצאָלט, האָט ער מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן, אַז ווידער איז ער אָן אַ גראָשן געלט. אויב ער וועט זיך אַזוי ברייט פירן, וועט אים אינגיכן אויסקומען פאַרקויפן ניט נאָר דאָס נײַע העמדל, וואָס ער האָט געקויפט, נאָר דאָס לעצטע רעקל!

אַרויסגעגאַנגען פון דער קלייניקער קאַפע איז מאַקס אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג. איצט איז די גרויסע, שיינע שטאָט געווען גאָר רוישיק. זי איז אים געפעלן געוואָרן, די שטאָט, אַפילע בעסער, ווי דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט נאָר באַטראַכטן די טראָטוארן.

ער איז אַ ביסל געגאַנגען זאָרגלאָז, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, באַכשפירנדיק נאָך די טראַמוווײַען, וואָס האָבן זיך שנעל געטראָגן איבער די רעלסן, געקלונגען גאַדלעסדיק, געפּאָדערט, אַלע זאָלן אָפּטרעטן דעם וועג.

מאקס האָט זיך געלאָזט גיין צו דער סטאַנציע, געהאָפט, אַז ער וועט אָפּאַרבעטן די נאַכט און עפּעס פאַרדינען. נאָר אַ נעכטיקער טאָג! אויף יענעם אָרט, וווּ ער האָט נעכטן געאַרבעט, איז שוין קיינער פון די טרעגער ניט געווען. זיי האָבן שוין, קענטיק, באַוויזן אויסלאָדן די וואַגאָנעס און אַוועק־פאָרן אַהיים.

אים איז געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע. געוועהן געדאַרפט קומען אַהער פריִער. דאָ, ברודערקע, טאָר מען ניט שלאָפן. דאָס איז דיר ניט קאָוואַליוקע אָדער קאָלאָמייע, וווּ מע מעג ניט אײַלן. דאָ איז אַ גרויסע שטאָט, וווּ מע טאָר ניט אַרומגיין ווי אַ פאַרכאָלעמטער. נאָר דאָך איז ער געווען צופרידן. ער האָט הײַנט אָפּגעטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט. איצט איז געבליבן אים איינס: וואַרטן אויף עסטערקעס ענטפער. פון דעם איז אָפּהענגיק זײַן גאַנץ לעבן.

אַלע טאָג, וווּ ער זאָל זיך ניט געווען געפינען, איז ער געלאָפן אויף דער פּאָטשט. מיט פאַרטײַעטן אָטעם און קלאַפּנדיק האַרץ איז ער אַלעמאָל צוגע־גאַנגען צום באַקאַנטן פענצטער, הינטער וועלכן עס איז געזעסן אַן עלטערע, גראָווע פרוי מיט אויסגעלאָשענע פאַרדײַגעטע אויגן. ער האָט מיט אַ ציט־טערנדיקער שטים געפרעגט, צי איז נישטאָ פאַר אים קיין בריוו. יענע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ גלײַכגילטיקן בליק, מיט די לאַנגע טרוקענע פינגער איבערגעוואָרפן די קאָנווערטן אין קעסטעלע און קאַלט אַרויסגע־קוועטשט פון זיך:

— ניטאָ, פּאַן... מע שרײַבט אײַך נאָך...

מאַקס איז ניט מיטאַמאָל אָפּגעגאַנגען פונעם פענצטערל. ער איז געווען אַנטוישט, געפּאַלן בא זיך. מיט קינע האָט ער געקוקט אויף יענע גליקלעכע, וועלכע האָבן אָקאָרשט באַקומען בריוולעך. אייניקע האָבן געלייענט אָפּן אָרט, צופרידן געשמייכלט, אַנדערע האָבן זיך געבלאָזן, געריסן די בריוו אויף פּיצלעך און זיי געשלײַדערט אין קאָרב אַרײַן. ניט ווייניק מענטשן זײַנען אָפּגעגאַנגען פונעם פענצטערל אין אַ געדריקטער שטימונג, ווי ער, מאַקס. זיי, הייסט עס, שרײַבט מען נאָך...

ער האָט לאַנג אַרומגעבלאָנקעט איבערן גערואַמען זאַל פון פּאָטשט, זיך געשטויסן צווישן אוילעם, צוגעהערט זיך צו די געשפּרעכן און מיט אַ צע־בראָכן האַרץ פאַרלאָזט די געבײַדע, וואָס איז אים געוואָרן נאָענט, ווי אַ היים.

ער האָט געציילט די טעג. אַלפּי־סייכל, האָט שוין געדאַרפט אָנקומען אַ בריוו פון עסטערקען. אַלע טאָג איז ער געקומען צו דעם באַקאַנטן פענצ־טערל. ער אַליין האָט שוין ניט געפרעגט. פאַר אים האָבן געפרעגט זײַנע גרויסע, טרויעריקע אויגן. און יענע פרוי מיט די לאַנגע פינגער און גראָוון קאָפּ האָר האָט ווידער דורכגעקוקט אַ גרויס פּעקל בריוו און מיט דער זעלבער גלײַכגילטקייט געענטפערט:

— נישטאָ, פּאַן... מע שרײַבט אײַך נאָך...

וויפל זשע קאָן מען נאָך שרײַבן! אַזאַ צײַט, אַז ער גייט אַהער, און כאָטש שרײַ גוואַלד! נישטאָ קיין ענטפער. וואָס זשע איז דאָרטן געשען, פאַרוואָס

ענטפערט ניט עסטערקע? צי דען פילט זי ניט, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד ער וואַרט, ווי עס מאַטערט אים איר שווײַגן?

א צעבראָכענער האָט ער זיך ווידער געזעצט צום טיש שרײַבן. אַף מאָרגן — אויך דאָס זעלבע: „גישטאָ, מע שרײַבט נאָך...". און אַפּסנײַ זיך געזעצט שרײַבן עסטערקען, פרעגן, בעטן, זאָל זי כאָטש מוידיע זײַן, פאַר־וואָס שווײַגט זי? נאָר קיין ענטפער!

און דאָך האָט ער איר ניט אופגעהערט שרײַבן. דערפון איז אים געוואָרן גרינגער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רעדט ער מיט דעם מיידל. צי דען האָט אים עסטערקע גלײַך נאָך זײַן אוועקפאָרן פארגעסן און אויסגעמעקט פון זיקאָרן? עפשער איז פאָרט געווען גערעכט דער פאָטער אירער, וואָס איז באַשטאַנען אַף דעם, אַז מאַקס זאָל אוועקפאָרן, קעדיי זײַן טאָכטער זאָל אופהערן טראַכטן וועגן אים? זאָגט דאָך דאָס אוקראַיִנישע ווערטל: דאַלי אָטשי — דאַלי סערדצע... — ווײַטער די אויגן, איז דאָס האַרץ ווײַטער...

וואָלט עסטערקע כאָטש אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער. זאָל זײַן איר ענטפער א קאַלטער, א שלעכטער, וועט ער אַלץ איבערטראָגן. נאָר פאַרוואָס לאָזט זי זיך אײַנגאַנצן נישט הערן? אָפטמאָל האָט אים ארומגעכאַפּט א מוי־רעדיקער קאַס, נאָר דאָך ניט אופגעהערט גיין צו דעם באַקאַנטן פענצטערל פרעגן אַף בריוו, דערנאָך פארקערעווען צום וואָקזאַל אויסלאָדן וואַגאָנעס, באַנאַכט זיך פארקלײַבן אַף א באַנק, אַמאָל אונטער א באַנק, אַלע נאַכט בײַטן די ערטער, ער זאָל זיך ניט באַגעגענען מיט די בייזע פּאָליציאַנטן. די לעצטע צײַט האָט ער זיך אויסגעלערנט זיי אָפּנאַרן — זיך אופכאַפּן פון שלאָף, איידער זיי האָבן אָנגעהויבן זייער „שפּאַציר" איבער דער געבײַדע פון וואָקזאַל.

דער האַרבסט איז דורכגעגאַנגען, עס האָט אויסגעשאָטן א שניי, עס האָבן געגומען דערקוטשען די פרעסט. מאַקס איז ניט שטאַרק געווען באַ־גײַסטערט דערפון. ער איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, קעדיי ניט פרירן פון קעלט. ער איז שוין ניט אַזוי אָפט, נאָר דאָך געגאַנגען אַף דער פּאָטשט זיך דערפרעגן. איצט האָט די פרוי מיט די קאַלטע פאַרדײַגעטע אויגן אים שוין גוט געקענט, און ניט באַגעגנט אַזוי גלײַכגילטיק, ווי פריִער. איבער־לויפנדיק מיט די לאַנגע, דאַרע פינגער איבער די קאָנווערטן, האָט זי שוין ניט געזאָגט „מע שרײַבט", נאָר גאָר אַנדערש:

— פאַלט ניט אַראָפּ באַ זיך. איר וועט, פראָשע פאַנע, אײַנגיכן געוויס קריגן א בריוול. א יונגערמאַן, וואָס וואַרט אַזוי לאַנג און מיט אַזא אומגעדולד, וועט געוויס זיך דערוואַרטן. עס קאָן ניט זײַן, מע זאָל אײַך ניט שרײַבן!

מיט טיפן מיטגעפיל האָט זי באַגלייט דעם שיינעם, וווּקסיקן אָרעמען באָכער, טראַכטנדיק דערבײַ, וואָס פאַר אַן אומרעכט עס עקזיסטירט אַף דער וועלט! וויפל מענטשן גייען דורך טאָגטעגלעך פאַר אירע אויגן. אַנ־דערע, וואָס זײַנען ניט ווערט קיין גוט וואָרט, קומט אָן אַלע טאָג בריוו, גאַנצע פּעקלעך, מע נעמט זיי אַפילע ניט אָפּ און די בריוו ליגן און שימלען,

און אַט דער פײַנער אומגליקלעכער פאַן רײַסט אומזיסט די שיך, גייענדיק אהער...

אים איז שוין געווען א ביזאיען קומען אהער און אַנגעהויבן גיין נאָך זעלטענער. ער איז לאַנג געשטאַנען אין דער זײַט, ניט געוואַגט צוגיין נאָענט צום פענצטערל, געוואַרט, ביז אַלע וועלן זיך פאַנאַנדערגיין פון דאָרטן, ער זאָל בלײַבן אַליין. און אין איינעם א טאָג, ווען די שטימונג איז בא אים גע־ווען אינגאַנצן אוועקגעהאַרגעט, נאָך אַן אָרדנטלעכן געשפּרעך מיט א פּאָלי־ציִאַנט אפן וואָקזאַל, האָט ער באַשטימט, אַז מער גייט ער ניט. אַלץ! גענוג! אים איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס זי שווײַגט און שרײַבט אים ניט!

ער האָט זיך אָבער ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי עסטערקע פּײַניקט זיך דאָרט, ווי זי גייט אַראָפּ פון זינען, ניט באַקומענדיק פון אים קיין גרוס. זי איז נאָך אַלץ געלעגן אין שפּיטאָל און ניט געקאָנט קומען צו־זיך נאָך זײַן פּלוצעמדיקן אוועקפאָרן. בלויז עטלעכע ווערטער זײַנע, איין בריוול וואָלט זי געקאָנט שטעלן אַף די פיס, אופטאָן פאַר איר מער, ווי אַלע דאָקטוירים, וועלכע האָבן זי געהיילט, אַלע רעפּועס, וועלכע מע האָט איר געגעבן. נאָר ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז אַלע בריוו, וואָס מאַקס האָט צו עסטערקען גע־שריבן און וועלכע זײַנען געווען פול מיט ליבע און האַרציקײַט צו איר, האָט באַקומען דער פאָטער אירער און זיי געשלײַדערט אין אויוון אַרײַן?..

שימשן־האַגיבער איז אויך אַרומגעגאַנגען אָן א קאָפּ און ניט געקאָנט באַנעמען, ווו איז דער סייכל, וואָס דער מאַזיק לאָזט זיך ניט הערן? שוין אַזאַ צײַט אַוועק, און פון אים איז ניט געווען קיין אײַנגעטונקטע פען. צי דען איז דאָרט מיט אים אַן אומגליק געשען? נאָר דעם געדאַנק האָט שימשן אָפּגעוואָרפן. ניט מיט אַזעלכע אײַזערנע באַכערים טרעפן אַזוינע געשיכטעס. יענער וועט זיך זײַן שטעטל באַשטיין, ווהין דער גורל זאָל אים ניט פאַר־וואַרפן, נאָר דאָך האָט שימשן־האַגיבער איבערגעטראַכט, זיך געמוטשעט און געבענקט נאָך דעם באָכער.

אויך שימשן האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז אַלע בריוו באַקומט אָסקאַר און וואָס ער טוט מיט זיי...

אײַנגיכן האָט זיך דער טעאַטער איבערגעפּעקלט אין אַן אַנדער שטאָט, און אַלע באַמיִונגען זיך פאַרבינדן מיט עמעצן פון די אַקטיאָרן האָבן זיך בא מאַקסן מיט גאָרניט געענדיקט.

יאָ, האָט ער זיך געטראַכט, מאַקס, איצט איז אים שוין אַלץ קלאָר. עס־טערקע האָט אים שוין לאַנג פאַרגעסן. שימשן־האַגיבער, יענער איז אין קאַס, לעמיי מאַקס איז אוועקגעפאָרן, וויל אויך ניט ענטפערן, וויל אים מער ניט קענען. די אַקטיאָרן, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן, — יענע פײַפן זיך גאָר אויס אַף אים. וואָס זשע קאָן ער טאָן? זעט אויס, אַז דער גורל איז בא אים אַזאַ. וואָס זשע קאָן ער מאַכן? מע דאַרף זיך אָנעמען מיט מוט און דאָס אַלץ איבערלעבן. ער וועט זיך דאָך דאָס לעבן ניט נעמען. נאָר דער האַס, דער פאַרדראָס האָט געברענט אין האַרצן. אַלע האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

מע האָט זיך אין אים דערלעבט א נעקאָמע? מיילע! זאָל זײַן אזוי. ער וועט נאָך פּרוּוון, ער וועט נאָך אלעמען דערווײַזן, אף וואָס ער איז פייִק. אלע וועלן נאָך הערן וועגן אים!

* * *

דעם ווינטער האָט מאקס אָפּגעבידעוועט אזוי, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געבידעוועט! ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווו האָבן זיך בא אים גענומען קויכעס איבערטראָגן אלץ. פונוואנען האָבן זיך דאָ גענומען אזעלכע פרעסט? ניט אנדערש, — האָט ער געטראכט, — זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז ער איז געקומען אין שטאָט, האָבן די פרעסט געוואָלט פּאָטער ווערן פון אים, ארויסטרײַבן. ער האָט נאָך אלץ ניט געפונען קיין שטענדיקע ארבעט, ניט קיין ווינקל און זיך ארומגעשלעפּט איבער דער גרויסער שטאָט ווי אן איבעריקער.

אן אנדערער אף זײַן אָרט וואָלט שוין לאנג א שפּײַ געטאָן אף אלץ. נאָר ער האָט באשטימט זיך ניט אונטערגעבן, זיך ניט שרעקן דערפאר, וואָס אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק שלעפּן אים די פּאָליציאנטן אין פּאָליציי־באצירק, מע דראָעט אים, אז מע וועט אים דערגיין די יאָר, טאָמער וועט ער זיך נאָך לאנג ארומדרייען איבער דער שטאָט.

זיי האָבן דאָך ניט געוווּסט, די טײַוולאָנים, וואָס אים האלט דאָ. מאקס איז אלע פארנאכט געגאנגען אין טעאטער. ער האָט שוין אָן טעאטער ניט געקאָנט לעבן. די בילעטיאָרן האָבן אים שוין געקענט און ארײַנגעלאָזט אָן שום בילעטן. דאָ, שטייענדיק ערגעץ אין א ווינקל, אף דער גאליאָרקע, האָט מאקס פארגעסן אין אלע זײַנע צאָרעס. אים איז מער גאָרניט אָנגעגאן, כוץ דער בינע. אין א קורצער צײַט ארום האָט ער שוין געוווּסט די נעמען פון אלע בארימטע ארטיסטן אין שטאָט, ווער זיי זײַנען און פונוואנען זיי שטאַמען, וויִאזוי זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן.

די בילעטיאָרן האָבן מיט פארווּנדערונג און אכטונג באטראכט דעם אָפּגעריסענעם, הונגעריקן צושויער, וואָס האָט מיט אזעלכע זשעדנע אויגן געקוקט אלע פּאָרשטעלונגען און זיך פאנאנדערגעפרעגט, ווו האָבן זיך געלערנט די בארימטע אקטיאָרן. מע האָט געקנייטשט מיט די אקסלען — נו, אוואדע, אָט דעם אָרעמען באָכער גייט טאקע מער גאָרניט ניט אָפּ, כוץ טעאטער! אלץ, זעט אויס, האָט ער שוין, איצט דארף ער זיך נאָר דערוויסן עפּעס פונעם לעבן פון די גרויסע אקטיאָרן, וועט ער שוין ווערן גליקלעך!

דאָ, אין שטאָט, האָט מאקס א סאך זאכן פארשטאנען. אָסקאר שאפּיראָ, לאָזט זיך אויס, איז ניט דער איינציקער, פאר וועמען מאקס איז געווען ניספּאָעל. פאראן נאָך אזעלכע, ווי ער, און עפּשער נאָך גרעסערע. עמעס, אזא ווונדערלעכע און טאלאנטפולע אקטריסע, ווי עסטערקע, האָט ער דערווײַל דאָ אין קיין שום טעאטער ניט באגעגנט. קיין איינע פון די אקטריסעס, וואָס ער האָט דאָ געזען, פארמאָגט ניט אזא מילדע, אזא שיינע און הארציקע שטים, ווי עסטערקע. מעגלעך, מאקס האָט אזוי געטראכט, וואָס ער איז נאָך

אלץ געווען פון איר באַגײַסטערט און זי ליב געהאַט. נאָר דאָך האָט קיין איין אַקטריסע אים ניט גערירט אַזוי מיט איר שפּילן, מיט איר געזאַנג, מיט איר שמייכל, ווי יענע, עסטערקע שאַפּיראָ!

און דאָס מאָזל האָט זיך ווי אײַנגאַנצן אָפּגעקערט פון אים. ס'איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. אַז ער האָט זיך שוין צופעליק אָפּגעזוכט אַן אַרבעט אין אַ קליינער בעקערײַ, דאַרף טרעפן, אַז דער באַלעבאָס זאָל אָנזעצן און פון דער גאַנצער בעקערײַ זאָל זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. איז מאַקס ווידער געבליבן ניט אַהער, ניט אַהין, אָן אַ לעבעדיקן גראָשן געלט. האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו עפּעס אַ וואַנדער־צירק, זיך געפּאָרעט באַם קילים, דאַרף דער אייבערשטער זיך אַ שפּיל טאָן מיטן באַלעבאָס און אים אַוועקנעמען צו זיך, אין גענעם, און אויס צירק. אויס קילים! אויס פּאַרנאָסע. אָט אַזוי האָט ער אויסגעפּרוווט נאָך אַ צענדליק שטעלעס, און אומעטום האָט עפּעס געטראָפן, און מער ווי עטלעכע טעג האָט זײַן גליק ניט געדויערט. די פירמעס, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעשלאָגן, האָבן געפּלאַצט איינע נאָך דער אַנדערער, און מאַקס האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער וואָלט גע־דאַרפט אָנהייבן נייען טאַכריכים, דאַן וואָלטן געוויס מענטשן אויפגעהערט צו שטאַרבן!

בלאָנקענדיק איינמאָל איבער די אָרעמע געסלעך פונעם ייִדישן טייל שטאָט, האָט מאַקס אָנגעטראָפן אויף אַן אַרבעטער־טעאַטער, אויף אַ קרײַזל, וואָס האָט געשפּילט אין אַ קליינינקן, האַלב־פינצטערן קלוב.

מאַקס איז אַרײַנגעקומען, זיך צוגעקוקט, ווי עס שפּילן פּאַשעטע מענטשן, אַזעלכע אומגליקלעכע, זעט אויס, ווי ער. און דאָ האָט ער אַ קלער געטאָן, אַז אַלפי־סייכל וואָלט ער אויך געקאָנט שפּילן, ווי יענע. צי וואָלט עפּשער געווען אַ סייכל אַ פּרוּוו טאָן דאָס מאָזל? וואָס וועט ער אָנווערן? שוין אויס־געפּרוווט דאָ אַזויפיל מעלאָכעס, וועט נאָך איינע ניט שטערן. אײַ, מענטשן זאָגן: אַ סאַך מעלאָכעס, ווייניק בראָכעס? מיילע, זאָל זײַן ווייניק! אַלציינס האָט ער ניט קיין שום בראָכעס, וועט בעמיילע מער גאָרניט שאַטן!

עטלעכע טעג האָט ער זיך צוגעקוקט צו די מענטשן פונעם קרײַזל, דער־נאָך זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרײַנגעקומען צום באַלעבאָס, אַן אַלטן אַקטיאָר מיט אַן אויסגעצערט בלייך פּאָנעם און אַ הוילן קאָפּ — אַ רענדל פאַר אַ האָר! דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט אַ פּאָר טונקעלע אויגן, וואָס האָבן דיך דורכגענומען אויף דורך און דורך! ער איז געזעסן אויפן קליינעם טישל, די פיס אויף דער טאַבורעטקע, געביסן די נעגל, באַטראַכט דעם גאַסט און דער־הערט, צוליב וואָס איז ער צו אים געקומען, גענומען אויספרעגן, ווער איז ער, פונוואַנען און וואָס פאַר אַ רוּעך עס האָט אים פאַרטריבן אין דער שטאָט, ווו מע קאָן אומקומען פון הונגער.

דער באַלעבאָס האָט געהייסן אַנשל קרייטשמאַן, און געווען איז ער ניט בלויז דער באַלעבאָס פון דעם טעאַטער, נאָר דער רעזשיסער פון אַרבע־טער־קרײַז, וואָס ליגט נײַן איילן אין דער ערד, ווו עס דאַרף ליגן אַ ייִדישער טעאַטער. וואָס איז שײַעך אַרײַנעמען נײַע מענטשן, האָט יענער, ניט אויפהערנדיק בײַסן די נעגל, פאַרגעזעצט, דאַרף ער זיי האָבן אויף קאַפּאַ־

רעס, ווײַל ער ווייסט ניט, וווהין טוט מען זיך אהין מיט יענע, וואָס זײַנען שוין דאָ. „א מעשוגענע וועלט געוואָרן! — האָט זיך געערגערט קרייטשמאַן און פון מאָל צו מאָל זיך געכאפּט פארן הויכן, סאָקראַטישן שטערן. — מענטשן מיינען, אז טעאטער איז א גרויסע מעציִע! מע פּאטערט נאָר אוועק דאָס געזונט און מע האָט פון דעם מאקעס, אנגסטן, די טשעכאָטקעס!״ אָבער אויב דער באָכער, דאָס הייסט מאקס קרייסלער, האָט באשטימט זיך מוטשען באגלײַך מיט אלע, ווערן אויסגעריסן, ניט שלאָפן, רעפּעטירן גאנצע נעכט, נאָך דער ארבעט — זאָל ער קומען. מיילע. מע וועט זען, צי וועט ער, אנשל קרייטשמאַן, קאָנען מאכן פון דעם שטאלטנעם, שיינעם יונגנמאן א טאכלעס.

יאָ! עס באקומט זיך עפּעס בא אים! אנשל קרייטשמאַן האָט נאָך שטאַרקער גענומען בײַסן די נעגל פון פרייד. מיט דעם מענטשן דארף מען נאָר ארבעטן.

איינמאָל, ווען מאקס איז געקומען אף דער רעפּעטיציע, האָט אים צוגערופן דער רעזשיסער און בעסאָד־סוידעס געזאָגט, קיינער זאָל כאָלילע ניט הערן, ווײַל אפילע אין דעם טעאטער זײַנען דאָ פארשיידענע מענטשן, ניט־פארגינער, ווי אין די עמעסע טעאטערן, און אויב זיי דערוויסן זיך, וואָס אנשל קרייטשמאַן וועט זאָגן מאקסן, קאָנען יענע זיי אופּעסן לעבעדיקערהייט מיט די פּאָטראָכעס!

— זאָג מיר נאָר, ציגײַנער, עפּשער איז א פּלאַן, איך זאָל מיט דיר צוגרייטן א פּײַנע ראָל? מירן זאָגן, אשטייגער... לעמאָשל, טעוויע דער מילכיקער אָדער גאָר אָטעלאָ! איך ווייס נאָך ניט, וואָס בא דיר וועט זיך באקומען, נאָר ווי זאָגט מען בא אונדז — ניט קיין מאלאָכים קאָכן לאָקשן...

מאקס האָט געמיינט, אז יענער לאכט פון אים, מאכט כויזעק און שפּאסט. ער האָט זיך שוין אף אים גענומען בלאָזן, געוואָלט ארײַנזאָגן, ווי ער קאָן, נאָר אנשל קרייטשמאַן האָט אים בארויִקט — ער איז פון אלע יאָרן געוועזן א מענטש מיט א קאלטער לעבער — און געזאָגט:

— שא, כאפּ זיך ניט! כאפּ ניט די פּיש פאר דער יויך. שרעק זיך ניט. מיין ניט, אז מאָרגן לאָז איך דיך ארויס אף דער בינע. ניט איין בולבע וועט דיר נאָך ארויס פון נאָז, ביז דו וועסט בא מיר דערזען א רעכטע ראָל. עס זײַנען בא מיר פאראן בילכערע כעווורע פון דיר. נאָר פּרווו באטראכט זיך!

און קיינער זאָל ניט זען, האָט אנשל קרייטשמאַן אים ארײַנגערוקט אין דער האנט ארײַן א ביכל און אים אָנגעזאָגט עס באהאלטן פון א בייז־אויג, און ווען ער, מאקס, וועט קומען אהיים, זיך אויסציִען אף זײַן העסעבעט, ווי א גובערנאטאָר, אויסטרינקען דאָס שיינע גלעזל קאווע, און דער קאָפּ וועט ווערן קלאָר, דאן זאָל ער פּאוואָליִנקע, מיט פארשטאנד, איבערלייענען און גוט דורכשטודירן דאָס ביכל, די פּיעסן, הייסט עס, דערנאָך וועט מען זען, ווו מע האלט אין דער וועלט!

מאקס האָט זיך דערשראָקן אף טויט:

— וואָס רעדט איר! אזעלכע ראָלן וועל איך קיינמאָל ניט קאָנען שפּילן. בא דעם פּאָרהאנג שטיין, זיך פּאָרען בא די דעקאָראַציעס, אָפּשפּילן א קליינינקע ראָל — דאָס איז פאר מיר אָנגעמאָסטן!

— ע, ברודער־לעבן, אזוינע שטיק געפעלן מיר נישט! און איך האָב געטראכט, אז דו ביסט א דרייסטער באָכער, לאָזט זיך גאָר אויס — א קור־נילעמל!

אנשל קרייטשמאן האָט אף אים א קוק געטאָן מיט פאָרוואורף, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און פאָרגעזעצט:

— דו זעסט, וואָס ס'טוט זיך אף מײַן קאָפּ? דו זעסט כאָטש דאָרטן איין האָר? קיין איין הערעלע אפילע אף א מויצע איז ניט איבערגעבליבן. ווי זשע, מיינסטו, זײַנען אהינגעקומען מײַנע האָר, הא? איך בין א גרויסער פּילאָזאָף? א גרויסער ווייסער אין קלײַנע אויסיעלעך? איך בין דאָס גאנצע לעבן אָפּגעזעסן אין בעסמעדרעש און דערלערנט די געמאָרע? גאָט באַהיט! עפשער מיינסטו, אז איך האָב מײַנע האָר איבערגעלאָזט פאר א מאשקן אין טראקטיר, זיי פארזעצט באם פּראָצענטניק? נייך! און עפשער דאכט זיך דיר, אז מײַן ווײַב האָט זיי בא מיר אויסגעריסן, לעמײַ איך לויף צו פרעמדע נעקייוועס? אויך ניט! איז, פרעגט זיך א שײַלע, ווו זײַנען אנשל קרייטשמאנס האָר אהינגעקומען? וועל איך דיר טאקע באלד דערקלערן. שפּיץ נאָר אָן די אויערן און הער זיך אײַן. מײַנע האָר און דאָס שטיקל געזונט האָב איך געפאטערט, אויסכאָוועדיק פאר דער יידישער בינע אזעלכע לייצים, אזעלכע טויגעניכצן און גאָרנישטן, ווי דו! דאָס גאנצע לעבן מוטשע איך זיך מיט אײַך, ווי אפן טויט! און איך דארף דיר זאָגן — ניט שטענדיק אומזיסט. ניט איין לײדיקגייער, ווי אָט דו, האָב איך שוין ארויסגעפירט אף א דערעך, געמאכט פאר א לײַט. א סאך פון זיי זײַנען טאקע געוואָרן רעכטע אקטיאָרן און מיט דער צײַט אוועקגעגאנגען פון אונדזער טעאטער און קיין גוטן טאָג ניט געזאָגט! מײַלע, כאפּט זיי דער גוטיאָר. דו מעגסט מיר גלייבן, אז אנשל קרייטשמאן האָט א כוש, און אז ער זאָגט דיר, אז פון דיר קאָן מיט דער צײַט זײַן א מענטש, ווייסט ער, וואָס ער זאָגט! קיין געלט, קיין מאזל, קיין גליק פארמאָגט ניט אנשל קרייטשמאן, נאָר וואָס איז שײַעך אָן אויג, א געשמאק, פארמאָגט ער איבערגענוג. מעגסט אים גלייבן! אויב איך זאָג דיר, אז ווען דו האָרעוועסט גוט, ווי א פערד, און איך, דער רעזשיסער, מוטשע זיך אָן מיט דיר, ווי א גוט אייזל, וואָלסטו מיט דער צײַט אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָל, עס וואָלט א מעכײַע געווען צו קוקן! נאָר פארגעס ניט — זעקס שווייסן דארפן פריער אָפּגיין פון דיר, ביז דו וועסט ארויסקריכן אף דער בינע. אויב אנשל קרייטשמאן זאָגט, איז דאָס גערעדט — ניט גע־בעבעט!

אנשל איז א רעגע שטיל געבליבן, האסטיקער גענומען בײַסן זיך די נעגל און צוגעגעבן:

— איז הער, וואָס מע רעדט צו דיר. יענער איז ניט קיין סאָלדאט, זאָגט דאָס רוסישע ווערטל, ווער עס טראכט ניט ווערן קיין גענעראל... אזוי, דאכט זיך, זאָגט דאָס רוסישע ווערטל? איז אָט האָב איך דיר געגעבן דאָס ביכל. שטודיר דאָס גוט דורך, קריך ארײַן אין דער ראָל, פארליב זיך אין איר, ווי מע פארליבט זיך אין א שיין, באטאמט מיידל, קריך טאקע גוט ארײַן אין דער ראָל, ווי מע קריכט ארײַן אין דער נעשאָמע פון א געליבטער, און קום

צו גיין און זאָג, צי איז דיר דער שידעך געפעלן. אויב דער שידעך וועט דיר ווערן געפעלן, פּראָווען מיר א כאַסענע מיט קלעזמער! דיר דאַרף זיך נאָר וועלן ארבעטן, דאָס איבעריקע פאַרלאָז זיך שוין אף אנשל קרייטשמאַ־נען. ער נעמט עס אף זיך!

ווידער א ביס געטאָן די נעגל, האָט ער מיט אימפּעט פאַרגעזעצט:

— איז אָט, מײַן טײַערער פרײַנט, ווייניקער א וואָרט, אבי עמעס! און־טער דרײַ שלעסער זאָלסטו זיך פאַרשליסן אין שטוב בא זיך און נעם זיך צו דער ארבעט. דאָס האַרץ מײַנס זאָגט מיר אונטער, אז דאָס ניסעלע איז פאַר דײַנע ציינדעלעך. אלפי־סייכל דאַרף דאָס זיך בא דיר באַקומען לוקסו־סאָווע, פערשאַקליאַסאָווע! דו ביסט א יאַט, זע איך, מיט ביינער, דו וואָלסט געקאָנט איבערקערן א מאָווער. אויסערלעכע געגעבענע זײַנען בא דיר פאַ־ראַן זעלטענע. איז דרייסטער, מײַן קינד! נאָר ציטער ניט, ווי א הוישײַנע!

יענער האָט אים זייער שיין אײַנגערעדט, נאָר מאַקס איז דאָך געווען ווי פריטשמעליעט פון אזא אומגעריכטן פאַרשלאָג. פריִער מיט עטלעכע מינוט האָט מאַקס געטראַכט, אז יענער אנשל קרייטשמאַן טרײַבט איבער אים קאַטאָוועס, נאָר איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אז דאָס איז ערנסט, ניט קיין פוסטער שפּאַס.

באַהאַלטן אונטער דער פּאַזוכע דאָס ביכל, זיך אפילע ניט אָפּגעזעגנט פון איבעראַשונג, איז מאַקס ארויסגעפלויגן פונעם צימער, ווי אַן אָפּגעבריטער.

אָפּגעלאָפן איבער דער גאַס עטלעכע קוואַרטאַלן, האָט מאַקס זיך אָפּ־געשטעלט אינמיטן גאַס און זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט: א מאָדנער פאַר־שוין דער אנשל, ער מיינט געוויס, אז מאַקס האָט א שטוב, א בעט, וווּ זיך אויסצוּיען און לייענען! אָבער דאָך איז דער באָכער געווען אפן זיבעטן הימל. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וויאַזוי ער גייט ארויס אף דער בינע און וויאַזוי דער עולעם נעמט אים ראַשיק אוף, אין טעאַטער קומט אַרײַן א פּאַרפּוצטע, א פּראַכטפולע עסטערקע שאַפּיראָ, דערקענט אים און ווערט געפּלעפט, זי איז מאַמעש אנציקט פון זײַן שפּילן. איר פאָטער שטייט בא דער זײַט און נעמט שיר ניט אײַן קיין מיסע־מעשונע, ער עסט זיך אוף לעבעדיקערהייט, וואָס ער האָט דעמלט ארויסגעטריבן דעם באָכער. און אָט זיצט אין דער ערשטער ריי שימשן־האַגיבער, און איבער זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן, פאַרוואַקסענע מיט גרויע שטעכלקעס, פליסן טרערן פון פרייד. עסטערקע לויפט צו אים, דעריאָגט אים, נאָר ער, מאַקס, ווייל זי ניט קענען, קוקט ניט אין איר זײַט. וויפל זי בעט זיך ניט בא אים, ער זאָל איר מויכל זײַן, נאָר איינמאָל נייִן. ער ווייל זי ניט קענען און דאַרף זי ניט האָבן! זי האָט אים אזויפיל בלוט פאַרגאָסן, טאָ זאָל זי גיין צו איר טאַטן!

מאַקס' פאַנטאַזיע האָט זיך פּלוצעם אזוי צעשפּילט, אז ער האָט אפילע ניט באַמערקט, ווי א פאַעטאָן איז שיר ניט אַרוף אף אים. מאַקס איז אָפּגע־שפּרונגען, אַרײַנגעקראָכן מיטביידע פיס אין א קאַליוזשע און זיך אויסגעזי־דלט, ווי א פורמאַן, ניט הערנדיק, ווי דער עמעסער פורמאַן זידלט אים מיט די מיִעסטע ווערטער.

* * *

אינדערלופטן האָט שוין געשמעקט מיט פרילינג. דער שניי איז פארוויסט, פארשווארצט געוואָרן. פריילעכע שטראָמען האָבן גענומען לויפן אראָפּ, צו דער ווײַסל, און עס איז מיטאמאָל געוואָרן לײַכטער צו אָטעמען.

ביסלעכווײַז האָבן די גרעזלעך גענומען ארויסקריכן פון דער ערד, די קוסטעס אין די סעדלעך, אין די בולווארן און פארקן האָבן אָנגעהויבן אראָפּווארפן דעם ווינטערדיקן גליוּער, דער אוילעם האָט אראָפּגעוואָרפן די וואַרעמע בגאָדים, די מענטשן האָבן אויסגעזען פריילעכער. אומעטום איז געשטאנען דער פריילעכער געפּילדער פון פויגלען, פון קינדער, פון יונגע מאמעס.

דאכט זיך, מער פון אלעמען איז געווען צופרידן מיטן פרילינג מאקס קרייסלער. איצט איז ער שוין אפן פערדל! זאָל נאָר ווערן באנאכט ווארעמער, האָט ער אף א גוט אָרט די פּאָליצמענעס, מיט די וועכטער, די אופּראַמער — ער וועט זיך איבערקלײַבן אף א דאטשע! וואָס קאָן זײַן בעסער און רויִקער, ווי א באנק אין א ווײַטן ווינקל פון פארק?

נאָר דערווײַל איז נאָך ניט אָנגעקומען די צײַט פארלאָזן זײַן וווינונג אפן וואָקזאל.

אין איינער פון די נעכט, ליגנדיק אף זײַן באנק צווישן פרעמדע זעק־און־פּעק, פארטיפט אין אנשל קרייטשמאַנס ביכל און טראכטנדיק, אז אינגיכן וועט ער שפּילן אף דער בינע און קערן וועלטן, איז ער געשמאק אנשלאָפן געוואָרן, זעענדיק אין כאָלעם דעם ווענעציִאנער מאוור, וועלכער איז געקומען אים שטיקן אָנשטאָט דעזדעמאָנען.

פּלוצעם האָט ער דערפילט, ווי מע האָט אים שוין ניט אין כאָלעם, נאָר ווירקלעך דערלאנגט א זעץ אין דער פּלייצע, און ער איז אראָפּגעפלויגן פון דער באנק. וואָס איז דאָס פאר אן אָנשיקעניש? מאקס האָט אופגעריסן די אויגן און דערזען פאר זיך יענעם זעלבן בייזן פּאָליציִאנט, וואָס האָט אים דאָ שוין ניט איין מאָל געטראָפן. סטײַטש, — האָט מאקס געטראכט, — כאַזערישער עק, איך האָב דיר שוין א פּאָר מאָל געגעבן אין דער יאַד ארײַן, זאָלסט מיך אופהערן וועקן. נאָר איצט האָט זײַן באקאנטער געמאכט דעם אויסזען, אז ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל. בא דער זײַט זײַנען געשטאנען נאָך עטלעכע פּאָליציִאנטן, און, זעט אויס, מאקס׳ באקאנטער, יענער מיט די וואָנצעס פארדרייט ארוף, האָט געדארפט באווײַזן, סארא שטרענגער ער איז צו פארשיידענע שנאָרערס. פאריכט די קאָנפעדעראטקע, האָט ער מאקסן אָנגעהויבן בענטשן מיט די שיינע ווערטער. אָפּגעזאָגט די עטלעכע פּסוקים, האָט דער פּאָליציִאנט, וואָס האָט געמוזט באווײַזן פאר זײַנע עלטסטע, אז ער פארדינט ניט אומזיסט זײַן שטיקל ברויט בא דער מעלוכע, האָט געפאָדערט בא דעם גאסט פון קאָלאָמייע, ער זאָל באווײַזן זײַן פּאס.

יענע פּאָליציייען האָבן שוין געשלעפּט פון די בענק אנדערע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, היימלאָזע מענטשן, און מע האָט זיי געטריבן אף דער גאס, ווו עס האָט אף זיי געווארט א גרויסער פּאָליציי־פורגאָן.

דער עלטסטער האָט גענומען אין די הענט מאַקס׳ פּאַס, אים דורכגעבלעטערט און אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז:

— איר זעט, פראָשע פּאַנע, וואָס פאַר אַ פייגעלע עס איז צו אונדז פאַרפלויגן? ניט אַנדערש, אַ גאַנעוו, אַ קעשענע־שנײַדער. אַזש פון קאָלאָמייע... נו גוט, קום, דאָרטן, אין באַצירק, וועלן מיר דיר ווײַזן, פּסיא־קרעוו! אָן דיר, מיינסטו, פעלן אונדז דאָ אויס שנאָרער?

מאַקס האָט זיך געוואָלט צעבייזערן, נאָר מע האָט אים מיט גוואַלד אַרויסגעשטויסן פון דער געבײַדע און אַרײַנגעטריבן אין פורגאָן. מע איז לאַנג געפאָרן איבער דער באַנאַכטיקער שטאָט, אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט און אַרײַנגעשפּאַרט אין פורגאָן נײַע מענטשן, וואָס מע האָט פאַרכאַפּט. אין פורגאָן איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, און דער אוילעם האָט גענומען קלאַפּן אין די ווענטלעך, נאָר די מאַשין האָט זיך ערגעץ געטראָגן.

אינגיכן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און מע האָט גענומען אַרויספירן די פאַרהאַלטענע. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין מאַקס מיט דער גאַנצער בראַנזשע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, קויטיקע מענטשן געלעגן אויפן דיל פון אַ טונקעלער ענגער טורמע־קאַמערע. רעכטס און לינקס, אויף די נאַרעס און אונטער זיי האָבן געכראָפּעט אַרעסטאַנטן, אַנדערע זײַנען געווען וואַך, מע האָט באַגעגנט מיט אַ פרייַלעכן טומל די „נײַינקע".

אין איין ווינקל האָט מען געשפּילט אין קאָרטן, זיך געזידלט, אין צווייטן איז אַן אַלטער געשטאַנען אויף די קני און זיך געציילעמט, אין אַ זײַט, אונטערן טונקעלן לעמפּל, האָט עמעצער עפּעס געזוכט אין העמד, געשפּיגן, זיך מוירעדיק געקראַצט אין דער פּלייצע.

מאַקס האָט זיך אַרומגעקוקט. צום ערשטן מאָל איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ גאַנײדן. ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען, וואָס ער האָט געוווּסט פון די ביכלעך און פון אילקאָ זאַגולס דערציילונגען.

אַ פּאָר גאַנאָווים האָבן זיך צוגעזעצט צו מאַקסן, גענומען אויספרעגן, ווער איז ער און פון וואַנען, אַ דריטער האָט זיך גענומען פאָרען אין זײַן קלומעקל, נאָר מאַקס האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ, איז ער אָפּגעשפּרונגען, אָפּגעווישט דאָס בלוט, וואָס האָט אַ פליס געטאָן פון דער נאָז. יענער האָט זיך געבייזערט, געזידלט, נאָר פאַרשטאַנען, אַז צו דעם פעסטן באָכער איז גלײַכער זיך ניט טשעפּען. זײַנע קאָלעגן האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף מאַקסן מיט מער דערעכערעץ, פאַרשטאַנען, אַז פון אים דאַרף מען זיך האַלטן ווײַטער, קיין גרויסע גליקן וועסטו בײַ אים ניט האָבן...

— יאָ, אָט דאָס איז אונדזער יאַט! — האָט אַ שמייכל געטאָן דער פאַרשוין מיט דער פאַרבלוטיקער נאָז.

מע האָט מאַקסן אָפּגעטראָטן גלײַך אַן אָרט אויף דער נאַרע און אים פאַרבעטן זיך אָפּרוען. מאַקס האָט גענומען זײַן קלומעקל, אַרופגעקראָכן אויף דער נאַרע, צוגעשפּאַרט זיך צו דער וואַנט און געשמאַק אײַנגעשלאָפן.

אָבער שלאָפן לאַנג האָט ער ניט געקאָנט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געהערט געשרייען. די גאַנאָווים האָבן שוין אַראָפּגעשלעפּט בײַם אַלטן, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני און זיך געציילעמט, די נײַע שיך, בײַ אַ צווייטן

האָט מען אַראָפּגעריסן דאָס רעקל. מאַקס האָט זיך גראַדע געוואָלט אַרײַנ־מישן, ניט לאָזן, מע זאָל באַליידיקן אומגליקלעכע מענטשן, נאָר עמעצער האָט אים אַ טאָרע געטאָן, ער זאָל ליגן רויִק. דאָ איז פאַראַן אַ גאַנצע כאָפּטע נידערטרעכטיקע לײַט, פאַר וועלכע די פּאָליציייען האָבן מורע.

מאַקס האָט זיך צוגעקוקט צו די פּענעמער, צו די זשעסטן פון די מענטשן, צו זייער אַרט ריידן — אַלץ איז אים געגאַן אין לעבן אַרײַן. צום ערשטן מאָל איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ מין געזעלשאַפט.

אופגעכאַפּט האָט זיך מאַקס פונעם שלאָף, ווען ער האָט דערהערט אַ שטאַרקן געשריי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פײַנע פּאָר ווערטער: „פּסיאַ קרעוו!“.

די טיר האָט זיך ברייט צעעפנט, און אין דער באַגלייטונג פון דרײַ וועכ־טער איז אַהער אַרײַנגעקומען אַ טרוקענער, שלאַנקער און אויסגעפּוצטער פּאָליציי־טשינאָווניק מיט אַ פאַרשטיינערט געזיכט און צוויי אַרומלויפנדיקע אייגעלעך פון אַן אומבאַקאַנטן קאָליר. ער האָט מיט עקל און כוצפּע אָפּגע־מאָסטן די אַרעסטאַנטן, וואָס זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פון די נאַרעס און זיך געגומען אויסשטעלן אין אַ לאַנגער ריי. אין אַ פּאָר מינוט, ווען אַלע זײַנען געשטאַנען אָנגעשטרענגטע, איז ער זיך שנעל דורכגעגאַנגען לענגויס דעם „סטראָי“, גלײַך ער זאָל וועלן עמעצן דערקענען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, גענומען דאָס פּעקעלע דאָקומענטן, וואָס אים האָט אונטערגעטראָגן אַ וואַכ־מאַן, און אָנגעהויבן זיי דורכקוקן.

— מיר איז שוין, פּסיאַ־קרעוו, נימעס געוואָרן האָבן צו טאָן מיט אײַך, לײַזיקע כאַמעס! — האָט ער זיך געבייזערט. — אַלעמען וואָלט מען אײַך געדאַרפט אופהענגען, וואָלטן מיר פּאָטער געוואָרן פון אײַך. אָף דער טליִע! פּאַסקודעס נימעסע!

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אייניקע, די „גליקלעכע“, האָט ער אויסגעזידלט מיט זײַן צינישער צונג און אַרויסגעטריבן פון דער קאַמערע, אַנדערע געהייסן זיך שטעלן אין אַ זײַט — מיט זיי וועט ער, הייסט עס, פירן אַ באַזונדערן געשפּרעך. און אָט האָט ער גענומען מאַקס׳ פּאַס, דורכגע־בלעטערט און אַרויסגערופן דעם באָכער אָף דער מיט קאַמערע:

— מאַקס קרייסלער ווער איז דאָ?

— איך, פּראָשע פּאַנע... — האָט ער זיך ניט מיטאַמאָל אָנגערופן און אָן איבעריקן כיישעק געמאַכט דרײַ שפּאַן פאָרויס.

דער אָפיצער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרניכטנדיקן בליק און אויסגעשריגן:

— שווײַג, טײַוול! איך וועל דיר באַווײַזן, פּסיאַ־קרעוו. דיך האָט מען שוין עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן אָפּן וואָקזאַל, און דו דרייסט זיך נאָך אַלץ אַרום איבער אונדזערע גאַסן? וואָס פאַר אַ ניט־גוטער האָט דיך געבראַכט אַהער? פון קאָלאָמייע איז האָט עס דיך פאַרטראָגן אַהער אין דער הויפּט־שטאָט! דו ווילסט שפּאַצירן איבער מאַרשאַלקאָווסקע, גאַנווענען בא די ער־לעכע פּאַנעס, פאַרשמוצן אונדזערע גאַסן?

ער האָט פאַרהויבן דעם פּויסט, נאָר מאַקס האָט אַף אים אַזוי אַ קוק געטאָן, אַז יענער האָט אים אַראָפּגעלאָזט:

— ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט באַליידיקן אומשולדיקע בירגער? איך וועל זיך אין סיים ווענדן!

— שווײַג, כאַם! — האָט ער איבערגעשלאָגן. — אַזאַ הונט, אין סיים

וועט ער זיך גיין קלאָגן! איך וועל דיר, כאַזערישע צורע, באַווײַזן!

ער האָט גענומען אַ בלײַער, עפּעס אָנגעשריבן אַפן פּאַס, אוועקגעלייגט אַ שטעמפּל און אים אַ שלײַדער געטאָן צו זײַנע פּיס:

— באַקום, פּסיא־קרעוו, און זאָג אַ דאַנק, וואָס איך האָב אַף דיר ראַכ־מאָנעס. אין פיר און צוואַנציק שאָ אַרום זאָל דײַן פוס ניט זײַן אין שטאָט. טאָמער פּאַקט מען דיך נאָכאַמאָל, וועסטו פאַרפוילט ווערן אין טורמע באַ אונדז. פאַרשטאַנען?

מאַקס קרייסלער האָט אופגעהויבן פון דיל זײַן פּאַספּאָרט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אײַ־אײַ, פּאַן! מעג מען דען שלײַדערן אַ מעלוכישן דאָקומענט? דאָרט שטייט דאָך אײַער צווייקעפּיקער אָדלער...

די אַרומיקע האָבן אויסגעשאָסן אַ שטאַרקן געלעכטער, און מאַקס, פּילנ־דיק אַף זיך דעם אָפּיצערס בײַסיקן בליק, האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. אײַן זאַך האָט מאַקסן געקימערט, וואָס יענער האָט אוועקגעשטעלט אַף זײַן ביכעלע אַזאַ געדיכטן שטעמפּל און עס וועט שווער זײַן אים אָפּמעקן. דאָס וועט אים שטאַרק שטערן פאַרבלײַבן אין שטאָט. מיילע, האָט ער זיך גע־טראַכט, מאַקס, ער וועט זיך ניט נעמען שטאַרק צום האַרצן. די וועלט איז ברייט, און פאַר אים וועט זיך געפינען אַן אָרט. אים האָט געאַרט דאָס, וואָס ער וועט זיך צעשיידן מיט אַנשל קרייטשמאַנען, מיט טעוויען, מיט אָטעלאָן.

מאַקס האָט געמיינט, אַז דערמיט האָט זיך געענדיקט דער איניען, נאָר באַ דער טיר האָט אים אַ וועכטער אַ כאַפּ געטאָן באַם אַרבל און אַרײַנגע־פירט אין אַ זײַטיקער קאַמערע, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער פאָטאָ־אַפּאַראַט אַף דרײַ פיס, ווי אַ קוילנוואַרפער אָדער ווי אַ האַרמאַט.

לאָזט זיך אויס, אַז מע וועט אים נאָך פאָטאָגראַפירן. דער בייזער אָפּיצער וויל, זעט אויס, באַקומען פון מאַקסן אַן אָנדענק, אַ פאָטאָגראַפיע...

מע האָט מאַקסן געצוווּנגען זיך שטעלן נעענטער צום אַפּאַראַט, צוגעלעטן די צעשויבערטע האָר און פאַרשפּיליען דאָס רעקל אַף אַלע קנעפּ. מע האָט אים אַראָפּגענומען אין פּראָפּיל און אַנפאַס.

ווען די נודנע פּראָצעדור האָט זיך געענדיקט, האָט מאַקס זיך אָנגערופן צום טורמע־אופזעער:

— פּראָשע פּאַנאַ, איר קאָנט מיר ניט זאָגן, ווען וועלן פאַרטיק זײַן די קאַרטעלעך און ווען דאַרף איך נאָך זיי קומען? איר זײַנט אַלע געוועזן הײַנט צו מיר אַזוי ברייטהאַרציק, אַזוי קאָרעקט און איידל מאַמעש אַף כידעש. און פאָטאָגראַפירט מיך אומזיסט! ווען איר גיט מיר נאָך אַ פּרעזענט, וואָלט איר געוואָרן אַן עכטער דזשענטלמען!

— וואָס? — האָט יענער אויסגעסטאַרטשעט די אויגן. — דו רעדסט נאָך? א מאַטאָנע, א קאַרטל ווילסטו בא אונדז באַקומען? און א טשאַכאָטקע ווילסטו ניט? לויט די קאַרטלעך וועלן מיך דיך אפילע אונטער דער ערד געפינען און איינזעצן אין טורמע, טאָמער יאָוועסטו זיך נאָכאַמאָל אין שטאָט...

מאַקס האָט זיך פּאַמעלעך געלאָזט צו דער טיר:

— איי, ניט גוט אזוי! מע טרייבט מיך ארויס פון דער שטאָט. מעגלעך, אז מיר וועלן זיך שוין מיט אייך קיינמאָל ניט זען, און איך וועל שטאַרק בענקען, קאָנט איר מיר ניט געבן קיין קאַרטל?

יענער האָט אָף אים א טופּע געטאָן מיטן פּוס, און מאַקס איז ארויסגעשפּרונגען פון דער קאַמערע און זיך שנעל געלאָזט גיין. ער איז צוגעגאַנגען ביזן ראָג און זיך אָפּגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט, ווי ער זאָל וועלן פאַרגעדענקען, ווו האָט ער פאַרבראַכט די נאַכט.

מע קאָן ניט זאָגן, אז מאַקס האָט געהאַט שטאַרק כאַראַטע, וואָס ער איז אריינגעפאַלן אהער. פאַרקערט. אויסשלאָפן זיך גוט האָט ער ניט געקאָנט, נאָר דערפאַר האָט ער געזען אזעלכע מענטשן, געהערט אזוינע רייד, וואָס וועט אים, מעגלעך, אמאָל צוניץ קומען!

אַלץ מוז א מענטש וויסן, אַלץ פאַרזוכן! נישקאָשע, פון אים איז גאָרניט אראָפּגעפאַלן, און געזען, געהערט האָט ער זייער א סאַך. א דאַנק דערפאַר פאַר דעם. עס האָט געקאָנט זיין פיל ערגער.

מאַקס האָט געשפּאַנט איבער דער גאַס מיט זיין קלומעקל אונטער דער האַנט, געזען פאַר זיך מענטשן, נאָר געטראַכט וועגן יענע, מיט וועמען ער איז אָקאָרשט געזעסן אין קאַמערע. דאָרטן האָט ער געזען עמעסע גאַנאָווים און קאָרטנשפּילער, פאַרפּוצטע, איידעלע, פאַר וועלכע דער טורמע־נאַטשאַלניק איז געווען ניספּאָקאָל און זיך שיר ניט אנטשולדיקט, לעמיי זיינע אגענטן האָבן זיי געבראַכט אהער, געצוווּנגען איבערנעכטיקן אין אזעלכע באַדינגונגען — דאָס, הייסט עס, איז געווען פּאָשעט א מיספאַרשטייעניש, ניט מער און ס'וועט זיך מער ניט איבערכאַזערן כאָלילע. דאָ זיינען געווען אָרעמע, אומגליקלעכע, אַרבעטלאָזע מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין דאַך, און וואַלגערן זיך, פּונקט ווי ער, מאַקס, ווו עס מאַכט זיך. ער האָט דאָ געזען פּאַנאַטיקער — יינגלעך, וועלכע האָבן, זעט אויס, זיך אָנגעלייענט מיט דעטעקטיוו־ביכלעך און געוואָלט אזוינס אופטאָן, זיי זאָלן ווערן באַוווּסט, און אריינגעפאַלן צו די פּאָליציאַנטן אין די הענט. נאָך האָט ער דאָ געזען יענע, וואָס פירן א קאַמף קעגן דער פאַלשער רעגירונג, אריינגעפאַלן, בעשאַס מע האָט פאַנאַנדערגעקלעפּט אָף די ווענט פלוגבלעטלעך, געזען די שטאָלצע כעוורע, וואָס זיינען געשטאַנען מיט פאַרהויבענע קעפּ און ניט מוירע געהאַט פאַרן בייזן נאַטשאַלניק. אין זייערע אויגן האָט געברענט דער האַס צו די טורמע־לייט און צו זייער גאַנצער אָרדענונג, וועלכע זיי פאַרטיידיקן און היטן אָפּ אזוי לײַדנשאַפטלעך, מיט א הינטישער איבערגעגעבנקייט. די יונגע בונטאַרן האָט מען אָפּגעשליידערט אין א זייט. מיט זיי וועט מען באַזונדער שפּרעכן... אַנדערע האָט מען אָנגעטאָן אָף די הענט שטאָ־

לענע בראסלעטן. קוקנדיק אף זיי, האָט מאַקס זיך דערמאָנט אפּסנײַ אין אילקאָ זאַגולן, אין זײַנע ריכטער, וואָס האָבן אים אַרײַנגעשלײַדערט אין טורמע אף גאַנצע צען יאָר. מע וואָלט זיך געדאַרפט דורכגיין צו דער טורמע, עפּשער וועט ער כאָטש דורך די גראַטעס דערזען אילקאָ זאַגולן? נאָר נייך, ער טאָר אין ערגעץ ניט גיין! ער איז אַ געשטעמפּלטער און מוז גלײַך פאַרלאָזן די שטאָט.

מאַקסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין קאַמערע האָט ער דערזען עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס ער האָט שוין געזען אין טעאַטער — מאַקסים גאָרקיס פּיעסע „אפֿן דעק", געזען אַ שטיק „דעק" פֿון דער גרויסער שטאָט. ער וואָלט, דאַכט זיך, געקענט פֿאַרשטעלן אַלע, וועמען ער האָט דאָרטן געזען, געקענט רעדן, אַזוי ווי זיי, גיין, לאַכן, זיך בייזערן, זיך קריגן, אַזוי ווי זיי. פֿאַר אַ קורצער צײַט איז פֿאַר זײַנע אויגן דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע גאַלעריע פֿאַרשיידענע מענטשן, פֿאַרשיידענע כאַראַקטערן...

אַלץ איז געווען גוט, נאָר די שטימונג איז מיטאַמאָל קאַליע געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער, אויסערן געזעץ. ער מוז גלײַך פֿאַרלאָזן די שטאָט און קיינמאָל זיך אַהער ניט אומקערן. אַזוי האָט באַשטימט יענער פֿאַרשוין, וואָס האָט אים אויסגעזידלט, באַליידיקט און אוועקגעשטעלט אַ שטעמפּל אף זײַן פּאַס.

צײַט איז געבליבן ווייניק. מע קער אים שוין נאָכשפּירן. עפּשער וואָלט ער געדאַרפט אַרײַנגיין צו אַנשל קרייטשמאַנען און זאָגן, אַז ער זאָל זיך זוכן אַן אַנדער טעוויע, אַן אַנדער אָטעלאָ. נאָר יענער וועט דערציטערט ווערן, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז מאַקס איז דאָ ניט קיין געוויינטלעכער מענטש און געווען אין טורמע, אַז מע טרײַבט אים אַרויס דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ הימלאָזער.

גוט. ער וועט אַהין ניט גיין. נאָר מע דאַרף זיך אַראָפּכאַפּן אף דער סטאַנציע צו זײַנע גוטפֿרײַנט, די טרעגער, און זיך מיט זיי געזעגענען. זיי האָבן אים די גאַנצע צײַט אַזוי האַרציק אונטערגעהאָלפֿן, מאַמעש געראַטעוועט.

אף יענעם אָרט, ווו מאַקס פֿלעגט אָפּט טרעפֿן די מענטשן, איז שוין קיינער ניט געווען, און ער האָט זיך געלאָזט גיין לענגויס דעם אײַזנבאַן־אָנשיט. מאַקס איז לאַנג אַזוי געגאַנגען, פֿאַרטאָן אין זײַנע פֿאַרנעפּלטע מאַכשאָוועס. און ערגעץ אין אַ זײַט דערזען אַ גרויסן הורט פֿי. ניט ווײַט פֿונעם הורט, אַרום אַ קליין שײַטערל, זײַנען געזעסן עטלעכע הורטנטרײַבער און איבערגעביסן פֿאַר אַ ווײַטן וועג. מע האָט זיך אף אַ קאָל וועגן עפּעס געאַמפּערט, געקריגט, און מאַקס האָט זיך אײַנגעהערט, געוואָלט פֿאַרשטיין, וואָס קימערט אַזאַ פֿײַנע כעוורײַע.

עמעצער האָט אים אַ רוף געטאָן, און מאַקס האָט זיך אומגעקוקט, דערזען אַ קליינוווקסיקן, דיקן דײַטש מיט אַ פֿעט פּאָנעם, אין אַ גרויסן קאַפּעליוש, אין אַ קורץ מאַנטעלע, וואָס האָט אים געמאַכט, ווי אַ פּאַס.

וואָס וויל דער מענטש האָבן פֿון מאַקסן? וואָס האָט ער אים אָפּגעשטעלט? לאָזט זיך אויס, אַז דאָס טרײַבט מען דעם הורט קיין דײַטשלאַנד,

צו דער גרענעץ, הייסט עס. און אויב דער מענטש, דאָס הייסט מאקס, וויל העלפן טרייבן דעם הורט, וועט מען אים נעמען מיט זיך און פיין באצאָלן.

— יאָ, מיט גרויס פארגעניגן! — האָט זיך אָנגערופן מאקס, און זיין פּאָנעם האָט זיך צעשיינט. — איך בין אמאָל טאקע געווען א פּאסטעך אין די קארפּאטן, אין די בערג. ביטע שיין, איך זוך טאקע ארבעט, און מיר איז אַלציינס, ווו ארבעטן און בא וואָס.

מאקס האָט געקוקט אף דעם אָנגעפּרעסענעם, פעטן דייטש מיט דאנק־באַרקייט. ניט אנדערש, ווי ער, מאקס, האָט נאָך א שטיקל מאזל. דער אומ־דערוואַרטער פאָרשלאָג האָט אים עמעס דערפרייט. יאָ, ער וועט מיט גרויס כיישעק העלפן איבערטרייבן דעם הורט קיין דייטשלאנד. ער ווייסט די ארבעט, ער האָט אמאָל געפּאשעט שאָף און רינדער אין די קארפּאטן. מיט סקאָט איז ער באקאנט, מאקס. אָט ערשט ניט לאנג האָט ער זיך באגעגנט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דעם מין אין טורמע־קאמערע און זיי האָבן גע־שטעלט א שטעמפּל אף זיין פּאס, באפוילן פארלאָזן די שטאָט און מער אהער נישט קומען...

אין עטלעכע מינוט ארום האָבן די כעוורע הורטנטרייבער און פּאסטע־כער פארבעטן מאקסן, ער זאָל זיך זעצן מיט זיי נעמען עפּעס אין מויל אריין. דער פאָרשלאָג איז אים גאָר געפעלן געוואָרן. ער איז איצט געווען הונגעריק, ווי א וואָלף.

ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן אריינגיין אין זיינע רעכט, איז שוין מאקס געווען באקאנט מיט אַלעמען. געגומען א לאנגע בייטש אין די הענט, ווי אנדערע, צוגעבונדן זיין קלומעקל צו די הערנער פון א געזונטן אָקס, און — היידא! — אין אומבאַוווסטן וועג אריין.

אַלץ איז געווען אין פולער אָרדענונג. בא דער זייט פון ברייטן שליאך, דאָרט, ווו די גראָזן האָבן זיך שוין אופגעהויבן, האָט זיך באוועגט אן אומ־ענדלעכע טשערעדע. דער וועג האָט זיך געצויגן אף מייַרעוו. עס איז פּאָר־געשטאנען דורכמאכן א ווייטן וועג, נאָר מאקסן האָט דאָס ניט געקימערט. דער וועטער איז געווען א גוטער, און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו יענעם לאנד, וואָס איז אים געווען באקאנט פון די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, און פון די דערציילונגען, וואָס ער האָט געהערט פון שימשענען. געוווּסט האָט ער ניט אזוי וועגן דעם לאנד, וועגן דייטשלאנד, ווי וועגן אירע דיכ־טער און מוזיקער, דענקער און אקטיאָרן, דעריקער וועגן דעם בארימטן זיגפריד לייַנארדן.

יאָ, מיט אזא לאנד איז קעדיי זיך באקענען! עפּשער וועט אים אין דעם באהילפיק זיין דער צופאַל מיט דער טשערעדע, מיט אָט דעם אומרויקן און טומלדיקן הורט?

מאקס האָט געשפּאנט מיט דער לאנגער בייטש אין דער האנט, אונטער־טרייבנדיק די גרויסע אָקסן, וואָס האָבן אף אים געקוקט קרום מיט זייערע גאזלאָנישע אויגן. ער האָט פארשטאנען, אז ס׳שטייט אים פּאָר ניט קיין לייַכטער וועג, נאָר, נישקאָשע, דער הימל איז נאָך ניט בא דער ערד. עס עפנט זיך א שפּאָגל־נייַ בלעטל פון זיינע וואנדערנישן איבער דער זינדי־

קער ערד. ער וועט נאָך א פּרווו טאָן זײַן מאזל אין דער פרעמד. וואָס אָנ־צוווערן האָט ער ניט, נאָר דעראָבערן קאָן ער א סאך, אויב, פארשטענדלעך, דאָס וויסטע מאזל זײַנס וועט זיך צו אים ניט אויסדרייען מיטן רוקן.

— עהיי! הײַדאַ! — האָט געשריגן אַף זײַנע אונטערטעניקע מאקס, שענקענדיק זיי גוטע שמיץ מיט דער בײַטש, זיי זאָלן זיך פירן סטאַטעטשנע אין וועג און זאָלן אים פאָלגן.

מע קאָן ניט זאָגן, אז זיי זײַנען געווען גאָר באגײַסטערט פון זײַנע גע־שרייען און קלעפּ, נאָר אן אנדער ברירה האָבן זיי געהאַט — מע האָט גע־שטעלט פיס און געטשיפּעט באם שליאך דאָס פרישע גראָז, וואָס האָט זיך ניט לאנג ארויסגערוקט פון דער ערד, מעכײַעדיק געשמעקט און געווען זייער באטאמט.

די בײַטש אין דער אויסגעצויגענער האַנט, דאָס היטל אַף א זײַט, דעם קאָלנער פונעם העמדל צעכראסטעט, איז מאקס געווען ענלעך אַף אן עמעסן פּאסטעך.

איבערן קאָפּ איז געהאנגען א לויטערער הימל, און די זון האָט מעכײַע־דיק געוואַרעמט. פאר די אויגן האָט זיך געשפּרייט א גלײַכער, גרינער און ווײַטער וועג, וואָס האָט געפירט אַף מײַרעוו צו אן אומבאקאַנט לאנד. וואָס וועט דאָרטן זײַן, האָט מאקס ניט געוואָלט טראכטן — וועגן דעם זאָל זיך גאָט זאָרגן. דערווײַל איז אים געווען גוט און פרײלעך אפן הארצן. איז ער געגאנגען און זיך אונטערגעבאָמקעט א ניגן, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט פארלאָזט, — יענער זעלבער, וואָס עסטערקע שאַפּיראָ האָט אזוי וווּנדער־לעך און אָפט געצויגן.

אין דער פרעמד

עס האָט זיך אים אפילע ניט געכאָלעמט, אז געווײנלעכע אָקסן און בעהיימעס, אומשולדיקע באשעפענישן, גאָט די נעשאָמע שולדיקע, וועלן אים אזוי אומדערוואַרט איבערפּעקלען אין גאָר אן אנדער וועלט!

אים האָט זיך ניט געכאָלעמט, אז זיי וועלן שפּילן אזא ראָל אין זײַן גוירל.

העכער זעקס וואָכן האָט ער געשפּאנט מיט דער בײַטש אין דער האַנט איבער אומבאקאַנטע וועגן און שטעגן, איבער ווילד־פרעמדע קאַנטן, הײַ־זעריק געוואָרן, ווי א שטיק האָלץ, שרײַענדיק און אײַנטײַנעדיק מיט דער טשערעדע, זי זאָל האָבן גאָט אין הארצן, זיך פירן לײַטיש, ניט צעקריכן זיך אין אלע זײַטן, נאָר יענע האָבן אים און זײַנע קאָלעגן געהערט, ווי דעם ווינט, זיך געטאָן זייערס, און גיי רוף זיי קנאַקניסל!

דעם גאנצן טאָג זיך געשלעפּט אונטערן היציקן הימל, זיך געווייקט אונטער רעגנס, געקנאָטן די בלאָטע, האָט מען זיך פארנאכט אָפּגעשטעלט אין פעלד, צעלייגט די שײַטערס, ווי־ניט־איז געשטילט דעם הונגער, זיך דערוואַרעמט באם פײַער, אויסגעטריקנט די בגאָדים. אָפּגעשטופּט די נאכט,

האָט מען זיך גאנצפרי געלאָזט ווײַטער אין וועג ארײַן, געגאנגען אין געהאקטע ווונדן, ניט פילנדיק די פיס.

די הייסע ווינטן האָבן אין וועג געטרייבערט די נעשאָמע. מיט יעדן טאָג איז דער וועג געוואָרן שווערער. ניט בלויז די מענטשן, נאָר דאָס פי האָט שוין אויך קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס, ניט געפּאָלגט, און עס איז אויסגעקומען זיך אָפּטער אָפּשטעלן, ווארטן, ביז דאָס פי וועט זיך גוט אָנפּאשען, עס זאָל קאָנען גיין ווײַטער.

דעם עמעס זאָגנדיק, איז בלויז די ערשטע עטלעכע טעג מאקס צופרידן געווען מיטן לעבן, מיט זײַן נײַעם אמט — א הורטנטרײַבער און פּאסטעך פון אזא גרויסער טשערעדע. די ערשטע עטלעכע טעג האָט ער געזונגען, זיך געכאָכמעט, דערציילט זײַנע קאָלעגן ווונדערלעכע און פריילעכע געשיכטעס, פון וועלכע יענע האָבן געקײַכט פון געלעכטער. שפּעטער איז ער געוואָרן שווײַגעוודיקער, ווייניקער זיך אונטערגעזונגען, ביז ער האָט אינגאנצן פארלוירן די שטימונג און דאָס לאָשן.

ביסלעכווײַז זײַנען אים נימעס געוואָרן די אומעטיקע לאנדשאפטן, וואָס זײַנען אינגאנצן ניט ענלעך געווען אף יענע, פונוואנען ער האָט זיך אהער דערקליבן. זײַנע אונטערטעניקע האָבן אינגאנצן אופגעהערט פּאָלגן, געטאָן וואָס זיי האָט זיך געגלוסט. די בעהיימעס און אָקסן, וואָס זײַנען געווען פארמאטערט, האָבן אף אים געקוקט מיט בארויגעזע אויגן, פונקט ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער פון זייערע צאָרעס, שולדיק אין דעם, וואָס עפּעס א דיקער דײַטש האָט זיי אָפּגעריסן פון זייערע טרײַע באלעבאטים און באלעבאָסטעס, פון די ווארעמע און גוטע שטאלן און קאָרעטעס, און מע טרײַבט זיי אין אויסרײַסעניש, עפּשער אפילע צו דער שכיטע אין די דײַטשישע בויניעס ארײַן. און טאקע, מיט וואָס האָבן זיי זיך בא מאקסן פארזינדיקט? מעגלעך, אז זיי זײַנען געווען אָנגעדראָלן דערפאר, וואָס מע טרײַבט זיי אזא ווײַטן וועג צופוס, און מע פירט זיי ניט אין די וואגאָנעס, ווי אנדערע? וואָס האָט מאקס געקאָנט וויסן? דער באלעבאָס איז א מענטש, וואָס פארשטייט אין קאָמערציע און אויסגערעכנט, אז אזוי וועט אים קאָסטן וועלעכער און ער וועט מער ארײַנלייגן אין קעשענע...

ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, נאָר מאקס׳ געוויסן איז דאָ געווען ריין. מע האָט אים געגעבן אזא ארבעט, האָט ער זיך פאר איר גענומען און זיך ניט פארטראכט.

מיט יעדן טאָג איז אים שווערער געוואָרן, און ווען ער האָט א טעווע פון שילטן, וואָלט ער פארשאָלטן די ביינער יענעם דײַטש, די זשאנדארמען פון דער שטאָט, פון וועלכער מע האָט אים ארויסגעטריבן.

אָבער אים האָט געשראָקן איצט גאָר עפּעס אנדערש. מיט יעדן טאָג האָט ער זיך דערווײַטערט פון זײַן היים, פון די שיינע קארפּאטן, ווו עס איז דורכגעגאנגען זײַן קינדהײַט און שווערע יוגנט. איצט האָט ער געזען די גרינע בערג און וועלדער בלויז אין כאָלעם. עמעס, קיין גרויס גליק און פרייד האָט ער דאָרט ניט געהאט, נאָר דאָך איז דאָס הארץ פארקלעמט געוואָרן פון איין געדאנק, אז ער וועט שוין ניט אזוי גיך קאָנען קומען אהין,

צו יענעם מילדן און שטרענגן קאַנט, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט ניט ווייניק נאַכעס. דאָרטן האָט ער זיך באַגעגנט מיט גוטע, עכטע מענטשן, אַ סך איבערגעלעבט און דערצו נאָך זיך דערוווּסט די זיסקייט און די ביטערקייט פֿון דער ערשטער ליבע...

נאָר ווי זאָגט עס דאָס ווערטל — אַז מע גאַנוועט אַרויס דאָס פֿערד, מעג מען שוין די שטאַל ניט פֿאַרשליסן. איצט איז שוין שפּעט געווען כאַראָטע האָבן. ער איז שוין דורכגעגאַנגען אַזאַ גרויסן און שווערן וועג, איז שוין געבליבן ווייניקער. אים האָט זיך שוין געוואָלט וויסן, וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער, וואָס וועט אים ברענגען דער מאָרגעדיקער טאָג. זאָל זיך נאָר ענדיקן דער שווערער וועג, וועט ער זיך שוין יאַקאָס געבן אַן אײַצע. שיקט זיך, אַז דאָרטן, אין דער נײַער וועלט, זאָל זיך ניט געפֿינען פֿאַר אים אַ שטיקל פּלאַץ און ער זאָל זיך פֿאַרזעצן מאַטערן, איבערלעבן נײַע דערנידעריקונגען, צאָרעס, אומגליקן?

אַזאַ איז דער געזעץ פֿון יעדער וועג — ווי ער זאָל זיך ניט ציִען, נאָר ווען־ניט־איז מוז ער זיך ענדיקן, מוז צו אים קומען אַ סאָף!

אויך איצט האָט זיך דער וועג אומדערוואַרט פֿאַר מאַקסן געענדיקט, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן.

אין איינעם אַ שטילן פֿרימאָרגן, ווען דאָס אײַנגעאַקשנטע רעגנדל האָט אויפֿגעהערט שמײַסן און דער הימל איז געוואָרן ליכטיקער, זוניקער, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אין דער שײַן פֿון די זון־שטראַלן טשערעפּענע דעכער פֿון הײַזער און געבײַדעס, עטלעכע שפּיצן פֿון קירכעס, אַ שטיק צעמאַזיקטע דײַטשישע פֿעסטונג, הויכע ווענט, אַרומגעצירטע מיט ווילדע ווײַנטרויבן־קוסטעס, זעט אויס, אַן אַלטער פּאַלאַץ, און ביסלעכווײַז איז פֿאַר די אויגן אַרויסגעשוווּמען אויף אַ באַרג אַ דײַטשישע שטאָט.

מע האָט זיך מיט דער טשערעדע אַראָפּגעלאָזט אין אַ גרינעם טאָל און פֿאַרקערעוועט צו אַ גרויסער געבײַדע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּלויט. פֿון יענער זײַט האָבן זיך אַהער דערטראָגן שרעקלעכע קויִעס פֿון אָקסן, אַ געררוך פֿון בלוט און דזשעגעכץ...

די טשערעדע איז געבליבן שטיין אינמיטן וועג, זיך צונויפֿגעשלאָגן אין איין קופּע און ניט געוואָלט גיין ווײַטער.

מאַקס האָט זיך ניט מיטאַמאָל אָנגעשטויסן, פֿאַרוואָס ווילן ניט גיין ווײַטער זײַנע אונטערטעניקע, וואָס איז געשען. זיי האָבן דערפֿילט די ערשטע דעם רייעך פֿון בלוט, פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס שרײַען אַזוי די אָקסן. מע האָט זיי, הייסט עס, געבראַכט אין בוינע אַרײַן!

די טשערעדע האָט זיך צערעוועט, ווי מע זאָל זיך באַגריסן צו יענער, וואָס איבערן הויכן פּלויט. מאַקס האָט דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ ווערט צעריסן. ער האָט ראַכמאָנעס געהאַט אויף די אָקסן און בעהיימעס, וואָס זײַנען אים פֿאַרן וועג געוואָרן טײַער. דורכגעמאַכט אַזאַ ווײַטן און שווערן וועג, און מע וועט זיי גלײַך אַרײַנטרײַבן אין בוינע אַרײַן, די בלוטדאָרשטיקע קאַצאָווים זאָלן זיי לאָזן אונטערן מעסער?!

פאריסן די הערנער צום הימל, האָבן די בעהיימעס אופגעהויבן נאָך א גרעסערן גוואלד — אלע איניינעם, ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט. אין די געשרייען איז געווען א געבעט, מע זאָל זיי שאנעווען, אָפּפירן צוריק אהיים צו זייערע באַלעבאָסטעס.

פון יענער זײַט פלויט האָבן זיך נאָך שטארקער צערעוועט די אָקסן, און געדאכט האָט זיך, אז דער גאנצער ארום רײַסט קריַע.

מאקס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אף אזא כאסענע, און דאָס הארץ האָט געגנומען נאָגן פון דעם געשריי. ער האָט ניט געקאָנט קוקן אף זײַנע אונטערטעניקע און זיי שוין מוכל געווען דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אין וועג געפירט ניט לײַטיש און אים אזוי ארויסגעפירט אָפּט פון די קיילים, אזוי דערקוטשעט. ער איז אפילע מוכל געווען יענע, וואָס האָבן זיך אף אים געוואָרפן און געוואָלט נעמען אף די הערנער, לעמײַ מישט ער זיך ארײַן אין זייערע פערזענלעכע איניאָנים.... אָבער העלפן האָט ער זיי מיט גאָרניט ניט געקאָנט. ער האָט פארשטאנען, אז אין א שטיקל צײַט ארום וועלן זיך צע־עפּענען די ברייטע טויערן פון דער בויניע און ארײַנשלינגען די גאנצע טשערעדע, דעם גאנצן הורט.

איין זאך האָט אים יאָ געפרייט, — עס האָט זיך געענדיקט דער שווע־רער וועג, ער איז שוין אין דײַטשלאנד.

און ווירקלעך, אין א פּאָר שאָ ארום איז דער דײַטש מיטן גרויסן קאפּע־ליוש און קורצן רעקל — דער באַלעבאָס פון דער טשערעדע — מיט א דיקן ציבעק אין די ציין געקומען צו פאָרן פון שטאָט אף א קליינגענדיקער בריטשקע, אף א פּאָר ווײַסע, בייזע פערד געקומען, צונויפגענומען די הורטנ־טרײַבער און פאסטעכער, זיך מיט זיי צערעכנט, געגעבן אף שנאפּס און גע־הייסן זיך גלײַך אומקערן צוריק, אהין, פונוואנען זיי זײַנען געקומען. ווײַל אויב די גרענעץ־וואך וועט זיי פארהאלטן, וועט זײַן ביטער, קאָן מען ארײַנ־כאפּן דעם עמעסן כיילעק.

געוויס! ווי זשע קאָן זײַן אנדערש? זאָל מאקס נאָר איבערכאפּן דעם אָטעם, קומען צו־זיך נאָכן ווײַטן און שווערן וועג, וועט ער גלײַך ווערן ניט קיין היגער, וועט ער גלײַך פארקערעווען די האָלאָבליעס!

מאקס האָט אונטערגעשמייכלט. איצט הערט ער שוין דעם פּעמפּיק פאר א דרײַער! ער ווייסט שוין אליין, וואָס ער האָט צו טאָן.

די הורטנטרײַבער האָבן זיך ארײַנגעכאפּט אין א שענקל, פּײַן איבער־געביסן, גוט אויסגעטרונקען, אָפּגעזונגען עטלעכע היימישע לידלעך, און מע האָט זיך געדארפט געזעגענען.

מאקס האָט געזאָגט, אז ער מוז זיך ארײַנכאפּן דאָ ניט ווײַט צו א קאָ־רעוו, אָפּגעדאנקט די כעווירע פאר אזא גוטער רײַזע, געווונטשן גליק און זיך געלאָזט מיט זײַטיקע שטעגן ארוף אין שטאָט ארײַן.

נישקאָשע, קאָוואליוקע און קאַלאָמייע וועלן אים שטענדיק אופנעמען מיט פרייד, נאָר מע דארף א קוק טאָן, וואָס איז דאָס אזוינס דײַטשלאנד. ער דארף זיך דערקלײַבן קיין בערלין. פּאָרט א גרויס שטעטל, זאָגט מען, און ער וועט דאָרטן א טאפּ טאָן אין וואָגן, א פּרווו טאָן דאָס מאזל.

ער האָט זיך פּאַוואָליע דערקליבן צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע. זיך דער־וווסט, וויפֿל עס קאָסט א בילעט קיין בערלין, האָט ער זיך געכאַפּט פּאַרן קאָפּ. ער וועט מוזן אָפּגעבן זײַן גאַנצן פֿאַרדינסט. און דאָס איז ניט קיין געדאַנק. וועד ווייסט, ווען וועט ער נאָך קענען פֿאַרדינען עטלעכע מאַרק?

דאָ האָט ער זיך גראַדע דערמאָנט, אז ער האָט אַמאָל דורכגעמאַכט ניט קיין שלעכטע נעסיע אָן שום בילעט, ווען דער וואַנדער־טעאַטער איז איבערגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, און מאַקס האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די פּראַכט־צוגן, וואָס זײַנען געשטאַנען אף די רעלסן.

ביז טיף אין דער נאַכט האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט און זיך אָנגע־שלאָגן אף „זײַן צוג“. דאָס איז געווען א לאַנגער פּראַכט־עשעלאָן, וואָס איז געגאַן אף מײַרעוו.

און אזוי ווי די דײַטשישע וואַגאָן־באַגלייטער זײַנען, זאָגט מען, די סאַמע פּינקטלעכסטע און אַקוראַטע אין דער וועלט, זײַנען שטענדיק אף דער וואַך, דאָך כאַפּט זיי אָן אינמיטן דער נאַכט דער שלאָף און די ריִע ווערט באַ זיי אָפּגעשוואַכט, האָט אונדזער וואַנדערער טאַקע זיך ארײַנגעכאַפּט אין א וואַגאָן מיט היי, זיך באַהאַלטן אין א ווײַט ווינקל. און אינגיכן האָט ער זיך געריִרט, דער צוג.

לאַנג האָט ער זיך נעבעך געשלעפּט, נאָר מערער געשטאַנען אין די סטאַנציע־טופּיקעס, ווי ער זאָל אף עמעצן וואַרטן. נאָר מאַקסן האָט דאָס ווייניק וואָס געקימערט. ער איז די גאַנצע צײַט געשלאָפֿן און האַנאָע גע־האַט פֿון דער וועלט. איצט איז ער שוין געווען א געניטער וואַנדערער — פֿאַרכאַפּט מיט זיך א גרויסע בולקע מיט ווורשט. פֿון הונגער, הייסט עס, וועט ער שוין ניט שטאַרבן. פֿון דעם איז ער, דאַנקען גאָט, באַוואָרנט.

נאָר ווי אים איז דאָ ניט געווען גוט, איז דער וועג נימעס געוואָרן. ער האָט שוין געוואָלט קומען אף אַן אָרט, א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט?

שפּעט באַנאַכט, דעם צווייטן מעסלעס, האָט זיך מאַקס אופגעכאַפּט פֿון שלאָף, דערהערט, ווי דער צוג הייבט אָן גיין פּאַמעלעך. אַרויסגעקוקט דורכן קליינעם וואַגאָן־פֿענצטערל, האָט ער דערזען א סאַך פֿײַערן און געמיינט, אז דאָס איז שוין בערלין. „מע דאַרף אַראָפּשפּרינגען און גיין אין שטאָט ארײַן צופֿוס“, — האָט ער א טראַכט געטאָן. נאָר גיי שפּרינג, אז דו קאָנסט ברעכן די פֿיס, און אין דער פֿרעמד קאָנען זיי נאָך צוניץ קומען. וואַרטן, ביז דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן, איז אויך ניט קיין פּלאַן, ווײַל מע קאָן דאָרט א כאַפּ טאָן דעם אומזיסטיקן פּאַסאַזשיר, וועט ער שיין אויסזען. האָט ער צוגעוואַרט, ביז דער צוג האָט גענומען גיין נאָך שטילער, אַראָפּגע־שפּרונגען פֿון וואַגאָן און זיך געלאָזט גיין.

דאָ האָט ער דערזען, אז ער איז פֿרי אַראָפּגעשפּרונגען. די פֿײַערן האָבן אים אָפּגענאַרט. אהין, — צו זיי, איז נאָך גאָר־גאָר ווײַט. דערצו נאָך איז דאָס נאָך ניט בערלין. און אים וועט אויסקומען א שיינע עטלעכע שאָ שפּאַנען מיט די רעלסן צופֿוס.

מאַקס איז געשטאַנען און זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט. נאָך ניט גע־

קומען קיין בערלין, און אָט האָסטו דיר, דער ערשטער דורכפאל! דאָס איז ניט צו גוטן. און די שטימונג איז גלײַך בא אים געפאלן.

צוגעזעצט זיך אף א שטיין באם וועג, האָט ער ארויסגעשלעפט די רעשט בולקע מיטן ווורשט און מיט רעציכע גענומען עסן. געשטילט א ביסל דעם הונגער, איז אים לײַכטער געוואָרן, און כאָטש עס איז געווען טיפע נאכט, האָט ער באשטימט זיך לאָזן אין וועג ארײַן. פאר די אויגן האָבן געפינקלט טויזנטער עלעקטרישע פײַערן, זיך ערגעץ צונויפגעגאָסן אין א גאנצער סרייפע, און אהין האָט מאקס געהאלטן וועג, ניט אָפגעקערט אין א זײַט.

ער איז געגאן שנעל, אײַנגעאקשנט און באגעגנט דעם פרימאָרגן אונטער דער שטאָט בערלין. מאקס האָט פרײַער אָפגעאָטעמט. נאָר אײנצײַטיק האָט אים ארומגעכאפט א פאכעד פאר דער גרייס און ראכוועס פון דער הויפטשטאָט פון דײַטשלאנד. וווהין דארף ער פארקערעווען און צו וועמען זאָל ער זיך דאָ ווענדן, ווען אלץ און אלע זײַנען אים פרעמד?

פון די ערשטע טריט האָט אים גענומען אין געפענקעניש דער מוירעדיקער טומל פון די גאסן. מענטשן, טראמווײַען, מאשינעס, אווטאָבוסן — אלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין מוירעדיקן קנויל און זיך ערגעץ געיאָגט, ווי מע זאָל לויפן זיך ראטעווען פון אן אומגליק. אזא אופגערודערטע, אזא צעטומלטע וועלט האָט ער נאָך אין ערגעץ ניט געזען. ער האָט זיך געכאפט פארן קאָפ — צי דען וועט ער זיך אויך דארפן ארײַנגיסן אין דער ענגשאפט, אינעם געפילדער, קלינגערײַ, פײַפערײַ און יאָגן ערגעץ צוזאמען מיט אלע? וווהין? נאָך וואָס?

ער האָט זיך ארומגעקוקט אף זײַן הוילעך און זיך דערשראָקן. קיינער גייט דאָ ניט אָנגעטאָן אזוי, ווי ער. אלע טראָגן קאפעליושן, שיינע מאנטלען, נאָר ער טראָגט זײַן קארטוז, וואָס איז אָפגעבליאקעוועט אונטער דער זון, אויסגעצויאָגן אונטער די רעגנס. און דאָס רעקל אף אים זעט אויס מאָדנע, און די הויזן — געלאטעט און צעקנייטשט, די שקראבעס האָבן שוין דער באָבעס כיין.

מאקס האָט זיך קוים ארויסגעריסן פון דער מענטשן־ענגשאפט, פארקערעוועט אין א זײַטיק געסל, נאָר אויך דאָ איז געווען רוישיק, דערצו נאָך זײַנען די הויכע מויערן פון ביידע זײַטן געסל זיך צונויפגעגאנגען אזוי נאָענט, אז עס האָט זיך געדאכט, אז ווען מע שטרעקט אויס די האנט פון איין פענצטער, וואָלט מען געקאָנט דערלאנגען צום פענצטער פון דער צווייטער שטוב.

אײַנקוקנדיק זיך אין די פארדײַגעטע פענעמער פון די מענטשן, האָט ער געזוכט א באקאנט געזיכט, נאָר אומזיסט. ער האָט געוואָלט עמעצן אָפשטעלן און פרעגן, נאָר אלע זײַנען געווען פארדײַגעט, און קיינער האָט זיך ניט אָפגעשטעלט, מע האָט געײַלט, און כאָטש שרײַ גוואלד, איז נישטאָ מיט וועמען אויסריידן א וואָרט.

מאקס איז געשטאנען בא דער זײַט לעבן א וויטרינע און זי באטראכט. דער רועך זאָל דאָס נעמען, וואָלט זיך מיט אים עמעצער אָפגעשטעלט, ער זאָל קאָנען פרעגן, וווהין קערט מען זיך, צו וועמען דארף ער זיך דאָ

ווענדן, ווער וועט אים געבן ארבעט. פונעם ארומגיין איבער די גאסן וועסטו זאט ניט זײַן. און דערצו דארף מען נאָך וויסן, ווו וועט מען איבערשלאָפן די נאכט.

נאָר וואָס וועסטו טאָן, אז קיינער קוקט אפילע ניט אין דײַן זײַט, אויב ניט רעכענען יענע, וואָס ווארפן אויגן אף דײַן הוילעך. אלע זײַנען דאָ פארנומען בלויז מיט זיך, מע איז פארטאָן, פארהאַוועט. זאָלסט זיך אויסציִען אינמיטן גאס, שטארבן, וועט אויך קיינער ניט צוגיין, דיר ניט דערלאנגען קיין קווערטל וואסער, דיר ניט שטערן רויִק אָפּגעבן גאָט די נעשאָמע...

— אויך מיר א שטאָט! — האָט זיך געבייזערט מאקס קרייסלער. — טאקע געווען געדארפט אהער אזוי נאשפּיץ פליִען.

ער איז אלץ געגאנגען, ניט געפילט די פיס, ניט באמערקט, אז ער איז שוין ארויסגעגאן צום גרויסן פלאץ בא די בראנדענבורגער טויערן. עפּעס האָבן די גראָבע קאָלאָנעס און די צעפּאָלאָכעטע פערד איבער זיי ניט אויסגעזען אזוי פּרעכטיק, ווי ער האָט געלייענט; זיי האָבן געהאט א גאנץ וואָכעדיקן אויסזען. געווײנלעכע אָנגעדראָלענע קאָלאָנעס, אויסגעשמיסענע פון די רעגנס און ווינטן, זייער כמורנע. זיי זײַנען ניט געווען אינגאנצן ענלעך אף יענע פארביקע טויערן, וועלכע ער האָט געזען אין די זשורנאלן, אף די קאָלירטע פּאָטשט-קארטלעך. פּונקט אזא אײַנדרוק האָבן אף אים געמאכט די דיקע ווענט פונעם רײַכסטאג, דער בלעכענער געזעצטער קופּאָל, די ברייטע גראניט-טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום ארײַנגאנג. ער איז אויך ניט געוואָרן ניספּאָעל פאר דער שפּרעע, וואָס פליסט, טראָגט אירע מוטנע וואסערן אין די ענגע שטיינערנע ברעגעס פון יענער זײַט רײַכסטאג-געבײַדע. א שווערן אומעט האָבן אָנגעוואָרפן אף אים די אָנצאָליקע בראָנזענע און מירמלנע דענקמעלער און מאָנומענטן. ער האָט דאָרט ניט געזען בעטהאָווענען און וואגנערן, היינען און שילערן, געטען און באכן, נאָר דאָ און דאָרט — בראָנען, פעלדמארשאלס, באוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס, מיט ארויסגעשטעלטע ברוסטן, בייזע געזיכטער. זיי האָבן געקוקט מיט גאדלעס אף דער וועלט, מיט רעציכע און כוצפּע, ווי דאָס אלץ, וואָס איז געשטאנען פאר זיי, איז זיי שוין לאנג דערווידער און פריקרע.

ניין, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, נאָר בא מאקסן אין די קארפּאטן איז טויזנט מאָל היימלעכער, לײַטישער, רויִקער, כאָטש דאָרטן זײַנען נישטאָ אזעלכע צאצקעס. וועט איר דען פארגלײַכן אָט די קויטיקע, מוטנע שפּרעע, איבער וועלכער עס שווימט ארום דער רועך ווייסט וואָס, מיט די זויבערע וואסערן פון די בארג-טײַכן? א נעכטיקער טאָג!

דעם גאנצן טאָג איז ער ארומגעגאנגען איבער די גאסן און פלעצער פון שטאָט, געוואָלט אלץ זען מיט זײַנע אויגן, נאָר עפּעס א מאָדנע זאך — ער איז פון דעם געזעענעם ניט געווען שטארק באגײַסטערט. גאנץ געווײנלעך, גאנץ וואָכעדיק. ער האָט זיך געריכט אף מער, אף שענערס, פּרעכטיקערס.

אומבאמערקט איז צוגעפאלן די נאכט. אף די גאסן האָבן זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע לעמפּ, די וויטרינעס, וועלכע האָבן זיך איבערגעוונקען,

גערופן, געשריגן, געמאָנט, געפּאָדערט, געבעטן ארײַנקומען אין די קראָמען עפּעס קויפן.

מאקס האָט זיך אָפּגעשטעלט בא א גרויסן פּלויט, וואָס איז געווען פאר־קלעפּט פון אויבן ביז אראָפּ מיט אפישן, פון וועלכע עס האָבן זיך אף אים געוואָרפן גאזלאָנים מיט רעוואָלווערן אין די הענט, בייזע ריטער אף צעפּאַ־ליעטע פערד, עס האָבן צו אים כניפּעדיק אונטערגעווונקען האלב־נאקעטע פרויען. צווישן אָט דעם מישמאש מיט פארביקע אפישן האָט זיך מאקסן גע־וואָרפן אין די אויגן א באשיידענע אפישע, וואָס איז געווען צעריסן טיילווײַז און מע האָט געקאָנט איבערלייענען: „טעאטער... זיגפריד לײַנארד...“

מאקס איז געבליבן שטיין מיט ברייט צעעפנטע אויגן און האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו דער וואנט. ער האָט דערפילט, ווי אין הארצן האָט עפּעס א שטארקן טיאָכקע געטאָן. וואָס איז דאָס? עס האָט זיך אים ניט אויסגעדאכט? איז דאָס ניט יענער בארימטער אקטיאָר, וועגן וועלכן אים האָט אזויפיל דערציילט שימשן־האגיבער? איז דאָס ניט יענער גרויסער רע־זשיסער, וועגן וועלכן עסטערקע האָט גערעדט מיט אזא היספּײַלעס?

קוים איבערגעלייענט אפן עק פון דער אפישע דעם אדרעס פון טעא־טער, האָט מאקס זיך געלאָזט אהין. ער איז ניט געגאנגען, נאָר געפלויגן. איצט האָט ער זיך שוין פאר קיינעם ניט געשעמט, אָפּגעשטעלט מענטשן און געפרעגט, ווי דערקלײַבט מען זיך צו לײַנארדס טעאטער, און מע האָט אים גערן געענטפערט, דערקלערט, וויאזוי קומט מען אהין. אלפּי־סייכל דארף זיך שוין אינגיכן ענדיקן די הײַנטיקע פאָרשטעלונג, און מאקס וועט כאָטש פונווײַטנס א קוק טאָן אף יענעם מענטשן. דער אומגעדולד האָט אים אונטערגעטריבן, און ער האָט פארגעסן אין דער מידקײַט און געײַלט אהין.

אין א האלבער שאָ ארום איז שוין מאקס, א פארפּאליעטער און דער־שוויצטער, געקומען צו ליפן צום פּלאץ, וואָס איז געווען ארומגעזעצט מיט אלטע קוטשעראווע ליפּע־ביימער. אינמיטן איז געשטאנען א געראמע, כאָטש ניט קיין גאָר רײַכע געבײַדע. אלטמאָדישע לאמטערנס האָבן שוואך באלויכטן דעם ברייטן ארײַנגאנג. מאקס האָט זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס איז אים געווען מאָדנע, ניט פארשטענדלעך, פארוואָס איז די געבײַדע אזוי שוואך באלויכטן און פארוואָס זײַנען אלע טירן געווען צוגעשלאָסן, קיין מענטשן זעט מען דאָרט ניט. מאקס האָט זיך מיט א צאפּלדיק הארץ דער־נעענטערט צו דער געבײַדע און דערזען אף דער טיר א מודעאָ, ווו עס איז געווען אָנגעשריבן, אז אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס די טרופּע איז ארויסגעפאָרן אף גאסטראָלן קיין אייראָפּע און אמעריקע, ווערן די פאָר־שטעלונגען איבערגעריסן.

אָט האָסטו דיר! אף מאקס׳ וויסט מאזל דארף אזוינס געשען! ער איז געבליבן שטיין אנטוישט. וויפל קאָן געדויערן, ביז לײַנארדס טעאטער וועט זיך אומקערן? וויפל וועט מאקסן אויסקומעןווארטן? א כוידעש, דרײַ, א האלב יאָר? נישקאָשע, אלציינס, וויפל עס זאָל ניט געדויערן, וועט ער ווארטן! ער וועט ניט פארלאָזן די שטאָט, קאָלזמאן ער וועט ניט זען אף דער בינע זיגפריד לײַנארדן!

מאקס האָט פאמעלעך געשפרײַזט ארום דער פוסטער געבײַדע, זיך אײַנגעקוקט אין דיביימער און געשײַנט פון גליק. אָט אזוי, געוויס, קער זיגפריד ארומשפאצירן פאר זײַנע אופטריטן אף דער בינע. אָט אף יענע מאסיווע בענק קער ער זיצן און טראכטן, רייכערן, רוען, ריידן מיט מענטשן. אָט דאָ קערן אין זײַן מויעך געבוירן ווערן זײַנע פארטראכטן און פלענער. אָט דאָרטן, אף יענע ברייטע טרעפ, קערן מענטשן באגעגענען נאָך די פאָרשטעלונגען זייער גרויסן לאנדסמאן, זייער ליבלינג...

מאקסן איז געוואָרן פריילעך אפן הארצן אפילע דערפון, וואָס ער האָט איצט געאָטעמט מיט דער זעלבער לופט, וואָס זיגפריד האָט געאָטעמט, געגאנגען מיט די אלייעס, איבער וועלכע יענער איז געגאנגען...

ניין, דאָס איז אן אויסערגעוויינלעכע רײַזע בא אים, בא מאקסן. עס איז א גרויס גליק, וואָס דער גורל האָט אים אהער געבראכט!

מאקס האָט זיך צוגעזעצט אף דער באנק, וואָס ניט ווײַט פון דער הינטערטיר, און אָנגעהויבן זיך פאָרשטעלן, וואָס זשע פאר א מענטש איז דער לײַנארד? איז ער צוטריטלעך פאר פראָסטע מענטשן? וואָלט ער, מאקס, זיך ניט געקאָנט מיט אים באקאנען, זיך דורכשמועסן, עפעס פרעגן? און ווען ער גייט שוין יאָ צו אים ארײַן, מאקס, וואָס וואָלט ער מיט אים גערעדט — וועגן בייגל, בולקעלעך, ווי מע שטעלט צונויף די דעקאָראציעס און וויאזוי מע הייבט אוף דעם פאָרהאנג? און עפשער גאָר בעטן אים, ער זאָל אים נעמען אין טעאטער פאר א בינע־ארבעטער, אפילע אן אופּראמער — אלציינס, אבי זען אים אָפט, דעם גאָען פון דער וועלט־בינע. נאָר דאָס איז געוויס א פוסטער טרוים. אין אזא טעאטער, זעט אויס, וועט מען אים אפילע קיין בעזעם ניט פארטרויען, אף דער שוועל ניט ארופלאָזן. בא זיגפריד לײַנארדן קאָנען ארבעטן בלויז אויסדערוויילטע, וואָס האָבן באזונדערס מאזל, און ניט אזעלכע שלימאזלען, ווי ער, מאקס. זינט ער געדענקט זיך, גייט עס אים מיט דער פוטער אראָפ. כאָטש ווארף זיך אין טײַך ארײַן. האָט ער זיך שוין אמאָל יאָ צוגעשלאָגן צו א וואנדער־טעאטער, דארף דער רועך אָנטראָגן אָסקאר שאפיראָן. האָט אים אנשל קרייטשמאן גענומען צו זיך אין קרײַז, געגעבן צוגרייטן א ראָל, דארף דער מאלעכהאמאָוועס צושיקן די פאָליציאנטן און מע זאָל אים ארויסטרײַבן פון דער שטאָט. האָט ער זיך ארײַנגעכאפּט אין וואנדער־צירק, דארף דער באלעבאָס אוועקשטארבן... און, ווי זאָגט מען עס — אויס קאלע, ווידער א מוידן!

אָבער אנדערע כאכאָמים זאָגן אנדערש אויך: וואָס באשערט, איז באווערט. אף ניט גיין און ניט פאָרן דארף מען קיין כאראָטע ניט האָבן. ער וואָלט געוויס שיין דורכגעפאלן, ווען ער טרעט ארויס בא קרייטשמאנען אין טעאטער, און דאָס וואָלט אים אף שטענדיק אָפגעשלאָגן דעם כיישעק צו טעאטער. עס וואָלט אים געווען א כארפע און א בושע זיך באווײַזן פארן אוילעם. און עפשער האָט אנשל גאָר געוואָלט א שפאס טאָן פון אים? דערזען א פראָווינציעלן באָכער, פארוואָס זאָל מען ניט אָפלאכן פון אים?

וויאזוי עס גייט, אזוי דארף עס גיין. פונעם גורל וועסטו זיך אלציינס ניט אָפקערעווען!

מאקס איז לאנג געזעסן אף דער באנק, פארטאָן אין זײַנע מאכשאָוועס. דער גרינער פלאַץ איז געווען פוסט, שטיל, רויק, אינגאנצן ניט ענלעך אף יענע פלעצער, וואָס ער האָט הײַנט געזען. אפילע דאָ זײַנען שענער געווען די ליפעס, ווי אף דער שענסטער גאס אין שטאָט — אונטער־דען־לינדען. און ביכלאַל האָט אים דאָס ווינקעלע אין בערלין דערמאָנט א שטיל אינד־זעלע אין א צעבושעוועטן יאַם. מאקס האָט געוווּסט, אז צו אָט דעם אינדזל וועלן לאנג זײַן צוגעשמידט זײַנע געדאנקען און טרוימען.

נאָר איידער וואָס, דארף מען א טראכט טאָן וועגן טאכלעס. ווײַל ניט דאָס שטילע אינדזעלע, ניט די טרוימען קאָנען ניט זעטיקן זײַן הונגער. מע דארף זיך ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען, געפינען ארבעט און א דאך איבערן קאָפּ.

די מידקײַט איז אים באפאלן, און ער האָט שוין ניט געקאָנט טראכטן גיין ערגעץ איבערכאפן, נעמען עפעס אין מויל ארײַן. אונטערגעלייגט דאָס קלומעקל אונטערן קאָפּ, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג אף דער באנק און געשמאק איבערגעשלאָפן די נאכט.

אין עטלעכע טעג ארום איז שוין מאקס געוואָרן דאָ גאנץ היימיש. ער האָט זיך שוין באוויזן באקענען מיט דער ארבעט־בירזשע און מיט א פּאָר קיכן פאר ארבעטלאָזע. ער האָט שוין דערפילט דעם טאַם פון די איבערגע־פולטע עטלעכע נאכט־הײַזער פאר היימלאָזע מענטשן, ווו מע האָט מיט גוואלד געדארפט פארכאפן א ווינקעלע און אין דער ענגשאפט, צווישן הונגעריקע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מענטשן, אָפּשלאָפן די נאכט, קעדיי זיך אופכאפן גאנצפרי און לויפן אין דער אומזיסטער קיך פארכאפן א ריי און דערנאָך זוכן אין שטאָט ארבעט כאָטש אף א טאָג, א פּאָר שאָ. אז ער האָט זיך שוין געפונען ארבעט, האָט מען אים געוויזן דעם וועג — א פרעמדער. און אין שטאָט זײַנען פאראן גענוג אייגענע ארבעטלאָזע, הונגע־ריקע. יענע זײַנען בילכער.

די אומגעהייער גרויסע, רוישיקע, רײַכע און אָרעמע שטאָט האָט מאקסן ניט געבאלעוועט און געווען פאר אים אן עמעסע שטיפמאמע. זי האָט אים דערווײַל פארשאפט בלויז צאָרעס, דערנידעריקונג, הארץ־שמערץ און אנ־טוישונג. ווו ער האָט געטאָגט, דאָרטן האָט ער ניט גענעכטיקט.

אָבער דער איינציקער געדאנק, אז אין אָט דער שטאָט קאָן ער זען דעם בארימטן זיגפריד לײַנארדן, האָט אים צוגעגעבן מוט.

וואָס עס זאָל ניט געשען, וויאַזוי ער זאָל זיך ניט מאטערן, וועט ער זיך דערוואַרטן אף זיגפריד לײַנארדן מיט זײַן טרופּע. קיין זאך וועט אים ניט אָפּשטעלן. און, מעגלעך, ער וועט צו אים צוגיין ריידן. טרוימען מעג מען דאָך. דאָס, זאָגט מען, קאָסט אפילע דאָ, אין בערלין, קיין געלט ניט!

און מאקס האָט ניט אופגעהערט טרוימען. ער איז ווידער אופגעשטאנען, נאָך איידער די ערשטע טראמוויַען האָבן זיך צעקלונגען. איידער די אופּ־ראמער האָבן זיך געיאָוועט אין די סעדער מיט זייערע בעזעמער און גענומען אופראמען, איז מאקס שוין געלאָפן פארכאפן א ריי אין דער קיך פאר ארבעטלאָזע, דערנאָך פארקערעוועט צו דער ארבעט־בירזשע. אויסגעטרונ־קען א קווערטל קאווע, וואָס האָט געהאט דעם טאַם פון ריצנייל, און דאָס

שיסעלע „זופּע", האָט ער זיך ווידער מיט הונדערטער אַנדערע, אַזעלכע, ווי ער, געטראָגן פון איין אונטערנעמונג אויף דער אַנדערער, פון איין וואָק־זאַל אַפן צווייטן זוכן דעם טאָג אַרבעט. אַמאָל האָט אים אָפּגעגליקט כאַפּן אַ פאַרדינסטל, נאָר אָפטער ניט. דאָס האָט אים ניט געמאַטערט. נישקאָשע, די צײַט גייט, און איצט איז ניט האַרבסט, ניט ווינטער. ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן!

* * *

דער ניטגוטער ווייסט זיי, די גרויסשטאָטישע מענטשן! וואָס האַלטן זיי זיך אַזוי פאַר דער שטאָט, ווי אַ קליין קינד פאַר דער מאַמעס קליידל? נו, ער, מאַקס, ער ווייסט כאָטש. ער וואַרט אויף זיגפריד לײַנאַרדן, דערנאָך, מעגלעך, נאָך דעם, ווי ער וועט אים זען אויף דער בינע, וועט ער זיך לאָזן ווײַטער זוכן זײַן גליק. נאָר זיי — אָט די האַמוינים, וואָס טראָגן זיך אַרום איבער די גאַסן ווי די אָפּגעסאַמטע און ווערן אויסגעריסן? דאָס איז דען אַ לעבן פאַר זיי? אַ בלאָט, אַ ביכל לייענט מען אין טראַמווײַ, אין מעטראָ, דעם ביסן עסט מען, בעשאַס מע גייט. מע האָט קיין צײַט ניט זיך אַרומקוקן, איבערכאַפּן דעם אָטעם. מע לויפט, מע האָוועט, מע פּינעט, מע קויפט און מע פאַרקויפט, מע באַקאַנט זיך און דאָ צעקריגט מען זיך, מע כיינדלט זיך און דערנאָך צעפּאַטשט מען זיך. און אַלץ אויף דער גאַס, אין פלוג. מע קערט דאָ מאַמעש וועלטן, פּונקט ווי דאָס לעבן דאַרף זיך אָט־אָט אָפּשטעלן. וויפל הײַזער, גרויסע מויערן שטייען אויסגעשטעלט, ווי די סאָלדאַטן — און וויפל זײַנען דאָ פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ניט ווו דעם קאָפּ צוזשפּאַרן! וויפל קראָמען אויף יעדן טריט און אַלע זײַנען זיי איבערגעפּולט מיט עסנוואַרג, סכוירעס — און פיל מענטשן גייען אַרום הונגעריק, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן!

אַ וועלט, אַ וועלט! אַבי מע טײַנעט, אַז גרויסע כאַכאָמים האָבן אויסגעטראַכט אָט די וועלט. אייניקע לעבן אַ מעשוגענעם טאָג, עסן און זויפן, פלאַצן פון לוקסוס, טרינקען, הוליען — און באַנאַנד מיט זיי בידעווען אַזויפיל גוטע, עכטע מענטשן און קאָנען ניט צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט! קלוגע מענטשן האָבן אויסגעטראַכט די וועלט? אַ נעכטיקער טאָג! טויגעניכצן! און עפּשער איז פון אָנפאַנג די וועלט געווען פײַן פאַרטראַכט, דער מענטש זאָל זיך דאָ פילן גוט, ווי אין אַ גאַניידן, און אינמיטן אינמיטן וועג, אינמיטן דער אַרבעט אויף דערבויען דאָס שיינע וועלטל, איז דער שעפער געבליבן שטעקן — ניט אַהער, ניט אַהין, ניט געוווּסט, וואָס טוט מען ווײַטער?

מאַקס האָט אָפּגעטריבן פון זיך אַזעלכע געדאַנקען. דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער איז ניט קיין איבעריקער אויף דער וועלט און זײַן מאַזל איז ניט העפקער. וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבן, ווען דו דערשרעקסט זיך, ווי נאָר די ערשטע וואָלקנס לאָזן זיך אַראָפּ איבער דיר? דאָס לעבן איז טויזנט מאָל טײַערער און אינטערעסאַנטער, ווען דו גייסט עס דורך שווער, אײַנגעאַקשנט, דורכרײַסנדיק זיך פאַרבײַ שטורעמס און ווינטן!

וועגן דעם האָט ער געטראַכט שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין די היגע מוזייען און ביבליאָטעקן, אין די טעאַטערן, ווען ער האָט דערזען, אַף וואָס איז פֿייִק דער מענטש. און גרויסע מענטשן פֿאַלן ניט אַראָפּ פֿונעם הימל — מערסטנס זײַנען זיי געוויינלעכע, יענע, וואָס דו באַגעגנסט אַף יעדן טריט און שריט. פּאַשעטע מענטשן קאָנען ווערן ריזן!

די וווּנדערלעכע בילדער און סקולפּטורן האָבן אים געפּלעפּט. די ביכער, וואָס ער האָט דאָ געלייענט ביז דער טיפער נאַכט, זיצנדיק באַם בלאָוון לאָמפּ אין דער גרויסער ביבליאָטעק, האָבן אים אַף פֿיל זאַכן געעפֿנט די אויגן, אַרײַנגעהויכט אין אים ווילן און דאָרשט זיך עפּעס דערוויסן, זיך עפּעס נוצלעכס דערשלאָגן אין לעבן. בעטהאָווענס און וואַגנערס מוזיק, וועלכע ער האָט געהערט, שטייענדיק אַף דער גאַליאַרקע, האָבן אים דער־הויבן, גערופֿן צו טאַט, דערוועקט אין אים נײַע קויכעס, שטרעבונגען. און ער האָט זיך דערפֿילט פֿאַר אַ מענטש, ער איז געוואָרן באַ זיך שטאָלץ.

ווער האָט עס געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז מיִעס, פּריקרע?

עס מאַכט ניט אויס, וואָס ער האָט באַגעגנט אָפּט אומגערעכטיקײַט, פֿאַלשקײַט. דאָס קאָן מען איבערמאַכן, דאָס איז מעגלעך אופֿרײַסן, און דאָס לעבן וועט ווערן שענער, בעסער, ערלעכער. עס זײַנען דאָ אַ סאַך גרויסע מענטשן, וואָס טוען דאָס מיט זייער טאַלאַנט, מיט זייער קונסט. זייער וועג איז ניט קיין לײַכטער. ער איז ניט אויסגעשפּרייט מיט רויזן, אָפּטער פֿון אַלץ — מיט דערנער, מע צעבלוטיקט זיך שטאַרק די פֿיס, שפּאַנענדיק איבער דער ערד, מע לײַדט אָפּט הונגער און נויט, מע שמאַכט פֿאַרן עמעס אין די טורמעס און קאַזעמאַטן, נאָר מע שטעלט זיך ניט אָפּ. איינער קומט אום אין דער אומגלײַכער שלאַכט, קומען הונדערט אַף זײַן אָרט און גייען ווײַטער...

גראַדע דאָ, אין דער גרויסער ביבליאָטעק, האָט מאַקס באַגעגנט מענטשן, וואָס האָבן אים אופֿגענומען מיט גרויס אָפּשײַ, זעענדיק, מיט וואָס פֿאַר אַ דאָרשט דער אָרעמער מענטש האָט זיך געוואָרפֿן אַף די ביכער, וויִאַזוי ער האָט זיי געשלונגען, וויִאַזוי זײַנע אויגן האָבן געברענט.

מאַקס האָטווירקלעך געוואָלט אָניאָגן דאָס, וואָס ער האָט ניט באַוויזן אויסלערנען, זיך דערוויסן.

פֿון די עטלעכע מאַרק, וואָס ער האָט פֿאַרדינט אַף די וואָקזאַלן באַם אויסלאָדן וואַגאָנעס, האָט ער שטענדיק אָפּגעשפּאָרט עפּעס אַף קויפֿן אַ בילעט אין טעאַטער, אין מוזיי. די צײַט, וואָס ער האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט, האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס זײַנען די בעסטע שאָ אין זײַן לעבן. זיצנדיק דאָ און שטודירנדיק, האָט ער אין אַלע צאָרעס פֿאַרגעסן, זיך איבערגעטראָגן אין אַ וועלט פֿון שיינקײַט, אַ וועלט פֿון אומשטערבלעכער קונסט און לעבן.

די עטלעכע כאַדאָשים, וואָס מאַקס האָט זיך געמאַטערט אין בערלין, זײַ־נען פֿאַר אים ניט דורכגעגאַן אומזיסט. ער האָט זיך דערוווּסט אַ סאַך, וואָס איז אים פֿריִער ניט געווען באַקאַנט. פֿאַר אים האָבן זיך געעפֿנט נײַע ווײַטן, צו וועלכע ער האָט ביז איצט ניט געקאָנט דערגרייכן. ער האָט געשעפּט פֿון

װוּנדערלעכן קװאל פוּן לעבן, פוּן שײנקײַט, פוּן כאָכמע. און צו דעם קװאל איז ער צוגעפאַלן מיטן דאָרשט פוּן א מענטשן, װאָס באגעגנט אים פּלוצעם אין דער מידבער.

צוגאסט בא זײַן טרוים

ער האָט אָן אופהער געכאָלעמט װעגן זיגפריד לײַנארדן, אלײן ניט פאַרשטײענדיק, אף װאָס, אײגנטלעך, האָפּט ער. ס'איז אָבער ניט געװען דער טאָג, ער זאָל ניט קומען צו דער באקאנטער טעאטער־געבײַדע, אפּן פּלאץ, און שטײן לאנג בא דער פאַרהאקטער טיר.

די מעלדונג איז שוין אײנגאנצן געװען אָפּגעריבן, און מע האָט שוין ניט געקאָנט פאנאנדערקלײַבן דעם אָנשריפט. אָפּט האָט זיך מאקסן אױסגעװיזן, אז זיגפריד לײַנארד מיט זײַן טרופּע װעט זיך שוין קײנמאָל ניט אומקערן אהער, און אומזיסט איז דאָס װארטן. נאָר מאקס איז פוּן אלע צײַטן געװען א גרױסער אקשן און פוּל מיט געדולד.

שױן אזױפיל געװארט, װעט ער צװוארטן נאָך א ביסל.

אין א שײנעם זומער־פארנאכט, גײענדיק א מידער פוּן דער ארבעט, האָט מאקס פאַשעט אזױ פארקערעװעט צו דעם באקאנטן פּלאץ און געבליבן שטײן א גליקלעכער, דערזעענדיק א גרױסן פרישן פּלאקאט: דער טעאטער האָט זיך אומגעקערט פוּן זײַן װײַטער נעסיִע, און גאָר אינגיכן הײבט מען אָן שפּילן.

מאקס קרײסלער איז שיר ניט אונטערגעשפּרונגען פוּן פרײד. ענדלעך האָט ער זיך דערװוארט! אײן מאָל אין דרײַ טעג עסן א שטיקל ברױט, נאָר זען אלע פאָרשטעלונגען. אלע, װי אײנע! נישקאָשע, װעט ער ניט זיצן אױבנאָן, נאָר אף דער העכסטער גאליאָרקע, אונטערן דאך. װאָס איז די באפקע־מינע, װוּ ער װעט זיצן אָדער שטײן, דעריקער איז דאָך זען אף דער בינע דעם בארימטן זיגפרידן. װידער איז געקומען דער געדאנק, אז ער דארף זיך אומבאדינגט זען מיט לײַנארדן, ארײַנגײן צו אים, ער זאָל אים געבן אָן אײצע, װי דארף ער לעבן. לײַנארד מוז דאָך אלץ װיסן, אלץ קענען. אין אײן מינוט קאָן יענער אים העלפן זיך שטעלן אף די פיס. ער קאָן אים געבן עפּעס אָן ארבעט אין טעאטער. װאָס זעט זיך עס פאַר אים אָן? אײן װאָרט, און פארטיק!

אין יענעם פארנאכט, װען לײַנארד האָט אופגעהױבן דעם פאָרהאנג, האָט זיך אין טעאטער און ארום אים געטאָן כױשעך. עס איז געװען אומעגלעך זיך דורכרײַסן אין זאל. מיט גרױס מאטערניש האָט זיך מאקס דורכגעשטױסן ארוף, אף דער גאליאָרקע, אונטערן סאמע דאך. דאָס הארץ האָט זיך אזױ געשלאָגן, אז מע האָט געקאָנט מײנען, ניט לײַנארד, נאָר דער יונגערמאן דארף באלד ארױסגײן אף דער בינע.

מאקס איז קױם געקומען צו־זיך. באטראכט דעם פוּלגעפּאקטן זאל, די ליוסטרעס, דעם פאָרהאנג — אלץ איז פאַר אים געװען נײַ און אומגעװײנלעך. באלד װעט ער זען מאקסים גאָרקיס בארימטע דראמע „אפן דעק". נאָך א ביסלע געדולד, און עס װעט זיך באװײַזן לײַנארד אין דער ראָל פוּן לוקא.

מאקס האָט זיך געריכט זען א מעכטיקן, ברייטפּלייציקן פּאַרשוין מיט א שטאַרקער שטים, נאָר דערזען האָט ער א מיטלוווּקסיקן מענטשן מיט אן עטוואָס סטוּלער פּלייצע, אן אויסדריקלעך ענערגיש פּאָנעם און טיפע קלוּגע אויגן, א הויכער שטערן — די כאָכמע אליין. אינעם מענטשן מיטן הויכן שטערן פון א דענקער, א בונטאַר, וואָס איז אַרויסגעטראָטן, ווי מאַקסן האָט זיך געדאַכט, אָן גרים, האָט זיך געפילט אן עכטע קראַפט, אַקשאָנעס, שטרעבונג, ווירדע. יענער האָט זיך געהאַלטן אף דער בינע אזוי פּראָסט און באַשיידן, אז מאקס האָט פון אָנהייב אפילע געצווייפלט, צי איז דאָס יענער זעלבער זיגפריד לײַנאַרד, צי דען איז דאָס יענער טראַגיקער, וואָס איז אזוי באַרימט, וועמעס נאָמען אלע דערמאָנען מיט אזא היסלײַוועס? און דאָס לאָשן איז בא אים גאָר א געוויינלעך לאָשן, און די זשעסטן פּאָשעטע — פּונקט אזעלכע מענטשן האָט מאקס באַגעגנט א סאַך. פּונקט אזוי האָבן זיי אויסגעזען, די מענטשן אין די נאַכט־הײַזער, ווו מאקס האָט גענעכטיקט, אזוי זײַנען זיי געווען אָנגעטאָן, ווי זיגפריד און זײַנע אַרומיקע, אזוי האָבן זיי גערעדט, געדענקט, געוויײַטעקט, איבערגעלעבט, זיך געקריגט. אזעלכע מענטשן האָט מאקס באַגעגנט אף די אַרבעט־בירזשעס, אין די אַרבעטער־קיכן, אף די וואָקזאַלן, אין טורמע־קאַמערע. אין וואָס זשע איז דער צויבער פון דעם זיגפרידן? פאַרוואָס האָבן זיך מענטשן צעשײַנט, ווי נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט די ערשטע עטלעכע ווערטער, זיך דורכגעגאַנגען מיט זײַן גענגעלע איבער דער בינע? מיט וואָס האָט ער גלײַך געפאַנגען דעם פּילקעפּיקן זאַל?

אָט איצט האָט מאקס פאַרשטאַנען דעם באַטײַט פון „גאָטס פונק". אָט איז ער!

מאקס האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק, דעם געהיר און געכאַפּט יעדער וואָרט, יעדער זשעסט. פאַר אים האָט איצט גאָרניט און קיינער עקזיסטירט, בלויז לײַנאַרד. אין זײַן שפּילן איז ניט געווען קיין סימען פון אויסערלעכן גלאַנץ, פאַלשער פּאַטעטיק. יעדער זשעסט זײַנער, יעדע באַוועגונג, יעדער וואָרט איז געווען נאַטירלעך, און פון זײַן ערשטן אופטריט, פון דער ערשטער פראַזע האָט דער זאַל זיך דורכגעדרונגען צו דעם מענטשן מיט אָפּשײַ און גלויבן, און עס האָט זיך גלײַך אײַנגעשטעלט דער גרויסער קאָנטאַקט צווישן אַקטיאָר און דער בינע, צווישן עכטער קונסט און וואָר. קיינער איז ניט געבליבן גלײַכגילטיק.

יאָ, קעדײַ געווען אזויפיל זיך מאַטערן, — האָט מאקס געטראַכט, קוקנדיק אף דער בינע, — קעדײַ געווען זיך אָפּזאָגן פון א סאַך זאַכן און זען דעם וווּנדערלעכן אַקטיאָר און קינסטלער. און, געוויס, אויב מע רעדט שוין יאָ וועגן גאָטס פונק, האָט אין זיגפריד לײַנאַרדן געברענט ניט קיין פונק, נאָר א גאַנצער שײַטער, פון וועמענס פײַער עס האָבן זיך אָנגעצונדן טויזנטער הערצער. אזא מענטש, ווי לײַנאַרד, מוז געוויס זײַן דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, דער גרעסטער אף דער ערד!

א מאָדנעם קויעך פאַרמאָגט דער לײַנאַרד, ווען ער גייט אַרויס אף דער בינע: ער קאָן דאָך מיט די צושויער טאָן וווּנדער — צווינגען זיי לאַכן

מעשוגענערוויַז, ווייַנען, ווי קליינע קינדער, קריצן מיט די ציין, צונויפדריקן די פויסטן, לויבן און שילטן. יאָ, אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט באַזיצט דער מענטש, וואָס שטייט אַף דער בינע. און מאַקס האָט ווײַטער געקלערט: סאַראַ אופריכטיק האַרץ דאַרף פאַרמאָגן אַ רעזשיסער, סאַראַ מוט, ער זאָל שטעלן אין דער גרויסער שטאָט, ווו עס געוועלטיקט איבער אַלעמען און איבער אַלץ רײַכקייַט, זעט, לוקסוס, אַזאַ שווערע און עמעסדיקע פּיעסע! דאָס איז, ניט אַנדערש, ווי אַן עכטער אַרויסרוף, אַ שפּײַ אין פּאָנעם די געוועלטיקער, דער רעגירונג, דער פאַלשער אָרדענונג.

פון דעם אָפּדערנאַכט האָט מאַקס געלעבט בלויז מיט איין געדאַנק: זיגפריד לײַנאַרד. מיט יעדן טאָג האָט דער באָכער זיך נאָך שטאַרקער איבערצײַגט אין דעם, אַז דאָס איז אַ געטלעכער קינסטלער, און דערצו נאָך אַן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקײַט. ניט אַנדערש, ווי אַלץ האָט זיך אין דעם מענטשן צונויפגעגאָסן האַרמאָניש און פּרעכטיק.

מאַקס קרייסלער איז מעקאַנע געווען יענע מענטשן, וואָס זײַנען גע־שטאַנען נאָענט צו לײַנאַרדן, וואָס האָבן געקאָנט אים אַ דריק טאָן די ערלעכע האַנט, אויסריידן עטלעכע ווערטער, זען שטענדיק פון דער נאָענט. ער איז אַפילע מעקאַנע געווען דעם אַלטיטשקן שווייצאַר, וועלכער האָט פאַר לײַנאַרדן אַלע טאָג געעפנט די טיר, צוגעווונטשן אים אַ גוטן טאָג, אַ גוטע נאַכט, ווען יענער פאַרלאָזט, אַ מידער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ דערהויבענער, דעם טעאַטער.

* * *

מאַקס איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט הונגעריק און שלעפעריק, ניט געקאָנט קריגן קיין שטענדיקע אַרבעט. אַלץ שווערער איז געוואָרן דאָס לעבן. די צײַט האָט אים ניט געבראַכט ניט קיין פרייד, ניט קיין נאַכעס, ניט קיין צוקונפט. די איינציקע פרייד זײַנע זײַנען געווען, ווי פריִער, די אויסשטעלונגען און מוזייען, די ביבליאָטעק, און באַזונדערס, זיגפריד לײַנאַרדס טעאַטער.

דער באָכער איז אַלץ מער געווען באַגײַסטערט פון זײַן ליבלינג, פון זיגפריד לײַנאַרדן. אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָדעוועט, ניט געגעבן קיין געלעגער, קיין ווינקל, ווו אָפּשטופן די נאַכט.

אַפילע אין די קיכן פאַר אַרבעטלאָזע איז שוין שווערער און שווערער געווען קריגן אַ שיסעלע „זופּע", אַ שטיקל ברויט.

די באַקן זײַנען בײַ אים אײַנגעפאַלן און די גרויסע ציגײַנערשע אויגן האָבן שטאַרקער געגלאַנצט. און עפּשער האָט זיך אַזוי אויסגעוויזן, ווײַל דאָס פּאָנעם איז געוואָרן בלייכער. דאָס אָנטאָן זײַנס האָט שוין געהאַט אַזאַ אויסזען, אַז מאַקס האָט שוין אַ ביסל דערמאָנט אין אייניקע פּערסאָנאַזשן פון דער פּיעסע „אָפן דעק".

און דאָך האָט ער ניט אָנגעוואָרן אַף קיין האָר זײַן כיין, באַגײַסטערונג. פאַרבײַגיין און ניט אָפּשטעלן דעם בליק אַף דעם יונגנמאַן איז געווען אומעגלעך. עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט איז בײַ אים געווען, וועלכע

האָט צו זיך צוגעצויגן. ניט קיין געווײנלעכער איז געווען אָט דער אָרעמער באָכער פון דער ווײַטער פּראָווינץ.

אזוי ווי א מענטש גלייבט אין זײַן שטערן, אזוי האָט מאקס קרייסלער אָנגעהויבן גלייבן אין זיגפריד לײַנארדן. ער איז דער איינציקער, צו וועמען ער וועט זיך אָנעמען מיט מוט, מאקס, און ארײַנגיין!

אין איינעם פון די זומער־פרימאָרגנס איז מאקס אזוי ארומגעגאַן איבער די גאסן, באטראכטנדיק די רײַכע וויטרינעס, ווו עס איז געווען אָנגע־וואלגערט אלדאָסגוטס. מע האָט אים צוגעזאָגט אין א געוועלב ארבעט, נאָר אונטערגעפירט, און ער איז געווען אין קאס אף זיך, דעם שלימאזל, וואָס קאָן זיך דאָ בעשום־אויפן ניט געבן קיין אייצע. אף דער בירזשע האָט מען אים אויך אָנגעזאָגט די שיינע בסורע, אז די נאָענטע פּאָר כאדאָשים האָט ער ניט וואָס קומען אהער, ווײַל קיין ארבעט וועט פאר אים ניט זײַן. ער איז דערנאָך לאנג געשטאנען אין דער ריי נאָך א שטיקל ברויט און א טעלער „זופּע“, נאָר אז די ריי איז צוגעקומען צו אים, האָט ער געטראָפן א ליידיקן קעסל. מע האָט אים איידל געבעטן מויכל זײַן און קומען מאָרגן... אזא פילצוזאָגנדיקן ענטפער האָבן באקומען א סאך אזעלכע, ווי ער. מאקס האָט א הונגעריקער זיך געלאָזט איבער די גאסן, אונטערבאָמקענדיק זיך א פריילעך ניגנדל, מע זאָל ניט מיינען, אז אים איז דאָ שלעכט.

געווען איז שוין ניט פרי, און די זון האָט שטארק געברענט — צעשמאָלצן צו ווערן. אין די קאפע־הײַזער און אף דער גאס אונטער ברייטע, פארביקע שירעמס זײַנען געזעסן צעפּאליעטע דאמעס און מאנצבלען און זיך מעכײַע געווען מיט קאלטן ביר, אײַזקרעם, געטרונקען לימאָנאד, געשטילט דעם דאָרשט.

מאקס האָט באלעקט די איבערגעטריקנטע ליפּן, זיך אָפּגעקערט אין א זײַט. אומבאמערקט פאר זיך, ווי עמעצער וואָלט אים געפירט פאר דער האנט, האָט ער פארקערעוועט צו דער געבײַדע פון לײַנארדס טעאטער, זיך אָפּגעשטעלט בא דער הינטערטיר, דורך וועלכער לײַנארד גייט ארויס נאָך די פּאָרשטעלונגען צו דעם באגײַסטערטן עולעם, וואָס ווארט דאָ אף אים, קעדיי נאָכאמאָל באגריסן.

מאקס איז געשטאנען. פרעגט אים בעכיירעם, אויב ער האָט געוווּסט, צוליב וואָס האָט ער אָנגעקלונגען אין גלעקל און וועמען האָט ער געדארפט האָבן! נאָר אז ער האָט שוין אָנגעקלונגען, איז ער, ווי אַן אָפּגעבריטער, אָפּגעשפּרונגען אין א זײַט פון דער טיר און דערפילט, ווי דאָס הארץ האָט גענומען שווער קלאַפּן.

די מאסיווע דעמבענע טיר האָט זיך געעפנט, און עס האָט זיך ארויס־געשטעלט א פארשוואָלענער פּונעם שלאָף דער אלטער שווייצאר און אָפּגע־מאָסטן דעם פארשוין, זיך אזש פארקרימט און א ברום געטאָן:

— וואָס פארלאנגסטו?

דערהערט, אז דער אָפּגעריסענער שנאָרער פארלאנגט זען לײַנארדן, האָט דער אלטער א בייזן שמאָרע געטאָן מיט דער ברייטער נאָז און פאר־האקט די טיר.

זאָגן, אז מאקסן איז זייער שטארק געפעלן געוואָרן דער אופנאם, קאָן מען ניט, פארשטייט זיך. א מוירעדיקער פארדראָס האָט אים ארומגעכאפּט. הערט נאָר א שווייַנערייַ! אזא לאנגע צייַט זיך געמאטערט, זיך געשלאָגן מיט דער דייע, ניט געקענט בא זיך פּויעלן, צי זאָל ער אריַינגיין, צי ניט, און ווען ער האָט אָנגעקלונגען אין טיר, האָט יענער אלטער רועך פארהאקט פאר מאקס׳ נאָז די טיר!

דער אקשן, די רעציכע האָבן זיך אין אים צעשפּילט, און מאקס האָט ווידער אָנגעקלונגען.

דאָס מאָל האָט שוין דער שווייצאר אופגעעפנט די טיר מיט אזא קאס, אז מאקס האָט געמיינט, באלד ווארפט ער זיך אף אים, דער אלטער, ער שלייַדערט אים אראָפּ פון אלע טרעפּ.

נאָר ווען יענער האָט זיך באגעגנט מיט דעם באָכערס שטרענגן בליק, האָט ער זיך עטוואָס פארלוירן און געוואָרן מילדער:

— וואָס לאָזט איר ניט רוען? דער הער לייַנארד נעמט הייַנט קיינעם ניט אוף! ער איז ניט קיין דאָקטער און ניט קיין אדוואָקאט. ער שפּילט טעאטער, און איר קאָנט אים זען פארנאכט אין טעאטער, אף דער בינע!..

— אף דער בינע זע איך אים אלע טאָג, — האָט זיך אָנגערופן מאקס, ניט לאָזנדיק דעם אלטן פארהאקן די טיר, — איך מוז זיך מיט אים דורכשמועסן...

— נו, געהערט אן אָנשיקעניש? איך האָב שוין געזאָגט, אז ער נעמט ניט אוף קיין באזוכער, און דערלויבט צומאכן די טיר. שטערט ניט!

— און מיך וועט ער אומבאדינגט אופנעמען! — האָט מאקס אנטשיידן געזאָגט.

פארשטאנען, אז ער וועט זיך פון דעם יונגנמאן אזוי גיך ניט אָפּטשעפּען, האָט ער באַרויגעז געזאָגט:

— הער לייַנארד איז ניטאָ אין טעאטער...

— איר זאָגט ניט עמעס. ער מוז דאָ זייַן. און איך מוז אים גלייַך זען. זאָגט אים, אז ס׳איז געקומען...

— זאָל קומען דער קאנצלער אליין, קאָן איך דעם הער לייַנארד גאָרניט ניט איבערגעבן. אומעגלעך!

דערזען, אז ער וועט פון דעם אופגערודערטן פארשוין באלד אריַינכאפּן א מיִעסן פּסאק, אז פון אים וועט ער זיך אזוי ניט אָפּטשעפּען, האָט דער שווייצאר ארויסגענומען פון דער זשיליעט־קעשעניע א גרויסן זייגער, א קוק געטאָן, א טשמאָטשקע געטאָן מיט די גראָבע, נאסע ליפּן, אָנגעכמורעט די פלאקסענע ברעמען און געזאָגט:

— אין דיזע שטונדע, געוויינלעך, זיצט דער הער לייַנארד צו הויזע און געברויכט קאווע מיט געבעקס. פערשטיין זי?

— ווו איז זייַן הויז, איך וועל גיין צו אים!

— צו אים האָסטו ניט וואָס צו גיין! איך אייצע ניט, — האָט דער אלטער ווייך געזאָגט, — בא אים איז די שטימונג א שלעכטע, און ער וועט דיך ארויסטרייַבן.

ער האָט צוגעזשמורעט די אויגן און, ווי ער זאָל מאַקסן אײַנרוימען א סאָד, צוגעגעבן:

— באַם הער לײַנאַרד זײַנען גרויסע פאַמיליען־ניטאָנגענעמלעכקײַטן. ער איז בייז, ווי א לייב, און וועט מיט אײַך נ׳ט ריידן. מעגלעך, אז הײַנט איז ער שיקערלעך... צאָרעס מיט דעם ווײַב. שטענדיק איז אזוי, ווען אן על־טערער מענטש נעמט אין שטוב ארײַן א יונגע פרײַלן, א שיינהײַט, ענדיקט זיך אזוי. די פרוי האָט אים אוועקגעוואָרפן, אוועקגעפאָרן ערגעץ מיט א נישטיקײַט, און הער לײַנאַרד גייט אראָפּ פונעם זינען...

מאַקס האָט זיך א רעגע פאַרטראַכט. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויאזוי קאָן מען אוועקוואַרפן אזא ווונדערלעכן מענטשן. עס איז דאָך אזא גליק זײַן לעבן אים! און א קוק געטאָן מיט א גוטן, מילדן בליק אף דעם אלטן, וואָס האָט אים אויסגעזאָגט אזא גרויסן סאָד, זיך געבעטן באַ אים:

— דאָס מאַכט ניט אויס. הער לײַנאַרד וועט מיך אופנעמען...

— ער וועט אײַך ארויסטרײַבן. גייט איצט ניט צו אים...— האָט מיט געבעט געזאָגט דער שווייצאַר. און זעענדיק, אז דער באָכער וועט אלציינס אים ניט פאָלגן, האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, אָפּגעגאַנגען א ביסל און זיך אָנגערופן:

— איך וועל דיר גלײַך דערקלערן, נאָר זאָלסט ניט זאָגן, אז דאָס האָב איך דיך צו אים געשיקט... און דאָס, וואָס איך האָב דיר נאָרוואָס געזאָגט, בלײַבט צווישן אונדז. פאַרשטייסט?

— געוויס. איך וועל ניט אויסזאָגן קיינמאָל!

דער שווייצאַר האָט נאָך א רעגע באַטראַכט דעם גאַסט מיט א דורכדרינג־געוודיקן בליק און, קרעכצנדיק, ווי ער וואָלט געטראָגן אף זײַנע פּלייצעס א שווערע מאַסע, צוגעגאַנגען ביזן ראָג גאַס, אָנגעוויזן אף א טשוהונענעם פּאַרקן, אף א שיינער ווילע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דער געדיכטעניש פון א בונטן סאָד, און צוגעגעבן:

— אָט דאָרטן וווינט זיגפריד לײַנאַרד. ווילסטו, גיי אהין. נאָר איך ראַט הײַנט צו אים ניט גיין...

מאַקס האָט א קוק געטאָן אפן שווייצאַר גלײַך אין די אויגן, ווי ער וואָלט אים ניט געגלייבט, אָפּגעדאַנקט און זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג.

אָפּגעגאַנגען א פּאָר קוואַרטאַלן, האָט מאַקס מיט שרעק זיך אָפּגעשטעלט. ווי אף צולאָכעס איז אים איבערגעלאָפן דעם וועג א שוואַרצע קאַץ — א שלעכטער סימען! מע דאַרף אָפּלייגן דעם באַזוך אף אן אַנדער טאָג. נאָר דערמאָנענדיק זיך, אז פאַר די יאָרן פון זײַנע וואָגלענישן זײַנען אים שוין א סאַך הינט און קעץ איבערגעלאָפן דעם וועג, דערבײַ איז ער געבליבן גאַנץ, איז ער דאָך צוגעגאַנגען צו דער קאַליטקע און אָנגעקלונגען.

עס איז דורכגעגאַן א פּאָר מינוט, און פון יענער זײַט פּאַרקן האָבן זיך דערהערט לאַנגזאַמע טריט, און מאַקס איז דערציטערט געוואָרן. עפּשער זיגפריד?

ס׳האָט זיך געעפנט די קאַליטקע, און מאַקס האָט דערזען פאַר זיך א באַיאָרטן פולבלעכן מענטשן מיט א קײַלעכיק אָפּן פּאָנעם און העלע וואָנצעס,

וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין א שטעקל און אין איין האַנט געהאַלטן א גרויסע שער. זעט אויס, א גערטנער. און מאַקס האָט בייסמײַסע א טראַכט געטאָן: „ביט אַנדערש, ווי עס איז דאָ א באַפעל פון הינדענבורגן אַליין, אַלע עלטערע לײַט זאָלן דאָ טראָגן אַזעלכע וואָנצעס...״

— אָ, נאָך איינער איז געקומען! — האָט אויסגערופן דער מענטש מיטן שטעקל און זיך גענומען זוכן אין די קעשענעס א מאַטבייע, קעדיי אַרײַנ־שטעקן דעם שנאָרער. — פונוואַנען האָבן זיך הײַנט גענומען אַף מײַן קאָפּ אַזויפיל בעטלערס? פון גאַנצפרי אָן לאָזט מען נישט רוען! די פיס טוען מיר שוין ווי לויפן אַהער אַלעמאָל. איינער גייט אַוועק, דער צווייטער קומט...

— איך בין ניט קיין בעטלער! — האָט מאַקס בייז איבערגעשלאָגן. — איך מוז גלײַך זען דעם הער לײַנאַרד...

דער מענטש מיטן שטעקל האָט א שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס, אָפּגע־מאָסטן דעם קרעפּטיקן, אָפּגעריסענעם באַזוכער פון קאָפּ ביז פיס און גע־זאָגט:

— אַך, אַזוי גאָר! איר מוזט גלײַך זען דעם הער לײַנאַרד? אין בערלין זײַנען פאַראַן א סאַך, וואָס ווילן אים זען. נאָר, צום באַדויערן, איז דאָס אומעגלעך. איר האָט צו אים א וויכטיקן איניען? איך פאַרשטיי גאַנץ גוט. אַזעלכע, וואָס האָבן צו אים וויכטיקע איניאָנים, זײַנען פאַראַן אָן א שיר. בלויז הײַנט האָב איך שוין געוויזן דעם וועג צוואַנציק מאָן, און איר וועט זײַן דער איין־און־צוואַנציקסטער. גייט אײַך אײַער וועג...

— איר וועט מיך מוזן אַרײַנלאָזן צום הער זיגפריד... — האָט מאַקס געזאָגט.

דער מענטש האָט א קוק געטאָן אַף דעם מאָדנעם באַזוכער מיט א פאַר־זשמורעט אויג, און דאָס שמייכעלע איז פאַרשוווּנדן פון זײַן שטאַרק פאַר־ברוינטן פּאָנעם.

— איז אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן, גיי דיר דײַן וועג...

— פאַרוואָס עפּעס „דו״? — האָט מאַקס בייז איבערגעריסן. — איר זעט מיך דאָס ערשטע מאָל און טאָרט ניט אַזוי מיט מיר ריידן. איר קוקט ניט אַף מײַן געמיין אָנטאָן. ווען איר מאַטערט זיך אַזוי, ווי איך, וואָלט איר מיט מיר גערעדט אַנדערש.

— אַהאָ! — האָט זיך יענער פאַנאַנדערגעלאַכט. — זעט איר, אַזאַ איז נאָך בא מיר ניט געווען. — און שוין גאָר שטרענג צוגעגעבן: — אַנטשול־דיקט, איר וועט הער לײַנאַרדן ניט זען. ער איז פאַרנומען. ער האָט שטרענג פאַרבאָטן אופנעמען באַזוכער. עס מעג קומען דער קאַנצלער אַליין, וועט ער אים אויך ניט אופנעמען. צום ווידערזען!

— דעם קאַנצלער, מעגלעך, וועט ער ניט אופנעמען, און מיך — אומ־באַדינגט!

מאַקס האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער און זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיי.

— וואָס הייסט דאָס? עפּשער ווילט איר, איך זאָל רופן פּאָליציי?

מאַקס איז אופגעזאָטן געוואָרן:

— שרעקט מיך ניט מיט פּאָליציי! איך האָב קיינעם ניט באַגאַנוועט און ניט באַליידיקט. אויסער דעם, בין איך, דאַכט מיר, ניט געקומען אין פּאָליציי־באַצירק, נאָר צום באַרימטן שוישפּילער זיגפריד ליינאַרד!

— געוויס, נאָר ער וועט קיינעם ניט אופנעמען. איך האָב אייך שוין דריי מאָל געזאָגט, און איר נעמט אָפּ בא מיר טייערע צייט. בא אים זיצן איצט קאָלעגן בא קאַווע, און ער וועט זיי ניט אַרויסטרייבן און באַפוילן אייך קומען.

— און מיך וועט ער דאָך אופנעמען... איך בעט אייך מעלדן וועגן מיר... איך מוז דרינגענד זען דעם הער ליינאַרדן...

יענער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און, באַהאַלטנדיק דעם שמייכל, זיך אָנגערופן:

— אַז איר זיינט אַזא וויכטיקער באַזוכער, פאַרוואָס האָט איר זיך ניט פאָרגעשטעלט? וויאַזוי דאַרף איך מעלדן וועגן אייך זיגפרידן? ווער זיינט איר?

— נו, מעלדעט, אַז ס׳איז געקומען זיינער א פריינט, א פּלעמעניק פון דער פּראָווינץ... ספּעציעל געקומען צו אים... ער מוז אים דרינגענד זען...

דער מענטש מיטן שטעקל האָט זיך צעלאַכט:

— פיל יאָר אַרבעט איך דאָ פאַר א גערטנער און נאָך ניט געהערט, אַז בא הער ליינאַרדן זאָלן זיין פּלעמעניקעס אין דער פּראָווינץ... געווען איין פּלעמעניק, איז ער געשטאָרבן צוריק מיט דריי יאָר. איז עפּשער איז ער אופגעשטאַנען פונעם קייווער? ניט איך און ניט זיגפריד גלייבן ניט אין ניסים... נישטאָ קיין פּלעמעניקעס אין ערגעץ!

— וואָס הייסט — ניטאָ? — האָט זיך א ביסל פאַרלוירן מאַקס קרייסלער. — זאָגט, אַז ס׳איז געקומען צו אים...

— נו, שנעלער, טראַכט שוין עפּעס צו. איך האָב קיין צייט ניט! — האָט אונטערגעטריבן דער גערטנער.

— מעלדעט, אַז פון קאַלאָמייע איז געקומען א בעקער, נו, א קאָרעוו... וואָס איר ווילט, מעלדעט אים, אַבי איך זאָל אים קאָנען אָף א פּאָר מינוט זען...

יענער האָט אים ווידער אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס. דער באָכער איז אים מיט עפּעס געפעלן געוואָרן. די גרינבלעכע גוטע אויגן באַם גערטנער האָבן זיך פּלוצעם צעשיינט, די קנייטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן אָף זיין פּאָנעם, וואָס האָט בלויז פון אָנהייב אויסגעזען צו שטאַרק שטרענג, נאָר אינדערע־מעסן האָט זיך עס בלויז אויסגעוויזן.

— קאַלאָמייע, זאָגט איר? — האָט איבערגעפרעגט דער גערטנער. — דאָס איז ערגעץ דאָרט אין די קאַרפּאַטן? איך בין דאָך געווען אין די בערג בעשאַס דעם וועלט־קריג. אויב דער זיקאָרן נאַרט מיך ניט אָפּ, איז עס געווען אין זעכצנטן יאָר. דאָרטן האָט מען מיך בעשאַס אַן אַטאַקע פאַר־וווּנדעט אין פוס... — האָט ער א וויז געטאָן אָף דעם הינקעדיקן פוס. — קאַלאָמייע, קאָסאָוו, זשאַביע... יאָ, יאָ, איך געדענק! געלעגן דאָרט אין שפּיטאָל...

דאָס פּאָנעם האָט זיך גלײַך געענדערט, געוואָרן מילד, כּיינעווּדיק:

— איך האָב דאָרט געהאַט א שיינע גרעטכען, א שוואַרצע, ווי דו, מיט אזעלכע אויגן... זי האָט מיך זייער ליב געהאַט, און מיר האָבן גוט פֿאַר־בראַכט...

ווײַזט אויס, אז דער גערטנער וואָלט נאָך עפּעס געקאָנט דערציילן וועגן יענער מויד, וואָס האָט אים שטאַרק ליב געהאַט אין די קאַרפּאַטן. דאָס איז געווען צו זען פֿון זײַן בליק, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט. ער איז שטיל געבליבן, ניט אַנדערש, ווי ער האָט געטראַכט וועגן זײַן ווײַטער געליבטער, און זיך מיטאַמאָל אָנגערופֿן:

— יאַוואָל, גלײַך מעלדע איך וועגן אײַך דעם הער לײַנאַרד. עטלעכע מינוט געדולד, און ער וועט אײַך אויפֿנעמען... איר וועט דאָ וואַרטן.

דער גערטנער האָט צוגעשלאָסן די קאַליטקע און, אונטערהינקענדיק, זיך שנעל געלאָזט מיט דער אַליי צו דער ווילע.

מאַקס האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט. דאַכט זיך, יענע שוואַרצע מויד ערגעץ אין די קאַרפּאַטן, וואָס האָט ניט געזשאַלעוועט דעם גערטנער איר ליבע, וועט אים, מאַקסן, העלפֿן, ער זאָל אַרײַנקומען צום אומצוטריטלעכבאַרן זיגפֿרידן אין הויז. נאָר איצט, אז יענער איז אַוועק מעלדן וועגן אים, האָט מאַקסן אַרומגעכאַפּט א מאָדנער פּאַכעד. ער האָט זיך דערמאָנט, אז דער הער לײַנאַרד זיצט מיט זײַנע קאָלעגן און טרינקט קאַווע. דאַכט זיך, ניט גאָר קיין גינסטיקער מאָמענט, מאַקס זאָל פֿאַר אים עפֿענען דאָס ביטערע האַרץ. נאָר עס איז שוין געווען שפּעט. מע דאַרף נאָר וואַרטן.

מאַקס האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ער האָט פּלוצעם דערהערט פֿון יענער זײַט פּלויט שנעלע טריט. די קאַליטקע האָט זיך אָן עפֿן געטאָן, און דער הינקעדיקער גערטנער איז אַרויסגעגאַנגען מיט א ברייטן, צופֿרי־דענעם שמייכל אויפֿן געזיכט:

— אײַך האָט אָפּגעגליקט! — האָט דער גערטנער קימאַט פֿײַערלעך גע־מאָלדן. — איך האָב געבעטן, און דער הער לײַנאַרד איז גרייט אויפֿנעמען זײַן פּלעמעניק... ביטע שיין, קומט מיט מיר...

מאַקס איז דערציטערט געוואָרן פֿון פּאַכעד. דאָס האַרץ האָט א צאַפּל געטאָן. ער איז בלאַס געוואָרן. „פּלעמעניק" האָט געקלונגען אין די אויערן. ער וועט האָבן א שיין פּאָנעם, ווען אים וועט דערזען דער „פֿעטער". מאַקס איז געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהײַט, ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. נאָר דער גערטנער האָט אונטערגעײַלט:

— נו, וואָס זשע טראַכט איר נאָך? איר האָט דאָך געבעטן אַרײַן צו לײַנאַרדן. ביטע. אײַך האָט אָפּגעגליקט. בא אים האָט זיך עטוואָס די שטי־מונג געביטן. ער לעכצט זיך גיכער באַקענען מיט זײַן „פּלעמעניק". עמעס, ער האָט געמאַכט גרויסע אויגן, ווען איך האָב אים געמאָלדן, אז צו אים איז געקומען זײַן אייגענער. נאָר קומט, איר וועט אים שוין אַליין דערקלערן, וואָס און ווער...

מאַקס האָט זיך נאָך שטאַרקער פֿאַרלוירן. די פֿיס האָבן זיך אים אונטער־געהאַקט, א קעלט איז דורכגעלאָפֿן איבערן גאַנצן לײַב. צוליב וואָס האָט

אים דער רועך א פּיק געטאָן אין דער צונג און ער האָט אויסגעטראַכט די באָבעמײַסע, אַז ער איז לײַנאַרדס קאָרעוו? באַלד וועט ער בא אים פּליִען אַף דרײַ שפּענער פון אַלע טרעפּ. ער וועט מיינען, אַז דאָס איז צו אים געקומען א דער־רועך־ווייסט־וואָס, א גאַנעוו, א קונצנמאַכער...

— נו, וואָס זשע שטייט איר? — האָט דער גערטנער זיך שוין א בייזער געטאָן, — מע וואַרט אַף אײַך!

מאַקס איז געגאַנגען נאָכן אַלטיטשקן גערטנער, ווי מע גייט אַף א שײַטער.

וויִאַזוי וועט ער זיך איצט אַרויספּלאָנטערן? וואָס וועט ער זאָגן? דער רועך ווייסט עס — פאַרוואָס איז אים נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען ריידן מיט גרויסע מענטשן? דער גרעסטער מענטש, מיט וועמען אים איז יאָ אויסגעקומען ריידן, אין געווען שימשן־האַגיבער...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז געשטאַנען א בלאַסער, א דערשראָקענער, קנייטשנדיק דאָס היטל אין די הענט, מאַקס קרייסלער אין א גרויסן צימער, ווו אַרום א געדעקטן טיש זײַנען געזעסן עטלעכע יאָמטעוודיק־פאַרפּוצטע מאַנצבלען און פרויען, גערייכערט, געשמועסט, געלאַכט. דערזען דעם אומ־געוויינלעכן באַזוכער, האָט מען זיך איבערגעוווּנקען, געבליבן שטיל.

צו אים האָט זיך דערנעענטערט א מיטלוווּקסיקער מענטש אין א שטוב־רעקל, מיט א ציבעק אין די ציין. ער האָט אָנגעשטרענגט, מיט א כיטרע שמייכעלע, וואָס מע האָט קוים באַמערקט אַף זײַן ענערגישן, עטוואָס פאַר־וואַקסענעם מיט גראָוולעכע האָר פּאָנעם, געקוקט אַף מאַקסן, געבעטן מיטן זשעסט זיך זעצן צום טיש:

— נו, מײַן הער, ביטע, לייגט אַרויס, וואָס האָט איר געוואָלט אַזוי דרינגענד זען לײַנאַרדן. נאָר צום ערשטן דערציילט, וויִאַזוי קערט איר מיר אָן א פּלעמעניק. איך וועל זײַן גליקלעך, אויב אין קאָלאָמייע האָט זיך בא מיר געפונען אַזא קאָרעוו...

מאַקס איז געשטאַנען, זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. ער האָט געקוקט אַף דעם מענטשן און זיך עפּעס ניט געגלייבט, אַז אַזא פּראָסטער און באַ־שיידענער זאָל זײַן יענער גאָען. ער האָט א טראַכט געטאָן, מאַקס, אַז עפּשער איז דאָס טאַקע ניט ער, זיגפריד? און נאָך עטלעכע מינוט שווײַגן אַרויסגעזאָגט:

— אַנטשולדיקט, קאָן איך זען דעם הער לײַנאַרדן? אַף עטלעכע רעגעס. איך ווייס, אַז ער איז ניט פרײַ, און וועל אים לאַנג ניט פאַרהאַלטן...

— ביטע שיין, לײַנאַרד הערט אײַך!

— עס קאָן ניט זײַן! דאָס איז, דאַכט זיך, ניט לײַנאַרד... איר שפּאַסט ניט?

פון אומדערוואַרטקייט האָט זיגפריד זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט, און אַף אים קוקנדיק — אַלע, וואָס זײַנען געזעסן און געשטאַנען באַם טיש.

— נו, מײַנע קאָלעגן, ווי געפעלט עס אײַך? — האָט לײַנאַרד זיך ניט געקאָנט באַרויִקן. — איר זעט, מע אַנערקענט מיך שוין ניט! דאָס זע איך דעם ערשטן ערלעכן צושויער, וואָס זאָגט דעם עמעס. דער מאַן און דער

„בעאָבאכטער" ווילן ניט אנערקענען זיגפריד לײַנארדן. אויסערגעוויינלעך! גוט! יאוואָל!... — האָט ער ניט אופגעהערט לאכן.

מאקס האָט זיך אינגאנצן פארלאָרן, ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. פון דער ערשטער מינוט אזוי דורכפאלן, זיך אזוי באנארישן! געוויס שטייט דאָך פאר אים לײַנארד אליין, און ער האָט ארײַנגעהאקט דער־רועך־ווייסט־וואָס.

דערזען, אז דער אומגעריכטער גאסט שטייט א פארשעמטער און האָט שוין מוירע דאָס מויל עפענען, האָט אים זיגפריד גענומען פאר דער האנט און צוגעפירט צום טיש, אים באזעצט אין אויבנאָן און דערלאנגט א באָקאל ווײַן:

— פאר אײַער אופריכטיקײַט, מײַן הער, בין איך גרייט מיט אײַך אויס־טרינקען. מײַנע קאָלעגן, איך לייג פאָר א טאָסט פאר אונדזער גאסט און פאר דעם ניט־אנערקענטן זיגפרידן!

מאקס האָט פארשטאנען, אז ער האָט זיך זייער באנארישט און מע לאכט שוין פון אים. נאָר אלע האָבן אויסגעטרונקען, האָט ער אויך איבערגעקערט דעם קאָס וווּנדערלעכן קאָניאק, און אים האָט זיך געדאכט, אז דאָס איז געווען עכט פײַער.

ער האָט א בלאָנקע געטאָן מיט די הונגעריקע אויגן איבער די טעלער, וואָס זײַנען געשטאנען אפן טיש, געמיינט עפּעס נעמען פארבײַסן, נאָר דערזען, ווי דער באלעבאָס האָט בלויז פארייכערט זײַן ציבעק, אויך ארויס־גענומען פון טאש א סיגארעטל און פארייכערט. דאָס האָט געדארפט אויסגע־טײַטשט ווערן, אז ער ווייסט, ווי מע דארף זיך פירן אין אזא געזעלשאפט.

מאקס האָט זיך אָפּגערוקט פונעם טיש, די געשמאקע מײַכאָלים זאָלן אים אזוי ניט רייצן.

— נו, זייער גוט... — האָט נאָך א פּאוזע זיך אָנגערופן זיגפריד, — איצט זײַנען מיר שוין מיט אײַך א ביסל באקענט. דערציילט, וויאזוי קערן מיר זיך אָן מיט אײַך פרײַנט? איר זײַנט, הייסט עס, מײַן פלעמעניק? צי עפּשער מײַן שוועסטערס שוועסטערקינד? איך האָב ניט פארשטאנען — איר האָט מיך פּאָשעט פארינטריגירט. מײַן גערטנער, עמיל שולץ, האָט מיטגעטיילט, אז איר זײַנט נאָך א בעקער פון קאָלאָמייע... זייער אינטערעסאנט. דער־ציילט גענוי...

מאקס איז רויט געוואָרן, ווי א צוויק. ער האָט ניט געוווּסט, וווּ באהאלטן די אויגן פון כארפּע. א קאלטער שוויס האָט אים באשלאָגן, ער האָט זיך קוים גענומען אין די הענט און זיך פארשעמט אָנגערופן:

— איך בעט מיר מויכל זײַן, הער לײַנארד. נאָר דאָס אלץ האָב איך צוגעטראכט. אײַער עמיל שולץ האָט מיך ניט געוואָלט ארײַנלאָזן צו אײַך, האָב איך אים דערציילט, אז איך בין אײַער פלעמעניק... איך האָב אײַך געמוזט זען. אנטשולדיקט מיר... א בעקער פון קאָלאָמייע — דאָס איז עמעס, נאָר ניט קיין קאָרעווו...

לײַנארד האָט אף דעם באָכער א קוק געטאָן און זיך צעלאכט:

— פלינק האָט איר מײַן גערטנער אָפּגענארט! דאָס איז דאָס ערשטע מאָל פאר אכצן יאָר, זינט ער ארבעט בא מיר, אז מע זאָל אים אזוי אָפּנארן.

ער שטייט אױף דער וואך און לאָזט קיינעם ניט צו. איר האָט אים איבערגע־כיטרעוועט. קאָלאָסאַל! גראַנדיִעז! איר זאָלט עס אים ניט זאָגן. דערוויסט ער זיך וועגן דעם, וועט ער עס אײַך קיינמאָל ניט מוחל זײַן!

זיגפריד איז צוגעגאַנגען נעענטער צום מאָדנעם גאַסט, אָנגעגאָסן מאַקסן נאָך א קאָס קאָניאַק און א ווונק געטאָן, ער זאָל נאָך אויסטרינקען, אויב ער איז שוין יאָ אהער געקומען.

ער האָט ניט געוואַגט אָפּזאָגן, אויסגעטרונקען און זיך דערפילט גאָר געהויבן. זיגפריד האָט געוויזן מיטן בליק אױף די אָנגעשניטענע שטיקלעך לימענע אויף טעלערל, און מאַקס האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרלוירן. וואָס גיט ער אים, לימענע, קאָנפעטן? מעשוגע געוואָרן! אױף די טעלער ליגט קעז, ווורשט, פיש, פון וועלכע עס רינט די שמאַלץ, ברויט, און ער הייסט אים פאַרבײַסן מיט לימענע! וואָס זשע, עפּשער איז ער גאָר א קאַרגער און זשאַלעוועט אים? ווען ער שעמט זיך ניט, מאַקס, וואָלט ער אופגעגעסן אַלץ, וואָס אױף די טעלער! ער איז דאָך אזוי הונגעריק, דעריקער, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען. נאָר דערזען, ווי זיגפריד נעמט פאַרבײַסן מיט א שטיקל לימענע, האָט ער אויך געטאָן דאָס זעלבע. „אויך מיר א פאַרבײַ־סעכץ! מיר איז אזוי אויך זויער!“

מאַקס האָט דערפילט, אז דער צווייטער קאָס האָט אים אינגאַנצן צעוואַ־רעמט. אים איז מיטאמאָל געוואָרן הייס, און די צונג האָט זיך א ביסל צעבונדן, געוואָרן פרײַער.

זיגפריד לײַנארד האָט פון אים ניט אַראָפּגענומען דעם בליק, געוואַרט, וואָס וועט דער גאַסט זאָגן, נאָר באַמערקט, ווי יענער בלאָנקעט מיט די גלאַנצנדיקע אויגן איבער די טעלער, האָט ער אים פאָרגעלייגט עסן, זיך ניט שעמען, נאָר אַזױפיל בליקן זײַנען געוועט געווענדט אף אים, אז מאַקס האָט ניט געוואַגט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. דער ביסן וואָלט געבליבן שטעקן אין האַלדז. מאַקס האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: א דאַנק, איך בין גאָר ניט הונגעריק. איך בין זאַט. דערצו נאָך בין איך געקומען אהער ניט עסן. איך האָב א וויכטיקערן איניען צו אײַך...

— אַלזאָ, מײַן הער, איך בין גרייט אײַך אויסהערן, אויב איר זײַנט שוין געקומען, — האָט זיגפריד געזאָגט, רייכערנדיק זײַן ציבעק, — מיר איז דערווײַל קלאָר איין זאַך — מיט אײַך קערן מיר זיך אָן פּאָשעט מענטשן. אזוי? און איר זײַנט ניט מײַן פּלעמעניק! א שאָד, איך האָב זיך שוין דער־פרייט, געמיינט, אז איך וועל האָבן וועמען איבערלאָזן די ירושע, ווען איך וועל שטאַרבן... איר זײַנט, הייסט עס, פון קאָלאָמייע? א בעקער? אויסגע־צייכנט, ווונדערבאַר! און ווי איז אײַער פאַמיליע? וואָס? מאַקס קרייסלער?! אָהאָ! זייער א באַרימטער נאָמען...

לײַנארד האָט א שמייכל געטאָן, א קוק געטאָן נאָכאמאָל אף יענעמס הוילעך, אָפּגעשאַצט מיט א שנעלן בליק מאַקס׳ אָנטאָן, די צעריסענע שיך, וואָס זײַנען געווען איבערגעבונדן מיט שטריקלעך, די פּאָדעשוועס זאָלן ניט אָפּפאַלן, און פאַרדײַגעט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מאקס קרייסלער? איך דענק, אז מיטן בארימטן אמעריקאנער מי־ליאָנער פונעם אווטאָ־קאָרפּאָריישן קרייסלערן קערט איר זיך גאָרניט ניט אָן? אפילע ניט זײַן קאָמפּאַניאָן?

— זאָל גאָט היטן!

— יאוואָל! איך האָב דאָס גלײַך פארשטאַנען, ווי איר זײַנט נאָר צו מיר ארײַנגעקומען. איז צוליב וואָס האָט איר מיך געמוזט אזוי דרינגענד זען? וואָס האָט איר מיר געוואָלט מיטיילן, הער מאקס קרייסלער?

מאקס האָט דערפילט, ווי די צונג איז בא אים געוואָרן אומבאַוועגלעך, ווי א שטײַט האָלץ, ער האָט זיך נאָך שטארקער פארשעמט. דער קאָניאַק האָט אים שטארקער צעווארעמט, דער הונגער האָט געמאטערט. ער האָט א קוק געטאָן אפן טעלער, נאָר באמערקט, ווי זיגפריד ווערט ערנסטער, ווארט אף ענטפער, האָט ער, לײַכט פארהיקענדיק זיך, געזאָגט:

— איך האָב אײַך געזען שפּילן אף דער בינע, הער לײַנארד, און דארף אײַך מעלדן, אז איר שפּילט אזוי ווונדערבאר, אז עס פארכאפּט אזש דער אָטעם!

זיגפריד לײַנארד האָט זיך בעסער אוועקגעזעצט אין ווייכן פאָטעל און ארויסגעלאָזט פון מויל א געדיכטן קנויל רויך:

— איך בין גערירט... א דאנק פאר א גוט וואָרט. מע זאָגט, אז ס'באקומט זיך בא מיר אמאָל. נאָר איך בין דאָ ניט שולדיק. דאָס פּובליקום איז בא אונדז זייער ברייטהארציק... אז איך האָב אײַך דערזען, האָט זיך מיר גע־דוכט, אז איר זײַנט מיך געקומען זידלען פאר מײַן שפּילן אין דער פּיעסע „אפן דעק", נאָר אויב ס'איז אײַך געפעלן, בין איך גליקלעך. דאנקע שיין!..

א טראכט געטאָן, ניט וועלנדיק באליידיקן דעם מאָדנעם באזוכער, האָט ער צוגעגעבן:

— אָבער איר ווייסט, מײַן פרײַנט, די לעצטע צײַט האָבן זיך געיאוועט אזעלכע לײַט, וואָס קריטיקירן מיך שטארק און שרײַבן מיר צו דער־רועך־ווייסט־וואָס! זיי שרײַען, אז לײַנארד איז אראָפּ פון זינען, ער שפּילט פאר דער הינטערוועלט, מײַן טעאטער וועט אינגיכן פארשטיין בלויז דער טײַוול, פורמאנעס, וועשערנס, שנאָרער...

— שפּײַט אָן יענע אין פּאָנעם ארײַן! — איז אופגעשפרונגען פון אָרט מאקס. — יענע פארשטייען גאָרניט! דאָס זײַנען אידיאָטן. יענע קריטיקער זײַנען טויגעניכצן! איר שפּילט גלענצנד! דאָס איז קינע. זיי פארגינען אײַך ניט. איר ווייסט, הער לײַנארד, וואָס איז אזוינס קינע?

באהאלטנדיק דאָס שמייכעלע, איז זיגפריד זיך דורכגעגאנגען איבערן געראמען צימער און געזאָגט:

— עטוואָס ווייס איך, וואָס איז אזוינס קינע אין דער קונסט. נאָר איר מוזט פארשטיין, אז קונסט איז זייער קאָמפּליצירט. דאָס איז ניט קיין מאַ־טעמאטיק, מײַן ליבער הער, דאָס איז ניט צוויי מאָל צוויי הייסט פיר און קיין מענטש וועט דאָס ניט קאָנען אָפּלייקענען. קונסט איז דיסקוסיאָנעל. יעדער פארשטייט אָדער מאכט דעם אָנשטעל, אז ער פארשטייט אין קונסט. דער, וואָס פארשטייט ווייניק, גוואלדעוועט שטארקער פון אלע, אז ער

פאַרשטייט. אַזוי, מײַן פֿרײַנט. קורץ, איך בין העכסט צופֿרידן, און איך מיין, אַז אויך מײַנע קאָלעגן, וואָס מיר זעען פֿאַר זיך אַזאַ שעצער... יאָ, איז זאָגט איר, אַז איר זײַנט אַ בעקער? ווען איר ווייסט, ווי איך בין אײַך מעקאַנע! אַ גאָלדענע פּראָפֿעסיע באַ אײַך. קיינער קריטיקירט אײַך ניט. מע גיסט אײַך ניט אָפּ מיט שמוץ אין די צײַטונגען און מע שרײַבט ניט אָף אײַך קיין פֿעליעטאָנטשיקלעך, איר רופֿט ניט אַרויס קיין סענסאַציעס. די קריטיק קאָן אײַך ניט אָנזאָלצן. איר פֿירט אַ רויק, שטיל לעבן, ניט אַזוי ווי מיר. יעדער גאָרנישט קאָן אונדז אויסזידלען, ווען אים פֿאַרגלוסט זיך. זאָגט מיר נאָר, זײַט אַזוי גוט, פֿון מיר וואָלט געקאָנט ווערן אַ בעקער?

מאַקס האָט זיך פֿון דער אומדערוואַרטער פֿראַגע פֿאַנאַנדערגעלאַכט:

— וואָס רעדט איר! זיגפֿריד לײַנאַרד — אַ בעקער? איר שפּילט אַזוי שיין אָף דער בינע, איר זײַנט אַזוי באַרימט. מע טראָגט אײַך אָף די הענט. איר זײַנט דער גליקלעכסטער מענטש אָף דער ערד — און פּלוצעם ווילט איר ווערן אַ בעקער! איר לאַכט פֿון מיר געוויס. איר וועט ניט זײַן קיין בעקער. עמעס, דער גרויסער רוסישער שריפֿטשטעלער מאַקסים גאָרקי איז אויך געווען אַ בעקער...

— אָט, אָט! אַבסאָליוט ריכטיק! — האָט אונטערגעכאַפּט לײַנאַרד און זיך בעסער אײַנגעקוקט אינעם גאַסט. — איז עפּשער זײַנט איר אויך אַ שריפֿטשטעלער און מיר געבראַכט אַ גוטע דראַמע? אויב אַזוי, טאָ וואָס זשע דאַרפֿן מיר לאַנג ריידן — לייגט זי אַוועק אָפֿן טיש. אויב זי איז גוט, וואָלט איך זי גערן געשטעלט אָף דער בינע...

— וואָס רעדט איר, הער לײַנאַרד! — האָט זיך מאַקס דערשראָקן. — ווי קומט צו מיר טאַלאַנט אָנשרײַבן אַ גוטע פּיעסע, דערבײַ נאָך פֿאַר זיגפֿריד לײַנאַרדס טעאַטער. מע דאַרף דאָך האָבן גרויסע פֿייִקײַטן, גאָטס פֿונק...

— געוויס, מײַן פֿרײַנט, דאָס שטערט אַמאָל ניט קיין שריפֿטשטעלער, ווי אויך אַן אַקטיאָר... איר האָט דערמאָנט, אַז מאַקסים גאָרקי איז געווען אויך אַ בעקער, האָב איך געמיינט, אַז איר האָט מיר געבראַכט כאָטש אַזאַ דראַמע, ווי „אָפֿן דעק"... דאָס איז אַ מעכטיקע זאַך און אַ מעכטיקער טאַ־לאַנט. איך בעט אויסטרינקען פֿאַר מײַן גרויסן פֿרײַנט, דעם רוסישן שריפֿטשטעלער!

אונדזער מאַקס קרײַסלער האָט נעבעך ווידער געמוזט אויסטרינקען באַגלײַך מיט אַלע.

מאַקס האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. ער האָט זיך שוין געפֿילט היימיש, ווי ער זאָל זײַן אין דער סוויווע ווער ווייסט וויפֿל צײַט. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, זיך געסטאַרעט דערמאָנען, וואָס האָט ער געדאַרפֿט זאָגן אָט דעם צוגעלאָזענעם מענטשן מיט די הענט פֿון אַ פּאָשעטן אַרבעטער און מיט אַ קאָפּ פֿון אַ כאָכעם, אַ דענקער.

זיגפֿריד האָט אַ קוק געטאָן אָף זײַנע קאָלעגן, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, ער זאָל גיכער ענדיקן דעם געשפּרעך מיט דעם לעץ, זיך אָפּגע־שטעלט לעבן אים:

— אלזאָ, מײַן הער, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז איר זײַנט אויך ניט קיין שריפטשטעלער און קיין דראמע האָט איר מיר ניט געבראכט. זייער גוט! כוץ דעם, האָט איר געהערט, אַז זײַן אַ גוטער אַקטיאָר אפילע איז ניט גאָר פריילעך. מע זידלט אים אין די צײַטונגען און מע טראכט אויס וועגן אים אנעקדאָטן, מע דערגייט אונדז די יאָר...

— ווער האָט רעכט אײַך זידלען? — האָט איבערגעשלאָגן מאקס. — זאָגט מיר, ווער דערגייט אײַך די יאָר, וועל איך גיין און זיי אויסזעצן די ציין...

— ניין, דאָס דאַרף מען ניט טאָן! זאָלן זײַן גאַנץ די ציין און די שויבן. עס קאָנען זײַן פאַרשיידענע מיינונגען אין פראַגן פון קונסט. יעדער האָט זיך זײַן מיינונג. אַקטיאָרן, קינסטלער, שריפטשטעלער זײַנען די סאַמע אומגליקלעכע מענטשן אויף דער וועלט. יעדער איינער קאָן קומען און זיי ווערן לערנען. אײַך איז גוט. אײַערע בולקעלעך אָדער בייגל זײַנען אויסער קריטיק. מע עסט און מע איז צופרידן, זאַט. בא אונדז איז דער איניען גאַנץ קאָמפּליצירט... יאָ, איר האָט מיר עפּעס געוואָלט מעלדן? ביטע שיין! מיט וואָס קאָן איך אײַך זײַן נוצלעך?

— איך בין געקומען אײַך בעטן, צי קאָנט איר מיך ניט נעמען צו זיך אין טעאַטער? — האָט מאקס ניט דרייסט אַרויסגעזאָגט און דערהערט, ווי די אַרומיקע האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט.

זיגפריד האָט אויפן גאַסט אַ קוק געטאָן פאַרוווּנדערט, אָנגעכמורעט די געדיכטע טונקעלע ברעמען, געמאַכט אַ זשעסט צו די קאָלעגן, זיי זאָלן ניט לאַכן.

— וואָס, איר ווילט אָנקומען צו אונדז אין טעאַטער? אינטערעסאַנט! זײַנט איר, הייסט עס, אַן אַקטיאָר?

— ניין, גאָט באַהיט! ניט קיין אַקטיאָר. נאָר איך האָב זייער ליב טעאַטער און וויל ווערן אַן אַקטיאָר... איך פיל, אַז איך וואָלט גוט געקאָנט שפּילן אויף דער בינע.

בא לײַנאַרדן האָט זיך אויסגעצויגן דאָס פּאָנעם:

— און וועלכע ראָלן וואָלט איר, לעמאָשל, געקאָנט בא מיר שפּילן?

— אַלע ראָלן! אָטעלאָ, אוריִעל אַקאָסטאַ, לוקאַ, ווייניק גוטע ראָלן האָט איר?!

לײַנאַרד האָט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט מיט זײַנע ברייט־צעעפנטע קלוגע אויגן:

— איר ווייסט, יונגערמאַן, איך בין פּאָשעט אַנציקט פון אײַער דרייסטקייט! ווען איך האָב אײַך נאָר דערזען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איר זײַנט פיל באַשיידענער. איך מיין, אַז ווען איר קלײַבט זיך אויס, לאָמיר זאָגן, אַ קאַריערע פון אַ מיליטערמאַן, וואָלט איר גאָר איינגיכן געוואָרן אַ פעלדמאַרשאַל. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער טעאַטער, מוז איך אײַך גלײַך וואָרענען, אַז דאָ איז די זאַך, דאַכט מיר, פיל ערנסטער און קאָמפּליצירטער. איר ווייסט, צום ערשטן מאָל באַגעגן איך אַ מענטשן, וואָס האָט קיינמאָל די בינע ניט געזען און וויל זיך גלײַך אונטערנעמען שפּילן אוריִעל אַקאָסטאַ, אָטעלאָ, קאָלאָסאַל! אויסערגעווייינלעך! איר ווייסט, וואָס דאָס האָט מיר

דערמאָנט? איך האָב אַמאָל אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן בא מײַנעם אַ שאָכן, צי וואָלט ער ניט געקאָנט אָנשרײַבן אַ ראָמאַן אָדער אַ דראַמע? האָט ער מיר געענטפערט: „געוויס! נאָר איך האָב נאָך ניט געפּרוּווט...“ איר פאַרשטייט? ער האָט ניט געפּרוּווט! „נו, און אַ פּאָר שיך אָפּנייען וואָלט איר געקאָנט?“ דאָ האָט ער זיך שוין טיף פאַרטראַכט: „איך האָב דאָך דיזע פּראָפעסיע ניט דערלערנט!“ איר פאַרשטייט: אָפּנייען אַ פּאָר שיך דאַרף ער זיך לערנען. אָנשרײַבן אַ ראָמאַן, אַ דראַמע — דאַרף ער פּרוּוון... איצט זעט איר, ווי אײניקע קוקן אַף אונדזער אַרבעט!..

שפּאַנענדיק נערוועז איבער דעם צימער, די הענט איבערגעקרייצט אַף דער ברוסט, האָט זיגפריד אָפּגערעגט פאַרגעזעצט:

— איך זע, אַז איר קוקט אויך אַף אונדזער אַרבעט ניט איבעריק ערנסט. צום גרויסן באַדויערן, מײַן הער, קאָן איך אײַך מיט גאָרניט ניט באַהילפיק זײַן. ווי איר שטויסט זיך אַליין אָן, קאָן ניט יעדער אײנציקער, וועלכער איז אַפילע פאַרליבט אין דעם טעאַטער, שפּילן אַף דער בינע. און ווען איר וואָלט אַפילע געווען אַן אַקטיאָר, וואָלט איר צו אונדז אין טעאַטער אויך ניט געקאָנט אָנקומען. בלויז אין בערלין גייען אַרום אַ פּאָר טויזנט אַרבעטלאָזע אַקטיאָרן, גאַנץ טאַלאַנטירטע. גלייבט מיר, אַז זײַן אַ גוטער בעקער איז פיל בעסער, ווי אַ מיטלמעסיקער אַקטיאָר... בא אײַך איז פיל לײַכטער און רויִקער. מיר לייגן אַרײַן די גאַנצע נעשאָמע אין דער ראָל און אָפּט דאָס לעבן, און ווייסן ניט, וואָס פאַר אַ שווײַן וועט קומען און אונדז אויסזידלען אין די בולוואַר־בלעטלעך, אויסגיסן אַף אונדז שמוץ. אַ בעקער האָט בלויז אײן קריטיקער — דעם געברויכער. מיר, אַקטיאָרן, מוזן געפעלן ווערן אַלעמען: די צושויער, די רעצענזענטן, די קריטיקער, דער צענזור, דער רעגירונג. אויסער דעם, באַהיט גאָט, אויב דער אַקטיאָר איז באַרימט. אַף אים טראַכט מען אויס, ווער וואָס ס'וויל. ער האָט אַ וועלט מיט ניט־פאַרגינער, סאָנים. איר קאָנט אָפּשטיין אינדערפרי און איבערלייענען, אַז זיגפריד לײַנאַרד האָט זיך אײַנגעליבט אין אַ נעם קאַנצלערס קוזינע, אָדער ער האָט באַרויבט אַ באַנק אין האַמבורג...

— איך פאַרשטיי אַלץ, הער לײַנאַרד, — האָט אײדל איבערגעשלאָגן מאַקס, — נאָר דאָך בעט איך אײַך — נעמט מיך אין אײַער טעאַטער. איר זײַנט דער גאַנצער באַלעבאָס, און אַז איר ווילט, קאָנט איר!

— ווידער דאָס זעלבע? — האָט זיך שוין צעבייזערט לײַנאַרד. — איך האָב אײַך שוין דערקלערט, אַז אָ־דאָס איז אומעגלעך. איך קאָן זיך הײַנטיקן טאָג מיט אײַך בײַטן — איר שפּילט אוריִעל אַקאָסטאַ, און איך וועל גיין ווערן אַ בעקער!

— רעדט ניט אַזוי, הער לײַנאַרד, מע וועט פון אײַך לאַכן! איר וועט זיך מיט מיר קײנמאָל ניט בײַטן! איר זײַנט באַרימט אין דער גאַנצער וועלט... איך האָב אײַך געזען עטלעכע מאָל אַף דער בינע און זאָג, אַז ס'איז ניט איבערצוגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. פון זינען זיך שיִר ניט געריִרט!

— אַט זעט איר — זיך שיר פון זינען ניט גערירט! — האָט זיך אַרײַנגעמישט לײַנאַרד. — אונדזער פּראָפעסיע איז נאָך זייער א געפערלעכע. אז מע עסט בולקע, רירט מען זיך ניט פון זינען. און אויב באַם שפּילן אף דער בינע וועט איר אַראָפּפירן מענטשן פון זינען, איז דאָס גאָר ניט הומאַניש...

— נײן, דאָס רעדט זיך אַזוי... — האָט זיך מאַקס אָנגעהויבן פאַרענטפערן, — אזעלכע מענטשן, ווי איר... מע האָט מיר א סאַך וועגן אײַך דערציילט...

— ווער האָט אײַך דערציילט?

— שימשון־האַגיבער...

— ווער, שימשון־האַגיבער? — זיגפריד האָט אף אים א קוק געטאָן, ווי אף א מעשוגענעם, און א טראַכט געטאָן, אז מע דאַרף גיכער פּאַטער ווערן פון אים. ער נעמט צו אומזיסט טײַערע צײַט. ער האָט א זאָג געטאָן, נאָכאַמאָל באַטראַכטנדיק זײַנע שיך: — איך זע, אז איר ביטיקט זיך, בעט איך אײַך איבערגעבן עמיל שולצן, ער זאָל אײַך אַרויסגעבן צוויי הונדערט מאַרק, צום ווידערזען!

וואָס? צוויי הונדערט מאַרק וויל ער אים געבן? זינט ער לעבט, מאַקס, האָט ער נאָך אַזא מאַיאָנטעק ניט געזען! אף אַזוינע געלטן וואָלט ער געקאָנט לעבן עטלעכע כאַדאָשים און דער קאָפּ וואָלט אים ניט געדאַרט. נאָר מאַקס איז אָפּגעגאַן צו דער טיר, מיט האָזע א קוק געטאָן אף לײַנאַרדן, אף זײַנע געסט, און מיט שטאָלץ געזאָגט:

— אויב איר מיינט, הער לײַנאַרד, אז איך בין געקומען, איר זאָלט אף מיר ראַכמאָנעס האָבן און מיר געבן א נעדאָווע, האָט איר א גרויסן טאָעס. איך בין געקומען צו א גרויסן שוישפּילער און ניט געוואַרט, אז ער וועט מיך אַזוי באַליידיקן...

— אַנטשולדיקט... איך האָב אײַך ניט געוואָלט באַליידיקן... עס טרעפט — א מענטשן פעלט אַמאָל אויס די עטלעכע מאַרק... מיט מיר אַליין איז ניט איין מאָל אין דער יוגנט אַזוינס געשען. איר וועט רײַך ווערן, וועט איר מיר אומקערן...

א טראַכט געטאָן, האָט לײַנאַרד צוגעגעבן:

— נו, וויבאַלד אַזוי, גיט איבער עמיל שולצן, ער זאָל אײַך געבן אַן אָנצוג און א פּאָר שיך... דאָרט איז פאַראַן גענוג...

מאַקס איז אַרײַן אין גרימצאָרן:

— מײַן אָנטאָן שאָקירט אײַך, הער לײַנאַרד? קוקט ניט אף מײַן קליידונג. איך האָב א האַרץ און בין א מענטש, און דאָס איז טויזנט מאָל בעסער, ווי א רעקל מיט א פּאָר שקראַבעס...

ער האָט אָנגעטאָן דעם קאַרטוז און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, נאָר אף דער שוועל זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט צום באַלעבאָס:

— אויב איר זײַנט א גוטער און ווילט מיר העלפן, קאָנט איר מיר העלפן מיט איין זאַך. נעמט מיך אַרײַן אין אײַער טעאַטער און לערנט מיך אויס שפּילן. מער וויל איך פון אײַך קיין זאַך ניט...

א קלוג שמייכעלע האָט באַשײַנט לײַנאַרדס גוטמוטיק פּנים: „אַ מאָדנער באָכער. אַן אומגעווײנלעכער... אַזעלכער איז נאָך בײַ מיר ניט געווען".

— לײדער, קאָן איך דאָס ניט נעמען אױף זיך...

— איך ווײס... איר ווילט פּאַשעט ניט. אײַך קאָסט עס גאָרניט, און בײַ מיר איז דאָס אַ זאַך פֿון לעבן אָדער טויט...

— לײדער, קאָן איך ניט העלפֿן... אָן אַ שיר אַקטיאָרן בעטן זיך צו מיר... אָט ווען עס קומט אַזאַ, וואָס זאָל מיך קענען פֿאַרבײַטן, דובלירן, וואָלט איך אים גערן גענומען אין טעאַטער...

— טאָ נעמט מיך! איך וועל קענען! — האָט מאַקס אויסגעשאָסן און זיך אַלײן דערשראָקן פֿאַר זײַנע ווערטער.

יאָ, מאַקס האָט זיך דערשראָקן ניט אױף קאַטאָוועס, דערהערנדיק, ווי אַלע געסט האָבן זיך צעלאַכט.

— איר זעט, מײַן טײַערער, ווי איר האָט איבעראַשט מיט אײַער דרײסטער מעלדונג מײַנע קאָלעגן? איר זײַט דאָך ניט קײן אַקטיאָר, איך זאָל אײַך נעמען אין טעאַטער...

— און איר זײַנט מיטאַמאָל געוואָרן אַן אַקטיאָר? קײן אַקטיאָר ווערט מען ניט געבוירן. ווען איר ווילט נאָר, וואָלט איר מיך אויסגעלערנט...

— ווער האָט עס אײַך געזאָגט?

— ווער? שימשון־האַגיבער...

ווידער דערהערט „שימשון־האַגיבער", האָט לײַנאַרד באַשטימט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ קראַנקן מענטשן. אַ טראַכט געטאָן, וויאַזוי באַגלײט מען אים אַרויס, ער זאָל זיך ניט באַלײדיקן אױף אים. באַטראַכט מאַקס' שטאַלטנע פֿיגור, אָפּגעשטעלט דעם בליק אױף זײַנע פֿיס, וועלכע האָבן לײַנאַרדן אויסגעוויזן עט־וואָס קײַלעכדיק, ווי בײַ אַ רײַטער, האָט ער אין שפּאַס געזאָגט:

— זאָגט נאָר, איר זײַנט ניט געווען קײן רײַטער?

— צוליב וואָס פֿרעגט איר עס? — האָט זיך מאַקס פֿאַרוווּנדערט.

— גלאַט אַזוי... מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פֿיס זײַנען בײַ אײַך ניט אינגאַנצן קײן גלײַכע... קרומלעכע...

— איז וואָס? — האָט מאַקס אַ קוק געטאָן אױף די פֿיס.

— גאָרניט... נאָר איר פֿאַרשטײט, ווען איר ווילט ווערן אַן אַקטיאָר, וואָלט איר ניט געקאָנט. איר שטעלט זיך פֿאָר אָטעלאָ אָדער אַקאָסטאַ מיט קרומע פֿיס? נײן, פּאָלגט מיך, שלאָגט זיך עס אַרויס פֿון קאָפּ... איר דאַרפֿט ניט זײַן קײן אַקטיאָר, אַרבעט רויִק אין בעקערײַ, וועט איר האָבן ווייניקער זאָרג און אומאָנגענעמלעכקײַטן. זײער קאָמפּליצירט ווערן אַ גוטער אַקטיאָר. אײַך וואָלט אויסגעקומען פּערפֿעקט אויסלערנען די שפּראַך, האָבן אַ גוטע דיקציע... מע מוז האָבן אַ גוטן זיקאָרן, קענען אױף אויסווייניק שעקספּירן, מאָליערן, געטען, גוצקאָוון, טשעכאָוון, גאָרקין. נו, און די פֿיס... פּאָלגט מיך. איך ראָט אײַך ניט. פֿאַרגעסט אין דעם...

זיגפֿריד לײַנאַרד איז אַלײן געווען צופֿרידן פֿון זײַן שפּאַס, אַז מיט אַזעלכע פֿיס קאָן מען ניט שפּילן אָטעלאָ און אַקאָסטאַ. דאַכט זיך, אַז איצט וועט יענער זיך שוין אָפּטשעפּען פֿון אים און אוועקגײן. ער האָט אים אָפּ־

געשלאָגן דעם כיישעק אף שטענדיק ווערן אַן אַקטיאָר. נאָר איינצייטיק האָט ער זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי ער האָט דערמיט דערצאָרנט דעם גאַסט, וויפל ווייטעק און פאַרביטערונג זיין שפּאַס האָט אַרויסגערופן אין האַרצן בא מאַקסן.

ער איז געווען דערשיטערט. וואָס האָט יענער אַזוינס דערזען אף זיינע פיס? געזונטע, אייזערנע פיס. וויפל קילאָמעטער זיינען זיי דורכגעגאַנגען, און דאַנקען גאָט, זיי האָבן אים קיינמאָל ניט אונטערגעפירט. איבער וועלכע בערג זיינען זיי ניט געקראָכן דאָרטן אין די קאַרפּאַטן! זיי האָבן אים שטענ־דיק גוט געדינט, און ער האָט צו זיי קיין טענעס ניט געהאַט. אָבער לײנאַרד אַליין האָט אף זיי געפונען אַ כיסאָרן, ניט עמעצער אַנדערש. און דער פאַר־שטייט גוט, וואָס ער זאָגט. הייסט עס, ווען ער האָט גלייכע פיס, אַ גוטע דיקציע, לערנט גוט אויס די שפּראַך, די קלאַסיקער, וואָלט ער, מאַקס, גע־קאָנט אָנקומען אין טעאַטער?

עטלעכע מינוט איז ער געשטאַנען, געטראַכט, דערנאָך אופגעהויבן אף לײנאַרדן זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן און אַרויסגעזאָגט:

— איך פאַרשטיי, הער לײנאַרד. וויבאַלד איר זאָגט, גלייב איך אייך. נו, און ווען איך ווער פּאַטער פון די כעסרוינעס, וואָלט איר מיך גענומען אין טעאַטער?

ווידער האָט זיך אף זיגפרידס געזיכט צעשפּילט דאָס מאַמזערישע שמיי־כעלע:

— געוויס, מיין יונגער פריינט. נאָר, ניט וואָרהאַפטיק... אומעגלעך דאָס צו דערגרייכן... — האָט אַריינגעשטעלט לײנאַרד און געמיינט, אַז דערמיט וועט ער ענדיקן דעם לאַנגן, פאַרצויגענעם געשפּרעך.

מאַקס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשטאַנען אַ דערשלאָגענער.

— זאָגט מיר, און עס איז מעגלעך אויסגלייכן אַזעלכע פיס?

— איך בין ניט קיין דאָקטער, נאָר איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז אומעגלעך. און ווילד. איר טראַכט ניט וועגן דעם. צום ווידערזען, מיין פריינט!

— הייסט עס, איז דער אָפּהאַלט בלויז אין מיינע כעסרוינעס, מער גאָר־ניט?

— געוויס... געוויס... — האָט אים אַרויסבאַגלייט לײנאַרד, קוים באַ־האַלטנדיק דאָס שמייכעלע. — צום ווידערזען!..

זיגפריד לײנאַרד איז געשטאַנען אַ ווײַלע בא דער צוגעמאַכטער טיר און זיך איינגעהערט אין די הילכיקע טריט פון דעם מאָדנעם באַזוכער. ענדלעך איז געוואָרן שטיל. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און אופגעהויבן די אויגן, דערפילט, ווי אַ שווערע מאַסע האָט זיך אַראָפּגעוואַלגערט פון זיינע פלייצעס.

— מיין גאָט, פּאַטער געוואָרן פון אַ צעדרייטן! ער וועט זיך שוין אַרויס־שלאָגן פונעם קאָפּ דאָס מעשוגאַס. אָפּגעראַטעוועט אַ מענטשן פון אַן אומ־גליק. אַן אַקטיאָר פעלט אים נאָך זיין! אַזויפיל פאַנאַטיקער טראָגן זיך אַרום איבער דער ערד! זיי זיינען אונדז מעקאַנע...

די קאָלעגן האָבן געלאכט, געלויבט זיגפרידן, וואָס ער האָט צוגעטראכט די געשיכטע מיט די קײַלעכיקע פּיס. א וווּנדערלעכער שפּאס. אנדערש וואָלט ער נאָך ניט פּאָטער געוואָרן פון דעם לעץ.

זיגפריד לײַנארד האָט ארײַנגערופן עמיל שולצן און אים באפוילן מער ניט ארײַנלאָזן צו אים קיין פּלעמעניקעס מיט קיין בעקערס, קיין לייצים און אנדערע מעשוגאָים, זיי מעגן אפילע קומען ניט וואָס פון קאָלאָמייע, נאָר אפילע פון פּאריזש!

צוגעגאנגען צום טיש, האָט ער אויסגעטרונקען נאָך א קעלישעקל קאָניאק, פארביסן מיט א שטיקל לימענע און זיך, א מידער פון דעם געשפּרעך מיט יענעם קאָלאָמייער אקשן, אוועקגעזעצט אפן פענצטער, פארמאכט די אויגן.

די געסט זײַנע האָבן נאָך געלאכט, נאָר ער האָט ניט אונטערגעהאלטן. ער האָט געטראכט וועגן דעם, וואָס דאָ איז נאָרוואָס פאָרגעקומען. א מאָדנער געפיל איז בא אים געבליבן נאָך דעם, ווי יענער איז ארויסגעגאנגען פון צימער אזא דערשלאָגענער און אומגליקלעכער. ער האָט געטראכט וועגן דעם, אז אזעלכע באזוכער זײַנען נאָך בא אים ניט געווען. אָרעם, ווי דער טויט, הונגעריק, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן — און איז פארליבט אין קונסט, אין טעאטער; פאָרגעלייגט געלט, אָנטאָן, נאָר יענער האָט זיך אזוי גרויסהאלטעריש אָפּגעזאָגט. א שטארקער כאראקטער? א פאנאטיקער? וואָס איז דאָס פאָרט פאר א מענטש בא אים געווען? א טרוימער, א מעשוגענער, א ווילדער פאנטאזיאָר, מאקסים גאָרקיס טיפּאזש? צי דען האָט ער טאקע געטראכט, אז אזוי גרינג קאָן מען ווערן אן עכטער אקטיאָר? מיט עפּעס איז דער פארשווונדענער גאסט אים דאָך געפעלן, און זיגפרידן האָט באנק געטאָן, לעמײַ האָט ער איבער אים אזוי בייז א שפּאס געטאָן און אינגאנצן אָפּגעשלאָגן דעם כיישעק צו טרוימען וועגן קונסט. מעג מען דען א מענטשן פארמיִעסן זײַנע פארבאָרגענע טרוימען? ווי שווער דאָס דארף זײַן פאר א מענטשן, ווען ער צעשיידט זיך אף שטענדיק מיט זײַן טרוים, באזונדערס איצט, ווען דאָס לעבן איז אזוי שווער און ביטער! זיגפריד פילט עס אף זיך, ווען זײַן פרוי האָט אים פאראטן און אוועקגעפאָרן...

* * *

מאקס איז ארויסגעלאָפן פונעם געדיכטן סאָד און זיך אָפּגעשטעלט בא דער פירטקע, זיך ארומגעקוקט, ווי ער זאָל ווערן דאָס אָרט פארגעדענקען אף שטענדיק. ניט געקוקט אף דעם דורכפאל, וואָס ער האָט דאָ געהאט, איז ער דאָך געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן צו לײַנארדן און געהאט מיט אים אזא גוטן געשפּרעך און יענער האָט אים ניט ארויסגעטריבן. יענער האָט אים אפילע מעכאבעד געווען און געטרונקען מיט אים. ביז איצט דרייט זיך נאָך מוירעדיק דער קאָפּ און ער האלט זיך קוים אף די פיס. ער האָט געפילט, אז עפּעס האָט זיך געענדערט אין זײַן לעבן. נאָר וואָס דארף ער ווײַטער טאָן, האָט ער נאָך ניט געוווּסט. ער איז דערווײַל געבליבן

אפן שיידוועג. צי דאַרף ער טאַקע עפּעס טאָן? עפּשער איז איצט גראָדע די צײַט אַרויסוואַרפן זײַנע אַלע פּלענער פון קאָפּ און זיך אוועקלאָזן אַהיים?

אייגנטלעך, — האָט מאַקס פאַרגעזעצט קלערן, — וואָס איז געשען? אויב אַ טראַכט טאָן רויִק, איז דערווײַל דער הימל נאָך ניט באַ דער ערד! זיגפריד האָט אים גאַנץ שיין אָפּגענומען, געשמועסט, מעכאַבעד געווען, ניט גע־טריבן פון שטוב. ער האָט אים ניט געקאָנט נעמען צו זיך אין טעאַטער. און יענער האָט ריכטיק דאָך געטאָן. באַ אַ מענטשן, וואָס וויל שפּילן עכטע ראָלן, מוז אַלץ האַרמאָנירן. געוויס מוז מען גוט קענען די שפּראַך, האָבן אַ גלענצנדע דיקציע, קענען גוט שעקספּירן, שילערן, טשעכאָוון, מאָליערן... וואָס זשע האָט זיך מאַקס אַזוי פאַרלוירן? געוויס איז דאָס וויכטיק. און ער קאָן אַלץ דערגרייכן. דעריקער ניט אַראָפּלאָזן די הענט, ניט פאַרלירן דעם מוט, זיך ניט האַלטן פאַר קיין איבעריקן אויף דער ערד. פאַרקערט! מע דאַרף העכער אויפהייבן דעם קאָפּ, זיך שלאָגן פאַרן גליק, זיך בעשום־אויפן ניט אונטערגעבן. וואָס איז שײַעך די פּיס, דאָס איז אויך ניט אויסוועגלאָז. מע קאָן עפּעס צוטראַכטן, און דער כיסאָרן וועט נעלעם ווערן. מע דאַרף נאָר וועלן!

און מאַקס האָט אין זיך דערפילט אַ צופלוס פון נײַע קויכעס, שטרעבונ־גען, וועלכע וועלן אים העלפן בײַקומען אַלע שוועריקײַטן און סאַקאָנעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אים אין וועג. קיין זאַך אין דער וועלט וועט אים ניט אָפּהאַלטן אַפן גרויסן וועג צו דערגרייכן זײַן ציל!

ער האָט פאַרקערעוועט אין פּאַרק, זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. און־טערגעלייגט אונטערן קאָפּ זײַן קלומעקל, אויסגעצויגן זיך אין דער גאַנצער לענג אויף דער באַנק, האָט מאַקס געגומען אײַנשלאָפן. און ווער איז איצט געווען צו אים גלײַך?!

נישקאָשע, מע דאַרף זיך האַלטן פעסט. ער וועט נאָך אַ פּרווו טאָן דאָס מאַזל!

אַ מאָדנער פּאַציִענט

ווען מאַקס האָט אויפגעריסן די אויגן, האָט ער דערזען, אַז דער הימל האָט שוין אָרופּגעצויגן אויף זיך אַ נײַע הויט און צווישן די שוואַרץ געוואָ־רענע קרוינען פון די ביימער איז ניט געווען צו באַמערקן קיין סימען פון זון־פאַרגאַנג. זעט אויס, די זון איז אָן אַ „גוטן טאָג" שוין לאַנג נעלעם גע־וואָרן.

אָפּגענאַרט אַ ביסל דעם שלאָף, האָט מאַקס קרייסלער דערפילט, אַז אים איז דאָך לײַכטער געוואָרן, דער קאָפּ האָט זיך ניט געדרייט אַזוי, ווי פריִער, נאָר דערפאַר האָט וועגן זיך געגעבן פילן דער הונגער.

אָנגעטאַפּט אין קעשענע די עטלעכע מאַטבייעס, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאָרט אויף אַ בילעט אין טעאַטער, האָט ער זיך געלאָזט גיין זוכן אַ קאַפע, עפּעס איבערכאַפּן. די צוויי הונדערט מאַרק, וואָס לײַנאַרד האָט אים פאַר־

געלייגט און פון וועלכע ער האָט זיך אַזוי גרויסמוטיק אָפּגעזאָגט, וואָלטן אים איצט גוט צוניץ געקומען. נאָר דאָך איז ער געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיי ניט גענומען בא אים. זאָל יענער ניט מיינען, אַז מאַקס איז געקומען צו אים זיך קלאָגן אָף דער נויט.

מאַקס איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ קאַפע, איבערגעכאַפּט דעם הונגער, און ס'איז אים גלײַך ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַפע אָף דער פרישער לופט און זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן, האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס האָט ער פאַר דעם טאָג באַוויזן אופטאָן, ווו איז ער געווען און וואָס איז מיט אים געשען, וואָס האָט אים זיגפריד לײַנאַרד געייצעט און וואָס דאַרף ער טאָן. אַ שטיקל האָפענונג האָט ער. מע דאַרף לערנען די שפראַך, די ליטעראַטור, פאַרבעסערן די דיקציע... דאָס איז קלאָר. ער וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט. פאַר אים וועט דאָס ניט זײַן שטאַרק שווער. נאָר וואָס טוט מען מיט די פיס? צי קאָן מען זיך דאָ אָן אייצע געבן?

פּלוצעם האָט אַ בליץ געטאָן אַ שפּאָגל־נײַע מאַכשאָווע: עס זײַנען דאָך פאַראַן אָף דער וועלט גוטע דאָקטוירים, פאַרוואָס זאָלן זיי אים ניט קומען צוהילף? ביז איצט האָט זיך זײַן באַקאַנטשאַפט מיט די דאָקטוירים באַגרענעצט בלויז דערמיט, וואָס אין דער היים, אין קאָוואַליוקע, האָט ער זיך אַמאָל אַרײַנגעגאַנוועט אין סאָד צום היגן פעלדשער, צו מאַרטעס טאַטן, אָנגעריסן אַ בוזעם עפל, נאָר איז קוים אַרויסגעשפּרונגען פון דאָרטן מיטן לעבן. האָבן צו טאָן מיט דאָקטוירים, ווייסט ער, איז ניט קיין איניען פאַר קאַפּצאָנים. ניט אומזיסט פלעגט אַמאָל דער טאַטע זײַנער זאָגן: אַן אָרעמאַן זאָל גאָר ניט דערלעבן אָנקומען צו אַ דאָקטער. קרענקען — דאָס איז אַ געשעפט פאַר די גווירים, פאַר יענע, וואָס האָבן ניט וווהין אַהינטאָן זייערע מאַמטאַקים...

פון אַלע צײַטן איז בא די קרייסלערס אין שטוב געווען אַן אייגענע אַפּטייק מיט אַן אייגענעם דאָקטער: האָט בא אַ קינד ווייי געטאָן דאָס בײַכעלע, האָט די מאַמע עס געפּאָיעט מיט אָקרעפּ, ניט געגעבן קיין עסן. אַז דעם קינד איז נימעס געוואָרן הונגערן, האָט עס זיך אופגעהערט קלאָגן, זיך גענומען פאַר דער אַכילע און גלײַך פּאָטער געוואָרן פון דער קרענק. אַז דער טאַטע צי דער זיידע פלעגן זיך נעבעך אָנהייבן קאָרטשען פון ווייטעק, דער אישיאַס, שטעכעניש, ברעכעניש האָט זיי אַ כאַפּ געטאָן, איז די מאַמע אויך ניט געפלויגן רופן דעם רויפע. זי איז אַוועק אַפן גאָרטן, אָנגעריסן קראָפּעווע, אַוועקגעלייגט אָף דער באַנק די כאָלאָים, זיי פאַרהויבן, מיר בעטן איבער אײַער קאָוועד, די העמדער און גוט אָפּגעשמיסן מיט דער קראָפּעווע די „קראַנקע ערטער“, און מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי די געראַטעוועטע זײַנען שוין געלאָפן אין קרעטשמע נעמען אַ גלעזעלע לעכאַיִם. איז געוואָרן אַ געשוויר בא אַ קינד אַפן הענטל, אַפן פיסל, אַפן בײַכל, האָט די מאַמע זיך אויך ניט פאַרלוירן. זי האָט גלײַך פאַרמישט אין אַ בלעכן קעסטעלע אַ ביסל געלע ליים מיט האַשטאָנע, צוגעלייגט עס צום געשוויר, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געווען אויס געשוויר! אַלע קרענק און כאַלאַסן

האָט די מאמע אליין געקענט היילן מיט קרײַטעכצער, געוויקסן, און ווען די דאָקטוירים דארפן לעבן פון אירע פּאַרדינסטן, וואָלטן זיי געהאט א שיין פּאָנעם. קיין נעגידים זײַנען די דאָקטוירים און פעלדשערס פון יאָסיע דעם סטעלמאכס פּאַרדינסטן ניט געוואָרן, קיין ברויט בא אים צו זעט אויך ניט געגעסן. נאָך מער, די מאמע האָט געהיילט אָן א גראָשן געלט די גאנצע גאס, אלע קינדערלעך און עלטערע. זי האָט אויך געקענט אָפּשפּרעכן א גוט־אויג, און די רויפעס זײַנען געווען גרייט זי דוירעס זײַן, לעמײַ זי שלאָגט אָפּ בא זיי די פּאַרנאָסע.

נאָר מאקס האָט פאַרשטאנען, אז די מאמע מיט אירע גראָזן און קרײַטעכצער וועט אים ניט קאָנען העלפן. ער וועט זיך מוזן באקאנען מיט די בערלינער דאָקטוירים. וואָס וועלן זיי אים זאָגן, וויאזוי וועלן זיי אים באַגעגענען?

ער וועט זיך אָנעמען מיט מוט און גיין צו יענע. זאָלן זיי זיך דרייען דעם מויעך מיט זײַנע פּיס!

מאקס האָט זיך דערמאָנט, אז אנומלטן האָט ער געלייענט אין א זשור־נאל, אז איינע א מארקיזע האָט געוואָלט געפעלן ווערן איר געליבטן, נאָר זי האָט געהאט קרומלעכע פּיס, האָט זי זיך געווענדט צו גרויסע דאָקטוירים, און יענע האָבן זיי איר אויסגעגלײַכט. נאָר וואָס טוט ניט א מארקיזע צוליב געפעלן ווערן א געליבטן! ער דארף געפעלן ווערן איין זיגפריד לײַנאַרדן! דאָס, וואָס עס קאָן זיך פאַרגינען א מארקיזע, קאָן ניט קיין אָרעמער בעקער. אָבער פּרווון, ווי זאָגט מען עס, קאָסט קיין געלט ניט. מע דארף גיין א טאָפּ טאָן אין וואָגן. פאַר יענע, וואָס שטרעבן צו עפּעס, איז קיין מעניע נישטאָ!

מאקס האָט זיך צונויפגעמישט מיטן שפּאַצירנדיקן, געדיכטן אוילעם. מע זאָל ניט מיינען, כאָלילע, אז ער איז מיט עפּעס פאַרדײַגעט, האָט ער זיך אונטערגעבאָמקעט אונטער דער נאָז א ניגנדל. ווי איר זאָלט ניט וועלן זידלען דאָס לעבן, די וועלט, וועט איר ניט קענען. ניט געקוקט אף אלע צאָרעס און אומגליקן, איז דאָך שיין דאָס וועלטל און עס איז גוט צו לעבן אף דער וועלט. בעפּיירעש, ווער עס וועט אין אזא שיינעם זומער־פאַרנאכט שטארבן, וועט שטארק כאראָטע האָבן!

ניט געקוקט אף אלץ, איז געווען א שיינער טאָג בא מאקסן. די באגעגע־ניש מיט דעם בארימטן אקטיאָר, זייער געשפּרעך וועט ער פאַרגעדענקען אפן גאנצן לעבן. און דאָס, וואָס יענער האָט אים אזוי דערצאָרנט, פאַרשאפט אזוי־פיל צאַר, שטערט ניט. ער וועט זיך נאָך א ראנגל טאָן פאַר א שטיקל אָרט אונטער דער זון!

* * *

ער האָט אָנגעהויבן גיין איבער די שפּיטאָלן. ער מוז אומבאַדינגט געפינען א דאָקטער, וואָס וועט עפּעס טאָן מיט זײַנע פּיס, זיי אויסגלײַכן. לאַנג און אײַנגעאַקשנט איז ער געגאַנגען, זיך נאָכגעפרעגט, געייצעט, ווער וועט זיך אונטערנעמען אים אָפּערירן. נאָר א מאָדנע געשיכטע! פּונקט ווי מע וואָלט

ויך דאָ צונויפגערעדט, האָבן אים אַלע אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם. אייניקע דאָקטוירים האָבן אים אפילע פאָרזיכטיק געייצעט זיך ווענדן צו א פּסיכיאַטער.

אַן אנדערער אף זײַן אָרט וואָלט נאָך אזעלכע שיינע אופנאמען און גוטע אייצעס געוויס א שפּײַ געטאָן אף אַלץ. נאָר נאָך יעדן דורכפאַל האָט זיך אין אים נאָך שטארקער צעשפּילט די אקשאָנעס: עס וועט זיי ניט העלפן, די דאָקטוירים, זיי וועלן אים מוזן מאכן די אָפּעראַציע, ער זאָל קאָנען אָנקומען צו לײַנארדן אין טעאטער, ער מוז אין א צײַט ארום קומען צו זײַן גאָען און אים מעלדן, אז ער האָט אַלץ ערלעך אויסגעפילט, געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט אים געראטן, און דעמלט וועט לײַנארד ניט וואגן אָפּזאָגן! נאָר מאקס האָט אויך פארשטאנען, אז מע טאָר ניט ציִען אין דער לאנגער באנק ארײַן — זיגפריד קאָן, כאָלילע, כאראָטע האָבן. מאַלע וואָס עס קאָן געשען, אויב דער איניען וועט זיך שטארק פארציִען!

מאקס האָט זיך באמיט געפינען א דאָקטער, און ניט קיין פּראָסטן דאָקטער, דערצו נאָך א ברייטהארציקן און א רײַכן. א גוטן — ווײַל מאקס האָט לאַכלוטן ניט געהאט קיין כיישעק פריצײַטיק זיך צעשיידן מיטן לעבן אָדער בלײַבן א קאַליקע. א רײַכן — ווײַל יענער וועט אים דארפן דערווײַלע אָפּערירן אומזיסט. נישקאָשע, די ערד וועט אים ניט נעמען, אויב ער וועט ווארטן, יענער זאָל זיך שטעלן אף די פיס און אָנהייבן פארדינען, זיך דערנאָך צערעכענען. איצט האָט ער ניט קיין צעבראָכענעם גראָשן בא דער נעשאָמע. מאקס האָט גוט געוווּסט, אז דאָס איז ניט קיין גרינג שטיקל ארבעט געפינען א דאָקטער מיט אזויפיל מײַלעס! נאָר מאקס האָט געגלייבט, אז אויב ער וועט אײַנגעאקשנט זוכן, וועט ער געפינען!

מיט דער אקשאָנעס און אײַנגעאקשנטקײַט פון אַן אייזל האָט מאקס קרייסלער געזוכט א גוטן דאָקטער א כירורג.

טעג און וואָכן איז ער אזוי ארומגעגאנגען פון מוניען צו שמוניען, פון סאָסיען צו דוואָסיען און — גאָרניט! פוסטע כאַלוימעס! האָט ער אָנגעטראָפן אף א דאָקטער מיט גאָלדענע הענט, א גוטן באַלמעלאָכע, א מענטשלעכן, הארציקן דאָקטער, וואָס וואָלט זיך אונטערגענומען מאכן די שווערע אָפּעראַציע, האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז יענער דאָקטער איז נעבעך אָרעם, ווי דער טויט, און ארבעט בא אזעלכע באַלעבאטים, וועלכע וועלן אָן געצאָלטס דיך ניט אריבערלאָזן אף דער שוועל, און וועגן אומזיסטע אָפּעראַציעס קאָן קיין רייד ניט גיין! נאָך לאנגע מאטערנישן האָט מאקס געפונען א רײַכן כירורג, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אָפּערירן אומזיסט, אָן א פעניג, פארקערט, ער האָט נאָך דעם פאציִענט געוואָלט צוצאָלן, יענער זאָל זיך אף מאקס׳ פיס לערנען, פּראַקטיקירן, הייסט עס. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז דאָס איז ניט קיין כירורג, נאָר א קאצעוו, א טויגעניכץ, וועלכן מע טאָר ניט פארטרויען שטעלן אפילע קיין קליזמע.

ווען מאקסן האָט זיך שוין געדאכט, אז דאָס איז א פּוסטע געשיכטע, פון וועלכער עס וועט זיך גאָרניט באקומען, און ער האָט שוין געוואָלט אַלץווארפן און זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס מעשוגאס, האָט ער אומדערווארט

אַנגעטראָפן אױף יענעם, װעלכן ער האָט מיט אזא אײַזערנער אקשאָנעס גע־זוכט.

דער גורל האָט אים געבראַכט צו פירן אין דער כירורגישער קליניק פון דעם בארימטן פּראָפעסאָר ערינ שטוטבאַך.

באם ארײַנגאנג אין לאנגן ציכטיק־ריינעם קאָרידאָר, װו עס האָט גע־שמעקט װי אין אלע קליניקעס מיט קארבאָלקע, קאמפאָר, יאָד און אנדערע ניט גאָר געשמאקע רייכעס פאר דער נאָז פון א נאָרמאלן באזוכער, איז בא א קליין טישל ניט װײַט פון דער טיר האלב געזעסן, האלב געלעגן אן אויס־געטריקנטע פראו מיט א פלאטשיקער אײַנגעפאלענער ברוסט, שמאָלע אקס־לען — איין גאָט װייסט, װיאזוי האָט זיך אף איר געהאלטן דער װײַסער כאלאט און דאָס ראָזעװע קאָפּטל. די שארפע, שטארק געפודערטע נאָז איז געװען אײַנגעגראָבן אין א ביכל מיטן גרויסארטיקן נאָמען „מײַן קאמף".

אזויװי די פראו האָט זיך ניט געײַלט אופהייבן דעם קאָפּ און א קוק טאָן, װער שטייט לעבן איר, זי איז געװען מעסוקן פארטיפט אינעם לייענען, האָט מאקס געהאט א ביסל צײַט זיך נעענטער צוקוקן צו איר.

קורץ גערעדט, װען ער דערזעט, כאָלילע, ניט דעם געל־געפארבטן, „פערדישן עק" פון איר פריזור, די אונטערגעשמירטע גרינע אויגן, דאָס שמאָלע לאנגע פּאָנעם און די שטארק געפארבטע דינע נאסע ליפן, װאָלט ער זיך אפילע ניט אָנגעשטויסן, אז ער האָט פאר זיך א פאָרשטייערן פונעם בארימטן פרויען־געשלעכט.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט מאקס זיך דערװוּסט, אז די שיינהײַט איז נאָך צו אלע צאָרעס געבענטשט מיט א שטים, װאָס גרילצט און איז פייִק אופהייבן א מעס פונעם קייװער.

זי האָט אָנגעשטעלט אפן באזוכער אירע קאלטע אומרויִקע אויגן און א ברום געגעבן:

— װאָס װיל דער מענטש?

— איך מוז גלײַך זען דעם הער פּראָפעסאָר, — האָט מאקס ניט דרייסט ארויסגעזאָגט.

די פראו האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א פארניכטנדיקן בליק, פארייכערט א סיגארעטל, א בלאָז געטאָן מאקסן אין פּאָנעם א קנויל רויך און זיך װידער פארטיפט אין לייענען:

— מער װילסטו גאָרניט? פארמאך גיכער די טיר פון יענער זײַט. שנע־לער. סע בלאָזט א צוגװינט. דער פּראָפעסאָר איז נישטאָ. פארנומען... גיי שנעלער!

— אנטשולדיקט, פראו, איך װייס ניט, װי מע רופט אײַך...

— מיך מעגסטו רופן פראו עלזא קריץ... — האָט זי איבערגעשלאָגן, — נאָר פארנעם זיך פונדאנען גיכער. דעם פּראָפעסאָר װעסטו ניט זען...

— איך װעל אײַך בעטן ניט שרײַען, פראו! — האָט מאקס געהעכערט די שטים. — דאָ איז ניט קיין פּאָליציי־באצירק, נאָר א קליניק. הײַנט דארף זיך לייזן מײַן גורל. אויב איך װעל ניט זען הער שטוטבאכן, בלײַבט מיר

איינס — זיך ווארפן אונטערן טראמוויַ. און דאָ אנטקעגן אײַער קליניק. איר האָט גאָט אין הארצן? דערלויבט מיר זען דעם פּראָפעסאָר...

— שטילער! וואָס האָסטו זיך צעשריגן? לויף ווארף זיך אפילע אין טײַך. דו וועסט דעם פּראָפעסאָר ניט זען, און אויס. באַפרײַ די געבײַדע. שטער ניט ארבעטן! דו זעסט ניט, אז דאָ איז א כירורגישע קליניק? אהער קומט מען אָן הענט, אָן פיס, מיט איבערגעבראָכענע ריפּן, און דאָ פאריכט מען זיי. און דו, זע איך, ביסט שטארק, ווי אײַזן. עפּשער ביסטו א מעשו־גענער, וועל איך דיר געבן דעם אדרעס פונעם מעשוגאָים־הויז. עריך שטוט־באכן וועל איך ניט רופן!

איר קוק האָט מאקסן קיין גוטס ניט צוגעזאָגט, די אָנגעשפּיצטע נאָז — אויך ניט.

— אויב איר רופט ניט דעם הער שטוטבאך, וועל איך באלד שטארבן לעבן אײַך! — האָט מיט א געמאכטער שטים ארויסגערעדט מאקס, זיך אויסגעצויגן אפן דיל און מיט אן אָפּגעשוואכטער שטים, צוגעגעבן: — רופט שנעלער דעם פּראָפעסאָר, איך שטארב...

עלזא קריץ האָט אף אים א קוק געטאָן מיט אירע גרינע גאזלאָנישע אויגן, א שפּײַ געטאָן, זיך אויסגעזידלט, ווי א באלעגאָלע, פאריכט דעם כא־לאט, די צעפּאטלטע געפארבטע האָר, און מיט א שטײַפן סאָלדאטישן טראָט זיך שנעל געלאָזט איבערן פוסטן קאָרידאָר.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט מאקס דערהערט פון א זײַטיקער טיר א גערדיכטע, בייזע שטים:

— פראו עלזא, איך האָב געבעטן מיך ניט באומרויִקן, ווען כ׳בין פאר־נומען! עריך שטוטבאך איז אין קליניק ניטאָ! אויב עפּעס א מעשוגענער וויל זיך ווארפן אונטערן טראמוויַ, דארף ער דערוף בא מיר קיין האסקאָמע ניט בעטן. דאָס איז זײַן פּערזענלעכער איניען! אזא פארשויך, דארפט איר שוין לאנג וויסן, נייטיקט זיך ניט אין א כירורג, נאָר אין א פּסיכיאטער... ווו איז ער דאָרט, אײַער מעשוגענער פּאציִענט?

דערהערט אזעלכע רייד, איז מאקס דערציטערט געוואָרן און ניט גע־ווּוסט, וואָס טוט מען. זיך אופהייבן און אנטלויפן אָדער זיך מאכן, אז אָט־אָט גיט ער אָפּ גאָט די נעשאָמע. מאקס איז געלעגן מיט פארטײַעטן אָטעם, גע־הערט, ווי עס דערנעענטערן זיך צו אים שטײַפע טריט פון א מענטשן, פון וועמען עס איז ניטאָ וואָסווארטן אף גוטס.

געעפנט עטוואָס די אויגן, האָט מאקס דערזען לעבן זיך א באַאָרטן פעסטגעבויטן מענטשן אין א כאלאט, מיט א ברייטלעך פארברוינט שטארק געקארבטן פּאָנעם, דורכדרינגעוודיקע גרויע אויגן און א קורץ געשוירענעם קאָפּ האָר, דערצו נאָך א פּאָר העלע וואָנצעס, וואָס האָבן געמאכט דאָס פּאָנעם שטרענג און קאלט, ווי אײַז.

יאָ, דער גאנצער אויסדרוק פון דעם מענטשן איז געווען אזא, אז קיין גוטס פון אים ווארטן איז אומנוצלעך.

דער פּראָפעסאָר האָט עפּעס א בורטשע געטאָן, זיך אראָפּגעלאָזט אף

איין קני, געגומען טאפן באם פאציִענט דעם דויפעק און אָף אים א געשריי געטאָן:

— וואָס זײַנען דאָס פאר שטיק! געזונט, ווי אן אָקס. אופשטיין שנעלער! וואָס האָט איר זיך דאָ צעלייגט, ווי א קימפעטאָרן, שיר ניט איבערגעשראָקן אָף טויט די פראו עלזא קריץ. שנעל, שנעל אופשטיין! דערציילט, וואָס ווילט איר?

מאקס איז דערציטערט געוואָרן נאָך שטארקער, דערהערנדיק אזוינע רייד. ער האָט זיך פאמעלעך אופגעהויבן, קוים אײַנהאלטנדיק זיך, ער זאָל זיך ניט צעלאכן, און מיט א געפאלענער שטים זיך אָנגערופן:

— הער פּראָפעסאָר, איר מוזט מיך ראטעווען. הערט מיך אויס...

— ראטעווען? איר זײַנט פולקאָם געזונט. איר פאטערט מיר בלויז אוועק אזא טײַערע צײַט... דאָרטן ליגן בא מיר קראנקע מענטשן, און איר...

— איך בין נאָך מער קראנק, ווי יענע, גלייבט מיר, הער שטוטבאך, הערט מיך אויס...

דער פּראָפעסאָר האָט אָפּגעמאָסטן מיט זײַן שנעלן בליק דעם פעסטן, שיינעם יונגנמאן, א ווונק געטאָן צו די צוויי סאניטארן, וואָס זײַנען, ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן מיט א טראָגבעטל. אין איין אויגנבליק האָבן זיי דעם פאציִענט אוועקגעלייגט אפן בעטל און אָפּגעטראָגן אין א גרויסן, ווײַסן קאבינעט מיט א סאך שאפעס, אין וועלכע עס האָבן געגלאנצט אָן א שיר ניקלנע אינסטרומענטן.

— נו, שנעלער! — האָט זיך אָנגערופן דער פּראָפעסאָר, זעצנדיק זיך אפן בענקל, באם טיש און קוקנדיק מיט כשאד אָף דעם מאָדנעם פאציִענט. וואָס איז געשטאנען פאר אים, ווי א שילער פארן לערער, — עפשער וועלן מיר זיך אופהערן מאכן נאריש און ניט דולן איינער דעם צווייטן דעם קאָפּ? עפשער וועט איר זיך ניט שפּילן מיט מיר אין באהעלטערלעך? אײַך האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּנארן די פראו עלזא קריץ און זיך ארײַנרײַסן צו מיר, נאָר מיך וועט איר ניט אָפּנארן.

עריך שטוטבאך האָט בייז א קוק געטאָן אפן מאָדנעם פאציִענט, דערזען אין זײַנע אויגן א יאם מיט טרויער און געוואָרן ווייכער. ניין, עפּעס דער־מאָנט ער ניט אין קיין סימוליאנט. ער איז ניט ענלעך אָף קיין מעשוגענעם. ניט אנדערש, ווי ער איז מיט עפּעס באצאָרנט.

און עריך שטוטבאך האָט זיך אוועקגעזעצט צום טישל, א ווונק געטאָן מאקסן, ער זאָל פארנעמען פלאץ לעבן אים, און זיך אָנגערופן:

— אָף וואָס קלאָגט איר זיך?

— אָף די פיס, הער פּראָפעסאָר...

— אָף די פיס? — האָבן זיך ברייט צעעפנט זײַנע פארוואונדערטע אויגן, ער האָט א ווונק געטאָן, יענער זאָל פארהייבן די הויזן.

ער האָט א רעגע געקוקט אָף די שטארקע, פארברוינטע פיס, אָף זײַנע פעסטע מוסקולן און א ציפּע געטאָן א וואָנצע:

— א רעטעניש... געזונטע, גוטע פיס. א סאך וואָלטן זיך געוווּנטשן האָבן אזעלכע... וואָס ווילט איר? געזונטע פיס!

— איך ווייס, אַז זיי זײַנען געזונטע. איך האָב זיך אָף זיי קיינמאָל ניט געקלאָגט...

— וואָס זשע זײַנט איר צו מיר געקומען ראַבעווען די טײַערע צײַט? — איז אופגעשפרונגען פונעם בענקל עריך שטוטבאַך, אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ גראָבן סיגאַר און פאַררייכערט. דאָס פּנים איז בײַ אים געוואָרן צונטער־רויט. — אָף מיר וואַרטן דאָרטן אומגליקלעכע מענטשן, קאַליקעס, מענטשן מיט צעבראָכענע הענט און פיס, און איר רויבט בײַ מיר אָפּ אַזויפיל צײַט!

— גלייבט מיר, הער פּראָפעסאָר, אַז איך בין מער אומגליקלעך פון זיי... איך בעט אײַך, ווי מע בעט אַן אייגענעם טאַטן: העלפט מיר. גלײַכט מיר אויס די פיס... איר מוזט מיך אָפּערירן...

— וואָס? וואָס האָט איר געזאָגט? אײַך אויסגלײַכן די פיס? — האָט צעעפנט דאָס מויל פון פאַרוווּנדערונג דער פּראָפעסאָר. — איר זײַנט בײַ די געדאַנקען? איז דאָך גערעכט געווען פראַו עלזאַ קריץ, וואָס האָט געזאָגט, אַז אַ מעשוגענער איז צו אונדז געקומען... אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהערט פאַר די דרײַסיק יאָר פון מײַן כירורגישער פּראַקטיק!

— נאָר גלייבט מיר, הער פּראָפעסאָר, דאָס איז פאַר מיר אַ פראַגע פון לעבן! פון לעבן אָדער טויט.

עריך שטוטבאַך איז נאָך שטאַרקער געוואָרן אופגערעגט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קעמעלע און גענומען צוגלעטן די וואָנצעס.

— ווי רופט מען אײַך? מאַקס קרייסלער? זייער גוט. זאָגט מיר, צי דאַכט זיך אײַך ניט, אַז איר האָט פאַרפּלאָנטערט די אַדרעסן. בײַ מיר איז אַ כירורגישע קליניק און ניט קיין פּסיכיאַטרישער שפּיטאָל. אַ מענטש דער־לויבט זיך אויסריידן — אָפּערירן אים די פיס, זיי אויסגלײַכן!..

די הענט פאַרלייגט אָף הינטן, האָט עריך שטוטבאַך אַן אופגערעגטער געשפּרײַזט איבערן גערוימען קאַבינעט, ניט קוקנדיק מער אָף זײַן צעדרייטן פּאַציִענט, געבנדיק אים דערמיט צו פאַרשטיין, אַז דער געשפּרעך איז געענדיקט און ער קאָן זיך פאַרנעמען פונדאַנען צו אַלדי גוטע יאָר.

— אַזאַ ווילדקײַט! איך הער אַזוינס דאָס ערשטע מאָל! — האָט שטוטבאַך זיך ניט געקאָנט באַרויִקן. — אַ מענטש וויל אײַנשטעלן דאָס לעבן. איר גיט זיך כאָטש אָפּ אַ כעזשבן, וואָס איר האָט פאַרטראַכט און וואָס דאָס איז פאַר אַן אָפּעראַציע? דאָס איז דאָך ענלעך אָף זעלבסטמאָרד!

— יאָ, הער פּראָפעסאָר. איך ווייס גוט, וואָס דאָס הייסט. איך האָב זיך לאַנג געפּײַניקט, ביז איך האָב באַשלאָסן זיך ווענדן צו אײַך נאָך הילף. איר מוזט...

— וואָס? איך מוז? — האָט איבערגעשלאָגן דער פּראָפעסאָר. — איר וועט מיך עפּשער צווינגען, איך זאָל ווערן אַזוי מעשוגע, ווי איר? איך מוז... אויב איר האַלט זיך פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן, דאַן דענקט איר, אַז איך בין ניט נאָרמאַל? גלײַכט אים אויס די פיס! טוט אַ קוק אָף מײַנע, מיט וואָס שיידן זיי זיך אונטער פון אײַערע? אויך ניט קיין גלײַכע, ווי אַ סטרונע, איז וואָס? וועל איך זיי גיין אויסגלײַכן? לײַד איך דען פון דעם שמערצן? מיר

דאכט זיך, אז א דריטל פֿון דער מענטשהײַט האָבן אזעלכע פּיס, ווי בא אײַך, בא מיר. בא דער מאלקע־שוואָ, עפּשער האָט איר געהערט וועגן אזעלכער, שלוימע־האמעלעכס א געליבטע, האָט געהאט אזעלכע ניט־גלײַכע פּיס, דערצו נאָך האָריקע, איז זי געלאָפן צו די כירורגן, מע זאָל זיי איר אויסגלײַכן? בא אלעקסאנדער מאקעדאָנסקין, בא נאפּאָלעאָנען, באם קײַזער ווילהעלם, בא ביסמארקן, פראנץ־יאָסיפן, בא לוידענדאָרפן — בא זיי אלע־מען, זאָגט מען, איז געווען אזעלכע פּיס ווי בא אײַך. זײַנען זיי געלאָפן זיך אָפּערירן? איר, מײַן יונגער פרײַנט, זײַנט דער ערשטער. אַן אוניקום. ווי זשע, זאָגט מיר, קאָן איך אײַך רעכענען פאר א נאָרמאלן מענטשן?

— איר זײַנט אוואדע גערעכט, — האָט פאָרזיכטיק זיך ארײַנגעמישט מאקס. — נאָר פארגעסט ניט, אז ניט מאקעדאָנסקי, ניט נאפּאָלעאָן, ניט שלוימע־האמעלעך האָבן זיך ניט געקליבן שפּילן אף דער בינע. איר שטעלט זיך פאָר, עס גייט ארויס פארן פּובליקום אָטעלאָ אָדער אוריִעל אקאָסטא מיט אזעלכע פּיס, ווי בא מיר...

דער פּראָפעסאָר האָט איצט מיט אינטערעס א קוק געטאָן אף דעם גאסט:

— האָב איך, הייסט עס, די ערע ריידן מיט א שוישפּילער?

מאקס האָט זיך עטוואָס פארשעמט, אראָפּגעלאָזט די אויגן:

— ניין... דאָס הייסט, יאָ. אין דער צוקונפט אַן אקטיאָר. ווען איר וועט מיר אויסגלײַכן די פּיס, וועל איך ארויסטרעטן אין דער ראָל פֿון אָטעלאָ, האמלעט, אוריִעל אקאָסטא... איך וועל אײַך דאָס גאנצע לעבן זײַן דאנקבאר. שטענדיק וועט איר קומען צו מיר אין טעאטער אָן בילעטן... די שענסטע ערטער וועל איך פאר אײַך לאָזן... איר האָט ליב טעאטער, הער שטוטבאך?

דער פּראָפעסאָר האָט זיך הילכיק צעלאכט:

— אָ, דאָס איז, זעט איר, וווּנדערבאר! אַן א בילעט וועל איך קאָנען גיין אין טעאטער? וואָס זשע האָט איר מיר גלײַך ניט געזאָגט? אייגער אַן אקטיאָר, וועלכן איך האָב פאראיאָרן אָפּערירט, אים אויסגעשניטן דעם אפּענדיקס, האָט מיר אויך צוגעזאָגט ארײַנלאָזן אלע טאָג אין טעאטער, אָן בילעטן, געבן די שענסטע ערטער. קוים אָבער איז ער ארויס פֿון דער פּאלאטע, האָט ער גלײַך פארגעסן אין זײַנע צוזאָגענישן... אײַך, שוישפּילער, טאָר מען ניט גלייבן.

— עס טרעפן בא אונדז נידערטרעכטיקע מענטשן! — האָט זיך אָנגערופן מאקס קרייסלער. — נאָר גלייבט מיר, איך וועל ניט זײַן אזא שווײַן, ווי דער...

— איך גלייב... — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר און ווידער געוואָרן ערנסט. — איר ווייסט, מײַן טײַערער, איך האָב אָפּערירט אף מײַן לעבן ניט ווייניק שוישפּילער, רעזשיסערן, זיי אויסגעשניטן מאנדלען, אפּענדיקסן, ריפּן און דער טײַוול ווייסט וואָס, נאָר קיין אייגער פֿון זיי האָט זיך צו מיר ניט געווענדט, איך זאָל אים אָפּערירן, אויסגלײַכן די פּיס. אזוינס הער איך דאָס ערשטע מאָל! ערגעץ אין די דזשונגלס באגעגענען זיך ווילדע שוואָ־טים, וואָס מאכן מיט זייערע קערפּערס פארשיידענע עקספּערימענטן. אָבער אין דער ציוויליזירטער אייראָפּע איז מען נאָך דערווײַל דערצו ניט דער־גאנגען...

עריך שטוטבאך האָט א קוק געטאָן אף זײַן פּאַציִענט און לויט זײַנע אויגן פאַרשטאַנען, אז מע האָט אים נאָך ניט איבערצײַגט זיך אָפּזאָגן פון דער אָפּעראַציע, און פאָרגעזעצט:

— איך זע, אז איר זײַט נאָך אַלץ מיט מיר ניט מאַסקים. איך אַכטע זייער מענטשן פון קונסט. דאָס זײַנען, פאַרשטייט איר מיך, אויסדערווײלטע, גליקלעכע. נאָר אָפּערירן געזונטע פיס, אַנטשולדיקט, מײַן הער! איך קאָן ניט שטעלן אין קאָן מײַן רעפּוטאַציע און אײַער לעבן. ווען איר באַצאָלט מיר צען טויזנט מאַרק, וואָלט איך זיך ניט אונטערגענומען. לאָמיר אָפּ א רעגע זיך אויסמאָלן, אז איך גיי אײַן אף אַזאַ אָפּעראַציע. ווי וואָלט זי אויסגעזען? איך וואָלט געדאַרפט צעברעכן די פיס, זיי נעמען אין גיפּס. און ווער קאָן גאַראַנטירן, אז די ביינער וועלן זיך גוט צונויפוואַקסן? אויב דאָס וואָלט זיך באַקומען ניט אַזוי, וואָלט אויסגעקומען ווידער איבערבאַזערן דאָס זעלבע. אײַך וואָלט נאָך אַזאַ שווערער אָפּעראַציע אויסגעקומען ליגן אין גיפּס א יאָר צײַט און, מעגלעך, מער. כוץ דעם, וואָלט קיינער ניט געקאָנט גאַראַנטירן, אז נאָך אַלע ווייטעקן וועט איר ניט פאַרבלײַבן אף שטענדיק אַן אינוואַליד און ניט דאַרפן אָנקומען צו דער הילף פון מיליצעס... געפעלט אײַך עפּעס אַזאַ רײַכע פּערספּעקטיוו — פאַרבײַטן געזונטע פיס אף א פּאָר מיליצעס? איז הערט מיך אויס אויפמערקזאַם. איך בין א כירורג, און מײַן באַרוף איז העלפן קראַנקע, אומגליקלעכע, ניט פאַרוואַנדלען זיי אין קאַליקעס! אף קיין אַוואַנטיורעס וועט עריך שטוטבאַך ניט אײַנגיין! פאַר די דרײַסיק יאָר ערלעכער דינסט דער מעדיצין האָב איך זיך דעראָבערט אין בערלין א גוטן נאָמען, גוטע פּרײַנט, הויכע מעלוכע־אויסצייכענונגען, גוטע באַלוינונגען און די בעסטע אָפּרופן, ווײַל איך ניט קיין קלאָלעס. איך האָב אײַך אַלץ געזאָגט, מײַן יונגער הער. איצט — צום ווידערזען! קומט אָבער ניט מיט אַזעלכע ווילדקײַטן. שפּילן א שאָך, טרינקען א גלאָז קאַווע. דאָס — מיטן גרעסטן קאָוועד. איר זײַנט מיר געפעלן. אַדיע!

ער האָט זיך מיט זײַן ענערגישן גאַנג געלאָזט צו דער טיר, פאַריכטנדיק דעם ווײַסן כאַלאַט און אַרופּציִענדיק אפן קאָפּ דעם קאָלפּאַק.

מאַקס איז געשטאַנען און מיט טרויעריקע אויגן אים נאָכגעקוקט:

— הער פּראָפעסאָר, אַנטשולדיקט. נאָך א פּאָר מינוט...

יענער האָט זיך אומגעקערט, אָנגעשטרענגט דאָס געהער.

— איך פאַרשטיי גוט, וואָס איר האָט מיר געזאָגט. איך בין אײַך דאַנקבאַר, — האָט מאַקס זיך אָנגערופן, — איך שטעל זיך פּאָר, סאַראַ שווערע אָפּעראַציע דאָס דאַרף זײַן. נאָר איך בין גרייט אַלץ לײַדן. איך וועל אײַך געבן אַן אונטערשריפט, אז אין פאַל פון אַן אומגליק זאָל מען בלויז מיך באַשולדיקן. איך גיב זיך אָפּ פּולקאָם אין אײַער רעשוס. אין אײַך גלייב איך. מער אין קיינעם! פון אײַך, הער שטוטבאַך, איז אָפּהענגיק מײַן גורל, מײַן לעבן, מײַן צוקונפט. איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען שפּילן אף דער בינע קיין עכטע ראָלן, אויב איר וועט מיר ניט העלפן. טוט, וואָס איר ווילט, נאָר העלפט מיר...

עריך שטוטבאַך איז געוואָרן אויסער־זיך. הערט נאָר אַן אַקשן! סאַרא כאַראַקטער! אַזאַ וואָלט מיט זײַן אַקשאָנעס געקאָנט איבערקערן די וועלט, אײַנרעדן אַ שטיין. וואָס טוט מען מיט אים? ער האָט נאָך ניט באַגעגנט פאַר זײַן לאַנגיאָריקער פּראַקטיק אַזאַ פּאַציִענט. ווי ער שרעקט אים ניט אָפּ פון דער אָפּעראַציע, העלפט עס נישט!

האַסטיק אַרויסגעלאָפן פונעם קאַבינעט, האָט ער זיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום אומגעקערט מיט אַ שלאַנק יונג מיידל אין אַ שניי־ווײַסן כאַלאַט. פון אונטער דעם ווײַסן קאָלפּאַק, וואָס האָט איר שטאַרק געפּאַסט, האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן ווייכע בלאָנדע האָר, וואָס האָבן צוגעגעבן נאָך מער כיין איר מילדן און קינדעריש־פאַרוווּנדערטן געזיכט.

דאָס מיידל איז געבליבן שטיין בײַ דער שוועל, אָנגעשטרענגט אײַנ־קוקנדיק זיך אין דעם טרויעריקן און שטאָלצנעם פּאַציִענט. עריך שטוטבאַך האָט באַוויזן אָף דעם יונג און זיך אָנגערופן צום מיידל:

— ביטע שיין, דאָקטער פרידע, איר האָט די פולע מעגלעכקייט זיך באַקאַנען מיט אַן אוניקאַלן קראַנקן! אַן אויסערגעוויינלעכער עקזעמפּליאַר. אַן אַקטיאָר. געקומען בעטן, זעט איר, מיר זאָלן אים אָפּערירן, אויסגלײַכן די פיס. ער דאַרף, פאַרשטייט איר מיך, שפּילן אין טעאַטער אָטעלאָ, אַקאָסטאַ און איך ווייס שוין אַליין ניט, וואָס ער דאַרף שפּילן. ביטע, דער־קלערט איר אים. איך בין שוין הייזעריק געוואָרן אים אָפּרעדן פון זײַן ווילדן פּלאַן. עפּשער, דאָקטער פרידע, וועט איר דאָס מאַכן בעסער פאַר מיר.

און דער פּראָפעסאָר איז אָפּגעגאַנגען צום פענצטער און צוגערייכערט זײַן דיקן סיגאַר.

דאָקטער פרידען איז, קענטיק, ניט אינגאַנצן קלאָר געווען איר מיסיע. זי האָט זיך פאַרלוירן, פאַרויטלט, פילנדיק אָף זיך זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן. עפּעס האָט זיך איר האַרץ שטאַרקער אָנגעהויבן שלאָגן, ווען זי איז צוגעגאַן נעענטער צו דעם סימפּאַטישן אָרעמען באָכער.

— וואָס באַאומרויִקט אײַך, ביטע? — האָט זי זיך ניט דרייסט אָנגערופן. — אָף וואָס באַקלאָגט...

זי האָט ניט באַוויזן ענדיקן, ווי ער האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— אַנטשולדיקט, איר זײַנט אויך אַ כירורג? איר מאַכט אויך אָפּעראַ־ציעס?

זי האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרויטלט, און קעדיי ניט אויסזען אין די אויגן פונעם פּראָפעסאָר אַזוי פאַרלוירן, האָט זי געענטפערט:

— איר וועט אַרײַנפאַלן צו מיר אין די הענט, וועט איר וויסן... — און זיך אַ ביסל אַ בייזער געטאָן, וואָס ער קוקט אָף איר, אָפּן דאָקטער, מיט אַזעלכע אויגן. — יאָ, איך, ווי איר זעט, בין אויך אַ דאָקטער. עריך שטוט־באַכס אַסיסטענטן... דערציילט, ביטע, צוליב וואָס האָט איר צוגעטראַכט אַזאַ שווערע אָפּעראַציע? איר שטעלט זיך פאָר, ווי דאָס איז געפערלעך? ווער האָט אײַך געייצעט אַזוינס?

— מיר האָט געזאָגט אַ מענטש, דאָקטער, וועמען איך גלייב, ווי אין אַ גאָט! פון אים איז אָפּהענגיק מײַן גורל, מײַן לעבן. און איר קאָנט מיר

העלפן. זאָגט פאַר מיר אַ גוט וואָרט אײַער פּראָפעסאָר, וועל איך אײַך אײביק דאַנקען... אויב איר האָט עטלעכע פרײַע מינוט, וועל איך אײַך אַלץ דערציילן. הערט מיך אויס אויפמערקזאַם, איך וועל פון אײַך קיין זאַך ניט פאַרלייקענען...

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געוויזן אויפן בענקל, ער זאָל זיך זעצן.

דאָס אויסדריקלעכע, ברוגזע, עטוואָס פאַרוואָקסענע געזיכט זײַנס איז געווען פאַרצאָרנט. ער האָט אַליין ניט געוווסט, פאַרוואָס האָט ער מיט אַזויפיל האַרץ גענומען דערציילן אָט דעם אומבאַקאַנטן מיידל אינעם ווײַסן כאַלאַט די גאַנצע געשיכטע פון זײַנע וואָגלענישן, אויסגיסן פאַר איר דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ. פון דער ערשטער מינוט האָט ער זיך דורכגעדרונגען צו איר מיט באַזונדערן צוטרוי, גאָרניט געלייקנט פון איר, גאָרניט באַהאַלטן. און זי האָט געהערט מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם, סטאַרענדיק זיך ניט דורכלאָזן קיין איין וואָרט.

דאָקטער פרידע, לאָזט זיך אויס, איז געווען ניט בלויז אַ גלענצנדער כירורג און עריך שטוטבאַכס רעכטע האַנט אין קליניק, נאָר אויך אַ גוטער פּסיכאָלאָג, ניט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען נאָך אַזוי יונג. אויסהערנדיק די טרויעריקע געשיכטע פון אָט דעם שיינעם, צאַרטן און אָרעמען באָכער, האָט זי גלײַך אָפּגעוואָרפן די מאַכשאָוועס פון איר שעף, אַז דער פּאַציִענט איז פּסיכיש ניט קיין פולווערטיקער. ניין, ער איז אַבסאָליוט נאָרמאַל. סאַראַ אײַזערנע לאָגיק באַ אים! דעריין נאָך סאַראַ שטאַרקער כאַראַקטער, אַזאַ צילגעוועגדטקײַט! ער איז ווירקלעך עפּעס ניט קיין געוויינלעכער. ס׳איז איר אַזוי אָנגענעם אים הערן. ווען זי וואָלט געהאַט פרײַע צײַט, וואָלט זי געקענט אַזוי זיצן שאָענווײַז און הערן אים. מיט יעדער מינוט האָט דאָקטער פרידע זיך דורכגעדרונגען צו אים מיט מער אַכטונג און מיטגעפיל. זי האָט זיך ביסלעכווײַז צוגעווינט צום געדאַנק, אַז זײַנע טרוימען זײַנען ניט קיין פּוסטע, זי האָט צו טאָן מיט זייער אַן ערנסטן מענטשן, און עס וואָלט געווען עקלדיק פון איר זײַט און פונעם פּראָפעסאָרס זײַט זיך אָפּטרייסלען פון אים, ניט העלפן מיט וואָס זיי וועלן קענען.

ניט בלויז דאָקטער פרידע האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט מאַקס׳ שווערע לעבנס־געשיכטע. שטייענדיק באַם אָפענעם פענצטער, האָט מיט ניט ווייניקער אינטערעס אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע אויך דער פּראָפעסאָר, כאָטש ער האָט קיין פרײַע צײַט ניט געהאַט אויסשטיין, נאָר געשטאַנען, ווי אויף נאָדלען, געהערט. אים האָט עס ניט ווייניקער אויפגעטרייסלט און גערירט, ווי זײַן אַסיסטענטן.

„יאָ, דעם דאָזיקן יונגן מענטשן מוז מען העלפן“, — האָט באַ זיך באַשטימט דאָקטער פרידע. „אַזאַ פּאַציִענט פאַרדינט, מע זאָל אים גיין אַנטקעגן“, — האָט געטראַכט עריך שטוטבאַך. פונדעסטוועגן איז דאָקטער פרידעס פליכט געווען טאָן דאָס זעלבע, וואָס דעם פּראָפעסאָרס: פּרוּוון אָפּריידן דעם פּאַציִענט פון אַזאַ שווערער אָפּעראַציע. זי האָט זיך אָבער גיך איבערצײַגט, פּונקט ווי דער פּראָפעסאָר, אַז דאָס איז אַן אומזיסטע שטרע־

בונג. דאָס איז אזא יונגערמאַן, וואָס אויב ער האָט עפּעס פארטראַכט, וועט ער זיך ניט אָפּשטעלן פאר קיין זאַך. אויב זיי וועלן אים אָפּזאָגן, ארויסשטעלן פון יענער זײַט טיר, וועט ער גיין ערגעץ אנדערש און אָנטרעפן אף א כירורג א נישטיקײַט, וואָס וועט גערן מאכן אן עקספּערימענט איבער דעם יונג און אים אומברענגען, אָדער, אין בעסטן פאל, מאכן פאר אן אינוואליד אפן גאנצן לעבן. עס וואָלט פון איר זײַט געווען אן אומדערלאָזטע זאַך זיך באַציִען גלײַכגילטיק צו אזא אומגעוויינלעכן פּאציִענט.

דאָקטער פרידע האָט אינגאנצן פארגעסן, אז אין די פאלאטעס וואַרטן אף איר די קראנקע און זי דאַרף זיך צוײַלן. נאָר אָט דער פּאציִענט, וועלכן זי האָט איצט געזען פאר זיך, האָט זי געפאנגען. ער האָט איר נאָרוואָס אויסדערציילט דאָס, וואָס ער האָט, מעגלעך, קיינעם ניט ארויסגעזאָגט, אויסגעגאָסן פאר איר דאָס גאנצע אָנגעווייטיקטע הארץ, זיך פון דער ערשטער מינוט איר פארטרויט, ווי עס פארטרויט זיך א קינד. זײַן אופריכטיקײַט און צוטרוי האָט זי גערירט ביז טרערן, כאָטש איר שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָפעסיע האָט ניט דערלויבט, דאָס הארץ זאָל זײַן ווייך זייער און שוואַך...

א סאַך פּאציִענטן האָבן איר ארויסגעזאָגט אלע זייערע סוידעס, זיך פארטרויט, נאָר אזוי ווי אָט דער בעקער פון קאָלאָמייע — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן!

ערשט דרײַ יאָר אַוועק, זינט דאָקטער פרידע האָט געענדיקט דעם מע־דיצינישן פאקולטעט און אָנגעקומען ארבעטן צו פּראָפעסאָר שטוטבאך אין קליניק. ער איז שטרענג, דער שעף, און אין אזעלכע פאלן ניט אונטערגע־ביק, אָבער זי, דאָקטער פרידע, קאָן אף אים אָפּטלעך ווירקן. צו איר הערט ער זיך צו. מעגלעך, אז דאָס איז דערפאר, וואָס ער איז, ווי ער האָט איר שוין ניט איין מאָל געזאָגט, פארגליבט אין איר טאלאנט, האלט זי פאר א פייִקן, פילצוזאָגנדיקן כירורג. און עפּשער גאָר דערפאר, וואָס ער איז געווען באפרײַנדעט מיט איר פאָטער — אויך א בארימטער מעדיקער, — וועלכער איז מיט שטוטבאכן צוזאמען געווען אפן פראָנט און אף זײַנע, שטוטבאכס, הענט אויסגעגאנגען נאָך א שווערער פארוואונדונג?..

מעגלעך, דאָ איז געווען נאָך א סיבע, און עפּשער די סאמע וויכטיקסטע, פארוואָס דער פּאטראָן באַציט זיך צו דעם מיידל אזוי הארציק און מיט אזא צוטרוי. ער איז בעסאָד־סוידעס פארליבט אין דער כיינעוודיקער, גוטהאר־ציקער פרידע. זעט אויס, זי האָט געוועקט בא אים צארטע געפילן. אין איר אָנוועזנהײַט האָט ער זיך געסטארעט האלטן מונטער, שטאָלץ, ניט נעמען אף זיך דעם אָל פון אלטקײַט.

יאָ, עריך שטוטבאך האָט פון לאנג געקוקט אף דעם בלאָנדן צארטן מיידל מיט פארליבטע אויגן און שטילערהייט פארשאָלטן זײַן וויסטן גורל, וואָס ער איז שוין דאָך אלט און וואָס אין דער יוגנט איז אים ניט אויסגע־קומען באגעגענען אזא, ווי פרידע, און פארבונדן זײַן לעבן מיט א נישטיקײַט, וואָס ער האָט געמוזט פארלאָזן און בלײַבן איינזאם...

פרידע האָט זיך אָנגעשטויסן, אז עריך שטוטבאך איז צו איר ניט גלייכגילטיק, און זיך באמיט ניט לאכן פון אים, מיט גאָרניט ניט באליידיקן זיינע געפילן. עמעס, זי האָט זעלטן אויסגענוצט זיין גוטע באציִונג צו זיך. בלויז דאן, ווען מע האָט געדארפט העלפן מענטשן זיי אָפּערירן אומזיסט, איינאָרדענען אין קליניק, ווען עס זיינען ניט געווען קיין פרייע ערטער. זי האָט עס געטאָן ניט אָפּט, וויסנדיק, אז פאר עריך שטוטבאכן זיינען אלע קראנקע גלייך, אָנהייבנדיק פון א גענעראל, א מיניסטער, ענדיקנדיק מיט א פּאָשעטן קוימענקערער. פאר קיינעם איז ניט געווען בא אים קיין אויסנאם. ער האָט זיך אלציינס צו זיי אלעמען גוט באצויגן.

דאָס מאָל אָבער האָט דאָקטער פרידע באשטימט זיך ווענדן צו עריך שטוטבאכן מיט א באקאָשע — העלפן אָט דעם יונגן מענטשן, וואָס זיצט אזא צעבראָכענער און דערשלאָגענער און ווארט אפן אורטייל.

זי האָט געקלערט, אז דערמיט האָט זיך נאָך דער איניען ניט געענדיקט. זי וועט נאָך מיט אים ריידן, מיטן איינגעאקשנטן באָכער, אים פרווון איבערצייגן, אז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין געפערלעכן פארטראכט. נאָר דאָס וועט זי טאָן שפּעטער. דערווייל איז פאר איר קלאָר איינס — דאָס איז ניט זיין קאפּריז, ניט קיין מעשוגאַס. וועגן דעם וועט זי זאָגן דעם פּראָפעסאָר. און נאָך איין זאך וועט זי אים מעלדן, עריך שטוטבאכן, אז דאָס איז ניט קיין פוסטער פאנאטיקער, נאָר א מענטש מיט טאלאנט און איז ווערט, מע זאָל זיך צו אים גוט באציִען.

דאָקטער פרידע איז צוגעגאנגען צום פּראָפעסאָר, וואָס איז נאָך אלץ געשטאנען באם פענצטער און גערייכערט זיין דיקן סיגאר, לאנג אים עפּעס איינגערוימט אפן אויער, דער פּאציִענט זאָל ניט הערן.

מאקס האָט געקוקט אף דעם מיידל מיט פרייד. ער האָט געפילט, אז זי וועט קענען ווירקן אף דעם שטרענגן פּראָפעסאָר, און איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט אים אזוי אופמערקזאם אויסגעהערט.

מאקס האָט א טראכט געטאָן, זעענדיק, ווי דאָקטער פרידע רעדט עפּעס איין איר פּראָפעסאָר: ניט אומזיסט ווערט געזאָגט אין דער ביבל, דאכט זיך, — דאָרט, ווו א רועך וועט ניט העלפן, שיק אוועק א פרוי...

עריך שטוטבאך האָט זיך איינגעהערט אין פרידעס ווערטער, און זיינע אויגן האָבן זיך מיטאמאָל צעשיינט. א צופרידן שמייכעלע האָט זיך באוויזן אף זיין שטרענגן געזיכט. ער וואָלט זי איצט אויסגעקושט, ווען ער שעמט זיך ניט פארן פּאציִענט, וואָס קוקט אף אים. איז זי דאָך א כאכאָמע, פרידע! אזוי דערפינדעריש און קלוג! א געניאלער פּלאן איז פּלוצעם אופגעשווומען אין איר מויעך! בלויז זי האָט זיך דערצו געקאָנט דערטראכטן! מאָרגן אינדערפרי און די גאנצע וואָך וועט ער קומען אין קליניק, דער אקשן. ער וועט אָנטאָן א ווייסן כאלאט, אָנטאָן א מאסקע אפן פּאָנעם און זיך שטעלן באנאנד מיט אלע לעבן אָפּעראציע־טיש. זאָל ער זען, ווי שווער דאָס איז, ווי מענטשן מוטשען זיך, ווייטעקן, גייען אָפּ מיט בלוט, וועט מען אים שוין פארשפּאָרן אָפּריידן. ער וועט גלייך אנטלויפן ווו דער שווארצער פעפער וואקסט. בלויז דאָס איינציקע מיטל קאָן העלפן, מער גאָרניט!

עריך שטוטבאך איז מיט זײַן פעסטן מיליטערישן טראָט צוגעגאנגען צו מאקסן, א רעגע אים באטראכט און זיך אָנגערופן:

— נו, איז באשטייט איר אַף דער אָפּעראַציע, צי עפּשער וועט איר זיך אָפּזאָגן?

— הער שטוטבאך, איך וועל אײַך שטענדיק זײַן דאנקבאר...

— און עפּשער מיך אייביק שילטן? — האָט ער איבערגעשלאָגן. — נו, זאָל זײַן, ווי איר ווילט. מיר וועלן מיטן דאָקטער פרידען אײַך אָפּערירן. איר דארפט איר דאנקען, זי האָט מיך אײַנגערעדט, אנדערש וואָלט איך אײַך געוויזן דעם וועג פון דער קליניק... אזא אקשן!..

— א גרויסן דאנק, הער שטוטבאך! איך וועל אײַך קיינמאָל ניט פאר־געסן. איז קאָן איך זיך גיין לייגן אפן אָפּעראַציע־טיש? ווען וועט איר באפוילן?

עריך שטוטבאך האָט זיך צעלאכט:

— זע, סארא פלינקער! ער איז שוין גרייט זיך לייגן. איר מיינט, אז אָפּערירן איז דאָס זעלבע, וואָס שפּילן טעאטער? בא אונדז איז די זאך, דאכט מיר, ערנסטער. געננוי וועט אײַך זאָגן מײַן אסיסטענטן, דאָקטער פרידע. צום ווידערזען!

א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איז דער פּראָפעסאָר ארויסגעגאַן פון קאַ־בינעט.

מאקס איז געבליבן שטיין א גליקלעכער, א שײַנענדיקער. אים האָט זיך ניט געגלייבט, אז ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנבעטן דעם מענטשן, ער זאָל אים ראטעווען. ווו האָט איר געזען נאָך אזא מאזלדיקן יונג, ווי ער, מאקס! דער בארימטער פּראָפעסאָר עריך שטוטבאך וועט אים אָפּערירן, און אַף אים און אַף דער אסיסטענטן מעג ער זיך אינגאנצן פארלאָזן. דערווײַל גייט אלץ אזוי, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן! אומזיסט האָט ער פריִער געטראכט, אז דאָס מאזל האָט זיך פון אים אינגאנצן אָפּגעקערט. ניט עמעס! זײַן שטערן איז נאָך ניט פארגאנגען. זאָל אים נאָר גיין שטענדיק אזוי, ווי הײַנט, וועט ער נאָך זײַן אפן פערדל!

* * *

מאקס קרייסלער איז געקומען צו די טרעפּ פון דער קליניק א סאך פריִער, ווי דאָקטער פרידע האָט געהייסן. קיין גרויסע געשעפטן מיט דער שטאָט האָט ער, ווי באוווּסט, ניט געהאט. די נאכט איז ער אָפּגעשלאָפן אַף א באנק אינעם סעדל, וואָס ניט שטארק ווײַט פון דער קליניק. קיין כיישעק זיך אומדרייען איבער די פוסטע גאסן אָן א שום ציל האָט ער ניט געהאט, איז ער געקומען אהער, זיך אָפּגעשטעלט אין דער זײַט פון ארײַנגאנג און געווארט, קוקנדיק מיט אומגעדולד אַף די ווײַזערס פונעם זייגער, וואָס איז געהאנגען אפן ראָג פונעם געסל.

אָט איז צוגעפאָרן צו די ברייטע טרעפּ א מאשין, און מיט זײַן פעסטן טראָט איז אראָפּגעגאנגען דער פּראָפעסאָר עריך שטוטבאך און זיך געלאָזט

מיט די טרעפ ארויף. נאָכדעם האָט מאקס באַגעגנט די צוויי שטאַרקע מאנצבלען, די סאַניטאַרן, וועלכע האָבן אים נעכטן געטראָגן אַפן בעטל צום פּראָפעסאָרס קאַבינעט. ביידע האָבן אים פארוואונדערט אָפּגעמאָסטן מיט די פארשלאָפענע בליקן, נאָר זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט אַף דאָקטער פרידען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א שטרענגן, טונקעלן קלייד, וואָס האָט געמאַכט איר פיגור שטאַלטנער. די באַגילדעטע פון דער זון האָר זײַנען געווען עטוואָס צעשויבערט פונעם ווינט, און זי האָט זיי אַלעמאָל מיט דער האַנט פאַריכט. דערזען דעם פּאַציִענט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווי פארוואונדערט, א שמייכל געטאָן און צעשטרייט א זאָג געטאָן:

— און איר זײַנט טאַקע געקומען?

— געוויס, דאָקטער, איר האָט מיר דאָך אזוי באַפוילן...

— איך באַפויל קיינמאָל ניט. באַזונדערס אַהער... — האָט זי א ווונק געטאָן אַף דער קליניק, א רעגע געטראַכט, זיך ווידער באַגעגנט מיט זײַנע גרויסע ברענענדיקע אויגן און זיך אָפּגעקערט, ווי זי זאָל ניט קאָנען אויסהאַלטן זײַן בליק.

— זײַנט איר, הייסט עס, טאַקע געקומען?.. — האָט זי איבערגעכאַזערט, ווי פאַר זיך. — און איך האָב געמיינט, אז איר וועט ניט קומען, איר וועט זיך אָפּזאָגן.

— וואָס רעדט איר, דאָקטער! — האָט מאַקס זיך דערשראָקן. — איך בין גרייט...

— דאָס איז נאָך ווייניק... — האָט זי א פארדײַגעטע איבערגעשלאָגן, — נו, וואָס זאָלן מיר מיט אײַך טאָן, אז איר זײַנט אזא...

זי האָט ניט געענדיקט, זיך געלאָזט מיט אים ארויף, אַף די טרעפּ. מאַקס האָט געײַלט, באַמיִענדיק זיך ניט אָפּשטיין פון איר. ער האָט זיך געפלאָנטערט איבער דעם פארביקן טעפּיך, וואָס איז געלעגן אַף די טרעפּ, זיך שטאַרק גערויטלט, ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן מיט זײַן קלומעקל — זײַן גאַנץ ביסל פארמעגן. ער וואָלט עס ערגעץ פארשטעקט, נאָר, ווי אַף צולאָכעס, קוקט שוין אַף אים מיט אירע ראָצכישע אויגן פּראָו עלזא קריץ, וואָס שטייט שוין דאָרטן בא איר טישל.

דאָקטער פרידע איז געגאַן מיט איר שנעלן גאַנג איבערן לאַנגן קאָרידאָר, און פון אַלע זײַטן האָבן זיך צו איר געגריסט, זיך נידעריק און העפלעך געבויגט קראַנקע און דאָקטוירים, זי באַגלייט מיט גוטמוטיקע שמייכעלעך און אויסגעצויגן די פּענעמער, דערזעענדיק דעם מאָדנעם פאַרשוין, וואָס האָט זיך געשלעפּט נאָך איר מיט זײַן קלומעקל.

פרידע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן א ווײַסער שאַפע, ארויסגענומען פון דאָרטן א ווײַסן כאַלאַט מיט א קאָלפּאַק, שנעל זיך פארפּוצט אין דעם, פּונקט אזא כאַלאַט דערלאַנגט מאַקסן און א ווונק געטאָן, ער זאָל אים נעמען אַף זיך.

ער האָט זיך אינגאַנצן פארלוירן, ניט געוווּסט, וואָס טאָן מיטן כאַלאַט, ווי מע טוט אים אָן. פרידע האָט אים גענומען פאַר דער האַנט, געוויזן, ווי

מע טוט עס, געהאָלפן פאַרשפּיליען די קנעפּ און אים צוגעפירט צום שפּיגל:

— איר זעט, ווי איר זײַנט בײַ אונדז געוואָרן אַ דאָקטער?.. — האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן, זיך אָפּגעקערט, קעדיי עפּעס זאָגן דער אופּראַמערן, וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען. און דאָ האָט זיך מאַקס דערפרייט. ער האָט שנעל אַרײַנגערוקט דאָס נימעסע קלומעקל אין אַ ווינקל פון דער שאַפע און דערפילט, ווי אַ שווערער אָל איז פון אים אַראָפּ. איצט האָט ער זיך שוין געפילט פרײַער.

איצט, האָט ער געטראַכט, קאָן ער שוין גיין, וווהין זי וויל. עמעס, ער האָט זיך געפילט ווי געפּענטעט אין דעם ווײַסן כאַלאַט, אין דעם קאָלפּאַק.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דאָקטער פרידע אים אַרײַנגעפירט אין אַ געראַמען בלענדיק־ליכטיקן זאַל, ווו גרויסע עלעקטרישע לעמפּ האָבן באַלויכטן אַ ניקלנעם טיש, אַן אומגעוויינלעך גרויסן און אומגעלומפּערטן, די ווײַסע גלעזערנע שאַפעס מיט די ניקלנע אינסטרומענטן, וואָס האָבן געשניטן מיט זייער ציכטיקײַט דאָס אויג. דער אויסזען פון די שאַפעס, פון דעם טיש און אינסטרומענטן, ווי אויך דאָס, וואָס מענטשן אין ווײַסע כאַלאַטן האָבן דאָ געהאַוועט, האָט אָף מאַקסן אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד. און נאָך שרעקלעכער איז אים געווען דערפון, וואָס אַלע האָבן אָף אים געקוקט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן, מיט שמייכלעך, זיך איבערגעפרעגט מיט די אויגן, מיט די זשעסטן: וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשוין? וואָס איז ער אַהער געקומען און וואָס וועט ער דאָ טאָן?

דאָקטער פרידע האָט דעם פּאַציִענט אירן צוגעפירט צו אַ דיקער ווײַסער קאָלאָנע, וואָס ניט ווײַט פונעם אָפּעראַציע־טיש, און געהייסן דאָ שטיין און קוקן. באַלד וועט אַרײַנקומען אַהער עריך שטוטבאַך, און מע וועט אָנהייבן אָפּערירן מענטשן...

„זיי ווילן מיך, זעט אויס, אָנשרעקן, איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אָפּעראַציע. כיטרע זײַנען זיי! נאָר איך וועל זיך ניט דערשרעקן פאַר גאָרניט!“ — האָט זיך מאַקס געקלערט, נאָר געפילט, ווי דער פּאַכעד טרעט דאָך ניט אָפּ פון אים. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן שטייט ער אין אַזאַ געבײַדע. ער האָט ניט געזען, ווי מענטשן מוטשען זיך, ווי מע שנײַדט זיי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף הײַנט אויסהאַלטן אַ מאָדנעם עקזאַמען, און מע דאַרף זיך אָנשטרענגען, ער זאָל ניט דורכפאַלן.

פונעם קאָרידאָר האָבן זיך אַהער דערטראָגן שנעלע און פעסטע טריט. די טיר האָט זיך ברייט צעעפנט. זײַנע באַקאַנטע סאַניטאַרן האָבן אַרײַנגעפירט אַהער אַ וועגעלע, אָף וועלכן עס איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ ווײַסן לײַלעך אַ פאַרבאַנדאַזשירטער מענטש, וואָס האָט זיך ניט גערירט און בלויז די אויגן האָבן קאַלט און אומבאַוועגלעך געקוקט אָף דער סטעליע.

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז ער איז געווען שטאַרק באַגײַסטערט דערפון, וואָס ער האָט געזען. אַפילע די צוגרייטונג צו דער אָפּעראַציע האָט אויסגעזען שווער, שרעקלעך. נאָר קיין אַנדער ברירע איז ניט געווען. דאָקטער פרידע האָט באַפוילן שטיין, קוקן און שווײַגן, איז ער, נעבעך,

געשטאַנען בא דער דיקער קאָלאָנע אין געהאַקטע װונדן, געקוקט און גע־
שוויגן.

ווידער האָבן זיך פון יענער זײַט טיר דערהערט שנעלע טריט, און אין
א ווײַלע ארום איז אַרײַנגעקומען עריך שטוטבאַך, זיך פארנייגט פאר די
קאָלעגן, פאר די שוועסטער, צוגעגאַנגען צום כוילע און א קוק געטאָן, צי
איז אלץ אין אָרדענונג, צי קאָן מען צוטרעטן צו דער אָפּעראַציע.

ער האָט זיך געלאָזט צו דעם קראַן וואַשן די הענט און א קוק געטאָן
אף מאַקסן מיט א לויפנדיקן בליק, וואָס האָט באַטײַט: „טאַקע געקומען דער
אַקשן?״.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך אינעם געראַמען זאַל אײַנגעשטעלט
א טויטע שטילקײַט. מע האָט בלויז געהערט, ווי עס שורשען די כאַלאַטן,
ווען עמעצער פון די שוועסטער טראָגט זיך דורך איבערן זאַל, ווי זי זאָל
ניט גיין, נאָר שוועבן.

עריך שטוטבאַך איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דעם טיש, א רעגע זיך
ארומגעקוקט, פאַריכט די גומענע הענטשקעס, גענומען דעם סקאַלפּעל אין
זײַן שטײַפער האַנט, זיך אָנגעבויגן איבער דעם קערפּער, וואָס איז געלעגן
אומבאַוועגלעך אפן טיש, און שנעל, געניט גענומען ארבעטן מיטן סקאַלפּעל.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שווערע, א קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע, עס האָט
זיך אָנגעהויבן אן אָנגעשטרענגטער קאַמף פארן לעבן פון א מענטשן...

מאַקס קרייסלער האָט זיך צוגעטוליעט מיט דער פּלייצע צו דער ווײַסער
קאָלאָנע און, דאַכט זיך, אופגעהערט אָטעמען. ער האָט דערפילט, ווי א
מאָדנע קעלט נעמט דורך אלע זײַנע איוורים. אים איז פּלוצעם געוואָרן
אזוי שרעקלעך, פונקט ווי ער אליין וואָלט איצט געלעגן אפן טיש, אונטערן
מעסער. און דאָך האָט ער אופמערקזאַם געשפּירט נאָך די באַוועגונגען,
נאָך די הענט פונעם פּראָפעסאָר. דאָס זײַנען געווען הענט — געניטע, זיכע־
רע, פעסטע, וועלכע זײַנען שוין געוווינט צו אזוינע זאַכן און וועלן קיינמאָל
ניט האָבן קיין טאָעס. די באַוועגונגען פונעם פּראָפעסאָר האָבן מאַקסן דער־
מאָנט אין די געניטע באַוועגונגען פון א פידלער א ווירטואָז, בא וועלכן
יעדער ריר איז אויסגערעכנט, אַקוראַט און פּינקטלעך.

דאָס אָנגעשטרענגטע פּנים באַם פּראָפעסאָר, דער שטאַרק געקנייטש־
טער שטערן, די אויגן זײַנען מיט יעדער מינוט געוואָרן רויִקער, רויִקער,
און די אַרומיקע האָבן פרײַער, דאַכט זיך, אָפּגעאָטעמט.

עריך שטוטבאַך האָט א פּאָר מאָל אופגעהויבן דעם שנעלן בליק אף דעם
פּאַציִענט זײַנעם, וואָס שטייט און קוקט, און זיך ווידער פארטיפט אין זײַן
ארבעט.

א מאָדנע זאַך! אָנשטאָט דעם, מאַקס זאָל, צוזעענדיק דאָס אלץ, זיך
איבערשרעקן און זאָגן, אז גענוג, ער איז זיי מוֹיכל, ער וויל ניט דעם
טעאַטער, די בינע און דאַרף ניט די אָפּעראַציע, ער פאַראַכטעט דעם
שרעקלעכן טיש און די דאָקטוירים, איז ער אלץ מער געוואָרן רויִקער,
גלײַכגילטיקער, אָפּגעטרייסלט פון זיך די שרעק. נאָכשפּירנדיק, ווי עס
אָפּערירט עריך שטוטבאַך און זײַן אַסיסטענטן פרידע, ווי אזוי עס האָוען

געניט די בארעמהארציקע שוועסטער און אַלע, וואָס שטייען ארום טיש, האָט מאקס פארשטאנען, אז אריינפאלן אין די הענט צו די מענטשן איז גאָר ניט אזוי שרעקלעך. עריך שטוטבאכן און דאָקטער פרידען קאָן ער זיך פולקאָם פארטרויען. יענער, וועמען זיי אָפערירן, פילט זיך גאָר ניט שלעכט, ער ליגט רויִק און ווייסט אפילע ניט, וואָס מע טוט איצט מיט זיין קערפער.

מאקס האָט ניט באוויזן זיך א קער טאָן, ווי ער האָט דערזען — דער כוילע האָט זיך אָנגעהויבן באוועגן, א טעמפער קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין ברוסט, ער האָט געגומען שרייען, און אַלע האָבן אים אָנגעכאפט פון אַלע זייטן, בעסער געגומען צובינדן צום טיש. עריך שטוטבאך האָט שטרענג א קוק געטאָן אף די שוועסטער, זיין הויכער שטערן איז באַזעצט געוואָרן מיט גרויסע טראָפנס שוויס, דער פּראָפעסאָר האָט עפּעס א זאָג געטאָן פרידען, און זי האָט געגומען א שפּריץ.

די פּאוזע האָט ניט לאנג געדויערט. עריך שטוטבאך איז ווידער צוגעגאנגען צום טיש, געגומען אין די הענט דעם סקאַלפּעל.

מאקס איז געווען בלאַס, ווי די קאַלאָנע. אומזיסט האָט זיך אים אָקאָרשט געדאכט, אז דער איניען איז ניט אזוי קאָמפּליצירט. ניין, ווייזט אויס, אז דאָס איז ניט אזוי פּראָסט. ער האָט אין דער מינוט דערפילט, ווי דאָס גאנצע לייב זיינס טוט אים וויי, גלייך ווי מע אָפערירט ניט יענעם, נאָר אים. אים האָט זיך מיטאמאָל פארגלוסט ארויסגיין פון דעם זאַל, אראָפּוואָרפן פון זיך דעם כאלאט מיטן קאַלפּאַק און ערגעץ לויפן. ער האָט אָבער אין דעם מאָמענט דערפילט אף זיך פרידעס דורכדרינגעוודיקן בליק און זיך באַרויִקט. איצט האָט ער שוין ניט געצווייפלט, פארוואָס זי האָט אים אהער געבראכט און פארוואָס ער דארף דאָ שטיין און צוקוקן מענטשישע ליידן און ווייען. הייסט עס, פרידע קוקט אף אים און זעט, ווי ער איז בלאַס, ווי ער איז באגאָסן מיט שוויס. גענוג! ער האַלט עקזאמענעס פאר איר און פארן פּראָפעסאָר, און וויבאַלד אזוי, דארף מען זיך נעמען אין די הענט, ניט צולאָזן צו זיך קיין שוואכקייט, קליינמוט. מע דארף זיך האַלטן פעסטער און אָפּטרייבן צו אַלדי רוכעס אַלע בייזע מאכשאָוועס, וואָס קריכן אין קאָפּ אריין. ער האָט זיך באמיט זיין ערנסט און אָנגעשטרענגט, פּונקט ווי זי, פרידע, און עריך שטוטבאך, פּונקט ווי די מענטשן, וואָס רינגלען זיי ארום.

נאָר ווי אף צולאָכעס, האָבן זיך די פיס ווי אונטערגעהאקט און עס האָט זיך אים געדאכט, אז ער שטייט שוין דאָ אזוי ווייסעד וויפל צייט, א גאנצע אייביקייט. ער האָט ניט געוווסט, ווו טוט מען אהין זיינע גרויסע, שווערע הענט. וואָלט מען אים כאָטש געגעבן עפּעס טאָן, וואָלט עפּשער געווען גרינגער אפן הארצן, ער וואָלט ניט געטראכט וועגן דעם מענטשן, וואָס מוטשעט זיך אפן טיש, ער וואָלט ניט געשטאנען, ווי א נעכטיקער.

די צייט האָט זיך געצויגן מעשוגענערווייז לאנג, און דער אומגעדולד איז געוואקסן. אויב אים איז אזוי שווער דאָ שטיין און קוקן, האָט ער געקלערט, וויִאזוי זשע דארפן זיך פילן יענע, וואָס שטייען באם אָפּעראציעטיש און ארבעטן די גאנצע צייט אזוי שווער און אָנגעשטרענגט!

דאָקטער פרידע איז צוגעגאַנגען צו מאַקסן, אַראָפּגערוקט די מאַסקע פון מויל, אַ רעגע אים באַטראַכט און זיך שטיל אָנגערופן:

— פאַרוואָס זײַנט איר אַזוי בלאַס? שרעקלעך, האַ?

מאַקס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— פאַרקערט... אײַנגאַנצן ניט שרעקלעך... באַ אײַך, דאָקטער, באַקומט עס זיך אַזוי גוט. איך מיין, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט דער קראַנקער אײַערער שוין קאָנען גיין אַהיים?

— ער וועט שוין מאָרגן קאָנען טאַנצן! — האָט זי בייז איבערגעריסן. — איר ווייסט, מאַקס, מיר הייבט זיך גאָר אָן דאַכטן, אַז איר זײַנט עטוואָס לײַכטזיניק. איר שוועבט ניט אונטער די וואָלקנס? אויב דער מענטש וועט בלײַבן לעבן, וועט זײַן אַ גרויס גליק, פּאַשעט אַ נעס. און אויב ער וועט נאָך דערצו אין אַ כאַדאָשים דרײַ אַרום קאָנען אַראָפּגיין פון בעט, וועט ער דאַרפן דאַנקען גאָט... — אַ רעגע געטראַכט, האָט זי נאָך שטילער צוגעגעבן: — איר דאַרפט זיך בוילעטער פאָרשטעלן, וואָס דערוואַרט אײַך. באַ אײַך איז אָן אָפּעראַציע אַ סאַך אַ שווערערע, פיל ערנסטער, ווי אָט יענע... — האָט זי אַ ווונק געטאָן אָפן טיש. — אייגנטלעך, איר האָט נאָך ניט געהאַט קיין צײַט ערנסט באַטראַכטן אַלץ... און איך וויל אײַך זאָגן, אַז דאָס איז נאָך ניט שפּעט!

— איך האָב שוין אַלץ באַטראַכט, דאָקטער... — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

פרידע האָט אָף אים געקוקט אַ לאַנגע ווײַלע און, ניט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, זיך אומגעקערט צום אָפּעראַציע־טיש, באַ וועלכן עס איז שוין ווידער געשטאַנען עריך שטוטבאַך מיטן סקאַלפּעל.

* * *

אַ וואָך נאָכאַנאַנד איז מאַקס קרייסלער אַלע גאַנצפרי געקומען אין קליניק; אָנגעטאָן דעם כאַלאַט, דעם קאַלפּאַק, האָט ער פאַרנומען זײַן אָרט לעבן דער ווײַסער דיקער קאַלאָנע.

די באַרעמהאַרציקע שוועסטער האָבן אים שוין געקענט, צו אים געשמייכלט, געשפּאַסט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, נאָר אַלץ נאָך ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס קומט ער אַהער, אָט דער שטאַלטנער שיינער באָכער, און פאַרוואָס איז דאָקטער פרידע צו אים אַזוי צוגעלאָזן און היימיש?

זינט דער מאָדנער פּאַציִענט, דער אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער, קומט אַהער אַרײַן, האָט פראַו עלזאַ קריץ אויך אָנגעוואָרן איר רו און גלײַכגעוויכט. זי לייגט גאָר אײַן וועלטן. הערט נאָר, ווי מע פירט זיך אַרום מיט דעם שנאָרער! פרידע הערט זיך ניט אוף מיט אים סוידען די גאַנצע צײַט! זי באַגלייט אים אַלע טאָג אַרויס פון קליניק, שטייט אָף די טרעפּ, רעדט מיט אים, שמייכלט און קאָן זיך מיט אים ניט צעשיידן.

אַלעמאָל לויפט אַרײַן פראַו עלזאַ קריץ אָן אופגעבראַכטע אין איין קאַבינעט, אין צווייטן, רוימט אײַן די מיידלעך אָף די אויערן, וואָס זי האָט

אָקאָרשט געזעצן פון פרידעס זײַט: אָט האָט זי אים נאָרוואָס מעכאַבעד געווען מיט עפּל, נעכטן באַם געזעגענען זיך מיט אים האָט די דאָקטערן אים צעשויבערט די האָר. ער האָט זי באַגלייט ביזן אַוטאָבוס... זיי זײַנען געשטאַנען אַף די טרעפּ און געלאַכט...

אַלץ האָט עלזאַ קריץ באַמערקט און עס גלײַך אָפּגעטראָגן, מע זאָל וויסן! פראַו עלזאַ קריץ האָט אַפילע דערציילט, וואָס פאַר אַ געשפּרעך זי האָט נעכטן אונטערגעהערט אין טעלעפאָן, בעשאַס דאָקטער פרידע האָט גערעדט מיט איר אייזל, מיט דעם נאַרישן ריכאַרדן. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז שטאַרק פאַרנומען און וועט ניט קענען מיט אים גיין די נאָענטע צײַט שפּאַצירן. ער זאָל צו איר ניט קומען, ווײַל זי האָט קיין צײַט ניט... און שטיין אין סעדל ריידן מיט דעם ציגײַנער האָט זי צײַט! און נאָך אַ געשפּרעך האָט פראַו עלזאַ קריץ אונטערגעהערט נאָך דעם, ווי ריכאַרד האָט געקראָגן איר אַנאָנים בריוול, ווו זי האָט גאַנץ גענוי באַשריבן, ווי זײַן פרידעטשקע, די „הייליקע מאַדאָנע", באַגעגנט אין קליניק עפּעס איינעם אַ ציגײַנער, צי אַ ייִדן, צי דער רועך ווייסט אים, צו וואָס פאַר אַ ראַסע ער געהערט, און מיט וואָס פאַראַ אויגן זי קוקט אַף אים... אָ, דאָס איז געווען גאָר אַ פריילעכער געשפּרעך! פרידע האָט אַף יענעמס געשריי געענטפערט, אַז זי וועט גאָרניט ניט האָבן קעגן, אויב ער וועט ביכלאַל מער צו איר ניט קומען...

פראַו עלזאַ קריץ איז געווען באַגײַסטערט פון איר אַרבעט. זי איז געוואָרן גרעבער ווי לענגער. זי האָט איר אָפּגעדינט, אָט דער פרידען, און זאָל זי וויסן!

סאָף וואָך האָט עריך שטוטבאַך אַרײַנגערופן צו זיך אין קאַבינעט מאַקס קרייסלערן, פאַרבעטן אַהער דאָקטער פרידען און זיך אָנגערופן צום פּאַציִענט:

— נו, אָטעלאָ, איז וואָס זשע האָט איר באַשטימט? איר באַשטייט נאָך אַלץ אַף דער אָפּעראַציע, צי איר וועט עס אָפּלייגן אַף בעסערע צײַטן?..

— איך האָב באַשטימט, הער פּראָפעסאָר, אײַך נאָכאַמאָל בעטן, ווי אַן אייגענעם פאָטער, אַז איר זאָלט מיך אָפּערירן. דאָס גאַנצע לעבן וועל איך זײַן אײַער קנעכט!

— אָדער איר וועט מיך דאָס גאַנצע לעבן שילטן? — האָט ער איבערגעשלאָגן.

— דאָס איז אויסגעשלאָסן, הער שטוטבאַך. איך גלייב אין אײַך...

— נו, אַ טײַוול! — האָט זיך עריך שטוטבאַך ווידער צעבייזערט און גענומען אַרומשפּרײַזן איבערן קאַבינעט. — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באַגעגן איך אַזאַ ווילדן יונג, ווי איר. איך בעט אָבער מיך פאַרשטיין, מאַקס: ניט איך, ניט פרידע, ניט גאָט אַליין קאָנען אײַך ניט גאַראַנטירן, אַז די אָפּעראַציע וועט געלינגען! איר זײַט נאָך אַזוי יונג, פול מיט קויכעס, מיט שווונג, מיט ענערגיע, ווילן, שטרעבונג, וואָרום זאָלט איר אײַנשטעלן דאָס לעבן? און ווו איז דאָס געשריבן געוואָרן, אַז איר מוזט ווערן אַן אַקטיאָר?

ווייניק גוטע מעלאָכעס אף דער וועלט? און וואָס פאַר א טײַוול האָט אײַך געייצעט אויסגלײַכן די פיס?

— ניט קיין טײַוול, — האָט פאַרזיכטיק איבערגעריסן מאַקס, — א מענטש, ווען איך גלייב, א באַרימטער מענטש, וואָס מוז מיר העלפן...

עריך שטוטבאַך האָט געקומען פרידען בא דער האַנט און זיך מיט איר אראָפּגעלאָזט אראָפּ, אין סעדל, געהייסן דעם ווילדן פּאַציִענט צוּוואַרטן.

מאַקס האָט זיך איבערגעבויגן באַם פענצטער, נאָכגעשפּירט, ווי עריך שטוטבאַך מיטן מיידל גייען אַרום פאַמעלעך איבער דער אַליי, ריידן עפּעס, בייזערן זיך. געוויס, האָט מאַקס געטראַכט, איצט ווערט געלייזט זײַן גורל. דאָס האַרץ האָט גענומען שטאַרקער זיך שלאָגן אין דער ברוסט. ער איז געשטאַנען ניט טויט, ניט לעבעדיק און געוואַרט אַפן ענדגילטיקן אורטייל, וואָס מע וועט אים באַלד אַרויסטראָגן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר נאָך איין געדאַנק, וואָס איז אים געקומען: שטוטבאַך און דאָקטער פרידע פאַרשטייען כאָטש, אז ער האָט ניט קיין לעבעדיקן גראָשן בא דער נעשאָמע, ער קאָן ניט באַצאָלן פאַר דער אָפּעראַציע? און כוץ דעם, אויב אַלץ וועט אָפּגיין גלאַט, וועט ער דאָך זייער לאַנג מוזן ליגן אומבאַוועגלעך אין שפּיטאָל, און דאָס וועט אויך קאָסטן א מאַיאָנטעק. דער קאָפּ האָט זיך מאַמעש בא אים געשפּאָלטן, טראַכטנדיק וועגן דעם.

אין דער רעגע האָבן זיך פון יענער זײַט קאַבינעט דערהערט פרידעס שנעלע טריט. זי איז אַרײַנגעקומען, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאַקסן, צוגע־מאַכט די אויגן, און שווער געאָטעמט. צי ווייסט ער כאָטש, דער אקשן, וויפל איז איר אויסגעקומען בעטן דעם פּראָפעסאָר, ער זאָל זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם מעשוגענעם פּאַציִענט! נאָר אַלץ איז שוין אין אָרדענונג! זי האָט אים אײַנגערעדט, איבערצײַגט!

— אין א וואָך אַרום, מאַקס, אויב איר וועט ניט איבערטראַכטן, — האָט געבעטן איבערגעבן דער פּראָפעסאָר, — קומט איר אין קליניק. מיר וועלן פאַר אײַך צוגרייטן אַן אָרט.

מאַקס איז א רעגע געשטאַנען צעטומלט, געקוקט אף דעם כיינעוודיקן מיידל מיט זײַנע גרויסע פײַכט געוואָרענע אויגן, געכאַפּט איר האַנט און צו איר צוגעפאַלן מיט די ליפּן.

— א גרויסן דאַנק אײַך, דאָקטער. איך וועל אײַך קיינמאָל ניט פאַר־געסן... — און נאָך א לענגערער פּאַוזע פאַרגעזעצט: — איצט וועל איך גיין אַפן וואָקזאַל. איך וועל זיך באַמיִען ערגעץ פאַרדינען. מע דאַרף דאָך באַצאָלן פאַר דער אָפּעראַציע. עס קאָסט דאָך, געוויס, אזוי טײַער...

זי האָט אף אים א קוק געטאָן מיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— דאָס האָב איך פאַרשטאַנען, אז איר האָט ניט קיין מאַרק, ווי נאָר איך האָב אײַך דערזען דאָס ערשטע מאָל. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, וואָס פאַר א רײַכער מענטש איר זײַט. אונדזער קליניק וועט פון די פאַרדינסטן ווערן אופגעריכט. זאָל דאָס אײַך ניט באַומרויִקן. איך האָב שוין אַלץ אײַנגעאָרדנט... אַלזאָ, אויב איר וועט ניט איבערטראַכטן, איז אין א וואָך אַרום. מאָנטיק דאָ... ניין, אַנטשולדיקט, מאַקס, מאָנטיק איז א שווערער

טאָג — איך האָב אים ניט ליב. איר קומט צו אונדז דינסטיק... אָבער איך בעט אײַך טויזנט מאָל עס באַטראַכטן!..

מאַקס האָט ניט געפילט, ווי ער איז אַרויסגעפלויגן פון דער קליניק. ער איז געלאָפן, ווי אין אַ כאָלעם, און די אַרומיקע האָבן אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז מיט אים. ער האָט געטראַכט, ווי גוט איז לעבן אויף דער וועלט, ווען עס באַגעגענען זיך אויף דײַן וועג אַזעלכע מענטשן, ווי דאָקטער פרידע! אויב דאָס מיידל וועט די גאַנצע צײַט שטיין באַם אָפּעראַציע־טיש, ווען מע וועט אים אָפּערירן, וועט אים גאָרניט זײַן שרעקלעך, קיין שום געפאַר, קיין ווייטעק וועלן צו אים ניט צושטיין!

יאָ, נאָר פאַרוואָס האָט זי אים ווידער געבעטן גוט אַלץ באַטראַכטן? פאַרוואָס האָט אים נעכטן דער פּראָפעסאָר ווידער דערמאָנט, אַז ער קאָן אויסבײַטן געזונטע פיס אויף אַ פּאָר מיליצעס? אויב דאָס וועט געשען, וועט פאַרשווינדן פון אים אויף אייביק דער טרוים וועגן דער בינע. מע וועט אים אַהין ניט נעמען, אין טעאַטער, אַפילו פאַר קיין נאַכט־וועכטער, פאַר אַן אויפראַמער. ער וועט ביכלאַל פאַרפאַלן ווערן. עס וועט אים דאַן אויסקומען נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הײַזער. וועמען גייט איצט אָן אַ קאַליקע אויף מיליצעס? אַז מיט זײַנע פיס טראָגט ער זיך אַרום אַזויפיל יאָר, ווי אַ דולער, און קאָן גאָרניט דערגרייכן, וואָס זשע וועט זײַן, אויב...

ניין, קיין קאַליקע וועט ער ניט זײַן. ער וועט קיינמאָל ניט גיין צו מענטשן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. קיינמאָל!

און עס איז אים אין דער רעגע געקומען אַ מאַכשאָווע, אַז ער וועט קריגן אַ רעוואָלווער, אים באַהאַלטן ערגעץ אונטערן מאַטראַץ. אויב די אָפּעראַציע וועט זיך ענדיקן פאַר אים טראַגיש און ער וועט זען, אַז ער בלײַבט אַ קאַליקע, וועט ער מיט איין קויל פאַרגרינגערן אַלע זײַנע ליידן. איין קויל, און אויס!

יאָ, דאָס וועט זײַן דער איינציקער ריכטיקער אויסוועג פאַר אים!

און פון דער רעגע אָן האָט מאַקס קרייסלער ווידער אָנגעווירן די רו. ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום אַרבעט, געזשאַלעוועט זיך דעם ביסן און אָפּגעשפּאָרט עטלעכע מאַרק. ער וועט אַפילו אונטער דער ערד זוכן און קריגן אַ רעוואָלווער, אַ קויל פאַר זיך. אומבאַדינגט מוז ער אים געפינען!

* * *

די צײַט האָט אַ מאָדנע טעווע — זי וויל ניט שטיין אויף איין אָרט, זי פליט, אַפילו ווען קיינער בעט זי ניט, זי זאָל אַזוי אײַלן!

אַ וואָך איז איבערגעלאָפן אַזוי שנעל, אַז קיינער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט. מאַקס האָט גוט געוווּסט, אַז עריך שטוטבאַך געהערט צו יענע פינקטלעכע מענטשן, וואָס האָבן ניט ליב, ווען מע פאַרשפּעטיקט. אַפילו אויף קיין מינוט. דערפאַר טאַקע האָט מאַקס זיך באַמיט קומען דעם דינסטיק אין קליניק צו דער צײַט — ניט מיט קיין רעגע פריִער, ניט מיט קיין מינוט

שפעטער. ער איז צוגעקומען צו די טרעפּ פון דער קליניק, באהאלטנדיק אין קעשענע דעם קליינינקן בראונינג, וואָס ער האָט געקויפט אין מארק בא א שיקערן אָבעריעפרייטאָר.

דעם כוילע איז ניט לאנג אויסגעקומען ווארטן. אינגיכן, ריכטיקער גע־זאָגט פונקט צו דער צייט, האָט זיך אפן ראָג גאס אָפּגעשטעלט א פולגע־פאקטער אווטאָבוס און פון דאָרטן איז אראָפּגעשפרונגען דאָקטער פרידע און זיך שנעל געלאָזט צום ארייַנגאנג.

זי האָט א קוק געטאָן אף מאקסן, גלייַך ווי זייַן שטיין דאָ וואָלט פאר איר געווען אינגאנצן אומדערווארט און צופעליק.

— מייַן גאָט, ער איז דאָ!.. און מיר זייַנען שוין געווען איבערצייַגט מיטן פּראָפעסאָר, אז איר וועט ניט קומען...

זי האָט מאכטלאָז צעפירט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: וואָס קאָן מען מיט אזא אקשן מאכן!

— נו, גוט, קומט מיט מיר. — און מע האָט זיך געלאָזט גיין מיט די טרעפּ.

פראו עלזא קריץ איז אונטערגעשפרונגען פון בענקל, אָפּגערוקט פון זיך אדאָלף היטלערס „מייַן קאמף“, מיט וועלכן זי צעשיידט זיך ניט פון א שטיק צייַט און וויל, אז אלע זאָלן זען, וואָס זי לייענט, מיט האָזע א קוק געטאָן אפן אָרעמען פאציִענט און זיך אזש פארקרימט: ער איז ווידער גע־קומען? און פרידע פירט זיך מיט אים נאָך אלץ ארום? עלזא האָט געמיינט נאָך דעם בריוול, וואָס זי האָט ארייַנגעשיקט ריכארדן, און נאָך דעם, ווי דער פארשוין איז דאָ א גאנצע וואָך ניט געווען, וועט זי אים שוין ניט זען מער. איז האָסטו דיר, געקומען! זי וואָלט אים מיט פארגעניגן אראָפּגעלאָזט פון אלע טרעפּ, ווען זי האָט ניט מוירע פאר אים און פאר דאָקטער פרידע. און אז זי האָט אויסגעהערט פרידעס באפעל אָפּפירן דעם פאציִענט אין וואנע־אָפּטיילונג, ארויסגעבן שפּיטאָל־קליידונג און באלייגן אין דער דריטער פאלאטע, האָט יענע אינגאנצן פארלאָרן דאָס לאָשן, געבליבן שטיין מיט אן אויסגעצויגענעם פּאָנעם און אויסגעסטארטשעטע אויגן. וואָס הייסט דאָס? א געזונטער, אן אייַזערנער יונג, ווי א דעמב... וואָס וועט ער דאָ טאָן?

נאָר וואָס האָט עלזא קריץ געקאָנט מאכן? א באפעל איז א באפעל, און כאָטש דער נייַער פאציִענט, ווי צו זען, איז ניט קיין ריינער אריער, און ווי אזעלכער איז ער איר דרייַפאך פריקרע און דערווידער, מוז זי אים פירן אין וואנע־אָפּטיילונג, איבערטאָן און באלייגן אין פאלאטע, ווי דאָקטער פרידע האָט איר באפוילן.

אין א האלבער שאָ ארום, אן אויסגעבאָדענער, אן אויסגעצוואָגענער, פארפוצט אין שפּיטאָל־קליידער, אין ווייכע פאנטאָפלעך אף די פיס, איז מאקס ארייַן אין א ציכטיק געמיטלעך צימערל מיט א ברייט צעעפנט פענצטער, וואָס קוקט ארויס אין סאָד. דאָ האָט ער געטראָפן א ווייַס בעטל מיט ווייכע קישעלעך, אלץ האָט שמעקירט, געגלאנצט. אפן קליינעם שאפ־קעלע, לעבן דעם גרינבלעכן לאָמפּ, איז געשטאנען א שיינע וואזע מיט בונטע בלומען.

ער האָט זיך נאָך ניט באוויזן בארויִקן, איז אריַינגעקומען דאָקטער פרידע, געבראכט עטלעכע ביכער און זיי אוועקגעלייגט אפן שאפקעלע לעבן די בלומען. מאקס האָט געזען א גרויסן באנד שעקספּירס טראגעדיעס, היינעס לידער, געטעס „פאוסט", און די אויגן האָבן זיך צעשייַנט נאָך שטארקער.

— נו, אָט... אָרדנט זיך איַין. דאָס וועט זיַין איַיער וווינונג. לייענען האָט איר דערוויַיל וואָס, און מירן איַיך נאָך ברענגען... דערוויַיל רוט זיך אויס.

זי איז פלינק צוגעגאנגען צום פענצטער, פאריכט דאָס פאָרהענגל, א גלעט געטאָן די בלומען און ארויסגעגאנגען אין קאָרידאָר.

מאקס האָט זיך אויסגעטאָן און זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג אפן ציכטיקן געלעגער און דערפילט זיך, ווי אין א גאניידן. „ניט געווען קיין גליק, — האָט ער א טראכט געטאָן, שמייכלענדיק, — האָט דער אומגליק מיר געהאָלפן!"

ארומקוקנדיק זיך, צי עלזא קריץ שפירט ניט נאָך, האָט ער אריַינגערוקט אין מאטראץ דעם בראונינג, וואָס ער האָט געהאלטן אונטער דער פאָלע פון ליַיכטן שפּיטאָל־רעקל.

מאקס האָט מיט ציטערנדיקע הענט גענומען שעקספּירס באנד און זיך פארטיפט אין לייענען. מער האָט ער איצט גאָרניט ניט געדארפט. „ניין, דאָס גליק, זע איך, האָט זיך נאָך פון מיר אינגאנצן ניט אָפּגעקערט", — האָט ער מיט פרייד א טראכט געטאָן.

צווישן לעבן און טויט

דער פּראָפעסאָר עריך שטוטבאך איז געווען אין יענעם עלטער, ווען עס איז ניט אזוי גרינג פעסטשטעלן, וויפל יאָר איז ער אלט.

פונעם ערשטן בליק האָט זיך געקאָנט אויסוויַיזן, אז ער איז זייער אלט, א גרויסער קיַיסן, צופיל א שטרענגער. נאָר דאָס איז געווען בלויז אויסער־לעך. אינדערעמעסן איז ער געווען ניט אזוי אלט, כאָטש דער קאָפּ איז געווען אינגאנצן גראָוו. מע האָט אים דאָ געקענט פאר א גוטהארציקן, באַ־שיידענעם און צוגעלאָזענעם מענטשן, וואָס האָט ליב געהאט, ווי דאָס לעבן, טאָן יענעם גוטס.

ווי שוין געזאָגט, איז ער שטענדיק געגאנגען מיט זיַין אויסגערעכנטן, פעסטן טראָט, ווי אף א פאראד, — פאָרט גאנצע פיר יאָר, ווי איין טאָג, געווען אף דער מילכאָמע, געווען אין קיַיזערס ארמיי אלס שעף פון א פעלד־האָספּיטאל אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. אים איז אָפּט אויסגעקומען שטיין פאר העכערע אָפיצערן אויסגעצויגן, ווי א סטרונע.

פאר די פיר יאָר דינסט האָט ער געפּאטערט אלע ציווילע געוווינהיַיטן, וואָס זיַינען אים פון שטענדיק געווען צום הארצן, און כאָטש שוין וויפל יאָר, אז ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין קליניק, נאָר ביז איצט האָט

ער פארהיט די סאָלדאַטישע שטרענגקייט, אַנגעצויגנקייט און, אויב איר ווילט, עטוואָס פון דעם אויסדרוק פון אונטערטעניקייט.

דער הויכער געקאָרבטער שטערן און די קלוגע אויגן האָבן איידעס געזאָגט, אַז דאָס איז אַ טיף אינטעלעקטועלער מענטש מיט גרויסער קולטור און ערלעכקייט. ער האָט פאַרמאָגט גאָלדענע הענט פון אַן עכטן כירורג, געווען אין שטאָט באַרימט און פּאָפּולער. יענע מענטשן, וואָס האָבן אים נעענטער געקענט, האָבן גוט געוווּסט, אַז פּראָפעסאָר עריך שטוטבאַך איז גאָר ניט אַזוי שטרענג און טרוקן, ווי עס קאָן זיך אויסווייזן פון דער זייט.

אין קעגנזאַץ צו די הויכע אַמט־לייט פון שטאָט — אָנגעבלאָזענע, טעמפּע רעדלפירער, וואָס גייען אַרום מיט פאַריסענע נעזער, — איז עריך שטוטבאַך זייער קאָרעקט, צוטריטלעך און גוטמוטיק צו מענטשן, דעריקער צו קראַנקע. ער האָט ליב פּינקטלעכקייט. פּונקטלעכקייט. פּאָלקאָמע פּינקטלעכקייט. ער האָט ליב אָרדע־נונג. פּאָלקאָמע אָרדענונג. איז דאָס דען אַ כיסאָרן? טאַקע אַ כיסאָרן — די קאַלע איז צו שיין!

אין דער פּערזאָן פון דער יונגער, שטאַלטנער דאָקטערן פרידע האָט ער געזען די פאַרקערפּערונג פון ערלעכקייט, באַשיידנקייט און ריינקייט. זי איינע האָט געוועקט אין זיין אָנגעווייטעקטער נעשאָמע די בעסטע און איידלסטע מענטשלעכע געפילן. נאָך זיין טויט, האָט ער געטראַכט, וועט אים דאָ קאָנען פאַרבייטן אַף זיין שווערן פּאָסטן אין קליניק בלויז זי, פרידע.

דערפאַר טאַקע איז פאַרשטענדלעך, וואָס די יונגע דאָקטערן האָט איבער־צייגט עריך שטוטבאַכן, אַז כוץ דעם, וואָס מע דאַרף דעם מאַקסן העלפן, מוז מען נאָך שאַפן פאַר אים באַדינגונגען, ער זאָל קאָנען לייענען, לערנען, ליגנדיק אין אַ באַזונדערער שטילער געמיטלעכער פּאַלאַטע.

וואָס איז שייך דער אָפּעראַציע, וועט מען דערוויַיל ניט איילן. מע וועט זיך גוט צוגרייטן צו איר, אַלץ באַטראַכטן, אויסרעכענען. דערצו נאָך, עפּשער וועט דער אַקשן מיט דער צייט זיך ענדגילטיק אָפּזאָגן פון איר? זאָל ער זיך דערווייל גוט אויסרוען. אָבער עריך שטוטבאַכן האָט אַ ביסעלע גענומען באַאומרויִקן, וואָס זיין יונגע אַסיסטענטן ווערט אַלץ מער פּאַרקישעפט פון דעם נייעם פּאַציִענט... צי דען איז זי עטוואָס פאַרליבט אין דעם בעקער? — האָט ניט געקענט פאַרשטיין דער פּראָפעסאָר. — געוויס קאָן אַזאַ געפעלן ווערן יעדן יונגן מיידל. נאָר ער איז דאָך אַ ייִד... פרידע איז דען קורצזיכטיק? זי באַמערקט ניט די נייַע ווייענישן, וואָס הייבן אָן אין לאַנד דעם טייַוולאָ־נישן טאַנץ, זי זעט ניט די וואַקכאַנאַליע, וואָס לאָזט זיך פילן אין פאַר־שיידענע ערטער? די בויאַנעס אין די ברוינע העמדלעך מיט די האַקנקרייצן אַף די אַרבל הייבן אוף דעם קאָפּ. עס האָט זיך געיאָוועט אַ שפּאָגל־נייַער „גאָען" באַ זיי, עפּעס אַ היטלער, מע לייענט זיין ביכל „מיין קאַמף", מע פאַרכלינעט זיך אַזש. עלזאַ קריץ האָט אים געוויזן דאָס ביכעלע. ער האָט איבערגעלייענט עטלעכע זייטלעך און געוואָרפן. דאָס איז דאָך מיִעסע דע־מאַגאָגיע. דייטשלאַנד וועט עס קיינמאָל ניט נעמען פאַר ערנסט... דאָס איז ניט מער ווי אַ קרענק. נאָר יעדער קרענק איז דאָך אַנשטעקנדיק, ווי צייטווייליק זי זאָל ניט זיין... עס קאָן ווערן אַן עפּידעמיע, אויב מע וועט

עס ניט אָפּשטעלן. דאָס בעסטע אין דער וועלט איז שטיין אין א זײַט פון דער נײַער פריידיקונג. דאָס איז גלײַכער, ווי זיך ארײַנמישן. נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, איז די צײַט זייער אן אומרויִקע. דער היטלער שיט אף דעם יידנטום שמוץ. און אז מע ווארפט שמוץ, קלעפּט זיך דאָך עפּעס צו... וואָס זשע גייט איר אָן, פרידען, זיך פארבינדן מיט דעם קרייסלערן, וואָס איז א טרוימער?

זינט ער געדענקט זיך, עריך שטוטבאך, האָט ער זיך בלויז פארנומען מיט זײַן פאך, און מער איז אים גארניט אָנגעגאַן. ער וויל זיך ניט מישן אין פארשיידענע פּאָליטישע עניאָנים, וואָס ברענגען ניט קיין רו, קיין קאָוועד. ער איז א מעדיקער. ווער עס ווענדט זיך צו אים, אלעמען העלפט ער מיט געלט, נאָר אליין האלט ער זיך אין א זײַט, וויל זיך מיט קיינעם ניט פאר־קריגן. עס האָבן זיך געווענדט צו אים קאָמוניסטן נאָך הילף, האָט ער געגעבן, דעמאָקראטן, — אויך. עמעס, ווען עס זײַנען צו אים געקומען יענע מיט די ברוינע העמדלעך, האָט ער זיי ארויסגעשטעלט פון יענער זײַט טיר. ער האָט ניט ליב, ווען מע פריידיקט ראסן־האס. אלע מענטשן האָבן רעכט לעבן פרײַ אָן אונטערשייד פון נאציאָנאליטעטן. ער איז א קעגנער פון אנ־טיסעמיטן און ראסיסטן. עס עקזיסטירן ניט אף דער ערד קיין גוטע פעלקער און שלעכטע. ער, עריך שטוטבאך, ווייסט איינס — עס זײַנען פאראן גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן. קלוגע און אידיאָטן. אופריכטיקע און פאלשע. טאלאנטפולע און נישטיקײַטן. אזעלכע זײַנען פאראן בא אלע פעל־קער... זײַנע בעסטע פרײַנט אין אוניווערסיטעט, ווען ער האָט שטודירט, זײַנען געווען דײַטשן, טשעכן, פּאָליאקן, יידן, רוסן — אָן אונטערשייד. מיט וואָס שיידן זיי זיך אונטער פון אים? וואָס זשע, קאָפּערניק, אלבערט איינ־שטיין, ספּינאָזע, פּאוולאָוו, מיצקעוויטש, מעטשניקאָוו זײַנען ערגער פון די דײַטשישע געלערנטע, קינסטלער, דאָקטוירים? דאָס איז נארישקײַטן, און ער אנערקענט ניט קיין מיטלאלטערלעכע ווילדקײַט! עס זײַנען שוין לאנג אוועק די צײַטן, ווען מע האָט אָנגערייצט איין פאָלק אפן צווייטן. די גע־שיכטע ווייסט פון א סאך פאלן. אז ווי איז יענעם פאָלק און יענעם פירער, וועלכע פריידיקן ווילדן פאנאטיזם און ראסן־האס. די שפּאנישע אינקוויזי־טאָרס זײַנען פארשאָלטן געוואָרן אף דאָר־דוירעס. די טערקישע יאניטשארן, וועלכע האָבן אויסגעשאָכטן מיליאָנען אומשולדיקע ארמענער, די רוסישע קייסאָרים, פארשידענע דיקטאטאָרס — וואָס איז פון זיי געבליבן, אויסער שטויב און אן עקלדיקער גערוך אף יאָרן!

אז די כעווערלײַט מיט די האקנקרייצן זײַנען צו אים געקומען נאָך הילף און דערציילט, וואָס זיי פריידיקן, האָט עריך שטוטבאך זיך געכאפּט באם קאָפּ און געבעטן מער ניט קומען, ניט באומרויִקן אים!

וועגן די אלע זאכן האָט איצט געטראכט עריך שטוטבאך, שטייענדיק בא זיך אין קאבינעט באם פענצטער. ער האָט אוועקגעשיקט זײַן אסיסטענטן צו דעם אקשן פרעגן צום לעצטן מאָל, צי האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער אָפּעראציע? עריך שטוטבאך האָט זיך שוין וועגן אלץ צונויפגערעדט מיט פרידען, און טאקע הײַנט, אויב יענער וועט באשטיין אף דער אָפּע־

ראציע, יזעט ער, שטוטבאך, זי דורכפירן. אלץ איז שוין גרייט דערצו. נאָר פרידע איז אוועקגעגאנגען צו דעם ווילדן פּאציִענט און פארהאלטן זיך דאָרט. דאָס האָט דעם פּראָפעסאָר געערגערט. עס איז דאָך ניטאָ קיין איבעריקע צײַט און מע דאַרף צוטרעטן צו דער ארבעט. זי קאָן אים נאָך אלץ ניט אײַנריידן? וואָס איז מיט איר?

עריך שטוטבאך האָט שוין אליין געוואָלט גיין צו מאקסן אין פּאלאטע, א קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן, נאָר אָט האָבן זיך דערטראָגן אהער פונעם קאָרידאָר באקענטע, שנעלע טריט.

פרידע איז ארײַנגעקומען, אופגעהויבן די פארזאָרגטע אויגן אפן פּראָ־פעסאָר און זיך אָנגערופן:

— איך האָב ווידער מיט אים גערעדט. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט אלץ באטראכט און זאָגט זיך ניט אָפּ פון דער אָפּעראַציע. ער באשטייט אף איר. ער זאָגט, אז ער איז גרייט אלץ איבערטראָגן. וועגן אָפּטרעטן קאָן קיין רייד ניט זײַן...

אן אומרויִק שמייכעלע האָט זיך באוויזן אף עריך שטוטבאכס פּאָנעם. ער האָט זיך עטלעכע מאָל טיף פארצויגן מיטן רויך פונעם סיגאַר, וואָס ער האָט ניט ארויסגעלאָזט פון די ציין, זיך דורכגעגאנגען א פּאָר מאָל איבערן קאבינעט, זיך אָפּגעשטעלט און, אָפּמעסטנדיק פרידען מיט זײַן גוטמוטיקן פאַטערלעכן בליק, א זאָג געטאָן:

— נו, טײַערע פרידע, אויב אזוי, וועלן מיר גלײַך צוטרעטן. מער טאָר מען ניט וואַרטן. דו ביסט גרייט?

— געוויס, הער פּראָפעסאָר... — האָט זי ניט מיטאמאָל ארויסגעבראכט.

— דאַרף מען באפוילן די סאניטארן ברענגען דעם אקטיאָר אונדזערן אפן אָפּעראַציע־טיש.

זי האָט גאָרניט געזאָגט און זיך אוועקגעלאָזט גרייטן דעם פּאציִענט צו דער אָפּעראַציע.

* * *

די טעג, וואָס מאקס קרייסלער האָט פארבראכט אין דער קליינער, שטילער און געמיטלעכער פּאלאטע, האָט ער טויזנט מאָל אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוויגן די וואָרענונגען, סאַרא שווערע טעג און נעכט שטייען אים פּאָר. אָבער זײַן באשלוס האָט ער ניט געטראכט ענדערן.

צו אים פלעגט אלע טאָג און אָפט עטלעכע מאָל א טאָג ארײַנלויפן דאָקטער פרידע און ברענגען פרוכטן, עסנווארג, ביכער, צײַטונגען, זשור־נאלן און וואָס ס'האָט זיך געמאכט. זי האָט אים אויך געבראכט די נײַס פון שטאָט, און מאקס האָט זיך ניט געפילט דאָ איינזאם. אף יעדן טריט און שריט האָט ער געפילט איר זאָרג וועגן אים, און דערפאר איז אים א סך גרינגער געווען דאָס וואַרטן, — זיך ניט א וואַקל טאָן און וואַרטן אף דער אָפּעראַציע. מיט א באזונדערן אינטערעס און אופמערקזאמקײַט האָבן זיך צו אים באצויגן, קוקנדיק אף דאָקטער פרידע, אלע שוועסטער און סאני־

טאָרן, די דאָקטוירים און פעלדשערס, אויסער פראו עלזא קריץ, וואָס האָט אים נאָך אַלץ ניט געקאָנט דולדן.

דער אוילעם האָט זיך פאַר די טעג צוגעווינט צו אים און ליב באַקומען. כאָטש ער האָט געוואַרט אַף אַ שווערער און אומגעוויינלעכער אָפּעראַציע, דאָך איז ער די גאַנצע צײַט געווען פריילעך, געשפּאַסט, דערציילט פריילעכע געשיכטעס, און קיינעם איז דאָ ניט געווען מיט אים אומעטיק.

פאַר די טעג, וואָס ער האָט זיך דאָ געפונען אין פּאַלאַטע, האָט ער באַוויזן איבערלייענען אַ באַרג מיט ביכלעך, צײַטונגען, זשורנאַלן. אַף דעם איז ער געווען זשעדנע, און אַלע האָבן אים געטראָגן, וואָס מע האָט געפּאַקט.

מע קאָן ניט זאָגן, פאַרשטייט זיך, אַז מאַקס איז געווען אינגאַנצן רויִק. זיך דערפילט אין דעם ווינקל, צווישן גוטע, האַרציקע מענטשן, אַז ער איז ניט איבעריק אַף דער ערד, האָט ער ניט אופגעהערט צו טרוימען. זײַן פאַנטאַזיע האָט אים אַוועקגעטראָגן ווײַט־ווײַט, און ער האָט געטראַכט, אַז קעדיי פאַרווירקלעכן אַלע זײַנע פּלענער, וואָלט אים אַפילע קיין צוויי לעבנס ניט געסטײַעט. אָבער גרייטנדיק זיך צו דער אָפּעראַציע, האָבן אים ניט איין מאָל אויך באַזוכט שווערע מאַכשאָוועס, בייזע כאַלוימעס, וועלכע האָבן אַף אים אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד. נאָר וועגן די שווערע כאַלוימעס האָט ער קיין איין מאָל ניט דערציילט ניט פרידען, ניט עריך שטוטבאַכן, ניט קיינעם פון זײַנע נײַע באַקאַנטע און פרײַנט.

הײַנט אינדערפרי איז צו אים אַרײַנגעקומען דאָקטער פרידע, זיך צוגעזעצט לעבן אים און פאַרזיכטיק גענומען אײַנרעדן, ער זאָל זיך דאָך אָפּזאָגן פון דער אָפּעראַציע, און ער האָט געמאָלדן, אַז דאָס וועט ניט זײַן...

און אָט ליגט ער שוין אַפן אָפּעראַציע־טיש. אַף יענעם זעלבן טיש, באַ וועלכן ער איז אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע וואָך און מיט ציטער געקוקט, ווי עריך שטוטבאַך און דאָקטער פרידע אָפּערירן מענטשן.

איצט איז ער אַליין געלעגן אַפן טיש און מע האָט אַרום אים געהאָרעוועט, ווי אַרום יענע. ער האָט פאַר זיך געזען ערנסטע, אָנגעשטרענגטע פּנעמער. פרידע האָט אַליין אַלץ געטאָן. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט קוקן אים אין די אויגן. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט נערווירט אַזוי, ווי איצט, קיינמאָל ניט געווען אַזוי אומגעדולדיק און אָנגעשטרענגט. עריך שטוטבאַך איז געשטאַנען און אָנגעפירט מיט די צוגרייטונגען, געוואַרט, ביז דער נאַרקאָז וועט אײַנשלעפערן אָט דעם שטאַרקן, פעסטן קאַרפּאַטער באָכער.

שפּירנדיק, ווי מע בינדט אים צום טיש, האָט מאַקס קוים אַרויסגעבראַכט:

— שוועסטערלעך, טײַבעלעך, צוליב וואָס דאַרפט איר מיך בינדן? איך קלײַב זיך פון אײַך ניט אַנטלויפן...

די אַרומיקע האָבן זיך צעלאַכט. און עריך שטוטבאַך איז צוגעגאַנגען צו אים, אָפּגעווישט מיט אַ שטיקל מאַרליע זײַן פאַרשוויצטן שטערן און באַרויִקט די אַרומיקע:

— איר זעט אַ טײַוול, ער שפּאַסט נאָך! סאַראַ פריילעכער פּאַציִענט באַ אונדז. — און אײַנקוקנדיק זיך אין אים, צוגעגעבן: — אויב ער שפּאַסט נאָך, איז אַ גוטער סימען. נישקאָשע, אַלץ דאַרף דורכגיין גוט...

ווידער זײַנען אַלע שטיל געוואָרן, פֿלינק אויסגעפּילט אַלץ, וואָס דאָקטער פרידע האָט באַפוילן. אַלע אינסטרומענטן זײַנען שוין געלעגן גרייט באם קליינעם טישל. עריך שטוטבאך האָט אָנגעטאָן זײַנע גומענע הענטשקעס און געגאַן צום קראַנק.

אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט צום טיש, באַטראַכט דעם פּאַציִענט און זעענדיק, ווי יענער שלאָפֿט איַין נאָכן שטאַרקן נאַרקאָז, זיך געווענדט צו מאַקסן:

— נו, אַרטיסט, איצט, ווען דו ווילסט שוין פֿון אונדזערע הענט זיך אויסרײַסן און אַנטלויפֿן, וואָלסטו אויך ניט געקאָנט...

עריך שטוטבאַך איז געוואָרן באַריידעוודיקער, ווי געוויינלעך, ווען ער טרעט צו מאַכן אַ גאָר ערנסטע אָפּעראַציע און וויל באַרויִקן דעם קראַנקן, די אַרומיקע געהילפֿן זײַנע און זיך. ער האָט פֿאָרגעזעצט:

— באַלד, באַלד... דעריקער, טײַערער, געדולד. איצט וועלן מיר זען, צי דו קאָנסט זיך גוט פֿירן, ליגן רויִק... מיר האָבן אַלץ געטאָן, דיר זאָל זײַן גרינג... אַלץ וועט דורכגיין ווונדערבאַר... מיר האָבן דיך בלויז געשראָקן, אַז ס'איז אַ שווערע אָפּעראַציע... אַ גאַנץ געוויינלעכע. ריכטיק זאָג איך, דאָקטער פֿרידע? רויִקער, רויִקער, טײַערער אַרטיסט אונדזערער. עס וועט באַ אונדז ניט דויערן לאַנג... פּיס וועלן באַ דיר זײַן, ווי סטרונעס גלײַכע. וועסט אינגיכן קאָנען שפּילן אויף דער בינע, טאַנצן, שפּרינגען, וויפֿל וועסט וועלן... רויִקער...

דאָקטער פֿרידע איז געווען, דאַכט זיך, בלאַסער פֿונעם פּאַציִענט. זי האָט ניט געהערט דעם פּראָפעסאָרס רייד. זי איז געווען פֿאַרטאָן אין אירע מאַכשאָוועס. איר האָט זיך שוין געוואָלט זײַן עלטער מיט אַ פּאָר שאָ, דאָס אַלץ זאָל זיך ענדיקן.

אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט דעם העל־באַלויכטענעם אָפּעראַציע־זאַל.

אַלע בליקן זײַנען געווען געווענדט אויף עריך שטוטבאַכס פֿלינקע הענט. פֿון דעם סאָד האָט זיך אַהער אַרײַנגעריסן דער געררויש פֿון די קליאָנעו, וואָס שפּאַרן שיר ניט אונטער די ברייט־צעעפֿנטע פֿענצטער.

עריך שטוטבאַך האָט צום לעצטן מאָל באַטראַכט דעם אומבאַוועגלעכן קערפּער. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּעראַציע...

* * *

וואָס איז מיט אים פֿאָרגעקומען די לעצטע עטלעכע שאָ, האָט מאַקס ניט געהאַט קיין שום אַנונג. אַלץ איז דורך, ווי אין אַ שרעקלעכן כאָלעם. מאַקס האָט אופֿגעעפֿנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט און געזען פֿאַר זיך ווײַסע ווענט, אַ ברייט־צעפּראַלט פֿענצטער און אָן אַ שיר בלומען אַפֿן טישעלע לעבן בעטל. איבער אים זײַנען געשטאַנען שטוטבאַך, פֿרידע און שטילערהייט זיך געגריסט צו אים.

— רויקער, רויקער, מאַקס... עס טוט דיר גאָרניט ניט וויי... אַלץ איז אָרדענונג, רויקער... — האָט אים איינגערעדט דער פּראָפעסאָר, און מאַקס האָט ניט געוווּסט, ווער ער איז און וואָס וויל דער מענטש פון אים האָבן. ער האָט זיך אַפילו ניט פאַרגעשטעלט, ווו ער געפינט זיך איצט.

מאַקס האָט ברייט צעעפנט די אויגן. דערקענענדיק דעם פּראָפעסאָר און פרידען, האָט ער זיך געפּרוּווט עפּעס זאָגן, א שמייכל טאָן צו זיי, און ניט געקאָנט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז אים אַזוי הייס, פאַרוואָס נאָגט אַזוי דאָס גאַנצע לייב, ווי עס זאָל זיין איין גרויסע ווונד. פרידע האָט אים צוגעטראָגן א געטראַנק צו די איבערגעטריקנטע ליפּן, און ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט א שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו־זיך, א קוק געטאָן אַראָפּ, ווי אַף א קישן איז געלעגן אַן אומגעלומפּערט פאַרבאַנדאַזשירטער ווייסער קנויל. מאַקס האָט ביז בלוט א ביס געטאָן די ליפּ, זיך דערמאָנט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט אים.

— הער פּראָפעסאָר... — האָט זיך אָנגערופן דער קראַנקער, קוים פּלאָנ־טערנדיק מיט דער צונג, — איין פוס זע איך שוין. און ווו איז דער צווייטער?

עריך שטוטבאַך האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו אים, פאַרשאַרט פונעם שטערן די האָר און שטיל א שמייכל געטאָן:

— אַהאָ, סאַרא פלינקער דו ביסט בא אונדז! איך זע, אז דיר איז דאָס זייער געפעלן... וועסט זיך עטלעכע טעג אָפּרוען, וועלן מיר אַלץ פאַרענדיקן. אויב מיר האָבן זיך שוין מיט דיר אָנגעהויבן מוטשען, וועלן מיר זיך מוטשען ביזן סאָף. האָסט אונדז פאַרשאַפט א שיין שטיקל אַרבעט, אַרטיסט... נאָר אַלץ איז אין פולער אָרדענונג. אַלץ גייט גוט...

א פאַרמאַטערטער, א פאַרשוויצטער, איז עריך שטוטבאַך אַרויסגעגאַנגען פון דער פּאַלאַטע. מאַקס האָט אים באַגלייט מיטן פאַרנעפּלטן בליק. דערזען לעבן זיך דאָקטער פרידען, האָט ער א גלעט געטאָן איר האַנט:

— דאָקטער... ער האָט מיך ניט אָפּגענאַרט? — האָט ער א ווונק געטאָן אַף דער טיר. — די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַן גוט?

— געוויס! — האָט זי זיך צוגעזעצט אַפן ראַנד פון זיין בעטל און מיטן האַנטעך אָפּגעווישט דעם נאַסן שטערן. — אַלץ וועט זיין גוט. איצט וועט וויי טאָן, נאָר אַזוי מוז עס זיין. עס וועט איבערגיין. נעם זיך אָן מיט מוט. שטאַרק זיך.

פרידע האָט גענומען פון דער וואַזע א גרויסן מאַראַנץ, אָפּגעשיילט די זוניקע הויט און דערלאַנגט מאַקסן:

— עס, דו דאַרפסט זיך אָנעמען מיט קויכעס... טראַכט ניט וועגן דער ווונד. דו האָסט מיר געכטן געלייענט שעקספּירס א ווונדערלעכן מאָנאָלאָג, — האָט זי אים א זאָג געטאָן, קעדיי אָפּצוועגדן פון זיינע שווערע מאַכשאָוועס, — אַנו, לייען. מיר איז שטאַרק געפעלן, ווי דו לייענסט שעקספּירן... אַף דער בינע וועט עס זיך בא דיר באַקומען ווונדערבאַר!

מאַקס האָט גענומען לייענען מיט זיין אָפּגעשוואַכטער שטים. דאָס פּאָ־נעם האָט זיך בא אים געמינעט פון ווייטעק. דאָקטער פרידע האָט אָפּגע־ווענדט פון אים דעם קאָפּ. זי האָט געוווּסט, סאַרא שמערצן עס מאַטערן אים.

דער צושטאנד איז א שווערער, ער געפינט זיך נאָך צווישן לעבן און טויט. זי האָט דערזען, ווי עס ווערט אים שווערער, ער האָט אופגעהערט לייענען, האָט זי גענומען דעם שפריץ, קעדיי פארלייכטערן דעם ווייטעק.

— רוֹיקער. עס איז ניט שרעקלעך. עטוואָס וועט ווי טאָן, דערנאָך וועט אופהערן, — האָט זי אים בארוֹיקט, ווי א קינד, — דאָס איז דאָך געווען אן ערנסטע אָפּעראציע. אז מע צעשנײַדט זיך א פינגער, טוט ווי, הײַנט דאָס... רוֹיקער, טײַערער, אלץ מוז זײַן וווּנדערבאר...

— דאָקטער, מע דארף מיך ניט בארוֹיקן... — האָט ארויסגעשעפּטשעט מאקס, — איך בין געווינט איבערטראָגן לייד. דעריקער, איך זאָל בלײַבן לעבן... איר ווייסט, עס גלוסט זיך אזוי לעבן!

ער איז שטיל געבליבן. דער שארפער ווייטעק האָט אים ארומגעכאפּט, ווי מיט צוואנגען — דאָס גאנצע לײַב. ער האָט מיט דער האנט א פיר געטאָן איבערן מאטראץ, פרידע זאָל ניט זען, אָנגעטאָפּט דעם בראונינג. גוט, וואָס ער ליגט אפן אָרט און קיינער ווייסט ניט פון אים... עפּשער וועט ער צוניץ קומען? — האָט מאקס א טראכט געטאָן און זיך דערשראָקן פאר דעם גע־דאנק.

דערזען, ווי מאקס האָט זיך ווידער פארקרימט פון ווייטעק, האָט פרידע אים שנעל אײַנגעגעבן א פּראָשעק:

— איצט וועט ניט ווי טאָן. אלץ וועט איבערגיין. רוֹיקער, די געפאר איז שוין לאנג אריבער... עריך שטוטבאך איז מיט דיר צופרידן. גוט...

— איך וועל לײַדן, וויפל עס וועט אויסקומען, — האָט ער ווידער לײַכט א גלעט געטאָן איר האנט, — א גרויסן דאנק אײַך, דאָקטער. בא אײַך איז א גאָלדן הארץ... ווען ניט איר...

— נו, נו, בארוֹיק זיך... — האָט זי שטיל געזאָגט, א קוק געטאָן אפן טונקעלן הימל. זי איז געווען מיד, נאָר זי האָט געוווּסט, אז מאקסן איז שווער און זי וועט פון אים ניט אוועקגיין ביז טאָג.

* * *

עס האָבן זיך אוועקגעצויגן שווערע טעג און נעכט, ווען דאָס לעבן זײַנס איז געהאנגען אף א האָר. עריך שטוטבאך, פרידע און די בארעמהארציקע שוועסטער האָבן איבער אים געקישעפט, ניט אָפּגעגאנגען פון זײַן בעט.

אזוי איז עס פון אייביקע צײַטן: ווען א קראנקער, וועלכן מע האָט גע־מאכט א שווערע אָפּעראציע און ער קערט זיך אום פון יענער־וועלט, האָט ער פארשיידענע פארלאנגען און מע מוז זיי אויספילן — איינער בעט אויס־טרינקען, א צווייטער — זיך זען מיט די פרײַנט, א דריטער — נאָך עפּעס, — און מאקס קרייסלער האָט פארלאנגט איין זאך: מע זאָל אים ברענגען וואָס מער ביכער, זשורנאלן. ער האָט זיך נאָך זיי שטארק אויסגעהונגערט, ער האָט געדארפט א סאך לייענען, לערנען, גוט קענען די שפּראך, „אויסאר־בעטן" א גוטע דיקציע.

איניגיכן איז זײַן קלײנינקע פּאַלאַטע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצער ביבליאָטעק. אומעטום זײַנען געלעגן ביכער, מע האָט דעם קראַנקן ניט אַרויסגעזען, אַזוי איז ער מיט זיי געווען פֿאַרוואַלגערט.

ווײַל די שוועסטער האָבן מיט אים ניט געפֿירט מילכאָמע, ער זאָל כאָטש באַנאַכט רוען, אויסלעשן די שײַן, האָט ניט געהאָלפֿן. אויך דורך די נעכט האָט ער געלייענט אַף אַ קאָל. כאָץ עריך שטוטבאַכן און פֿרידען, האָט דאָ קיינער ניט געוווּסט, אַז דאָס פֿילט ער אויס די צווייטע פֿאָדערונג פֿון זיגפֿריד לײַנאַרד — פֿאַרבעסערן די דיקציע און שטודירן די ליטעראַטור, די שפּראַך.

צו זײַנע כאַלאַסן האָט מען זיך איניגיכן צוגעוווינט, געטראָגן פֿון אַלע זײַטן ביכער, לערן־מאַכשירים און זיך אַלץ מער דורכגעדרונגען צו מאַקסן מיט באַזונדערער אַכטונג און סימפּאַטיע.

אין די שכײנישע פּאַלאַטעס זײַנען אַלע קראַנקע גלײַך שטיל געבליבן, ווען מאַקס האָט אָנגעהויבן מיט זײַן שטאַרקער, אויסדריקלעכער שטים לייענען אַף אַ קאָל שעקספּירס מאָנאָלאָגן. די שוועסטער זײַנען, ווי פֿאַרגאַפּטע, געשטאַנען הינטער דער טיר און זיך אײַנגעהערט, ווי ער לייענט. דאָס לעבן איז געוואָרן דאָ שענער און לײַכטער, ווען דער באָכער, וואָס האָט איבערגעטראָגן בעשאָלעם אַזאַ שווידערלעך־שווערע אָפּעראַציע, האָט געלייענט פֿאַר אַלעמען, וויאַזוי עס מאַטערט זיך פֿון צאָרן דער דענישער פּרינץ האַמלעט און איז בייז אַף דער גאַנצער וועלט, לעמײַ ס'איז פֿאַראַן אַזויפֿיל שלעכטס, פֿאַלשקײַט, געמײנהײַט אַף דער זינדיקער ערד; וויאַזוי דער ווענעציאַנער מאַוור האָט געוויינט באַם טויטן קערפּער פֿון דעזדעמאָנען, וועלכע ער האָט אַזוי נאַריש און אַכזאָריעסדיק אומגעבראַכט...

די בעסטע מינוט איז איצט געווען באַ מאַקסן, ווען עס פֿלעגט צו אים אַרײַנלויפֿן אַ לײַכטע, אַ באַוועגעוודיקע און פּרעכטיקע דאָקטער פֿרידע, זיך צוזעצן לעבן אים און נעמען עפּעס דערציילן, וואָס ס'הערט זיך אין שטאָט, ווו זי איז געווען און וואָס געזען. די גאַנצע צײַט האָט זי אים געבראַכט אַלץ נײַע ביכער, געבעטן דעקלאַמירן. זי האָט זיך צוגעקוקט צו אים און געווען גליקלעך, וואָס מיט יעדן טאָג פֿילט ער זיך בעסער און די ווונדן פֿאַרהיילן זיך גוט. איר איז גוט געווען דערפֿון, וואָס מיט יעדן טאָג ווערט ער פֿרײַלעכער, באַריידעוודיקער און ווערט אָן די מאָרעשכוירע, פֿון זײַנע גרויסע שיינע אויגן פֿאַרשווינדט ביסלעכווײַז דער טרויער, די שרעק, וואָס זי האָט אין זיי געזען פֿריער. ער ווערט אַלץ מער ענלעך אַף יענעם שטאַלטנעם, כיינעוודיקן, עטוואָס נאַיוון פּראָווינציעלן יונגנמאַן, וועלכער איז איר געפֿעלן געוואָרן פֿון דער ערשטער שאָ, ווען זי האָט זיך באַקענט מיט אים און מיט זײַן אומגעווײנלעכער לעבנס־געשיכטע.

פֿרידע האָט זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ באָכער זאָל באַ איר קענען אָפּנעמען די רו, זי זאָל די גאַנצע צײַט טראַכטן בלויז וועגן אים, זאָרגן, ניט קענען בלײַבן גלײַכגילטיק צו אים כאָטש אַף עטלעכע מינוט.

וואָס קער ער זיך איר אָן, אָט דער טרוימער, — האָט זי ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, — מיט וואָס איז ער איר געוואָרן אַזוי טײַער? ער וועט נאָך

פאַרבראַנגען דאָ עטלעכע כאַדאָשים צי וויפֿל עס וועט אויסקומען און אוועקגיין, ווי הונדערטער אַנדערע, וועלכע זײַנען בא איר געלעגן. פאַרוואָס ציט זי אַזוי צו אים? פאַרוואָס ווערט זי אַזוי אומרויִק און רויטלט זיך, ווי אַ מיידעלע, ווען זי שטייט לעבן זײַן געלעגער אָדער ווען די אַרומיקע רעדן וועגן אים?

זי איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל, וואָס די שווערסטע צײַטן, אַלע געפֿאַרן האָבן זיך פֿון אים דערווײַטערט, און ער קומט שנעל צו־זיך, ווערט פֿרייַלעכער, ווערטלט זיך מיט די באַריידעוודיקע און אויפֿמערקזאַמע שוועסטער שפּילט שוין אַפּילע מיט עריך שטוטבאַכן אין שאָך.

* * *

די צײַט האָט זיך דאָ, אין קליניק, געצויגן אומגעהייער פּאַמעלעך. אַלע זײַנען געווען צוגעוווינט צו דעם אומרויִקן קראַנקן און צו זײַנע כאַלאַסן. טאָמער פֿלעגט טרעפֿן, אַז מע האָט ניט געהערט לאַנג מאַקס' קלינגעוודיקע שטים, זײַן געלעכטער און זײַנע וויצן, האָט מען זיך אָנגעהויבן באומרויִקן, זיך נאָכפֿרעגן און מע האָט צו אים געשיקט עמעצן, וואָס קאָן גיין, ער זאָל אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן געשען מיטן אַרטיסט.

אַלע זײַנען שוין געווען צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז בא מאַקסן אין פּאַלאַטע קאָן ניט זײַן שטיל. זײַן טיר איז פֿאַר אַלעמען געווען אָפֿן אין יעדער שאָ פֿון מעסלעס. די קליינע פּאַלאַטע, ווו עס איז געלעגן דער יונגער מענטש, וואָס האָט ניט לאַנג איבערגעטראָגן די שווערסטע אָפּעראַציע פֿון אַלע, וועלכע זײַנען דאָ דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאַר די לעצטע עטלעכע כאַדאָשים, האָט אויסגעזען בא די אַרומיקע, ווי אַן אינדזעלע פֿון מענטשן־מוט, אַ לעבעדיקער קוואַל פֿון פֿרייד, אָפּטימיזם, גלויבן. דער קראַנקער איז ניט מיד געוואָרן, ליגנדיק אין געהאַקטע ווונדן, לייענען, שטודירן, אַרבעטן. אָט דאָ אויפֿן שפּיטאָל־בעטל, אַ באַלאַגערטער מיט אָן אַ צאָל ביכער, איז ער דורכגעגאַנגען זײַנע אוניווערסיטעטן, זיך באַמיט אָניאָגן דאָס, וואָס ער האָט ניט באַוויזן זיך דערווייסן, אויסלערנען פֿריִער. ער האָט זיך מיט לײַב און לעבן, איבערטראָגנדיק שוידערלעכע ווייטעקן, שמערצן, געגרייט צו דער באַגעגעניש מיט זײַן טרוים, מיט זיגפֿריד לײַנאַרדן.

בעשאַס זײַנע טאָגטעגלעכע באַזוכן פֿון די פּאַלאַטעס האָט עריך שטוטבאַך לענגער, ווי ערגעץ אַנדערש, זיך פֿאַרהאַלטן לעבן קרייסלערן. ער האָט ניט געקאָנט באַגרײַפֿן, דער אַלטער פּראָפֿעסאָר, ווי קאָן עס אַ מענטש, וואָס געפֿינט זיך נאָך אין אַזאַ שווערן צושטאַנד, אַזוי אַקשאָנעסדיק זיך לערנען! יענער האָט אים מיט זײַן אַרבעטספֿייִקײַט מאַמעש איבעראַשט. אינגיכן האָט זיך מאַקס פֿאַנאַנדערגעקליבן אין אַזעלכע געגנשטאַנדן, וואָס זײַנען אַפּילע פֿאַר אים, פֿאַר שטוטבאַכן, ניט געווען צוטריטלעך. און ער איז אַפּילע עטוואָס מעקאַנע געווען זײַן פּאַציִענט. מאַקס האָט אים דערמאָנט אין אַ וואַנדערער, וואָס גייט אַרום אַ פֿאַרשמאַכטער איבער דעם מידבער און האָט זיך פּלוצעם אָנגעשטויסן אויף אַ זויבערן קוואַל, טרינקט און טרינקט, און קאָן בעשום־אויפֿן ניט שטילן זײַן דאָרשט.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אים א ביסל געייפערט צו זײַן אסיסטענטן, דאָך האָט ער מיט יעדן טאָג זיך אלץ מער דורכגעדרונגען צו אים מיט טיפער אכטונג. ביסלעכווײַז האָט ער אָנגעהויבן באַגרײַפן, אין וואָס באשטייט דער סאָד, וואָס דאָקטער פרידע, און ניט בלויז זי, איז אזוי באַגײַסטערט פונעם בעקער־יונג. אויך ער, עריך שטוטבאך, האָט זיך אָנגעהויבן גרויסן מיט זײַן ניטגעווייינלעכן פאציִענט. ערגעץ אין א ווינקעלע פון זײַן נעשאָמע האָט זיך געווארעמט נאָך א געפיל — דער געפיל פון פּראָפעסיִאָנעלער שטאָלץ: ער האָט דורכגעפירט א גראנדיִעזע און אויסערסט קאָמפּליצירטע אָפּעראציע. זאָל נאָך דורכגיין א שטיקל צײַט, מאקס קרייסלער וועט זיך אינגאנצן שטעלן אויף די פיס, וועט עריך שטוטבאך די אָפּעראציע באשרײַבן אינעם וועלט־באוווסטן מעדיציניִשן וויסנשאפטלעכן זשורנאל. ער וועט געטרוי דערציילן וועגן דער אוניקאלער אָפּעראציע, וואָס איז אדורך בא אים אין קליניק מיט אזא דערפאָלג! געוויס, האָט געטראכט עריך שטוטבאך, איידער מאקס קרייסלער וועט ווערן א בארימטער אקטיאָר, וועט ער, דער קרייסלער, ווערן דערווײַל דער וועלט־בארימטער פאציִענט בא שטוטבאכן אין קליניק און איר ברענגען רום...

* * *

אין איינעם פון זײַנע לעצטע באזוכן איז עריך שטוטבאך מיט זײַנע באגלייטער ארײַנגעקומען צו מאקסן אין פאלאטע, זיך צוגעזעצט אפן ראנד פון זײַן בעטל, אים אופמערקזאם באטראכט, דורכגעקוקט דאָס רענטגען־קארטל און גוטברודעריש א קלאפּ געטאָן מאקסן איבער דער פּלייצע:

— נו, מײַן טײַערער פרײַנט, איצט בין איך מיט דיר שוין פולקאָם צופרידן. אינגיכן וועלן געוויס דיר מעקאנע זײַן ניט בלויז די אקטיאָרן, נאָר, דאכט מיר, אפילו באַרימטע באלעריִנעס. העכסט צופרידן!.. צוריק מיט עטלעכע וואָכן האָב איך דאָס ניט געקאָנט זאָגן. אלץ גייט גלענצנד... גע־דולד און געדולד, וועסטו זײַן אפן פערדל...

מאקס האָט זיך אונטערגעהויבן אפן בעטל א גליקלעכער. אזעלכע ווער־טער האָט ער נאָך ניט געהערט פונעם פּראָפעסאָר און פארשטאנען, אז דאָס זאָגט ער ניט צוליב דעם, קעדיי אים בארויִקן. איצט האָט ער שוין אליין פארשטאנען, מאקס, אז דאָס ערגסטע אין זײַן לעבן איז שוין אדורך. עס וועט נאָך, עמעס, ניט ווייניק צײַט אוועק, ביז ער וועט קענען פאַטער ווערן פון דער פאלאטע, נאָר איינס איז אים געווען קלאָר, אז ער וועט לעבן, ארבעטן און, מעגלעך, פארווירקלעכן זײַן טרוים.

דאָקטער פרידע איז געשטאנען בא דער זײַט, זיך אײַנגעהערט אין דעם פּראָפעסאָרס ווערטער און זיך געפרייט. זי האָט געוווסט, אז דאָס ערגסטע נאָך דער שווערער אָפּעראציע איז שוין פאַריבער און די שמערצן וועלן זיך שוין ניט אומקערן. נאָר דאָס, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט הײַנט וועגן דעם געזאָגט, איז איר געווען באזונדערס צום הארצן. ביז איצט איז ער געווען שטארק באומרויִקט פון די רענטגען־קארטלעך.

זי האָט אַף זיך איבערגעכאַפּט דעם פּראָפעסאָרס שמייכלענדיקן בליק, זיך א ביסל פאַרלוירן, זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג, אָן עפן געטאָן די טיר. נאָר וואָס איז דאָס? אין קאָרידאָר מיט א צעבלוטיקטער נאָז איז געלעגן פּראַו עלזא קריץ און מוירעדיק געגוואַלדעוועט. דאָס, לאָזט זיך אויס, איז געשטאַנען די שוועסטער אונטער דער טיר און זיך אונטערגעהערט, וואָס מע רעדט אין פּאַלאַטע, און אַזוי אומדערוואַרט האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און איר צעבלוטיקט די נאָז...

דערזען דאָס דאָזיקע בילד, האָט עריך שטוטבאַך זיך הילכיק צעלאַכט:

— איי־איי־איי, עלזא, וויפל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, זאָלסט ניט שטופּן די נאָז ווו מע דאַרף ניט?

יענע האָט זיך פאַרלוירן, געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר הערנדיק דאָס געלעכטער פון די ארומיקע, אַנטלאָפן אַף איר אָרט.

— יאָ, נאָך איין קאָרבן בא אונדז אין קליניק!.. — האָט זיך ניט געקאָנט בארויִקן עריך שטוטבאַך. — דאָקטער פרידע, אויב נאָכן קלאַפּ, וואָס עלזא האָט באַקומען, וועט אויסקומען איר אָפּשניידן די נאָז, וועל איך זיך שוין ניט אונטערנעמען, דיר וועט אויסקומען זי אָפּערירן...

דער טומל האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט. מאַקס האָט שוין לאַנג אַזוי ניט געלאַכט, ווי איצט. די קישן, דער מאַטראַץ האָט זיך אראָפּגערוקט, און פרידע איז צוגעלאָפן צום געלעגער, גענומען פאַריכטן, נאָר אומדערוואַרט אַנגעטאַפּט אינעם מאַטראַץ עפּעס א שטיקל אייזן און עס ארויסגענומען. א קוק געטאָן אַף דעם, האָט זי זיך דערשראָקן און אויסגעשריגן.

זי האָט געהאַלטן אין די הענט א בראַונינג און געבליבן שטיין געפּלעפט.

עריך שטוטבאַך איז בלאַס געוואָרן, דערזען דאָס געווער, צוגעגאַנגען און עס פאַרזיכטיק גענומען פון פרידעס הענט, איבערגעפירט דעם אַנגעשטערענגטן בליק אַף מאַקסן און זיך אָנגערופן:

— און דאָס ווי קומט אהער? ווי קומט אין פּאַלאַטע א בראַונינג?

פרידע האָט אָפּגעשטעלט דעם דערשראָקענעם בליק אַפּן מאַטראַץ, וואָס זי האָט פאַריכט, ניט געוווּסט וואָס זאָגן.

אלע בליקן זיינען געווען געווענדט אַף מאַקסן, וואָס האָט א שולדיקער אראָפּגעלאָזט די אויגן. און עריך שטוטבאַך האָט איבערגעכאַזערט:

— איך פרעג, מאַקס, וואָס באַטייט דאָס? ווער האָט עס אהער געבראַכט?

מאַקס האָט שטילערהייט, מיט א געפּאַלענער שטים געענטפערט:

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר. דאָס האָב איך פאַר זיך צוגעגרייט, ווען כ׳בין אהער געקומען... איך האָב מוירע געהאַט, אז די אָפּעראַציע וועט זיך פאַר מיר ענדיקן טראַגיש און איך וועל בלייבן אַן אינוואַליד. איך וואָלט ניט געביטן געזונטע פיס אַף מיליצעס און באַשטימט, אויב עס וועט זיך דאָך אַזוי אויסלאָזן, זאָל מיר די קויל העלפן...

— מיין גאָט! — האָט עריך שטוטבאַך זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. — א ווילדער יונג, א ווילדע באַשעפעניש! נו, און בא דיר וואָלט געקלעקט מוט זיך שיסן?

— געוויס... — האָט ארויסגעבראַכט מאַקס קרייסלער, — איך האָב

געטרוימט ניט וועגן קיין מיליצעס... געטרוימט ברענגען מענטשן נוץ, פֿרייד, פֿאַרגעניגן, געשווירן טאָן אַלץ, קעדיי דערגרייכן דעם ציל מײַנעם... נאָר אויב זיך ארומשלעפּן איבער די הײַזער אף מיליצעס, אויסשטרעקן די האַנט — דאָס ניט! בעסער, האָב איך געקלערט, דער טויט...

עריך שטוטבאך האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט פֿון אים און זיך געווענדט צו זײַנע קאָלעגן:

— איך מוז אײַך מעלדן, מײַנע טײַערע, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין טאָעס, ווען כ׳האָב גלײַך געמאָלדן, אַז דאָס איז אַ פֿאַנאַטישער פּאַציִענט — אַזאַ האָב איך נאָך ניט געזען, ניט באַגעגנט אין מײַן דרײַסיקיאָריקער כירורגישער פּראַקטיק... אַן אײַזערנער כאַראַקטער. אַזאַ איז פֿייִק, דאַכט מיר, בערג קערן!

עריך שטוטבאך האָט זיך עטוואָס באַרויִקט. ער האָט געניט אַרויסגענומען די קויל פֿון רער און זי אַ שלײַדער געטאָן דורכן פֿענצטער, צעשרויפֿט דעם בראַונינג אף באַזונדערע טיילן, אַרײַנגעוואָרפֿן צו זיך אין קעשענע פֿון כאַלאַט און ווידער צוגעגאַנגען צו מאַקס קרייסלערן:

— איז געדענק, אויב דערפֿאַר האָסטו דאָס צוגעגרייט, מעלדע איך דיר, אַז דאָס שפּילעכל וועט דיר שוין קיינמאָל ניט צוניץ קומען. גלייב מיר! און בכלל זאָלסטו געדענקען אף שטענדיק, דאָס זאָגט דיר אַן אַלטער סאָלדאַט, וואָס האָט געזען מילכאָמע, געשמעקט פּולווער: קלוגע מענטשן קומען קיינמאָל ניט אָן צו געווער. געווער האָט נאָך קיינעם ניט געבראַכט קיין גליק און קיין רום...

אַן אופגערודערטער איז דער פּראָפֿעסאָר צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, זיך פֿאַרטראַכט און נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע צוגעגעבן:

— קומט אויס, מאַקס, אַז דו האָסט מיר און דאָקטער פֿרידען ניט אָנגעטרויט, ווען דו האָסט זיך אָפּגעגעבן אין אונדזער רעשוס? האָסט געבראַכט מיט זיך אַ בראַונינג, ער זאָל דיך ראַטעווען, ניט מיר?

— איך בעט מיר מויכל זײַן, הער פּראָפֿעסאָר, אַנטשולדיקט טויזנט מאָל. איך האָב אײַך געגלייבט, ווי אַן אייגענעם פֿאָטער. איך האָב געגלייבט דאָקטער פֿרידע, אַלע אײַערע גוטע קאָלעגן, — האָט געענטפֿערט מאַקס, — נאָר איך ווייס, אַז עס זײַנען פֿאַראַן מאָמענטן, ווען די מעדיצין איז הילפֿלאָז...

עריך שטוטבאך האָט אים אַ דראָע געטאָן מיטן פֿינגער:

— וואָס זשע מיינסטו, מאַקס, מיר האָבן אַלץ ניט פֿאָרגעזען? ווער וואָלט דיך געגומען אפֿן טיש, ווען מע איז ניט איבערצײַגט אין דעם דערפֿאָלג? אף ווײַטער זאָלסטו מיט אַזעלכע זאַכן ניט שפּאַסן, אַפֿילע ווען דיר וועט זײַן גאָר שווער. געדענק, אַז אומעטום זײַנען פֿאַראַן גוטע מענטשן, וואָס וועלן דיר העלפֿן. גוטע מענטשן זײַנען פֿאַראַן מער, ווי שלעכטע. זיי וועלן דיר שטענדיק אויסשטרעקן אונטער אַ גויט די האַנט.

דער פּראָפֿעסאָר האָט פֿאַריכט אף דעם קאָפּ דעם קאָלפּאַק, אַ קוק געטאָן מיט פֿאָרוואָרף אפֿן צעטומלטן פּאַציִענט און אין דער באַגלייטונג פֿון זײַנע אַסיסטענטן אַרויסגעגאַנגען פֿון דער פּאַלאַטע.

אַף דער שוועל פון לעבן

פון יענעם פרימאָרגן, ווען מאַקס קרייסלער האָט זיך געלייגט אונטערן מעסער, איז דורכגעגאַנגען קימאַט אַ גאַנץ יאָר. אָבער וואָס פאַר אַ יאָר איז דאָס געווען!

פאַר אייניקע איז דאָס יאָר אַדורך קימאַט אומבאַמערקט, בלויז איבער־געלאָזט אַ ניַיעם קארב אַפן שטערן, עטלעכע ניַיע גראָווע האָר אין קאָפּ. און בא מאַקס קרייסלערן האָט זיך דאָס יאָר געצויגן, ווי די אייביקייַט אַליין.

וויפל מאָל האָט ער זיך געזעגנט מיט דער שיינער וועלט, און וויפל מאָל האָט זיך אומגעקערט די שיַין אין זיַינע אויגן!

וואָס איז שיַיעך דאָקטער פרידע, איז דאָס יאָר, דאַכט זיך, געווען דאָס סאַמע שווערסטע אין איר לעבן. און אין דער זעלבער צייַט עפּשער דאָס סאַמע גליקלעכסטע יאָר.

די צייַט איז געגאַן שנעל, און דער טאָג פון זייער צעשיידונג האָט זיך דערנעענטערט. שוין פאַרביַי אַ פּאָר כאַדאָשים, ווי מע האָט אַראָפּגענומען דעם גיפּס און מאַקס איז אַראָפּגעגאַן פון בעט, האָט אָנגעהויבן זיך באַוועגן פּאַמעלעך, פּאָרזיכטיק מיט דער הילף פון מיליצעס. בלויז עטלעכע טעג האָט ער זיך מיט זיי באַנוצט. אינגיכן האָט ער זיך שוין אין זיי ניט גענייטיקט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, נאָר איַינגעאַקשנט, איַינגעשפּאַרט, ניט קוקנדיק אַפן ווייטעק. ער האָט אָנגעהויבן מאַכן פאַרשיידענע איבונגען, גענומען גיין שנעלער, אונטערטאַנצן, אונטערשפּרינגען, ווי אַ קינד, וואָס האָט אָקאָרשט זיך אויסגעלערנט גיין אַף זיַינע אייגענע פיס...

מענטשן האָבן זיך געכידעשט, קוקנדיק, ווי ער לערנט זיך גיין, ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווו נעמען זיך בא אים קויכעס. מע האָט געוווסט, אַז ער ליַידט פון ווייטעקן, נאָר פאַרשטאַנען, אַז ער איַילט. ער וויל וואָס גיכער פאַרלאָזן די פּאַלאַטע, ווו ער איז געווען אַזאַ צייַט! שפּירנדיק נאָך דעם איַינגעשפּאַרטן מענטשן, האָט דאָקטער פרידע געטראַכט, אַז ניט אַנדערש, ווי וועגן אַזעלכע האָט דער געניאַלער געטע געשריבן:

> בלויז דער איז ווערט די פריַיהיַיט און דאָס לעבן,
> ווער יעדן טאָג פאַר דעם אין שלאַכטן גייט!

און ענדלעך איז געקומען דער געגאַרטער פרימאָרגן, ווען מאַקס קרייס־לער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די שפּיטאָל־קליידער און אַרופגעצויגן זיַינע קליידער, אין וועלכע ער איז געקומען אַהער מיט אַ גאַנץ יאָר צוריק.

פרידע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, דערזעענדיק זיַינע אַלטע בגאָדים, געבעטן אָנטאָן דעם אָנצוג, וועלכן זי האָט פאַר אים שוין לאַנג צוגעגרייט. נאָר מאַקס האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער וועט קומען צו זיגפרידן גראַדע אין יענעם אָנטאָן, אין וועלכן ער איז צו אים געקומען פאַראיאָרן. וואָס? ס'איז ניט באַקוועם, ניט סאָליד? עס פּאַסט ניט זיך אַזוי באַוויַיזן פאַר דעם באַרימטן אַקטיאָר? עס מאַכט ניט אויס! ניט דאָס אָנטאָן דאַרף דעם מענטשן באַשיינען!

א פּאַשעטן מאַנעקען פאַרפּוצט מען גאַנץ שיין, נאָר דערפון ווערט ער ניט אויס טשוטשעלע...

עריך שטוטבאך איז הײַנט אויך געווען ניט ווייניק פאַרזאָרגט. ער האָט געהאַוועט, זיך באַומרויִקט, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויסבאַגלייט אין ווײַטן און אומבאַוווּסטן וועג זײַן אייגענעם זון. פון איין זײַט, איז דער פּראָפעסאָר געווען גליקלעך, וואָס ער האָט געשטעלט אַף די פיס — און נאָך וויאַזוי! — זײַן ווילדן פּאַציִענט און יענער קאָן שוין זעלבשטענדיק גיין, לויפן, טאַנצן, אַרבעטן, נייטיקט זיך שוין ניט אין זײַטיקער הילף. פון דער צווייטער זײַט אָבער, איז דעם פּראָפעסאָר שווער געווען זיך שיידן מיט אים. מאַקס איז פאַר דער צײַט אים געוואָרן נאָענט און אייגן, ווי קיינער פון די פּאַציִענטן. דער באָכער האָט געמאַכט לײַכטער און אינהאַלטרײַכער יענעמס איינזאַם, שווער און אומעטיק לעבן. עריך שטוטבאך האָט אַזוי ליב געהאַט זיצן לעבן דעם אַקשן, שפּילן מיט אים אין שאָך, ריידן, זיך צוהערן, ווי גלענצנד ער לייענט שעקספּירס מאָנאָלאָגן, לידער. נאָר באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט הערן, ווען מאַקס האָט אים דערציילט וועגן זײַן היים, וועגן די בעקער, וועגן דעם וואַנדער־טעאַטער. דאָס איז געווען אַן עכטער קוואַל פון ניט אויסגעטראַכטע פּריילעכע און טראַגישע געשיכטעס, מענטשלעך־ריירנדיקע, האַרציקע. יאָ, וויפל גוטע, גליקלעכע שאָ האָט ער מיטן באָכער פאַרבראַכט! און איצט ענדיקט זיך דאָס אַלץ. איַ מאַקס האָט געשווירן, אַז ער וועט אים, עריך שטוטבאַכן, קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אָפט קומען צוגאַסט? נאָר ווער ווייסט, ווי דאָס לעבן קאָן זיך נאָך א קער טאָן...

מאַקס איז געשטאַנען בא זיך אין פּאַלאַטע און זיך געזעגנט מיט די קראַנקע, וואָס זײַנען געקומען אים אַרויסבאַגלייטן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ניט געגלייבט — צי דען איז שוין אַריבער א גאַנץ יאָר? מאָדנע געפילן האָבן אים געמאַטערט, ניט געלאָזט זײַן רויִק. יאָ, נאָך עטלעכע מינוט, און ער וועט פאַרלאָזן די קליניק מיט די גוטע מענטשן. און וואָס וואַרט אַף אים דאָרטן, אין דער גרויסער וועלט, פון וועלכער ער האָט זיך שוין פאַר דער לאַנגער צײַט אָפּגעוווינט? פאַר די לעצטע כאַדאָשים האָט ער געלייענט אין די בלעטער און זשורנאַלן, אַז אין פאַרשיידענע ערטער פון דײַטשלאַנד קומט פאָר עפּעס אומפאַרשטענדלעכס און שרעקלעכס. אַלץ שטאַרקער לאָזן זיך הערן די טעמפּע ברויִם אין די ברוינע העמדלעך. מע שעמט זיך שוין ניט און מע האָט שוין פאַר קיינעם ניט מוירע. זיי ווילן פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס ס'האָט זיי געלערנט זייער פיורער אַדאָלף היטלער, וואָס ווערט אַלץ מער פּאָפּולער. זיי רײַסן די גאָרגלען אַף זייערע מיטינגען און קומען מיט מיטלאַלטערלעכע, ווילדע פּלענער: „דויטשלאַנד איבער אַל־לעס!", „דויטשלאַנד דאַרף געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט", „ריינע אַריער דאַרפן פאַרניכטן די נידעריקע ראַסן, אײַנשטעלן א נײַע אָרדענונג אין אייראָפּע", „ווען יידן־בלוט פון מעסער טריפט..."

מאַקס האָט דאָס געלייענט און ניט געקאָנט באַגרײַפן, פונוואַנען נעמט זיך אַזא ווילדקײַט, אַזא בלוטדאָרשט, אַזא שוידער? ווער דערלאָזט אַזוינס אין אַזא קולטורעל ציוויליזירט לאַנד, ווי דײַטשלאַנד? און מאַקס האָט זיך

בארויקט: דאָס בילט א הײַפֿל נידערטרעכטיקע נישטיקײַטן, מעשוגאָים, טעמפּע אידיאָטן, װעלכע מע װעט געװיס אינגיכן ארײַנזעצן אין די שטײַגן. מאקס זעט פאר זיך אזויפיל גוטע, הארציקע, קלוגע דײַטשן, װאָס לאכן זיך אויס דערפון. עכטע מענטשן! און קאָלזמאן אזעלכע לעבן, קאָן קיין שלעכטס אין לאנד ניט געשען!

דאָס האָט מאקסן בארויקט. און דאָך האָט דאָס אלץ ארויסגערופן א שווערן געפיל.

ער האָט געוואָרפן א בליק אפן זייגער און גענומען זיך געזעגענען שנעלער. ווער פון די קראנקע עס האָט געקאָנט אופשטיין, איז געקומען צו אים, אנדערע האָבן אים געוווּנטשן גליק פון די געלעגערס, פון די פּאַ־לאַטעס. ער איז געוועזן גערירט ביז טרערן, זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז ער האָט אזויפיל פרײַנט צווישן די פארשיידענע מענטשן.

געזעגנט זיך מיט אלע ארומיקע, איז מאקס צוגעגאנגען צום פּראָפעסאָר און נידעריק פארנייגט פאר אים דעם קאָפּ:

— איך ווייס אפילע ניט, וויאזוי אײַך אָפּדאנקען, הער שטוטבאך; וויאזוי וועל איך אײַך אָפּצאָלן פאר אלץ, וואָס איר האָט פאר מיר געטאָן...

עריך שטוטבאך האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— מיט וואָס וועסטו מיר אָפּצאָלן? וועגן אזעלכע זאכן דארפסטו ניט טראכטן, מײַן פרײַנט. אויב דײַן טרוים וועט פארווירקלעכט ווערן, דו וועסט אמאָל ווערן אן עכטער שוישפּילער און וועסט ברענגען מענטשן פרייד און פארגעניגן, וועט עס זײַן פאר מיר, פאר דאָקטער פרידען, פאר אלע מײַנע קאָלעגן דער בעסטער לוין!

פרידע איז אָפּגעטראָטן נעענטער צום פענצטער, געקוקט, ווי שטוטבאך נעמט ארום מאקסן און דריקט אים צו זיך, וויאזוי איבערן געקנייטשטן פּאָנעם פליסן פרייד־טרערן.

א פריילעכער, א דערהויבענער, האָט ער זיך מיט פרידען אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. אפן ראָג גאס, ווו עס שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָבוס, איז מאקס געבליבן ווארטן. אים האָט געפרייט באזונדערס דאָס, וואָס פרידע האָט אים אהער באגלייט. אין איר לײַכטן זײַדענעם קלייד האָט זי אויסגעזען באזונדערס כיינעוודיק. פארבײַגייער האָבן געקוקט אף דעם פּאָרל, געקנייטשט מיט די אקסל, ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס שמייכלט אזוי גוטמוטיק אזא שיינע גרעטכען צו אן אָרעמען, שלעכט־געקליידטן באָכער, פארוואָס שעמט זי זיך ניט שמועסן מיט אזא?.. פרידע האָט באמערקט די אָפּשפּאָטנ־דיקע בליקן, נאָר ניט געלייגט קיין אכט דערויף. איר האָט עס ניט געאַרט. זי איז געוועזן צופרידן שטיין מיט אים באנאנד. ווען די פארבײַגייער, וואָס וואַרפן שפּאָט־בליקן אהער, ווייסן, ווער דער מענטש איז, וואָלטן זיי זיך גענייגט פאר אים, אראָפּגענומען די היטלען.

מאקס איז געווען אומרויק. א פארגאפטער, האָט ער געקוקט אף דעם עטוואָס פארויטלטן מיידל. ער האָט איר געדארפט זאָגן זייער וויכטיקס, נאָר איצט איז ער געווען פארטאָן מיט גאָר אנדערע געדאנקען. עס איז

איצט געשטעלט געוואָרן אין קאָן זײַן ווײַטערדיקער גורל. הײַנט דארף ער ענדגילטיק געלייזט ווערן. דערפון איז געווענדט זייער א סאך.

געוויס, דער אומרו, וואָס האָט פּלוצעם באהערשט מאקסן ערעוו דער באגעגעניש מיט זיגפריד לײַנארדן, האָט זיך, ווי אן עלעקטרישער שטראָם, איבערגעגעבן צו איר, צו פרידען, און עס איז שוין שווער געווען זיך פאנאנדערקלײַבן, ווער פון זיי ביידן איז מער באומרויִקט.

נאָך עטלעכע מינוט, און דער אווטאָבוס וועט אָפּפירן מאקסן צו לײַנארדס ווילע. פרידע האָט ווידער א קוק געטאָן אף מאקס׳ הוילעך, און עס איז איר געוואָרן ניט גוט. זי איז געווען אין קאס אף זיך, לעמײַ האָט זי אים ניט געצווונגען אָנטאָן דעם נײַעם אָנצוג. ווי וועט ער זיך באווײַזן פאר מענטשן אין די שמאטעס? געווען געדארפט זיי ארויסשלײַדערן, וואָלט ער קיין אנדער ברייִרע ניט געהאט און זיך געמוזט אָנטאָן אָנשטענדיק. אָט אן אײַנגעשפארטער! נאָר פרידע האָט אים וועגן דעם ניט געזאָגט. זי האָט געוווּסט, אז איצט טאָר מען אים ניט מאטערן, ער איז אזוי אויך דערשלאָגן און נערווירט שטארק. נישקאָשע, ער וויל אזוי — זאָל זײַן! און זאָל אים גאָט העלפן!

דער אווטאָבוס האָט זיך דערנענטערט, און מאקס האָט אויסגעשטרעקט צו פרידען די האנט. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט.

— איך וועל פאָרן מיט דיר, מאקס, — האָט זי זיך אָנגערופן, — דו וועסט זיך שעמען אים אלץ דערציילן, און איך וועל אים אלץ אויסזאָגן... איך וועל זיך פאר אים ניט שעמען... כ׳וועל אים בעטן...

— וואָס? בעטן? — האָט מאקס זי פארווונדערט אָנגעקוקט. — איך האָב זיך נאָך פאר קיינעם ניט געבייגט, זיך פאר קיינעם ניט דערנידעריקט.

— נו, באַרויִק זיך, מאקס. קוק ניט אף מיר אזוי שטרענג. ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן?... דו פארדינסט א סאך גליק, נאָר פאר דעם גליק דארף מען נאָך קעמפן. דו האָסט אזויפיל געלייעבט און ווייסט נאָך ניט, ווי מענטשן זײַנען אָפט קאלט, גלײַכגילטיק צו פרעמדע לײדן... נו, אויב דו ווילסט ניט, וועל איך שטיין אין דרויסן און ווארטן, ביז דו וועסט זיך אומקערן. איך קאָן אנדערש ניט. איך מוז וויסן, וויאזוי וועט זיגפריד דיך באגעגענען...

מע האָט זיך ניט באוויזן ארומקוקן, ווי מע איז שוין געשטאנען אין פול־געפּאקטן אווטאָבוס און זיך געטראָגן איבער די רוישיקע בערלינער גאסן.

* * *

מיט אן אומרויִק־קלאַפּנדיק הארץ איז מאקס קרייסלער צוגעגאנגען צו דעם באקאנטן טשוהונענעם פארקן, זיך אָפּגעשטעלט בא דער פירטקע, ניט וואגנדיק אָנקלאַפּן.

אזא צײַט איז ער דאָ ניט געווען! דאן האָט אויך אזוי געבראָטן די זון, פונקט ווי איצט. די אלטע ביימער האָבן אויך אזוי זיך געסוידעט, שטיל געפּלאפּלט צווישן זיך. ווער ווייסט, מעגלעך, בא לײַנארדן זיצן זײַנע קאָלעגן,

מע טרינקט קאווע, מע רעדט צווישן זיך, מע לאַכט. אויסערלעך, דאַכט זיך, האָט זיך פאר דעם יאָר גאָרניט ניט געענדערט.

מאַקס איז געשטאַנען עטלעכע מינוט, אײַנהערנדיק זיך, וואָס טוט זיך דאָרט, פון יענער זײַט פלויט, אין דער ווילע.

דאַכט זיך, עס טראָגן זיך פון דאָרטן שטימען? עפּעס זייער רוישיק גייט דאָרט דער געשפּרעך. אַרײַנגיין, צי נאָך וואַרטן?

מאַקס האָט א פּרוּוו געטאָן עפענען די קאַליטקע. נאָר וואָס איז דאָס? ניט פאַרשלאָסן, ווי געוויינלעך. ער האָט אַרײַנגעקוקט, נאָר בײַ געזעצן נאָענט דעם גערטנער עמיל שולצן. מאַקס האָט צו אים אָנגעקלונגען, נאָר קיינער איז פונעם שטיבל ניט אַרויסגעגאַן.

ער איז עטוואָס אָפּגעטראָטן אין א זײַט, א קוק געטאָן אין יענער ריכטונג צום ראָג גאַס, ווו עס איז געשטאַנען פרידע, צו איר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און זיך געלאָזט אין געדיכטן סאָד אַרײַן. מיט דער שאָטנדיקער אַליי איז ער געגאַנגען צו דער ווילע, זיך אופגעהויבן אף די טרעפּלעך און געבליבן שטיין בא דער טיר. צו אים האָט זיך דערטראָגן א באַקאַנטע שטים. יאָ, זיגפריד רעדט צו עמעצן. נאָר פאַרוואָס איז ער אַזוי אופגערעגט? ער שרײַט, דאַכט זיך?.. אף וועמען? וואָס איז דאָרט געשען? איז עפּשער זיגפריד הײַנט אין א שלעכטער שטימונג? עפּשער קומען אַן אַנדערשמאָל? אַהאָ, ווי ער זידלט זיך! אין מאַקס׳ פאָרשטעלונג איז יענער געווען די פאַרקערפּערונג פון אויסגעהאַלטנקײַט, גוטסקײַט, איידלקײַט. און דאָ... „ניין, ניט קיין גינסטיקע צײַט אויסגעקליבן, מע דאַרף אַוועק און קומען א צווייט מאָל״, — האָט מאַקס א טראַכט געטאָן און צוגעגאַנגען צו דער הילצערנער קאָלאָנע, פון וועלכער מע האָט געקאָנט זען, וואָס איז דאָרטן, אינעם גאַסט-צימער.

דורכן ברייטן פענצטער, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט א פאַרביקן לײַכטן לײַוונט, א דורכזיכטיקן און קורצן, האָט מאַקס דערזען לײַנאַרדן אָן אופגערעגטן, מיט צעשויבערטע האָר, אין שטוביקן רעקל, מיט די ווייכע פאַנטאָפלעך אף די באָרוועסע פיס. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן גראַמען צימער, אַלעמאָל געוואָרפן בייזע בליקן אף צוויי קליינוווּקסיקע, דיקלעכע לײַט, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט כניפּעדיק-פאַרבייגטע קעפּ, עפּעס געשטאַמלט.

אפּסנײַ האָט א קלונג געטאָן זיגפרידס שטים:

— פאַרגעדענקט דאָס אף שטענדיק, הער שמערלינג און דו, קורץ! איך וועל ניט דערלאָזן, איר זאָלט פאַרוואַנדלען מײַן טעאַטער אין א מעשוגאָים-הויז! קיין פּראָוואָקאַציעס און אינטריגעס וועל איך בא זיך אין טעאַטער ניט דערלאָזן. איך וועל ניט דולדן בא זיך אײַערע פלאַפּלערײַען וועגן ריינע און ניט-ריינע אַריער!

דאָס פּאָרל האָט עפּעס געוואָלט דערווידערן, נאָר אומזיסט. עס איז אַרויס פונעם גאַסט-צימער, קאָמיש זיך אַראָפּגעקײַקלט פון די טרעפּ און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

מאַקס איז געשטאַנען א דערשראָקענער, מוירע געהאַט אָטעמען. ער האָט פאָרזיכטיק ווידער אַרײַנגעקוקט אין פענצטער און דערזען אַרום דעם גע-

דעקטן טיש עטלעכע מאנצבלען און דאמען, דאכט זיך, יענע זעלבע, וועלכע זײַנען דעמלט דאָ געזעסן און געטרונקען ווײַן.

זיגפריד איז אַן אופגערעגטער צוגעגאנגען צום טיש און מיט פאָרוורף זיך געווענדט צו די מענטשן:

— איך פרעג אײַך אלעמען, פארוואָס האָט איר געשוויגן? פארוואָס האָט איר גאָרניט געזאָגט, ווען איך האָב גערעדט צו די בישטיקײַטן, צו די פריי־דיקער פון דער נײַער איפּעשדיקער פילאָסאָפיע? האָט איר זיך עפשער דערשראָקן פאר צוויי קרעטינען? אויב מיר וועלן הײַנט ניט אויסשנײַדן דאָס געשווילעכץ, וועט מאָרגן זײַן שפּעט! ווי קאָנען מיר זײַן גלײַכגילטיק צו פראָוואָקאטאָרס, וואָס טעראָריזירן אונדזערע מענטשן?..

מאקס האָט אַן אנציקטער זיך אײַנגעהערט אין יעדער וואָרט, קוקנדיק אפן אופגערודערטן באלעבאָס. ער האָט אָבער ניט געוווּסט, וואָס דארף ער טאָן. מאקס האָט זיך געפּרוווט שטילערהייט ארויסקלײַבן פון זײַן ווינקל, נאָר פארטשעפּעט א ליימענע וואזע מיט בלומען, וואָס איז געשטאנען אף א קליין טישעלע, און זי האָט זיך מיט א טראסק צעבראָכן.

— ווער איז דאָרט? איך האָב געזאָגט, און מײַן וואָרט איז ענדגילטיק, קורץ און שמערלינג, איר זײַנט פרײַ!.. נו, קומט ארײַן, וואָס ווילט איר נאָך?

מאקס איז דערציטערט געוואָרן. ער האָט מיט שרעק געקוקט אף די שערבלעך פון דער צעבראָכענער וואזע, וואָס האָבן זיך געוואלגערט בא זײַנע פיס, און געטראכט: „נישקאָשע פון אַן אָנהייב...“

מאקס האָט געוואָלט אנטלויפן, נאָר מוירע געהאט, אז זיגפריד וועט אים דערזען, דעמלט וועט ער מער אהער ניט קאָנען קומען.

— נו, שנעלער, וואָס ווילט איר נאָך? — האָט זיך דערטראָגן צו מאקסן לײַנארדס שטים.

א פארלוירענער איז מאקס ארײַנגעגאנגען אין צימער. דער באלעבאָס האָט אים אָנגעקוקט, ניט פארשטאנען, ווער איז דאָס און וואָס טוט ער דאָ.

— וואָס איז דאָס פאר א באזוכער? איך האָב דאָך באפוילן קיינעם ניט לאָזן צו מיר... ווו איז ער, דער עמיל?..

זיגפריד האָט אים צעשטרייט באטראכט א רעגע און אונטערגעײַלט:

— נו, שנעלער זאָגט, וואָס ווילט איר? איך האָב קיין צײַט ניט!

— הער לײַנארד, — האָט זיך ניט זיכער אָנגערופן מאקס, — איך בין געקומען אײַך מעלדן, אז בא מיר איז אלץ אין אָרדענונג...

זיגפריד האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל, ווי אײנער רעדט: וואָס איז דאָס פאר א לעץ? ער האָט צונויפגעלייגט די הענט אף דער ברוסט און גע־ענטפערט:

— איך בין מאמעש גליקלעך, וואָס בא אײַך איז אלץ אין אָרדענונג. איך קאָן אײַך בלויז מעקאנע זײַן און גראטולירן. בא מיר איז אלץ אין פולקאָ־מער אומאָרדענונג!.. איז וואָס האָט איר געוואָלט, אָפּרויבן בא מיר די טײַערע צײַט?

— אנטשולדיקט, הער לײַנארד, איך וועל קיין סאך צײַט ניט אָפּנעמען

בא אײַך, — האָט מאַקס דרייסטער געזאָגט, — בא מיר איז א גרויסע פרייד...

— אזוי? זעט איר, אָט דאָס האָב איך ניט געוווּסט. וואָס זשע, א זון איז בא אײַך געבאָרן און איר דאַרפט געלט אף ווינדעלעך? שנעלער זאָגט, וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך בין ניט געקומען בעטן בא אײַך... איך דאַרף ניט אײַער געלט. איך בין רײַכער פון אײַך! קוקט ניט אף מײַן אָנטאָן, איך בין ניט קיין שנאָ־רער... צי דען האָט איר שוין פאַרגעסן? פאַראיאָרן בין איך בא אײַך געוועזן און געבעטן...

מאַקס׳ ענערגישער טאָן האָט געמאַכט דעם באַלעבאָס עטוואָס ווייכער. ער האָט אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעהערט.

— נו, וואָס זשע האָט איר געבעטן?

— איך האָב גערעדט וועגן מײַן אָנקומען צו אײַך אין טעאַטער...

— וואָס? — האָט אף אים א קוק געטאָן דורכדרינגעוודיק זיגפריד און אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס. — איר ווילט אָנקומען צו מיר אין טעאַ־טער?..

— אַוואַדע! — האָט זיך דערפרייט מאַקס. — פאַראיאָרן בין איך בא אײַך געוועזן, און איר האָט מיר געזאָגט, אז איר קאָנט מיך נעמען נאָר מיט אײן טנײַ, אויב איך וועל גוט קענען די שפּראַך, פאַרבעסערן די דיקציע און... האָבן גלײַכע פיס...

די לעצטע ווערטער האָבן זיגפרידן אופגעריסן, ער האָט געמיינט, אז צו אים איז געקומען עפּעס א מעשוגענער:

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר. איך האָב אײַך שוין געזאָגט, איך בין שטאַרק פאַרנומען. עס זיצן בא מיר מענטשן...

— איך זע, — האָט זיך מאַקס ניט אונטערגעגעבן, — פאַראיאָרן זײַנען דאָ אויך געזעסן מענטשן, ווי איצט. און איר האָט מיר געזאָגט, געצייצט...

מאַקס האָט פאַרהויבן די הויזן און באַוויזן די שראַמען אף די פיס:

— צי דען האָט איר פאַרגעסן, וואָס איר האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, הער לײַנאַרד? איך האָב אויסגעפּילט אַלע אײַערע געבאָטן... אין אײַך האָב איך געגלייבט, ווי אין א גאָט. אוועקגעגאַנגען און זיך דערשלאָגן, מע זאָל מיר אָפּערירן, אויסגלײַכן די פיס... איך קום פון דעם שפּיטאָל... א גאַנץ יאָר זיך געמאַטערט, עטלעכע מאָל זיך אומגעקערט פון יענער־וועלט... און איצט, הייסט עס, קענט איר מיך ניט? איר מיינט, אז איך בין געקומען צו אײַך נאָך א בעדאָוועס?..

מוירע האָבנדיק, אז זיגפריד וועט אים ווידער איבערשלאָגן, האָט מאַקס אָנגעהויבן ריידן שנעלער, דערציילט, וויפל ער האָט איבערגעטראָגן גע־פאַרן, ווי ער האָט זיך געמאַטערט.

זיגפריד איז געשטאַנען א בלאַסער, א דערשיטערטער און געהערט די שווידערלעכע געשיכטע פון דעם יונגן אָרעמען מענטשן. עפּעס האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן דערמאָנען. אָט דער מענטש קאָן ניט לײַגן. סאַראַ אומרו, אזא אופגערודערטער און אופריכטיקער!

— אנטשולדיקט, איין ווײַלע... — האָט זיגפריד אָנגעהויבן רײַבן די שלייפן, ניט אראָפּנעמענדיק דעם אָנגעשטרענגטן בליק פון דעם יונגנמאן, — יאָ, איך הייב זיך עפּעס אָן דערמאָנען... פאראיאָרן איז דאָס געווען... ריכ־טיק. עמיל שולץ האָט אַרײַנגעפירט א באָכער, וואָס האָט געזאָגט, אז ער איז מײַן פלעמעניק... יאָ, א בעקער פון קאָלאָמייע... אזוי, יאָ?

— נו אוואדע, הער לײַנארד! דאָס בין איך, מאקס קרייסלער! אײַך זײַנען ניט געפעלן געוואָרן מײַנע פּיס... איר האָט געזאָגט, אז אָטעלאָ קאָן ניט זײַן מיט אזעלכע... די דיקציע, די שפראך איז אויך ניט אונטערגעגאַן... איך האָב אין אײַך געגלייבט...

— זעצט זיך, ביטע, צו... איין ווײַלע... — האָט זיגפריד געקוקט אף אים מיט דערשראָקענע אויגן און אים צוגערוקט א בענקל. — האָט איר מײַנע ווערטער, הייסט עס, אָנגענומען פאר ערנסט און זײַנט געגאנגען זיך מאכן אזא אָפּעראציע?

— געוויס! און ווען איר הייסט מיר, הער לײַנארד, אראָפּשפּרינגען פונעם צענטן שטאָק, וואָלט איך דאָס ניט געטאָן? אָנקומען צו אײַך אין טעאטער — דאָס איז מײַן לעבנס־טרוים... שיר ניט געגאַן פון דער וועלט, נאָר אָפּערירט זיך... — האָט ער שמייכלענדיק געוויזן אף די פּיס.

— מײַן גאָט! — האָט זיגפריד זיך געכאפּט באַם קאָפּ, צווזעצנדיק זיך נעענטער צו דעם באָכער. —איך? איך האָב אײַך אזוינס געראטן?

זיגפריד איז געזעסן און ניט געוווּסט, וויאזוי קוקן דעם יונגן מענטשן אין די אויגן. איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין דער גאנצער געשיכטע. אים האָט זיך פאראיאָרן געדאכט, אז צו אים איז געקומען עפּעס אן אומנאָרמאַ־לער באָכער, א פּוסטער פאנטאזיאָר... א סאך קומען זיי צו אים מיט ווילדע אידייען, און ער קאָן זיך פון זיי ניט אָפּטשעפּען... זיגפריד האָט א שפּאס געטאָן פון אים, געמיינט זיך גיכער באפרײַען... און יענער האָט דאָס אָנגע־נומען פאר ערנסט. אים פארשאַפט אזויפיל לייד... שיר ניט אומגעקומען...

די קאָלעגן זיגפרידס האָבן ארומגערינגלט דעם באָכער, פארגאַפטע געהערט, וואָס ער האָט דערציילט. עס האָט זיך ניט געגלייבט, אז א יונגער מענטש זאָל נעמען אף זיך אזויפיל לייד, אײַנשטעלן דאָס לעבן.

פון אונטער די ברעמען האָט לײַנארד געשפּירט, ווי יענער רעדט, — יאָ, אזא ענערגישן און אנטשיידענעם האָט ער נאָך, דאכט זיך, ניט באגעגנט. וויאזוי און מיט וואָס קאָן ער, זיגפריד, אויסקויפן זײַנע זינד, זײַן שולד פאר אָט דעם אָרעמען יונג, וועלכן ער האָט פארשאַפט אזויפיל ווייי? ער האָט באַ־מערקט, ווי אייניקע קאָלעגן קוקן אף אים, אף לײַנארדן, מיט באהאלטענעם פאָרוורף פאר זײַן געפערלעכן שפּאס. און ער אליין איז אויך געווען אף זיך מאָלע־רעציכע. פון שאנדע האָט ער ניט געוווּסט, וווהין מע טוט זיך אהין. „געוויס, ניט אנדערש, — האָט געטראכט זיגפריד, — ווי איך בין געווען אונטערן גלעזל, שיקער, ווען איך האָב געוואָלט גיכער ארויסשטעלן פון דער שטוב דעם פּראָווינציעלן בעקער, און אים האָט עס שיר ניט געקאָסט דאָס לעבן!"

זיגפריד האָט זיך פארטראכט, ניט געקאָנט באנעמען, וואָס קומט מיט

אים פאַר דאָס לעצטע יאָר. פון זינט עס איז אוועק פון אים די פרוי, האָט ער זיך אינגאנצן פארלוירן, טוט נארישקײַטן... דאָס ווײַב איז פאראיאָרן פון אים אוועק אָן א זײַ־געזונט, ניט געקומען זיך אפילע געזעגענען, ניט דערקלערט די סיבע דערפון, זיך פארליבט אין עפּעס א נישטיקײַט, אין א געמיינעם מאָלער, וואָס קאָן רעכט דאָס פּענדזל ניט האלטן אין די הענט. ער איז געוואָרן עלנט, ווי א שטיין, איינער אליין אין דער פּראכטפולער ווילע... אליין — ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינד — קיינער! נאָך גוט, וואָס עמיל שולץ פארלאָזט אים ניט און דינט אים געטרײַ, האלט אים אונטער מיט א גוט וואָרט. די פרײַנט קומען ארײַן צעווייען זײַן אומעט. שוין אזא צײַט אוועק, און ער קאָן זיך נאָך אלץ קיין אָרט ניט געפינען... ער האָט זיך ניט באוויזן בארויִקן נאָך דעם גרויסן קלאַפּ, וואָס האָט אים געמאכט נערוועז, קראנק, אומגליקלעך, — האָבן זיך אָף אים אָנגערוקט נײַע צאָרעס, ווי די געשיכטע מיט קורצן און שמערלינגן. אויסגעכאָוועט אָף זײַן ברוסט גיפטיקע שלענג, און איצט דערגייען זיי אים די יאָר! ער האָט נאָך ניט באוויזן קומען צו־זיך נאָך דעם געשפּרעך מיט די ברוינע העמדלעך, מיט די נײַע ראסן־פילאָסאָפן, וואָס ווילן אין טעאטער אָפּסאמען די פרישע לופט, איז געקומען אָט דער בעקער! זיגפריד לײַנארד ברעכט זיך דעם קאָפּ און קאָן ניט צוטראכטן, וואָס דארף ער טאָן פארן יונג, קעדיי כאָטש טיילווײַז אויסקויפן פאר אים די שרעקלעכע שולד!

אָט שטייט ער, דער מאקס קרייסלער, פאר זײַנע אויגן, ווי א באשולדיקער שטייט ער, און לײַנארד זעט איצט אויס קעגן אים קליין און נעבעכדיק.

מאקס האָט גערעדט און די גאנצע צײַט געוואָרפן אויגן אָף זיגפרידן, ניט פארשטאנען, פארוואָס זיצט ער אין ווייכן פאָטעל, האלט זיך פארן קאָפּ און שווײַגט. וואָס זשע, עפּשער גלייבט ער אים נאָך אלץ ניט? עפּשער מיינט ער, אז צו אים איז געקומען עפּעס א לעץ און נעמט אָפּ צײַט אומזיסט?

מאקס קרייסלער איז צוגעגאנגען צו אים און געזאָגט:

— אנטשולדיקט, הער לײַנארד, אויב איר געדענקט, האָט איר מיר דעמלט געזאָגט, אז א מענטש, וועלכער וויל שפּילן אין בערלין אָטעלאָ, מוז, כוץ גלײַכע פיס, גוט באזיצן די שפּראך, פארמאָגן א גוטע דיקציע, קענען לייענען פּערפעקט שעקספּירן, געטען, שילערן. דאָס האָב איך גוט געדענקט. ווען איך בין געלעגן אין גיפּס, האָב איך די גאנצע צײַט שטודירט, געארבעט. מע האָט מיך שיר ניט ארויסגעטריבן פון דער קליניק — איך האָב קיינעם ניט געלאָזט שלאָפן צוליב מײַן רעציטירן...

— מײַן גאָט! — איז אופגעשפּרונגען פון פאָטעל זיגפריד. — און בא אים איז נאָך געווען קויעך בא אזעלכע שוידערלעכע שמערצן שטודירן שעקספּירן?!

ער איז צוגעגאנגען צו מאקסן, ארופגעלייגט אים די האנט אפן אקסל:

— מײַן יונגער פרײַנט, אָף וועלכע לײדן האָב איך אײַך געשטויסן! גוט, וואָס איר זײַנט צו מיר געקומען. אויב איך וועל בא מײַן לעבן האָבן די מעגלעכקײַט אויסקויפן פאר אײַך מײַן זינד, וועל איך זיך פילן גליקלעך...

— וואָס רעדט איר, הער לײַנאַרד! — האָבן זיך אָנגעצונדן מאַקס' שוואַרצע אויגן און פֿון פֿאַרוווּנדערונג געוואָרן נאָך גרעסער. — קיין שום זינד בענעגייע מיר זײַט איר ניט באַגאַנגען. פֿאַרקערט, איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיר אונטערגעזאָגט, וואָס איך מוז טאָן, קעדיי אָנקומען צו אײַך אין טעאַטער. ווען איר ווייסט, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגע־ניגן איך האָב שטודירט, געלייענט! אַף אַ סאַך זאַכן האָבן זיך מיר געעפֿנט די אויגן. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אָפּסנײַ געבאָרן אַף דער וועלט. וויפֿל איך וועל לעבן, וועל איך אײַך דאַנקען...

מאַקס איז אָפּגעטראָטן עטלעכע שפּאַן, זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גע־ראַמען צימער, פֿאַרוואָרפֿן זײַן בונטן קאָפּ, אָנגעהויבן לייענען:

איך בין געוואָרן אַלט. נאָר וואָס זשע רעד איך?
איך האָב זי אָנגעווירן, און איך בין אָפּגענאַרט!
און בלויז דער האַס קאָן קומען מיר צוהילף.
אָ, שווידער פֿון פֿאַמיליען־לעבן! ווי קאָנען מיר
פֿאַר אונדזערע די ליבע פֿרויען רעכענען,
ווען זייער לײַדנשאַפֿט ניט אונדז שוין מער געהערט?
כ'וואָלט וועלן בעסער זײַן אַ פּראָש אין נאַסן קעלער,
ווי אָפּגעבן אַ טיילעכל דערפֿון, וואָס איך האָב ליב.
דאָס העכסטע איז אין לעבן אומפֿאַרמײַדלעך.
יענץ, וואָס ערלעך איז, פֿאַרמישפּעט ווערט אַף אומקום.
דאָס פֿאַלשקײַט — לײַגן ווערט, די טרײַהײַט — גלייבן.

די ווערטער האָבן זיך לײַכט געגאָסן פֿונעם באָכערס מויל. זײַן קליינ־געוודיקע, שיינע שטים, די דיקציע זײַנע האָבן דאָ אַלעמען באַוווּנדערט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שפּראַך האָט דער יונגער מענטש אײַנגעזאַפּט אין זיך צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך.

זיגפֿריד איז מאַמעש געשטאַנען געפּלעפֿט, הערנדיק מאַקסן לייענען. אים האָט זיך בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס לייענט דער פּראָווינצי־עלער יאַט, וואָס איז פֿאַראיאָרן געקומען צו אים אַזאַ קאָמישער, ניט אָפּגע־טעסעטער, גערעדט מיט אַ שטאַרקן אַקצענט... און איצט? סאַראַ שפּראַך! וויפֿל האַרץ לייגט ער אַרײַן אין יעדן וואָרט, אין יעדער פֿראַזע, אין יעדער קלאַנג!

זיגפֿריד איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, זיך אײַנגעהערט, מוירע האָבנדיק דורכלאָזן אַפֿילע אַ וואָרט. וויפֿל מאָל האָט ער אַליין, זיגפֿריד, אַרויסגעבראַכט אַף דער בינע די שרעקלעכע ווידע פֿון דעם וועגעציאַנער מאַוור. איצט האָט די ווידע פֿון אָטעלאָ אין לײַנאַרדס אויערן געקלונגען גאָר אַנדערש און געהאַט גאָר אַן אַנדער באַ־דײַטונג. דאָס זײַנען איצט געווען זײַנע אייגענע, זיגפֿרידס, געדאַנקען, זײַן ווידע, אַ שטיק פֿון זײַן פּערזענלעכער טראַגעדיע, פֿון זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין זײַן פֿאַמיליען־דראַמע...

א טויטע שטילקייט האָט באהערשט דעם גרויסן צימער, ווען עס האָבן אָפּגעקלונגען די לעצטע ווערטער פונעם מאָנאָלאָג. דאָס האָט מאקסן דער־שראָקן. מע שווייגט — הייסט עס, ס'איז עפּשער ניט געפעלן זיין לייענען? ער איז פון סאמע אָנהייב דורכגעפאלן?

א קאלטער שווייס האָט באשלאָגן מאקסן. ער איז געשטאנען א דער־שראָקענער און אומגליקלעכער, דאָס הארץ האָט מוירעדיק געקלאפּט — אָט־אָט וועט עס ארויספליען! וואָס זשע הייסט עס? — האָט מאקס מיט פּא־כעד געטראכט. — הייסט עס, אז אלץ איז אוועק בא אים מיטן ווינט? אלע זיינע באמיִונגען, ווייטעקן און צארעס זיינען געווען אומזיסט? וואָס זשע וועט ער זאָגן פרידען, וואָס ווארט אפן ראָג? וואָס וועט ער זאָגן עריך שטוטבאכן, זיינע קאָלעגן, וועלכע האָבן זיך מיט אים אזויפיל אָפּגעע־מוטשעט? וואָס וועט ער איצט טאָן? צי דען איז טאקע אלץ פארפאלן?

ער האָט ניט באוויזן זיך לאָזן צו דער טיר, ווי ער האָט ווידער דערהערט זיגפרידס שטים:

— וואָס זשע שווייגט איר, מאקס! איך האָב דאָך געבעטן לייענען וויי־טער! לייענט נאָך, איך הער!

מאקסן איז עטוואָס לייכטער געוואָרן אפן הארצן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און פאָרגעזעצט לייענען:

מיר דאכט זיך אויס, אז זי באוועגט זיך ווידער.
ניין, ס'ווייזט זיך אויס. כ'וועל זי אהער ניט לאָזן,
ווען זי וועט נאָר ארייַן זיך ווענדן צו מיין פרוי.
מיין פרוי? אוועלכע פרוי?
נישטאָ בא מיר קיין פרוי מער אף דער וועלט.
וואָס פאר א צייט איז איצט, וואָס פאר א צייט?
ווי ס'וואָלט א פינצטערניש פארדעקט די וועלט.
קיין זון און קיין לעוואָנע — אלץ איז שווארץ, —
און אלץ זיך וואקלט, ווי געפּלעפּט ארום...

ער האָט ניט באוויזן ארויסברענגען די לעצטע ווערטער, ווי ליינארד איז צוגעלאָפן און אים ארומגעכאפּט קושן:

— איך בעט אייך, טייערער, זייט מיר מויכל! דעמלט, ווען איך האָב אייך דערזען דאָס ערשטע מאָל, האָט זיך מיר געהאט אויסגעוויזן, אז איר זייט איינער פון יענע, וואָס מיינען, אז שפּילן אף דער בינע איז א לייכט שטיקל ברויט, אומבאגרענעצטער רום, רוישיקע אפּלאָדיסמענטן, בלומען. איך האָב אין אייך פאראיאָרן א שרעקלעכן טאָעס געהאט. איך האָב ניט פארשטאנען, אז איר זייט געבענטשט מיט אזא אייזערנעם ווילן, מיט אזא כאראקטער, אזא איינגעשפּארטקייט און אקשאָנעס. דעריקער, מיט אזא טא־לאנט. איצט, מיין יונגער פריינט, דערלויבט מיר זיך פּרווון אויסקויפן פאר אייך מיין זינד. אלץ וועל איך איצט טאָן, קעדיי אייך העלפן ארויסגיין אפן גרויסן וועג פון קונסט. דאָס איבעריקע וועט שוין זיין אָפּהענגיק פון אייך אליין. קיין איינער פון אונדז, וואָס זיצט בא מיין טיש, האָט ניט געצאָלט אזא

טײַערע פרײַז, ווי איר, פארן רעכט ארויסצוגייין פארן אוילעם אף דער בינע. קיינער!

לײַנארד האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, פארייכערט זײַן ציבעק, זיך טיף פארצויגן מיטן רויך און, קוקנדיק גלײַך אין די אויגן דעם איבעראַשטן און אומגעדולדיקן באַכער, פאָרגעזעצט:

— איז הערט מיך אויס. איך זאָג דאָס פאר איידעס, — האָט ער א ווונק געטאָן אף זײַנע שטילגעבליבענע קאָלעגן, — אויב אײַער אײנציקער טרוים איז ווירקלעך ווערן אן אקטיאָר, ארבעטן בא מיר אין טעאטער, איז מעלדע איך אײַך, אז אײַער טרוים איז הײַנט פארווירקלעכט געוואָרן. נאָר איך מוז אײַך אָבער וואָרענען, מײַן יונגער פרײַנט, אז אין קיין סטאטיסטן נייטיקן מיר זיך ניט! אלע ווייסן — איך בין שטרענג, ווען עס האנדלט זיך וועגן קונסט. איר זאָלט זיך אף מיר ניט באליידיקן, אויב איך וועל צו אײַך זײַן זייער שטרענג. איך פאָדער פון יעדן איינעם, ער זאָל זיך אינגאנצן, מיט לײַב־און־לעבן אָפּגעבן דער קונסט, דער בינע! בא מיר וועט איר ווערן אן עכטער אקטיאָר, אָדער איר וועט זיך אומקערן צו זיך קיין קאָלאָמייע באקן בייגל... איר האָט מיך פארשטאנען?..

— געוויס, הער לײַנארד! — האָט אויסגעשריגן מאקס און זיך געוואָלט אים ווארפן אפן האלדז, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג. — איך שווער אײַך באם לעבן, אז איך וועל זיך באמיִען מיט אלע קויכעס, ביזן לעצטן אָטעם זיך אָפּגעבן דער קונסט, זיך לערנען, שטודירן...

זיגפריד לײַנארד איז צוגעגאנגען צו א קליינוווּקסיקן, געזעצטן פאר־שוין מיט א זויערער גרימאסע אפן פלײשיקן, פולן פּאָנעם און גרויסע ברילן אף דער קורצער נאָז, וועלכער איז געזעסן די גאנצע צײַט באם טיש מיט א גלײַכגילטיקן אויסזען און עפּעס געקײַט:

— נו, בערגלייטער, האָסט געהערט, ווי דער יונג האָט געלייענט? דו שטעלסט זיך פאָר, ווי ער וועט שפּילן, ווען ער וועט ענדיקן אונדזער סטו־דיע? סארא ריינע שפּראך, א דיקציע! גאנץ פארשטענדלעך, אונדז וועט אויסקומען מיט אים גוט ארבעטן, צען שוויסן זאָל פון אים אָפּגיין. ער, זעט אויס, איז דערוף פייִק... ער איז, דאכט זיך, אפילע פייִק לײַדן דיך, בערג־לייטער. איך גלייב, אז דאָס וועט אמאָל זײַן א שײַנדל פון אונדזער טעא־טער... און דו?

דער געהילף־רעזשיסער קורט בערגלייטער, האָט זיך שיִר ניט דער־וואָרגן מיטן ביסן. זײַן פארמעט־פּאָנעם האָט זיך פארקנייטשט. ער האָט אראָפּגענומען ניט געאײַלט די מאסיווע ברילן פון דער נאָז, אויסגעווישט זיי מיטן נאָזטיכל און פון זיך ארויסגעקוועטשט:

— איך גלייב ניט אין ניסים און גלייב ניט אין ליבע פונעם ערשטן בליק. מיר שײַנט, אז דו שאצט איבער...

— וואָס, איך שאץ איבער? — איז אופגעבראכט געוואָרן זיגפריד. — דו זעסט ניט, אז מיר האָבן צו טאָן מיט א טאלאנט? דו ווייסט, אז איך וואַרף זיך ניט מיט אזעלכע עפּיטעטן...

קורט בערגלייטער האָט אײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, ווי ער

זאָל זיך היטן פאַר א קלאַפּ, אָנגעטאָן די ברילן, געכאַפּט פון דער גרויסער וואַזע א רויטן עפּל און פון אים געגומען רײַסן שטיקער מיט די גרויסע שיטערע ציין:

— מע דאַרף זײַן רעאַליסטישער, זיגפריד, מיר שײַנט, אַז מאַכן פון א בעקער אַן אַקטיאָר, און דערצו נאָך א גוטן, איז אַן אוטאָפּיע... דערצו נאָך, דאַרף מען געדענקען, אַז פילײַכט קאָנען מיר זיך באַגיין אָן אים. מיר האָבן גענוג אַקטיאָרן...

זיגפריד האָט מיט זײַן שאַרפן בליק געעגבערט קורטן:

— וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? איך זע, אַז דיך פרייט ניט דער מענטש? צי עפּשער ביסטו פאַרביטערט, וואָס איך האָב אַרויסגעטריבן דײַן קורצן און שמערלינגן? דו לעבסט איבער?

זיך עטוואָס באַרויִקט, האָט לײַנאַרד צוגעגעבן:

— איז אָט וואָס, בערגלייטער, פאַרשרײַב דעם מענטשן אין צעטל פון דער טעאַטער־סטודיע. כּוץ דעם, וועל איך מיט אים פּערזענלעך לער־נען, שטודירן...

בערגלייטער האָט געענדיקט אַרומהריזען פון אַלע זײַטן דעם עפּל און גלײַכגילטיק געענטפערט:

— דאָס איז דײַן רעכט, זיגפריד, נאָר איך פאַרשטיי ניט, וואָס אײַלסטו? איך זע ניט קיין לאָגיק אין דײַן אומדערוואַרטן באַשלוס. אין סטודיע זײַנען בא אונדז קיין וואַקאַנסיעס נישטאָ לאַכלוטן. זאָל דער יונגערמאַן קומען אין האַרבסט, ווען מיר וועלן מעלדן א קאָנקורס. ער וועט אויסהאַלטן, וועלן מיר זען...

— דעם קאָנקורס האָט ער שוין אויסגעהאַלטן!

— נו, מײַלע, זאָל זײַן, ווי דו פאַרלאַנגסט, זיגפריד. נאָר קיין סטי־פּענדיע איז פאַר אים נישטאָ...

— פאַר וועמען נישטאָ, און פאַר אים איז דאָ! — האָט אַן אופגערעגטער איבערגעשלאָגן לײַנאַרד. — און אויב ס'וועט ניט זײַן, וועל איך פון מײַן געהאַלט אים אויסטיילן א סטיפּענדיע. דו ביסט קאַלט געוואָרן, ווי א פראָש, בענעגייע אונדזער טעאַטער. ביסט גלײַכגילטיק צו עכטע טאַלאַנטן.

א קוק געטאָן אויף די קאָלעגן, האָט זיגפריד געמאָלדן:

— איר האָט אַלע די ערע זיך באַקענען מיט א שילער פון אונדזער סטודיע. און איך וועל אַלעמען בעטן אים העלפן אין אַלץ... אויב אַזוי, בעט איך אַלעמען אָנפילן די באָקאַלן, און מיר וועלן אויסטרינקען פאַר מאַקס קרייסלערן!

— איך בין אַזוי גליקלעך, הער לײַנאַרד. א גרויסן דאַנק!..

— דערווײַל איז נאָך פרי צו דאַנקען... — האָט געזאָגט זיגפריד, ווען אַלע האָבן אויסגעטרונקען. — הײַנט זײַנט איר פרײַ, נאָר אין דרײַ טעג אַרום וועט אײַך קורט בערגלייטער טעלעפאָנירן אהיים און מעלדן, ווען איר מוזט קומען שטודירן. לאָזט אים איבער אײַער שטוביקן טעלעפאָן־נומער...

א פאַרלוירענער שמייכל האָט א בלאָנקע געטאָן איבער מאַקס' פאַ־רויטלטן פּאָנעם.

— אנטשולדיקט, הער לײַנארד, לײדער קאָן איך ניט לאָזן דעם נומער. בא מיר איז קײן טעלעפאָן נישטאָ...

— וואָס? — האָט זיגפריד זיך פארוואונדערט. — ווי זשע קאָן מען אין בערלין לעבן אָן א טעלעפאָן? עס איז דאָך אומבאקוועם... נישקאָשע, לאָזט אים איבער אײַער שטוביקן אדרעס... קורט וועט אײַך צושיקן א בריוול.

מאקס האָט הילפלאָז אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— נישטאָ בא מיר קײן אדרעס. ביז איצט בין איך געלעגן אין קליניק. און איצט? איצט איז דאָך זומער, ווארעם. אין יעדער פארק זײַנען פאראן בענק, און עס איז דאָרטן ניט שלעכט איבערשלאָפן די נאכט... איך בין שוין דערצו צוגעוווינט... איך נעכטיק ווו עס מאכט זיך...

זיגפריד איז געבליבן שטײן געפלעפט. ביסלעכווײַז איז זײַן פּאָנעם געווארן ווײכער, א שמײכל האָט זיך אָפּ דעם באוויזן, און ער האָט אויסגעשריגן:

— אויסערגעוויינלעך! איז אָט וואָס פאר א יונג איז צו אונדז געקומען! זײַנט איר נאָך צו אלע צאָרעס אײַערע א הימלאזער. איר הערט, אָטעלאָ שלאָפט אף די בענק אין די פארקן און לעבט זיך א פרײלעך לעבן! — זיגפריד איז צוגעגאנגען נעענטער צו דעם פארלוירענעם באָכער, ארומגענומען, איבערגעגאן גוטברודעריש און פראָסט אף „דו". — ביסטו אינגאנצן, הײסט עס, אן אײנזאמער אין שטאָט, דערבײַ נאָך אָן א דאך? האָסטו קײנעם ניט?

— קײנעם ניט... אין די קארפּאטן, אין קאָוואליוקע, לעבן מײַנע עלטערן. דאָ האָב איך גוטעפרײַנט, באקאנטע, נאָר איך בין דאָ עלנט...

— און איך בין עלנט, ווי דו... — האָט זיגפריד פארזאָרגט ארויסגעבראכט. — וואָס זשע זאָל איך מיט דיר טאָן, מאקס קרײסלער, אָטעלאָ! דו זעסט מײַן געצעלט? — האָט ער א ווײַז געטאָן אפן גרעמען הויז, — אויב דיר געפעלט דאָ, קאָנסטו פארבלײַבן דערווײַל בא מיר. דאָ איז פאראן גענוג אָרט...

גענומען מאקסן פאר דער האנט, האָט ער זיך געלאָזט מיטן גאסט אפן צווײטן שטאָק מיט די געשניצטע הילצערנע טרעפּ. ארײַנגעפירט אים אין א גרעמען צימער, וואָס איז געווען פארשטעלט מיט שראנקען ביכער, באהאנגען מיט פארביקע בילדער, מיט יעגער־טראָפײען, האָט ער געפרעגט:

— נו, עפשער וועט דיר דאָ זײַן באקוועם, ביטע שײן, אָרדן זיך אײַן, ווי בא זיך אין שטוב... דו האָסט, דאכט זיך, ליב לײענען, איז מײַן גאנצע ביבליאָטעק פולקאָם אין דײַן רעשוס.

— צוליב וואָס גיט איר מיר אזא וווּנדערלעכן צימער? גיט מיר א ווינקל אפן בוידעם. צוליב וואָס נוצט מיר אזא צימער, איך בין נאָך אין אזא פּאלאץ קײנמאָל ניט געשלאָפן...

— מע טאָר ניט זײַן קײן עגאָיסט, — האָט א שמײכל געטאָן זיגפריד, — די בענק אף די בולווארן און וואָקזאלן דארפט איר אָפּטרעטן עמעצן אנדערש. יענע האָבן אויך ליב פרישע לופט... דערווײַל מעגט איר זיך אָפּרוען. מיטיק עסן מיר פונקט זעקס. אָוונט־ברויט—עלף, פרישטיק —

אויך עלף. פארגעדענקט. רעכטס איז דער וואנע־צימער, וואשט זיך ארום. אין יענעם שראנק איז פאראן אָנטאָן — ביטע, טוט זיך גלײַך איבער. אײַערע קליידער קאָנט איר אָפּגעבן אף טאָמיד אין לאָמבארד. און נאָך איין באקאָשע — איר זאָלט לעבן בעשאָלעם מיט מײַן עמיל שולץ. ער איז א גוטער מענטש...

געגעבן דעם גאסט נאָך איניקע אייצעס, האָט זיגפריד לײַנארד זיך אומגעקערט צו זײַנע קאָלעגן.

מאקס איז געבליבן שטיין איינער אליין אין דעם פרעכטיקן צימער, און א פּאכעד איז אים באפאלן. אים האָט זיך נאָך אלץ ניט געגלייבט, אז דאָס אלץ איז ניט קיין כאָלעם: „דער רועך זאָל דיך נעמען, נארישער מאמזער! זע נאָר, וווהין עס האָט דיך פארטראָגן דײַן שטיקל מאזל. און דיר האָט זיך שוין געדוכט, אז דער הימל איז אף דער ערד! ווען עס זעט עס דער טאטע, שימשן־האגיבער, עסטערקע — וואָס וואָלטן זיי גיזאָגט? און ווען עס דערוווסט זיך וועגן דעם אָסקאר שאפּיראָ — יענער וואָלט געפּלאצט פאר קינעו!“

מאקס האָט זיך געכאפּט, אז דאָרטן, אפן ראָג גאס, ווארט דאָך אף אים פרידע. וואָס קער זי דאָרט איבערטראכטן?

ער האָט זיך פּאָרזיכטיק אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, ארויסגעגאנגען אין סאָד און מיט דער אליי זיך געלאָזט צום ארויסגאנג. פונעם שטיבל, וואָס באם פארקן, איז ארויסגעגאנגען עמיל שולץ. א קוק געטאָן אף דעם אומבאקאנטן באזוכער, האָט ער זיך אף אים צעשריגן:

— היי, דו, וואָס שלעפּסטו זיך דאָ ארום? ווער האָט דיך אהער ארײַנגעלאָזט? פארוואָס קריכסטו אהער אָן מײַן דערלויבעניש? — און, צוקוקנדיק זיך צו אים בעסער, צוגעגעבן: — איך דערקען דיך, טײַוול... דאָס האָסטו מיך אמאָל אָפּגענארט, אז דו ביסט זיגפרידס א פּלעמעניק? ווידער קריכסטו אהער?

מאקס האָט זיך פאנאנדערגעלאכט, צוגעגאנגען צום גערטנער:

— הער שולץ, זידלט מיך ניט. מיר דארפן מיט אײַך ווערן פרײַנט. זיגפריד האָט באפוילן, מיר זאָלן זיך מיט אײַך לעבן גוט, זיך ניט קריגן! — מאקס האָט ארומגעכאפּט עמילן און א קוש געטאָן. יענער האָט אף אים א קוק געטאָן, ווי אף א מעשוגענעם, פארהויבן דאָס שטעקל:

— נו, נו, פארנעם זיך פונדאנען מיט גוטן! איך האָב ניט ליב שפּאסן. אויב דו וועסט זיך אהער נאָכאמאָל ארײַנרײַסן אָן א דערלויבעניש, וועל איך דיר איבערברעכן די פיס...

— מע האָט זיי מיר שוין איין מאָל געבראָכן! — האָט זיך צעלאכט מאקס, ארויסגעלאָפן אף דער גאס און זיך געלאָזט צום ראָג, ווו עס איז געשטאנען א בלאסע, א דערשלאָגענע דאָקטער פרידע.

ער איז צוגעלאָפן צו איר, קוים כאפּנדיק דעם אָטעם. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט. אירע אויגן זײַנען געווען פול מיט טרערן. זי האָט ניט געקאָנט ארויסברענגען א וואָרט. ניט שעמענדיק זיך פאר די פארבײַגייער, האָט מאקס זי ארומגענומען:

— וויין ניט, טײַערע מײַנע. אַלץ איז גוט! מײַן טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. איך בין אַזוי גליקלעך...

— דו זאָגסט דעם עמעס? — האָט זי אים לײַכט אָפּגעשטויסן און, קוקנדיק אויף זײַן שײַנענדיקן געזיכט, פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע איז איבעריק. זי האָט דערפילט, ווי אַ שווערער שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן.

זיי זײַנען געשטאַנען אַן אַ זײַט פונעם טראָטואַר, געשוויגן, געלאַכט און געוויינט. פאַרבײַגייער האָבן געקוקט מיט מאָדנע אויגן אויף דעם פּאָרל און ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז מיט זיי געשען.

פרידע און מאַקס וואָלטן דאָס אויך ניט געקענט דערקלערן. דאָס מיידל איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן־אַפּאַראַט אַנקלינגען אין קליניק עריך שטוטבאַכן, אים אָנזאָגן די גוטע בשורה און זיך אַנטשולדיקן, וואָס זי פאַרהאַלט זיך אַזוי לאַנג.

מאַקס קרייסלער איז געשטאַנען נאָך אַלץ אַ צעטומלטער און געטראַכט: „הער נאָר, אַזויפיל גליק מיטאַמאָל! ווי קומט עס גאָר צו מיר, דעם שלימשלימאַזל? ניט אַנדערש, אַז עס איז נאָך פאַראַן יושער אויף דער וועלט!“

די שפּיל הייבט זיך אָן

די ידיעה וועגן דעם, אַז זיגפריד לײַנאַרד האָט גענומען צו זיך אין טעאַטער אָן שום קאָנקורס, אָן עקזאַמענעס עפּעס אַ פּראָווינציעלן אָרעמען יונג, אַ בעקער, וואָס איז אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, געקומען קיין בערלין פון אויסרײַסעניש, אַ צעדרייטער, וואָס איז געשלאָפן אויף די וואָקזאַלן, אין די פּאַרקן, — האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער שטאָט מיט דער שנעלקײַט פון אַ בליץ.

דאָ האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אַ סטאַרע געטאָן קורט בערגלייטער. דער איז פון אַלע צײַטן אַ בעריע אויף סענסאַציעס.

מענטשן האָבן געקײַט די אומגעוויינלעכע נײַס אויף יעדן טריט און שריט. אין טעאַטער האָט מען זיך געשטיקט פון געלעכטער.

— נו, אוואַדע, ווער זשע ווייסט עס ניט, — האָט מען געטײַנעט, — זינט דאָס ווײַב האָט אים אָוועקגעוואָרפן, זיגפרידן, גייט ער אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען! פון מעשוגאַס ווייסט ער שוין אַליין ניט, וואָס מע טוט!

— דאָס איז אַ נײַער שפּאַס פון דעם באַרימטן שוישפּילער. גרויסע מענטשן האָבן ליב אויף דער עלטער שפּאַסן...

נאָך גרעסער איז געוועזן דער טומל אין טעאַטער, ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אַז לײַנאַרד האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב, דעם היימלאָזן בעקער, און ער וועט מיט אים גרייטן די ראָל פון אָטעלאָ. ניט אַנדערש, ווי ער וויל אַרויסשטעלן די טרופּע אויף כויזעק. אומפאַרמײַדלעך — באַרימטע מענטשן, אַז זיי ווערן אַלט, קומט זיי אין קאָפּ פאַרשיידענע מעשוגאַסן. דער וועלט־באַרימטער פיזיקער שעמט זיך ניט אַרומגיין איבער פרידריכ־

שטראסע אין צעריסענע סאנדאלן, אין א צעפיצלטן אלטן סוועטער, מיט א ניט געקעמטער קוטשמע האר...

זיגפרידן האט דאס אלץ ווייניק וואס געקימערט. אזוי ווי ער האט צוגע־זאגט, האט ער אפן צווייטן טאג גענומען שטודירן מיט זיין טאלמיד און אים אפגעגעבן זיין גאנצע פרייע צייט.

קומענדיק איינמאל אף דער ארדנטלעכער רעפעטיציע, האט אים עמע־צער ארייַנגערוקט אין קעשענע פון מאנטל אן אנאנים בריוול, פון וועלכן זיגפריד האט זיך געקאנט דערוויסן, אז מאקס קרייסלער איז א בארימטער אוואנטיוריסט, ער איז קיינמאל קיין בעקער ניט געווען און דולט זיגפרידן א מויעך. דאס איז ניט מער, ווי אן אומגעזעצלעכער זון פונעם בארימטן אווי־טאמאביל־מאגנאט קרייסלער. ער האט באגאנוועט זיין פאטער, דערנאך גע־קומען קיין ווארשע און דארט בארויבט די באנק, די פאליציי זוכט אים אור־מעטום און קאן ניט כאפן...

נאך א גאנצע ריי זייער פיקאנטע געשיכטעס האט זיך זיגפריד דערוווסט פון דעם בריוול וועגן זיין שילער. זייער אפט האט אים אופגעוועקט פון שלאף דער טעלעפאן, און זיגפריד האט געהערט פרעכע, שיקערע שטימען, מע האט אים געווארנט, ער זאל זיך גיכער אפזאגן פון זיין מעשוגענעם בע־קער... מע האט אים געדראעט, געזידלט מיט די לעצטע ווערטער.

די אלע פאנטאסטישע געשיכטעס, כוליגאנעריי האבן ניט געמאכט אף ליינארדן קיין איינדרוק, ארויסגערופן בלויז געלעכטער און עקל. ער האט נאך מיט מער פלייס געארבעט מיט קרייסלערן און מער וועגן גארניט ניט געוואלט וויסן.

„אויב מאקס איז אלעמען אזוי גרויס אין די אויגן, — האט געטראכט זיגפריד, — איז א סימען, אז דאס איז אן עכטער טאלאנט, ער האט שוין א סאך ניט־פארגינער. זאל מען פלוידערן! דאס אלץ איז שוין באוווסט. די ניט־פארגינער און קליינלעכע מענטשעלעך זיינען ניט אריגינעל און ניט דערפינדעריש. ווען איך האב דא אנגעהויבן מיין שפעערישן וועג, איז געווען דאס זעלבע...“

זיגפריד האט ארויסגערופן עמיל שולצן און אים באפוילן — אים און דער סעקרעטארן זיינער פון טעאטער, — מע זאל פארברענען אלע אנאני־מע בריוולעך און זיי אפילע ניט לייענען, רופן אים צום טעלעפאן בלויז, ווען עס וועלן קלינגען באקאנטע און אנרופן זייערע נעמען. עס איז דאך אומעג־לעך צו ארבעטן!

דערווייל זיינען געגאנגען וואכן און כאדאשים פון אנגעשטרענגטער הא־רעוואניע. מאקס קרייסלער האט ניט געהאט קיין צייט זיך ארומקוקן. גאנצע טעג אין סטודיע, און פארנאכט האט מיט אים זיך פארנומען ליינארד. ער האט ניט געזשאלעוועט אף זיין שילער קיין צייט און קיין קויכעס. ער האט אים געלערנט מיט גרויס פארגעניגן, זיך אלץ מער געוווּנדערט, ווי שנעל דער באכער באהערשט די נייע און שווערע מעלאכע זיינע. אף דעם, וואס אנדערע קומט אויס פאטערן כאדאשים, מאכט עס דורך דער בעקער פון קאלאמייע פאר געציילטע טעג. אלץ אינטערעסירט אים, אלץ פלייסט ער

זיך דערוויסן. ביז טאָג לעשט זיך ניט אויס די שײַן אין זײַן פענצטער. דאָס שווערע לעבן, וואָס מאַקס האָט דורכגעמאַכט, האָט אים, דאַכט זיך, געהאָלפן טיפער און גרינגלעכער באַנעמען די גרויסע פּראָצעסן און ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין לעבן. זײַן דערפאַרונג האָט אים געהאָלפן טיפער א קוק טאָן אין די נעשאָמעס פון די געשטאַלטן, וועלכע אים וועט אויסקומען באַווײַזן אף דער בינע.

אַלע סאָנים אף צעפּיקעניש, האָט זיך געוואָלט זיגפרידן וואָס גיכער צוגרייטן זײַן אומגעוויינלעכן טאַלמיד, אים אַרויסלאָזן אף דער בינע, אַלעמען דערווײַזן, אף וואָס איז פייִק אַן עכטער טאַלאַנט, וואָס שאַנעוועט זיך ניט, איז איבערגעגעבן זײַן טרוים, אף וואָס איז פייִק א פּאָשעטער פאָלקסמענטש, וואָס האָט פאַרזוכט אין לעבן קאַלטס און וואַרעמס.

מיט יעדן טאָג האָט זיך לײַנאַרד אַלץ מער געגרויסט מיט זײַן ליבלינג און געווען העכסט צופרידן, וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט אין זײַן אויסוואַל, וואָס יענער האָט אים ניט אונטערגעפירט.

אָבער ניט אַזוי גיך טוט זיך דאָס, ווי עס רעדט זיך!

א סאַך צײַט איז אַוועק, ביז זיגפריד לײַנאַרד האָט באַשטימט, אַז מע קאָן שוין אַרויסלאָזן אף דער בינע זײַן שילער. מע וואָלט מאַקסן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט דערווײַל געבן אַן עפּיזאָדישע ראָל צום ערשטן מאָל און זײַן רויִק. אַן עכטן טאַלאַנט דערקענט מען אויך אין א קלייניקער ראָל. נאָר דאָס איז שוין פאַר דעם לערער געווען א פראַגע פון אַמביציע — אף צולאָכעס אַלע פײַנשמעקער, ניט־פאַרגינער, וועט ער פאַרטרויען קריסלערן אף זײַן דעביוט גראַדע די ראָל פונעם ווענעציאַנער מאַוור, אָטעלאָ. אין ערגסטן פאַל, וועט ער, זיגפריד, אַליין אויספילן די ראָל, אויב ער וועט דערזען אין דער לעצטער מינוט, אַז בא מאַקסן איז נאָך ניט אַלץ גרייט.

פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן גראַדע אָט די טראַגעדיע, דאָס איז לײַנאַרדן אויך ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. מאַקס, א יונגער מענטש, וואָס פאַרשטייט ער אינעם מאַוורס ליידן? פאַרוואָס פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אף דער טראַגעדיע, זיגפריד? עפּשער דערפאַר, וואָס דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ווער־ווער, נאָר מאַקס וועט גוט שפּילן. ער האָט דאָך אים געלייענט אין יענעם ערשטן פרימאָרגן א מאָנאָלאָג און אים געפלעפט. און, מעגלעך, זיגפריד האָט גענומען די טראַגעדיע, ווײַל זי האָט אַנטשפּרעכט, ווי קיינמאָל, זײַן, זיגפרידס, געמיט?

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר לײַנאַרד איז געווען איבערצײַגט, אַז די ראָל איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר זײַן שילער, כאָטש אייניקע קאָלעגן זײַנע האָבן מיט פינע אף די ליפּן געטײַנעט און באַמיט זיך דערווײַזן, אַז דאָס איז געפערלעך ניט נאָר פאַרן דעביוטאַנט, נאָר אויך פאַרן טעאַטער, פאַר זיגפרידס פּרעסטיזש.

אין יענע שווערע טעג, ווען די פרוי איז אַוועק פון זיגפרידן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ איימע און גלײַכגילט, אַז אים האָט זיך געדאַכט — ער וועט שוין קיינמאָל ניט קומען צו־זיך. איצט האָבן זיך אַלע געוווּנדערט: די צופעליקע באַגעגעניש און די אַרבעט מיט דעם פּראָווינציִעלן באָכער האָט

ווי אופגעוועקט לײַנארדן פון א שרעקלעכן שלאָף. עס האָט זיך אין אים ווידער דערוואכט אן עכטער אינטערעס צו דער ארבעט, צו דער קונסט. ווי שנעל ער האָט זיך עס באפרײַנדעט, אָט דער שטרענגער, א ביסל קאפּריזער קינסטלער מיטן יונגן בעקער פון קאָלאָמייע! מאקס׳ שווערער גורל און דאָס, וואָס עס האָט זיך געטומלט ארום אים, האָט זיגפרידן געשטויסן, ער זאָל מיט גאָר אנדערע אויגן א קוק טאָן אפן איצטיקן לעבן, אפן ארום, אף דער קאָמפּליצירטער ווירקלעכקײַט, אף די גרויסע שטרײַטן, וואָס קומען פאָר אין לאנד. אין מאקס׳ פּערזאָן האָט דער קינסטלער געפונען ניט בלויז א טאלאנטפולן יונגן שוישפּילער, א מענטשן מיט א גרויסער צוקונפט, נאָר אויך א הארציקן און קלוגן כאווער און פרײַנט. און ער האָט ניט איין מאָל געקלערט: ווי פּוסט און אומעטיק וואָלט אויסגעזען זײַן שיינע, פּרעכטיקע ווילע, זײַן לעבן, ווען באנאנד זאָל ניט זײַן אָט דער באָכער!

די אָנגעשטרענגטע ארבעט אף זײַן ערשטער גרויסער ראָל, די לימודים אין סטודיע האָבן מאקסן אזוי אײַנגעשלונגען און פארכאפּט, אז ער האָט ניט געהאט קיין צײַט זיך ארויסכאפּן אף דער ליכטיקער שײַן, זיך באגעגענען אן איבעריק מאָל מיט פרידען. זי האָט עס אויסגעצייכנט פארשטאנען און זיך באמיט אים ניט שטערן, כאָטש עטלעכע מאָל אין טאָג האָבן זיי זיך דאָך דורכגעשמועסט דורכן טעלעפאָן. פרידע האָט די גאנצע צײַט געלעבט אויסשליסלעך מיט זײַנע דערפאָלגן און דורכפאלן און מיט אומגעדולד געוואַרט אף יענעם טאָג, ווען ער וועט שוין ארויסגיין אף דער בינע.

פרידע איז, קענטיק, געווען שטארקער באומרויִקט, ווי מאקס אליין. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וויִאזוי וועט אים באגעגענען דער קאפּריזער און שטרענגער בערלינער צושויער. זי האָט זיך געכידעשט, לעמײַגיט אים זיגפריד פון סאמע אָנהייב אזא שווערע ראָל. צי דען האָט ער פארגעסן, אז פון מאקס׳ ערשטן אופטריט, פון זײַן ערשטן דערפאָלג אָדער דורכפאל, איז דאָך אָפּהענגיק זײַן צוקונפט...

און דאָך האָט פרידע זיך אײַנגיכן בארויִקט. זיגפריד ווייסט בעסער פאר איר, וואָס ער טוט. מאקס׳ דערפאָלג איז דאָך אײנצײַטיק אויך זיגפרידס דערפאָלג, פּונקט ווי דער דורכפאל איז דער דורכפאל פונעם בארימטן לײַנארד!

* * *

געוויס איז געווען טויזנט מאָל גערעכט זיגפריד לײַנארד, ווען ער האָט ניט איין מאָל געוואָרנט זײַן שילער, אז אין טעאטער, ווי ביכלאל אין דער קונסט, איז ווײַט ניט קיין גאניידן, אז א מענטש, וואָס פארבינדט זײַן גורל מיט טעאטער, קאָן ניט אויסרעכענען אף שטילער, רויִקער עקזיסטענץ...

אָפט פלעגט זיך מאקסן דוכטן, אז דער גאנצער קנויל רעכילעס, אינטריגעס, קינע, אייפער, סינע, פײַנטשאפט און אנדערע פײַנע זאכן פון דעם מין האָט זיך ארײַנגעקײַקלט אהער, אין טעאטער, און מע קאָן עס בעשום־אופן ניט ארויסטרײַבן.

אָפּט האָט מען געקאָנט פֿאַרגלײַכן דאָס לעבן הינטער די קוליסן מיט אַן אופֿגערודערטן בינשטאָק, אַ מורעשקע־נעסט, אַן אַנדערשמאָל — מיט אַ פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע, בעשאַס עס דערהערט זיך אַן אַליאַרעם און, אומ־וואַרפֿנדיק אײנער דעם צווייטן פֿון די פֿיס, שטויסנדיק זיך מיט די עלנ־בויגנס, לויפֿט יעדער אײנער פֿאַרכאַפּן זײַן אָרט...

אַזעלכע געדאַנקען זײַנען געקומען מאַקסן אין קאָפּ, ווען מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער גענעראַלער רעפּעטיציע...

אוואַדע איז טויזנט מאָל גרינגער געווען שטיין בײַ די אויוונס אין פּאַני זשיכלינסקאַס בעקערײַ אָדער אַפֿן וואָקזאַל באַם אויסלאָדן וואַגאָנעס מיט געהילץ. דאָ, אין טעאַטער, האָט אים ניט אַזוי געמאַטערט די אַרבעט, ווי דער טומל, וואָס האָט זיך אָפּסנײַ אָנגעהויבן אַרום זײַן באַשײדענער פּערזאָן, ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אַז מאַקס וועט שפּילן אָטעלאָ. די אָפּענע און פֿאַרשטעלטע סאָנים האָבן געשיפּעט, ווי די שלענג. קורץ און שמערלינג, וועלכע האָבן איצט געאַרבעט בײַ די דעקאָראַציעס, ווי אויך קורט בערגלײ־טער, האָבן זיך צו אים העפֿלעך געגריסט, מיט כניפּע אונטערגעשמייכלט, נאָר מאַקס האָט גוט געפֿילט, ווי עס ברענט אין זײ די סינע. ער האָט פֿאַרשטאַנען, ווי גליקלעך זײ וואָלטן געווען, ווען ער פֿאַלט דורך!

מאַקסן איז שווערער געוואָרן אָפּשווײַגן, ווען ער האָט געהערט די פּלאַ־כע וויצן און אַנעקדאָטלעך, וואָס ניט־פֿאַרגינער האָבן אים אונטערגעטראָגן. אַלץ אָפֿטער האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען די קינדהײַט און די יאָרן אין שול, ווען ער פֿלעגט גלײַך אַפֿן אָרט דערלאַנגען אויסגאָב... עמעס, ער האָט ניט געוואַגט לאָזן די פֿויסטן אין גאַנג — פֿאָרט ניט קיין קאָוואַליוקער בויאַן, נאָר אַן אַקטיאָר פֿונעם באַרימטן לײַנאַרד־טעאַטער אין בערלין!

אײן זאַך האָט אים געמאַטערט מער פֿון אַלץ — פֿאַרוואָס ציט זיך אַזוי די צײַט? עס וועט אַמאָל קומען די שאָ, ווען ער וועט אַרויסגײן אַף דער בינע?

ענדלעך, האָט די שאָ געשלאָגן. מאַקס האָט זיך דערוואַרט!

די גענעראַלע רעפּעטיציע איז געווען געמאָלדן אַף עלף באַנאַכט, נאָכן ספּעקטאַקל.

מאַקס איז דעם פֿאַרנאַכט געקומען אין טעאַטער פֿרי. עס האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן דער דריטער אַקט, און לײַנאַרד איז נאָך געווען אַף דער בינע. זיך פֿאַרקליבן אַף דער גאַליאָרקע, האָט דער באָכער אומרויִק געשפּירט, ווי עס שפּילט זײַן לערער. ער איז אים מוירעדיק מעקאַנע געווען, וואָס ער קאָן זיך האַלטן אַזוי רויִק און פֿעסט, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז שטענדיק איז זיגפֿריד ניט אַזוי רויִק אַף דער בינע, ווען ער שפּילט, ווי עמעצן קאָן זיך דוכטן. ווער־ווער, נאָר מאַקס האָט איצט גוט פֿאַרשטאַנען, וויפֿל געזונט, וויפֿל נעשאָמע לייגט אַרײַן דער גרויסער אַקטיאָר אין יעדער ראָל, וואָס ער שפּילט. די לײַכטקײַט, אויסערלעכע רויִקײַט און פּראָסטקײַט האָט זיך אים געגעבן דורך גרויסער, אָנגעשטרענגטער האָרעוואַניע.

און ער, מאַקס, וועט זיך אויך ניט זשאַלעווען, ער וועט זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער ראָל.

דאָך, קוקנדיק, ווי עס שפילט דער לערער, האָט זיך מאקסן געדאכט, אז ער, מאקס, איז נאָך אזוי קליין און נעבעכדיק. א שרעק האָט אים ארומגעכאפט. יאָ, זייער שווער איז ארויסגיין אף דער בינע פאר אזא גרויסן אוילעם, אזא פארשיידנארטיקן, און אים געפעלן ווערן. מוירעדיק שווער געפינען מיטן זאל קאָנטאקט, צווינגען, מע זאָל זיך צוהערן צו דייַן וואָרט. נאָר אז דו דערגרייכסט דאָס, ביסטו, דאכט זיך, דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. ווי שווער וועט זייַן מאקסן געפעלן ווערן דעם אוילעם נאָך דעם, ווי די ראָל האָט הונדערטער מאָל אויסגעפילט זיגפריד לייַנארד! צי וועט מאקס קאָנען עפעס צוגעבן נייַס, זיך ניט איבערכאזערן? פונעם געדאנק אליין, אז ער וועט נאָך זיגפרידס טריומפאלע ארויסטרעטונגען אין דער ראָל פון אָטעלאָ שפילן די זעלבע ראָל פאר אזא גרויסן אוילעם, האָט מאקסן געשלייַדערט אין קעלט און אין היץ! ער מוז אָבער גויווער זייַן אין זיך די שרעק, נעמען זיך אין די הענט. דעם ערשטן טראָט וועט ער דאָך אמאָל מוזן מאכן!

די צייַט גייט זיך איר גאנג, און ווערסט זי ניט אָפשטעלן. און דאָס איז בעסער. אינגיכן וועט זיך ענדיקן דער ספעקטאקל, די צושויער וועלן פארלאָזן דעם זאל, די אקטיאָרן, וואָס זייַנען ניט פארנומען אין דער רעפעטיציע, וועלן זיך פאנאנדערגיין, און מאקס קרייסלער וועט גיין א פרווו טאָן זייַנע קויכעס...

ער האָט ניט געוואַרט ביזן סאָף און זיך ארויסגעלאָזט הינטער די קוליסן. מע דארף זיך גרימירן, איבערטאָן.

אן אָנגעשטרענגטער און שוויַיגנדיקער, איז ער געזעסן פארן שפיגל און געקוקט, ווי געניטע הענט ענדערן אינגאנצן זייַן אויסזען און ער ווערט ענלעך אף דעם בארימטן מאוור.

אינגיכן האָבן זיך אהער דערטראָגן רוישיקע אפלאָדיסמענטן פונעם זאל, דאָס האָט דער אוילעם אופגענומען זיגפריד לייַנארדן. אין עטלעכע מינוט ארום איז זיגפריד ארייַנגעקומען אהער, א פארמאטערטער, פארשוויצטער און אויסגעשעפטער. עמעצער האָט אים אונטערגעטראָגן א גלעזל קאווע, און ער האָט גערן גענומען זופן, שפירנדיק נאָך זייַן שילער, וועמען מע האָט געענדיקט גרימירן און פארפוצן.

זיגפריד האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים, אָנגעהויבן טרייַבן קאטאָוועס, לאכן, ער האָט געוואָלט, אז מאקס זאָל ניט זייַן אזוי אָנגעשטרענגט, ער זאָל זיך פילן פרייַער, נאטירלעכער. לייַנארד האָט מיט מאקסן איצט גערעדט וועגן אלץ, נאָר ניט וועגן זייַן אופטריט, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט אונטערשטרייַכן, אז די ארבעט איבער דער ראָל איז שוין לאנג פארענדיקט, און ער, זיגפריד, האָט, הייסט עס, ניט געצווייפלט, אז ס׳דארף זיך גלענצנד באקומען.

כאָטש דער קורצער געשפרעך מיט לייַנארדן, די ווערטלעך און וויצן האָבן מאקסן בארויִקט, נאָר ער האָט דאָך געפילט א מאָדנעם אינערלעכן פאכעד... זעט אויס, אזא געפיל וועט שוין בא אים זייַן שטענדיק פארן אופטריט אף דער בינע. אנומלטן האָט אים זיגפריד דערציילט, אז אפילע ביז

איצט איז ער נאָך אומרויִק שטענדיק פאַרן אַרויסגיין אויף דער בינע, כאָטש ער פילט זיך דאָרט ווי בײַ זיך אין דער היים.

דער איקער — זיך האַלטן אין די הענט, זיך ניט פאַרלירן אין די שווערסטע מאָמענטן.

* * *

און אָט איז שוין מאַקס קרייסלער גרייט. מע קאָן אים שוין ניט דערקענען. אַן עכטער מאַוור! ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן צימער, זיך פאַרקליבן אין אַ ווײַט ווינקל הינטער די קוליסן און שטילערהייט געגומען איבערכאַזערן די ערשטע פראַזן, וועלכע ער וועט דאַרפן אַרויסברענגען. ער האָט זיך אויסגעשלאָסן פונעם גאַנצן אַרום, אַרײַנגעטראָטן אין זײַן ראָל, קיינעם און גאָרניט פאַר זיך ניט געזען. ער האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר און מיט אומגעדולד געוואַרט, מע זאָל אים אַ רוף טאָן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז הײַנט, אײגנטלעך, ווערט געלייזט ענדגילטיק זײַן גורל. מע דאַרף זיך אָנעמען מיט מוט. די וועלט שטייט אויף אים, און ער טאָר ניט אונטערפירן ניט זיך, ניט זײַן וווּנדערלעכן לערער!

איין זאַך איז שלעכט, וואָס אים וועט הײַנט אויסקומען שפילן פאַרן פוסטן זאַל. זיגפריד האָט פאַראָרדנט קיינעם ניט אַרײַנלאָזן אויף דער גענעראַלער רעפּעטיציע. קיין איין זײַטיקער מענטש וועט דאָ ניט זײַן! אים וועלן הערן בלויז די ווענט און די אַקטיאָרן, וואָס וועלן שפּילן מיט אים, די אָנטיילנעמער אין דער פאָרשטעלונג.

אויף דער בינע זײַנען געגאַן די לעצטע צוגרייטונגען. קורץ און שמערלינג האָבן געהאָוועט, זיי האָבן געוואָלט פאַר זיגפרידן זיך אויספּײַנען, ווײַזן, אַז זיי זײַנען, קלוימערשט, שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט באַם צונויפשטעלן די דעקאָראַציעס. עפּשער וועט באַם שעף אַ טיאָכקע טאָן אין האַרצן, ער זאָל זיך דערמאָנען, ווי אומגערעכט ער איז געווען בענעגייע זיי און זיי געצוווּנגען זיך פאַרנעמען מיט די דעקאָראַציעס... זיי האָבן זיך גענייגט צו מאַקסן, גראַטולירט מיט אַזאַ גרויסן טאָג אין זײַן לעבן... ער האָט אָבער, ווי טאָמיד, געפילט אין יעדער וואָרט זייערס, אין יעדער שמייכעלע — סינע און גיפט. דער געהילף־רעזשיסער קורט בערגלייטער האָט זיך אויך אַרומגעדרייט איבער דער בינע, אונטערגעטריבן, געשריגן, קאָמאַנדעוועט, מע זאָל גיכער ענדיקן. ער האָט פון מאָל צו מאָל געוואָרפן די בליקן אויף זיגפרידן, וועלנדיק אים באַווײַזן, ווי ער איז טרײַ דער זאַך... דערבײַ האָט ער ניט אויפגעהערט עפּעס קײַען — דאָס הייסט, ער איז אומרויִק, נערווירט שטאַרק. אַ קלייניקײַט, אַזאַ רעפּעטיציע!

דאָרט, אינמיטן גרויסן, טונקעלן און פוסטן זאַל, איז בײַ אַ קליין טישל, אויף וועלכן עס האָט געברענט אַ בלאָער אַבאַזשור, געזעסן זיגפריד, גערייכערט זײַן ציבעק און געוואַרט, עס זאָל זיך אָנהייבן די רעפּעטיציע.

קורט בערגלייטער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פון דער בינע, צוגעלאָפן מיט זײַן קאָמיש גענגעלע צו זיגפרידן, עפּעס געזאָגט אים, אויסגעהערט יענעמס לעצטע אָנווײַזונגען, צוריק אַוועק.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך איבערן זאַל צעהילכט דער דריטער קלונג, און דער בלויליכער שווערער סאַמעטענער פאָרהאַנג האָט זיך פּאַ־מעלעך אופגעהויבן.

עס האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פונעם אָרקעסטער. די טרומייטן האָבן פייערלעך אָפּגעהילכט, און די בינע איז גלייך באַשיינט געוואָרן און אופגעלעבט.

אָטעלאָ, א בלאַסער און אומרויִקער, איז געשטאַנען אין א זייט און זיך דורך א שפּאַרונע איינגעקוקט אף דער בינע, געשפּירט נאָך דער האַנדלונג. ער האָט אַלעמאָל געוואָרפן א בליק אפן זאַל, וווּ עס איז געזעסן זיגפריד און געררייכערט. מאַקס האָט גוט געוווּסט: אַז יענער רייכערט די גאַנצע צייט און נעמט ניט אַרויס פון מויל דעם ציבעק, איז דאָס א סימען, אַז ער נערווירט.

וואָס טראַכט ער איצט, זיגפריד, זיצנדיק איינגעבויגן, פאַרוואָרפן א פוס איבער א פוס? איז ער צופרידן, ווי עס גייט די רעפּעטיציע? לויט דעם, ווי ער האָט שוין צוויי מאָל זי אָפּגעשטעלט און געפאָדערט אָנהייבן פון אָנהייב, האָט מאַקס באַשלאָסן, אַז דער לערער זיינער איז ניט אינגאַנצן צופרידן דערמיט, וואָס עס קומט פאָר אף דער בינע. די שטימונג, זעט אויס, האָט עמעצער פון די אַקטיאָרן אים קאַליע געמאַכט.

אינגיכן, ווען מאַקס האָט געקוקט אף זיגפרידן און געטראַכט, האָט אים עמעצער אָנגענומען פאַר דער האַנט. ער האָט זיך אומגעקוקט און זיך באַגעגנט מיט בערגלייטערס אָנגעדראָלענעם פאַרמעט־געזיכט. יענער האָט צו אים א ווונק געטאָן, אַז באַלד איז זיין אופטריט.

מאַקס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין ווינקל, פרייער אָפּגעאָטעמט. אין דער רעגע איז דער פּאַכעד אינגאַנצן אָפּגעטראָטן פון אים. ער האָט אין זיך דערפילט אן איינזערנעם קויעך און אַנטשיידן, דרייסט, ווי א גוטער זעלנער, וואָס לאָזט זיך אין שלאַכט, אַרויסגעגאַנגען מיט זיין סוויטע אף דער בינע.

א טויטע שטילקייט אין זאַל. אין דער טונקלקייט האָט זיך אָנגעזען דאָס פייערל פון זיגפרידס ציבעק. דער לערער איז געזעסן, און פאַרביי דעם קנויל רויך האָט מען קוים אַרויסגעזען זיין ערנסט, אָנגעשטרענגט פּאָנעם. מאַקס האָט געפילט אף זיך דורכדרינגעוודיקע בליקן פון די אַקטיאָרן — פריינט און פיינט. אין א מינוט אַרום האָט א הילך געטאָן מאַקס' מעכטיקע, פעסטע שטים. יעדער וואָרט האָט ער אַרויסגעבראַכט אויסדריקלעך, נאַ־טירלעך, מיט שטאָלץ:

...עס וועלן די פאַרדינסטן מיינע פאַר דער סיניאָריע
באַצווינגען אים, אַז ווערן זאָל ער שטיל.
און אויב דער אַלטער שעמט זיך ניט דאָ אף א קאָל
זיך גרויסן מיט זיין יִיכעס, מעלדע איך פאַר אַלע:
עס פליסט אין מיר דאָס קייזערלעכע בלוט
און כ׳וועל דאָס היטל ניט אַראָפּנעמען פאַר אים —
איך בין זיין גלייכן!

מיט מײַן מישפּאָכע גרויס איך זיך, ווי מיט מײַן גוירל.
ווען כ׳וואָלט זיך ניט פאַרליבט אין דעזדעמאָנען,
כ׳וואָלט ניט פאַרפלאָגט מײַן פרײַ און גליקלעך לעבן
מיט קיין שום כאַסענע, געטרײַער יאַגאָ!
ווער איז עס דאָרטן? טוט א קוק!

מאקס האָט אופגעהויבן דעם בליק און דערזען, ווי דער קנויל רויך, וואָס האָט פריִער ארומגעוויקלט זיגפרידס קאָפּ, האָט זיך צעשוועבט. דער לערער האָט ארויסגענומען פון די ציין דעם ציבעק און גוטמוטיק געשמייכלט, זיך באַרויִקט, הייסט עס, און מאקס האָט זיך דערפילט פרײַער, לײַכטער. ער האָט דערפילט, ווי א שווערער שטיין איז אראָפּ פון הארצן. ער האָט אויך געכאַפּט צופרידענע בליקן פון זײַנע קאָלעגן און פארשטאַנען, אז ער איז איבערגעטראָטן די ערשטע גרענעץ.

דער פּאַכעד, וואָס האָט אים פריִער גענומען אין קלעם, איז ערגעץ פארשוואונדן, און ווײַטער איז שוין געגאַן גוט, ער האָט זיך שוין פאר קיין זאַך ניט געשראָקן. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיגפרידס צופרידענעם בליק, און דאָס האָט אים צוגעגעבן פרישע קויכעס, מוט, ענערגיע. און יענע, וואָס האָבן ניט געוווּסט, אז דאָס טרעט ארויס אף דער בינע צום ערשטן מאָל אָט דער שטאַלטנער יונג, האָבן געמיינט, אז דאָס איז א געניטער, עכטער שוישפּילער.

איבער דער שטאָט איז געהאַנגען אן אויסגעשטערנטע נאַכט. די פולע לעוואָנע האָט באַשײַנט די פוסטע גאַסן. אין די הײַזער זײַנען שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן די לעמפּ, און מיט א געשמאַקן שלאָף זײַנען געשלאָפן די מענטשן. און דאָ, בא זיגפריד לײַנאַרדן אין טעאַטער, איז די אַרבעט געווען אין פולן ברען. דאָ איז קיינער ניט געשלאָפן.

דאָ איז הײַנט באַנאַכט געבוירן געוואָרן א נײַע, וווּנדערלעכע פאָרשטע־לונג. דאָ, אף דער בינע, איז געבוירן געוואָרן א נײַער, אן עכטער אַקטיאָר.

* * *

א דערהויבענער און גליקלעכער, איז מאַקס אוועקגעגאַנגען פון דער בינע. אָבער איין זאַך האָט אים שרעקלעך פאַרדראָסן — פרידע איז ניט געווען און דאָס אַלץ ניט געזען. ער וואָלט זי ווי־ניט־איז דורכגעפירט, קיינער זאָל ניט זען, אף דער גאַליאָרקע. ער האָט עס טאַקע געטראַכט טאָן, נאָר ניט געווען זיכער, אז ס׳וועט זיך בא אים עפּעס גוטס באַקומען. און איצט האָט ער זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט. נאָר וואָס וועסטו איצט טאָן?

דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין אראָפּגעלאָזט, און מאַקס איז אוועק אין זײַן צימער זיך איבערטאָן, אראָפּנעמען דעם גרים. דער קאָפּ האָט זיך דאָך א ביסל געדרייט פון אָנשטרענגונג. דאָס העמד איז אף אים געווען נאַס — אויסצודרייען. ער איז געווען שטאַרק מיד, נאָר דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער מידקײַט: ער האָט געפילט א גוואַלדיקע באַפרידיקונג פון זײַן אַר־

בעט. ווען מע הייסט אים באַלד, וואָלט ער ווידער געווען בעקויעך אַרויסגיין אויף דער בינע שפּילן, און עפּשער וואָלט זיך עס בא אים באַקומען נאָך בעסער.

אין די שכײנישע צימערן, ווו עס האָבן זיך איבערגעטאָן זײַנע קאָלעגן, איז געגאַן אַ שטורמישע דיסקוסיע. צו מאַקסן האָבן זיך אַהער דערטראָגן אָפּגעריסענע פּראַזן, ווערטער. אַוואַדע רעדט מען דאָרטן וועגן אים. מע וואשט איבער זײַנע ביינדעלעך. עס איז שוין אָבער ניט געווען דער גרויסער אומרו, וואָס האָט אים געגומען אין קלעם פאַר דער רעפּעטיציע. לויט זיגפרידס זשעסטן האָט ער פארשטאַנען, אַז ער, מאַקס, האָט ניט אונטער־געפירט זײַן לערער.

מאַקס האָט ניט באַוויזן ענדיקן זיך איבערטאָן, ווי ער האָט דערהערט שנעלע טריט פון יענער זײַט טיר. עס איז אַרײַנגעקומען זיגפריד לײַנאַרד, באַטראַכט אַ רעגע זײַן טאַלמיד מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע און אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— נו, מאַקס טײַערער, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דו האָסט הײַנט דער־פרייט מײַן אָנגעווייטעקט האַרץ. ווען עס באַקומט זיך ניט בא דיר, וואָלט אונדזביידן אויסגעקומען אַנטלויפן פון דער שטאָט...

זיך פאַרטראַכט אַ רעגע, האָט זיגפריד צוגעגעבן:

— ניין, קיין דורכפאַל האָט ניט געקאָנט זײַן! איך האָב געפילט, מאַקס, אַז מע קאָן שוין מיט דיר גיין צום טיש. אַגעוו, זאָג מיר, קורט האָט דיך ניט באַגריסט?

מאַקס האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אויפן לערער. ניין, אַוואַדע ניט באַגריסט, אַפילו ניט צוגעגאַן, קיין וואָרט ניט געזאָגט...

— אָ, דאָס איז גוט! — האָט זיך צעלאַכט לײַנאַרד. — דאָס איז דער בעסטער סימען, אַז דו האָסט געהאַט דערפאָלג! ווען עס באַקומט זיך בא דיר שלעכט, וואָלט ער דער ערשטער, קורט, געלאָפן דיך... באַגריסן. ער פילט זיך טאָמיד גליקלעך, ווען בא אַן אַקטיאָר באַקומט זיך ניט. אַ שאָד, וואָס קורט האָט צו פרי הײַנט אָפּגעשיקט אַהיים קורצן און שמערלינגן. ווען זיי זעען דײַן דערפאָלג, וואָלטן זיי ביידע פון קינע געפּלאַצט, און מיר וואָלטן פון זיי אויף שטענדיק פּאָטער געוואָרן.

די טיר האָט זיך ניט צוגעמאַכט. אַלעמאָל זײַנען אַרײַנגעקומען אַנדערע אַקטיאָרן באַגריסן מאַקסן, אים צוגעווונטשן גליק, נײַע דערפאָלגן. מע איז געווען באַגײַסטערט פון זײַן ערשטער גרויסער אַרבעט. און די גראַטולי־רונגען זײַנען געווען ערלעכע, אופריכטיקע. און מאַקס האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי אָפּדאַנקען זײַנע קאָלעגן.

עס איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זיי זײַנען געקומען אַהיים — מידע, פאַרמאַטערטע, נאָר צופרידענע און דערהויבענע.

עמיל שולץ האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויפן באַלעבאָס און אויף זײַן יונגן פרײַנט און שילער, מיט וועלכן אויך ער, דער אַלטער גערטנער, האָט זיך שוין לאַנג באַפרײַנדעט.

זינט מאקס קרייסלער האָט זיך דאָ באזעצט, איז עמיל שולצן ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. אזא באשיידענעם, אזא פריילעכן און צוגעלאָזענעם מענטשן, ווי מאקס, האָט ער נאָך ניט געזען! דער טײַוול זאָל זיי נעמען, די אקטיאָרן! מע קומט אריין, און ער, עמיל שולץ, נעמט זיי גוט אויף, ער איז זיי טרײַ, שטעלט שטענדיק קאווע, ווײַן, פרישטיק, וועטשערע, פאר־לויפט אלעמען דעם וועג, נאָר די מערהײַט בלאָזט פון זיך, האלט זיך גרויס. אנדערע גריסן זיך קוים צו אים. מע זאָל זיך מיט אים אמאָל אוועקזעצן, זיך דורכשמועסן, עפּעס דערציילן — דאָס ניט! מע מיינט, אז מע איז גאנצע פּריצים! און ער, מאקס, איז מער פייַיק פון אנדערע, אין אים איז זיגפריד מאמעש פארליבט. און ער, מאקס, קומט אָפט אריין צו אים אין שטיבל, זעצט זיך אוועק, און מע רעדט זיך אויס די הערצער. מאקס שעמט זיך ניט נעמען די האק אין די הענט און אוועקגיין אָנהאקן א ביסל האָלץ, נעמט אמאָל דעם בעזעם און קערט צו די בלעטער אין סאָד, דעם גיב נאָר ארבעט, וועט ער בערג קערן. ער מיִעסט זיך מיט גארניט! ווען ער, עמיל שולץ, ווייסט, אז דאָס איז אזא גאָלדענער יונג, וואָלט ער אים דאָך דעמלט שיין אופגענומען און וואָלט אים ניט געזידלט...

נאָר דאָס איז געווען אמאָל, איצט זײַנען זיי אזוי באפרײַנדעט, אז אלע ארומיקע זײַנען זיי מעקאַנע!

אז עמיל שולץ הייבט אָן עמעצן פון די אקטיאָרן דערציילן וועגן דער מילכאָמע, וויאזוי ער האָט געדינט באם קײַזער, וויל מען ניט הערן. און מאקס, ווי ער זאָל ניט זײַן פארטראָגן, וועט ער זיך אָפּשטעלן און אויס־הערן עמילן. מיט אים, מיט מאקסן, פילט זיך דער גערטנער ווי א מענטש מיט מענטשן גלײַך.

וויבאלד אזוי, איז טאקע נישטאָ וואָס זיך וווּנדערן, וואָס עמיל שולץ האָט מיט אזא אומגעדולד הײַנט געוואַרט אף זײַן יונגן פרײַנט און זיך אזוי באומרויִקט, געוואָלט וואָס גיכער זיך דערוויסן, ווי האָט עס זיך בא יענעם באקומען.

ווער־ווער, נאָר עמיל ווייסט, וואָס דאָס באטײַט דאָס ערשטע מאָל ארויסטרעטן אף דער בינע פאר א יונגן שוישפּילער. ער האָט אפילע גע־הערט זאָגן, אז זײַן באלעבאָס, דער גרויסער זיגפריד לײַנארד, איז נאָך זײַן ערשטער ארויסטרעטונג אָפּגעלעגן א כוידעש צײַט אין שפּיטאָל, אזוי איז ער געווען אופגערודערט! אויך איצט, פאר יעדער נײַער פּרעמיערע, גייט זיגפריד ארום אָן א קאָפּ, ציפּט זיך די האָר פון די שלייפן. הײַנט ווער רעדט שוין וועגן מאקסן, וואָס האָט אין טעאטער אזויפיל סאָנים, ניט־פארגינער! דער טײַוול ווייסט זיי, די מיִעסע באשעפענישן! קיינער זייט זיי ניט, און זיי וואקסן, ווי קראָפּעווע! עפּעס בא די היגע גערטנער האָט עמיל עס ניט געזען. און בא גדוילים איז קינע — אפן פּוֹד! דאכט זיך, איידעלע, געלערנטע מענטשן, מיט ברילן אפן נאָז, מיט קאפּעליושן אפן קאָפּ, מיט פּאָרטפעלן אין די הענט, שמייכלען צו אײַך, בוקן זיך יעדן, ריידן צו אײַך זיס, זײַנען אויסערלעך צו אײַך גוט, כאָטש לייג זיי צו צו א מאקע. נאָר אינווייניק זיצט אין זיי א שעד!

— אָ, געלויבט גאָט! — האָט זיך דערפרייט עמיל שולץ, דערזעענדיק זיגפרידן מיט מאַקסן. — און איך האָב זיך שוין געזאָרגט, ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוי שפּעט...

לויט זייער פרייעלעכן געשפּרעך, פון זייער הילכיקן געלעכטער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז דאָרט דורכגעגאַנגען גוט און פֿײַן. האָט ער זיי גראַטולירט, צוגעשלאָסן די פירטקע און אוועקגעהונקען גרייטן צום טיש. זיי קערן געווים זײַן הונגעריק, ווי די וועלף.

מאַקס האָט זיך אופגעהויבן צו זיך אין צימער, געוואָלט זיך איבערטאָן, און ווי אין וואַסער אַרײַן!

— היי, דעביוטאַנט! — האָט זיגפריד אויסגעשריגן, צוזעצנדיק זיך צום טיש. — ביסט עפּשער דאָרטן אײַנגעשלאָפן? וויפל וועלן מיר אַף דיר וואַרטן? ווילסט, איך זאָל אויסגיין פון הונגער און דאָרשט?

מאַקס איז אַראָפּ פון די טרעפּ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און זיגפריד, דערזעענדיק אים, האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס איז מיט דיר, מאַקס? בא דיר איז דאָך הײַנט אַזאַ יאָמטעוו, און איך וויל אפילע אויסטרינקען פאַר דײַן דערפאָלג. און דו?.. דאָס איז דײַן צווייטער געבורט. דעם טאָג דאַרפסטו פאַרגעדענקען אַפן גאַנצן לעבן. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געשפּילט אָטעלאָ און די גענעראַלע רע־פּעטיציע איז דורכגעגאַן גוט, בין איך נאָכן ספּעקטאַקל אַ גאַנצן קוואַרטאַל אַף אונטער־דען־לינדען געגאַנגען אַף די הענט. פון גרויס פרייד. און דו? וואָס ביסטו אַזוי דערצאָרנט?

מאַקס האָט גאָרניט געענטפערט און אים דערלאַנגט אַ צעקנייטשט בייגעלע פּאַפּיר.

זיגפריד איז דורכגעלאָפן מיטן בליק דאָס פּאַפּירל און בלאַס געוואָרן נאָך ערגער פון מאַקסן. „פאַרפלוכטער יודע, — האָט ער שטילערהייט גע־לייענט, — שווײַן, פאַר דיר איז אין בערלין ניטאָ קיין אָרט! דײַטשלאַנד איז פאַר ריינע אַריער. שנעל וועט איבער דער גאַנצער וועלט געוועלטיקן בלויז די נאָרדישע ראַסע. אַלע געלע, שוואַרצע, ברוינע שווײַנען וועלן פאַרניכטעט ווערן... מיר וועלן אײַנשטעלן אַ נײַע אָרדענונג. סאַם ניט אָפּ מיט דײַן יידן־גיפט אונדזער קונסט!"

אַן אופגערודערטער, האָט זיגפריד אַ שמיץ געטאָן דאָס פּאַפּירל אַפן דיל, נערוועז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, זיך אָפּגעשטעלט באַם אָפענעם פענצטער. אים איז געווען אַ ביזאָיען פאַר זיך, פאַר דעם יונגן בעקער, פאַר עמיל שולצן, פאַר דײַטשלאַנד.

— ווי קומט עס צו דיר?

— זעט אויס, אין טעאַטער האָט עס מיר עמעצער אַרײַנגערוקט אין טאַש פון רעקל...

— וואָס? בא אונדז אין טעאַטער האָט מען דיר אונטערגעוואָרפן דאָס עקלדיקע בלעטל? סאַראַ שאַנדע! מײַן גאָט, וואָס טוט זיך עס?! וואָס פאַר אַ טײַוולאָנישער טאַנץ הייבט זיך אָן בא אונדז? פונוואַנען קומט דער געשוויר, דער איפּעש?! אַ שרעקלעכע שלאַנג הייבט אָן טאָטשען אונדזער פאַטער־

לאַנד... — האָט זיגפריד זיך ניט געקאָנט באַרויִקן, — אַ נידערטרעכטיקע שווײַנערײַ! גלייב מיר, מײַן יונגער פרײַנט, דאָס איז ניט דײַטשלאַנד, נאָר די אונטערוועלט! ניין, לאַנג וועט דאָס ניט דויערן!

ער האָט אָנגעגאָסן ווײַן אין די בעקאַלן, דערלאַנגט זײַן שילער, עמילן, זיך און, געווונטשן נײַע דערפאָלגן, באַגריסט מיטן ערשטן גלענצנדן אופטריט אויף דער בינע.

מע האָט פרײַנטלעך אויסגעטרונקען, געוואָרן באַריידעוודיק, געלאַכט, געשטיפט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט זיך קיינער פון זיי ניט פאָרגעשטעלט, אַז אין צווייטן עק שטאָט אין אַ ביר־קעלער איז געזעסן קורט בערגלייטער מיט זײַנע פרײַנט, געהוליעט, רויט געווען פונעם אויסגעטרונקענעם און פון רעציכע. מע האָט באַטראַכט, וויִאַזוי מע זאָל באַגעגענען זיגפרידס ליבלינג אויף דער פּרעמיערע, וואָס איז געמאָלדן.

* * *

ניט קיין גרינגערער טאָג איז הײַנט געווען בײַ דאָקטער פרידען.

ווי אויף צולאָכעס, האָט זיך אָנגעוואַלגערט פון גאַנצפרי אָן אַ באַרג מיט אַרבעט. ווען זי האָט זיך סוף טאָג באַפרײַט און געוואָלט אָנקלינגען מאַקסן, אים אונטערמונטערן פאַר דער גענעראַלער רעפּעטיציע, האָט מען אַהער געבראַכט עטלעכע שווערפאַרוווּנדעטע אין אַ גאַסן־געשלעג, און זי האָט זיך געמוזט פאַרהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי האָט ניט געקאָנט אָפּטרעטן פונעם אָפּעראַציע־טיש. זי האָט אָבער דאָך באַוויזן אָנקלינגען מאַקסן, און ניט איין מאָל, נאָר דאָס טרײַבל האָט גענומען עמיל שולץ און בייז געענטפערט, אַז דער הער קרייסלער וועלן הײַנט ניט זײַן און מע בעט ניט באַאומרויִקן.

דעם גערטנער האָט דאָקטער פרידע געקענט בלויז לויט די דערציילונגען פון מאַקסן און געוווּסט, אַז זי האָט ניט וואָס צו קלינגען, — דער אַלטער וועט די גאַנצע צײַט איר אַזוי ענטפערן. ער איז געווען אייפערדיק צו יענע, וואָס האָבן געקלונגען צו זײַן יונגן פרײַנט. דעריקער האָט ער ניט געקאָנט לײַדן, ווען ער האָט געהערט פרויען־שטימען. עמיל האָט געוווּסט, אַז אַזאַ באָכער, ווי מאַקסן, וועלן די בערלינער גרעטכענס ניט לאָזן רוען, און ער האָט זיי ניט צוגעלאָזט נאָענט צו אים. ניט גערופן צום טעלעפאָן, ווען ער האָט געהערט אַ פרויען־שטים. זיי האָבן געקאָנט קלינגען צעזעצטערהייט, האָט ער מאַקסן ניט גערופן, און אויס!

פרידע האָט געפּרוּווט ריידן מיטן אַלטן מיט גוטן און מיט שלעכטן — נאָר כאָטש רעד צום לאָמפּ! עטלעכע מאָל האָט זי דעם טאָג זיך נאָכגעפרעגט בײַ פראַו עלזאַ קריץ, צי האָט איר קיינער ניט געקלונגען, נאָר יענע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. און גראַדע דעם טאָג האָט עלזאַ עטלעכע מאָל געהערט מאַקס׳ שטים, ער האָט געבעטן צורופן צום טעלעפאָן דאָקטער פרידע, נאָר עלזאַ האָט אַלע מאָל גלײַך דערקענט מאַקס׳ שטים

און פרעך אָפּגעשניטן, אַז דאָקטער פרידע איז אוועקגעגאַנגען צו איר כאָסן ריכאַרדן, און געבעטן מער ניט קלינגען...

פרידע איז קוים אײַנגעשטאַנען באַם טיש, מוירעדיק נערווירט. זי האָט געענדיקט די אַרבעט זייער שפּעט, נאָר גיין אַהיים, ניט ווייסנדיק, וואָס איז מיט מאַקסן, וויִאַזוי האָט זיך אַלץ באַ אים געענדיקט, האָט זי ניט געקאָנט. זי איז אַרויסגעלאָפן פון דער קליניק, מיטן לעצטן אווטאָבוס אוועקגעפאָרן אין טעאַטער, עפשער וועט זי זיך דאָרטן עפעס דערוויסן. נאָר דאָרטן האָט זי שוין קיינעם ניט געטראָפן, און דער אַלטער פאַרשלאָפענער שווייצאַר האָט איר אַזוי אָפּגעענטפערט, ווען זי האָט צו אים אָנגעקלונגען, אַז זי האָט ניט געוווסט, וויִאַזוי אוועקגיין.

פרידע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טראַכטן. אַ גרויסער קנויל שווערע מאַכשאָוועס האָט זיך געדרייט באַ איר אין קאָפ. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס וועט מיט מאַקסן זײַן, אויב עס וועט זיך באַ אים ניט באַקומען, אויב ער וועט הײַנט דורכפאַלן. זי האָט זיך דערמאָנט אין יענעם פרימאָרגן, ווען זי האָט אין זײַן מאַטראַץ צופעליק געפונען אַ רעוואָלווער, וואָס ער האָט פאַר זיך צוגעגרייט און געטראַכט אויסנוצן, אויב די אָפּעראַציע וועט דורכגיין ניט געלונגען. וואָס זשע קאָן ער מיט זיך טאָן איצט, אויב עס וועט עפעס דאָרט געשען?

ס׳איז געוויס ניט שיין זיך לאָזן אין אַזאַ שפּעטער שאָ צו מאַקסן אַהיים. אויב עמעצער וועט זיך איר באַגעגענען, וועט ער זי זיכער באַשולדיקן אין ניט־אָנשטענדיקײַט. נאָר אַלציינס! זאָל מען טראַכטן, זאָל מען זאָגן, וואָס מע וויל, — זי מוז אים גלײַך זען!

פרידע איז שוין געווען לעבן זיגפרידס ווילע. אַ מוירעדיקער ווינט האָט זיך אויפגעהויבן. עס האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן. זי איז צוגעלאָפן צו דער פירטקע, געוואָלט זיך באַהאַלטן פונעם רעגן, נאָר אומזיסט. ער האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן גיסן. פרידע האָט ניט געוווּסט, ווו מע טוט זיך אַהין. זי האָט געפרווּט עפענען די פירטקע, נאָר אַ נעכטיקער טאָג. פאַרשלאָסן. און אַרום בושעוועט דער ווינט און דער רעגן טראַכט ניט אויפהערן. עפשער אָנקלינגען דעם גערטנער? נאָר זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק: ווי קאָן זי זיך באַווײַזן פאַרן קײַסן אין אַזאַ שפּעטער שאָ? ער קאָן איר אָפּשפּילן אַזאַ ספּעקטאַקל, אַז זי וועט ניט וויסן, פונוואַנען זי איז געקומען. פרידע איז געווען אין פאַרלעגנהײַט. אַלע און אַלץ איז הײַנט קעגן איר. ניט אַנדערש, ווי מיט מאַקסן איז געשען אַן אומגליק.

זי האָט זיך געלאָזט לענגויס דעם טשוהונענעם פּלויט, זיך אײַנגעקוקט. אין געדיכטן סאָד האָבן מוירעדיק גערוישט די אַלטע ביימער. אין ערגעץ קיין פײַערל. שטיל. אַלץ איז אײַנגעהילט אין שלאָף. נאָר וואָס איז דאָרט? אין איין פענצטער אָפן צווייטן שטאָק ברענט אַ לעמפּל. איז דאָס ניט מאַקס׳ פענצטער? זי איז נאָך קיינמאָל דאָרט ניט געווען, נאָר וועדליק ער האָט איר ניט איין מאָל דערציילט, דאַרף עס זײַן, מאַקס׳, פענצטער. דאָס

זיצט ער געוויס און מאטערט זיך נאָכן דורכפאל. ער איז דערשלאָגן, אומגליקלעך...

זי האָט זיך געלאָזט גיין נעענטער, געפרוווט אים א רוף טאָן, נאָר דיביימער האָבן געענטפערט מיט זייער געפילדער. זי האָט געהעכערט די שטים, נאָר אויך אומזיסט.

וואָס זשע טוט מען? זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אריבערגע־קראָכן דעם פלויט. ארומקוקנדיק זיך מיט פאכעד, האָט זי זיך אָף די שפּיץ פינגער געלאָזט אין יענער ריכטונג, ווו עס האָט זיך געזען דאָס פײַערל. דאָס הארץ האָט מעשונעדיק געטיאָכקעט, אָט־אָט וועט עס ארויסשפּרינגען. דאָס פּאָנעם האָט איר געברענט פון בושע. וואָס וועט זײַן, אויב עמעצער וועט זי דאָ באלד דערזען? זי וועט זיך דארפן א לעבעדיקע באגראָבן אין דער ערד.

ענדלעך, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אונטער דעם באלקאָן און שטיל א רוף געטאָן מאקסן. די ביימער האָבן מיט זייער רויש פארטויבט איר קאָל. די נאסע צווײַגן האָבן געשמיסן איך פּאָנעם. זי איז פּאָרזיכטיק צוגעגאנגען צו דער טיר, וואָס איז געשטאנען אָפן. דאָס גרינגע נאכט־לעמפּעלע האָט באשײַנט די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט ארוף, צו מאקס' צימער. פרידע האָט זיך גענומען גאנוועגען ארוף, געשפּאנט מיט א פּארטײַעטן אָטעם. פון די ווענט האָבן אָף איר געקוקט הערנער פון הירשן, פעלן פון וועלף און ווילדע כאזיירים, א מאדאָנע מיט א קליין קינד אָף די הענט. פרידען האָט זיך געדאכט, אז פון אלע ווינקלען קוקט מען איצט אָף איר, מע וועט זי באלד כאפּן, אויסזידלען, דורכטרײַבן. אָט איז זי שוין געשטאנען בא מאקס' טיר, וואָס איז ניט געווען צוגעשלאָסן. פרידע האָט דערזען מאקסן. ער איז געלעגן אינעם אָנטאָן אפן ברייטן דיוואן און געשמאק געשלאָפן מיט ברייט־צעשפּרייטע הענט, ווי ער זאָל וועלן ארומנעמען די גאנצע וועלט. אָף זײַן פּאָנעם, אָף וועלכן עס זײַנען נאָך געווען סימאָנים פון גרים, האָט געבלאָנדזשעט א שמייכל, ניט אנדערש, ווי ער האָט אין דער רעגע געזען א וווּנדערלעכן כאָלעם. און פרידע האָט ניט געוווּסט וואָס טאָן.

זי איז געשטאנען איבער אים און ניט געקאָנט אָפּווענדן דעם בליק פון דעם ענערגישן און כיינעוודיקן געזיכט. אָף דעם איז ניט געווען צו באמערקן קיין סימען פון טרויער, פון אומרו. געוויס, — האָט זי געטראכט, — איז בא אים אלץ דורכגעגאנגען גוט. זאָל ער שלאָפן, איר טײַערער מאקס! ער איז מיד, פארמאטערט. זי וועט באלד שטילערהייט, אזוי ווי זי איז ארײַנגעקומען, אוועקגיין. זי וועט אים ניט וועקן. עפּשער איז אזוי גלײַכער? ס'איז זי באפאלן א פאכעד פאר איר דרייסטקײַט. ווי האָט זי געקענט וואגן קומען אהער אזוי שפּעט? זי האָט אינגאנצן פארלוירן דעם קאָפּ! מעג דען א מיידל זיך אזוי פירן? זי וועט באלד ארויס אָף די שפּיץ פינגער און אנטלויפן. זי וועט עס אים קיינמאָל ניט דערציילן. קיינמאָל! ניט בלויז אים — קיינעם!

נאָר וויאַזוי זי האָט זיך ניט באַמיט אוועקגיין פון אים, האָט עפּעס אַן אומבאַוווּסטער קויעך זי צוגעשמידט צום אָרט, ניט געלאָזט מאַכן קיין טראָט.

פרידע ווייסט ניט, וויפל זי איז אַזוי געשטאַנען איבער אים, נאָר פּלוצעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן, אופגעעפנט די אויגן, אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט, ניט געקאָנט באַנעמען, ווער שטייט עס לעבן אים. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט נאָך אַ כאָלעם. ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו־זיך, האָט ער דערקענט פרידען. ער איז אופגעשפּרונגען, אײַנגעקלעמט זי אין די שטאַרקע אָרעמס, זי צוגעדריקט צו זײַן ברוסט, קושנדיק אירע ליפּן, די אויגן, דעם האַלדז, איר קאָפּ.

— פרידע, דו? — האָט ער געשעפּטשעט איר אָפן אויער, ווי ער זאָל נאָך אַלץ ניט גלייבן, אַז דאָס שטייט טאַקע פרידע און דאָס איז ניט אין כאָלעם. ער האָט זיך געשטיקט פון פרייד. — פרידע? ווען דו ווייסט, טײַע־רע, ווי איך בין גליקלעך! גליקלעך, וואָס דו ביסט איצט דאָ, מיט מיר, גליקלעך, וואָס אַלץ איז הײַנט דורכגעגאַן גוט... סאַראַ גליק, וואָס ביסט געקומען!..

— ביסט עפּעס אַזאַ ווילדער... — האָט זי אַרויסגעבראַכט שטילערהייט, עסנדיק אים מיט די פײַכטע אויגן. — וועסט מיך דאָך דערשטיקן. סאַראַ ווילדער דו ביסט... לאָז מיך אָפּ... איך מוז גלײַך לויפן אַהיים. די מאַמע וועט וואַרטן. זי וועט ניט וויסן, וווּ איך בין אַהינגעקומען. איך מוז גיין...

— איך וועל דיך אין ערגעץ, טײַערע מײַנע, ניט אָפּלאָזן, — האָט ער זי ניט אופגעהערט האַלדזן, קושן, זיך פאַרכלינען פון פרייד, — דו וועסט פון מיר קיינמאָל ניט אוועקגיין, קיינמאָל!

זי האָט זיך געפּרוּווט אַרויסרײַסן פון זײַנע הענט, נאָר ניט געקענט.

— ווילדער... מיר זײַנען, דאַכט זיך, הײַנט ביידע אַראָפּ פון זינען. זאָלסט מיך ניט באַשולדיקן, וואָס איך בין צו דיר אַליין געקומען... איך האָב ניט געקאָנט דיך ניט זען... איך האָב געמוזט אָף דיר בלויז אַ קוק טאָן אַפילע פון דער ווײַטנס. און איצט — אַדיע. שוין שפּעט. איך מוז לויפן אַהיים.

— ניין, ניין, פרידע טײַערינקע, דו וועסט אין ערגעץ ניט אוועקגיין. קיינמאָל! איך האָב דיר שוין לאַנג געקליבן זיך זאָגן... אָן דיר קאָן איך ניט לעבן... דו ביסט פאַר מיר — אַלץ... הײַנט בין איך צווייפאַך גליקלעך...

...פון יענער זײַט פענצטער האָט געגאָסן אַן אײַנגעאַקשנטער רעגן, געפּײַקלט איבער די שויבן, געזשומעט אין די קרוינען פון די אַלטע ליפּעס. די געדיכטע ווײַנטרויבן־בלעטער אָפן באַלקאָן האָבן סוידעספּול זיך וועגן עפּעס געשושקעט, געפּלאַפּלט, גערוישט. אין אַ שווערן, טיפן שלאָף איז געווען אײַנגעהילט די שטאָט. אין אַלע פענצטער איז שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן די שײַן. און, דאַכט זיך, קיינער אין דער וועלט, כוץ די ביי־מער, האָט ניט באַמערקט, ווי עס איז פּלוצעם אויסגעלאָשן געוואָרן די שײַן נאָך אין איין פענצטער. קיינער, כוץ דעם רעגן, האָט ניט געהערט, ווי עס האָבן זיך האַסטיק געשלאָגן צוויי גליקלעכע הערצער.

ווען דער זאַל בושעוועט

דאַכט זיך, קײנער אין דער וועלט האָט זיך ניט געגרייט אַזוי פּיבערדיק צו דער נײַער פאָרשטעלונג פון שעקספּירס „אָטעלאָ“ אין לײַנאַרדס טעאַטער, ווי קורט בערגלייטער. ווי עס זאָל ניט זײַן מאָדנע, נאָר קײנער האָט ניט געהאָפט אַזוי שטאַרק אויף דעם דורכפאַל, ווי דער דאָזיקער פאַרשויך. און ניט ער אײנער, נאָר זײַנע פרײַנט און נאָכפאָלגער.

פאַר דער פאָרשטעלונג זײַנען איבער דער גאַנצער שטאָט געווען צעקלעפּט אַפישן, און דער עולם האָט זיך דערוווּסט וועגן אַ נײַעם נאָמען: מאַקס קרייסלער.

אין עטלעכע בלעטלעך זײַנען געווען אָפּגעדרוקט פעליעטאָנען, וויצן, וווּ מע האָט אויסגעלאַכט זיגפרידן מיט זײַן שילער. עס האָבן זיך דאָ און דאָרט באַוויזן קאַריקאַטורן: אָטעלאָ פאַרפּוצט אין אַ ווײַסן פאַרטעך, אין אַ קאָלפּאַק מיט אַ לאַנגער לאָפּעטע באַם אויוון און אָן אָנשריפט: „אָ, דעזדעמאָנע, קויפט פרישע בולקעלעך!“

אין שטאָט אויף די אָקאָרשט אופגעקלעפּטע אַפישן, דאָ און דאָרט, האָט שוין אַן אומבאַוווּסטע האַנט באַוויזן אָנשמירן שוואַרצע האַקנקרייצן, אָנדראַקען: „יודע שווײַן“. אויף אַנדערע אַפישן זײַנען אויף קרייסלערס פאָרטרעטן געווען אויסגעשטאָכן די אויגן, אָנגעמאָלט לאַנגע פּייעס, אַ באָרד...

מאַקס האָט געקוקט אויף די אַפישן, און דאָס האַרץ איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט. עס האָט זיך אים געוואָלט אַנטלויפן אין דער וועלט אַרײַן, קעדיי דאָס ניט צוזען. טראַכטנדיק אָבער, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַ נידערטרעכטיק הײַפל סאָנים נישטיקײַטן, האָט ער זיך עטוואָס באַרויִקט.

ניט געקוקט אויפן גרויסן טומל, וואָס מע האָט אויפגעהויבן אַרום דער פּערזאָן פון מאַקס קרייסלער, ניט געקוקט דערויף, וואָס מע האָט אים אין אײניקע בלעטלעך באַשמוצט, זײַנען אַלע בילעטן אויף דער פּרעמיערע בליצשנעל אויספאַרקויפט געוואָרן, און באַם טעאַטער האָבן זיך געשטויסן מענגעס מענטשן, געלעכצט אַרײַנקומען אין זאַל.

מאַקס איז אַרײַנגעלאָפן צו זיך און שנעל זיך אָנגעהויבן איבערטאָן. פונעם פולגעפּאַקטן זאַל האָט זיך אַהער, צו אים, דערטראָגן דער גערויש. מאַקס האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ נעמט זיך שלאָגן האַסטיקער. מע האָט שוין אַרום אים געהאַוועט, געהאָלפן זיך איבערטאָן, גרימירן. אײנגיכן איז ער שוין געווען גרייט און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן דריטן קלונג.

די שטימונג איז באַ אים געווען אַ געדריקטע. די אַפישע, זײַן פאָרטרעט מיט די אויסגעשטאָכענע אויגן, מיטן שײנעם אָנשריפט איז אים די גאַנצע צײַט געשטאַנען פאַר די אויגן, ניט געלאָזט רוען. דורך דער שפּאַרונע פונעם פאָרהאַנג האָט ער אין צושויער־זאַל געזען אַ יאַם מיט קעפּ. אַ

פּאַכעד איז אים באַפאַלן. ווער איז געקומען אים זען? מעגלעך, אַז אין דער געדיכטעניש זיצן אויך יענע, וואָס האָבן פאַרשמירט זײַנע אַפישן מיט האַקנקרייצן און זידלווערטער, יענע, וועלכע פאַרשפּרייטן וועגן אים מײַסעס וויצן, שרײַבן מעסירעס? וואָס זשע, די נישטיקײַטן זײַנען אויך אַהער געקומען צוזאַמען מיט עכטע, גוטע מענטשן? זיי ווילן אויך אַ קוק טאָן אַפן בעקער פון קאָלאָמייע, וואָס איז געוואָרן אַן אַקטיאָר בײַ זיגפרידן? און עפּשער האָבן זיי עפּעס פאַר אים הײַנט צוגעגרייט? נישקאָשע, האָט זיך געטראַכט מאַקס, זאָלן זיי קוקן און צעזעצט ווערן, זאָלן זיי אַרויס די אויגן! אַף צעפּיקעניש אַלע סאָנים, וועט ער זיך הײַנט באַמיִען שפּילן אַזוי, זיי זאָלן פּלאַצן פון קינע. ער וועט שפּילן פאַרן פאָלק, פאַר די מענטשן, וועמען עס זײַנען דערווידער די האַקנקרייצן, פּרעמד דער פינצטערער מיטלאַלטער.

אָט איז אָנגעקומען די לאַנגדערוואַרטע מינוט. דער שווערער סאַמעטענער פאָרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן, און זאַל האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט. עס האָבן אַ שאַל געטאָן די פאַנפאַרן, וואָס האָבן געמאָלדן, אַז די פאָרשטעלונג הייבט זיך אָן.

עס איז איבערגעגאַן די צײַט, און אָטעלאָ האָט זיך געדאַרפט לאָזן אַף דער בינע. ער האָט אופגעהויבן דעם בליק, אַ רעגע באַטראַכט זײַנע קאָלעגן און זיך געלאָזט גיין מיט זײַן פעסטן, ענערגישן טראָט. דער ווענעציִאַנער מאַוור איז אין דער באַגלייטונג פון זײַן סוויטע געשטאַנען אַף דער בינע. עס האָבן אָפּגעקלונגען, שטיל געבליבן די פאַנפאַרן. אַרום האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מוירעדיקע שטילקײַט. מאַקס׳ עטוואָס צעשטרייטער בליק איז דורכגעלאָפן איבערן זאַל, אַף אַ טייַלעכל רעגע זיך פאַרהאַלטן אַף דער איבערפולטער גאַליאָרקע. די אינערלעכע שרעק, וואָס האָט אים נאָך עטוואָס געפּענטעט, איז אָפּגעטראָטן, און ער האָט אַרויסגעבראַכט די ערשטע פראַזן אַזוי פּראָסט, אויסדריקלעך און פעסט, ווי ער וואָלט זיי שוין ווער ווייסט וויפל מאָל איבערגעכאַזערט פאַר אַזאַ גרויסן זאַל מיט מענטשן.

פון דער ערשטער מינוט האָט זיך גלײַך אײַנגעשטעלט אַ וווּנדערלעכער קאָנטאַקט פונעם אַקטיאָר מיט דעם זאַל, אַ קאָנטאַקט, וואָס גיט צו פרישע קויכעס, דרייסטקײַט, מוט, גלויבן אין זיך.

זײַן שטאַרקע, האַרציקע און קלינגעוודיקע שטים האָט אַלץ מער באַהערשט דעם זאַל, דער גרויסער אומרו, וואָס האָט אים עטוואָס אין אָנהייב געשטערט, איז פאַרשוווּנדן, און ער האָט זיך מיט דעם צושויער דערפילט גאָר היימיש. הונדערטער אויגן האָבן געשײַנט, מע האָט זיך אײַנגעהערט אין די שטאָלצע ווערטער פונעם מאַוור, זיך באַמיט נִיט דורכלאָזן קיין איין קלאַנג.

נאָר וואָס איז דאָס? פּלוצעם האָט זיך ערגעץ אַף דער גאַליאָרקע אופגעהויבן אַ גערודער, אַ טומל, עמעצער האָט אָנגעהויבן דאָרטן טופּען מיט די פיס. אין דער ערשטער רעגע האָט מאַקס געמיינט, אַז דאָס ווײַזט זיך אים פּאָשעט אויס, און ער האָט פאָרגעזעצט שפּילן. נאָר גלײַך האָט זיך פון דער גאַליאָרקע דערטראָגן אַ פײַפערײַ, געשרייען — פרעכע, עקלדיקע,

שיקערע: „יודע! טרײַבט ארויס דעם פארפליוכטן יודע!“, „בעקער — אין בעקערײַ!“.

מאקס קרייסלער איז געבליבן שטיין א דערשטוינטער, הערנדיק דאָס פײַפערײַ, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אייניקע זײַטן.

ער האָט צונויפגעלייגט די הענט אף דער ברוסט און זיך אײַנגעקוקט מיט א פארניכטנדיקן שמייכעלע אין יענער זײַט, פונוואנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס פײַפערײַ. א קאלטער שווייס האָט באשלאָגן דאָס גאנצע לײַב. דאָס הארץ האָט זיך, דאכט זיך, אָפּגעשטעלט. אין די אויגן בא אים איז אף א רעגע אויסגעלאָשן געוואָרן די שײַן. „אלץ פארפאלן...“ — איז דורכגעלאָפן א געדאנק. נאָר זײַן פארלוירנקײַט האָט געדויערט א פּאָר רעגעס. מאקס קרייסלער האָט זיך גלײַך באהערשט, אָפּגעטרייסלט פון זיך די פארלוירנקײַט, דעם פּאכעד.

אזוי־אָ, מיט צונויפגעלייגטע הענט, איז ער ניט געאײַלט צוגעגאנגען צו דער ראמפּע, שטאָלץ פארהויבן דעם קאָפּ צו יענע, וואָס האָבן געשריגן און געפײַפט. זײַנע גרויסע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פון האס, סינע, שפּאָט. ער האָט אופגעהויבן די האנט, קעדיי בארויִקן דעם האמוין, וואָס איז געווען אופגערעגט אף די כוליגאנעס, און מיט זײַן שטארקער קלינגעוודיקער שטים אויסגעשריגן:

— מײַנע טײַערע צושויער! איך בעט בלײַבן רויִק א ווײַלע. יענע פײַפער האָבן איבערגעפלאָנטערט דעם אדרעס. מע האָט זיי געפירט, זעט אויס, אין א מעשוגאָיִם־הויז, און עס האָט זיי פארטראָגן אהער. און עפשער זײַנען זיי פון דאָרטן אנטלאָפן און מע קאָן זיי ניט כאפּן?..

אָפּמעסטנדיק מיטן שארפן בליק דאָס הײַפל כוליגאנעס, האָט ער זיך צו זיי געווענדט:

— היי, נישטיקײַטן! איר זײַנט דאָך אפילע ניט פייִק ווי געהעריק אויספײַפן אן אקטיאָר! אומזיסט צאָלן אײַך אײַערע באלעבאטימלעך געהאלט. אָט אזוי־אָ, ווי איר, קרעטינען, פײַפט מען דען? איך וועל אײַך באלד אויסלערנען, — און, גענומען פיר פינגער אין מויל, האָט מאקס אזוי א פײַף געטאָן, אז די ווענט פון טעאטער האָבן געציטערט.

א הילכיקער געלעכטער האָט אופגעריסן דעם זאל. דער גאנצער עוילעם האָט אָנגעהויבן אפּלאָדירן מאקסן. מע האָט זיך געלאָזט צו די בויאנעס, זיי אָנגעבראָכן די ביינער און ארויסגעשלײַדערט. אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין געוואָרן שטיל. און גלײַך ווי דאָ איז גאָרניט געשען, האָט מאקס קרייסלער פאָרגעזעצט שפּילן. ווידער האָט געוועלטיקט אין זאל מאקס' שטארקע, קלינגעוודיקע שטים, און יעדער מאָנאָלאָג האָט ארויסגערופן שטורמישע אָוואציעס.

שוין לאנג האָט מען דאָ אזוי שטורמיש ניט אופגענומען קיין נײַעם אקטיאָר. אזא וואונדערלעכן קאָנטאקט פונעם עוילעם מיט דער בינע געדענקען ניט אפילע די עלטסטע שוישפּילער. עס האָט זיך קיינער ניט גערעכט אף אזא גרויסן דערפאָלג.

ווען מאקס קרייסלער האָט ארויסגעבראכט די לעצטע ווערטער און דער שווערער פּאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט, האָט דער אוילעם שיר ניט צעטראָגן דעם זאל.

פון אלע זייטן, פון פּארטער און גאליאָרקע, האָט מען אים געוואָרפן בונטע בלומען, און ער האָט זיי ניט באוויזן צונויפקלייבן. דער פּאָרהאנג האָט זיך נאָכאנאנד אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזט. און דער פּארמאטערטער, נאָר גליקלעכער דעביוטאנט איז געשטאנען, קוים איינהאלטנדיק די טרערן פון פרייד, זיך געבייגט פארן אוילעם, הארציק אָפּגעדאנקט פאר דעם רויִ־שיקן אופנאם.

נאָך דעם, ווי דער פּאָרהאנג האָט זיך צום לעצטן מאל אראָפּגעלאָזט, איז מאקס מיט זיין אויסגערעכנטן טראָט אוועקגעגאנגען צו זיך אין צימער. ער האָט זיך גיכער געוואָלט אראָפּלאָזן אף דער באנק, איבערכאפּן דעם אָטעם, נאָר דעם צימער האָבן שוין פארפלייצט זיינע קאָלעגן, באקאנטע און אומבאקאנטע מענער און פרויען, מע האָט אים געדריקט די האנט, ארומגענומען, געקושט. קיינער האָט ניט געקאָנט אויסדריקן די אנציקונג. ער האָט זיך קוים ארויסגעריסן פון זייערע אָרעמס און זיך געלאָזט אנטקעגן זיין לערער, וואָס האָט זיך באוויזן אף דער שוועל. זיגפריד האָט זיך אָנ־געכמורעט, דערזעענדיק אזויפיל מענטשן אין צימער, זיך א בייזער געטאָן, לעמיי מע לאָזט זיך ניט אָפּרוען.

— נו, מיין פריינט, דו האָסט היינט דערפרייט מיין הארץ! — האָט ליינארד אים צוגעדריקט צו זיך. — דו האָסט זיך היינט אליין איבערגעש־שטיגן. איך האָב גאָר ניט געוווסט, סארא שעד דו ביסט! ווונדערבאר האָסטו יענע הינטשלעגער געלערנט פייפן. אויסערגעוויינלעך! דו ווייסט, ווען עס האָט זיך צעטראָגן דער טומל אף דער גאליאָרקע, האָט זיך בא מיר שיר דאָס הארץ ניט אָפּגעריסן. איך האָב געמיינט, אז דער ספּעקטאקל איז ארונטערגעריסן ענדגילטיק... איך אף דיין אָרט וואָלט זיך פארלוירן און אנטלאָפן פון דער בינע. און דו, טייערער, האָסט געפונען א ווונדערלעך מיטל זיי ענטפערן. האָסט די כוליגאנעס פארניכטעט מיט זייער געווער! גראנדיעז! קאָלאָסאל!

איבערגעכאפּט דעם אָטעם, האָט זיגפריד צוגעגעבן:

— נו, לאָמיר דאָס ניט דערמאָנען. פאר דיין שפּילן, פאר דיין דער־פינדערישקייט באקומסטו היינט בא מיר די העכסטע אָפּשאצונג: א פינף! אזא אָנהייב, אזא דעביוט מעגן זיך ווינטשן די גרעסטע קינסטלער. דאָס איז געווען א טריומף, און איך בין גערירט.

און דער גראָוער, צוריקגעהאלטענער און קארגער אף קאָמפּלימענטן זיגפריד ליינארד האָט הארציק ארומגענומען זיין שילער און אים א קוש געטאָן.

מע האָט זיך ניט באוויזן ארומקוקן, קומען צו־זיך, זיך אָפּרוען, ווי עס

האָט זיך שוין דערטראָגן דער דריטער קלונג. באַלד וועט זיך אָנהייבן דער צווייטער אַקט. דער צושויער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אױף דער נײַער באַגעגעניש מיט מאַקס קרייסלערן.

* * *

אין אָט דעם גרויסן טומל האָבן מיר שיר־שיר ניט פאַרלוירן אונדזער אַלטן באַקאַנטן, מאַקס' גרויסן פרײַנט און פאַרערער, עמיל שולצן! וואָלט עפּשער געווען אַ געדאַנק זיך אומקערן אַ ביסל צום גערטנער? ער האָט עס, מיין איך, ערלעך פאַרדינט!

עמיל שולץ איז הײַנט געווען בייז און אופגערעגט, ווי קיינמאָל, אױף זיך און אױף דער גאַנצער וועלט. אַ ניט געהערטע זאַך! עמיל שולץ זאָל זיך ניט קאָנען אַרײַנרײַסן אין טעאַטער, דאָס איז עק װעלט!

אַ שיינע געשיכטע! דעם גאַנצן טאָג האָט דער אַלטיטשקער זיך געגרייט צו אָט דעם יאָמטעוו, זיך אַרומגעשוירן, אַרומגעוואַשן, אָפּגעראַזירט, אויס־געפּוצט זיך, ווי אַ פּאַרעץ, און — נאַ דיר! ניטאָ פאַר אים קיין פּלאַץ אין טעאַטער!

און עמיל שולץ, מיינט איר, האָט זיך ניט אַרײַנגעכאַפּט אין זאַל? עס איז געווען טאַקע אין יענער מינוט, ווען דאָרטן, אין טעאַטער, האָט זיך אופגעהויבן אַ שרעקלעכער טומל מיט אַ פײַפערײַ. די טיר האָט זיך אופ־געעפנט, און צוזאַמען מיט אַ מענגע מענטשן האָט עס עמילן אַרײַנגעטראָגן אין זאַל. דאָס ערשטע, וואָס עמיל האָט דערזען, איז געווען פאַר אים מאָדנע ווילד און ניט פאַרשטענדלעך. זײַן יונגער פרײַנט איז געשטאַנען אױף דער בינע מיט די פינגער אין מויל און געפײַפט, מע האָט געקאָנט טויב ווערן. דערנאָך האָט מען זיך געוואָרפן אױף עטלעכע כוליגאַנעס און זיי אַרויסגעשלײַדערט פון טעאַטער... עמיל האָט שיר ניט געפּלאַצט פון געלעכטער. דערנאָך איז ווידער געוואָרן שטיל. עמיל איז געשטאַנען אין דער ענגשאַפט, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, און אַ פאַרגאַפטער געשפּירט, ווי זײַן יונגער שאָכן שפּילט. טאַקע נאָר אױף כידושים! ער געדענקט ניט פאַר אַלע יאָרן, וואָס ער דינט בא זיגפרידן, אַן אַקטיאָר זאָל האָבן אַזאַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. אויסער, פאַרשטייט זיך, זײַן באַלעבאָס, לײַנאַרדן. אַ באַלבע שאָ צײַט, דאַכט זיך, האָט דער אוילעם ניט אָפּגעלאָזט מאַקסן פון דער בינע, שיר ניט צעטראָגן דעם זאַל. טרערן האָבן זיך עמילן געשטעלט אין די אויגן, זעענדיק, ווי דאָס פּובליקום האָט מאַקסן פאַרשאָטן מיט בלומען. דעם אַלטן האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע בלומען פון די בערלינער סעדער זײַנען איצט געלעגן בא מאַקס' פיס.

דערפון אָבער, וואָס ער וועט שטיין און קלײַבן פאַרגעניגן, ווי מע נעמט אויף מאַקסן, וועלן דאָרט זײַנע געסט ניט זײַן זאַט. באַלד וועלן געוויס זיך אַרײַנשיטן אין שטוב אַרײַן גוטעפרײַנט, אַקטיאָרן, מע וועט קומען באַגריסן מאַקסן, דאַרף מען דאָך עפּעס שטעלן צום טיש!

עמיל איז אוועקגעלאָפן, זיך שנעל איבערגעטאָן און זיך גענומען צו דער ארבעט. ער האָט ארויסגענומען פון קעלער װײַן און שאמפאניער, געשטעלט אפן טיש פארבײַסן, גענומען גרייטן קאווע — אזא יאָמטעוו! איניינװעגס האָט ער אָנגעריסן אין גאָרטן עטלעכע גרויסע בוקעטן בלומען, אוועקגעשטעלט אפן טיש פאר מאקסן. די שענסטע בלומען. הײַנט דארף זײַן פריילעך און גוט! יאָמטעוו בא זיגפריד לײַנארדן אין שטוב! הײַנט װעלן אלע באגריסן און אויסטרינקען פארן גרויסן דערפאָלג פונעם קאָלאָמייער בעקער, דעם װוּנדערלעכן דײַטשישן יונגן אקטיאָר!

יאָ, דער אלטער עמיל איז געווען גערעכט! איניגיכן איז זיך אהער צונויפגעקומען אן אוילעם, עס איז ניט געווען ווו זיך א קער טאָן. מע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן טאָסט, איז געוואָרן גאָר פריילעך. מע האָט זיך דערמאָנט, ווי מאקס האָט פון דער בינע אויסגעפײַפט די ווילדע יונגען אין די ברוינע העמדלעך מיט די האקנקרייצן אף די ארבל, און נאָך שטארקער געלאכט.

דאָ האָט זיך אופגעהויבן פון טיש זיגפריד לײַנארד, געבעטן די געסט אָנפילן די באָקאלן און זיך געווענדט צו די ארומיקע:

— מײַנע טײַערע געסט, קאָלעגן, פרײַנט! איך זע, אז אהער זײַנען זיך הײַנט צונויפגעקומען בלויז יענע, וועמען עס איז טײַער אונדזער קונסט. אלע זײַנען מיר געווען אײדעס פונעם געבורט פון א ווונדערלעכן אקטיאָר. וויפל איז אוועק זינט יענער צײַט, ווען צו מיר האָט זיך אהער ארײַנגעריסן אן אָרעמער יונג פון דער פראָווינץ, און אלע האָבן מיר אף אים געקוקט, ווי אף א צוטשעפעניש. און אָט האָט דער יונגער מענטש מיט זײַן עכטן טאַלאנט געפאנגען דאָס בערלינער פובליקום. מאקס קרייסלער האָט באוויזן, צו וואָס קאָן זיך דערשלאָגן א פאָלקסמענטש, ווען ער גיט זיך אָפ מיטן גאנצן הארצן, מיט אלע זײַנע קויכעס זײַן טרוים. מיר פארנייגן זיך פאר זײַן מוט, פאר זײַן מעכטיקן טאלאנט! איך בעט אויסטרינקען פאר זײַן שווונג, פאר זײַן צוקונפט!

זיגפריד האָט זיך אומגעקוקט אף מאקסן:

— לאָז ניט אראָפ דעם קאָפ, מײַן יונגער פרײַנט! האָסט געזען, ווי מײַן פאָלק האָט דיך הײַנט באגעגנט? דאָס פאָלק, ניט דאָס מיִעסע הײַפעלע פאשיסטישע קרעטינען. עס האָט דיך אף די הענט געטראָגן. פאר אָט דעם צושויער און ניט קיין אנדערן וועסטו דארפן שפילן. און ער וועט דיך טאָמיד באגעגענען ווי אן אייגענעם זון!

עמיל שולץ איז געשטאנען בא דער זײַט און מיט א צעעפנט מויל געהערט זיגפרידס ווערטער. ווען ער שעמט זיך ניט, דער אלטער, וואָלט ער אויך געזאָגט דאָס זעלבע. ער האָט זיך נאָך געקליבן הערן, נאָר פלוצעם דערהערט א קלונג. עמעצער איז אהער געקומען, און ער האָט זיך געלאָזט צו דער פירטקע, בייז, וואָס מע האָט אים אין אזא מינוט געשטערט.

עמיל שולץ האָט זיך געלאָזט מיט דער אליי, — ווער קלינגט עס אזוי שפעט? עפשער איז דאָס פראו גילדע געקומען אים אויסריידן, לעמײַ האָט

ער זי הײַנט אזוי אָפּגענארט? אָבער בלויז זי גייט אים איצט אָפּ! אז ער וועט זי דארפן, וועט ער צו איר געפינען דעם וועג. עמיל האָט געעפנט די פּירט־קע, און אָנשטאָט דער דיקער גילדע האָט ער דערזען פאר זיך א שלאנק, שיין מיידל, מיט א גרויסן בוקעט בלומען אין די הענט. זי איז געשטאנען, געקוקט אף אים מיט אירע גוטע, עטוואָס דערשראָקענע אויגן. „מײַן גאָט! — האָט עמיל א טראכט געטאָן. — דאָס ערשטע ווײַב האָסטו פון מיר פרי צו־גענומען, די צווייטע פרוי מיט מײַן איינציקן זון וואלטערן זײַנען אוועקגע־גאַן. אָנשטאָט זיי האָסטו מיר צוגעשיקט די שיינע גילדע. פארוואָס האָסטו ניט געקאָנט טאָן אזוי, זאָלסט פארוואנדלען די דיקע גילדע אין אזא שלאנק, בלאָנד קינד, וואָס שטייט פאר מיר?"

עמיל שולץ האָט ניט באוויזן עפּעס א מויל, ווי ער האָט לעבן דער יונגער גרעטכען מיט די שיינע אויגן דערזען שטיין דעם בארימטן כירורג עריך שטוטבאכן, וועלכער האָט אמאָל אָפּערירט זײַן וואלטערן און אים ארויסגעריסן פון די קלעמען פון טויט. ער האָט אויך געהאלטן בלומען, דער פּראָפעסאָר.

— איר זאָלט זיך ניט וווּנדערן, וואָס מיר זײַנען געקומען אזוי שפּעט, — האָט זיך אָנגערופן עריך שטוטבאך, — מיט דאָקטער פרידען האָבן מיר זיך געפּרוווט נאָך דער פאַרשטעלונג דורכשטויסן צו מאקס קרייסלערן, גע־וואָלט אים גראטולירן. ליידער, איז דאָס געווען אומעגלעך. מיר האָבן א שטיקל שײַכעס צום דעביוטאנט און געוואָלט זיך זען מיט אים. אויב איר וועט דערלויבן... מיר פארשטייען, אז ער איז פארמאטערט, נאָר אף עטלעכע מינוט בלויז...

— ביטע שיין, הער פּראָפעסאָר! — האָט זיך צעשײַנט פון פרייד שולץ. — מאקס וועט זײַן גערירט, אויב איר וועט צו אים אריינקומען. אזא ווונדער־לעכער גאסט, און דערבײַ נאָך די גרעטכען... מאקס וועט זײַן העכסט צו־פרידן! איך האָב געהערט, הער פּראָפעסאָר, איר האָט אים א סאך געהאָלפן. אָפּט דערמאָנט ער אײַך צו גוטן. ביטע שיין...

דערזען עריך שטוטבאכן און פרידען מיט בלומען, האָט מאקס זיך אופגעהויבן פון טיש, ארויסגעלאָפן אנטקעגן מיט צעשפּרייטע אָרעמס.

אין שטוב איז געוואָרן נאָך א שטארקערער טומל. אלע האָבן זיך גע־לאָזט צו די פארשפּעטיקטע געסט. מע האָט ניט געוווּסט, ווו זיי באזעצן.

...עס איז שוין געווען טיפע נאכט. פונעם געדיכטן סאָד האָט געווייעט מיט הארבסטיקער פײַכטקײַט. נאָר דאָ, בא לײַנארדן אין ווילע, האָט גע־הערשט אין אלע ווינקלעך א פרײלינגדיקע שטימונג. וואָס האָט ארומגע־כאפּט ניט בלויז מאקס קרייסלערן, נאָר אלע, וואָס זײַנען הײַנט אהער גע־קומען.

מע האָט ניט באמערקט, ווי די צײַט גייט, ווי עס רוקט זיך אונטער דער

באגינען. מע האָט גערעדט, געלאכט, געטומלט, געטרונקען ווייַן. גוטע מענטשן האָבן אָפּגעצייכנט דעם געבורט פון א נייַעם, אומגעוויינלעכן קינ־סטלער.

אין א ווינקל איז געשטאנען מאקס, פרידע, עריך שטוטבאך. פון דער ענגשאפט האָט זיך צו זיי דורכגעשלאָגן זיגפריד לייַנארד. ער האָט פאָרגע־לייגט אין אזא ענגן קרייַז אויסטרינקען פארן גליק פון מאקסן און דאָקטער פרידען. פון דער זייַט איז שווער געווען פעסטשטעלן, ווער פון די פיר מענטשן איז הייַנט דער גליקלעכסטער.

דריטער טייל

און ס׳האָט זיך צעבושעוועט דער שטורעמ־ווינט





גליק גייט באנאנד מיט אומגליק...

פרווו זײַ א בעריע און דערגיי א טאָלק — אין וואָס באשטייט דער סאָד פון רום? ווו קאָנסטו אים געפינען און ווו פארלירן?

פארוואָס גייט איין קינסטלער דורך זײַן לעבנסוועג, גיט, נעבעך, אָפּ גאָט די נעשאָמע און פארזוכט אפילע ניט דעם טאם פון קאָוועד, אנערקענונג, און א צווייטער, פארקערט, ווערט גלײַך פון די ערשטע טריט בארימט... זעט אויס, ניט קיין סאך האָבן די זכיִע געניסן דערפון באם לעבן, און איינער פון די געציילטע גליקלעכע איז געווען מאקס קרייסלער, דער בעקער פון קאָלאָמייע.

זײַן ערשטער אופטריט אף דער בינע האָט געמאכט א גוואלדיקן רוישעם אין שטאָט. דאָס איז פאר אלעמען געווען אן עכטע סענסאציע. אין דער אָרעמער און פריילעכער בראנזשע אקטיאָרן איז געווען אן איבערקערעניש.

אין א סאך צײַטונגען האָט מען ניט אופגעהערט שרײַבן, ווי דער פולגעפאקטער זאל האָט אופגענומען שטורמיש דעם יונגן שוישפילער, ווי ער האָט זיך פונעם ערשטן טאָג בארימט געמאכט. מע האָט אויך גענוי באשריבן דעם סקאנדאל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפילט בעשאס דער פרעמיערע, ווען א גרופּקע כוליגאנעס האָבן גע־פרווּט אראָפּרײַסן דעם ספּעקטאקל, נאָר זײַנען געבליבן צום נאר און דערצו נאָך מיט צעבלוטיקטע נעזער...

עס זײַנען אָבער אויך געווען וואָלוועלע בלעטלעך, וואָס האָבן אויס־געלאָכט דעם נײַעם שטערן אין זיגפרידס טעאַטער און אײדל אים געיי־צעט, ער זאָל ניט פאַרגעסן, ווער ער איז, און אַז זײַן אָרט איז ניט אין בער־לין, נאָר דאָרטן, פונוואַנען ער איז געקומען.

אַלע טאָג, צוזאַמען מיט דער קאַווע, האָט דער אַלטער עמיל שולץ אַרײַנגעבראַכט דעם יונגן פּרײַנט זײַנעם אַ היפּש קוישל בריוו און טעלעג־ראַמעס. מיט פאַרטײַעטן אָטעם האָט מאַקס געלייענט. פיל בריוו האָבן אים געבראַכט פרייד און נאַכעס, גערירט ביז טרערן. נאָר ס׳זײַנען געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן אים געפּײַניקט, געשלײַדערט אין גרימצאָרן, אַרויסגעפירט פון די קיילים.

עס האָבן געשריבן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, יענע, מיט וועלכע מאַקסן האָט אַמאָל צונויפגעפירט דער וויסטער גורל, ווען אים איז אויס־געקומען נעכטיקן אין די נאַכט־הײַזער, אויסלאָדן וואַגאָנעס, געשטאַנען אין לאַנגע רייען אויף דער אַרבעט־בירזשע, קעדיי באַקומען אַ פּאָר צעטע־לעך אויף אַ „זופּע". די מענטשן האָבן געבעטן אַנטשולדיקן, אויב מע האָט אים ווען־ניט־איז מיט עפּעס באַליידיקט, געזאָגט אַ קרום וואָרט — מע האָט זיך דעמלט אַפילו ניט פאָרגעשטעלט, אַז מע האָט צו טאָן מיט אַזאַ גרויסן מענטשן...

מאַקסן האָבן געוואָרעמט און געפרייט די בריוו פון זײַנע אַמאָליקע קאָ־לעגן בעקער, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט אים, געבעטן זיך ניט שעמען, טאָמער וועט ער זיך נייטיקן אין זייער הילף. אויב די באַנדיטן מיט די האַקנ־קרייצן, האָבן זיי געשריבן, וועלן זיך פּרוּוון אָפּטאָן נאָך אַזאַ שפּיצל, זאָל ער באַ זיך ניט פאַלן, יענע הינט וועלן אַזוינס באַקומען, אַז זיי וועלן פאַרגעסן, ווי מע רופט זיי, מע וועט די פּאַסקודעס ברעכן הענט און פיס...

אינגיכן האָט זיך מאַקס צוגעוווינט רויק לייענען די זידלערײַען און דראָונגען, נישטיקע וויצן אין די בולוואַר־בלעטלעך.

ער איז ווידער געווען אַרײַנגעטאָן אין דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט איבער נײַע ראָלן... מיט יעדער אַרויסטרעטונג זײַנער, מיט יעדער נײַער ראָל האָבן אַפילו די סאַמע גרעסטע סקעפּטיקער זיך איבערצײַגט, אַז דער דערפאָלג זײַנער איז ניט קיין צופעליקער און ניט קיין צײַטווײַליקער. דער רום זײַנער איז שטורמיש געשטיגן, און צוזאַמען דערמיט — די ליבע צו אים מיצאַד די צושויער.

די אַרומיקע האָבן מיט קינאָ געקוקט, ווי עס שטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג די פרײַנטשאַפט צווישן דעם גראַוון, קלוגן און באַרימטן לערער מיט זײַן טאַלאַנטפולן שילער. זיגפריד האָט מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט מאַקסן און זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז די וווּנדערלעכע און באַשיידענע בלאָנדע דאָקטערן פרידע וועט שוין באַלד אינגאַנצן אָוועקרויבן באַ אים מאַקסן און ער וועט ווידער בלײַבן אין דער ווילע איינזאַם. אַז אַזוי וועט גאָר אינגיכן געשען, האָט שוין קיינער ניט געצווייפלט. לעאָנאַרד האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אומפאַרמײַדלעך, און געוואָלט, אַז ביידע זאָלן זיי בלײַבן באַ אים — מאַקס און פרידע.

וואָס מער עס איז געשטיגן קרייסלערס רום, אַלץ מער סאָנים האָט ער זיך דערוואָרבן. זיי זײַנען געוואַקסן, ווי אַף הייוון, די ניט־פאַרגינער! אייניקע געוויזענע פריַינט זיגפרידס האָבן געבורטשעט, לעמײַ טיילט ער אָפּ אַזויפיל אכט דעם בעקער און ניט גענוג זײַנע ברידער לויטן בלוט... מאַקסן האָבן אַלץ מער דערקוטשעט די אינטריגאַנער. מע האָט אים געקלונגען אין טעלעפאָן אַלץ אָפטער און געייצעט זיך פאַרנעמען פון דײַטשלאַנד, טויזנט מאָל א טאָג אים דערמאָנט, אַז ער איז ניט קיין אַריער...

מאַקס האָט געטראַכט, ווי ענטפערט מען אָף אָט די אידיאָטן. מע וואָלט עס עפּשער געדאַרפט טאָן פון דער בינע. נאָר וויִאַרום? אָט ווען זיגפריד וויל שטעלן שעקספּירס „שיילאָק" אין א נײַער אינטערפּרעטאַציע, זי זאָל קלינגען נײַ, פריש... דאָרטן איז פאַראַן א וווּנדערלעכער מאָנאָלאָג, וואָס איז געווענדט צו די ראַסיסטן, צו אַזעלכע, וואָס קלינגען מאַקסן און פאַרוואַרפן אים מיט אַנאָנימע בריוולעך. כאָטש שיילאָקס פילאָסאָפיע, זײַן קאַרגשאַפט און אייניקע זיטן זײַנען מאַקסן דערווידער, פרעמד, נאָר א סאַך ווערטער זײַנען אין דעם מאָנאָלאָג פון שיילאָקן פאַראַן אַזוינע, וואָס קאָנען טרעפן גלײַך אין ציל צו יענע פאַרשווינדלעך, וואָס פילן צו מאַקסן א סינע בלויז דערפאַר, וואָס זיי געפעלט ניט זײַן אָפּשטאַם.

אין א צײַט אַרום האָט זיגפריד לײַנאַרד געגומען שטעלן שעקספּירס „שיילאָק" און מאַקסן פאַרגעלייגט די הויפּט־ראָל. ער האָט אין די נײַע באַדינגונגען, — ווען קרעטינען און טויגעניכצן האָבן געפּריידיקט ראַסן־האַס, ווילדקײַט, — איבערגעלייענט די באַרימטע טראַגעדיע מיט אַנדערע אויגן. ער וועט שטעלן דעם טראָפּ קעגן די אַנטיסעמיטן, וואָס בושעווען אין לאַנד. מאַקס וועט איבערלייענען דעם וווּנדערלעכן מאָנאָלאָג אַף גאָר א נײַעם אויפן...

און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָפלאָזע, שווערע נעכט, מע האָט געאַרבעט, געגרייט מיט פלײַס די נײַע פאָרשטעלונג.

* * *

דער גרויסער זאַל פון לײַנאַרד־טעאַטער איז דעם אָפּדערנאַכט געווען איבערפולט, ווי שטענדיק בעשאַס א נײַער פּרעמיערע און ווען עס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל מאַקס קרייסלער.

דאָס מאָל איז געגאַנגען די באַרימטע טראַגעדיע פון שעקספּירן „דער ווענעציִאַנער סוחר".

אין פול־געפּאַקטן זאַל איז ניט געווען ווו א נאָדל זאָל פאַלן. מיט זײַן אויסגערעכנטן טראָט איז געגאַנגען אַלץ נעענטער צו דער ראַמפּע דער אַלטער שיילאָק. זײַנע אויגן האָבן געברענט פון צאָרן, ווייטיק און האַס. די יאַרמלקע אַפן קורץ־געשוירענעם קאָפּ האָר איז געווען עטוואָס פאַרוקט אין א זײַט, די לאַנגע קאַפּאָטע צעשפּיליעט. ער איז געווען אופגערודערט און פאַרביטערט, פול מיט טײַנעס צו זיך, צו זײַן טעכטערל און צו דער גאַנצער וועלט. ער איז אין דער מינוט געווען גרויזאַם, שרעקלעך אין זײַן

גרויסן צאָרן, דער אַלטער שײַלאָק. זײַנע סאָנים האָבן אים פּאַרווונדעט אין סאַמע האַרצן. מע האָט בײַ אים אָקאָרשט אָפּגערויבט דאָס טײַערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, — זײַן איין־און־איינציקע טאָכטערקע. די פײַנט זײַנע האָבן זיך אין אים דערלעבט א נעקאָמע, מע האָט פון אים געכויזעקט, געשפּעט, געלאַכט, זיך איזדיעקעוועט איבער זײַן אָנטאָן, זײַן מענטשלעכער ווירדע, און בלויז צוליב איין וויכטיקן כעט זײַנעם — ער האָט זיך, זעט איר, דערלויבט געבוירן ווערן א ייִד... ער קאָן שוין מער ניט שווײַגן. דער מוירעדיקער ווייטעק און פאַרדראָס, וואָס האָט זיך זייער לאַנג אָנגעזאַמלט אין זײַן נעשאָמע, האָט א פלייץ געטאָן איבער די ברעגן. ער האָט שוין מער ניט געקאָנט לײַדן, געדאַרפט אַרויסזאָגן זײַנע פײַנט אַלץ, וואָס האָט אים אַזוי געמוטשעט, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען, אָטעמען, לעבן. אָט שטייט ער שוין באַם ראַנד פון דער ראַמפּע און הייבט אָן ריידן שטילערהייט, קוים אַרויסברענגענדיק די ווערטער, דערנאָך צעקלינגט זיך זײַן שטים אַלץ שטאַרקער, פעסטער און פעסטער, און אָט קלינגט זי שוין, ווי א דונער, עס ציטערן אַזש די ווענט פונעם זאַל:

„...ער האָט מיך געמאַכט צו שאַנדע... זיך אויסגעלאַכט פון מײַנע פאַרלוסטן, געשפּעט איבער מײַנע פאַרדינסטן, געזידלט מײַן פאָלק, געשטערט אין מײַנע געשעפטן, אָפּגעקילט מײַנע פרײַנט, צעהיצט מײַנע סאָנים. און וואָס פאַר א סיבע האָט ער געהאַט דערצו? דאָס, וואָס איך בין א ייִד? האָט דען דער ייִד קיין אויגן ניט? האָט דען דער ייִד ניט קיין הענט, קיין כושים, קיין איווורים, קיין געפילן, קיין סימפּאַטיעס, לײַדנשאַפטן? צי ניט די זעלבע שפּײַז נערט אים, צי ניט דאָס זעלבע קלייזײַען פאַרווונדעט אים?.. צי היילן אים ניט די זעלבע רעפּועס? צי דערוואַרעמען אים ניט אָדער פרירן אים ניט די זעלבע זומערס און ווינטערס, וואָס דעם קריסט? און אַז מע שטעכט אונדז — רינט דען בײַ אונדז קיין בלוט ניט? און אַז מע קיצלט אונדז — לאַכן מיר דען ניט? און אַז מע סאַמט אונדז אָפּ — שטאַרבן מיר דען ניט? און אַז מע באַליידיקט אונדז — צי דען דאַרפן מיר ניט נעמען קיין נעקאָמע? אויב מיר זײַנען מיט אַלץ ענלעך אַף אײַך, טאָ ווילן מיר זײַן אויך ענלעך דערמיט...“

מאַקס איז אַף א ווײַלע שטיל געוואָרן, ער האָט געווענדט זײַן בליק אין זאַל, ווי ער זאָל זוכן יענע, וועמען ער האָט געמיינט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע ביז איינעם האָבן פאַרשטאַנען, אין וועמען עס זײַנען געצילט אָט די ווערטער. מע האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אין דער מינוט איז פאַר מאַקסן דאָס געזאָגטע געווען מער, ווי אויסשפּילן די ראָל, מער, ווי איבערלייענען א מאָנאָלאָג, מער, ווי א טעאַטראַלע פאָרשטעלונג, — ער האָט אַרויסגעבראַכט אַף דער פרײַ דאָס, וואָס איז געווען אָנגעווייטעקט אַפן האַרצן, ער האָט זיך געווענדט צו יענע, וועלכע האָבן אים בעשאַס זײַן ערשטן אופטריט אַף דער בינע געוואָלט אויספײַפן און טײַער דערפאַר באַצאָלט.

ווען ער האָט געענדיקט דעם מאָנאָלאָג, איז דער גאַנצער זאַל אופגעריסן געוואָרן פון אַן אָוואַציע. מע האָט מאַקסן ניט געלאָזט אַוועקגיין פון דער

בינע, באַשאָנקען מיט בלומען. אין טונקעלן ווינקל פֿון דער לאָזשע האָט מאַקס דערזען זיגפֿריד לײַנאַרדן, און לויט זײַן גוטמוטיקן שמייכל פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט דערגרייכט זײַן ציל. עס איז מעקיַעם געוואָרן זײַן טרוים. ער האָט באַקומען יענע באַפֿרידיקונג, וואָס דערמונטערט און דערהייבט אַן עכטן קינסטלער.

און ווען דאָס צענטע מאָל האָט זיך אופֿגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט דער שווערער פֿאָרהאַנג, איז אַ גליקלעכער, אַ מידער און פֿאַרמאַטערטער, מיט שײַנענדיקע אויגן, אוועקגעלאָפֿן הינטער די קוליסן מאַקס קרייסלער.

צווישן די פֿרײַנט און פֿאַרערער, וואָס זײַנען געקומען אַהער, אין זײַן צימער, אים באַגריסן, גראַטולירן מיטן נײַעם גרויסן דערפֿאָלג, אויסדריקן זייער באַגײַסטערונג, האָט זיך דורכגעשטויסן צו אים אַ דאַרער פֿאַרשוין מיט אַ קורץ שוואַרץ בערדל, אונטערגעשוירן לויט דער לעצטער מאָדע, אין גילדענע פּענסנע. מאַקס האָט אים דערזען און זיך שיִער ניט צעלאַכט. אָט דער נעפּעש איז דאָך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך אָף זגורסקי דעם דריטן! דער אומבאַקאַנטער האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון דער האַנט די הענטשקע און אַ פֿינקל געטאָן מיט די גאָלדענע ציין:

— מיסטער קרייסלער? איך גראַטוליר אײַך! איך קויף אײַך גלײַך אָפּ! זאָגט מיר גלײַך, וויפֿל קאָסט איר?

מאַקס האָט אויסגעשטעלט אָף אים אַ פּאָר פֿאַרוווּנדערטע אויגן, ניט באַנעמען, וואָס וויל ער פֿון אים.

— אַנטשולדיקט, איך פֿאַרקויף זיך ניט! — האָט ער בייז געענטפֿערט.

יענער האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, אויסגעווישט מיט אַ טיכל דעם שטערן, דערלאַנגט מאַקסן זײַן וויזיט־קאַרטל און זיך צוגעזעצט, אונטערבאָמקענדיק זיך אַ ניגנדל.

דער מענטש, לאָזט זיך אויס, איז אַ באַוווּסטער אַנטרעפּרעניאָר און לייגט פֿאָר קרייסלערן אַ גלענצנדע גאַסטראָל־רײַזע אין לאָנדאָן און פּאַריזש.

מאַקס האָט זיך צו אים נעענטער צוגעקוקט. יאָ, ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט, ווען ער האָט אים נאָר דערזען! בעלי־סאָפּעק דערמאָנט ער אָן זגורסקי דעם דריטן. עמעס, דער איז אַ מענטש פֿון גאָר אַן אַנדער פּאַרנעם. דער האָט מאַקסן גלײַך אונטערגערוקט אַן אָפּמאַך און אַ טשעק אָף אַ גרויסער סומע. מאַקס האָט זיך פֿאַרלוירן, ניט געוווּסט וואָס ענטפֿערן. כאָטש ער האָט שוין פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון רום און אָנערקענונג, ניט זשעדנע געווען אין געלט, נאָר אָף קיין רעגע ניט פֿאַרגעסן, אַז ער איז דאָך אַ שלימאַזל אין לעבן. ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אים נאָך? נאָר עפּשער איז אים פֿרײַ זיך לאָזן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן? עפּשער אָפּלייגן די רײַזע אָף בעסערע צײַטן? ער איז נאָך יונג און וועט באַוויזן... נאָר דאָ האָט אים אַ צי געטאָן דער יעיִצערהאָרע: ווער זשע זאָגט זיך אָפּ פֿון אַזאַ גוטן פֿאָרשלאָג? ווען־ניט־איז וועט דאָך אויסקומען אַ פּרווו טאָן די קויכעס אין דער פֿרעמד, איז עפּשער גלײַכער איצט? גוט. ער וועט זיך האַלטן אָן אייצע מיט לײַנאַרדן — וואָס יענער וועט זאָגן, אַזוי וועט זײַן. און ער האָט געמאָלדן, אַז ענטפֿער וועט ער געבן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

ווי געוויינלעך, נאָך א פּרעמיערע איז בא זיגפרידן אין שטוב געווען יאָמטעוודיק. כוץ די שטענדיקע געסט — אַקטיאָרן, שריפטשטעלער, זשור־נאַליסטן, מוזיקער, זײַנען הײַנט געקומען אהער אומגעוויינלעכע געסט — דאָקטוירים, בארעמהארציקע שוועסטער פון דער קליניק, ווו מאקס איז געלעגן. עס זײַנען אויך געקומען מיט מאטאָנעס און בלומען עטלעכע בעקער און טרעגער, מיט וועלכע מאקס האָט אמאָל אויסגעלאָדן וואגאָנעס אף דער סטאנציע און געוואָרן אָפטע ארײַנגייער צו אים.

עס איז געווען א צווייענדיקער יאָמטעוו — מע האָט אָפּגעצייכנט מאקס׳ נײַעם דערפאָלג אין דער ראָל פון שײַלאָק און באגריסט דאָס פּאָרפאָלק — פרידען און מאקסן, וואָס האָבן אף שטענדיק פארבונדן זייער גוירל. און כאָטש אין אלע ווינקעלעך איז געווען לעבעדיק און פריילעך, מוזיק האָט געשפּילט און מע האָט געטאנצט, דאָך איז די שטימונג בא מאקסן געווען א געדריקטע. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס זאָל ער ענטפערן דעם אנטרעפּרעניאָר. די צײַט איז אן אומרויִקע. דערצו נאָך, צי האָט ער דאָס רעכט איבערלאָזן, זאָל זײַן אפילו צײַטווײַליק, זײַן לערער און פרײַנט זיג־פריד לײַנאַרדן? מאקס האָט דערציילט וועגן פאָרשלאָג דעם לערער, און יענער איז געבליבן אין פארלעגנהײַט, ניט געוווסט וואָס ענטפערן. געוויס איז אים שווער געווען זיך צעשיידן מיט מאקסן, נאָר א קוק געטאָן אין זײַנע ברענענדיקע אויגן, אף דער וווּנדערלעכער יונגער פרוי זײַנער, פאָרשטאָ־נען, אז זיי האָבן רעכט אפן האָניק־כוידעש און זיך באווײַזן אין די גרעסטע וועלט־שטעט, אין די גלענצנדע מוזייען און טעאטערן.

און זיגפריד האָט זיי געווונטשן א גליקלעכן שליטוועגס און אָנגעזאָגט, מע זאָל זיך נאָר לאנג ניט פארהאלטן.

מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אז פון דער נײַס, אז זײַן רעכטע האנט, דאָק־טער פרידע, לאָזט זיך אין א ווײַטער רײַזע, איז געווען באגײַסטערט איר שעף עריך שטוטבאך. נאָר די שטימונג איז באם פּראָפעסאָר געווען א גלענ־צנדע, וועגן זיגפרידס באשלוס האָט ער שוין געהערט און געמוזט געבן זײַן האסקאָמע.

אין עטלעכע טעג ארום זײַנען באם צעפּראלטן וואגאָן־פענצטער געשטאַ־נען פריילעכע, גליקלעכע, שמייכלענדיקע דאָקטער פרידע און מאקס קרייס־לער און געפּאָכט מיט די הענט צו זייערע פרײַנט, וועלכע זײַנען געקומען זיי באגלייטן.

כאָטש מאקס האָט פארלאָזט בערלין אף א קורצער צײַט, דאָך איז אים געווען שווער אפן געמיט. עמעס, ער האָט זיך דאָ אמאָל גענוג אָנגעבידע־וועט און אפילו זײַענדיק א באריימטער אקטיאָר, איבערגעלעבט ניט ווייניק באליידיקונגען, זי איז אָבער אים זייער נאָענט און ליב געוואָרן, אָט די אומענדלעכע, רוישיקע שטאָט מיט אירע אומגעהייערע קאָנטראסטן. זי איז פאר אים געווען די צווייטע היים, און אזא וועט זי פאר אים פארבלײַבן אף שטענדיק.

ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער וועט זיך אינגיכן אומקערן.

* * *

אָבער ווי זאָגט דאָס אַלטע ווערטל: ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך! מע האָט אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט געשפּילט אין גרויסן לאָנדאָנער טעאַטער, ווו די גרעסטע וועלט־אַקטיאָרן האָבן געשפּילט אין שעקספּירס טראַגעדיעס, און מע האָט אים אויפגענומען אַזוי באַגײַסטערט, ווי אין בערלין. די צײַטונגען האָבן געשריבן, אַז זעלטענע געסט האָבן געשפּילט מיט אַזויפיל טאַקט, האַרץ, פאַרשטאַנד פון שעקספּירס ווערק, ווי דער יונגער בערלינער שטערן.

סײַ מאַקסן, סײַ פרידען איז געפעלן געוואָרן אָט די אייגנאַרטיקע אַלטע און שיינע שטאָט, אַפילו מיט אירע נעפּלען און אײַנגעגעסענע רעגנס. די מוזייען און בילדער־גאַלעריעס, די אויסשטעלונגען און טעאַטערן האָבן זיך אָף שטענדיק אײַנגעקריצט אין זיקאָרן.

מאַקס איז באַזונדערס געווען באַגײַסטערט דערפון, וואָס מע האָט אים דאָ, אין שעקספּירס היימלאַנד, אַזוי וואַרעם אויפגענומען. ער האָט דאָ געהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען אָף רײַפקייט און געווען גליקלעך, וואָס ער האָט דעם וויכטיקן עקזאַמען אויסגעהאַלטן גלענצנדיק.

ווען ער איז מיט פרידען געקומען אין אַ שיינעם זוניקן טאָג קיין פּאַריזש, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז מע איז אַרײַנגעפאַלן אין גאָר אַן אַנדער וועלט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אַרויסגעטראָטן אין אַ גרויסן דראַמאַטישן טעאַטער און פונקט, ווי אין לאָנדאָן, געווען באַצויבערט פונעם פּובליקום, פון דעם הייסן אופנאַם בײַ די פּאַריזשער צושויער. אים האָט זיך נאָך די ערשטע ספּעקטאַקלען געדאַכט, אַז אים זײַנען אויסגעוואַקסן פליגל.

די וווּנדערלעכע שטאָט מיט אירע גרויסאַרטיקע פּלעצער און גלײַכע רוישיקע גאַסן, דער אומפאַרגעסלעכער אייפעל־טורעם און נאָטער־דאַם, די בריקן איבער דער סענע און די פּאַלאַצן, די פײַערן און די פאַרביקע וויטרינעס, נאָר, דעריקער, דער לעבעדיקער, פרייִלעכער און האַסטיקער מענטשן־שטראָם האָבן געמאַכט אָף דעם יונגן פאָרפאָלק אַ גראַנדיעזן אײַנדרוק, שוין ניט רעדנדיק וועגן לוווּר, די טעאַטערן און מוזייען. באַגלײַך מיט דעם אומענדלעכן שטראָם אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן האָט מען געקאָנט באַגעגענען אַלטמאָדישע קאַרעטעס, געשפּאַנטע מיט געוויינלעכע פערדלעך. באַנאַנד מיט רײַכע קראָמען זײַנען געשטאַנען קליינינקע געוועלבלעך, שטעטלעכלעך, ווו מע האָט געהאַנדלט מיט אַלטוואַרג און זיסע זאַכן. זיי האָבן באַנאַנד מיט רײַכקייט און לוקסוס געזען דאַכקעס און אָרעמקייט, באַנאַנד מיט יענע, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט, געבעטן אַ נעדאָווע, אַרבעטלאָזע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מילכאָמע־אינוואַלידן — רײַכע מאַנצבלען און פרויען, גלענצנדע וויטרינעס, טומלדיקע רעסטאָראַנען און קאַזינאָ־הײַזער, דאַנסינגן און קאַפע־הײַזער.

זיי האָבן געזען גוטע קינסטלער, וואָס זײַנען געזעסן אין די פּאַרקן, אָף די בולוואַרן אונטער גרויסע שירעמס, געמאָלט פּייזאַזשן און אָפן אָרט זיי

פארקויפט פאר עטלעכע פראנק; מע האָט באגעגנט דאָ מאָלער, וואָס האָבן געמאָלט אפן טראָטואר און געוואַרט, מע זאָל זיי ווארפן אין די היטלען, וואָס זײַנען געלעגן באנאנד, מאטבייעס...

און ניט געקוקט אף די גרויסע קאָנטראַסטן פון דער גלענצנדער גרינער און לעבעדיקער שטאָט, האָבן ביידע פונעם ערשטן טאָג ליב באקומען אָט די בארימטע „שטאָט פון שטעט", ווו יעדער מויער, יעדער פּארק, יעדער בולוואר האָט געהאט זײַן כיין, זײַן פּאָנעם, זײַן שיינקייט.

נאָך זײַנע ארויסטרעטונגען אין טעאטער האָט מאקס דאָך ניט געאײַלט אין האָטעל זיך אויסרוען. ער איז ניט מיד געוואָרן שפּאצירן מיט פרידען ביז טאָג איבער די העל־באלויכטענע גאסן און פּלעצער, זיך צוקוקן צום באנאכטיקן לעבן פון דער אומענדלעכער שטאָט. נאָך די פּילצאָליקע אופנאמען און באנקעטן, וואָס מע האָט אײַנגעאָרדנט לעקאָוועד אים, האָט מאקס ליב געהאט בלאָנקען ביזן זון־אופגאנג איבער די איליומינירטע גאסן, איבער דעם גרינעם מארס־פעלד, לענגויס דער סענע, וואָס איז געווען איבערגעשניטן מיט אָנצאָליקע בריקן.

ניט איין מאָל האָט מאקס געטראכט, אז דאָ, אין פּאריזש, אָטעמט זיך פרײַער, לײַכטער, ווי דאָרטן, אין בערלין. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל, האָט קיינער ניט געקלונגען אין טעלעפאָן און אים ניט געזידלט, ניט אויסגעוואָרפן, אז ער איז ניט קיין „ריינער אריער", ניט אויסגעוואָרפן דעם ייִכעס, ניט געייצעט פארלאָזן די שטאָט און פאָרן צו זײַנע אָוועס... מיט וואָס פאר א פארגעניגן וואָלט ער איבערגעפאָרן אהער און דאָ געארבעט, געשאפן! נאָר ניין! דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן! ער איז אן אקטיאָר פון זיגפריד לײַנארדס טעאטער, און דאָרטן, אין בערלין, איז זײַן אָרט! ער האָט ניט געגלייבט, אז דער פּסיכאָז און דאָס מעשוגאַס, וואָס האָט אָפּגעסאמט א טייל מענטשן, וועט לאנג דאָרט דויערן. דײַטשלאנד געפינט זיך אין צענטער פון אייראָפּע, און עס איז אומעגלעך, אז דאָס בייז, ווילדקײַט, מיטלאלטער זאָל זיגן ווען־ניט־איז. ניין, איבער דײַטשלאנד וועט זיך ניט אראָפּלאָזן קיין שוידערלעכע נאכט. עס לעבן מענטשן, וואָס וועלן דערצו ניט דערלאָזן אין קיין שום פאל!

אָט אזעלכע געדאנקען, וואָס האָבן אים אלץ אָפטער באזוכט, האָבן מאקסן צוגעגעבן מוט און גלויבן אין יוישער פון זײַן צווייטער היים, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל ניט פארלאָזן! ער האָט אָפט געשריבן לײַנארדן, דערציילט מיט אלע איינצלהײַטן, וויאזוי עס גייען דורך אין פּאריזש זײַנע גאסטראָלן, ווי גליקלעך ער פילט זיך דאָ. זיגפריד איז געווען העכסט צופרידן, וואָס זײַן שילער ווערט אזוי גוט אופגענומען אין די גרויסע שטעט, ווו ער אליין, זיגפריד, האָט אָפט גאסטראָלירט און זיך באקאנט מיט וווּנדערלעכע מענטשן, קינסטלער, טעאטערן, מוזייען. און דאָך האָט ער געבעטן, זײַן יונגער פרײַנט זאָל זיך גיכער אומקערן אהיים, ווו עס וואַרטן אף אים נײַע ראָלן, די בערלינער צושויער און ער אליין, זיגפריד, וואַרט אף אים מיט אומגעדולד. אָן אים איז אים שווער און אומעטיק. די שטוב איז פּוסט, ווי פאריאָסעמט.

יאָ, זיגפֿריד האָט מיט גרויס אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף זײַן ליבלינג. נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פּאַריזש איז אַזאַ שטאָט, פֿון וועלכער עס גלוסט זיך ניט אַזוי גיך אַוועקפֿאָרן. וואָס מער דו לעבסט אין יענער שטאָט, אַלץ מער שלעפּט זי דיך אַרײַן אין אירע נעצן. זיגפֿריד האָט זיך אָן זײַן יונגן פֿרײַנט געפֿילט מוירעדיק איינזאַם, אומגליקלעך, און ער האָט געטראַכט, וויאַזוי זאָל ער שנעלער אַרויסרופֿן אַהער מאַקס קרייסלערן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יענער וויל שפּילן דעם „קיניג ליר". און דעם זעלבן טאָג האָט ער אים אַוועקגעשיקט אַ בריוו, אַז עס וואַרט אויף אים די נײַע ראָל, און מאַקס מיט זײַן יונגער פֿרוי האָבן זיך געזעגנט מיט פּאַריזש און זיך אומגעקערט אַהיים.

* * *

בערלין האָט זיי באַגעגנט מיט אַ פֿרילינגדיק ווינטל און צעגרינטע קוסטעס. מײַסע באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע זײַנע קיילים דער פֿרילינג, אופֿגעטאָרעט פֿונעם ווינטערדיקן שלאָף אַלץ, וואָס האָט געקאָנט בליִען, לעבן.

שפּאַנענדיק איבער די גאַסן, נאָך וועלכע מאַקס האָט זיך פֿאַרבענקט, האָט ער באַמערקט, אַז דאָ, אין שטאָט, זײַנען פֿאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען, נאָר וועלכע, האָט ער נאָך ניט געקאָנט באַגרײַפֿן. אַ מאָדנער שטעמפּל איז געלעגן אויף די פּנימער פֿון מענטשן. עפּעס איז מען דאָ געוואָרן אומרויִקער, נערוועזער, פֿאַרדײַגעטער. אַ מאָרעשכוירע איז געלעגן אויף די מענטשן. מע האָט גערעדט פֿאַרזיכטיקער, ווי מע זאָל מוירע האָבן פֿאַרטרויען איינער דעם צווייטן די סוידעס, די פֿאַרטײַעטע געדאַנקען. אין די בלעטער האָט מען אָפּטער געשריבן וועגן כוליגאַנישע אָנפֿאַלן פֿון מאַכנעס פֿאַשיסטן אויף אַרבעטער־קלובן, רעדאַקציעס, דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. דער אוילעם איז געוווּן דערשיטערט דערפֿון, וואָס קיינער שטעלט ניט אָפּ און מישפּעט ניט די בוויאַנעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך פֿירן פֿרעכער מיט יעדן טאָג.

ערשט ניט לאַנג האָבן די פֿאַשיסטישע מענוואָלים געשטריקט זייערע נעצן בישטיקע — אין ביר־הײַזער, אין שענקען, קיינער זאָל ניט זען, מוירע געהאַט פֿאַר דער פּאָליציי. איצט האָבן זיי פֿראַנק־און־פֿרײַ מאַרשירט איבער די גאַסן אין ברוינע העמדלעך, האַקנקרייצן אויף די אַרבל, דורכגעפֿירט רוישיקע מיטינגען, געררופֿן צו טאַט, און קיינער האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט.

נאָך דער גרויסער האַפּסאָקע האָט זיך דער בערלינער אוילעם שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך מאַקס קרייסלערן, און ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן, איז דער צושויער געקומען אים זען. איצט, נאָך די גרויסע דערפֿאָלגן, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין לאָנדאָן און פּאַריזש, האָט זײַן נאָמען נאָך שטאַרקער געקלונגען. די וואָרעמקײַט, וואָס ער האָט געפֿילט מיצאַד די צושויער, האָט אים דאָך באַרויִקט און אָפּגעווענדט פֿונעם שווערן געפֿיל, פֿון דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום.

פאר דער לענגערער צײַט, וואָס מאקס איז דאָ ניט געווען, האָט זיך זיגפריד אויך געענדערט, געוואָרן גראָוער, עלטער, נערוועזער. שווערער איז אים געוואָרן קעמפן מיט יענע, וואָס האָבן געביטן זייערע אָנשויונגען, ער האָט באַזײַטיקט פון טעאַטער אַזעלכע, וואָס זײַנען אָפן צוגעשטאַנען צו די, וואָס אין די ברוינע העמדלעך, און דער קרײַז סאָנים אַרום אים האָט זיך פאַרברייטערט.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער ערשטער מײַ. רוישיק איז געווען אַף די גאַסן, אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן. מע האָט זיך געגרייט צום גרויסן פרילינג־יאָמטעוו. דאָס יאָר וועט מען אַרויסגיין אַף דער דעמאָנסטראַציע מיט פאָדערונגען צו דער רעגירונג, מע זאָל אָפשטעלן דעם ווילדן ווילקיר פון די נאַציסטן, אָפהיטן דעם געזעץ, די קאָנסטיטוציע, פאַרווערן די אָרגאַניזאַציעס פון האַקנקרייץ, וואָס טעראָריזירן דאָס פאָלק, פרייִדיקן אָפן ראַסן־האַס, אַנטיסעמיטיזם, פאָגראָמען.

זיגפריד לײַנאַרד האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין פאָליטיק. ער האָט געטראַכט, אַז זײַן זאַך איז — קונסט, טעאַטער. אָבער איצט האָט ער געזען, ווי אַ שרעקלעכע כמאַרע רוקט זיך אָן אַפן לאַנד און קאָן דאָס אומברענגען. און ער האָט באַשטימט, אַז ער טאָר ניט שווײַגן. ער מיט זײַנע פרײַנט וועט גיין אַף דער מאַניפעסטאַציע. ער וועט אַרויסגיין אַף דער טריבונע, וואָס די אַרבעטער וועלן אויפשטעלן אַפן פּלאַץ, בײַ די בראַנדענבורגער טויערן, און וועט אויפהייבן זײַן שטים. ער איז נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס פאַר דעמאָנסטראַנטן, ער האָט בלויז אַרויסגעבראַכט אַף דער בינע דאָס, וואָס גרויסע קינסטלער האָבן אָנגעשריבן, נאָר איצט איז געקומען די צײַט, ווען מע טאָר ניט שווײַגן, עס קאָן זײַן שפּעט.

ער האָט געהערט, זיגפריד לײַנאַרד, אַז די רעגירונג האָט פאַרווערט דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען דאָס יאָר און וועט גרויזאַם זיך צערעכענען מיט יענע, וואָס וועלן ניט אויספילן דעם באַפעל. נאָר נישקאָשע, אַלצייינס וועלן די אַרבעטער־מאַסן, די אינטעליגענץ אַרויסגיין דעמאָנסטרירן, און ער וועט גיין צוזאַמען מיט אַלעמען!

ווען פרידע האָט זיך דערוווּסט, אַז זיגפריד, מאַקס און אַ סאַך קאָלעגן זייערע קלײַבן זיך גיין אַפן מאַסן־מיטינג, וואָס איז אַזוי שטרענג פאַרבאָטן פון דער רעגירונג, איז זי דערציטערט געוואָרן. וואָס הייסט, זיי וועלן גיין? אין ראַדיאָ הערט מען ניט אויף צו מעלדן, קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן דעמאָנסטרירן, אַרויסטרעטן. ווער־ווער, דאָקטער פרידע ווייסט גוט, וואָס איז אַ מעלוכישער פאַרבאָט דעמאָנסטרירן. פאַראַיאָרן האָט די פּאָליציי צעטריבן אַזאַ מאַניפעסטאַציע, און הונדערטער מענטשן זײַנען צעשלאָגן געוואָרן, פאַרוווּנדעט. צוויי מעסלעס איז זי דעמלט ניט אוועקגעגאַנגען פון אָפּעראַציע־טיש, געראַטעוועט פאַרוווּנדעטע אַרבעטער. דאָס יאָר וועט, זעט אויס, זײַן נאָך שרעקלעכער...

ניין, זי וועט זיגפרידן און מאַקסן בעשום־אויפן ניט דערלויבן גיין.

די נאַכט ערעוו דעם ערשטן מײַ איז געווען אַ לויטערע און אויסגעשטערנטע. ביז שפּעט האָבן זיך אין דער ווילע בײַ זיגפרידן ניט אויסגעלאָשן

די לעמפּ. זיגפריד האָט געטרונקען מער קאווע, ווי שטענדיק, ארומגעגאַנגען איבערן צימער, עפּעס געשעפּטשעט. ער האָט איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן זאָגן אַפן מיטינג. אָן אופהער האָט געקלונגען דער טעלעפאָן, און עמיל שולץ איז שוין הייזעריק געוואָרן ענטפערן, אז יאָ, ס'איז וואָרהאפטיק, אז דער טעאטער מיט זיגפרידן און קרייסלערן וועלן גיין אף דער דעמאָנסטראציע.

אין שטאָט האָט געשמעקט מיט פולווער. אפילע אהער, צו זיגפרידס ווילע, וואָס איז געשטאַנען אין דער געדיכטעניש פונעם סאַד, האָט זיך דערטראָגן דער שווערער גערודער פון פאָליציי־פורגאָנען, פון די מעכטיקע ראַדיאָ־רופּאָרס, וואָס האָבן ניט אופגעהערט איבערכאַזערן, אז די דעמאָנסטראַציע, אַלע מיטינגען זײַנען שטרענג פאַרווערט. קיינער גייט ניט ארויס אף די גאַסן. די ווילדע סירענעס פון די אוטאָמאָבילן האָבן אָנגעוואָרפן א פּאַכעד אף דער שטאָט.

די שטאָט איז געווען וואַך. קיינער איז ניט געשלאָפן.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען מאַקס מיט פרידען האָבן זיך אופגעהויבן צו זיך אין צימער. דורך דער צעעפנטער באַלקאָן־טיר האָט זיך ארײַנגעריסן א מעכטיקער פרילינג־ווינטל און גענומען זיך באַלעווען מיט די לײַכטע, דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען. פון צווישן די אָקאָרשט צעגרינטע ביימער־קרוינען האָט ארײַנגעקוקט צו זיי אין צימער די ראָזלעך־בלויע לעוואָנע און באַשײַנט די גרויסע שראַנקען מיט ביכער.

ביידע זײַנען ארויסגעגאַנגען אפן באַלקאָן, זיך אָנגעשפּאַרט אף דער פּאָרענטשע. מאַקס האָט געקוקט אף פרידען, אף איר געענדערטער פיגור, אף די אײַנגעפאַלענע באַקן, אף וועלכע עס האָבן זיך קוים אָנגעזען געלבלעכע פלעקן.

געפילט אף זיך מאַקס' שמייכלענדיקן בליק, האָט פרידע זיך שעמעוודיק אָפּגעקערט פון אים, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל ניט קוקן. ער האָט זי פאָרזיכטיק ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און דערפילט, ווי בא איר האָט א צאַפּל געטאָן א נײַ לעבן.

מאַקס האָט אף פרידען א קוק געטאָן מיט באַגײַסטערונג. זײַן בליק האָט געפרעגט: טאַקע אינגיכן וועל איך שוין ווערן א טאַטע? מיר וועלן האָבן א זון צי א טאָכטער?

געוויס! גאָר אינגיכן וועט עס געשען. די שטוב וועט פול ווערן מיט קינדער־געפילדער. און זייער לעבן וועט זיך אינגאַנצן ענדערן.

מאַקס וועט זי אָפּהיטן באַזונדערס, פרידען. ער איז גליקלעך, וואָס זי דאַרף שוין גיך ווערן א מאַמע, ער וועט זײַן אופמערקזאַם צו איר, צאַרט, ווי קיינמאָל. ער וועט אויספילן אַלע אירע באַגערן, איר וואָרט וועט פאַר אים זײַן הייליק, ער איז גרייט טאָן אַלץ, וואָס זי וועט הייסן, איין זאַך וועט זי הײַנט בא אים ניט פויעלן — ניט גיין אף דער דעמאָנסטראַציע. ער האָט באַשטימט גיין. עס איז שרעקלעך? נישקאָשע, דאָס פאָלק וועט ארויסגיין אף די גאַסן און קיין זאַך וועט עס ניט אָפּשטעלן.

געזען, אז זי וועט מיט אים גאָרניט קאָנען מאכן, האָט זי געבעטן, ער זאָל זי אויך מיטנעמען מיט זיך. זי וועט אויך גיין. איר האָט געקלונגען עריך שטוטבאך, אז ער מיט זײַנע קאָלעגן האָבן אויך באשלאָסן גיין אף דער מאניפעסטאציע.

דאָס איז אַלץ גוט, זיי דארפן גיין, נאָר פרידע טאָר ניט ארויסגיין פון יענער זײַט טיר! וווהין קאָן זי גיין אין אזא ענגשאפט? זי מוז זיך איצט באזונדערס היטן. זי דארף דאָך ווערן א מוטער...

יאָ, מאקס איז גערעכט. זי וועט אים פאָלגן און אין ערגעץ ניט גיין. אָבער א שווערער געפיל האָט זי מוירעדיק געמאטערט. דאָס, וואָס דארף אינדערפרי פאָרקומען אין שטאָט, האָט זי ניט געלאָזט רוען.

שפעט זײַנען זיי אײַנגעשלאָפן.

* * *

ווי נאָר די ערשטע זון־שטראַלן האָבן אָנגעקלאפט אין פענצטער און זיך אָפגעשפיגלט אף די גלעזערנע ביכער־שאפעס, האָט מאקס דערהערט זיג־פרידס שטילע טריט דאָרטן אין עס־צימער. עס האָט זיך אהער אויך דער־הערט דער שארפער גערוך פון שטארקער קאווע, וואָס זיגפריד האָט שוין דאָרטן באוויזן אָפקאָכן, ווארטנדיק אף מאקסן.

פאָרזיכטיק, ער זאָל ניט אופוועקן די פרוי פון שלאָף, איז מאקס אראָפּ פון בעט, פאריכט די שטאָרן אף די פענצטער, די זון זאָל זיך אהער ניט ארײַנרײַסן און ניט אופוועקן פרידען פון איר געשמאקן און אומרויקן שלאָף. דאָך האָט זיך פון ערגעץ דורכגעשלאָגן א שטראַל, געפאלן אף פרידעס מילדן פאָנעם, נאָך שטארקער באגילדעט אירע בלאָנדע האָר, די צעשאָטענע איבער דעם ציכטיק־ווײַסן קישן. די ליפּן זײַנען געווען עטוואָס צעעפנט, א קוים באמערקבאר שמייכעלע האָט זיך אף זיי געפלאָנטערט, און מאקס האָט א טראכט געטאָן, אז איר כאָלעמט זיך איצט א שיינער כאָלעם. עפשער דאָס קינד זייערס, וואָס דארף זיך אינגיכן באווײַזן אף דער אומ־רויקער און מעשוגע געוואָרענער וועלט? וואָס פאר א גורל דערווארט זײַן קינד? זײַן זון וועט שוין ניט זײַן עפשער אזוי שווער זיך דורכשלאָגן א וועג אין לעבן, ווי דעם פאָטער? ווען זײַן זון וועט אויסוואקסן, וועט שוין, מעגלעך, אף דער וועלט ניט זײַן קיין אָרעמקײַט, הונגער, נויט, ראסן־האס, אנטיסעמיטישע ווילדקײַט. זײַן לעבן וועט שוין עפשער ניט זײַן אָפגעסאמט מיט קינע. אים וועט שוין עפשער ניט אויסקומען אזוי בידעווען, זיך מאַ־טערן, ווי עס האָט זיך געמאטערט זײַן פאָטער? סארא שווער און ביטער לעבן זײַן פאָטער, מאקסן, איז אויסגעקומען פארזוכן! נאָר עפשער איז גוט, וואָס דער מענטש דארף פון קינדווײַז אָן דורכגיין א שווערע שול פון לעבן, א שווערן, ביטערן וועג? יענער, וואָס האָט ניט געוווּסט אף זײַן לעבן, וואָס הייסט הונגערן, ארומוואנדערן און ניט האָבן ווו איבערשלאָפן א באכט, זוכן ארבעט, זיך וואלגערן אף די וואָקזאלן, פרירן — קאָן מיסטאמע ניט דערפילן אף דער עלטער דעם טאם פון גליק און פרייד. זאָל דאָס מאזיקל

נאָר א ביסל אויסוואקסן, זיך שטעלן אף די פיס, — האָט פאָרגעזעצט טראכטן דער צוקינפטיקער גליקלעכער טאטע, — וועט ער עס נעמען און צוזאַמען מיט דער מאמען אוועקפאָרן צוגאסט אין די קארפאטן, קיין קאָוואליוקע, צו די עלטערן. זאָל עס זען די באבלע, ווו ער, דער טאטע זײַנער, איז אויסגעוואקסן, די שמאָלע געסלעך, די בערג, איבער וועלכע ער האָט געקלעטערט, ווו ער האָט געפּאשעט שאָף, פארדינענדיק זיך דאָס שטיקל ברויט. זאָל דער מאזיק זען קאָלאָמייע, די בעקערײַ, די שטאל, ווו עס האָט געשפּילט דער וואנדער־טעאטער, ווו מאקס האָט אָנגעהויבן זײַן שווערן וועג אין דער גרויסער וועלט ארײַן...

מאקס איז געשטאנען נאָך א פּאָר מינוט איבער פרידען, זיך אָנגעטאָן און אף די שפּיץ פינגער אראָפּגעלאָזט זיך צו זיגפרידן, וועלכער איז געזעסן באם טיש א פארטראכטער, א פארטאָנענער אין זײַנע אומרויִקע מאכשאָוועס און געזופּט די שטארקע, הייסע קאווע.

* * *

אף די גאסן האָט זיך געפילט די אָנגעשטרענגטקײַט, וואָס די שטאָט האָט איבערגעלעבט די לעצטע טעג. פון אלע עקן האָבן זיך געצויגן צו די זאמל־פּונקטן יאָמטעוודיק פארפּוצטע מענטשן. דאָ און דאָרט האָבן די הויכריידער ניט אופגעהערט ברומען, מע זאָל ניט גיין אף דער דעמאָנסטראַציע, אף דעם מיטינג. נאָר א מאָדנע געשיכטע — וואָס העכער די ראדיאָ האָט געשריגן, אלץ מער מענטשן זײַנען ארויס אף די גאסן, אלץ אנטשיידענער זײַנען זיי געווען אין זייער אקשאָנעס און אײַנגעשפּארטקײַט. אף די פּלעצער האָבן זיך געזאמלט זעלנער און זשאנדארמען. מיט מוירעדיקן געוואַי האָבן זיך געטראָגן לאסטמאשינעס מיט מיליטער, גלײַך ווי מע וואָלט זיך געגרייט צו גרויסע שלאכטן. רויטע פײַערלעשער־מאשינעס האָבן זיך געײַלט צום רײַכסטאג, צו די בראנדענבורגער טויערן, צום טרעפּטאָווער פּארק, פּונקט ווי אלע מעקוימעס זײַנען ארומגעכאפּט מיט סרייפעס... פּאטרולן האָבן זיך ארומגעדרייט אף אונטער־דען־לינדען און פרידריכשטראסע, שארלאָטענבורגער שאָסיי און אף די ברעגן פון שפּרעע.

אָבער דאָס האָט, זעט אויס, קיינעם ניט אָפּגעשראָקן. די גאסן און געסלעך, די פּלעצער און סעדער זײַנען פארפּלייצט געווען מיט אוילעם. פון אלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן דער גערויש פון אָרקעסטערס, דער געקלאנג פון לידער, א הילכיקער געלעכטער.

אונטער דעם פרילינגדיקן ווינט האָבן געפּלאטערט פאָנען און טראנספּאראנטן. טומלדיקע קאָלאָנעס האָבן זיך אוועקגעצויגן צו די בראנדענבורגער טויערן. דער מענטשן־שטראָם האָט זיך מיט יעדער מינוט פארברייטערט, און איינגיכן האָט זיך שוין געדאכט, אז פון גרויסע בערג האָבן זיך נאָך א גוסרעגן א לאָז געטאָן די צעבושעוועטע שטראָמען...

איבער דעם אומענדלעכן יאם קעפּ האָבן זיך אופגעהויבן פארביקע פּלאקאטן, וואָס האָבן גערופן צום קאמף קעגן די פאשיסטישע כײַעס, פאר

איינהײַט קעגן די, וואָס שענדן דעם געזעץ, די קאָנסטיטוציע, די דעמאָקראַ־טישע רעכט פונעם פאָלק.

„היטלער און זײַנע אָנהענגער — אין די שטײַגן!", „דײַטשלאַנד בלײַבט דעמאָקראַטיש!", „שאַנדע די פאַשיסטישע הענקער!" — האָבן געשריגן די פּלאַקאַטן און טראַנספּאַראַנטן.

א באַשײַנטער פון דער זון, האָט שטאָלץ געשפּאַנט אין שפּיץ פון א קאָלאָנע זיגפריד לײַנאַרד, און דער ווינט האָט געשויבערט זײַנע גראָווע האָר. די טיפע אויסדריקלעכע און אומרויִקע אויגן זײַנע האָבן געברענט. מיט אים באַנאַנד איז געגאַנגען מאַקס קרייסלער און זײַנע קאָלעגן פון טעאַטער... מע האָט אין די קאָלאָנעס דערזען די באַרימטע שוישפּילער און זיי הייס באַגריסט, וואָס אין אַזאַ טאָג זײַנען זיי צוזאַמען מיט אַלע, מיטן אופגעבראַוזטן פאָלק.

דער מעכטיקער האַמויך, וואָס האָט זיך געצויגן מיט לידער און מוזיק, האָט זיך אַפּן גרויסן פּלאַץ צונויפגעגאָסן אין א מוירעדיקן מענטשן־יאַם, און די היטער פון דער אָרדענונג האָבן ניט אויסגעהאַלטן, אָפּגעטראָטן און געוועזן אומבאַהאָלפן זיך קעגנשטעלן דעם פאָלק.

זיגפריד איז געווען גליקלעך, וואָס ער איז געווען צווישן דעם אַנטשיי־דענעם האַמויך, אַף דער מאַניפעסטאַציע, וואָס איז אַהער געקומען אויס־דריקן דעם האַס און די סינע צו די נאַציסטישע אינטריגאַנטעס. דאָרטן, אינמיטן פּלאַץ, איז שוין געשטאַנען א הויכע אימפּראָוויזירטע טריבונע, אַף וועלכער עס איז געשטאַנען ערנסט טעלמאַן מיט זײַנע כאַווירים, און די שטים פונעם אָנפירער פון די דײַטשישע פּראָלעטאַריער האָט געהילכט איבער דער שטאָט, ווי א מעכטיקער רוף צו טאַט, אַנטשיידענער שלאַכט קעגן פאַשיזם, אָפּשטעלן די האַנט, וואָס שטויסט דײַטשלאַנד צו א שוידער־לעכער קאַטאַסטראָפע, ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד פון די שוואַרצע קויכעס, פון בלוטיקער רעאַקציע.

אין דער מענטשן־געדיכטעניש איז געוואָרן א דורכגאַנג, און זיגפריד מיט זײַנע קאָלעגן האָט זיך געלאָזט צו דער טריבונע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אופגעהויבן אַף איר, אַראָפּגענומען דאָס היטל, און הילכיקע באַגריסונגס־אויסגעשרייען האָבן זיך צו אים געטראָגן פון אַלע זײַטן.

ער איז געשטאַנען, דער וועלט־באַרימטער קינסטלער, און געוואַרט, דער אוילעם זאָל זיך באַרויִקן. ער איז טויזנטער מאָל אַרויסגעטראָטן אַף די בינעס פון אַלע גרעסטע וועלט־טעאַטערן און אַרויסגעטראָטן פאַר פולגע־פּאַקטע זאַלן. נאָר ביז איצט איז אים אויסגעקומען אַרויסברענגען פרעמדע ווערטער, פרעמדע געדאַנקען, וועלכע ער האָט געדאַרפט דערטראָגן צום צושויער, און איצט האָט ער געדאַרפט זאָגן דעם האַמויך אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט באַ אים אין האַרצן.

און אָט איז ער געוואָרן אויס אַקטיאָר, נאָר א פאָלקס־טריבון, א קעמ־פער פאַר יוישער און גערעכטיקײַט. זײַן שטים האָט א קלונג געטאָן פעסט און שטאָלץ. זי האָט געוואָרנט, אַז די רעאַקציע טראָגט דעם טויט דער

קולטור, דער קונסט, דער ציוויליזאַציע, דעם פּראָגרעס, די נאַציסטישע מענוואָלים טראָגן אומקום, שוידער. און קאָלזמאַן עס איז נאָך ניט שפּעט, טאָר דאָס פּאָלק ניט שווײַגן. דער געשוויר מוז פאַרניכטעט ווערן, אַנדערש וועט ער זיך צעוואַקסן...

עס האָט נאָך געדויערט, ביז דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, און די אומענדלעכע קאָלאָנעס האָבן זיך געלאָזט איבער די גאַסן. מע האָט געשפּאַנט באַגײַסטערטע און באַפליגלטע מיטן גלויבן, אַז קיינער וועט ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס מע האָט נאָרוואָס געהערט פון דער טריבונע.

מאַקס קרייסלער האָט געשפּאַנט באַנאַנד מיט זיגפרידן און געווען צופרידן, וואָס ער האָט געהערט די שטורמישע רעדע פונעם אומרויִקן לערער. ווען מע האָט זיך אַרויסגעקליבן פונעם גרויסן פּלאַץ און די קאָלאָנע זייערע האָט פאַרקערעוועט אַף אַ שמאָלער גאַס, אָפּגעגאַן אַ גרויסן מעהאַלעך, — האָט מאַקס פּלוצעם און אומדערוואַרט דערזען אַפן ענגן פון מענטשן טראָטואַר פרידען און דערשטוינט געוואָרן. זי האָט ניט געהאַלטן וואָרט און אויך געקומען אַהער?! אײַנצײַטיק האָט זי מאַקסן און זיגפרידן דערזען און זיך גענומען דורכשטויסן צו זיי. פון אופרעגונג האָט מאַקס ניט געוווסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן. ער איז געווען אופגערעגט און בייז אַף איר.

מע איז געגאַן טראָט בא טראָט. דער מענטשן־שטראָם איז געוואָרן ענגער. אָט האָט זיך פון אַ זײַטיקער גאַס אַרײַנגעגאָסן אַהער נאָך אַ קאָלאָנע, און מע האָט זיך שוין ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. מע האָט זיך געשטויסן. מאַקס האָט געפּרוווט פאַרשטעלן פרידען, מע זאָל זי ניט שטויסן, נאָר עמעצער האָט זיך אַרײַנגערוקט און זי אָפּגעטיילט פון מאַקסן. אַזוי איז מען צוגעקומען צום קרייצוועג, ווו עס האָט זיך אופגעהויבן מיטאַמאָל אַ שטאַרקער טומל, אַ געפּילדער. וואָס איז דאָרטן געשען?

אַפּ אַ הויכן באַלקאָן האָט עמעצער אַרויסגעהאַנגען אַ פאָן מיט אַ גרויסן האַקנקרייץ. עמעצער פון די יונגע כעוורע האָט זיך אָנגעהויבן דראַפּען, זיך באַמיט אַראָפּרײַסן די שענדלעכע שמאַטע. פון אַ דאַך האָבן זיך אַף די קעפּ פון די דעמאָנסטראַנטן אַ שאָט געטאָן פאַשיסטישע פלוגבלעטלעך. עמעצער האָט דאָך דערגרייכט דעם עק פון דער פאָן, זי אַראָפּגעריסן, צעטאָפּטשעט מיט די פיס. דער טומל מיטן גערויש האָט זיך געשטאַרקט. אין דער ענגשאַפט האָט מען זיך ניט געקענט שנעלער באַווענגן. פּלוצעם האָט זיך דערהערט פון אַ הויכן פענצטער אַ שיסערײַ, פון אַ צווייטן באַלקאָן האָט עמעצער אַ שלײַדער געטאָן אַ גראַנאַטע, און ניט ווײַט פון מאַקסן האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער אופרײַס.

מאַקס קרייסלער איז געווען פאַרטויבט פונעם אופרײַס, נאָר דאָך האָט ער דערהערט מוירעדיקע געשרייען פון פאַרוווּנדעטע, וואָס זײַנען געפאַלן אַפן אַספאַלט. דער אוילעם איז געווען דערשיטערט, מע איז אָפּגעטראָטן צו די ווענט פון די הײַזער, מע האָט גענומען ראַטעווען, מינטערן די מענטשן, וואָס זײַנען געלעגן אין בלוט און זיך געקאָרטשעט פון ווייטעק.

מאַקסן האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אַ באַקאַנטע שטים, זיך אַרומגעקוקט. ניט ווײַט פון אים איז געלעגן אַפן ראַנד טראָטואַר צעוואָרפן די

הענט פרידע, און א שנירל בלוט האָט גערונען פון איר מויל, די צעשויבערטע באַגילדעטע פון דער זון האָר אירע זײַנען געווען צעשאָטן איבער די שטיינער.

עס איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. וואָס הייסט דאָס? פרידע? עס ווײַזט זיך אים ניט אויס? ער איז צוגעפאלן צו איר אף די קני, פאָרזיכטיק אונטערגעהויבן איר קאָפּ, אַרײַנגעקוקט אין די פארנעפלטע אויגן.

— פרידע, טײַערינקע, וואָס איז מיט דיר?

— איך שטארב... אזא ווייטעק... עס ברענט... גאָטעניו, עס ווילט זיך אזוי לעבן... אונדזער זון... — האָט זי ארויסגעבראכט, שווער אָטעמענדיק, און מיט יעדער רעגע זײַנען אירע אויגן געוואָרן שמעלער, זיי האָבן זיך, ווי פון גרויס מידקײַט, צוגעמאכט.

— מענטשן, וואָס שטייט איר, וואסער! — האָט ער אויסגעשריגן. — רופט א דאָקטער, שנעלער!

ארום איז געשטאַנען א גערודער, מע האָט געראטעוועט פארווונדעטע מענטשן, וואָס זײַנען געלעגן אפן ברוק, געוויינט, געשריגן.

עמעצער האָט אונטערגעטראָגן מאקסן א פלאש וואסער, און ער האָט זי צוגעטראָגן צו פרידעס פארבלוטיקטע ליפּן, זי געמינטערט, עמעצן גערופן.

עריך שטוטבאך, וואָס איז געשטאַנען צוגעשפּארט צו דער וואנט, האָט זיך געבייזערט אף די מענטשן, וואָס האָבן אים פארשטעלט דעם וועג. ער האָט זיך מיט די עלנבויגנס דורכגעשטויסן, א קוק געטאָן אף די פארווונדעטע, וואָס זײַנען געלעגן אפן ברוק, און זיך פארלוירן, ניט געוווּסט צו וועמען פריִער צוגיין. דערזען מאקסן, האָט ער זיך דערשראָקן, געמיינט, אז ער איז אויך פארווונדעט. געמאכט צו אים א שפּאַן, האָט ער דערזען פרידען אפן ברוק.

— מײַן גאָט! פרידע?... — האָט ער אויסגעשריגן ווי ניט מיט זײַן שטים. ער האָט זיך באהערשט, אראָפּגעלאָזט זיך אף די קני לעבן איר, א כאַפּ געטאָן איר האנט, געוואָלט אָנטאַפּן דעם דויפעק, נאָר די הענט זײַנע האָבן געציטערט. ענדלעך האָט ער גענומען זיך צוהערן צו איר פּולס, צוגעלייגט דעם אויער צו איר הארץ, און גרויסע טרערן האָבן זיך גענומען קײַקלען איבער די באקן. דאָס לעבן אין איר האָט זיך פּאמעלעך אויסגעלאָשן.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט ער ארויסגעלאָזט פרידעס קאלטע האנט, אומבאהאָלפן אופגעהויבן דעם קאָפּ, און קיינער האָט שוין גאָרניט געפרעגט.

— פארפלוכטע הענקער, זיי האָבן זי דערמאָרדעט, פרידען... — האָט ער קוים ארויסגערעדט און זיך צעוויינט.

מאקס, וואָס האָט נאָך פריִער מיט א פּאָר מינוט געקוקט אף עריך שטוטבאכן, ווי אף א גאָט, געגלייבט, אז ער וועט אָפּראטעווען פרידען, איז געשטאַנען דערשיטערט און ניט געקאָנט באַנעמען, צי איז דאָס אזוי. עס האָט בא אים אָפּגענומען דאָס לאָשן, און אין דער ערשטער רעגע האָט ער ניט פארשטאַנען, פארוואָס פּליסן טרערן איבערן פּראָפעסאָרס באקן, פאר־

וואָס ראַטעוועט ער ניט זײַן פֿרידען, פֿאַרוואָס האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון די קני? מאַקס האָט זיך שטאַרקער אײַנגעקוקט אין אים מיט אויגן, וואָס האָבן שוין גאָרניט ניט געזען, געהערט זײַנע אָפּגעריסענע פֿראַזן מיט אויערן, וואָס האָבן גאָרניט געהערט.

עריך שטוטבאַך האָט אַרומגענומען מאַקסן, עפּעס גערעדט צו אים און אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער רעדט.

מאַקס איז ווידער צוגעפֿאַלן צום טויטן קערפּער פֿון זײַן יונגער פֿרוי:

— סאַראַ שווידער! מענטשן, זעט! זיי האָבן דערמאָרדעט מײַן פֿרידען, מײַן קינד האָבן זיי דערמאָרדעט... וואָס זשע הייסט דאָס? — האָט ער געשעפּטשעט און געפֿילט, ווי דאָס האַרץ רײַסט זיך אָפּ.

ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט אויף די קני, געוואַרט אויף אַ נס, ווידער צוגעלייגט דעם קאָפּ צו איר שטערן, וואָס איז געוואָרן קאַלט, בלאַס. ער האָט נאָך עפּעס געשעפּטשעט, ווי אַ דולער, זי געמינטערט, גערופֿן, געבעטן, נאָר זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך אויפֿן ברוק, ניט געהערט זײַנע ווערטער, ניט געזען די טרערן אויף זײַנע אויגן.

— מײַן גאָט, ווו געפֿינען מיר זיך? — האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין. — ווו קומט דאָס פֿאַר, אין בערלין צי אין די דזשונגלס? פֿרידע... מײַן זון...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט פֿאַרצאָרנט, דערשיטערט, דערהאַרגעט, דערזען, ווי מענטשן ראַטעווען די פֿאַרווונדעטע דאָ און דאָרט, זיך אויפֿגעהויבן, גענומען פֿרידעס טויטן קערפּער אויף די הענט און זיך געלאָזט גיין מיט אים. דערשראָקענע מענטשן האָבן פֿאַר אים באַפֿרײַט דעם וועג, און נאָר זיגפֿריד, וואָס איז ווי אַ פֿאַרשטיינערטער געשטאַנען און ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס איז דאָ געשען, האָט זיך אָנגערופֿן צו אים:

— מאַקס, וווּהין?

— איך וועל גיין אַהין, צו די שיינע רעגירער... — האָט ער אַ ווונק געטאָן אין דער ריכטונג פֿונעם רײַכסטאַג, און טרערן האָבן אים געשטיקט. — איך וועל גיין פֿרעגן, ווען איז בערלין געוואָרן אַ שטאָט פֿון מערדער? איך וועל פֿרעגן, צי עקזיסטירט דאָ נאָך דער געזעץ, מענטשלעכקײַט... פֿאַרוואָס האָבן זיי דערמאָרדעט מײַן פֿרוי, מײַן זון?.. קומט, מענטשן, וואָס שטייט איר? מאָרגן וועלן זיי אײַך הארגענען... קומט מיט מיר!

און מענטשן זײַנען געגאַנגען מיט אים. מע איז געגאַנגען דערצאָרנטע אַהין, צום רײַכסטאַג, מיט אַנטבלויזטע קעפּ, מיט פֿאַרהויבענע פֿויסטן, אויפֿגערעגטע און דערשיטערטע, מע וועט פֿאָדערן אַן ענטפֿער פֿאַר דעם אומשולדיק פֿאַרגאָסענעם בלוט.

פֿאָרויס איז געגאַנגען מאַקס קרייסלער, טראָגנדיק אויף די הענט דעם טויטן קערפּער פֿון זײַן פֿרוי. די האָר אויפֿן קאָפּ זײַנען בײַ אים געוואָרן צעשויבערט, דאָס העמדל — צעכראַסטעט, די אויגן, איבערפֿולטע מיט טרערן, האָבן געברענט פֿון גרויסן צאָרן און ווייטיק.

נאָך אים האָט זיך שוין געצויגן אַן אומענדלעכע קאָלאָנע, צו וועלכער מיט יעדער מינוט האָבן זיך פֿאַרייניקט מענגעס מענטשן, און געדאַכט האָט זיך, אַז צום רײַכסטאַג טראָגט זיך אַ מוירעדיקער לעבעדיקער שטראָם, וואָס וועט אַלץ אָפּווישן אויף זײַן וועג...

צוגאַסט בא דער קינדהײַט

דער אַכזאָריעסדיקער טויט פֿון זײַן פֿרוי האָט מאַקסן אינגאַנצן דערהאַרגעט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז וויפֿל ער וועט לעבן, וועט ער שוין ניט קאָנען קומען צו־זיך, רויִק אָטעמען, זיך פֿרייען, לאַכן, אַרופֿקומען אויף דער בינע... וווהין ער זאָל זיך ניט געוועזן אַ קער טאָן, מיט וואָס ער זאָל זיך ניט געוועזן פֿאַרנעמען, איז אים פֿאַר די אויגן געשטאַנען פֿרידע. עס האָט זיך ניט געלייגט אויפֿן געדאַנק, אַז אַזוינס האָט געקאָנט געשען פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, אינמיטן העלן טאָג, אין צענטער פֿון בערלין, און בלײַבן אומבאַשטראָפֿט.

וויפֿל די דעמאָנסטראַנטן האָבן דעמלט ניט געשטורעמט דעם רײַכסטאַג, איז קיינער ניט אַרויסגעגאַנגען צו זיי. די סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן האָבן געטריבן פֿון דער געבײַדע דעם האַמוין און עטלעכע צענדליק אַרבעטער האָט מען אַרײַנגעשלעפּט אין די פּאָליציי־פֿורגאָנעס און אַוועקגעפֿירט אין טורמע.

דאָס, וואָס ס'איז געשען אין יענעם שוידערלעכן מײַ־פֿרימאָרגן, האָט אופֿגעטרייסלט די שטאָט. בערלין האָט נאָך, דאַכט זיך, ניט געזען, ניט איבערגעלעבט אַזאַ אײַנהײַטלעכן אופֿרײַס פֿון פּראָטעסט, פֿון פֿאָלקס־צאָרן.

עטלעכע טעג האָבן זיך ניט גערייכערט די קוימענס פֿון די זאַוואָדן און פֿאַבריקן. די טראַמוויײַען, מעטראָ און אויטאָבוסן זײַנען געשטאַנען. עס זײַנען געוועזן פֿאַרהאַקט די קראָמען און לערן־אַנשטאַלטן, צוגעשלאָסן די טעאַטערן און קאַפֿע־הײַזער. דער אַלגעמיינער שטרײַק האָט פּאַראַליזירט דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער שטאָט. אויף די אונטערנעמונגען, אויף די פּלעצער זײַנען פֿאָרגעקומען רוישיקע מיטינגען. די אַרבעטער האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די רעגירונג נעמט ניט אָן קיינע מיטלען אויף אײַנצושטילן די צעיושעטע פֿאַשיסטישע מאַכנעס, וואָס זי האַלט זיי אונטער.

ניט ווייניק טעג האָט געדויערט דער שטרײַק, און ווען ער האָט זיך געענדיקט, האָט בערלין דערמאָנט אין אַ שווער־קראַנקן, וואָס הייבט קוים־קוים אָן קומען צו־זיך.

* * *

זיגפֿריד לײַנאַרדס טעאַטער האָט ווידער צעעפֿנט זײַנע טירן. דער עולם האָט גערן באַזוכט דעם טעאַטער, ווו עס האָבן געשפּילט די באַרימטע אַקטיאָרן, וועלכע זײַנען אין די שווערע טעג געוועזן צוזאַמען מיטן פֿאָלק.

עס איז איבערגעגאַנגען אַ קורצע צײַט, און מאַקסן איז ווידער אויסגע־קומען אַרויסטרעטן אויף דער בינע, הערן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, אָוואַ־ציעס, הייסע באַגריסונגען, זיך נייגן און באַדאַנקען פֿאַר די בלומען, מיט וועלכע מע האָט אים יעדן אָוונט פֿאַרוואָרפֿן. ער האָט אָבער געפֿילט, אַז מיט יעדן טאָג ווערט אים שווערער און שווערער שפּילן. עס איז נאָך אַזוי פֿריש געווען די וווּנד. דאָס האַרץ האָט אין אים געוויינט, און ער האָט געדאַרפֿט אויף דער בינע זיך פֿרייען, לאַכן, טאַנצן, זיך אײַנליבן... אין די טעג האָט ער פֿאַרשטאַנען זײַן גורל, וואָס ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר. עס האָט ניט געשטילט זײַן ווייטיק ניט דער ווײַן, ניט די באַמיִונגען פֿון זײַנע פֿרײַנט אים אַרויסצופֿירן פֿונעם שווידערלעכן צושטאַנד זײַנעם.

נאָך די פֿאָרשטעלונגען איז ער אָפֿט אַרומגעגאַנגען איינער אַליין איבער דער פּוסטער שטאָט, ווי אַ דולער.

דער בעקער פֿון קאָלאָמייע האָט געבענקט נאָך יענע יאָרן, ווען ער איז געווען אַ פּראָסטער בעקער־יונג, געגאַנגען מיט אילקאָ זאַגולן אין די בערג אויף די אַרבעטער־סכאָדקעס, אַרומגעוואַנדערט מיט שימשון־האַגיבער איבער שטעט און שטעטלעך פֿון גאַליציע, בעסאַראַביע, פּוילן...

אַלע טאָג, ווי ער זאָל ניט געווען זײַן פֿאַרנומען, האָט ער געפֿונען צײַט צופֿאָרן אויפֿן בעסוילעם, אויפֿן קייווער פֿון זײַן פֿרוי, ברענגען פֿרישע בלומען. דאָס בערגעלע ערד צווישן אָנצאָליקע מאַצייוועס איז געוואָרן אַ טיילעכל פֿון זײַן וועזן. לאַנג־לאַנג איז ער געזעסן אונטער דער וויינענדיקער ווערבע, וואָס ער האָט דאָ פֿאַרזעצט, געזעסן אין טיפֿן טרויער, אַ דערשלאָגענער, דערצאָרנטער.

באַנאַכט האָט אים קיין שלאָף ניט גענומען. ער איז געזעסן מיט זיגפֿרידן שאָענוויַיז איבער דעם שאָך־ברעטל. ער האָט געשפּילט אַ שווײַגנדיקער, ווי אין אַ שווערן כאַלעם. פֿון זיגפֿרידן פֿלעגט ער פֿאַרקערעווען צו עמיל שולצן אין שטיבל. דער אַלטער גערטנער האָט געקוקט אויף אים מיט טיפֿן מיטלײַד:

— וואָס קאָן מען מאַכן, מײַן טײַערער מאַקס, זעט אויס, אַזאַ איז געווען פֿרידעס שיקזאַל... די וועלט וועסטו ניט איבעראַנדערשן. דאָס לעבן — אוואַדע ניט. וועסט קיין לעבעדיקער נאָך דעם ווײַב אין קייווער ניט גיין. אַזאַ איז דער געזעץ — די ערד דעקט צו אויף אייביק וועמען פֿריִער, וועמען שפּעטער, נאָר די לעבעדיקע דאַרפֿן לעבן... דערצו זײַנען זיי דאָך לע־בעדיקע...

אַרויסגעזאָגט אים דאָס וויפֿלטע מאָל אָט דעם באַוווּסטן און פּאָשעטן עמעס, האָט עמיל שולץ אונטערהינקענדיק זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שאַפֿע, גענומען אַ פֿלאַש ווײַן, אָנגעגאָסן דעם שפּעטן גאַסט און זיך אַ קויסע:

— נו, לאָמיר, מײַן טײַערער פֿרײַנט, טאָקע נעמען צו ביסלעך אויף דערמאָנען פֿרידעס הייליקע נעשאָמע, און זאָל גאָט העלפֿן, מיר זאָלן מער פֿון קיין צאַר ניט וויסן... באַ מיר איז אויך געשטאָרבן אַ ווײַב, געווען אַ גאָלדענע נעשאָמע... די צווייטע האָט מיר געבוירן אַ גוטן זון וואַלטערן. ער איז שוין, גאָט צו דאַנקען, אַ דערוואַקסענער. די פֿרוי מײַנע האָט מיך

פֿאַרלאָזן, נאָר מיט וואַלטערן זײַנען מיר פֿאַרבליבן גוטעפֿרײַנט. ער איז געווען אַ שאָפֿער אין אַ בויונגס־פֿירמע... אַ טײַערער באָכער... לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר מײַן וואַלטערן. פֿאַר זײַנע צוויי קליינע קינדערלעך...

איבערגעקערט נאָך אַ קויסע, האָט עמיל אויסגעווישט די וואָנצעס און פֿאַרגעזעצט:

— וואָס אַ טאָג ווערט אַלץ שווערער צו לעבן אויף דער וועלט! מײַן וואַלטער גייט שוין אַרום אַ האַלב יאָר אָן אַרבעט, און בײַ אים זײַנען דאָך גאָלדענע הענט. און ער איז דען איינער? הונדערטער טויזנטער אַרבעטלאָזע זוכן דאָס שטיקל ברויט. איז דאָס אַ רעגירונג? אַ גראָשן איז די פּרײַז פֿון אַזאַ רעגירונג! הינדענבורג, זאָגט מען, איז שוין לאַנג אויוועראָטל. ווי אַזוי די אויסוואורפֿן ווילן, אַזוי דרייען זיי מיט אים. ע, ווען מע לאָזט צו צו דער מאַכט ערנסט טעלמאַנען, וואָלט ער געמאַכט אַ סאָף דערצו...

עמיל שולץ רעדט און רעדט וועגן דײַטשלאַנד, און מאַקס דערמאָנט זיך גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אין דער וועלט פֿון זײַן קינדהײַט, אין זײַן ווײַטער היים, וואָס געפֿינט זיך אין די גרינע קאַרפּאַטן, אין קאָוואַליוקע, קאָלאָמייע, אין זײַנע ווײַטע פֿרײַנט, וואָס געדענקען אים שוין אַוודאי ניט. גאָטעניו, וויפֿל צײַט איז שוין אַוועק, זינט ער האָט געזען זײַנע עלטערן! ער פֿלעגט זיי שיקן אָפֿט געלט, מאַטאָנעס, פּעקלעך, נאָר גאָר זעלטן בריוו — איצט פֿילט ער זיך שטאַרק שולדיק פֿאַר זיי. וואָס הערט זיך אין זײַן ליבער היים? צי איז דאָרט נאָך עמעצער פֿאַרבליבן פֿון זײַנע באַקאַנטע, יוגנט־פֿרײַנט? און קאָלאָמייע? צי האָט זיך שוין אומגעקערט פֿון דער טורמע איליקאָ זאַגול? סאַראַ וווּנדערלעכער מענטש עס איז געווען אָט דער הוצול, דער טרוימער און בונטאַר! און וואָס איז דאָרט מיט זגורסקי דעם דריטנס טעאַטער? און שימשן־האַגיבער מיט זײַן באַרימטן קאַסטן, וווּ עס ליגט זײַן „אויצער“? עסטערקע האָט שוין געוויס לאַנג כאַסענע געהאַט, דער טאַטע האָט איר אויסגעזוכט אַ רײַכן מאַן, און זי כאָוועט אירע קינדער... און וואָס טוט זיך אין קאָוואַליוקע? יאָ, סאַראַ פֿאַרדראָס, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן אָט די אַלע פּראָסטע און גוטע מענטשן!

עך, די היים, די היים! ווי גוט און שיין איז אים געווען אין דער אַלטער היים, וווּ יעדער שטיינדל איז אַזוי ליב און האַרציק נאָענט! ווי גליקלעך האָט ער זיך געפֿילט צווישן יענע מענטשן, באַזונדערס מיט שימשן־האַגי־בער, וואָס קער זיך נאָך אַדהײַעם אַרומשלעפּן איבער דער וועלט מיט זײַן באַרימטן קאַסטן, אין וועלכן עס געפֿינט זיך די גאַנצע כאָכמע, די פֿרייד, דער געלעכטער, די טרערן, די ליבע, דער האַס, די קינע און די קאַרגשאַפֿט פֿון דער וועלט...

און אין איינעם פֿון די טעג, ווען מאַקסן איז באַזונדערס שווער געווען אויפֿן האַרצן, האָט ער פֿעסט באַשטימט אַראָפּפֿאָרן אויף אַ צײַט אַהיים, צוגאַסט צו זײַן קינדהײַט.

מע קאָן, פֿאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז זיגפֿריד לײַנאַרד איז געווען שטאַרק באַגײַסטערט פֿון דעם באַשלוס. ס'איז ניט געווען מיט וועמען פֿאַר־בײַטן קרייסלערן. און ער, זיגפֿריד, איז שוין פֿון אַ צײַט ניט אַרויסגעטראָטן

אף דער בינע. ער האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אף דער געשאָמע בא זײַן יונגן פרײַנט. אזא רײַזע וועט אים געוויס א ביסל באַרויִקן. עפשער וועט ער ווידער דעראָבערן זײַן גלײַכגעוויכט?

געזעגנענדיק זיך מיט מאקסן, האָט זיגפריד אים געבעטן, ער זאָל זיך דאָרט ניט לאַנג פאַרהאַלטן. א סאַך אַרבעט וואַרט אף אים. געוויס! אוואַדע וועט מאקס זיך ניט פאַרזאַמען. אָן דעם טעאַטער קאָן ער שוין ניט לעבן. כאָטש דײַטשלאַנד האָט אים פאַרשאַפט אַזויפיל ליידן, דאָך האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז דערין איז ניט שולדיק יענץ דײַטשלאַנד, וואָס האָט אים אַזוי האַרציק אופגענומען און וווּ ס'איז פאַרווירקלעכט געוואָרן זײַן טרוים. דער גורל האָט אים דאָ צונױפגעפירט מיטן וווּנדערלעכן מענטשן און קינסטלער זיגפריד לײַנאַרדן, וועלכן ער וועט זײַן דאַנקבאַר ביז דער לעצטער מינוט פון לעבן, מיט עריך שטוטבאַכן, מיט דער אומפאַרגעסלעכער פרידען, מיטן גוטמוטיקן און געטרײַען עמיל שולצן און מיט נאָך אַנדערע וווּנדערלעכע מענטשן. ער האָט זיך שוין ניט פאַרגעשטעלט, ווי וואָלט ער געקאָנט לעבן און שאַפן אויסער זײַן צווייטן היימלאַנד, וועלכן ער איז איבערגעגעבן, וועמען ער דינט אַזוי טרײַ מיט זײַן קונסט, מיט זײַן טאַלאַנט.

יאָ, געוויס וועט ער זיך ניט זאַמען. ער האָט טאַקע איבערגעלעבט פאַר דער לעצטער צײַט שרעקלעכע צאָרעס, נאָר דאָס האָט אים פאַרשאַפט ניט דאָס פאָלק, נאָר די אונטערוועלט. דאָס עכטע פאָלק האָט פאַר אים דאָ צעעפנט אַלע טירן פון דער גרויסער קונסט. און מאַקס איז געוואָרן פאַרליבט אין דײַטשלאַנדס גרויסע קינסטלער, דענקער, געלערנטע, פילאָסאָפן. דאָ האָט ער אויך דערקענט פּאָשעטע אַרבעטער־מענטשן, בעקער, טרעגער, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט, צוזאַמען געבידעוועט און צעשיידט זיך ניט מיט זיי אויך איצט, ווען ער איז אַרומגערינגלט מיט רום.

* * *

בא וועמען פון אײַך איז ניט פאַרצאַפּלט געוואָרן דאָס האַרץ, ווען נאָך לאַנגע און שווערע יאָרן פון צעשיידונג האָט איר זיך דערנעענטערט צו דער היים, ווו איר זײַנט געבוירן געוואָרן, אופגעוואַקסן? ווער פון אײַך האָט געקאָנט רויִק אײַנשטיין באַם וואַגאָן־פענצטער, קוקנדיק אף די גרינע בערג, לאַנקעס און טאָלן, אפן אייביק רוישנדיקן באַרג־שטראָם, וואָס האָט אײַך נאָך באַצויבערט אין דער קינדהײַט?

ערגעץ דאָרטן, אין די געדיכטע קוסטעס פון ווילדע מאַלינעס, אין דעם געפלאָנטער פון די נוסנביימער, אָנהאַלטנדיק זיך בא דער מאַמעס קליידל, פלעגט איר גיין קוקן, ווי די מאַמע וועט וואַשן גרעט אף די גליטשיקע שטיינער, און איר פלעגט נאָכלויפן, מוירע האָבנדיק אָפּשטיין פון דער מוטער, עס זאָל, כאָלילע, ניט אַרויסשפּרינגען פון וואַלד א בער און אײַך ניט אוועקשלעפן אין די בערג אַרײַן, אָדער דער טײַוול מיט די לאַנגע הערנער זאָל אײַך ניט אַרופכאַפּן אף זיך און אוועקשווימען... פון יענער זײַט באַרגרוקן, אף דער גרינער לאָנקע, פלעגט איר פּאַשען די ראָבע ציג —

דעם איינציקן שפּײַזער פון דער גרויסער מישפּאָכע, — און כוץ דעם, האָט איר נאָך געדארפט אכטונג געבן אף די שכײנישע גענדז, בײזע, ווי די לייבן, טומלדיקע, ווי די מארק־סעדעכעס, גענדז, וועלכע האָבן געהאט איינס אפן געדאנק — אָנכאפּן אײַך פאר די הויזן, א טשיפּע טאָן דאָס העמדל און אָפּרײַסן דערפון א שטיק, גראגערן אף מעשוגע צו ווערן... אָט דאָ פלעגט איר זיך שפּילן מיטן הינטל ריאבטשיקן — אײַער איינציקן פארטיידיקער פון די שכײנישע בויאנעס, — וועלכן איר פלעגט ניט זשאלעווען אוועק־געבן דאָס לעצטע שטיקל ברויט...

דער לאנגער פארשטויבטער צוג שלענגלט זיך צווישן די בערג, און איר שטייט א פארגאפטער באם פענצטער און קאָנט ניט אָפּרײַסן דאָס אויג פון דעם וווּנדערלעך־שיינעם ארום.

און פּלוצעם האָט זיך באוויזן אין דער גרינער געדיכטעניש א וואָקזאלכל, וואָס איז גרויס, ווי א גענעץ. אפן פּוסטן פּעראָן איז געשטאנען א דארינק, אײַנגעשרומפּן פארשווינדל אין א גרויס רויט היטל מיט א לאמטערן אין איין האנט, מיט א פּאָר פענדלעך אין דער צווייטער. ער האָט זיך געסטארעט אויסזען שטרענגער אין דער מינוט, ווען עס איז צוגעקומען דער פאר־שטויבטער צוג, אנדערש, וויאזוי וועט איר וויסן, אז ער איז דאָ דאָס איי־בערשטע פון שטייסל — דער נאטשאלניק, דער שעף פון דער סטאנציע אלייך! ער איז געשטאנען אויסגעצויגן, מיט א הויך פאריסענעם קאָפּ. דארף אָבער מיט דעם נאטשאלניק טרעפן אן אומגליק. זײַן גרויסער, פעטער כאזער האָט זיך ארויסגעריסן פונעם כליוו און געקומען צו לויפן צום באלעבאָס, גענור־מען באשמעקן מיטן ראָזן פּיאטאק די וואגאָנעס, שיר ניט ארונטער אונטער די רעדער! דער נאטשאלניק איז געוואָרן אויסער־זיך — הער נאָר א כאַ־זערײַ, געקומען! נאָר אים דארף מען דאָ האָבן!

דער באלעבאָס האָט אָנגעהויבן טרײַבן מיט די פענדלעך דעם כאזער, זידלען מיט די לעצטע ווערטער, ער זאָל די רעגע מיט גוטן אוועקגיין אף זײַן אָרט. איז דאָס דעם כאזער גראדע געפעלן געוואָרן, ניט אנדערש, ער האָט געמיינט, אז מע שפּילט זיך מיט אים, האָט ער זיך געטראָגן איבערן פּעראָן, געכריוקעט, געדריגעט מיט די הינטערשטע פיס און געהערט דעם באלעבאָס פאר א דרײַער! די פּאסאזשירן אין די וואגאָנעס זײַנען צוגעלאָפן צו די פענצטער, געקײַכט פאר געלעכטער. דעם פארשעמטן שעף פון דער קליינער סטאנציע איז גאָרנישט ניט געבליבן, ווי צולויפן צום גלאָק, דער־לאנגען דעם צווייטן קלונג און אָפּשיקן דעם צוג ווײַטער...

דער נאטשאלניק מיטן גרויסן רויטן היטל האָט מיט רעציכע געכאפּט א שטיין און זיך גענומען יאָגן נאָכן גראָבן יונג, דעם כאזער, געוואָלט אים גוט אָנברעכן די ביינער, ער זאָל א צווייט מאָל ניט דערוועגן אים אָפּטאָן אזא שפּיצל, נאָר פּלוצעם דערזען אין צווייטן עק פּעראָן א יונגן שיין פאר־פּוצטן פּאסאזשיר, אָנגעטאָן אין א פײַנעם מאנטל, וואָס מע טראָגט ניט אין די קאנטן, אין א ווייכן קאפּעליוש, וואָס מע זעט דאָ אוואדע ניט, מיט צוויי גרויסע טשעמאָדאנעס, וואָס מע זעט דאָ אוואדע און אוואדע ניט!

דאָס גרויסע רויטע היטל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום מענטשן, עפּשער וויל יענער אים עפּעס פרעגן. נאָר ניין, דער מענטש האָט גאָרניט געפרעגט, בלויז העפלעך אַ שאָקל געטאָן צום נאַטשאַלניק מיטן קאָפּ, זיך שיר־שיר ניט צעלאַכט, דערזען, ווי דאָס רויטע היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויערן. דער יונגערמאַן האָט זיך פאַמעלעך געלאָזט גיין צום קליינעם וואָקזאַלכל־סעדל, וואָס פון יענער זייט סטאַנציע, עפּשער וועט ער קריגן אַ פּור קיין קאָוואַליוקע.

דאָרט, לעבן סעדל מיט די הויכע קליאָנען, זיינען געזעסן אויף די קעלניעס און געדרעמלט קאָוואַליוקער פורמאַנעס, וואָס האָבן געוואַרט אויף פאַרשוינען.

יענע האָבן גלייך דערפילט אַ לעבעדיקן פּאַסאַזשיר און זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, געכאַפּט געגומען שלעפּן פאַר די פּאָלעס, רייסן פון זיינע הענט די טשעמאָדאַנעס, שרייען, זיך זידלען. מאַקס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, ניט געוווסט וואָס טאָן, צו וועמען גיין.

— אַ כאָלערע אויף דיר, אָקס איינער! — האָט געשריגן אויף עמעצן פון זיינע קאָלעגן אַ לאַנגער דאַרער באַלעגאָלע אין אַ צעבראַסטעטער, אָפּגעריי־בענער קאַפּאָטע. — איך האָב דער ערשטער דערזען דעם יאָלד, וועט ער זיין מיינער...

— שאַ, בעהיימע פּינצטערע, וואָס גוואַלדעוועסטו אַזוי? נעם איין שטור־מעניש, עפּשער פאַרשטייט דער פאַרשוין מאַמעלאָשן?

— אַ לעץ אין אַזאַ שיינעם מאַנטל מיט אַזעלכע טשעמאָדאַנעס, אפילו ווען ער קען מאַמעלאָשן, וואָלט ער זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט ניט...

— לייבעש, פּאָלג מיך, רוק זיך אָפּ מיט גוטן, אַנדערש וועל איך דיר אַזוי פאַרפאָרן אין באַק אַריין, אַז דו וועסט דערזען די באָבע פון יענער־וועלט! — האָט איבערגעשלאָגן אַ דיקער, קליינער באַלעגאָלע מיט אַ צע־קנייטשט קאַפּעליושל אויפן פּאַטלאַטן קאָפּ.

— פּייוועש, איך בעט דיך, האָב כאָטש דו גאָט אין האַרצן... דו ווייסט דען ניט, אַז מיין שעווע דאַרף היינט־מאָרגן געלעגן ווערן, און אין שטוב איז קיין זלאָטע ניטאָ... עפּשער זאָל איך נעמען דעם מענטשן?

— דול ניט אַ ספּאָדעק, גאָוורילעל, ווער איז דיר שולדיק, וואָס דיין אישע האַלט אין איין קינדלען? דו ביסט דערצו אַ גאָלדענער באַלמעלאָכע. דער רועך ווייסט דיך, ווען ספּראַוועסטו זיך אַזוי גוט, אַז דו זיצט די גאַנצע צייט אויף דער קעלניע... ניט אַנדערש, אַז עמעצער העלפט דיר אונטער...

— ברעך דעם קאָפּ, מעשוגענער!

— היי, פּראָשע פּאַנע, וואָס דאַרפט איר זיך צוהערן צו יענע לייַדאַקעס? זעצט זיך בעסער צו מיר אין בויד אַריין, וועל איך אייך גלייך אָפּפירן קיין קאָוואַליוקע מיט אַ קנאַק!

— זע נאָר, וואָס זיינט איר אויף דעם מענטשן אָנגעפאַלן, ווי די הייַשע־ריקן? — האָט צעשטויסן די באַלעגאָלעס אַ גוואַר מיט אַ רויטער געקרייזל־טער באָרד, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן באַ אים פון סאַמע אונטער די אויגן. ווען ניט זיינע שמייכלענדיקע אויגן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ וואַלד־גאַזלען. דער האָט לאַנג ניט געטראַכט, ניט געמאַכט קיין

איבעריקע שיִעס, אויסגעכאַפּט בא גאוורי׳על דעם באַלעגאַלע די טשעמאַ־דאַנעס פון די הענט און זיי אוועקגעטראָגן צו זײַן בויד:

— היי, פּעטערל, וואָס הערט איר זיך צו צו זיי? — האָט ער זיך אָנגע־רופן צו מאַקסן מיט גאַדלעס. — איר זעט דען ניט, אַז זיי זײַנען גראָבע יונגען, לײַדאַקעס? אַן אווירע גאָר, וואָס די ערד טראָגט זיי. פאַרנעמט, פּראָשע פּאַנע, פּלאַץ. איר זעט ניט, דאָס זײַנען ניט קיין פורמאַנעס, נאָר אַ באַנדע. אויף זייערע קליאַטשעס וועט איר זיך דערקלײַבן קיין קאָוואַליוּוקע אויף איבעראיאַר פורים! מיט מיר זײַנט איר באַוואָרנט, אַז איר פאָרט. הײַדאַ! כאַפּט אַ זעץ! — איז ער אַרופגעקראָכן אויף דער קעלניע און גענומען די ווישקעס מיט דער בײַטש.

דער רויטער גוואַר האָט אַרײַנגעכאַפּט פון די פורמאַנעס אַ שיין ביסל קלאָלעס, זידלווערטער, נאָר דאָס האָט אים האָט ווייניק געקימערט. דער פאַרשווין איז שוין, דאַנקען גאָט, זײַנער!

— איר, פּעטערל, הערט זיך ניט צו צו יענע גראַגערס! זיי וועלן זיך אָנהאַווקען, און שטום ווערן. באַלד וועל איך אײַך פירן קיין... קיין קאָוואַ־ליוּוקע דאַרפט איר? נו, אוואַדע, באַלד וועל איך אײַך אַהין פאַרפירן, ווי אַ מיזמער! בא מיר איז אַ פערדל, קיין אײַנהאָרע, אַן אָדלער, נאָר אָן פליגלען. יענע לייצים פאַרטרינקען זייער פאַרדינסט ביז דער לעצטער זלאָטע, און בא מיר גייען ניט אַזעלכע שטיק! ביז איך האָדעווע ניט אָן מײַן סוס, זעץ איך זיך צום טיש ניט. איך גיב דעם אָטבאָרנעם האָבער מיט סיטשקע, אַ בורעק און אַמאָל אויך אַ שטיק ברויט. זאָל עס אויך האָבן האַנאָע פונעם לעבן, האַ, וואָס זאָגט איר?

מאַקס האָט גאָרניט געזאָגט און ניט געטראַכט זאָגן, ווײַל ער איז געווען אַזוי אויפגערודערט, וואָס ער איז אין די לײַבלעכע קאַנטן, אַז די געדאַנקען זײַנען געווען גאָר ערגעץ אַנדערש. און דער באַלעגאַלע האָט פאָרגעזעצט שיטן:

— יאָ, איז אַקעגן וואָס איז דאָס גערעדט געוואָרן... איר זאָגט האָבער... אַ פערד, אַז מע גיט דעם אַ גוטע טאָרבע האָבער, גייט עס גאָר אַנדערש. הײַנט הינקט עס בא מיר אונטער אַפּן הינטערשטן פוס, נאָר נישקאָשע, אויף דרײַ לויפט עס בעסער, ווי בא אַנדערע פורמאַנעס אויף פיר. וויאָ־אָ־אָ, כאָלערע! אַ פּעגירע אויף דיר! טאָמער הייבסטו אָן מיט אַ מענטשן ריידן, אַזוי שפּיצט עס אָן די אויערן און עס הערט! אַ גאַנצער כאָכעם בא מיר, ניט קיין פערד. וויאָ, אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן! גענוג עס זאָל אָפּשטיין אַ פּאָר שאָ אויף דער סטאַנציע, און די פיס, די ראַגלאַיִם, הייסט עס, ווילן ניט גיין, זיי ווערן דעם פאַרגליווערט... נישקאָשע, באַלד וועט עס זיך צעגיין, וועלן מיר עס ניט קאָנען אײַנהאַלטן. אַז קיין אַרבעט איז ניטאָ, שטייט עס. און אַז עס שטייט, ווערט עס לעדאַשטשע. אַזוי איז מיט אַ מענטשן אויך. יאָ, געוויס, ווען מע גיט דעם אָדלער אַלע טאָג אַ טאָרבע האָבער, וואָלט עס גאָר אַנדערש געגאַנגען בא מיר. נאָר ווי קומט מען צו דעם האָבער, אַז אין מאַרק איז געוואָרן אַ יאַקרעס, סאַקאָנעס־נעפּאָשעס. וואָס ווילט איר פונעם פערד, אַז איר גיט אים אַ קרענק אײַנדערוואָכן און

קאַדאָכעס אום שאבעס, שפּײַט עס זיך טאקע אויס אַף אײַער טאטנס קאָ־וועד און עס גייט, וויאַזוי דעם גלוסט זיך... דער בייזווונדער ווייסט זיי, די שטאָטישע מענטשן, די געלערנטע, הייסט עס, מע זיצט דאָרט און מע טראכט אויס אַף אײַער קאָפּ הארמאטן מיט באָמבעס... מע איז דאָרט קראנק צוטראָכטן אזעלכע פּראָשקעס, אז דאָס פערדל זאָל ניט וועלן קיין האָבער און מענטשן זאָל זיך אופהערן גלוסטן א שטיקל ברויט מיט פּוטער? אײַ וואָלט דעמלט, זאָג איך אײַך, געווען א וועלט! כײַ־געלעבט! מע וואָלט געגאַן אין גאָלד אָנגעטאָן! וויאָ, כאָלערע, וויאָ! הייבסטו אָן ריידן א וואָרט, אזוי ווערט עס מעשוגע. עס מוז אויך הערן! עס גייט דעם אין לעבן אריַין! וויאָ, פּעגירע!

דאָס פערד איז שוין פון לאנג געווען צוגעוווינט צו יאָשקעס קלעפּ און קלאָלעס, האָט עס אים געהערט, ווי דעם פּאראַיאָריקן שניי, ס'האָט גע־שפּאנט ניט געײַלט און מיט פּאכעד געקוקט, ווי דער וועג נעמט פּארקערעווען אַף א הויכן בארג.

ערשט איצט האָט מאקס זיך דערמאָנט, אז דאָס זיצט אַף דער קעלניע יאָשקע קאַלענעק, יענער זעלבער יאָשקע, וואָס פלעגט אים אמאָל שמײַסן מיט דער בײַטש, ווען מאקס פלעגט זיך אָנהענגען הינטער זײַן בויד. ער האָט שיר ניט אויסגעשריגן, נאָר געשוויגן.

דאָס, וואָס אים פּירט זײַן אַלטער באקאנטער, האָט מאקסן גראָדע געפרייט: ער וועט זיך באַלד דערוויסן נײַס. דערפאַר אָבער האָט אים ניט געפרייט דער אָדלער אָן פּליגלען, בא וועמען מע האָט לײַכט געקאָנט איבערציילן די ריפּן און וואָס האָט, ווי נאָר דערזען באם וועג א ביסל גראָז, זיך אָפּגעשטעלט און גענומען עס צופּן מיט די גרויסע געלע ציינער.

איצט, פּארן בארג, האָט זיך דער אָדלער אינגאנצן אָפּגעשטעלט. כאָטש האק עס און בראַק עס, האָט עס ניט געוואָלט קריכן ארוף.

יאָשקע איז פלינק אראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע, פּאריכט דעם געשפּאַן און, קראַצנדיק מיט דער פּוזשעלע די פּאָטיליצע, זיך גענומען פּארענטפערן פּאר זײַן פּארשוין:

— פּראָשע פּאנע, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, איך זע, אז איר דארפט זײַן א גאנץ טעלעגענטער מענטש און האָט ראכמאָנעס אַף צארבא־לעכאים. איר זעט אליין, וואָס פאר א מעשוגענער בארג ס'האָט זיך אוועק־געשטעלט אינמיטן וועג, עפּעס טאקע ווי א בעלמע אפן אויג. איר זאָלט דאָ אפילע אײַנשפּאנען דרײַ העלפאנדן, וואָלטן זיי אויך ניט ארופגעשלעפּט די בויד ארוף־בארג, סײַדן עמעצער זאָל אונטערשטופּן. איז זײַט זשע מויכל, קריכט אַף א רעגע אראָפּ פון טראָן און שטעלט אונטער א פּלייצע...

מאקס האָט ניט אויסגעהערט ביזן סאָף, אראָפּגעשפּרונגען, אויסגעטאָן דעם מאנטל און גענומען אונטערשטופּן די פּארשטויבטע בויד. יאָשקע קאַלענעק האָט געשלעפּט דעם „אָדלער" פאר דער גריווע, שיר ניט ארויס־געריסן בא אים דאָס לעצטע ביסל האָר און דערבײַ געמאכט איבער אים אזוינע בראָכעס, אז ווען דער לאָשעק וואָלט, כאָלילע, געהאט א טעווע

פון שעמען זיך, וואָלט ער לעבעדיקערהייט אַרײַן אין דער ערד. און צו מאַקסן האָט דער באַלעגאָלע געזאָגט:

— איך זע, אַז איר זײַנט אַ סטאַטעטשנער מענטש. אַן אַנדערער אויף אײַער אָרט וואָלט זיך אויף מיר געקרימט, און איר, זע איך, זײַנט געבענטשט מיט אַ גאָלדענעם כאַראַקטער. דאָס איז גוט פֿון אײַער זײַט...

ביז מע האָט זיך אַרופֿגעדראַפּעט אויפֿן באַרג, איז מען אָפּגעגאַנגען מיט זעקס שווייסן, זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס. מאַקס האָט זיך ווידער אַרופֿגעכאַפּט אויף דער בויד, אויסגעווישט מיט אַ טיכל דאָס פֿאַרשוויצטע פּאָנעם, דעם האַלדז, און מע איז געפֿאָרן ווײַטער. „דאַנקען גאָט, — האָט ער געטראַכט, — איצט וועט שוין זײַן גרינגער. דער וועג גייט אַראָפּ־באַרג..."

נאָר צו פֿרי האָט זיך דער פּאַסאַזשיר געפֿרייט! יאָשקע קאַלענעק איז אָפּגעפּאָרן אַ ביסל און ווידער אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד. ער האָט מיט אַ כניפּע־פּאָנעם אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאַרמאַטערטן פֿאַרשוין:

— זײַט אַזוי גוט, יונגערמאַן, איך בעט בײַ אײַך ווידער מעכילע. איך מיין, אַז איר ווילט ניט, אַז מײַן איין־און־איינציקער ברויטגעבער, דער סוס, זאָל בלײַבן ליגן אינמיטן וועג מיט איבערגעבראָכענע פּיסנאָהעס. איר זעט דאָך אַליין, סאַראַ קרוטשע איז דאָ. האָב איך צו אײַך נאָך איין באַקאָשע, איר זאָלט אײַנהאַלטן די בויד אַראָפּ־באַרג. פֿאַרט אַ צאַרבאַלעכאַים, אַ גאָטס ראַכמאָנעס...

און מאַקס איז ווידער אַראָפּ פֿון דער בויד און גענומען אײַנהאַלטן די קאָלימאַגע.

אָבער אומזיסט האָט מאַקס געמיינט, אַז דערמיט ענדיקן זיך שוין זײַנע צאָרעס. מע איז אָפּגעפּאָרן נאָך אַ פּאָר הונדערט מעטער, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ באַרג־אַרויף. איצט האָט שוין מאַקס ניט געוואַרט אויף קיין קאָווער, יאָשקע זאָל אים בעטן. ער איז אַליין אַראָפּגעשפּרונגען און אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע.

— איך בעט אײַך, פֿראָשע פּאַנע, האָט אויף מיר קיין פֿאַריבל ניט, — האָט זיך פֿאַרענטפֿערט יאָשקע, — איך פֿאַרשטיי, אַז אײַך איז ניט אינגאַנצן באַקווועם, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס! עמעס, איר האָט אויסגעשמירט אײַער אָנצוג, נאָר מירן מירצעשעם קומען אויף אָן אָרט, וועט איר נעמען אַ בערשטל אין די הענט, וועט אײַער בעגעד ווערן נאָך שענער... יאָ, עפּעס הײַנט איז מײַן ברויטגעבער אינגאַנצן מעשוגע געוואָרן. איך דערקען אים ניט. זיך צעפּעסטעט, אַ בראַנד אין אים! נאָר איר וואָלט געזען געדאַרפֿט אַ קוק טאָן אויפֿן באָכער מיט אַ יאָר צען צוריק, ווען איך האָב אים אויסגעביטן בײַ אַ ציגײַנער אויף מײַן ווײַסער שקאַפּע. ער איז בײַ מיר געפֿלויגן, ווי אַ וויכער. קיין בײַטש האָט מען צו אים ניט געדאַרפֿט, ווי איר זעט מיך לעבן! פֿיר פּאָר לייצעס, אַ כאָלערע, האָט ער בײַ מיר צעריסן. פֿון פּאַסטראָמקעס — רעד איך שוין ניט! דרײַ מאָל איבערגעקערט דעם פֿיאַקער. מיט די פֿאַרשווינען. איינע איז בײַ מיר גראָדע געזעסן אין אויבנאָן און געווען מעוברעס, געפֿאָרן קיין קאָלאָמײַע צו איר שוויגער אויף קימפּעט, און טאַקע דאָ, אין די בערג, מאַפּל געווען... אַרופֿלויפֿן אָט אַזאַ באַרג איז באַם פֿערד מײַנעם גע־

ווען, ווי בא א גוטן־יידן א גענעץ טאָן, זאָל איך אזוי האָבן פּארנאָסע מיט אייך איניינעם. און איצט, זעט איר דאָך. א מענטש ווערט עלטער, און א סוף אויך דאָס זעלבע! זייט זשע אזוי גוט און פּוילט זיך ניט, העלפט דאָ נאָך אונטער, דערנאָך וועט איר שוין, מיט גאָטס הילף, פאָרן. וווהין פאָרט איר? א, קיין קאָוואַליוועץ? אָט באלד וועלן זיך ענדיקן די שיינע בערג, וועט דער איניעץ זיין ליכטער... איר האָט שוין געזען אזוינס: בערג און טאָלן! שיינע גליקן! ווי זיינען געוועזן דעם אייבערשטנס אויגן, ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט? אונדז, קאפּצאָנים, האָט ער א שאָט געטאָן פון דער ברייטער האנט די בערג מיט די טאָלן. אין אנדערע מעקוימעס זאָלט איר געבן א רענדל פאר א בארג...

ווי אף צולאָכעס איז דער וועג געגאַן די גאנצע צייט בארג־ארוף, בארג־אראָפּ, און אלעמאָל האָט יאַשקע געבעטן זיין פּארשויך זיך מאטריעד זיין אונטערשטופּן אָדער איינהאלטן דעם פיאקער, דער „אָדלער" זאָל זיך, כאָ־לילע, ניט צעברעכן די פיסנאָהעס.

נאָר דער אייבערשטער האָט געהאָלפן, און מע האָט זיך ווידער ארופ־געדראפּעט מיט פערד־און־וואָגן נאָך אף איין בארג, און מאקס האָט דערזען אין גרינעם טאָל די קאָוואַליוועקער געסלעך, דעם געזעצטן בלאָוון קופּאָל פונעם קלויסטערל, וואָס ניט ווייט פון דער קרעטשמע, די אלטע שול מיטן פארשווארצטן טשערעפּענעם דאך, ווי אן אלטע פעסטונג. און עס איז אים גלייך ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. א קנויל האָט גענומען שטיקן דעם האלדז, אין די אויגן זיינען געשטאנען טרערן: אָט איז זי שוין באלד, די היים!

— זאָגט מיר נאָר, פּעטער, — האָט מאקס זיך שטיל אָנגערופן, — איך וויל בא אייך עפּעס פרעגן, אָבער זאָגט מיר דעם ריינעם עמעס...

— וואָס זשע, רעב מענטש, — האָט זיך באלײדיקט דער באַלעגאָלע, — איך האָב אייך שוין, כאָלילע, אמאָל אָפּגענארט? פרעגט, פראָשע פּאנע...

— איך וויל בא אייך פרעגן אזא מין קאשע, — האָט מאקס קוים איינ־געהאלטן דעם געלעכטער, — איך האָב אייך געדונגען, ווייל איך מוז זיך דערקלייבן קיין קאָוואַליוועץ. איר האָט זיך אונטערגענומען מיך פירן אהין, ווייל איר דארפט פארדינען די עטלעכע זלאָטעס אפן אויסקומעניש. דאָס איז אויך פארשטענדלעך. איר האָט מיטגענומען מיט זיך אייער בויד, ווייל דער פּאסאזשיר דארף זיך אף עפּעס ארופזעצן. די בייטש האָט איר מיט זיך גענומען, ווייל וואָס איז דאָס פאר א באַלעגאָלע אָן א בייטש? איין זאך פארשטיי איך אָבער ניט, כאָטש שיסט מיך א טויטן — צוליב וואָס האָט איר מיט זיך געדארפט שלעפּן אייער פערד? מיר וואָלטן זיך געקאָנט זייער שיין באגיין אָן אים. מיר וואָלטן זיך אָן אים גיכער דערקליבן קיין קאָ־וואַליוועץ...

יאַשקע קאַלענעק האָט זיך אזוי צעלאכט, אז דער „אָדלער" האָט זיך איבערגעשראָקן און שיר ניט ארויסגעשפּרונגען פון די האָלאָבליעס. אָבער גלייך האָט זיך דער באַלעגאָלע פארכאפּט, זיך אָנגעבלאָזן, ווי אן אינדעק:

א מענטש זאָל אים אזוי מעוואזע זײַן, יאָשקען! אױף דעם האָט ער זיך ניט געריכט.

— וואָס זשע, פעטערל, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט א געפּאלענער שטים, — פון אײַך איז, כאָלילע, עפּעס אָפּגעפאלן, אויב איר האָט א ביסל אונטערגעשטופּט דעם וואָגן?

— ניין, פאָשעט אזוי...

יאָשקע האָט געשוויגן עטלעכע מינוט, קרום א קוק געטאָן אױפן פאַר־שוין און א טראכט געטאָן, אז דאָס איז ניט קיין אײגיען פאַרן מיט אזא מענטשן און ניט א שמועס טאָן מיט אים וועגן וועלט־זאכן, ניט א פרעג טאָן, פונוואנען פאָרט ער און וואָס פאר א רועך טרײַבט אים אין דער לאָך, אין קאָוואליוועקע. וואָס זשע, קיין שענערע שטעט האָט ער שוין ניט געקענט אויסקלײַבן? לויט דעם, ווי זײַן פאַרשוין איז פארפּוצט, איז צו זען, אז דאָס איז ניט קיין פּראָסטער כײַוועקײַעמניק. אזא בריִע וואָלט, דאכט זיך, גע־קאָנט דערציילן, וואָס הערט זיך אױף דער וועלט. און עפּשער איז דאָס גאָר א דאָקטער און פאָרט צו די היגע גדוילים זיי היילן? דארף מען אים א בעט טאָן, ער זאָל איידער וואָס, געבן יאָשקען א רעפוע צו זײַן זאדישקע, צום שטעכעניש, וואָס לאָזט אים די לעצטע צײַט ניט אָטעמען. און עפּשער גאָר איז דאָס א שטיקל אדוואָקאט. צי וואָלט ער ניט געקאָנט געבן אן אייצע, וויאזוי לאָדט מען אָפּ באם שאָכן דעם הונדערטער, וואָס ער האָט גענומען און טראכט אפילע ניט אָפּגעבן?... נאָר מעגלעך, אז דאָס פאָרט מיט אים א גרויסער קאָמערסאנט און דארף וויסן, ווי טײַער איז אין דער וועלט א פוד האָבער — און...

א סאך זאכן האָט יאָשקע געוואָלט בא אים אויספרעגן, נאָר יענער האָט זיך שוין ווידער עפּעס פארטראכט און ווי אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער, קוקט נאָר אױף די ווײַטע בערג, ווי ער זאָל דאָרטן עפּעס רעכטס וועלן דערזען.

ער שווײַגט, דער אקשן. אָבער בא יאָשקע קאלענעקן וועט ער לאנג ניט שווײַגן! מע זעט לויט זײַן אָנטאָן, אז ער איז אויסגעוועזן א וועלט. וואָס זשע, איז ער קראנק דערציילן, צי איז דאָס עמעס, אז מע גרייט זיך שוין צו א שפּאָגל־נײַער מילכאָמע? און וואָס הערט זיך דאָרטן, בא די באָלשעוויקעס, בא די רויטע אין רוסלאנד? איז דאָס טאקע עמעס, אז מע האָט צונויפגערופן אלע באלעגאָלעס און פורמאנעס און געזאָגט: האָדיע, קינדערלעך. ווארפט אוועק די ווישקעס און גייט ווערן אפּטייקערס אָדער אינזשעניערן? און אז דאָרטן פאָרט מען שוין נאָר אױף די אויטאָבוסן און איר זאָלט געבן א מיליאָן פאר א באלעגאָלע, וועט איר אים שוין ניט באגעגענען? נאָר דעריקער גייט יאָשקען אָן דער דײַטש. איז דאָס טאקע עמעס, אז דאָרטן האָבן זיך געיאָוועט באנדעס, עפּעס א היטלער, און מע מאכט דאָרט פּאָגראָמען, מע כאפּט מענטשן אין די גאסן און מע דערגייט זיי די יאָר. זיי ווילן פארכאפּן די גאנצע וועלט און מאכן פון איר א האנטשערקע. אָבער גיי פרעג, אז ער שווײַגט, ווי א קלאָץ. געוואָרן מיטאמאָל א שטומע פעטעלעלע!

יאָשקע האָט זיך מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, א טאָרע געטאָן זײַן פֿאַרשוין מיטן עלנבויגן און זיך אָנגערופֿן:

— נישקאָשע, יונגערמאַן, נעמט זיך ניט צום האַרצן, נעמט זיך בעסער צום עסן! איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז א מענטש גייט זיך א ביסל דורך צופּוס, פֿאַרגייען אים ניט, כאָלילע, קיין זאַשפּערעס אין די פּיאַטעס! עס זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק מעשוגאָיִם אַף דער וועלט, וואָס קומען אהער זומער און צאָלן גרויסע געלטן, מיר זאָלן זיי פֿירן צופּוס אין די בערג. ווי איך זע, זײַנט איר געוויס געווינט בא אײַער טאַטן אומפֿאָרן אַף די אוטאָמאָבילן. נאָר איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס פֿאַר א גליק פֿאָרן מיט זיי, מיט די אוטאָמאָבילן, אַז זיי שטינקען מיט בענזין? און פֿון בענזין, האָב איך געהערט זאָגן, באַקומט מען די טשעכאָטקע. פֿון שמעקן קיזיק איז נאָך דערווײַל קיינער ניט היקעוואַטע געוואָרן, קיינער איז ניט געשטאָרבן. מיט קיזיק באַגיטיקט מען די פֿעלדער, און איר עסט ברויט מיט בולבע...

דאָ האָט זיך יאָשקע אָפּגעשטעלט, זיך גוט אײַנגעקוקט אין זײַן פֿאַרשוין און שיר ניט אראָפּגעפֿלויגן פֿון דער קעלניע:

— זאָגט מיר נאָר, פּאַניע יונגערמאַן, זאָל מיך א דונער ניט טרעפֿן אינײנעם מיט מײַן באַל־פּאַרנאָסע, דעם פֿערד, אויב איר זײַנט מיר ניט קענטלעך! וואַרט נאָר, זײַנט איר, טשאַסאָם, ניט יאָסיע דעם ניכטערנס טאַכשיט? וואָס, געטראָפֿן? אוי, א דונער האָט מיך געטראָפֿן, זעט נאָר, זעט, און איך האָב דיך גאָרניט דערקענט! וועסט דאָך ווערן א גוויר, א מיליאָנשטשיק! איז ווי זשע רופֿט מען דיך, מאַזיק? ניט מאַקס? יאָ? א געזונט אין דײַנע ביינער! וואָס זשע שווײַגסטו? איז שאָלעם־אַלייכעם! — האָט יאָשקע א שײַנענדיקער אים אַרײַנגערוקט די גרויסע, האָריקע האַנט. — הער נאָר א מײַסע! נו, מע דאַרף זיך דערהאַרגענען. איך זאָל דיך ניט דערקענען, איז דאָך עק וועלט! וואָס זשע, גאַזלען, האָסטו פֿון דער אָדראַזע ניט געזאָגט? די צונג וואָלט דיר, כאָלילע, אָפּגעדאַרט געוואָרן? ווען איך ווייס, אַז פֿון דיר וועט אויסוואַקסן אַזא פֿאָרעץ, וואָלט איך דיך דען געשמיסן מיט דער פֿוזשעלע, ווען דו פֿלעגסט זיך אָנהענגען הינטער מײַן בויד? הייסט עס, דאָס ביסטו, מאַקס? יאָסיע דעם סטעלמאַכס יוירעש? און א מענטש פֿאָרט מיט מיר אַזא וועג און שווײַגט! פֿון וועלכע קאַנטן פֿאָרסטו, זאָג מיר? מע זאָגט, אַז דו לעבסט א שיינעם טאָג, דו שפּײַסט, זאָגט מען, אַף דער וועלט און פֿאָרסט אַף דער קאָנקע? קערסט דאָרט באַקומען א שיינע פֿויטעקע? איך זע נאָך דײַן פּיזשאַק, נאָך דײַן מאַנטל און קאַפּעליוש, לויט דײַנע פּאַנטאָפֿל מיט די לאַנגע נעזער, אַז איבער די הײַזער גייסטו דאָרט ניט? ביסט אַפֿן פֿערדל, הייסט עס. האָסטו שוין כאַסענע געהאַט? האָסט מיסטאָמע א גוטע פּאָר קינדער, ווי דײַן טאַטע נעפֿריטשקעם? צי עפּשער ביסטו נאָך א באָכער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר און פֿאָרסט קיין קאָוואַליוקע זיך אויסקלײַבן א קאַלע? היי, מאַקס, וואַקסן בא אונדז אין קאָוואַליוקע קאַלעס! איינס און איינס! קיין אײַנהאָרע, קאַלעס, ווי די פּיכטעס, נאָר קיין כאַסאַנים זײַנען נישטאָ. וואָלט איך געווען ייִנגער מיט א יאָר פֿערציק, אָהאָ, וואָלט איך זיך אויסגעקליבן א קאַלע... אונדזערע כאַסאַנים דערלעבן ניט אויסצוּוואַקסן,

אזוי פאָרן זיי אוועק, און אונדזערע מוידן זיצן, נעבעך, ביז די גראָווע צעפּ!..

יאָשקע קאַלענעק האָט געשאָטן, ווי פון א זאַק, ווי ער וואָלט מוירע האָבן זיך אָפּשטעלן, ניט געלאָזט מאקסן זאָגן א וואָרט.

— יאָ, דאנקען גאָט, וואָס איינער פון אײַך האָט זיך אויסגעריבן אָף א שמאטע, געוואָרן א מענטש. קערסטו דאָרט פארנעמען א הויך בענקל, כאַפּסט געוויס אַרײַן א גוטע סכירע? געוואָרן א גרויסער מענטש?

מאקס האָט זיך פאנאנדערגעלאכט, א קלאַפּ געטאָן יאָשקען איבערן אַקסל.

— וואָס רעדט איר, איך בין א געוויינלעכער מענטש, אזא, ווי אַלע...

— העט... מיין ניט, אז אויב איך זיץ אָף דער קעלניע, פארשטיי איך שוין גאָרניט, בין איך א פינצטערע בעהיימע בעצוראס פערד! זאָלסט זײַן א געוויינלעכער כײַוועקײַעמניק, וואָלסטו ניט געטראָגן אזא מאנטל מיט אזא קאַפּעליוש!

דערזען, ווי דער גאסט נעמט ארויס א גרויסארטיק פּודעלע פּאַפּיראָסן און איז אים מעכאבעד, האָט זיך יאָשקעס פארוואקסן פּאָנעם צעפלאָסן אין א שמייכל. ער האָט באטראכט דאָס שיינע פּודעלע, א שמעק געטאָן דעם טוטין און א סמאָטשקע געגעבן מיט די גראָבע ליפּן:

— אוווא, אזעלכע ציגארן קערן דאָרט בא אײַך רייכערן מיניסטאָרן... איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, מאקס, עס איז א גרויסע אוולע דיך באַראַ־בעווען מיט אזא ציגאר, נאָר זאָל זיך זעצן א מאקע אָף דער צונג יענעם, ווער עס וועט זיך פון אים, פונעם ציגאר, אָפּזאָגן! איך האָב נאָך אזוינס אָף מײַן לעבן אין די אויגן ניט געזען!

יאָשקע האָט ארײַנגעשטעקט די אומגעלומפּערט־גרויסע האָריקע האנט אין פּודעלע, ארויסגענומען מיטאמאָל דרײַ שטיק, א ציגאר — אין מויל, דעם צווייטן — אונטערן אויער, דעם דריטן — אין קעשענע פון זשילעט.

— האָב ניט קיין פאריבל, מאקס, נאָר אָט די ציגארן דײַנע וועל איך באַ־ווײַזן די כעוורע, זיי זאָלן פּלאַצן פון קינע און טאקע זען, וואָס עס פארגינט זיך רייכערן יאָסיע דעם ניכטערנס טאכשיט!

ווען עס איז שוין געבליבן ניט קיין סאך וועג ביזן שטעטל, האָט מאקס געכאַפּט בא יאָשקען די בײַטש, זיך ארופגעזעצט אָף דער קעלניע און אליין גענומען אָנטרײַבן דאָס פערד.

— וואָס טוסטו, פאָרעץ? — האָט זיך דערשראָקן דער באַלעגאָלע. — פּאַסט עס דען מיט אזא קאַפּעליוש אָנטרײַבן דאָס פערד? מענטשן וועלן לאַכן...

— נישקאָשע, פעטער יאָשקע, זאָל מען לאַכן, — האָט געענטפערט דער גאסט, — די לעצטע יאָר קומט מיר אויס טאָן אזוי, מענטשן זאָלן וויינען...

די בויד איז ארײַנגעפאָרן אין שטעטל. מאקס האָט א וואָרף געטאָן יאָש־קען די בײַטש מיט די ווישקעס, פלינק אראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע און זיך געלאָזט גיין מיט די אופגעגראָבענע גערטנער צו זײַן גאסל. ער איז געשפּרונגען איבער די קאנאוועס, ווילדגראָזן, בודיקעס, שטיינערנע פּלויטלעך, ווי ער האָט עס געטאָן אין דער קינדהײַט, נאָך דעם, ווי ער פלעגט זיך גוט אָנשפּילן, צעפּאטשן זיך מיט די כעוורע און לויפן מיט די

זײַטיקע גערטנער, די מאמע זאָל ניט זען, ווי ער איז פאַרשוויצט, אָדער ווי די נאָז איז בא אים צעדראָפּעט. ער איז געגאַנגען, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן. דאָס שטעטל איז נאָך געווען אײַנגעהילט אין געשמאַקן שלאָף. וואָס איז געוואָרן מיטן שטעטל, מיט דער שול, מיטן קלויסטערל? זיי זײַנען, דאַכט זיך, געוואָרן א סאַך קלענער, ווי געווען? עפּעס אײַנגעשרומפּן געוואָרן, פאַרלוירן דעם כיין. צי עפּשער האָט זיך עס אים אויסגעוויזן? ער קוקט איצט אַף זיי מיט גרויסשטאָטישע אויגן... נאָר ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, איז אַלץ געווען נאָענט, ליב, האַרציק, ווי אַמאָל. אַלץ האָט גערירט ביז טרערן.

מאַקס איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן צו זײַן היימשטיבל. מיט א צאַפּלדיק האַרץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַפן בערגל, זיך אײַנגעקוקט אין דער נאַכלע, וואָס האָט זיך גערדאַכט, אַז עס איז נאָך טיפער אײַנגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. אָט איז דאָס הייפל, דעם טאַטנס ווינקל, וווּ עס שטייט זײַן וואַרשטאַט און אַרום וואַלגערן זיך פרישע סטרוזשקעס, דאָס קלאַפּערגעצײַג, ווי אַמאָל, ווען דער טאַטע פלעגט אַלץ איבערלאָזן און זיך אַראָפּכאַפּן אין קרעטשמע נעמען א שנאַפּסל. עך, ווען ער שעמט זיך ניט, מאַקס, וואָלט ער זיך אויסגעצויגן אַף די סטרוזשקעס, ווי ער פלעגט עס טאָן אַמאָל. ער וועט אויך גערן זיך אַראָפּלאָזן מיטן טאַטן אין קעלער, אויסטרינקען מיט אים א גוטע קויסע, כאַפּט עס דער רוער!

אַרום איז דאָס שטעטל געשמאַק געשלאָפן, כאָטש די ערשטע זונשטראַלן האָבן זיך גענומען דורכשלאָגן אַהער פאַרבײַ די אַרומיקע גרינע בערג. דאָרט, איבערן לאַנגן פּוסטן געסל, האָט יאָשקע קאַלענעקס קאָלעמאַגע אָנגעהויבן טראַכקען איבערן ברוק. יאָשקע קאַלענעק האָט מיט די לעצטע קלאַפּעס גענומען בענטשן זײַן „אָדלער“, וואָס האָט זיך געריסן צו דער שטאַל און ניט צו יאָסיע דעם סטעלמאַכס הײַזל.

מיט זײַנע גוואַלדן האָט יאָשקע אויפגעוועקט די גאַס. פאַרשלאָפענע פּענעמער האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוקן פון די צעעפנטע פענצטער, אייניקע זײַנען אַרויסגעלאָפן פון די שטיבער אין די אײנע טאַכטוינים:

— יאָשקע, וואָס שרײַסטן אזוי, אַף די ציין זאָלסטו שוין שרײַען!

— הערט נאָר, א גאַנעפעץ, די גאַנצע גאַס אופגעטאָרעט פון שלאָף!

— וויפל איז דער שיר פּאָפּן? איר קאָנט נאָך אזוי פאַרשלאָפן אײַערע יונגע יאָרן... — האָט יאָשקע אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל. ער וואָלט זיי גראָדע ארײַנגעזאָגט, ווי ער קען, נאָר ער איז געווען בא זיך א ביסל געפאַלן. הער נאָר א מײַסע, דאָס פערד, פאַרברענט און פאַרסאַרפּעט זאָל עס ניט ווערן, האָט אים הײַנט אזוי מעווײַעש געווען! געפירט קיין קאָוואַליוווקע אזא אָנגעלייגטן גאַסט, האָט יענער געמוזט גייך די גאַנצע צײַט קימאַט צופוס און דערבײַ נאָך אונטערשטופּן די בוידע! און ווי עס זעט אויס, איז דאָס א באָכער מיט א שאַרף צינגעלע, ער וועט דערציילן, וויאַזוי יאָשקע האָט אים געפירט פון דער סטאַנציע, וועט מען יאָשקען ניט לאָזן די גאַס דורכגיין. מע וועט זיך קאָטשען פון געלעכטער.

און יאָשקע קאַלענעק האָט נאָך מיט מער קאַס געגומען שמייסן דאָס פערד מיט דער בייטש און אין דעם אריינשיטן אַלע קלאָלעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין קאָוואַליוקע פאַר די לעצטע הונדערט יאָר...

— שאַ, יאָשקע, הער אויף אַזוי גוואַלדעווען אַפּן ניכטערן האַרצן! וואָס איז, וואָס שרייסטו? עס ברענט כאַלילע?

— זאָלן בעסער ברענען אונדזערע סאָנים, און מיר זאָלן פאָרן באַגע־גענען גוטע געסט! איך האָב אייך געבראַכט פון דער סטאַנציע יאָסיע דעם סטעלמאַכס טאַכשיט. ער האָט זיך אומגעקערט, דער מאַזיק! ווען איר טוט אַף אים אַ קוק, סאַראַ קראַסאַוועץ דאָס איז געוואָרן, אַ פאַרגעניגן אַף אים אַ קוק טאָן! הײַנט זאָלט איר זען אַ פּינזשאַקל זיצט אַף אים, אַ מאַנטל, אַ קאַפּעליוש, ווי אַ מיניסטער! נאָר וואָס זאָל איך אייך אַ סאַך ברייען, איר זײַנט ניט קראַנק לויפן אים זען! — האָט דער באַלעגאָלע אַ ווייַז געטאָן מיט דער פוזשעלע אַף יאָסיעס שטיבל.

— היי, רויטער קאַנאַריק! — האָט עמעצער פון די מאַנצבלען זיך אָנ־גערופן. — וואָס בעבעסטו? האָסט עפּשער שוין געכאַפּט גאַנצפרי מיט דער ראָשטשינע אַ מויל בראַנפן? זאָג כאָטש, ווי אַ מענטש, וועלכער זון איז גע־קומען? דו ווייסט דען ניט, אַז באַם אַלטן סטעלמאַך איז געווען מער ווי אַ טוץ פּיקערס... יאָסיע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין כעזשבן...

— נו, יענער, ווי הייסט ער דאָרט, מאַקס! — האָט געענטפערט יאָש־קע. — דער מאַזיק, וואָס איז אַמאָל אַנטלאָפן פון דער שטוב און געוואָרן אין קאָלאָמייע אַ בעקער, דערנאָך האָט עס אים, דאַכט זיך, פאַרטראָגן קיין בערלין און ער האָט דאָרט געמאַכט אַ לעבן...

— וואָס רעדסטו? — האָט יענער, וואָס האָט אָנגעשרײַען אַף יאָשקען, זיך פאַרכידעשט, און, פאַרגעסן, אַז אַרום שטייען ווײַבער, גענומען אַרופשלעפּן אַף זיך די הויזן און זיך געלאָזט לויפן צום סטעלמאַכס הייפל.

— אַזוי גאָר, הייסט עס, דער גראָטענער בעקער איז געקומען? — איז אַרויס מיט לאָשן אַן עלטערע פרוי מיט אַ צעפּאַטלטן קאָפּ גראָווע האָר. — נאָר מע זאָגט, ער איז שוין אַזאַ בעקער, ווי איך אַ באַרישניע. ער שפּילט קאָמעדיעס ערגעץ אין די אָפּערעס... זײַן מאַמע האָט מיר געזאָגט, נאָר דער קאָפּ איז אַזוי פאַרשלאָגן, אַז איך געדענק שוין ניט, ווו און וואָס...

— יאָשקע, און וואָס האָט עס אים אַהער פאַרטראָגן, ער האָט זיך פאַר־בענקט נאָך די זלידניעס? וואָס זשע, דאָרטן, אין זײַנע אָפּערעס, האָט ער כאַלילע ניט וואָס צו פּיקן, איז ער געקומען אַהער אַף יאָסיעס קעסט?

— און עפּשער וועט מען אים דאָ רעדן אַ שידעך?

— וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט, ווי די פּיאַווקעס? — איז געוואָרן מאַלע־רעציכע דער באַלעגאָלע, — וואָס זשע, איר זײַנט מיט אים באַרוי־געט? גייט צו אים און פרעגט! איך בין אייער טאַטנס מעשאָרעס? לאָזט אַ וועג, דער ניטגוטער זאָל אייך ניט נעמען! וויאָ, וויאָ!

ער האָט מיט קאַס אָפּגעשמיסן זײַן „אַדלער" און זיך געלאָזט ווייטער.

נאָר יאָשקען איז ניט אויסגעקומען לאַנג אײַנריידן דעם קאָוואַליוקער אוילעם, ער זאָל גיין צו יאָסיען אַ קוק טאָן אַף זײַן גאַסט, זיך נאָכפרעגן,

וואָס און ווען. אלע האָבן זיך אוועקגעלאָזט אהין, ניט געוואשענע, ניט פֿאַר־קעמטע, ווי מע איז געשטאנען און געגאנגען. יאָסיעס הײַזל איז אין עטלעכע מינוט ארום שוין געווען פֿול מיט מענטשן. מע האָט גערעדט, געשריגן, געוויינט. העכער פֿאַר אלעמען האָט געריסן קריִע מאקס׳ מוטער, שיפֿרע, וואָס האָט ארומגעכאַפּט דעם גאסט און ניט אופֿגעהערט אים קושן און האלדזן.

יאָסיע דער סטעלמאך איז געשטאנען בא דער זײַט און געווארט, ביז די מאמע וועט ארויסלאָזן מאקסן פֿון די הענט. ער, יאָסיע, זאָל שוין קאָנען צו־גיין און א פֿרעג טאָן, וואָס הערט זיך בא אים און ווי גייען זײַנע געשעפֿטן, וואָס הערט זיך אָף דער וועלט, און צי וועט דאָרט אמאָל זײַן יוישער און גערעכטיקײַט... און נאָך האָט ער געווארט, מע זאָל שוין אופֿהערן גוואלדע־ווען און בעסער לאָזן דעם גאסט זיך אויסטאָן, זיך ארומוואשן פֿון וועג, מע זאָל זיך קאָנען זעצן צום טיש און נעמען עפּעס אין מויל ארײַן. מע דאַרף דאָך מאכן א קויסע צוליב אזא טײַערן גאסט! גאָט אליין האָט אזוי געבאָטן!

דערזען, אז ס׳איז א מײַסע אָן א סאָף, האָט יאָסיע אָפּגעשטויסן די אלטע און ארומגענומען דעם זון. דאָ האָבן די ווײַבער אופֿגעהויבן א געיאָמער, און יאָסיע האָט זיך אזש דערשראָקן. כאָטש ער האָט ניט קיין טעווע זיך בייזערן אָף מענטשן, נאָר דאָ האָט ער ניט אויסגעהאלטן, אָפּגעמאָסטן מיטן בליק די ארומיקע און זיך אָנגערופֿן:

— יאכנעס, אנו נעמט נאָר אָן וואסער אין מויל, איך זאָל בא זיך אין שטוב קיין געוויין ניט הערן! וואָס האָט איר זיך צערעוועט, אז מע דאַרף לאכן, זיך פֿרייען? שטיל זאָל זײַן! אויב ניט, נעם איך א שטעקן און וועל אלעמען ארויסטרײַבן! הער נאָר, טישעבאָוו וויל מען בא מיר מאכן! אנו, ווײַבער, טרײַבט ארויס דעם וואסערפֿירער פֿון אײַערע אויגן! לויפֿט בעסער אָף דער קיך און העלפֿט גרייטן צום טיש. בא מיר איז הײַנט א סימכע, און האָדיע! ווער האָט לאנגע פֿיס, לויפֿט אופֿוועקן שימענען דעם באקאליי־שטשיק, זאָל ער געבן מאשקע אָף באָרג! נישקאָשע, די ערד וועט אים ניט נעמען, איך וועל אים באצאָלן. און זאָגט, ער זאָל זיך אויך ארײַנכאַפּן צו מיר... וואָס שטייט איר?

עס איז קיינער ניט געלאָפֿן צום באקאליישטשיק נעמען מאשקע אָף באָרג פֿאַר „יאָסיע דעם ניכטערן“ — ווײַל אָף באָרג האָט מען אים שוין לאנג ניט געגעבן גאָרניט. ער איז גאָר א קנאַפּער באָטועך אָף אזעלכע זאכן. די ווײַ־בער זײַנען אויך ניט געגאַן אָף דער קיך גרייטן עפּעס צום טיש, ווײַל דאָרט איז געווען פּוסט. איז מען אוועקגעלאָפֿן צו זיך אין די שטיבער און איינגיכן זיך אומגעקערט מיט ווישניק און ווײַן, ברויט און פֿרוכטן — מע האָט צו־נויפֿגעטראָגן וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט און געשטעלט אפֿן טיש.

שכיינים — עלטערע און ייִנגערע — האָבן ארומגערינגלט דעם גאסט, גענומען באטראכטן זײַן רעקל, דעם מאנטל, די טשעמאָדאנעס, געטאַפּט מיט די הענט, זיך נאָכגעפֿרעגט, וויפֿל קאָסט דאָס אלץ, גערייכערט מאקס׳ פּאַפּיראָסן און גאָר אָנגעקוועלט. עס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען שעמעוודיקע

קאַלע־מיידלעך, געוואָרפן אויגן אַף דעם שטאַלטנעם, שיינעם גאַסט און זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען.

יאָשקע קאַלענעק האָט אַרײַנגעשטעקט דעם רויטן קאָפּ אין פענצטער אַרײַן, דערזען, אַז אַפן טיש שטייט שוין די מאַשקע, האָט אַ טשמאָקע געטאָן מיט די גראָבע לעפצן און אַרײַנגעפאָרן מיט רייד:

— אײַ, קינדערלעך, איז דאָס אַ ציגײַער טוטין — טאַם־גאַניידן! אַזעלכע פלעגט באַ אונדז אַמאָל רייכערן נאָר פראַנץ־יאָסיף און פאַן פילסודסקי...

— שאַ, יאָשקע, וואָס ביסטו אַרײַנגעקראָכן באַשפּיץ מיט דײַנע ציגאַרן! — האָט זיך צעבייזערט „יאָסיע דער ניכטערער“. — שלאָג ניט איבער, זאָל דער גאַסט עפּעס דערציילן. דו ביסט מיר שוין נימעס! לאָז מאַקסן אויסריידן אַ וואָרט!

אוילעם איז צוגעקומען, און אין שטוב איז שוין ניט געווען ווו זיך אַ קער טאָן. עס איז געשטאַנען אַ מוירעדיקער טומל, אַ געפילדער, אַ געלעכטער.

מאַקסן איז געווען דאָ היימלעך, גוט, ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין די שײַנענדיקע פענעמער, זיך אײַנגעהערט אין דעם געפילדער, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז גאָר פון קאָוואַליוקע קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרן. ער איז עפּעס מיטאַמאָל ווי ייִנגער געוואָרן, און ער האָט אַפּאַנעמעסן געטראַכט, אַז עס האָבן זיך אומגעקערט יענע ווײַטע יאָרן, ווען קאָוואַליוקע האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען ווי די גרעסטע און שענסטע שטאָט אין דער וועלט...

יאָשקע קאַלענעק האָט ווידער אַרײַנגעשטעקט דעם רויטן קאָפּ אין פענצטער, אונטערגעווונקען צו די ווײַבער, וואָס האָבן געגעסן דעם גאַסט מיט די אויגן.

— ווײַבער, וואָס קוקט איר אַזוי? דער גאַסט, פאַרשטיי איך, וועט זיך דאָ האַלטן, וויפל אַ סאָראָקע אַפן דאַך. לויפט און ברענגט אַהער אײַערע קאַלע־מוידן. אַ כאָסן איז געקומען — אַזאַ יאָר אַף מיר!..

יאָסיע דער סטעלמאַך האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שמייכלענדיקן בליק, אָנגיסנדיק ווײַן אין די גלעזלעך:

— יאָשקע, ווידער ביסטו אַרײַנגעפאָרן מיט דײַן געמבע? לאָז אויסטרינקען אַ גלעזל לעכאַיִם! גיי דערווײַל אָנפּאָיען דײַן שיינעם „אָדלער“. ווען איך ווייס, אַז דו וועסט פירן מײַן מאַקסן פון דער סטאַנציע, וואָלט איך דיר צעבראָכן אַלע רעדער. אַף דײַן שקאַפּע איז גוט פירן קימפּעטאָרנס אין שפּיטאָל.

— וואָס זשע, עס געפעלט דיר עפּשער ניט, יאָסיע, מײַן פערד? אָבער איך האָב דאָך געבראַכט דײַן בענאָק בעשאָלעם, דאַרפסטו מיר זאָגן אַ דאַנק...

— אָט דאָס זאָג איך דאָך! — האָט זיך צעלאַכט דער סטעלמאַך. — וואָס זשע שטייסטו דאָרט, אונטערן פענצטער, און האַקסט אַ טשײַניק? קום אַרײַן, זעץ זיך צו, וועסטו אויך נעמען לעכאַיִם. וואָס זשע, דײַן נעשאָמע איז דען פון קלאָטשע?

מאקס האָט זיך אײַנגעהערט, ווי דער טאטע טײַנעט זיך אויס מיטן באַלעגאָלע, און אים איז פֿרײלעכער געוואָרן אויפֿן האַרצן.

יאָ, אוואדע האָט זיך דאָ פאר די יאָרן גאָרניט געענדערט, אַלץ קימאט געבליבן, ווי געווען אין יענע צײַטן! אָט די נאַזוועס, שעמעוודיקע מיידלעך, די רוישיקע ווײַבער, די באַריידעוודיקע באַלעגאָלעס, די שכיינים, די נידעריקע סטעליע און די קליינע פענצטערלעך, וואָס קוקן אַרויס אויף אַלע פיר טיילן פון דער וועלט, — אַלץ איז אים געווען ליב און נאָענט ביז טרערן.

יאָ, ער האָט זיך געפֿילט גליקלעך, מאַקס, וואָס ער איז געקומען אין געסט צו זײַן פאַרשײַטער קינדהײַט. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ רירנדיקע און עטוואָס קאָמישע באַגעגעניש מיט דער קינדהײַט. אַ באַגעגעניש, וואָס וועט אין זײַן זיקאָרן פאַרבלײַבן אויפֿן גאַנצן לעבן.

דער וועג פירט קיין קאָלאָמייע

די עטלעכע טעג, וואָס מאַקס קרייסלער האָט פאַרבראַכט אין קאָוואַליוו־קע, זײַנען דורכגעגאַנגען, ווי אין אַ שיינעם כאָלעם.

יעדן טאָג איז ער געגאַנגען צו די בערג און געקלעטערט איבער זיי שאָענווײַז. ער האָט געהאַט פיל פאַרגעניגן אפילו פון זיצן באַם לויטערן וואַסער פונעם באַרג־שטראָם, וואָס האָט בייז און ווילד געשליפֿן די אַזוי אויך גוט אויסגעשליפענע שטיינער אויפֿן דעק און באַ די ברעגן...

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט זיך געזען מיט די עלטערן, מיט די שכיינים. זיך גוט אָנגעלאַכט, ווען עס זײַנען געקומען צו אים שאַדכאָנים און פאַרזיכטיק גענומען רעדן קאַלעס מיט נאַדן, פאַרגעלייגט פאַרבלײַבן אין קאָוואַליווקע. גיי דערצייל זיי, אָט די גוטע מענטשן, אַז ער קאָן שוין ניט לעבן אָן טעאַטער, אָן דער בינע.

ס׳איז אים נאָר שווער געווען צוזען די גרויסע און טיפֿע נויט, וואָס האָט געהערשט אין שטעטל, דעם דאַלעס, וואָס האָט געשפּאַרט פון אַלע לעכער, פון אַלע עקן.

נאָך מער קאַלעמוטנע איז אים געוואָרן אויף דער נעשאָמע, ווען עס האָבן זיך פֿלוצעם צעפּלאָכעט די בייזע ווינטן און עס האָבן גענומען גיסן די רעגנס, נאָר פון יענע, וואָס קאָנען גיסן אָן אַ סאָף און אָן אַן עק.

מע האָט זיך שוין געדאַרפט קלײַבן אין וועג אַרײַן. מער האָט ער זיך דאָ ניט געקאָנט פאַרהאַלטן. אויף אים האָט געוואַרט זיגפריד לײַנאַרד, דער טעאַ־טער, נײַע ראָלן, און אויסער דעם, האָט ער נאָך אויף צוריקוועגס געוואָלט באַזוכן אייניקע שטעט און שטעטלעך, איבער וועלכע ער האָט אַמאָל אַרומ־געבלאָנקעט מיט זגורסקי דעם דריטנס וואַנדער־טעאַטער.

עפשער וועט ער נאָך ערגעץ־ווו באַגעגענען די אָרעמע און פרײלעכע בראַנזשע אַקטיאָרשטשיקעס? עפשער וועט ער נאָך ערגעץ אָנטרעפן אויף דער וואַנדער־טרופּע, מעגלעך, אַז אים וועט אָפּגליקן זיך זען מיט שימשן־

האגיבער, מיט עסטערקען און אפילע מיט איר פאָטער? וואָס וואָלט ער איצט געזאָגט, אָסקאר שאפּיראָ?

עסטערקע... וויפל צאָרעס איז אים אויסגעקומען אויסשטיין צוליב איר! דאָך איז זי געווען זײַן ערשטע עכטע ליבע. זײַן ערשטע ליבע און ערשטע אנטוישונג. וויפל ער וועט לעבן, וועט ער ניט פארגעסן זייער ערשטע און לעצטע באגעגעניש אין יענער נאכט אין די קארפּאטן־בערג, אף יענעם לײַכטן בריקל איבער דעם צעבושעוועטן בארג־שטראָם, וואָס, אז דו קוקסט אף דעם פון דער וואסער אראָפּ, פארכאפּט אזש דער אָטעם.

און אָט איז שוין מאקס ווידער אף דער קליינינקער באַן־סטאנציע, וואָס איז גרויס ווי א גענעץ און ווו פאר די אלע יאָרן האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס די קליאָנען ארום סעדל זײַנען געוואָרן גרעבער און קודלאטער און דעם נאטשאלניקס פּאָנעם — פול מיט קנייטשן. דער זיקאָרן דעם אלטיטשקן נאטשאלניקס איז אויך געוואָרן שוואך, ער דערקענט ניט מאקסן, דעם „אומזיסטן" פּאסאזשיר, וועלכן ער האָט אמאָל געשלעפּט פאר א פּוס פונעם וואגאָן, ווײַל דער פארשײַטער באָכער האָט אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז אנטלאָפן פון דער היים, זיך ארופגעזעצט אפן צוג אָן א בילעט... ער שטייט, ווי א סטורקאטש, דער קליינינקער, דארינקער נאטשאלניק מיטן גרויסן רויטן הוט אפן קאָפּ, אוןווארט, דער צוג זאָל שוין גיכער צוקומען און אָפּגיין פונדאנען, ער זאָל קאָנען אוועקלויפן און אָנפּאָיען די בעהיימע און ארײַנטרײַבן דעם כאזער אין שטאל ארײַן, ער זאָל זיך ניט דרייען אף דער קאָליע... און אָט איז ער ארויסגעשוועמען פון דער גרויסער וועלט, דער צוג, געבראכט אהער טומל און גערויש, דערצו נאָך וואָלקנס רויך, און קלײַבט זיך שוין ווײַטער אין וועג.

מאקס האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די עלטערן, ארופגעשפּרונגען אפן טרעפּל פון וואגאָן. ער קוקט אפן ליבן געקאָרטשעטן פּאָנעם פון דער פארוויינטער מוטער, אף דעם טאטן, וואָס בעט די אלטיטשקע זײַנע ניט וויינען, ניט גיסן קיין טרערן — ניט מיט קאָוואליוקע ענדיקט זיך די וועלט! ער שרײַט עפּעס צו מאקסן, דער פארדײַגעטער טאטע, זאָגט עפּעס גאָר וויכטיקס אָן דעם זון אין וועג, נאָר דער צוג האָט שוין גערירט פון אָרט, דאָס ווינטל טראָגט אָפּ דעם פאָטערס ווערטער, דער גערויש פונעם צוג, דאָס קלאפּן פון די רעדער שלינגען זיי אײַן.

די היים האָט זיך ווידער פון אים דערווײַטערט, פארשווונדן ערגעץ הינ־טער די בערג, הינטער די געדיכטע פיכטע־וועלדער, די אָרעמע היים מיט די נידעריקע הײַזלעך. מאקס האָט איצט אפילע ניט פארשטאנען, ווי האָט ער עס געקאָנט אויסוואקסן אזא שטארקער, אזא געזונטער צווישן די נידעריקע ווענט פון זײַן שטיבל!

* * *

קאָלאָמייע האָט אים באגעגנט מיט א שטארקן רעגן און א פארנעפּלטן הימל, ווי אן אויסגעקאָסענעם פון בלײַ. עס האָט געבלאָזן אן עסעריקער ווינט. דאכט זיך, אז פונקט מיט אזא רעגן און ווינט האָט אים די שטאָט באגעגנט

אין יענעם ווײַטן פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל דערקליבן אהער.

איבערוואָרטן אַזאַ רעגן, האָט מאַקס געוווּסט, איז אומעגלעך. ניט אַזוי גיך הערן אויף גיסן די רעגנס אין קאָלאָמייע אין אַזאַ צײַט. און אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מאַנטל, אָנגערוקט אפּן שטערן דעם קאַפּעליוש, האָט ער זיך גלײַך פונעם וואָקזאַל געלאָזט גיין איבער די גאַסן און געסלעך. ער האָט פאַרקערעוועט צו יענעם געסל, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען פּאַני זשיכלינס־קאַס בעקערײַ. דאָס הארץ האָט געגומען שטאַרקער קלאַפּן. אָט וועט ער באַלד זיך באַגעגענען מיט סטאַסיקן, באַ וועלכן ער וועט זיכער זיך דערוויסן דעם גורל פון אילקאָ זאַגולן. נאָר קיין סימען פון קיין בעקערײַ איז דאָ שוין ניט געווען. די טיר פון קעלער איז געווען פאַרמויערט מיט ציגל, די שוועל פאַר־וואָקסן מיט ווילדגראָז. קיינער פון די שכיינים האָט ניט געקאָנט זאָגן, וווהין זײַנען אהינגעקומען די בעקער. עמעצער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט די קליפּע, פּאַני זשיכלינסקאַ, אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע.

ניט מיטאַמאָל האָט מאַקס געפונען יענע געבײַדע, ווו ס'איז אַמאָל פאָר־געקומען זײַן ערשטע באַגעגעניש מיט דער קונסט... איצט האָט פון דאָרטן זיך געטראָגן אַ גערוך פון געזײַערטע אוגערקעס און ציבעלעס, מע האָט דאָ, זעט אויס, געהאַלטן גרינס אף ווינטער...

יאָ, מאַקס האָט ניט געפונען דאָס, וואָס ס'האָט זיך אים געוואָלט געפינען. ער האָט שוין געוואָלט אומקערן זיך צו דער סטאַנציע און מיטן ערשטן צוג אוועקפאָרן. נאָר די פיס אַליין האָבן פאַרקערעוועט צו יענע קרומע געסלעך, צו יענעם נידעריקן הײַזל, ווו עסטערקע האָט געוווינט, צו יענע פענצטערלעך, אונטער וועלכע ער פלעגט שאָענווײַז וואַרטן, קעדיי אַ קוק טאָן אף איר כאָטש פונדערווײַטנס.

דער הימל איז נאָך אַלץ געווען באַלאַגערט מיט בלײַענע וואָלקנס. מאַקס איז געגאַנגען אונטערן בײַסיקן רעגן, טוליענדיק זיך נענטער צו די נאַסע ווענט פון די הײַזער.

מאַקס קרייסלער האָט, דאַכט זיך, ניט געפילט דעם רעגן, געווען איבער־פולט מיט ליכטיקע דערינערונגען. ער האָט געשפּאַנט, אײַנקוקנדיק זיך אין די זעלטענע פאַרבײַגייער, נאָר קיינעם ניט דערקענט. געוויס האָבן זיי זיך אַמאָל אַלע געקוויקט מיט זײַנע בולקעלעך און בייגל...

שווער איז עפּעס געוואָרן אפן האַרצן. „אָט אַזוי גייט פאַרבײַ דאָס לעבן און אַלץ ענדערט זיך...“ — האָט ער געקלערט. ניט געבליבן קיין סימען פון יענעם, וואָס איז געווען אַמאָל...

נאָר וואָס איז דאָס? צי האָט זיך אים עס אויסגעוויזן? פאַרבײַגייענדיק אַן אַלט איבערגעקרימט שטיבל, אַ נאַכלע, וואָס איז געווען ביז האַלב אײַנגעזונקען אין דער ערד, האָט ער פלוצעם דערהערט אַ באַקאַנטן ניגן. אַ ניגן, וואָס האָט זיך אים פאַרגעדענקט פון אַמאָל. און ער האָט אַ קלער געטאָן: „דאָס לעבן גייט שנעל פאַרבײַ, דער מענטש און דער אַרום עלטערן זיך, נאָר די ליד ווערט ניט אַלט...“ אָט די ליד האָבן אַמאָל געזונגען די אַקטיאָרן פונעם

וואנדער־טעאטער, ווו דער באַלעבאָס איז געווען זגורסקי דער דריטער. עס איז שוין לאַנג, זעט אויס, ניטאָ דער דאָזיקער טעאטער אויף דער וועלט, נאָר די ליד לעבט, זי איז אַף שטענדיק פאַרבליבן אין קאַלאָמייע, ווי אין אָנדענק פונעם וואנדער־טעאטער...

מאַקס איז צוגעגאַנגען צום טונקעלן און קויטיקן פענצטערל פונעם הײַזל, אײַנהערנדיק זיך אין דער ליד און אונטערזינגענדיק זי אַליין שטילערהייט. אין דער מינוט האָט ער פאַרגעסן אָן דער קעלט, אָנעם רעגן.

ווער זשע זינגט עס דאָרט, אין יענעם לעבעדיקן קייווער?

מאַקס האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און אַרײַנגעקוקט אינווייניק.

בא אַ נידעריק וואַרשטאַטל איז געזעסן אַן אײַנגעבויגענער אַלטיטשקער, וואָס האָט מיט אַ שוסטעריש העמערל געקלאַפּט איבער אַן אָפּצאַס פון אַ שוך. מאַקס האָט געזען נאָר דעם מענטשנס סטולעוואַטע פּלייצע, אַ שטיקל ברייל און עטוואָס דעם פּראָפיל, באַלויכטן פון אַ קאַנעץ, וואָס האָט אַלעמאָל באַוויזן אַ רויט פײַער־צינגל און גלײַך עס ערגעץ באַהאַלטן, ווי עס וואָלט זיך מיט עמעצן געשפּילט אין באַהעלטערלעך.

פאַרזיכטיק געעפנט דאָס טירל פונעם הײַזל, האָט מאַקס אַריבערגעטראָטן די שוועל, און עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז דער טשאַד פונעם צאַנקענדיקן קאַנעץ. פון הינטער די געפּלאַצטע גלעזלעך פון די ברילן האָט אים דער אַלטיטשקער באַם וואַרשטאַטל אַ מעסט געטאָן מיט אַ גלײַכגילטיקן בליק, ניט אַנדערש, ווי יענער איז געווען ניט צופרידן, לעמײַ האָט מען אים איבערגעשלאָגן אינמיטן דער אַרבעט. דאָך האָט ער אַ ווונק געטאָן אַפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען בא דער טיר, און אַ בורטשע געטאָן, דער גאַסט זאָל זיך מאַטריָען זײַן צוזעצן, אָט וועט ער, הייסט עס, זיך ספּראַווען מיטן שקראַב, וואָס ער האַלט אין האַנט, וועט ער זיך גלײַך נעמען צו זײַנע שיך... און, ניט לייגנדיק קיין אכט מער אַף דעם אַרײַנגעקומענעם, ווידער גענומען אונטערברומען אונטער דער נאָז זײַן לידל.

ווען דער מענטש האָט עטוואָס אופגעהויבן דעם קאָפּ, האָט מאַקס זיך געקוקט בעסער צוקוקן צו אים. דאָס פײַער־צינגל האָט באַלויכטן זײַן הויכן געקנייטשטן שטערן, דאָס אָפּגעצערטע בלאַסע פּאָנעם. צווערשט האָט ער ניט געוואָלט גלייבן זײַנע אויגן, נאָר אַפן בענקעלע איז פאָרט געזעסן ניט עמעצער אַנדערש, ווי שימשון־האַגיבער! דער זעלבער שימשון־האַגיבער מיט די זעלבע גוטמוטיקע אויגן, מיט דער צוגעפּלעטשטער נאָז און מיטן געקאַרבטן פּאָנעם. יענער האָט, זעט אויס, דערפילט, אַז מע קוקט אַף אים דורכדרינגעוודיק, און ער האָט זיך עטוואָס אויסגעקערעוועט צום גאַסט, זיך אָנגערופן:

— האָט געדולד, יונגערמאַן, אָט וועל איך אַרײַנקלאַפּן נאָך אַ פּאָר טשוועקלעך, וועל איך זיך גלײַך נעמען פאַר אײַערע שקראַבעס... אַז אַף דער גאַס איז טרוקן, ווערטו אהער, אין מײַן נאַכלע, קיין מעשוגענעם הונט ניט פאַרטרײַבן, און אַז עס הייבט אָן גיסן אַ רעגן, דערמאָנט זיך יעדערער אין זײַנע שיך, און מע קומט צו לויפן צו שימשענען... און יעדער טרייבערט אים

די נעשאָמע. יעדער דאָרף גיך, נאשפּיק, יעדער אײַלט זיך. קיינער האָט ניט קיין פרײַע צײַט. אפּאָנעם, איר דאַרפט אויך פאַריכטן אײַערע שקראַבעס סראָטשנע, עס ברענט! בא אײַך זײַנען געוויס אויך זייער וויכטיקע איניאַנים, ווי בא אַלעמען?

זעט אויס, אַז באַם שוסטער איז איצט געווען גוט אָנגעזאָלעט אפן האַרצן, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַזאַ מין טאָן.

מאַקס האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן, ער זאָל זיך אים ניט וואַרפן אפן האַלדז, אַרומנעמען און צודריקן צו זיך. אָט די פינצטערע, נאַסע הײַזקע, די אָרעמקײַט, וואָס האָט דאָ אַרויסגעקוקט פון אַלע שפּאַרונעס, האָבן מאַקסן דערשיטערט. ער האָט געטראַכט: „איך טאָר זיך ניט לאָזן דערקענען. דאָס וועט זײַן שוידערלעך“.

דער אַלטער האָט דערווײַל ווידער גענומען אונטערברומען אונטער דער נאָז דעם באַקאַנטן ניגן, וואָס האָט, אייגנטלעך, אַהער פאַרפירט מאַקסן.

פּלוצעם האָט מאַקס דערהערט אַ שווערן הוסט, וואָס האָט זיך אַהער געטראָגן פון פינצטערן ווינקל, וווּ עס איז געהאַנגען אַ שטיקל פאָרהענגל. אָנשטרענגענדיק דעם בליק און אײַנקוקנדיק זיך אין יענער ריכטונג, האָט ער דערזען אף אַ בעטל זיצן אַ פרוי מיט שטאַרק צעפּאַטלטע האָר. מיט אירע גרויסע אויסגעשטאַרצטע אויגן האָט זי געקוקט אין איין פינטל, אונטער־שפּאַרנדיק דאָס אָנגעדראָלענע פּאָנעם אף דער האַנט.

דער אַלטער האָט אומצופרידן אַ שעפּטשע געטאָן:

— איך בעט אײַך, יונגערמאַן, קוקט ניט אף איר... וואָס זשע, איר האָט קיינמאָל ניט געזען קיין אומגליקלעכן מענטשן? זיצט רויִק אַ פּאָר מינוט, וועל איך זיך באַלד נעמען פאַר אײַערע שקראַבעס און זיי פאַריכטן. אײַ־אײַ־אײַ, מע וואָלט נאָר געדאַרפט עפּעס אונטערשטעלן. עס רינט אין שטוב אַרײַן, פאַרברענט און פאַרסאַרפּעט זאָל דאָס ווערן! זיצט רויִק... כ׳וועל אָט ענדיקן.

נאָר מאַקס האָט ניט געקאָנט זיצן רויִק. ער האָט פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ קוק אין יענעם פינצטערן ווינקל, וווּ עס האָבן מאָדנע געגלאַנצט אַ פּאָר שרעקלעכע גרויסע אויגן.

— ווידער דאָס זעלבע! — האָט זיך דער אַלטיטשקער אַ בייזער געטאָן. — נו, איך האָב דאָך אײַך, יונגערמאַן, געבעטן ניט קוקן אף איר. זי וועט זיך באַלד צעבושעווען, וועט אונדז ביידן אויסקומען אַנטלויפן פונדאַנען... וואָס זשע, איר ווילט, זי זאָל אף זיך צערײַסן דאָס לעצטע שטיקל קאָפּטל? איך באַווײַז ניט פאַרגייען איר דאָס אָנטאָן... אַז גאָט וויל שטראָפן אַ מענטשן, הערט איר, טוט ער ניט קיין סאַך מיטן מענטשן — ער נעמט בא אים אָפּ דעם סייכל! ווען איך דערצייל אײַך, יונגערמאַן, מיט וואָס פאַר אַ מענטש דער בוירע־אוילעם האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ שפּיצל, וואָלט איר זיך פאַרן קאָפּ געכאַפּט. אָבער איין זאַך בעט איך אײַך, קוקט ניט, זײַט מויכל, אין יענער זײַט, קוקט ניט אף איר! אָט דאָס איז נעבעך אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פון אַ באַרימטער שוישפּילערן... עפּשער האָט איר אַמאָל געהערט — דאָס איז אַמאָל געווען די ערשטע פּרימאַדאָנע בא זגורסקי דעם דריטן, זאָל ער דאָרט האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, ווו ער איז ערגעץ! עס זײַנען נאָך פאַראַן אַ

סאַך מענטשן, וועלכע געדענקען, ווי זי האָט געשפּילט טעאַטער.. נאָר אויב איר האָט זי ניט געזען אַף דער בינע, וואָס זשע זאָל איך מיט אײַך ריידן? מע האָט זי אַמאָל אַף די הענט געטראָגן. אַ ווערטעלע געווען אויסצורײדן — עסטערקע שאַפּיראָ!

מאַקס איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרשטיינטער. אַ קעלט איז דורכגעלאָפן איבערן גאַנצן לײַב. וואָס האָט ער געזאָגט, דער אַלטער? אָט די פרוי מיט די צעפּאַטלטע האָר, מיט די גרויסע, גלאַנצנדיקע אומבאַוועגלעכע אויגן איז עסטערקע?..

מאַקסן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער פליט ערגעץ אין אַ טהאָם, און ער האָט זיך מיטאַמאָל, ווי אַ דולער, אַ הייב געטאָן פונעם בענקל. דער אַלטער האָט אויסגעשפּיגן דאָס רעשטל פון ציגאַר, וואָס איז געהאַנגען בײַ אים אַף דער אונטערשטער ליפּ, און אַ זאָג געטאָן:

— וווּהין פליט איר? אָט נאָך עטלעכע מינוט, און איך פאַרענדיק דעם שקראַב... וווּהין וועט איר לויפן, אַז אין דרויסן גיסט אַ מאַבל און עס איז נאָך דערווײַל ניט אונטערגעשוווּמען גויעך מיט זײַן טײווע... באַלד וועל איך זיך נעמען צו אײַערע שקראַבעס, וועל איך פון זיי מאַכן אַ צימעסל. וואָס זשע, עס רינט אַרײַן, צי אונטערקלאַפּן די אָפּצאַסן?

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און פאַרגעזעצט, באַמערקנדיק, ווי יענער לאָזט זיך ווידער אַראָפּ אַפן בענקל, וואָס האַלט זיך אַף הינערשע פיסלעך.

— אָ, ווען דער מענטש ווייסט, ווו ער וועט פאַלן, וואָלט ער געוויס אונטערגעשפּריית אַ ביסל שטרוי... ווו שטייט עס געשריבן? בײַ וויליאַם שעקספּירן?.. ניין, גאָר ניט בײַ שעקספּירן, דאַכט זיך, בײַ מאַקסים גאָרקין... און עפּשער טאַקע בײַ שאָלעם־אַלייכעמען... אַז דער קאָפּ איז אַזוי פאַרקלאַפּט, אַז דו געדענקסט שוין ניט אַפילע, ווו האָסטו דאָס געלייענט... וואָס זשע, איר שטעלט זיך דען פאָר, וואָס פאַר אַ צאָרע איז אויסגעפאַלן אַף מײַן וויסטן גורל? און אָט דאָס, וואָס איך זיץ און קוועטש דאָס בענקעלע, מיינט איר, יונגערמאַן, געוויס, אַז איך בין צוליב דעם געבוירן געוואָרן? אַז דאָס איז מײַן שיקזאַל — שוסטערײַ? נאָר ווען ניט אָט דאָס קליינינקע בענקעלע מיטן העמערל, וואָלטן מיר מיט עסטערקען געהאַט אַ שיין פּאָנעם! מיר וואָלטן געשטאָרבן פון הונגער דרײַ מאָל אַ טאָג, כוץ וועטשערע. איצט איז מיר שוין עטוואָס גרינגער געוואָרן. איך דאַרף האָדעווען נאָר זיך און זי. כ'האָב דאָך געהאַט אַף מײַן קאָפּ נאָך איין קעסטקינד — איר טאַטן! איר פאַרשטייט, יונגערמאַן, געווען אַמאָל אַ באַרימטער שוישפּילער בײַ זגורסקי דעם דריטן אין וואַנדער־טעאַטער. אַ קלייניקייט אויסצורעדן — אָסקאַר שאַפּיראָ! דער מענטש האָט אַמאָל אַרײַנגעגאָסן אַזויפיל ווײַן, אַז ווען מע פּאָמפּעט אים אַרויס, וואָלט דאָ געוואָרן אַ נײַער מאַבל, ווי אין נויעכס צײַטן... ער איז אַף דער עלטער געוואָרן אינגאַנצן אויס מענטש, אַ קאַליקע. די הענט האָבן זיך גענומען טרייסלען. אַלע האָבן זיך פון אים אָפּגעטרייסלט. און איך האָב אים אַרײַנגענומען צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער אָט אַהער אין דעם פּאַלאַץ מײַנעם. אַ דאַנק גאָט, דער אָסקאַר האָט זיך ניט לאַנג געמוטשעט און פאַראַיאָרן אין דער צײַט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע. און דאָס

איז געווען דער סאָף פֿונעם בארימטן אקטיאָר, דעם טראגיקער. אויסגעהויכט די נעשאָמע אינמיטן גאס, און מיר האָבן אים קוים צונויפֿגענומען עטלעכע זלאָטעס אף טאכריכים... א שטאָט מיט מענטשן האָבן געשײַנט, ווען ער איז געווען אף דער בינע, מע האָט אים געפּאטשט „בראוואָ־ביס!“, די ווענט האָבן קוים אויסגעהאלטן. און ווען ער איז געשטאָרבן, זײַנען דרײַ מענטשן געגאנגען נאָך זײַן אָרן... זעט אויס, דער אייבערשטער האָט אים געשטראָפֿט פֿאר זײַן גוטער נעשאָמע. וועגן א געשטאָרבענעם טאָר מען קיין שלעכטס ניט רעדן אָדער אינגאנצן ניט דערמאָנען אים... נאָר דעם וואָלט מען געקאָנט שילטן אין טאטן ארײַן אפילע נאָכן טויט... אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז דאָס געזאָגט געוואָרן בא שילערן, און עפּשער בא ייִצכאָק־לייבוש פּערעצן, נייִן, דוכט מיר, בא מאָליערן... עפּשער בא געטען?.. אָט א פֿארשטאָפּטער קאָפּ! אלץ פֿארגעסן! מיט איין וואָרט, ערגעץ איז דאָס געוויס געזאָגט געוואָרן: וועגן טויטע אָדער מע רעדט גאָרניט, אָדער מע רעדט נאָר גוטס... אָבער ווי וועט זיך א דריי טאָן די צונג, דו זאָלסט וועגן דעם אָסקאר שאַפּיראָן א גוט וואָרט זאָגן?..

— שימשן־האגיבער... — האָט מאקס שטילערהייט ארויסגעשעפּטשעט, און יענער האָט דערשראָקן אופֿגעהויבן דעם קאָפּ.

— יונגערמאן, פֿונוואנען ווייסט איר, ווי מע רופֿט מיך? עפּשער האָט איר געזען אמאָל אונדזער טעאטער? אומעטום האָבן מיר זיך ארומגעשלעפּט, און אומעטום האָט מען אונדז געקאָנט זען. מיר האָבן זיך אמאָל ארומגעשלעפּט איבער שטעט און שטעטלעך, ווי א ציגײַנערשער טאבאָר... עך, אמאָל זײַנען מיר אויך געווען מענטשן, איצט פֿאריכטן מיר יענעם די שקראבעס! אָ, הייסט עס, האָט איר אמאָל געזען שפּילן אונדזער טעאטער? וואָס? בלויז געהערט וועגן אים? א שאָד! איר וואָלט געווען געדארפֿט לויפֿן זען אונדזער טעאטער. האָט איר דען א מינדסטע פֿאָרשטעלונג, וואָס פֿאר א טרופּע דאָס איז געווען? עס זײַנען דאָרטן געווען, פֿארשטייט זיך, אויך א פּײַן ביסל קאַליקעס, נאָר דערפֿאר האָבן מיר געהאט עטלעכע שוישפּילער, מיט וועלכע אפילע דער גרויסער זיגפֿריד לײַנארד אין בערלין וואָלט זיך ניט געשעמט גיין צום טיש... ווער עס האָט געזען אונדזער עסטערקע שאַפּיראָ שפּילן שולאמיס, כאסיע די יעסוימע, דזשעסיקא, קאָרדעליִא... מע קאָן דען אפּן קאָפּ גערענקען, וויפֿל ראָלן זי האָט אָפּגעשפּילט? זי האָט מאמעש אראָפּגעפֿירט דעם אוילעם פֿון זינען. עס האָט זי אמאָל געזען שפּילן דער גאָען, זיגפֿריד לײַנארד, וואָס איז דורכגעפֿאָרן לעמבערג, האָט ער זי גלײַך געוואָלט מיטנעמען מיט זיך אין זײַן טעאטער, קיין בערלין. יענער האָט גוט געוווסט, וועמען ער נעמט! דאָס איז געווען ניט זגורסקי דער דריטער, כאָטש דער האָט אויך פֿארשטאנען, וואָס הייסט טעאטער־שפּיל... איך קאָן אײַך בעפּײרעש זאָגן, אז איצט וועט איר ניט געפֿינען אזעלכע פּרימאדאָנעס, ווי עסטערקע שאַפּיראָ... מעגלעך, ערגעץ אין פּאריזש, אין מאָסקווע אָדער אין פּיטערבאָרג זײַנען פֿאראן אזעלכע... דאָס איז געווען א שטיק גאָלד, א ברילִיאנט!..

דער אלטער האָט ניט אופֿגעהערט ארבעטן מיטן העמערל, זײַן פּאָנעם

האָט זיך צעשײַנט פון פאַרגעניגן, וואָס א ווילד־פרעמדער יונגערמאַן הערט אים אַזוי אויפמערקזאַם. און ער האָט נאָך מיט מער אימפעט פאָרגעזעצט:

— יאָ, וואָס איז דער מענטש? דער מענטש — דאָס איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס איז קיינמאָל ניט צופרידן מיט זײַן גורל! האָט ער א רעקל, אָן אָנצוג, קאַראַבעט עס אים, לעמײַ האָט ער ניט קיין מאַנטל, קיין צען רעקלעך. האָט ער א שטוב, קימערט אים, לעמײַ האָט ער ניט קיין פּאַלאַץ! פאַרמאָגט ער זײַנע טויזנט זלאָטעס, עסט ער זיך אויף לעבעדיקערהייט, לעמײַ איז בא אים ניטאָ קיין צוויי טויזנט... וואָס דאַרפט איר מער? אַז דער אייבערשטער האָט באַשאַפן אָדעמען, האָט ער דערזען, ווי עס איז דעם לעץ אומעטיק. האָט ער, דער אייבערשטער, אַף אים ראַכמאָנעס געהאַט און אים אַרײַנגעשיקט די וווּנדער־שיינע כאַווע, נאָר דערבײַ האָט ער געזאָגט בעזע האַלאָשן, מיט א מענטשלעך קאָל: „א מאַקע דיר אין דער לעבער, פּערעאָדעם, נעם די אישע און האָב האַנאָע פון דער וועלט, פונעם לעבן! אָבער איין באַקאָשע האָב איך צו דיר, זאָלסט לעמאַנהאַשעם ניט טשעפּען די פּיירעס פון מײַנע ביימער אין מײַן געטלעכן סאָד, דאָס הייסט טשעפּע ניט מײַנע עפּל, אַז ניט, וועסטו בא מיר האָבן א וויסטן סאָף!״ דאַכט זיך, לײַטיש, האַ? מענטשלעך? איז וואָס זשע טוט אָפּ דער אָדעם? ער מוז, עס גייט אים מאַמעש אין לעבן, אָפּרײַסן אַף עפּל און אַרויסרופן אַף זיך און אַף אַלע מענטשן גאָטס צאָרן... געווען בא אונדז אַמאָל אין וואַנדער־טעאַטער אַן אימפּרעסאַריאָ, האָט ער געהייסן זגורסקי דער דריטער... אָ, יענער האָט טויזנט מאָל אַריבערגעשטיגן אָדעמען, כאָטש דער אייבערשטער האָט אים ניט געטשעפּעט דערפאַר... אָ, דאָס איז געווען א כוואַט! דער האָט גוט פאַרשטאַנען גאָטס געבאָט און אפילע מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט קיין עפּל אין סאָד, נאָר דערפאַר אָבער האָט ער ניט דורכגעלאָזט קיין איין כאַווע! און אין וואָס פאַר א שטעטל מיר פלעגן ניט פאַרבלאָנדזשען מיט אונדזער טרופּע, האָט דער לעץ זיך אָפּגעזוכט גלײַך א שפּאָגל־נײַע כאַווע! דער רועך ווייסט זיי, די ווײַבער, וואָס האָבן זיי אַזוינס דערזען אין דעם ניוזיק, וואָס זיי האָבן זיך אים געוואָרפן אַפן האַלדז? און בעסאַכאַקל איז דאָס געווען א דאַר, שוואַך מענטשל, גרויס, ווי א הונט זיצנדיק. א באָסיאַק פון באָסיאַקן־לאַנד! די וועלט האָט אַזוינס ניט געזען. „גוואַלד, פּאַני זגורסקי, — פלעגן אַלע טײַנען צו אים, — דער אַלטער אָדעם האָט זיך אַמאָל באַנוגנט מיט איין כאַווען. און איר?״

נאָר זגורסקי דער דריטער פלעגט זיך אויסלאַכן דערפון און ענטפערן: „וואָס זשע בין איך שולדיק, אַז אין יענע ווײַטע צײַטן איז געווען איין כאַווע? כוץ דעם, איז ער געווען א בעהיימע בעצוראַס פערד, וואָס ער האָט זיך באַנוגנט מיט איינער... זאָלן אונדזערע סאָנים פאַרמאָגן ניט מער, ווי איין העמד און איין ווײַב!״

נאָר, גאָטעניו געטרײַער, וווהין, יונגערמאַן, זײַנען מיר מיט אײַך פאַרקראָכן? קיין ברעמבעליוקע! איר ווערט געוויס אָנהייבן טראַכטן, אַז שימשן־האַגיבער רעדט אַף טויטע לאָשנהאָרע! איך האָב דאָך אײַך געוואָלט דערציילן וועגן דעם גראַטענעם אָסקאַר שאַפּיראָן. ווי זאָגן עס דאָרט די כאַ־

כאָמים: דער הונט איז ווערט דעם שטעקן! דאָס איז ער אליין שולדיק אינעם אומגליק פון זײַן טאָכטער. דאָס האָט ער זי דערפירט צו אזא שטאנד. איך מוטשע זיך מיט איר שוין ניט דאָס ערשטע יאָר...

איר פארשטייט, יונגערמאן, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? כאָטש עסטערקע איז געווען בארימט און מע האָט זי אין טעאטער אף די הענט געטראָגן, איז זי דאָך געווען אומגליקלעך! זיך ארומגעשלעפּט פון קינדווײַז אָן מיטן וואנ־דער־טעאטער, ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן. אלע קרענק איבערגעטראָגן אף די פיס. קיין גוטן טאָג ניט געהאט. קאָלזמאן מע איז נאָך יונג, קוקט מען אף זיך ניט, און די צאָרעס קלײַבן זיך אָן. די קרענק פירן מיט דיר א כעזשבן, זיי לייגן אוועק זייער שטעמפל אפן הארצן, אף די לונגען, דעריקער אפן מויעך, און זיי שטעלן דיר אין א שיינעם טאָג ארויס א וועקסל און זאָגן: צאָל!

דאָס האָט איר איינס אוועק. נאָר דאָ איז פאראן נאָך א זאך. א הארץ! א הארץ, ברודער־לעבן, דאָס איז זייער אן איידעלער אינסטרומענט. און מע מוז זיך מיט אים גאנץ איידל באגיין. א סאך באָכערים האָבן עסטערקען ליב געהאט, ווי דאָס לעבן, מאמעש ציפּעניעט פאר אירע טריט! נאָר זי האָט גענומען און זיך פארליבט אין א פּראָסטן בעקער־יונג, וואָס האָט זיך אמאָל געדרייט לעבן מיר אף דער בינע. ניט כאָלילע געשפּילט אף דער בינע, נאָר צונויפגעקלאפּט די דעקאָראציעס, אונטערגעטראָגן וואָס מע האָט גע־דארפט. א גאָלדענער באָכער געווען!, עמעס, א ביסעלע א ווילדער. אזא יאָר אף אונדז ביידן, סארא יאט דאָס איז געווען. איך האָב שוין אפילע פארגעסן זײַן נאָמען... פארשטייט איר, צי איר פארשטייט ניט, עסטערקע האָט זיך אײַנגעליבט אין דעם בעקער־יונג! א בארימטע אקטריסע האָט זיך פארליבט איבער די אויערן ניט אין ראָטשילדס בענאָקל, ניט אין גראף פּאָטאָצקיס אור־אורייניקל, ניט אינעם ווילנער גאָען, אינעם לאָיעווער רעבן, אין נאכמען בראצלעווערס קאָרעוו, נאָר אין אן אָרעמען יונג! וואָלט איר שוין געמעגט א באלן זײַן א קוק טאָן, וואָס האָט אויסגעארבעט איר פאָטער, דער אָסקאר שאפּיראָ! הימל עפּן זיך! ער איז דער טאָכטער דערגאנגען די יאָר. ער האָט אזוי אויסגעדרייט, אז דער באָכער האָט געמוזט אנטלויפן פון טעאטער אינמיטן דער נאכט אָן א זײַ־געזונט. פרעגט שוין בעסער ניט, יונגערמאן, וואָס ס'הייסט. א יונג, שיין מיידל באקומט א וווּנד אין סאמע הארצן ארײַן, אין דעם איידעלן אינסטרומענט, הייסט עס. דאָס גאנצע בינטל צאָרעס, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן פארן גאנצן לעבן, האָט בא איר אופגעריסן, ווי א באָמבע... ניט אויסגעהאלטן דער מויעך... זיך גערירט פון זינען... און אזוי־אָ מוטשע איך זיך מיט איר... כײַ וואָלט אונדז בעסער דער אייבערשטער ביידן צוגעשיקט א גיכן און א גרינגן טויט, איידער אזוי אָפּקומען...

מאקס איז געזעסן א דערשיטערטער. וואָס זאָל ער טאָן? וואָס זאָל ער זאָגן? אָנרופן זײַן נאָמען? נאָר דאָס וואָלט געווען מוירעדיק, גרויזאם. ער האָט זיך גויווער געווען און פאָרזיכטיק געפרעגט:

— האָט איר זי געוויזן א דאָקטער?

שימשן־האגיבער האָט אף יענעם אופגעהויבן א בייזן בליק:

— וואָס זשע מיינט איר, יונגערמאַן, מע איז ניט קיין מענטשן, אויב מע זיצט אזוי איבערגעבויגן איבער פרעמדע שקראבעס טעג און נעכט? אויב מיר זײַנען אָרעם, ווי דער טויט, האָבן מיר ניט קיין געוויסן, קיין נעשאָמע? דאָס לעצטע העמד האָב איך פון זיך פארקויפט, געפּרווט זי ראטעווען. נאָר וואָס וועסטו מאכן, אז עס האָט בא איר אָפּגענומען דעם זיקאָרן, דאָס לאָשן? בא אלע דאָקטוירים פון שטאָט מיט איר געווען. נאָר וואָס זשע מיינט איר, די דאָקטוירים זײַנען קישעפמאכער? א מאך מיטן קישעף־שטעקעלע, און דער כוילע איז געזונט געוואָרן? פּוסטע כאלוימעס! קיין נײַ הארץ, קיין נײַעם מויעך וועט אײַך קיינער ניט ארײַנשטעלן... נאָר איך, יונגערמאַן, טראכט גאָר וועגן עפּעס אנדערש: אָט איז עס, דאָס היב־טישע לעבן, פונעם צושויער, מיין איך, פונעם שוישפּילער! אז ער איז געזונט און אף דער בינע, אפּלאָדירט מען אים, מע טראָגט אים אונטער שיינע בלומען, מע טראָגט אים אף די הענט. טרעפט מיט אים אן אומגליק, דארף מען אים אף שיינע קאַפּאָרעס! אלע האָבן פארגעסן אָן עסטערקען. עס איז נאָך א גליק, וואָס דער אומגליק האָט מיך אויסגעלערנט א ביסל קלאַפּן מיטן העמערל, ארבעטן שוסטערײַ. ווען ניט דאָס, וואָלט אונדזביידן אויסגעקומען נעמען טאָרבעס, א שארמאַנקע און גיין איבער די הײַזער...

שימשן־האגיבער איז אף א ווײַלע שטיל געבליבן, פארדרייט א ציגאַר, פארייכערט באם קאַנעצל און פאָרגעזעצט:

— יאָ, בא אונדז אין מעדינע האָט מען שטארק ליב די שוישפּילער, יענע, וואָס פארנעמען זיך מיט קונסט... דער אקטיאָר האָט בא אונדז א סאך רעכט! ער איז א פרײַער מענטש, ווי א פויגל. ער האָט אפילע רעכט זיך אויסציִען אינמיטן גאס און שטארבן, וועט אים קיינער ניט שטערן, כאָ־לילע! איך געדענק יענע צײַטן, ווען מע האָט אונדזער עסטערקע שאַפּיראָן פארשאָטן מיט די סאמע טײַערסטע בלומען. ווען מע נעמט צונויף דאָס געלט, וואָס מע האָט אמאָל געפּאטערט אף בלומען פאר איר, וואָלט מען פאר דעם געלט געקאָנט זי אוועקלייגן אין שענסטן שפּיטאָל און זי היילן. אָן געלט וואָס קאָנסטו מאכן? און וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן איך פארדי־נען מיט אָט די צען פינגער? וואסער אף קאשע, דערבײַ דארף איך די וואסער אליין ברענגען פון דער קרענעצע... איין גליק, זאָג איך אײַך, וואָס בא מענטשן רײַסן זיך נאָך די שיך און זיי מוזן, נעבעך, אָנקומען צו מיר...

שימשן־האגיבער האָט פאריכט דאָס קאַנעצל, וואָס האָט גענומען זיך אויסלעשן, א מאך געטאָן מיט דער האנט, ווי איינער זאָגט: „דאָס גאנצע לעבן איז ווערט א גראָשן!”, אָנגעהויבן קלאַפּן שטארקער מיטן העמערל, אונטערזינגענדיק זיך דאָס לידל.

— איך זע, אז איר לאכט פון מיר, יונגערמאַן. איר קערט געוויס מיי־נען, אז איך בין אויך מעשוגע. לעמײַ איך זינג? איך זינג דערפאר, וואָס מיר איז גוט אפן הארצן? איך וואָלט געדארפט וויינען. נאָר אז יענע דער־הערט, ווי איך זינג דאָס לידל, זיצט זי שטיל, בארויִקט זיך א ביסל. אָן אנדער ברײַרע האָב איך? איך זינג! אז אָך און וויי מײַן געזאנג! די ליד

האָט אמאָל געזונגען עסטערקע שאַפּיראָ. אָט דאָס איז געווען זמירע! איך באַמקע זיך אונטער. איך בין אויך אַזאַ אומגליקלעכער מענטש, ווי זי. צוויי מייסים גייען טאַנצן!

מאַקס איז געזעסן אַ דערשיטערטער. ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: מיט וואָס העלפֿט מען דעם מענטשן, דער קראַנקער? פּלוצעם איז אים געקומען דער סאַמע ערגסטער געדאַנק, וואָס מע האָט געקאָנט צוטראַכטן. ער האָט אָנגעטאַפּט אין קעשענע אַ פּעקל געלט, עס פֿאַרזיכטיק אַרויסגענומען און אַוועקגעלייגט אויפֿן ווערקסטאַק. דער אַלטער האָט דאָס באַמערקט און אופֿגעבראַכט געוואָרן:

— וואָס איז דאָס? אַ נעדאָווע? שנעלער נעמט צו אײַער געלט, איך זאָל דאָס ניט זען! איך בין דערווײַל נאָך ניט קיין בעטלער און דאַרף ניט אײַערע נעדאָוועס! עס איז גראַדע געקומען צו רייד, פֿאַרשטאַנען, אַז איר זײַנט אַ גוטער מענטש, האָב איך זיך פֿאַר אײַך אויסגערעדט אַ ביסל דאָס ביטערע האַרץ. איך בעט אײַך, נעמט גלײַך צו אײַער געלט! פֿאַרוואָס זאָלט איר מיך באַליידיקן? קאַלזמאַן מײַנע אויגן זעען נאָך און די הענט דינען, וועלן מיר מיט עסטערקען צו קיינעם ניט אָנקומען! עסטערקע זיצט בא מיר, כאָלילע, ניט הונגעריק, און צו אַ דאָקטער פֿיר איך זי אמאָל אויך. נעמט עס צו, מיר דאַרפֿן ניט קיין נעדאָוועס!..

— גאָט מײַן גאָט! — האָט מאַקס קרייסלער, ניט אופֿהייבנדיק דעם קאָפּ, זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן. — דאָס איז, כאָלילע, ניט קיין נעדאָווע! איך וויל אײַך פּאָשעט אַנטלײַען אַ ביסל געלט... אַ גמילעסכעסעד, איר זאָלט די קראַנקע קאָנען אַוועקלייגן אין שפּיטאָל... איר וועט מיר ווען־ניט־איז אומקערן, אויב איר וועט רײַכער ווערן...

— יאָ, יונגערמאַן, איר קערט פֿון מיר געוויס לאַכן? ווען, אַשטייגער, קאָן שימשן־האַגיבער אַזוי רײַך ווערן, ער זאָל קאָנען יענעם אומקערן אַזויפֿיל זלאָטעס? דאָס איז דאָך אַ גאַנצער מאַיאָנטעק! איך וועל קאָנען אומקערן אַזאַ כויוו, מיין איך, ניט פֿריִער, ווי אויף יענער־וועלט, אי דאָס, ווען גאָט וואָלט געהאַט אַ ביסל סאָוועסט און מיר אויסגעצאָלט פֿאַר אַלע צאָרעס און אומגליקן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן אויף דער זינדיקער ערד. דאָ, בא אונדז, אויף דער פּוילישער ערד, זײַנען די געשעפֿטן דערווײַל ניט אַזוי פֿויגלדיק, איך זאָל קאָנען פֿאַרדינען אויף אומצוקערן אַזאַ כויוו. גיכער וועל איך דאָ פֿאַרדינען אַ גוטע טשעכאָטקע... איך בעט אײַך, נעמט גיכער צו אײַער געלט און דערלאַנגט מיר אײַערע שיך, וועל איך זיי גלײַך פֿאַריכטן בעקאָוועד־גאָדל!..

— נישקאָשע, די שיך מײַנע וועלן צוּוואַרטן, — האָט צעשטרייט אַ זאָג געטאָן מאַקס, אופֿהייבנדיק זיך פֿונעם אָרט, — איך בעט אײַך, נעמט דאָס געלט, עס וועט אײַך געוויס צוניץ קומען, און איך וועל גיין אין שפּיטאָל זען, מע זאָל זי אַרײַנעמען אַהין, היילן...

— אָט דאָס, זעט איר, וואָלט געווען אַ גרויסע מיצווע! נאָר זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער זײַנט איר? איך פֿאַרשטיי, אַז איר האָט אמאָל געוויס געזען שפּילן עסטערקען אָדער געהערט וועגן איר?.. לאָזט זיך אויס, אַז

איך האב א ביסל א טאעס געהאט... ניט אזוי פארדארבן איז דער צושויער, ווי מיר האט זיך די גאנצע צייט געדאכט. אויב אזוי, איז טאקע ניט אזוי שרעקלעך די וועלט! ניט אומזיסט, הייסט עס, גיט אפ דער ארטיסט דאס גאנצע פייער פון זיין הארצן דעם צושויער, דער קונסט...

מאקס איז געשטאנען א בלאסער, אונטערשפארנדיק מיטן קאפ די גאסע סטעליע. ער האט אליין ניט באמערקט, וויאזוי ער האט געמאכט א טראט אין דער ריכטונג צום פארהענגל, ווו עס איז געזעסן אפן בעטל די קראנקע. זי האט אופגעהויבן אף אים א גלייכגילטיקן, קאלטן בליק און זיך גלייך אפגעקערט אן א זייט. מאקס האט געפילט, ווי דאס הארץ האט אופגעהערט קלאפן. אין איר בלאס פאנעם האט ער קוים דערקענט אייניקע שטריכן פון יענער עסטערקען, וואס ער האט געקענט. עפעס א שרעקלעכער קנויל האט זיך געקייקלט צום האלדז. עס האט זיך געוואלט וויינען, שרייען. איצטער האט זיך אים אויסגעוויזן, אז עסטערקע וועט פארבלייבן אין זיין זיקארן אזא, ווי ער האט זי ערשט געזען, און ניט אזא ווי דעמלט, אפן בריקל, אין די גרינע בערג פון די קארפאטן, איבער דעם שוימענדיקן בארג־שטראם...

נאך פרידעס טויט איז דאס געווען דער צווייטער קלאפ, וואס אים האט דערלאנגט זיין שווערער גורל.

מאקס האט ווידער דערהערט דאס קלאפעריי פונעם שוסטערשן העמערל און דעם באליבטן ניגן, וואס שימשן־האגיבער האט אונטערגעברומט אונטער דער נאז. „דאס לידעלע... דאס איז אלץ, וואס איז פארבליבן פון זגורסקי דעם דריטנס בארימטן וואנדער־טעאטער...“ — האט ווייטעקלעך א טראכט געטאן מאקס קרייסלער.

ער איז, ווי א דערשלאגענער, ארויסגעגאנגען פונעם הייזל און זיך אפגעשטעלט פון יענער זייט שוועל, זיך א ביסל איינגעהערט אינעם געזאנג און אינעם קלאפעריי פון שימשנס העמערל. מאקס וואלט נאך לאנג דא געשטאנען, ניט געקוקט אפן שטארקן רעגן, וואס האט געשמיסן אין פאנעם אריין, נאר קיין צייט איז ניט געבליבן. ער האט באשטימט לויפן זוכן א שפיטאל, בעטן די דאקטוירים, זיי זאלן אריינעמען אהין עסטערקען און זי ראטעווען. מעגלעך, אז שפעטער וועט זיך אים איינגעבן אריבערפירן זי קיין בערלין אין א קליניק, ער וועט זיך אן אייצע האלטן מיט עריך שטוטבאכן, מיט אנדערע זיינע פרייַנט דאקטוירים. ער וועט גארניט ניט זשאלעווען צוליב איר. ער וועט זיך פרווון אלץ טאן. ער מוז פארבייטן שימשענען אף זיין גרויסן מענטשלעכן פאסטן. דאס איז זיין הייליקער כויוו.

מאקס איז שנעל געגאנגען. דער רעגן האט אלץ געשמיסן אין פאנעם אריין, דער ווינט האט געריסן שטיקער פלייש, נאר ער האט דערוף ניט געלייגט קיין אכט, ער האט ניט געפילט די קעלט און די נעץ. ער האט געיילט, עפשער וועט ער מיט עפעס וואס קאנען העלפן יענער, וועלכע ער האט אמאל ליב געהאט מיטן גאנצן פייער פון זיין יוגנטלעכן הארץ; עפשער איז ער מיט עפעס וואס שולדיק אין איר גרויסן אומגליק, וועט ער שטעלן אין קאן זיין לעבן, אלץ, קעדיי אויסקויפן זיין זינד...

די שאַנדע פון דײַטשלאַנד

שוין אַוועק עטלעכע כאַדאָשים פון יענער צײַט, זינט מאַקס האָט זיך אומגעקערט קיין בערלין, נאָר בעשום־אויפן ניט געקענט דעראָבערן די פאַרלוירענע רו זײַנע.

די אומגעריכטע באַגעגעניש מיט שימשון־האַגיבער און עסטערקען האָט אים נאָך מער געפּלעפּט, און ער האָט זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט. די אַרבעט אין טעאַטער האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט, אַלץ האָט זיך באַ אים געוואַלגערט פון די הענט. אַ פּריצײַטיקער שנײ האָט באַשאָטן זײַנע האָר.

וואָס איז געשען מיט קרײַסלערן אין דער ווײַטער הײם פון זײַן קינדהײַט, האָט קיינער פון די קאָלעגן ניט געקאָנט פאַרשטיין. אינגאַנצן ניט דער, וואָס איז געווען.

אָפט האָט מאַקס געשריבן בריוולעך די דאָקטוירים אין דער ווײַטער קאָלאָמײע, דערנאָך אין קליניק קיין לעמבערג, ווו מע האָט זי שפּעטער איבערגעפירט, עסטערקען, זיך נאָכגעפרעגט, געשיקט געלט, מעדיקאַמענטן, אַנטאָן. ער האָט זיך געגרייט זי איבערפירן אין אַ גרויסער קליניק קיין בערלין, מעגלעך, דאָ וועט מען זי קאָנען ראַטעווען. העלפן דעם מיידל אין איר שרעקלעכן אומגליק איז געוואָרן די זאַך פון זײַן עקזיסטענץ, פון זײַן לעבן.

אָבער פונעם שפּיטאָל, ווו זי איז געווען, זײַנען אָנגעקומען אַלץ שווערערע ידיִעס. ניט געקוקט אָף אַלע מיטלען, וואָס מע האָט אָנגענומען, האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן, די קראַנק האָט פּראָגרעסירט מיט יעדן טאָג. ווען מאַקס האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש איבערפירן אונטער בערלין, אין אַ גרויסער קליניק די קראַנקע, ווען עריך שטוטבאַך האָט אויסגעטײלט צוויי מענטשן, וואָס וועלן פאָרן זי ברענגען, האָט מאַקס געקראָגן אַ שויי־דערלעכע ידיִע: עסטערקע האָט זיך פּלוצעם און אומדערוואַרט פאַר די אָרומיקע אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער פון פערטן שטאָק...

מאַקס קרײַסלער האָט שווער איבערגעלעבט דעם נײַעם שרעקלעכן קלאַפּ. דאָס האָט אָף אַ צײַט פאַרשטעלט פאַר אים אַלץ, וואָס קומט פאָר אין טעאַטער, אין שטאָט.

די לאַגע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אָנגעשטרענגטער, אומרויִקער. די נאַציסטישע כוליגאַנעס האָבן זיך שוין אופגעהערט באַהאַלטן און אַרויס אינגאַנצן פון זייער אונטערערד, געטאָן זייערע כוצפּעדיקע מײַסים אָפן.

אָף די גרויסע פּלעצער, אין ראַדיִאָ האָט מען אַלץ אָפטער אָנגעהויבן הערן די הייזעריקע גוואַלדן פונעם מענוווּל אַדאָלף היטלער, וואָס האָט זיך געריסן צו דער מאַכט. אין די בלעטער האָבן זיך אַלץ אָפטער באַוויזן די בילדער פון דעם נערוועזן פאַרשוין מיט דעם קורצן טשופּרינקעלע אָף אַ זײַט, מיט די דינע וואָנצעלעך אונטער דער ברייטער נאָז, די איבערגעקערטע אייגעלעך פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעכאַפּט פון אַ מעשוגאָיִם־הויז און טראָגט זיך אַרום אַ פאַרפינעטער, פּאַכט מיטן פויסט,

רופט צונויף די אונטערוועלט, מע זאָל פארגיסן בלוט, איַינאָרדענען פּאָגראָ־מען...

ערשט ניט לאַנג האָט מען אויסגעלאַכט דאָס פארשווינדל, איצט האָט ער זיך ארומגערינגלט מיט ווילדע מאכנעס, וואָס זײַנען גרייט געווען גיין פאר זייער „פיורער" אין פײַער און אין וואסער. אומעטום האָבן זיי אים שטורמיש באגעגנט מיט אויסגעשרייען „הײַל היטלער!", געראָוועט, ווי די ניט דער־שאָכטענע אָקסן.

מענטשן האָבן צעפּירט מיט די הענט, זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אזן ווען האָט דאָס מיִעסע נערוועזע מענטשעלע מיט די טונקעלע אייגעלעך, וואָס לויפן ארום, ווי דולע, געקאָנט מיט זײַנע גוואלדן און ווילדע פלענער אראָפּפירן פון גלײַכן וועג אזויפיל דײַטשן, דעריקער יוגנט, זיי זאָלן גיין נאָך אים, ווי די בלינדע שאָף?

זיגפריד לײַנארד האָט זיך שיר ניט גערירט פון די געדאנקען, זעענדיק, ווי זײַן טעאטער גויסעסט. אין אזא שרעקלעכער צײַט, ווען איבערן הימלאנד רוקט זיך אָן די שרעקלעכסטע קאטאסטראָפע, זיצן אין דער היים און ארויסקוקן אף א נעס איז ניט דערלאָזבאר, און ער האָט באפוילן אלע אקטיאָרן, וועלכע זײַנען אים טרײַ, איבערגעגעבן דעם טעאטער, דער קונסט דעם פאָלק, זאָלן זיך אומקערן אף דער בינע.

און א סאך האָבן זיך אומגעקערט. זיגפריד לײַנארד, וואָס האָט זיך פאר די שרעקלעכע וואָכן שטארק געעלטערט, איז געזעסן אין ענגן קרײַז פון זײַנע פרײַנט, געררייכערט אָן אופהער זײַן ציבעק און געזאָגט:

— מײַנע טײַערע קאָלעגן, איך בין דערשיטערט דערפון, וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען. דאָס ווילדע מעשוגאַס, וואָס האָט ארומגעכאפּט אונדזער לאַנד, ענדיקט זיך ניט. שרעקלעכע טעג לעבט איבער דײַטשלאנד. און מיר מוזן דערווײַזן, אז עס לעבט נאָך דער געוויסן, דער ערלעכער גײַסט, עס לעבן נאָך יענע, וועלכע וועלן בעסער גיין אפן עשאפאָט, איידער זיך אונ־טערוואַרפן דעם בארבאריזם, דעם ווילקיר. יענע גייען מיט ביקסן, און מיר זײַנען באוואָפנט מיט אונדזער קונסט. מער האָבן מיר גאָרניט. דאָס וואָרט — אָט וואָס עס איז אונדזער געווער! אין אזעלכע טעג, ווען עס ווערט געלייזט דער גורל פון דײַטשלאנד, טאָרן מיר ניט האלטן דעם טעאטער, די בינע אף א שלאָס. מאָרגן וועלן מיר עפענען די טירן פון אונדזער פעסטונג. מירן ווײַזן דעם עולם בילדער פון אונדזערע בעסטע פאָרשטעלונגען. מיר וועלן דורך די בילדער, מאָנאָלאָגן שטעמפּלען דאָס מיִעסקײַט, וואָס איז ארופגע־שווומען אפן אויבערפלאַך, מיר וועלן פארורטיילן פאלשקײַט, די פעלקער־פײַנטשאפט, דעם ווילדן אנטיסעמיטיזם... דערצו וועט אונדז ארויסהעלפן געטע און מאָליער, שעקספּיר און גאָרקי, היינע און איבסען...

און עס האָבן זיך ווידער צעפּראַלט די טירן פונעם לײַנארד־טעאטער.

מאָדנע און אומגעוויינלעך איז געווען אין אזא אָנגעשטרענגטער צײַט, נאָך אָן איבעררײַס און שווערע איבערלעבונגען, זיך זעצן פארן שפּיגל גרימירן, זיך פארפּוצן אין שיילאָקס בגאָדים. אומרויִק איז געווען בא מאקסן אפן הארצן. פונעם איבערגעפּולטן זאַל האָט זיך אהער, צו די קוליסן,

דערטראָגן דער גערויש פון די צושויער. ווער איז הײַנט געקומען — פרײַנט, סאָנים? וויאַזוי וועלן זיי אים באַגעגענען, מאַקסן, נאָך דעם, ווי די לעצטע טעג האָט מען אין די צײַטונגען און דורך ראַדיאָ געוואָרפן אַף אים שמוץ, רעכילעס? מע האָט אים און זײַן לערער געדראָעט, אַז מע וועט זיך גאָר אײַנגיכן מיט זיי צערעכענען.

ניט געקוקט אַף דעם, האָט מאַקס דאָך באַשטימט אַרויסטרעטן אַף דער בינע, אַלע סאָנים אַף צולאָכעס!

די נאַציסטישע מענוװאָלים ווילן אים פאַרמאַכן דאָס מויל, ער זאָל ניט קאָנען זאָגן דאָס, וואָס ער האָט זיי צו זאָגן? נו, וועט ער עס זאָגן אָפן פון דער בינע.

די צײַט איז געגאַנגען, און עס האָט זיך דערנעענטערט די מינוט, ווען מע וועט אופהייבן דעם פאָרהאַנג. מאַקסן איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שווער אַרויסטרעטן, ווי הײַנט. ער האָט דורך דער שפּאַרונע אַרויסגעקוקט אין זאַל און דערזען, ווי די ערשטע רייען האָבן פאַרנומען אָנגעפּרעסענע, אָנגעזויפטע, פרעכע נאַציסטן און געקוקט אַף דער בינע מיט ביטל און שפּאָט. נאָר דעריקער זײַנען דאָ געווען יענע צושויער, מיט וועלכע מאַקס האָט זיך אַ סאַך מאָל באַגעגנט, — גוטע, ערלעכע דײַטשן, וואָס האָבן אים שטענדיק באַגריסט, פאַרשאָטן מיט בלומען. מאַקס האָט באַמערקט, אַז ניט ווייניק פרויען און מאַנצבלען זײַנען געקומען אהער מיט בונטע בוקעטן בלומען און מיט אומגעדולד געוואַרט אָפּן אָנהייב.

מע דאַרף זיך שטאַרקן, אָנעמען זיך מיט פרישע קויכעס. ער וועט שפּילן פאַרן ערלעכן פאָלק, פאַר עכטע מענטשן און ניט פאַר די אָנגעבלאָ־זענע לײַט אין די ברוינע העמדלעך, וואָס שטעקן אַרויס די קעפּ דאָ און דאָרט.

דער פאָרהאַנג האָט זיך ענדלעך אופגעהויבן, און איינער נאָך דעם אַנדערן זײַנען אופגעטראָטן אַקטיאָרן. אין זאַל האָט געפּלאַצט די אָנשטרענ־גונג. די אַרויסטרעטונגען זײַנען דורכגעגאַן רויק, זאַכלעך. מע האָט אַפּלאָ־דירט די אַקטיאָרן, עמעס, די ערשטע רייען האָבן געשוויגן, זיך איבערגע־ווונקען, זיך געשושקעט, ווי מע וואָלט אַף עפּעס אויסערגעוויינלעכס געוואַרט.

און אָט איז געקומען מאַקס׳ ריי. גלײַך ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, איז ער מיט זײַן ענערגישן פעסטן טראָט אַרויסגעגאַנגען אַף דער בינע. דער זאַל, די גאַלעריע האָבן אים, ווי שטענדיק, באַגעגנט מיט שטורמישע אָוואַציעס, לאַנג ניט געלאָזט אָנהייבן, צו זײַנע פיס געוואָרפן בלומען. און ער האָט געפילט, ווי עפּעס הייבט אָן שטיקן דעם האַלדז. ער איז געווען געריהרט ביז טרערן פון דעם הייסן אופנאַם, שטאַרקער ווי ווען־ניט־איז פריִער... זײַן אָנגעשטרענגטער בליק האָט געמאָסטן דעם זאַל, די גאַליאָרקע. ער האָט באַמערקט, ווי אַ סאַך מענטשן זיצן אָנגעדראָלענע, באַרויגעזע, לעמײַ מע נעמט אים אוף אַזוי. ער האָט געפילט אַף זיך אַ סאַך פײַנטלעכע

בליקן, אזעלכע, וועלכע האָבן אים געשטאָכן, דורכגענומען אױף דורך און דורך, ווי די שפּיזן. ער האָט געזען קאַלטע, פּיסנע, פאַרשטיינערטע פּענע־מער, צורעס, וועלכע האָבן געפרעגט: „ער האָט נאָך די האָזע, דער פאַר־פלוכטער יודע, ארויסגיין אױף דער בינע? ער איז נאָך אין בערלין? וואָס זשע, ער ווייסט נאָך אַלץ ניט, ווו איז זײַן אָרט, אָט דער פאַרשטייער פון דער „נידעריקער ראַסע"?".

א קעלט איז אױף עטלעכע רעגעס דורכגעלאָפן איבער זײַן לײַב. ער האָט זיך אָבער גלײַך געגומען אין די הענט, זיך געשטאַרקט און, ווענדנדיק דעם אָנגעשטערנגטן בליק, וואָס איז געווען פול מיט האס צו די סאָנים זײַנע, אױף די פאַרשווינען מיט די ברוינע העמדלעך, האָט מאַקס קרייסלער אָנגעהויבן שטיל, נאָר מיט יעדער רעגע אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער:

„...ער האָט מיך געמאכט צו שאַנדע... געזידלט מײַן פאָלק... צעהיצט מײַנע סאָנים; און וואָס פאַר א סיבע האָט ער געהאַט דערצו? דאָס, וואָס איך בין א ייִד? האָט דען דער ייִד קיין אויגן ניט? האָט דען דער ייִד ניט קיין הענט, קיין כושים, קיין אייוורים, קיין געפילן, קיין סימפּאַטיעס, קיין לײַדנשאַפטן? צי ניט די זעלבע שפּײַז נערט אים, צי ניט דאָס זעלבע קליי־זײַען פאַרווונדעט אים? צי היילן אים ניט די זעלבע רעפּועס? צי דערוואַרע־מען אים ניט אָדער פרירן אים ניט די זעלבע זומערס און ווינטערס, וואָס דעם קריסט? און אז מע שטעכט אונדז — רינט דען בא אונדז ניט קיין בלוט? און אז מע קיצלט אונדז — לאַכן מיר ניט? און אז מע סאַמט אונדז אָפּ — שטאַרבן מיר דען ניט? און אז מע באַליידיקט אונדז — צי דען דאַרפן מיר ניט נעמען נעקאָמע? אויב מיר זײַנען מיט אַלץ ענלעך אױף אײַך, טאָ ווילן מיר זײַן אױף אײַך ענלעך אויך דערמיט..."

און ווען מאַקס קרייסלער האָט מיט ברענענדיקן האס און אופּרעגונג ארויסגעזאָגט די ווערטער, וואָס האָבן דערמאָנט אופּרײַסן פון באָמבעס: „...נעקאָמע! נעקאָמע! איר לערנט אונדז טאָן שרעקלעכע מיִעסקײַטן — וועל איך דאָס אויספילן! און איר מעגט מיר גלייבן, אז כ'וועל איבערשטײַגן מײַנע לערערן!" — האָט אין זאַל אויסגעבראָכן א שטורעם. הונדערטער מענטשן זײַנען אופגעשטאַנען פון די ערטער און אַפּלאָדירט דעם באַליבטן אַקטיאָר. און ער איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער ראַמפּע, זיך נידעריק פאַרנייגט פאַר זײַנע פאַרערער, שווער געאָטעמט, געדאַנקט פאַר די בלומען, פאַרן הארציקן אופנאַם, וועלכער איז אים איצט געווען ליבער, נייטיקער, ווי שטענדיק. אַזויפיל גוטע מענטשן האָט ער געזען פאַר זיך. הייסט עס, — האָט מאַקס אין דער מינוט געקלערט, — איז געווען גערעכט זיגפריד לײַ־נאַרד, און דער פּראָפעסאָר עריך שטוטבאַך, און דער אַלטיטשקער גערטנער עמיל שולץ, ווען זיי האָבן אים געראַטן ניט אײַלן מיטן פאַרלאָזן דײַטשלאַנד... יאָ, ער גלייבט שוין איצט אויך, אז די לאַגע וועט זיך ענדערן, ס'איז אומעגלעך, אז עס זאָל אױף לאַנג זיגן דער שמוציקער ראַסיזם...

מאַקס האָט זיך צום לעצטן מאָל פאַרנייגט פאַר די צושויער און זיך געקליבן אוועקגיין פון דער בינע, ווי אומגעריכט האָט זיך אין עק זאַל דערהערט א שרעקלעכער גערודער. פון פאַרשיידענע זײַטן האָט זיך צו

מאַקסן דערטראָגן אַ פרעך פײַפערײַ, מיִעסע אויסגעשרייען, אַ געלעכטער, אַ טופערײַ פון געקאָוועטע שיך. יאָ, דאָס זײַנען געווען יענע זעלבע זידלווערטער, וועלכע ער האָט ערשט ניט לאַנג געהערט אין טעלעפאָן־טרײַבל, געלייענט אין די עקלדיקע אַנאָנים־בריוולעך...

מאַקס איז געשטאַנען אַ דערשטוינטער, זיך אַרומגעקוקט, ניט געקענט באַנעמען, וואָס איז דאָ פלוצעם געשען. דאָ און דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן געשלעגן. די טירן האָבן זיך צעפראַלט, און אין זאַל האָבן זיך אַרײַנגעריסן צעבושעוועטע יונגען. מיט ווילדע געשרייען און זידלערײַען האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער בינע.

מאַקס איז געשטאַנען עטוואָס אָן אַ זײַט פון דער צעיושעטער מאַכנע כוליגאַנעס, וואָס האָט געפאָכט מיט די פויסטן, געלאַכט, געשמייכלט צופרידן, געשטעקט פײַגן, אַרויסגעשטעלט די צינגער, געשפאָט, געשפיגן. עמעצער איז צו אים אונטערגעלאָפן און אַראָפגעשלעפט פון קאָפ די יאַרמלקע, אין וועלכער ער האָט געשפילט שיילאָקן, און זי צעטאָפטשעט מיט די פיס, עמעצער האָט אָף אים צעריסן די לאַנגע שוואַרצע קאַפאָטע, צעדראַפעט אים דאָס פאָנעם.

צוויי דיקע, געזונטע שוצמאַנעס מיט האַקנקרייצן אָף די אַרבל האָבן זיך אַרופגעדראַפעט אָף דער בינע, צוגעשפרונגען צו מאַקסן און אים צוגעטשעפעט צום לאַץ אַ גרויסע געלע לאַטע און זיך צערעוועט:

— איצט וועלן אַלע זען, אַז דאָס איז אַ יוד!

— באַקום, פאַרפליוכטער יוד, דײַן באַלוינונג!

אַ הילכיקער געלעכטער האָט זיך אופגעהויבן, ווען די כוליגאַנעס האָבן דערזען דעם פאַרבלוטיקטן טראַגיקער מיט דער צעריסענער קאַפאָטע, מיטן צייכן אָפן לאַץ.

צווישן יענע, וואָס האָבן געשפאָט פון אים, זיך איזדיעקעוועט, האָט מאַקס געפונען קורט בערגלייטערן און זיך אָנגערופן:

— אָ, וועמען זע איך צווישן דער פריילעכער קאַפעלע! קורט בערגלייטער? ווונדערבאַר! בראַוואָ! איצט זע איך, אַז דו ביסט אַ רעזשיסער! און פריִער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דו ביסט פּאָשעט אַ שטיק טינעף! אָט דאָס איז דאָך דײַן בעסטע פאָרשטעלונג!.. זע, סאַראַ שיינע טרופע בײַ דיר! וואָס נאָך פעלט דיר? איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ אַקטיאָר! האָסטו דאָך געפינען דײַן ראָל... איך פאַרשטיי נאָר ניט, פאַרוואָס אַפּלאָדירט דיר ניט דאָס פובליקום?

— שווײַג, טײַוול! — האָט קורט אויסגעשריגן, — אין טפיסע אים פאַרשליסן! יודע, הינטער די גראַטעס!

זיגפריד לײַנאַרד, וועלכן די העצער האָבן פאַרהאַלטן אין זאַל און ניט אָפגעלאָזט, האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט און אַרוף אָף דער בינע, גענומען אָפשטויסן פון מאַקסן די ווילדע בריִעס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט דאָ צערעכענען מיט אים.

— שטעלט זיך אָפ, באַפויל איך אײַך! איר זײַנט בײַ מיר אין טעאַטער, און איך וועל ניט דערלאָזן! — האָט אויסגעשריגן זיגפריד. — מענטשן זײַנט

איר צי ווילדע כײַעס? ווו איז אײַער געוויסן? פון וועלכע הײלן האָט איר זיך ארויסגעריסן און געקומען אהער? טוט כאָטש א קוק אף זיך, נישטיקײַטן! ווער האָט אײַך דערלויבט ארײַנקומען צו מיר אין טעאטער, אין געצעלט פון קונסט?..

זיגפריד לײַנארד מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר, צעריסענעם אָנטאָן איז אין דער רעגע געווען שרעקלעך אין זײַן קאס און צאָרן. ער האָט א קוק געטאָן אף מאקס' צעבלוטיקט פּאָנעם, אָפּגעשטעלט דעם בליק אף דער געלער לאטע און זיך געכאפּט באם קאָפּ:

— א שאנדע! וואָס הייסט דאָס? ווער האָט עס אים צוגעטשעפּעט, פרעג איך? איר מיינט, אז מיט דעם מיטלאלטערלעכן צייכן האָט איר פארשטעמפּלט מאקסן? ניין, איר האָט זיך געשטעלט צו שפּאָט, זיך און מײַן פאָטערלאנד! איר רופט ארויס דערמיט בלויז האס און שאנדע פון דער ציוויליזירטער וועלט! דאָס איז די שאנדע פון דײַטשלאנד!..

— איר הערט? א פארעטער! — האָט איבערגעשלאָגן קורט בערגלייטער. — עפּשער זאָלן מיר דיר אויך צוטשעפּען דעם צייכן? עפּשער פליסט אין דײַנע אָדערן אויך ייִדיש בלוט, זאָג דעם עמעס!

זיגפריד לײַנארד איז דערציטערט געוואָרן, געמאכט א טראָט צו בערגלייטערן און אויסגעשריגן:

— הינטישע צורע! איך האָב ניט געוווסט, אז איך כאָווע אזויפיל יאָר א שלאנג! בא דיר פליסט ניט קיין ייִדיש, ניט קיין דײַטשיש בלוט אין די אָדערן, נאָר גיפט, מיִעסקײַט! אויב דו פרעגסט מיך, צי זאָלסטו מיר צוטשעפּען אזא געלע לאטע, זאָג איך — יאָ! טשעפּעט זי מיר צו, די שאנדע פון דײַטשלאנד! איך בין אן עכטער דײַטש, ניט אזא, ווי איר! איך האָב ליב ווי דאָס לעבן מײַן פאָטערלאנד, נאָר הײַנט האָט איר מיך געצווונגען זיך שעמען דערמיט, וואָס איך בין א דײַטש.

— איר הערט, וואָס ער רעדט? דאָס איז ניט קיין רייגער אריער!

— ער מוז אויך זײַן א יודע! עפּשער פליסט אין אים אויך ייִדיש בלוט? מע מוז דאָס גלײַך פעסטשטעלן!

— הערט נאָר, וואָס זיגפריד, דער נידערטרעכטיקער פארעטער, זאָגט!

— וואָס שטייט איר, זין פון אדאָלף היטלערן?

— רײַסט ארויס בא זיגפרידן די צונג!

זיגפריד לײַנארד האָט זיך האסטיק אויסגעקערט צו יענע, וואָס האָבן געשריגן מיט פינע אף די ליפּן, און איבערגעשריגן דעם טומל:

— געוויס, רײַסט בא מיר ארויס די צונג, שטעכט מיר אויס די אויגן, איך זאָל ניט זען דאָס אלץ מיט מײַנע אלטע אויגן! איר קאָנט טאָן מיט מיר אלץ, וואָס אײַער כײַישער אינסטינקט וועט אײַך אונטערזאָגן, נאָר איר וועט ניט צעטרעטן מײַן גלויבן אין יושער, מענטשלעכקײַט. איך פארשעלט מײַן גורל, וואָס איך האָב דערלעבט דאָס אלץ זען! וואָס זשע שטייט איר, ריטער פון גערעכטיקײַט, „ריינע אריער"? טשעפּעט גיכער מיר צו אָט דאָס־אָ, די שאנדע פון דײַטשלאנד!..

מע האָט זיך ארופגעוואָרפן אף אים, צעשלאָגן, צעבלוטיקט דאָס פּאָנעם,

צעריסן אף אים דאָס אָנטאָן און צוגעשפּיליעט צום רעקל א געלע לאַטע, ווי מע האָט פריִער צוגעטשעפּעט מאַקס קרייסלערן.

די צעבושעוועטע כאַפּטע נאַציסטישע כוליגאַנעס האָט ארויסגעטריבן מאַקס קרייסלערן און זיגפריד ליִינאַרדן פון טעאַטער און מיט ווילדע געשרייען און שוידערלעכן געלעכטער זיי אָנגעהויבן טרייַבן איבער די בערלינער גאַסן.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיך ארויסגעריסן פון די ראַצכישע הענט ביידע בארימטע שוישפּילער. מע איז געגאַנגען און זיך געשעמט קוקן אין די אויגן.

עמיל שולץ איז אריינגעלאָפן אינעם וועש אין שטוב. דערזען דעם באַלעבאָס און זיַין יונגן פריַינט, איז ער דערשטוינט געבליבן שטיין:

— ווי האָבן זיי געוואַגט? אַזאַ שוידער!.. וווּ איז זייער געוויסן? עס איז דאָך ענדע וועלט!..

עמיל האָט א רעגע באַטראַכט די צעריסענע בגאָדים, אָפּגעשטעלט דעם בליק אף די געלע לאַטעס און אויסגעשריגן:

— מיַין גאָט, וואָס הייסט דאָס? — ער האָט זיך געלאָזט נעענטער, געוואָלט אראָפּריַיסן די צייכנס, נאָר זיגפריד ליַינאַרד האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך:

— מע דאַרף ניט! מאָרגן וועלן מיר רופן די קאָרעספּאָנדענטן, זאָלן זיי דאָס פאָטאָגראַפירן, באַשרייַבן אין די צייַטונגען פון דער גאַנצער וועלט. זאָלן אַלע זען, וואָס עס קומט פאָר אין דייַטשלאַנד!

זיגפריד איז ארומגעגאַנגען איבערן צימער מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און פּלוצעם איז דאָס פּאָנעם געוואָרן בלאַס, עס האָט זיך שטאַרק פאַרקרימט. ער האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל, ווי עס וואָלט אים קיין לופט ניט געסטייַעט. ער האָט זיך א וואַקל געטאָן און זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין טיש.

מאַקס האָט אף אים א קוק געטאָן און זיך דערשראָקן. צוגעלאָפן:

— וואָס איז מיט אייַך?

זיגפרידס פּאָנעם האָט זיך נאָך שטאַרקער איבערגעקרימט, און ער האָט מיט די ליפּן געשעפּטשעט:

— מיר איז שלעכט... וואַסער...

מאַקס האָט פאַרזיכטיק גענומען זיגפרידן אונטער דער האַנט, באַלייגט אפן ווייכן דיוואַן, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד, זיך געלאָזט צו דעם שאַפּקעלע נעמען רעפּועס און א וואָרף געטאָן עמיל שולצן, וואָס איז געשטאַנען א טויט־דערשראָקענער לעבן דער טיר:

— שנעלער, מע מוז ברענגען אהער עריך שטוטבאַכן... שנעלער!

* * *

עריך שטוטבאך איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון צווי דאָקטוירים פון זײַן קליניק. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַנטלען, זײַנען זיי פּאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צום דיוואַן, אויף וועלכן עס איז געלעגן א טויט־בלאַסער זיגפריד לײַנארד.

זיי האָבן אים באַטראַכט אויפמערקזאַם, אויסגעהערט דאָס האַרץ און גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים איז געשען.

עריך שטוטבאך האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זײַנע קאָלעגן און צוגע־גאַנגען צו מאַקסן, הילפלאָז צעפּירט מיט די הענט:

— שלעכט, מאַקס, זייער שלעכט מיט אונדזער זיגפרידן... דאָס האַרץ האָט אונטערגעפירט...

— וואָס רעדט איר, עס קאָן ניט זײַן! — האָט מאַקס איבערגעריסן.

עריך שטוטבאך האָט אײַנגעגעבן זיגפרידן א רעפּוע און זיך געווענדט צו זײַן יונגן פרײַנט:

— אין א מעשוגאָים־הויז, ווו מיר אַלע לעבן איצט, איז אַלץ מעגלעך.

* * *

וויפל צײַט איז אוועק זינט יענער שוידערלעכער נאַכט, איז מאַקסן שווער געווען זיך דערמאָנען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז א גאַנצע אייביקײַט! די אומגעלומפּערט־ווילדע געשעענישן אין בערלין און אין לאַנד האָבן זיך אָנ־געררוקט מיט א מעשוגענער שנעלקײַט, אַז ער האָט אופגעהערט פילן דעם לויף פון די טעג.

זיגפריד לײַנארד איז געווען געפערלעך קראַנק, און דאָס איינציקע, וואָס מאַקס האָט געוואָלט — וואָס גיכער אופהייבן דעם לערער זײַנעם און פרײַנט פון בעט, אים שטעלן ווי־ניט־איז אויף די פיס, מע זאָל קאָנען פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

זיגפריד לײַנארדס ווילע איז געשטאַנען אין צענטער פון שטאָט, נאָר קיינער פון די באַקאַנטע האָט אהער נאָענט ניט געוואַגט צוקומען. א טויט־שרעק, א מוירעדיקער פּאַכעד האָט אַלעמען געפּענטעט.

אין איינער א נאַכט האָט זיך אהער אַרײַנגעריסן א גאַנצע מאַכנע באַ־וואָפנטע שטורמאָוויקעס, אײַנגעאָרדנט א שרעקלעכן פּאָגראָם אין שטוב, צע־קלאַפּט מיט די קאָלבעס פון די ביקסן דאָס מעבל, דאָס געפעס, צעשלײַדערט די ביכער, די בילדער, דאָס אָנטאָן, געזוכט, גענישטערט, געראַבעוועט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

זיי האָבן אַראָפּגעריסן פון זיגפרידן די קאָלדרע, געשלעפּט אים פונעם געלעגער:

— שטיי אויף, שווײַן, קום מיט אונדז! טו זיך אָן!

עריך שטוטבאך איז דערציטערט געוואָרן, דערזעענדיק דאָס. ער איז צוגעלאָפן:

— וואָס טוט איר, הענקער! דער מענטש איז טויט־קראַנק! ווער האָט אײַך דערלויבט אַרײַנקומען צו אַ קראַנקן?

מע האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַף שטוטבאַכן, נאָר ער האָט זיך אויסגעריסן פון זייערע הענט, צעשפּיליעט דעם ווײַסן כאַלאַט, באַוויזן זײַנע קרייצן. נאָר אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. מע האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם קראַנקן פון בעט.

מאַקס איז צוגעלאָפן, פאַרשטעלט מיט זײַן ברוסט דעם קראַנקן לערער:

— מענטשן זײַנט איר? ווי דערלויבט איר זיך אַזוינס, מערדער!

— זעט נאָר, דער יודע איז נאָך אַף דער פרײַ? — האָט זיך צעשריגן דער עלטסטער פון דער מאַכנע. — אַנו נעמט אים! און דעם פאַרעטער לאָזט איבער! — האָט יענער אַ ווײַז געטאָן אַף זיגפרידן. — ער וועט אַליין שטאַרבן אָן אונדזער הילף...

מע האָט געכאַפּט מאַקסן, אָנגעטאָן שטאָלענע בראַסלעטן אַף די הענט, אַ שלײַדער געטאָן צו דער טיר.

— שטעלט זיך אָפּ, מערדער! — האָט מיט די לעצטע קויכעס אַרויסגעבראַכט זיגפריד לײַנאַרד און זיך אײַנגעקאָרטשעט פון ווייטיק. — טשעפּעט ניט דעם מענטשן... טשעפּעט ניט קרייסלערן...

— שווײַג, פאַרעטער! אַף אײַך ביידע וואַרט די טליע! דײַן גליק, זיגפריד, וואָס דו פייגערסט שוין אַוועק...

עריך שטוטבאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן קראַנקן, אים פּאַרזיכטיק אונטערגעהויבן, צוריק באַלייגט אַפן דיוואַן. און דאָרטן, אין פּאָדערצימער, האָט עמיל שולץ זיך געראַנגלט מיט די שוצמאַנעס, געפּרוווט אַרויסרײַסן פון זייערע הענט מאַקסן, נאָר אומזיסט. אַ צעשלאָגענעם און צעבלוטיקטן האָט מען דעם אַלטן גערטנער אָפּגעשלײַדערט און אַוועקגעשלעפּט מאַקסן צו דעם טורמע־פורגאָן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען די שטורמאָוויקעס אַוועקגעגאַן, און אין הויז איז געוואָרן שטיל. זיגפריד לײַנאַרד האָט זיך באַגעגנט מיט עריך שטוטבאַכס בליק, שווער געאָטעמט, ווי אַ פיש אַף דער יאַבאָשע. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אַף די צעוואָרפענע ביכער, דעם צעהאַרגעטן מעבל, די אויסגעזעצטע שויבן, און טרערן האָבן געגומען פליסן איבער זײַנע פאַרוואַקסענע, אײַנגעפאַלענע באַקן.

— מערדער... אינקוויזיטאָרן... — האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט.

עריך שטוטבאַך איז צוגעגאַנגען, זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן קליינעם בענקעלע לעבן קראַנקן, געוואָלט אים אײַנגעבן אַ רעפּוע, דערלאַנגען דאָס קישעלע מיטן זויערשטאָף, נאָר זיגפריד לײַנאַרד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ניין, ער דאַרף גאָרניט. זאָל מען אים לאָזן רויק אַף זײַן בעט שטאַרבן.

ער האָט מיטן ווונק צוגערופן עמיל שולצן און מיט דער אָפּגעשוואַכטער שטים געשעפּטשעט צו אים און צו עריך שטוטבאַכן:

— מײַן שאָ האָט געשלאָגן... אַ דאַנק פאַר אײַער גוט האַרץ... מײַן צוואָע: אום יעדן פּרײַז רײַסט אַרויס פון די ראָצכישע הענט מאַקסן... זײַן שטים מוז די וועלט דערהערן... ראַטעוועט קרייסלערן... מײַן צוואָע... ער איז...

זיגפריד לײַנארד איז שטיל געבליבן ליגן. מוירעדיקע שמערצן האָבן אינגאנצן איבערגעקרימט זײַן פּנים. ער האָט צוגעמאכט די אויגן און זיי שוין מער ניט געקאָנט עפענען...

די הייליקע צוואָע

אין די שווערסטע שאָען פון זײַן לעבן, ווען מע האָט מאַקס קרייסלערן אַזוי אַכזאָריעסדיק און פּרעך אָפּגעריסן פון זײַן טויט־קראַנקן לערער און אַרײַנגעשלײַדערט אהער, אין וויסטן געגנעם, הינטער די שטעכלדיקע דראָטן, אָנגעטאָן אף אים אַ רעקל מיט שווארצע פּאַסן און פון דעם זעלבן קאָליר אַ צעקנייטשטן קאַלפּאַק, אויסגעבריענט אף דער האַנט אַ נומער און פּונקט אַזאַ נומער אויסגעמאָלט אף דער פּלייצע פון רעקל, איז ער דאָך ניט געפאַלן בא זיך, געפילט, אַז מענטשן פון יענער זײַט לאַגער זאָרגן וועגן אים און וועלן אים ניט פאַרגעסן.

בלויז אין די ערשטע טעג, ווען מע האָט אים אַרײַנגעשטויסן אין באַראַק, איז מאַקסן באַפאַלן אַ מוירעדיקער גלײַכגילט צום לעבן. ער האָט שוין בא זיך באַשטימט, אַז דאָ איז געקומען זײַן סאָף, אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער כעזשבן מיט דער וועלט, און אָפּט געטראַכט, צי וואָלט ניט געווען פאַר אים בעסער נאָכפאָלגן דעם בײַשפּיל פון הונדערטער אַרעסטאַנטן, וועמען עס איז דאָ נימעס געוואָרן דאָס לעבן און זיי האָבן זיך געוואָרפן אף די שטעכ־דראָטן, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט עלעקטרישן שטראָם און מע קאָן דאָ אין איין אויגנבליק אַ סאָף מאַכן צו אַלע לײדן?.. נאָר שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַרעסטאַנטן אַנטיפאַשיסטן, וועלכע האָבן אויך דאָ, אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, ניט אופגעהערט קעמפן, האָט ער אָפּ־געוואָרפן פון זיך די אומגעלומפּערטע מאַכשאָוועס און באַשטימט לעבן, קעמפן, זיך ראַנגלען מיטן טויט, קאַלזמאַן ער, מאַקס, איז נאָך בעקויעך לעבן.

מאָדנע, ווי דער מענטש געוויינט זיך צו צו אַלע צאָרעס!

מאַקס קרייסלערן האָבן די ראָצכים אָפּגעגעבן באַזונדערן קאָוועד. מע האָט אים געטריבן אין די ווײַטע שטיינהאַקערײַען צוזאַמען מיט אַ גרויסער מאַכנע אַרעסטאַנטן.

די שטיינהאַקערײַ, וואָס האָט זיך געפונען אַ צענדליק קילאָמעטער פון לאַגער, איז אויך געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכדראָטן.

אויסגעמאַטערטע, בלאַסע, בלוטלאָזע געפאַנגענע האָבן דאָ געהאַקט שטיי־נער. מע האָט מיט די שווערע האַמערס געדליבעט די גרויע גראַניט־פעלדזן, צונויפגעלייגט אין גלײַכע שטאַבעלן. אהער זײַנען צוגעפאָרן גרויסע לאַסט־מאַשינעס און אָפּגעפירט די שטיינער אף די בויונגען.

מאַקס קרייסלער האָט געהאַקט די שטיינער, און געטראַכט האָט ער וועגן זיגפרידן. צי איז ער שוין געזונט, זײַן באַרימטער לערער? וואָס איז מיט אים? צי איזדיעקעווען זיך ניט איבער אים די קוילערס, אַזוי ווי זיי איזדיעקע־ווען זיך איבער אים, מאַקסן? צי האָבן זיי אים געלאָזט צורו נאָך יענער

שרעקלעכער נאכט? און וואָס איז מיט שטוטבאכן, מיט עמיל שולצן? ווער שפּילט איצט אין טעאַטער פון דעם באַרימטן זיגפריד לײַנאַרדן? צי קאָן עמעצער איצט טראַכטן וועגן דער בינע, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרומגע־רינגלט מיט שטעכדראָטן?

דאָ, אין שטיינהאַקערײַ, זײַנען שנעל געוואַקסן די שטאַבעלן שטיינער. עס איז שוין, דאַכט זיך, ניט געווען ווו דורכגיין. די וועכטער האָבן אַלץ אונ־טערגעטריבן די אַרעסטאַנטן, זיי זאָלן אַרבעטן שנעלער.

דערווײַל האָבן אָנגעהויבן גיסן די מוירעדיקע רעגנס. די וועכטער האָבן זיך אויסגעבויט נעסטן, בײַדלעך, קעדיי זיך באַהאַלטן פון דער קעלט, פונעם רעגן.

אין איינעם אַ קאַלטן האַרבסטיקן סאָף טאָג, ווען מאַקס האָט זיך שיר ניט אונטערגעריסן, אַרויסטראָגנדיק פון גרוב אַ גרויסן שטיין, האָט ער דערהערט, ווי עמעצער האָט אים אָנגערופן באַם נאָמען. ניט דעם נומער, ווי דאָ איז אײַנגעפירט לויט דער „נײַער אָרדענונג", נאָר טאַקע באַם עמעסן נאָמען — מאַקס קרייסלער. ער האָט צום ערשטן געמיינט, אַז דאָס ווײַזט זיך אים אויס. ער האָט שוין פאַרגעסן, ווען מע האָט אים גערופן באַם נאָמען. נאָר ווידער האָט ער דערהערט אַ שטילן רוף:

— קאַמראַד קרייסלער, אַ גרוס אײַך פון עריך שטוטבאַכן און עמיל שולצן... נעמט דאָס צעטעלע... האָט ניט מוירע פאַר מיר. לייענט פאַרזיכטיק...

מאַקס, טראָגנדיק אַ שטיין אויף די פּלייצעס, האָט זיך אויף אַ רעגע פאַר־האַלטן, דערפילט, ווי די פיס האַקן זיך אים אונטער. וואָס איז דאָס, אַ פּראָ־וואָקאַציע? עמעצער וויל אים אונטערפירן?

ער האָט אופגעהויבן דעם בליק און דערזען, אַז דאָס רעדט צו אים אַ בלאָנדער שאָפער, וואָס איז געזעסן אין קאַבינע פון זײַן לאַסטמאַשין, וועלכע איז צוזאַמען מיט אַנדערע, פונקט אַזעלכע, געקומען נאָך שטיינער און גע־וואַרט באַם וועג, מע זאָל זיי אָנלאָדן...

דער בלאָנדער שאָפער האָט אַ ווונק געטאָן צו מאַקסן און, פאַרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, אַ וואָרף געטאָן צו אים אַ צעטעלע.

מאַקס האָט זיך באַגעגנט מיט די בלויע אויגן פון שאָפער און אַ טראַכט געטאָן, אַז אַזאַ באַכער קאָן ניט אונטערפירן. דאָס איז ניט קיין פּראָוואָקאַציע. אַזאַ באַכער קאָן ניט טאָן קיין מענטשן קיין שלעכטס. כּוץ דעם, האָט מאַקס געקלערט, וואָס קאָן ער אָנווערן: אַלציינס איז ער דאָ פאַרמישפּעט צום טויט פון דער שווערער האַרעוואַניע אין דער שטיינהאַקערײַ. אַ שלײַדער געטאָן דעם שטיין אויף דער מאַשין, האָט מאַקס זיך אָנגעבויגן, געכאַפּט דאָס צעטעלע און זיך אַוועקגעלאָזט אין קאַריער נאָך אַ צווייטן שטיין.

אַרומקוקנדיק זיך, קיינער זאָל ניט באַמערקן, האָט מאַקס איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, און אים האָט זיך אין דער רעגע געדאַכט, אַז נאָך דער שווי־דערלעכער נאַכט, וואָס האָט זיך איבער אים אַראָפּגעלאָזט, האָט אים אַ שײַן געטאָן אַ זון־שטראַל. עס האָט זיך צו אים אומגעקערט די האָפענונג, אַז ער וועט, מעגלעך, זיך קאָנען אַרויסרײַסן פונעם גענעם. הייסט עס, לעבן נאָך

גוטע, ערלעכע און שרעקלאָזע מענטשן! מע האָט אין אים ניט פאַרגעסן? עמע־צער זאָרגט וועגן אים?

מאַקס האָט גלײַך דערקענט עריך שטוטבאַכס קסאַוו. דער פּראָפעסאָר האָט אים איבערגעגעבן אַ האַרציקן גרוס פון אַ סאַך פרײַנט. און נאָך האָט ער מיטגעטײלט, אַז דער שאָפער, וואָס וועט אים איבערגעבן דאָס צעטעלע, איז אַן אײגענער מענטש, אויף אים קאָן ער זיך פולקאָם פאַרלאָזן. מאַקס דאַרף אויספילן אַלץ, וואָס ער וועט אים זאָגן. ער וועט זיך באַמיִען אים אַרויסרײַסן פון קלעם...

פאַרזיכטיק פאַרניכטעט דאָס צעטעלע, האָט מאַקס גענומען אויף די פּלײצעס נאָך אַ שטײן און זיך געלאָזט גײן צו דער מאַשין. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק אויפן בלאָנדן שאָפער, וואָס איז שוין געזעסן אין קאַבינע און גע־קוקט אויף מאַקסן מיט אַזויפיל ווײטעק און מיטלײַד! ווער איז ער, אָט דער יונגער מענטש, וואָס האָט אים געבראַכט די ערשטע גוטע בשורה פון יענער זײַט דראָטן? וויאַזוי וועט ער קאָנען העלפן, אַז אַרום שטײען וועכטער, הינט און מע לאָזט פון דיר קײן אויג ניט אַראָפּ? עמעס, איצט גיסן קאַלטע רעגנס, און די וועכטער באַהאַלטן זיך אָפּטלעך אין זײערע בײַדלעך. ווי קלײַבט זיך דער שאָפער אים ראַטעווען? עס איז דאָך פאַר בײדן זײער געפערלעך, אַ ניט געלונגענער טראָט, און בײדע קאָנען זיך געזעגענען מיטן לעבן... אָבער וואָס קאָן שוין זײַן ערגער, ווי שמאַכטן אָט דאָ? איז דען ניט בעסער דער טויט? און וואָס איז די געפאַר?

מאַקס איז צוגעגאַן צו דער מאַשין, פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם שטײן און דערהערט, ווי דער שאָפער פון קאַבינע האָט אים געזאָגט:

— אין צווײ שאָ אַרום וועלן זיך די מאַשינעס אומקערן נאָך שטײנער, זאָלט איר אַרײַנקריכן אין קאַבינע צו מיר, אינעם קעסטל...

מאַקס האָט מיט דאַנקבאַרקײט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שנעל אַוועק אין קאַריער. אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען די לאַסטמאַשינעס, אָנגעלאָדענע מיט שטײנער, אַרויסגעפאָרן פון דער זאָנע.

„אין צווײ שאָ אַרום..." — האָט איבערגעכאַזערט מאַקס קרײסלער און דערפילט, ווי עס האָט אַ גוטע וואַרעמקײט אַרומגעכאַפּט זײַן לײַב. כאָטש ער איז געווען דורכגענעצט פונעם האַרבסטיקן רעגן, נאָר איצט האָט ער עס ניט געפילט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן אָנגעכמורעטן הימל און געטראַכט: זאָל ניט אויפהערן גיסן דער רעגן. זאָל ווערן נאָך טונקעלער. זאָלן די היטער ליגן אין די בײַדלעך און געלײמט ווערן. אין צווײ שאָ אַרום וועט געלײזט ווערן זײַן גורל. וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ יונגערמאַן, וואָס וועט פאַר אים, פאַר מאַקסן, אײַנשטעלן זײַן לעבן? פאַר די לעצטע כאַדאָשים אָט דאָ אין וויסטן לאַגער האָט זיך מאַקס אַזוי אָנגעמאַטערט, געזען פון מענטשן אַזויפיל שלעכטס, אַז ער האָט אָנגעוווירן דעם גלויבן אין מענטשן. און איצט האָט זיך צו אים אומגעקערט דער גלויבן, און דאָס האָט אים געפרײט.

גענומען אין די הענט די שווערע קוואַלדע, האָט מאַקס זיך געשטעלט האַקן דעם פעלדז. ער האָט געאַרבעט פלײַסיק, די קאָנוואָירן זאָלן זיך צו אים ניט טשעפּען, זײ זאָלן זען, אַז ער איז איבערגעגעבן זײַן אַרבעט. ער

דארף אָפּווענדן פון זיך די אופמערקזאמקײַט פון די הינט, וואָס שפּירן נאָך אים. זאָל גיכער דורכגיין די צײַט! אין צוויי שאָ ארום דארף זיך אומקערן דער שאָפער מיט זײַן מאשין. צו דער זעלבער צײַט וועט שוין ווערן טונקל אין דרויסן, די וואך וועט זיך בײַטן... פארוואָס ציט זיך אזוי לאנגזאם די צײַט? וויאזוי טרײַבט מען זי אונטער?

די צוויי שאָ האָבן זיך געצויגן, ווי די אייביקײַט. מאקסן האָט זיך געדאכט, אז זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. ער האָט אלעמאָל געקוקט אהין, צום שליאך, זיך אײַנגעהערט, צי גייען נאָך ניט די מאשינעס? נאָר זיך דאָך דערווארט!

עס האָבן זיך אהער דערטראָגן די סיגנאלן. מיט די פארעס האָבן די לאסטמאשינעס דורכגעגעבערט דעם נעפל, וואָס איז געלעגן איבער דער ערד.

די שקלאפן האָבן גענומען אָנלאָדן די מאשינעס, שלײַדערן אין די קוזאָווס די שטיינער.

מאקס קרייסלער האָט גענומען אף די פלייצעס א שטיין און זיך געלאָזט איבער דער גליטשיקער ערד גיין זוכן „זײַן" מאשין. און ער האָט זי גלײַך באמערקט. זי איז געשטאנען אונטער א סאָסנע און פון דער קאבינקע האָט ארויסגעקוקט דער בלאָנדער שאָפער. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט. יענער האָט פאַרזיכטיק א ווונק געטאָן, וואָס האָט באטײַט, אז ווי נאָר מע וועט ענדיקן אָנלאָדן די מאשינעס, זאָל מאקס ארײַנשפרינגען צו אים אין קאַבינע און זיך באהאלטן אין קעסטל. עס וועט זײַן ניט באקוועם, ער וועט זיך מוזן אײַנקאָרטשען, זיך איבערדעקן מיט שמאטעס, ניט הוסטן, זיך פארטײַען. נאָר קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ. דערפאר וועט ער, מעגלעך, איינגיכן זיך ארויסרײַסן פון דעם וויסטן העקדעש.

יאָ, געקומען די צײַט...

דער שאָפער איז געזעסן אין זײַן קאבינע, איבער וועלכער דער רעגן האָט ניט אופגעהערט פײַקלען, גערייכערט איין ציגאר נאָכן צווייטן. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם פארמאטערטן ארעסטאנט, און דאָס הארץ איז פארקלעמט געוואָרן. צי דען איז דאָס יענער זעלבער בארימטער אקטיאָר, וועלכן ער, דער שאָפער, וואלטער, האָט פאראיאָרן געזען אף דער בינע? דער טאטע זײַנער, עמיל שולץ, האָט אים געפירט אהין, וואלטערן, ער זאָל זען מאקס קרייסלערן אין דער ראָל פונעם ווענעציאַנער מאוור... איז אָט דעם מענטשן האָט דער אוילעם אופגענומען מיט אן אָוואציע! און אָט אזא מענטשן האָבן די נאציסטישע הענקער פארשפארט אין דעם שרעקלעכן לאגער?

מאקס האָט געבראכט דעם לעצטן שטיין, ארופגעשלײַדערט אים אף דער מאשין און דערזען, ווי דאָס טירל פון קאבינע איז עטוואָס צעעפנט. ארומקוקנדיק זיך פאַרזיכטיק אין אלע זײַטן, צי קיינער האָט אים, מאקסן, ניט באַמערקט, האָט ער זיך ארײַנגעגאנוועט אין דער קאבינע און זיך פארטײַעט.

עס האָבן זיך דערטראָגן אויסגעשרייען פון די וועכטער, א זידלערײַ, און די שווערגעלאָדענע מאשין האָט זיך גערירט פון אָרט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט באם ברייטן טויער באגלײַך מיט די איבעריקע מאשינעס. בא

מאקסן האָט זיך, דאכט זיך, אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. ער האָט געהערט דײַטלעך די ווערטער פון די סאָלדאטן, וואָס זײַנען ארופגעקראָכן אף דעם קוזאָוו זען, צי האָט זיך קיינער פון די ארעסטאנטן ניט באהאלטן צווישן די שטיינער. עמעצער האָט אופגעעפנט דאָס טירל פון דער קאבינע, עפּעס זיך נאָכגעפרעגט באם שאָפער, און יענער האָט זיך הילכיק צעלאכט, עמעצן געגעבן פאררייכערן, זיך א ווערטל געטאָן מיט די וועכטער באם טויער, און אין א פּאָר רעגעס ארום האָט זיך דאָס טירל מיט א שטארקן טראסק פארמאכט. מאקס האָט דערפילט, ווי עס איז אים גרינגער געוואָרן צו אָטעמען.

אונטערשפּרינגענדיק אף די קאָרטשעס, איז די מאשין פּאמעלעך ארויסגעפאָרן פון דער זאָנע און זיך געלאָזט איבערן ברוק.

דער שאָפער האָט מיטן פוס א קלאַפּ געטאָן אין קעסטל, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט אָנזאָגן זײַן פּאסאזשיר די יעדיע, אז מע איז שוין פון דער זײַט שטעכדראָטן, און אינגיכן וועלן זיך ענדיקן זײַנע צאָרעס.

די קאָלאָנע לאסטמאשינעס, געלאָדענע מיט שטיינער, האָט זיך געטראָגן איבערן וועג. און וואלטער האָט מיט יעדן מאָל פארלאנגזאמט דעם גאנג, סטארענדיק זיך בלײַבן דער עקסטער. ער האָט פארשטאנען, אז דער גראטעוועטער זײַנער קאָן דערשטיקט ווערן אין קעסטל און מע דארף אים וואָס גיכער באפרײַען פון זײַן געפּענקעניש.

די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער זײַט פון שליאך, דורכגעלאָזט אלע מאשינעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן נאָך איר. דער שאָפער האָט אופגעהויבן דאָס דעקל פון קאסטן, געהאָלפן מאקסן ארויסקריכן פון דאָרטן, ארופגעוואָרפן אים אף די פּלייצעס א מאנטל, געגעבן א קאפּעליוש און געהייסן אים ארײַנקריכן אין מאשין. קיינער טאָר אים ניט באמערקן. די געפאר איז נאָך ניט אדורך.

מאקס האָט געקוקט אף דעם אופגערעגטן יונגן שאָפער מיט די בלאָולעכע גרויסע אויגן און ניט געוווסט, ווי ער זאָל אים אָפּדאנקען.

— זאָגט מיר, קאמראד, ווער זײַנט איר? ווי רופט מען אײַך?

א צעשטרייטער, האָט ער אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר און זיך געלאָזט שנעלער יאָגן, ער זאָל ניט אָפּשטיין פון דער קאָלאָנע.

— איר קענט מיך ניט... מיט מײַן פאָטער זײַנט איר באקאנט... עמיל שולץ...

מאקס קרייסלער האָט ברייט צעעפנט די אויגן פון פארוווּנדערונג:

— איך האָב א סאך געהערט וועגן אײַך. וואלטער?.. דאָס זײַנט איר? און וואָס איז מיט עמילן, מיט זיגפרידן, מיט שטוטבאכן?

א דערשיטערטער, האָט מאקס אויסגעהערט, ווי מע האָט אומגעבראכט זײַן לערער און פרײַנט, ווי די נאציסטן האָבן זיך איזדיעקעוועט איבערן פּראָפעסאָר, ווי זיי האָבן ארויסגעשלײַדערט דעם טאטן פון זיגפרידס ווילע...

מאקסן האָט שוין נאָך דעם, וואָס ער האָט געזען, איבערגעלעבט, גאָרניט געוווּנדערט, נאָר דאָס, וואָס עס האָט אים איצט דערציילט וואלטער, האָט אים איבעראשט און דערשלאָגן.

די מאַשין האָט זיך האַסטיק געטראָגן איבער דעם שאָסיי. אין א שאָ אָנדערהאלבן ארום האָט זי זיך אָפּגעשטעלט בא א וועלדל. וואלטער האָט אָנגעוויזן אף א כוטאָר, אף א שטוב, וואָס איז געווען ארומגעזוימט מיט געדיכטע ביימער, געהייסן אהין גיין, דאָרטן וואַרט מען שוין אף אים.

זיך אָפּגעזעגנט, איז מאַקס געבליבן שטיין באַם וועלדל, און די מאַשין האָט זיך אוועקגעטראָגן אין דער נאכט ארײַן.

מאַקס קרייסלער האָט זיך ארומגעקוקט און זיך שנעל געלאָזט גיין מיט דער אויסגעווייקטער סטעזשקע צום הויז. ער האָט זיך נאָך אלץ ניט געקאָנט גלייבן, אז ער איז שוין פרײַ, אז די געפאר איז שוין ערגעץ געבליבן ווײַטווײַט.

אינגיכן איז שוין מאַקס געווען אין א באוווינטער פּויערישער שטוב אין די אָרעמס פון עריך שטוטבאכן און עמיל שולצן, וואָס האָבן ארום אים געהאוועט. מע האָט אים געדאַרפט העלפן זיך גיכער איבערטאָן, זיך ארומוואשן, אָפּראזירן, ער זאָל ענלעך ווערן אף א מענטשן. אלע זײַנען דערציטערט געוואָרן, דערזעענדיק זײַן רעקל מיט די שווארצע פּאסן, דעם גרויסן נומער אף דער פּלייצע, דעם נומער, וואָס איז געווען אויסגעברענט אף דער האנט, דעם קאָלפּאַק.

עריך שטוטבאך האָט געוואָלט פארברענען די אוניפאָרם פון היטלערס „נײַער אָרדענונג“, אויסשנײַדן דעם נומער אף דער האנט. נאָר מאַקס האָט אים אָפּגעשטעלט: דאָס איז איבעריק. מיט די לאגער־בגאָדים וועט ער זיך ניט צעשיידן וויפל ער וועט לעבן. דער נומער אף דער האנט זאָל פארבלײַבן. ער גלייבט, אז די מערדער וועלן אמאָל געשטעלט ווערן צום געריכט, טאָ זאָל דאָס אלץ דינען אלס באַווײַזונג צום באַשולדיקונגס־אקט!

עריך שטוטבאך האָט א קוק געטאָן אף זײַן יונגן פרײַנט, וואָס האָט זיך אינגאנצן געענדערט פאר דער שווידערלעכער צײַט, וואָס ער האָט געשמאַכט אונטער די שטעכדראָטן, און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: געוויס איז מאַקס גערעכט.

צו א נײַעם ברעג

העכער צוויי וואָכן צײַט איז מאַקס קרייסלער געזעסן אין זײַן באהעלטעניש אפן בוידעם אונטערן טשערעפּענעם דאך, און בלויז שפּעט באנאכט, ווען אלע זײַנען שוין געשלאָפן, האָט ער געקאָנט אראָפּקריכן און ארויסגיין אפן הויף אָטעמען מיט פרישער לופט.

עריך שטוטבאך, עמיל שולץ און די באלעבאטים פון דער שטוב — אן עלטערער פּויער מיט זײַן פרוי — זײַנען ארומגעגאנגען ארום זייער אומגעווינלעכן און געפערלעכן גאסט, געהאָדעוועט, געציטערט איבער אים, ווי איבער א קליין קינד, געטאָן אלץ, מע זאָל אים וואָס גיכער שטעלן אף די פיס, ער זאָל ווערן ענלעך אף א געוויינלעכן מענטשן, און ארויסבאגלייטן אין

ווײַטן וועג. דאָס, וואָס ער איז דאָ געווען, האָט נאָך ניט באַטײַט, אַז ער איז שוין אױף דער פֿרײַ.

אין די צײַטונגען האָט מען געשריבן, אַז פֿונעם לאַגער איז אַנטלאָפֿן אַ געפֿערלעכער מעלוכע־פֿאַרברעכער, װעמען די געסטאַפּאָ זוכט און װעט באַ־צאָלן הונדערט טױזנט מאַרק יענעם, װאָס װעט אים ברענגען אַ לעבעדיקן אָדער אַ טױטן... אין אײניקע בלעטער און מודיאָעס, װאָס זײַנען געװען צע־האַנגען אױף די פּלױטן, אױף די װאָקזאַלן, האָט אַראָפּגעקוקט מאַקס קרײסלער אין זײַנע לאַגער־בגאָדים. מע האָט אים אומעטום געזוכט. די געסטאַפּאָ האָט געװוּסט, אַז ער װעט ניט פֿאַרבלײַבן נאָענט פֿונעם לאַגער, פֿון װעלכן ער איז אַנטרונען, און װעט זיך אױסבאַהאַלטן װײַט־װײַט, האָט מען אים געזוכט אין פֿאַרשײדענע עקן לאַנד, פֿאַרשטאַרקט די גרענעץ־װאַך אין אײניקע פּונקטן פֿון דער פּױלישער גרענעץ — עפּשער װעט דער פֿאַרברעכער זיך באַמיִען אַנטלױפֿן קײן קאָלאָמײע, אַהײם...

אין אײנער פֿון די סאָפּהאַרבסטיקע נעכט, װען ס'איז שװער געװען דער־גײן אַ טאָלק, צי פֿונעם אָנגעכמורעטן הימל זיפּט זיך אַ רעגן, צי עס שיט אַ בײַסיקער נאַסער און נימעסער שנײ, האָט מאַקס קרײסלער זיך אָפּגעזעגנט מיט די גאַסטפֿרײַנטלעכע באַלעבאַטים פֿון שטוב, מיט זײַנע אַלטע און נײַע פֿרײַנט, און זיך געלאָזט מיטן רוקזעקל אױף די פּלײצעס צום שטילן װעג, װוּ אונטער די באַקאַנטע װערבעס האָט שױן געװאַרט אױף אים װאַלטער מיט זײַן מאַשין.

צײַט איז פֿאַרבליבן װײניק. ביז עס װעט אָנהײבן טאָגן, האָט מען גע־דאַרפֿט זיך דערקלײַבן צו אַ דערפֿל ניט װײַט פֿון דער גרענעץ.

װאַלטער האָט באַגעגנט מאַקסן מיט צעעפֿנטע אָרעמס. טרײַבנדיק האַסטיק די מאַשין איבער זײַטיקע װעגן און שטעגן, האָט ער דערצײלט, װאָס פֿאַר אַ טומל עס האָט זיך אױפֿגעהױבן אין לאַגער נאָך זײַן פֿאַרשװוּנדן װערן. מע האָט אַרױסגערופֿן אין געסטאַפּאָ אַלע שאָפֿערן, װאָס האָבן געפֿירט שטײ־נער אין יענעם טאָג, אָבער קײנער, בעסױכעם ער, װאַלטער, האָט ניט גע־װוּסט פֿון עפּעס צו זאָגן. מע האָט געביטן די װאַך אין דער שטײנהאַקערײַ, עטלעכע טעג קײנעם ניט געטריבן אַהין אױף דער אַרבעט.

מע איז געפֿאָרן, באַמיִענדיק זיך אױסמײַדן גרעסערע שטעטלעך און דער־פֿער, װוּ מע קאָן זיך אָנטרעפֿן אױף פּאַטרולן.

כאָטש באַ מאַקסן אין טאַש איז געלעגן אַ פּאַספּאָרט און אַ פּאַפּיר מיט אַ שטעמפּל, אַז דער מענטש פֿאָרט װירקלעך אַרום איבער די דערפֿער אײַנ־קױפֿן עסנװאַרג פֿאַר אַ גרױסן שפּיטאָל, נאָר בעסער ניט באַװײַזן די פּאַפּירן, װײַל די פּאָטאָ זײַנע איז צו ענלעך אױף יענעם פֿאַרברעכער, װאָס איז אַנטלאָפֿן פֿון לאַגער און פֿאַר װעמענס קאָפּ װעט די געסטאַפּאָ באַצאָלן הונדערט טױזנט מאַרק...

די מאַשין איז שנעל געגאַן, טאַפּנדיק מיט די גרױסע פֿאַרעס דעם מוט־נעם װעג. די „בערשטלעך" אױפֿן פֿאָדערשטן גלאָז האָבן מעשוגענערװײַז גע־װישט דעם קלעפּיקן שנײ מיטן רעגן, מע זאָל זען, װאָס עס טוט זיך אױפֿן

וועג. אונטער די רעדער האָט געבליופּעט דאָס וואַסער, געשפּריצט אין אַלע זײַטן.

אַרום איז געווען פּוסט, כוישעך. אַלץ איז געווען אײַנגעהילט אין גרויען נעפּל. וואַלטער האָט אַלעמאָל געוואָרפן דעם בליק אַפן ספּידאָמעטער, געצײלט, וויפל קילאָמעטער איז נאָך געבליבן, מע זאָל קומען אַף אָן אָרט. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאַבינע. סאַראַ מעשוגענער וועטער, א שרעקלעכער וועג! ווען וועט ער זיך שוין ענדיקן?

ניט ווײַט פון א דערפל, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן אַף קרומע בערג און אין א טיפן טאָל, האָט וואַלטער אָפּגעשטעלט די מאַשין. זיי זײַנען אַראָפּגעקראָכן. וואַלטער האָט פאַרשלאָסן מיטן שליסל די טירלעך פון קאַבינע, און מע האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם בלאָטיקן, ניט־ברוקירטן וועג.

א שטאַרקער צאָפן־ווינט האָט דורכגענומען דאָס לײַב אַף דורך און דורך. דער רעגן האָט ניט געטראַכט אופהערן. א מעשוגענער וועג! דאָס לאָזט ער זיך אַראָפּ, דאָס פליט ער אַרוף אינדערלופטן, און דו גייסט, ווי באַם ראַנד פון א טהאָם. עס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ שווערער צו קנעטן די בלאָטע. עס איז געווען גליטשיק, און מע האָט זיך געדאַרפט אָנהאַלטן איינער אָן אַנדערן. די הייזעריקע הינט האָבן דערשמעקט מענטשן, זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף און גענומען קערן וועלטן.

ענדלעך האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל, ווו עס זײַנען געשטאַנען אין גלײַכע רייען הײַזער, אַרומגעצוימטע מיט הויכע פּלויטן. נאָר וואַלטער האָט געפירט מאַקסן ווײַטער, ביזוואַנען זיי זײַנען צוגעקומען צום היגן בעסוילעם. פון יענער זײַט פּאַרקן האָט אַרויסגעקוקט א שטיבל אונטער א דאַך פון טשערעפּיצע. אין איין פענצטערל האָט קוים געבלינצלט א פײַערל.

וואַלטער האָט איבערגעלאָזט מאַקסן באַם פּאַרקן, און אַליין איז ער אַוועק צום שטיבל.

מאַקס האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. עס איז געווען גאַנץ אומעטיק שטיין אַזוי ווי פאַרכאַלעשט אינמיטן דער נאַכט לעבן די צלאָמים און מאָנומענטן, וואָס האָבן, ווי לעבעדיקע, אַרויסגעקוקט פון איבער דעם פּאַרקן. דאָס דאָרף איז געשמאַק געשלאָפן, און קיינעם האָט ניט געאַרט, וואָס די הינט האָבן זיך אַזוי צעבילט. עך, פאַרוואָס קומט עס אים, מאַקסן, אַרומשלעפּן זיך איבער דער ערד, פאַרוואָס יאָגט מען זיך נאָך אים, ווי די היצליעס? בייזע מאַכשאָוועס האָבן גענומען עגבערן דעם מויעך. אַזויפיל מענטשן אַרום אים, און איבער אים שלאָפן זיי אויך ניט, זאָרגן פאַר אים, שטעלן אײַן דאָס לעבן. נאָך א גליק, וואָס עס לעבן אַזעלכע מענטשן! וואָס פאַר א פּאָנעם וואָלט געהאַט די וועלט אָן זיי?

די טיר פונעם וועכטערס שטיבל אין עק בעסוילעם האָט זיך אופגעעפנט. צוויי פיגורן האָבן זיך פון דאָרטן אַרויסגערוקט און זיך געלאָזט אַהין, ווו מאַקס איז געשטאַנען און אומגעדולדיק געוואַרט.

ווען זיי זײַנען צוגעקומען נעענטער, האָט מאַקס דערזען וואַלטערן און א וווּקסיקן טרוקענעם, עטוואָס אײַנגעבויגענעם פאַרשוין מיט א טונקל שטרענג פּאָנעם, דורכדרינגעוודיקע טונקעלע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן

אין א שעפּסענעם זשיליעט, אין גרויסע שווערע שטיוול, מיט א קאַפּעליוש אפן קאָפּ. ער האָט אָפּגעמאָסטן מאַקסן, קאָלט זיך באַגריסט מיט אים און מיט א הייזעריקער שטים א פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס איז דער פּראָפעסאָר ניט געקומען? אים וואָלט אויך ניט גע־שטערט באַצײַטנס אוועקגיין אהין... — האָט דער אַלטער א ווונק געטאָן אַף מײַרעוו, צו דער גרענעץ, — א גאָלדענער מענטש... אין דײַטשלאַנד דאַרף מען איצט ניט אַזעלכע...

ער האָט זיך אויסגעזידלט, פאַרייכערט דעם ציבעק, א קוק געטאָן אַף מאַקס' רוקזעקל און זיך אָנגערופן:

— אָט דאָס איז אײַער גאַנץ פאַרמעגן? זייער גוט. דער וועג איז בא אונדז ניט קיין גרינגער. און קלעטערן איבער בערג, האָט מיר וואָלטער גע־זאָגט, קאָנט איר גוט...

— געוויס! איך בין אויסגעוואַקסן אין די בערג...

— נו, איז אין וועג אַרײַן!

מאַקס האָט אַרומגענומען וואַלטערן. ער האָט אים אַזויפיל געדאַרפט זאָגן, נאָר זיך געשעמט פאַר דעם אײַנגעהויקערטן וועכטער.

— א דאַנק, מײַן יונגער פרײַנט, — האָט מאַקס שטיל אַרויסגעבראַכט, — איך בין אײַער אייביקער באַלכויוו. איך גלייב, אַז מיר וועלן זיך נאָך באַגע־געגנען...

און ער האָט זיך געלאָזט נאָך דעם באַגלייטער אַף מײַרעוו, פאַרטאָן אין זײַנע אומרויִקע מאַכשאָוועס. אָט איז עס, דאָס לעצטע פּאַסיקל דײַטשישע ערד, מיט וועלכער מאַקס מוז זיך צעשיידן. אַף לאַנג? ווער ווייסט, עפּשער אַף טאָמיד? אפן האַרצן איז געווען ביטער. ניט געקוקט דערויף, וואָס מאַקסן איז דאָ אויסגעקומען אַזויפיל אויסשטיין דאָס לעצטע יאָר, האָט ער די דאָזיקע ערד פאַרלאָזט מיט א שווערן געמיט. ער לאָזט דאָ איבער דעם קייווער פון זײַן פרוי און קינד, דעם קייווער פון זײַן וווּנדערלעכן לערער און פרײַנט, מיט וועלכן ער האָט זיך אפילו ניט געקאָנט געזעגענען. דאָ איז פאַרווירקלעכט געוואָרן זײַן גרויסער טרוים. וויפל יאָר איז די דאָזיקע ערד געווען פאַר אים אַזוי האַרציק און טײַער! און איצט האָט ער זי געדאַרפט וואָס גיכער פאַרלאָזן. דער כאַלעף הענגט נאָך איבער אים, איבער זײַן האַלדז. ער מוז זיך אַרויסרײַסן פון דעם געגנעם, קומען צו דער וועלט און דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזען מיט זײַנע אויגן, אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אַליין איבערגעלעבט. ער טאָר ניט שווײַגן. זײַן שטים מוז דערהערט ווערן אומע־טום, קאַלזמאַן עס איז נאָך ניט שפּעט.

צווישן אומבאַקאַנטע פרײַנט

ווער זײַנען זיי און ווי רופט מען זיי, די מענטשן, וועלכע האָבן אים גע־פירט דורך בערג און טאָלן, דורך האַסטיקע טײַכלעך און פאַרוואַקסענע שטעגן? ווער זײַנען זיי, די מאַנצבלען און פרויען, וואָס האָבן אים אַרײַנגע־

לאָזט צו זיך אין שטוב, אָנגעהאָדעוועט, דערלויבט זיך אָפּרוען, איבערוואַרטן, ביז די וואך וועט פאַרבײַגיין, און ער וועט זיך קאָנען לאָזן גיין ווײַטער?

עס איז אים אויסגעקומען מאַכן גרויסע קרײַזן, אָפּט לאַנג זיך באַהאַלטן, זיצן אין די בערג, אין די וועלדער, ביז עס וועט מעגלעך זײַן אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן. איין באַגלייטער האָט אים געפירט עטלעכע קילאָמעטער, איבערגעגעבן אַ צווייטן, דער צווייטער — אַ דריטן, יענער — אַ פערטן. אָפּטלעך איז אויסגעקומען אָפּטרעטן צוריק און וואַרטן אונטערן רעגן. און די באַגלייטער האָבן געוואַרט מיט אים, געגעבן אונטערן פרײַען הימל, געליטן קעלט, נעץ און הונגער, איבערגעלעבט שרעק, פּאַכעד.

אַזוי האָט זיך געצויגן דער אומענדלעכער וועג און די צײַט. האָט מען אין איין אָרט אָנגעטראָפן אויף אַ שפּאַרונע, ווו מע האָט געקאָנט גאַנווענען די גרענעץ, האָבן זיך אָבער דאָרטן אַרומגעדרייט פאַרדעכטיקע מענטשן און עס איז ניט געווען קענטיק, צי וועלן זיי ניט איבערגעבן מאַקסן צוריק די דײַטשן. איז אויסגעקומען בלאָנקען אַלץ ווײַטער, לענגאויס דער גרענעץ, אָפּטלעך אַנטלויפן פון אַ געפאַר.

ער האָט שוין פאַרלוירן דעם כעזשבן, וויפל ער דרייט זיך אַזוי אַרום צווישן הימל און ערד, זוכנדיק דעם וועג, ווו ער קאָן זיך אַרויסרײַסן פון גענעם. ער האָט זיך שוין אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, געווען מוירעדיק פאַרמאַטערט, נאָר אײַנגעאַקשנט געגאַנגען צו זײַן ציל.

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן, — ווען די זון האָט געוואַרעמט, — אויפהייבנדיק זיך אויף אַ בערגל, האָט מאַקס דערזען אין אַ טאָל אַ קליין דערפל מיט עטלעכע צענדליק הײַזער, און דאָס איז שוין געווען די פראַנצויזישע זײַט — אַהין איז שוין געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ער איז לאַנג געזעסן אין די שפּיציקע פעלדזן, זיך אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג, און איבערצײַגנדיק זיך, אַז אים דראָעט שוין מער ניט קיין געפאַר אַרײַנפאַלן אין שלעכטע הענט, האָט ער זיך געלאָזט אַהין לויפן, און גוטע מענטשן האָבן האַרציק צעעפנט די טירן פאַר דעם גראָוון, אָפּגעריסענעם און פאַרוואַקסענעם מענטשן מיט די ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן פאַרטײַעט אָן אַ שיר ווײ, טרויער, אומעט און האַס.

מענטשן האָבן אויף אים געקוקט מיט טיפן צאַר און מיטגעפיל. וויפל אומגליקלעכע, אַזעלכע ווי ער, זײַנען שוין דורכגעגאַנגען מיט די געסלעך, מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דײַטשלאַנד! וויפל פון זיי זײַנען ניט דערגאַנגען אַהער און געבליבן ליגן אין וועג, געטראָפענע פון קוילן! נאָר אַלציינס, מע הערט ניט אויף לויפן און מע דערפילט זיך פאַר גליקלעכע, אַז מע דערגרייכט שוין דעם ברעג, אַנטלויפנדיק פון דער פאַשיסטישער בלוטיקער בעסטיע.

אינגיכן איז ער שוין געווען אויף אַ שטילער באַן־סטאַנציע, ווו ער האָט געטראָפן עטלעכע פּאַסאַזשירן. ער האָט זיך געלאָזט שפּרײַזן איבערן ציכטיקריינעם פּעראָן, אַרויסקוקנדיק אין יענער ריכטונג, פונוואַנען עס האָט זיך געדאַרפט באַווײַזן דער צוג, וואָס וועט אים אָפּפירן קיין פּאַריזש.

ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז אינגיכן וועט ער זיך קאָנען אַרײַנזעצן אין וואַגאָן און פאָרן, און קיינער וועט אים ניט היטן. און ער וועט ניט פילן די ביקסן, וועלכע זײַנען אָנגעצילט אין זײַן פּלייצע, מע וועט אַף אים ניט אָנרייצן די הינט, זיך ניט איזדיעקעווען איבער אים, ניט אָפּ־שפּאָטן, לאַכן... ער האָט זיך ניט געגלייבט, אַז ער קאָן שוין טראַכטן וועגן פּאַריזש, וועגן דעם וווּנדער, ווי ער האָט געשפּילט אַף דער בינע און מע האָט אים אַזוי הייס אויפגענומען און געווען איז ער דאָרטן ניט אַליין, נאָר מיט זײַן פרידען... ער האָט אַלע טאָג געשריבן פון יענער שטאָט בריוו זײַן לערער זיגפריד לײַנאַרדן... מאַקסן האָט זיך גערדאַכט, אַז זינט יענער צײַט איז שוין אַוועק ווער ווייסט וויפל! און דאָס איז דאָך געווען ניט אַזוי לאַנג. געציילטע יאָר... און ווי מוירעדיק די וועלט האָט זיך געענדערט!

האָט זיך אים דען געכאָלעמט דעמלט, אין פּאַריזש, אַז זײַן צווייטע רײַזע אַהין וועט זײַן אַזאַ טראַגישע, אַזאַ שווערע און געפערלעכע?

די זון האָט באַשײַנט דאָס קליינע וואָקזאַלעכל, מעכײַעדיק געוואַרעמט. מאַקס האָט פריִער געמיינט, אַז קיינמאָל וועט אים שוין ניט וואַרעמען די זון, פאַר אים איז זי פאַרגאַנגען אַף שטענדיק. און דאָס, וואָס זי האָט זיך הײַנט אַרויסגעדראַפּעט פון אונטער די וואָלקנדלעך, איז געווען, האָט ער געטראַכט, דער בעסטער סימען, אַז ער וועט נאָך פאַרזוכן אַ ביסל גליק!

די פרייד איז אָבער גלײַך פאַרשוווּנדן געוואָרן: וואָס וואַרט דאָרט אַף אים און ווער וואַרט אין דער גרויסער, רוישיקער שטאָט? ווער געדענקט אים נאָך? זינט זײַנע ערשטע גאַסטראָלן אין פּאַריזש זײַנען דורכגעגאַנגען אַזעלכע שוידערלעכע יאָר, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט. ווער זשע קאָן איצט האָבן אין זינען אַן אַקטיאָר, וואָס איז געבליבן אָן אַ טעאַטער, אָן אַ היים, אָן פרײַנט און פאַרערער, אָן אייגענע, אָן אַ צושויער?

עס האָבן אָנגעהויבן צוקומען אהער אַלץ נײַע און נײַע פּאַסאַזשירן מיט טשעמאָדאַנעס, קלומקעס, קוישן. מע האָט אַף אים עפּעס מאָדנע געקוקט. ניט אַנדערש, ווי מע שטויסט זיך אָן, פונוואַנען ער קומט. צי דען זעט ער אויס אַזוי שרעקלעך?

אין קעשענע איז שוין געלעגן אַ בילעט, און דאָס, וואָס מע קוקט אַף אים מיט אַזעלכע אויגן, האָט אים שוין ניט געאַרט. וואָס איז דאָס אין פאַרגלײַך דערמיט, וואָס ער איז שוין אין פראַנקרײַך, אַף דער פרײַ און דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט באַהאַלטן? ער שטעלט זיך נאָך ניט פאָר, וואָס וועט מיט אים מאָרגן זײַן, נאָר דערווײַל...

זאָל נאָר גיכער אָנקומען דער צוג! און דער פאַרשטויבטער און פאַרייַ־כערטער צוג האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אַף זיך.

דער וואַגאָן האָט אינגיכן אײַנגעוויגט, און, צושפּאַרנדיק דעם קאָפּ צום ווענטל, אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, איז מאַקס קרייסלער גלײַך אײַנגעשלאָפן. ניט דער זשום, ניט דער געלעכטער און טומל האָבן אים ניט געקאָנט צעשטערן דעם געשמאַקן שלאָף. ער איז געווען מוירעדיק מיד, און ווען מע שיסט פון האַרמאַטן, וואָלט מען אים אויך ניט געקאָנט אויפוועקן.

ווען ער האָט אופגעריסן די אויגן, איז שוין געווען נאָך האלבן טאָג. צו אים איז צוגעגאנגען דער קאָנדוקטאָר — א דיקער פארשוין מיט א פול ברוין פליישיק פּאָנעם און שווארצע קורצע וואָנצעלעך אונטער דער נאָז. ער האָט אונטערגעטראָגן דעם פארשלאָפענעם פּאסאזשיר זײַנעם א קווערטל קאווע און א בוטערבראָד מיט קעז, זיך צוגעזעצט לעבן אים און א שמייכל געטאָן:

— מסיע, איר קאָנט נאָך אזוי פארשלאָפן אײַערע יונגע יאָרן! אײַערע שכײנעס האָבן שוין פאר דער צײַט אופגעגעסן דרײַ בּאראנעס און אויס־געטרונקען צוויי טשײַניקעס טיי, און איר שלאָפט נאָך אלץ! איר קאָנט נאָך אזוי שטארבן פון הונגער, און איך וועל דערנאָך זײַן שולדיק אין אײַער אומגליק... ניין, מסיע, דאָס וועל איך ניט דערלאָזן! עסט און טרינקט, איך וועל באלד נאָך ברענגען!

— א גרויסן דאנק! — האָט מאקס געענטפערט און גענומען זופּן די שטארקע קאווע. דער קאָנדוקטאָר האָט פון אים ניט אראָפּגעלאָזט דעם בליק.

— זאָגט מיר, מסיע, דער טאָג איז פאר אײַך ווייניק? שוין גאנץ שפּעט, און איר האָט געשריגן פון שלאָף אזוי שטארק, אז די צוויי דאמעס האָבן בא מיר געפּאָדערט, איך זאָל זיי געבן אן אנדער אָרט...

מאקס איז ניט געווען געשטימט צו שפּאסן, האָט ער ניט געענטפערט. ער איז געווען אומצופרידן, וואָס מע האָט אים אופגעוועקט פון אזא געשמאקן שלאָף. ער וואָלט אזוי געקאָנט שלאָפן א גאנצן מעסלעס.

— עס איז נאָך ווײַט ביז פאריזש? — האָט ער זיך אָנגערופן. און דער קאָנדוקטאָר האָט זיך אָף א קאָל פאנאנדערגעלאכט:

— אָ, מסיע, איך זע, אז איר אײַלט זיך זייער! איר וועט זיך נאָך בא־ווײַזן דרײַ מאָל אויסשלאָפן. איר וועט דאָ נאָך איבערנעכטיקן, און מאָרגן וועט איר זײַן אין פאריזש. טרינקט קאווע און פארבײַסט...

* * *

דער צוג האָט פארלאנגזאמט דעם גאנג, און עס האָט זיך געדוכט, אז די גאסן לויפן זיך צונויף אהער, צום צוג, די שטראָמען אווטאָמאָבילן און אווטאָבוסן זעען אויס, ווי שפּילעכלעך. די שטאָט האָט זיך צעעפנט פאר מאקס' אויגן א זוניקע און וווּנדער־שיינע מיט אירע הויכע מויערן און פּלעצער, פארביקע שילדן און שײַנענדיקע וויטרינעס.

וויפל וווּנדערלעכע זיכרוינעס רופן ארויס אָט די גאסן און פּלעצער, די סעדער און בולווארן, וואָס מאקס זעט פאר זיך! ער דערמאָנט זיך, ווי מע האָט אים אמאָל אופגענומען, ווי ער האָט אָפּט ביז טאָג שפּאצירט איבער די פּלעצער, זיך אופגעהויבן אפן אייפעל־טורעם, ווי עס האָט בא אים פאר־כאפּט דער אָטעם, קוקנדיק פון דער מוירעדיקער הייך אָף די פאריזשער גאסן, אפן טײַך, דעם פארקלעמטן אין זײַנע שטיינערנע ברעגן...

וויפל נײַע פּלענער זײַנען בא אים דעמלט אופגעשווומען, וויפל נײַע טרוימען און באגערן... און דאָס איז דאָך געווען ניט אזוי לאנג צוריק. נאָר

די צײַטן זײַנען געװוען אנדערע. צי װעלן זיך נאָך אומקערן גוטע צײַטן? אף װיפל יאָרהונדערטן צוריק האָט עס אָפּגעשלײַדערט די מענטשהײַט, די װעלט?

דער צוג איז צוגעגאנגען צום פּעראָן און געבליבן שטיין. מאַקסן האָט זיך געדוכט, אז ארום האָט זיך צעבושעװעט א יאם. מענגעס מענטשן האָבן זיך ארומגעטראָגן היין און הער, טרעגער מיט װעגעלעך האָבן געגװאַלדע־װעט, מע זאָל לאָזן א װעג. פון יענער זײַט פענצטער זײַנען געשטאנען און ארומגעלאָפן מענטשן מיט בלומען, אף עמעצן ארויסגעקוקט אומגעדולדיק, געפּאַקט מיט די הענט.

די פּאסאזשירן האָבן זיך מיט זײערע רענצלעך און טשעמאָדאנעס א לאָז געטאָן צום ארויסגאנג. עס איז געװאָרן א שטופּעניש, א מישמאש, א הו־הא, װאָס האָט זיך צונויפגעפּלאָנטערט מיטן געפּילדער פון פּעראָן.

זײַן װאגאָן איז שוין געװען פּוסט, די פּאסאזשירן זײַנען שוין ארויסגע־גאנגען, און מאַקס האָט געכאַפּט זײַן רוקזעקל און זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט געמאכט עטלעכע שפּאן און געבליבן שטיין. װאָס איז דאָס? ער הערט, װי עמעצער שרײַט אויס זײַן נאָמען, רופט אים... נאָר עס האָט זיך אים געװויס אויסגעדוכט, און זיך געלאָזט װײַטער. פונעם פּעראָן האָבן מענטשן סקאנדירט: „מאַקס קרייסלער! מאַקס קרייסלער“, און ער איז גע־בליבן צעטומלט. װאָס איז דאָס? ער איז צוגעגאנגען צום פענצטער, זיך אײַנגעקוקט, געװאָלט זען, װער איז דאָס? זעט אויס, אין פּאריזש לעבט נאָך איין מאַקס קרייסלער? נאָר אָט זײַנען דורכגעלאָפן איבערן פּעראָן עטלעכע יונגען מיט פּלאקאטן, אף װעלכע עס איז געװען אָנגעשריבן: „א ברודער־גרוס מאַקס קרייסלערן, װאָס האָט זיך ארויסגעריסן פונעם פאשיסטישן גענעם!“, „א גרוס דעם גרויסן שױשפּילער!“.

מענטשן האָבן זיך געלאָזט צו זײַן װאגאָן, אָנגעהויבן פאכן מיט די הענט. עטלעכע מיידלעך מיט פּלאקאטן, אף װעלכע עס זײַנען געװען מאַקס׳ בילדער, האָבן זיך דערנעענטערט צום פענצטער, װו דער גאסט איז גע־שטאנען א פארלוירענער, א צעטומלטער, ניט פארשטייענדיק, װער האָט עס אים אײַנגעאָרדנט אזא רױשיקע באגעגעניש? ניט אנדערש, אז עריך שטוט־באך און יענע, װאָס האָבן מאַקסן באגלייט דורך דער גרענעץ, האָבן מיט־געטיילט?..

באם װאגאָן איז געװאָרן א גרויסע ענגשאפט, א שטופּעניש. דער קאָנ־דוקטאָר מיט די קארע אויגן, װאָס האָט אזוי געטרײַ מעכאבעד געװען דעם גאנצן װעג מאַקסן מיט קאװע און בוטערבראָדן, איז צוגעלאָפן צו אים א שײַנענדיקער און זיך אָנגערופן:

— דאָס זײַנט איר מסיע מאַקס קרייסלער? דאָס באגעגנט מען אײַך אזוי? װער זשע זײַנט איר?

מאַקס האָט א קניטש געטאָן מיט די אקסל:

— װער בין איך? א געװײנלעכער מענטש...

— מסיע, איר זאָגט ניט עמעס! קיין געװײנלעכע מענטשן באגעגנט ניט אזוי שטורמיש פּאריזש!

מאקס קרייסלער האָט זיך שוין ניט אײַנגעהערט אינעם פּלאַפּלערײַ פונעם באַריידעוודיקן קאָנדוקטאָר, וואָס האָט מיטן בעזעם צוגעקערט דעם וואַגאָן. איצט, קוקנדיק אַפן רוישיקן האַמויך, וואָס פון יענער זײַט וואַגאָן, אַפן פּעראָן. האָט שוין מאַקס ניט געצווייפלט, אַז דאָס באַגעגנט מען אים אַזוי. מע דאַרף גיין. נאָר וואָס וועט ער זאָגן די מענטשן? ער איז געווען געריסט ביז טרערן פון דער אומדערוואַרטער באַגעגעניש. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן הויטלעך און זיך דערשראָקן. וויאַזוי באַווײַזט מען זיך איצט פאַר מענטשן? און וואָס זאָל ער זיי זאָגן?

ער האָט זיך געכאַפּט, מאַקס. ער ווייסט שוין, וואָס ער וועט זיי זאָגן! אַרויסגענומען פונעם רוקזעקל זײַן לאַגער־רעקל מיט די פּאַסן, מיטן גרויסן נומער אַף דער פּלייצע, דעם קאַלפּאַק, האָט ער עס שנעל אָנגעטאָן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

דער פאַרזאַמלטער עולם איז מיטאַמאָל דערשטוינט געוואָרן, דערזעענדיק אַף מאַקס קרייסלערן די שרעקלעכע אַרעסטאַנטישע קליידער, מיטן נומער אַף דער פּלייצע, מיט דער געלער לאַטע אַפן לאַץ. אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט דעם האַמויך, און עס האָט זיך בלויז דערהערט אַ שרעקלעכע שושקערײַ:

— זעט נאָר, אינגאַנצן גראָו געוואָרן מאַקס קרייסלער!.. ער איז דאָך נאָך אַ יונגער...

הונדערטער הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו די טרעפּ פון וואַגאָן, אַף וועלכע עס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, אַ צעשטרייטער מאַקס קרייסלער. דער טומל איז אָנגעוואַקסן, ווי אַ יאַם־כוואַליע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אופגעהויבן דעם מענטשן אין דער אוניפאָרם פון „דריטן רײַך" און אַוועקגעטראָגן אַפן גרויסן וואָקזאַל־פּלאַץ, וווּ עמעצער האָט שוין באַוויזן אײַנאָרדענען פון קאַסטנס אַ טריבונע.

פון אַלע זײַטן זײַנען שוין אָהער געלאָפן מענטשן. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אויטאָבוסן און טראַמווײַען, מאַשינעס און טראָליייבוסן, פאַרבײַגייער און פּאַסאַזשירן. אַ מעכטיקער האַמויך איז שוין געשטאַנען אַרום דער טריבונע, זיך אײַנגעקוקט אין דעם אַרעסטאַנט מיט פאַרטײַעטן אָטעם און פּאַכעד, געוואַרט מיט אומגעדולד. עמעצער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גרויסן רופּאָר, זײַן קאָל זאָל הילכן איבערן גרויסן פּלאַץ.

מאַקס קרייסלער האָט אַ פּאָר רעגעס באַטראַכט דעם עולם, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און עס האָט אַ קלונג געטאָן זײַן מעכטיקע, פעסטע שטים:

— ברידער און שוועסטער, מײַנע ליבע אומבאַקאַנטע פרײַנט, טײַערע בירגער פון דער וווּנדערלעכער שטאָט פּאַריזש! איך בין ניט קיין רעדנער, קיין טריבון, איך בין אַ מענטש, אַ שוישפּילער פון זיגפריד לײַנאַרדס טעאַטער אין בערלין... איך בין געוווינט צוריידן מיט דער שפּראַך פון שעקספּירן און מאָליערן, באָמאַרשע און שילערן, גאָרקי און גוצקאָוון, נאָר הײַנט וועל איך ריידן מיט מײַן שפּראַך, דערציילן אײַך וועגן דעם, פון וואָס איך בין אַליין געווען אַ לעבעדיקער איידעס. איך האָב זיך דורך אַ גרויסן נעס

אַרויסגעריסן פֿונעם פֿאַשיסטישן געגנעם, און מײַן הײליקער כּיוו איז הײַנט דערצײלן דער גאַנצער װעלט דעם שרעקלעכן עמעס!

בא אײַערע גרענעצן, מענטשן פֿון פֿראַנקרײַך, זין פֿון די פּאַריזשער קאָמונאַרן, זין פֿון באַסטיליע, בושעוועט אַ שוידערלעכע מאַגײפֿע, וואָס קאָן זיך דערקײַקלען צו אײַך! אַ מאַכנע בלוטדאָרשטיקע טיראַנען, טעמפּע הענקער, ווילדע כײַעס האָבן פֿאַרכאַפּט אין דײַטשלאַנד די מאַכט, און דאָרטן גיסן זיך טײַכן אומשולדיק בלוט, הונדערטער טויזנטער מענטשן — די שיינקײַט פֿון לאַנד — קומען אום אין די טורמעס פֿון געסטאַפּאָ, אין די טויט־לאַגערן! די ווילדע שפּאַנישע אינקוויזיציע איז אַ קינדער־שפּיל אין פֿאַרגלײַך דערמיט, וואָס עס טוט זיך איצט אין „דריטן רײַך“. איך האָב מיט מײַנע אויגן געזען די שוידערלעכע שײַטערס אַף די פּלעצער פֿון בערלין און דעם שרעקלעכן שיידים־טאַנץ אַף די גאַסן, איך האָב געזען די פּאָגראָמען, די טליִעס אַף די גאַסן, און כ׳האָב געזען די ווילדע „קרישטאָל־נאַכט“... די נאַציסטישע וואַנדאַלן האָבן מיט זײערע בלוטיקע שטיוואַליעס צעטאָפּטשעט דעם געזעץ, דעם געוויסן, די קולטור, די ציוויליזאַציע. דאָרט עקזיסטירט מער ניט קײן געזעץ, קײן רעכט, קײן מענטשלעכקײַט. אַ טויט־שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פֿאָלק. אַ שוידערלעכע פּעסט געוועלטיקט איבערן לאַנד. ווילדקײַט, מיטלאַלטער, טויט־לאַגערן טראָגן די ראָצכים דער וועלט! אַ פֿאַכדאָנישער יעפּרײטאָר, אַ נישטיקײַט, אַ מאַניאַק מיט אַ פּאָנעם פֿון אַ דעגענעראַט האָט פֿאַרוואַנדלט דײַטשלאַנד אין אַ מעשוגאָיִם־הויז. איר זעט אַף מיר די נײַע אוניפֿאָרם פֿון דער „נײַער אָרדענונג“? אַזעלכע רעקלעך מיט שוואַרצע פּאַסן האָבן די פֿאַשיסטישע הענקער אָנגעטאָן הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, זײ אַרײַנגעשלײַדערט אין די טויט־לאַגערן. מאָרגן וועלן זײ דאָס טאָן מיט הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען, איבערמאָרגן — מיט אײַך, אויב איר וועט שווײַגן!

ברידער און שוועסטער, זײַט ניט גלײַכגילטיק, דאָס קאָן אײַך טײַער קאָסטן! צו טײַער האָבן מיר באַצאָלט פֿאַר אונדזער גלײַכגילט, פֿאַר אונדזער שווײַגן, פֿאַר אונדזער פּאַסיווקײַט. מיר האָבן באַצײַטנס ניט אופֿגעשניטן דעם שרעקלעכן געשוויר, און ער איז זיך צעוואַקסן, זיך פֿאַרשפּרײט איבערן גאַנצן לאַנד. מיר האָבן ניט אופֿגעהויבן אונדזער שטים — און באַצאָלט מיטן בלוט פֿון די בעסטע זין און טעכטער פֿון דײַטשלאַנד!

ער איז געווען גליקלעך, וואָס זײַן שטים איז הײַנט דערהערט געוואָרן און טויזנטער פּאַריזשער מענטשן האָבן זי מיט אומרו אופֿגענומען. ער האָט הײַנט גערעדט ניט בלויז אין זײַן נאָמען, נאָר אין נאָמען פֿון זיגפֿריד לײַנאַרדן, עריך שטוטבאַכן, אין נאָמען פֿון פֿרידען און וואַלטערן, עמיל שולצן און אילקאָ זאַגולן, ער האָט גערעדט אין נאָמען פֿון טויזנטער, וואָס שמאַכטן אין די טויט־לאַגערן, אונטער די שטעכדראָטן, אין נאָמען פֿון מיליאָנען דערנידעריקטע, פֿאַרמוטשעטע, אין נאָמען פֿון לעבעדיקע און טויטע.

* * *

פון דעם טאָג אָן האָט מאַקס קרייסלער ניט געוווּסט פון קיין רו. ער איז אַרויסגעטראָטן אַף מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס, אַף פאַבריקן און זאַוואָדן, און אומעטום האָט זײַן מעכטיקע שטים געקלונגען ווי אַ וואָרענונגס־אַליאַרעם.

אין אַ סאַך צײַטונגען זײַנען געווען געדרוקט זײַנע רעדעס און זײַנע פּאָרטרעטן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די לאַגער־קליידער, און קיין שום ווערטער האָבן ניט געקאָנט זאָגן מיליאָנען מענטשן מער, ווי דאָס גע־שטרײַפטע רעקל, דער קאָלפּאַק, דער אויסגעברענטער אַף דער האַנט לאַגער־נומער, די געלע לאַטע אַפן לאַץ...

דער האָטעל, ווו דער באַרימטער שוישפּילער האָט געוווינט, איז די גאַנצע צײַט געווען באַלאַגערט פון מענטשן. די צאָל פרײַנט און פאַרערער איז געשטיגן מיט יעדן טאָג. זײַנע אַרטיקלען, ווענדונגען, אינטערוויוען האָבן געלייענט מיליאָנען פראַנצויזן, מע האָט אַלץ איבערגעדרוקט אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט, און מענטשן האָבן זיך דערוווּסט פונעם לעבעדיקן איידעס, וואָס ס'קומט פאָר אין פאַשיסטישן דײַטשלאַנד.

אין דער זעלבער צײַט האָבן מאַקס קרייסלערן ניט געלאָזט צורו די אַנטרעפּרענויאָרן און די באַלעבאַטים פון די טעאַטערן. מע האָט אים אײַנגע־לאַדן שפּילן אין טעאַטער, אַף פאַרשיידענע בינעס.

די סרייפע צעפלאַקערט זיך

מענטשן דערציילן, אַז מאַרסעל דיוראַסאַ איז געווען אַמאָל באַוווּסט אין דער פּראָווינץ ווי ניט קיין שלעכטער קאָמיקער. ער האָט עטלעכע יאָר נאָכ־אַנאַנד געמאַכט פרייד מיט זײַנע וויצן דאָס געערטע טעאַטער־פּובליקום.

מע גיט איבער, אַז ער האָט אַמאָל אַזוי געקיצלט די צושויער, זיי אַזוי געמאַכט לאַכנדיק, אַז צוויי געהויבענע דאַמעס האָבן ניט אויסגעהאַלטן און אָפּדערעמעסן געפּלאַצט פון געלעכטער. ווען די נעשאָמעס האָבן שוין אָט־אָט געזאָלט אַרויסשפּרינגען פון זייערע גופים, האָבן זיי דאָך געפונען אין זיך קויכעס אויסצושרײַען: „בראַוואָ, מאַרסעל!" און מיט די דאָזיקע ווערטער האָבן זיי זיך, די דאַמעס, אַריבערגעפּעקלט אַהין, ווו מע שרײַט שוין ניט...

איינע פון די צוויי דאַמעס איז געווען די פרוי פון דעם שטאָט־מער, און מע האָט געמיינט, אַז ער וועט איבערגעבן דעם קאָמיקער אין געריכט, אים אײַנזעצן אין טורמע, פאַרשיקן אין אויסערלײַסעניש. נאָר לאָזט זיך אויס, אַז דער מער האָט מיט מאַרסעלן אַ וואָך נאָכאַנאַנד געטרונקען קאָניאַק און שאַמפּאַניער — אַדאַנק אים איז ער פּאָטער געוואָרן פון זײַן אַלטער קליפּע...

און נאָך גיט מען איבער, אַז איינמאָל, ווען מאַרסעל דיוראַסאָ האָט געשפּילט דעם לעץ אין אַ פראַנצויזישן וואָדעוויל, האָט אַ מעובערעסע מאַדמואַזעל מאַפּל געווען אין טעאַטער פון געלעכטער, און אין דער לעצטער מינוט האָט די מאַדמואַזעל באַוויזן אויסקוויטשען: „וויוואַט, מסיע דיוראַסאָ!". און גלײַך האָט דאָס נײַ־געבאָרענע קינד אַ פּישטשע געטאָן שוין אַף דער וועלט.

אנדערע זאָגן אפילֿע, אז דאָס קינד האָט ניט געפּישטשעט, נאָר געלֿאכט. שפּעטער האָבן דאָקטוירים געייצעט די פּרויען, וואָס זײַנען שווער געגאַן צו קינד, אָפּטער גיין אין טעאטער זען מארסעלֿן...

אָבער אלֿץ, וואָס מע דערציילֿט זיך אָן וועגן דעם קאָמיקער און זײַנע שטיק, איז ניט איבערצודערציילֿן.

אמאָלֿ האָט מען אים פֿאָרויסגעזאָגט א גלֿענצנדע טעאטראלֿע קאריערע. ער איז געווען, זאָגט מען, א געבוירענער, א גאָטסגעבענטשטער שוישפּילֿער, א קאָמיקער. די נאטור אליין האָט זיך א סטארע געטאָן אים מאכן פּאר אזעלֿכן!

א קלֿיינוווקסיקער, א קײַלֿעכדיקער, ווי א גוטע דייזשקע, מיט א גרויסן הוילֿן קאָפּ, וואָס וואקסט ארויס ניט פֿונעם האלדז, ווי בא אלֿע מענטשן, נאָר פֿון די אקסלֿען, האָט ער דערצו נאָך געהאט א פֿליישיק־רויט פּאָנעם, מיט א פּאָר אויסגעגלֿאָצטע בלֿוילֿעכע, שטענדיק פארוווּנדערטע און ערנסטע אויגן, וואָס קוקן ארום זיך מאָדנע־מעשונע, מיט א גראָבער נאָז, ווי א קארטאָפּליע, צוויי גרויסע אויערן, ווי בא א גוטן האָז, און דערצו נאָך א פּאָר געלֿע וואָנצעס, וואָס האלֿטן זיך אין איין באוועגן... בלֿויז מיט זײַן אויסזען האָט ער געקאָנט מאכן לֿאכנדיק דעם סאמע ערנסטן מענטשן. הײַנט שטעלֿט זיך פּאָר, אז מע פארפּוצט אזא מין פּארשוין אין אן אומגעלֿומפּערטן קאָ־פּעליוש מיט פּעדערן, אין א פּאָר קורצע צעריסענע הייזלֿעך, אין א קורץ רעקלֿ ביזן פּופּיק, מיט איין ארבלֿ, און אז ער טוט דערבײַ א כאָרכלֿ מיט זײַן אייביק צוגעקילֿטער שטים און שטעלֿט ארויס א לֿאנגע צונג — פּארוואָס זשע זאָלֿ מען זיך ניט האלֿטן בא די זײַטן פֿאר געלֿעכטער?

יענע, וואָס האָבן אים ניט געקענט, מארסעלֿ דיוראסאָן, האָבן געטראכט, אז דאָס פּארגרימירט מען דעם מענטשן אזוי קונציק, דאָס האָט מען אָף אים אָנגעטאָן א מאסקע. נאָר א נעכטיקער טאָג! ער האָט ניט געדארפט ניט קיין גרים, ניט קיין שום מאסקעס! אזא איז ער געווען פֿון געבורט! ווי געזאָגט, האָט זיך די נאטור אליין פּאר אים א סטארע געטאָן!

א גלֿיקלֿעכער לֿעץ! אן אנדער קאָמיקער דארף אָפּגיין מיטן שווייס, ביז ער קוועטשט ארויס באם פּובלֿיקום א שמייכלֿ, און ער, מארסעלֿ דיוראסאָ, גענוג, ער זאָלֿ א ביסעלֿע א קראַץ טאָן די פּאָטילֿיצע, זיך א קרים געבן, ווי דער אוילֿעם לֿאכט!

ווי עס זאָלֿ דאָרט ניט זײַן, נאָר ווו מארסעלֿ דיוראסאָ זאָלֿ זיך ניט געווען באווײַזן — אָף דער בינע, אָף דער גאס, אין טראמוויי, — האָט ער אלֿעמען געמאכט לֿאכנדיק!

אָבער די וועלֿט זאָגט, אז דער גרעסטער געלֿעכטער איז געשטאנען דעמלֿט, ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אז אָט דער מארסעלֿ דיוראסאָ איז פֿלוצעם געוואָרן א באלֿעבאָס איבער איינעם פֿון די גרעסטע פּאריזשער טעאטערן. ניט קיין שוישפּילֿער, ניט קיין קאָמיקער, ניט קיין קאָמפּאניאָן און ניט קיין אימפּרעסאריאָ, נאָר טאקע א באלֿעבאָס!..

וועט איר דאָך געוויס פֿרעגן, וויאזוי איז דאָס געשען? איז מעגט איר הערן א מײַסע, א שיינע און א קורצע...

מיט אַ צײַט צוריק איז אין פּאַריזש געשטאָרבן אַן אַלטער אַנטרעפּרעניאָר, מסיע פּראַנסואַ, ווי מע האָט אים גערופֿן אין די טעאַטער־קרײַזן. באַם לעבן האָט דער אַלטער אָפּגעשפּאָרט אַ שיין ביסל פֿראַנק און אַ גוטע טעאַטער־געבײַדע. דאָס גרעסטע פֿאַרמעגן זײַנס איז אָבער געווען זײַן איין־און־איינציקע טאָכטער קאָרעוו די פּופּציק מיטן גרויסאַרטיקן נאָמען סיוזאַנע. אַ לאַנגע דאַרע בריִע מיט אַ קרומלעך פּאָנעם און דערצו נאָך אַ גאַנץ האַרבן כאַראַקטערל. דאָס איז געווען אַ קאַלע־מויד, פֿון וועלכע אַלע זײַנען געלאָפֿן, ווי פֿון פֿײַער. דאָס גאַנצע לעבן האָט איר פֿאָטער געפּאַטערט ניט אַזוי פֿאַרן טעאַטער, נאָר דעריקער דערוף, ער זאָל זי ווי־ניט־איז כאַסענע מאַכן, די סיוזאַנע, זײַן שיינע באַסיעכידקע. נאָר דאָ האָט ניט געהאָלפֿן ניט זײַן אַקשאָנעס, ניט זײַן פֿאַרמעגן — קיין באַלן אויף דער סיוזאַנע איז ניט געווען, כאָטש לייג זיך אַוועק און שטאַרב! אַזוי טאַקע האָט דער אַלטער פּראַנסואַ באַם לעבן ניט געקאָנט זי פֿאַרקנאַסן, כאָטש ער האָט אײַנגעלייגט וועלטן. און שוין שטייענדיק מיט איין פֿוס אין קייווער, האָט ער איבערגעלאָזט זײַנע פֿרײַנט און קרויווים אַ צוואָע: מע זאָל אַלץ טאָן, נאָר געפֿינען פֿאַר זײַן טעכטערל אַ כאָסן...

נאָך דער לעווײַע האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מע האָט געזוכט און גענישטערט, איבערגעקליבן אַ וועלט מיט כאַסאַנים, געגעבן מעלדונגען אין אַלע בלעטער, אַז מע זוכט און מע איז גרייט באַגילדן דעם באַלן, וואָס וועט כײַשעק האָבן נעמען די סיוזאַנע. נאָר אַ נעכטיקער טאָג! נישטאָ קיין באַלאָנים!

און דאָ האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף מסיע מאַרסעל דיוראַסאָ. מע האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין פּאַריזש, פֿאַרפֿירט צו דער דאָזיקער סיוזאַנע און דרײַ מעסלעס געפּאָיעט מיט די טײַערסטע ווײַנען, געהאָדעוועט מיט די שענסטע מײַכאָלים. אַ טויט־שיקערן האָט מען דעם פֿיר־און־זעכציקיאָריקן יונגערמאַנטשיק באַלייגט אין אַ קייסעריש בעט. ווען ער איז געקומען אַ ביסל צו־זיך און אויפֿגעעפֿנט די אויגן, האָט ער דערזען בײַ זײַן זײַט ליגן אַן אישע, דאָס הייסט סיוזאַנען. ווי נאָר ער האָט אויף איר גוט אַ קוק געטאָן, איז ער גלײַך ניכטער געוואָרן און פֿאַרלאָרן דאָס לאָשן, שיר ניט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בעט, שיר ניט באַקומען קיין מיסע־מעשונע!

דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק, איז געווען — זיך לאָזן לויפֿן אַהין, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט. נאָר ער האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי עס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שלאָף־צימער אַ גאַנצע כאָפּטע מענטשן און גענומען גראַטולירן און ווידער זיך געזעצט נעמען לעכאַיִם.

קורץ גערעדט, ער האָט ניט באַוויזן קומען צו־זיך, ווי מע האָט אים פֿאַרקנאַסט! עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געגעסן, געטרונקען און געהוליעט, און ווען דער טשאַד איז אַ ביסל אַרויס פֿון קאָפּ, האָט מאַרסעל דיוראַסאָ זיך דערוווּסט, אַז ער איז שוין אַ היגער און ניט קיין קאָמיקער, ניט קיין קאַפּצן אין זעקס פּאָלעס, נאָר אַ מאַן פֿון דער יעפֿייפֿיע און דער באַלעבאָס פֿון אַן אייגענעם טעאַטער!

אַזוי איז מאַרסעל דיוראַסאָ אַרויסגעשוווּמען אויפֿן פּאַריזשער האָריזאָנט.

און אלע האָבן אים אָנגעהויבן רופן מסיע דיוראסאָ, מסיע מארסעל, און זײַן פלוינעסטע, וואָס האָט צו אלע צאָרעס אירע זיך נאָך ליב געהאט פעסטען, ווי אן אכצניאָריק מיידעלע, — מאדמואזעל מארסעלינע...

אין אָט דעם טעאטער האָט מאקס קרייסלער געשפילט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געווען אין פאריזש אף גאסטראָלן. דעמלט איז דאָס געווען א טעאטער מיט א שעם! דאָ האָט מען אים זייער שטורמיש אופגענומען. דארף דעריבער פאר קיינעם ניט זײַן קיין כידעש, וואָס מארסעל דיוראסאָ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, ווער עס איז געקומען קיין פאריזש, האָט געכאפט אונ־טער דער האנט זײַן מארסעלינע און אוועקגעלאָפן, ווי אן אָפגעבריטער, צו מאקס קרייסלערן, זיך פאָרגעשטעלט, אז ער איז דער איינציקער יורעש פון מסיע פראנסוא, וועלכער האָט אים, מאקסן, אמאָל אופגענומען. וויל ער בעטן, מסיע מארסעל דיוראסאָ, אז מאקס זאָל שפילן בא אים אין טעאטער.

און אזויווי דיוראסאָ איז אײַנגעגאנגען אף אלע באדינגונגען, וואָס מאקס קרייסלער האָט אים ארויסגעשטעלט, און צוגעזאָגט קויפן בא די שריפטשטעלער עמיגראנטן זייערע אנטיפאשיסטישע פיעסן, וואָס שילדערן די גרויסע טראגעדיע פון דײַטשלאנד, איז גלײַך אונטערגעשריבן געוואָרן א קאָנטראקט.

מארסעל דיוראסאָ האָט זיך גיך איבערצײַגט, אז ער האָט זיך ניט אָפ־גענארט אין זײַן אויסוואַל! ווען מאקס קרייסלער האָט געשפילט די ראָל פונעם בארימטן דײַטשישן פראָפעסאָר, וועמען די נאציסטן האָבן פארטריבן פון זײַן קליניק, זיך איזדיעקעוועט איבער אים, האָט זיך דער גרויסער זאַל פון טעאטער מאמעש געבראָכן. שוין לאנג איז דאָ ניט געווען אזויפיל צושויער, שוין לאנג האָט קיין נײַע פאָרשטעלונג ניט געהאט אזא דערפאָלג, ווי אָט די. מארסעל מיט דער מארסעלינע זײַנען געווען אפן זיבעטן הימל. די געשעפטן פון טעאטער האָבן זיך גלײַך א הייב געטאָן, און מארסעל האָט פארשטאנען, אז אויב אויך אף ווײַטער וועט עס אזוי גיין, וועט ער זײַן אפן פערדל!

עמעס, דער אלטער קאָמיקער האָט געכאלעשט פון שרעק דרײַ מאָל א טאָג. דאָס איז געווען א פיעסע, וואָס האָט אינגאנצן געהאט צו טאָן מיט צאפלדיקער פאָליטיק. מאקס קרייסלער איז ארויסגעטראָטן אין דער ראָל פון א פאָלקס־טריבון, א באשולדיקער, א קעמפער קעגן דער עקלדיקער אָרדענונג. און מארסעל האָט מוירע געהאט, ער זאָל ניט פארלירן זײַן טעאטער...

דאָך איז אמאָל אזוי געשען, אז דער געוועזענער קאָמיקער און איצטיקער באלעבאָס האָט שיר ניט ארויסגעבראכט מאקסן פון די קיילים.

אף אן אופנאם בא דער מארסעלינע, נאָך א נײַער פאָרשטעלונג, איז דיוראסאָ פלוצעם ארויס מיט א ספיטש:

— מסיע קרייסלער, איך גראטוליר אײַך מיטן נײַעם דערפאָלג, וואָס איר האָט הײַנט געהאט בא מיר אין טעאטער, נאָר איין אייצע וויל איך אײַך דאָך געבן: וואָס זשע, ווייניק צאָרעס האָט איר געהאט דאָרטן בא די דײַטשן, דאָרטן אין זייערע לאגערן, ווייניק האָט איר זיך געמוטשעט. צוליב

וואָס זשע דאַרפט איר זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק? איר פאַרשטייט דען אַליין ניט, אַז די צײַט איז איצט אַ שווערע, אַ שרעקלעכע, דאַרף מען זיך ניט אַרײַנמישן אין וועלט־זאַכן! איצט איז אַ צײַט, ווען מע מוז לעבן פאָר־זיכטיק — טשעפּע מיך ניט, וועל איך דיך ניט טשעפּען!.. אין פראַנקרײַך זײַנען אויך פאַראַן שלעכטע מענטשן... זײַט זשע בעסער געהיט... אויב איר וועט זיך היטן, וועט אײַך גאָט אויך היטן... מע לאָזט אײַך שפּילן דערווײַל? שפּילט און שפּײַט זיך אויס אָף פּאָליטיק, קיין גוטס וועט זי אײַך ניט ברענגען — פאָלגט מיך! וואָס דאַרפט איר זיך נאָך מישן אין די מיטינגען, פאַרזאַמלונגען? דאָס איז ניט פאַר קיין שוישפּילער. און איר דאַרפט ניט שרײַבן אין די צײַטונגען. זאָלן אַנדערע! אײַער באַרוף, מסיע קרייסלער, איז די בינע. דאָס איבעריקע — זאָל ברענען! אַזוי וועט אײַך און מיר זײַן רויִקער צו לעבן!..

— מסיע דיוראַסאָ! — האָט מאַקס איבערגעשלאָגן. — איך דאַנק אײַך זייער פאַר אײַערע אייצעס. נאָר דערלויבט מיר אַליין באַשטימען, וואָס איך האָב צו טאָן און וואָס איז מײַן באַרוף... איך פאַרשטיי, אַז אָף אַ גאַנצער ריי פראַגן האָבן מיר מיט אײַך פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. איז אָדער יעדער פון אונדז זאָל בלײַבן בײַ זײַן מיינונג, אָדער איך קאָן פאַרלאָזן גלײַך אײַער טעאַטער.

— גאָט באַהיט! — האָט זיך דערשראָקן מסיע דיוראַסאָ. — איך האָב אײַך גאָרניט געזאָגט. מער וועל איך זיך צו דעם ניט אומקערן. טוט, וואָס איר פאַרשטייט, נאָר פאָלגט מיך — איצט איז אַ ביטערע צײַט. יעדער מוז לעבן זייער פאָרזיכטיק...

* * *

מאַקס קרייסלערן האָט זיך פריִער געדאַכט, אַז ניט זייער לאַנג וועט אים אויסקומען זײַן באַוועגאַד. נאָר פון דײַטשלאַנד זײַנען אָנגעקומען אַלץ שווערערע ידיעות. אויך אין אַנדערע עקן וועלט איז געוואַקסן די געפאַר. אַדאָלף היטלער האָט געהאַט זײַנע נאָכפאָלגער.

פאַרטאָן אין זײַן גרויסער אַרבעט, האָט מאַקס קרייסלער ניט באַמערקט, ווי די צײַט לויפט. דער טעלעגראַף האָט געבראַכט בייזע גרוסן. אָף דער וועלט איז געוואָרן אומרויִקער. דער פאַשיזם אין דײַטשלאַנד און איטאַליע איז געוואָרן אַלץ פרעכער, אָנגרײַפערישער. דאָ און דאָרט האָט מען אָנגע־צונדן מילכאָמע־סרייפעס.

די גאַנצע וועלט איז אויפגערודערט געוואָרן פון די געשעענישן אין שפּאַ־ניע. דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעוואָרפן די צעפוילטע מאָנאַר־כיע, גענומען די מאַכט צו זיך אין די הענט, געמאָלדן אין שפּאַניע אַ רעפּוב־ליק. נאָר דאָס פאָלק האָט נאָך ניט באַוויזן געניסן פון זײַן גרויסן ניצאָכן, ווי דער גענעראַל פראַנקאָ האָט צונויפגענומען אַלע שוואַרצע קויכעס און מיט דער הילף פון די דײַטשישע און איטאַליענישע בראָנירטע דיוויזיעס אָנגעהויבן אַ בלוט־מאַרש קעגן דער יונגער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

דאָס פאָלק האָט זיך גענומען פארן געווער. אין שפאניע האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג. אָפגייענדיק מיט בלוט, האָט דאָס שפאנישע פאָלק געקעמפט אף די באריקאדעס פאר זײַנע דעמאָקראטישע רעכט, פארן לעבן. צום ערשטן מאָל פאר העכער הונדערט יאָר איז דאָס פירענייער האלבאינדזל פארוואנדלט געוואָרן אין א שלאכטפעלד. אנטיפאשיסטן פון דער גאנצער וועלט האָבן געאײַלט קיין שפאניע, קעדיי העלפן די רעפובליקאנער.

אין איינעם פון די טעג, ווען די וועלט איז געווען אופגערודערט פון דער נײַעס, ווען עס האָט זיך אפילע געדאכט, אז אויך דאָ, אין פאריזש, שמעקט די לופט מיט פולווער, זײַנען געקומען צו לויפן צו מאקס קרייסלערן אָן א נעשאָמע מסיע מארסעל מיט דער מארסעלינע.

זיך צוגעזעצט באם טיש, ווי מע זאָל אים וועלן אײַנרוימען א גרויסן סאָד, האָט מען א פאָר רעגעס געקוקט איינס אפן אנדערן — מארסעל אף דער מארסעלינע און די מארסעלינע אף מארסעלן, — און דער באלעבאָס האָט זיך געווענדט צו מאקסן:

— נו, מסיע קרייסלער, ווער איז געווען גערעכט? האָב איך אײַך דען פריִער ניט געזאָגט, אז פארנעמען זיך מיט פּאָליטיק איז שטארק געפערלעך?.. איר האָט געהערט, וואָס עס טוט זיך אין שפאניע, ניט ווײַט פון אונדז? דאָס איז דאָך א שוידער! א מוירעדיקע מילכאָמע! פאשיזם — דאָס איז אזא בייזער הונט, וואָס מיט אים איז בעסער זיך ניט אָנהייבן. מע דארף אים אונטערוואַרפן א בייך, און זאָל ער אים הריזען, וועט ער ווערן שטילער... צוליב וואָס דארפט איר פּיעסן וועגן דײַטשלאנד, זאָלן זיי דאָרטן, אין דײַטשלאנד און שפאניע, שלאָגן קאָפּ אין וואנט, אבי זיי זאָלן אונדז ניט טשעפּען... מע דארף איצט לעבן פּאָרזיכטיק... זייער פּאָרזיכטיק, ווײַל מיר ווייסן ניט, וואָס וואַרט אף אונדז...

מאקס האָט נערוועז אָנגעקוקט דעם פּארסאָפּעטן באלעבאָס און ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס איז ער געקומען און וואָס וויל ער פון אים. נאָך א לאנגער פּאוזע האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווי איך פארשטיי, מסיע מארסעל, האָט איר מוירע, וואָס איך ארבעט בא אײַך אין טעאטער? אויב אזוי, קאָנט איר רעכענען, אז איך בין שוין ניט בא אײַך...

— וואָס רעדט איר, מסיע קרייסלער! — איז אונטערגעשפּרונגען פון אָרט די מארסעלינע. — איר וועט דאָס ניט טאָן! אָן אײַך שטעל איך זיך ניט פאָר דעם טעאטער... מארסעל רעדט קלאָל אזוי... — איבערגעכאפּט דעם אָטעם, האָט זי פאָרגעזעצט: — מע זאָגט, אז א סאך פאריזשער מאנצבלעך פאָרן קיין שפאניע זיך שלאָגן. איר האָט געהערט?

— געוויס! און זיי טוען זייער גוט. אין שפאניע ווערט איצט געלייזט דער גוירל פון פראנקרײַך און, מעגלעך, פון דער וועלט... — האָט מאקס געזאָגט, צוגייענדיק צום צעפּראלטן פענצטער.

— יאָ, ניט גוט... זייער ניט גוט... — האָט טיפזיניק ארײַנגעשטעלט מסיע דיוראסאָ. — וואָלטן זיי זיך געשלאָגן ניט אזוי נאָענט צו פראנקרײַך, וואָלט געווען בא אונדז רויִקער...

מאַקס האָט געשוויגן עטלעכע מינוט, זיך אײַנגעקוקט אין די שײנע פּאַריזשער דעכער און געטראַכט, אַז אין דער זעלבער מינוט שיטן זיך באָמבעס אויף די דעכער פֿון מאַדריד, אַז עס ברענען שטעט און דערפֿער און מענטשן קאָנען דאָרט קײן רויִק װינקל ניט געפֿינען.

— מסיע מאַרסעל, באַפֿוילט מאָרגן אָפּדרוקן און אויסהענגען אַפֿישן אין שטאָט, אַז די נאָענטע דרײַ פֿאָרשטעלונגען גיבן מיר לטובֿת די קינדער און פֿאַרוואונדעטע רעפּובליקאַנער פֿון שפּאַניע... מיט אַלע אַקטיאָרן האָב איך זיך שוין צונויפֿגערעדט. אַלע זײַנען מסכּים...

מאַרסעל דיוראַסאָ איז דערשטוינט געוואָרן, אָנגעהויבן זיך פֿאַרהיקען:

— וואָס רעדט איר? איר וועט דאָך מיך רויִנירן! דאָס איז ניט מעגלעך...

— די אַקטיאָרן האָבן אַזוי באַשטימט. אויב איר, מסיע דיוראַסאָ, זײַנט קעגן, וועט קײנער ניט אַרויסגײן אויף דער בינע...

מאַרסעלס פּאָנעם האָט זיך אינגאַנצן איבערגעקרימט, ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער מאַרסעלינע און פֿאָרזיכטיק אַ זאָג געטאָן:

— מסיע קרײסלער! נו גוט, נאָר איר מאַכט מיך דאָך אומגליקלעך. און אײן פֿאָרשטעלונג לטובֿת די שפּאַניער איז דען װײניק?

— װײניק, מסיע מאַרסעל, דערװײַל וועט זײַן דרײַ פֿאָרשטעלונגען, אײַנגיכן וועלן מיר עס איבערכאַזערן. מע מוז קומען צוהילף אונדזערע פֿרײַנט, וואָס שלאָגן זיך פֿאַר זײער לעבן... און אויך פֿאַר פֿראַנקרײַך...

— גוט... איר װילט אַזוי, וועט זײַן אַזוי... — האָט מיט אַ געפֿאַלענער שטים אַרויסגעזאָגט מאַרסעל און גענומען די מאַרסעלינע פֿאַר דער האַנט, שטילערהייט אַרויסגעגאַן פֿון מאַקס׳ צימער.

אַ מאָדנער מענטש דער מאַקס קרײסלער, — האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן מאַרסעל דיוראַסאָ, — ניט אַנדערש, ווי ער זוכט זיך דעם טויט. אַזאַ װוּנדערלעכער אַקטיאָר, מיט אַזאַ נאָמען! ער קאָן דאָך גײן אָנגעטאָן אין גאָלד! וואָס זשע טוט ער? דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן האָט ער אָפּגעגעבן לטובֿת די קינדער פֿון שפּאַניע, די פֿאַרוואונדעטע זעלנער, און אַלײן איז ער געבליבן באַ גאָרניט! נאָר דאָס איז פֿאַר אים נאָך װײניק, האָט ער צוגעטראַכט געבן עטלעכע ספּעקטאַקלען און דאָס גאַנצע געלט איבערגעבן אויף אײַנקויפֿן מעדיקאַמענטן פֿאַר די רעפּובליקאַנער סאָלדאַטן, די פֿאַרוואונדעטע. איז אים דאָס אויך ניט גענוג, טרעט ער אַרויס מיט פֿלאַמפֿײַערדיקע רעדעס אויף מיטינגען, באַנקעטן און זאַמלט מיליאָנען פֿראַנק לטובֿת די רעפּובליקאַנער. ווער ווייסט, ער קאָן אים, מאַרסעלן, נאָך אָפּטאָן אַ שפּיצל און אינגאַנצן אַוועקגײן קײן שפּאַניע, ווי עס האָבן שוין געטאָן אַ סך זײַנע באַקאַנטע און פֿרײַנט...

דער געדאַנק האָט אויף מאַרסעל דיוראַסאָ אָנגעוואָרפֿן אַ פּאַכעד. נאָך די אַרויסטרעטונגען פֿון מאַקסן באַ אים אויף דער בינע וועט קײנער ניט גײן קוקן קײן פֿאָרשטעלונגען אָן קרײסלערן.

יאָ, ניט אַנדערש, אַז דער בעקער פֿון קאָלאָמײע האָט באַשטימט אים אינגאַנצן רויִנירן, מאַכן אים פֿאַר אַ קאַפּצן!

און מאַרסעל דיוראַסאָ, לאָזט זיך אויס, איז ווי געוועזן דערבײַ!

עס איז אוועק א שטיק צײַט, און מאַקס קרייסלער האָט פאַרלאָזט די בינע, פּאַריזש. ער האָט געהייסן איבערגעבן, אַז ער איז געפאָרן קיין ענגלאַנד אָף גאַסטראָלן, נאָר אייניקע האָבן זיך אָנגעשטויסן, וואָס פאַרא גאַסטראָלן דאָס זײַנען געווען... צוזאַמען מיט א גרויסער גרופּע פרײַנט האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין די פּירענייער בערג, פון דאָרטן — אין מאַדריד, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען...

צווישן אייגענע און נאָענטע

ער איז געגאַנגען מיט די וועגן פון שפּאַניע, און דאָס האַרץ איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט, קוקנדיק אָף די מוירעדיקע רויִנען פון שטעט און דערפער.

אומעטום האָבן געבושעוועט סרייפעס נאָך די אָנפאַלן פון די פאַשיסטישע באָמבאַרדירער.

אַלע וועגן און שטעגן זײַנען געווען איבערפולט מיט פּליטים, פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. און אַהין, צו מאַדריד, אָפן פראָנט האָבן זיך געצויגן אַלץ נײַע און נײַע מאַכנעס — פּאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק.

עס זײַנען געגאַנגען אָפן פראָנט קוילנגרעבער פון בילבאַאָ און ווײַנגערטנער פון באַרסעלאָנער קאַנט, פּאַסטעכער און מעטאַליסטן, נייטערנס און טעסלער. ווער מיט ביקסן, ווער מיט די הוילע הענט. יונגע סטודענטן און סטודענטקעס. און באַנאַנד מיט זיי — מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, פון דער ליטע און טשעכיע, פון עסטרײַך און פראַנקרײַך, פון קאַנאַדע און בראַזיליע, פון רוסלאַנד און שוועדן, מענטשן פון פּוילן און גאַליציע — אַלע, וועמען עס איז טײַער געווען די פרײַהײַט, די דעמאָקראַטיע, ווער עס האָט געפילט די גרויסע געפאַר, וואָס רוקט זיך אָן אָף דער וועלט — די געפאַר פון פאַשיזם. ערשט האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דער שרעקלעכער פאַשיסטישער פעסט פון די בלעטער, און דאָ האָט מען געזען דאָס בלוטיקע פּאָנעם פון די פאַשיסטישע הענקער, זיי זײַנען אַהער געקומען פון דײַטשלאַנד און איטאַליע, און מע האָט זיי געמוזט אָפּשטעלן אָדער שטאַרבן.

אין יענע טעג האָבן קיין מאַדריד געאײַלט פון אַלע עקן וועלט שריפטשטעלער און קינסטלער, געלערנטע און שוישפּילער, אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים. מע איז זיך צונויפגעקומען אָפן קאָנגרעס פון פאַרטיידיקער פון דער קולטור, פון דעם לעבן קעגן דער ברוינער פּעסט, קעגן פאַשיזם. פון דער הויפּטשטאָט פון שפּאַניע, וואָס איז אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען, האָט געדאַרפט א הילך טאָן איבער דער גאָרער וועלט די שטים פון האַס און פּראָטעסט קעגן די נאַציסטישע טאַליאַנים, קעגן די בלוטדאָרשטיקע טיראַנען.

ווען איבער מאַדריד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט, זײַנען הונדערטער געסט — דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע עקן וועלט — געקומען אין גרויסן טעאַטער, וואָס מיט די דורכגעלעכערטע ווענט און צעהאַקטע שויבן. דער האַלבטונקעלער זאַל איז געווען איבערפולט מיט מענטשן. צוזאַמען מיט די דעלע־

גאָטן פֿון קולטור־קאָנגרעס זײַנען זיך אהער צונויפֿגעקומען פּאַרטיידיקער פֿון מאַדריד, זעלנער און אָפֿיצערן פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, מיניסטאָרן פֿון דער רעפּובליקאַנער רעגירונג און אַרבעטער פֿון די פֿאַבריקן, ווײַנגערטלער פֿון די אַרומיקע דערפֿער. דאָ, אין איבערגעפֿולטן מיט מענטשן זאַל, האָט מען געהערט, ווי עס קלינגען לידער אויף אַלע שפּראַכן און לעשויעס. דאָ האָבן זיך באַגעגנט פֿרײַנט, כאַווײרים, וועלכע האָבן זיך צענדליקער יאָרן ניט געזען, קעמפֿער פֿאַר דער פֿרײַהײַט, וועלכע זײַנען צוזאַמען געזעסן אין טורמעס און קאַזעמאַטן, צוזאַמען זיך געשלאָגן אויף די רוסישע פֿעלדער אין די יאָרן פֿון בירגערקריג, פּאַרטיידיקנדיק די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע...

אהער, אין גרויסן זאַל, זײַנען געקומען זעלנער פֿון די אָקאָפּעס; פֿון די האָספּיטאַלן האָבן זיך אַרויסגעגאַנוועט און זיך דערקליבן אהער פֿאַרווונדעטע שלאַכטלײַט, ווער מיט שטעקלעך, ווער אויף מיליצעס. דער טומל האָט זיך געשטאַרקט, און דאָך האָט זיך אהער דערטראָגן דער געהילך פֿון די האַרמאַטן: דער פֿראָנט איז געווען נאָענט. און ניט אַנדערש, ווי דער סוינע האָט זיך דערוווּסט, וווּ עס האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט דער קאָנגרעס, און מע וויל שטערן...

אַט האָט זיך אויפֿגעהויבן דער פֿאָרהאַנג, און טויזנטער מענטשן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון די ערטער, באַגריסנדיק די דעלעגאַטן, די שלאַכטלײַט. לאַנג האָט געדויערט די אָוואַציע, און פֿון אַלע זײַטן, פֿון פּאַרטער און גאַליאָרקעס האָבן זיך געטראָגן רופֿן אויף צענדליקער שפּראַכן, און העכער פֿון אַלע האָבן געהילכט צווייִ ווערטער „נאָ פּאַסאַראַן!“ — דער פֿאַשיזם וועט ניט דורכגייען!

אויף דער בינע האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גראָוער דיכטער, אַ באַרימטער אין דער גאַנצער וועלט, און זײַן מעכטיקע שטים האָט אַ קלונג געטאָן איבערן אײַנגעשטילטן זאַל. זײַנע פּראָסטע ווערטער, אָנגעפֿולטע מיט האַס און צאָרן, פּראָטעסט קעגן די טיראַנען, זײַנען דערגאַנגען צו יעדן אייַנציקן, כאָטש ניט יעדערער האָט געקענט זײַן שפּראַך. נאָר דאָ האָט קיינער ניט געדאַרפֿט קיין איבערזעצער — דאָס איז געווען די שפּראַך פֿון די פּאַרטיידיקער פֿונעם מענטשן, פֿון דער קולטור, פֿונעם פֿרײַען גײַסט, פֿון שאָלעם.

פֿון דער בינע האָבן געקלונגען ווערטער אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, און אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען איינס: דאָס זײַנען ווערטער פֿון גרויסן מענטשן־אומרו פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון דער וועלט, פֿון דער קולטור...

אַרומגערינגלט מיט אַלטע באַקאַנטע און פֿרײַנט, איז מאַקס קרייסלער געזעסן אין זאַל און מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם געהערט די רעדנער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער איינער פֿון זיי נעמט אַרויס פֿון זײַן מויל זײַנע ווערטער, וועלכע ער האָט זיך געקליבן אַרויסזאָגן. אָט וועט מען שוין באַלד אָנרופֿן זײַן נאָמען און אים וועט אויסקומען אַרויסגיין אויף דער בינע, אַרויסטרעטן פֿאַר אַזאַ אומגעווייִנלעכער אַודיטאָריע, פֿאַר גרויסע רעדנער, גלענצנדע שעפֿער פֿון וואָרט, וועלכע זײַנען מיט זייערע ביכער באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. דאָ, אין טעאַטער, זײַנען איצט געווען פֿאָרשטייער פֿון אַלע עקן וועלט, דעלעגאַטן פֿון קאָנגרעס און געסט — שלאַכטלײַט פֿון דער רעפּובליקאַנער שפּאַניע און אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, — דאָ זײַנען

געווען שפאניער און פראנצויזן, רוסן און ייִדן, פּאָליאַקן און דײַטשן, ענגלענ־דער און אוקראַיִנער, טשעכן און שוועדן, אמעריקאנער און לעטן, — דאַרף ער פאר די מענטשן ארויסטרעטן אזוי, מע זאָל אים פארשטיין אָן אן איבער־זעצער. מאַקס האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן און אַף יעדער פון זיי געקאָנט זאָגן דאָס, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט בא אים אפן האַרצן, נאָר ער האָט גע־זוכט אן אנדער שפּראַך. און ווען מע האָט אויסגערופן זײַן נאָמען, ווען דער פּאָרזיצער האָט געמאָלדן, אַז א וואָרט באַקומט דער באַרימטער דײַטשישער אַקטיאָר, האָט מאַקס קרייסלער זיך געלאָזט צו דער טריבונע, ארויסגענומען פון פּאָרטפעל זײַן רעקל מיטן קאָלפּאַק, דאָס אָנגעטאָן אַף זיך און זיך אופ־געהויבן אַף דער בינע.

דער טעאַטער־זאַל איז דערשטוינט געוואָרן, דערזעענדיק דעם מענטשן אין דער אוניפאָרם פון היטלערישן טויט־לאַגער. אַלע, ווי איינער, האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער און א לאַנגע מינוט געשטאַנען אין טרויעריקן שווײַגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מע האָט געוואַרט אַף קרייסלערס וואָרט, נאָר ער האָט געשוויגן. וואָס האָט ער נאָך געקאָנט צוגעבן דערצו, וואָס מע האָט אַליין געזען? אָט דאָס אָנטאָן מיט די שוידערלעכע שוואַרצע פּאַסן, דער גרויסער נומער אַף דער פּלייצע און דער אויסגעברענטער נומער אַף דער האַנט פון דעם גרויסן קינסטלער האָבן גערעדט שטאַרקער פאַר אַלץ.

מיט זײַן שנעלן און פעסטן טראָט האָט זיך מאַקס קרייסלער געלאָזט גיין אַף זײַן אָרט, נאָר אנטקעגן איז געלאָפן א פאַרברוינטער אָפיצער מיט צע־שפּרייטע אָרעמס. ער האָט אים ארומגעכאַפּט קושן, האַלדזן.

— וואַלטער?! — האָט מאַקס געשטאַמלט, קוקנדיק אַף דעם פאַרברוינטן פון דער זון און ווינטן יונגנמאַן. — איר זײַנט דאָ, אין מאַדריד?

וואַלטער שולץ איז געשטאַנען, זאָט ניט געקאָנט זיך אָנקוקן אין קרייס־לערן. און מאַקס האָט אַף אים געקוקט, ווי אַף א וווּנדער. געוויס איז דאָס געווען יענער זעלבער וואַלטער שולץ, דער שאָפער, וואָס האָט אים געראַטע־וועט פונעם לאַגער, יענער שאָפער, אַדאַנק וועלכן ער געפינט זיך איצט אין דעם זאַל.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען זיי שוין געווען אפן פּלאַץ און זיך גע־לאָזט גיין איבער די טונקעלע גאַסן פון מאַדריד.

מיט פאַרכאַפּטן אָטעם האָט מאַקס געהערט, וויאַזוי וואַלטער שולץ האָט זיך מיט א גרופּע אַרבעטער ארויסגעריסן פון דײַטשלאַנד און זיך דערקלײַבן קיין מאַדריד, זיך אײַנגעשלאָסן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער טעלמאַן־בריי־גאַדע. שוין א לאַנגע צײַט, אַז ער געפינט זיך דאָ, ניט ווײַט פון מאַדריד, אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט מילכאָמע האַלטן און איז געוואָרן א קאָמאַנדיר פון א באַטאַליאָן. מיט א צעבראָכן האַרץ האָט ער דערציילט, ווי מע האָט ארויסגעפירט עריך שטוטבאַכן און זײַן פאָטער אין שרעקלעכן קאָנצלאַגער ערגעץ קיין דאַכאַו...

זיי זײַנען געגאַנגען איבער די פאַרוואַלגערטע פון רויִנעס גאַסן, און אַלץ אָפטער האָבן פּאַטרולן זיי אָפּגעשטעלט, געפאָדערט דאָקומענטן, ווער זײַנען זיי און פונוואַנען מע גייט.

מע האָט ניט באַמערקט, ווי די צײַט איז דורכגעפֿלויגן. זיי זײַנען שוין געווען ווײַט פֿונעם צענטער שטאָט. דאָס זשומען פֿון באָמבאַרדירער האָט זיך געשטאַרקט, דײַטלעכער האָט זיך אַהער דערטראָגן דער געברום פֿון האַר־מאַטן, דאָס פּײַקלען פֿון קוילנוואַרפֿער. דאָ און דאָרט האָבן זיך צום הימל געהויבן וואָלקנס רויך און פֿלאַמען האָבן געבושעוועט איבער פּילשטאָקיקע הײַזער.

וואַלטער האָט זיך אײַנגעקוקט פֿאַרזאָרגט אין יענער ריכטונג און זיך אָפּ־געשטעלט:

— ווײַטער, קאַמראַד קרײַסלער, וועלן מיר מיט אײַך ניט גיין. איר דאַרפֿט זיך אומקערן אין האָטעל, שוין שפּעט.

— און איר, וואַלטער?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ ווײַז געטאָן אַהין, צו די בערגלעך, וואָס זײַנען געווען באַשײַנט פֿון דער לעוואָנע:

— איך מוז גיין צו מײַנע קאַמראַדן... דאָרטן זיצן זיי, אין די שוצגרובנס. איך וועל זיך באַמיִען מאָרגן קומען צו אײַך, קאַמראַד קרײַסלער.

— איך וועל גיין מיט אײַך... — האָט מאַקס איבערגעריסן.

וואַלטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אָף ניין. ער קאָן אים ניט מיט־נעמען מיט זיך. דאָרטן, אין די טראַנשייעס און שוצגרובנס, שטייט זײַן באַ־טאַליאָן, און גאַנצפֿרי קאָן דער סוינע זיך פּרוּוון אַטאַקירן. ער קאָן ניט שטעלן קרײַסלערן אין געפֿאַר. די קוילן און סנאַריאַדן קלײַבן זיך ניט פֿאַנאַנדער, ווער ס׳שטייט פֿאַר זיי — אַ געוויינלעכער סאָלדאַט אָדער אַזאַ באַרימטער מענטש, ווי מאַקס קרײַסלער.

דאָך האָט ער אים אײַנגערעדט, וואַלטערן, ער זאָל אים אוועקפֿירן אַהין, ווו עס געפֿינט זיך זײַן באַטאַליאָן, ער מוז זיך כאָטש באַקאַנען מיט די טעל־מאַן־זעלנער, זיך דורכשמועסן מיט זיי...

מיט די געדרייטע טראַנשייעס, אָנבייגנדיק די קעפּ, קיין קויל זאָל ניט פֿאַרטשעפּען, האָבן זיי זיך דערקליבן צו די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. אַ פּאָר הונדערט שפּאַן פֿונדאַנען האָט זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד דער בלוטי־קער סוינע.

וואַלטער איז געגאַן דער ערשטער, און נאָך אים האָט געאײַלט מאַקס. ער האָט זיך געסטאַרעט ניט אָפּשטיין, זיך האַלטן דרייסט. בלויז די ערשטע עט־לעכע מינוט, ווען איבערן קאָפּ האָבן דורכגעפֿײַפֿט קוילן, שפּליטערס פֿון סנאַריאַדן, איז געווען שרעקלעך. מאַקס האָט געזען, ווי וואַלטער פֿירט זיך דרייסט, ווי ער בייגט זיך אָן און רוקט זיך ניט אַרויס פֿון טראַנשײ, האָט ער אים אויך נאָכגעטאָן. וואַלטער האָט זיך געערגערט, לעמײַ האָט ער מיטגענו־מען קרײַסלערן, נאָר אײַנצײַטיק האָט עס אים האַנאָע געטאָן, וואָס דער באַ־רימטער שוישפּילער פֿון לײַנאַרד־טעאַטער וועט באַזוכן זײַן באַטאַליאָן און די זעלנער און אָפֿיצערן וועלן זיך מיט אים באַגעגענען. ניט ווייניק מענטשן האָבן אים געזען אין בערלין, אָף דער בינע, און די באַגעגעניש מיט מאַקסן וועט פֿאַרשאַפֿן אַלעמען גרויס פֿאַרגעניגן, דאָס וועט זײַן אַ לעבעדיקער גרוס פֿון דער היים. וואַלטער האָט נאָר געטרוימט, דער טאָג זאָל זײַן אַ רויִקער,

עס זאָל ניט אויסקומען אָפּשלאָגן קיין פֿײַנטלעכע אטאקעס, און דער באַרימ־טער גאסט זאָל האָבן די מעגלעכקײַט ארויסטרעטן פאר די זעלנער.

און דאָך איז וואלטער געווען אומרויִק. פאר דעם קנאפּן יאָר, וואָס ער געפינט זיך דאָ, אף די פּאָזיציעס, האָט ער זיך אויסגעלערנט גוויוער זײַן די שרעק. ער האָט שוין געוווסט, וועלכער סנאריאד וועט אריבערפליִען און וועלכער וועט זיך צערײַסן נאָענט. אציגד האָט ער מוירע געהאט ניט פאר זיך, נאָר פארן גאסט. דאָרטן, אין די טראנשייעס, אנטקעגן זיצן אויך דײַטשן, נאָר דאָס זײַנען העגקער, געשיקטע אהער דורך היטלערן. אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, ווער עס איז געקומען צו וואלטערן, וועלן זיי ניט זשאלעווען קיין קוילן און סנאריאדן. מע דארף זיך וואָס גיכער דערקלײַבן צו זײַן בלינ־דאזש — דאָרטן וועט זײַן ניט אזוי געפערלעך, ווי דאָ. ער וועט ניט דער־לויבן מאקסן זיך לאנג פארהאלטן. ער וועט אים ארויסבאגלייטן אין שטאָט ארײַן, נאָך איידער עס וועט זיך אָנהייבן דער פרימאָרגן. זאָל יענער זיך בע־סער געפינען אין שטאָט צוזאמען מיט אלע דעלעגאטן...

וואלטער שולץ האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, ווען זיי זײַנען ארײַנגעקומען אין בלינדאזש, וואָס האָט זיך אײַנגעהריזעט אין א בערגל צווישן די פעלדזן, וואָס איז גוט פארמאסקירט פונעם סוינעס אויג.

אף א קליין טישעלע האָט געצאנקט א קאנעצל, און אין ווינקל אף דער נארע האָט געדרעמלט א יונגער סאָלדאט. צו זײַן אויער איז געווען קונציק צוגעבונדן דאָס טרײַבל פונעם טעלעפאָן־אפּאראט. דערהערט, ווי עמעצער איז אהער ארײַנגעקומען, האָט דער סאָלדאט זיך אופגעכאפּט, גענומען צעשטרייט זוכן זײַן עספּאניאָלקע, וואָס האָט זיך געוואלגערט אפן ערדענעם דיל, זי אופ־געהויבן, אָנגעטאָן און באגריסט דעם קאָמבאט, דערלאנגט אים עטלעכע טע־לעפאָנאָגראמעס, באטראכטנדיק איינצײַטיק דעם ציווילן מענטשן.

— נו, קאמראד קרייסלער, איר האָט ניט געוואָלט גיין אין האָטעל, וועט אײַך אויסקומען אָפּרוען בא אונדז אין פּאלאץ... אָט דאָ וווינען מיר שוין עטלעכע כאדאָשים. פריִער זײַנען מיר געשטאנען ניט ווײַט פונעם אוניווער־סיטעט־שטעטל, איצט האָבן מיר זיך אריבערגעקליבן אהער, אף א נײַער וווינונג.

ער האָט א ווונק געטאָן צום סאָלדאט, און יענער האָט ארויסגענומען פון א ווינקל צוויי פלעשער ווײַן, וווּרשט, קעז, ברויט און דאָס אוועקגעשטעלט אפן טישעלע:

— איר ווייסט, כאוועד קאָמאנדיר, — האָט ניט דרייסט זיך אָנגערופן דער סאָלדאט, — א פּאָר שאָ פאר אײַער קומען האָט דער „שאָכן" אונדז מעכאבעד געווען מיט אזא וועטשערע, אז די ערד האָט זיך געטרייסלט. איך האָב גע־מיינט, אז מירן ווידער מוזן בײַטן אונדזער וווינונג. דער פארפלוכטער האָט צו אונדז ארײַנגעשלײַדערט א פּײַן ביסל אוגערקעס און באנאנעס...

דער סאָלדאט האָט גוטמוטיק געשמייכלט, עפענענדיק די פלעשער.

מאקסן איז געפעלן געוואָרן, וואָס אָט דאָ, אין שכיינעס מיט דער גרוי־סער געפאר, שפּאסט מען, מע פירט זיך דרייסט, ווי עס וואָלט ארום געווען

רויק. ער האָט ניט ליב געהאַט קיין אָנגעדראָלענע, מאָרעשכוירעדיקע מענטשן.

וואַלטער האָט געוויזן מאַקסן אַף דער נאַרע, געבעטן זיך צוזעצן און גענומען אָנגיסן וויַין אין די קווערטלעך, שניַידן דאָס ברויט, דעם קעז:

— אַנטשולדיקט, קאַמראַד קרייסלער, וואָס אַזוי באַשיידן... פאַר אַזאַ גאַסט וואָלט מען געוואָלט געדאַרפט צוגרייטן אַ בעסערע וועטשערע, נאָר מיר דוכט זיך, אַז איַינגיכן וועלן מיר האָבן די מעגלעכקיַיט פאַרברענגען מיט איַיך אין אַ רעסטאָראַן. מיר דאַרפן מיט איַיך אויסטרינקען נאָך פאַר יענץ מאָל, פאַר דער שטיינהאַקעריַי...

— יאָ, דאָס זיַינט איר גערעכט, וואַלטער! ווען ניט איר, וואָלטן מיר דאָ איצט ניט געזעסן. איז וועלן מיר טאַקע אויסטרינקען פאַר איַיער גליק, איר זאָלט זיגן און וואָס גיכער, מיר זאָלן זיך מיט איַיך באַגעגענען אין בערלין!

זיי האָבן מיט פאַרגעניגן אויסגעטרונקען און פאַרביסן מיטן סאָלדאַטישן מיַיכל — ברויט און קאָנסערוון. ווען מע האָט גענומען די דריטע קויסע, האָט זיך דערהערט ניט וויַיט אַ מוירעדיקער גערויש פון באָמבאַרדירער.

וואַלטערס פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן, געוואָרן אָנגעשטרענגט, ערנסט. ער האָט געעפנט דאָס טירל און זיך איַינגעקוקט אינעם אויסגעשטערנטן הימל. וויַיט, אַפן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן אַעראָפּלאַנען. זיי זיַינען געגאַנגען שווער־געלאָדענע אין דער ריכטונג פון מאַדריד.

— דיַיטשן פליִען באָמבירן די שטאָט... — האָט זיך אָנגערופן וואַלטער, צוזעצנדיק זיך אַף דער נאַרע לעבן גאַסט, — איר ווייסט, קאַמראַד קרייסלער, אָפט שעם איך זיך, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אַ דיַיטש... זיי האָבן געבראַכט אַזויפיל לייד, אומגליקן דער וועלט. וויפל קלאָלעס שיטן זיך אַף אונדזערע קעפּ!

מאַקס קרייסלער האָט געקוקט אַף זיַין דערשיטערטן יונגן פריַינט און געענטפערט:

— וואָס רעדסטו אַזוי, וואַלטער? מענטשן זיַינען דען בלינד? זיי שיידן דען ניט אונטער און עכטן דיַיטש פון אַ פאַשיסט? אַ מענטש קליַיבט זיך דען אויס אַ מוטער, אַ פאָטער, אַ נאַציאָנאַליטעט? מעג מען דען באַשולדיקן אַ גאַנץ פאָלק, ווען עס טרעפט מיט דעם אַן אומגליק און עס ריַיסט זיך צו צו דער מאַכט אַ ביַינטל קרעטינען, טויגעניכטן, אידיאָטן און עס גיט זיך זיי איַין אַף אַ ציַיט פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ מעשוגאָים־הויז? ערנסט טעלמאַן און ווילהעלם פּיק זיַינען דיַיטשן, זיגפריד ליַינאַרד און עריך שטוטבאַך, עמיל שולץ און דאָקטער פרידע, דו, וואַלטער, און די טעלמאַן־בריגאַדע, וואָס ליגט אין די שוצגרובנס און פאַרטיידיקט שפּאַניע פון די פאַשיסטישע הענקער, זיַינען אויך דיַיטשן... עס זיַינען ניטאָ קיין שלעכטע פעלקער אַף דער וועלט, עס זיַינען פאַראַן גוטע און שלעכטע מענטשן באַ יעדן פאָלק. דאָס ווייס איך... — אַ טראַכט געטאָן, האָט קרייסלער צוגעגעבן: — ניין, מיַין פריַינט, דיר דאַרף ניט זיַין קיין ביזאָיען, וואָס דו ביסט אַ דיַיטש!

— אַ דאַנק, קאַמראַד קרייסלער... אַ גרויסן דאַנק פאַר אײַערע גוטע ווערטער!

דער פעלד־טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, און דער סאָלדאַט האָט איבערגעגעבן דאָס טרײַבל דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר:

— אַללאָ! אָ, דערקענט דײַן קאָל, אַוואַדע דערקענט, שאָכן! — האָט זיך וואַלטערס פּנים צעשמייכלט. — וואָס הערט זיך בײַ אײַך? רויִק? זיי קריכן ניט? זייער גוט, בײַ אונדז איז דאָ דערווײַל אויך שטיל... וואָס? פאַרוואָס איך בין ניט אַרײַנגעקומען צו דיר, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פונעם קאָנגרעס? וואָס איז דאָרט געווען? איז עפּשער וועסטו אַרײַנקומען צו מיר, וועל איך דיר עפּעס דערציילן? איך וועל דיך אויך מכבד זײַן מיט אַ גלעזל גוטן ווײַן... הײַנט איז בײַ מיר אַ יאָמטעוו... וואָס? וועלכער יאָמטעוו? וועסט קומען, וועסטו אַליין זען... איך וואַרט. שנעלער, קאַפּיטאַן!

וואַלטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און אַ ווונק געטאָן צום גאַסט:

— מײַן שאָכן... פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע... אַ טײַערער מענטש. געזעסן לאַנג אין די טורמעס בײַם פּאַן פּילסודסקי. זיך אַרויסגעריסן פון דאָרטן און געקומען אַהער.

אין אַ מינוט פּונקט אַרום האָט זיך אַהער, אין בלינדאַזש, דערטראָגן אַ וואָרענונג־רוף פונעם וואַכמאַן, און עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וווּקסיקער מענטש אין ברילן, מיט אַ געבויגענער פּלייצע. כאָטש דער מענטש האָט געטראָגן צייכנס פון אַ שלאַכט־קאַפּיטאַן, נאָר ער האָט ניט אויסגעזען קיין מיליטערמאַן, גיכער אַ ציווילער. ער האָט זיך העפלעך געגריסט, פאַרזשמורעט די אויגן, אַראָפּגענומען די ברילן און גענומען מיט אַ טיכל אויסווישן די גלעזלעך.

— דער טײַוול ווייסט דיך, קאַמראַד וואַלטער, — האָט ער זיך אָנגערופן. — דו קאָנסט ניט אויסגראָבן קיין טיפערע טראַנשייעס? זיי דערגרייכן מיר אַזש ביזן פּופּיק, און יעדער נאַרישער שפּליטער קאָן מיך לײַכט פאַרטשעפּען...

— ווער זשע איז דיר שולדיק, קאַפּיטאַן, וואָס דו ביסט אַזאַ לאַנגער געבוירן? בײַ מיר אין באַטאַליאָן זײַנען אַלע זעלנער ניט העכער פון זייער קאָמבאַט. און פאַר אונדז זײַנען די טראַנשייעס ווי אָנגעמאָסטן!

ביידע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

וואַלטער האָט אָנגעגאָסן אין די גלעזער ווײַן און צוגעגעבן:

— ביטע, באַקען זיך מיט אונדזער טײַערן גאַסט... געקומען פון פּאַריזש אויפן קאָנגרעס... אַ באַרימטער אַקטיאָר. מאַקס קרייסלער...

דער שאָכן האָט אַ ציטער געטאָן, אַרויפגעזעצט די ברילן אויף דער קורצער נאָז, דערלאַנגט דעם גאַסט די שטאַרקע האַנט, אײַנקוקנדיק זיך אין אים:

— אינטערעסאַנט... איך האָב אַמאָל געאַרבעט אין אַ בעקערײַ, איז דאָרטן געווען אַ טשיקאַווע ייִנגל... ער האָט אויך געהייסן מאַקס קרייסלער. נאָר יענער איז ניט געווען קיין באַרימטער אַקטיאָר, נאָר אַ בעקער, אַ שיקייִנגל בײַ פּאַני זשיכלינסקאַ.

פון אומדערוואַרטקייט איז מאַקס אַזש אונטערגעשפּרונגען אַפן אָרט און ווי ניט גלייבנדיק זײַנע אויגן, דערשראָקן זיך אָנגערופן:

— זײַנט איר ניט אילקאַ זאַגול?

— יענער זעלבער! נאָר עטוואָס אַן אַנדערער. פאַרט דורכגעגאַנגען די אַקאַדעמיע אין די פּוילישע קאַזעמאַטן...

— זע נאָר, גאָט מײַנער, סאַראַ באַגעגעניש! שפּאַניע איז אַ לאַנד פון וווּנדער...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען, זיך געהאַלדזט, געקושט, און וואַלטער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס קומט דאָ פאָר, פונוואַנען קענען זיך אָט די פאַרשײַ־דענע מענטשן.

— עס זײַנען געווען צײַטן, מאַקס, ווען אַלע וועגן האָבן געפירט קיין רוים, איצט פירן זיי קיין מאַדריד...

אילקאָ זאַגול האָט זיך זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן אין דעם גאַסט. איז דאָס טאַקע יענער מאַקס קרייסלער, דער בעקער־יונג, זײַן שילער?

— ווען איך בין פאַראַיאָרן געווען אין פּאַריזש, — האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן אילקאָ זאַגול, — האָב איך געלייענט אין די בלעטער, געזען דעם נאָמען אין שטאָט אָף די אַפישן, נאָר זיך אַפילע ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז מײַן שילער פון דער בעקערײַ! איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז די זעלבע נעמען — דאָס איז אַ געוויינלעכער צופאַל. וויפיל אַלצײַנע פאַמיליעס פאַראַן אָף דער וועלט? איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז מײַן שילער אין דער קאָלאָמייער בעקערײַ איז געוואָרן אַזאַ באַרימטער שוישפּילער...

— און איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער געראַדעפּטער סטודענט פון קאָלאָמייע וועט אַמאָל ווערן אַ שלאַכט־קאָמאַנדיר אין שפּאַניע! — האָט מאַקס אַ שמייכל געטאָן און זיך צוגעזעצט נעענטער צו זײַן לערער.

— איך לייג פאָר אויסטרינקען, טײַערע קאַמראַדן, פאַר דער וווּנדער־לעכער באַגעגעניש! — האָט אויסגעשריגן וואַלטער. און יענע האָבן אונטער־געהאַלטן דעם טאָסט.

אינדרויסן זײַנען זיי געזעסן באַם קליינעם טישעלע אין בלינדאַזש און זיך דערמאָנט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, אין ווײַטע און נאָענטע געשע־ענישן, אין פרײַנט, באַקאַנטע. זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי אינעם קליינעם פענצטערל האָט שוין אָנגעהויבן אַרײַנקוקן דער פרימאָרגן. די שיסערײַ האָט זיך פאַרשטאַרקט, און אילקאָ זאַגול האָט זיך בייז אויסגעזידלט. אים האָט זיך געוואָלט נאָך ריידן מיט דעם באַרימטן גאַסט, ער האָט אים נאָך אַ סאַך זאַכן געוואָלט אויספרעגן, נאָר קיין צײַט איז ניט געבליבן. ער האָט געדאַרפט לויפן צו זײַנע זעלנער. באַלד וועט זיך אָנהייבן אַ טאָג פון שלאַכטן, אַטאַקעס, שיסערײַ.

מאַקס קרייסלער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט ניט אַוועק פון מאַדריד אַפילע נאָך דעם, ווי די אַרבעט פונעם קאָנגרעס וועט זיך ענדיקן. מע וועט זיך נאָך זען, און ניט איין מאָל, אויב מע וועט בלײַבן לעבן.

מע האָט זיך פרײַנטלעך אָפּגעזעגנט. וואַלטער האָט אַרויסבאַגלייט דעם גאַסט צו דער פאָרשטאָט און געווען גליקלעך, וואָס ער האָט זיך מיט אים

געזען און פארבראכט א טייל פון דער אומרויִקער נאכט. איצט וועט מען שוין מיט אומגעדולדווארטן אף נײַע באגעגענישן. מע האָט דאָך נאָך אזוי־פיל צו ריידן!

* * *

עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט מאדריד געלעבט אין א יאָמטעוודיקער שטימונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס עס האָבן זיך ניט איבערגעריסן די פײַנטלעכע באָמבארדירונגען, וואָס ארום האָבן געבושעוועט סרייפעס און דער פראָנט איז געווען אזוי נאָענט פון די פאָרשטעט.

מע האָט ארויסבאגלייט פון דער שטאָט די דעלעגאטן, נאָר א סאך זײַנען פארבליבן אינעם ארומגעכאפּטן מיט פײַער מאדריד.

צווישן זיי איז געווען מאקס קרייסלער.

די שטים פונעם גרויסן פרײַנט

מארסעל דיוראסאָ מיט זײַן פלוינעסטע זײַנען געקראָכן פון דער הויט, פארוואָרפן מאקס קרייסלערן מיט בריוו און טעלעגראמעס, ער זאָל זיך וואָס גיכער אומקערן קיין פאריזש, ווו די צושויער ווארטן אף אים מיט אומגעדולד, נאָר דער אקשן האָט ניט געײַלט, געגעבן צו וויסן, אז ער האָט נאָך אין שפאניע געגוג ארבעט און ער וועט זיך אומקערן, ווען ער וועט זיך באפרײַען.

נאָר מע האָט עפּעס ניט געזען, ער זאָל זיך באפרײַען.

צײַט איז געגאַן, און מאקס קרייסלער האָט זיך ניט געטראכט אומקערן.

— א מאָדנער פארשוין אָט דער מאקס קרייסלער! — האָט זיך געערגערט די מארסעלינע. — ווי האלט ער דאָרט אויס? אלע טאָג שרײַבט מען אין די בלעטער, אז ס'גייען דאָרטן בלוטיקע שלאכטן און די דײַטשן באָמבארדירן די שטאָט, מע קאָן מעשוגע ווערן. און ער זיצט דאָרט, דער נארישער קרייסלער! אזא טאלאנט! ער קאָן זיך לעבן אין פאריזש רויִק און שטיל, פארדינען אָן א שיר פראנק, גוט פארברענגען, האנאָע האָבן פון דער וועלט, טראָגט אים דער טײַוול אוועק קיין שפאניע און ער האָט צו טאָן מיטן גענעראל פראנקאָ! ער קעמפט פארן עמעס! די געפאר לויערט דאָך איבער אים. צוליב וואָס האָט ער דאָס געדארפט?

יאָ, מאקס קרייסלער האָט אויסגעקליבן שפאניע, ווו יעדער מינוט האָט געלויערט איבער אים די געפאר. ער האָט זיך איצט ניט געזוכט קיין רויִק, שטיל לעבן. ער האָט שוין פארגעסן, ווען ער האָט זיך אויסגעשלאָפן, אָפּגערוט, די גאנצע צײַט געווען אף די פיס, אין וועג. אין די טראנשייעס בא מאדריד און אין די בונקערס פונעם אוניווערסיטעט־שטעטל, לעבן גוואַדאלאכארא און אועסקו, אף די ברעגן פון עבראָ־טײַך, אין די האָספּיטאלן און לאזארעטן, ווו מע האָט געראטעוועט פארוונדעטע זעלנער, אף די שליאכן, ווו עס האָבן זיך געצויגן אומגליקלעכע פליטים, — אומעטום האָט

מען געקאָנט באַגעגענען דעם פּעסטגעבויטן שוואַרצויגיקן מענטשן מיטן ענערגישן, אָנגעשטרענגטן פּאָנעם, אומעטום האָט געקלונגען זײַן שטים, זײַן פלאַמיקער רוף, זײַן וואָרט, זײַן וויץ.

פון ערשטן בליק האָט ער זיך מיט גאָרניט ניט אונטערגעשיידט פון א מאַדרידער אַרבעטער, פון א ווײַנגערטלער בא וואַלענסיע אָדער א פישפאַנגער פון באַרסעלאָנע. מע האָט אים געטראָפן אין די קאַלטע נעכט בא סאָלדאַטישע שײַטערס און אויף די ברעגן פון טײַכן. אָפט, ניט פאַרענדיקט לייענען פאַר די זעלנער שעקספּירס א מאָנאָלאָג, סערוואַנטעסעס א נאָוועלע, סוועטלאָווס „גרענאַדע“, האָט ער גענומען א ביקס און צוזאַמען מיט אַלעמען געגאַנגען אָפּשלאָגן אַן אַטאַקע פונעם סוינע, אַרויסטראָגן פון אונטערן פײַער פאַרוווּנדעטע, אונטערטראָגן סנאַריאַדן צו די האַרמאַטן. באַנאַנד מיט אָט דעם מענטשן, וואָס איז געווען מאָדנע אָנגעטאָן — ניט ציוויל, ניט מיליטעריש — און וועלכער האָט אין די שווערסטע מינוטן זיך געקאָנט אָוועקשטעלן דערציילן א פריילעכע געשיכטע צי זאָגן א וויץ, האָט מען זיך געפילט עפּעס רויִקער, זיכערער. טויזנטער און טויזנטער שלאַכטלײַט האָבן אים געהערט, באַגײַסטערט אויפגענומען, און אַלע האָבן זיך צו דעם מענטשן באַצויגן מיט דער גרעסטער ליבע און אַכטונג.

אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אויפן נאָמען פון ערנסט טעלמאַן און דאָמבראָווסקי, אין די באַטאַליאָנען פון וואַלטער שולץ, אילקאָ זאַגול, אין דער נאַפּטאָלע־באָטווין־בריגאַדע — אומעטום האָט ער זיך געפילט, ווי בא זיך אין דער היים, מאַקס קרייסלער. די סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן באַוווּנדערט זײַן דרייסטקײַט און שרעקלאָזיקײַט. קיינער האָט ניט געוווּסט, ווען דער מענטש רוט, ווען שלאָפט ער, ווען שרײַבט ער זײַנע באַגײַסטערטע אַרטיקלען און נאָטיצן, וועלכע דרוקן זיך אין די פראָנט־צײַטונגען, ווען גרייט ער די פלאַמיקע רעדעס, מיט וועלכע ער טרעט אַרויס פאַר די סאָלדאַטן, פאַר די ציווילע אײַנוווינער פון שטעט און דערפער.

דאָס לעצטע מאָל האָט מען באַגעגנט מאַקס קרייסלערן באַם טײַך עבראָ, ווען דאָרטן האָבן זיך דורכגעריסן די פאַשיסטישע טאַנקען. איבערן קאָפּ זײַנען געהאַנגען שווערע באָמבאַרדירער און געשאָטן באָמבעס. דער אַרום האָט דערמאָנט אין א גענעם. ער איז געווען מיט וואַלטער שולצס באַטאַליאָן און געהאָלפן אָפּשלאָגן, ניט צולאָזן צום ברעג טײַך די רעוועדיקע טאַנקען.

דעם גאַנצן טאָג איז געגאַן דער בלוטיקער שלאַכט. מיט דער פרײַז פון גרויסע פאַרלוסטן האָט מען אָפּגעשטעלט דעם פײַנט, אים אָפּגעטריבן פון ברעג. סאָף טאָג, ווען די זון האָט גענומען זיך אויסלעשן, האָבן די פאַשיסטישע האַרמאַטן גענומען באַשיסן דעם טײַך. א שפּליטער פון א סנאַריאַד האָט מאַקסן שווער פאַרוווּנדעט, און ער איז געבליבן אויפן זאַמדיקן ברעג ליגן, אָפּגייענדיק מיט בלוט.

די סאַניטאַרן זײַנען אונטערגעלאָפן, איבערגעבונדן די וווּנד און אויף א שיפל אים אַריבערגעפירט אויפן אַנדערן ברעג עבראָ. בא א לעמפּל אין א געצעלט, וואָס איז געשטאַנען אונטער די געדיכטעביימער, האָט מען אים אָפּערירט און מיט גרויס מי געראַטעוועט פונעם טויט.

צוויי טעג און צוויי נעכט איז געגאנגען א קאמף מיטן טויט, עס זײַנען זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקן פּראַנט דאָקטוירים, געראטעוועט דעם בארימטן קינסטלער און טריבון. ערשט אפן דריטן טאָג איז ער געקומען צו־זיך, און עס איז געווען א שטיקל האָפענונג, אז ער וועט בלײַבן לעבן. נאָר ארום האָט געבושעוועט די מילכאָמע. עס האָבן ניט אופגעהערט די שלאכטן אף דער ערד און אין הימל. דער צושטאנד פונעם פארווונדעטן איז געווען א שווערער, אים ארויספירן אף א מאשין, אף אן ארבע האָט מען ניט געקאָנט, נאָר אים איבערלאָזן דאָ, באם טײַך, ווו אַלץ האָט געדונערט, איז אויך געווען געפערלעך. דער סוינע איז געווען נאָענט און געדראָעט זיך דורכרײַסן אהער, צום טײַך.

עטלעכע טרײַע זעלנער, פרײַנט האָבן אים אף א טראָגבעטל געטראָגן פאָרזיכטיק אין הינטערלאנד, נעענטער צו דער פראנצויזישער גרענעץ, ווו עס איז געווען א האָפענונג ראטעווען מאקס קרייסלערן.

מיטן גרויסן שטראָם פּליטים, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער פראנצויזישער גרענעץ, זײַנען עטלעכע זעלנער מיטן טראָגבעטל אף די אקסל, בײַטנדיק אַלע שאָ איינער דעם אנדערן, געגאנגען אָנגעשטרענגט, פאָרזיכטיק, מונטערנדיק דעם שווער־פארווונדעטן.

ארויסשלאָגנדיק זיך פון די קויכעס, האָבן עטלעכע טרײַע פרײַנט געטראָגן דעם שווער־פארווונדעטן אקטיאָר און סאָלדאט. מע האָט זיך וואָס גיכער געמוזט דערקלײַבן צו דער פראנצויזישער גרענעץ, זיך דורכשמוגלען אזוי, מע זאָל זיי ניט אינטערנירן, פארשפארן אין די לאגערן, ווי די פראנצויזישע הערשער האָבן עס שוין געטאָן מיט א סאך שפאנישע שלאכטלײַט, פארווונדעטע, וועלכע האָבן זיך דערקלײַבן צו דער פראנצויזישער ערד.

מע האָט זיך געשלעפּט מיט פארוואקסענע געדרייטע סטעזשקעס, דורך קרוטשעס, שוימיקע בארג־שטראָמען, יארן, ווו קיין מענטשישער פוס איז, דאכט זיך, נאָך ניט געטראָטן. די טעג און נעכט זײַנען געווען הארבסטיק־קאַלטע, דער וועג — א מוירעדיק שווערער, נאָר דאָס האָט קיינעם ניט אָפּ־געשטעלט. די מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן מאקסן, האָבן אים אָפּגעגעבן זייערע רעקלעך, זייערע קאָלדרעס, ער זאָל ניט פרירן, מע האָט אים אָפּגע־געבן דעם לעצטן ביסן, ער זאָל ניט הונגערן. און ער איז געלעגן אפן בעטל, א פארוואקסענער, א בלאסער, מיט שרעקלעכן ווייטעק און פארדראָס אין די אויגן. מער פון אַלץ האָט אים געמאטערט דאָס, וואָס די רעפּובליקאנער ארמיי איז אָפּגעשוואכט, אנטבלוטיקט. און כאָטש בא מאדריד גייען נאָך די שלאכטן, נאָר עס איז אומעגלעך אָפּשטעלן די פאשיסטישע טאנקען־קאָ־לאָנעס, די אָנגרײַפנדיקע דײַטשיש־איטאליענישע דיוויזיעס, די שווארצע קויכעס, וואָס האָבן זיך ארופגעוואָרפן אף דער רעפּובליקאנישער שפאניע. מאקס האָט געוויטעקט דערפון, וואָס ער מוז זיך אומקערן, פארלאָזן שפאניע אין אזעלכע שוידערלעכע שווערע טעג אירע, דערצו נאָך אין אזא צושטאנד.

און דאָך האָט ער געגלייבט אין א נעס, אז שפאניע וועט זיך צונויפנע־מען מיט קויכעס, אימשטאנד זײַן ארויסשלײַדערן דעם פײַנט און אופגע־

ריכט ווערן, ניט געקוקט אף די שרעקלעכע פארלוסטן און קלעפּ, וואָס זי האָט די לעצטע כאדאָשים געכאפּט, פאַרלירנדיק א גרויסן טייל פון איר ערד.

אויסמיידנדיק אלע פאטרולן, אלע קאָרדאָנען, האָבן זיינע טרייע פריינט אין א שווארצער קאלטער נאכט געבראכט מאקס קרייסלערן קיין פאריזש. די געפאר, אז מע קאָן אים אינטערנירן, האָט נאָך געלויערט איבער אים, און דאָס וואלט געווען דאָס שרעקלעכסטע, וואָס האָט געקאָנט פּאסירן. קיינער טאָר זיך ניט אָנשטויסן, אז דאָס איז ער פון שפּאניע געקומען א פארוואונדעטער, אז ער האָט זיך דאָרטן געשלאָגן. פראנקרייך האָט געמאָלדן נייטראליטעט און פארורטיילט אלע אירע בירגער, וואָס זיינען אוועק קיין שפּאניע זיך שלאָגן פאר דער דעמאָקראטישער רעפּובליק... מע האָט גע־דארפט געפינען א שטיל הויז, ווו ער זאָל קאָנען ליגן רויק, מאקס קרייסלער, קומען צו־זיך, פארהיילן זיינע וואונדן. דערווייל טאָר זיך קיינער פון די זייטיקע מענטשן, פון דער פּאָליציי ניט דערוויסן, אז ער האָט זיך אומגע־קערט קיין פאריזש און איז פארוואונדעט.

מאקס האָט זיך געוואקלט, ניט געוווסט, וווהין פארפאָרן, און דערנאָך דאָך באשטימט, אז בעסער וועט זיין אים בא זיינע אלטע באלעבאטים, בא מאַרסעל דיוראסאָ און זיין פלוינעסטע.

* * *

פאריזש איז נאָך געווען איינגעהילט אין טיפן שלאָף, ווען מע האָט געבראכט מאקס קרייסלערן צו מארסעלן אין שטוב. דער אלטער קאָמיקער איז געשטאנען אין זיין לאנגן אומגעלומפּערטן כאלאט א טויט־דערשראָקע־נער, ער האָט געפיבערט פון פּאכעד.

— מסיע קרייסלער, — האָט מיט טרערן אין די אויגן געקוקט אף אים דער אלטער, — פארוואָס האָט איר מיך דעמלט ניט געהערט? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז פּאָליטיק איז זייער א געפערלעכער איניען, געוואָרנט, אז איצט איז אזא צייט, ווען מע דארף לעבן פאָרזיכטיק. מיר דאכט זיך, אז אין באנק האָט איר ניט איבערגעלאָזט קיין איין פראנק. אלץ איבערגעגעבן די שפּאניער, וועלכע האָבן אייך אזוי אומגליקלעך געמאכט... גוט, וואָס איך זע אייך כאָטש א לעבעדיקן. מיר וועלן זיך באמיען אייך אופהייבן פון בעט. נאָר מע האָט דאָך אייך דאָרטן געקאָנט הארגענען אויך...

— געוויס... דאָרטן, ווו מע שיסט, דאָרטן קאָן מען אומקומען... — האָט מיט א באהאלטענער איראָניע געענטפערט מאקס, — נאָר קיין אנדער ברייר־ע האָבן מיר ניט. מע מוז באקעמפן די ברוינע בעסטיע, אנדערש וועט זיין ביטער.

— אָבער איר זיינט א בארימטער שוישפּילער און דאָס איז ניט אייער בארוף — שיסן... — האָט איבערגעשלאָגן דער אלטער.

— דאָס מוז איצט זיין אלעמענס בארוף...

— וואָס זאָל איך מיט אײַך רײדן, אַז איר זײַנט געבליבן יענער זעלבער אקשן, וואָס געוועזן!.. איך האָב געמײנט, אַז איצט וועט איר קליגער ווערן...

— נײן, מסיע מארסעל, אזא אקשן, זעט אויס, וועל איך שוין שטארבן.

— גאָט באַהיט! — האָט אויסגעשריגן די מארסעלינע. — איר מוזט לעבן, מסיע קרײסלער! מיר האָבן אפֿ אײַך מיט אזא אומגעדולד געווארט... די געשעפטן אין אונדזער טעאטער זײַנען אָן אײַך געווען שרעקלעך.

זי האָט אים באַלײגט אין בעט, צוגעדעקט פאָרזיכטיק, קוקנדיק אים אין די אויגן, און נאָך א לאנגער פּאוזע צוגעגעבן:

— אײַך איז דאָרט געווען גאָר שרעקלעך, אין שפּאניע? היטלער און מוסאָליני האָבן אוועקגעשיקט אהין זײערע ארמײען. מע זאָגט, אַז גאנץ שפּאניע האָבן זײ פארניכטעט, די אויסוואָרפן... שרעקלעך איז אײַך געווען?

— געוויס... זײער שרעקלעך... — האָט מאקס צוגעשלאָסן די אויגן, — נאָר טויזנט מאָל שרעקלעכער איז געווען דאָס, וואָס טויזנטער פראנצויזן, ענגלענדער, אמעריקאנער זײַנען געבליבן גלײַכגילטיק און רויִק צוגעקוקט, ווי טאַליאָנים פארניכטן א פאָלק, א לאנד, מײנענדיק, אַז מיט זײער שווײַגן, מיט זײער אזויגערופענעם נײטראַליטעט וועלן זײ זיך ראטעווען פון דער פאשיסטישער פּעסט. מאָרגן קאָנען די פאשיסטישע כאיאָלעס ארײַנמארשירן צו אײַך, קײן פּאריזש...

— וואָס רעדט איר, מסיע קרײסלער! אהער וועלן זײ ניט קומען, — האָט איבערגעשלאָגן מארסעלינע. — זײ וועלן זיך באנוגענען מיט שפּאניע און אהער ניט קריכן...

— אוואדע וועלן זײ ניט קומען אהער, די טעווטאָנער! — האָט אונטערגעהאלטן מארסעל. — די נאציס האָבן זיך שוין גענוג אָנגעטרונקען מיט שפּאניש בלוט, זײַנען זײ שוין זאט... א כײַע, אַז זי איז ניט הונגעריק, איז זי ניט געפערלעך. און אײַך, מסיע קרײסלער, זאָג איך: א שאָד, וואָס איר האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגן דעמלט, ווען איך האָב אײַך געײצעט ניט קריכן אין פײַער ארײַן. איצט זעט איר שוין, אַז איך בין געווען גערעכט. דאָס בעסטע אין דער וועלט איז זיך ניט ארײַנמישן אין פּאָליטיק. זיך האלטן פונדערווײַטנס. יעדער מענטש מוז לעבן פאר זיך. איר זײַנט מיט מיר מאסקים?

מאקס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נײן, מסיע, לאכלוטן נישט מאסקים! אונדזערע מײנונגען וועלן זיך קײנמאָל, זע איך, ניט צונויפגײן. ווען איך שטעל זיך גיכער אפֿ די פיס, וואָלט איך ווידער אוועק קײן שפּאניע... דאָרטן איז נאָך די שלאכט ניט געענדיקט. דאָרטן לײזט זיך דער גורל פון דער גאנצער וועלט. אײַער גורל, מײַנער, אלעמענס! איך האָב געזען טויזנטער שלאכטלײַט אין שפּאניע, וואָס האָבן וועגן אײגענעם וווילטיק ניט געטראכט, פארגאָסן בלוט פאר די שפּאנישע פרויען, זקײנים, פאר אײַך, פאר מיר, פאר דער וועלט. איר האָט א טאָעס, ווען איר זאָגט, אַז יעדערער מוז לעבן פאר זיך...

דיוראסאָ האָט ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אקסל, ניט געקאָנט באנעמען, וואָס איז דאָס פאר א מענטש דער מאקס קרײסלער. א פאנאטיקער!

א גאָטגעבענטשטער טאַלאַנט, אַן אַקטיאָר מיט אַ וועלט־נאָמען, און פאַר־נעמט זיך מיט געפערלעכע איניאַנים! אים גלוסט זיך שוין ווידער קריכן אין פייער אַריין. קוים וואָס ער לעבט, אַזוי צעמאַזיקט — און טראַכט ווידער פאָרן אַהין, אין שרעקלעכן קריג! ניט אַנדערש, ווי ער האָט זיך פון זינען געריבט...

מאַקסן איז דערעסן געוואָרן ליגן און אויסהערן די פילאָזאָפישע געדאַנ־קען פון מאַרסעלן מיט דער מאַרסעלינע. ער וואָלט געלאָפן אין דער וועלט אַרײַן, נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז ער איז געווען צוגעקאָוועט צום בעט און זיך געניטיקט אין דער הילף פון די מענטשן.

אַ פּאָר כאַדאָשים איז אַדורך, ביז מאַקס האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און אויף די אַפּישן האָט זיך אָפּסנײַ באַוויזן זײַן נאָמען. ווידער איז מאַרסעל דיוראַסאָס טעאַטער געווען איבערפולט מיט אוילעם. אַלע האָבן געײַלט זען דעם באַרימטן אַקטיאָר, אַנשטויסנדיק זיך, ווו ער איז געווען אַזאַ צײַט. ווידער האָבן זיך געטרייסלט די ווענט פון שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, רווי־שיקע אָוואַציעס, וואָס האָבן געדויערט אַ האַלבע שאָ, אַ שאָ. נאָך יעדער ספעקטאַקל האָט מען אים באַשאָטן מיט בלומען, געטראָגן אויף די הענט.

אים אָבער האָט שוין ניט געריבט, ווי די ערשטע צײַט, זײַן גרויסער דערפאָלג. ער האָט שוין גלײַכגילטיק געקוקט דערויף, ווי מע נעמט אים אויף. די געדאַנקען זײַנע זײַנען געווען ווײַט־ווײַט איבער די פירענייער בערג, דאָרטן, בײַ די ווענט פון מאַדריד, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן, ניט געקוקט דערויף, וואָס די שטאָט איז שוין פון אַ צײַט געווען אין קלעם פונעם פײַנט, אָפּגעשניטן פון אַלע זײַטן, פון אַלע עקן לאַנד. דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די שלאַכט איז פאַרשפּילט, עס זיגן דאָרטן די שוואַרצע קויכעס און עס דערנענטערט זיך אַ שרעקלעכע צײַט. מאַקס האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, פאַרוואָס בלײַבט די וועלט צו דעם אַלץ אַזוי קאַלט און גלײַכגילטיק!

* * *

מאַרסעל מיט דער מאַרסעלינע, אָדער „דאָס פּאָרל פון גאָט“, ווי מע האָט זיי גערופן אין די טעאַטראַלע קרײַזן, זײַנען געווען צופרידן מיט די געשעפטן זייערע, נאָך דעם ווי עס האָט זיך אומגעקערט אויף דער בינע מאַקס קרייסלער. אין קיין שום טעאַטערן זײַנען די זאַלן ניט געווען אַזוי געפּאַקט, ווי בײַ זיי.

אַ מאָדנע געשיכטע! ווען דאָס פּאָרל פאַלט אַרײַן צו אים אָן אַ גוטמאָרגן, פּאַכן מיט דער נעשאָמע, לאָזן איינער דעם צווייטן ניט אויסריידן קיין וואָרט, איז דאָס דער בעסטער סימען, אַז זיי האָבן אים געבראַכט אַ שלעכטע בסורע. „דאָס פּאָרל פון גאָט“ האָט עפּעס אַ באַזונדערן כוש אויפצוכאַפּן בייזע נײַעס און אַ באַזונדערן כיישעק עס יענעם אָפּטראָגן.

אָט ערשט ניט לאַנג האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן צו אים און אויסגעפּראַלט, אַז מאַדריד איז געפאַלן; און אָט זײַנען זיי ווידער געקומען צו לויפן און, ווי

שטענדיק, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן, געבראכט די שיינע בסורע, אז די דײַטשישע כאיאָלעס זײַנען אַנגעפאלן אף פוילן און דאָס לאנד איז ארומגעכאפּט מיט פלאַמען...

מאקס איז געשטאנען א דערשיטערטער פון דער אומגעריכטער נײַס. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט זײַן ווײַטע און ליבע היים אונטער די פאשיסטישע באָמבארדירער, די וועגן און שטעגן, פארפלייצטע מיט פליטים. דאָרט קערן זיך איבערכאזערן יענע שוידערלעכע בילדער, וואָס ער האָט געזען אין שפאניע. דער קאָפּ האָט זיך געשפּאָלטן. וואָס טוט מען? די געפאר דער־נעענטערט זיך דאָך קיין פראנקרײַך...

מארסעל דיוראסאָ האָט אים געפרוווט בארויקן. פראנקרײַך האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן. עס איז פאראן אין לאנד א טרײַע און גוטע ארמיי. דערצו נאָך — א מאזשינאָ־ליניע, אן עכטע פעסטונג, ווו דער דײַטש וועט ניט דורך. דיוראסאָ האָט אליין ערשט ניט לאנג געלייענט אין די פאריזשער צײַטונגען, וואָס די פראנצויזישע גענעראלן האָבן געשריבן וועגן דער מאַ־זשינאָ־ליניע, און מע קאָן שלאָפן רויק.

דעריקער, האָט געזאָגט מארסעל דיוראסאָ, דארף מען איצט לעבן פאַר־זיכטיק, ווי קיינמאָל! מע דארף זיך ניט מישן אין פּאָליטיק. אין ערגסטן פאל, אויב אפילע דער דײַטש וועט אהער קומען, וועט ער דעם טעאטער און די שוישפּילער ניט טשעפּען... ער, מארסעל דיוראסאָ, איז א לאָיאלער פראנצויז. ער קאָן זיך צופאסן צו יעדער רעגירונג און צו יעדער אָרדענונג. ער ווייסט שוין אפילע, וואָס פאר א רעפּערטואר דארף ער צוגרייטן, טאָמער וועלן קומען אהער די פּרוסאקעס... דאכט זיך, די דײַטשן האָבן זייער ליב מעלאָדראמעס, אָפּערעטקעס, וועט ער צוגרייטן פאר זיי אָפּערעטקעס און מעלאָדראמעס. נאָר עס קאָן דאָך ניט זײַן, מע זאָל דורכלאָזן אהער דעם פּרוסאק!

* * *

עס איז דורכגעגאנגען עטוואָס מער פון א האלב יאָר, האָט אינמיטן דער נאכט, ווען דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט, לויטער, זומערדיק, אָנ־געקלאפּט מארסעל מיט דער מארסעלינע.

איצט זײַנען זיי געווען טויט־דערשראָקן, קוים איבערגעכאפּט דעם אָטעם, געבראכט די שרעקלעכע בסורע, אז די דײַטשישע כאיאָלעס זײַנען אָנגעפאלן אף פראנקרײַך. די דײַטשישע טאנקען זײַנען לײַכט אריבערגע־גאנגען די מאזשינאָ־ליניע און טראָגן זיך צו פאריזש...

די פראנצויזישע ארמיי האָט ניט אויסגעהאלטן דעם ערשטן קלאַפּ און זיך צעשאָטן, ניט ארויסגעשטעלט קיין ווידערשטאנד און איבערגעלאָזט דאָס לאנד אף העפקער.

די וועגן פון פראנקרײַך זײַנען פארפלייצט געוואָרן פון פליטים... דאָס, וואָס מאקס האָט געזען אף די וועגן פון שפאניע, וואָס האָבן געפירט קיין פראנקרײַך, האָט זיך צענפאך איבערגעכאזערט דאָ.

ארום האָט געהערשט אַ מוירעדיקע פּאַניק, שרעקלעכע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבערן ארום. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לעבן ווערט דאָ אויסגעלאָשן און פּארוויסט אויף אייביק.

איז דען נישטאָ קיין קויעך, וואָס זאָל אָפּשטעלן די מאַגייפע? ווו איז די אַרמיי? פּאַרוואָס לאָזט מען אָהער דעם סוינע?

אויף די אַלע פראַגן האָט מען גלייך געפונען אַן ענטפער, ווען מע האָט זיך איינגעקוקט אינעם מענטשן־שטראָם, ווו צוזאַמען מיט פרויען, קינדער, זקיינים, אינעם שוידערלעכן מענטשן־געפּלעכט זיינען געגאַנגען אַנטוישטע און דערשלאָגענע סאָלדאַטן און אָפיצערן, ווער מיט געווער און ווער מיט די הוילע הענט...

איבער פּאַריזש האָבן זיך דורכגעטראָגן די ערשטע באָמבאַרדירער. זיי זיינען געגאַנגען אַזוי נידעריק איבער די דעכער, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי פּאַרטשעפּען די קוימענס, עס האָבן געקלונגען די טאַפּליעס פון זייער געברום.

צו מאַקסן אין פענצטער האָבן זיך דערטראָגן דערשראָקענע געשרייען, דער געיאָמער פון ווייבער און קינדער. פאַר אַלעמען איז דאָס אַלץ געווען אַזוי אומגעריכט, מע האָט זיך אַפילו ניט באַוויזן אַרומקוקן, און דער סוינע איז שוין בײַ דער שטאָט!

מאַקס קרייסלער איז געשטאַנען בײַם פענצטער און באַטראַכט פּאַריזש, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט שרעק און פּאַכעד. דאָס האַרץ איז שיר ניט צעריסן געוואָרן פון ווייטעק, האַס און פּאַרדראָס. ער האָט פאַר זיך ווידער געזען יענע באַקאַנטע בילדער, וועלכע ער האָט נאָכגעשפּירט אין שפּאַניע. עמעס, דאָרטן האָט עס אויסגעזען גאָר אַנדערש. אין יענעם כאַאָ־טישן מישמאַש פון ווייבער, קינדער, זקיינים, ציגן, אייזלען, בעהיימעס האָט מען ניט געזען קיין יונגע מאַנצבילען, קיין זעלנער, אָפיצערן, ווי דאָ. דאָרטן האָט מען זיך געשלאָגן מיטן פייַנט פאַר יעדער פיצל ערד, און דאָ איז מען געלאָפן זיך ראַטעווען פון דער געפאַר. דאָרטן איז מען געגאַנגען אַנטקעגן דעם סוינע, און דאָ, אין פּאַריזש... און דאָס איז געווען דאָס סאַמע שרעק־לעכסטע. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס איז געוואָרן מיט פראַנקרײַך און מיט די פראַנצויזן, וואָס גיבן אָפּ אַן שום שלאַכט זייער ערד, זייערע שטעט און דערפאַר דעם בלוטיקן סוינע.

מאַקס האָט נאָך אַלץ ניט געוווּסט, וואָס ער דאַרף איצט טאָן. וווּהין דאַרף ער גיין, וועמען פרעגן? ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין לעבעדיקער טאָר ער זיך נישט אָפּגעבן אין די הענט פון די כאַיאָלעס, וואָס דערנעענטערן זיך קיין פּאַריזש. דער קאָפּ האָט מוירעדיק ווי געטאָן און ער האָט גאָרניט ניט געקאָנט צוטראַכטן. זיך אַרײַנגיסן אין דעם מענטשן־שטראָם און אויך ערגעץ לויפן? וווּהין? נאָך וואָס?

די טיר האָט זיך פּלוצעם צעפּראַלט, און אין צימער האָט זיך אַרײַנגע־ריסן אַן אַ נעשאָמע מאַרסעל דיוראַסאָ:

— איר האָט שוין געהערט, מסיע קרייסלער, וואָס עס איז געשען? אין

שטאָט טוט זיך — ניט צו דערציילן! עס איז אומעגלעך קריגן אַן אויטאָ, אַנטלויפן. אַלע לויפן, ווי פון אַ סרייפע. זעט, וואָס דאָרטן טוט זיך!

ער האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט, געכאַפּט זיך פאַר דער ברוסט, און אין דער רעגע איז אַרײַנגעלאָפן אַ צעפּאַטלטע, אַ צעשטרייטע די מאַרסעלינע. אָפּגעשטויסן דעם מאַן, האָט זי אַליין גענומען דערציילן:

— מסיע קרייסלער, מיר זײַנען אַלע פאַרפאַלן! די פּרוסאַקעס זײַנען שוין נאָענט. די גאַנצע שטאָט איז מעשוגע געוואָרן. און איך זאָג מאַרסעלן אַנדערש: מיר דאַרפן אין ערגעץ ניט לויפן. זיי האָבן געזיגט און האָבן ניט קיין מאָראַלישע רעכט טשעפּען פרידלעכע בירגער...

זי האָט אָנגעכאַפּט מאַקסן פאַרן אַרבל, אים אַ טאָרע געטאָן, ער זאָל זי אויפמערקזאַמער הערן:

— איך האָב באַטראַכט אַזוי: מיר דאַרפן אין ערגעץ ניט לויפן. מיר זײַנען ניט קיין פאַרברעכער. לאָיאַלע מענטשן. טעאַטראַלן. מיר האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט פּאָליטיק און האָבן ניט וואָס מוירע האָבן. אײַך לייג איך פאָר, מסיע קרייסלער, גלײַך אַריבערגיין צו אונדז אין דירע. איך האָב נאָך יענע וואָך פאַרגרייט עסנוואַרג, און מיר וועלן זיצן אין שטוב, אין ערגעץ ניט אַרויסגיין, ביז די פּאַניק וועט ניט איבערגיין. די דײַטשן וועלן זיך, ווי מע זאָגט, אַקלימאַטיזירן און אונדז דערלויבן עפענען דעם טעאַטער. מיר וועלן שטעלן אָפּערעטעס און אַלץ, וואָס די קאָמענדאַטור וועט באַפוילן... וואָס זאָגט איר?

מאַקס האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן, הערנדיק דער באַלעבאָסטעס רייד.

— גערעכט! — האָט אונטערגעכאַפּט מאַרסעל. — זי איז אַ כאַכאָמע. מיר וועלן אין ערגעץ ניט לויפן. לאָיאַליטעט! איר ווייסט דאָך אַליין, מסיע קרייסלער, דעם ערגסטן הונט, אַז מע וואַרפט אים אונטער אַ ביין, בלײַבט ער שטיל, ער הערט אויף בילן... איך פאַרשטיי, אַז דער פּרוסאַק האָט מיט אײַך אַלטע כעזשבוינעס. נאָר בא זיי זײַנען איצט אַזוי גראַנדיִעז די גע־שעפטן, אומעטום זיגן זיי, און זיגער ווערן מילדער צו זייערע קעגנער. אײַך וועלן זיי ניט מישפּעטן. איך וועל גיין בעטן פאַר אײַך. זיי זײַנען דאָך מענטשן, און אַזאַ טאַלאַנטפולן מענטשן, ווי קרייסלער, וועלן זיי אַלץ מויכל זײַן... זיי זײַנען דאָך מענטשן...

— ווער? די פאַשיסטן זײַנען מענטשן? — האָט אים איבערגעשלאָגן מאַקס קרייסלער. — איר וועט זיך מיט זיי באַקאַנען, וועט איר וויסן.

איבערשלאָגנדיק איינער דעם צווייטן, האָט מאַרסעל מיט דער מאַרסע־לינע דערקלערט, וויאַזוי זיי וועלן אויסבאַהאַלטן בא זיך מאַקסן, ווי זיי וועלן גיין פאַר אים בעטן דעם קאָמענדאַנט, ווי מע וועט אים אָפּהיטן. מע האָט אים געגעבן קלוגע אייצעס. נאָר אַ מאָדנע געשיכטע, ער האָט פון גאָרניט געוואָלט הערן! ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע קלוגע אייצעס, פון אַלץ!

ער האָט איצט געוואָלט איינס — דאָס פּאָרל זאָל וואָס גיכער אים לאָזן צורו, ער זאָל קאָנען באַטראַכטן, וואָס ער דאַרף איצט טאָן.

ער איז שוין געשטאַנען איינער אַליין באַם פענצטער, געקוקט, ווי די שטאָט ווימלט מיט מענטשן, ווי די שטאָט וויינט, יאָמערט, שילט. קינד־און־קייט מיטן ביסל האָב־און־גוטס, וואָס מע האָט מיט זיך געקאָנט פאַרכאַפּן, איז געלאָפן פון דער געפאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָט צוזאַמען מיטן ווילדן געוואָי פון די דײַטשישע באָמבאַרדירער.

באַגינען האָט מאַקס דערהערט דעם געבורום פון פאַשיסטישע טאַנקען. דאָס טופּערײַ פון סאָלדאַטישע געקאָוועטע שיך, דאָס ווילדע געזאַנג פון די סאָלדאַטן האָט זיך דערטראָגן צו אים אין צימער. מיט אויטאָמאַטן אויף די ברוסטן, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל זײַנען זיי געגאַן, די זעלבסטצופרידענע בעסטיעס, קוקנדיק ווי באַלעבאַטים אויף די וווּנדערלעכע הײַזער און פּאַלאַצן פון פּאַריז. זיי זײַנען געגאַן אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטערס, ווי אויף אַ פּאַראַד, געשפּאַנט מיט געזאַנג און פײַפערײַ, שפּאָט און געלעכטער. נאָר דער פּאַראַד איז געווען אַ צעשטערטער: די גאַסן זײַנען געווען פּוסט. קיין מעשוגענער הונט איז ניט אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען די „זיגער". פּאַריז האָט באַגעגנט די נײַע באַלעבאַטים מיט שטילשווײַגן, מיט פאַרהאַקטע פענצטער, מיט האַס, מיט צאָרן.

מאַקס קרייסלער האָט צוגעמאַכט דאָס פענצטער. ער האָט זיך שנעל איבערגעטאָן, פאַרגרימירט ווי־ניט־איז, קיינער זאָל אים ניט דערקענען, גענומען אַ קליין קלומעקל און פאַרלאָזט די שטוב. מיט הינטערגעסלעך און הויפן האָט ער זיך געלאָזט אין ווײַטן און אומבאַוווּסטן וועג.

אין עטלעכע שאָ אַרום האָט זיך אין זײַן פּוסטער דירע אַרײַנגעריסן אַ מאַכנע געסטאַפּאָ־לײַט, איבערגעקערט די שטוב, גענישטערט, געזוכט אין הויף, אין די אַרומיקע געסלעך, הײַזער, נאָר אומזיסט.

באַנאַנד מיט די מודעות אין דײַטש און פראַנצויזיש, וואָס מע האָט גלײַך אויפגעהאַנגען אויף אַלע ווענט און פּלויטן און ווו עס האָט זיך אַלץ געענדיקט מיט די דרײַ אויסיעס „טאָט!", „טאָט!", האָט זיך באַוויזן נאָך איין ווענדונג פון דער נײַער דײַטשישער קאָמענדאַטור: יעדער איינער, ווער עס וועט כאַפּן מאַקס קרייסלערן אַ לעבעדיקן אָדער ברענגען אַ טויטן, באַקומט הונדערט טויזנט מאַרק...

נאָר פּאַריז האָט ניט געלייענט די מודעות, ניט געוואָלט באַקומען פון די נײַע הערשער קיין הונדערט טויזנט מאַרק... פּאַריז איז געווען טויט. די שטאָט איז אין משך פון אַ קורצער צײַט אָפּגעשטאָרבן געוואָרן.

עפּילאָג

זינט יענעם שרעקלעכן פרימאָרגן זײַנען אַדורך עטלעכע יאָר, נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז עס איז אַוועק אַן אייביקײַט. עס האָט זיך געענדיקט די שוידערלעכע נאַכט. ווידער זײַנען די גאַסן און פּלעצער פון פּאַריז געוועזן פאַרפלייצט מיט האַמוינים מענטשן, אָבער שוין אָן געוויין, אָן טרערן, אָן קלאָג, אָן טרויער. איבערן אַרום האָבן געוועלטיקט לידער, געלעכטער,

מוזיק און טרערן פון גרויסער מענטשישער פרייד. קינד־און־קייט איז ארויס פון די הײַזער, פון די קעלערס, פון די באהעלטענישן באַגעגענען יענע, וועלכע האָבן אַף קיין ווײַלע ניט פאַרגייגט דעם קאַמף פאַרן בלוטיקן סוינע, מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקט דעם קאָוועד פון פראַנקרײַך.

קאָלאָנע נאָך קאָלאָנע האָבן זיי מאַרשירט איבער די באַפרײַטע גאַסן און פּלעצער פון פּאַריז. אָנגעטאָן זײַנען זיי געווען אין וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס זײַנען שטאָלץ געגאַנגען יונגע און אַלטע, פרויען און מיידלעך. ווער מיט אויטאָמאַטן, ווער מיט ביקסן, מיט רעוואָלווערן. מידע, פאַרוואַקסענע, נאָר אין די אויגן האָט געברענט דער האַס צום סוינע, די פרייד דערפון, וואָס מע האָט געזיגט, וואָס מע האָט זיך אומגעקערט מיט ניצחון אין דער וווּנדער־שיינער שטאָט צו אייגענע, פרײַנט און ליבע. עס האָבן זיך הײַנט אומגעקערט פון די בערג, פון די וועלדער און טאָלן אַרבעטער און ווײַנגערטלער, לערער און אינזשעניערן, שריפטשטעלער און אַדוואָקאַטן, סטודענטן און שילער, מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פעלקער, וואָס לעבן אין פראַנקרײַך, וועמען עס האָט פאַרברידערט דער גרויסער האַס צום סוינע און די ליבע צו פרײַהײַט און דעמאָקראַטיע. עס זײַנען געגאַנגען מענטשן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, פאַרשיידענע רעליגיעס, געווינהײַטן, גלויבנס. מע האָט אַף אַ צײַט פאַרגעסן אין אַלץ — אין מאַכלויקעס, קריגערײַען, דיסקוסיעס, מע האָט זיך פאַראייניקט אונטער דער פאָן, אַף וועלכער עס איז פאַרשריבן געווען: „אַ טויט די פאַראַסטע נאַציסטישע הענקער, פרײַהײַט דעם פאָלק!״

די שלאַכטלײַט האָבן געשפּאַנט מיט הויך־פאַרהויבענע קעפּ, שטאָלצע דערפון, וואָס זיי האָבן אויסגעפילט זייער מענטשלעכן כויוו און דערלעבט צו אָט דעם טאָג.

אין איינער פון די קאָלאָנעס האָט געשפּאַנט אַן עלטערער מענטש מיט אַ גראָוון קאָפּ האָר, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעריבענעם לעדערן רעקל, אין אַ בלויען בערעט, וואָס איז ווילדיונגעריש געזעסן אַף זײַן שטאָלצן קאָפּ, און די אײַנוווינער פון פּאַריז האָבן אים גלײַך דערקענט:

— מאַקס קרייסלער!

מע האָט אים אונטערגעכאַפּט אַף די הענט, געהויבן אינדערלופטן.

פּאַריזש האָט זיך געפרייט, באַגריסט אירע טרײַע זין און טעכטער, געטאַנצט און געזונגען, געווען איבערפלייצט מיט גליק און פרייד.

יעדער טאָג האָט געבראַכט גוטע ידיעות פון אַלע פראָנטן. אייראָפּע האָט זיך באַפרײַט פון דער ברוינער פּעסט אונטער די מוירעדיקע קלעפּ פון די רוסישע אַרמייען, פון די בעסטע און טרײַסטע זין פון דער וועלט. דאָרט, בײַ די טויערן פון בערלין, פון דער שרעקלעכער פאַשיסטישער נעסט, זײַנען שוין געשטאַנען די סאָוועטישע דיוויזיעס און זיך געגרייט דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ איבער דער נאַציסטישער בערלאָגע, וואָס האָט זיך פאַרכלינעט אין איר אייגן בלוט, רויך, סרייפעס.

דער גרויסער ניצאָכן איז שוין געשטאַנען אַף דער שוועל. און די פּעלקער פון דער וועלט האָבן שוין געקאָנט פריִי אָפּעטעמען.

אין יענע גרויסע, אומפאַרגעסלעכע טעג, ווען בערלין איז געפאַלן און די רויטע פאָן פון ניצאָכן האָט געפלאַטערט איבער דעם רײַכסטאַג, האָט מאַקס קרייסלער באַקומען אַ בריוו פון זײַנע דײַטשישע פרײַנט, וואָס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פון די טויט־לאַגערן. מע האָט אים גערופן זיך אומקערן אהיים, ווו עס האָט אַף אים געוואַרט דער טעאַטער, די בינע.

מאַקס קרייסלערן האָט דאָס געפרייט, נאָר ער איז געווען אין פאַרלעגנהײַט. וואָס דאַרף ער ענטפערן? צי וועט ער קאָנען גיין איבער יענער ערד, ווו אַף יעדן טריט און שריט קאָן ער זיך באַגעגענען מיט די טאַליאַנים, וואָס האָבן דערשטיקט און פאַרניכטעט אין זייערע טויט־לאַגערן, גאַז־קאַמערן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, מיט די זעלבע טאַליאָנים, וועלכע זײַנען זיך דורכגעגאַנגען מיט פּײַער און שווערד איבער אייראָפּע און איבערגעלאָזט נאָך זיך טײַכן אומשולדיק בלוט, רויִנען, סרייפעס, טויט? צי האָבן די דײַטשן געמאַכט אַן אויספיר פאַר זיך, צי האָבן זיי שוין פאַרזאָגט קינדסקינדער מער ניט איבערכאַזערן די שוידערלעכע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהײַט? צי איז בא זיי ניט אָפּגעטעמפּט דער זיקאָרן, און צי וועט זיי דער לימעד, וואָס די פעלקער האָבן זיי אונטערגעטראָגן, עפּעס לערנען? מאַקס האָט געוווסט, אַז די שולדיקע אין דעם שרעקלעכן פאַרברעכן פון דײַטשלאַנד וועלן באַשטראָפט ווערן. נאָר עס וועלן זײַן אָן אַ שיר, וועלכע וועלן אויסמײַדן די שטראָף, זיך איבערטאָן, אָפּוואַשן דאָס בלוט פון די הענט און אַרומגיין באַנאַנד מיט אײַך, באַגעגענען אײַך מיט אַ פאַלש שמייכעלע... עס לעבט דאָך דאָס פאָלק. עס לעבט דער גוטער ווילן.

וואָס זאָל ער טאָן, זיך אומקערן?

דעם אויבנאָן האָט אָבער גענומען דער געדאַנק, אַז שוידערלעך שווער איז יענעם קינסטלער, וואָס רײַסט זיך אָפּ אַף לאַנג פון זײַן באָדן, פון זײַן שפּראַך, פון זײַן צושויער, פאַר וועלכן ער גיט אָפּ דאָס האַרץ מיט דער נעשאָמע. מאַקס קרייסלער האָט זיך דערמאָנט אין די טויזנטער דײַטשן, וואָס זײַנען צוזאַמען מיט אים געזעסן אין לאַגער, אין די דײַטשן, וואָס האָבן פאַרהאַסט דעם נאַציזם, געקעמפּט, ווי מע האָט געקאָנט; ער האָט זיך דערמאָנט אין זיגפריד לײַנאַרדן, אין וואַלטערן, פרידען, עריך שטוטבאַכן. ער האָט געגלייבט, אַז ס'וועט קומען די צײַט, און דײַטשלאַנד וועט אָפּווישן פון זיך די שאַנד, אויסקויפן די שווערע זינד פאַר דער מענטשהײַט, באַשטראָפן די הענקער און טאַליאַנים...

ער האָט זיך אומגעקערט אהין, ווו מע האָט אַף אים מיט אומגעדולד געוואַרט.

די שטאָט איז נאָך געלעגן אין רויִנען, נאָר לײַנאַרדס טעאַטער האָט שוין אָנגעצונדן די ליכט און אופגעהויבן דעם פאָרהאַנג.

און ווידער האָט דער באַרימטער קרייסלער־ליד, קרייסלער־אָטעלאָ אופּ־

געטרייסלט דעם זאַל, וואָס איז פולגעפּאַקט געווען מיט צושויער. ווידער האָט דאָס לעבן דאָ אָנגעהויבן אַרײַנגיין אינעם אייביקן, אומופהערלעכן שטראָם.

* * *

זינט יענער צײַט איז שוין אַדורך ניט ווייניק יאָר. ווי שנעל זײַנען זיי דורכגעפלויגן! ווידער, ווי אַמאָל, באַגעגנט מען מאַקס קרייסלערן מיט אָוואַציעס, אַז ער קומט אַרויף אויף דער בינע, און זײַן מעכטיקע שטים קלינגט ווידער, ווי אין יענע ווײַטע צײַטן. דער באַרימטער אַקטיאָר ברענגט, ווי אַמאָל, אָן אַ שיר נאַכעס און פרייד די מענטשן, וואָס קומען אים זען און הערן. ער ווייסט אָבער ניט פון קיין רו. אַ גרויסער אומרו כאַפּט אים אָפּט אַרום. אַ סך פון יענע, וואָס טאָרן ניט פאַרגעסן, וואָס איז געווען, סטאַרען זיך פאַרגעסן. עמעצער טראַכט שוין ווידער וועגן רעוואַנש, וועגן מילכאָמע, וועגן טויט־לאַגערן און גאַז־קאַמערן. ווידער האָבן מענטשן אָנגעוווירן זייער רו. זיי האָבן דאָך געשוואָרן בײַ די הייליקע קוואָרים פון אייגענע און פרײַנט, בײַ די אויסגעלאָשענע אויוונס און גאַז־קאַמערעס פון אָשווענטשים, מײַדאַנעק, טרעבלינקע, בײַ די גריבער פון באַבי־יאַר, נײַנטן פאָרט, בײַ דאַכאַו: ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעבן!

און מאַקס קרייסלער גיט זיך איצט אָפּ מיט לײַב־און־לעבן ניט בלויז דעם טעאַטער, דער בינע. זײַן אויפגערעגט, פלאַמיק וואָרט קלינגט אָפּט אויף גרויסע מאַסן־מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס, אויף קאָנגרעסן און פאַרזאַמלונגען אין פאַרשיידענע לענדער. די שטים זײַנע קלינגט, ווי אַ וואָרענונג, ווי אַן אַלאַרעם־גלאָק, און לאָזט ניט בלײַבן גלײַכגילטיק, רויק... אויך איצט, אַז ער טרעט אַרויס, גייט אויף דעמאָנסטראַציעס, טוט ער אָן אויף זיך די קליידער, מיט וועלכע ער צעשיידט זיך ניט — דאָס לאַגער־רעקל מיט די שוואַרצע פּאַסן, מיטן גרויסן נומער אויף דער פּלייצע, מיט דער געלער לאַטע, דעם קאַלפּאַק. און אַז מע קוקט אויף די שווידערלעכע אַרעסטאַנטישע קליידער, כאַפּט אויש אָן אַ גרויל. זיי דערמאָנען, מעגלעך, שטאַרקער פון ווערטער:

...מענטשן, פאַרגעסט ניט און פאַרגיט ניט! זאָל אײַער זיקאָרן שטענדיק זײַן וואַך. ווידער לויערט די געפאַר איבער דער וועלט. ענגער די רייען! מענטשן, טוט אַלץ, עס זאָל זיך מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, דאָס, וואָס ס׳האָט איבערגעלעבט אונדזער דאָר! פאַרגעסט עס ניט, דאָס רעדט צו אײַך אַ לעבעדיקער איידעס, ער רעדט צו אײַך אין נאָמען פון די לעבעדיקע און מיליאָנען טויטע!

און מענטשן הערן זיך צו צו דעם אופריכטיקן און פלאַמיקן רוף, וואָס גייט פון דער טיפעניש פון מאַקס קרייסלערס נעשאָמע. טויזנטער, טויזנטער קענען אים, דעם קינסטלער, דעם מענטשן, דעם שלאַכטמאַן. אָבער ניט יעדערער געדענקט און ווייסט, אַז דאָס איז אונדזער אַלטער באַקאַנטער, דער בעקער פון קאָלאָמייע. טאָקע דערפאַר האָבן מיר באַשטימט אײַך דערציילן זײַן גרויסע און שווערע לעבנס־געשיכטע, אַזוי ווי זי גייט און שטייט.

קאַרפּאַטן—קיִעוו

1968—1962

אינהאלט

א פּאָר ווערטער פונעם אווטאָר 3

ערשטער טייל. אין דער ברייטער וועלט אַרײַן

דער גרויסער שאָדן 7
פאני זשיכלינסקא — די קיניגן פון קעץ 18
די ערשטע ליבע 31
צווישן גוטע מענטשן 49
דער ערשטער אַרויספאָר 67
באַנאַכט, ווען עס שלאָפט זיך ניט 76
דער פרײַלעכער פרימאָרגן 92
שימשון־האַגיבער 106
דאַרף דען דער מענטש אַ סאַך? 120
אין דער גרויסער וועלט אַרײַן 126
„דער קיניג ליר" 137
דאָס גליק איז שוין געווען אַזוי נאָענט! 155
די לעצטע באַגעגעניש 163

צווייטער טייל. וואָס זשע איז אַזוינס גליק?

וואָס זשע איז אַזוינס גליק? 183
ווידער אין דער גרויסער וועלט אַרײַן 193
אין דער פרעמד 223
צוגאַסט בײַ זײַן טרוים 235
אַ מאָדנער פּאַציִענט 255
צווישן לעבן און טויט 279
אויף דער שוועל פון לעבן 292
די שפּיל הייבט זיך אָן 307
ווען דער זאַל בושעוועט 323

דריטער טייל. און ס'האָט זיך צעבושעוועט דער שטורעמווינט

גליק גייט באַנאַנד מיט אומגליק... 333
צוגאַסט בא דער קינדהייט 350
דער וועג פירט קיין קאָלאָמייע 367
די שאַנדע פון דייטשלאַנד 379
די הייליקע צוואָע 388
צו א נייעם ברעג 393
צווישן אומבאַקאַנטע פריינט 396
די סרייפע צעפלאַקערט זיך 403
צווישן אייגענע און נאָענטע 410
די שטים פונעם גרויסן פריינט 418
עפּילאָג 427

Полянкер Григорий Исаакович

БУЛОЧНИК ИЗ КОЛОМЫИ

(На еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1971, 432 стр. План выпуска 1971 г. № 206. Художник *В. И. Левинсон.* Редактор *С. В. Гордон.* Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор *Р. Я. Соколова.* Корректор *А. Б. Стрельник.* Сдано в набор 26/I 1971 г. Подписано к печати 14/X 1971 г. А 04177. Бумага 84×108 1/32 № 1. Печ. л. 13 1/2+1 вкл. (22,79). Уч.-изд. л. 26,14. Тираж 2 000 экз. Заказ 157. Цена 99 коп. Издательство «Советский писатель», Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР. г. Москва, пер. Аксакова, 13